DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13916

Ostrołęka Memorial Book

Sefer ḳehilat Osṭrolenḳah = Bukh fun Osṭrolenḳer ḳehile

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman


•

Original publication data


TITLE	Sefer ḳehilat Osṭrolenḳah = Bukh fun Ostrolenḳer ḳehile / [ha-ʻorekh, Yitsḥaḳ ʻIvri].
IMPRINT	880-02 Tel-Aviv : Irgun yotsʼe Osṭrolenḳah be-Yiśraʼel, 1963.
DESCRIPT	579 p. : ill., ports., map ; 28 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Ostrołęka.
	Ostrołęka (Ostrołęka, Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Ostrołęka.
ADD'L NAME	ʻIvri, Yitsḥaḳ, 1900-
ADD'L TITLE	Bukh fun Ostrolenḳer ḳehile

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.



תרשים העיר — סקיצע פון דער שטאָט לפי י. וואַנשאַק



צפון
מערב
מזרח
דרום
דער
בריק
מישיניצער שאסיי
קליין באן סטאציע
גראבאווער סטאציע
באן ליניע

ספר קהילת אוסטרולנקה

ספר קהילת אוסטרולנקה

בוך פון אסטראלענקער קהילה

הוצאת ארגון יוצאי אוסטרולנקה בישראל
ארויסגעגעבן דורך דער אסטראלענקער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

תשכ״ג • תל־אביב • 1963

BOOK OF KEHILAT OSTROLENKA

YIZKOR BOOK OF THE JEWISH COMMUNITY OF OSTROLENKA
PUBLISHED BY IRGUN YOTZEI OSTROLENKA IN ISRAEL

נדפס בישראל
PRINTED IN ISRAEL 1963

דרוקעריי: דפוס קואופרטיבי „הפועל הצעיר" בע"מ, תל־אביב
קלישעס: צינקוגרפיה רינדזונסקי, תל־אביב

העורך — רעדאקטאר:

יצחק עברי

חברי המערכת — רעדאקציע־מיטגלידער:

ד״ר חיים חמיאל

מאיר מרגלית

חיים דרזנר

הועד להוצאת הספר — יזכור־בוך קאמיטעט:

שלום מרגלית

יהודה חמיאל

זיסקינד לחוביץ

חנן אייזנשטיין

שלמה זוסמן

יוסף וואנשאק

תוכן הספר - אינהאלט פון בוך

בתים ואנשים — היים און מענטש
(זכרונות־דערינערונגען)

דמויות של למדנים וחסידים — למדנישע חסידישע געשטאַלטן

עפּיזאָדן און פּאַסירונגען

נוסח אוסטרולנקה — אָסטראָלענקער שטייגער

געזאַמלט, באַארבעט און אַליין אָנגעשריבן / י. ע.:

אוסטרולנקה בתפוצות — אָסטראָלענקע אין דער וועלט

שרייבער, קינסטלער און קולטור טוער:

אָסטראָלענקער אין ישראל:

אין פּוילן:

אין אויסטראַליע:

עיירות הסביבה — אַרומיקע שטעטלעך

פרקי שואה וחידלון — קאַפּיטלען פון חורבן און אומקום

רשימת התמונות - ליסטע פון די בילדער

פֶּתַח דָּבָר

שואה שאין דוגמתה בשום דור ובשום תקופה באה על העם היהודי; שישה מיליונים מבניו ומבנותיו נספו בכל מיני מיתות משונות על המזבח הטמא של הרשעות הגרמנית וצמאון-הדם של חיות טרף הולכות-על-שתיים.

אנו, שארית-הפליטה של מבול-דמים זה, עדיין עומדים נרעשים ומזוועזעים, תובעים ושואלים מעולם גויי זר וקר, שנתרוקן מיהודים: „מדוע ולמה?!" — — — —

הסיוט של כל מיני יסורים, התקלסויות ומיתות משונות, אשר עוללו לאחינו הקדושים, תוקף אותנו יחד עם התפלצותנו לאלמוניות של מקומות מיתתם ואי-הבאתם לקבר-ישראל.

ספרי-הזיכרון, כמצבות לאורח-חייהם ו„מצעדם אל המוות", מוזדקרים על פני הורבותיהן של ערים ותילי-אפר של גופים; הם נעשו כבתי-קברות לעצמות המפוזרות אי-שם של אחינו הקדושים והמשפחות הקרובות, עצמנו ובשרנו.

יתגדל ויתקדש, עיר ואם בישראל, אוסטרולנקה וסביבתה! באמירת קדיש בציבור ובאימה ויראה עומדים אנו, הנשארים בחיים, לפני ספר-הזיכרון — מצבת-נצח לנשמותיכם, שיצאו בקדושה ובטהרה, קדושי אוסטרולנקה והסביבה!

גורל אחד היה לנו, אף כי נשארנו בחיים. הגרזן של עמלק הנאצי זמם לערוף גם אותנו, כאן ובכל אתר ואתר, כאן ובכל מקום שבו פעם דופק של יהודי. גורל אחד היה לנו. רק סיכולה של מזימת-שטן, קיים אותנו בחיים! אולם קשים עלינו החיים, קשים מאד כשנזכרים אנו במותכם!...

גם אלוקינו, אלוקי ישראל, סר מעלינו באותם ימי-זוועה והחריש במרומיו. אוי מה היה לנו! — — — —

לא לבד לשם סיפור ותיאור כתבנו ספר „יזכור" זה. הרתנו אותו בכאב אֱנוש כמצבה לחייכם הקטולים, המרחפים אי-שם.

נוחו, קדושים יקרים, בספר-זיכרון זה; הוא בית הקברות שלכם, אשר אליו נבוא תמיד; הוא קבר ישראל שלכם, שעליו נוריד את דמעותינו המהולות בדם-לבנו.

כאשר נדפדף בפרקי הענות והמוות שלו, נאזין משם לשאלתכם, שאין תשובה עליה, אשר לקחתם אותה עמכם במצעדכם האחרון: „מדוע?!", את שוועת-„שמע" האחרונה שלכם על התליות ובתאי-הגאזים; את צוואתכם הלוהטת ברגע אחרון של יציאת נשמה: „זכרו ואל תשכחו לנצח את מענינו ומשמידינו!"

מתוך פרקים אלו נשמע תמיד את דופק חייכם, מלווה באמרותיכם ובבדיחותיכם, טוב-לב ופיקחות יהודית; כמשפחה אחת הייתם, התרפקתם זה על זה באהבת-אוסטרולנקה, על כל אחד, על בן עירכם כעל בן סביבתכם; מתוך ספר זה תציץ עלינו בת-צחוקכם המאירה, שהפיקה תמיד אמונה באדם, אמונה בעתיד, אפילו בזמן שהשמיים כבר כוסו עננים כבדים והשמש הסתירה פניה מכם...

אנו מבטיחים אתכם: היה נחיה את חייכם שקופדו בלא עת; נמשיך את הוויתכם שנכרתה.

פרטים רבים מחייכם ומותכם יחסרו, לדאבוננו הרב, מן הספר הזה. לא הכול נודע לנו ולא הכול יכולנו לרשום.

צר לנו עד מאוד על אשר לא כל המשפחות הקדושות שנספו יוזכרו בספר זה בפרטות. רוב המשפחות של יהודי אוסטרולנקה הושמדו ונמחו כליל בגיטאות ובמחנות-המוות, בלי להשאיר אחריהן זכר כלשהו. נעדרו גם אלה שיכלו לסייע בהשגת החומר בשלימותו. אף לא הכול נענו לקול-הקורא שלנו בדבר המצאת תרומתם לספר-הזיכרון למועד הנכון, אף-על-פי שתבענו וקראנו לכך בלי-הרף.

במשך שנים פסענו כך לקראת מטרתנו הקדושה; לא נעצרנו בחצי הדרך; לא נרתענו מפני כל מיני קשיים ומכשולים, שנערמו על דרכנו, וגם לא מפני הספק התוסס: „הנגיע?"; לקטנו וצירפנו בדרכנו הקשה מלה למלה, כתב לכתב וקו לקו, תמונה לתמונה ומאורע למאורע, ותוך כך עוררנו ועודדנו ושלחנו את קריאתנו אל כל בני-עירנו בתבל כולה.

בחלקי הספר השתדלנו להכנים הרבה ככל האפשר מן הצביון המיוחד של אוסטרולנקה היהודית, מצורות-חייה, ממהלך-התפתחותה, ממוסדותיה הדתיים והחילוניים, ממפלגותיה, ארגוניה וכו׳, אף כי דברים אלו נתרחשו כמעט באותו אופן ובאותה דרך בכל הערים והעיירות היהודיות, לפי הרוח וההווי של הזמן ההוא.

יודעים אנו: לא שלמה היא עבודתנו; עוד רחוקה היא משלמות ושכלול.

אולם בחוש של שארית-אוסטרולנקה הרגישו כל בני עירנו במלוא העולם, כי הספר כבר מוכרח להופיע. כל דחייה נוספת של הופעתו משמעה היה: חילול חובתנו כלפי קדושינו.

ייזכרו נא לטובה ולברכה כל אלה, שסייעונו בהקמת מצבה חיה זו של ספר הזיכרון; בני עירנו בארצנו ובחוץ-לארץ.

איחולנו ותפילתנו: יאיר-נא „ספר קהילת אוסטרולנקה" כנר-תמיד בכל בית של בני עירנו, ובמקום מיוחד מוקדש לכך.

וישמש-נא כקול-קורא ומעורר לאחווה לבבית ולקשר הדוק של האוסטרולנקאים שנותרו בחיים במלוא תבל.

יצחק עברי

פֿאָרוואָרט

אַ בראָך, וואָס האָט נישט געהאַט זיין גלייכן אין קיין שום דור און תקופה, האָט געטראָפֿן דאָס יידישע פֿאָלק; זעקס מיליאָן פֿון זיינע זין און טעכטער זענען דורך כלערליי מיתה-משונה׳עס אומגעבראַכט געוואָרן אויפֿן טמא׳דיקן מזבח פֿון דער דייטשישער רשעות און חיה׳שער בלוטדורשטיקייט.

מיר די שארית-הפליטה פֿונעם דאָזיקן בלוט-מבול, שטייען נאָך עד היום דערשיטערטע, פֿאַרקלעמטע; מאָנען און פֿרעגן נאָך אַלץ ביי אַ גויאיש-קאַלטער און יידן-אויסגעשאָכטענער וועלט: „פֿאַר וואָס און פֿאַר וועמען?!" — —

דיַיר שווידער פֿון די כלערליי טייוולאָניש-צוגעטראַכטע יסורים, דערנידערונגען און מיתה-משונה׳עס, וועלכע זענען צוגעטיילט געוואָרן אונדזערע קדושים-ברידער — נעמט אונדז אַרום צוזאַמען מיט דער אַנגסט פֿון זייער קברימלאָזיקייט, פֿאַרהוילענעם טויט-אָרט און אומצוקבר-ישראלדיקייט.

די „יזכור"-ביכער, ווי אויסגעקריצטע מצבות פֿון זייער לעבנסוועג און „גאַנג צום טויט", האָבן זיך אויסגעשטעלט איבער חורבות פֿון שטעט און אַש פֿון גופֿים; געוואָרן זענען זיי ווי בית-עלמינס פֿאַר דעם ערגעץ-ווו-צעשאָטענעם געביין פֿון אונדזערע קדושים-ברידער און פֿלייש-און-בלוט-נאָענטע משפּחות.

יתגדל ויתקדש, עיר ואם בישראל, אָסטראָלענקע, און סביבה! מיט קדיש-בציבור און יראה-ופחד שטייען מיר, לעבנגעבליבענע, ביי דעם „ספר הזיכרון" — אַן אייביקייט-מצבה פֿאַר אייער בקדושה-ובטהרה-אויסגעהויכטע נשמות, הייליק-אומגעקומענע אָסטראָלענקער! הייליק-אומגעקומענע סביבה! — —

גלייך איז געווען אונדזער גורל, כאָטש מיר זענען געבליבן ביים לעבן. די האַק פֿון דעם דייטשישן נאַצי-עמלק האָט אויך געמיינט אונדז, ניצולים, דאָ צו קעפּן. דאָ און אומעטום. דאָ און ווו-נאָר עס האָט געקלאַפּט אַ דופּק פֿון אַ ייד. גלייך איז געווען אונדזער גורל. נאָר אַדורכגעפֿאַלענער „שפּיצל" פֿון טייוול, האָט אונדז דערהאַלטן ביים לעבן! שווער אָבער, זייער שווער, איז אונדז דאָס לעבן, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן אייער טויט!...

אויך גאָט, אונדזער גאָט, האָט אין די בייזע טויט-רגעס זיך אָפּגעקערט און געשוויגן. אוי מה היה לנו! — — —

נישט בלויז לשם פֿאַרציילונג אָדער שילדערונג האָבן מיר אַ יזכור-בוך געשריבן. געקריצט האָבן מיר אים מיט אומפֿאַרהיילטן ווייטיק אַלס מצבה פֿאַר אייער ערגעץ-ווו-אַרומבלאָנקענדיק-דערהרגעט לעבן.

רוען זאָלט איר, טייערע קדושים-ברידער-אָסטראָלענקער, אין דעם דאָזיקן „ספר הזיכרון". עס איז אייער בית-עולם, צו וועלכן מיר וועלן שטענדיק קומען; עס איז אייער קבר-ישראל, אויף וועלכן מיר וועלן אונדזערע בלוטיקע טרערן פֿאַרגיסן.

ווען מיר וועלן בלעטערן זיינע פּיין-און טויט-קאַפּיטלען, וועלן מיר פֿון דאָרט אַרויסהערן אייער אייביקע-אומפֿאַרענטפֿערטע שאלה, וואָס איר האָט מיטגענומען אין לעצטן גאַנג: „פֿאַרוואָס?!" — אייער לעצטן „שמע"-געשריי אויף די תליות און אין די גאַז-קאַמערן; די פֿייערדיקע צוואה אין די רגעס פֿון לעצטן נשמה-אויסהויך: „געדענקט און פֿאַרגעסט קיינמאָל נישט אונדזערע פּייניקער און אומברענגער!"

און ווען מיר וועלן בלעטערן אין אייערע לעבנס-קאַפּיטלען, וועלן מיר שטענדיק

הערן דאָס קלאַפּן פון אייער לעבנס-דופק, באַגלייט פון אייער וויץ און גלייכוואָרט, גוטהאַרציקייט און יידישע חכמה; זייענדיק ווי איין משפחה, זיך טוליענדיק מיט אהבת-אַסטראַלענקע צו יעדן, יעדן, צום שטאָטישן מענטש ווי צום מענטש פון דער סביבה; דערזען וועלן מיר דאָרט אייער ליכטיקן שמייכל, וועלכער האָט תמיד געשטראַלט מיט גלויבן אין מענטש, אמונה אין מאָרגן, אפילו ווען דער הימל איז שוין געווען שווער באַוואָלקנט און די זון האָט זיך שוין געהאַט ערגעץ-ווו באַהאַלטן...

מיר פאַרזיכערן אייך: מיר וועלן לעבן אייער נישט דערלעבט לעבן, לויט אייער צוואה; מיר וועלן ממשיך זיין אייער פאַרשניטענעם, אָפּגעהאַקטן „זיין".

אַ סך פּרטים פון אייער לעבן און טויט וועלן — צו אונדזער גרויסן באַדויערן — פעלן אין בוך. נישט אַלץ זענען מיר געווען ביכולת צו דערגיין און פאַרצייכענען.

עס טוט אונדז שרעקלעך וויי, וואָס נישט אַלע פּאַרטיקולעע קדושים-משפּחות וועלן אין דעם דאָזיקן „ספר הזיכרון" אויספּירלעך דערמאָנט ווערן. אַסטראַלענקער משפחות זענען, צום מערסטן טייל, אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן אין די געטאָס און אין די טויט-לאַגערן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם מינדסטן זכר. געפעלט האָבן אויך די, וואָס האָבן געדאַרפט צוהעלפן באַקומען בשלימות דאָס מאַטעריאַל. אויך נישט אַלע האָבן געוווּסט זיך אָפּצוענטפערן אויף אונדזער קול-קורא און צושיקן אין דער ריכטיקער צייט זייער ביישטייער צום „ספר הזיכרון", כאָטש מיר האָבן כסדר און אומאויפהערלעך געמאָנט און גערופן דערצו.

יאָרן האָבן מיר אַזוי געשפּרייזט צו אונדזער הייליקן ציל, זיך נישט אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג; זיך נישט אָפּגעהאַלטן פאַר כלערליי שוועריקייטן און שטרויכלונגען, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אין אונדזער גאַנג, און אויך נישט פאַרן נאָגנדיקן ספק: „צי וועט מען דערגיין".

געקליבן האָבן מיר אין שווערן וועג וואָרט צו וואָרט, שריפט צו שריפט, בילד צו בילד, געשעעניש צו געשעעניש און דערביי: געוועקט און געשיקט אונדזער רוף צו אַלע לאַנדסלייט אין דער גאַנצער וועלט.

אין די טיילן פון בוך האָבן מיר זיך באַמיט וואָס מער ארייננצוברענגען פון דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער יידישער אַסטראַלענקע, פון אירע לעבנס-פאָרמען, פון איר אַנטוויקלונגס-גאַנג, אירע רעליגיעזע און וועלטלעכע אינסטיטוציעס, פאַר־טייען א. אַז. וו., הגם דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אין אַלע שטעט און שטעטלעך כמעט אויף איין-און-דעם-זעלבן אופן, לויטן נוסח פון יענער צייט.

מיר ווייסן: נישט גאַנץ איז אונדזער אַרבעט. עס פעלט נאָך אַ סך צו שלימות און פולקומקייט.

מיטן חוש פון שארית-אַסטראַלענקע האָבן אַלע אונדזערע לאַנדסלייט אין גאַר דער וועלט דערפילט, אַז דאָס בוך מוז שוין דערשיינען. לענגער וואַרטן וואָלט שוין געהייסן: פאַרשוועכונג פון אונדזער הייליקן חוב צו אונדזערע קדושים.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן די אַלע, וואָס האָבן צוגעהאָלפן אויפשטעלן די דאָזיקע יזכור-בוך-מצבה; די לאַנדסלייט אין ישראל ווי אין חוץ-לאָרץ.

אונדזער ווונטש און תפילה: ווי אַ נר-תמיד זאָל דאָס „בוך פון אַסטראַלענקער קהילה" לייכטן אין יעדער שטוב פון אונדזערע לאַנדסלייט, און אויף אַ מקום-מיוחד געווידמעט דערפאַר.

און זאָל ער אויך דינען פאַר אַ רוף און מאָנונג צו האַרציקער ענגער פאַרברי־דערונג פון אַלע לעבנגעבליבענע אַסטראַלענקער איבער גאָר דער וועלט.

יצחק עברי

עִם הַסֵּפֶר

סֵפֶר קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה – הוּא סִפְרָהּ שֶׁל קְהִלָּה בְּיִשְׂרָאֵל ; עַל כָּל אֲפִיקֵי הֲוָיָתָהּ וְקִיּוּמָהּ – קְהִלָּה עַל מוֹסְדוֹתֶיהָ וְאֹרַח חַיֶּיהָ – מוֹסְדוֹת תּוֹרָה וְחֶבְרָה. בָּתֵּי־תְפִלָּה וּבָתֵּי־מִדְרָשׁ, בָּתֵּי־סֵפֶר וּבָתֵּי־מְלָאכָה, הֵיכְלֵי תַרְבּוּת וּמוֹעֲדוֹנֵי נֹעַר – קְהִלָּה בֵּין שְׁאָר קְהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל בְּפּוֹלִין, שֶׁעָלְתָה וְשָׁקְעָה, וְשׁוּב זָרְחָה וּפָרְחָה עִם חֲלִיפוֹת הַזְּמַן וְגוֹרַל עַמִּים, עַד אֲשֶׁר עָלָה עָלֶיהָ הַכּוֹרֵת וְכִלָּה בָּהּ כָּל זֵכֶר לַהוֹד וְלָהָדָר הַיְּהוּדִי, לִפְאֵרָהּ וְלִגְאוֹנָהּ, לְנוֹיָהּ וּלְעַנְוַת חַיֶּיהָ שֶׁל קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה – הַבִּיטוּ וּרְאוּ אִם יֵשׁ מַכְאוֹב כְּמַכְאוֹבִי אֲשֶׁר עוֹלַל לִי ?

*

סֵפֶר קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה הוּא סִפְרָם שֶׁל יְהוּדִים – יְהוּדֵי עֲיָרָה בְּפּוֹלִין – יְהוּדֵי חֹל וְשַׁבָּת ; אֲנָשִׁים, נָשִׁים וָטַף, צְעִירִים וּבְנֵי־נְעוּרִים – רַבָּנִים וּמְשַׁמְּשִׁים בַּקֹּדֶשׁ, מוֹרִים, פַּרְנָסִים וּסְתָם יְהוּדִים ; סוֹחֲרִים, פּוֹעֲלִים, עַסְקָנִים, גְּבִירִים, עֲנִיִּים, בַּעֲלֵי רְכוּשׁ, קַבְּצָנִים – מֵרָאשֵׁי קָהָל וְעַד שׁוֹאֵב הַמַּיִם – כֻּלָּם קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, שֶׁנִּתְקַדְּשׁוּ וְנִטַּהֲרוּ בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם – בְּדָם וָאֵשׁ וְרוּחַ זִלְעָפוֹת, וַיַּעַטוּ הוֹד קְדוּמִים, וַיִּהְיוּ גִּבּוֹרִים, עַנְקֵי־עוֹלָם וְעַם – אַגָּדָה.

*

סֵפֶר קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה הוּא סִפְרָם שֶׁל שְׂרִידִים, אֲבֵלִים־אֻמְלָלִים, הַנּוֹשְׂאִים בְּלִבָּם יְגוֹן־עוֹלָם, זַעַם־שְׁכוֹל וְאֵלֶם־חָרוֹן ; סִפְרָם שֶׁל יְתוֹמִים, אוֹמְרֵי קַדִּישׁ, מְתַנֵּי צִדְקַת־אָבוֹת לַדּוֹר וְלַדּוֹרוֹת, צוֹבְרִים זְכוּתָם עַל־יַד עַל־יַד, גְּלִילֵי חַיִּים, הֵדֵי יַלְדוּת וּנְעוּרִים, מְגִלַּת יָמִים עָבָרוּ ; מִתְיַחֲדִים עִם זֵכֶר נְשָׁמוֹת פּוֹרְחוֹת – כָּאוֹתִיּוֹת מִקְּלַף סִפְרֵי הַתּוֹרָה שֶׁהֻעֲלוּ בָּאֵשׁ. אוֹסְפִים וּמַזְכִּירִים רִשְׁמֵי הֲוָי וּמְאֹרָע, חֲוָיוֹת וּרְחָשִׁים, עִתּוֹת עָמָל וּמַאֲבָק, חַיֵּי רוּחַ וּמַעַשׂ, פְּעָלִים קְטַנִּים וּגְדוֹלִים, צְחוֹק וָדֶמַע – סֵפֶר קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה – מַצֶּבֶת־עַד עַל קֶבֶר־אָבוֹת, אֲשֶׁר הֵקִימוּ בָּנִים, אַחִים, קְרוֹבִים וִידִידִים. וּבְהִתְיַחֲדָם עִם זִכְרָם רוֹחֲשׁוֹת שִׂפְתוֹתֵיהֶם תְּפִלָּה – יִזְכֹּר.

*

סֵפֶר קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה – הוּא סֵפֶר הַדָּם וְהַדֶּמַע שֶׁל אֲלָפִים, אֲשֶׁר בְּמַסֶּכֶת־חַיִּים אָרְגוּ חֲלוֹם צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם בַּנֵּכָר. סֵפֶר הַדָּם וְהַדֶּמַע שֶׁל דּוֹר צְמֵא גְאֻלָּה, דּוֹר מִתְנַעֵר מֵעֹל גָּלוּת שִׁעְבּוּד, נִכְסָף לִדְרוֹר, חוֹתֵר בְּכָל כֹּחוֹ לְהַשִּׂיגוֹ, וְהוּא נִקְטָף בַּשַּׁעַר ; עוֹלֶה בְּלַהֲבוֹת־כִּבְשָׁן, וְנִטְרָף בְּמַלְתְּעוֹת חַיּוֹת עַמִּים ; סֵפֶר הַדָּם וְהַדֶּמַע לַחְתֹּם חַטַּאת עַמִּים וָגוֹי – זְדוֹן־עוֹלָם מִתְנַכֵּר, אֲשֶׁר גָּדַר אָרְחוֹת צִיּוֹן וּשְׁבִיל לְהַסְגִּירוֹ לִפְרִיץ חַיַּת־אָדָם, בְּעָמְדוֹ עַל הַדָּם, בְּאָטְמוֹ אָזְנַיִם מִשְּׁמֹעַ זַעֲקַת נִמְלָט, וְלֹא הָיָה מָנוֹס וְלֹא הָיָה מִפְלָט – וַיַּדְבִּיקֻהוּ עַל הַסַּף. סֵפֶר קְהִלַּת אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה הוּא סֵפֶר הַדָּם וְהַדֶּמַע הַמַּר – עַתָּה יָבְשׁוּ דִמְעוֹתֵינוּ – אוֹי מֶה הָיָה לָנוּ !

חיים חמיאל

רעדאַקציע־באַמערקונגען

א. „בוך פון אָסטראָלענקער קהילה“ מיינט חוץ מצבה אויף חורבן־איבערבלייב; חוץ „יזכור“ אויף שארית הפליטה; חוץ גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריום אויף נצול־געוואָרנקייט; חוץ די אין בלוט־אָפּגעגאַנגענע נעכטנס אויף די מאָרגנס און המשכים פון נישט דערלעבטע; חוץ די ייִדן־לחלוטין־אויסגעוואָרצלטע אָסטראָלענקע — אויך די אָסטראָלענקע פון „אחד בעיר ושנים במשפחה“ איבער דער גאָרער וועלט — וואָס צוליבן מאַנגל אין אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל איז ווייניק־וואָס דערפון אין בוך אַריינגעגעבן געוואָרן.

ב. אייניקע פון די היסטאָריש־געשיכטלעכע פאַרצייכענונגען, איבער דעם אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אונדזער שטאָט, וואָס איז אַזוי קנאַפּ געווען צו געפינען, זענען אָנגעגעבן געוואָרן אין דער ייִדישער איבערזעצונג, אַזוי ווי זיי זענען אָנגעשריבן געוואָרן דורך זייערע מחברים (אין פויליש) אינעם אור־נוסח און שפּראַכלעכער אַטמאָספער פון יענער גאַנץ־אַלטער צייט, און עס נישט דעריבער פאַרהיינטצייטיקט און פאַראיינהייטלעכט (ווי: „אָסטראָלענקע אין אַלטערטימלעכן פוילן“, „אָסטראָלענקע און איר פּאָוויאַט“, זייט 20—19). דאָס איז געטאָן געוואָרן בכוונה, כדי די דאָזיקע פאַרעלטערטע תקופות אין זייערע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן צו ברענגען באַגריפסמעסיק פאַרן לייענער גענוי ווי זיי האָבן אין יענע דעמאָלטיקע צייטן אויסגעזען.

ג. יעדער אַרטיקל אינעם ספר הזיכרון איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער שפּראַך ווי ער איז אָנגעשריבן און צוגעשיקט געוואָרן: ייִדיש — ייִדיש, העברעאיש — העברעאיש. אַן אויסנאַם איז נאָר געמאַכט געוואָרן ביי די פּרקים פון היסטאָריע אָדער אומקום (שואה), ווו אין גאַנץ זעלטענע פאַלן זענען די אַרטיקלען אויך איבערגעפירט געוואָרן פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער, ד. ה. פון העברעאיש אויף ייִדיש, אַזוי־אַרום זענען בלויז אַ קליינע צאָל איין־און־די־זעלבע אַרטיקלען געגעבן געוואָרן אין ביידע שפּראַכן.

ד. וווּ־נישט־וווּ, אינעם ייִדישן טעקסט, האָט מען זיך דערלויבט אַריבערצושפּרינגען איבער געוויסע גראַמאַטיקאַליש־אָנגענומענע כללים פון דער שפּראַך, ברענגענדיק — אגב — צום מוסטער־אויסדרוק ווי אַזוי אָסטראָלענקע פלעגט רעדן, צ. ב.: דער בוך, אָנשטאָט: דאָס בוך א. ד. גל.

ה. עס ווערט געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר פאַרגרייזטע נעמען, דאַטעס אָדער געוויסע אומפּינקטלעכקייטן אין די אָנגעגעבענע פאַקטן פון די אַרטיקל־צושיקער, דאָס אַלץ האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיטן גוטן ווילן פונעם זאַמלער אָדער מיטן עצם־רעדאַקטירן פונעם בוך; ווי אויך — ביי די אייגנטימער אָדער זייערע פריינט און קרובים, וועלכע ווערן וווּ־נישט־וווּ אין בוך דערמאָנט מיט אַן איבעררופס־נאָמען (סיי אומגעקומענע, סיי ניצול־געוואָרענע), אַזוי ווי די שטאָט פלעגט זיי דאַן רופן, אָדער די וועלכע ווערן דערמאָנט אין די „זכרונות“ אין זייער דעמאָלטיקן באַשטאַנד פון גייסט אָדער באַשעפטיקונג. דאָס איז געטאָן געוואָרן רק לטובת דער גאַנצקייט און כאַראַקטעריסטישקייט פון דער פּערזאָן אָדער סי־טואַציע, אָן שום כוונה, חלילה, עמיץ צו באַליידיקן אָדער אָראָפּצו־נעמען פון זיין ווערט. אויפן זעלבן יחוס־פּאָן שטייען אַלע שטאָטישע גלייך, נישט אָפּהענגיק פון דעם גייסטיקן מצב אָדער טאָג־טעג־לעכער באַשעפטיקונג; אַ למדן צי אַ פּאָלקס־מענטש, אַ בעל־עגלה צי אַ סוחר, אַ וואַסערטרעגער צי אַ כלל־טוער — אַלע גלייכע מיט־גלידער פון דער שטאָט, אַלע גלייכע אין דער ערלעכקייט פון זייער פּראַצע, אַלע גלייכע קדושים פאַר גאָט און פאָלק.



בית המדרש הגדול שהוקם מחדש אחרי מלחמת-עולם הראשונה ;
הנאצים הפכוהו למוסך של אוטומובילים.

דער גרויסער בית-מדרש, פון דאָס ניי אויפגעבויט נאָכן ערשטן וועלט-
קריג ; די נאַצים האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן.

לתולדות אוסטרולנקה
וישובה היהודי

צו דער געשיכטע פון אסטראלענקע
און איר יידישן ישוב

אסטראלענקע אין אלטערטימלעכן פוילן

אָסטראָלענקע, אַן אַלטערטימלעכער יישוב,ביים טייך נאַרעוו, דערהויבן דורך די מאַזאָווישער פירשטן צו דער קאַטעגאָריע פון אַ שטאָט, איז געווען אין אַ בליענדיקן צושטאַנד. נאָכן איינגלידערן מאַזאָווישע אין קרוין־פוילן איז אָסטראָלענקע געוואָרן אַ סטאַראָסטווע און איז איבערגעגאַנגען אין לעבנסלענגלעכער אַרענדע צו דער קעניגין באָנאַ, וועלכע פאַראָרדנט אין 1552 יאָר, דערליידיקנדיק די סכסוכים צווישן די מיעשטשאַנעס און דעם סטאַראָסטע מיק. ווילגאַ, אַז זיי זאָלן נישט באַנוצט ווערן צו אַרבעטן אייגנטימלעכע פאַר דאָרפסלייט; זיי דאַרפן נישט גיין מיט בריוו, נישט צושטעלן אָדער צופירן אין הויף היי און אַנדערע זאַכן; אַז דער סטאַראָסטע זאָל פון זיי נישט פאָדערן קיין ביר. די הינער וואָס קומען אים, זאָל ער אָפּנעמען אין אַ אַנטשפּרעכנדיקער צייט אויפן הייליקן מאַרטשין; דערלויבן אויסהאַקן אומטויגבאַרע ביימער צום בינען־צוכט אַלס טרוקן האָלץ צום הייצן, דאָס איינמאָנען שטראָף די אַזוי גערופענע „ביקאָווע״ זאָל ער אָפּטרעטן די בירגערמייסטערס; לסוף האָט זי וואָס שייך דעם האָבערשטייער געהייסן געבן פון יעדן הויז צו איין קאָרעץ. די לוסטראַטאָרן זאָגן עדות אין 1564 יאָר, אַז אָסטראָלענקע, וואָס ציילט 334 הייזער, איז אינגאַנצן אין פאָריקן יאָר אָפּגעברענט געוואָרן, דערנאָך דריקן זיי זיך אויס: „דאָס דאָזיקע שטעטל האָט געגרינדעט דער פירשט יאַנוש מאז. ער האָט געגעבן פריווילעגיעס, פעסטגעשטעלט די רעכטן און נוצן פון דאָזיקן שטעטל, אַ באָד, אַ שערעריי און אַ וואָג און צוויי יאַרידן אַ יאָר ביז 1427. פון די דאָרטיקע בעלי־מלאכות איז דער שוסטער־צעך באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ פריווילעגיע פון מאַזאָווישער פירשט קאָנראַד אין 1502, אויפן סמך פון וועלכער ס'דאַרף נישט דער מאַגיסטראַט נאָר דער צעך ארויפלייגן שטראָפן אויף די וואָס מאַכן שלעכט שוכוואַרג. אין פאַל אָבער ווען די עלטסטע פון צעך וואָלטן זיך נישט געאיילט דאָס צו טאָן, דאַן וועלן מיר, דריקט זיך אויס דער פירשט, אונדזערע נאָכפאָלגער, אָדער דער וועמען מיר וועלן הייסן, באַשטראָפן די שולדיקע. Hoc excepta quod si ipsi suteres aut fraternitas ipsorum essent incurabiles ad corrigem, malos labores, extune nos et nostri succes, aut cui nos commiserimus, ipsos castigare debemimus et non alius. וואָס עס באַשטעטיקט באַטאָרי אין 1578 יאָר, און גיט אַרויס נייע געזעצן און פאָרשריפטן פאַרן צעך, באַשטימט אָפּצאָלן פון די וואָס לערנען זיך אַ מלאכה און פון די וואָס ווערן זעלבסטשטענדיקע מייסטערס. וויכטיקע פרטים אַנטהאַלט די לוסטראַציע פון 1616 י. ווי פאָלגנדיק: אין זייער אַ פריילעכן אָרט ליגט דער הויף אַרומגעצוימט מיט קלעצער.

די שטאָט האָט אינגאַנצן 60 וולוקעס דערפון שטעטישע 54, פון וועלכע מען גיט נישט קיין שום געלט־שטייער, נאָר די 7 קאר. האָבער און צו 4 הענער פון אַ וולוקע. ווין־הייזער זענען פאַראַן 230, פוסטע פלעצער 50, פון וועלכע סיי פון די הייזער און סיי פון די פלעצער צאָלט מען, לויטן אַלטן מנהג, גאָרנישט. אויך פון מלאכות, אויסער די שוסטערס וואָס גיבן יעדער צו איין פּאָר שיך, און זיי זענען פאַראַן איצט 27, רעכענענדיק יעדעס פּאָר שיך צו 10 גר., באַטרעפט עס 9 פל. אויסער דעם צאָלן די זעלבע שוסטערס צוזאַמען פאַרן רעכט צו קלייבן האָלץ אין וואַלד 6 פל. די פישער, וועלכע זענען פאַראַן 14, צאָלט יעדער פון זיי שטייער צו 4 גראָשן.

די מאַרק־טעג דינסטיק און שבת, 2 יאַרידן, ברענגען אַריין 15 פל. ביי די שטאָטישע און דאָרפישע קצבים נעמט מען פון יעדער בהמה צו איין לאָפּאַטקע, אָבער די דאָזיקע לאָפּאַטקעס צעגייען זיך זייער אַ סך אויף סטזשעלעץ; זיי קאָנען אויסמאַכן אַ יאָר 15 פל. ס'איז פאַראַן אַ גרויסער בריק אַן אויפגעבויטער נישט פאַר קליינע קאָסטן, פון וועלכן די מיעשטשאַנעס נעמען לויטן אַלטן שטייער „מאָסטאָווע״ דערפאַר וואָס זיי האָבן אים אויסגעבויט, פון וועלכן די ה. אַרענדאַטאָרן גיבן יעדעס יאָר 8 פל. די ביר־ברויער גיסן אַרויף אויפן מאַלץ 10 קערץ תבואה, פאַר וועלכע זיי גיבן אין מיל צו פינף מעסטלעך פאַר אַזעלכע 10 קערץ. זיי האָבן לויטן דעקרעט פון דער קעניגין באָנאַ געדאַרפט געבן פון יעדער קאָך צו איין קאַן ביר אָדער געלט (צענאַרס) 15; איצט אָבער האָבן מיר באַשטימט, אַז זיי זאָלן פון יעדן קאָך געבן אַזאַ קאַן, אין וועלכער ס'איז דאָ 3 טעפּ ביר; דאָס וועט באַטרעפן אויף אַ יאָר 8 פל. 27 גר. מילן: 1 אויפן טייך אָמולעוו, 7 שיינע אויפן נאַרעוו. ס'איז דאָ אַ גרויסער וואַלד, וואָס הייסט זאַגאַיניצאַ, צווישן די טייכן זבאָינאַ, טוראָש און אָמולעוו, און ענדיקט זיך אַזש ביי די פרייסישע גרענעצן, ווו ס'זענען פאַראַן גענוג פאַרשידענע חיות. דער ה' אַרענדאַטאָר האָט אין זיין רשות די חיות און דעם וואַלד, אַזוי ווי זיינע אַמאָליקע פאָרגייער; אָבער ער האָט זיך געקלאָגט אַז דער ה' סטאַראָסטע לאָמינסקי פאַרשאַפט אים גרויסע היזקות סיי צווישן די חיות און סיי צווישן די געוויקסן פון וואַלד. ס'דאַרפן די בינען־ציכטלער וואָס האָבן צוכטן, און אַזעלכע זענען איצט פאַראַן 84, געבן צו איין סטויג היי־שטייער פון וואָס אַ העלפט גייט אויף דער באַדערפעניש פון די, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים וואַלד, און די צווייטע העלפט צום פאַרקויפן. וואַלד־אָפּצאָל: געוויסע בעלי־מלאכות צאָלן פאַרן רעכט צו זאַמלען האָלץ אין וואַלד, אַזעלכע ווי: באָנדארס, סטעלמאַכס, דייזשע־מאַכערס, יעדער פון זיי גיט צו

2 פל. ; דערפון האָט מען הכנסה אַ יאָר קרוב 36 פל. אויסער דעם פליסט איין פון די וואָס וווינען אין שטעטל און צאָלן פאַר באַנוצן פאַשע — 50 קערץ האָבער. ס'איז אויך פאַראַן אין וואַלד נישט ווייניק אומטויגבאַר האָלץ, נאָכן צעבראָכן ווערן דורכן ווינט אָדער פון אָפטע שריפות, וואָס מען קומט פון דאָרף קלייבן פאַר אַן אָפּצאָל ; מען באַקומט 100 פל. ס'זענען פאַראַן 10 סמאָלע־טרייבער, וואָס באַנוצן צו זייער אַרבעט בלויז ליגנדיקעביימער, פון זיי גיבן 5 צו 40 פל. און די אַנדערע 5 זענען אָרעמע. פון די אָזערעס וואָס זענען פאַראַן 8 ביי דער דאָזיקער אַרענדע קאָן מען באַקומען אויף אַ יאָר 38 פל. די סומע הכנסות פון שטעטל, פון די מילן און פון וואַלד באַטרעפט 1007 פל. 25 גר. פון דער דאָזיקער סומע ; דעם פּאָדסטאַראָשטשי 50 פל., די 10 סטזשעלצעס 60 פל.".

זיגמונד דער 3־טער באַשטעטיקט אין 1622 יאָר די ברײַטע אַרטיקלען פון סוחרישן און ביר־ברויערישן צעך, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן אויף פויליש דורך די עלטסטע פון צעך, און אויגוסט דער 3־טער אין דער פריווילעגיע פון 1745 י. זאָגט : „וועלנדיק זיך ריכטן מיט קריסטלעכער פרומקייט און אַכטנדיק גאָטס כבוד, פאַרבאָטן מיר אַלעמען, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן פאַרן ענדיקן די תפילה און פריער ווי פאַר 8 אַזייגער צו קויפן, און אויך נישט צו פאַרקויפן קיין שום סחורות און אויך נישט קיין זאַכן צום לעבנסגעברויך, און ביים קויפן תבואה אָדער לעבנס־מיטלען ווילן מיר, אַז די מיעשטשאַנעס און די איינוווינער פון שטאָט זאָלן האָבן פאָרצוג לגבי מענטשן געקומענע פון דער פרעמד, און בפרט לגבי יידן. פאַרן גרעסערן נוצן פון דער שטאָט, באַשטימען מיר 3 נייע יאַרידן : אויפן הייליקן אַנטאָני פּאַדעוורסקי, אויפן הייליקן פראַנצישעק און הייליקסטער פאַראַפּיאַלער יונגפרוי פּאַרציונקולאַ." דער קאָשטשאָל וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1399־סטן י. דורך דעם מאַזאָווישער פירשט יאַן, איז פיל פריער אויפגעבויט געוואָרן פאַר דער שטאָט. מען האָט פאַר די געלטער פון די פאַראַפּיאַנער אָנגעהויבן אין 1641־סטן יאָר אים איבערצובויען אויף אַ געמויערטן. און דעם בערנאַדינער־קאָשטשאָל האָט געשפּענדעט טאמ. גאָצלאַווסקי, דער ריכטער פון נאַרעווער געביט, אין יאָר 1655. די גרויסע וועלדער אין דער נאָענט, באַקאַנט אונטערן נאָמען אָסטראָלענצקאַ פּושטשאַ, זענען באַוווינט דורך ק ו ר פ י ק ע ר, אַ גראָטענע פּאָלקסמאַסע, וואָס צייכנט זיך באַזונדער אויס מיט פעאיקייטן צו יאַגד און בינען־צוכט. זייערע טרעפלעכע שאָסן פון האַנט־געווער האָבן אַוועקגעלייגט נישט ווייניק שוועדן בעת דער אינוואַזיע פון קאַראָל דעם 12־טן. און אין אָנהויב פון דער הערשאַפט פון אויגוסט דעם 3־טן (1734 און 5) האָט מען נישט ווייניק צוזאַמענשטויסן מיט זיי געהאַט, מחמת זיי זענען געווען אויף דער זייט פון סטאַנ. לעשטשינסקי.

באַלינסקי מ. און ליפּינסקי, „דאָס אַלטערטימלעכע פוילן".

(וואַרשע — 1834, זייטן 532—535)

אסטראלענקע און איר פאוויאט*)

אָסטראָלענקע, די פּאָוויאַטאָווע שטאָט אין פּלאָצקער גובערניע, ביים נאַרעוו, צווישן אַ זאַמדיקער געגנט באַוואַקסן מיט אַ גרויסן וואַלד, געפינט זיך 15 מיט אַ האַלבן מייל ווייט פון וואַרשע. די דאָזיקע שטאָט איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון די פאָרגעקומענע שלאַכטן אין 1702 צווישן די קורפיקער און שוועדן ווי אויך פונעם אָפּגעהאַלטענעם קאַמף הינטער דער סאַמע שטאָט אין 1831 יאָר.

די שטאָט ציילט איצט ** אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון 3,460 תושבים, דערין 2,330 קריסטן, 1,130 יידן ; הייזער האָט זי 192, צוויי קאָשטשאָלן, די אָרטיקע מאַכט בילדן : דאָס ביוראָ פונעם שעף פון פּאָוויאַט, דאָס פרידנס־געריכט, מאַגיסטראַט, וואַלד־אַמט, זאַלץ־מאַגאַזין, דער שפּיטאָל, פּאָסט־אַמט, די עלעמענטאַרע שול און די מיידל־שול. יאַרידן קומען פאָר 6 מאָל אַ יאָר.

אָסטראָלענקער פּאָוויאַט בילדעט אַ טייל פון פּלאָצקער גובערניע, פאַרנעמט אַ שטח פון 58 קוואַדראַט־מייל. די באַדייטנדערע טייכן זענען : בוג, נאַרעוו, בראָטשיק, דאָזאָגאַ. אָזיערעס זענען אין דעם פּאָוויאַט פאַראַן אַ קליינע צאָל. זיי ליגן אַרום בוג, נאַרעוו אָדער צווישן אָט דיביידע טייכן. לעבן בוג זענען פאַראַן צוויי אָזיערעס — סטאַרי בוג אינעם דאָרף באָראָוו, זשוראַוויע — אין דאָרף גלינאַ, קאָלאָ — אין דאָרף אודרין, פּשירוואַ און קאָפּאַנקאַ — הינטער דער שטאָט בראָק, אָסאָלע — אין דאָרף מיטן זעלבן נאָמען — ביים נאַרעוו, מיכאַלאָווסקע — אין מיכאַלאָוואָ, צוויי אָזיערעס אָגראָדזשיסק אינעם דאָרף דאָבראָלענקאַ, צווישן בוג און נאַרעוו — די אָזיערע סאַמאָצענטנאַ און צוויי אָזיערעס וואָס הייסן סטאַראַ זשעקאַ אינעם דאָרף לענג וויעיסקי, אין דער גמינע זאַשקווו.

די אַלגעמיינע צאָל פון דער באַפעלקערונג באַטרעפט 83,967 נפשות, וועלכע טיילט זיך איין לויט די גלויבנס : אויף רוימישע קאַטאָליקן 71,230, פּראַוואָסלאַוונע 3, עוואַנגעליקער 1694, יידן 11,040. לויטן וווינען אין די שטעט — קריסטן 6967, נישט־קריסטן 7059, צוזאַמען 14,026. אין די דערפער זיינען פאַראַן קריסטן 64,960, נישט־קריסטן 3,981. צוזאַמען 69,941. פאַרמאָגט ברייהייזער 23, בראָווארן 10, וואַסער־מילן 12, ווינט־מילן 50, ציגעלנעס 14, סמאָלע־און טערפּענטין־פאַבריקן 10, בורשטין־גרובן און רינדערן־פי — 39,831 שטיק.

דער דאָזיקער פּאָוויאַט האָט 7 שטעט, און נעמלעך : אַנדזשעיעוו, בראַק, טשיזשעוו, מישעניצע, נור, אָסטראָלענקע, אָסטראָוו ; 1 שפּיטאָל, 11 פּאַראַפּיעס, 7 עלעמענטאַר־שולן, אַ געריכט פון דער איינפאַכער פּאָליציי, אַ זאַלץ־מאַגאַזין.

*) אויסצוג פון דער פוילישער ענציקלאָפּעדיע „ענציקלאָפּעדיא פּאָושעכנא", וואַרשע, 1865, באַנד 20, זייט 165.

**) ס'איז אָנצונעמען, לויט דער אָנגעגעבענער אַלגעמיינער סטאַטיסטיק, אַז דאָ ווערט געמיינט די צייט צווישן די יאָרן 1855/6/7.
(רעד.)

רק על העיר ועל היהודים בו

קאפיטל וועגן דער שטאט און אירע ייד

על תולדות העיר אוסטרולנקה כתוב באנציקלופדיה
ברית, הוצאת „מסדה" (כרך א', תש"ט): Ostrołęka
ירה בפלך ביאליסטוק, על נהר נארֶאוו. נוסדה במאה הי"ד.
זנת 1807 ניצחו כאן הצרפתים את הרוסים. ב־1832 נחלו
הרוסים ניצחון בפיקוד פלדמארשאל דוביטש על צבאות
לניה, בפיקוד גנראל סקארזשינסקי, ובזה נחתם גורל המרד
1831. בשנת 1915 ניטשו שם קרבות רבים בין הגרמנים
ין הרוסים. כן מוסיפה הרשימה הנ"ל כי „אוסטרולנקה
ועה כמקום מוצא לענבר". בקשר לישוב היהודי בעיר זו
צאת הרשימה הנ"ל לנחוץ להודיע לנו אותם הדברים המו־
ים כבר באנציקלופדיה העברית הישראלית הוצאת „אש־
ל" כלהלן:

„כפי הנראה לא היה באוסטרולנקה ישוב יהודי מוכר
נקופת מלכות פולין הקדומה. במילון הגיאוגראפי והסטא־
סטי הפולני של בילינסקי וליפינסקי נזכרת פריווילגיה
ונה שניתנה מהמלך הפולני זיגמונד השלישי משנת 1622
קיבלה את אישורה — גם אחר כך בשנת 1745 מהמלך
ולני פרידריך אבגוסט, שלפיה הועדפו אזרחי אוסטרולנקה
וצרים בקניות מצרכי אוכל לגבי זרים וביחוד לגבי יהודים.

בשנת 1827 היו באוסטרולנקה 3030 נפשות של תושבים,
ירה גדולה למדי לפי מושג הימים ההם, בעיקר בנפת לומ־
, ביניהם 16.4 אחוזים יהודים. לפי פקודה מיוחדת מ־25
ריל 1826 מותר היה ליהודים להתגורר רק בשכונות מסו־
ות בשטח העיר אוסטרולנקה. אולם ליחידי סגולה בעלי
ויות מיוחדות, ביחוד עשירים, משלמי מסים גבוהים —
ם ניתנה רשות לגור בכל רחבי העיר ורחובותיה. בשנת
18 בוטל חוק זה ומותר היה ליהודים להתאחז ולקנות נכסי
א־ניידי בכל שטחי העיר ותחומיה.

במשך הזמן גדל מספר היהודים בא. שהגיעו אליה מעיי־
ת אחרות וביחוד מכפרים וישובים יהודיים קטנים סמוכים.

בשנת 1856 היו 1129 יהודים בא. והיוו 36.8 אחוזים מהאו
לוסיה הכללית. בשנת 1897* היו שם 4,564 יהודים (3.
אחוזים), ובשנת 1909 — 6,219 יהודים (53 אחוזים). בתקו
זו עד פרוץ המלחמה העולמית הראשונה הגיעה קהילת או
טרולנקה לשיא התפתחותה הכמותית, המסחרית, הכ
כלית וגם האיכותית הרוחנית־תרבותית. היא נהייתה, אח
קהילת אוסטרובי (שמנתה אז 7,279 יהודים), לקהילה השל
שית הגדולה שבכל פלך לומזה.

גורם חשוב להתפתחות אוסטרולנקה היהודית היו גדו
צבא רוסים שחנו בקביעות בשערי העיר, והרבה קבלנ
יהודים היו מספקים להם מצרכים.

בהיותה סמוכה לגבול פרוסיה המזרחית שימשה או
טרולנקה גם כתחנת־ביניים מסחרית בשטח ההובלה והיצ
(במסגרת לא־רשמית). תחנת הרכבת שבקרבתה אף ה
הוסיפה להתפתחות המסחר והתנועה. היא הקדימה ב
עשרות שנים את עיר־הפלך, שעד שנת 1915 לא הגי
אליה בכלל מסילת־הברזל.

עם פרוץ המלחמה העולמית הראשונה חלה „ירידו
באוסטרולנקה היהודית. בשנות המלחמה הראשונות היו
עיר זו זמן־מה ריקה מתושביה היהודים. בגלל קרבתה לחז
המלחמה כמעט שנהרסה העיר כולה. על היהודים חלה
גזירת גירוש. הרבה מהם נדדו לערי רוסיה הפנימית, וא
רים יצאו לערים הסמוכות — לומזה, אוסטרובה, ווארי
ואחרות. עם בנין הנהרסות והחזרת חיי העיר ליושנם,
שבו אליה הרבה יהודים שעזבוה לפני־כן, והישוב היהו
שוב לא הגיע למעמדו הקודם.

בשנת 1921 היו באוסטרולנקה 3,352 יהודים (36.7 או
מכלל האוכלוסיה). עקב המצב הבטחוני הירוד ובגלל מס
בות שהזמן גרמן והלחץ הכלכלי על היהודים בפולין בשנ
העשרים, וביחוד בשנות השלושים, גברה הנטייה להגי
לארצות אחרות וביחוד לאמריקה ולארץ־ישראל".

וועגן דער געשיכטע פֿון דער שטאָט, איז אָנגעגעבן אין
ר העברעאישער ענציקלאָפּעדיע, פֿאַרלאַג „מסדה" (ערש־
ר באַנד, תש"ט): Ostrołęka אַ שטעטל אין ביאַליסטאָ־
ר גובערניע, ביים טייך נאַרעוו, געגרינדעט אין 14־טן
יאָר־הונדערט. אין יאָר 1807, האָבן די פראַנצויזן באַזיגט
רוסן. אין יאָר 1832 האָבן די רוסן, אונטער דער אָנפירו
פֿון פעלדמאַרשאַל דוביטש, אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון איב
דעם פוילישן מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פֿון גענער
סקאַרזשינסקי, און דערמיט איז געחתמעט געוואָרן דער גו
פֿון אויפשטאַנד פֿון יאָר 1831. אין יאָר 1915 זענען דאָ
פֿאָרגעקומען פיל שלאַכטן צווישן די דייטשן און די רו
גלייכצייטיק גיט צו דער אויבנדערמאַנטער אַרטיקל, אַז „אָ
טראָלענקע איז געווען באַוווּסט אַלס אַ געגנט פֿון בורשט
גרובן".

• לפי הסטאטיסטיקה מאותה שנה היה מספר התושבים באילו
העיירות השייכות למחוז אוסטרולנקה כלהלן: גובורובה — 2139
שבים, מהם 1844 יהודים; מישיניץ — 2992 תושבים, מהם 1802
ודים; סוכוצ'יצה — 568 תושבים, מהם 59 יהודים.

(מתוך „יברייסקאיא אנציקלופדיה", כרך 12, עמ' 151)

וואָס ס׳איז שייך דעם יידישן יישוב, געפינען מיר אין אַרטיקל די זעלבע ידיעות, וואָס אין דער העברעאישער ענ־ציקלאָפּעדיע, פאַרלאַג „אשכול“, ווי פאָלגנדיק: „ווי עס ווייזט אויס, איז אין אָסטראָלענקע נישט געווען קיין אָנקענטיקער יידישער יישוב אין דער תקופה פונעם אַלטערטימלעכן פּוילן*. אין יאָר 1827 זענען געווען אין אָסטראָלענקע 3,030 נפשות, אַ גענוג גרויס שטעטל, לויטן באַגריף פון יענער צייט, צווישן זיי 16.3 פּראָצ. יידן. לויט אַ ספּעציעלן באַ־פעל פון 25־סטן אַפּריל 1826, האָבן יידן געמעגט וווינען נאָר אין באַשטימטע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט. עס זענען געווען פּריווילעגירטע, איבערהויפּט פאַרמעגלעכע און רייכע, וואָס האָבן געצאָלט הויכע פּאָדאַטקעס — זיי האָבן געמעגט וווינען און קויפן ערד אויך אין די פאַרבאָטענע מקומות. אין יאָר 1862 איז דער דאָזיקער געזעץ בטל גע־וואָרן און יידן האָבן זיך שוין געמעגט באַזעצן אין אַלע טיילן פון שטאָט, ווי אויך האָבן זיי געמעגט פון דעמאָלט־אָן קויפן אומעטום באָדן און פאַרשידענע גיטער. אין משך פון דער צייט, זענען די צאָל יידן געוואַקסן, דורך די צוגעקומענע פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך, איבערהויפּט פון די אַרו־מיקע קליינע יידישע יישובים און דערפער. אין יאָר 1856 זענען שוין געווען אין אָסטראָלענקע 1,129 יידן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט 36.8 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אין יאָר 1897 ** זענען דאָרט געווען 4,564 יידן (57.3 פּראָצ.), און אין יאָר 1909 — 6,219 (53%). אין דער דאָזיקער תקופה ביז צום אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט די אָסטראָ־לענקער קהילה דערגרייכט צו אַ הויכן ניווא פון עקאָנאָמי־שער און אויך קולטורעלער אַנטוויקלונג. נאָך דער אסטראָ־ווער קהילה (וואָס האָט דעמאָלט געציילט 7,279 יידן) האָט אָסטראָלענקע זיך גערעכנט פאַר דער דריטער גרעסטער יידישער קהילה אין גאַנץ לאָמזשער גובערניע.

אַ וויכטיקער גורם פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט זענען געווען די מחנות רוסישע מיליטער, וועלכע זענען איינ־געשטאַנען אין די טויערן פון דער שטאָט און פיל יידישע פּאָדראַטשיקעס האָבן פאַר זיי צוגעשטעלט פאַרשידענע פּראָ־וויאַנט. זייענדיק נאָענט צו דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ, האָט אָסטראָלענקע אויך געדינט אַלס אַ צווישן־פּונקט אויפן געביט פון האַנדל און צופיר. אויך איר באַן־ליניע האָט פיל מוסיף געווען צו דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און עקאָנאָ־מישער באַוועגונג. דערמיט האָט זי איבערגעיאָגט מיט עט־לעכע צענדליק יאָר די גובערניע־שטאָט, וואָס ביז דעם יאָר 1915 איז בכלל צו איר קיין באַן נישט צוגעקומען.

מיטן אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג, איז אָס־טראָלענקע שטאַרק „אַראָפּ“. אַ געוויסע צייט, איז די שטאָט אינגאַנצן נישט געווען באַוווינט. מחמת דער נאָענטקייט צום מלחמה־פּלאַץ, איז זי כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן. די יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט אויפן באַפעל פון דער רוסיש־מיליטערישער מאַכט. פיל זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם וויטן רוסלאַנד און פיל אַנדערע האָבן זי׳ך באַזעצט אין די אַרומיקע שטעט, ווי לאָמזשע, אָסטראָוו, וואַרשע און אַנדערע. שפּעטער, מיטן אויפבויען די שטאָט פון אירע חור־בות און מיטן אויפוואַכן צו אַ נייעם לעבן — איז שוין דער יידישער יישוב נישט געקומען מער צו זיין פריערדיקן באַ־שטאַנד.

אין יאָר 1921 זענען אין אָסטראָלענקע געווען 3,352 יידן (36.7 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג). מחמת דעם געפאַלענעם מצב פון דער שטאָט און עקאָנאָמישן דרוק אויף די יידן אין פּוילן אין די 20־קער יאָרן און אי־בערהויפּט אין די 30־קער — האָט זיך ביי פיל געשטאַרקט די נייגונג צו עמיגראַציע און פיל האָבן אַרויסגעוואַנדערט אין פאַרשידענע לענדער, באַזונדערס קיין אַמעריקע און ארץ־ישראל.

פון עברית: י. ע.

די צאל תושבים פון אסטראלענקע און קרייז

יאָר 1897 (פּאָוויאַט)

צאָל איינוווינער	יידן	%
80,430	10,121	12.6

יאָר 1921 (פּאָוויאַט)

צאָל איינוווינער	יידן	%
73,836	6,631	9.0

יאָר 1808 (שטאָט)

סך־הכל	2,036
יידן	99
% יידן	4.9

יאָר 1827

סך־הכל	3,030
יידן	496
% יידן	16.4

יאָר 1857

סך־הכל	3,371
יידן	1,128
% יידן	33.5

יאָר 1897

סך־הכל	7,965
יידן	4,564
% יידן	57.3

יאָר 1921 (שטאָט)

סך־הכל	9,145
יידן	3,352
% יידן	36.7

וואַשיוטינסקי, „די יידישע באַ־פעלקערונג אין פּוילן אין די יאָר־הונדערטער X XI און XX“. וואַרשע — 1930 (זייטן 11, 36) סיגנ. 43915 יידישער היסטאָרי־שער אינסטיטוט.

יאָר 1931 (שטאָט)

סך־הכל	13,341
יידן	4,291
% יידן	32.2

„אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע“, פער־טער באַנד, דובנאָוו פאָנד, פּאַ־ריז, 1937, קאָלומנע 55“.

---

* וועגן דער פּריווילעגיע פון זיגמונד דעם 3־טן, 1622, און דער באַשטעטיקונג פון פּוילישן קעניג פרידריך אויגוסט, 1745, זע: „אָס־טראָלענקע אין אַלטערטימלעכן פּוילן“ (באַלינסקי און ליפּינסקי).

** לויט דער סטאַטיסטיק פונעם דאָזיקן יאָר איז די צאָל תושבים אין עטלעכע שטעטלעך פון אָסטראָלענקער קרייז געווען פאָלגנדיק: נאַוואָראַווע — 2,139, צווישן זיי 1844 יידן; מישיניץ — 2992, צווישן זיי 1802 יידן; סאַכאָטשיצע — 568, צווישן זיי 59 יידן. (יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיא, באנד 12, ז׳ 151).

אסטראלענקע (ביאליסטאקער וואיעוואדשאפט)

אָסטראָלענקע איז אַ פּאָוויאַטאָווע שטאָט, וואָס ציילט 4,900 יידישע אײַנוווינער אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 14,000 אײַנוווינער. די יידישע קהילה (גמינע) אין אָסטראָלענקע איז אַנטשטאַנען אין 1794 יאָר, פון דעם יאָר דאַטירט זיך אויך די גרינדונג פון יידישן בית־עולם.

ליגענדיק 40 קילאָמעטר ווייט פון דער דייטשער גרענעץ, איז אָסטראָלענקע געווען איינע פון די ערשטע שטעט, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן בעת דעם ערשטן וועלט־קריג. אין יאָר 1915 האָבן די רוסן בעתן אָפּטרעטן פון דער שטאָט עוואַקואירט די גאַנצע באַפעלקערונג און אונטערגעצונדן די שטאָט. פון גאַנץ אָסטראָלענקע זענען על פי נס איבערגעבליבן פון דער שריפה קוים 8—10 הייזער.

זינט 1916, אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט די שטאָט זיך אָנגעהויבן צוריק אויפצובויען. מיט דער צייט איז אָסטראָלענקע כמעט שוין אינגאַנצן צוריק אויפגעבויט געוואָרן. הגם דאָ און דאָרט זענען נאָך פאַרבליבן רואינען פון דער מלחמה־צייט. אַ חורבה איז ביז היינטיקן טאָג געבליבן די דעמאָלט־פאַרברענטע גרויסע און פרעכטיקע שול, וועלכע אין אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1856, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און פינאַנסיעלער הילף פון דער משפחה ט י ־ ק אָ ט ש י נ ע ר.


בעת די דייטשער אָקופּאַציע איז די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה (גמינע) באַשטאַנען פון 8 מיטגלידער.

אין 1924 יאָר איז די יידישע קהילה פאַררעכנט געוואָרן צו די גרויסע קהילות, זי באַזיצט אַלזאָ אַ פאַרוואַלטונג פון 8 מיטגלידער און אַ ראַט פון 12 מיטגלידער. די לעצטע וואַלן זענען פאָרגעקומען אין מערץ 1936 יאָר.

דער צוזאַמענשטעל פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען פאָלגענדיקער: פאָרזיצער געדאַנקען מענדל (אַלגעמיינער ציוניסט), וויצע־פאָרזיצער באַרשטש וואָלף לייב (אגודה), מיטגלידער: באַיוק אליה (רעכטע פועלי־ציון), באַרמאַן נאָטע (האַנטווערקער), ראָזאָנאָוויטש יצחק (מזרחי), רוצקי שלמה (אגודה), שאַפּראַן יחיאל (רעכטע פועלי ציון) און אברהם פּיאַסעטשני. דער צוזאַמענשטעל פון ראַט איז פאָלגנדיקער: פאָרזיצער: סקראָבאַטש משה לייב (מזרחי); וויצע־פאָרזיצער: עדעל משה אהרן (אגודה); די מיטגלידער: בלומשטיין יעקב דוד (מזרחי), צוקער מענדל (אגודה), דאָלאָוויטש מאָטל (אגודה), גערצעק פסח (רעכטע פוע״צ), נאָוואָגראָדזקי נחמן (רעכטע פוע״צ), ראָזענבלום חיים וואָלף (אגודה), סאַפּיר יצחק (אגודה), ווייסבלום דוד (רעכטע פועלי ציון), וואָנשאַק יוסף (רעכטע פועלי ציון) און ווילאָזשני אהרן (האַנטווערקער).

דער קהילה־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון רב, זיין פאַרטרעטער, דריי שוחטים און זעקס באַאַמטע. ביי דער קהילה זענען טעטיק געווען געזעלשאַפטלעך־רעליגיעזע אינסטיטוציעס ווי די תלמוד־תורה, ישיבה, לינת־הצדק, חברה קדישא א. א. וו.

אַלמאַנאַך... וואַרשע 1939, זייט 176. סיגנ. 201 41, יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט.



די יידישע קהילה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

מ. צינוביץ

רבני אוסטרולנקה
אסטראלענקער רבנים

בספרות של החיבורים הרבניים לסוגיהם לא נשתמרו לנו כל ידיעות, שמהן נוכל לדעת מי היו רבניה הראשונים של קהילת אוסטרולנקה.

אולם אם אין לנו ראיה ממשית בקשר לפרטים על־כך, הרי זכר לדבר יש לנו. בשו״ת הגאון ר׳ יהושע יהודה לייב דיסקין מתקופת רבנותו בלומזה (בפעם הראשונה בשנים תר״ד—ת״ר) מובאת תשובה אחת ממנו להרב שבאוסטרולנקה בשם „ר׳ יצחק״ בענין סכסוך קהילתי ביחס לשוחט אחד במקום. משם נראה כי כבר היה אז מו״צ בעיירה זו על־ידי הרב־אב״ד הנ״ל.

ידיעות מפורטות על ר׳ יצחק זה לא עלה בידי לאסוף מאיזה מקום שהוא. לעומת זה יש לנו יותר פרטים על רב שני בתקופה הקרובה באוסטרולנקה, אשר שימש שם כרב־אב״ד שנים אחדות עד לשנת תרכ״ה (1865), הלא הוא:

הרב ר׳ יחיאל מיכל גולדשלאג

הרב יחיאל מיכל נולד בשנת תקצ״א בשראָנצק. מוצאו ממשפחה מיוחסת בישראל. התיחס להגאון המקובל והקדוש ר׳ יחיאל מיכל מנימירוב, שמת על קידוש השם בגזירת חמל־ניצקי בשנת ת״ח (1648) ושעל שמו הקדוש הוא נקרא. מצד אמו היה ר׳ יחיאל מיכל נכד החסיד הידוע ר׳ זעליג שרענצ־קער, אחד מחסידיו המובהקים של ר׳ מנחם מענדל, האדמו״ר המפורסם מקוצק.

ר׳ יחיאל מיכל התפרסם בילדותו כילד־פלא. למד תורה ויצק מים על ידיו של הגאון ר׳ ישראל יהושע טרונק, שהיה אז אב״ד בשראָנצק (אח״כ בקוטנא), למד זמן־מה אצל הגאון האדמו״ר ר׳ יצחק מאיר בעל „חידושי־הרי״ם״ בוורשה ונסמך על־ידיו להוראה. כן נסמך על־ידי הרב חיים דווידזון, רב־הכולל דק״ק ווארשה, ועוד רבנים מפורסמים אחרים. התפרסם אחר־כך כגדול־הדור בכל מקצועות התורה וגם בחכמת הקבלה.

בשנת תר״ח, והוא רק בגיל י״ח, נתקבל ר׳ יחיאל מיכל לרב בקיקאל (פלך פלוצק), אח״כ בפודנביץ, שראָנצק ומשם עבר לאוסטרולנקה, ומתרכ״ה לשאָפס (שרפץ), עיירה מחוזית בפלך פלוצק, מקום שם פעל כמרא־דאתרא חמישים ושלוש שנים. כשנפטר בגיל שמונים ושמונה — אחרי היותו למעלה משבעים שנה רב ומו״צ בישראל, — הופיעו רשימות לזכרו בעתונות היהודית בווארשה: „היינט״, „מאָמענט״, ו„דאָס יודיש וואָרט״ ובתוך השאר הזכירו גם פרט זה, שלפני שרפץ היה הרב הישיש הזה רב־אב״ד באוסטרולנקה.

בעולם הרבנות ידוע על שני ספרים שיצאו מתחת ידי ר׳ יחיאל מיכל: א) ביאור על ספר תהלים בשם „ירושלים״, המוקדש להבנת עומק הפשט וגם על־פי דרך הקבלה, ציונים לשמות הקדושים, על־פי ראשי־תיבות וצירופיהם; ב) ביאור על ספר קוהלת בשם „לב דעת״ ו„עינים לראות״ — מקובץ מספר הזוהר הקדוש ותיקונים. ובכתובים — חיבור על שיר השירים לפי האופן הנ״ל.

בשנת תרפ״ה הדפיס בנו הרב יעקב חיים זליג גולד־שלאג ספר אביו בשם „אמרי אמת״, המכיל חידושיו: במק־רא, בהלכות ובאגדות, בדברי חקירה דתית, במצוות, ברכות ותפילות, בתקנות ומנהגים. נשארו מהרב הישיש הנ״ל בכתו־בים חידושי־תורה משלו בכל מקצועות התורה, וכן הרבה שאלות ותשובות שהשיב בהלכה ובהוראה מעשית לקרוב ולרחוק.

בנו יחידו הנ״ל הרב יעקב חיים זליג, שנולד בשנת תרי״ג, גודל וחונך על יד אביו באוסטרולנקה. אף הוא היה גדול בתורה, שימש אב״ד בלובראַניץ ואחר־כך רב־מו״צ בווארשה. התפרסם בעולם התורה בחיבורו „ויחי יעקב״, המכיל שו״ת וחידושי תורה נעלים, ופירסם בדפוס מחיבורי הגאון ר׳ יהונתן אייבשיץ (מכתב־יד) עם הגהות והערות שלו. בהשגחתו התקיים בווארשה, לפני המלחמה העולמית הראשו־נה, בית־אולפנא לעשרה אברכים, גדולי־תורה, לשם השתל־מותם בעניני הוראה כמורי־צדק מומחים.

מהחיבורים הנוספים של רב זה יש לציין את אלה: „ירח למועדים״ ו„כוכב מיעקב״ על המועדים והפרשיות של החו־מש; „אמת ליעקב״; „ילקוט קטן״; „על מידת האמת״; „מרום הרים״ — הספד על האדמו״ר הצדיק המפורסם ר׳ יחיאל מיכל מגוסטינין; „חסדי יהונתן״, „גבורת יהונתן״, „דעת יהונתן״ ו„ברכת יהונתן״ — ארבעה ספרים חשובים מכתבי הגאון ר׳ יהונתן אייבשיץ עם הגהות וחידושים משלו וקונטרס הנהגת בית־הכנסת. בכתובים היה לו גם חיבור על יורה־דעה חלק א׳, וכן על הספר „תנא דבי אליהו״.

הרב ר' נחמן דוד הכהן

כפי הנראה היה הרב הזה רב באוסטרולנקה לפני הרב הגאון ר' משה נחום ירושלימסקי, ואולי נתמנה שם לרב תיכף אחרי צאת הרב יחיאל מיכל הנ"ל מאוסטרולנקה לשר־פץ. בעוד שקודמו הנ"ל היה רב לפי נוסח פולין החסידית ודבק באדמו"רים, הנה הרב נחמן דוד הכהן השתייך יותר לעולם הליטאים ה„מתנגדים". היה מיוצאי־חלציו של הגאון ר' קלונימוס קלמן אב"ד אורלי וזבלודובי בסביבת ביאלי־סטוק, בן הגאון ר' נחמן הכהן מאורלי מחבר ספר „שבת אחים" — מגזע הגאון ר' שבתי הכהן בעל ה„שפתי כהן" (ש"ך) על השולחן־ערוך.

גם עליו אין לכותב הרשימה הזאת ידיעות מפורטות. ידוע לנו רק זה ששמו מובא ב„הצפירה" משנת תרנ"ג (1893) בקשר להפעלת „מאכל כשר" לחיילים יהודים הנמצאים בפלו־גות הצבא הרוסי שחנו על־יד אוסטרולנקה.

חידושי־תורה מהרב האוסטרולנקאי הנ"ל אנו מוצאים בסוף הספר „מחנה כהונה" (שו"ת על שולחן־ערוך, חלק אורח־חיים מאת שאר־בשרו, הרב נחמן הכהן בישקוביץ, מו"צ בביאליסטוק).

הרב ר' יהושע

סמוך לאותו זמן שימש כמו"צ באוסטרולנקה הרב ר' יהושע. רב זה התפרסם בעולם ההוראה על־ידי חיבוריו: „חומת יהושע", „אבני יהושע", „בית יהושע" — על שולחן־ערוך, יורה־דעה, הלכות תערובות וטריפות.


הרב ר' יהושע הנ"ל היה יליד ליפנה, מו"צ בפלוצק, רב בשראנצק, מו"צ באוסטרולנקה, בליאשקי ואח"כ אב"ד בזשא־ריק. בעיירה האחרונה נפטר, בשנת תרס"ה. היה אישיות חזקה ובעל אבטוריטה, קנאי לדת ומתנגד בגלוי לתנועה הציונית. חיבר ספר „דעת הרבנים" המערער בחריפות על אותם הרבנים המסכימים לתנועה „מסוכנת" זו, לפי דעתו. כפי הנראה היה כרוך אחרי האדמו"רים לבית אלכסנדר, שכוחם היה גדול גם באוסטרולנקה.

הרב ר' משה נחום ירושלימסקי

(בשנות תרנ"ט—תרס"ב)

היה אחד מגדולי הרבנים בדור החולף. נולד בז' אדר, שנת תרט"ו, בעיירה ברשאד פלך פודוליה, בא־קראינה הרו־סית, להורים עשירים ומיוחסים, מגזע הט"ז והב"ח, ר' שאול ואהל, מהר"ם פדובה, מהר"ם מרוטנבורג ועוד. כן היה קרוב, קירבה משפחתית, להרב הצדיק ר' אברהם יהושע העשיל בעל „אוהב ישראל" מאפטא.

מנערותו התפרסם בכל הסביבה לעילוי גדול. התוודע אחר־כך בשהותו בגליציה האוסטרית עם שני הגאונים המפור־סמים ר' יוסף שאול נתנזון, רבה של לבוב, בעל שו"ת „שואל ומשיב", והאדמו"ר המפורסם ר' חיים הלברשטאם מצאנז, בעל „דברי חיים", שהתפלאו על עוצם ידיעותיו של „העילוי



הרב ר' משה נחום ירושלימסקי

מברשאד" בכל רחבי ים התלמוד ומפרשיו, בבחינת „כל רז לא אניס ליה".

בשנת תר"ם נתקבל לרב בקאמינקה, פלך קיוב. בעיירה זו ישב עד לשנת תרנ"ט. מצבו החמרי היה אז טוב, כי ירש מאביו הון גדול ולא רצה לעזוב את העיירה השקטה הזאת, אשר אנשיה השלווים לא ביטלו אותו מתורתו.

בתקופה של שנתיים חיבר את שני ספריו החשובים „לשד השמן" (תרמ"א, לבוב), המכיל הערות על הרמב"ם, ו„מנחת משה" — המכיל שו"ת בדברים הקשורים לשולחן־ערוך, אורח חיים, יו"ד ואבן־העזר. ספר זה הקנה למחבר שם גדול בין הרבנים. שני הרבנים המפורסמים ר' חיים ברלין, רבה של מוסקבה, בנו של הנצי"ב מוולוזין, ור' שמואל מוהילובר, רבה של ביאליסטוק, גומרים עליו את ההלל. הרב השני שהיה אז אב"ד ראדום כותב על המחבר: „הרב הגאון המ־פורסם, בים התלמוד והפוסקים שם לו נתיבה ויצעד בה במישרים ובפילפולו ובקיאותו כי עזה, ירד בקעות אף יעלה הרים". קהילות גדולות הפצירו בו אז שישב על כסא רבנות שם, אולם הוא לא רצה לעזוב את עיירתו השקטה קאמינקה ושקד שם באהלה של תורה מתוך הרחבת הדעת.

כעבור שנים מספר הדפיס את חיבורו המפורסם „ברכת משה", הכולל שלושה ספרים נכבדים בכרך אחד: א)

„קונטרס תשובות ופסקים, המביא אסיפת דעות אחרונים" וילקוט משו"ת בעניני הוראה שונים; ב) קונטרס „משחת השמן הטוב" על מסכת שבת, המכיל „ליקוטי שושנים הנחמדים מזהב ורב פנינים" מדברי רבותינו הראשונים וגדולי האחרונים המפוזרים בספריהם במקומות שונים, כעין „שיטה מקובצת" חדשה, בהערות משלו; ג) קונטרס „יפה לבדיקה", והוא „קובץ גדול מכמה הוראות ופסקים שניתוספו בהלכות שחיטה ובדיקות הריאה מגדולי הרבנים האחרונים לתועלת המוצי"ם והבודקים, עם הערות יקרות כדי לברר הלכה למעשה בדעת תורה מכרעת ובטוב טעם ודעת".

בשנת תרנ"ג נבחר הרב משה נחום כמועמד מטעם פלך קמניץ־פודולסק לועידת הרבנים החמישית (שנתקיימה בתרנ"ד בפטרבורג), יחד עם השר הברון רב־הפעלים נפתלי הירץ גינצבורג, שהיה יליד קמניץ הנ"ל.

בשנת תרנ"ט נבחר לרב־אב"ד בקהילת אוסטרולנקה. בחירתו זו עוררה תשומת־לב מרובה בחוגי הרבנות ברוסיה שבימים ההם, שכן זה היה כמעט המקרה היחידי שרב מאוקראינה ייבחר לרבנות בפולין הקונגרסאית. שינוי־מקום זה מדרום רוסיה השקטה לפולין החסידית והקנאית, ובימים ההם, הביא גם לידי שינויים בפעילותו הציבורית. בשבתו בקאמינקה היה ר' משה נחום מפורסם לחובב־ציון מסור ונאמן, פירסם בספר „שיבת ציון" לר' א. י. סלוצקי ז"ל מאמר בשבחה של ארץ־ישראל, ובמשך שנים רבות כיהן מורשה לועד הפלשתינאי אשר באודיסה וביתו היה פתוח לרווחה לכל משכיל עברי ולאומי. אולם עם בואו לפולין והשתקעותו בה, משך את ידיו מכל פעולה שהיא בחיבת ציון. כי בתור „רב־רשמי" גם מטעם הממשלה נאסרה עליו הפעולה הציונית, שהיתה אסורה מטעם הרשות.

באוסטרולנקה הדפיס ר' משה נחום בשנת תרס"א את ספרו השלישי „באר משה", הכולל שלושה ספרים נכבדים: א) „השיב משה" בי"ב שערים: שער התורה, הגאולה, השמות, הטהרה, הקדושה, הדעת, הזהירות, הפרישות בצדקי המשפט, התירוצים וקדושת הארץ. ב) כבוד חכמים, המכיל שלושה שערים: שער ההוראה, שער קדושת ישראל ושער התפילה. ג) בנין ירושלים, הכולל את השערים: בנין ירושלים, תקנת עגונות, תיקון עולם, חרם דרבנו גרשום מאור הגולה, כלל גדול בתורה, הוראות ופסקים בענינים כוללים לבאר הלכה־למעשה בדעת תורה מכרעת. כן יש בו פרק מיוחד בענין „אחדות הכוללים" מחוץ לארץ בארץ הקדושה.

מתשובותיו בספריו נראה שעמד בחליפות שו"ת עם גאונים מפורסמים, וחלק גדול מזה בתקופת היותו כבר באוסטרולנקה. בין הרבנים האלה נמנים הגאונים המפורסמים: ר"ש מוהילובר, ר' יוסף דובר מבריסק, ר' שלמה הכהן, זקן הרבנים בווילנה, ר' מרדכי גימפל יפה מרוזינוי, שנפטר בארץ ישראל, ועוד רבנים מפורסמים אחרים. ר' שמואל מוהילובר קורא עליו „הרב הגאון המפורסם חריף ובקי בחדרי תורה, עמו שרי נהורא, חובר חברים מחוכם, עושה פלא". ור' יוסף דובר, רבה של בריסק דליטא, מתארהו: „הרב הגאון הגדול חריף ובקי המפורסם". כמו כן פונים אליו בעניני הוראה גדולי התורה מארצות שונות, כגון הגאון ר' אברהם פאלאגי הספרדי — רבה של איזמיר ור' שרגא פייביל טויבש אב"ד יאסי, ואיש הורביץ רבה של סטרי. ענין מיוחד שיש לו ערך רב לחשיבותה של אוסטרולנקה בעולם הרבני בכלל הוא המדור „ברכת חכמים", המכיל מכתבי ברכה מרבנים מפורסמים לרגל היבחר ר' משה נחום כאב"ד באוסטרולנקה. ביניהם מופיעים הגאונים הידועים: ר' שלום מרדכי הכהן שוואדרון מברעזאן שבגליציה, ר' צבי הירש רבינוביץ מקובנה, ר' אליהו חיים מייזל מלודז, האדר"ת (ר' אליהו דוד רבינוביץ־תאומים) ממיר ור' מלכיאל צבי טננבוים אב"ד לומזה, הגאון הישיש ר' יוסף זכריה שטערן רבה של שאַוולי, ר' חיים חזקיהו מדיני, בעל „שדה חמד", ר' רפאל שפירא, רבה של וואלוזין, ר' יחיאל מיכל אפשטיין בעל „ערוך השולחן", ר' יצחק הלוי הורוביץ, רבה של סטאניסלב. ר' מלכיאל, אב"ד בלומזה הסמוכה לאוסטרולנקה, כותב על רבה החדש הזה במכתב הברכה אליו: „הרב הגאון המפורסם חו"ב סיני ועוקר הרים, אוצר התורה ויראת אלקים", ומברכו בברכת מזל־טוב „שיהיה ברוך בבואו ויעלה ויצליח". יחד עם זה הוא מברך „ברכת מזל־טוב את עדתו הכבודה שלרגל בוא מעכ"ת (מעלת כבוד תורתו) לשכון כבוד בעירם תעלה הצלחתם כפורחת למעלה וכי ידעו להכיר ולהוקיר את ערך הדר"ג (הדרת גאונו), לשמוע בקולו ולכבדו". מענינת היא ברכת מזל־טוב מהרב אליעזר שולאביץ, מנהל הישיבה הקדושה דפ"ק לאמזא, המכילה דברי ברכה וקילוסין אלה: „ברכות מאליפות להדרת רום גאונו שיחיה, ליום בואו לשלום לשבת על כיסא הרבנות החדשה ומאוד ישמח לבנו, אשר הדר"ג יהיה לכבוד בתוכנו. ותקותנו תאמצנו כי לא על ק"ק אוסטרולנקא לבדה יפרוש כנפי צדקתו וינהלם באור תורתו וחכמתו, רק יאיר לארץ ולדרים עליה בכל סביבותינו ורבים ילכו לאורו ויתענגו על קדושת תורתו וצדקתו, ויחשוף זרוע קדשו להיות למעוז ולמשגב להקים דבר ה' ולגדור הפרצות אשר פרץ הזמן בחומת הדת. בימיו ובימינו תרום קרן תורתנו הקדושה וקרן עמנו". יחד עם זה מתאר ר' אליעזר הנ"ל את ר' משה נחום ירושלימסקי כ„הרב הגאון הגדול צדיק וחסיד פאר הדור והדרו המפורסם בכל קצוי תבל לתהלה ולתפארת".

ברכת מזל־טוב מיוחדת נדפסה בספר הנ"ל מהאדמו"ר ר' מנחם מאַמשינוב, שהיה לו קהל חסידים גדול באוסטרולנקה ושנשלח לו על־ידי הרב ר' שלמה ירמיה דומ"ץ (דיין ומורה־צדק) דק"ק אוסטרולנקה. במכתב זה הוא מברך את ר' משה נחום ש„השי"ת יתן שיהיה להצלחה רבה ושיוכל להשפיע כל טוב לכל בני ביתו" ומתארו כמו־כן כ„הרב הגאון הגדול המפורסם לשבח שמו מפואר".

לאָמיר צוגעבן, אַז זינט ס'האָבן זיך סטאַביליזירט די גרענעץ־פאַרהעלטענישן צווישן פּרייסן און רוסלאַנד, איז אָסטראָלענקע געוואָרן איינער פון די הויפּט־צענטערס, ווו ס'איז אָנגעגאַנגען אין אַ ברייטן פאַרנעם דער עסק פון שמוג־לען מענטשן, פערד און מער ווי אַלץ גאַלאַנטעריע־סחורות און אַנדערע אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען. אין דער מאָס וואָס איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן דער אינערלעכער מאַרק און זיך פאַרגרעסערט דער געלט־אומזאַץ אין געגעבענעם פּעריאָד פון 1864—1830, האָבן די הכנסות פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך באַשעפטיקט מיט שמוגל, אָנגענומען אַזעלכע באַדייטנדיקע מאַסשטאַבן, אַז זיי האָבן אפילו געפונען אַן

אָפּשפּיגלונג אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק. אויב מיר וועלן נאָך דערצו צוגעבן, אַז אין דערמאָנטן פּעריאָד זענען פון דער אַרומיקער דאָרפישער באַפעלקערונג נישט צוגע־פלאָסן אין שטאָט קיין עלעמענטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט דערגאַנצן די טעטיקייט פון דעם דינעם שיכט בעלי־מלאכות, קליינע סוחרים און מאַרק־הענדלער, וועלן מיר באַקומען אַ פול בילד פון די לאָקאַלע באַדינגונגען וואָס האָבן אין אַ פאַר־העלטענישמעסיק קורצער צייט דערפירט צו אַ באַדייטנדיקן וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

ס'שטעלט זיך איצט די פראַגע, ווי אַזוי האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט דער צוּוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף די פאַרבויאונגס־פּלענער פון דער שטאָט. וואָס שייך די אָנהייבן, ווען ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן פונעם שטאָטישן שטח אַ באַשטימטער קוואַרטאַל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, קאָן מען נישט זאָגן קיין שום זיכערע זאַך. אויב אפילו אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט עקזיסטירט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ דייטלעכערע מחיצה צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג, ווייסן מיר נישט אין וואָס פאַר אַ מאָס איז ער געוואָרן רעאַליזירט. שטיצנדיק זיך אויף די אָנגאָבן וועגן דער פאַרבויאונג פון דער שטאָט פונעם סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אויף די רעגולאַציע־פּראָיעקטן פון דער שטאָט אָסטראָלענקע פון 1878 און 1886 יאָר, ווי אויך אויפן פּלאַן פונעם געבוי פון דער היינטצייטיקער שטאָט, שטעלן מיר פעסט, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט געוווינט זייער קאָמפּאַקט אין אַלע קווערע גאַסן צווישן מאַרק און יאַרידן־פּלאַץ, אַרום דעם סאַמע פּלאַץ, ווייטער לענגאויס די קילינסקי־גאַס און ראַיאָן פון מילך־מאַרק. מחוץ דער דאָזיקער גאַס, אין דער ריכטונג פון קלויסטער, האָט די גרענעץ פונעם יידישן יישוב אַרויסגערוקט זיך נאָר אין שטאָט אין ספּאָראַדישע פאַלן. די מזרח־גרענעץ פונעם יידישן קוואַרטאַל איז געווען די וואַרינסקי־גאַס. דער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אויך נישט אָפּגערופן אויף אַ ברייטערן פונאַנדערבוי פונעם ווין־קוואַר־טאַל אין דרום־ריכטונג. די לאַגע אויפן דאָזיקן אָפּשניט האָט זיך נישט געענדערט אפילו נאָכן אויסבויען די באַן־ליניע לאָמזשע־אָסטראָלענקע־מאַלקין, אויך נישט נאָכן אויפשטעלן די סטאַציע־בנינים און נאָך דער אַנטשטייאונג פונעם יישוב אַרום דער סטאַציע 6 ק"מ ווייט פון דער שטאָט (זייט 31—32).

...אין די יאָרן 1917 און 1918 האָט די שטאָט באַקומען אַן עלעקטרישע נעץ און אַ שאָסיי־פאַרבינדונג מיט כודעק. אין יאָר 1915 האָט די שטאָט געציילט 14.000 איינוווינער, דערין 6.000 יידן (ס'איז אָנצונעמען, אַז דאָ ווערט געמיינט פאַר דער עוואַקואַציע פון דער אלגעמיינער באַפעלקערונג צוליב די שלאַכטן ביי דער שטאָט ד. ה. אין לויף פון דעם ערשטן האַלב־יאָר. רעד.). צו דער שטאָט האָבן געהערט די יישובים: וויטשעכאָוויצע, אַנטאָניע, לאזי, ביאַלאַביעל, לענג, לאַזאַק און פּאָדזשעטשנא (זייט 32).

..אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען טעטיק געווען אין אָסטראָ־לענקע פאָלגנדיקע שולן: אַ 3־קלאַסישע שול פאַר פּוילישע

קינדער (2 לערער), 1 יידישע שול און אַן ערך 30 חדרים (זייט 34).

...אַ באַזונדער פּיל מיט טראַגישע געשעענישן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אָסטראָלענקע שטעלן מיט זיך פאַר די יאָרן 1939—45. די מלחמה און די דייטשישע אָקופּאַציע האָט געבראַכט פאַר דער שטאָט די אויסמאָרדונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, דעם חורבן פון גאַנצן האַנדלס־און באַדינונגס־אַפּאַראַט פון דער שטאָט, אַ טיילווייזע אויסזידלונג און רדיפות אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און די איינגלידערונג פון דער שטאָט אין די גרענעצן פון 3־טן רייך אונטערן נאָמען „שארפענוויזע".

דער גרעסטער טייל הייזער, וואָס האָבן פריער געדינט פאַר די צוועקן פון שול־וועזן און אינסטיטוציעס, ענג פאַרבונדענע מיטן פוילישן מלוכה־וועזן, זענען געוואָרן איבערגעבויט און פאַרוואַנדלט אין אינדוסטריעלע אָביעקטן. די הילצערנע הייזלעך, ווו ס'האָט פריער גענעסטיקט די אָרעמקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, זענען פאַרברענט געוואָרן און דער שטח צעפלינדערט. (זייט 38).

(„היסטאָרישע אורבאַניסטישע שטודיע צום פלאַן פונעם שטח — פאַרווירטשאַפטונג פון דער שטאָט אָסטראָלענקע" — באַאַרבעט דורך: מגר. לילאַ שווענגרוב, אַננאַ יאַקאָווסקאַ און אינזש. יאַנוש דראַבאַצקי, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר וויטאָלד דינאָווסקי).

פון פויליש: ר. פאלעווסקי



אויפן נייעם מאַרק

(אָריגינאַל פון א. קאַציזנע)

ח י י ה ע י ר

אוסטרולנקה מלפני מלחמת־העולם הראשונה ועד שנת 1939

שטאטיש לעבן

אסטראלענקע פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז 1939

א בליק אין דער שטאט

אָסטראָלענקע איז פֿאַר דעם ערשטן וועלט־קריג געווען אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון 13 ביז 14 טויזנט איינוווינער, בערך; יידן מיט קריסטן. איר דורכשניטלעכע צאָל יידישע תושבים, אָנהייבנדיק פון די יאָרן 1909־10, איז דערגאַנגען ביז צו 6 טויזנט און עטלעכע הונדערט נפשות, בערך *). אין די ערשטע יאָרן נאָכן 1־שטן וועלט־קריג, ווען אָסטראָלענקע איז נאָך צום מערסטן טייל געשטאַנען אין אירע חורבות (כאָטש שוין אַ קליין ביסל געווען צוריק אויפגעבויט) און אַ סך פון די איינוווינער זענען נאָך אויך נישט געהאַט צוריק געקומען פון דעם מלחמה־וואָגלדיקן פרעמד, — איז די אַלגעמיינע צאָל תושבים שטאַרק געפאַלן. מיט אַ צייט שפעטער, ווען אָסטראָלענקע איז שוין געווען פיל־מער אויפגעבויט און איר שטרעבן צו דערגיין צו איר פריערדיקן צושטאַנד איז וואָס אַמאָל געוואָרן שטאַרקער — איז די צאָל פון אירע תושבים, פאַרשטייט זיך, געשטיגן. אויפן סמך פון די לעצטע ציילונגען איז אָנצונעמען, אַז ביז צום יאָר 1939, אין וועלכן עס איז אויסגעבראָכן דער 2־טער וועלט־קריג, איז די יידישע באַפעלקערונג דאָרט דערגאַנגען ביז צו 5 טויזנט נפשות, בערך. ווי עס איז געווען אַרויסצוזען, איז אָסטראָלענקע צו איר אַמאָליקן בליענדיקן צושטאַנד שוין מער נישט דערגאַנגען.

דער טייך נאַרעוו מיט די פאָרטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אַרום אָסטראָלענקע האָבן געמאַכט די שטאָט פאַר אַ גאָר חשובן סטראַטעגישן פונקט אין צייטן פון אַ קריג. ביי די אָסטראָלענקער פאָרטן — ווו די פאָליאַקן פלעגן פייערן ווי אַ סימבאָל זייערע נאַציאָנאַלע יום־טובים — זענען טאַקע פאָרגעקומען די פאַרביסנסטע שלאַכטן און דאָרט דעצידירט געוואָרן, ווי: דער פוילישער אויפשטאַנד אין יאָר 1863 און אַנד. געאָגראַפיש האָט זיך אָסטראָלענקע געפונען ביי אַ הונדערט ק״מ צו מזרח פון וואַרשע און 36 ק״מ צו מערב פון לאָמזשע, וועלכע איז געווען ביי דער רוסישער הערשאַפט איר גובערניע־שטאָט.

אָסטראָלענקע איז געווען אַרומגערינגלט מיט פיל שטעט און שטעטלעך, פאַרשטעטלעך, דערפער און פריצישע הויפן, ווי: לאָמזשע, אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, רוזשאַן, גאָווראָווע, מניאַסקאָווע, טרושין, טשערווין, זשיקין, קאַצינעס, גראַבאָווע, דילעווע, אַנטאָניעס, אָלשעווע, קאַדזשידלע, מישיניץ, קאַרדאָווע, נאָזאָווע, זיראַנעס, צאַדיקערש, לאַזעק, לענטשיסק, וויטשעכאָוויצע און אַנד. די אַלע אויבנדערמאָנטע מקומות (חוץ לאָמזשע, אָסטראָוו־מאַז. און רוזשאַן), זענען אָרגאַניש געווען געבונדן מיט אָסטראָלענקע און געהערט אַלע יאָרן צו איר פאָוויאַט.

אָסטראָלענקע פאַרמאָגט אויך אין איר שכנות אַ סך וועלדער, ווי: טשאַרנאָווצער וואַלד (ביי אַ 8 ק״מ פון שטאָט), כידעקער וואַלד (אומגעפער די זעלבע שטרעקע), דילעווער און קאַדזשידלער וועלדער (ביי אַ 15 ק״מ פון שטאָט) און אַנד. זי האָט אויך 2 באַן־סטאַציעס: קאַצינעס (ביי אַ 5 ק״מ פון שטאָט), אַ הויפט־באַן־סטאַציע, וואָס פלעגט פירן קיין וואַרשע, ביאַליסטאָק און נאָך אַנדערע קלענערע און גרעסערע שטעט, און: גראַבאָווע — אַ „טאָוואַרנע” באַן־סטאַציע, וואָס האָט געפירט דורך זאַביעלע און נאָוויוויעש קיין כאָרזשעל: סחורות און אויך פאַסאַזשירן. אַ קליינע באַן (קאָלייקע), וואָס איז אַרויס פון אַ סטאַציע ביי די „פאָרטן”, האָט געפירט דורך לאַזעק, דילעווע, קאַדזשידלע און וואַכעס — קיין מישיניץ. די אַלע אויבנדערמאָנטע מקומות האָבן, פאַרשטייט זיך, חוץ געהאַנדלט מיט אָסטראָלענקע, אויך מיט איר געהאַט ענגע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען.

יעדן דינסטיק און פרייטיק איז געווען אין שטאָט אַ מאַרק־טאָג; יאַרידן — נאָר איין מאָל אין חודש: אום דינסטיק; יאָר־יאַרידן זענען געווען 4: אום מיטוואָך.

בדרך כלל האָט די שטאָט געלעבט פון מלאכה און קליין־האַנדל. קיין שום פאַבריקן אָדער פראָדוציר־וואַרשטאַטן זענען אין שטאָט נישט געווען, אויסער 2 מילן: איצל סאָיקעס מיל „מאָטאָר” (בשותפות מיט יאַנקל דוד לעשטש און מנחם טשאַפניקעוויטש) און קאָליינסקיס מיל אין אָלשאָווע (אַ וואַסער־מיל), אויך ביאַליס טאַרטאַק און נאָך קלענערע ווינט־מילן. אָסטראָלענקער יידן האָבן דאָס רוב געלעבט פון האַנדל־וואַנדל, קראָמען אויף קראָמען, הורטאָווניקעס, וואָס האָבן אַראָפגעבראַכט וואַגאָנען תבואה, זאַלץ, מעל, נאַפט פון רוסלאַנד און הויפזעכלעך האָט די שטאָט אין די צייטן פון רוס, געצויגן פרנסה פונעם מיליטער: 21־סטער מוראַמסקי־פאָלק און 22־סטער ניזשעגאָראָדסקי־פאָלק, וועלכע זענען איינגעשטאַנען אין בענעדאָנס קאַזאַרמעס, אויך אַ קאַוואַלעריע־

*) זע: „פרק על העיר ועל היהודים בה”, מ. צינוביץ.

פֿאָלק און אַ באַטאַליאָן סאַפּיאָרן, וועלכע האָבן קוואַרטירט אין דער ציגעלניע־וווֹיטשעכאָוויצע. און אַזוי אויך אין די צייטן פֿון די פּאָליאַקן האָבן דאָרט קוואַרטירט: דער 5־טער פֿאָלק אולאַנער, די 14־טע דיוויזיע שווערע אַרטילעריע און 22־טער פֿאָלק פּיעכאָטע. די סיבה דערצו: די נאָענטקייט פֿון דער דאָזיקער שטאָט צו דער פּרייסישער גרענעץ און זייענדיק אַ גאָר־חשובער סטראַטעגישער צווישן־פּונקט ביי די וועגן צווישן לאָמזשער־פּלאָצקער גובערניעס(נאָכהער: ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטוואָ) און די, וואָס פֿאַרצווייגן זיך צו דער הויפּט־שטאָט וואַרשע. אויך אין דער סביבה זענען געווען פֿיל ערטער, וועלכע זענען געווען באַזעצט מיט מיליטער.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן פֿון שטאָט האָט זיך קאָנצענטרירט, ווי געוויינלעך, אין צענטער, וועלכער איז געווען באַוווינט (צוזאַמען מיט די איבעריקע טיילן פֿון שטאָט) דורכאויס פֿון יידן. די נישט־יידישע געגנטן זענען געווען: אין לענטשיסק, טשאַרנאָווצע, באָראָווס, וווֹיטשעכאָוויצע און קאַצינעס. וווּ־נישט־וווּ האָבן געוווינט איינצעלנע קריסטלעכע משפּחות אויך אין סאַמע מיטן שטאָט. די גאַסן אינעם שטאָט־צענטער ווי: דער אַלטער מאַרק, לאָמזשער גאַס און אָסטראָווער שאָסיי, זענען אַממערסטן באַשטאַנען פֿון געמויערטע הייזער, חוץ די שול־גאַס, ציגיינסקע, נייער מאַרק, גאָוואַראָווער וועג א. אַנ. וועלכע זענען געווען פֿול געפּאַקט מיט הילצערנע בנינים און הייזקעס. זינט פּוילן האָט איבערגענומען די ממשלה, האָבן זיך שוין אין די דאָזיקע געגנטן באַוויזן פֿיל געמויערטע הייזער, וואָס זענען געוואָרן אויסגעבויט אויף די חורבות פֿון די פֿריערדיקע בנינים. די גאַסן האָבן מיט דער צייט אויך געענדערט זייערע פֿריערדיקע נעמען, ווי: די שול־גאַס — אויף קילינסקיעגאָ, די ציגיינסקי — אויף בערעק יאָסעלעוויטש, דער אַלטער מאַרק („סטאַרי רינעק״) — אויף טשעטשעגאָ מאַיאַ א. אַז. וו. די שטיינער פֿון די גאַסן זענען געווען קיילעכדיקע נישט־אַרומגעאַרבעטע. געווען אויך אין אָסטראָלענקע יידישע שטיינהעקער און גאַסן־ברוקירער, פֿון זיי: חיים נאָווינסקי, אברהם קוגל (פֿון די קאַנטאָניסטן, וועלכער האָט געאַרבעט אין דעם פֿאַך ביזן טיפֿן עלטער) א. אַנ.

די שפּאַציר־מקומות: אויפֿן לאָמזשער שאָסיי, וווּ עס איז אויך געווען דער שטאָט־גאָרטן, אַנטקעגן דער גרויסער טורמע; אויפֿן „פּלאַנט״, וואָס איז געווען אין בענעדאָנס ראַיאָן; הינטער דער בריק ביי די „פּאָרטן״, וווּ אָסטראָלענקער יוגנט האָט געשפּינט אירע יוגנט־חלומות...

אויפֿן אָסטראָווער שאָסיי איז געשטאַנען די רוסישע צערקווע, לעבן וועלכער עס האָבן זיך אויך געפֿונען יידישע הייזער, צווישן זיי — חיים אייזנבערגס הויז, בערל און הערשל גאַרדאַס (די ליאָדע מאַכערס) הייזער, מרדכי דעם בעקערס הויז א. אַנ. מיט אַ צייט שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט פֿון דער צערקווע אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולע. די געגנט פֿון דער צערקווע פֿלעגט פֿירן קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק און צו דער קאַצינער באַן־סטאַציע. אויף לענטשיסקער וועג איז געווען אַ „וואָדעטשאָנג״, פֿון וואַנען די שטאָט פֿלעגט נעמען וואַסער. פּלומפּן זענען געווען 2: איינער אויפֿן אַלטן מאַרק און דער 2־טער אויפֿן נייעם מאַרק, וווּ עס פֿלעגט אָנגיין דער טאָג־טעגלעכער האַנדל און גאַסן־פֿאַרקער אַפֿילו נישט אין קיין מאַרק־טאָג. אויך אויפֿן שול־הויף איז געווען אַ פּלומפּ אָדער אַ ברונעם. וואַסער־טרעגער פֿלעגן אַמאָל נעמען וואַסער פֿון די פּלומפּן און אַמאָל — פֿון טייך; ס׳רוב פֿלעגט די שטאָט נעמען וואַסער פֿון מאָטל מאַכליעס ברונעם, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט דעם גוטן טעם פֿון זיינע וואַסער...

די וואַסער־פֿירער זענען געווען: חיים איטשע, חיים שרייטער, בנימין דער הויכער א. אַנ. דער פֿיש־האַנדל איז געווען ביים נאַרעוו, ביי דער בריק, וווּ עס איז אָנגעגאַנגען דער טאָג־טעגלעכער פֿאַרקויף. ערב שבת אָדער יום־טוב פֿלעגט דער רעש פֿון די קונים און שטוב־באַלעבאָסטעס זיין אין לשער און זיך אויסמישן מיט די געשרייען פֿון די פֿישערס גופֿא. די פֿישער: פּייוול, כאַצקל, ראובן יצחק און שלמה דאָרפֿמאַן.

דער תבואה־מסחר האָט אין אָסטראָלענקע פֿאַרנומען נישט קיין קליינעם אָרט. דער האַנדל פֿלעגט פֿאָרקומען אויפֿן חזיר־מאַרק. די הויפּט־סוחרים פֿון תבואה זענען געווען: לייזער נאָוואָמינסקי, בערל זאַבלודאָוויטש, חיים דוד זאַמלסאָן, אברהם כאַצעק א. אַנ.

אויך דער מסחר מיט שניט־סחורה (מאַניפֿאַקטור) האָט פֿאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ. די גרויסע שניט־הורטאָווניקעס ווי אויך סוחרים פֿון ברייטערן און מיטלמעסיקן פֿאַרנעם זענען געווען ביז 1914: אברהם־נחום ליבערמאַן, כאַצקל קופּפּערמינץ, לייזער מינץ, נח קאַרלינסקי, נפֿתלי צבי עברי, סאָיקע, דערנאָך: יאָסל ליטווער, מענדל צוקער, משה בליאַכאָוויטש, מענדל געדאַנקען א. אַנ.

גרויסע און מיטלמעסיקערע סוחרים פֿון די קאָלאָניאַל געשעפֿטן (ביז צו 1914): משה שאַפּראַן, נחום טאָביאַש, שמעיה באָמאַש, אברהם מלינאַרזשעוויטש (אברהם גישעס), דערנאָך: חיים (אברהם־נחום ליבערמאַנס אַן איידעם), מנחם פֿרידמאַן, משה לייב סקראָבאַטש, הערשל שפּערלינג (בשותּפֿות מיט מ. פֿרידמאַן: נאַפֿט־בראַנזשע, זאַלץ א. אַנ.), דרעווקאָוויטש, לייבל שרעדני.

אויך דער מסחר מיט לעדער, אייזן און וויין איז אַ סך אָנגעגאַנגען אין שטאָט. די הויפּט־סוחרים מיט לעדער: מאָטל דער סקורניק, חיים עלעקס, משה נאָסקע און שלמה יאַבעק.

די גרויסע אייזן־סוחרים, פֿריער: גרשון מאַקאָווסקי, שמואל תּנחום, און שפּעטער: כאַצקל זילבערשטיין, מאָטל תּהילים, חיים שימאַן א. אַנ. די וויין־סוחרים: וועלוול כאַצעק, הערצקע האָלטאַרזש א. אַנ. די גרעסטע פֿאַרב־געשעפֿטן אין אָסטראָלענקע: מיכל סאַרניעוויטש, לייבל סקראָבאַטש און משה סאַרניעוויטש. דער אינהאָבער פֿונעם גרעסטן יוּוועליר־געשעפֿט אין שטאָט איז געווען נאָסקע יאַבעק. כדאַי צו באַמערקן, אַז אַ טייל פֿון די אויבנדערמאָנטע סוחרים, אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָבן זיך גערעכנט פֿון די פֿאַרמעגלעכסטע אין שטאָט.

צווישן די אַלע מסחרים אין שטאָט איז געווען נאָך אַ מין מסחר, וואָס האָט געהייסן: שפּיליטערעריי. דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס זענען געווען „אָנגעשטעלטע אויף גאָטס



אַלטער מאַרק, „רינעק" („3־גאָ מאַיאַ")



אָסטראָווער גאַס („11־גאָ ליסטאָפּאַדאַ")



דער מאַגיסטראַט (שטאָט־פאַרוואַלטונג)



לאָמזשער גאַס

באַראַט״, צו וועלכע קיינער האָט קיין שום פאַרפליכטונג נישט געהאַט... די דאָזיקע שפיליטערן פלעגן מאַכן באַשטעלינגען פון כל מיני סחורות פאַר סוחרים גרויסע אָדער פון מיטלקלאַס (די „קליינע פלעגן דאָס אַליין טאָן) אין די גרויסע סוחרישע שטעט ווי: וואַרשע, ביאַליסטאָק, לאָדזש, טאָמאַשאָוו און אַנדערע פאַבריק־שטעט, און דערפאַר באַקומען „פראָצענטער״ פאַר זייער טרחה, אי פון די פאַבריקאַנטן, אי פון די אָפנעמער. די שפיליטערן: יחיאל ראָזנבלום, אברהמל צאַלקא, מאַשע דער לערערקעס אַ זון א. אַנד., ווי אויך די קליינינטשקע סוחרימלעך, וואָס פלעגן טאָן די דאָזיקע מלאכה בכבודם ובעצמם, האָבן נישט ווייניק משפיע געווען אויף די „יאַזדעס״ פון די אָסטראָלענקער בעלי־עגלות און דראָשקאַרזשעס צו דער קאַצינער באַן־סטאַציע, וואָס פלעגן פירן צו די אַלע אויבנדערמאָנטע שטעט און פאַבריק־ערטער... מען פלעגט גאַנץ אָפט פאָרן אַהין און צוריק.

ווער האָט נישט געקענט די דאָזיקע בעלי־עגלות? געווען איז אַ טירעק, אַ חיים גרעגער, אַ יאָסל פאַנדרי, אַ מאָטל יקרות, געווען אַ איטשע־מאיר, וואָס אַזוי ווי ער פלעגט נישט וועלן פאָרן צו דער קאַצינער באַן־סטאַציע ווייניקער ווי מיט אַ „מנין״ איז ביז ער האָט צונויפגעקליבן דעם מנין פלעגט ער טאַקע גאַנץ אָפט דעם צוג פאַרשפעטיקן... און נאָך און נאָך אַנדערע. און שפעטער טאַקע, ווען עס זענען אויפגעקומען די אויטאָמאָבילן, זענען די דראָשקאַרזשעס אַביסל „אַראָפ״ פון זייער „יחוס״. כאָטש אין אַ סך פאַלן איז די בענקשאַפט צו דער דראָזשקע נאָך געווען גאַנץ גרויס. אָט איז דער אויטאָמאָביל מיטן שטענדיקן שטינקענדיקן בענזין־ריח און מיט די פאַסאַזשירן, געפאַקט ווי „די הערינג״ און אָט איז די דראָזשקע מיט די שטילע גומענע רעדער, דו פילסט זיך בעת דער נסיעה „מעשה־פריץ״. פערד מיט „ברילן״, אויסגעקאַמטע, פאַריסענע מיט גאווה „פאַטשן״־צו מיט זייערע פאָדקאָוועס צום טאַקט... פילסט, אַז דו פאָרסט נישט, נאָר דו שוועבסט.

די נאָענטקייט פון אָסטראָלענקע צו דער מזרח־דייטשישער גרענעץ האָט גורם געווען, אַז אָסטראָלענקע זאָל דינען אַלס אַ צווישן־פונקט פון האַנדל אויפן געביט פון עקספאָרט, כאָטש נישט אין קיין אָפיציעלער פאָרם, און איצט: די גרויסע יאַרידן אין שטאָט, וואָס פלעגן צוציען פיל יידישע סוחרים פון נאָענט און ווייט, אפילו פון קאָלניע, גראַיעווע, שטוטשין, יעדוואַבנע א. אַז. וו. זייענדיק, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַ זייער וויכטיקער סטראַטעגישער פונקט אין צייטן פון אַ קריג, — איז זי אַלעמאָל חרוב געוואָרן, אָבער דערנאָך זיך צוריק אויפגעבויט. דעריבער פלעגט זי שטענדיק מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ניי אויפגעבויטער, זויבערער שטאָט. די באַפעלקערונג, וואָס האָט זי געמוזט פאַרלאָזן ביי יעדן אויסגעבראָכענעם קריג, פלעגט נאָך שווערע וואָגלענישן און ליידן זיך צוריקקערן און אויפבויען זי מיט נאָך מער חן און גלאַנץ. בלייבן פלעגן נאָר — ווי אַ זכר לחורבן — אייניקע אַלטע הייזקעס ווי בענעדאָנס קאַזאַרמעס און נאָך אַ פאָר שטיבלעך וואו־נישט־ווו. דער גרעסטער טייל פון שטאָט איז געוואָרן פונסניי געבויט. כדאי צו באַמערקן, אַז איינע פון די שווער־חרוב־געוואָרענע ערטער, וואָס איז שוין מער צוריק נישט אויפגעבויט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען די גרויסע שול. געבליבן איז פון איר נאָר אַ סקעלעט פון ציגל, ווענט און זיילן. פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט די אָסטראָלענקער שול געהאַט אַ שם מיט איר פרעכטיקן געבוי. פון שבת צו שבת פלעגט מען דאָרט דאַווענען. דאַקעגן אין גרויסן בית־המדרש, וואָס איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן, פלעגט מען דאַווענען יעדן טאָג. כאָטש די „פני״ פון שטאָט פלעגט דאַווענען נאָר אין בית המדרש, דאָך פלעגט די שול מיט איר פראַכט אַרויפוואַרפן אַ מין באַזונדערע קדושה אויף יעדן איינעם, און אין די נעכט — אויך אַ פחד.

אין דער שול האָבן געדאַוונט על־פי־רוב „עמך״־יידן, מענטשן פון פאָלק. געווען צווישן זיי טייערע האַרציקע יידן, ווי אויך באַקאַנטע כלל־טוער, אפילו לומדים און יודעי־ספר. איך וויל דאָ אויסרעכענען אַ געוויסן טייל פון די דאָרטיקע שטענדיקע מתפללים, עס זאָל אויך דינען אַלס אַ ליכטיקן זכר פאַר זייערע נשמות, קדושים ווי נפטרים: ראובן יצחק דאָרפמאַן, בערל גארדא (ליאַדע־מאַכער), אשר גאָלדפאַרב, חיים בער דער שוחט, שמואל משה קרימקעוויטש, יעקב קרימקעוויטש, מענדל קרימקעוויטש, מלין (אייזנקרעמער), יוסף מייראַן, יוסף דיסקאנד, חיים אייזנבערג (ליאַדע־מאַכער), אהרן יעקב מאַרגאָליעס, וועלוול בענעדאָן, בערטשע בענעדאָן, אייזיק בענעדאָן, כאַצקל גילדא, כאַצקל רוזשאַן, פייוול פינקלשטיין, ראמבאקין, לייבקע לייזער אייזנשטיין, איטשע לייזער, פסח האָכבערג, חיים נאַדבאָרני (אַ קצב), יהודה נאַדבאָרני, יצחק גרינשפאַן, יוסף מאַרגאָליעס, יצחק מאַרגאָליעס, אשר זלמן באָלדיגע, ישראל פיש (שניידער), יצחק אייזיק שמואלעוויטש, צמח דער מאַליאַר, יצחק יהודה נאַדבאָרני, וועלוול כמיעל, מאיר כמיעל, ישראלקע כמיעל, אייזיק אייזנבערג, ישראלקע אייזנבערג, חיים זרח (זייגער־מאַכער), אפרים כמיעל, שלמה פערלא, משה דוד צאַלקא, משה רובינשטיין, יחזקאל קופפערמינץ, יעקב וועלוול ראָזנבלום און אַנד.

(זייער קשה׳דיק און אומפאַרשטענדלעך איז דער פאַקט, וואָס צווישן די נייע צוריק אויפגעבויטע רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע בנינים נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, איז די שול־געביידע, כמעט די איינציקע, געבליבן חרוב ומוחרב ווי געווען? פאַר וואָס?! — —).

ווי אויבן געזאָגט, איז אָסטראָלענקע געווען כמעט אַ ריין יידישע שטאָט. קריסטן אויף די אָסטראָלענקער גאַסן, האָט מען נאָר געקאָנט זען אין אַ מאַרק־טאָג אָדער אַ זונטיק אָדער אַזוי אין אַ חגא־טאָג, ווען זיי פלעגן קומען אין קלויסטער אַריין. אויסער די טעג, האָט אָסטראָלענקע אויסגעזען ווי אַ גרויסע יידישע משפחה. די קריסטן וואָס האָבן זיך יאָ געפונען אין שטאָט, זענען געווען די אָנגעשטעלטע פון מאַגיסטראַט אָדער פאָוויאַט, באַאַמטע וואָס האָבן געוווינט אויסערן שטאָט. אָסטראָלענקע איז אויך נישט געווען פון די רייכע שטעט, ווייל זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין נאַטירלעכע רייכטימער. די דאָרטיקע גבירים זענען געווען איבערצוציילן אויף די פינגער. טראָצדעם האָט די שטאָט אַליין מיט אירע אייגענע



פערסאָנאַל פון דער ביר און סאָדע־פאַבריק:
פון רעכטס: שרה זוסמאַן, י. ד. גרינבערג, משה אהרן סאָיקע, ב״צ פיאַנקא, פרל. פיאַנקא, חנהטשע כמיעל, שלמה זוסמאַן



אַ גרופּע אַרבעטער ביי דער ביר־און סאָדע־פאַבריק פון די אינהאַבער: שטערן—זוסמאַן—פיאַנקא



אַ גרופּע אָסטראָלענקער ביים קאָמוניקאַציע־אויטאָבוס „אָסטר.—וואַרשע״ מיט זיין אינהאַבער: הערצקע גערצעק (דער־5טער פון רעכטס, שטייענדיק)

כוחות אויסגעהאַלטן אַלע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך אין איר געפונען.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט די יידישע באַפעלקערונג געצויגן איר פרנסה, צום גרעסטן טייל, פון האַנטווערק און קליין־מסחר. אין די דינסטיקדיקע און פרייטיקדיקע מאַרק־טעג, פלעגן די מאַרק־שטייער אויסשפרייטן זייערע סחורות אויף די טישלעך און אויסנוצן די קאָניעקטור פון דעם טאָג. קריסטן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן ברענגען אין שטאָט אַריין זייערע אייגענע פראָדוקטן, ווי: פוטער, אייער, עופות און פאַרשידענע גרינסן. ווי נאָר זיי פלעגן אויסברענגען זייערע סחורות, פלעגן זיי זיך באַלד אַ נעם טאָן איינקויפן ביי די קרעמער אַלץ וואָס איז זיי געווען נויטיק. אויסער די קליין־הענדלער, זענען אויך געווען פאַרשידענע פאַכלייט, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן געברויך פון די איינוווינער אין שטאָט און פון דער סביבה.

אָסטראָלענקע איז בדרך כלל געווען אַ שטילע רואיקע שטאָט. אין אַ יאַריד אָדער מאַרק־טאָג, ווען דער פדיון האָט „געברענט”, האָט די שטאָט אויסגעזען אימפולסיווער און די שטילקייט פון שטעטל פלעגט ערגעץ־ווו אָפטרעטן... דער הויפט־געוויש פלעגט זיין אויפן „חזיר”־מאַרק. יידן מיט קריסטן זענען דעמאָלט געווען אויסגעמישט. דער פלעגט קויפן ביי דעם און יענער פלעגט נעמען און צאָלן ביי יענעם. די קולות פלעגן אַלץ און אַלעמען פאַרשרייען. אויפן חזיר־מאַרק פלעגט דאָס זיין ווי אַן אויסשטעלונג. אין דער ערשטער ריי: די גוים מיט די סטראַגאַנעס און זייערע שפילצייגן מיט די „מאַטקע באָסקעס”. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך געצויגן אַ שורה מיט ערדענע און בלעכענע טעפלעך, וואַזאָנעס א. אַז. וו. דערנאָך: טישלעך מיט טיכלעך, זאָקן און פאַרשידענע גאַלאַנטעריע פון יידישע סטראַגאַנעס. דערנאָך: שניט. שניידער מיט שטעלן פון טאַנדייט האָבן זיך געצויגן אין שורות ווי אַן אַלעע פון ביידע זייטן. יעדער האָט געהאַט זיין פלאַץ מיט זיינע סחורות. נאָך זיי זענען געקומען די שוסטערס; איין ריי — יידישע, און די צווייטע — קריסטלעכע. דערנאָך זענען געקומען די סטראַגאַנעס מיט די פרישע ברויטן. דערנאָך: די שטריק־מאַכער מיט די רימאַרעס. אַלץ אין טאָפעלע רייען. נאָך דעם אַלעם — גויישע פורן מיט חזירים, קי, בהמות, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז צו דער „שקאָלע זשעמיסניטשע”, די פייערלעשער־סאָפּע און בענעדאָנס הויף, וואָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

פון תמיד־אָן איז דער הויפט־האַנדל אין אָסטראָלענקע, ווי אומעטום, געלעגן נאָר אין יידישע הענט. דער נישט־ייד איז ס׳רוב געווען דער קונה און אָפנעמער. אין דער תקופה וואָס צווישן ביידע וועלט מלחמות, איבערהויפט, ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די הערשאַפט איבער זייער לאַנד, און בעיקר אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסבראָך פון דעם 2־טן וועלט־קריג — האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן וואָס מער און מער קריסטלעכע סוחרים מיט גרויסע געשעפטן. די פּאָליאַקן האָבן אונטער אַנטיסעמיטישע לאָזונגען אָנגעהויבן אַרויסצושטויסן דעם ייד פון זיין איינציקן אָנהאַלט אין דעם גלותדיקן פוילן, פון האַנדל. וואָס נענטער מ׳איז געשטאַ־נען צום אויסבראָך פון קריג, אַלץ ערנסטער איז די לאַגע געוואָרן. דער באַקאַנטער פוילישער „סוואָי־דאָ־סוועגאָ”, האָט אָנגענומען דראָענדיקע פאָרמען, און נישט איינמאָל געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות און אפילו ממשותדיקע קרבנות. אַ שרעקלעכע קאָנקורענץ איז אָנגעגאַנגען אויפן דאָזיקן געביט, נישט אַזוי מיט די ביליקערע פרייזן ווי מיט דער בלוטיקער אַנטיסעמיטישער העצע.

די אימה וואָס איז געהאַנגען אויפן יידישן האָריזאָנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט! אָפּגעמעקט האָט דער נאַצי־טייוול דאָס יידישע לעבן פון אָסטראָלענקע צוזאַמען מיטן יידישן לעבן פון אַלע אַנדערע שטעט אין פוילן.


י. ע.

* * *

— — — „אַ גרויס קאַפּיטל אַנטהאַלט דאָס אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די אָסטראָלענקער יידן. די שטאָט האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין רייכע. ס׳רוב תושבים זענען געווען בעלי־מלאכות (בעיקר: שניידער, שוסטער, היטלמאַכער און קצבים) אָדער קליין־הענדלער און קרעמער. זיי פלעגן ברענגען זייערע סחורות אויף די יאַרידים אין אַלע דערפער און נאָענטע שטעטלעך אַרום, כאָטש עס פלעגט שמעקן מיט סכנות־נפשות אויף די וועגן. נישט איינמאָל פלעגן זיי באַפאַלן ווערן פון רויבער און צעיושעטע פויערים, וואָס פלעגן צונעמען זייערע סחורות און זיי שלאָגן ביז בלוט. ס׳פלעגן אויך אפילו זיין מאָרד־פאַלן. אָבער די יידן האָבן נישט געקאָנט מוותר זיין אויף דעם מקור פון זייערע פרנסות. געווען אויך אין שטאָט סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די גרויסע שטעט און פלעגן שיקן זייערע סחורות אויך אין אַנדערע לענדער. דאָס זענען געווען די אינהאָבער פון די מילן, טאַרטאַקן, פעל־הענדלער, שמאַטניקעס און אייזן־סוחרים. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין תבואה־סוחרים, וועלכע פלעגן שטיין אויף די שאָסייען און אָפּוואַרטן די פויערים וואָס פלעגן ברענגען זייערע סחורות פון די דערפער. די קאָנקורענץ איז געווען גרויס און די פרנסה — קליין. אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער שטאָט איז געווען אַנטוויקלט אויף אַ געוויסער מאָס. די יידישע קהילה, וואָס אין איר זענען געווען פאַרטרעטן פאָרשטייער פון אַלע שיכטן אין דער שטאָט, אין דער לעצטער צייט אויך פון „בונד”, האָט געזאָרגט פאַר די רעליגיעזע באַדאַרפענישן, האָט געהאַלטן אַ רב, 2 דיינים, 3 שוחטים, געזאָרגט פאַר די אָרימע און פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן ביי די דאָרטיקע מאַכטהאָבער. יידישע פאָרשטייער זענען אויך געזעסן אין שטאָטראַט (מאַגיסטראַט) און געווען אָנגענומען ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. נאָר דאָס איז געווען דאָס רוב אָפּהענגיק פון דעם סטאַראָסטע, וואָס איז געווען דער מושל פון שטאָט. און דווקא אין די לעצטע יאָרן האָט דער סטאַראָסטע אָנגענומען אַ לאָיאַלע שטעלונג לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. די קהילה־פּרעזעס: משה אהרן קאַטשיאָר, חיים פּינחס גינגאָלד, משה מאַרגאָליעס און לעצטנס מענדל געדאַנקען זענען געווען איבערגעגעבן צו דער שטאָט און געזאָרגט פאַר די יידישע אינטערעסן.



אַ גרופּע אָסטראָלענקער אויפן אייזערנעם בריק



(1915־16): אַ הויז אין עק אַלטן מאַרק, אין דער ריכטונג צו דער שול־גאַס (קילינסקעגאָ), חרוב געוואָרן אין דעם ערשטן וועלט־קריג צוזאַמען מיט דעם גרעסטן טייל הייזער פון דער שטאָט.



(1934): דאָס אויבנאָנגעוויזן הויז, ווידעראויפגעבויט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, לעבן דער שטוב פערזאָנען פון די משפחות פרידמאַן־לאַכאָווער, צווישן זיי — די שריפטשטעלערין דבורה לאַכאָווער ז״ל, (די 2־טע פון רעכטס; נפטר געוואָרן אין ישראל).

פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וועל איך דערמאָנען נאָר 2, וואָס זענען געווען פון אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג: „לינת־הצדק” און די יידישע באַנק. די חברה „לינת הצדק” האָט זיך דערהויפּט פאַרנומען מיט דערלאַנגען מעדיצינישע הילף פאַר די אָרימע קראַנקע. די הילף איז געגעבן געוואָרן אין פאָרם פון מעדיצינישע מכשירים און באַזוכן פון דאָקטוירים. די „לינת הצדק”־חברים פלעגן באַזוכן דעם חולה, זיך מיט אים מטפל זיין און זאָרגן פאַר זיין פולשטענדיקע דערהאָלונג. דער ראש פון דער דאָזיקער חברה, יצחק ראָזאַנאָוויטש, האָט געאַרבעט מיט גרויס מסירות. ער האָט מצליח געווען אַוועקצושטעלן דעם „לינת־הצדק” אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע פון אַ הויכער מדרגה.

די יידישע באַנק, איז געגרינדעט געוואָרן אייניקע יאָר נאָכן ערשטן וועלט־קריג, אַ דאַנק די פּערזענלעכע באַמיאונגען פון אַנשל לעוו. ער פלעגט אַרומגיין פון שטוב צו שטוב און „פאַנגען הערצער” פאַרן דאָזיקן געדאַנק. דעם ווערט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט מען דערפילט ערשט דעמאָלט, ווען די צאָל פון די מיטגלידער האָבן זיך פאַרגרעסערט און מ'האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. הונדערטער מענטשן האָבן גענאָסן פון קאָנסטרוקטיווע הלוואות און אַריינגעטראָגן זייערע אָפּשפּאָרונגען אין דער באַנק. מיין פאָטער אפרים ז"ל האָט זייער פיל כוחות אַריינגעלייגט אין גרינדונג און אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַנק, זייענדיק איר פאַראַנטוואָרטלעכער פירער. די לעצטע יאָרן האָט געפירט די ענינים פון דער באַנק נאָסקע יאַבעק, וועלכער האָט געוווּנען דעם פּילן צוטרוי פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט פאַרגרעסערט דעם אומזאַץ־קאַפּיטאַל פון דער באַנק ווי אויך די צאָל פון די הלוואות. פיל קרעמער און אינהאָבער פון פאַבריקלעך האָבן געקאָנט מער־ווייניקער עקזיסטירן אַ דאַנק דער ממשותדיקער הילף, וואָס איז זיי דערלאַנגט געוואָרן דורך דער באַנק. פיל, וואָס האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם „ניסיון” ביי זייערע פרנסות צוליב די שווערע שטייערן, וואָס זענען אין יענער צייט אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן, זענען ממש ניצול געוואָרן פון הונגער.

(וועגן די אַלע אַנדערע שטאָט־אינסטיטוציעס, יידישע אַנשטאַלטן, פּאַרטייען, קלובן א. אַז. וו. ווי אויך איבער דעם דעם אַלגעמיינעם קולטורעלן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער אָסטראָלענקער יידישער באַפעלקערונג קומען אין בוך באַזונדערע קאַפּיטלען).

צוזאַמען מיט דער פאַרשטאַרקטער עליה קיין א"י, האָט זיך אויך געשטאַרקט דער אינטערעס צום ציוניזם. פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן איינע נאָך די אַנדערע מיטן ציל עולה צו זיין. דער ייד האָט געוואָלט אַנטלויפן. אין דער לופט האָט זיך שוין געשפּירט מלחמה, די שנאה צום ייד איז געוואָרן שטאַרקער. די פרנסות זענען געוואָרן „אָפּגעהאַקט”, דער פּרעס פון די שטייערן איז געוואָרן אומדערטרעגלעכער און די איינציקע רעטונג האָט אויסגעזען צו זיין: ארץ־ישראל.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך דער שטאָטישער לעבנסשטייגער אינגאַנצן געענדערט. אַ ראַדיקאַלע ענדערונג איז אַריינגעקומען אין די אָנשויאונגען פון די מענטשן. די וואַכזאַמקייט צו ציון איז געוואַקסן. די יוגנט האָט געפילט ווי די ערד ברענט אונטער אירע פיס און געפּרוווט זיך זוכן אַ מקום־מקלט. פון דער אַנדערער זייט, זענען די פאַרבינדונגען מיט דער היימשטאָט געווען צו שטאַרק און צו פעסט, אַז מ'זאָל זיין בכוח אַרויסצוואַנדערן אין גרויסע מאַסן, אויסער דעם האָבן פיל פון די וואָס האָבן געוואָלט עמיגרירן, נישט געהאַט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן דערצו. די קאַטאַסטראָפע איז געקומען אומגעריכט און האָט פאַרשוואָנקען מיט אַ שטראָם פון פייער און בלוט אַלץ, אַלץ. דער יידישער יישוב איז חרוב געוואָרן און אַלע זיינע זין פאַרטיליקט און צעשטויבט אויף אַש. נאָר געציילטע אויף די פינגער זענען ניצול געוואָרן.


ווי דערשיטערטע אבלים שטייען מיר היינט און מאַכן דעם חשבון פון אונדזער בראָך. אַלע אָן אויסנאַם זענען מיר פאַריתומט געוואָרן; עס זענען אונדז פאַרלוירן געגאַנגען עלטערן, ברידער, שוועסטער, קרובים, פריינט און באַקאַנטע. די טייערסטע, די נאָענטסטע. מיר דערוואַרטן זיי שוין נישט מער... מיר ווייסן נישט אפילו זייערע קברים. דאָס דאָזיקע יודנטום איז אָפּגעמעקט געוואָרן און מיט זיי זענען אומגעקומען אַ סך פון אונדזערע נאַציאָנאַלע האָפענונגען, אויסזיכטן און שטרעבונגען.

די יידישע אָסטראָלענקע עקזיסטירט שוין נישט מער”.

(אויסצוג פון קומענדיקן אַרטיקל „בין שתי מלחמות” פון ח. חמיאל. יידיש: י. ע.).



קאַפּל „ניעראַזגאַוואָרעוואַי״...
(זע: אָסטר. שטייגער)
געצייכנט: י. חמיאל



אַן אַלטער גאַסן־ברוקירער אין אָסטראָלענקע
(אָריגינאַל פון אַלטער קאַציזנע)



אַ וואַסער־פירער
חיים שרייטערס זון
(זע: „אָסטר. שטייגער״)



הינטערן גרויסן בית־מדרש (אָריגינאַל פון אַלטער קאַציזנע)

חיים חמיאל, ירושלים

בין שתי מלחמות

בהשכלתה, לשונה ואורח חייה, נחשבת אוסטרולנקה כעומדת על הגבול בין פולין וליטה. היא היתה נתונה תמיד להשפעת לומז׳ה וביאליסטוק מצד אחד, ולהשפעת וורשה־פולטוסק מצד שני. דבר זה התבלט כבר במבטא היידיש. המבטא האוסטרולנקאי הטיפוסי היה בליל של שתי ההברות — הליטאית והפולנית כאחת. השורוק נהפך לחיריק, אך הקמץ לא בוטא כשורוק, ולא הצירה — כפתח. חסרה, אמנם, ליידיש האוסטרולנקאית אותה רכות שהורגשה במבטא הביאליסטוקאי (ז׳, ב׳ וכדומה).

גם בחיי הרוח הושפעה אוסטרולנקה מהלמדנות הליטאית ומרוח „המתנגדים״ וגם מהרוח החסידית אשר הלכה והתבצרה במשך הזמן יותר ויותר. רוב החסידים הצעירים חדרו לשם מן החוץ — כחתנים וכסוחרים. הם התלקטו בעיקר מן העיירות הסמוכות, סחרו, נשאו ונתנו באמונה ועבדו את ה׳ לפי דרכם.

„חברה תורה״

החברה הוותיקה ביותר בעיר, היתה ה„חברה־תורה״. בראשונה ניהלה החברה את עניניה בביתו של ר׳ מוטל חמיאל (כמיעל) סבי ז״ל, בביתו של ר׳ יעקב בישקו, אולם במשך הזמן הקימה החברה בית־כנסת נהדר משלה. מורה ורבה היה ר׳ משה נתן טייטלבוים, יהודי תקיף וירא שמים. הוא היה מלמד את ה„אלשיך״ לאנשי החברה ביום השבת, ובכל ימות השבוע קרא לפניהם שיעורים בתורה ובמשנה. ב„חברת תורה״ התרכזו תושבי אוסטרולנקה הוותיקים. רובם בעלי מלאכה פשוטים וסוחרים זעירים, אשר היו מתכנסים בערב, אחרי יום־עבודה מפרך, לבית־הכנסת, כדי לתת לנפש את שלה. שלושה חגים היתה חברה זו חוגגת ברוב פאר. א) ז׳ אדר — יום פטירתו של משה רבנו ע״ה, החברה ראתה לעצמה חובה קדושה לעסוק ביום הזיכרון של נותן התורה, בעניני קודש. ביום זה היו כל אנשי ה„חברה תורה״ משתחררים מעסקיהם ומתכנסים לביתו של הגבאי הראשון (שלושה גבאים היו לחברה — ושנים רבות שימש כגבאי ראשון אברהם פיאסאֶצ׳ני). רובו של אותו יום היה מוקדש ללימוד, ולבסוף היו עורכים סעודת־מצוה; ב) שבת פרשת יתרו, שבה קוראים את מעמד הר סיני. כל החברים היו נקראים לעלות לתורה והיו נודרים לטובת בית־הכנסת. גם קידושא רבא נערך באותה שבת כדת וכדין; ג) שמחת תורה. חג זה היה נחוג בהתלהבות מיוחדת. מיד אחר יום־הכיפורים היו הגבאים פושטים בעיירה ובסביבה לחפש תפוחים מן הסוג המשובח ביותר והגדול ביותר. ערב שמחת־תורה היו מסיימים את התורה, הרבי היה דורש מעניינא דיומא, ואז הועלו התפוחים האדומים על השולחן. חבית בירה גדולה נפתחה, לחדוות הפרחחים שהתרפקו עליה, וכוסות בירה גדולות חולקו לקהל.

החברה פיתחה גם פעולה ציבורית בין חבריה ויצרה קופת־עזרה לנצרכים. הניגונים הישנים היו מנת חלקם של מתפללי בית־כנסת זה. ניגוניהם עברו להם בירושה מאת אבותיהם ונתקדשו במסורת. בזה הצטיין במיוחד ר׳ יעקב בישקו, אשר אמר את הפזמונים בתפילת הימים הנוראים בחן, בלבביות, ברוך ובתום. הוא עדיין עבר לפני התיבה בהיותו קרוב למאה וקולו היה כקול הזמיר, בשפכו שיחו לפני קונו. בבית־הכנסת הגדול עבר לפני התיבה ר׳ חיים באֶרל השוחט, אשר קולו היה עז וקהל משוררים עמד לצדו. ר׳ יעקב בישקו לא גרס את הנגינה החסידית וכל תפילתו לא היתה אלא רחמים ותחנונים, אך, ר׳ חיים באֶרל, שהיה חסיד, היה מתאים לפזמונים את ניגוני מודז׳יץ, גור ואחרים. מרכז הניגונים היה אחר־כך בית החסידים של גור. הסוחרים, המגידים, עוברי־אורח ושליחים היו מביאים אתם ניגון חדש. אבי, אשר לא היה חסיד ונמנה עם חברי ה„מזרחי״, היה לוקח אותי אל החסידים לשמוע את ניגוניהם והיה לומדם אחר־כך ממני. בשנים האחרונות היה ידוע יעקב דאנציקר בקולו הערב ובכשרונו להרכיב קומפוזיציות שונות. תפילתו היתה ערבה; הוא הושפע מאוד מהשו״ב במישיניאֶץ הסמוכה לאוסטרולנקה, שחיבר ניגונים משלו, בהם היה מהעליצות הקלה — „הקורפית״ (על שם אנשי המקום — הקורפים) ומהשתפכות הנפש המודז׳יצאית.

חברות אחרות היו באוסטרולנקה, אשר עסקו בלימוד התורה, משנה, גמרא ושולחן־ערוך. אלה קיימו את חייהם הציבוריים בצוותא, והיו מושיטים עזרה לחבריהם בשעת הצורך. בחדרי בית־הספר „תלמוד תורה״ התרכזו פעולותיהם. שם דנו ביניהם לבין עצמם בכל עניני העיר, השמיעו את מחאתם נגד התקיפים, שוחחו על חינוך הבנים, ועל הציונות המצודדת לבבות. מקום לשיחות־חולין בענייני עולם ומלואו היה גם ה„קהל שטיבל״ — הוא בית־הקהל על־יד בית־הכנסת הגדול, שבנינו הושלם אחר המלחמה הקודמת. קהל רב היה נדחק לתוך בית־הקהל בין מנחה למעריב ובייחוד בערבי־החורף. בדוחק הרב נשמעו שיחות, ויכוחים ודיונים שקולותיהם התערבבו עם קולות המתפללים ואומרי קדיש. בשנים האחרונות זכתה אוסטרולנקה למגיד משלה — ברבטלר —



די דערעפנונג פון דער יידישער פאָלקס־קיך אין י. 1917. פון רעכטס: משה מרגליות, יצחק ראַפּפּאָרט, דימענטשטיין, דייטשער בירגער־מייסטער, הרב בורשטיין, וויצע־בירגערמייס־טער, מ. א. קאַטשאָר, מנחם פרידמאַן, די 2 מורה־הוראהעס: שלמה ירמיה גרינבערג און יעקב שלמה פיזמאן, איצל סאָיקע, וועלול בענעדאָן, וועלול כאַצעק.



די פאָלקס־קיך מיט אירע טעטיקע
(עס זיצט אינדערמיט: יצחק ראַפּפּאָרט)



די פאָלקס־קיך מיט פסח האָכבערג
(שטייט ביים טישל)

אשר היה מבעלי־המוסר הנובהרודוקאים והיה שוקד על טובת העניים ודואג לטהרת המשפחה.

החסידים היו מתכנסים בשטיבלעך שלהם. היו בעיר חסידי גור, אלכסנדר, וורקה ואַמשינוב. ניכרת ביותר היתה השפעת חסידי גור, אשר נקטו עמדה מסוימת בכל השאלות הציבוריות והפוליטיות. סביבם התרכזה אחר־כך גם פעולת „אגודת ישראל", „בית־יעקב" וכו'. רב העיר ר' יצחק בורשטיין לא נמנה עם קהל החסידים ודעתו לא עלתה תמיד יפה עם דעת חסידי גור, אשר פעלו גם לפי הוראות הרבי (ענין ציוויאק השוחט, העמדה כלפי הקרן הקיימת ועוד).

ה„חדר מתוקן" — „יבנה"

ההתעוררות הציונית התקדמה באיטיות. בראשונה היה מספר הציונים בעיר מועט עד שלא יכלו להבדיל בין ציוני כללי ל„מזרחי". כולם היו יהודים חרדים וכולם פעלו לטובת ציון. לארגון החיים הציוניים בעיר גרמה, במידה רבה, פתיחת בית־הספר העברי „חדר מתוקן", אשר נקרא בהמשך השנים בשם „יבנה". מלבד כמה חדרים פרטיים, היה קיים בעיר „תלמוד־תורה". היה נסיון לאחד את המלמדים הטובים שבעיר למסגרת אחת. אך החינוך שניתן בבית־ספר זה לא היה לפי רוח אנשי ההשכלה בעיר אשר למדו עברית בצעירותם ועברו למחנה הציונים. לפני כשלושים וחמש שנה התאספה, איפוא, קבוצת הורים והחליטה לפתוח בית־ספר עברי „מודרני", שילמדו בו לפי כללי הפדגוגיקה החדשה. לשם כך הובא מוויצ'יאַכוֹוויצאָ — מקום חניית הצבא הפולני שבסביבה — המורה זלמן חנוך גברז'לצ'ני, אשר ייסד את ה„חדר המתוקן". קבוצה קטנה של נערים למדה אצלו עברית, תפילה, תורה עם פירוש רש"י ודינים. בראש בית־הספר עמד ועד הורים, אשר דאג להוצאות, השיג חדר בתוך ה„תלמוד תורה" למרות ההפרעות מצד החסידים והחרדים המתנגדים לציונות.



ביה"ס „יבנה". בין התלמידים יושבים באמצע מורי בית הספר; מימין: יעקב פילר, גדליהו רוזנבוים, חנוך זלמן גורז'לצני וד"ר חיים חמיאל (כעת בישראל)

אבי ניהל את הצד הכלכלי של בית־הספר, ודאג שהלימודים יעמדו על רמה גבוהה. כל שבת היה בא לבית־הספר — לפעמים עם פמליה שלמה — כדי לתהות על קנקן התלמידים. לפעמים בא גם הרב והיה נוכח לדעת כי הלימודים מתנהלים על טהרת היהדות וכי התלמידים מצטיינים ברוחב ידיעותיהם ובהתנהגותם.

„החדר המתוקן" נאבק קשה על קיומו. התקיפוהו מכל צד, פעם סגרו את הדלתות על מנעול והיה צורך להשתמש בכוח כדי לפתחו; פעם התפרץ המגיד האוסטרולנקאי לתוך ה„קהל־שטיבל" והפסיק את המתפללים בזעקה: „ג'וואַלט אידן עס ברענט... עברית עליך ישראל!" לאט לאט הצליח בית־הספר להתבסס, למרות כל המכשולים; נוסף לו חדר והועמד אחר־כך על שלושה חדרים בתוך בנין ה„תלמוד־תורה". כמורה לעברית לתלמידים מתקדמים נתקבל יעקב פילר. מורה זה, שחלק גדול מן הנוער למד אצלו עברית, עסק במכירת עופות וביצים ועם זה נתן שיעורים בעברית.

היה קפדן ורגזן והתהלך עם תלמידיו בקרי; היה גם סמל ודוגמה באהבתו התמימה והעזה למלה העברית. כשהיה קורא לפנינו שיר, סיפור או פרק בתולדות ישראל היתה נשימתו מתקצרת, עיניו התנוצצו וקולו היה מתעבה והופך לשאגה, להמיה ולתחינה; דבריו היו רוויים רומנטיות והתלהבות.

המורה זלמן גורז'לצ'אני, שהיה אחר־כך מנהל בית־הספר, הצטיין בחוש ארגוני ובגישה מעשית לענינים השוטפים. הודות למרצו, פעולתו ושקידתו נשכר בנין גדול ובית־הספר הועמד על שבע כיתות שלמות עם זכויות מלאות מטעם המפקח על בתי־הספר הממשלתיים. בתור מורה הצטיין ז. ג. בגישתו הפדגוגית לתלמידים ולהורים. דבריו היו נשמעים בתקיפות מחנכת, תלמודו בניגון ותוכחתו בנחת. הוא החיה את בית־הספר. הכניס בו את השיר העברי ועורר את האינטליגנציה העברית והציונית להתענין בגורל בית־הספר. כדי

להכשיר את פעולות בית־הספר בעיני השלטונות שיתף ג. את מורי בית־הספר הכללי בלימודים הכלליים שנלמדו בשפה הפולנית.

בית יעקב

הבנות לא ביקרו בבית־ספר עברי. הכלל: „כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה תפלות", נשמר אז בקפדנות ורק יחידים דאגו ללמד את בנותיהם יהדות, תורה ומדע. עד שתוקם בית־הספר לבנות „בית יעקב" על־ידי היהדות החר־דית, שהתנגדה לחינוך הציוני ופחדה מהשפעות זרות בכלל. בית־ספר זה רכש לו את אהדת כל הציבור היהודי בעיר. בנות להורים חרדים, ציונים וחפשים ביקרו ב„בית־יעקב" אחר־הצהרים בהשתחררן מבית־הספר הכללי. ב„בית יעקב" קיבלו הבנות חינוך חרדי ולמדו אידיש, תפילה, תורה ותולדות יש־ראל. תלמידות „בית יעקב" נשאו בגאון את שמן העברי ונע־שו אחר כך חברות פעילות בארגוני הנוער הדתיים אם במס־גרת של „אגודת ישראל" או במסגרת של „החלוץ־המזרחי" ו„השומר הדתי". ראוייה לתהילה המורה פסיה שרשבסקי, מתלמידות „בית יעקב", שהיתה אח"כ מורה לרבים.

בי"ס תרבות

בית־ספר „יבנה" לא סיפק את ההורים, שדרשו להדגיש בתכנית הלימודים את המומנט הארצישראלי יותר ויותר, ולא הקפידו על הצד הדתי, ולכן יסדו את בית־הספר „תרבות". לשם זה הובא מביאליסטוק המורה גדליה רוזנבוים. אביו נחמיה היה ידוע כמורה לנוער המשכיל בעיר לפני המלחמה הקודמת. ברוח ההשכלה נתחנך גם הבן. ג. ר. ידע את העב־רית החדשה, דיבר בהברה הספרדית (ב„יבנה" עדיין למדו בהברה האשכנזית) והיה בקי בספרות העברית החדשה. הוא היה ידוע כשחקן בשח־מט ממדרגה ראשונה בכל מחוז ביא־ליסטוק. בתחרויות הפומביות בשח־מט שנערכו מזמן לזמן בעיר, היה הוא משחק נגד עשרה בבת־אחת ועל־הרוב היה מנצח את כולם. בית־ספר „תרבות", שרמתו הפדגוגית היתה גבוהה, לא החזיק מעמד הרבה זמן. הוא נאלץ להיסגר והמו־רה רוזנבוים עבר ללמד ב„יבנה". במשך הזמן הקצר שבי"ס „תרבות" התקיים הכניס רוח חדשה בעיר. הפעולה הציונית שגשגה, נערכו נשפים, מסיבות, והצגות שחיבבו על הקהל את השפה העברית ואת המפעל הציוני.

ישיבה

באוסטרולנקה נוסדה גם ישיבה על־ידי הנובהרודוקאים. ישיבה זו היתה מרכז הנוער החרדי בעיר משך הרבה זמן. הנוער היה מעדיף לצאת לישיבות ליטא הגדולות. על־הרוב נסעו ללומז'ה הסמוכה. אחרים נסעו לישיבת ה„חפץ־חיים" בראדון, לישיבות קלצק וקמניץ. אך ישיבת אוסטרולנקה ריכ־זה את הנוער מהסביבה, שבא לשמוע תורה מאת מוריה ור"מיה. הישיבה קנתה לה שם במסיבותיה וחגיגותיה הפומ־ביות בחגים. ועד של נשים דאג לצרכי הישיבה; חילקו את הבחורים הצעירים בין „בעלי־הבתים" לאכילת „ימים" וסידרו מטבח מיוחד לבחורים המבוגרים במרתף הישיבה. בשנים האחרונות נתמעטו הבאים, הנוער התחיל להכשיר עצמו יותר ויותר לחיי עבודה. באוסטרולנקה גופה התחילו גם בנים במספר רב לבקר בבית־הספר הכללי ואף בגימנסיה, ואח־רים יצאו להכשרות כדי להתכונן לעליה ארצה.

החיים הציבוריים והכלכליים

פרק גדול ורחב הוא הפרק על החיים הציבוריים והכל־כליים של יהודי העיר. העיר לא הצטיינה בעשירים. רוב התושבים היו בעלי מלאכה (בעיקר חייטים, סנדלרים, כובע־נים וקצבים) או סוחרים זעירים העוסקים במכירת סדקית וחנוונים. הם היו מביאים את סחורתם לירידים ולימי־השוק בעיירות הסמוכות למרות הסכנות שארבו בדרכים. לא פעם התנפלו עליהם שודדים ואיכרים משוסים, שדדו מהם את סחורתם והיכום עד זוב דם. היו גם מקרי רצח, אך היהודים לא יכלו לוותר על מקור פרנסתם זה. היו גם בעיר סוחרים אשר סחרו עם הערים הגדולות ואף שלחו את מרכולתם מעבר למדינה. אלה היו בעלי טחנת־הקמח, בעלי המנסרות, סוחרי עורות, סמרטוטים וברזל. לא חסרו גם סוחרים בדגן, אשר היו עומדים בכבישים ובדרכים בימי השוק, כדי להקביל את פני האיכר המביא את סחורתו לעיר. ההתחרות היתה גדולה והפרנסה דלה ועניה.

החיים הציבוריים בעיר היו מפותחים במידה ידועה. הקהילה היהודית, אשר בה היו מיוצגים נציגי כל השכבות ואף של ה„בונד" בזמן האחרון, דאגה לצרכים הדתיים, החזי־קה רב, שני דיינים ושלושה שוחטים, דאגה לפרנסת העניים ולהגנה על זכויות היהודים בפני השלטונות. נציגי היהודים ישבו גם במועצת־העיר, ובכלל היו מקובלים על הגויים. אך דבר זה היה תלוי על־הרוב באישיותו של מושל העיר ה„סטא־רוסטא", ודוקא בשנים האחרונות נקט הסטארוסטא עמדה לו־יאלית כלפי האוכלוסיה היהודית. ראשי הקהילה: משה אהרן קאצ'ור, חיים פנחס גינגולד, משה מרגלית ובאחרונה מנדל געדאנקן היו אנשים מסורים לקהל ודאגו לטובתו ולשלומו.


„לינת הצדק"

מהחברות הציבוריות אזכיר רק שתיים, שערכן החברתי־ציבורי היה נכבד וגדול. „לינת הצדק", עסקה בהגשת עזרה רפואית לחולים עניים. העזרה ניתנה בצורת מכשירים רפו־איים וביקורי רופאים. חברי „לינת הצדק" היו מבקרים בבית החולה, מטפלים בו ודואגים להחלמתו השלמה. ראש החברה הזאת יצחק רוזאֶנוביץ התמסר לתפקידו והצליח לבסס את „לינה"צ" כמוסד חברתי־ציבורי ממדרגה ראשונה.

הבנק היהודי


הבנק היהודי נוסד כמה שנים אחרי המלחמה הראשונה, תודות למאמציו של אנשל לאֶוו. הוא היה מבקר בבתים ועושה נפשות לבנק. ערך הבנק התגלה אחר־כך כשמספר החברים בו גדל והוא הועמד על יסודות קואופרטיביים. מאות יהודי העיר נהנו מהלוואות קונסטרוקטיביות והכניסו את חסכונותיהם לבנק. בשנים האחרונות ניהל את הבנק נתן יאבאֶק, אשר רכש לו את אמון הקהל הרחב. הוא הגדיל את ההון החוזר

פארוואלטונג פון דער
שטאטישער ליי־קאסע
(„זשידאָווסקא קאַסאַ ספּולדזשעלנא")



פון רעכטס: קאָסאָווסקי, אפרים כמיעל און אַנשל לעוו

אַ ביכל פון דער ליי־קאַסע אין אָסטראָלענקע
(אין די צייטן פון רוס)


2-ое
ОСТРОЛЕНКСКОЕ
ССУДО-СБЕРЕГАТЕЛЬНОЕ ТОВАРИЩЕСТВО.
№ 627
Вкладная книжка
и Шера, Ломжа.

של הבנק והרבה את מספר הלוואותיו. הרבה סדנאות, בתי־מלאכה וחנויות, התקיימו תודות לעזרה היעילה, שהוגשה על־ידי הבנק. רבים, אשר מקור פרנסתם דלל בגלל המסים הכבדים שנגבו מהם, ניצלו מחרפת רעב ממש. בבנק היה אבי ר׳ אפרים הרוח החיה במשך כל זמן קיומו; הוא עבד יד ביד עם אנשל לאָוו ואחר כך עם יאבאָק, כמובן בהתנדבות.

הציונות

עם התגברות העליה לארץ־ישראל, גברה ההתענינות בציונות. הסתדרויות נוער ומבוגרים צצו ופרחו בזו אחר זו. היהודי התחיל לשאוף לעליה. השואה הורגשה באויר, השנאה לישראל גדלה. מקורות הפרנסה נידלדלו ונסתתמו, עול המ־סים העיק וארץ־ישראל נראתה כמקום הצלה יחיד ומיוחד. הארגונים הציוניים והאנטי־ציוניים שפעלו בעיר כיוונו את חיי המבוגרים והנוער בזמן האחרון. בשנים האחרונות נשתנה אורח־החיים בעיר לגמרי. שינוי רדיקלי ויסודי חל בהשקפת האנשים. הערות לציון גדלה, הנוער הרגיש שהאדמה בוערת תחת רגליו וניסה לחפש לו מפלט. מצד שני, היו הקשרים עם המקום חזקים מכדי שאפשר יהיה לצאת בהמונים, ולא כל מי שרצה לצאת היו לו האפשרויות הכספיות לכך. השואה באה כחתף ושטפה בזרם של דם ואש את הכול, את הכול. היישוב היהודי נהרס ובניו הושמדו והיו לאפר.

אבלים ונוגים


אבלים ונוגים עומדים אנו היום ועושים את חשבון אבדו־תינו. התייתמנו כולנו, בלי יוצא מן הכלל; אבדו לנו הורים, קרובים, רעים וידידים. לא נצפה להם עוד. גם אלה אשר טיפחו את תקוות המולדת בלבם, עיניהם היו נשואות לציון ובגאון נשאו את שם עמם עליהם — אינם! אף קברם נעלם ממנו. יהדות זו נמחקה במחי־יד אחד ואתה נמחו הרבה מסי־כויינו ומשאיפותינו.

יהדות אוסטרולנקה אינה קיימת עוד.

Prezydjum Gminy Wyzn. Żyd. w Ostrołęce w otoczeniu żołnierzy Wyzn. Mojżesz. Garniz. tut. przed kuchnią ryt.-Peisachową

2 IV 1934

פרעזידיום פון דער קהלה אין אָסטראָלענקע צוזאמען מיט די ייד. זעל־נער פון היגן גארניז. וואָס זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט כשר׳ עסן פסח.



„מאכל־כשר" לחיילים יהודים בצבא הפולני לחג הפסח
במרכז: נשיאות הקהילה וראשה: משה מרגלית

מוסדות ואגודות
אינסטיטוציעס און פאַריינען

ישיבות

א.

אַ ישיבה אָדער אַ קאָנצענטראַציע פון „חדרים"

די „ישיבה" ביי טוביה טשעשליאַר אויפן הויף, וואָס איז געווען פאַרוקט אַביסל אין „עק שטאָט", אַקעגנאיבער סאַמע נאַרעוו — האָב איך גוט געקענט, ווייל איך האָב דאָרט אַליין געלערנט.

דער וועג צו דער „ישיבה" פלעגט פירן דורך דער מיל־גאַס („מלינאַרסקאַ"), אַן אומעטיק־אומפאַרבויטע גאַס, אַרויסגעפאַלן פון דער ציגיינסקער גאַס, ווו עס זענען געשטאַנען ווו־נישט־ווו הייזער אויף די פינגער אָפּצוציילן, צווישן זיי — אַ קורצע שורה מיליטערישע איינשטאָקיקע הייזלעך (אַזעלכע מיני קאַזאַרמעס, ווייזט אויס, נאָר אָן סאָלדאַטן אינעווייניק), ווו אַ רוסישער סאָלדאַט — אָפּטמאָל אַ ייד — פלעגט טאָג און נאַכט שטיין, סיי זומער, סיי ווינטער מיט אַ ביקס פאַר אַ זעלנערישער בודקע און היטן דעם פלאַץ... (נישט איינמאָל, געדענק איך, פלעג איך דעם אויסגעהונגערטן יידישן פאַטרולשטשיק, אויס מיטלייד, אָנבאָטן פון דעם עסן, וואָס די מאַמע ע"ה פלעגט מיר מיטגעבן...).

דער וועג צו דער ישיבה פלעגט אויף מיר שטענדיק אַנוואַרפן אַ פחד און אַ מרה־שחורה, באַזונדערס אין די אָוונטן. פרייליכער אויפן האַרצן פלעגט ווערן, ווען מ'איז שוין צוגעקומען צו ר' איצל סאָיקעס מיל (געשטאַנען נישט ווייט פון דעם אַריינגאַנג צו דער ישיבה), וועלכע האָט געקלאַפּט טאָג און נאַכט אָן אויפהער ווי אַ לעבעדיקער דופק און איז שטענדיק געווען באַלויכטן מיט עלעקטריש ליכט, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין שטעטל פון די „לעצטע נייעס"... איבערהויפט ווינטער־צייט, אין די חושכדיקע אָוונטן, ווען עס איז אויסגעקומען צו גיין אַ היים אין די שפּעטע שעהן, איז די ליכטיקע מיל געווען פאַר אונדז קינדער ממש אַ וועג־ווייזער.

ווען און ווי אַזוי און דורך וועמען איז די דאָזיקע ישיבה געגרינדעט געוואָרן, האָב איך קיינמאָל נישט געוווּסט. איך געדענק זי נאָך פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג, אין די יאָרן 1912—13, ווען איך האָב שוין דאָרט געלערנט — נאָכן פאַרענדיקן די חדרים.

די ישיבה איז על־פּי־רוב באַשטאַנען פון אָרטיקע תלמידים, אָסטראָלענקער גופא, פאַר וועלכע דאָס ביסל תורה פון חדר האָט שוין נישט געקלעקט...

מען האָט אויך געשיקט אַהין לערנען קינדער פון דער סביבה און אפילו פון דער ווייטער פרעמד וועלכע פלעגן עסן „טעג" ביי די אָרטיקע בעלי־בתים. אין דער דאָזיקער ישיבה זענען געווען עטלעכע כיתות, יעדע כיתה האָט געהאַט אַ באַזונדערן מלמד.

צוויי פערזאָן פון דער דעמאָלטיקער ישיבה, זענען מיר פאַרבליבן אין זיכרון עד היום: סרוליע דער דראָגאַטשינער מלמד, וועלכער איז אַראָפּגעקומען לערנען מיט אַ זון, אלס תלמיד. געווען, ווי מען זאָגט אַ „וואַזשנער" למדן און אַ בעל־מסביר, וואָס האָט נישט געהאַט זיין גלייכן. געלערנט שטענדיק „אויפן אָרט", אָן „גראָב־פינגערישן" פילפול. ער איז געווען אי דער מלמד אין דער העכסטער כיתה (ווו כ'האָב געלערנט), אי דער ראש פון דער גאַנצער ישיבה. געווען איז ער בדרך־כלל אַ שטילער מענטש און זיך אויפגעפירט מיט גרויס חכמה. ער פלעגט אָבער אויך ווען־נישט־ווען אַריינפאַלן אין אַ רוגזה, אַ געשריי טאָן אָדער אַפילו אַ פּאַטש טאָן אַ תלמיד. אַזאַ מין אויסברוך פלעגט טאַקע קומען גאַנץ אומגעריכט ווי אַ פּולווער־אויפרייס און מיט אַ באַזונדערן כוח... נאָך אזא מאָמענט פלעגט די גאַנצע כיתה זיך אַ נעם טאָן געשמאַק צום לערנען, אָנהאַלטנדיק אַזוי אַ לענגערע צייט.

דער צווייטער איז געווען: מענדל דער משגיח, אַ גרויסער בן־תורה מיט אַ געלער קאָלטאָנאָוואַטער לאַנגער באָרד, וואָס האָט זיך צעטיילט אויף אַ סך חלקים, און יעדער טייל האָט געבילדעט אַ האַרטן פאַרפּלאָנטערטן קנויל פאַר זיך, אַן אַ שום אויסזיכט, אז אַ וועלכע ס'איז קאַם זאָל אים קענעז אַמאָל פונאַנדערנעמען... ער פלעגט אַרומגיין און אָפּהיטן, אַז די קינדער זאָלן גוט לערנען און זיך גוט אויפפירן. צוגיין. פלוצלונג, אין סאַמע מיטן, אַ פאַרהער־טאָן, אַ פרעג־טאָן, מניה

וביה... אָדער אויסרעדן אַן „עבירה׳לע״, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין באַהעלטעניש — דאָס איז געווען זיין עבודה. די קינדער האָבן אים נישט פיינט געהאַט, חלילה, נאָר דאָך זיך פון אים צוריקגעצויגן...

צי האָט ער אַליין אויך געלערנט מיט אַ כיתה — דאָס געדענק איך נישט. עס איז אָנצונעמען, אַז יאָ.

איינער פון די שטענדיקע ישיבה־„פּאַרהערער״ איז געווען, געדענק איך, ר׳ לייזער מינץ ז״ל, אַ ייד אַ למדן, אַ שניט־סוחר און אַ שאַרפער גערער חסיד. ער פלעגט „פאַרהערן״ אַמ־מערסטן אין די העכערע כיתות.

(ווי מען גיט איבער, האָט שוין פאַר דער דאָזיקער ישיבה עקזיסטירט אַ מין ישיבה, וואָס איז באַשטאַנען סך־הכל פון איין כיתה מיט אַ סך תלמידים. געלערנט האָט מען איין שיעור פאַר אַלע גלייך. דער מקום־תורה איז געווען אין „חובות הלבבות״, אויבן, אויפן גרויסן בית מדרש) *).

געווען זענען אויך פיל אָסטראָלענקער, וואָס האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דער אָרטיקער ישיבה, זיי האָבן מקיים געווען דעם „הווי גולה למקום תורה״ און זענען געפאָרן לער־נען אין פרעמדע שטעט, וואָס האָבן געשמט מיט זייערע ישיבות אין דער גאָרער וועלט. דאָס זענען געווען אַזעלכע,



אָסטראָלענקער בחורים אין ליטווישע ישיבות
(נאָכן ערשטן וועלט־קריג)

וואָס דער דראַנג צו לערנען איז ביי זיי געווען אומגעהויער־גרויס און זייערע אומגעווייגלעכע כשרונות האָבן זיי דערפירט ביז צו די העכסטע שטאַפּלען פון תורה. אַ סך פון זיי זענען דערנאָך געוואָרן באַרימטע גאונים, רבנים און פירער פון גרויסע יידישע קהילות, ווי: ר׳ זינדל און ר׳ מיכל אָסטראָלענקער, צוויי ברידער (חנה שיינע־גיטלס דער בעקערקעס זין, וואָס האָט געוווינט אין דער ציגיינסקער גאַס, לעבן ר׳ יאָסל מיי־ראַנס הויף) גאונישע קעפּ און באַרימטע לומדים, וואָס האָבן באַקומען אַ בכבודיקן מזרח־פּלאַץ אין דער ברייטער רבנישער תורה־וועלט ; ר׳ יוסף אָסטראָלענקער, וועלכער איז געווען באַ־

*) אַנדערע גיבן איבער אַז עס איז אויך געווען אַזאַ מין ישיבה ביי קראַוויעצן אויפן הויף, ווו מענדל לאָמזשער דער מלמד האָט געוווינט און האָט אויך דאָרט געלערנט.

ווּסט אַלס גרויסער למדן און גאון אין דער ישיבהשער וועלט און אנד.

אין 1915, פונקט צום יאָר ווי עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז די אָסטראָלענקער ישיבה, בעתן עוואַקואירן די שטאָט, אָפּגעברענט געוואָרן צוזאמען מיט דעם גאַנצן שטעטל.

ב.

די נאָוואַראָדקער ישיבה „בית־יוסף״

אין יאָר 1920 בערך, איז דורך דער איניציאַטיוו פון דער צענטראַלער ישיבה „בית־יוסף״ אין וואַרשע מיט די באַקאַנטע ראשי ישיבות הרב ר׳ אברהם זעלמאַן, הרב ר׳ דוד בודניק און הרב ר׳ הלל וויטקינד (היינט : ראש ישיבה און מנהל פון דער „בית־יוסף״־ישיבה אין תל־אביב) געגרינדעט געוואָרן אַ בית־יוסף־ישיבה אין אָסטראָלענקע.

אגב : דער נאָמען „בית־יוסף״ האָט געגאָלטן פאַר אלע נאָוואַראָדקער ישיבות, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן דיביידע וועלט־מלחמות און נאָך פריער, אין פאַרשי־דענע שטעט און שטעטל׳עך אין פוילן, רוסלאַנד און אנד. — אויפן נאָמען פון הרב הצדיק ר׳ יוסף יוזל הורוויטש ז״ל, דער גרינדער פון נאָוואַראָדקער ישיבה און איר באַזונדערער שיטה אין מוסר. אין אָסטראָלענקע ווי אין אַנדערע שטעט, ווו עס האָבן געגעסטיקט ישיבות פון נוסח „בית־יוסף״, פלעגן אַרומגיין פאַר־שידענע מוסר־רייד און רעיונות צווישן די בחורים, וועלכע האָבן זיך באַמיט „אָנצושטעקן״ די דאָרטיקע יידן און זיי אַדורכ־דרינגען מיטן גייסט פון נאָוואַראָדקער מוסר און וועלט־באַנעם, ווי, למשל :

„קוק זיך אַרום, דו קליין מענטשעלע, וווהין דו פליסט ? וווהין יאָגסטו זיך ? האָסטו דען נישט געזען די רעזולטאַטן פון דעם מענטשן אין זיין יאָגעניש ? האָסטו נישט געזען ווו איז דיין פריערדיקער דור און צי דיין באַקאַנטער האָט מיטגענומען מיט זיך וואָס ער האָט אין זיין לעבן אָנגעשמייעט. דער מוסר בעט דעם „מענטשעלע״, ער זאָל זיך אויך צוקוקן צו דער נאַ־טור, צום לעבן פון דעם שטורעמדיקן ים, אין וועלכן די וועלן הויבן זיך אויף מיט אַ מוראדיקער גאוה, שטאַרקייט און לזיפן מיט אימפּעט פאַרפלייצן די יבשה און ווי זיי קומען צום ברעג ווערן זיי צעבראָכן ווי נישט געווען אויף דער וועלט, אָן שום זיכרון פון זיך״.

דאָס איז אַן אויסצוג פון נאָוואַראָדקער מוסר־רייד, *) וועל־כע האָבן געדאַרפט ברענגען דעם „מענטשעלע״ צו אַ ווייטן חשבון־הנפש און צו אַ טיפן אינערלעכן איבערברוך. די גרויסע דאגה פאַר יידישקייט און לימוד התורה פון יונגן דור, אויך די כוואַליעס פון דעם ערשטן וועלט־קריג, אין די יאָרן פון אומ־מאָראַלישקייט און געפאַלענער מענטשלעכקייט, וועלכע האָבן געדראָט צו פאַרפלייצן די וועלט מיט שינאה, ירידת קרן התורה און אנטי־יידישקייט ; מיטן אויפשטיין פון די יידישע יעווסע־

*) זע : „צום כלל ישראל״, די געשיכטע, טעטיקייט און באַדיי־טונג פון דער נאָוואַראָדקער ישיבה „בית־יוסף״ אין לאַנד פון די אבות, פון א. צ. ברעזין, ירושלים, תרצ״ג.



די נאָוואראָדקער ישיבה „בית־יוסף״ אין אָסטראָלענקע

קעס אין דעם קאָמוניסטישן רוסלאַנד און נאָך פריער — די תקופה פון די דעניקינס מיט די קאָלטשאַקס, וועלכע האָט געשמעקט מיט ספּעציפישער יידישער שנאה און ביטול־תורה מיט געוואַלד... דעמאָלט האָבן ווי שטאַרקע קעגן־כוואַליעס און מיט אומגעוויינלעכער קידוש־השם־גבורה זיך נאָך מיט מער עקשנות און אייזערנעם רצון אַנטקעגנגעשטעלט — ווי מלחמה־פעסטונגען — אָט די בתי־מוסר־ותורה אין גייסט פון די „בית־יוסף״־ישיבות און אין דעם דערהויבענעם נוסח פון גרויסן צדיק ר׳ יוסף יוזל ז״ל.

נאָך זיין פּטירה זענען געגרינדעט געוואָרן דורך זיינע נאָכפאָלגער ביי 80 אַזעלכע „בית־יוסף״־ישיבות אין די גרעסטע און קלענסטע יידישע שטעט און שטעטלעך ווי: וואַרשע, ביאַליסטאָק, פינסק, פולטוסק, שעדלעץ, לוצק, ריגע, אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, אָסטראָלענקע און אנד.

איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער אָסטראָלענקער „בית־יוסף״־ישיבה, איז געווען דער אויבנדערמאָנטער רב און גאון ר׳ הלל וויטקינד, וועלכע האָט פאַרבראַכט די ערשטע צייט אין אָסטראָלענקע.

די שטענדיקע ראשי־ישיבות זענען דאָרט געווען: הרב ר׳ חיים גלאַטשטיין און זיין שוואָגער הרב ר׳ משה דוד שערף פון לאַטוויע.

דער מנהל פון דער ישיבה איז געווען הרב ר׳ משה חיים בילניצקי (ווייל ער איז געקומען פון דער שטאָט בילניץ).

דער הויפּט־גבאי פון דער ישיבה איז געווען ר׳ יוסף נאַשעלסקע ז״ל (דער פאָטער פון פעסיע שערעשעווסקי ז״ל, די הויפּט־איניציאַטאָרין און באַרימטע פירערין פון די „בית־יעקב־שולן, איינע פון די גייסטרייכע פרויען־פערזענלעכקייטן אין דער רעליגיעזער דערציאונגס־וועלט); ער צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט פון חשובע אָסטראָלענקער בעלי־בתים און מיטן אָנטייל פון דעם שטאָט־רב, הרב ר׳ יצחק בורשטין ז״ל — האָבן זיך געמיט אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן מקום־תורה.

פיר כיתות זענען דאָרט געווען, וועלכע זענען באַשטאַנען פון 80 תלמידים. געלערנט האָט מען דעמאָלט אין גרויסן בית־המדרש.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קיך, וועלכע האָט געגעבן דריי מאָל אין טאָג עסן פאַר די ראשי הישיבה און אויך פאַר דער וואַקסענע תלמידים פון דער ישיבה, וועלכע האָבן נישט געוואָלט עסן קיין „טעג״. שלאָפן פלעגט מען על־פּי־רוב ביי בעלי־בתים, וועלכע האָבן פאַר דעם צוועק אָפּגעגעבן בהתנדבות צימערן פון זייערע וווינונגען.

מיט אַ צייט שפּעטער, איז די ישיבה איבערגעגאַנגען אין בנין פון דער יידישער קהילה, אויף דער שול־גאַס (דערנאָך: קילינסקיעגאָ), קאָן זיין, אַז אין משך פון דער צייט, האָבן זיך אויך געענדערט געוויסע סדרים בנוגע די תלמידים און אויך זייער צאָל.

די ישיבה האָט זיך אויסגעהאַלטן פון דער שטאָטישער שטיצע און פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט״־געלטער.

עס האָט זיך אויך געגרינדעט אַ פרויען־קאָמיטעט פון נשים צדקניות, וועלכע האָבן פיל געהאָלפן אַריינברענגען פאַר דער ישיבה: געזאַמלט געלט, פּראָדוקטן אא״וו.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן פיל יאָרן, ביז די נאַצישע חיות זענען אָנגעלאָפן, האָבן אַלץ פאַרניכטעט און אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

י. ע.

*

ווער פון אונדז אָסטראָלענקער, געדענקט נישט די ישיבה „בית־יוסף״, וועלכע האָט זיך געפונען צווישן דער שול־גאַס און די ציגאַינסקע, נישט ווייט פון דער גמינע, קעגן איבער די חורבות פון דער גרויסער שול? יומם ולילה האָבן זיך פון דאָרט געהערט די תורה־קלאַנגען און די מוסר־טענער פון די ישיבה־בחורים.

אויף די באַדינגונגען, אין וועלכע די ישיבה האָט זיך געפונען, וויל איך מיך אַביסל אָפּשטעלן. ווי באַקאַנט האָט די ישיבה זיך אויסגעהאַלטן אויף די שפּענדונגען פון דער שטאָט. די תלמידים זענען נישט געווען בלויז פון אָסטראָלענקע. עס זענען געקומען בחורים פון דער גאַנצער אומגעגנט לערנען אין דער דאָזיקער ישיבה. די בחורים זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט עסן און מיט געלעגערס. מ׳קאָן זאָגן, אַז אין יעדער 2־טער שטוב האָט געגעכטיקט אַ ישיבה־בחור. נישט ח״ו פאַר געלט. דעם באַקוועמען געלעגער פלעגט מען אַוועקגעבן דעם ישיבה־בחור. די זעלבע זאַך איז אויך געווען מיט די „טעג". די בחורים פלעגן שטאַרק אָפּהיטן זייערע פלעצער, ווו מ׳פלעגט זיי אַרויסווייזן געטריישאַפט און וואַרעמקייט. ווען אַ בחור האָט געדאַרפט פאַרלאָזן אָסטראָלענקע און זיך געלאָזט צו אַ העכערן מקום־תורה, פלעגט ער „באַשטעלן" דאָס אָרט פאַר זיינעם אַ ברודער אָדער אַ נאָענטן חבר. עס איז אים ממש אַ שאָד געווען צו פאַרלאָזן די שטאָט, ווו ער האָט געהאַט אַזאַ וואַרימע היים.

דער ראש־ישיבה און די מלמדים — זיי פלעגן, פאַרשטייט זיך, נישט עסן קיין „טעג", עס האָט זיך געפירט אַ ספּעציעלע קיך, איינגעאָרדנט אין דער ישיבה גופא און דאָרט פלעגן זיי עסן. די קיך האָבן נישט געפירט קיין ספּעציעלע קעכינס אָדערווירטשאַפטלערינס, נאָר אונדזערע גוט־האַרציקע מאַמעס האָבן צווישן זיך פרייוויליק איינגעטיילט די אַרבעט, לויט דער ריי. מ׳פלעגט נישט איינמאָל אָפּלאָזן די אייגענע שטוב־ווירטשאַפט, זיך ווידמענדיק פאַר כלל־זאַכן. וויפל קינדער פלעגן זיך אַרומדרייען, קומענדיק פון חדר, און וואַרטן אויף זייערע מאַמעס, וועלכע זענען אין די שעהן געווען פאַרנומען אין דער קיך־אַרבעט און בכלל מיט די ישיבהשע ענינים? די אַלע גבאיטעס האָבן נישט נאָר געזאָרגט ווער עס זאָל קאָכן, זיי האָבן אויך געדאגהט אַז עס זאָל זיין וואָס צו קאָכן. און ווער האָט געזאָרגט אַז די מלמדים זאָלן באַקומען זייער געהאַלט צו דער צייט — אויב נישט זיי? יעדן חודש איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג און אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג פלעגט אַלץ באַשטימט ווערן. ווער עס דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דער קיך, און ווער — מיט זאַמלען געלט. די געלט־זאַמלערינס פלעגן „אויסמעסטן" די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט דורכלאָזן דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל. און יעדער איינער האָט געגעבן וויפל ער איז נאָר געווען ביכולת.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אָט די נשים צדקניות, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער בעסטע צייט פאַר דעם דאָזיקן צוועק, ווי אויך פאַר אַנדערע צדקה־צוועקן:

1) מיין מוטער שרה רחל איגלעוויטש, די פרוי פון אברהם אַלטער דעם מלמד, גוט באַקאַנט אין שטאָט.

2) מיין באָבע חי׳ גאָלדע, די פרוי פון מרדכי דעם פאַרבער, וואָס האָט מרביץ־תורה־ברבים געווען. די גאַנצע יאָרן געווען אַ קראַנקע און אַ צעבראָכענע, דאָך האָט זי טאָג־טעגלעך געדענקט עפּעס צו שאַפן פאַר די בחורים פון דער ישיבה, איינגעשטעלט איר געזונט צו טאָן צדקה. (זי פלעגט זאָגן, ווען מ׳פלעגט איר אויפמערקזאַם מאַכן אויף איר מסוכנדיקן געזונט־צושטאַנד: „ווער קאָן פאַרשטיין אין די ענינים? אַז אַ ישיבה־בחור גייט אָפּגעריסן, חלילה, איז דאָך דאָס מבזה דעם כבוד התורה... איך ליג צו בעט, ווייל איך בין שוואַך, אָבער נישט ווייל איך גיי זאַמלען געלט. ווען איך גיי זאַמלען געלט איז דאָך אַ סימן אַז דעם טאָג בין איך דווקא געזונט").

3) ביילע רבקה כמיעל, די פרוי פון ר׳ אפרים כמיעל, דער ראש פון „מזרחי" און פאָרזיצער פון דער שטאָטישער ליי־קאַסע.

4) הדס וויינשטאָק (פרוי פון נחמן וויינשטאָק, דעם מעבל־סטאָליאַר).

5) פרוי שלעזינגער (שוועסטער פון יצחק ראַפּאָפּאָרט).

6) פרוי האַרפּאַ (דעם טאָקערס ווייב).

7) פרוי עדעל (ווייב פון משה אהרן עדעל).

8) פרוי געלודא (דער מאַן אַ שניידער).

און נאָך און נאָך אַנדערע גוט־האַרציקע פרויען, וואָס האָבן מקריב געווען זייער בעסטע צייט פאַר טובת הכלל און געדענק נישט דאָ זייערע נעמען אויסצורעכענען.

צווישן די ישיבה־בחורים האָבן זיך אויך געפונען פּאַיקע אין מילי־דעלמא. כדאי צו דערמאָנען זייערע טעאַטער־שטיק, וואָס זיי פלעגן פאָרשטעלן פאַרן אָסטראָלענקער קהל, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן ווי אַזוי זיי האָבן עס אויסגעפירט. די פרויען־ראָלן פלעגן זיי אַליין אויספירן, פאַרשטעלנדיק זיך אין ווייבערישע מלבושים. די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין חנוכה און פורים־צייט ווי אויך אין טעג פון די ימים־טובים. די אַלע פאָרשטעלונגען פלעגן געמאַכט ווערן אין דער ווייבער־שול. די טעאַטער־שטיק: „דער אשמדאי", „אחשורוש", „יהודית־און־אליפורנס" א. אַנד. ס׳פלעגט אויך דערפון עפּעס אַריינקומען.

ליידער איז עס אַלץ חרוב ומוחרב געוואָרן. נישטאָ מער קיין יידן אין אָסטראָלענקע און די קולות־התורה פון די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן פאַרקלונגען די שטאָט, זענען פאַרשטומט געוואָרן אויף אייביק.

כבוד זייער אָנדענק והשם ינקום דמם!

ברײַנע איגלעוויטש־מאיראָוויטש, תל־אביב

„בית יעקב" אין אסטראלענקע



„בית־יעקב" מיט פעסיע שערשעווסקי (די 4־טע פון רעכטס אין דער זיצנדיקער שורה)

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען די אַסימילאַציע אין די יידישע הייזער האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט, האָט זיך אין קראָקע געפינען אַ פרוי מיטן נאָמען שרה שנירער (ע"ה), וועלכע איז געווען פון פאַך אַ דאַמען־שניידערין, אָבער האָט געהאַט אין זיך אַ גרויסן גייסט. האָט זי אין אַ מיטן העלן טאָג אַוועקגעוואָרפן די נאָדל פון איר האַנט און האָט געזאָגט: גענוג גענייט קליידער פאַרן גוף, אַזעלכע זענען דאָ גענוג. פון היינט־אָן וועל איך אָנהויבן צו נייען קליידער פאַר דער נשמה, ווייל אַזעלכע זאַכן זענען נישט בנמצא. גערעדט און געטאָן. ווייל איר גאַנץ לעבן האָט זי געהאַלטן פון כלל „לא המדרש העיקר אלא המעשה". האָט זי אָנגעפאַנגען צו פאָרן צו רבנים און רביים און זיי פאָרגעלייגט איר פּלאַן: אַזוי ווי יינגלעך לערנען אין חדרים און ישיבות, און די מיידלעך ווייסן גאָרנישט פון יידן און יידישקייט, זיי לערנען אין די רעגי־רונגס־שולן, וווּ מ'לערנט נאָר וועגן פּוילן און פּוילישע גע־שיכטע, און יידישקייט ווערט אינגאַנצן פאַרגעסן — האָט זי באַשלאָסן צו שאַפן אַ שול פאַר מיידלעך אויפן נאָמען: „בית־יעקב" (שטיצנדיק זיך אויפן פירוש פון חז"ל צום פסוק: „כה תאמר לבית יעקב", לויט וועלכן ס'ווערט דאָ געמיינט: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די פרויען), אַז מיידלעך זאָלן אויך קאָנען לערנען יידישקייט און ווייסן ווי אָפּצוהיטן די יידישע דינים און פאַרשטיין די לימודים פון דער תורה. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז זיי זייער געפעלן געוואָרן און זיי האָבן איר געווונטשן הצלחה און צוגעזאָגט הילף אין איר טעטיקייט. די שולע איז אין אָנפאַנג באַשטאַנען פון אַ פּאָר מיידלעך, מיט וועלכע זי האָט געלערנט אין דעם ענגן צימער, וווּ זי האָט אַליין געוווינט. מיט דער צייט זענען צוגעקומען פרישע שילערינס, און לערנענדיק מיט זיי אַ פּאָר מאָנאַטן, האָט זי זיי אָנגעהויבן פונאַנדערצושיקן אין פאַרשידענע מקו־מות און יידישע ישובים, כדי דאָרט צו פאַרשפּרייטן דעם בית־יעקב־געדאַנק.

מיט דער צייט זענען אָנגעפאָרן קיין קראָקע מיידלעך



אַ גרופּע שילערינס פון די „בנות אגודת ישראל" („בית־יעקב") מיט זייערע לערערינס אין יאָר 1932 אין צענטער: שיינע קאַפּוסטע (פון די ערשטע „בית יעקב" לערערינס)



די ערשטע „בית יעקב"־שול־גרופּע
אין יאָר 1928

פון פיל שטעט און שטעטלעך און פון דעם דאָזיקן ענגן צימערל איז אויסגעוואַקסן איינע פון די גרעסטע סעמינאַרן אין גאַנץ פּוילן. עס איז נישט געווען קיין איין ווינקל, אפילו דער פאַרוואָרפנסטער, ווו דער בית־יעקב־געדאַנק זאָל נישט האָבן אַהינצו דערגרייכט. אין יאָר 1928, איז דער בית־יעקב־געדאַנק אויך אַריינגעדרונגען אין אָסטראָלענקע. די פרוי שנירער ע"ה איז דעמאָלט אַראָפּגעקומען צו אונדז, מיטגעבראַכט מיט זיך אַ לערערין, אויפגעזאַמלט אייניקע רעליגיעזע פּערזאָנען און אָנגעהויבן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט: וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט דער „בית־יעקב" פאַר דער יידישער היים. ס'האָט זיך גלייך געשאַפן אַ קאָמיטעט און מען האָט אָנגעהויבן איינצושרייבן קינדער. מ'האָט געדונגען אַ וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון 1 צימער, ביי אפרים כמיעל ע"ה, גענומען אויספאַרהערן איטלעכעס קינד, כדי צו וויסן צו וועלכער גרופּע עס דאַרף געהערן (זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט יעדעס קינד אין דערהיים געלערנט אַ ביסל דאַווענען און אויך אָנצושרייבן אַ יידיש וואָרט; ווער עס האָט נישט געהאַט די געלעגנהייט אין דער היים, פלעגט זיך לערנען ביי מאַשע די לערערקע) און ווו אָנצוהויבן לערנען. דער גאַנג פון לערנען איז געווען אַזאַ: אינדערפרי פלעגט מען לערנען אין דער פאָלקס־שול, נאָך מיטאָג פלעגט מען גיין אין „בית־יעקב", דאָרט פלעגט מען לערנען: דאַווענען, יידישע געשיכטע, שרייבן יידיש, תנ"ך, דינים און תורה — אַלץ, וואָס ס'איז שייך צו יידישקייט.

די ערשטע בית־יעקב־שול האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך אַ האַלב יאָר צייט לערנען, האָט מען זי געשלאָסן. די קינדער האָבן נישט געצאָלט, די לערער האָבן נישט באַקומען זייער געהאַלט, און היות עס איז געווען דעמאָלט אַ גרויסער מאַנגל אין אַזעלכע לערער, זענען, פאַרשטייט זיך, קיין פרישע לערערינס נישט צוגעקומען, בפרט אין אַזעלכע באַדינגונגען.

נאָר מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער, בערך (אין אַ חול־המועד־פסח איז דאָס געווען), איז פעסיע נאַשעלסקי מיט אַ פאָר פון אירע תלמידות צו אונדז אַראָפּגעקומען פון פּולטוסק (זי איז דאָרט געווען בית־יעקב־לערערין). מען האָט גלייך צונויפגערופן דעם קאָמיטעט, געדונגען אַ גרעסערן לאָקאַל און גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין בית־המדרש, ווו פעסיע נאַשעלסקי מיט אירע שילערינס האָבן דערקלערט די גרויסע וויכטיקייט פון אַ בית־יעקב־שול. דער קאָמיטעט האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט דער בית־יעקב־צענטראַלע אין קראָקע, מען זאָל שיקן אַ לערערין. דעמאָלט איז שוין די צאָל קינדער געווען אַ פיל גרעסערע. די ערשטע לערערין פון דער ניי־געשאַפענער בית־יעקב־שול איז געווען שיינע קאַפּוסטע, וועלכע האָט זיך געגעבן די גרעסטע מי אָנצושטעלן די שול אויף אַ געהעריקן ניוואָ. איר צוהילף איז געשטאַנען אַ פאַרוואַלטונג פון די פאָלגנדיקע פּערזאָנען: איטשע סאַפּיר, יעקב נאַשעלסקי, מאָטל קאַזידלער (דאָלאָוויטש), חיים אליעזר הענדעל און אַנדערע. אויסער דעם איז נאָך געווען אַ פרויען־קאָמיטעט. די אַלע וואָס האָבן פאַרוואַלטעט מיט דער שול, זענען געשטאַנען אויף דער וואַך און געזאָרגט פאַר אַלע הצטרכותן פון דער שול: חודש־לוין פאַר דער לערערין, דירה־געלט פאַר איר וווינונג, עלעקטרע און נאָך אַנדערע אויסגאַבן ביז דער זאָרג, אַז יעדע יידיש מיידל זאָל באַזוכן די דאָזיקע שול.

די בית־יעקב־שול האָט אין יענער צייט געציילט ביז 150 מיידלעך. ביי דער שול איז אויך געווען אַ „בנות־אגודת־ישראל"־גרופּע, וועלכע די לערערין פלעגט אָפּגעבן שיעורים אין תנ"ך, האַלטן פאַר זיי פאָרטראָגן א.אז.וו. שבת האָבן די תלמידות כמעט דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט צווישן די ווענט פון דער שול. אינדערפרי איז מען געקומען דאַווענען. נאָכמיטאָג האָבן זיך די קינדער געטיילט אין גרופּעס, און די בנות האָבן געדינט פאַר זיי אַלס מדריכות. די מדריכות פלעגן זיך „צוגרייטן" און שמועסן מיט די קינדער וועגן דער סדרה פון דער וואָך. זומער פלעגט מען לערנען „פּרקי־אבות" און ווינטער, נאָכן אָפּזאָגן „ברכי נפשי", פלעגט מען פאַר זיי פאָר־

לייענען פאַרשידענע ווערק, ווי: ד"ר לעהמאַנס באַשרייבונ־גען, די אויסגאַבן פון שמשון רפאל הירש און אַנד. מען פלעגט אויך מאַכן פאַרשידענע אויספלוגן, קאָנפערענצן. אויך פלעגט מען אויספירן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס די צענטראַלע פלעגט אַרויפלייגן. מען פלעגט זאַמלען געלט פאַרן „קרן הישוב" און מסביר זיין די גרויסע וויכטיקייט פון ארץ־ישראל, דעם זין פון די ווערטער: „ובנה ירושלים" און „ותחזנה עינינו". און ווען די „אגודה" האָט געשאַפן אין 1934 די ערשטע „הכשרה" פאַר מיידלעך, האָט אַסטראָלענקע גע־שיקט די ערשטע אַגודיסטקע קיין לאָדזש אויף „הכשרה", וועל־כע איז נאָך אַ 6־חדשימדיקן חכשרה־קורס עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

בית־יעקב איז געווען אַן אַנשטאַלט, ווו מ'האָט ממשיך גע־ווען דעם וועג פון די עלטערן: דער וועג פון תורה און יידיש־קייט. „עץ חיים היא למחזיקים בה", אַ קוואַל פון וועלכן מען שעפט חיות אויפן גאַנצן לעבן. זיין אַ ייד און אַ מענטש — איז געווען איינע פון די עיקר־זאַכן אויף וועלכע די „בית־יעקב"־שילערינס האָבן זיך דערצויגן. און די פאַרפלאַנצונג האָט געגעבן איר געוואונטשענע פרוכט. מיר האָבן געזען ווי ווייט די בית־יעקב־דערציאונג האָט אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון די שילערינס. ווען זיי האָבן זיך געפונען אין די שווערסטע מצבים, פאַרטריבענע אין די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן, אין מאָמענטן פון העכסטע יסורים און אוממענטש־לעכן פיין — איז דער כוח פון יידישקייט און קידוש־השם־גרייטקייט געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן בעסער אויסגעוויילט דעם טויט, איידער זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די טמאים... זיי האָבן שטענדיק געזונגען „ואהבת את ה' בכל לבבך ובכל נפשך — הלוואי ויבוא פסוק זה לידי ואקיימנו". און אין די מחנות האָבן זיי עס טאַקע מקיים געווען...

ברײַנע איגלעוויטש־מאַיראָוויטש

בית־הספר „יבנה"

הנה אני מנסה כאן להעלות בזכרוני אילו חויות של ילדותי. בוקר בהיר אחד. אני מתעורר, פוקח את עיני ורואה את אמי ז"ל עומדת על ידי ומזרזת אותי לקום וללכת לבית־הספר. אני לובש מהר את הבגדים שהוכנו עוד לפני השינה על כיסא ליד מיטתי, שוטף את פי, רוחץ את ידי ואת פני, לוקח את תרמילי עם המחברות ורץ. אני יוצא לרחוב קילינס־קיגה. כאן מתגלה לפני יום־יום בית־הכנסת החרב, שעשבי־בר עלו בו. תמיד היה מזכיר לי את חורבן בית־המקדש. נמנענו מלהסתובב על־ידו בלילות מפחד רוחות ושדים, שהיו שוכנים בו. הרבה אגדות התהלכו עליהם. אני מסתובב שמאלה וכרגיל אני רואה את ר' אהרן יענקל מרגלית יושב על ספסל־העץ שליד חנותו לבדו או עם כמה מבני העיר, מתלוצץ על חשבון מישהו ופניו שופעים קורת־רוח. אם לא הרגיש בי הצלחתי לעבור בלי צביטה באיזה חלק מגופי, ואוי לי אם לא הרגשתי בו בהתקרבו אלי. אני צועק מכאב והוא מצטחק לו להנאתו. אני נכנס לסימטה של בית־הקהילה, עובר על בית ישיבת נוֹבהרדוק, שקולות של תפילת שחרית בוקעים ממנו, ודמויות של בחורים מעוטרות בתפילין מתנועעות לפנים ולאחור נראות בעד החלונות.

אני עובר הלאה ויוצא לרחוב ציגאנסקה ואז נראה לי בית־ספרי, שלפניו מגרש גדול וחברי עם כל יתר תלמידי בית־הספר משחקים עליו בכל מיני משחקים עד לבואם של המורים ופתיחתן של המחלקות. והנה אני כבר אחד מהם. הכדור עף מעלה־מטה, הילדים רודפים אחריו, נופלים על האדמה, מתקוטטים — ופתאום המורה ומנהל בית־הספר מו־פיעים וכל התלמידים רצים אל הכיתות.

יושבים אנו על הספסלים המודרניים שהוכנו לפי הדוג־מאות שבבתי־הספר הפולניים. המורה זלמן גורזלצ'ני נכנס למחלקתו ואנו מוציאים את הסידורים ומתחילים את תפילת־הבוקר. הנה חברי דנציגר ז"ל בקולו הנעים מתחיל „מה טובו" ואחריו ממשיכים: סנדר לובלציק, סוקול, טיטלבוים ז"ל. כן! הד קולותיהם מצלצל באזני. הנה אני רואה אותם בשיעורים אם בעברית ואם בהיסטוריה, קמים, מצביעים בידיהם, משמיעים תשובותיהם בקול ערב. נשמע קול הפעמון ואנו פורצים החוצה. יום וערב נמשכו הלימודים. נכנסנו לבית־הספר ילדים וגמרנו אותו כשבאמתחותינו אוצר של ידיעות, ואנו על סף הבגרות.

ימים על ימים, בין צלצול לצלצול, קלטנו ידיעות ומו־שגים על עמנו, על תורתנו ועל העולם. כאן חושל יהודי ממין חדש, יהודי לאומי גאה, שרעיון של ציון נהיה נר לרגליו.

בית־הספר הזה קם ונהיה תודות לאבי ר' אפרים חמיאל (כמיעל) ז"ל, שאהבתו להשכלה, למדע ולציון היתה ללא גבול (בית העץ שבו שוכן בית־הספר נבנה במיוחד למטרה זו ע"י מר בלומנקרנץ); אבי לא חסך מכספו ומהונו כדי להחזיק את ביה"ס בחדשים הראשונים לקיומו. הוא נלחם נגד כל השמרנים, שראו בהוראת השפה העברית ולימוד התנ"ך חילול השם ואפיקורסות, רחמנא ליצלן...

המנהל של בית־הספר, זלמן גורזלצ'ני ז"ל, יהודי משכיל וציוני טוב, העניק לנו מידיעותיו ומהשקפותיו, וגם השתדל למשוך את בני הנוער של עירנו לבין כתלי בית־ספר זה.

המורה פילאר ז"ל, קפדן להפליא, החדיר בנו בקנאות וללא ליאות את ידיעת התנ"ך.

המורה רוזנבוים ז"ל, קנאי לשפה העברית, לשירה העב־רית ולאגדה, החדיר את השירה העברית בקרב הנוער. לא היה קץ לשמחתו כשהייתי שר לו סולו משירי ביאליק או שירים שהוא כתבם, שבהם פעמו תמיד הגעגועים לעם ישראל חפשי בארצנו הבנויה.

תוצאות החינוך הביאו את הנוער הגומר ליסד ארגונים ציוניים, כגון השומר הדתי, השומר הצעיר, בית"ר ו„החלוץ".

הנוער הזה היה עֵר למה שהתרחש בישראל, עלה לארץ, בנה ולחם בבוא הזמן למען ישראל חפשית.

יהודה חמיאל

בתי ספר בעיר

שולן אין שטאט



אַ גרופּע דערוואַקסענע שילערינס פון „בית־יעקב" שול



„תרבות"־שול אונטער דער אָנפיר־שאַפט פון לערער גדליהו ראָזנבוים (דער צווייטער פון רעכטס אין דער זאַלבע פערט שטייענדיקער שורה)

בתי ספר בעיר



אַ קלאַס „שקאָלא פּאָווסעכנא״
אין יאָר 1928 מיטן לערער
נאַדלער (אין צענטער)



ערשטער קלאַס
אין יאָר 1923



אַ גרופּע שילערינס פון „שקאָ־
לא פּאָווסעכנאַ״ אין יאָר 1923.
לערער: יעזשי לעוויסאָן, זיין
פרוי און פרוי קרימקעוויטש



שולן אין שטאט

„שקאָלא פּאָושעכנאַ"
לעצטער פון רעכטס:
לערער לאַנדאו



אַ קלאַס אין דער יידישער פאָלקס־שול



אַ גרופּע שילער און שילערינס מיט זייערע לערער

בתי־מדרשים און מנינים

זייט דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען כמעט די גאַנצע שטאָט, איינשליסלעך די שול, דער גרויסער בית־מדרש, איז פאַרברענט געוואָרן, איז קיין נייע שול נישט געבויט געוואָרן. נאָר ווען די יידן פון שטאָט האָבן זיך צוריקגעקערט פון פאַרשיידענע עקן רוסלאַנד און פון אַנדערע מקומות (נאָך דער 1־טער וועלט־מלחמה), ווען פוילן איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, האָבן זיי מיטן אויפשטעלן די חרוב־געוואָרענע היימען, אויך אויפגעשטעלט דעם גרויסן בית־המדרש, ווו מ'האָט געדאַוונט און געלערנט. לעבן אָט דעם בית־מדרש אין דער זעלבער געביידע איז געווען נאָך אַ קליינער בית־מדרש. מ'האָט עס גערופן דאָס קהל־שטיבל. ווינטער אין די גרויסע פרעסט, ווען עס איז געווען שטאַרק קאַלט און דער גרויסער בית־מדרש איז געווען נישט גענונג באַהייצט, האָט מען געדאַוונט אין קהל־שטיבל. ווער עס האָט געוואָלט דאַווענען רחבות־דיקער, האָט נישט געקוקט אויף דער קעלט און געדאַוונט אפילו ווינטער אין גרויסן בית־המדרש. שבת זענען געווען אין גרויסן בית־המדרש 2 מנינים: דער ערשטער מנין, וואָס איז באַשטאַנען פון „עמך", און אַ צווייטער מנין, וואָס איז באַשטאַנען פון אַזוי־גערופענע שיינע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרן דאַווענען אָפּלערנען אַ בלעטל גמרא, אַדורכ־לערנען די פרשה אין מדרש, אָדער אין זוהר.



דער גרויסער בית־מדרש פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה

קיין ספעציעלן חזן האָט אָסטראָלענקע נישט געהאַט. נישט אָפיציעל האָט „געקיניגט" איבערן בית־מדרש־עמוד חיים־בערל דער שוחט *). אַ גאַנץ יאָר אין די שבתים און ימים טובים האָט ער געדאַוונט אַליין אָן צוהעלפערס. אַז עס זענען געקומען די ימים נוראים, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַ כאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון קליינע ייִנגלעך מיט זיסע, קלינגענדיקע קולכלעך, וועלכע האָבן אים געהאָלפן אויסזינגען אין די ימים נוראימדיקע תפילות פאַרשידענע ניגונים און מאַרשן. חיים־בערל איז געווען אַ ייד אַ הדרת־פנים. זעענדיק אים אין גאַס האָט אַ ייד פון אַ פרעמדער שטאָט באַלד דערקענט אַז ער איז אַ משמש־בקודש. ער איז געווען אַ פּיקח. קיינמאָל נישט געבייזערט זיך, פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט מיט אַ ליבלעכן שמייכל. אַלע אין שטאָט סיי „רעכטע" סיי „לינקע" האָבן אים ליב געהאַט און געהאַט פאַר אים דרך ארץ. אַ סך האָבן אפילו נישט געוווּסט, אַז זיין פאַמיליע נאָמען איז קאַכאַן. מ'האָט נאָר געזאָגט חיים בערל דער שוחט, האָבן אַלע שוין געוווּסט וועמען מען מיינט. ס'זענען געווען נאָך שוחטים אין שטאָט, אָבער דער פּאָפּולערסטער און באַליבטסטער איז געווען חיים־בערל.

*) זע: „מיין פאָטער ע"ה ווי איך געדענק אים" פון יצחק קאַהאַן.

אויף דעם זעלבן הויף קעגנאיבער דעם גרויסן בית־מדרש, איז געווען די תלמוד־תורה. פריער האָט זיך דאָרט געפונען די „יבנה״־שול, וועלכע האָט זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן אין דער ציגאַנסקער גאַס לעבן יעקב פילאַרס הויז. אין שבתים און ימים־טובים האָט דאָרט געדאַוונט אַ מנין. סליחות־טעג האָט מען יעדן פאַרטאָג, איידער די קינדער זענען געקומען אין תלמוד־תורה, געזאָגט דאָרט סליחות, און ווען מ׳האָט באַוויזן, אויך אַריינגעכאַפּט אַ דאַווענען מיט אַ מנין.

דער ציוניסטיש־מזרחיסטישער מנין, איז אין אָנהויב געווען ביי פּיאַנקען אין הויז, שפּעטער אין דער „יבנה״־שול. דאָ האָט געדאַוונט אַ גרעסערע צאָל מתפּללים, פון דער אַזוי־גערופענער אינטעליגענץ, סיי פרומע און סיי פרייע. דער הויפּט בעל־תפילה איז געווען יאַנקל דאַנציגער, אַ יונגערמאַן דאַר ווי אַ שטעקן, מיט אַ זיס אָנציענדיק קול. ווען ס׳זענען געקומען די ימים נוראים, האָט מען פאַרקויפט „שטעט״. אַלע „שטעט״ זענען פאַרקויפט געוואָרן, ווייל מ׳האָט געוווּסט, אַז יאַנקל דאַנציגער איז בעל־מוסף. ער מיט זיינע 4 זין האָבן זיך צוגעגרייט וואָכן־לאַנג פאַר די ימים נוראים. זיי האָבן געזונגען חזנישע שטיקלעך, מערסטנטייל: מאָדזשיצער ניגונים, וואָס זענען געזונגען געוואָרן דורך זיי מיט פיל טאַקט און חן. פון אַנדערע מנינים פלעגן די ליבהאָבער פון נגינה קומען אין די ימים־נוראים בשעת די הפסקות הערן ווי יאַנקל דאַנציגער זינגט אַ פרישן מאָדזשיצער ניגון. מ׳האָט אים פאָרגעלייגט גרעסערע סומען געלט פאַרן דאַווענען אין אַנדערע שטעט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן אין די ימים־נוראים אָסטראָלענקע. בעל־שחרית איז געווען אפרים כמיעל, און טיילמאָל אויך בעל מוסף. ער האָט אויך געהאַט אַן אָנגענעמע שטימע. געקאָנט זאָגן אַ ניגון מיט אַלע פּיטשעווקעס. די קינדער האָבן אויך צוגעהאָלפן ביים דאַווענען. דער דאָזיקער מנין האָט געהאַט די שענסטע בעלי־תפילות פון שטאָט.

פון די חסידישע מנינים־שטיבלעך איז דאָס גערער שטיבל געווען דאָס גרעסטע, איידער עס איז געוואָרן פונאַנדערגעטיילט צוליב דער באַרימטער מחלוקה איבער דעם „נייעם״ שוחט, אַ גערער חסיד, וואָס די אָסטראָלענקער קהילה האָט אים נישט געוואָלט צונעמען און וואָס עס איז אַזש דערגאַנגען ביזן געריכט. מ׳האָט דאָרטן אַהינגעטראָגן דעם „יורה־דעה״ און אַדוואָקאַט גרויסבאַרד פון לאָמזשע האָט געזאָלט באַווייזן לויטן דין, אַז מען מעג אים יאָ אויפנעמען פאַר אַ שוחט. אַלס עקספּערט האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון ביאַליסטאָק דעם ד״ר ראַבינער ראָזענמאַן, וואָס האָט געקאָנט גוט פויליש רעדן. מ׳האָט שוין אפילו געסטראַשעט מיט די דריי אותיות *)...

ביי לעווטאָן דעם בעקער אין הויז איז געווען דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל **). און אַזוי גוט ווי אין גאַנץ פוילן אַזוי אויך אין אָסטראָלענקע זענען די אַלעקסאַנדערער חסידים אין קעגנזאַץ צו די גערער נישט געווען קיין אַקטיווע קעגנער פון ציוניזם. געווען ביי זיי מתפּללים אָפיציעלע חברים פון „מזרחי״, ווי: מיכאל סאַרניעוויטש, זיין שוואָגער בלומשטיין, וועלכע פלעגן שפּענדן פאַר ציוניסטישע פאָנדן. געווען שיינע יידן צווישן די מתפּללים, צ. ב. ש. מנחם פרידמאַן, יחזקאל זילבערשטיין, הערשל שפּערלינג א. ד. גל. משפחות וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען אין שטאָט, הן אַלס פאַרמעגלעכע מענטשן, הן אַלס יידן מיט אַ ברייטער האַנט. ווען מ׳האָט געדאַרפט זאַמלען אין שטאָט אַ גרעסערע סומע געלט פאַר אַ יורד־מנכסיו אָדער פאַר אַ כלל־זאַך, זענען זיי געווען מיט די אזוי־גערופענע גבירים פון שטאָט פון די גרעסטע נותנים. דאָס אַלעקסאַנדערער שטיבל איז געווען אַ זאַמל־פונקט פון די אינטעליגענטערע חסידים. זיי האָבן קיינמאָל נישט געפירט קיין קריגערייען, נישט געמישט זיך אַקטיוו אין די קריגערייען וואָס פלעגן פון צייט צו צייט פאָרקומען אין שטאָט; געגעבן יעדן מתפּלל פרייע הענט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן וואַלן צום שטאָט־ראַט, קהילה, סיים, סענאַט.

אין עק מאַרק נעבן דער בריק, אין הויז פון משה לייבל סקראָבאַטש, איז געווען דאָס אַמשינאָווער שטיבל. כאָטש די גבאים זענען געווען אַזוי־גערופענע „שווערע חסידים״, ד. ה. מחמירים, דאָך האָט דעם חותם אויף זייער פירונג געלייגט משה־לייבל סקראָבאַטש, אַ ייד אַ תלמיד־חכם פון גרעסערן פאָרמאַט, וועלכער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון קיין שום פּאַרטיי און האָט סימפּאַטיזירט מיטן מזרחי, געשפּענדעט פאַר ציוניסטישע צוועקן. האָבן אויך דעריבער די חסידים פון אַמשינאָווער שטיבל זיך באַצויגן צום ציוניסטישן־מזרחיסטישן געדאַנק מיט סימפּאַטיע. עס איז נישט געווען קיין שום זאַך אין אַמשינאָווער שטיבל, ווו משה לייבל סקראָבאַטש זאָל נישט דעצידירן. זיין וואָרט איז געווען איבערוועגנדיק אין אַלע ענינים.

ביי פסח האָכבערג אין איינעם פון זיינע צימערן איז געווען אַ מנין. מ׳האָט אַרויסגענומען אַלץ פון דאָרט און אַריינגעשטעלט אַן ארון־קודש, טישן מיט בענק און פאַרוואַנדלט


פייגע פריידע זילבערשטיין גייט צו סליחות

*) חרם.

**) פאַרן ערשטן וועלט־קריג זענען אַלע חסידים־שטיבלעך (אויסער גערער) געווען אין דעם בנין פונעם גרויסן בית־המדרש.

איינעם פון די שענסטע צימערן אין אַ מנין. דאָרטן פלעגן פאָרקומען די זיצונגען פון קרן־קיימת, ווו פסח האָכבערג איז געווען מורשה. שבתים, ימים־טובים פלעגט מען דאָרט דאַ־וועגען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פונקט ווי דער בעל־הבית, וואָס זיין גאַנצער געדאַנק און וועזן זענען געווען געווידמעט ארץ־ישראל, דעם ציוניזם, איז אויך דער מנין געווען אַ ציוניסטישער. אין אַנדערע מנינים פלעגן די מתפללים שפענדן אָדער דאַרפן צאָלן חודש־געלט כדי צו קאָנען אויסהאַלטן די מנינים — ביי פסח האָכבערגן איז אַזוי נישט געווען. ער האָט אַלץ אויסגעהאַלטן פון דער אייגענער קעשענע. אַלע שפענדונגען פון די מתפללים זענען געגאַנגען נאָר פאַר ארץ־ישראל.

די פרוי האָכבערג איז אויך געווען אַן אויסנאַם־פרוי. מ'האָט קיינמאָל נישט געהערט, אַז זי זאָל זיך קלאָגן וואָס מ'האָט פאַרוואַנדלט איר הויז אין אַ רשות־הרבים. ס'פלעגן פאָרקומען זיצונגען פון קרן־קיימת זייער אָפט, אָדער דער מנין איז זיך צוזאַמענגעקומען, און אין די ווינטער־טעג האָט מען אָנגעטראָגן פיל בלאָטע און שניי אויף די פּיטערירטע פאָדלאָגעס. נישט גענוג וואָס מ'האָט נישט באַמערקט קיין קרומע מינע אויף איר פנים, האָט זי נאָך פאַרקערט — געשטראַלט פאַר שמחה, מקבל־פנים געווען די געקומענע בסבר־פנים־יפות, געשטעלט כיבוד ביי אַלע צוזאַמענקונפטן. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

זאָלן די פאָר שורות דינען ווי אַ הייליקע מצבה פאַר דער איידעלער און נאָבעלער פרוי האָכבערג. הי״ד.

חוץ די אַלע אויבנדערמאָנטע ערטער, איז אויך געווען דער בית המדרש פון „חברה תורה" אויפן שול־הויף און אַ מנין פאַרן אייגענעם געבוידך אין דער ישיבה, ווו עס האָבן געדאַוונט נאָר ישיבה־בחורים מיטן ראש ישיבה.

חיים דרעזנער
(בני־ברק, ישראל)

„קעלנער־שטיבל"

בעירנו, כברוב ערי פולין ועיירותיה, היו מקומות תפילה רבים. תופעה זו נבעה מן העובדה, שבעירנו היו הרבה חסידים למיניהם. הפיצול היה רב מאוד, וזה גרם להתמודדות ולהתבודדות. בית־הכנסת שעמד ב„שול־גאַס" היה מיועד במיוחד ליהודי „עמך", בעלי־מלאכה ואנשי עבודה. בית המדרש — מתפליו היו מעורבים, ומבחינה ידועה היה מקום התפילה הרשמי, כי הרב בכבודו ובעצמו התפלל בו. בתוך בנין זה, דלת על־יד דלת, היה ה„קהל־שטיבל". מתפלליו היו בלי צביון מיוחד. התפילה ב„קהל־שטיבל" התחילה בשעות המוקדמות של היום. במשך הבוקר היו מתפללים בו כמה מנינים. נדמה היה, כי מקום תפילה זה משך אליו בעיקר אנשים הממהרים תמיד והעסוקים במלאכתם ובמסחרם ואינם אוהבים דיוק וקביעות של שעת תפילה. בקומה שניה, בשכנות „עזרת הנשים", שכנו כמה „שטיבלאַך" מגוונים שונים: „שטיבל" של הציונים, של חסידי אמשינוב, אוטבוצק ואלכסנדר. ב„שטיבל" של הציונים היו מתפללים יהודים, שהיה להם סנטימנט לארץ־ישראל. הם היו הפעילים ביותר בעירנו בהפצת הרעיון הציוני. ייזכר לטובה אנשל לב ז״ל, הרוח החיה והמניע העיקרי בחוג הזה. ממנו ינקנו גם אנו, בני הנוער, והושפענו. תמיד היה מגייס אותנו ומוסר לנו תפקידים שונים, כגון: הפצת השקלים, חלוקת הקופסאות של הקרן־הקיימת בבתים, העמדת „קערות" בבתי התפילה השונים בערב יום הכיפורים וכדומה. ב„שטיבל" זה היינו מתאספים לשם שיחות על הציונות וקריאה ברבים מתוך ספרות התנועה. מובן, שכל הפעולה הזאת נעשתה בהסוואה. ליד כל אחד היה מונח ספר של גמרא, כאילו אנו לומדים תורה. בפינה נידחת שבעליה היינו מסתירים את כל חומר התעמולה והקופסאות של הקרן־הקיימת.

ה„שטיבל" של חסידי גור, שהיו הרוב במספרם ובהשפעתם בעירנו, שכן במרחק רב ממרכז זה, בבית שעל שפת הנהר, לא הרחק מהגשר. בית זה היה פעם קסרקטין והפכוהו למקום תפילה, ושם התפללו כל חסידי גור וביניהם הרבה מבעלי־הבתים המכובדים בעירנו. בימים ההם החלו רוחות חדשות מנשבות בעירנו. אצל רבים מתושבי עירנו חלה מהפכה בהלך־מחשבותיהם. לגבי חינוך בניהם, שוב לא הסתפקו בלימודים ב„חדר" והתחילו להקנות לילדיהם לימודים כלליים. אורח־החיים וההווי נשתנו במידה מסוימת. זה התבטא גם בלבוש. בני הנוער התחילו לאט לאט לשנות את בגדיהם, „מקצצים בעליונים" ועוברים לתלבושת אירופית. גם רבים מן המבוגרים לא נהגו עוד קפדנות יתירה בלבושים והתחילו מקצרים את קפוטותיהם ומדקדקים בנקיונן, וגם עונדים צווארונים לבנים ועניבות. הכובע המסורתי אף הוא קיבל צורה אחרת, שלא כדוגמת הכובעים של החסידים האדוקים. שינוי הלבוש לפי רוח הזמן שימש נושא לוויכוח ולריב תמידי בשעת התפילה. המתקדמים היו מופיעים בשבת לתפילה לבושים במעילים יפים ומקוצרים, הכיסים עקומים ולא ישרים (סימן לאפיקורסים). לא פעם גרמה הופעתם לעיכוב קריאת התורה והפרעת סדר התפילה.

בשבת אחת פרץ המשבר. האדוקים והקנאים החליטו לפעול כי „עת לעשות — הפרו תורתך"... מה עשו? באמצע תפילת שמונה־עשרה יצאו בשליחותם קונדסים לפרוזדור, במקום שהיו תלויים המעילים, וקשרו יחד כל שני מעילים של המתפללים המתקדמים ובתוך הכיסים העקומים שמו ביצים סרוחות. בגמר התפילה כשהאנשים התפזרו לבתיהם התגלה הפשע. אין לתאר את המחזה הזה והריב שפרץ בגללו. המעשה הזה הגדיש את הסאה. המתקדמים החליטו ליסד „שטיבל" חדש וקראו לו „קעלנער שטיבל", כלומר: ה„שטיבל" של בעלי הצווארונים. העומדים בראש המרד והמיסדים של ה„שטיבל" היו: מנדל ברין, אבי יחזקאל קופפרמינץ, שמואלקה פרידמן, זלמן קוסובסקי, זיסקינד ועוד הרבה מתפללים. הם שכרו חדרים אחדים בביתו של שמואלקה פרידמן ושם סידרו את ה„קעלנער שטיבל". במשך הזמן נוצר קשר אינטימי בין המתפללים.

לא אצא ידי חובה אם לא אספר בהזדמנות זו על האיש המרכזי והרוח החיה של מקום־תפילה זה — שמואל פרידמן, שהיה אישיות מיוחדת במינה. אמן היה בנפשו ובתבונת־

כפיו. מי יודע אם האיש הזה לא נוצר לגדולות ונצורות בשטח האמנות לו היה חי בסביבה אחרת. את כל כשרונו האמנותי השקיע איש זה כדי לשוות למקום־התפילה יופי והדר. מקום תפילה חדש זקוק לספר תורה וארון קודש, ובשטח זה מצא פורקן לרגשותיו ושאיפותיו. אספו סכום כסף מספיק וכתבו ספר־תורה. את „עצי־החיים" עשה שמואל פרידמן במו ידיו, קישט אותם בצדפים ושמות כל המתפללים היו חרותים בהם. ואילו פיתוחים יפים ומרהיבי־עין עשה בארון־הקודש. אכן, את כל נשמתו השקיע בעבודת קודש זו. ואת החגיגה ביום סיום כתיבת ספר־התורה לא אשכח לעולם. איזו שמחה והתרוממות הנפש היו שרויות אז בין המתפללים! והשתיה כדת, ורוקדים יהודים בשמחה ובהתלהבות במעגל, יד על השכם, ושרים בדביקות ומודים לה׳ על הזכות שנפלה בחלקם לסיים את כתיבת ספר־התורה. ואנו הקונדסים מקיפים במעגל חיצוני את הרוקדים, נעים אתם יחד בקצב אחד ושרים: „וטהר לבנו לעבדך באמת" ועוד שירי חסידים מאז. וגם בעניני קולינריה היה ר׳ שמואל בקי. בייחוד היה מומחה גדול להכנת הפונש המפורסם, שבו היה מהנה את המתפללים. התפילה ב„שטיבל" זה היתה תמיד עוברת בנעימות, כי לא היינו כפותים לחומרות יתירות ולאיסורים שונים, שכבר לא היו לפי רוח הזמן ההוא.

במיוחד נחרתו בזכרוני מסיבות „שלוש הסעודות" שנערכו בכל שבת בין־השמשות. לפי תור היה כל מתפלל מביא כיבוד שונה ומשקאות. ובדמדומים היתה משתפכת שירה נוגה היוצאת מן הלב, כמיהה וערגה ליום שכולו קדוש ונעלה, כמה קשה להיפרד מהנשמה היתירה ולחזור למציאות המרה ולהבדיל בין קודש לחול. ידוע ידעו אבותינו בימים ההם ליצור תוכן בחייהם על־ידי תפילה ובילוי הזמן בצוותא. ביחוד בשבתות התפרקו מכל דאגה ועול פרנסה, נכנסו לחיי יום שכולו קודש וזוהר, ערגה והתרוממות הנפש, כבני מלכים המתיחדים עם שבת המלכה הנכספת.

אביעזר דרורי (קופפערמינץ)

„דאָס ציוניסטן־שטיבל"

אין דעם בנין פון דעם גרויסן בית־המדרש, וועלכער האָט זיך געחברט אויף דעם זעלבן הויף — מיט דער פּראַכטפולער דעמאָלט־נאָך־עקזיסטירנדיקער שול — איז געווען, דורך אַ הינטער־הויז, דער אַרויפגאַנג צו די אַלעקסאַנדרער, אַמשינאָווער און אָטוואָצקער חסידים־שטיבלעך. עס איז דאָ נישט דאָס אָרט צו דערציילן מיט וויפל פעדים מיר, חסידישע קינדער, זענען געווען פאַרבונדן מיט אָט די דאָזיקע שטיבלעך; אין אַ יומא־דפגרא, צי אין אַ דאַווענען, אַ יאָר־צייט נאָך אַ רבין, צי אין אויסהערן בצוותא מעשיות פון „גוטע יידן", פון ישועות און נחמות... אָדער אַ חסידיש־שבת־בייטאָגיקן שפּאַציר הינטער דער שטאָט, צי פון אַ „נייעם ניגון", וואָס די חסידים פלעגן „אַראָפּכאַפּן" פון רבישע טישן אָדער פון ערגעץ־ווי אנדערש (מען פלעגט אַפילו זינגען „לכה־דודי"ס מיט מיליטערישע מאַרשן), צי גלאַט אַזוי אין אַ שטיבל־שמחה. איך וויל דאָ בעיקר דערציילן פון אַ „שטיבל", וואָס האָט זיך געפינען האַרט לעבן אָטוואָצקער חסידים־שטיבל און איז אויסגעפאַלן די ערשטע ביים אַריינגאַנג פון קאָרידאָר. מען האָט זי גערופן: דאָס ציוניסטן־שטיבל. שטעטל פלעגט אַ סך רעדן פון דאָזיקן שטיבל". פרומע קרייזן האָבן געקוקט אויף דעם „קרום" און געהאַלטן דאָס דאָזיקע שטיבל פאַר אַ מין „חוטא ומחטיא". אַ קלייניקייט: ציוניסטן, יידישע גויים, טריפה׳ניאַקעס — דאַווענען גאָר און דאָס — בכפיפה אחת מיט פייערדיקע חסידישע יידן!

אונדז, די קינדער פון חסידישע טאַטעס, איז געווען ממש פאַרבאָטן דאָרט אַריינצוגיין. עס איז געווען אסור זיך אפילו בלויז דאָרט אָפּצושטעלן. אָבער ווי קען מען זיך איינהאַלטן נישט צו כאַפּן כאָטש אַ בליק אַהינצו, ווען מען איז אַזוי אין נאָענטער שכנות? אַ וואַנט איבער אַ וואַנט! מיר האָבן טאַקע אויסגעמיטן דאָס שטיבל און אונטער דער השפעה פון די טאַטישע רייד, האָבן מיר באַקומען אפילו אַ מין פחד פאַר דעם אָרט. מען פלעגט פאַרביילויפן ווי להבדיל פאַר אַ קאָסטשיאָל. אויך אונדזערע קינדער־שפּילערייען זענען נישט אָנגעגאַנגען אויף דעם דאָזיקן אָרט. מיר פלעגן ממש אויסמיידן זיך צו טרעפן פנים־אל־פנים מיט די קינדער פון די טאַטעס, וואָס האָבן געדאַוונט אין דעם דאָזיקן משונהדיקן שטיבל.

די טיר פון דעם דאָזיקן שטיבל איז על־פי־רוב געווען צוגעמאַכט בעתן דאַווענען, ווי פאַר אַן עין־הרע... זעלטן ווען עס האָט זיך געהערט אַ תפילה־אויסגעשריי, אָן התלהבותדיק געזאַנג, אַ „רודער אין די הימלען" ווי עס פלעגט זייער אָפט פאַרקומען אין די דערבייאיקע חסידים־שטיבלעך. שטענדיק איז דאָרט געווען שטיל, ווי עס איז געווען צוזען זענען די תפילות ווי אויך זייערע אַלע שטיבלדיקע ענינים אָנגעגאַנגען אין אַ שטילן מעסיקן טאָן. אפשר האָבן זיי אַליין אויך געהאַט אַ שלעכט געפיל און זיך נישט געפילט דאָ באַקוועם? אָפּטמאָל האָב איך געהאַט אויף זיי רחמנות ווי אויף אָפּגעזונדערטע, וואָס מען וויל מיט זיי נישט קומען אין קיין מגע־ומשא. איך האָב דעמאָלט, אַלס קליין ייִנגל, נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ זין דאָס דאָזיקע שטיבל האָט געהאַט אין יענער צייט. עס האָט זיך מיר אפילו איין געשטאַלט פון די דאָזיקע שטיבל־לייט נישט איינגעקריצט אין זיכרון.

נאָר איינמאָל, געדענק איך, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען מיט מיין טאַטן ז״ל זייער שטיבל (ס׳איז געווען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב אינדערפרי), די טיר איז געווען אָפן און אַזוי ווי איך האָב דאָרט אַריינגעוואָרפן מיין ערשטן בליק, האָט אַ גרויסער זילבערנער מגן־דוד פון דאָרט מיר אַריינגעבליאַסקעט אין פנים אַריין, אַז איך האָב אַ ציטער געטאָן. אַ מאָדנער געפיל האָט מיך דעמאָלט באַהערש, אַזוי ווי איך וואָלט פאַרביי אַ גויישע תיפלה און דערזען אַ צלם, פאַר וועלכן אַ יידיש קינד דערשרעקט זיך אַזוי... גלייך אָבער איז דער דאָזיקער געפיל פון מיר אַוועק. אויפגעגאַנגען איז אין מיר די נאָענטקייט צום יידישן מגן־דוד, וואָס איך האָב געזען אין גין־גאָלד אויסגעפּוצט אויף די זיידענע שול־ און בית־מדרש־פּרוכתן... איך האָב דערפילט אין אַלע מיינע קינדישע טיפקייטן, אַז דאָס איז אַן עכטע יידישן זאַך!...

• • •

היינט פאַרשטיי איך און ווייס, אַז דאָס דאָזיקע שטיבל מיט דעם מגן־דוד, וואָס איז דעמאָלט געווען טריף־פּסול ביי דעם פרומען שטעטל — האָט געדינט צו גאָר־גרויסע יידישע צוועקן און איז געווען דער סימבאָל פון ציוניזם און פון דער היינטיקער יידישער מדינה. היינט פאַרשטיי איך און ווייס, אַז דאָס דאָזיקע שטיבל איז אויך געווען אַ מין חסידים־שטיבל... מיט תפילה, געזאַנג און התלהבות ווי די אַנדערע שטיבלעך, נאָר דאָ איז אַלץ אויסגעטראָגן געוואָרן אין זיך, שטיל... מיט לאַנגן אויסדויער... און מערקווירדיק ווי דאָס איז געגאַנגען האָנט ביי האַנט מיט מניין, מיט תפילה, מיט דאַוונען צום בורא־עולם. אָן ספק האָבן זיך אויך געפונען צווישן די דאָזיקע ציוניסטישע שטיבל־לייט פיל ערנסט־פרומע יידן, וואָס האָבן געדאַוונט מיט אַ סך כוונה צום הימל.

י. ע.

דאס אטוואצקער „חסידים־שטיבל״

אָסטראָלענקע איז געווען איינע פון די עכט־יידישע שטעט, וועלכע זענען געווען באַשאָנקען מיט אַ סך מנינים, בתי־מדר־שים און אויך מיט חסידים־שטיבלעך. די חסידים־שטיבלעך אין אָסטראָלענקע — דאָס איז געווען אַ גאַנץ באַזונדער קאַ־פּיטל פאַר זיך. די חסידים זענען, אין תוך גענומען, געווען יידן פאַרטועגע אין לערנען, יידישקייט, פרומע הנהגה, פאָרן צום רבי'ן, זיך שואל עצה זיין אויף אַ קליינע צי אַ גרויסע זאַך, און נישט געדאַרפט זיך מישן אין מילי־דעלמא אויסער ווי אין די ענינים פון פרנסה. די אינאַהבער פון אַ סך גרויסע גע־שעפטן אין שטאָט זענען געווען חסידים. געווען צווישן זיי אַ סך פאַרמעגלעכע און אפילו גאָר רייכע יידן. אָבער דאָך האָבן זיי זיך אויך געמישט אין שטאָט־זאַכן. פיל פון זיי זע־נען געווען פאַרטרעטן אין דער שטאָטישער קהילה; געווען צווישן זיי דאָזארעס און אפילו אויך פּרעזעסן, ווי אויך לאַווי־ניקעס און ראַטמענער אין שטאָט־ראַט (מאַגיסטראַט) א. א. וו. געווען אויך צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ דעצי־דירנדיקן איינפלוס אויף די שטאָט־ענינים און צייטנווייז גע־נומען זיך אפילו דאָס רעכט צו צוימען עפּנטלעך די פאַר־שריטנדיקע יוגנט... אָבער נישט תמיד איז זייער וואָרט גע־ווען גילטיק, ווייל דער שטראָם פון דער אַנטוויקלונג, וואָס איז געגאַנגען האַסטיק פאָרויס, האָט זיך נישט געקאָנט רעכע־נען מיט זייער פרומען קאָנסערוואַטיוון רצון...

4 חסידים־„שטיבלעך״ זענען געווען אין אָסטראָלענקע: גערער, אַמשינאָווער, אַלעקסאַנדרער און אָטוואָצקער (וואור־קער). אין דער תקופה פון פאַר דער 1־טער וועלט־מלחמה, האָבן זיך אַלע „שטיבלעך״ קאָנצענטרירט כמעט אויף איין מקום; אויף דער שול־גאַס, אינעם בנין פון גרויסן בית־המדרש. אויסער איין „שטיבל״ (גערער), וואָס איז געווען אויף אַ גאַנץ אַנדער פּלאַץ; ביים סוף פון דער ציגיינער־גאַס, נאָענט צום טייך. שפּעטער, נאָכדעם ווי פוילן האָט איבערגענומען די מאַכט, זענען שוין די „שטיבלעך״ געווען פונאַנדערגע־וואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט. דאָס גערער „שטיבל״ האָט געהאַט די שטאַרקסטע השפּעה איבער די ענינים פון שטאָט. די גערער חסידים האָבן נישט איינמאָל געלאָזט פילן זייער יד־חזקה און עקסטרעמען צוגאַנג צו די שטאָטישע אינטערעסן. אויך די אַמשינאָווער חסידים האָבן געהאַט נישט קיין קליינע השפּעה און מיטגעהאָלפן דעצידירן פיל זאַכן. די אַלעקסאַנדער־חסידים זענען געווען די „ליבעראַלסטע״ צווישן זיי. ווייל זיי זענען צוגעגאַנגען תמיד צו די שטאָט־אינטע־רעסן מיט אַ געוויסער פאָרזיכט, נאָכגיביקייט און פאַרשטענ־דעניש פאַר דער צייט (זיי האָבן זיך דערמיט טאַקע קונה־שם געווען ביי די גערער אָדער אַמשינאָווער פאַר קלי־דעת און אַ ביסל „געכאַפּט אין דער מעשה״...).

דעם קלענסטן איינפלוס, מ'קאָן זאָגן: דעם אומבאַדייטנ־דיקסטן, האָבן געהאַט די אָטוואָצקער. דאָס „שטיבל״ איז באַשטאַנען פון עטלעכע מנינים יידן, על־פּי־רוב: אומפאַר־מעגלעכע און שווער־פאַרהאָרעוועטע יידן, וואָס האָבן קוים־קוים זיך „דורכגעשטופּט״ מיט חיונה און האָבן אויך נישט געהאַט, וואָלט איך זאָגן, קיין שום פּראַקטישן חוש פאַר שטאָ־טישע זאַכן צוליב זייער גרויסער פּשטות, טאָג־טעגלעכער פאַרפרומקייט (געשטאַנען מיט התלהבות אויף אַ קוצו של יוד, ווי, למשל: מאַכן אַ ברכה אויף יעדער פּרי אָדער עסן, דאַווי־נען בקול־רם און נישט פאַרשלינגען קיין ווערטער, חלילה, אד״ג) און שטאַרק־פאַרפלאַנצטע אהבת־ישראלדיקייט, דער־הויפּט צום יחיד, וואָס זיי האָבן געירשנט פון די אָטוואָצקער און וווּרקער הויפן... דעריבער איז זייער אָריענטאַציע געווען פיל מער אויף דעם פּרט ווי אויף דעם כלל. קיין גאָר־גרויסע לומדים (אויסער ווי געציילטע אויף די פינגער), איז אויך נישט געווען צו געפינען צווישן זיי, און בפרט אין דעם דאָ־זיקן מערקווירדיקן „שטיבל״ אויף וועלכן איך וויל מיך דאָ באַזונדער אָפּשטעלן. (זיי זענען געווען, די אָטוואָצקער, מער חסידים און בעלי יראת־שמים ווי לומדים, מער מיט האַרץ ווי מיט קאָפּ). טייערע, ווילע יידן זענען דעריבער דאָרט געווען נישט קנאָפּ. די דאָרטיקע מתפּללים האָבן קוים אויסגעהאַלטן דאָס שטיבל. (געדאַוונט האָט מען אין די „שטיבלעך״ נאָר שבת, יום־טוב און ימים־נוראים, אינדער־וואָכן איז דאָרט געווען ליידיק; די חסידים פלעגן מתפּלל זיין אין די וואָכעדיקע טעג אין „קהל־שטיבל״ אָדער אין בית־המדרש). געווען צווישן זיי יידן גלעזער, אָרימע קליין־הענד־לער, פאַפּיראָסן־מאַכער, בלעכער, וואָס האָבן קוים געקאָנט פון דעם „אָרויסציען״ זייער חיונה. דערפאַר אָבער שטילע פּשוטע און בכבודיקע יידן, מיט אַ סך אמונה, וועלכע זענען זיך געגאַנגען זייער וועג און נישט „אַריינגעשטעקט אומעטום זייער נאָז״.

אייניקע אָטוואָצקער חסידים, וועלכע זענען מיר געבליבן איינגעקריצט אין זיכרון עד היום מיט זייער אייגנאַרטיקייט און באַזונדערקייט אין דעם דאָזיקן „שטיבל״ זענען געווען: ר' דוד שלאַפּמיץ, ר' חיים נאָטע צוקערקאָרן (וועלכן איך האָב געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל), ר' מרדכי צוקערקאָרן.


און אחרון אחרון: ר׳ איצל סאָיקע, וואָס איז געווען אַ יוצא מן הכלל פון דעם גאַנצן אָטוואָצקער „שטיבל״־נוסח. פון אים וועל איך דווקא אָנהויבן. ער איז געווען, ווי איך געדענק אים נאָך אַלס יונגער ייִנגל, אַ מין „אויבן־אָן״ צווישן דעם גאַנצן עולם חסידים. קודם כל: דער שיינער בכבֿ־דיקער חסיד (אין וועמעס שטוב עס איז אַ מאָל דער אָטוואָצקער רבי אַליין אַיינגעשטאַנען, אַראָפּקומענדיק קיין אָסטראָלענקע) דער פיינער בעל־מנגן און באַאַרבעטער פון נייע חסידישע ניגונים פאַרן „שטיבל״ און דערצו: דער גביר מיט אַ שם אין שטאָט, אַלס אינהאָבער פון אַ גרויסע פאַראָווע מיל בשותפות מיט אַנדערע. געווען אַ ייִד מיט אַ האַרץ אויך פאַרן כלל, וואָס דאָס איז דווקא געווען נישט אַזוי אין איינקלאַנג מיטן אָטוואָצקער שטייגער. און מערקווירדיק ווי דער דאָזיקער שיינער, „ליבעראַלער״, צו יעדן צוגענגלעכער און פּיקחות־דיקער ייִד איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַלס מוסטער פאַר כלל־טוערײ און שטאָט־פאַרשטייערשאַפט, צו וועלכן אַלע אָן אונטערשייד האָבן געהאַט דעם פולסטן צוטרוי און וועמען יעדער האָט אמת ליב געקריגן און זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ.

אַלס קליין ייִנגל נאָך האָב איך צו דער דאָזיקער שטוב, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שול־גאָס צו יענער צייט, נישט ווייט פון אונדזערער, געהאַט אַ באַציאונג און געפילט אַ בלינדע ליבשאַפט. צווישן מיינע „קינדער־וויזיטן״, וואָס איך פלעג מאַכן טאָג־טעגלעך אין די שכנישע הייזער, איז די שטוב פון ר׳ איצל סאָיקע געווען די סאַמע ערשטע אויפן פּלאַן. גרויסע סענטימענטן האָב איך געהאַט פאַר דער דאָזיקער משפחה. אויך מיין פאָטער ז״ל איז געווען פון זיינע אינטימסטע „שטיבל״־פריינט. איך פלעג אים פיל מאָל ברענגען נייע ניגונים „פון דער נאָדל אַראָפּ״, און ער פלעגט זיי באַאַרבעטן אָדער באַשטעטיקן. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן און איך פלעג אים אָפט צוהעלפן אין די „שטיבל״־זמירות: ביי אַ „לכה דודי״, „כי אשמרה שבת״ אָדער „בני־היכלא״. דער דאָזיקער אידעלער און חכם־דיקער ייִד איז געשטאַנען ווי אַן איינציקער אָנגענעמער קאָנטראַסט צום גאַנצן אָטוואָצקער חסידים־שטיבל. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער 2־טער וועלט־קריג, איז ער פאַרטראָגן געוואָרן אין סלאָנימער געטאָ מיט נאָך פיל אָסטראָלענקער און איז דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי, זון, טאָכטער, אידעם און 4 אייניקלעך. הי״ד.

נאָך אים גייט ר׳ דוד שלאַפמיץ. געווען אַ ייִד אַ גלאָז־סוחר. דאָס פּיקאַנטע אין אים, וואָס ער פלעגט געבן דעם טאָן אין „שטיבל״. כאָטש נישט געווען קיין צו־גרויסער למדן, האָט ער געהאַט אָבער אין זיך אַ מין צוציאונגס־כוח פאַר פיל פון די דאָרטיקע שטיבל־ייִדן. געפירט די גאַנצע שטיבלשע פּאָליטיק „ביד רמה״, מיט אַלע פּיטשעווקעס און בלויז נאָר מיט אַ שאַרף־שניידנדיק און שווער־קריטיקירנדיק וואָרט אויפן חשבון פון אַ וועלכן עס איז שטיבל־ייִד, האָט עס געמעגט זיין אפילו אַ „מר בר רב אשי״ אָדער דער שאַרפסטער חסיד פונעם שטיבל. עד האָט דערפון, ווייזט אויס, שטאַרק הנאה געהאַט. נישט איינמאָל פלעגט עס דערפירן צו די שאַרפסטע מחלוקת און וויכוחים, וועלכע פלעגן דערגיין צום סאַמע רבין אַליין... ער האָט פאַרמאָגט אַ כוח־הדיבור, וואָס האָט געקאָנט לייכט איבערצייגן און אַריבערפירן אַ סך חסידים אויף זיין זייט. ער האָט אַלץ געטאָן שטיל און קלוג, און דער עיקר קורץ און שאַרף און נישט מיט קיין סך רייד. דאָס שטאַרקסטע וואָס איז מיר פון אים פאַרבליבן אין זיכרון איז: זיין דאַוונען פאַרן „עמוד״. זיינע ראש־השנה־יום־כיפורדיקע מוספים וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן (מיין פאָטער ז״ל פלעגט צו יענער צייט דאַוונען די שחריתים). ווי אַ לייב איז ער געשטאַנען פאַרן „עמוד״ און געקעמפט מיטן הימל. זיין „בראש השנה יכתבון״, זיין „יתגדל״ פאַר מוסף, זיין „הנני העני ממעש״ פלעגן זיכער מאַכן אַ „לאָך אין הימל״. ער פלעגט אַדורכנעמען מיט זיין „זאָגן״ יעדן מתפלל. נישט געווען אין דעם אַזוי פיל האַרץ, געבעט ווי „דראָאונג״, פאָדערונג. זיינע דראַמאַטישע טענער פלעגן זיכער פאַרציטערן דעם „אויבן״, ווו געשטאַנען צום משפט איז יעדער באַשעפעניש אין די הייליקע פאָרכטיקע טעג. געוויינען, געמאָסטן יעדערנס מעשים, די גוטע און די שלעכטע, באַשטימענדיק דורכדעם דעם גורל פון ווייטערדיקן זיין... הערנדיק ר׳ דודן דאַוונען ימים נוראים, האָט מען געמוזט קומען צו אַ הרהור פון תשובה. ווען ער פלעגט נאָר אָנהויבן די ערשטע תפילהביים „ברעטל״, האָט שוין אין „שטיבל״ אַרומגעפלאַטערט אַן אימה... ער האָט זיך דערמיט, ווייזט אויס, אויך קונה־שם געווען ביי אַלעמען.

(מרדכי מענדל שלאַפמיץ, זיינער אַ זון, איז געווען איינער פון די טוער אין דער אָסטראָלענקער פועלי־ציון־פּאַרטיי. געווען אין ארץ־ישראל, איז צוריקגעפאָרן און אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע ביי די נאַציס, הי״ד).

צום סוף וויל איך דאָ דערמאָנען מיט אַ פּאָר ווערטער אָט דעם מערקווירדיקן אָטוואָצקער חסיד ר׳ מרדכי צוקערקאָרן מיט דער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, וועלכער האָט אויך אויף יעדן איינעם געווירקט מיט זיין באַזונדעראַרטיקייט. געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער ייִד מיט אַ פּנים וואָס האָט אויסגעדריקט אַ סך גוטסקייט און גבורה, כאָטש ער האָט זיך



ר׳ מרדכי צוקערקאָרן ז״ל

געוואַקלט ביים גאַנג... דאָס איז געווען אַ דינאַמישער ייד מיט בליציקן געדאַנק. עכטער יושר און שאַרפער פּראָטעסט פאַר אומגערעכטיקייטן האָבן אָנגעפילט זיין חסידיש־פאָלקסטימלעכן מהות. געלעבט כל ימיו פון שווערער אַרבעט. געווען אַ בלעכער (געמאַכט טירלעך צו אויוונס, בראָט־קאַסטנס אד״ג) און האָט אויסגעלערנט דעם פאַך צו די איבעריקע פון זיין משפחה. ר׳ מרדכי פלעגט בליץ־שנעל רעאַגירן אויף זאַכן, אַרויסגייענדיק נאָר פון דעם יושר־שטאַנדפּונקט. ער איז געווען אַ דובר־אמת בלבבו, גראָדליניק און פול מיט וויץ און שאַרפזין. דעם אמת האָט ער געקאָנט וואַרפן דעם סאַמע קייזער אין פנים אַריין, און נישט געשוינט קיינעם, ווען עס איז געגאַנגען אין דעם. (אויך ער איז געווען אַ גרויסער ידיד־נפש פון מיין פאָטער ז״ל).

ער האָט נאָך באַוויזן אָנצוקומען קיין בראַזיל(על־פּי־נס !) צו זיינע קינדער, אין סאַמע אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה. מיט אייניקע יאָרן צוריק איז ער דאָרט נפטר געוואָרן. זכרונו לברכה.

י. ע.

אינסטיטוציעס און פּאַרטייען

אַזוי ווי אין אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך אין דעמאָלטיקן פּוילן (איבערהויפּט אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט מלחמות) — אַזוי אויך אין אָסטראָלענקע האָבן זיך די יוגנט און די כלל־טוער פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע אַרבעטן, מיט פּאַרטייאישער טעטיקייט, ציוניסטישע קרנות, ביבליאָטעקן, ליי און שפּאָר־קאַסעס א. אַ.ז. וו. א. אַז. וו.

איך וויל דאָ אין קורצן דערמאָנען, אויף וויפל מיין זיכרון וועט דינען, אייניקע פּרטים פון מיין דעמאָלטיקער טעטיקייט אין דער יוגנט און פון געוויסע טוער און באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין דער שטאָט, ווי אויך פון אייניקע אַנשטאַלטן וואָס איך האָב געקענט פון דער נאָענט, דאָרט מיטאַרבעטנדיק.

א. דער קרן־קיימת

אין יאָר 1928 האָב איך אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין קרן־קיימת. יעדן זונטיק, געדענק איך, פלעגן פאָרקומען זיצונגען ביי פּסח האָכבערג אין שטוב, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער ציוניסטישער אינסטיטוציע. יעדעס יאָר האָט מען דורכגעפירט אַ קרן־קיימת אויסשטעלונג מיט אַן אימפּאָזאַנטן פאַרוויילונגס־אָוונט דערצו, וועלכער פלעגט פאָרקומען אין דער יידישער פאָלקס־שול, אויף דער אָסטראָווער גאַס, אין לייבל שרעדנעס בנין. דער יערלעכער אָוונט פלעגט אַריינברענגען גרויסע הכנסות, חוץ וואָס עס פלעגט אַריינפליסן די חודשדיקע איינקונפטן פון די „פּושקעס" און פון די „בלימל־טעג". איך געדענק ווי ביי נאַדבאָרנעס ברודער זכריה דעם קצב פלעגט מען אַרויסנעמען זייער פיל געלט פון די „פּושקעס", כמעט אַזוי פיל ווי אין אַ גאַנצן ראַיאָן. ביי מענדלען דעם וואַסער־טרעגער („הויכער מענדל") פלעגט מען „טרעפן" אין „פּושקע" אַ גרויסע געלט סומע יעדן חודש.

דער קאָמיטעט, פון ערשטן ביזן לעצטן, האָט געאַרבעט זייער אינטענסיוו, געווען איבערגעגעבן ביז גאָר. אין קאָמיטעט זענען געווען פאַרטרעטן פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי: „השומר הצעיר", „המזרחי", „החלוץ", „החלוץ המזרחי", „על המשמר" א. אַז. וו.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: פּסח האָכבערג („החלוץ"), דוד סרעברעניק־כספּי („מזרחי" — היינט אין ישראל), הערשל סקראָבאַץ („החלוץ המזרחי"), פייגע יאַגאָדע (סעקרעטאַרין פון „השומר הצעיר"), אהרן שפּערלינג (רעכטע „פּועלי־ציון" — היינט אין ישראל), כמיעל („החלוץ"), בערל זאַבלאָדאָוויטש, יוסף וואָנשאַק („צעירי־ציון"), יצחק ראַפּאָפּאָרט („על המשמר": אַלגעמיינע ציוניסטן — היינט אין ישראל), מאַליוואַנע יאָספּע („השומר הצעיר" — היינט אין ישראל; די פרוי פון סגן ראש עירית טבריה), יהודה כאָמאָנט־יצחקי (היינט אין ישראל) און אַנד.

ימים טובים־צייט (איבערהויפּט ערב יום־כיפּור ביי די „קערות"...) פלעגט מען מאַכן ספּעציעלע זאַמלונגען פאַרן קרן־קיימת אין די בתי־מדרשים, ווי אויך אין אַלע אַנדערע מנינים און דאַוון־פלעצער. די אַרבעט פלעגט דערגיין צו אַזאַ מסירות, אַז מען פלעגט נישט איינמאָל פאַרנאַכלעסיקן די אייגענע געשעפטן, זיך איבערגעבן בלב ובנפש צו דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס פלעגט אַדורכגיין מיט גרויס הצלחה.

ב. די אַרבעט פאַרן „קרן־היסוד"

די אַרבעט פאַרן קרן היסוד פלעגט אַדורכגעפירט ווערן ביים פאָרזיצער מענדל ביאַלע אין טאַרטאַק. דאָרט איז אויך דורכגעפירט געוואָרן די אַקציע פון די צוגרייטונגען צום 18־טן קאָנגרעס (אין דער שקלים־אַקציע צום 18־טן קאָנגרעס, איז אין אָסטראָלענקע אָפּגעגעבן געוואָרן 90% פאַר דער א״י־אַרבעטנדיקער ליגע). יאָר־יערלעך פלעגט אַראָפּקומען אַ געוויסער שליח פון וואַרשעווער „מרכז", כדי צו שאַפן די התחייבותן פאַרן נייעם אָנקומענדיקן יאָר. דאָס פלעגט נאָר פאָרקומען איינמאָל אין יאָר. שווער איז אָנגעקומען צו מאַכן אָט די באַשטייערונגען ביי די בירגערלעכע ציוניסטן, ווייל די עלטערע פון זיי זענען געווען מערסטנס פאַרנומען מיט זייערע אייגענע געשעפטן*.

איז געפאַלן דעריבער די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אויף מיר און אויף ביאַלען. נאָר אַזוי ווי ביאַלע איז געווען אַ מער־באַלעסטיקטער מענטש, האָב איך אַלס יונגער ציוניסט מיט אַ ביסל מער כוח אַדורכגעפירט כמעט די גאַנצע

---

* איך וויל באַמערקן, אַז אין קאָמיטעט פון קרן־היסוד האָבן מיטגעאַרבעט: מיכל סאַרניעוויטש, יצחק ראַפּאָפּאָרט און אפרים כמיעל.

אַקציע, מיט דער מיטהילף פון הרב באַרג, דער פאַרשטייער פון וואַרשעווער „מרכז". נישט קוקנדיק וואָס איך בין נאָך דאַן געווען אַ יונגער בחור, 19 יאָר אַלט, האָב איך צוזאַמען מיט דעם הרב באַרג דורכגעפירט די קרן־היסוד־אַקציע מיט גרויס דערפאָלג. דער חבר ביאַלע אַליין פלעגט באַוווּנדערן מיין אַרבעט און האָט מיך געוואָלט באַאיינפלוסן, אַז איך זאָל ווערן אַן אַלגעמיינער ציוניסט. ער האָט דערציילט, אַז אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, ווען ער איז געווען אין רוסלאַנד, האָט ער געוואָלט זיין אַן ערלעכער סאָציאַליסט, אַרבעטן און לעבן פון דער אַרבעט. האָט מען אים געזאָגט, אַז ער, אַלס געוועזענער בורזשוי האָט נישט קיין רעכט אויף אַרבעט... מיט דעם האָט ער געוואָלט מיך באַווירקן.

ג. די אַנטשטייאונג פון דער גמילות־חסדים־קאַסע

ס'איז געווען אומגעפער אַזוי: איינער אַ געוויסער וווי־טשעכאָוויצער ייד מיטן נאָמען הייבלום, אויב איך האָב נישט קיין טעות, וואָס האָט געלעבט אין אַמעריקע איז געוואָרן שטאַרק קראַנק, האָט ער געטאָן אַ נדר, אַז אויב ער וועט געזונט ווערן, וועט ער מנדב זיין 5000 דאָלער אויף אַ וווּיל־טעטיקן צוועק. ווי נאָר ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער גלייך איבערגעשיקט דעם צוגעזאָגטן סכום, פאַרשרייבנדיק עס אויף די נעמען פון די 2 אָסטראָלענקער גמינע־דאַזאָרעס: הערשל שפּערלינג און חיים פּנחס גינגאָלד.

אַזוי־אַרום איז די גמ"ח־קאַסע געגרינדעט געוואָרן.

די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אין דער גמ"ח־קאַסע זענען געווען: מנחם פרידמאַן, מיכל סאַרניעוויטש, אפרים כמיעל, נאָסקע יאַבעק, אַנשל לעוו און הערשל שפּערלינג. דער פאָר־זיצער אין ראַט פון דער גמ"ח־קאַסע איז געווען אהרן זוסמאַן.

די גמ"ח־קאַסע אין אָסטראָלענקע האָט עקזיסטירט בסך הכל אַ פּאָר יאָר. דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען צו דער יידישער שטאָט־באַנק. די פאָרזיצער פון דער אַלגעמיינער שטאָט־באַנק, זענען געווען צו ערשט: מנחם פרידמאַן, אפרים כמיעל און דערנאָך — נאָסקע יאַבעק. דער גרינדער פון דער אַלגעמיינער שטאָט־קאַסע (באַנק) און איר סעקרעטאַר איז געווען אַנשל לעוו, וועלכער האָט געטראָגן די גאַנצע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר די ענינים פון דער יידישער באַנק. —

ד. דער האַנטווערקער־פאַריין

דער האַנטווערקער פאַריין אין אָסטראָלענקע, האָט זיך געפירט אונטער דעם פאָרזיץ פון חבר זלאָטשיסטע און זיין סעקרעטאַר: אהרן וואָלאַזשני, און פלעגט מאַכן פון צייט צו צייט פאַרשידענע הילפס־אַקציעס. די אַקציעס פאַרן „לינת־הצדק" פלעגט געמאַכט ווערן דורכן האַנטווערקער־פאַריין יאָר ביי יאָר. ס'איז כדאי צו באַמערקן אַז לטובת די איינ־קונפטן פאַר דער דאָזיקער וווילטעטיקער אינסטיטוציע, פלעגט יעדעס יאָר „אָוועקגעשטעלט" ווערן — דורך אַ דאָרטיקער אַמאַטאָרן־גרופּע — אַ פּיעסע אויפן נאָמען: „דער אשמדאי" מיט אהרן וואָלאַזשני בראש, וועלכער האָט גע־שפּילט דעם אשמדאי אַליין (תמיד ער און נישט קיין אַנדע־רער און תמיד די זעלבע פּיעסע און נישט קיין אַנדערע..). און עס פלעגט דווקא האָבן גרויס דערפאָלג. אַזוי פלעגט זיך עס איבערחזרן פון יאָר צו יאָר. די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין דער „שאַפע", אויף דער אָסטראָווער גאַס. —

אהרן שפּערלינג, תל־אביב

איך נוסדה הספריה?

בעירנו התקיימו ופעלו שתי מפלגות — הציונים ו„בונד". אנו קבוצת צעירי־ציון בשם „הקיצה" היינו הרוח החיה בפעו־לות ובמבצעים העיקריים. ה„בונד", היה חזק ואנשיו ידעו לפעול ולרכוש לב הפועלים. אמנם, לא פרולטריון ממש היה בעירנו, כי לא היו בה בתי־חרושת, אלא פועלים של בעלי־מלאכות, כגון: חייטים, סנדלרים, נגרים ובנאים. ביום בהיר אחד התאספו באי־כוח שתי המפלגות והחליטו ליסד ספריה עירונית משותפת. קל היה להחליט, אולם כיצד לבצע, והשלטון הצארי עינו צרה בכל התקדמות חברתית ותרבותית, ואימת המהפכה עליו, ושום מפלגה לא יכלה לפעול באופן ליגאלי. הציל את המצב זכריה נדבורני. הוא היה רווק מושבע, גר לו יחידי וערירי בדירה מרווחה, עסק במסחר, והיתה לו יד ברשות המקומית. האיש היה משכיל, אהב לקרוא ספרים והיתה לו נטיה מיוחדת לפעולה ציבורית. כשפנינו אליו בהצעתנו לטפל בהשגת רשיון לספריה — הסכים מיד, וכעבור זמן לא רב השיג את הרשיון, ובמחננו — ששון ושמחה. כלפי הרשות היה הוא האחראי לכשרות הפוליטית. נוסדה קרן מיוחדת להקמת הספריה ולקניית ספרים. הספריה התפתחה במהירות, רכשנו הרבה ספרים ומספר הקוראים גדל מיום ליום. כעבור ירח־הדבש והשמחה המשותפת על הצלחתנו, התחיל המאבק על ההשפעה במהלך עניני־הספריה. אנו הציונים דרשנו להר־בות ברכישת ספרים בעברית, ואילו ה„בונד" — ביידיש. בין שני המחנות היתה נטושה מלחמה, מי יצליח לרכוש יותר קוראים, ויגדיל בזה את השפעתו ואת זכות ההכרעה. הספרנים משני המחנות ישבו שלוש פעמים בשבוע והחליפו ספרים לקוראים. אך המלחמה על ההשפעה החריפה מדי שנה בשנה. זכריה נדבורני, האחראי למעשה, היה כעין מפשר ומתווך, כי הוא היה אהוב ומקובל על שני הצדדים. תמיד נבחר להנהלת הספריה, כי בזכותו נתקיימה.

הספריה שימשה גם מקום מפגש לנוער. אחרי החלפת הספרים היינו יוצאים לטייל מחוץ לעיר או לבלות באחד הבתים. וכך היתה הספריה בעירנו מרכז לפגישות של שתי תנועות חזקות, שפעלו ברחוב היהודי באוסטרולנקה דאז. בבית הזה נוצרה אחוה יהודית וסבלנות לדעות הזולת. בעבודתנו זו השקענו הרבה מרץ ומסירות, כי כאן התגלם חלום הקמת מבנה התא העצמאי של חברה יהודית משוחררת, הבנויה על יסודות דימוקראטיים.

אביעזר דרורי

„לינת הצדק"

א

דאָס איז געווען אין די יאָרן 16—1915, ווען אָסטראָלענקע איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון די דייטשישע אָקופּאַנטן. די באַפעלקערונג האָט זיך דעמאָלט גענומען ביסלעכווייז צוריקקערן אין דער חרוב־געוואָרענער שטאָט, וואָס האָט דעמאָלט געציילט בלויז ביי אַ 200 פאַמיליעס. אין דער זעלבער צייט זענען אויסגעבראָכן שווערע עפּידעמיעס ווי: בויך־און־פלעקן־טיפוס, דיזענטעריע א. אַז. וו. נישט געווען קיין שטוב, ווו עס זאָל נישט האָבן געווען קיין קראַנקער, און אפילו צוועלעכע קראַנקע אין איין פאַמיליע. דעמאָלט זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע יוגנטלעכע מיט פסח האָכבערג בראש און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן געפערלעכן מצב און וועגן הילף וואָס ס'איז דאָ צו געבן: אי די קראַנקע, אי די געזונטע, וואָס שטייען אין סכנה יעדע רגע קראַנק צו ווערן. בפרט די, וועלכע גייען אַרום די קראַנקע און זענען זיך מיט זיי מתעסק.

מיר האָבן גלייך באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג פון די דעמאָלטיקע בני־עיר, וועלכע איז אָן שום שהיות צושטאַנד געקומען. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי בענעדאָנען אין הויף (עס איז צו באַמערקן, אַז די מערהייט פון די צוריקגעקומענע האָבן געוווינט אין בענעדאָנס קאַזאַרמעס, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פריוואַטע דירות). דעמאָלט איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו גרינדן אַ קערפּערשאַפט מיטן נאָמען: „לינת־הצדק", וואָס נעמט אויף זיך די אויפגאַבע צו העלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן די ליידנדיקע. גלייך איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון די פאָלגנדיקע 7 חברים: פסח האָכבערג, וועלוול באַיוק, רחל בענעדאָן, קלמן פיאַנקאָ, שלמה בענעדאָן, יוסף וואָנשאַק און חיה רחל פלאָמענבוים. די אויסגעוויילטע פאַרוואַלטונג איז זיך גלייך צונויפגעקומען אויף איר ערשטע זיצונג. אַלס פאָרזיצער ווערט אויסגעוויילט פסח האָכבערג, סעקר. שלמה בענעדאָן און אויף די ענינים פוןווירטשאַפט — יוסף וואָנשאַק. די ח"ח פ. האָכבערג און ק. פיאַנקאָ נעמען אויף זיך די ענינים פון דער לעגאַליזאַציע און די ח"ח וואָנשאַק, האָכבערג און בענעדאָן דאַרפן ווי אַמשנעלסטן דערליידיקן די ענינים פון לאָקאַל און די אינערלעכע איינריכטונגען. גלייכצייטיק ווערט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער באַפעלקערונג מיט אַן אויפרוף וועגן פינאַנסיעלער הילף דורך מ.מ.א. *) און אויך וועגן אַ באַזונדערן אָפּצאָל ביים פיש־פאַרקויף; די ח"ח ש. בענעדאָן, פלאָמענבוים און ר. בענעדאָן דאַרפן דאָס דורכפירן. עס ווערט אויך באַשלאָסן איינצואָרדענען לינות פון 2 פערזאָן — פון 9 אָוונט ביז 6 פרי. צו דעם צוועק ווערט פראָיעקטירט זיך צו ווענדן צו דער יוגנט וועגן זיך מעלדן פרייוויליק צו גיין אויף לינות, כדי די הויז־מענטשן זאָלן זיך קאָנען אָפּרוען פון אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין ביי די קראַנקע. דאָס דורכצופירן ווערט איבערגעגעבן די ח"ח בענעדאָן און וואָנשאַק. אויך ווערט באַשלאָסן, אַז פאַר די ערשטע אַריינקומענדיקע געלטער זאָלן איינגעקויפט ווערן די נויטיקסטע כלים צו באַדינען די קראַנקע, ווי: טערמאָמעטערס, וואַרם־פלעשער, לעוואַטיוועס, באַנקעס, אונטערזאַצן א. ד. גל.

די ערשטע זיצונג איז פאָרגעקומען ביי פסח האָכבערגן אין הויז. כדאי צו באַמערקן מיט וואָס פאַר אַ טעמפּאָ די אַרבעט איז צוגעגאַנגען, אַז שוין אויפן 2־טן אָוונט האָבן מיר אָפּגע־

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין און דער ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן"

(אַן עפּיזאָד)

אין יאָר 1922, בערך, האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין אָסטראָלענקע, אין וועלכן אַלע מיני פאַכן האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט זיך געגרינדעט ביי בערל נאַדבאָרני אין הויז, ווו ס'איז אויך געווען דער לאָקאַל פון דער בונדישער פּאַרטיי. דער פאָרזיצער פון דעם פּראָפ. פאַריין איז געווען דעמאָלט אהרן זוסמאַן, און שייקע אַשער — דער סעקרעטאַר. אין דעם זעלבן הויז איז אויך געווען דער ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן", וואָס האָט געהערט דירעקט צום „בונד". די דעמאָלטיקע בונדישע פירערשאַפט אין אָסטראָלענקע איז געווען פאַראינטערעסירט „צו פאַנגען וואָס מער יונגע נשמות" פאַר דער פּאַרטיי, פאַראינטערעסירנדיק די שטאָטישע יוגנט — פון כלערליי שיכטן — מיט ספּאָרט. זיי פלעגן אַראָפּברענגען אַ ספּעציעלן אינסטרוקטאָר פון וואַרשע (אַזוי בערך האָט זיך אָנגעהויבן דער בונדישער אויפוווקס אין יעדער שטאָט און שטעטל), געמאַכט אינטערעסאַנטע אויספלוגן א. אַז. וו. זיי האָבן זיך באַמיט אויפצוהויבן דעם ספּאָרט אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ. דערמיט האָבן זיי געוואָלט נושא־חן זיין אין די אויגן פון דער יוגנט און געווינען די סימפּאַטיע פון אַלע אַנדערע קרייזן, ווי: „השומר הצעיר" א. ד. גל. וואָס איז זיי אין תחילת שטאַרק געלונגען. צוגעצויגן צו זיך האָבן זיי על־פּי־רוב די יוגנט פון די מער פשוטערע ספערן ווי אויך פון די רעליגיעזע קרייזן (מען האָט דאַן געשמועסט אין שטעטל, אַז דער „בונד" האָט פאַרכאַפּט דעם „יידישן מאַרק" אין אָסטראָלענקע...).

דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין האָט עקזיסטירט אינגאַנצן ביי 8 מאָנאַטן בערך, נישט מער. נאָך פאַרן יאָר, האָט עמעץ געמאַכט אַ פּראָוואָקאַציע, אונטערוואַרפנדיק אין לאָקאַל פון פאַריין קאָמוניסטישע ליטעראַטור, וואָס איז אין יענער צייט געווען מסוכן טריף...

דאַן איז דער פאַריין געשלאָסן געוואָרן דורך דער פּאָליצײ, און זיינע פאָרשטייער זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער לאָמזשער תפיסה.


א. ל.

*) מ.מ.א. — מאָנאַטליכע מיטגלידס־אָפּצאָל.

„טאָז" און „צענטאָז"
אין אָסטראָלענקע
(געזונטהייט־אינסטיטוטן
פאַר קינדער)



„צענטאָז" אין 1936



פאַרוואַלטונג פון „טאָז" אין 1937 מיט אהרן זוסמאַן
(דער מיטלסטער אין דער זיצנדיקער שורה)

האלטן די זיצונג אין אייגענעם לאקאל (אויפן אסטראווער שאסיי, נישט ווייט פון דער פייערלעשער־שאפע). אויך זענען גלייך איינגעשאפט געווארן אלע נויטיקע מעבל דערצו. אפילו א שאנק פאר די כלים, וואס מיר האבן נאך נישט געהאט — איז שוין געווען צוגעגרייט (דעם לאקאל האט אונדז געגעבן דער בירגער־מייסטער, אין איינעם פון די הייזער וועלכע זענען געבליבן גאנץ פון דער מלחמה). נאך אין זעלביקן אוונט האט די פארוואלטונג געמאכט די התחלה צו גיין אויף לינות. אופן 2־טן אוונט האבן מיר שוין ארויסגעשיקט אויף לינות ביי 7 פארלעך. יעדן אוונט מער און מער ביז עס איז דערגאנגען צו 18 לינות א נאכט. ווו מיר זענען געקומען האט מען אונדז אויפגענומען מיט גרויס התלהבות און דאנקבארקייט. אין איניקע טעג ארום האבן מיר שוין אויך געהאט די נויטיקע כלים, כאטש אין א קליינער צאל. די 2 פארוואלטונגס מיטגלידער: באיוק און פיאנקא, אלס די אינהאבער פון דער איינציקער אפטייק, וואס איז דעמאלט געווען אין אסטראלענקע — האבן עס באזארגט פון ווארשע פאר קאסט־פרייז. און אז עס איז שוין געווען כלים, האבן מיר אויך איינגעארדנט א „דיזשורסטווא": פון 9—1 פרי און 5—8 אוונט איז דער „לינת־הצדק געווען אפן פארן קהל. כלים זענען ארויסגעגעבן געווארן ביי א „זאלאג" פון געלט אדער חפצים. נישט לענגער ווי ביז 7 טעג און ביי א מינימאלן אפצאל. ווער עס האט זיך גענויטיקט אין א לענגערן טערמין — דער האט געדארפט קומען און פארלענגערן. ווען נישט, איז געווען א געווויסער אפצאל פאר יעדן טאג וואס איז אריבער דעם באשטימטן טערמין.

איצט וועגן דעם אפצאל ביים פיש־פארקויף: יעדן דאנערשטיק אדער פרייטיק, איז ביי יעדן פישער געשטאנען א פארל, וואס האט אפגענומען א מינימאלן אפצאל ביי דעם קויפער, פון יעדן קילא, קעגן א קבלה מיטן שטעמפל פון „לינת הצדק". כדאי צו באמערקן, אז אויך די פישער אליין האבן מיטגעהאלפן אין דער דאזיקער הייליקער ארבעט. דערמאנען, אגיטירן, „אונטער׳טרייבן" מיט א ווארט אדער גלייכווערטל. עס געדענקט זיך ווי ריבע חיה די פישערקע (די פרוי פון ראובן יצחק דארפמאן ע"ה), פלעגט דערביי זאגן: גיט, גיט, קינדערלעך. אז מ׳גיט נישט יעקבן גיט מען עשו׳ן". ראשקע, די פרוי פון פייוול פינקעלשטיין ע"ה, פלעגט דאס אויסדריקן אנדערש: „גיט, גיט, ווייבערלעך, אז עס קלעקט אויף פיש, קלעקט אויך אויף פעפער". אזוי אויך אנדערע פישער, וועלכע איך געדענק שוין נישט, פלעגן ווארפן זייערע גלייכווערטלעך צום דאזיקן צוועק. אבער דערביי זענען מיר נישט געבליבן שטיין. ווען מיר האבן שוין געהאט א גענוגנדיקע צאל כלים און קיין באזונדערע אויסגאבן האבן מיר שוין נישט געהאט — דעמאלט האבן מיר גענומען איבערטראגן די ארבעט מער אויפן ריין סאציאלן געביט. ד. ה. ווען מ׳איז געקומען אויף א לינה אין אן ארימע שטוב האבן מיר אויך מיטגעבראכט מיט זיך שפייז־פעקלעך, אז דער חולה זאל האבן מיט וואס זיך צו דערנערן, געזארגט אז דער אומפארמעגלעכער חולה זאל קאנען געניסן פון דעם נויטיקסטן, אים „צו שטעלן אביסל אויף די פיס". אויב נישט קיין גאנץ גרויסע זאכן, איז כאטש ווי־עס־איז. עס איז דערגאנגען דערצו, אז אפילו דער דאקטער אדער אפטייקער האט זיך גערעכנט מיט אונדזער הילף־אינסטיטוציע. גענונג איז געווען צו ווייזן פארן דאקטער אדער אפטייקער אונדזערס א שטעמפל, כדי צו געניסן פון א 50% הנחה. דער רעצעפט אדער דער באזוך פונעם דאקטער — פלעגט דעם חולה גאר נישט קאסטן. די הנחה פון די 50% איז געווען אויפן חשבון פון דער הילף־אינסטיטוציע, ד. ה. דער „לינת־הצדק" האט געדארפט דערפאר צאלן. ווען א קראנקער האט באקומען א צעטל פון א דאקטער אויף ווייס־געבעקס (ווייסע מעל איז דעמאלט געווען שטרענג פארבאטן), האט ער דאס באקומען אינגאנצן אומזיסט, ווען אונדזער שטעמפל איז נאר געווען געלייגט אויף דעם. זייער שווער איז געווארן דער מצב, ווען די נאכט־וואכער ביים קראנקען, ד. ה. די וואס פלעגן גיין אויף די לינות — זענען אליין קראנק געווארן, אזוי אז עס איז שוין באלד נישט געווען וועמען צו שיקן און ווער עס זאל שיקן. אזוי האט מען געמוזט די לינות באגרענעצן. בלויז נאר אין די נויטיקסטע פאלן.

ווען די עפידעמיעס האבן אויפגעהערט, זענען שוין פיל נישט געווען צווישן די לעבעדיקע און צווישן זיי אויך אזעלכע וואס זענען געגאנגען אויף די לינות. דער מצב האט זיך נארמאליזירט. די באפעלקערונג האט זיך שוין נישט גענויטיקט אין די לינות, דעמאלט האבן מיר איבערגעטראגן די ארבעט אינגאנצן אויף אן אנדער געביט, כאטש אין זעלבן סאציאלן נוסח. מיר פלעגן מאכן אפטע באזוכן אין ארימע הייזער (דאס האט דעמאלט נישט געפעלט), ווו עס פלעגן זיך געפינען אלטע, קראנקע ווי אויך קינדער, וואס האבן זיך גענויטיקט אין הילף, מעדיצינישע ווי מאטעריעלע. נאר אזוי ווי נאך די עפידעמיעס האט זיך אונדזער הויפט־הכנסה, וואס איז באשטאנען פון די 2 קוועלעס: פון מ. מ. א. און פון פיש־פארקויף שטארק פארקלענערט, ווייל א געוויסער טייל פון דער באפעלקערונג האט געטענהט: אזוי ווי עס זענען נישטא קיין קראנקע דארף מען שוין נישט דעם „לינת־הצדק" און ממילא איז מען שוין פטור פון צאלן — דעמאלט האבן מיר אנגעהויבן זוכן הכנסה פון אנדערע מקורות, ווי: א בלימל־טאג, וואס מיר פלעגן זייער אפט איינארדענען, ווי אויך פלעגן מיר איינארדענען פארווייילונגס־אוונטן א. ד. גל. פון וועלכע די איינקונפטן זענען געגאנגען פאר דעם „לינת הצדק" כדי צו דערהאלטן דעם קיום פון דער דאזיקער הילפס־אינסטיטוציע.

יוסף וואנשאק, ת"א

*

מיט איניקע יאר שפעטער. ביי דער פוילישער הערשאפט.

אין איינעם פון די צימערן אין דער אסטראלענקער תלמוד־תורה, איז געשטאנען א שאנק א פארשלאסענע מיט פארשידענע מעדיקאמענטן, אויף וועלכער ס׳איז געהאנגען א שילד: „לינת הצדק". דאס איז געווען א גאנץ קליינע גרופע פון מענטשן, וועלכע האבן זיך מתעסק געווען מיט אט דער אזוי שטארק וויכטיקער הילף־אינסטיטוציע (אין מיניאטור). פאר וואס זאג איך „שטארק וויכטיק", ווייל דעמאלט, אין יענער

צייט, איז דאָס געווען באַזונדערס וויכטיק. די שטאָט אָסטראָלענקע האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון יידן נישט קיין פאַרמעגלעכע. נאָכדעם ווי אַלע אָסטראָלענקער יידן, וואָס זענען געווען אין דער צייט פון דעם 1־שטן וועלט־קריג צעזייט און צעשפּרייט אין פרעמדע שטעט, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער היים־שטאָט, וואָס איז כמעט פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן אין די רוסיש־דייטשישע שלאַכטן, און אין די יאָרן 21־1920, ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט מיט ליידיקע הענט און ביסלעכווייז אָנגעהויבן פונדאַסניי צו בויען זייער לעבן — איז אַזאַ מין הילף געווען נישט פון די קליינע זאַכן. דערצו האָט אויך נישט געפעלט צווישן די לעבנגעבליבענע און צוריקגעקערטע, נאָך יאָרן זיך אַרומוואַלגערן אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין דעם ווייטן רוסלאַנד און גאָר אַנדערע לענדער — פיל קראַנקע און צעבראָכענע. דעמאָלט איז געווען נויטיק יעדע קערפערשאַפט, וואָס האָט געקאָנט געבן די מינדעסטע הילף אָט די, וועלכע האָבן זיך דערין גענויטיקט. פון דער פוילישער געמיינדע, איז נישט געווען וואָס צו פאַרלאַנגען און וואָס צו דערוואַרטן. די פּאָליאַקן האָבן פון אַלע יאָרן געהאַלטן די יידישע באַפעלקערונג פאַר אַן איבעריקע זאַך.

די אויפגאַבע פון „לינת־הצדק״ איז געווען, ווי באַוווסט, צו געבן אַ געוויסע מינימאַלע שטוביק־מעדיצינישע הילף פאַר קראַנקע. ווי: שטעלן באַנקעס, מעסטן די היץ, מאַכן אַ לעוואַטיווע און פיל אַנדערע קלייניקייטן, וועלכע זענען פאַר דעם דורכשניטלעכן יידן געווען שווער צו דערגרייכן. נאָך אַ גאַנץ וויכטיקע אויפגאַבע איז געלעגן אויף די מיטגלידער פון דער דאָזיקער הילפס־חברה: וואַכן איבערן קראַנקן. ווען דער חולה האָט שוין געהאַט מיד געמאַכט זיין גאַנצע פאַמיליע, פלעגט דער „לינת־הצדק״ שיקן איינעם פון אירע מיטגלידער ער זאָל וואַכן איבערן קראַנקן און נעכטיקן ביי אים.

דעמאָלט זענען נאָך נישט געווען אַזוי פיל שפּיטעלער מיט קראַנקן־שוועסטער ווי היינט. מ'האָט געמוזט זיך זעלבסט העלפן.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די טעטיקייט פון „לינת־הצדק״ אין דער יידישער אָסטראָלענקע פיל יאָרן, ביז מ'האָט זיך אַרומגעזען, אַז די קאָסע ווערט וואָס אַמאָל ליידיקער און עס פעלן אויס די מיטלען אויף צו קויפן נייע מאָדערנע כלים (די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן איז געוואָרן שווערער און ממילא זענען ווייניקער געוואָרן די אונטערשטיצער). מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרשידענע מיטלען ווי זיך צו דערהאַלטן, כדי נישט צו לאָזן אונטערגיין אַזאַ וויכטיקע געזעלשאַפט. האָט מען באַשלאָסן צו „שפּילן טעאַטער״ מיט אייגענע כוחות. מ„האָט אָנגעהויבן צו „שטעלן״ פיעסן, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען אין יענער צייט, האָבנדיק דערמיט בדעה צו שיסן צוויי האָזן מיט איין מאָל; אי מ'וועט קאָנען מיט דעם געלט שטיצן דעם „לינת־הצדק״, ער זאָל ווייטער עקזיסטירן, אי די שטאָט וועט האָבן אַ קולטורעלן גענוס, אין וועלכן ס'איז אין יענער צייט געווען נישט קיין קליינער מאַנגל. די ערשטע פיעסע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן איז געווען „מכירת־יוסף״, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין אָסטראָלענקע ווי אויך אין דער אומגעגנט. מיט דער ערשטער הצלחה האָבן די איניציאַטאָרן באַקומען מוט און אָנגעהויבן אַרויסגיין פאַר דער עפנטלעכקייט מיט נאָך און נאָך פיעסן, ווי „בר־כוכבא״, „שולמית״ און אַנד. עס איז כדאי צו דערמאָנען אייניקע פון די איניציאַטאָרן: אַרטשע ווילאַזשני, די ברידער משה שמחה און שעפּסל מה־טובו. ווי אויך זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער ביי אַלעמען באַליבטער חבר פסח האָכבערג, וועלכער האָט אָפּגעגעבן איינעם פון זיינע צימערן פאַר די טעאַטער־פּראָבן, וועלכע פלעגן זייער אָפט פאָרקומען ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעה'ן.

אליעזר מה־טובו, חיפה

יידישע דאָקטוירים

די צוויי יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן פּראַקטיצירט אין שטאָט — ד״ר קאַרבאָווסקי און ד״ר גוטמאַן — האָבן נישט געשטאַמט פון אָסטראָלענקע; זיי זענען געקומען פון אַנדערע ערטער *). ד״ר גוטמאַן, וועמענס פאָטער איז געווען אַ פעלדשער אין דער שטאָט און אומגעגנט, איז געקומען קיין אָסטראָלענקע אַלס יינגל, געווען פאַרבונדן און באַהאָפטן מיט די יידן אין שטאָט, און באַטראַכט געוואָרן אַלס אָסטראָלענקער. דאַקעגן איז ד״ר קאַרבאָווסקי, וועלכער איז געקומען קיין אָסטראָלענקע אין די דרייסיקער יאָרן, געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, נישט געהאַט מיט איר קיין מגע־ומשא, אויסער אין די פאַלן, ווען מ'פלעגט אים רופן צו אַ קראַנקן. ער האָט געהאַט אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, מ'האָט נישט געקאָנט ביי אים קיינמאָל פועלן, אַז ער זאָל שפּענדן פאַרן קרן־היסוד. דער שרייבער פון די שורות פלעגט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יערלעכער אַקציע לטובת דעם קרן־קיימת באַזוכן אים יעדעס יאָר צוזאַמען מיט פסח האָכבערגן הי״ד און דעם אינסטרוקטאָר פון דער צענטראַלע פון דעם דערמאָנטן פאָנד, וועלכער פלעגט קומען אַדורכפירן די אַקציע. ד״ר קאַרבאָווסקי פלעגט זיין אָפּזאָג מאָטיווירן מיט דער טענה, אַז ער האַלט נישט פון ציוניזם וואָס איז אַן אוטאָפּיע.

זיין גאַנצע יידישקייט האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס יום־כיפור אין אָוונט צו כל־נדרי פלעגט ער גיין אין ציוניסטיש־מזרחיסטישן מנין, ביי פילאַר דעם לערער אין הויז. כמעט יעדעס מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז פויערן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן אים אַוועקנעמען מיט זייערס אַ וואָגן צו אַ קראַנקן. צו זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די פויערים, האָט אויסער דעם, וואָס ער איז געווען אַ גוטער דאָקטער, אויך צוגעהאָלפן זיין אויסגעשפּראָכן גויישער נאָמען. נאָכן צוריקקער

*) ווי מ'גיט איבער, האָט ר' חאַצקל קופּערמינץ ז״ל בשעתו אַראָפּגעבראַכט אַ יידישן דאָקטער קיין אָסטראָלענקע (זיין נאָמען איז געווען: קאַגאַן), כדי עס זאָל זיין אין שטאָט אַ דאָקטער אַ ייד.



גוטמאַן דער פעלדשער

פונעם באַזוך אויף אַ פויערישער פור, וועלכע פלעגט פאַר־פאָרן האַרט לעבן הויז פון מנין, ווען יאַנקל דאַנציקער האָט שוין כמעט געהאַט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען, פלעגט ער זאָגן אויף פויליש „שקאָדאַ, ספּוזשנילעם כל־נדרי״ (אַ שאָד, כ׳האָב פאַרשפּעטיקט כל־נדרי).

ווען נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין יאָר 1933 זענען אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען אין בערלין און אין אַנדערע דייטשישע שטעט, האָבן מאַסן יידן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דייטש־לאַנד. די גרענעץ־שטאָט זבאָנשין איז פול געוואָרן מיט טוי־זנטער דייטש־יידישע פּליטים, וועלכע האָבן געשטראָמט אַהער יעדן טאָג פון גאַנץ דייטשלאַנד.

אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, איינשליסלעך אָסטראָלענקע, זענען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן פון פאָר־שטייער פון אַלע פּאַרטייען און פון אומפּאַרטייאישע, צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע פּליטים אין זבאָנשין.

אויף דער איינלאַדונג פון אָסטראָלענקער קאָמיטעט איז צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג ד״ר קאַרבאָווסקי דאָס מאָל גע־קומען. ער האָט נישט געקענט רעדן קיין יידיש אָבער פאַר־שטאַנען. ער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיטן קאָמיטעט און ווען שפּעטער זענען צום אַנטי־היטלעריסטישן צוזאַמענפאָר פון פּוילישן יידנטום אין וואַרשע, געפאָרן אויך איניקע פאָר־שטייער פון אָסטראָלענקער קאָמיטעט, איז איינער פון זיי געווען ד״ר קאַרבאָווסקי (דעם שרייבער פון די שורות, וועל־כער האָט זיך אַלס פאָרשטייער פון קאָמיטעט באַטייליקט אין צוזאַמענפאָר, איז אויסגעקומען צו זיצן אין זאַל נעבן ד״ר קאַרבאָווסקי). נאָכן אויסהערן די רעפעראַטן פון די חשובסטע פאָרשטייער פון פּוילישן יידנטום, האָט ער געזאָגט, אז דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט מיט זיין פער־זענלעכקייט און רעפעראַט הרב רובינשטיין פון ווילנע. איך האָב זיך געטראַכט ווי ריכטיק עס איז דאָס פאָלקס־ווערטל: „מה שיעשה הזמן — לא יעשה השכל״. ווייל שפּעטער איז פאָרגעקומען אַן איבערברוך אין ד״ר קאַרבאָווסקיס צוגאַנג צו יידישע פראַגן בכלל און צום ציוניזם בפרט, שפּענדנדיק פאַרן קרן־היסוד און קרן־קיימת מיט אַ ברייטער האַנט.

אין קעגנזאַץ צו אים איז ד״ר גוטמאַן געווען אַ פאָלקס־



דאָס הויז פון גוטמאַן דעם פעלדשער

מענטש אין שענסטן זין פון וואָרט: נישט געשעמט זיך מיט דער מוטער־שפּראַך, באַנוצט זיך מיט איר נישט בלויז אין שטוב, ווען אַ קראַנקער איז צו אים געקומען אָדער ביים חולה אין שטוב. מ׳האָט אים געקאָנט באַגעגענען יעדן אָוונט פאַרנאַכט און הערן רעדן עפנטלעך יידיש בעתן שפּאַציר אויפן דעפּטאַק, וואָס האָט זיך געצויגן פון יאַנקל קרימקעוויטשעס („באָלשעוויק״) דרוקעריי און פּאַפּיר־געשעפט ביזן הויז ווו ס׳האָבן געוווינט די גוטמאַנס — דער טאַטע, דער פעלדשער, דער זון דער דאָקטער און די איבעריקע קינדער פון דער משפחה. גיין שפּאַצירן פלעגט ער כמעט שטענדיק אין דער געזעלשאַפט פון איין אָדער צוויי אַרבעטער־טוער, געשמועסט הויך אויפן קול יידיש וועגן פאַרשידענע קולטורעלע ענינים, זייענדיק באַהאַוונט אין דער יידישער קולטור און אַ קענער פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. ביים אונטערזוכן אַ חולה פלעגט ער אים מסביר זיין פונוואַנען די קרענק האָט זיך אַנטוויקלט, וואָס האָט דערצו גורם געווען. ער האָט געקענט אַלע יידן אין שטאָט און געוווּסט זייערע מיחושן. האָט ער געטראָפן אין גאַס עמעצן פון דער משפחה פון אַ קראַנקן, וועלכן ער האָט געהיילט, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און זיך ביי אים אויסגעפרעגט וואָס דער חולה מאַכט. אַריינגעקומען צו אַן אָרימען פּאַציענט וועמענס שווערע מאַטעריעלע לאַגע איז אים געווען באַקאַנט, האָט ער פאַרן וויזיט נישט בענעמען קיין געלט; טיילמאָל נאָך איבערגעלאָזט געלט אויסצוקויפן דעם רעצעפּט, וואָס ער האָט פאַרשריבן. נישט געמאַכט פון זיין פּראָפעסיע קיין קרדום לחפור בו; געהאַלטן דאָס מער פאַר אַ הומאַניטאַרן באַרוף, ד.ה. צו קאָנען מיט זיינע קענטענישן לינדערן די ליידן פון מענטשן. געווען אַ יידישער דאָקטער אין אמתן באַגריף פון דעם וואָרט. געהאַט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. נישט געשעמט זיך מיט זיין יידישקייט. הויך און שטאָלץ אין שטוב־גאַס־געזעלשאַפט דעמאָנסטרירט, אַז ער איז אַ ייד, כאָטש דאָס האָט אים געבערענגט אין אַ געוויסער מאָס שאָדן אין זיין פּראַקטיק. געפרייט זיך מיט די דערגרייכונגען פון די אַרבעטער־מאַסן, זיי זענען געווען די אָרימערע און אַממערסטן געקריוודעטע אין דעמאָלטיקן פּוילן. געהאַלטן זיך ממש מער אַלס פּראָלעטאַריער ווי אַקאַדעמיקער.

שווער געווען צו געפינען צווישן יידישע מעדיקער אין פּוילן אַזעלכן וואָס זאָל זיך אַזוי טוליען צו דער יידישער געזעלשאַפט, צו יידן ווי ד״ר גוטמאַן, געפרייט זיך מיט גוטע בשורות וועגן כלל, געזאָרגט ווען עס איז געווען אַן עת צרה.

ווען מיר שרייבן וועגן יידישע דאָקטוירים אין אָסטראָלענקע, קאָן מען נישט פאַרבייגיין און נישט דערמאָנען אַ פּאָפּולערע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט לינדערן די ליידן פון יידישע קראַנקע — פייבל־לייב־הערץ, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ סאַניטאַר אין צאַרישן מיליטער. דער דאָזיקער ייד מיט דער גרויער באָרד, אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און יידישן היטל פלעגט היילן נישט מיט די מאָדערנע היילמיטלען פון יענער צייט, נאָר מיט אַלטע „באַבסקע״ רפואות. די מערהייט פון זיינע פּאַציענטן זענען געווען עלטערע מענטשן. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף שטעלן באַנקעס, מאַכן אַ קאַנע, אויסרייבן אַ פּלייצע מיט פאַרשידענע שמירעכצן. ווען ער האָט נישט געקאָנט העלפן האָט מען ערשט דעמאָלט גערופן אַ דאָקטער.

אין דער צייט פון פּריזיוו, ווען יידישע פּריזיוויניקעס האָבן געוואָלט, אַז די שטאָט זאָל פון זיי רעדן, וואָס פאַר אַ שטיקלעך זיי האָבן אָפּגעטאָן, פלעגן זיי ביינאַכט אַראָפּנעמען דאָס שילדל פון ד״ר קאַרבאָווסקי און אויפהענגען אויף פייבל־לייב־הערצס טיר, אָדער צופירן די עגלה, וואָס איז געשטאַנען ביים טהרה־שטיבל, צום הויז ווו ס׳האָט געוווינט ד״ר קאַרבאָווסקי. און שטאָט האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער גוואַלדיקער המצאה...

היינט צו טאָג זענען נאָך פאַראַן, ייבדלו־לחיים, צוויי דאָקטוירים געבוירענע אָסטראָלענקער: ד״ר דרעזנער (אין ישראל) און ד״ר ביעזשינער, איטשע ביעזשינערס זון, יאָסל ליטווערס אײדעם (אין חוץ־לארץ).

חיים דרעזנער

דאָס האַנטווערקער־לעבן

אין די יאָרן 1920/21 איז נאָך די האַנטווערקעריי און דער מסחר אין אָסטראָלענקע געשטאַנען אויף „הינערשע פיסלעך״. די פּוילישע עקאָנאָמיע האָט נאָך נישט געהאַט אין יענע יאָרן קיין פעסטן באָדן, בפרט אין די קליינע שטעטלעך און אויך אָסטראָלענקע בתוכם. איז במילא די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער באַפעלקערונג געווען זייער אַ שווערע. די אָרימקייט האָט זיך בולטער אָנגעזען. בעלי־מלאכות פלעגן אַרבעטן ביי זייערע פאַכן 24 שעה אין מעת־לעת מיט זייערע משפחות און דערנאָך אַרויסגיין אין מאַרק פאַרקויפן זייערע אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען בחצי חינם. דער דאָזיקער שווערער מצב, האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אייניקע יאָר. נאָר נאָכן 1924־טן יאָר, האָט זיך די לאַגע געענדערט צום בעסערן. עס קאָן זיין, אַז דער איינפלוס צום בעסערן איז געווען צוליב דער אַלגעמיינער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער לאַגע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן אין פּוילן. ממילא האָט זיך דאָס אויך אָפּגעשפּיגלט אויף דער עקאָנאָמישע לאַגע פון די קליינע שטעטלעך. עס האָט זיך געשאַפן דער האַנטווערקער־פאַריין מיט זיין סטאַטוט און תקנות. אַלע פאַכן האָבן זיך אָרגאַניזירט. מ׳האָט גענומען פאַרשטיין, אַז פאַר אַרבעט און שווייס, דאַרף מען, חוץ קאָנען מפרנס זיין דער משפחה, אויך געבן די קינדער אַ עלעמענטאַרע יידיש־וועלטלעכע דערציאונג כדי זיי זאָלן אויסוואַקסן געזונטע און שטאָלצע יידן. דער הויפּט־קוואַל פון יידישער פּרנסה איז געווען דער דאָרפישער עלעמענט. די דינסטיקס און די פרייטיקס זענען געווען מאַרק־טעג. עס פלעגן זיך צונויפקומען די פויערים פון די אַרומיקע דערפער מיט זייערע פּראָדוקטן. ווי נאָר זיי פלעגן דאָס אויספאַרקויפן, אַזוי האָבן זיי זיך גלייך אַ לאָז געטאָן איינקויפן פאַר דעם געלט פאַרשידענע סחורות און

פּראָדוקטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געניטיקט, ווי: שיך, אָנצוגן, היטלען, שפּייז־זאַכן א. ד. גל. אַזוי פלעגט זיך דאָס איבערחזרן יעדע וואָך. ווען דער שוסטער, שניידער, היטלמאַכער, רימאַר, סטאָליאַר אָדער סוחר האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און געקומען צו אַ ביסל אייגענעם קאַפּיטאַל, פלעגט ער זיך אויך לאָזן מיט זיין סחורה אין די קליינע שטעטלעך אויף די יאַרידן. אַזוי אַרום האָט ער פאַרגרעסערט זיין פּראָדוקציע. און ממילא אויך זיין הכנסה.

נאָך אַ שטויס צו פאַרבעסערן די מערכה פון דעם יידישן האַנטווערקער און קליין־סוחר, איז געווען דער באַשלוס פון דער פוילישער רעגירונג אַריינצושיקן 2 פּולקן מיליטער קיין וואָיטשעכאָוויצע (3 ק"מ פון אָסטראָלענקע), וועלכע זענען געוואָרן אַ נייער קוואַל פון פרנסה פאַר דער שטאָט. דאָך האָבן אַ סך, מ'קאָן זאָגן: די מערהייט, געדאַרפט שווער אַרבעטן אויף צו קאָנען מאַכן אַ לעבן, טראָץ דעם וואָס די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך פאַר אַ געוויסן טייל יידן פאַרבעסערט. און כדי צו קאָנען אַנטקעגנקומען מיט מאַטעריעלע הילף אָט די ווייניק באַמיטלטע סוחרים אָדער האַנטווערקער, וועלכע האָבן זיך אין דער הילף שטאַרק געניטיקט — איז אויף דער איניציאַטיוו פונעם האַנטווערקער־פאַריין (מיט דער מיטהילף פון אַ קליינער צאָל סוחרים) באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע, זי זאָל זיך ווענדן צו דער צענטראַל־באַנק, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן „דזשאָינט" (אויב איך מאַך נישט קיין טעות) מיט דער בקשה צו דערלויבן אויך עפענען אַזאַ הילפס־באַנק ביי אונדז אין אָסטראָלענקע.

נאָך אַ סך חדשים מי און אָנשטרענגונג, אויסנוצנדיק פאַרשידענע פּראָטעקציעס, איז די בקשה דערפילט געוואָרן און די באַנק האָט זיך אויפגעעפנט. די דאָזיקע געשעעניש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן יידישן יום־טוב. עס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל דורכן עפענען די הילפסבאַנק, האָבן אַ סך יידן, האַנטווערקער ווי סוחרים, געפונען אַ לייזונג צו זייערע שווערע מאַטעריעלע פּראָבלעמען. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג לויט אַ דעמאָקראַטישן פּראָפּאָרציאָנעלן וואַל־סיסטעם. אונדזער האַנטווערקערפאַריין האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן מאָראַלישן ניצחון. זיי האָבן אין דער פאַרוואַלטונג פון 9 פערזאָן געוווּנען 5 ערטער; די איבעריקע 4 ערטער זענען געבליבן פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

פון די האַנטווערקער זענען געווען פאַרטרעטן: מיין פאָטער אברהם זעליג נאָווינסקי, אַלטער גראַנאָוויטש, נאָסקע יאַבעק, סרולקי זלאָטשיסטע, יוסף נאָווינסקי. פון אַנדערן צד געדענק איך נישט די נעמען. די באַנק האָט געשמט מיט איר דעמאָקראַטישקייט און איר באַציאונג צום נויט־באַדערפטיקטן אַלס איינע פון די ליבעראַלסטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטאָט. ווי האָט עס דאַן אַנדערש געקאָנט זיין, ווען די הויפט־האַנט וואָס האָט געפירט די דאָרטיקע ענינים איז געווען דער גוט־באַקאַנטער און באַליבטער לערער און דערציער, איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט: אַנשל לעוו. די באַנק האָט געבאָרגט געלט אויף לאַנגע טערמינען און מיט גאָר אַ קליינעם פּראָצענט. אַ דאַנק די צוגענגלעכע הלוואות האָבן אַ סך אָסטראָלענקער, ווייניק־באַמיטלטע פאַמיליעס, געווען ביכולת צו ציען אויף אַ באַשיידענעם אופן זייער טאָג־טעגלעכע חיונה. דער האַנטווערקער־פאַריין האָט אויך געשאַפן אַן אייגענע גמילות־חסד־קאַסע. וועלכע האָט בלויז אַרויסגעגעבן הלוואות (און אויך אַ סך מאָל אפילו מתן בסתר), פאַר בעלי־מלאכות יורדים, וועלכע זענען אַלע מאָל „געשטאַנען" גוט, נאָר מחמת קראַנקהייט אָדער אַנדערע סיבות, איז זייער מאַטעריעלער מצב שטאַרק געפאַלן. אַזעלכע פלעגט מען אַריינשיקן אַ געוויסן סכום געלט, כדי זיי זאָלן קאָנען אויף אַ בכבוד'דיקן אופן זיך ווידער שאַפן אַ פרנסה און אַ פּאָזיציע אין לעבן. אויך זענען געשטיצט געוואָרן אלמנות מיט יתומים, וועלכע זענען געבליבן אָן פרנסהמיטלען. עס האָט געהייסן כלומרשט אַ הלוואה על מנת להחזיר, אָבער די קאַסע האָט דאָס געלט קיינמאָל נישט צוריק געמאָנט. דעם בודזשעט פון דער גמ"ח־קאַסע האָט מען געדעקט מיט אַ ספּעציעלן מיטגליד־אָפּצאָל. אויך איזביים פאַריין געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע הכנסה. מ'פלעגט שפּילן טעאַטער אין שטאָט און טיילמאָל אויך אַרויספאָרן מיט אַן אויסגערעפּעטירטער טעאַטער־שטיק מחוץ דער שטאָט, פאַרשטייט זיך אַז דער דאָזיקער דראַמאַטישער קרייז איז באַשטאַנען פון אַרבעטער־מענטשן, וועלכע האָבן נאָר אַ דאַנק זייער געזעלשאַפטלעכער אחריות געקאָנט געבן אָט דעם „קרבן" פון זייערע אַרבעטס־שעהן און אָפּרו־צייט. די האַנטווערקער האָבן אויך געהאַט זייערע קלויזן, אין וועלכע זיי פלעגן דאַווענען אין די שבתים פון אַ גאַנץ יאָר. דאָרט פלעגן זיי אויך זאַמלען פאָנדן פאַר זייערע בודזשעטן. אין די יום־טוב־טעג האָבן אַלע געדאַוונט אין גרויסן בית־המדרש, ווו יעדער האָט געקויפט אַ „שטאָט" (ד. ה. דער, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט האָט געקויפט די „שטאָט" אויבן־אָן אויפן „מזרח" און ווער נישט — האָט זיך באַנוגנט מיט אַ „שטענדער" ביים אַריינגאַנג פון בית־המדרש...). דער האַנטווערקער־פאַריין האָט געהאַט צייטנווייז אַ דערצידירנדיקן איינפלוס אויף געוויסע שטאָטישע ענינים. אויך אין דער יידישער קהילה (גמינע) האָט דער האַנטווערקער־פאַריין פאַרנומען אַ חשובע פּאָזיציע.

★

אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסבראָך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה, האָט דער זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם זיך שטאַרק צעבושעוועט, די לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ" איז געלאָפן אין גאַלאָפּ ווי אַ בולט־שניידנדיקער אויסדרוק פון דער בלינדער ראַסן־שנאה און געשטיקט דאָס יידישע לעבן, אי עקאָנאָמיש, אי גייסטיק. די פּוילישע רעגירונג האָט געוואָלט נאָכמאַלפּעווען די נאַצישע יידן־אויסראָטערישע לאָזונגען און נישט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם העלפט זי צו פאַרציען דעם שטריק אויף איר אייגענעם האַלדז. פאַראַכטונג און באָיקאָט זענען אַריינגעדרונגען אין אַלע צווייגן פון דעם יידישן לעבן. אין מסחר ווי אין דער האַנטווערקעריי. כאָטש

דאָס יידישע אָסטראַליענקע האָט נאָך העלדיש געקעמפט פאַר איר קיום און נאָך אָנגעהאַלטן איר ניוואָ אין דינאַמישקייט אין דעם אַלגעמיינעם שטאָטישן לעבן ווי פריער — האָט מען שוין בחוש געפילט ווי די סכנה דערנענטערט זיך... ביז די נאַצישע האַק האָט זיך אַראָפגעלאָזט איבער אונדזערע קעפּ און געמאַכט אַ וויסטן סוף צו אַזוי פיל יאָרן יידיש בויען און שאַפן, און צווישן די אַלע חרוב־ומוחרב געוואָרענע שטעט און שטעטלעך איז אויך אָפּגעמעקט געוואָרן אונדזער יידישע היים־שטאָט אָסטראָליענקע.

ארטשע נאווינסקי (אַרגענטינע)

אסטראָליענקע — עקאָנאָמיש און קולטורעל

מלאכות און פרנסות

אין עקאָנאָמישן זין זענען די יידישע שטעטלעך אין פּוילן געווען כמעט ענלעך איינע צו די אַנדערע — איינגעקוועטשט אין אַ ווי־רטשאַפטלעכן סדום־בעטל.

עס זענען געווען ספּעציפישע יידישע מלאכות, ווי: שניידעריי, סטאָלעריי, שוסטעריי א. ד. גל. קיין געשולטע אויסגעבילדעטע פאַכמענער זענען זיי דאָס רוב נישט געווען, עס זענען פּשוט נישט געווען קיין מעגלעכקייטן טעאָרעטיש צו לערנען דעם פאַך, שוין נישט רעדנדיק וועגן ספּעציאַליזירן זיך. דאָך זענען אין יעדן פאַך געווען יחידים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען 2 אָסטראָלענקער משפּחות, וואָס האָבן געהאַט דווקא „גויאישע" פאַכן: אברהם אהרן דער מוליאַר מיט זיינע זין (פון די ערשטע עולים קיין ארץ־ישראל) און טוביה דער טשעשליאַר מיט זיינע זין.

דער מאַטעריעלער מצב פון די בעלי־מלאכות איז אין אַלגעמיין געווען ווייט פון צו זיין באַפרידיקנדיק. מען פלעגט אַרבעטן פון די פריע שעה'ן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַז עס פלעגט אונטערקומען דער פרייטיק, האָט מען זיך אַרומגעזוכט, אַז כדי צו פאַרדינען אויף שבת פעלט נאָך אויס „אַ טאָג צו דער וואָך".

אויך די וווין־באַדינגונגען זענען געווען שווערע, עס האָט געפעלט אַביסל רחבות. ווען עס פלעגן אונטערוואַקסן קינדער, האָט מען געוווסט, אַז ציזאַמען מיט זיי וואַקסן־מיט די דאגות, ווייל עס זענען נישט געווען די אויסזיכטן ווי געהעריק זיי איינצוואָרדענען.

דער איינציקער איבעררייס נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, איז געווען פאַרנאַכט, ווען מ'פלעגט גיין צו מנחה־מעריב. אָפּגעדאַוונט, זיך צוגעזעצט צום טיש לערנען. עס זענען געווען „חברות", אין דער שפּיץ פון יעדער „חברה" איז געווען אַ „רבי". פיל באַזעצט איז געווען דער טיש ווו מ'פלעגט לערנען „עין יעקב". די שיינע תלמודישע אגדות, האָבן געמאַכט פאַרגעסן אין אַלע צרות; מען פלעגט זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדערע שענערע וועלט. אַ סענסאַציע פלעגט אַרויסרופן, ווען עס איז אַראָפּגעקומען אַ משולח און פלעגט שילדערן די מעלות פון ארץ־ישראל, אָדער אַ מגיד, וואָס פלעגט דרשענען איבער „די וועלט" און „יענע וועלט", וועגן גיהינם און גן־עדן.

די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דעם סוחרים־קלאַס זענען געווען שפּייז־קרעמער. כדי צו עפענען אַזאַ „געשעפט", האָט מען זיך נישט געבויטיקט אין קיין גרויסן קאַפּיטאַל און אויך נישט אין קיין דערפאַרונג. יעדער האָט זיך באַמיט צו עפענען זיין „געשעפט" דווקא אין שכנות פון אַ צווייטן קרעמער, וועלכער האָט אַליין קוים געאָטעמט, אַזוי אַז קיין פרנסה האָט פאַר ביידע נישט געקלעקט... יעדעס געוועלבל איז געווען אַ מין „כל־בו" אין מיניאַטור, אַלץ איז דאָרט געווען: קאַשע, צוקער, הערינג, בוימאייל, נאַפט, כל מיני זיסוואַרג א. אַז. וו.. אין אַזאַ מין געשעפטל, האָט נאָר געפעלט איין זאַך: פרנסה.

מער קאָמפּליצירט איז געווען דער האַנדל מיט גאַלאַנטעריע, לעדער און מאַנופאַקטור. דאָ האָט זיך געפאָדערט, אי קענען די בראַנזשע, אי אַריינלייגן אין עסק געלט. אָבער ווען דאָס לעצטע איז נישט געווען בנמצא, פלעגט מען שרייבן וועקסלען, און אַזוי ווי וועקסלען האָבן אַן אייגנשאַפט, אַז זיי ווערן קיינמאָל נישט פאַרפאַלן, איז טאַקע נישט געווען פריילעך, ווען עס פלעגט זיך אונטעררוקן דער צאָלונגס־טערמין. מען איז דעמאָלט אַרומגעלאָפן נאָך אַ גמילות־חסד, און אויב מען האָט נישט געקריגן, איז אויך געווען אַן עצה, איבערגעשריבן אויף אַ צווייטן טערמין. נאָר אויב מען האָט דאָס אויך שוין נישט געקאָנט, איז דאָס לעצטע מיטל געווען: אויפגעבן דאָס געשעפט. אין מערסטע פאַלן, פלעגט מען קומען צו אַן אויסגלייך, דורכקומען מיט די חובות און ווייטער ממשיך זיין. אַזוי פלעגט זיך דרייען דאָס רעדל הין און צוריק. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען אויך גוט־סיטואירטע יחידים, ווי אין יעדער בראַנזשע, אָבער אין אַלגעמיין האָט מען זיך גענוג „ציגעמאַטערט".

עס איז אויך אַרומגעגאַנגען אַ געוויסע באַשעפטיקונג, וואָס איז געווען אי פאַך, אי מסחר. דאָס איז געווען זייגערמאַכעריי. בעלי־בתישע יידן, וועלכע האָבן זיך געקרעמפּירט צו מאַכן זייערע זין פאַר „פּראָסטע" בעלי־מלאכות, פלעגן גערן שיקן זייערע קינדער צו זייגערמאַכעריי. עס איז אויך געווען אין איינקלאַנג מיט דער תלמודישער עצה: „לעולם ילמד אדם את בנו מלאכה נקיה וקלה".

עס זענען אויך געווען יידן אָן אַ פאַך, אָן סוחרישע ידיעות, אָן קאַפּיטאַל און אָן אַ געשעפט, און דאָך האָבן זיי געהאַנדלט. זייער פרנסה האָבן זיי געצויגן פון דער לופט. אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן: „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף". דאָס זענען געווען די אַזויגערופענע „לופטמענטשן". אַזאַ ייד פלעגט זיך אַרימדרייען אין די מאַרק־טעג,

וואָס פלעגן פאָרקימען 2 מאָל אין וואָך, און זיך איינהערן וויפל, למשל, לייבל אָדער בערל האָבן בדעה צו געבן פאַר דער דאָזיקער קניה, דאַן פלעגט ער „באַטרעטן" מיט אַ 10 גראָשן מער. און אַזוי דער צווייטער, דער דריטער און דער פערטער.

אין גייסטיק קולטורעלן זין, זענען די סוחרים ברובם געשטאַנען אויף אַ העכערן ניווא. דאָס זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן אין זייערע יוגנט־יאָרן געלערנט. אַ ייד, וועלכער איז געווען פאַרזונקען אין דאגות, שטייענדיק אין דעם פאַר־אָרימטן געוועלבל, האָט זיך אינאָוונט, זיצנדיק אין „שטיבל", פאַרטיפט אין דער גמרא און פאַרגעסן אַלע טאָג־טעגלעכע דאגות; אָדער ווען חסידים פלעגן זיך אַוועקזעצן דערציילן וועגן די מופתים פון זייער רבי'ן אָדער מעשיות פון צדיקים, פלעגן זיי זיך גלייך אַריבערטראָגן אין אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, אַן עולם שכולו טוב.

(ס'איז צו באַמערקן, אַז די סוחרים זענען געווען ס'רוב חסידישע יידן, וואָס פלעגן זיך קאָנצענטרירן נאָר אין די „שטיבלעך" און געווען אָפּגעזונדערט פון די בעלי־מלאכות, וואָס זייער אָרט איז געווען: דער בית המדרש).

##ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

די שאַרפע שטייערן־פּאָליטיק פון דער פוילישער רעגי־רונג, וואָס האָט געהאַט דעם ציל עקאָנאָמיש אונטערצוברעכן דעם יידישן סוחר און בעל־מלאכה, האָט נאָך פיל מער פאַר־ערגערט דעם מצב. דער ייד האָט נאָר געדאַרפט געבן דער רעגירונג, אָבער פון איר האָט ער גאָר נישט באַקומען. ס'איז אפילו נישט געווען קיין רעגירונגס־שולן אויף יידיש אָדער העבּרעאיש, מיטל שולן — איבערהויפּט נישט, די אוניווער־זיטעטן זענען פאַר יידן געווען געשלאָסן, יידישע רעגירונגס־באַאַמטע זענען בכלל נישט געווען. דער שווערסטער קלאַפּ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דער באָיקאָט מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, וועלכער האָט אָנגענומען ברוטאַלע פאָרמען, אַוועקשטעלנדיק פּיקעטן פאַר די יידישע געשעפטן.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און הויפּזעכלעך דאָס שטייערן־פּראָבלעם, האָט אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן זיך, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות אָפּצושטופּן דעם אָנגריף. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ האַנטווערקער־פאַריין און אַ סוחרים־פאַריין, וועלכע זענען געווען אָנגעשלאָסן אין זייערע צענטראַלעס אין וואַרשע. יעדער פאַריין האָט זיך געהאַט זיין גמ"ח־קאַסע צום דינסט פון זיינע מיטגלידער. זיי האָבן אויך גלייכצייטיק געשיקט חברים אין די שאַצונגס־קאָמיסיעס ביים שטייער אַמט. עס האָט זיך אויך געגרינדעט אַ שטאָטישע אָנפּראָצענטיקע קרעדיט־באַנק. די וואַרשעווער צענטראַלע איז געווען געשטיצט דורכן „דזשאָינט". (די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט ווירט־שאַפטלעכע טעטיקייט, זיי האָבן אויך געפירט אַ פּאָליטישע טעטיקייט, ווען עס פלעגן פאָרקומען לאָקאַלע וואַלן: צו דער יידישער קהילה, צום שטאָט־ראַט אָדער צום סיים, פלעגן זיי אַרויסשטעלן אייגענע רשימות).

דערציאונגס אַנשטאַלטן

אויסער פּריוואַטע חדרים, איז אויך געווען אַ שטאָטישע תלמוד־תורה פאַר די אומפאַרמעגלעכע קינדער.

אין קעגנזאַץ צו די דאָזיקע אַנשטאַלטן, אין וועלכע מ'האָט געלערנט בלויז רעליגיעזע לימודים (וועלט־לעכע — אין אַ אומבאַדייטנדיקער מאָס), איז דער חדר־מתוקן געווען אַ סינטעז פון תורה און וועלטלעכקייט. עס איז אויך איינגעפלאַנצט געוואָרן אין יעדן תלמיד אַ ליבע צו העבּרעאיש און צו ארץ־ישראל. דער גרינדער איז געווען גאָרזשלטשאַני. כ'געפין דאָ פאַר נויטיק צו דערמאָנען 2 אויסגעצייכנטע העבּרעאישע לערער: א) גדליהו ראָזנבוים, אַ זון פון באַקאַנטן ר' נחמיה ראָזנבוים, אַ גרינדלעכער העבּ־רעאיש־קענער, אַ ידען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, אַ באַקאַנטער שאַכמאַטיסט און אַ מענטש מיט פיינע סימפּאַ־טישע מאַניערן; ב) פּילאַר ז"ל. כאָטש אויסערלעך האָט ער נישט געמאַכט קיין ספּעציעלן רושם, האָט מען אויף אים גע־קענט זאָגן „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו". ער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט וויסן, „מלא וגדוש" און האָט גוט געקענט די אַלטע יידישע מקורות.

עס איז אויך געווען אין אונדזער שטאָט אַ ישיבה, פון קליינעם פאָרמאַט. די מערהייט תלמידים זענען געווען פון דער סביבה.

אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן האָבן, זעלבסטפאַרשטענד־לעך, געלערנט בלויז יינגלעך. די דערציאונג פון מיידלעך איז געווען פאַרנאַכלעסיקט. „כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדת תפלות". נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אויף דעם געביט. די „אגודה" האָט געעפנט אַ נעץ פון טעכטער־שולן אונטערן נאָמען „בית־יעקב". די אַבסאָלווענטינס פון די שולן זענען געווען זייער רעליגיעז פון אינערלעכער איבערצייגונג. זיי זענען געווען נאָענט צו די אַלטע יידישע מקורות און האָבן אויך באַזיצט וועלטלעכע בילדונג. געווען זענען זיי שטאָלצע יידישע טעכטער. גוט באַקאַנט איז פאַר אַלעמען די טראַגישע געשיכטע פון די 93 יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן געוווסט, אַז די מערדער ווילן זיי מטמא זיין, האָבן זיי געבעטן, מען זאָל זיי פריער פירן אין אַ באָד־אַנשטאַלט און דאָרט זענען זיי אַלע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט געוואַקלט...

אין שפּיץ פון דער בית־יעקב־שול אין אָסטראָלענקע איז געשטאַנען גאָר נישט קיין דורכשניטלעכע לערערין. דאָס איז געווען די באַרימטע טאָכטער פון למדן ר' יוסף נאַשעלסקי, פעס"ע, מיט וועלכער ער פלעגט לערנען גמרא. צו כאַפּן מיט איר אַ שמועס, וואָס איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז"ל, שיינע אומבאַקאַנטע אגדות, פיינע אינטערפּרעטאַציעס פון שווערע פסוקים — איז געווען אַ גאָר גרויסער גייסטיקער פאַרגעניגן. זי האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם אַנאַליטישן מוח מיט אַן אומגעהויערער ווילנס־קראַפט. זי האָט אירע תלמידות, וועלכע זענען צו איר געווען זייער צוגעבונדן — אָנגעשטאָפּט

מיט ידיעות און ליבשאַפט צום יידישן דת און צום יידישן פאָלק.

פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער איז געווען די רעגירונגס פאָלקס־שול פאַר יידישע קינדער אין דער פוילישער אונטערריכטס־שפּראַך. זייער טענדענץ איז געווען, אַז די קינדער זאָלן אין זיך איינזאַפּן די פוילישע קולטור. נאָר איניקע שעה אַ וואָך האָט מען געלערנט יידישע רעליגיע און יידישע היסטאָריע. דער אויג פון דעם אינספּעקטאָר האָט אויפגעפּאַסט, מען זאָל נישט אַריינפירן אַהין, חלילה, דעם יידישן נאַציאָנאַלן מאָמענט...

די מערהייט באַזוכער אין דער דאָזיקער שול זענען געווען מיידלעך, ווייל יינגלעך האָבן געלערנט אין חדרים. דער לערער־פּערסאָנאַל איז געווען פון דער פרעמד, די מערהייט פון זיי — אַסימילירט. צווישן די לערער מיט די עלטערן איז נישט געווען קיין שום קאָנטאַקט, ווייל זיי, די לערער, האָבן זיך באַמיט בלויז נושא חן צו זיין ביי די פוילישע מאַכט־האָבער פון שטאָט.

פּאָליטישע פּאַרטייען

די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו שטודירן און נישט קאָנענדיק זיך איינשליסן אין די ענגע ווירטשאַפטלעכע ראַמען, האָט אויסגענוצט איר צייט און ענערגיע אויף „דרייען" זיך אויפן לאָמזשער שאָסיי און אויף כלומרשט־פּאָליטישע דיסקוסיעס. נאָר אַזוי ווי „מתוך שלא לשמה בא לשמה", איז די פּאָליטישע רייפקייט צוביסלעך אונטערגעקומען, און האָט מיט דער צייט אויסגעפורעמט אַ פיינע פּאַרטייאישע יוגנט.

אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען און גרופּן האָבן זיך געהאַט זייערע אָנהענגער און נאָכפאָלגער אין שטעטל. נאַטירלעך האָט יעדע ניי־געגרינדעטע פּאַרטיי אָדער אפילו פּאַרטייעלע געהאַט איר פּאַרזיצער, איר פּאַרוואַלטונג און אפילו איר רעוויזיאָנס־קאָמיסיע.

די פּאַרטייען, וועלכע האָבן געהאַט אין זייערע רייען פילצאָליקע חברים זענען געווען: פּועלי־ציון (צ. ס.), איינער פון זייערע חברים איז געהאַט געווען אַ געוויסע צייט קהילה־פּרעזעס (משה מרגליות ז"ל, אין די עטלעכע דרייסיקער יאָרן עולה געווען אין ישראל), די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע „בני־עקיבא" און די רעוויזיאָניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „בית"ר".

אַ גאָר פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט, האָט געפירט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „בונד". אין איר באַזיץ איז געווען אַ רייכע יידישע ביבליאָטעק (מען קאָן זאָגן: די איינציקע אין שטאָט). זיי פלעגן אויך איינאָרדענען פון צייט צו צייט פאָרלעזונגען אויף אַקטועלע טעמעס, אַראָפּברענגדיק באַרימטע רעדנער א. אַז. וו. שטאַרק איבערגעגעבענע חברים זענען געווען אין יענער צייט די ברידער ראָזנבלום, טיפּן פון באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער.

כלי־קודש

אויב די אויבנדערמאָנטע שיכטן האָבן געמוזט קומען אין קאָנטאַקט מיט דער פוילישער באַפעלקערונג, איז אָבער געווען אַ מין גרופּע, וועלכע האָט מיט דער אויסערלעכער וועלט כמעט קיין געמיינזאַמעס נישט געהאַט. זייער חיונה האָבן זיי געצויגן דירעקט פון דער יידישער באַפעלקערונג. איך וויל דאָ דערמאָנען אַלס מוסטער בלויז איניקע פון זיי. קודם דעם ארי שבחבורה: דעם שטאָט־רב, הרב בורשטיין ז"ל, וועלכער איז באמת געווען ווייטלעך פון די פּראַקטישע שטאָט־ענינים, אָבער אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ הדרת־פּנים (בעל־מחבר פון באַרימטן ספר „מטעמי יצחק"), די 2 דיינים: ר' ירמיה, און ר' יעקב שלמה,ביידע גרויסע למדנים און יראי שמים. ווייטער — ר' חיים בערל דער חזן־שוחט, אויך אַ תלמיד־חכם, אַ קלוגער און זייער סימפּאַטישער מענטש, וואָס איז געווען שטאַרק געאַכט ביי דער באַפעלקערונג, און נאָך געציילטע פון דעם ענלעכן מין.

נשים צדקניות

עס איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג צו זען ווי יעדן דאָנערשטיק אין דער וואָך פלעגן אַרומגיין איבער דער שטאָט אַ פּאָר פרויען, געגאַנגען פון קראָם צו קראָם און געזאַמלט נדבות. דאָס איז געווען פאַר אַ בכבודיקער יידישע פאַמיליע, וואָס האָט נישט געהאַט אויף שבת־הוצאות און פון וועלכע נאָר יחידים האָבן געוווסט און געהאַלטן עס בסוד... אָדער אַז מען האָט געדאַרפט העלפן חתונה מאַכן אַ יידישע טאָכטער פון אַ געפאַלענער בכבודיקער פאַמיליע א. ד. ג., פלעגן זיך אויך שטאַרק מתעסק זיין דערמיט די נשים צדקניות (אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער ווי ס'איז אויבן דערמאָנט) און זיך דערביי באַמיט אַז די משפּחה זאָל נישט פאַרשעמט ווערן.

דאָס איז געווען אַ מין אָרגאַניזירטע ווייבערישע פילאַנטראָפּיע, וועלכע האָט געהאַט ביי זיך דעם צעטל פון די אַלע אײדעלע נויט־באַדערפטיקע פאַמיליעס.

זייער הילף פלעגט אויך דערגיין צו די „עמך"־ספערן און צו די פּשוטערע שיכטן פון שטאָט.

משה קאַמין (נתניה)

מכבי־אש

ימים קשים היו ליהודים בעת ההיא. השלטון הצארי, מתוך מגמה לשלוט בפולנים ולהסיח את דעתם ממחשבות מרי ומרד, — שיסה עם בעם, ונקט שיטה של „הפרד ומשול". הפולנים, חדורי רגש השנאה ליהודים מאז ומתמיד, הסיחו את דעתם ממשאת־נפשם ומשאיפתם לשחרר את הארץ מעול הכובש הרוסי, ובקלות דעת נתפסו לשנאת היהודים והכריזו חרם על היהודים. סיסמת החרם מצאה לה מהלכים בקרב ההמון הפולני באמצעות השנאה והארס שהאינטליגנציה זרעה ביניהם. ואמתלה לחרם שהכריזו על היהודים שימשו הבחירות ל„דומה" הכל־רוסית. יהודי לודז' הצביעו לטובת המועמד של פ. פ. ס. (המפלגה הסוציאליסטית הפולנית). היהודים ראו בו את האיש שיגן ב„דומה" על עניני היהודים. הדבר חרה לפולנים ומפלגת הנ. ד. (הלאומנים) התיצבה בראש הכרזת החרם. בשצף קצף פעלו האנטישמים האלה במלחמתם — מלחמת־המצווה והפריחו סיסמאות „סווי דו סוואָגו" (כל איש לשלו, כלומר: כל פולני ילך אל פולני) ו„אל תקנו מן היהודים ואל תמכרו להם". הפולנים הוכו בעיוורון גמור, והתמכרו למלאכה בזויה זו, ושילמו ביוקר, כי הסיחו על־ידי כך את דעתם מן העיקר. רק מלחמת־העולם הראשונה ב־1914 הפסיקה את החרם על היהו־דים, כי הרוסים לא היו עוד מעונינים בו. הבריונים השתדלו בכל מיני דרכים להתנקם ביהודים. אחד המעשים המבישים שלהם היה — הצתת בתי היהודים בערים ובעיירות הפזורות ברחבי פולניה.

וכך התעוררנו בליל קיץ מחניק אחד לקול צלצול פעמון האזעקה ממרומי מגדל בית־העיריה ובעד החלון ראינו כי השמים אדומים. הבינונו שריפה פרצה ברחוב אוסטרוב. רצנו למקום השריפה, וראינו יהודים רצים בבהלה מבית לבית ומשתדלים להציל את הניתן להציל מלהבות האש האוכלת. והאש התקדמה מבית לבית במהירות רבה וכילתה בלי רחמים את עמל האנשים ורכושם. הרבה בתים נשרפו בלילה הזה והרבה משפחות נשארו בלי גג מעל לראשם. למחרת בבוקר פשטו הנשרפים על חרבות בתיהם ונברו באודים העשנים, אולי ימצאו משהו בעל ערך וראוי לשימוש. ויהודים הלא רחמנים בני רחמנים הם — קם מיד והתארגן ועד להגשת עזרה דחופה לנשרפים. ראשית מעשה, שיכנו את הנשרפים ומשפחותיהם במקומות ציבוריים כגון בית־המדרש ובתי־הכנסת. אחרים השתדלו להצטמצם והכניסו את קרוביהם לבתיהם.

מובן שזה עדיין לא פתר את הבעיה העיקרית: בעית הפרנסה והשיקום. „כשגונבים את הסוס רק אז סוגרים את האורווה", ומפחד פן יישנה הדבר ושוב תפרוץ שריפה, קבעו משמרות לפי תור מיוחד בכל לילה ולילה. אנו בני הנוער גויסנו למלאכה זו. חבורות־חבורות היינו משוטטים בחוצות העיר, ונשקנו — מקלות עבים — בידינו וככה שמרנו והבטחנו את שלום ישראל, ראינו את עצמנו כצבא מיוחד העומד על משמרתו להפר את מזימת שונאינו לבל יאונה כל רע. ותקנה תיקנו פרנסי העיר ועסקניה בפקודה מיוחדת: על־יד כל בית ובית צריכה להימצא חבית גדולה מלאה מים. כל בעל־בית חויב להצטייד בכלי כיבוי, ובמכשירים הדרושים לעת צרה כזו כגון דלי, גרזן, מוט ארוך ודקר בקצהו להריסת קירות. ולא אמרו די בכך. אמנם, היתה בעיר פלוגת מכבי־אש, אולם לא סמכו עליה ביותר, כי יהודים לא היו בה. היהודים עצמם לא מיהרו להצטרף למכבי־אש כי לחרפה נחשב להם הדבר. הית־כן, שיהודי המכבד את עצמו יעסוק בשטויות כאלה, שריח צבאיות נודף מהן? זה נאה לבני עשיו. והפולנים היו מרוצים בכך בדיעבד. להם שימש ארגון זה כמחתרת לעבודה חשאית נגד שלטון הרוסים. עבודת הכיבוי דרשה אימונים צבאיים במקצת, ותחת מסווה זה גם יכלו להתאסף ולקיים אסיפות חשאיות. ותזמורת היתה להם, ובכל יום א' בשבוע בבוקר, היתה פלוגת מכבי־האש עוברת בכל תפארת מדיה וב־צעידה צבאית בחוצות העיר והתזמורת בראש. אנו, הקונ־דסים דאז, רצנו אחריהם וליווינו אותם בדרכם לחורשה הקרובה לעיר, וניתנה האמת להיאמר, כי נחת לא שבעו מאתנו, ובהגיעם אל מחוץ לעיר, גירשו אותנו בבוז, ואנו בבושת־פנים ובקנאה חזרנו העירה. שאלנו את עצמנו על מה ולמה מגיע לנו בזיון כזה, ולמה אבותינו אינם במכבי־האש? ותשובה לא היתה. אף־על־פי־כן, כעבור זמן קצר החלו פרנסי העיר לטפל בבעיה זו. פנו להנהלת מכבי־האש בבקשה, שיצרפו כמה עשרות יהודים לשורותיהם. הם סירבו בהחלט, והטעם היה ידוע. רק אחרי פניה נמרצת לגנרל גוברנטור בלומז'ה, הואילו הפולנים להסכים להצטרפותנו לשורותיהם. ומי ההולכים? ברור היה, כי שום יהודי מכובד לא יאות להיכנס למכבי־האש, ובפרט שתנאי התנו הפולנים כי על כל אחד להביא חליפה חדשה וקובע נחושת, גרזן ושאר מכשירים. אמנם הוצאות אלה כוסו בכספים שקיבלו מהעיריה ושהיהודים השתתפו בהם. פרנסי העיר הבינו, כי כאן דרושה דוגמה אישית. אבא ז"ל, יחזקאל קופפרמינץ, והניך פלקסר ז"ל, שהיו הוגי הרעיון הזה, היו הראשונים שהתנדבו למכבי־האש. ואחריהם בא זרם גדול של מתנדבים מ„עמך"; גברתנים ובעלי מלאכה שהקרדום הוא משלח־ידם יום־יום. הקהילה הקציבה מתוך תקציבה היא את הסכום הדרוש לבגדים ולציוד, כי הפרט לא היה יכול אז לעמוד בזה. ואבא ז"ל אף כי היה קשיש למדי, כבן 56 שנה, היה לובש בשמחה את המדים המיועדים לכך, וקובע הנחושת היה נוצץ ומבריק על ראשו, ויחד עם כולם היה צועד בכל יום א' בסך, כחייל לכל דבר. זה היה בעיניו ענין של פיקוח נפש ולא פחיתות־כבוד. ואנו בני הנעורים, באנו על סיפוקנו. לא עוד זרים בחתונת הגויים היינו, רק שווים בין שווים. היהודים הצטיינו באימונים שונים, הקשורים בכיבוי שריפות כגון התעמלות, טיפוס על סולמות וגגות, טיפול במכונות־כיבוי שונות ובמשאבות, וביחוד בצעידה בסך ברחובות העיר בכל יום א'. אנו חיכינו ליום א' זה, בעת שצעדו הכבאים ברחובות העיר. ליד כל אבא שצעד בסך צעד ילדו, כשהוא זוהר כולו מרוב אושר. פעם בשנה היו מכבי־האש מסדרים יום אימונים שנתי ופיקניק גדול בחורשה הקרובה לעיר. יום תמים בילו בחורשה והדגימו פעולות שונות הקשר־

רות בעבודתם. אחרי־כן עברו למשחקים שונים ועשו משתה גדול כיד המלך, ולשמחה לא היה קץ. להקלת סבלם של הנש־רפים החליטה הקהילה לגייס כספים בכל מיני אופנים. עוד לפני השריפה נפתח בעיר אולם ראינוע. אך איש לא העז להשתמש בו. ושוב היו אבא והניך פלקסר ז״ל היוזמים לדבר מצווה. הם החליטו לחכור את האולם לשבוע ימים והקרינו בו סרט. עד היום אני זוכר את תכנו. הוא תיאר את ראשית התנחלות בני אירופה באמריקה ואת המלחמה באינדיאנים; כל הקשיים שפגשו בדרכם עד בואם לנחלתם, לבטיהם וקשייהם. כן, זה הזכיר לנו את עתידנו, את שאיפתנו לעלות ארצה ואת המלחמה עם הערבים. הסרט הקסימנו ודירבן אותנו, בני־הנוער, להעז ולחשוב על צעדים מעשיים להגשמת חלומנו. במודעות גדולות הודיעו בחוצות העיר, כי הצגת הסרט תתקיים במשך שבוע ימים והכנסתו קודש לנשרפים. מובן, שמחיר הכרטיסים היה גבוה מהרגיל, וסוג כרטיסים מיוחד קבעו לבעלי יכולת. אלה חולקו על־ידי מתנדבים בעלי־עמדה ציבו־רית מתוך ביטחון, שהם יצליחו להתרים את הקונים אותם בסכומים הגונים. ההכנסה עלתה על המשוער. ובזה ניתן היתר פומבי לכל בני העיר לבקר בראינוע. מובן, שגם אז עדיין רבו הקפדנים והסרבנים. במשך השבוע הזה היה האולם מלא מפה לפה: אנשים, זקנים וטף מילאו כל ערב את האולם, והתור היה גדול. ומאז הותר הראינוע לכל דורש.

ואולם הראינוע התחיל לשמש לנו מקום בילוי ובידור בימים שהשמחה ברחוב היהודי לא היתה מרובה...

אביעזר דרורי־קופפרמינץ, כפר יחזקאל

יידישע פייערלעשער אין אסטראלענקע

די געשיכטע פֿון די יידישע פייערלעשער אין אָסטראָ־לענקע וועלכע האָבן זיך איינגעגלידערט אין דער אַלגעמיי־נער „פֿאַזשאַרנע קאָמאַנדע״ — איז שטאַרק פֿאַרבונדן מיט דעם נאָמען פֿון אונדזער חשובן בן־עיר ר׳ העניך פלאַקסער ז״ל, וועמען איך וויל דאָ דערמאָנען מיט אַ פּאָר ווערטער.

ער, אַלס גרויסער למדן און איידעלער ייד, וואָס זיין נאָמען איז געגאַנגען פֿאַר אים — האָט נישט געלעבט בלויז מיט די הימלען, ער האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן חוש פֿאַר מילי־דעלמא און יידישע שטאָט־אינטרעסן. אָט דערמאָנט זיך מיר אַ פֿאַקט: זומער 1913. אויף דער אָסטראָווער גאַס איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע שריפה און אַ סך יידישע פֿאַ־מיליעס זענען אָפּגעברענט געוואָרן. האָט מען געמאַכט אין שטאָט פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען צו שטיצן די נשרפים. באַזונדערס איז געפֿאַלן אַ חשד, אַז די פייערלעשער, וואָס זענען באַשטאַנען דורכאויס פֿון פּאָליאַקן, האָבן מיט אַ כיוון שלעכט געלאָשן דאָס פייער... האָט מען באַשלאָסן, אַז יידן זאָלן זיך איינשרייבן צו די פייערלעשער. און ווער, פֿאַר־שטייט זיך, האָט אָנגעפֿירט דעמאָלט מיט דער דאָזיקער אַרבעט אויב נישט ר׳ העניך פלאַקסער, פֿאַר וועמען אַלע אין שטאָט האָבן געהאַט דרך־ארץ.

אין אַ געוויסן זונטיק אינדערפֿרי, האָבן זיך באַוויזן יידן מיט בערד און מיט... מעשענע היטלען. זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַן אונטערנעמונג פֿאַר די נשרפים מיט די קריסטן צוזאַמען. האָט מען געמאָלדן וועגן אַ פֿאַרווייַלונג אין שטאָט־גאָרטן מיט אַ לאָטעריע. מוזיק האָט געשפּילט, מ׳האָט גע־טרונקען „לחיים״ און צום סוף האָבן יידן מיט בערד און מיט מעשענע היטלען געטאַנצט צוזאַמען מיט די קריסטן, אַלע — אין איין ראָד און מ׳האָט געשריגן: „זאָל לעבן די אייניקייט!״

ר׳ העניך פלאַקסער ע״ה איז אויך געווען דער גרינדער פֿון אַ ליי־און־שפּאָר־קאַסע ביי אונדז אין שטאָט, וווּ אַ גע־צאָלטער בוכהאַלטער איז געווען אַנשל לעוו דער לערער און דערנאָך — דער גרינדער פֿון אַ קליינער סוחרים־באַנק.

א. שימאָן, אורוגוואַי

אונדזערע מלמדים און לערער

א. שלמהלע

דער ערשטער דרדקי־מלמד אין אָסטראָלענקע איז געווען אַ געוויסער מאַרקל — פֿאַר מיין צייט שוין אַ זקן. דערנאָך איז אויפֿגעקומען שלמה׳לע, וועמען אַלע אָסטראָלענקער האָבן געקענט. ער האָט געלערנט מיט קינדער, וועלכע זענען גע־וואָרן טאַטעס און דערנאָך — מיט די קינדער פֿון די טאַטעס... ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין קינדער, געלעבט ביז אין טיפֿן עלטער.

ב. לייזער אלי

ביי אים האָט מען געלערנט חומש־רש״י און אַ פּשטל אויף פּסח צום סדר. — אים האָט פּאַסירט אַן אומגליק: זיין פֿרוי איז געגאַנגען שעפּן וואַסער פֿון טייך, עס איז געווען ווינטער־צייט, דער טייך איז געווען שטאַרק פֿאַרפֿרוירן, האָט זי זיך אויסגעגליטשט און דערטרונקען געוואָרן. די קינדער האָבן דערציילט, אַז זי האָט געהאַט ביי זיך עטלעכע הונ־דערט רוסישע רובל... אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען זי גע־פֿונען אונטערן אייז.

עטלעכע פֿון זיינע קינדער געפֿינען זיך אין צפֿון־אַמעריקע.

ג. משה דער רוזשאנער

געווען אַ גמרא־מלמד, אַ טוער אין דער חברה „לינת־הצדק״. זיינע אַ טאָכטער געפֿינט זיך אין אורוגוואַי.

ד. משה ברוך

מיט זיין בלינדן זון. געלערנט מיט די קינדער חומש־רש״י אויף אויסנווייניק...

ה. משה חייב

מיטן שפּיציקן בערדל. געווען אַ גמרא־מלמד מיט אַ פּאַך

דערצו: געמאַכט שופרות און טאַבאַק־פּושקעלעך. אין דעם מענטשן איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ טאַלאַנט פון אַ קונסט־שניצער. ער פלעגט די אַרבעט מאַכן מער פון פאַרגעניגן ווי צוליב פאַרדינסט.

זיינער אַן אייניקל געפינט זיך אין צפון־אַמעריקע.

ו. מענדעלע לייב־הערצס

אַן איידעם. געלערנט חומש־רש״י. און אַזוי ווי ער איז געווען גבאי אין אַלעקסאַנדערער „שטיבל״, האָט ער דאָרט געהאַט דעם חדר.

ז. דער דאַרער מלמד

מרדכי פאַרבערס אַ זון. געלערנט חומש מיט רש״י און געהאַט דערצו נאָך עטלעכע פּרנסות.

ח. יאַלאַשקע מלמד *)

מרדכי פאַרבערס אַן איידעם מיטן פאַמיליען־נאָמען: מלאך. געלערנט לייענען אין ספר־תורה.

ט. יולקע נעשקעס

א גמרה־מלמד. זיינע 2 קינדער געפינען זיך אין ישראל (א פריינט פון שלמה דאַרפמאַן אין ישראל).

י. אשר מלמד

אַ מלמד אין דער אָסטראָלענקער תלמוד־תורה, אין וועלכער עס האָבן געלערנט קינדער אַן געצאָלט.

יא. דער קעלטשעווער

לייבל בליאַכאַוויטשעס אַן איידעם, א גמרא־מלמד, ליב געהאַט צו פירן דיסקוסיעס מיט „פרייע״. ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז וואָס מער עס קומען נייע דערפינדונגען אויף דער וועלט א.אז.וו. ווערט מען אַלץ מער פרום און גלייביק... אַז מען דאַוונט דאָ, און דער רבש״ע הערט עס אין הימל — דאָס האָבן די „פרייע״ קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן, אָבער היינט זעט מען שוין בחוש, אַז מען רעדט אין אַמעריקע הערט מען אין אָסטראָלענקע...

יב. יאַפּאַנטשיק דער מלמד **)

גוט באַקאַנט געווען אין אָסטראָלענקע. ממש אַ שם־דבר. (זיין פרוי איז געווען אַ קוזינע פון אביעזר קופּערמינץ — ר׳ חאַצקל קופּערמינצס אַ זון).

יג. שמואלקע יאַיצאַר

צו זיין מלמדות האָט ער נאָך צוגעהאַנדלט מיט אייער.

יד. משה־פסח אָדער דער גאָוואָראָוווער

געווען אַ גוטער גמרא־מלמד, אַ גוטער מסביר און פאַרטייטשער, אָבער אויך מיט „שלאָגנדיקע מעטאָדן״... „באַרימט״ געווען מיט זיין שלאָגן די קינדער, איבערהויפּט אין די דאָנערשטיקן — די „ימי הדין״ פון „פאַרהערן״... ס׳איז אים געגאַנגען דערין, אז מען זאָל פאַרשטיין דאָס, וואָס מען לערנט, עס זאָל נישט גיין לאיבוד... אַ פחד פלעגט אַרומנעמען די קינדער, וואָס האָבן געוווּסט, אז זיי דאַרפן אַנהייבן זייער „זמן״ ביי אים. געווען דער רייכסטער צווישן די מלמדים. דאָס ווייב האָט געפירט באַזונדערע געשעפטן, ווי: אַ טישל מיט סחורה אויף דער גאַס, באַקן חלות אויף שבת, געשטעלט טשאָלנט און נאָך אַנדערע פּרנסות. פאַרמאָגט 6 טעכטער מיט איין זון, וועלכער איז געווען אַ בונדיסט (געוווינט ביי יאָסל מייראַנען אין הויף).

טו. מענדל לאָמזער

אַ גמרא־מלמד. געווען אַ גרויסער כעסן.

יז. אברהמל מלמד

אַ גמרא־מלמד. געלערנט מיט עטלעכע בחורים נאָר אינדערפרי. בייטאָג און פאַרנאַכט האָבן זיי געדאַרפט לערנען אַליין. געהאַט אַ שפּייז־געוועלב — פלעגט ער בייטאָג זיין אַ סוחר. געלעבט אַ סך יאָרן אין צפון־אַמעריקע מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. היינט אין ישראל *).

יח. איטשע יאָסל

געלערנט מיט גמרא־יינגלעך. זיינע 2 זין געפינען זיך אין צפון־אַמעריקע.

יט. דוד דעם געלן גלעזערס אַן איידעם

אַ גמרא־מלמד. דער שווער מיטן איידעם און זייערע פאַמיליעס געפינען זיך אין צפון־אַמעריקע.

כ. פּיווווישע

אַ גמרא־מלמד. געווען אַ זקן נאָך פאַר מיין צייט. געלעבט ביז אין טיפן עלטער.

כא. גוטמאַן־טשאַק

אַ גמרא־מלמד, פּיווווישעס אַ זון. נאָך דעם ערשטן וועלטקריג נישט צוריקגעקערט זיך קיין אָסטראָלענקע. זיינע אַ טאָכטער געפינט זיך אין אורוגוואַי.

כב. מאיר יאַנקל

אַ גמרא־מלמד. שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף דאָס אויפפירן זיך. געלעבט ביז אין טיפן עלטער.

כג. דער קאַלושינער

אַ גמרא־מלמד. פלעגט לערנען מיט 2־3 בחורים. אַ קרענקלעכער. דאָס ווייב האָט געהאָלפן אין דער פרנסה מיט אַ געוועלבל.

*) זע „צונעמעונישן״ („אָסטר. שטייגער״).

**) זע „צונעמענישן״ (אָסטר. שטייגער״).

*) זע „דער אָסטראָלענקער זקן פון ירושלים״.

כד. מענדל טשאַרני (אָדער טשאַרנעם)

אַ שטילער גוט־האַרציקער מלמד, ביי וועלכן יעדער אָסטראָלענקער יינגל האָט געוואָלט לערנען. ווען טאַטעס פלעגן אָנדינגען זייערע קינדער אויף אַ „זמן" צו מענדלען, פלעגן ממש די חדר־יינגלעך קוועלן פון שמחה, עס אויפנעמענדיק מיט אַ גרינג געמיט — אין קעגנזאַץ צו אַנדערע מלמדים אין שטאָט. ער האָט געלערנט חומש־רש"י און אָנפאַנג־גמרא.

כה. נחמן מלמד

געווען פון די באַוווסטע מלמדים אין אָסטראָלענקע. זיך גערעכנט פון די „בעסערע", וואָס פלעגן לערנען מיט די אַביסל־אונטערגעוואַקסענע קינדער, וואָס פלעגן שוין שטיין „אויפן שוועל" צו אַ ישיבה, „העכערע" לערנעכצן, ווי: אַ בלעטל גמרא מיט תוספות, מהרש"א, „אַריינגיין" אין אַ סוגיה א. אַנ. געווען דערצו אַ גוטער מסביר און אַ מעסיקער צו זיינע תלמידים. ער פלעגט זעלטן־ווען שלאָגן אָדער שרייען אויף אַ תלמיד. אויפן ערגסטן פאַל פלעגט ער מזמין זיין דעם פאָטער פון דעם שווער־זיך־לערנענדיקן תלמיד, ער זאָל אים אַליין „פאַרהערן", און ווען נויטיק איז — אויף אים אַליין אָנשרייען אָדער „אויספּעטשלען"...

זיינע חדר־יינגלעך האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

כו. זלמן גראַלאַ

אַן אַלעקסאַנדערער חסיד, געדינט אין מיליטער ביי די „דראַגונער" אין וואָיטשעכאָוויצע און אין מישיניץ פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה.

כז. נחמיה מלמד

דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער טיפּ מלמד, נישט פון געוויינלעכן שטייגער. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער העברעער. געווען שטענדיק ציכטיק אָנגעטאָן, די באָרד שיין צעקאַמט, און זיין גאַנצער הילוך האָט אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ. חסידים האָבן זייערע קינדער צו אים נישט געוואָלט שיקן, ווייל זיי האָבן געקוקט מיט אַ קרומען אויג אויף זיין „אויסטערלישער" הנהגה. קיין גמרא האָט ער נישט געלערנט, נאָר העברעאיש און תנ"ך מיט דערוואַקסענע בחורים, ווי אויך לייענען אין ספר־תורה.

כח. אנשל לעוו

פלעגט געבן לעקציעס אין די חדרים 1 שעה אין טאָג. געלערנט שרייבן רוסיש און חשבון. געהאַט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע אויסצולערנען דעם טיטול פון רוסישן קייזער און פון זיין גאַנצער פאַמיליע, כדי די תלמידים זאָלן זיין גרייט צום באַזוך פון אַן אינספּעקטאָר פון דער גובערניע אין די חדרים (דאָס איז געווען פאַרפליכטנדיק פון דער צאַרישער מאַכט פאַר יעדן חדר און יידישן לערן־פּלאַץ).

געווען אַן אַגענט פון אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „יאַקאר" פון פּעטערבורג. געווען דער גאַנצער אָנפירער און עומד־בראש פון דער „חברה ציון" ביי אונדז אין שטאָט. ווי אויך דער סעקרעטאַר און פאַראַנטוואָרטלעכער אין דער שטאָטישער באַנק און ליי־קאַסע. (זיינער אַ זון, דוד לעוו ע"ה, איז געפאַלן אין ישראל אַלס קעמפער אין דער „הגנה").

כט. דער רוזשאַנער לערער

געהייסן איזאַקסאָן. געווען אזא מין לערער ווי דער אויבנדערמאָנטער לעוו, נאָר ער איז נישט געווען קיין ציוניסט. זיין פרוי האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ שולע, וווּ מיידלעך האָבן זיך געלערנט שרייבן. עמיגרירט קיין אורוגוואַי, געלעבט ביז אין טיפן עלטער. זיינע אַ טאָכטער געפינט זיך אין אורוגוואַי און די איבעריקע טעכטער — אין רוסלאַנד.

ל. ווייבער לערערינס

מאַשע שטיינבערג די לערערקע. געלערנט מיט מיידלעך און געשריבן בריוו פאַר ווייבער, וואָס זייערע מענער זענען געווען אין אַמעריקע אָדער אין מיליטער („ביי די זעלנער"). אירע אַ טאָכטער געפינט זיך אין ישראל שוין אַ סך יאָר (איין טאָכטער איז געשטאָרבן אין ישראל), איר מאַן הייסט מ. מעדזאָוויטש.

געווען זענען אין אָסטראָלענקע אויך אַ מין לערערינס, וועלכע מ'האָט גערופן: רביצנס. זיי פלעגן קומען אין די שטיבער לערנען מיט די מיידלעך „עברי" אָדער די מיידלעך פלעגן קומען צו זיין. געווען אייניקע אַזעלכע, זייערע נעמען און צאָל — געדענק איך נישט.

אַלטער שימאָן מאָנטיווידעאָ, אורוגוואַי

קאָנטאָניסטן אין אָסטראָלענקע

געווען ביי אונדז עטלעכע יידן־קאַנטאָניסטן, פון די קינדער, וואָס מען פלעגט כאַפּן, אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, צום מיליטער און נאָכן אָפּדינען דעם צאַר 25 יאָר, אויסשטייענדיק שרעקלעכע רדיפות און פייניקונגען, כדי זיי צו צווינגען צום שמד, פלעגט מען זיי באַפרייען. פיל פון זיי זענען טראָץ אלע עינויים פאַרבליבן יידן. געקענט האָב איך זיי אלס זקנים.

1) **דער צירולניק**

געווען אַ שערער, און עלטערע יידן פלעגן זיך ביי אים שערן.

2) **הירשקע פענדל**

אַזוי האָט מען אים גערופן. פלעגט באַקן שוואַרץ־ברויט.

3) **חייקל באַראַבאַנטשיק**

געווען אַ פייקלער אין מיליטער ביזן סוף פון זיין לעבן.

4) **אברהם קוגל**

געווען אַ שטיינער־העקער אויף די שאָסייען. די לעצטע יאָרן געהאַנדלט מיט אַלטוואַרג.

(געווען אויך אייניקע, וואָס האָבן זיך געשמדט אין די פּולקן און געבליבן קריסטן, לעבנדיק אין אָסטראָלענקע).

א. ש—ן

כלי־זמרים

ווי יעדער יידיש שטעטל האָט אויך אַסטראַלענקע געהאַט אירע כלי־זמרים און חברה פריילעך־מאַכער, וועלכע פלעגן באַשפּילן און באַשמחהן אַסטראַלענקער יידישע חתונות. זיי פלעגן פאַרשפּילן, צושפּילן און אויפשפּילן צום חתונה־מאָל פאַר גליקלעכע טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע, געסט און מחותנים פון כל הצדדים און בעיקר — פאַר יונגע חתן־כלה, וואָס פלעגן אין זייער דאַזיקן חתונה־טאָג שטעלן די ערשטע אומזיכערע טריט צו זייער „אומקלאָרן" פאַמיליען־לעבן... זייערע האַרציקע טיף־יידישלעכע מוזיק, געמישט מיט „וואָלעכלעך", ציגיינערשע מוזיק־דריידעלעך, וואָס פלעגן ציען ביי דער נשמה און חסידישע פאַרדבקעטע ניגונימלעך — פלעגט מעורר זיין די הערצער פון אַלעמען, דערהויפּט פון יונגן פּאָרל, וואָס פלעגט זייערע טענער אַ לעבן לאַנג געדענקען. מ'פלעגט גלויבן אין דעם: „עס גייט אין לעבן — ווי אַזוי מ'האָט אויפגעשפּילט"...

יידישע כלי־זמרים, כאָטש קיין גרויסע גליקן האָבן זיי נישט געמאַכט, דאָך פלעגן זיי דערפון ציען זייער חיונה און זיך ווי עס איז אויסלעבן. בפרט אין די עכט־פרומע שטעטלעך צו וועלכע עס האָט אויך געהערט אַסטראַלענקע. עס פלעגט עפּעס „אַריינפאַלן" פון אַ חתונה, אַ סיום הספר, אַמאָל אויך אַ בר־מצווה אד"ג (געווען אפשר אזעלכע, וואָס פלעגן צופאַרדינען „פון דער זייט"). — נישט ווייניק פלעגט אויך „צופאַלן" פון חתונות און שמחות, וואָס פלעגן פאַרקומען אין די פיל קליינע שטעטלעך און ישובים — ווין־ערטער וואָס אַרום אַסטראַלענקע.

די אַסטראַלענקער כלי־זמר־קאַפּעליע איז אין די **יאָרן** פון פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג באַשטאַנען פון 4 **פּערזאָן**: משה־אהרן, געשפּילט די ערשטע פיל; שפּילמאַן (וואָס **איז** שטענדיק „געגאַנגען" אין שוואַרצע ברילן) — די **2־טע** פידל; אַנשל יאַגאָדע — קלאַרנעט, און לייזער איטשע — **באַס.**

אַ בדחן צו באַזינגען חתן־כלה פאַר דער חופה און צו גראַמען ביי דער חתונה־סעודה פלעגט מען שטענדיק אַראָפּברענגען פון לאָמזשע (די דעמאָלטיקע גובערניע־שטאָט) — ר' יואל וואַלאַווסקי ז"ל, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן: יואלקע בדחן. יואל דער בדחן איז געווען באַגאַבט חוץ מיט אימפּראָוויזאַציאָנעלער גראַמען־מאַכעריי אויך מיט אַרטיסטישע פעאיקייטן (זיינער אַ זון, חיים וואַלאַווסקי, איז חוץ אַ באַגאַבטער מוזיקער געווען אויך איינער פון די בעסטע לאָמזשער אַמאַטאָרן אויף דער בינע; היינט אין אַרגענטינע). דער בדחן פלעגט פאַר די מחותנים און חתונה־געסט ביי די געגרייטע טישן פאַרשטעלן פאַרשידענע טיפּן. קאָמישע ווי ערנסטע, זיך דערביי פאַרמאַסקירן, אַלע מאָל אין אַן אנדער מאַסקע, זינגען פריילעכע קופּלעטן געמישט מיט שאַרפע אַקטועלע וויצן און כלי־זמרים פלעגן אים „אַריינפאַלן" אין טאָן, „נאָכגיין" און אונטערהאַלטן מיט דער צוגעפּאַסטער מוזיק, אַזוי אז דער חתונה־עולם פלעגט שטאַרק הנאה האָבן און אָפטמאָל זיך ממש „קאַטשען" פאַר געלעכטער.

ביי גאָר גרויסע נגידישע חתונות, פלעגט מען זעלטן־ווען אויך אַראָפּברענגען כלי־זמרים פון דער פרעמד, וואָס דאָס פלעגט נישט זיין שטאַרק צום האַרצן פון די אַסטראַלענקער כלי־זמרים. בדרך כלל האָט אַסטראַלענקע ביי יעדער יידישער חתונה אָדער שמחה זיך באַנוצט נאָר מיט אירע אייגענע כלי־זמרים.

אַזוי האָבן כלי־זמרים געשפּרייט פריילעכקייט אין אַסטראַלענקער יידישע הייזער ווי אויך אַריינגעבראַכט פרייד אין דער אַרומיקער סביבה אַ סך, אַ סך יאָרן.

עס איז צו באַמערקן, אַז פון די גאָר לעצטערע כלי־זמרים, וואָס פלעגן שפּילן אויף אַסטראַלענקער חתונות זענען געווען די ברידער חאַנע און הערשאַק „שטשאַט" (טשערנאָווין), מיט זיי „קרייערס" אַ זון, איינער הערצקע אַ בעל־עגלה, און אויך אַ קריסט אויף אַ „גאַרמאַשקע" וואָס פלעגט מיט זיי מיטשפּילן נאָר אויף יידישע „זאַבאַוועס" (די אויבנדערמאָנטע פלעגט מען על־פּירוב „נעמען" אויף חתונות פון „עמך" און פּשוטן פאָלק. די פאַרמעגלעכערע אין שטאָט פלעגן אַראָפּברענגען „מוזיקאַנטן" פון לאָמזשע מיטן אַנטייל פון פידלער אַנשל יאַגאָדע באַקאַנט אין דער סביבה, אויך אַן אַסטראַלענקער, וואָס האָט געוווינט אין לאָמזשע).

נאָך דער איינציקער פון די אַלע, וואָס איז מיר געבליבן טיף אין זיכרון און נאָענט צום האַרצן עד היום, איז: משה אהרן דער כלי־זמר. נישט אַזוי ער, ווי זיין פידל... גאָר נישט קיין געוויינלעכע פידל האָט ער געהאַט און גאָר נישט

חברה טרעגער

געווען זענען זיי אין שטאָט ביי אַ 20 פּערזאָן. אַלע כמעט זייער פּשוטע מענטשן, אָבער דאָך פאַרשידנאַרטיקע טיפּן: שטילע יידן, איינפאַכע פאָלקס־מענטשן און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט „גרויסע מיילער", ווי מ'פלעגט עס רופן. יעדער איינער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין צונאָמען וואָס שטאָט האָט אים מכבד געווען.

זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם „מנין", אין שבת ביי טאָג פלעגט מיט זיי לערנען אַ שטיקל חומש — ר' משה נאָסקע דער לעדער־סוחר.

געאַרבעט האָבן זיי אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון שטייגער. דעם פאַרדינסט פון יעדן טאָג פלעגן זיי צעטיילן צווישן זיך אויף גלייך.

געווען איז צווישן זיי שלום דער טרעגער, גערופן האָט מען אים: שלום מיט די מעשיות. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע פעאיקייט נאָכצודערציילן דאָס וואָס ער פלעגט לייענען. דוכט מיר, אַז ער איז געווען דער גרעסטער ידען צווישן זיי.

א. ש—ן

קיין געוויינלעכע טענער האָט ער פון איר אַרויסגעבראַכט...


ווער פון אונדזער תקופה (אינעם ערשטן צענדליק פון 20־טן יאָרהונדערט) געדענקט עס נישט משה אהרונען, אָדער האָט פאַרגעסן דעם טעם פון זיין שפּילן? ווי אויבן דערמאָנט, האָט ער שטענדיק געשפּילט די ערשטע פידל. ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, איז ער שוין געווען אַן עלטערער ייד מיט אַ גרוי בערדל. דוכט זיך געהאַט שטענדיק רויטלעכע אויגן (אפשר פון די וואַך־נעכט אויף אַזוי פיל חתונות?), און אַז ער פלעגט אַ כאַפּ טאָן די פידל אונטערן האַלדז און זי צודריקן מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי אַ שטאַרק־שטאַרק באַליבטע זאַך און פלעגט זיך פונאַנדערגיסן איבער איר, אויף אַלע סטרונעס, פון אויבן ביז אַראָפּ — האָט עס פונאַנדערגענומען די הערצער פון אלע צוהערער און פון מיר דעם קליינעם יינגל בתוכם... איך פלעג ליב האָבן צו שטיין שעהן־לאַנג ביי די מחותנישע פענצטער. איבערהויפּט, ווען די קאַפּעליע פלעגט אָפּשפּילן דעם שבת־צו־נאַכטיקן „גוט־וואָך" (אין וואָך פון דער חתונה) אָדער דעם „פאָרשפּיל" פאַר די מחותנים, מקורבים און די חתן־כלה ערב דער חתונה. אַ „פאָרשפּיל" אויף אונדזער לשון האָט געדאַרפט הייסן „דער אריינפיר צו דער חתונה"; דאָס האָט אויך געדאַרפט אַריינברענגען דעם פאַרבעטענעם עולם, די מחותנים און — בעיקר — די חתן־כלה אין די ערשטע מאָמענטן פון חשבון־הנפש קודם החופּה. מ'פלעגט טיילן „גוטע זאַכן" און אַ בדחן פלעגט לייכט צוגראַמען (זיין שווער־וואָגיק בדחניש מאַטעריאַל האָט ער געהאַלטן אויף דער סאַמע חתונה). דער עיקר שבעיקר איז אָבער געווען: משה אהרן מיט זיין פידל. אוי, זיין פידל! עפּעס איז עס נישט געווען קיין פּשוטע פידל, נאָר ממש אַ הארץ... עס פלעגט זיך פונאַנדערכליפּען מיט אַזוי פיל געבעט, תחנונים און ריירנדיקייט ביז צו די סאַמע טיפעניש, ביז נישט אויסצוהאַלטן... ווי איך האָב זיך נאָר דערוווּסט פון אַ חתונה אָדער אַ „פאָרשפּיל", וואָס האָט געדאַרפט ערגעץ־וווּ פאָרקומען, אַזוי האָב איך שוין נישט געקאָנט רוען און זיך באַמיט דאָרט אויף דעם פּלאַץ צו זיין, אַליין צי מיט נאָך יינגלעך, אָוועקגעשטעלט זיך ביי די פענצטער הערן, הערן, הערן, אָן אַ גבול און אָן אַ סוף... און מערקווירדיק: דווקא ביי די „פאָרשפּילן" פלעגט זיך משה אהרן פונאַנדערגיסן מער ווי אויף דער חתונה גופא אָדער אפילו ווי ביי דער סאַמע חופּה (פאַר וואָס — ווייס איך עס עד היום נישט). אויך זיינע קלעזמער־מיטהעלפער פלעגן פאַר אים, משה אהרונען, אַ סך כבוד האָבן, אים „קוקן אין די אויגן אַריין" און אים „נאָכגיין" ביי יעדן טאָן לויט זיין רצון און פאַרלאַנג.

פון דעמאָלט־אָן געדענק איך, פלעגט די פידל ביי מיר פאַרנעמען דעם „אויבן־אָן" מער ווי אַלע אַנדערע שפּיל־אינסטרומענטן.

* * *

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען אַלס אַ ליכטיקן אָנדענק פאַר די אויבנדערמאָנטע יידישע כלי־זמרים אין אָסטראָלענקע, פאָלקסטימלעכע נשמות, פריילעך־מאַכנדיקע יידן, וואָס זענען שוין נישטאָ. ווער געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און ווער ס'איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים און קאָנען שוין מער נישט שפּרייטן זייער האַרציקן ניגון און געשפּיל איבערן שטעטל און זיין סביבה, וואָס זענען גלייך ווי זיי נעלם געוואָרן און מיט גרויס אכזריות אָפּגעווישט געוואָרן פון דער לעבעדיקער וועלט. הי"ד.

י. ע.



טעאטער אין אסטראלענקע

א. דראמאטישע קרייזן און גאסטראלערן

די אַנטשטייאונג פונעם דאָזיקן שטאָטישן אַמאַטאָרן־קרייז וועגן וועלכן איך וויל דאָ דערציילן, האָט זיך אָנגעהויבן מיט געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און אַרעסטן אין דער אָסטראָלענ־קער ריזן־גרויסער טורמע (אונדזער חשובער בן־עיר און שרייבער מנחם פלאַקסער, האָט אין זיינע באַמערקונגען וועגן אָסטראָלענקע זיך אויסגעדריקט: „געווען אַ קליינע שטאָט און געהאַט אַ גרויסע טורמע!").

יאָר 1921. קי‏רץ נאָך דער באַפרייאונג פון פוילן, ווען דאָס פוילישע פאָלק איז נאָך געווען שיכור אויסער פון משקה אויך פון איבערגעטריבענער גאווה... דעמאָלט האָט אין אַ געוויסן אָוונט דורכגעשפּאַצירט די לאָמזשער גאַס דער פּאָ־ליציי־אינספּעקטאָר פּירסאַ. הערט ער ווי פון כעניעק גוט־מאַנס פריזורע טראָגן זיך שטאַרקע אומגעוויינלעכע געזאַנגען מיט אַ געפילדער. ער נעמט עס אָן פאַר יידישער חוצפה, שיקט פּאָליציי, וועלכע רינגלען אַרום דאָס הויז און אַלע וואָס גע־פינען זיך דאָרט ווערן אַרעסטירט. די „אַרעסטאַנטן": בעניעק גוטמאַן, 2 פון די באַיוקס, מאיר מרגלית, גוטמאַן גראָסמאַן, חייקע גוטמאַן, און אויך דעם אַלטן גוטמאַן דעם פעלדשער האָבן זיי מיטגענומען, מאַכנדיק אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער „קאָמוניסטישער פאַרזאַמלונג", וואָס איז פאָר־געקומען אין זיין הויז... (איינער פון די פּאָליציי־לייט האָט גוט געקענט מאירן און נאָך מער — זיין פאָטער. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז עס לוינט זיך אים צו באַפרייען, און ווי איך געדענק, האָט עס אים טאַקע געלוינט...).

ס'איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער פּראָצעס און אַלע, חוץ די פרויען, ווערן „אַריינגעזעצט" אין דער גרויסער תפיסה אויף אייניקע חדשים.

דאָס איז געווען די „ערשטע רעפּעטיציע" פון דעם גע־גרינדעטן אַמאַטאָרן־קרייז און איז אויך געווען די הויפּט־סיבה וואָס מאיר מרגלית און נאָך אַנדערע האָבן צוגעאיילט זייער עולה־זיין קיין א"י נאָך אין זעלביקן יאָר.

ווי דורך אַ חלום געדענק איך די גאָר־ערשטע אַמאַטאָרן אויף דער אָסטראָלענקער בינע, ווי: אביגדור מלין, וועלוול באַיוק (אַביסל שפּעטער), אהרן זוסמאַן, פייטשע שפּילמאַן



דראמ. קרייז (אין „חאַשע די יתומה")

מיט: אלי באַיוק (ערשטער פון רעכטס, שטייענדיק), הערצקע סויקע (4־טער פון רעכטס, שטייענדיק), יצחק מאַזור (3־טער פון רעכטס, זיצנדיק), באַשע מעלניק (4־טע פון רעכטס, זיצנדיק), בערל באַיוק (לעצטער פון רעכטס, זיצנדיק)



דראַמ. קרייז (אין „געלט ליבע און שאַנדע")
מיט: אהרן זוסמאַן (ערשטער פון רעכטס, זיצנדיק), יוסף קאַכאַן (לעצטער פון רעכטס, זיצנדיק)

א. אַנ. זייער אָרט האָבן דערנאָך איבערגענומען: די גאָר־אויבן פאַר זיי אויסגערעכנטע, צו זיי: בערל באַיוק, משה אהרן סאָיקע, וועמענס פלאַץ עס האָט דערנאָך פאַרנומען הערצקע, זיין ברודער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַסיקער צו דער בינע. שפּעטער: טאָביאַש, חנה בענעדאָן, קופער, עלקע כאַצעק און נאָך שפּעטער באַשע מעלניק און אַלס זינ־גערין־סאָליסטן — רבקה ברום.

אָנגעפאַנגען האָבן זיי פון איינאַקטערס, מאָנאָלאָגן און סקעטשן. אויפפירן אַ פּיעסע — דערצו האָבן זיי נאָך נישט געהאַט דעם מוט. נישט לאַנג געוואַרט האָבן זיי אויך אָנ־געהויבן צו „שטעלן" פּיעסן, אַראָפּברענגענדיק דערצו רעזשי־סאָרן פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן גלייכצייטיק מיטגעשפּילט אין די דאָזיקע טעאַטער־שטיק, ווי: יעקב ווייסליץ, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש אין אַנדערע, ווי אויך דער באַקאַנטער אַמאַטאָר יצחק מאזור פון לאָמזשע. זייער רעפּערטואַר: „כאַשע די יתומה" (פון י. גאָרדין), „מאָשקע חזיר" (פון בערקאָוויטש), „די נבלה" (פון פּרץ הירשביין), „מיטן שטראָם" (פון שלום אַש), „דער דיבוק" (פון אַנסקי), „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב", „מאָטקע גנב" א. אַנד.

אלי באַיוק, איינער פון די באַגאַבטסטע און טאַלאַנטירט־סטע, האָט זיך אויסגעצייכנט אין יעדער ראָל וואָס ער האָט געשפּילט. נישט געווען זיין גלייכן אין אויסשפּילן אַ טיפּ פון זיין זשאַנער. ס'האָט קיינער נישט געקאָנט זיך מיט אים פאַרמעסטן. אין זיין גאַלעריע טיפּן, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר בלויז אין קלאַנג פון וואָרט, נאָר אויך אין זיין פאַרהאַלטן זיך און אין זיינע אויס־געמאָסטענע באַוועגונגען.. ער האָט פאַרשטאַנען די ראָל און די בינע. קיינמאָל נישט שאַרזשירט. שטענדיק געווען „אויפן פלאַץ". דערצו געהאַט אַ פיינע פיגור און געווען שיין ביז באַצויבערונג.

אלי, וואָס האָט אין טאָג־טעלעכן לעבן געשפּרודלט מיט אַזוי פיל שטיפערישקייט און לייכטן הומאָר, איז גאָר אינ־גאַנצן אַנדערש געווען אויף דער בינע. ביים שפּילן האָט ער באַקומען טיפקייט, ערנסטקייט, אַרויסגערופן כבוד ביים באַ־האַנדלען די אַלע טיפּן, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרקערפּערן.

הערצקע סאָיקע: דער ליבלינג פון דעם אָסטראָלענקער קהל, וואָס האָט ליב געהאַט מאַכן לאַכנדיק זיינע מיטשפּילער און אַליין בלייבן ערנסט. זיינע ראָלן: דער רב אין „מיטן שטראָם", דער שמש אין „דיבוק", אויך געשפּילט אין „די נבלה" פון פּ. הירשביין. זייער געלונגען איז געווען זיין ראָל „כאַצע" אין „דאָרפס־יונג", טיף פאַרשטייענדיק די אויפגאַבע פון דער ראָל, האָט ער געפירט זיין שפּילן טריט ביי טריט צום ציל. הערצקע האָט זיינע ראָלן אויסגעפירט מיט טעם און חן. אַ סך ליבע מיט אַפּלאָדיסמענטן האָט ער באַקומען פון פּובליקום, ווען ער פלעגט דערשיינען אויף דער בינע.

בערל באַיוק, קרעפטיק און פיזיש אַנטוויקלט, שיין און פּראָפּאָרציאָנעל געבויט מיט אַ גוטער דיקציע, פלעגט זיך אויסצייכענען אין ספּעציעלע ראָלן פון זיין זשאַנער. געווען אַ געלונגענער יאַנקל בוילע, אַ טיפּישער קאַטרינאַרזש אין „מאָטקע גנב", געגעבן אַן ערלעכן טיפּ אַלס הויפּט־גנב אין

בימקעס „גנבים” און אויך אין פיל אַנדערע פאַר אים צוגעפּאַסטע ראָלן.

באַשקע מעלניק, אַ וווּנדערבאַרע דראַמאַטישע ליבהאָבערין. אירע ראָלן: כאַשע די יתומה, נאַטאַשאַ אין „דאָרפס־יונג” א. אַנד. זי וואָלט געקאָנט פאַרנעמען אַן „אויבן־אָן” אפילו אין אַ גוטער פּראָפעסיאָנעלער טרופּע. נישט באַקומענדיק קיין טעאַטראַלע צוגרייטונג איז זי דאָך געווען אימשטאַנד, אַ דאַנק איר איינגעבוירענעם טאַלאַנט, צו דערהויבן אירע ראָלן צו אַזאַ שטופע, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן איז עס אַלץ געבליבן פריש און לעבעדיק אין מיין ווי אין אַלעמענס זיכרון!

כדאי צו באַמערקן, אַז חוץ אַנסאַמבל־שפּיל האָבן זיך אלי באַיוק און הערצקע סאָיקע אויך אויסגעצייכנט אין רעוויאויפטרעטונגען. הערצקע — אין שריפט, און אלי — אין וואָרט. זיי האָבן אַליין געשריבן, אַליין געזונגען, אַליין געשפּילט, פאָרגעלעזן און ווען מ׳האָט געדאַרפט — אויך געטאַנצט אַ סצעניש טענצל. זייערע שאַפונגען זענען געווען אויפן וועלטלעך־פּאָליטישן געביט. און נאָך מער — אויף דער טעמע פון לאָקאַלע אַקטועלע שטאָט־געשעענישן. הערצקעס שאַרפער אויג און מוח, האָבן אויפגענומען אַממערסטן די טראַגי־קאָמישע מאָמענטן פון יעדער שטאָטישער פּאַסירונג. זייערע לידלעך האָבן געהאַט אַ גרויסן אָפּגאַנג ביים אָסטראָלענקער עולם. מ׳פלעגט זייער ליד אָדער פּאַראָדיע לערנען אויף אויסנווייניק און זינגען אין יעדער שטוב. אַלע האָבן געוווּסט די כוונה און דעם טייטש און וועמען עס ווערט דאָרט געמיינט. מ׳האָט זיי ליב געהאַט פאַר זייער נאָענטקייט צו יעדן און פאַר זייער שטעטלדיקער היימישקייט, וואָס פלעגט אַרויסשפּראָצן פון זייערס אַ ליד.

הערצקע פלעגט אויך פון צייט צו צייט מיטאַרבעטן אין וואַרשעווער „מאָמענט”, אין דער ערב־שבתדיקער הומאָר־און סאַטירע־רובריק פונעם „טונקעלן”. פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט געפירט מיטן „טונקעלן”, מיט וועמען ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט, איז געווען אַרויסצוזען אַז ער שאַצט־אָפּ הערצקעס הומאָריסטישן טאַלאַנט *).

רעניע גליקמאַן (קאָלעשניקאָוו). חוץ וואָס עס פלעגן איינגעלאַדן ווערן רעזשיסאָרן צו געוויסע פאָרשטעלונגען, פלעגט מען אויך איינלאַדן געוויסע שוישפּילערינס. צווישן די דאָזיקע פאַרבעטענע גאַסטראָלערינס, האָט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ די טאַלאַנטירטע סוברעטין רעניע גליקמאַן. אַליין פון ביאַליסטאָק, נאָר זי פלעגט אונדז אַזוי אָפט באַזוכן, אַז זי איז מיט דער צייט פאַררעכנט געוואָרן פאַר אונדזערע אַ שטאָטישע. געווען באַשאָנקן מיט פיל חן און טאַלאַנט. אירע טעאַטראַלע פעאיקייטן זענען כמעט געווען אומבאַגרענעצט. אין שפּיל, געזאַנג און טאַנץ. אַווירקלעכע פּרימאַדאָנע. רחמנות בין טרערן פלעגט זי אַרויסרופן ביים עולם אַלס פאַרפירטע אָרימע מיידל פון אַ רייכן מאַן; פיל נשמה און האַרץ אַרויסגעוויזן אַלס מוטער, וועלכע בענקט נאָך אירע קינדער, און ביז גאָר עלעגאַנט און גראַציעז געווען אַלס סאַ־



דער דראַמאַטישער קרייז מיט רעניע גליקמאַן אינדערמיט

לאָן־דאַמע. איר שוועבן און לייכט באַוועגן זיך אויף דער בינע פלעגט אַלעמען מיטרייסן. מיר, אירע מיטשפּילער, פלעגן זיך אָפּטמאָל פאַרגעסן, אַז מיר שטייען אויף אַן אָפענער בינע פאַר אַ פול־געפּאַקטן זאַל. ביי איר יעדן אויפטריט פלעגן מיר זען נייעס, פרישעס און באַוווּנדערן איר שפּילן, וואָס פלעגט זיין אויף דער סצענע גאַנץ אַנדערש ווי אויף די פּראָבעס. זי אַליין פלעגט ווערן פאַרשיכורט פון איר פולן זיך־אויסלעבן אין אירע ראָלן. כ׳מיין אַז צו איר דערפאָלג האָט ביגעשטייערט אויך איר פרויען־רייץ, וואָס זי האָט באַזיצט אין אַ גאָר גרויסער מאָס.

יעדער באַזוך אירער פלעגט אונדז באַרייכערן מיט נייע לידער. זי פלעגט אונדז באַזאָרגן מיט גייסטיקער שפּייז פון דעם יידישן שרייבער און פּאָעט; אירע לידלעך פון געביר־טיג, איציק מאַנגער און אַנדערע פלעגן אַרויסקומען פון איר פּערלדיקן מויל מיט פיל לעבן און אויסערגעוויינלעכן חן.

נאָך דעם קריג איז זי מיט איר מאַן, זלמן קאָלעשניקאָוו, שייבדל לחיים ארוכים (באַקאַנטער אַרטיסט) געקומען פון פּאַריז קיין ישראל צו אירע עלטערן (אויך ער האָט דאָ געהאַט עלטערן), מיטן ציל זיך דאָ צו באַזעצן. זיי האָבן דאָ אויסגעפירט איניקע פאָרשטעלונגען אין יידיש מיט גרויס דערפאָלג. די איבערלעבונגען פון קריג, האָבן, ווי עס ווייזט אויס, געלייגט אויף איר געזונט־צושטאַנד אַ שווערן חותם. דאַן לאָזט זי זיך מיט איר מאַן צוריק קיין פּאַריז צו זייער איינציקן זון, דאָרט ווו זי האָט געהאַט געבויט איר היים און יאָרן־לאַנג געאַרבעט אויף דער בינע. און הויכט דאָרט אויס איר נשמה. כבוד איר אָנדענק.

דער אַמאַטאָרן־קרייז פון „השומר־הצעיר”, וואָס איז געווען איינע פון די דיסציפּלינירטע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך באַצויגן צו דער בינע, קאָן מען זאָגן, מיט קדושה און רעספּעקט. ביי די רעפּעטיציעס פלעגן די ראָלן ווערן באַהאַנדלט קאָלעקטיוו, דיסקוטירט איבער יעדן טיפּ, געלערנט דעם טעקסט אויף אויסנווייניק, געזאָרגט, אַז די טעכנישע אויספירונג זאָל זיין ווי אַמבעסטן.

*) אין די עטלעכע דרייסיקער יאָרן האָט הערצקע עולה געווען מיט זיין משפּחה קיין ארץ ישראל; אין יאָר 1959 איז ער, נאָך אַ שווערער קראַנקייט, נפטר געוואָרן. זכרונו לברכה.

די אַנטיילנעמער האָבן זיך פון צייט צו צייט געביטן, חוץ אייניקע, וועלכע זענען שוין געווען לענגערע יאָרן אין „קן", זענען געבליבן די זעלבע.

אייניקע פון זייערע פאָרשטעלונגען, האָבן איבערגעלאָזט אַ רושם, ווי: „דער גבור אין קייטן" פון וויקטאָר הוגאָ. גערעזשיסירט און אויסגעפירט די הויפּט־ראָל זשאַן־וואַלזשאַן, האָט יצחק מאַזור פון לאָמזשע, דער בישאָף — משה געדאַנקען, פּאָליציי־אינספּעקטאָר — שלום מרגלית, סעקרעטאַרין — ליובא זילבערשטיין, קאָזעטאַ — שייטל מאַקאָווסקי. אין „פאַר אונדזער גלויבן", פון שלום אַש, דאָרט האָבן אָנטייל גענומען: די חברטע שויב פון קרינעק, אַ העברעאישע לערערין, וואָס האָט געאַרבעט אין אָסטר., זייער אַ באַגאַבטע אין מוטער־ראָלן; סענדער באַכראַך אַלס פאָטער־ראָליסט, געווען פאָרשטייער אין „קן" און געפירט דאָרט די אַרבעט (געהאַט שוין אויך באַזוכט אַ דראַמאַטישע שול אין וואַרשע); דער שרייבער פון די שורות, כאַצעק, כאַמאַנד א. אַנד. אַ באַזונדער נאָענטקייט האָבן מיר געפילט צו דער פאָרשטעלונג „דער העלד פון גליל" (שמשון), וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם א״י־דיקן לעבן אין דער תקופה פונעם ערשטן וועלט־קריג. מיר האָבן אַריינגעאָטעמט און אַריינגעפילט פון דער ווייטן דעם שווערן טאָג־טעגלעכן לעבן און קאַמף, וואָס די יידישע בויער טראָגן איבער. זייער חלוצישע גבורה און מסירות־נפש פלעגט אונדז באַפליגלען... דאָ האָבן זיך באַטייליקט: טשאַרני זעליגמאַן, שלום מרגלית, אייזנשטיין, פּיאַסעטשני, געדאַנקען, כאַצעק כמיעל א. אַנד. די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָבן מיר געשפּילט אייניקע מאָל. צוליב דער נאָענטקייט פון דער טעמע, איז עס אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג. טשאַרני זעליגמאַן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין איר ראָל, וועלכע זי האָט נישט בלויז געשפּילט נאָר אויך איבערגעלעבט. חוץ איר גוט שפּילן, פלעגט איר שיינע פיגור און באַחנט פנים אַ סך מוסיף זיין צו איר הצלחה. די דאָזיקע פּיעסע האָבן מיר באַקומען פון דער „הנהגה הראשית" אין וואַרשע. אייניקע פאָרשטעלונגען האָבן מיר דורכגעפירט אויך אין אַנדערע שטעט.

אונדזער דראַמאַטישער קרייז פלעגט אויך אויספירן איינאַקטערס, בילדער, אינסצעניזאַציעס א. ד. גל. און זייער אָפט מיט דערפאָלג. יעדע אונדזער פאָרשטעלונג איז אויפגענומען געוואָרן דורכן פּובליקום מיט אָפּשאַצונג און באַציאונג. דאָס רוב פון אונדזערע אויפטריטן איז געווען פאַרבונדן מיט א״י, אין דערפאַר האָט אונדזער דראַמאַטישער קרייז געהאַט אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג אין דער שטאָט. עס פלעגן זיך אין אונדזערע פאָרשטעלונגען אויך באַטייליקן באַשע אייזנשטיין, ווינקראַנץ, אסתר אייזנשטיין, לאַכאָוויטש און וואָלאָזשני.

דער אַמאַטאָרן־קרייז פון די האַנטווערקער, איז געווען גאַנץ טיכטיק, כאָטש געשפּילט האָבן זיי נאָר צוויי מאָל אין יאָר: פּורים און סוכות, אָבער געפּראָבט אַרום דעם האָבן זיי זיך אַ גאַנץ יאָר. זייער רעפּערטואַר: עקדת יצחק, אחשורוש, מכירת יוסף, בר־כוכבא. דער טיכטיקסטער פון זיי איז געווען אַרטשי ווילאָזשני; ער האָט פאַרמאָגט אַ סך הומאָר. אַליין אַ פאַמיליע־מענטש מיט ווייב און קינד, געפירט אַ שיינעם געשעפט, נאָר געווען אַזוי שטיפעריש ממש ווי אַ קינד. ער פלעגט זאָגן: דער עיקר איז אַ גוטער סופליאָר. האָט מען געמיינט אַז ער איז זיך טועה. פלעגט מען אים באַמערקן: און וואָס איז מיט אַ רעזשיסאָר? האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין: אַזוי ווי אויסלערנען זיך אַ ראָל אויף אויסנווייניק איז דאָך אוממעגלעך, איז אַזוי ווי דער סופליאָר זאָגט — זאָגט מען אים נאָך, דעמאָלט שפּילט זיך עס אינגאַנצן אַנדערש. אַ רעזשיסאָר — איז נאָר פאַר אַרטיסטן־„קאַליקעס", נישט מער...

אַרטשי פלעגט קאָנען מאַכן פריילעך דעם עולם. פון זיינע אַלע ראָלן האָט ער אַמליבסטן געשפּילט אין „אחשורוש" די ראָל פון „ויזתא"...

איינמאָל, געדענק איך, ווען זיי האָבן געשפּילט „בר־כוכבא", האָט די ראָל פון בר־כוכבא אויסגעפירט משה מהטובו, אַ הויכער און פעסט־געבויטער יונגערמאַן (אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער שניידער, איז טאַקע בר־כוכבא געווען שיין אָנגעטאָן); אַרטשי האָט געשפּילט פּאַפּוס און זייער רעזשיסער איז געווען מלאך דער שטריק־דרייער. געדענק איך, ווי נאָר די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט און דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט, איז פּלוצלונג געוואָרן פינצטער אויפן זאַל און דער פאָרהאַנג האָט זיך צוריק אויפגעהויבן. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט. און דאָ האָט פּאַפּוס מיט אַ געלער באָרד און מיט אַ פאַרבויגענער קאַפּאָטע, אַ באַלויכטענער פון פאָרנט און פון הינטן אַרויסגעטאַנצט מיט אַ קאָזאַטשאָק ממש ווי אַן אמתער רוסישער קאָזאַק. דער פול געפּאַקטער עולם האָט זיך מיט דעם דאָזיקן עפּילאָג שטאַרק דערפרייט און אים באַשאָטן מיט אַפּלאָדיסמענטן. אַרטשי, פרעגט מען אים, סטייטש? נאָך בר־כוכבא — אַ קאָזאַטשאָק? ווי שיקט זיך עס? זיין ענטפער: טעאַטער הייסט פריילעך זיין, ער האָט נישט ליב, אַז דער עולם זאָל אַוועקגיין טרויעריק אַהיים. נו, און דאָס ליכט פונוואַנען האָט זיך גענומען? גאַנץ פשוט: ער האָט זיך פאַרזען מיט צוויי לעמפּלעך, און אַזוי ווי אין קעשענע האָט ער געהאַט די באַטעריע, איז געבנדיק דאָרט אַ דריק, האָט זיך עס אָנגעצונדן...

„איר האָט געזען ווי דער עולם איז אַרויס פון די כלים, ווען איך האָב זיך באַוויזן", האָט ער געטריאומפירט, „איך ווייס וואָס די מענטשן האָבן ליב".

די האַנטווערקער האָבן שטענדיק געצויגן אַ גרויסן עולם. זייערע טעאַטער־באַזוכער זענען געווען פון אַ באַזונדערן מין, וועלכע האָבן געוואַרט נאָר אויף זייערע פאָרשטעלונגען.

גאַסטראָלערן אין אָסטראָלענקע. אָסטראָלענקע האָט געשמט פאַר ליבהאָבער פון קונסט, האָבן איר טאַקע פיל גוטע יידישע אַרטיסטן ווי אויך אַנדערע מינים קינסטלער זייער אָפט באַזוכט, זייענדיק זיכער אין דעם דערפאָלג. פון די אָפטע באַזוכער זענען געווען די ברידער זיגמונט און יאַנאָס טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ, בלומענפעלד, אברהם מאָרעווסקי, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, יעקב ווייסליץ, יאָסעלע קאָלאָדני, די שוין אויבנדערמאָנטע רעניע גליקמאַן און אַנד.

איך וויל דאָ ברענגען אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וועלכער טראָגט בעצם אין אַ געוויסער מאָס אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער, אָבער איז גאַנץ באַלערנדיק.

דער באַוווּסטער אַרטיסט סאַמבערג איז איינמאָל אַראָפּ־געקומען קיין אַסטראָלענקע אויף אַ רעציטאַציע־אָוונט. אין זיין רעפּערטואַר: „אָפּגעגעבן ברויט" (אַן איינדרוקספולער מאָנאָלאָג), און זיין באַרימטער בערן־טאַנץ אין שלום אַש׳ס „קידוש־השם", ווו ער האָט געשפּילט דעם פּרנס ר׳ מענדל. נאָך דעם רעציטאַציע אָוונט, וועלכער איז דורך מיט גרויס דערפאָלג, איז ער פאַרבעטן געוואָרן אין הויז פון מיין ברודער משה מרגלית ווו נאָך פיל אַנדערע אַמאַטאָרן זענען דאָן געווען אַנוועזנדיק. ס׳איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט און מ׳האָט אים באַדאַרפט באַגלייטן צו דער קאַצינער באַן־סטאַציע. נאָר אַזוי ווי איך בין געווען דער יינגסטער פון אַלע אַנוועזנדיקע, איז געפאַלן אויף מיר דער גורל, אַז איך זאָל אים צופירן. טראָץ דעם וואָס עס איז געווען דעמאָלט אַ שטאַרק־פראָסטיקע נאַכט, האָב איך דעם פאַרשלאָג גערן אָנ־גענומען, האָבנדיק דערביי אַ פּערזענלעכן אינטערעס, ווי יע־דער יונגער בחור מיט חלומות, וואָס ווייס נאָך אַליין נישט גענוי, וואָס ער וויל פון לעבן; אַלס איינער פון די פלעג איך אָפּט טראַכטן פון אַ טעאַטראַלער קאַריערע...

ווען מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שליטן און אָנגע־פאַנגען צו פאָרן, בין איך, נישט זייענדיק געשטערט פון קיין שום אַנוועזנדיקער פּערזאָן, גלייך צוגעטרעטן צום ענין. כאָטש איך האָב נישט גערעדט דערפון אַזוי דייטלעך, דאָך האָט ער פאַרשטאַנען צו וואָס איך ציל...


זיין ענטפער (ווי גענוי פאַרצייכנט אין מיין זיכרון) איז געווען: „כ׳וועל דיר דערציילן וועגן זיך... ווען איך האָב זיך דערשלאָגן צו אסתר־רחל קאַמינסקיס טרופּע, האָפנדיק צו באַקומען אַ קליינע סטאַטיסטן־ראָל, האָב איך געטאָן אַלע שוואַרצע אַרבעטן אויף דער בינע און אויך הינטער די קוליסן. ווער עס וויל שפּילן טעאַטער — טראַכט נישט וועגן פּרנסה. די הויפּט־דאגה: קריגן אַ ראָל, אפילו אַן עפּיזאָדן־אויפטריט. זייענדיק טיכטיק צו יעדער שוואַרצער אַרבעט און אויך צו די קליינע אויפטריטן, האָט מען מיך מיטגענומען צו די פאָרשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ. גע־פאָרן איז מען, ווי אין יענע צייטן, מיט פערד און וואָגן. פלעגט אויספעלן אַמאָל פּלאַץ אויפן וואָגן, איז מען נאָכגע־גאַנגען נאָכן וואָגן, אַבי געפאָרן". דאָ גיט ער מיר אַ פרעג, וויפל יידישע אַרטיסטן אַ שטייגער קען איך אין פּוילן. איך האָב אָנגעהויבן ציילן, ווי וועלנדיק ווייזן מיין באַהאַוונטקייט, און דערגאַנגען קוים ביז 10. „זעסטו, די אויסגערעכנטע 10 וואָס דו קענסט — זיי זיצן שוין כמעט אויפן וואָגן. אָבער עס זענען נאָך פאַראַן הונדערטער, וועלכע לויפן נאָך דעם וואָגן, און נישט שטענדיק מיט קיין גאַנצע שיך און נישט שטענדיק מיט קיין זאַטן מאָגן. אַ האַרטער עלעמענט איז דער מין אַרטיסט, ער וועט דיר גיכער אָוועקגעבן זיין ברויט און זיין מלבוש, אָבער נישט זיין ראָל. ווער עס פאַנגט אָן מיט דער בינע, גייט אַריין אין אַ פאַרפּלאָנטערטן לאַבירינט. אַ לעבן־לאַנג דרייט זיך אַ מענטש אַרום דער סצענע, קוקט אויס זיינע אויגן אויף אַ ראָל, זיך אויסצילעבן און זיך אויסצושפּילן אין איר און — ער קומט נישט דערצו. נאָר ווען עס געשעט אַמאָל אַ צופאַל, מען דאַרף פאַרטרעטן אַ קראַנקן אָדער אַ פאַרשטאַרבענעם, דאַן געשעט עס... אָבער נישט דאָס האָט ער געמיינט.... מען אַנטוישט זיך, אָבער מען מאַכט שלום מיטן געדאַנק און מען באַנוגנט זיך מיט אַ סך ווינציקער. פאַר־שטייסט, קאָנען האַלטן אַן עולם 2 שעה צייט און נאָך מער, דאַרף מען פאַרמאָגן און האָבן וואָס צו געבן. דער וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דערהויבן, פאַרמאָגט, קאָן זיין, אַ סך קוואַ־ליפיקאַציעס, נאָר נישט אין דעם פּלאַץ. ער קאָן זיך שאַפן אַ בכבודיקן אָרט, לויט זיין ווערט, ערגעץ־ווו אַנדערש. מערסטנטייל וויל מען שוין דעם פּלאַץ נישט פאַרלאָזן און מען בלייבט שוין אַזוי איבער"...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער שליטן האָט זיך לייכט געגליטשט איבערן האַרטן פאַרפרוירענעם שניי. ווי אַ מוזיק־באַגלייטונג האָבן די גלעקלעך צוגעקלונגען צום טאַקט פון פערדס גאַנג.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע, האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט און מיר אויסגעדריקט אַ טאָפּלען דאַנק: אי פאָרן באַגלייטן, אי פאַר די דערינערונגען, וואָס איך האָב אין אים אַרויסגערופן.



אַן אַפיש פון אַ גאַסטראָל אין אַסטראָלענקע



פראָגראַמקעס און איינלאַדונגען צו היימישע טעאַטער־„אָוונטן״

ב. יצחק עברי

חוץ די פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס, פלעגן אונדז אויך באַזוכן בעסערע אַמאַטאָרן־קרייזן פון אַנדערע שטעט, ווי: די ביאַליסטאָקער „גילאַרינאַ" (גילה־רינה), דער אַמאַטאָרן־קרייז פון לאָמזשע, וואָס האָט געהאַט זייער באַגאַבטע טעאַטער־קרעפטן א. אַנד.

אויף אַ פאָרשטעלונג פון די לאָמזשער ביי אונדז אין שטאָט, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אונדזער יצחק עברי (היינט אין ישראל) אַלס מיטבאַטייליקטער אין אַנסאַמבל. גאַנץ איבערראַשט האָב איך נאָכגעפאָלגט זיין שפּילן. אַ צוזאַמענשפּיל פון געלעכטער און אומעט. דאָס קאָמישע האָט ווי צוגעדעקט דאָס טראַגישע. ער האָט נישט נאָר געשפּילט די ראָל, נאָר אויך זי געשאַפן און איבערגעלעבט. זיין אייגנאַרטיק שפּילן איז באַשטאַנען אין זיין אַרט רעדן און באַוועגן מיט די אויגן. זיין טראַגי־קאָמישער שפּילן איז געווען ליריש; ליב און איבערצייגנדיק.

ער איז יאָסל מייראַנס אַן אייניקל, וואָס אינדזער הויז אויף דער שול־גאַס האָט זיך געגרענעצט מיט זייערער, דאָך האָב איך אים פערזענלעך נישט געקענט, ווייל נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען זיינע עלטערן פאַרבליבן וווינען אין לאָמזשע. געהערט האָב איך וועגן אים פיל. זיין פאָטער, אַ גרויסער בן־תורה, די מוטער — אַן אשה צדקנית; געוואָלט האָט דער גורל, זיי זאָלן זיין געבענטשט מיט אַ בן־יחיד, אַזאַ וואָס איז זיי געבליבן פון אַ סך קינדער... זיין דערציאונג איז געווען אונטער אַ שווערן רעזשים. ביז צו אַ געוויסן עלטער איז ער געווען געקליידט אין ווייסן ליין (צוליב סגולה־וועגן), געווען באַהאָנגען נישט נאָר בלויז מיט געדיכטע צעוואָקסענע פאות, נאָר אויך — מיט קמיעות און סגולות פון רבי׳ס און „גוטע יידן".

זיין באָבע, חנה מייראַן ע״ה, און זיין מוטער האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דאגה פאַרן גוף, זיין טאַטע דער למדן האָט איבערגענומען די הערשאַפט איבער זיין גייסט. צו ערשט גענומען צו הילף די בעסטע מלמדים פון דער שטאָט, שפּעטער: באַוווסטע לומדים און ראשי־ישיבות מיט דער כוונה: ברענגען זיין זון צום כיסא־הרבנות. יצחק עברי (אָדער ווי מ׳האָט אים דעמאָלט אין דער משפחה גערופן: שמחה־לייזער), אַלס „גוטער" קאָפּ זאַפּט איין אין זיך אַלץ. לערנט און גייט אין טאַטנס וועג, וואָס דאַרף אים פירן צום ציל...

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון קדושה און אונטער די ווייסע מלבושים מיט סגולות און קמיעות האָט אָבער געקלאַפּט אַ האַרץ, וואָס האָט געבענקט און געדורשט צו וועלטלעכעס, צו אַ פרייען אויסלעבן און באַוועגן זיך. שווער איז געווען צו טראָגן די לאַסט פון באַגרענצונגען, צו זיין געצוימט אויף טריט און שריט.

די באַקאַנטע „מלחמת האבות והבנים" פון דער דעמאָלטדיקער תקופה, האָט דאָ באין ברירה אויך געמוזט אויסברעכן... כאָטש גרויס איז געווען זיין ליבע צו די עלטערן, און האָט זייער מורא געהאַט פאַרן צער, וואָס ער קאָן זיי פאַרשאַפן מיטן איבעראַנדערשן זיין ביז איצטיקן לעבנס־גאַנג, האָט ער דאָך נישט געקאָנט אויסמיידן דאָס, וואָס עס האָט געמוזט קומען... עס קומט אַ מאָמענט, ווען ער רייסט איבער מיט אַלץ, טוט זיך אָן אייראָפּעאיש און ווי אַ דורשטיקער טרינקט ער פון דעם קוואַל, וואָס איז אים געווען פאַרבאָטן.. ער וואַרפט זיך מיט ברען אין ים פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור, און הויבט־אָן שרייבן פּאָעזיע. זיינע שטיפערישע קלוגע טיפע אויגן נעמען אויף אין „פאָטאָגראַפירן" אַלץ וואָס ער זעט אַרום זיך, כאָטש זיין פרומע גלויביקע נשמה בלייבט גאַנץ און אומבאַרירט אויך דעמאָלט. עס שטייגט זיין גלויבן אין מענטש ווי אין לעבן.

זיינע ערשטע לידער ווערן אָפּגעדרוקט אין וואַרשעווער „וועלט־שפּיגל". אין יאָר 1928 דערשיינט זיין ערשט בוך אין ווילנע „אַ ביכל לידער". אין דער זעלבער צייט הויבט ער אָן שפּילן טעאַטער און שרייבן פאַר דער בינע. אין די פאָרשטעלונגען פון פּרץ הירשביין און גאָלדפאַדן שאַפט ער ערלעכע טיפּן. גרינדעט אַן אַנסאַמבל, פאָרט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך, ווערט אומעטום וואַרים אויפגענומען און אָנערקענט. באַקומט אויך איינלאַדונגען פון וואַרשעווער ערנסטע טעאַטערן אַלס שוישפּילער.

אין יאָר 1932 קומט ער קיין ארץ־ישראל. דאָ האָט ער חתונה מיט שרה בערגער, וואָס שטאַמט פון לאָמזשע. זי ווערט זיין



יצחק עברי און זיין פרוי

געטרייע איבערגעגעבענע פרוי, העלפט אים טראָגן דעם יאָך פון זיין שאַפן און פאָלגט נאָך זיין אַרבעט מיט אָפּשאַצונג און ליבשאַפט.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל טרעף איך אים אין דער רעדאַקציע פון דער גרויסער אַרבעטער־צייטונג „דבר". זיינע פריערדיקע לידער ווערן איבערגעזעצט אין עברית און דרוקן זיך אָפּ אין פאַרשידענע צייטשריפטן. שפּעטער הויבט ער אָן שרייבן לידער אין עברית. גיט אַרויס אַ בוך („בטרם יום") מיט העבראעישע און יידישע לידער, ווו ער באַוויינט אין אַ ליד אונדזער חרוב־געוואָרענע אָסטראָלענקע.

*

יצחק עברי האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ הייליקן ציל אַרויסצוגעבן דאָס אָסטראָלענקער יזכור־בוך. אַריינקימענדיק צו אים אין דער וווינונג, טרעפֿט מען אים זיצן בײַ זײַן שרייב־טיש, אַריינגעטאָן ראשו ורובו אין דער דאָזיקער אַרבעט. שרייבט אַליין, בעסערט אויס אַנדערע, סאָרטירט, רעדאַגירט און גרייט צו צום דרוק; פֿירט אַ פֿאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אונדזערע שטאָטישע אין אַלע עקן וועלט; פֿאָדערט און מאָנט אומדערמידלעך פֿון אַלע לאַנדסלייט אין גאָר דער וועלט זיי זאָלן שרייבן פֿאַרן יזכור־בוך און צושיקן זייערע מאַטעריאַלן ווי אויך מיטלען צו דערמעגלעכן זײַן דערשײַנען. באַטייליקט זיך בײַם אויפֿנעמען אָסטראָלענקער געקומענע געסט קיין ישראל. די יזכור־אָוונטן וואָס מ׳ר פֿירן דורך יאָר־יערלעך צום זכר פֿון אונדזערע קדושים, ווערן באַרייכערט דורך עבריס מיטבאַטייליקונג אין וואָרט און שריפֿט.

מיט שטאָלץ דאַרפֿן מיר בשטעטיקן, אַז אַ דאַנק דעם זענען מיר דערגאַנגען, כאָטש נאָך אַ לאַנגן שווערן וועג, צו דער אַרויסגעבונג פֿון אונדזער „ספר הזיכרון", אַלס הייליקן אָנדענק פֿאַר אונדזער יידיש־אָפּגעמעקטער היים־שטאָט אָסטראָלענקע און פֿאַר אונדזערע טײַערסטע און נאָענטסטע אומגעקומענע משפחות קדושים.

בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט ווינטשן מיר אים מיט זײַן ליבע לעבנס־חברטע אריכות ימים ושנים מיט אַ פֿרוכטבאַרן המשך אין זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט.

שלום מרגלית, תל־אביב

אונדזער אַמאַטאָרן־קרייז

(זכרונות)

דער דראַנג פֿון דער אָסטראָלענקער יוגנט נאָך יידיש טעאַטער און טעאַטער בכלל, איז דערגאַנגען, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, צו אַ „קולטורעלער אַמביציע". כאָטש אין די פּאַרטיי־ענינים איז מען נישט געווען צו שטאַרק אייניק ווי נאַטירלעך. מיר האָבן פֿאַרמאָגט צוויי עקסטרעם־אידעאַליסטישע פּאַרטייען: דער „בונד" און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט צוויי ברייט־פֿאַרצווייגטע ביבליאָטעקן. דאָס זענען געווען די צוויי הויפּט־פֿאַקטאָרן אַרום וועלכע די יידישע יוגנט האָט זיך גרופּירט. חוץ דעם קאָנטראַסט פֿון די מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן, האָט זיך די יוגנט, אָן אונטערשיד פֿון די סאָציאַלע אָנשויאונגען, צווישן זיך געלעבט בשלום. נישט אָנגעווענדט דעם פּאַרטייאישן האַס אויף אַרויסצורופֿן זלזולים אָדער געשלעגן, און ווען אַ פּרעלעגענט פֿון אַ געוויסער ריכטונג פֿלעגט גיסן פּעך און שוועבל אויף דער אָפּאָזיציאָנעלער ריכטונג, אויפֿווייזנדיק באותות ומופֿתים זייערע פֿעלערן, פֿלעגט די אָפּאָזיציע אָפּאָנירן דעם פּרעלעגענט מיט אַ גאַנץ זאַכלעכן טאָן, פֿאַרטיידיקן און באַזירן מיט מיושבדיקייט איר פֿעסטע שטעלונג. מיר האָבן אפֿילו קעגנזײַטיק זיך באַטייליקט אין די אײַנגעריכטעטע באַנקעטן פֿאַר די פֿאַרשידנערליי פּרעלעגענטן. ליטעראַטור אָדער פּאַרטיי־ריכטונג, האָבן מיר אָנערקענט אַלס אַ זאַך פֿון אינטערנאַציאָנאַליש־קייט אין אַלגעמיינשאַפֿט. מיינונגען, למשל, פֿון געוויסע שרייבער, פּרעלעגענטן א. ד. גל. — איז געווען פֿאַר אונדז אַ געבענטשט פֿעלד פֿאַר דיסקוסיעס און דעבאַטן. ווער שמועסט נאָך אין טעאַטער־אָנגעלעגנהייטן — דאָ זענען מיר אַלע געווען פֿאַראייניקט. די לוסט צו טעאַטער, האָט בײַ אונדז איבערגעשטיגן אַלץ. אַלע ערדישע פֿאַרגעניגנס האָט מען געקאָנט דערפֿאַר אָפּגעבן. ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אין אונדזער שטעטל אַ יידישע טרופּע, איז די שטימונג בײַ אונדז געווען ממש יום־טובדיק! נישט נאָר די יוגנט, אפֿילו אויך דער עלטערער קלאַס: דער האָראָפּאַשניק ווי דער אינטעליגענט און דער סוחר (חוץ די חסידים, פֿאַרשטייט זיך), האָבן אַלע גלײַך אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס, צופֿרידנקייט און מיט אומגעדולד שוין אָפּגעוואַרט דעם שבת־צו־נאַכט צו באַזוכן דעם טעאַטער. ס׳האָט שוין אויסגעזען גאַנץ אַנדערש ווי אין די אַמאָליקע צײַטן. דעמאָלט האָבן זיך אונדזערע יידן געשפּייזט מיט בדחנים, וועלכע פֿלעגן באַשיינען אונדזערע חתונות מיט „אַרויסגעלקחנטע" גראַמען, לידלעך אין אַפֿאָריזמען פֿון אונדזערע דראַמעס־און־אָפּערעטעס־שרייבער. ווער שמועסט נאָך, אַז דער מחותן און בעל־שמחה האָט געקאָנט זיך דערלויבן אַראָפּצובריינגען יואלקע דעם בדחן פֿון לאָמזשע, וועלכער פֿלעגט גלײַך דערשנאַפּן דעם טעם פֿון די חתונה־געסט, און זיך פֿאַרמאַסקירט אין אַ משונהדיקן פּאַרוק מיט אַן אויסגעצופּט בערדל אין אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט קויל און פֿאַרגעשטעלט דעם פֿינצטערן און תמיד־פֿאַרשוואַרצטן פּנים פֿון אייביקן ייד, און צום סוף פֿאַרענדיקט מיטן ליד: „צוריק צו דײַן היים". די כלי־זמרים פֿלעגן דערבײַ צודרעמפּלען מיט „סעקונדע", און די אָפּשאַצונג אין די באַוווּנדערונג אויף די „שטיקלעך" פֿון דעם באַליבטן „מאַרשאַלעק", איז געווען אין לשער. מ׳האָט געלעקט די פֿינגער און מ׳איז געווען באַגייסטערט פֿון זײַן „קונסט"...

צײַטנווײַז האָבן מיר געהאַט שטאַרקע שטערונגען פֿון די חסידים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז טעאַטער איז אַ לעסטערונג פֿון יידישן דת און אַן אָפּשפּעטונג פֿון די יידישע מנהגים אין קליידונג. נאָר אַ דאַנק דער אינטערווענץ פֿון דעם היגן חשובן בעל־הבית מענדל נאַדבאָרני, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון טעאַטער, איז צו קיין פֿאַרשטערונג נישט דערלאָזט געוואָרן אין די וואַנדער־טרופּעס פֿלעגן שטענדיק דורכפֿירן זייערע גאַסטראָלן בשלום. עס דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד פֿון אַזאַ מין וואַנדער־טרופּע מיט אַ געוויסן קאָלאָסקין בראָש (אויב איך פֿאַרגרייז נישט זײַן נאָמען). זיי האָבן געשטעלט „די אַמעריקאַנעריך", אַן אָפּערעטע. ס׳איז געווען אַ שבת־צו־נאַכט. גלײַך נאָך הבדלה,

האָבן די יידענעס זיך גענומען גרייטן צום טעאַטער. ווייסע נאָז־טיכלעך בלישטשענדיקע, נאָר וואָס אַרויסגעצויגענע פון די קאָמאָדעס, זענען געלעגן אויסגעשפּרייט און געוואַרט אויף די שיריים פון די שבתדיקע מאכלים, וואָס איז באַשטאַנען פון געגנזענע און הינערשע פּאָלקעס, ווי אויך שטיקלעך געפילטע פיש און חלה און שבת־אויבס — דאָס אַלץ האָט געדאַרפט מיטגענומען ווערן אין טעאַטער! יידיש טעאַטער האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעהויבן צו דער באַשטימטער צייט. פריער ווי 10 אַ זייגער האָט זיך דער פאָרהאַנג נישט אויפגעהויבן. די „גאַלערקע" האָט געטופּעט מיט די פיס און די באַניקערן זענען קונציק אָפּגעפלויגן פון די מיילער אין דערלאַנגט ביז צו דער סצענע. פאַרבייפליענדיק האָבן זיך אַ סך אַריינגעפּלאָנטערט אונטער די קעלנער פון די זיצנדיקע אין די פאָדערשטע רייען. די געשרייען און די פּראָטעסטן פון די באַעוולטע האָבן פיל געשטערט דעם גאַנג פון דער פאָרשטעלונג. די אַלע לידלעך פון דער אָפּערעטע — גוט באַקאַנט דער גאַלערקע — זענען מיטגעזונגען געוואָרן מיט די „סטאַרן". ס'האָט גאָר נישט געהאָלפן דאָס בעטן זיך פונעם דירעקטאָר, אַז מען דאַנקט זיי פאַר זייער מיטהילף און לאָזן בעסער די אַרטיסטן אַליין אויספירן זייערע ראָלן. אַ נעכטיקער טאָג. ווי נאָר די אַרטיסטן האָבן גענומען זינגען אַ וועלכן עס איז לידל, איז דאָס גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון דער גאַלערקע און דווקא גאַנץ געשמאַק מיטגעזונגען. די „סעודה" האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָכן ערשטן אַקט. האָט מען די טיכלעך פונאַנדערגעבונדן און דער הויפּט פון דער משפחה האָט גענומען פונאַנדערטיילן דאָס ביסל שפּייז. די סמאָטשקעריי און דאָס אַפּעטיטלעכע קייען אויף די הינטערשטע באַקציינער, האָט פאַרהילכט דאָס טעאַטער. די אַקטיאָרן, וועלכע זענען שטענדיק געווען אויסגעהונגערט, דערשמעקנדיק די קיצלדיקע קנאָבל־ריחות פון דעם געבראָטנס, האָבן זיך צוגעזעצט צו די „מומעס" און אויך אָפּגעלעקט אַ ביינדל. די לאַגע פון דעם יידישן וואַנדער־אַקטיאָר איז דעמאָלט געווען אַ שרעקלעך־שווערע און אַן אומזיכערע. זעלטן־ווען זענען זיי אַוועקגעפאָרן פון אַ שטאָט אינמיטן טאָג, כדי זיך צו געזעגענען מיט זייערע פּאַטראָנאַטן. מערסטנטייל זענען זיי אַנטלאָפן ביי דער נאַכט: שאַ־שטיל, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צודעקן זייערע חובות. זיך אַרויסגעגליטשט ווי בגניבה, אויסנוצנדיק דאָס חשכות פון דער נאַכט. אויפצומאָרגנס האָט גאַנץ שטעטל געקאָכט און דאָך זיי מוחל געווען די עוולה. די יוגנט האָט צווישן אייגענע אין סימפּאַטיקער צונויפגעשלאָגן די עטלעכע רובל און אויסגעצאָלט דעם בעל־אכסניה זייערע שולדן ביז צו אַ גראָשן.

די אידייע פון צונויפשטעלן אַן אייגענע אַמאַטאָרישע טעאַטער־גרופּע אין אָסטראָלענקע, איז אַנטשטאַנען, ווען ד"ר גוטמאַן (אַ זון פון גוטמאַן דעם פעלדשער), באַזיצנדיק זעלטענע פעאיקייטן צו רעזשיסירן פּיעסן און אויך זייענדיק באַליבט און באַוווסט ביי אַלע יוגנטלעכע שיכטן אין דער שטאָט אַלס אינטעליגענטער מענטש מיט דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען — האָט געשאַפן אַן אַמאַטאָרישע גרופּע און אָנגעהויבן אויסצופירן פאַרשידענע פּיעסן. די ערשטע טעאַטער־שטיק איז געווען „די ברידער לוריע", אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען: ה' בענעדאָן, ברודער און שוועסטער מלין, פר' גאָלדפאַרב, ה' וויערזשבאַ פון ציגעלניע (היינט אין אַמעריקע), אברהם האָפמאַן (היינט אין אַמעריקע) און נאָך אַנדערע, וועלכע זענען מיר אַרויס פון זיכרון. אַלס סטאַטיסטן און אָנטיילנעמער פון גאָר קליינע ראָלן, האָבן זיי אונדז, די יינגערע, צוגענוצט. אונדזער גדלות איז געוואַקסן ביז צום העכסטן שטאַפּל: אַ קלייניקייט — אַן אַקטיאָר! אָבער ווען עס האָט זיך דערנענטערט די שעה פון אויפטריט אויף דער סצענע, האָט געהאַקט אַ צאָן אין אַ צאָן, און פיל אומאָנגענעמלעכקייטן פלעגן פּאַסירן ביי אונדזערע „יאַטן", ווען עס פלעגט זיי באַפאַלן דער פחד פאַרן טעאַטער...

דער חבר וויערזשבאַ, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער כאַראַקטער־קאָמיקער. ווען מ'האָט געשטעלט: „טוביה דער מילכיקער", האָט ער „דערלאַנגט" אַ טוביה, אַז ווען שלום־עליכם אַליין וואָלט בייגעווען, וואָלט ער געהאַט גרויס נחת צו זען, ווי אָריגינעל ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין הויפּט־העלד. אין דעם צונויפטרעף פון מנחם מענדלען (בענעדאָן) מיט טוביהן, ווען ער באַווייזט זיך צוריק מיט זיינע שלימזלדיקע אַקציעס און געשעפטן, און ער, טוביה, בלויז נאָר אָנקוקנדיק מנחם מענדלען, זעט שוין דעם בראָך, אַז זיין גאַנץ ביסל אָפּגעשפּאָרטע פּראַצע, וואָס ער האָט כל ימיו געקליבן פאַר זיינע טעכטער, איז שוין פאַרלוירן געגאַנגען; ווי אַזוי ער טענהט זיך אויס מיט זיין ווייב „גאָלדע־ברודער" — אין די דאָזיקע מאָמענטן האָט דער טעאַטער געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן און די אָוואַציעס זענען געווען אין לשער.

נאָכן צעפאַלן זיך פון דעם דאָזיקן אַמאַטאָרן־קרייז, זענען מיר, די יינגערע, אַרויפגעשוווּמען אויף דער סצענע. מיר האָבן געהאַט פיל אויסצושטיין, איידער מיר האָבן זיך איינגעאַרבעט. נישט איינמאָל האָט אונדז דער רעזשיסער אויסגעזידלט צוליב אַ „טויטע אינטאָנאַציע". מיר האָבן דעמאָלט געהאַט רעפּעטירט דעם „קעניג ליר" פון יעקב גאָרדין. אָבער נאָך אַ סך פּרוּוון, האָט אונדז ענדלעך דער רעזשיסער אַרויסגעפירט אויף דער בינע. די יונגע קרעפטן פונעם פרויען־פּערסאָנאַל זענען דאַן באַשטאַנען פון: נעמי מלין, פר' שפּילמאַן ז"ל (געשטאָרבן אין ישראל) און נאָך אַנדערע, וועלכע איך געדענק קוים. פון מענער פּערסאָנאַל: וועלוול באַיוק, אהרן ראַפּאָפּאָרט, משה באָמשטיין, אהרן זוסמאַן און ה' וואָלאָוויטש, וועמען מ'האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון לאָמזשע אַלס „שמאי", וואָס האָט געדאַרפט שפּילן אין דער אויבנדערמאָנטער פּיעסע.

דאָ מוז איך דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וואָס האָט אונדז דאַן פאַרשאַפט פיל עגמת־נפש. אַלס משה חסידס ווייב האָט דאַן געשפּילט אינקאָגניטאָ, אַ חסידישע טאָכטער. זי איז געווען זייער באַגאַבט, אין אויסגעפירט איר ראָל ערשטקלאַסיק. דער פאָטער אירער איז געווען אַ קצב און דערצו אַ גרויסער חסיד. די גאַנצע צייט פון די רעפּעטיציעס איז אַדורך בשלום. איר פאָטער, אַ חסיד פון גערער שטיבל, האָט וועגן דעם גאָר נישט געוווּסט. נאָר דווקא דעם שבת פאַרן שפּילן האָט עפּעס עמיצער אַ לץ, אַליין אויך אַ חסיד, וועלנדיק, ווייזט אויס,

פאַרשאַפן איר פאָטער בזיון און עגמת־נפש, עפנטלעך אים מבזה געמאַכט פאַר די שטיבל־לייט און געפאָדערט מען זאָל אים אַרויסוואַרפן פון דעם שטיבל, דערפאַר וואָס זיין טאָכטער שפילט טעאַטער. דער חסיד קומענדיק אַהיים, האָט דאָס ערשטע אַראָפּגעלאָזט צוויי פייערדיקע פעטש זיין טאָכטער, און אין שטוב איז געוואָרן תשעה־באב, ווען ער האָט דערציילט די נייעס פון שטיבל. ווענדיק זיין זיכער, אַז זי וועט נישט נעמען קיין אָנטייל אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג, האָט ער זי פאַרשלאָסן אין שטאַל צוזאַמען מיט די קעלבער און דעם שליסל האָט ער אויפגעהאָנגען אין דער קיך. שבת ביינאַכט, צו דער גענעראַל־פּראָבע — אַלע וואַרטן אויף פעשקען און — פעשקע איז נישטאָ! מיר שיקן גלייך אַריבער צו איר אַ חברטע און יענע קומט שנעל צולויפן מיט דער טרויעריקער בשורה. שלעכט! וואָס טוט מען? ווי אַזוי גנבעט מען זי פון דאָרט אַרויס? נאָך אַ קאָנספּיראַטיווער אסיפה איז געבליבן, אַז די חברטע זאָל אַרויסגנבענען דעם שליסל פון דער שטאַל, זיך איבערטאָן אין פעשקעס בגדים און בלייבן אין שטאַל מיט די קעלבער ביז נאָך דער פאָרשטעלונג. גערעדט און געטאָן. דער חסיד איז נאָכן טשאָלנט ווי דער שטייגער גאַנץ געשמאַק איינגעשלאָפן און אויף דער צייט איז אונדזער בחורטע אַריין און אַרויסגעגנבעט דעם שליסל, אויף שנעל איבערגעטאָן פעשקעס בגדים, אַרויסגעלאָזט פעשקען אויף דער פריי און אַליין זיך פאַרשלאָסן אין שטאַל. דער חסיד האָט זיך אויפגעהויבן פון שלאָף, אַ בליק אַריין געטאָן אין שטאַל, דערזעענדיק דאָרט „פעשקען", איז זיין האַרץ געוואָרן מלא שמחה אין אַ באַרואיקטער אַוועק אין שטיבל, אָפּגעבנדיק דאָרט אַ ראַפּאָרט וועגן דעם גרויסן שפיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן זיין טאָכטער. אויך די מאַמע די צדיקת איז געווען איינפאַרשטאַנדן מיטן פאָטער און כדי נישט צו וועלן געטרויען דאָס ווייכע האַרץ פון אַ מוטער, איז זי אַוועק צו אַ ווייטע קרובה. גראָד איז דעמאָלט אויסגעפאַלן דער יאָרצייט פון דעם חסידס רבי'ן, אַזוי אַז די חסידים האָבן געפראַוועט ביי דעם גבאי אַ מלוה־מלכה ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין. וועמעס זכות עס איז אונדז דאַן בייגעשטאַנען — בלייבט נאָך עד היום אַ פראַגע. דער עיקר: די פאָרשטעלונג איז אַדורכגעגאַנגען און מיט גרויס דערפאָלג. כאָטש דער פאָטער האָט זיך סוף כל סוף דערוויסט פון זיין טאָכטערס אָנטייל אין דער „שפיל", מחמת די שכנים האָבן גראַטולירט די עלטערן צו זייער טאָכטערס גוטן שפילן, האָט ער פונדעסטוועגן אַראָפּגעשלונגען דעם דאָזיקן ביטערן פיל — אַבי די חסידים האָבן זיך דערפון נישט דערוווסט! (דעם גאַנצן „שפוך חמתך" האָט ער אויסגעלאָזט צו דער מאַמען, באשר זי האָט מיטגעהאָלפן צו דער „הפקרות", כאָטש זי איז נעבעך געווען אינגאַנצן אומשולדיק...).

אַ סך יאָרן האָט אונדזער אַמאַטאָרן־קרייז עקזיסטירט און איז שטענדיק וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון אונדזערע אָסטראָלענקער.

וועלוול באיוק (ניו־זעלאַנד)

הסטודיה הדרמתית ב„השומר הדתי"

בין החוגים הדרמתיים שנוסדו במפלגות ובמוסדות שונים עם התפתחות החיים התרבותיים בעירנו, אחרי מלחמת־העולם הראשונה, יש למנות גם את הלהקה הדרמתית של „השומר הדתי", בהנהלת מר פאטאלובסקי, אשר הצטיינה במשחקיה, ובה השתתפתי גם אני. „די דראמאטישע סטודיע פון „השומר הדתי" אונטער דער לייטונג פון הער פאטאַלאָווסקי", היתה פופולרית למדי בעיר. אחת ההצגות המוצלחות של הלהקה היה המחזה „מסעות בנימין השלישי" של מנדלי. היינו מציגים גם מחזות מקוריים שהיינו מחברים בעצמנו, ביחוד על חיי החלוצים בארץ־ישראל.

וכיון שהזכרתי ענין זה של הצגת מחזות — עלי להזכיר את חברי „לינת הצדק" ו„גמילות חסדים", אשר חבריהם היו יהודים ישרים ופשוטים וכל מגמתם היתה לעזור לחולים ולנזקקים לגמילת חסד. אבל כדי לקיים את המצוה הגדולה הזאת — היה עליהם לאסוף כספים בכל מיני דרכים. אחד האמצעים העיקריים לכך היו: הצגות. בפורים, למשל, היו



הסטודיה הדרמתית ב„השומר הדתי" בהדרכת ש. פטלובסקי מימין, בין היושבים (השלישית): רחל ווייס־חמיאל, אחריה: ש. פטלובסקי, ד"ר חיים חמיאל, חיה ספיר ויהודה חמיאל (האחרון מימין, בין העומדים)

מציגים את „מגילת אסתר". גם הצגה זו עברה בהצלחה. לפני עיני עומדות עד היום דמויות השחקנים במשחקם, בייחוד הסנדלר וילוז'ני (ארצ'י שנובאק. דר ברחוב „ציגאנסקי"), שהיה מציג את ויזתא, ומלאך „עושה החבלים", שהיה חובב „הקרשים" ואהב להופיע לפני קהל, ממש „משוגע לאותו דבר"... לוּ ניתנה לו האפשרות, היה יכול להיות שחקן וגם במאי מצוין. הוא אירגן את רוב ההצגות וגם השתתף בהן, והוא אשר עזר גם לנו בהרבה להתקדם במובן זה. התלהבות למשחק הבמה היתה גם אצל בני הישיבה בעירנו. בימי חנוכה, בחמישה־עשר בשבט ובפורים, היו בני הישיבה מארגנים הצגות כמו: הגרף פוטוצקי, שמואל הנביא וכדומה. הם היו מציגים ב„עזרת נשים", אשר בבית־הכנסת. כל העיירה היתה אז כמרקחה. כולם היו באים לראות בהצגה, איך בחורים מציגים תפקידי נשים...

חשק המשחק היה מושרש מאוד בבני עירנו. ואכן צמחו מתוכנו חובבים ושחקנים מוכשרים, אחדים התבלטו בכשרונתיהם התיאטרליים והיו שחקנים מצויינים ופופולריים בעיר ובסביבה כמו: הרצקה סויקה, האחים אֶלי וברל באיוק, מלין, מלניק, חנצ'ה בן־אדם, גרוסמן, קופפר, טאביאש, יצחק מאזור (מלומז'ה, שביים מחזות בעירנו), וייבדל לחיים: בן־עירנו המשורר יצחק עברי (עתה בישראל), שהופיע בהצגותיו בלומז'ה — עיר מגוריו ובערי השדה שבפולין ומדי פעם בפעם גם בעיר מולדתו אוסטרולנקה, ואחרים. שחקן יליד עירנו, ששמו הולך לפניו הוא מאיר מרגלית (עתה בישראל — משחק ראשי ב„אהל").

על פאטאלובסקי עצמו אינני זוכר הרבה. עד כמה שידוע לי היה סַפר ולמד את אמנות התיאטרון בוורשה, אחר־כך השתתף בהצגות בתיאטרונים שונים. זכור לי, כי בבואו פעם לבקר את דודו וויינשטוק באוסטרולנקה, שהיה חבר ה„מזרחי" — הועלה הרעיון ליצור להקה דרמתית בקן „השומר הדתי" בהנהלתו, והרעיון הוגשם עד מהרה.

יהודה חמיאל (תל־אביב)

אַסטראַלענקער אויף דער בינע

(פאַרצייכענונגען)

אָסטראָלענקע איז געווען אַ שטאָט, וואָס צווישן אַלע אירע „שוואַכקייטן", ווי: בויען הילפס־אינסטיטוציעס, אויפשטעלן יוגנט־פאַריינען, ישיבות, גומל־חסד זיין איינער מיטן אַנדערן אין אַ גאָר גרויסער מאָס, האָט זי אויך געהאַט אַ באַזונדערע „שוואַכקייט" צו טעאַטער.

חוץ דעם שטאָטישן אַמאַטאָרן־קרייז, וואָס פלעגט שפּילן טעאַטער דערהויפּט פאַר שטאָטישע וווילטעטיקייטן, און וועלכער איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַשטאַנען פון די „ליובּיטעליעס" (ליבהאָבער) אביגדור מלין מיט זיינע שוועסטער א. אַנ. שפּעטער אַביסל: וועלוול באַיוק א. אַנ. און גאָר שפּעטער (צווישן ביידע וועלט־מלחמות): הערצקע סאָיקע, אלי באַיוק, מעלניק א. אַנ. — איז אויך געווען כמעט אין יעדער פּאַרטיי, אינסטיטוציע און יוגנט־פאַריין (אפילו אין דער אָסטראָלענקער ישיבה...) אַן אָרגאַניזירטער דראַמאַטישער קרייז, וואָס פלעגט שפּילן טעאַטער אָדער „שטעלן" וואָקאַליש־מוזיקאַלישע אָוונטן לטובת זיין פאַריין אָדער אינסטיטוציע. יעדער דראַמאַטישער קרייז פלעגט זיין אויסגעשטודירט און צוגעגרייט צו זיינע סצענישע אויפטרעטן צי אין די ד' אמות פון זיין ענגן קרייז אָדער מיט דער באַטייליקונג פון געוויסע שטאָט־אַמאַטאָרן, מער קוואַליפיצירטע (ווייל זיי אַליין זענען דאָך צום מערסטן אַרויסגעוואַקסן פון די אויבנדערמאָנטע ענגערע קרייזן). זייער אָפט פלעגט טרעפן, אַז די אויסגערעפּערטירטע טעאַטער־שטיק פלעגט רעזשיסירן אָדער אין איר זיך באַטייליקן מיט אַ הויפּט־ראָל — אַ פּאָפּולערער פרעמד־שטאָטישער אַמאַטאָר, אָדער, אַמאָל, אפילו אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסט, וואָס מ'פלעגט אַראָפּברענגען צו דעם צוועק פון אַ גרעסערער שטאָט ווי: לאָמזשע, ביאַליסטאָק און וואַרשע. (דער רעשט וואָס איז געבליבן נאָך די אַלע הוצאות, פלעגט „אַוועקגיין" לטובת דער שטאָט־אינסטיטוציע, וואָס האָט די פאָרשטעלונג באַשטעלט).

דאָס אַרטיסטיש פּאָרל קאָלעשניקאָוו פון ביאַליסטאָק, למשל, אָדער די בינע־אַמאַטאָרן פון לאָמזשע, ווי: חיים וואָלאָווסקי (אַרגענטינע), יצחק עברי (ישראל), יצחק מאַזור (הי"ד) און אַנד. זענען געווען פון די נישט זעלטענע באַזוכער אין אָסטראָלענקע. פלעגן אַראָפּקומען מיטשפּילן אָדער אַליין אויפטרעטן מיט אייגענע רעפּערטואַרן אָדער פרעמדע.

עס זענען אָבער אויך געווען טעאַטער־שטרעבנדיקע אָסטראָלענקער, וואָס די מלחמות האָבן זיי אַרויסגעפירט פון זייער היים־שטאָט אין די דערבייאיקע שטעט, דאָרט געבליבן וווינען און אָנגעהויבן אָדער פאָרגעזעצט זייערע טעאַטראַלע אַרבעטן. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות איז געווען איינער פון די. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך טאַקע אַרויפברענגען אייניקע פאַרצייכנטע זכרונות און עפּיזאָדן פון מיין אַמאַטאָרישן טעאַטער־לעבן און טעאַטער־שטרעבן...

מיין ערשטער „דעביוט"

נאָך אַלס קליין קינד און יונגער ייִנגל האָב איך אַרויסגעוויזן פעאיקייטן אויף נאָכצומאַכן פאַרשידענע טיפּן ווי אַזוי זיי שטייען, גייען, קוקן אין קרימען אויס די פּנימער בשעתן רעדן. כ'געדענק נאָך אַזוי ווי איצט מיין ערשטן „דעביוט", אין עלטער פון 4—5 יאָר בערך, ווען מיין פאָטער ז"ל איז אין דערהיים נישט געווען און איך האָב זיך „פאַרשטעלט" אין זיין שבתדיקן לבוש, אָנגעטאָן זיין שטריימל, די לאַנגע אַטלאַסענע קאַפּאָטע און צוגעגאַנגען צו מיין מוטער ז"ל זי וועקן פון אַ בייטאָגיקן דרימל... נאָכמאַכנדיק מיין פאָטערס קול און לשון. ווען די מאַמע האָט זיך אויפגעוועקט, האָט זי אַ שמייכל געטאָן, זיך כאַפּנדיק וואָס דאָ קומט פאָר. נאָך דער דאָזיקער „פאָרשטעלונג", געדענק איך, פלעג איך שוין פּרוּוון נאָכמאַכן פאַרשידענע פּערזאָנען אויך אין באַקאַנטע שכנותדיקע הייזער. מ'פלעגט ממש „פּלאַצן" פון געלעכטער צוזעענדיק מיינע קאָמישע באַוועגונגען, און מיך גופא פלעגט עס באַזונדערס הנאה טאָן וואָס איך בין געווען בכוח צו מאַכן פריילעך פרעמדע דערוואַקסענע מענטשן... איך פלעג נאָכמאַכן נישט בלויז מענטשן נאָר אויך חיות, פויגל און שפּילאינסטרומענטן, ווי: פידל, קלאַרנעט א. אַנד.

מיינע „אויפטריטן" אין חדר און אין דער ישיבה...

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן סוף „זמן", סיי אין חדר, סיי אין דער ישיבה, פלעגן שוין געוויסע קינדער, קענטיק, מיט „דראַמאַטישע" פעאיקייטן, זיך אָנהויבן צו קאָנצענטרירן אַרום מיר, דעם איניציאַטאָר, אויף אַ „פאָרשטעלונג". איך געדענק ווי אין טוביה דעם טשעשליאַרס הויז, וווּ עס איז געווען די ישיבה, פלעגן מיר אַלע סוף־„זמן" מאַכן פאַרשידענע פאָרשטעלונגען, ווי: „שאול און אגג" (איך האָב שטענדיק געשפּילט שאול המלך, האָב איך נאַטירלעך שטענדיק געזוכט אַ זכות אויפן צורר אגג...), „מכירת יוסף" א. אַנד.

אין איינעם פון די ישיבה־צימערן האָבן מיר געמאַכט אַ מין „סצענע" און געשיקט אפילו צעטעלעך אַלס איינלאַדונגען צו די טאַטעס פון די קינדער. פלעגט זיך מאַכן אַ יומא דפגרא, צי ווען מ'האָט איינגעאָרדנט אַ סעודת־מצוה לכבוד סוף־„זמן" פאַר די מלמדים, בעלי־בתים און אָנפירער פון דער דאָזיקער ישיבה, אַזוי פלעגן מיר אינמיטן דער סעודה „פאָרשטעלן"... דער עולם פלעגט זיך האַלטן ביי די זייטן פון אַ סך לאַכן. איך געדענק, איינמאָל אין אַזאַ מין שמחה האָב איך מיט יאָסקע קאַכאַן געמאַכט שטאַרק פריילעך. חיים בערל דער שוחט ז"ל איז דאַן געווען צווישן דעם איינגעלאַדענעם עולם. ער האָט אַזוי פיל געלאַכט ווי קיינמאָל נישט. נאָך דער „פאָרשטעלונג" איז ער צוגעגאַנגען צו אונדז און זיך געוואָנדן ספּעציעל צו מיר, פאָרזאָגנדיק מיר אַ גרויסע אַרטיסטישע קאַריערע... מעגלעך אַז ער האָט עס געזאָגט בלויז

מן השפה ולחוץ; סוף־כל־סוף איז ער געווען אַ פרומער ייד. איך אָבער אַלס ייִנגל האָב אָנגענומען זיינע ווערטער כפשוטם. פון דעמאָלט אָן, האָב איך נישט אויפגעהערט צו שטרעבן צו עפנטלעכע אויפטריטן...

אין לאָמזשע

סוף יאָר 1915, ווען די „ערשטע", פאַר־היטלער־דייטשן האָבן געהאַט שוין אָקופּירט גאַנץ פּוילן, איינשליסלעך אונדזער אָפּגעבּרענטע און חרוב ומוחרבדיקע היים־שטאָט אָסטראָלענקע, האָבן מיר זיך בּאַזעצט, ווי נאָך אַנדערע בּני־עיר, אין לאָמזשע. זייער שווער איז אָנגעקומען זיך צו צוגעוווינען צום נייעם לעבנס־נוסח פון אַ פרעמדער שטאָט, כאָטש פון דער צווייטער זייט האָט די נייע אַטמאָספער ווי אָפּגעפרישט די נשמה. מיט דעם צוביסלעכווייז אויסגערעגולירטן מלחמה־מצב, איז אויך צוריקגעקומען די אינעווייניקסטע מנוחה. די נייע אידעאַלן, וואָס האָבן אַרומגעפלאַטערט אין יענער צייט אויף דער יידישער גאַס, האָבן אַלץ און אַלעמען מיטגעריסן. יונג און אַלט האָבן „פאַרקאַטשעט" די אַרבל; מ'האָט זיך געפילט ווי אין אַ „בראשית"־צייט. די דייטשישע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן דעמאָלט געשפּילט די ראָל פון „בּאַפרייער", האָבן זיך בּאַצויגן צו דער בּאַפעלקערונג (און דווקא צו דער יידישער!) מיט כלומרשט דייטשישער העפלעכקייט. זייערע העפלעכע „גוטמאָרגנס" מיט די גאָלד־מונדשטיקיקע סיגאַרעטן, וואָס זיי פלעגן צוואַרפן צו די ערשטע דורכגייער אין די בלויע פאַרטאָגן ביים אָקופּירן אַ שטעטל — האָבן געלייגט אין יעדן פון אונדז אַ מאָרגן־האָפענונג, אַן אָנהויב־לעבן... און ווירקלעך: מ'האָט אָנגעהויבן אָפּזשיפּען פון דעם שווערן רוסישן גלות. די אַלע צאַריש־דערדריקטע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר זייער קיום, האָבן איצט פריי אָפּגעאָטעמט און ס'האָבן אויך אָנגעהויבן אויפלעבן אַלע יידישע קולטורעלע היימען, ווי: די יידישע לערן־שולן, פּאַרטייען, די בּיבּליאָטעק און דאָס טעאַטער. אַממערסטן, דוכט מיר, האָט זיך אויסגעדריקט די יידישע אויפלעבונג אין טעאַטער. דער דראַנג צו גיין זען אַ ניי טעאַטער־שטיק איז געווען ביי יונג און אַלט אומבאַשרייבלעך גרויס. אונדזערע טעאַטער־שטערן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען. עס זענען דעמאָלט צום בּולטסטן ארויס די טעאַטער־דערהויבענע געשטאַלטן פון אסתר־רחל קאַמינסקי, יוליוס אַדלער א. אַנד. אפילו קאָמעדיע־און־אָפּערעטן־טרופּעס פון אַן אַננאַ יאַקובאָוויטש־מוסטער האָבן געפאַנגען די מוחות און די הערצער אין יענער געבענטשטער תקופה.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי איך — דעמאָלט נאָך אַ גאַנץ יונג בחורל, נאָך שטאַרק חסידיש געקליידט מיט לאַנגע דיקע פאות ביי דער זייט — פלעג בגניבה שלעפּן פון שטוב חסידישע „רעקוויזיטן" פאַר אַרטיסטן, כדי בשכר זה בּייצווזיין זייערע טעאַטער־שטיק. עס איז נישט געווען קיין גבול צו מיין גייסטיקן נחת־רוח און צו דער פרייד, וואָס האָט מיך ממש פאַרפלייצט. און וואָס מער איך האָב געזען טעאַטער, אַלץ מער האָט זיך אין מיר דער פאַרלאַנג אַליין אויפצוטרעטן געשטיגן, אין כ'האָב געזוכט פלענער ווי אים צו פאַרווירקלעכן.

איך האָב געטראַכט, ווו און ביי וועמען איז מעגלעך צו בּאַקומען הילף?... מיט מיין הילוך בין איך אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, בפרט — פון דער דאָזיקער סביבה, וואָס פאַרנעמט זיך מיט טעאַטער־שפּיל. פון מיין קפּדניש־פרומער און טיף־חסידישער שטוב, האָב איך אוודאי נישט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן.

מיין ערשטער „עפנטלעכער" אַרויסטריט...

אין דעם הויז, ווו מיר האָבן תחילת געוווינט אין לאָמזשע (אין דער לאַנגער גאַס, ביי פּיאַנקען), האָט געוווינט אַ בחור אַ זייגער־מאַכער, וואָס האָט קיינמאָל קיין אַרבעט נישט געהאַט. אויך נאָך אַ גאַנץ יונגער בחור, אָבער עלטער פון מיר. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו כאַפּן מיט מיר אַ שמועס. איך האָב אים, ווייזט אויס, פאַראינטערעסירט מיט מיין חסידיש־יידישלעכן הילוך. ביז איך האָב זיך איינמאָל פאַר אים פאַרטרויט... ער האָט גלייך אויפן אָרט מסכים געווען צו העלפן און „מיטצואַרבעטן" מיט מיר, נאָר בתנאי, איך זאָל צונויפשטעלן דאָס פּראָגראַם. ער אַליין אפילו איז גרייט אָנטייל צו נעמען אין אַ „פאָרשטעלונג", חוץ וואָס ער איז מוכן ומזומן צו זיין דער גאַנצער „פאָרשטייער" און „געשעפטספירער". גוט! אָבער ווו נעמט מען אַ רעפּערטואַר און בעיקר אַ פּלאַץ פאַר דעם דאָזיקן „אַרויסטריט"? ער קוקט אויף מיר אין איך — אויף אים, ביז מיר צעלאַכן זיך ביידע...

נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש מיט אים האָב איך שוין נישט געקאָנט רוען. אין שטאַרקן פיבער האָב איך אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם וואָס איז בּאַשטאַנען פון 3 טיילן: 1. אַ פּאָר חזנישע תפילות, צו וועלכע איך האָב געהאַט פון תמיד־אָן אַן אומבאַשרייבלעכע „שוואַכקייט"; 2. אייניקע טעאַטער־לידלעך, וואָס איך פלעג מיט גרויס התלהבות נאָכזינגען; 3. אַ מאָנאָלאָג, וואָס איך האָב אַליין אָנגעשריבן צום דאָזיקן צוועק, מיטן נאָמען: „דאָס בן־יחידל אין קייטן". אַ דראַמאַטיש־טראַגישע זאַך, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ מין ווייטיק־אויסגעשריי און אַ רמז אויף מיין אייגן לעבן... מיט דעם האָט מען געדאַרפט פאַרענדיקן דאָס פּראָגראַם, חוץ דעם וואָס פאַר מיין יעדן אויפטריט, האָט ער, מיין שכן, געדאַרפט עפּעס אויסזינגען אָדער אויסדעקלאַמירן.

מיט אַן אומבאַגרענעצטער שמחה ברענג איך פאַר אים דאָס אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם. ער איז שרעקלעך צופרידן און בּאַשטימט גלייך אַ פּלאַץ פאַר דער דאָזיקער „פאָרשטעלונג".

אין אַ שיינעם העלן טאָג לאָזן מיר זיך מיט דעם אויבנדערמאָנטן פּראָגראַם צופוס (קיין געלט האָבן מיר ביידע נישט געהאַט) קיין נאָוויגראָד, אַ פּיצל שטעטעלע אין דער סביבה פון לאָמזשע און נישט גאַנץ נאָענט פון איר.

מיט אַ שטאַרק־קלאַפּנדיק האַרץ און מיט אַ שולד־געפיל פון זיך־אַרויסגעגנבעטן פון אַן עכט יידיש־חסידישן הויז צו אַ „זינדיקע שמדשטיק" — בין איך אָנגעקומען מיטאָגצייט מיט מיין שכן אין שטעטל. פאַר די אַלע ענינים ווי: זאָרגן פאַר אַ „סצענע", „אַפישן" און אַנדערע הוצאותן, האָט זיך, ווי אויבן שוין דערמאָנט, אונטערגענומען מיין שכן. מיין פאַר־

אַרבעט איז געווען: זיצן אין אַ שטוב (וואָס מיר האָבן באַקומען דורך מיין שכנס, ווייזט אויס, „פּראָטעקציע", אין וועלכער עס האָט באַדאַרפט פאָרקומען די פאָרשטעלונג) און פאַרקויפן „בילעטן". ס'איז באמת געווען, ווי מ'זאָגט, אויף „בילעטן". קיינער האָט אונדז דאָ נישט איינגעלאַדן, אויסער ווי מיר אַליין, וועט ממילא קיינער די אחריות נישט טראָגן, צי גוט צי שלעכט. איך זיץ אָפּ שעהן „ביי דער קאַסע". אַפּישן אָנגעשריבן מיט אַן אויסטערלישן נוסח, האָט מיין שכן אויפגעקלעפּט אויף אַ סך ערטער. אָבער ווער נאָר פון די יוגנטלעכע עס קומט אַריין און הויבט זיך אָן צו דערנענטערן צו דער „קאַסע", איז כאַפּנדיק דעם ערשטן בליק אויף מיר, טראָגט זיך גלייך אָפּ... איך פיל, אַז מיין חסידיש־יידישלעכער אויסזען שאָקירט זיי. די „בילעטן" זענען אפילו געשטעמפּלט (מיט מיין טאַטנס פּערזענלעכן שטעמפּל, וואָס איך האָב מיטגענומען), אָבער אויסער ווי אַלטע ווייבער מיט אַ ביסל קינדער זענען אין אַ־נדזער „טעאַטער" נישט געקומען. מיין שכן, האָט שוין באַוויזן איינצוואָרדענען די „סצענע", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שמאָלן חדר־ווינקל אָן אַ שום אַרויסגאַנג, ס'איז געווען פּלאַץ קוים פאַר אונדזביידע, מיט אַ „פאָרהאַנג" פון אַ קאָלירטן איבערדעק מיט אַ סך אַלט־מאָדישע ווזורן און אַ „דעקאָראַציע" וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם אַלבאָמטישל מיט אַ פּאָר בלימעלעך... דערזעענדיק אונדזער „טעאַטער־עולם" ווערט ער אַביסל אומרואיק, אָבער ער האַלט זיך. אַנטקעגן מיר איז ער „שמשון הגיבור".

עס הייבט זיך אָן די „פאָרשטעלונג". מיין שכן גייט אַרויס מיט אַ פּאָר „וואַרימע" ווערטער וועגן מיר. די קינדער ווילן דערפון נישט וויסן, נאָר מ'זאָל אָנהויבן. איך זינג־אָפּ דאָס חזנות, מיר מאַכן אַ הפסקה. דער טומל פון די קליינוואַרג איז נישט צו פאַרטראָגן. מיר באַשטימען אָנצוהויבן גלייך דעם צווייטן טייל פון די טעאַטער־לידלעך. דאָ לעבט דער „עולם" אַביסל אָפּ. מ'זינגט־מיט ביז די קינדער גייען אַרויס פון די „כלים". דאָ מישן זיך שוין אַריין די אַלטע ווייבער און מאַכן „אָרדענונג". מיין שכן זינגט דערווייל עפּעס אויף און גיט צו וויסן וועגן לעצטן טייל, בעטנדיק זיך ביי די קינדער, זיי זאָלן זיין שטיל, ווייל דאָ קומט זייער אַן ערנסטע זאַך. עס ווערט שטיל „ווי אין אַ אויער".

איך הייב אָן מיין מאָנאָלאָג. איך דראַמאַטעווע אַוועק וויפל נאָר איך בין געווען בכוח. עס ווירקט. די ווייבער צעוויינען זיך: „נעבעך, אַן איינציקער זון"... נאָר ווי עס קומט צו די לעצטע ווערטער פונעם מאָנאָלאָג: „איך מוז זיך אַרויסרייסן פון מיינע בן־יחידישע קייטן! איך האָב שוין נישט קיין כוח! איך מוז!" און הויב אָן צו מאַכן אַ דינאַמישע באַוועגונג אויף צו גיין, דאָ ברעכן אויס די ווייבער אין אַ שטאַרקע יללה. אויף די קינדער אָבער ווירקט עס גאָר קאָפּויער. זיי הייבן־אָן צו געוואַלדעווען און רייסן זיך צו מיר אויף דער „סצענע". ווען נישט מיין שותף, ווער ווייסט ווי איך וואָלט דאָ אָפּגעשניטן...

די „פאָרשטעלונג" איז געענדיקט. מיר בלייבן־איבער אין דעם זעלבן הויז, וווּ מ'איז אונדז מכבד מיט נאַכטמאָל און שלאָפן.

ווען מיר זענען פון שטעטל אַרויס, איז נאָך פונדעסטוועגן אין אונדזער קעשענע געבליבן אַ פאַרדינסט פון עטלעכע דייטשישע מאַרק. אויף צוריק זענען מיר שוין נישט געגאַנגען, נאָר געפאָרן ווי „פריצים".

איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'האָב זיך דאָסמאָל אַ סך דערנענטערט צו מיינע לאַנג־יאָריקע טעאַטער־שטרעבונגען, און די האָפענונג צו דערגרייכן מיין פאַרלאַנג, האָט שוין פון דעמאָלט־אָן מיך נישט אָפּגעלאָזט און געפלאַטערט אין מיין האַרצן...

מיין „אויפגאַנג"


נאָכן „ערשטן אַרויסטריט", מיטן פנים צום טעאַטער

פון יענער „מעשה" אָן האָב איך דערפילט אין מיין גאַנצן „זיין", אַז איך מוז זיך ענדערן, אי אינערלעך, אי אין מיין אויסערלעכן אויסזען, וואָס דערווייטערט מיך פון דער וועלט, צו וועלכער איך שטרעב מיט מיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען דאָרט אַריינצוקומען...

עד היום געדענק איך נישט ווי אַזוי איך בין אָנגעקומען אין דער לאָמזשער אַמאַטאָרן סביבה... איך געדענק נאָר, אַז איך פלעג אָפּט בייזיין אויף זייערע רעפּעטיציעס. איך פלעג זיך אָנשלינגען מיט זייערע טעאַטראַלע באַוועגונגען און שפּיל־תנועות, אַז איך פלעג אַוועקגיין פון יעדער רעפּעטיציע אַ גליקלעכער און אַ באַרוישטער. די הויפּט־ראָלן אין דער דאָזיקער אַמאַטאָרן־גרופּע האָט דעמאָלט געשפּילט חיים וואָלאָווסקי (היינט אין אַרגענטינע), ס'רוב איז ער אויך געווען דער רעזשיסער פון די פאָרשטעלונגען (מיט אים האָב איך זיך שטאַרק געחברט און פון אים דעמאָלט אַ סך געלערנט). עס זענען געווען נאָך פיל אַנדערע זייער פעאיקע בינע־אַמאַטאָרן, ווי: יעקב מלינאַרטשיק, מוניע כיניטש (אומגעהויער פעאיק!), לייבל יאַשינאָווסקי, משה חן, יצחק מאַזור ז"ל; פון די פרויען: אסתר וואָלאָוויטש (אַמעריקע), אַלטקע פּערשטנבערג (ישראל), הינדע ראָטשילד (מוטער־ראָליסטין), גיטל יאַקובּניסקאַ, גיטעלע ראָטשילד (הי"ד) און אַנד. די רעפּעטיציעס פלעגן פאָרקומען דעמאָלט דאָס רוב ביי פּערשטנבערג אין הויז. און פיל מאָל ביי הינדע ראָטשילד.

איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז איך פלעג אַוועקגיין פון יעדער רעפּעטיציע אָדער טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס זיי פלעגן „שטעלן" ביי „טשעכאַנסקען" אָדער אין „מיראַזש" —

מיט גרויס קנאה; אַ ברענענדיקער פאַרלאַנג האָט אין מיר געפלאַקערט צו ווערן איינער פון זיי און וואָס גיכער. אַ גליק האָט מיך געטראָפן, וואָס דער ראָליסט פון נחומטשע אין דאָרפס־יונג (פון ל. קאָברין) איז פונקט איינ״קע טעג פאַר דער פאָרשטעלונג קראַנק געוואָרן. מ׳האָט מיך אַוועקגעשטעלט. איך האָב „טאָנירט". עס איז געגאַנגען. כאָטש דער טיף איז נאָך ביי מיר דעמאָלט אַרויסגעקומען גאַנץ „בלאַסלעך". אָבער אויף אַ גוטן „פּאַטשאָנטעק" איז דאָס גענוג געווען. פון דעמאָלט־אָן ווער איך איינער פון זיי. און מיט איין מאָל גיב איך אַ שפּרונג צו: „פּנחסל" אין די „2 קוני לעמל", „שמעלקע קאָלעקטאָר" אין „שטרויענעם אַלמן", „מאָטיע שטרייכל" אין יעקב גאָרדינס „חאַסיע די יתומה", „יאַנקל שיכור" אין „ציפּקע פייער" און אויך צו דראַמאַטישע גאָר־פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן ביז... ביז איך דערגיי צו זיך אַליין. ווער רעזשיסער און הויפּט־ראָליסט אין מוזיקאַלישע רעוויעס אונטער דער לייטונג פון באַוווּסטן דיריגענט זיסקינד, פאָר אַרויס אויף יחידישע טעאַטער אויפטריטן מחוץ לעיר, שרייב אָן פאַרשידענע סקעטשן און פּיעסן פאַר דער בינע, וועלכע האָבן גרויס דערפאָלג ביים עולם. איך פיל, אַז מיין הצלחה וואַקסט ביז גאָר. איך שאַף גלייכצייטיק אַ ספּעציעלן אַנסאַמבל דערצו, וועלכער באַשטייט פון גאַנץ טאַלאַנטירטע אַמאַטאָרן־קרעפטן. עס באַטייליקן זיך דעמאָלט: טויבע וואָלאָוויטש, משה קאַן (דערנאָך: יעקב ראַבינאָוויטש, באַגאַבט אין קאָמישע ראָלן; הייַנט אין ישראל) און אַנד. פון צייט צו צייט איינ״קע פון די פריערדיקע אַנסאַמבלען ווערן צוגענוצט צו דעם צוועק. אין פּראָגראַם: פּיעסן, מוזיקאַלישע פאָרשטעלונגען און קינדער־אָוונטן (צייטנווייז שפּיל איך אויך מיט מיט באַוווּסטע אַרטיסטן). די קינדער־אָוונטן, וועלכע זענען שטענדיק „געשטעלט" געוואָרן אונטער מיין רעזשי צו אַ וווילטעטיקן צוועק פאַר די אָרימע קינדער־היימען אין שטאָט, זענען גראָד געווען זייער געלונגענע. זיי האָבן געשמט אין שטאָט אַלס די מצליחדיקסטע טעאַטראַלישע אויפפירונגען אין דעם אַמאַטאָרישן צוזאַמענשפּיל. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען פלעגן ווערן אויסגעפירט דורך די קינדער פון די קינדער־היימען גופא.

און כדי אָנצוּווייזן אויף מיין דעמאָלטיקער פלוצלונגדיקער שטייגונג, איז כדאי דאָ צו ברענגען אַ טעאַטער־עפּיזאָד פון יענע אינטערעסאַנטע אידעאַל זוכנדיקע טעג, וועלכן כ׳האָב אַ נאָמען געגעבן: „2 אָוונטן אין איין אָוונט"...

צוליב געוויסע סיבות האָבן זיך די אַמאַטאָרן „צעטיילט" אויף 2 צדדים. (דו ווילסט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פריי אַרויסרעדן דיין סצעניש וואָרט אָדער פריי אויסקנייטשן דיינע גרימאַסן אויפן פּנים, אָדער פונאַנדערהרחבותן דיינע זשעסטיקולאַציעס, ווי פריי עס שפּאַצירט אַרום דער ווינט... דאַרף הייסן, בערך: „שוין גענוג!... אדרבא, זאָל מען!"... דעמאָלט מוז אומבאַדינגט קומען „עפּעס־וואָס־אַזוינס" צווישן דיר און דיינע אַלטע דיך־פעסט־אַרומהאַלדזנדיקע טעאַטערפריינט און אפילו חברים „לשמה"... — אזוי בערך איז געווען דאָס געפיל אין די דאָזיקע טעג פון דער „צעטיילונג").

איך בין געבליבן ביי מיין אַרטיסטיש־מוזיקאַלישן אַנסאַמבל מיטן דיריגענט זיסקינד בראש.

מיר האָבן געגרייט אַ נייע פאָרשטעלונג, וועלכע האָט באַדאַרפט אויסגעפירט ווערן אין קינאָ: „מיראַזש". די אָנטיילנעמער זענען געווען פאָלגנדיקע: טויבע וואָלאָוויטש (געשפּילט און געזונגען), משה קאַהאַן (אומגעפער דאָס אייגענע), לייבל יאַשינאָווסקי (גרימירער און קאָנפעראַנסיע), דער שרייבער פון די שורות (געדעזשיסירט, געשפּילט און געשאַפן די טעקסטן), און דערצו: אַ גרויסער כאָר־אַנסאַמבל אונטער דער לייטונג פון שטאַרק־מוזיקאַלישן דיריגענט זיסקינד (אין פּראָגראַם: איינאַקטער, סצענעס, סקעטשן, דועטן, פּאַראָדיעס און פאָלקסטימלעכע כאָר־געזאַנגען).

דער 2־טער צד, כדי צו זיכערן זיין דערפאָלג, האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט דעמאָלט פון וואַרשע די באַרימטע אַרטיסטין קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, אין „מאָטקע גנב" (פון שלום אַש) מיט דעם מיטשפּיל פון די בעסטע שטאָט־אַמאַטאָרן, אין טעאַטער „רעדוטא".

דעם זעלבן אָוונט, די זעלבע שעה האָט זיך דער „צוויי־קאַמף" אָנגעהויבן...

דער „מיראַזש" האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגן טאָפּל־עדות: אי אַז דער זאַל האָט געשטורעמט אָן אַן אויפהער פון די אַפּלאָדיסמענטן און „ביס"־אויסגעשרייען, אי אַז פיל פון רעדוטא־קהל וואָס זענען פון נייגער „אָפּגעטרעטן" צו אונדז, האָבן אויך געהאָלפן באַוווּנדערן אונדזער הצלחה...

עס האָט נישט געהייסן, חלילה, אַז „מאָטקע גנב" אָדער אַזאַ טאַלאַנטפולע אַרטיסטין ווי ס׳איז געווען ק. ס. איז דורכגעפאַלן. געוויס ניין! עס האָט נאָר געהייסן, אַז אונדזער „צד" האָט דערגרייכט אַן אומדערוואַרטן הויך־פּונקט...

פון אַזעלכע מיני הויך־פּונקט־אָוונטן ביי אונדזער „צד" האָבן ברייטע שיכטן אין לאָמזשע געוווּסט אַ סך מאָל צו דערציילן.

נישט איינמאָל פלעגן באַרימטע פאַרבייפאָרנדיקע אַרטיסטן בייזיין אונדזערע פאָרשטעלונגען און אונדז סטימולירן



(אין אַ „סצענע")

פון רעכטס: י. עברי, דיר. זיסקינד, לייבל יעשינאָווסקי

צו דער גרויסער שטאָט און „בריט־סצעניש‟ פאַרגעם, אַקצעפּטירנדיק די עכטקייט פון טאַלאַנט, וואָס גייט דאָס רוב לאיבוד אין דער קליינער שטאָט...

איך פאַרגעס אָבער אויך נישט אין מיין ליבער הייםשטאָט אָסטראָלענקע. פון צייט צו צייט קום איך אַראָפּ מיט דעם לאָמזשער אַנסאַמבל דאָרט שפּילן טעאַטער. מיט אַ גאַנץ באַזונדער געפיל קום איך אָן אַהינצו. די זאַכן, וואָס מיר גיבן זיי, גייען אַדורך מיט גרויסן דערפאָלג. איך באַמי זיך אַריינצולעבן אין די דעמאָלטיקע אָסטראָלענקער אַקטואַליטעטן און דריק עס אויס אין מיין שפּיל, ווי איך וואָלט געזאָגט: „נאַט, זעט, איך לעב נאָך מיט אייער לעבן!... איך בין מיט אייך!‟...

איך וויל דאָ צום סוף דערמאָנען 2 מיני עפּיזאָדן: אַ פריילעכס און אַ פאַרדריסלעכס, וועלכע איך קאָן זיי נישט פאַרגעסן, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות.

איך בין איינמאָל אַראָפּגעקומען אין אָסטראָלענקע „שטעלן‟ מיינע אַן אייגן־אָנגעשריבענע פּיעסע אונטערן נאָמען: „דער בעל־תשובה‟. דאָס איז געווען אין טעאַטער „לוטניאַ‟. פיל אָסטראָלענקער זענען דעמאָלט געקומען מיך מקבל פּנים זיין (צווישן זיי מיין אַלטער חדר־חבר יאָסקע קאַהאַן, וואָס האָט דאַן געסופלירט אין דער פּיעסע). חיים וואָלאָווסקי שפּילט די הויפּט־ראָל, און איך „יאָסעלע שיכור‟, אַן אַלטער תרח, וועמענס ראָל ס׳באַשטייט סך הכל פון איין ווערטל: „להבדיל איך‟. איך האָב דעמאָלט געפילט דאָס וואַרימע בני־עירישקייט פון מיינע אָסטראָלענקער, הן ביי מיין אויפטריט און הן נאָך דעם. איך קאָן עד היום נישט פאַרגעסן די יום־טובדיקע שעה פון אונדזער צוזאַמענדיקן אַנטפּלעקן זיך... לאַנג האָט עס אין מיר געלעבט.

אַ צווייט מאָל, וואָס האָט מיך געבראַכט צו פאַרדרוס. דאָס איז געווען מיין לעצטער אויפטריט אין אָסטראָלענקע און דווקא גאָר נישט קיין הצלחה׳דיקער (מען זאָגט: „אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט, אָבער ווען עס איז פאַרקערט?...) איך בין געקומען אָפּגעבן אַ מין וואָרט־קאָנצערט אין אָסטראָלענקע מיטן אָנטייל פון דער דעמאָלט זייער באַגאַבטער אַמאַטאָרין־זינגערין דבורה לוצקי (דעם לאָמזשער חזנס אַ טאָכטער, וועלכער האָט „געטרויט‟ מיך דעם איינציקן זיין טאָכטער צו באַגלייטן...). מיר זענען געקומען שפּעטלעך, געהאַט אפילו אַ שלימזלדיקן אַקאָמפּאַנימענט. דער זאַל איז דווקא געווען נאָך גאָר ליידיק פון מענטשן. איין גאָט ווייסט, אַז איך האָב קיין גרויסן חשק נישט געהאַט אויפצוטרעטן ביי אַזאַ מצב. איך בין באַלד געשטרויכלט געוואָרן נאָך אין ערשטן „נומער‟ אין אַזוי איז עס שוין געגאַנגען „באַרג אַראָפּ‟. (מיר דוכט זיך, אַז עמעץ פון קהל האָט געפּרוווט אפילו צו דראָען מיט אַ בענקל, חוץ די פייפערייען, וואָס האָבן זיך געשאָטן ווי אַ האָגל אויף אונדזערע קעפּ...). דער זכות פון אַן אָסטראָלענקער און פון די אַלע מיינע ביז איצט הצלחהדיקע אויפטריטן, איז מיר דעמאָלט נישט בייגעשטאַנען (מיין פאַרטנערין דווקא האָט זיך פיין געהאַלטן און אויסגעזונגען אַלע אירע „נומערן‟, וואָס זענען באַשטאַנען פון: חזנות, פאָלקסלידלעך און אַ שורה נאָכגעזונגענע „ברכה־צפירה‟־זאַכן, מיט אַ סך דערפאָלג. פון אַ פּאָר „בשותפותדיקע‟ נומערן האָב איך אויך געגאָסן פון די דאָזיקע אַפּלאָדיסמענטן).

כ׳האָב געהאַט אמת פאַרדרוס, אָבער איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ מין „ירידה צורך עליה‟... (איך האָב דעמאָלט גראָד געלערנט, אַז טעאַטער איז חוץ „עולם‟ אויך פּערזענלעכער אויפשיין; אויפקום; און חוץ צוגרייטונג און איינחזרונג, וואָס פירט־אַריין, על־פּי־רוב דעם אַרטיסט אין דער געהעריקער סצענישער שטימונג פאַר זיין יעדן אויפטריט — איז עס אויך גורל. און גורל האָט אַ טבע צו ברענגען נאָר דאָס, וואָס פאַלט אויס אין דער דעמאָלטיקער שעה...).

אַזוי האָב איך זיך „טעאַטראַליש‟ אָפּגעזעגנט מיט אָסטראָלענקע.

אין תחילת 1932 האָב איך באַקומען, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דיכטער און פריינט שמואל זאַראָמב (הי״ד), אַן איינלאַדונג פונעם באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן (היינט אין אַמעריקע) אַריינצוטרעטן אין זיין קליין־קונסט־טעאַטער, וואָס האָט זיך געגרינדעט ביים יידישן ליטעראַטן־פאַריין אין וואַרשע. פאָרלייגנדיק דערביי צו שליסן מיט מיר אַ קאָנטראַקט אויף אַ לענגערע צייט — נאָר דעמאָלט איז שוין ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק און דער ווילן צו עולה־זיין קיין ארץ־ישראל...

קומענדיק קיין ארץ־ישראל, סוף אויבנדערמאָנטן יאָר, דאָ טרעף איך ווידער אַן אָסטראָלענקער אויף דער בינע. דאָס איז דער אונדז־אַלעמען גוט־באַקאַנטער „אהל‟־אַרטיסט מאיר מרגלית, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט, אַלס איינער פון די ערשטע אָסטראָ׳ענקער־אָנגעקומענע חלוצים, שוין געשמט און געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע טעאַטראַלע דערפאָלגרייכע טעטיקייט.

ע. יצחק

הסתדרויות ומפלגות

ארגאניזאציעס און פארטייען

על מפלגות באוסטרולנקה

הדים על ציונות מדינית מאורגנת עם הופעתו של ד״ר הרצל ברחוב היהודי, הגיעו גם לאוסטרולנקה ומצאו בה תומכים נלהבים לרעיון התחיה הלאומית. אמנם רק מעטים נתפסו לרעיון הציוני, אבל אלה היו מסורים מאוד. מי לא הכיר באוסטרולנקה את אנשל לב, ביאלי ודומיהם, שבכל הזדמנות היו מספרים לצעירים על הקשיים העצומים בימים הראשונים להתארגנות ציונית, ועודדו את בני הנוער לפעולה בטענה שאין להתחשב באבני־הנגף המרובים, שכן לכל רעיון חדש יש להתמסר בלב ובנפש וללא תנאי, כדי להגשימו בחיים. האם יש ליהודי בגולה רעיון נשגב יותר ודחוף יותר מן הרעיון הציוני והתחיה היהודית? והדברים השפיעו. חלק לא קטן של הנוער התחיל להיאחז בזה. המוסדות הציוניים בעיר כגון: קק״ל, קרן־היסוד ועוד הפעילו הרבה מהנוער. גם למפלגות פוליטיות ומוסדות מזרמים אחרים היתה אחיזה באוסטרולנקה. ולכל מפלגה — חֶבֶר נאמנים ומסורים, שלא על מנת לקבל פרס.

„פ ו ע ל י ־ צ י ו ן" (צ.ס.ס.) עשתה עבודה פוליטית ותרבותית גדולה במציאות האפורה של העיירה היהודית בפולין ושל עירנו בפרט. ברכה רבה היתה בספריה שהתקיימה ע״י המפלגה, שממנה שאבו ההמונים והנוער — תרבות וידע. „משוגעים לדבר", אשר התמסרו לכך בלב ובנפש — לא חסרו בעירנו. ערב ערב אף בקור החרפי (לקנות עצים להסקה לא היה במה) ישבו החברים והעסקנים בדירת המפלגה, ב„לאמזשער גאַס", ועסקו שעות רבות במיון הספרים לספריה, בוויכוחים בעניני דיומא ובדיונים על המצב בארץ ישראל. הכול נעשה בהתלהבות ובהתנדבות. מי אינו זוכר את העסקנים: מוטל זוטקביץ, ברל זבלודוביץ, שפרן וייבדלו לחיים — האחים לחוביץ, אריה שפרלינג, כותב השורות הללו ואחרים, שהמפלגה והעבודה הארגונית תפסו את מרבית זמנם החופשי ולא פעם נתבטלו מעניינים פרטיים מפני ההתמסרות הגדולה לדברים, שעמדו אז ברומה של המפלגה.

„ה ש ו מ ר ה צ ע י ר". רבבות בני נוער מאורגנים קיבלו על־ידיו „תיקון" ומטרה בחייהם האפורים בעיירות הקטנות. מגיל בית־הספר, הקנה להם הקן חינוך וידע והנחיל להם את הלשון העברית. הוא היווה הגורם העיקרי בהקמת בית־הספר „תרבות" בעירנו. נוער תוסס שבלבושו, בחגיגותיו, בטיוליו ובזמר העממי קנה לבבות והכניס טעם בחיים הקשים של ההמונים בעיר הדלה והעניה. זכתה התנועה והרבה ממיסדיה ומחנכיה כגון ש. מרגלית, י. חומונד, ח. פיאסצ׳ני, ש. גולדשטין, ש. חמיאל ואחרים — זכו לעלות ולחיות בישראל. אולם מעל לכולם ניצח על הקן איש דגול אחד שיצא משורות העם, בעל לב יהודי חם, והוא: פסח הוכברג ז״ל. הוא אשר טרח ועמל ונתן מנפשו ומכספו למען תנועה זו וראה בחניכים — את ילדיו. ביתו היה פתוח לישיבות, לחגיגות, לאיכסון מנהיגים מרכזיים ומדריכים שבאו מוורשה הבירה. לא היה גבול לנדבנותו ולהתמסרותו. מי אינו זוכר את פסח הוכברג ז״ל בטיולים המסורתיים בל״ג בעומר, במצעד אל היער וממנו דרך חוצות העיר, בכינוסים המרכזיים של התנועה, בישיבותיה, שבהן דרש מעצמו ומאחרים התמסרות ללא גבול לרעיון הציוני. תרומותיו למוסדות, שבהם היה חבר פעיל, ניתנו ביד

רחבה ומתוך אהבה רבה. דואב הלב בזכרנו את האיש הגדול ורחב הלב הזה, שלא זכה לעלות ולראות במדינת ישראל, שכל כך הרבה טרח למענה. יהי זכרו ברוך ושמור בלבנו יחד עם כל קדושי עירנו. אנו, הניצולים, החיים במדינת ישראל, לא נשכח את האיש, שאולי בזכותו הגענו לחוף מבטחים.

מפלגת ה„בונד": בעקשנות פנאטית לחמה מפלגה זו בכל רעיון שהיה קשור ב„ציון". יש להודות שה„בונד" פעל גדולות להשכלת ההמונים והנוער הפרולטרי והנחיל להם תרבות וידע. ספרית „בונד" היתה גדולה ועשירה והיתה פתוחה לקהל הרחב כל ערב והמוגים באו להחליף ספרים. מקום תר־בות זה לא היה לו תחליף בעיר. עסקנים מסורים היו ל„בונד" כאהרון זוסמן, וייבדל לחיים י. גוטמן, החי בישראל. הם טרחו עמלו למען חיזוקו בעיר, הביאו מרצים נודעים, ארגנו נשפי תרבות וכו'

„הפועל": סניף „הפועל" היה קיים במשך שנים. החברים הצעירים רכשו כלי־נשיפה בכספם הדל ויסדו תזמורת (היה להם מנצח קבוע), שהכניסה שמחה בחיי העיר והעיירות הסמוכות. היו גם פעולות ספורטיביות כתחרויות כדורגל, וכדומה.

קרן־היסוד והקרן הקיימת: בראש הועד של „קרן־היסוד" בעירנו עמד איש דגול והוא: מר ביאלי ז"ל, בעל המנסרה לעצים. יהודי תלמיד חכם היה, מסור בדרכו המיוחדת לרעיון הציוני. טרח ועמל מדי שנה בשנה בביקורים אצל תושבי עירנו להתרמם. אע"פ שהיה איש חולני לא התאונן אף פעם על חולשה ועבודתו נעשתה תמיד מתוך שמחה. בין החברים המסורים לפעולה היו: פסח הוכברג, זלמן גורזילצאני, אפרים חמיאל, זבלודוביץ וייבדל לחיים יצחק רפפורט החי בישראל.

המפלגות, שלא כולן הוזכרו ברשימתי, על עסקניה, אישיה וחבריה הנאמנים, התסיסו את החיים הציבוריים בעיירה הנאה אוסטרולנקה.

הכל נשמד, נחרב ונשרף ע"י הצורר ימ"ש, ולנו, שגדלנו וחונכנו בעיר זו, לא נשאר אלא לשמור את זכרם בלבנו לעולמים.

יהודה יצחקי (חומונט)

חיפה

אנטשטייאונג פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע „התקוה"

אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג 1916־17, ווען די אַסטראָלענקער איינוואוינער האָבן זיך אַנגעהויבן צוריקצוקערן צו זייער שטאָט, האָט זיך געגרינדעט די ערשטע שטאָטישע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ (וועלכע איז געוואָרן מיט אַ צייט שפּעטער די גרעסטע ביבליאָטעק אין אָסטראָ־לענקע), אין הויז פון יאשקע, נאָך נישט טראַגנדיק אויף זיך דאָן קיין שום שטעמפּל פון וועלכער ס'איז פּאַרטיי אָדער פּאָליטישער ריכטונג. אין אַ צייט אַרום האָט מען געדונגען אַ לאָקאַל אויף גאָווארקאָווסקי גאַס, ביים סטאָליאַר אברהם ראָזנבלום און איבערגעטראָגן די ביבליאָטעק אַהינצו.

אין איינעם אַ חול־המועד פּסח, ביי אַ יערלעכער פאַר־זאַמלונג (די יערלעכע פאַרזאַמלונגען פלעגן ס'רוב פּאַרקומען ימים־טובים־צייט), איז אַנטשטאַנען אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן דער יוגנט וואָס איז געווען ציוניסטיש געשטימט מיט דער יוגנט, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צום בונדיזם (די פאַר־טייען זענען נאָך דעמאָלט געווען ווי מען זאָגט: „אין די וויקעלעך"). די עיקר־סיבה פינעם דעמאָלטיקן קאָנפליקט איז געווען, וואָס אייניקע פון די ציוניסטיש־געשטימטע האָבן זיך דערלויבט אויפצוהענגען אין לאָקאַל הערצלס בילד; דאָס האָט זייער שאַרף געטראָפן אין פּינטל פון די, וועלכע זענען געווען הייס־בונדיסטיש געשטימט. פון דעמאָלט־אָן האָט זיך די יוגנט אָנגעהויבן דיפערענצירן אויף אַ פּאַרטייאיש־בולטן אופן און אויך צעטיילט צווישן זיך די ביבליאָטעק. דאָן האָט די ציוניסטישע יוגנט געשאַפן די אַלגעמיינע ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „התקוה" און געהאַט אויך איר אייגענע ביבליאָטעק, וועלכע האָט אגב אויך געטראָגן דעם זעלבן נאָמען.

די פאַרוואַלטונג פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע „התקוה" (וואָס איז אויך געווען די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק), איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע:

יצחק ראַפּאָפּאָרט (פאָרזיצער — היינט אין ישראל), שלמה בענעדאָן (סעקרעטאַר), יוסף וואַנשאַק (געהילפס־סעקרעטאַר — היינט אין ישראל), בערל זאַבלאָדאָוויטש, משה אהרן סאַיקע, שיינע טשאַפּניקעוויטש, רחל בענעדאָן און אַלטער גרינשפּאַן.

יוסף וואַנשאַק, ת"א

תאריכים ואישים במפלגות ציוניות־דתיות

ב־1918, בערך, נוסדה באוסטרולנקה מפלגת „צעירי מזרחי". המייסדים וחברי ההנהלה הראשונים היו: דוד כספי־סרברניק (ישראל), אליעזר סקרובאץ (ישראל), אחיו: הרשל סקרובאץ (הי"ד) ואחרים. הפעולות היו בקרנות (הקרן הקיימת וקרן היסוד), הפצת שקלים, סדרי־לימוד בתנ"ך ושיעורי־ערב לעברית בהדרכת המורה יעקב פילאר. כמו כן בוצעו פעולות תרבותיות אחרות. נואמים היו באים מדי פעם בפעם כדי להדריך ולכוון את פעולתו של נוער דתי זה, כמו: הרב רפפורט, הרב האגר, הרב יצחק פינס מביאליסטוק ואחרים.

מעוננו היה ב„שוק החדש" אצל אלתר־שלמה האופה (מקום מעוננו הקודם, שאף הוא היה ב„שוק החדש", אינני זוכר).



„החלוץ המזרחי" באוסטרולנקה



בשנת 1922 בערך נוסדה מפלגת „המזרחי". המייסדים: ר' אפרים כמיעל (יו"ר), דוד כספי־סרברניק, זלמן גורז'לצאני המורה, מיכל סרנביץ, דב האצק, חיים דרוזנר, ישראל וילוזני, חיים רוזנוביץ ואחרים. סידרנו גם „מנין" מיוחד לתפילה בדירת ביה"ס „יבנה" אשר בחצר בית־המדרש, שבו שימשתי בתור מורה. ה„בעל־קורא" וה„בעל־מוסף" לימים הנוראים היה דב האצק. ר' אפרים כמיעל היה מתפלל „שחריתים". בעל־התקיעה היה דוד סרברניק. בית הספר „יבנה" היה אח"כ לנכס „המזרחי" והתקיים בזכותו. כשבית הספר עבר לביתו ברחוב ציגנסקי עבר לשם גם „המזרחי", ולידו „החלוץ המזרחי" ו„השומר הדתי", אשר יחד היוו עדה ניכרת בפעולות הארגוניות הציוניות והתורניות תרבותיות. שלחו חלוצים להכשרה של „החלוץ המזרחי", ואחדים הספיקו להשלים הכשרתם ולעלות ארצה. אך בזה לא הסתפקנו. לחמנו גם לנציגות ניכרת בכל עניני העיר. בזמן הבחירות לסיים הפולני או לוועד הקהילה התנהלה מלחמה כבדה בינינו ובין יתר המפלגות בעיר. נאבקנו אף עם „אגודת ישראל", אשר נוסדה כמה זמן אחר „צעירי המזרחי" (ב־1923 בערך), כדי „להציל" הנפשות של צעירים דתיים שנתפסו למפלגה „אפיקורסית" זו. בין המייסדים הראשונים של „אגודת ישראל" היו: ר' חיים פנחס גינגולד (שנעשה אח"כ ליו"ר הקהילה באוסטרולנקה), משה נוסקה, לייזר מינץ, לייבל מלינרז'ביץ (בנו של אברהמל גישס) ועוד כמה צעירים־קנאים מחסידי גור.

כדאי לציין, שחלק חשוב למדי של הקהל האוסטרולנקאי היה דתי וחרדי. היו בעיר הרבה „חברות" שישבו ולמדו תורה ברבים, כמו: חברה־תורה, חברת תהילים, חברת משניות, תפארת בחורים וכו'. לחברות אלו היו גם „מנינים" לתפילה משלהן. כמו־כן היו בעירנו מוסדות־צדקה־וחסד, כמו: „לינת הצדק", „הקדש" לעניים ואורחי־דרך, קופות של גמ"ח וכו'.

יש להזכיר את העובדה שמנדל גדנקן, אשר בתחילה היה ציוני דתי, נעשה במשך הזמן לציוני כללי מובהק, ובתור שכזה זכה להתמנות לראש הקהילה.

רוצה אני להזכיר כאן אחד מאוהדי „המזרחי", את זיסקינד זוסמן, יהודי יקר ועסקן ציבורי, בן־תורה ונעים־הליכות, עסק בקופת־גמ"ח העירונית והיה מעוזריו ומיועציו של ר' אפרים כמיעל, אחד ממנהליה הראשיים של קופה זו. היה לו בית־מבשל בירה בשותפות עם שמחה פיאנקו. נספה ע"י הנאצים יחד עם משפחתו (השאיר אחריו בן בישראל: שלמה זוסמן, ובת בארגנטינה שיבל"א) ויחד עם רוב האנשים הנזכרים לעיל.

לטובה ייזכר גם ר' אליעזר אלי' זוסמן (אחיו של אהרן זוסמן), שאחרי נשאו את בתו של ר' משה נוסקה טייטלבוים נעשה מפעילי המזרחי ומתומכיה הנכבדים של ביה"ס „יבנה". היה פעיל במפעלים הארגוניים והכספיים של המזרחי ושל ההסתדרות הציונית בעיר.

דוד כספי (סרברניק)
תל־אביב

„השומר הדתי"

כשחזרתי מישיבת לומז'ה לביתי לחג הסוכות תרצ"ג כבר מצאתי בעיר קבוצה של „השומר הדתי", שאורגנה ע"י גורז'ל־צ'אני והאחים צבי ושמואל סקרובאץ'. ביום החג אחר־הצהרים נתבקשתי להרצות לפני חברי „השומר הדתי". באו גם אנשי „המזרחי" ו„החלוץ המזרחי", וזו היתה הרצאתי הראשונה בציבור (מלבד דרשת הבר מצוה...). מאז התחלתי להתענין ב„השומר הדתי" ועמדתי בראשו שנים אחדות.

בשנת תרצ"ח כבר הגיע מספר החברים ב„השומר הדתי" ל־120. בהנהלת הקן היו האחים דנציגר, ויינשטוק, חיה כרמפץ (זכתה לעלות ארצה אחר השואה ונפטרה בתל־אביב). בין ראשי הקבוצות היו אחי יהודה ואחותי רחל (כעת בארץ), משה גרבר (כעת עו"ד במונטבידיאו), משה סירוק (כעת פקיד בעירית ירושלים), גדליה גורז'לצ'אני (עלה ארצה במסגרת עלית הנוער ונספה בארץ). קן השומר הדתי פיתח פעולה חינוכית־תרבותית ענפה; התנהלו בו שיעורים בעברית ובלי־מודי היהדות; אימוני ספורט, מחנאות; הוקמה ספריה עברית; הוצא עתון קיר ונערכו הצגות והופעות פומביות ע"י חוג דרמתי. בזמן האחרון כבש „השומר הדתי" את המקום הראשון באיסוף כספים לקרן הקיימת. הקן הועבר לאולם גדול, שאיפשר עריכת פעולות בקבוצות ובהמון. החברים השתתפו במחנות־קיץ, יצאו להכשרה, אולם רק יחידים זכו לעלות. בצער ובכאב אני מזכיר את מאה ועשרים הנערים הרכים, שהיו נלהבים לתורה ועבודה, נשאו את שירת התחיה בפיהם וצעדו צעדים ראשונים בשבילי הגאולה והפדות עד שעלה הכורת וגדעם — הי"ד.



„השומר הדתי" באוסטרולנקה



חברי „השומר הדתי" בכינוס מדריכים

חיים חמיאל

על התנועה החלוצית והציונות־העובדת באוסטרולנקה

לזכר חברים וידידים, ציונים וחלוצי־עם, שנתנו מזמנם ואונם למען הגשמת הציונות ובנין המולדת. ברגשי כבוד מזכיר אני את מנחם ביאלי, פסח הוכברג, אַנשל לב, ברל זבלודוביץ, מוטל ז'וטקביץ, יחיאל שאַפרן, יעקב לב, רוזנבוים, האחים באיוק, מנדל שלפמיץ ומשה אהרן סויקה שנספו בשואה, הי"ד; אביגדור אייזנ־שטיין (שנפטר בצעירותו באוסטרולנקה); דוד לב, אביגדור קופפרמינץ, וילוז'ני ושחר פינקלשטיין (שנפלו למען המולדת); משה מרגלית והרץ סויקה (שנפטרו בארץ) ואחרים. יהיו־נא שמותיהם חרותים בלבנו.

א

בהרבה עיירות בפולין ביקרתי, ותמיד הייתי משווה אותן לעיירה שלנו, אבל בעיני אוסטרולנקה נשארה משהו יחיד במינו. הנוף היפה של עיירתנו, הנהר נאראַב העובר בה, הגשר הארוך והיפה אשר מעליו והאגמים אשר מסביב לו, הרחובות היפים, השוק, הבתים, גן־העיר על עציו ופרחיו המרובים, הנוער מלא־החיים. אכן החיים בעיירה היו עשירים ומלאי־טעם. היתה דאגה לעניים, לעוברי־אורח, וכל מי שבא לעיירה הרגיש עצמו כאילו הוא נמצא בביתו. מה צר, שכל זה הושמד והלך מאתנו בצורה כל־כך טראגית.

בתוך החיים הללו צמחה וגדלה תנועה חלוצית: מפלגת „פועלי ציון", „השומר הצעיר" והסתדרויות נוער אחרות. חרף כל הטוב והיפה צר היה המקום לנוער היהודי שלנו. תמיד ליוותה אותנו ההרגשה, כי אנו אזרחים ממדרגה שנייה בפולין זו, שזה לא כבר השתחררה מעול זרים והגיעה לעצמאותה.

והלוא קדמו לכך השנים המרות של מלחמת העולם ומל־חמת רוסיה־פולין.

יום פרוץ המלחמה בין רוסיה וגרמניה ב־1914, יום שחור היה לעולם, ובמיוחד ליהודים ולעיירה שלנו. יום תשעה באב היה, והיהודים הלכו לבית־הכנסת לתפילה ולקינות. ומיד

לאחר־כך הסתגרו בבתיהם. הקוזקים פשטו בעיר והתחילו להשתולל ולפרוץ לבתים. כל המעברים באוסטרולנקה נסגרו. המעבר הראשון שנסגר היה הגשר. העיר נהפכה לקסרקטין של צבא. הכניסו חיילים לבתים הפרטיים. הגיעו לעיירה מגורשים ממישיניץ וקדז׳ידלה, חלקם התישבו אצל קרובים וידידים, חלקם בבתי־התפילה וחלקם נסעו הלאה. הרוסים סידרו בעיירה רכבת קטנה שנמשכה ע״י סוסים. הרכבת באה מלומז׳ה והובלה דרך רחוב פרני, דרך הגשר למישיניץ. היהודים הוכרחו להחזיק את החנויות פתוחות גם בשבת. באותה תקופה היתה לחייטים, לסנדלרים ולנגרים תעסוקה מלאה בסיפוק צרכי הצבא. אבל לאחר כמה חדשים התחילה התקדמות הגרמנים ותוך זמן קצר התקרבו לעיירה שלנו, ואז נצטוו כל היהודים לעזוב את העיר. התעוררה הבעיה: איך יוצאים מהעיר ומניין משיגים עגלות, כי תחבורה אחרת לא היתה. כסף רב נאלצו היהודים לשלם לגויים במחיר הסעתם לעיירות אחרות. סבלם של היהודים היה גדול מאוד. במשך כמה שעות צריכים היו לפנות את העיר. השעה האחרונה לעזיבת העיר היתה השעה 4 אחה״צ, ומי שלא הצליח להשיג עגלה עד אותה שעה נאלץ ללכת ברגל. בשעה ארבע לא נותרו יהודים בעיירה. כשהגענו לכפר לסקובצי ראינו את הלהבות העולות מן העיר. נשארנו עומדים כמה רגעים והתבוננו איך העיר נשרפת לעינינו. ללומז׳ה הגענו בשעות השחר ולא ידענו לאן לפנות. חלק רץ לבתי־הכנסת למצוא מקום, חלק התחיל פונה אנה ואנה ומחפש דירה, ביניהם גם המשפחה שלנו. בשעה שמונה בבוקר באו סבא ואבא והודיעו לנו, שמצאו מרתף אבל תחילה יש צורך לנקותו מפני שהוא עזוב ומלוכלך. רצנו מיד אל המקום, מחשש שמא ייתפס על־ידי אחרים. מתוך רחמים צירפנו אלינו עוד משפחות אחדות, וכשגמרנו לנקות ולסדר את המרתף, נתברר שאין די מקום לכולנו לא רק למשכב, אלא אפילו לעמידה. ובכל זאת, בצפיפות הזאת, הסתדרנו איכשהו. בימים הראשונים ישנו במשמרות. מצבם של הפליטים הלך והחמיר, כי סבלנו לא רק ממצוקת דיור, אלא גם מחוסר מזון. התהלכנו רעבים.

תוך זמן קצר כבשו הגרמנים את העיירה שלנו, וגם את לומז׳ה. ביום שנודע לנו על כניסת הגרמנים, פנתה קבוצת אנשים, ואבי ביניהם, וביקשה מהשלטונות הצבאיים הגרמניים, שיאפשרו לנו לבקר באוסטרולנקה. המשלחת יצאה השכם בבוקר והבטיחה לחזור עוד באותו יום, אבל ציפייתנו הארוכה היתה לשוא. המשלחת חזרה רק למחרת ומסרה על כל מה שקרה בעיר. נתבשרנו, שהעיר נשרפה ע״י הרוסים, כי נשארו רק בתים בודדים בסביבת העיר, במקום מגורי הגויים, וכן הבתים של בן־אדם. בכל זאת החלטנו לשוב לעירנו השרופה. הקהילה בלומז׳ה לא חסכה מאמצים ודאגה לעגלות ולקצת מזון.

בקשיים עצומים הסתדרו החוזרים בבתים, שתים־שלוש משפחות בדירה. החיים התחילו להתנהל מחדש. הגרמנים מינו את משה אהרן קצ׳ור לראש העיר, את אהרון יעקב מרגלית ליושב־ראש הקהילה היהודית. פסח הוכברג נתמנה אחראי על השמירה ונהפך לשוטר, ואתו יוסל אשר, ברל ביוק ואחרים. בינתיים סודר מטבח עירוני וצריך היה לעמוד שעות בתור כדי לקבל קצת מרק. לאחר זמן קצר נתקבלו הרבה בגדים משומשים מאמריקה.

מחמת הצפיפות והתנאים הסאניטאריים הקשים, התפשטה מחלת הטיפוס, אשר פגעה במשפחות שלמות. לא היתה כמעט משפחה, שלא פגע בה הטיפוס. גם במשפחתנו פגע הטיפוס באופן קשה, ותוך שבוע נפטרו סבא ואביו של הסבא ודוד. אבל החיים דרשו את שלהם, היהודים התאוששו לאט־לאט והתחילו לנסוע לוורשה, חרף קשיים עצומים. כדי לנסוע לוורשה נדרש רשיון מיוחד, וכל מי שקיבל רשיון צריך היה לעבור קרנטין, אבל בעל רשיון הצליח גם להרויח קצת לקיומו.

כך התחילו החיים מחדש, התחילו לבנות בתים, לשקם את הגשר, לבנות את בית־המדרש, נפתח בית־ספר, באו מורים מהחוץ, ובהם האחים לנדאו, לוינסון ואחרים. הגיעה גם משפחה מוורשה בשם שטוקמן. אחד מבניה הגדולים נתמנה למזכיר העיר. הוא היה איש משכיל, וידע יפה גרמנית, ואילו יתר הילדים התחילו לחיות את חיי העיר ולהתיידד עם הנוער המקומי.

שיקום העיר התנהל בקצב מזורז. השלטון הגרמני, בעיקר ע״י חברות אמריקניות, העניק משכנתאות. העבודה היתה מרובה. בני משפחת טקסון, שהיו בעלי־מקצוע בבנין, נעשו קבלנים והעסיקו עשרות פועלים. טוביה וילוז׳ני ומשפחתו קיבלו בעיקר את עבודות הגגות על הבתים. הגיעו גם בעלי־מקצוע מסביבה, וכה התחילו החיים בעיר מחדש.

בניית בית־הכנסת* היתה מאורע חשוב לעיר. כל יהודי מגיל 14 צריך היה לתרום יום או יומיים של עבודה לניקוי ההריסות. יש לשבח את הרב בורשטיין ועמו כל אלה שמסרו הרבה זמן והשגיחו על בנית בית־הכנסת. נבחרה ועדה מיוחדת, שחבריה היו אהרן יעקב מרגלית, איציל סויקה, מנחם פרידמן, סבא שלי נחמיה, זיסמן זיסקינד ואחרים.

די מאורעות אין 1929 און דאָס פאַלן פון אונדזער דוד לעוו אין קאַמף, פאַרטיידנדיק ירושלים — דערשיטערן די רייען פון דער חלוציש־ציוניסטישער יוגנט אין אונדזער שטאָט. עס רופן צו פּראָטעסט קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט אין א"י אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און גרופּעס. אין הויף פון בית־המדרש קומט פאָר דער פּראָטעסט. עס קומען אַלט און יונג אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן דער ענגלישער א"י־פּאָליטיק. דאָס אַלץ שטאַרקט דאָס געפיל פון יידישן ווידערשטאַנד, רופט אַרויס אַ נייעם פאַרמעסט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־

*) זע סקויטן־בילד זייט 120.

ציעס און בתוכם דער „השומר הצעיר״. דער השומה״צ־אידעאַל הויבט אָן אַריינצודרינגען אַלץ מער און מער אין גרויען לעבן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין אָסטראָלענקע און ווערט אַן ערנסטער קאָנקורענט פון „בונד״. אויך די „פּושקע״ פון קרן־קיימת און קרן־היסוד־אַקציע דרינגען אַריין אין די הייזער פון דער יידישער באַפעלקערונג און ווערן אַ הייליקע זאַך. אויך דאָ לעבט־אויף דער השומר הצעיר מיט דער הילף פון פסח האָכבערג. זיין ווירונג ווערט כמעט דער צענטער פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין אָסטראָלענקע. פסח האָכבערג באַקומט אַ גאָלדענעם „חזק־ואמץ־מעדאַל״ אַלס אויסצייכענונג פון דער הנהגה הראשית פון „השומר הצעיר״ פאַר זיין מסירת־נפשדיקן זיך ווידמענען דער דאָזיקער סקויטן־אָרגאַניזאַציע (דאָס פלעגן נאָר באַקומען געוויסע פּערזענלעכקייטן פאַר זייערע זיך־אויסצייכנדיקע השומר־הצעיר־טעטיקייטן). עס ווערן געשאַפן אָוונט־קורסן אונטער דער לייטונג פונעם באַקאַנטן העברעאישן לערער גדליה ראָזנבוים. עס ווערט געשאַפן די „תרבות״־שול. די דאָזיקע שול האָט, ווי באַקאַנט, עקזיסטירט אין אָסטראָלענקע נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר, מחמת דער אוממעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אַזאַ שולע, סיי פינאַנסיעל, סיי מחמת דער קעגנערשאַפט פון דעם עקסטרעם־רעליגיעזן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָך האָבן מיר ווייטער פאָרגעזעצט די העברעאישע קורסן און די שפּראַך געבראַכט צו דער גאַס.

מיט דער צייט גרינדן זיך הכשרה־קיבוצים. דער ערשטער צוניפקום פונעם הכשרה־קיבוץ „המעפיל״ קומט־פאָר אין אָסטראָלענקע. ס'ווערט געגרינדעט אַ הכשרה־פּונקט אין כמיעלניק (קעלצער קרייז), וווהין עס פאָרן 12 חברים, צווישן זיי 4 אָסטראָלענקער: יהודה כאָמאָנט (יצחקי), פייגע גראַנאָוויטש, שיינע צאַלקא, חיים פּיאַסעטשני. דאָרט טרעפן מיר זיך אָן מיטן טאָג טעגלעכן גרויען לעבן און מיט זיינע שוועריקייטן... כמיעלניק־וויעזשבניק — דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך, און נישט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר איינצלהייטן.

בריסק. 1934. די לעצטע תחנה (סטאַציע) פונעם חלוציִשן וואַנדער און דער אָפּפאָר נאָך ארץ־ישראל. אַ נייער דור מיט פרישן לעבנס־שטייגער האָט פאַרנומען די פּאָסטנס פון די אַלטע חברים אין השומר, שפּינענדיק ווייטער דעם פאָדים פון זייער אידעאַל...


די אַלע שומרים און חלוצים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט הכשרות, געשטאַנען שוין ביים ראַנד פון עולה־זיין אין א״י, נאָר האָבן נישט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זייער חלום מחמת דעם וואָס זייער לעבן איז טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן דורך די טמא'דיקע היטלעריסטישע באַנדעס — וועלן אייביק געדענקט און דערמאָנט ווערן דורך די אָסטראָלענקער שומרים און חלוצים אין מדינת ישראל, און תמיד לעבן אין זייערע הערצער.

חיים פּיאַסעטשני, תל־אביב

דער „החלוץ"

אין אָנפאַנג פון די 20־ער יאָרן האָט זיך געגרינדעט דער „החלוץ" אין אָסטראָלענקע. זיין ערשטער לאָקאַל איז געווען אויפן לאָמזשער שאָסיי ביי וואַלצן, ווו ס'איז פריער געווען אַ פאַבריק.

די ערשטע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: משה ליטווער — פאָרזיצער, יחיאל שאַפראַן (קולטור), אברהם שלעזינגער (קאַסירער און בוכהאַלטער) און פריילין אסתר איזראַעל.



פאַרוואַלטונג פון „החלוץ". פון רעכטס (זיצן): משה ליטפער, אסתר איזראַעל, אברהם שלעזינגער. פון רעכטס (שטייען): יחיאל שאַפראַן, דוד לעוו.

אין דער 2־טער פאַרוואַלטונג — די אויבנדערמאָנטע מיט דוד לעוו.

די ערשטע חברים אין „החלוץ": משה אהרן סאָיקע, שלמה בענעדאָן, הערץ לעשטש, וועלוול געדאַנקען, יחיאל שאַפראַן, חנה קופּפערמינץ, אלי באַיוק, אביגדור קופּפערמינץ, גראָסמאַן, אברהם שלעזינגער, הערצקע סאָיקע, חיה גוטמאַן, בן־ציון פּיאַנקע, יוסף אהרן לעשטש א. אַנ. עס איז צו באַמערקן, אַז די גרינדונג פון דעם „החלוץ" און די שפּעטערדיקע פאַרשטאַרקונג פון זיינע רייען, איז געקומען אַ דאַנק די ענגע אָפיציעלע פאַרבינדונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיטן צ. ק. פון החלוץ אין וואַרשע. דע סעקרעטאַרן: ה. פונט, דערנאָך ה' ראַשיש, און גאָר צום אָנהויב: דער באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן א.ן שרייבער יוסף העפּטמאַן ז"ל, האָבן אַריינגעבלאָזן אַ נשמה אין דער דאָזיקער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. מיט די ערשטע 2 אויבנדערמאָנטע איז דער „החלוץ" געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט.

דער „החלוץ" האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין יעדער ציוניסטישער טעטיקייט. זיינע חברים זענען געווען פאַרטרעטן אין אַלע ציוניסטישע אָרט־קאָמיטעטן, ווי: קרן קיימת, קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, ארץ־ישראל־אַמט, קרן־היסוד א. אַז. וו. דער „החלוץ פלעגט אַרויסשיקן יונגע חברים אויף הכשרה ביי פלאַנצונג און פעלד־אַרבעט אין דערפער און פּריוואַטע הויפן מיטן ציל זיך צוצוגרייטן פאַר ארץ־ישראל.

אין יאָר 1925, בערך, איז אַ גרופּע חברים אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין קיבוץ „יוסף הגלילי", וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין דער סביבה פון סטוטשין, אָרגאַניזירט דורכן לאָמזשער החלוץ־קרייז, צווישן זיי: דוד לעוו א. אַנד.

דער צ. ק. פון „החלוץ" פלעגט גאָר נישט לייכט פאַרטיילן די צוגעטיילטע סערטיפיקאַטן, וואָס ער פלעגט באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע, צווישן די חברים, וואָס האָבן זיך אפילו אויסגעצייכנט אין זייערע הכשרה'ס. בפרט נאָך אין די דעמאָלטיקע תנאים פון דער ענגלישער מאַנדאַט־הערשאַפט. דאָך האָבן אין נישט ווייניק פאַלן, די אָסטראָלענקער חברים באַקומען זייערע סערטיפיקאַטן דורכן „החלוץ" און עולה געווען, ווי: מאיר מרגלית (געפאָרן דורכן „החלוץ" פ.ן לאָמזשע) און נאָך און נאָך אַנדערע.

דער „החלוץ" איז ווי באַקאַנט געווען אומפּאַרטייאיש, דאָך איז ער געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די לינק־ציוניסטישע פּאַרטייען און קרייזן, דורך וועלכע ער איז געשאַפן און ממילא אָנגעפירט געוואָרן, כאָטש עס זענען געווען שטעט, וואָס סיי די גרינדער פון החלוץ, סיי די אַלע שפּעטער־צוגעקומענע חברים האָבן געהאַט אַ בפירושע נטיה צו דעם אַלגעמיינעם ציוניזם (אַ פאַקט, אַז מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער צ. ק. פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן צו גרינדן אומעטום אַ „חלוץ הכללי").



פאַרוואַלטונג פון „החלוץ" אין י. 1922 מיטן חבר פון צ. ק. (צענטראַל קאָמיטעט). אין וואַרשע: ה' פונט (3־טער פון רעכטס, שטייענדיק) און פסח האָכבערג (2־טער פון רעכטס, שטייענדיק)

אין יאָר 1924 גייט אַריבער דער „החלוץ" אין לאָקאַל פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ביי לעשטשינסקען, אויף דער לאָמזשער גאַס.

לויט א. שלעזינגער, תל־אביב



ערשטע חברים
אין „החלוץ״



אויף אַ כינוס (צוזאַמענ־
פלי) פון „החלוץ״ אין
נאָוויגראַד



דוד לעוו (אינמיטן) מיט זיינע פּאַרטיי־חברים
(לעצטער פון רעכטס: אביגדור אייזנשטיין)

אַ גרופּע חלוצים פון פאַרשידענע שטעט אויף הכשרה אין ביאַלאשעווא (אַ דאָרף לעבן שטוטשין) צווישן זיי חברים פון אָסטראָלענקער „החלוץ״ ווי: דוד לעוו, אביגדור אייזנשטיין, אברהמל שלעזינגער, אליעזר לאַכאָוויטש, סגל, לעווקאָ־וויטש, פערקאַל, זילבערשטיין.





אַ בלימל־טאָג פאַרן „החלוץ״ מיט פסח האָכבערג



„גיט ערד דעם יידישן חלוץ״ — אַ בלימל־טאָג אין י. 1922 מיט יצחק ראַפּפּאָרט (אין צענטער), פּאָרזיצער פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „התקוה״ אין אָסטראָלענקע

„החלוץ" ב־1932

אחרי כמה שנים של שיתוק מוחלט בפעולות „החלוץ" הכללי של א"י העובדת באוסטרולנקה (בערך 3 שנים), נתחדשו שוב פעולותיו ב־1932 ביזמתי ובעזרתם של החברים: יהודה יצחקי (חוֹמוֹנט), ווֹלפקה רובינשטיין ועוד. ההפסקה הארוכה נגרמה מכמה סיבות: א. מאורעות הדמים בא"י ותוצאותיהם ב־1929 הפסיקו כמעט כליל את העליה. להיפך: רבים חזרו אז מהארץ ובתוכם גם אוסטרולנקאים כמו: אחיו של דוד לב (הי"ד), שהיה מן הקרבנות הראשונים במאורעות, ואחרים. ב. המועמדים הרציניים להכשרה ולחיי קיבוץ, השתייכו אז ל„השומר־הצעיר", תנועת־הנוער היחידה בעיר, שהצליחה למשוך לשורותיה המוני בני־נוער. לתנועת הנוער ממפלגת פוע"צ־„פרייהייט" לא שיחק המזל. היא היתה דלת אוכלוסין. רבים מהם חשבו ברצינות לצאת להכשרה ולקיבוץ, אבל עד מהרה נוכחו לדעת, כי מתנועה זו הדרך לארץ־ישראל היא אֲרֻכָּה ארוכה מאד. רובם עזבו את השומה"צ וממילא כבר לא באה בחשבון יציאה לקיבוץ ולהכשרה. כולם השלימו עם המצב שנוצר, אף־כי לא עזבו את תנועת א"י העובדת; התקוה להגשים אי־פעם את הרעיון הציוני לא נחלשה בקרבם, והם נשארו נאמנים בתוך המחנה, אבל בלי עול של קיבוץ ועליה. וכיון שחסר היה להם מקום מפגש לבלות את הזמן בצוותא — מצאו להם תחליף רצוי, והוא: „הפועל", שנוסד לא מזמן. משנכנסו ל„הפועל" נשמו כולם לרווחה. הנסיעות עם קבוצת הכדור־רגל למשחקים, הטיולים עם התזמורת לנשף־ריקודים בעיירות הסמוכות, אירועים ספורטיביים, הפלגות, פגישות, מסיבות — כל זה בא כתחליף־זמני להגשמת הרעיון הציוני החלוצי הנחלש. אולם מצב זה לא נמשך זמן רב, ההתאוששות באה מיד אחרי הקריאה הראשונה מצד כמה חברים שקיבלו על עצמם לארגן מחדש ולשקם את סניף „החלוץ" הכללי, המנוף להכשרה, לקיבוץ ולעליה.

בזמן ההוא נפגשתי תכופות עם יהודה יצחקי (חוֹמוֹנט), שוחחנו ארוכות על „החלוץ" ואפשרויות של עליה. בפגישות הללו הוחלט והוסכם בינינו *) לשקם את התנועה הזאת. קראתי לכמה חברים לביתו של ווֹלפקה רובינשטיין ולפי רשימה שסידרנו מראש שלחנו הזמנות לאסיפה עם סדר־יום קצר: 1. שיקומו של סניף „החלוץ" בעיר, 2. שונות. את ההזמנות חילקנו בעצמנו ומסרנו אותן לכל אחד בידו וביקשנו שישתדלו לבוא, כי נוכחותם חשובה עד מאוד. ואכן, ביום ובשעה המיועדים התאספו כ־30 איש באולם ששכרנו בכספי המארגנים. האסיפה התנהלה לפי סדר־היום המתוכנן. שררה רוח חגיגית, הבנה מלאה וכולם קיבלו את הדבר ברצינות ובהתלהבות כאילו חיכו למעמד הזה. בו במקום נבחר ועד בהרכב של 3 חברים: חוה זבלוּדוֹביץ, שלמה זוסמן וחבר יאשה מקיבוץ ההכשרה בעירנו („המשמרת"); בתפקיד מזכיר כיהנה נציגת השמה"צ חוה, באשר היא התמצאה בעבודה זו. אצלה היו גם החותמת של „החלוץ", הארכיון וכל החומר מהמזכירות. היא טיפלה בכל זה גם בזמן של חוסר פעולה ב„החלוץ"; עמדה בקשר עם מרכז „החלוץ" ודיווחה מזמן לזמן על הנעשה והנשמע בסניף „החלוץ" הכללי באוסטרולנקה, שהשתייכו לו בוגרי השומה"צ ו„פרייהייט".

מספר החברים היה אז קטן מאד, כמעט אפסי. קרן אור יחידה בזמן שיקומו של החלוץ באה דוקא מתנועת הנוער „פרייהייט" (זאת שלא ידעה למשוך את הנוער לשורותיה). שני בוגרי־„פרייהייט" היו אז בקיבוץ ההכשרה בלידא־ניאֶמאן, היחידים בכל המחנה של א"י העובדת באוסטרולנקה. ואכן פוע"צ־„פרייהייט" התגאו בהם בזמן ההוא של חוסר פעולה ב„החלוץ", ואלה הם: יעקב גרצק (הי"ד) ויבל"א צבי דוֹרפמן. בתחילת 1932, עוד לפני שיקומו של „החלוץ", יצאו יחדיו לקיבוץ־הכשרה, וכעבור חצי שנה אושרו מטעם הקיבוץ לעליה. צבי דוֹרפמן עלה בפברואר 1933 בסרטיפיקט של החלוץ. היה החלוץ הראשון שהגיע לארץ מאוסטרולנקה לאחר ההפסקה בגלל המאורעות של 1929. אחרי זמן קצר לשהותו בארץ העלה את כל משפחתו: הוריו ושני אחים. כולם התאזרחו, השתלבו בחיי הארץ ונמצאים בישראל. יעקב גרצק הי"ד נתקל בקשיים כספיים ולא יכול היה לגייס את הסכום הדרוש להוצאות הדרך. מסיבה זו דחה את עליתו. בינתיים נמסר הסרטיפיקט למישהו אחר. גרצק קיווה עוד לעלות, אך לא הספיק ונספה בידי המרצחים הנאצים יחד עם כל בני משפחתו. יהי זכרו ברוך.

העבודה בסניף „החלוץ" המשוקם היתה רבה. ארגנו שיעורי־ערב לעברית, לילות שבת, הרצאות על נושאים ספרותיים, שירה בציבור, אספה כללית פעם בשבוע וכו'. השתתפנו במגביות קק"ל, קרן־היסוד, קרן א"י העובדת, קרן החלוץ; היינו פעילים בכל הארגונים במחנה הציונים בעיר. „החלוץ" הכללי היה לשם־דבר בעיר ושמו הלך לפניו. בזמן קצר מאוד מנה „החלוץ" קרוב למאה איש. בין החברים המסורים והפעילים במחנה הא"י העובדת בכלל וב„החלוץ" בפרט, התבלט במיוחד החב' ווֹלפקה רובינשטיין הי"ד, ריע וחבר טוב, אהוב על הכל, עניו, ישר־לב ונחבא אל הכלים. תמיד היה מהראשונים לכל קריאה וצו; עבד ללא ליאות למען המפעל הציוני עד ימיו האחרונים. מגיל צעיר עבד בבית־המלאכה של אביו. אחרי מותו נשא לבדו בעול פרנסת־משפחתו. מסיבה זו היתה קשה עליו היציאה לקיבוץ ולהכשרה. הוא קיווה כי באחד הימים יצליח להצטרף למחנה המגשימים ולא זכה. נספה יחד עם בני משפחתו. יהי זכרו ברוך.

התבססותו והצלחתו של „החלוץ" הכללי עלה על כל המשוער. הצטרפו אליו אנשים שהיו רחוקים בכלל מהרעיון הציוני החלוצי ונקלטו מהר והיו לחלק בלתי־נפרד מוותיקיו ועושי־דברו. העבודה בסניף התנהלה כסדרה. ההשתתפות היתה גדולה. החברים היו מוכנים לצאת להכשרה ולקיבוץ. הרשימה של 10 החברים הראשונים הוכנה.

המחזור הראשון מאז שקיומו של „החלוץ" היה מוכן לצאת להכשרה כהקדמה למשלוחים ולמחזורים הבאים. זכורני כשראיתי את הרשימה הזאת לועד התנגדו חוה ויאשה (חברי

*) זה היה בשער הבית של משה שרדני הי"ד. יהודה היה שם יוצא ונכנס ועמד אתם בקשרי מסחר.



„גוש גרוכוב" (קיבוץ־הכשרה) — פלוגה בצ'כאנוב 1935. עם: שלמה זוסמן (ה־5 מימין בשורת היושבים), יהודה זמלסון (ה־8 מימין בשורת העומדים).

הועד שפעלו מטעם השוה"צ) להכללת חברי אלו ברשימה הראשונה. על אף התנגדותם מילאתי את השאלונים והחתמתי אותם בחשאי (עשיתי מעשה נועז, כי החותמת היתה בידם) ושלחתים למרכז „החלוץ" בוורשה. כעבור שבוע הגיעו האי־שורים מהמרכז בשביל כל החברים שנכללו ברשימה הנ"ל יחד עם חלוקת מקומות הכשרה בכל רחבי פולין... כשהדבר נודע בסניף היתה השמחה רבה. כולם איחלו ליוצאים הצלחה וקליטה קלה. רבים קינאו בהם ואיחלו לעצמם להיות בקרוב במצבם...

בינואר 1933 יצאו עשרת החברים הראשונים לקיבוצי הכשרה: יהודה יצחקי (חוֹמוֹנט), שלמה קאַצ'ור — לווילנה, בצלאל מרקוביץ — ללודז, שלמה זוסמן ויהודה זמלסון —



„חוטבי עצים" בגוש גרוכוב

ה־2 מימין (בין חוטבי העצים): ש. זוסמן, האחרון מימין (עומד): י. זמלסון.



בקיבוץ־הכשרה „בורוכוב" בלודז׳, 1934.
מימין: זיסקינד לחוביץ, בצלאל מרקוביץ, חמיאל אברהם, ליובקה לוין.

לגרוכוב, חיים פיאַסצ׳ני ולייזר לחוביץ — לבריסק; משה הערש פיאַסצ׳ני, בנימין מלאך, חנא אייזנשטיין — לברנוביץ. ההמשך היה באביב של שנה זו. יצאו ללודז׳: ליובקה לוין, זיסקינד לחוביץ, אחר־כך הצטרפו אליהם: אברהם חמיאל וחנוך (העניך) גינגולד. המחזורים לקיבוצי־הכשרה באו גל אחר גל. מי שרצה והיה מוכן יכול היה להצטרף למחנה החלוצי הגדול, שפעל במקומות הכשרה והתכונן לעליה לא״י.

רוצה אני להוסיף לרשימה הנ״ל שמות של חברי „החלוץ" באוסטרולנקה שעשו בקיבוצי הכשרה בפולין (יסלחו לי אלה אשר לא נשתמרו בזכרוני ופסחתי עליהם). ואלה הם: צירל פרקל (הי״ד), רחל בלאחוביץ (ישראל), נחמה צוקרקורן (ישראל), חנה גלובץ (הי״ד), סימה שפירא (ישראל), ישראל אסטנוביץ (הי״ד), יהודה אריה זלוצ׳יסטי (הי״ד), חנא דויף (הי״ד), נחה יטקה צאפניקביץ (הי״ד), שיינה דורפמן (הי״ד), חוה זבלודוביץ (ישראל), יוספה ריץ (ישראל), יוספה מלובנה (ישראל), גיטה רובינשטיין (הי״ד), שיינה יאגודה (ישראל), אסתר אייזנשטיין (ישראל), רבקה ויינקראנץ (ישראל), חוה ויינקראנץ (ישראל).

מן המחזורים האחרונים לפני השואה לא הצלחנו לזהות את כל השמות; בטוחני שמספר החלוצים, שחיו ופעלו בקיבוצי הכשרה בפולין מסניף אוסטרולנקה, היה גדול הרבה יותר. רבים מאלה שהזכרתי לעיל אושרו לעליה מטעם הקיבוצים ולא הספיקו לעלות בגלל המלחמה. רבים מהמחזור הראשון שיצאו להכשרה ב־1933 עלו ב־35—1936 לארץ.

נעלה נא על לבנו את זכרם של כל בני הנוער החלוצי מבני אוסטרולנקה והסביבה, חלוצים בכל נפשם ומאודם, אשר חלמו על ציון והשתוקקו לעלות ארצה, אך היד הטמאה של המרצחים הנאציים הפסיקה באכזריות איומה את רקמת חלומותיהם ומשאת־נפשם.

יהי זכרם ברוך לעולם.

שלמה זוסמן (תל־אביב)

„פ ר יי ה יי ט"



אין יאָר 1928 האָבן מיר אַ גרופּע חברים באַשלאָסן צו גרינדן די „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע. די חברים זענען באַשטאַנען פון געוועזענע מיטגלידער אין „השומר הצעיר" ווי אויך סימפּאַטיקער, וועלכע פלעגן קומען אין דער „התקוה"־ביבליאָטעק, וואָס איז באַהערשט געווען פון די „פועלי־ציון" (צ. ס.), און אויך פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס זייערע אָנפירער זענען דאַן געווען: יצחק ראַפּאָפּאָרט, די ברידער בענעדאָן: שלמה, אליעזר און אַנד. די איניציאַטאָרן פון דער „פרייהייט־אָרגאַניזאַציע: בערל זאַבלודאָוויטש, מאָטל זשאָטקעוויטש, יחיאל שאַפּראַן, יוסף פינקלשטיין און אַנד. אַזוי ווי מיר, די פרייהייט־גרופּע, האָבן קיין באַזונדערע גרויסע דאגות נישט געהאַט ווי צ. ב. ש. אויסהאַלטן אַ לאָקאַל פאַר דעם צוועק א. ד. גל., האָט דאָס אונדז טאַקע דערמעגלעכט צו פירן אונדזערע אַרבעטן פאַר דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע גאַנץ אינטענסיוו. כאָטש אונדזער אויפגאַבע צו ווערבירן נייע חברים איז געווען גאָר נישט קיין לייכטע, ווייל דער בירגערלעכער עלעמענט און די שול־יוגנט האָבן זיך שוין דאַן געקלאַמערט אַרום „השומר־הצעיר", וועמענס השפעה איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אין שטאָט; די אַרבעטער־יוגנט איז שוין געווען אָרגאַניזירט אין אַנטי־ציוניסטישע פּאַרטייען, ווי דער „בונד", די קאָמוניסטן. ווי שוין ערגעץ געזאָגט, איז דער בונד געווען זייער אַ שטאַרקער פאַקטאָר אין לעבן פון אונדזער שטאָט. די רייכע פּרץ־ביב־ליאָטעק, די שטאַרקע קולטור־אַרבעט וואָס זיי האָבן געפירט האָט זייער איינפלוס אויף דער שטאָטישער יוגנט פאַרפיל־פאַכט. דאָך האָבן מיר גרופּירט אַרום אונדז אַ גאַנץ שיינע יוגנט, סאָציאַליסטיש־ציוניסטיש באַוווסטזיניק און דערביי גע־פירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויסאיבנדיק אַן איינפלוס אין איינהאַלטנדיק אין אַ געוויסער מאָס דעם גאַנג צו אַנדערע פּאַרטייען.

אונדזער טעטיקייט פאַרן קרן קיימת לישראל

מיר, אַלס חברים פון „פרייהייט", האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון די ציוניסטישע קרנות. דער יושב־ראש ה' פסח האָכבערג ז"ל, וועלכער האָט געטריי געדינט די אויפגאַבן פון קק"ל און אַלע אַנדערע ציוניסטישע אַקציעס, האָט אָפט באַצייכנט אונדזער טעטיקייט ווי ביים אָנטייל אין די הרקות (פּושקעס־אויסליי־דיקונג), בלימל־טעג א. ד. גל.

אויך זענען מיר געווען שטענדיק פאַרטרעטן אין קאָ־מיטעט.

אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל

מיטן שאַפן פון דער ליגע, בין איך אַ לענגערע צייט געווען דאָרט סעקרעטאַר (מזכיר), חבר אהרן שפּערלינג קאַ־סירער (גזבר) אין חוה זאַבלודאָוויטש איז געווען אַקטיוו אין



אַ „בלימל"־טאָג פאַר דער ליגע פונעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל


קאָמיטעט פון דער ליגע אַלס פאָרשטייערין פון „השומר הצעיר". מיר האָבן ווערבירט אַ גרעסערע צאָל חברים, רעגוליער איינגעקאַסירט דעם חודש־אָפּצאָל און ס'איז אונדז געלונגען צו פירן אַ גאַנץ ברייטע טעטיקייט. אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. באַזונדער וויל איך דאָ באַצייכענען דעם דערפאָלג פון דער גרויסער מאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1930 אַלס פראָטעסט צו די מאורעות אין ארץ־ישראל. אָסטראָלענקע האָט דאָס נישט פאַרגעסן אַ לענגערע צייט.

אין „החלוץ"

מיר זענען אויך געווען די מיטבויער און מיטגרינדער פון „החלוץ". די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין פאַרשי־דענע לאָקאַלן פון די אָרגאַניזאַציעס. נאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געציילט אַ גרעסערע גרופּע, האָבן מיר געפונען אַ לאָקאַל און גענומען פירן אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין: גרייטן צו הכשרה, באַשטעטיקן חברים דערצו און לערנען עברית.

אויף הכשרות האָבן פאָרגעזעצט און אָנגעפירט זייערע אַקטיווע אַרבעטן: אליעזר לאַכאָוויטש, חנן אייזנשטיין און חיים פּיאַסעטשני — אין קיבוץ קלעשאָוו, בריסק; יהודה יצחקי (כאָמאָנט) — אין קיבוץ „השחר", ווילנע; איך — אין קיבוץ בורוכוב, לאָדזש (פון די גרעסטע הכשרה־קיבוצים). אויך אַקטיוו געווען אין ועדת־הקיבוץ און אין דער „פרייהייט"־אָרגאַניזאַציע אַלס שליח פון קיבוץ.

זיסקינד לאכאוויטש, תל־אביב



„פרייהייט"־גרופּע

יידישער ספאָרט־קלוב „הפועל"

פון רעכטס, שטייען: ז. לאַכאָ־וויטש, י. יצחקי, י. שאַפּראַן, א. לאַכאָוויטש, ח. אייזנשטיין; זיצן: ב. זאבלודאָוויטש, מ. זשאָטקעוויטש, י. לעוו, פּ. האָכבערג, ב. גוטמאַן, ג. גראָס־מאַן.



אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון ייד. אַרב. ספּאָרט־קלוב „הפועל" אין אָסטר. י. 1931

אין יאָר 1931 איז געגרינדעט געוואָרן דער „הפועל" אין אָסטראָלענקע מיט אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון פאַרשידענע חברים, אין דער שפּיץ: פּסח האָכבערג און יעקב לעוו, אַ זון פון שטאָט־באַרימטן ציוניסטישן עסקן אנשל לעוו, וועלכער האָט זיך מיט אַ באַזונדערקייט אויסגעצייכנט אין דער טעטיקייט פון קלוב. לויט זיין איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אַ שיינער בלאָז־אָרקעסטער מיט אייגענע שפּיל־אינסטרומענטן. מיט דער צייט איז אויך געלונגען אויסצושולן אַ „דרוזשינע" (מאַנשאַפט) פון פוס־באַל, וועלכע האָט זיך פאַרמאָסטן מיט שטאַרקערע פוס־באַל־מאַנשאַפטן און זיי אפילו צייטנווייז באַקעמפט, ווי: „מכבי" פון לאָמזשע, פּולטוסק, ווישקאָוו און אַנד.

דער "הפועל" פון אָסטראָלענקע פלעגט אויך ווען אַרויסטרעטן קעגן דעם „הפועל" פון וואַרשע, וועלכע האָט געשמט פאַר אַ גאָר שטאַרקע „דרוזשינע". אין דער „הפועל"־מאַנשאַפט פון אָסטראָלענקע האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט דער פאַרשטאָרבענער חבר הערצקע סויקע ז"ל. אונטער זיין השפעה האָבן אָנגעהערט צום „הפועל" אפילו אייניקע בונדיסטן.

עס איז כדאי דאָ ווידער אַמאָל צו באַטאָנען, אַז די פאַרצווייגטע אינטענסיווע אַרבעטן פון די אַלע ציוניסטישע גרו־





אָסטראָלענקער „הפועל" אין אַ פוטבאָל־מעטש מיטן ווישקאָווער „מכבי"


פּעס, פאַריינען און אָרגאַניזאַציעס ביי אונדז אין שטאָט, זענען
דורכגעפירט געוואָרן און מיט הצלחה אַ דאַנק אונדזערע אָנ־
פירנדיקע פועלי־ציון־חברים ווי: בערל זאַבלודאָוויטש, מאָטל
זשאָטקעוויטש, יחיאל שאַפּראַן, מענדל שלאַפּמיץ, פסח האָב־
1 בערג און אַנד., וועלכע האָבן אַליין, צום גרויסן באַדויערן,
נישט זוכה געווען עולה צו זיין אין ארץ־ישראל און צו
דערלעבן די יידישע מדינה, כאָטש אין זייער זכות האָבן זיך
פיל חלוצים און ציוניסטן געראַטעוועט און לעבן היינט אין
מדינת ישראל.

2 זיסקינד לאַכאָוויטש, תל־אביב





3



4



4 בילדער פון „הפועל“־פוטבאָל־מאַנשאַפט אין אָסטראָ. (זע 2 בילדער אויף זייט 141 אונטן) אויפן בילד (1): פון רעכטס, שטייען, אויבן: יעקב לאַכאָוויטש, קוגעל (אינסטרוקטאָר), לייבל פערקאַל, אריה באיוק, הערצקע סאָיקע, בערל באַיוק, ראשעניאַק, יצחק („טאַטעלע“). אונטן, פון רעכטס: פעלהענדלער, באַלדי, חיים פיאַסעטשני.



„הפועל“־אָרקעסטער פון אַ פאַרוויילונגס־אָוונט אין מישיניץ

דער „בונד"

אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די כוואַליע אַרעסטן קעגן בונדיסטן און „לינקע" בכלל (נאָכוויי־ענישן פון סאָוויעטיש־פּוילישן קריג), האָט דער „בונד" אין אָסטראָלענקע אָנגעהויבן זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט, פּאַראַלעל מיט זיין קולטור־טעטיקייט אַרום דער „פּרץ־ביבליאָטעק".

בעת די סיים־וואַלן אין 1922 האָט שוין דער „בונד" פאַרנאַנדערגעוויקלט אַ לעבהאַפטע וואַל־קאַמפּאַניע מיט דער באַטייליקונג פון אַראָפּגעבראַכטע וואַרשעווער רעדנער. אָבער דעמאָלט האָט נאָך דער „בונד" אין אָסטראָלענקע נישט געהאַט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט. א פּאָר יאָר שפּעטער איז שוין טעטיק געווען אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

אין די שטאָט־ראַט וואַלן פון יענער צייט, האָט זיך שוין באַטייליקט אַ גוט־אויפגעבויטע אָרגאַניזאַציע מיט אַ שטאַרקער יוגנט־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער ברייטער וואַל־קאַמפּאַניע. צוויי בונדיסטן זענען אריין אין שטאָט־ראַט: אהרן זוסמאַן און שייע אַשער. בעת די שפּעטערדיקע וואַלן איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן מאיר קרימקעוויטש.

אהרן זוסמאַן איז פיל יאָרן געווען בונדישער לאַווניק אין מאַגיסטראַט. מיט זיינע אינטערווענצן און באַמיאונגען האָט ער געלינדערט די נויטן פון דער אָרעמער און אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט אויסגעקעמפט אַ סובסידיע פאַר אַ יידישן קינדער־גאָרטן, אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע, וואָס האָט דערגאַנצט זייער בילדונג. דער מאַגיסטראַט האָט א פּאָר יאָר אויסגעהאַלטן אין דער פולער מאָס די אָוונט־שול, וואָס איז געפירט געוואָרן אין לאָקאל פון דער יידישער „פּאָושעכנער"־שול מיט דער באַטייליקונג פון די אָרטיקע לערער. אין יענער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן, אונטער דער אָנפירונג פון „בונד", אַן אָפּטיילונג פון ציש"אָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן קינדערגאָרטן. אַנגאַזשירט גוטע פּרעבליסטינס און דערמיט אַוועקגעשטעלט אַ מוסטערהאַפטע פאָרשול־דערציאונג אויף די יסודות פון מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. עס איז גלייכצייטיק געפירט געוואָרן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ יידיש־וועלטלעכער טאָג־שול. מחמת מאַטעריעלן קלעם איז דער פּלאַן נישט רעאַליזירט געוואָרן.

אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן זענען געגרינדעט געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אַקטיוו זענען אַממייסטן געווען לעדער־ און נאָדל־פאַכן, וועלכע האָבן זיך גוט אַנטוויקלט, געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל, ווו עס פלעגן אויך פאָרקומען פאָרלעזונגען און קעסטל־אָוונטן.

דער „בונד" האָט אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע („מאָרגנשטערן"), וואָס האָט געהאַט אַ לענגערע צייט אַ גוטן אינסטרוקטאָר פון דער וואַרשעווער צענטראַלע. די פעסטיוואַלן, ווי אַנדערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, האָבן געהאַט גרויסן דערפאָלג. דער רוקנביין פון „מאָרגנשטערן" איז געווען די בונדישע יוגנט, וואָס איז זיך שטאַרק צעוואַקסן אין לויף פון יאָרן. די עלטערע זענען געווען אין „צוקונפט" און די יונגע — אין „סקיף". אָט די יוגנט־באַוועגונג האָט אַנטוויקלט אַ סיסטעמאַטישע פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אויפקלערונגס־אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין קרייזן און גרופּן. די בונדישע יוגנט האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין די פּאָליטישע אַקציעס, און אין די וואַל־קאַמפּאַניעס בפרט און פיל בייגעשטייערט צו זייער דערפאָלג.

* * *

די קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון „בונד", האָט זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אַרום דער „פּרץ־ביבליאָטעק". די טוער פון דער ביבליאָטעק האָבן נישט בלויז געזאָרגט וועגן ביכער־איינקויף, נאָר אויך — און בעיקר — וועגן ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען סיסטעמאַטיש אין אייגענעם לאָקאַל יעדע וואָך. עס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן די בעסטע רעדנער פון וואַרשע, און די רעפערענטן, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען, זענען אָפּט אַראָפּגעקומען קיין אָסטראָלענקע (צווישן זיי: יעקב פּאַט, אייסעראָוויטש, מלך ראַוויטש און אנד.) זיי פלעגן ווערן שטאַרק „עקספּלואַטירט". אַראָפּגעבראַכט אויף אַ שבת, פלעגן זיי אַרויסטרעטן פרייטיקצונאַכטס און שבת בייטאָג מיט פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע טעמעס, און שבתצונאַכט — אויף אַ קעסטל־אָוונט. עס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פּאָליטישע פירער, ווי: הענריך ערליך, וויקטאָר אַלטער, יוסף כמורנער. אָבער נישט בלויז פון „בונד", ווייל אויך — י. זרובבל, ד"ר יוסף קרוק, און שרייבער ווי: אהרן צייטלין, ברוך שעפנער, ד"ר א. גליקסמאַן, און אחרון אחרון חביב — אונדזער בן־עיר ישראל שטערן (וועגן אים שרייב איך באַזונדער אין דעם בוך). דערפאָלג האָט געהאַט לעאָ פינקלשטיין און באַזונדערס — פּרץ מאַרקיש. כדאי צו באַמערקן, אַז נאַטורוויסנשאַפטלעכע לעקציעס געגעבן מיט אילוסטראַציעס האָבן געהאַט אזא גרויסן דערפאָלג, אז דער פּרעלעגענט (א. אַבראַמסאָן) איז אין פאַרלויף פון פיל וואָכן אויף יעדן שבת אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון וואַרשע און אָפּגעהאַלטן זיינע שמועסן פאַר אַן איבערפולטן זאַל.

עס איז געווען אַן אויסדרוק פון שטאַרקן דורשט נאָך וויסן און קולטור, וואָס יעדן שבת זענען הונדערטער דערוואַקסענע און יוגנטלעכע געזעסן (אָפּט געשטאַנען!) שעהן אין ענגע לאָקאַלן און געלערנט תורה לשמה! און די שטילקייט איז געווען, ווי דער עולם וואָלט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צום פּרעלעגענט, געקוקט אים אין מויל אַריין און געשלונגען ממש יעדעס וואָרט! צי דערמאָנט עס נישט אין דער אגדתא פון הלל הזקן? נישט אַלץ, וואָס די

רעדנער האָבן דערציילט איז געווען פֿאַרשטענדלעך. נאָך דער פֿאַרלעזונג פֿלעגט מען זוכן אַ פּירוש המילות אין די ווערטער־ביכער צו באַגרייפֿן בעסער דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון פּרעלעגענט. די פּראָווינצער יוגנט איז אָפֿט געווען אַ ציל־ברעט פֿאַר וויצן און הומאָרעסקעס צוליב נישט פּאַסיקע באַנוצטע פֿרעמד־ווערטער און באַגריפֿן. קוקט מען אָבער טיפֿער אַריין אין דעם ענין, דעמאָלט וואַקסט אויס פֿאַר אונדזערע אויגן אַ שיינע אידעאַליסטישע יוגנט, וואָס האָט געזוכט אַ העכערן תּכלית, אַ זין און אַן אינהאַלט אין לעבן. און געטוליעט האָט די יוגנט אין האַרצן אַ נישט־געשטילטע בענקשאַפֿט צו דער גרויסער וועלט און אירע שיינקייטן, וואָס זי האָט געקענט בלויז פֿון דער ווייטנס, דורך ביכער און פֿאָרטראַגן. מען האָט זיך געריסן צו דער גרויסער וועלט דורך דער גליענדיקער פֿאַנטאַזיע פֿון טאָג־חלומות. און דער ריס צווישן וואָר און חלום, איז טיילווייז קאָמפּענסירט געוואָרן אויף די פֿאָרלעזונגען, וועלכע זענען אָפֿט געווען פּרעכטיקע קינסטלערישע אימפּראָוויזאַציעס. עס דערמאָנט זיך מיר אַזאַ אימפּראָוויזאַציע וועגן דער רוסישער און אייראָפּעאישער ליטעראַטור, ווען פּרץ מאַרקיש האָט גערעדט וועגן „צוועלף ליטעראַרישע מאַסקעס”, אָדער ישראל שטערנס אימפּראָוויזאַציע וועגן „קונסט און דיכטונג”. מען האָט דערפֿילט דאָס שבת־קודשדיקע, דאָס יום־טובדיקע, וואָס האָט געשוועבט אין זאַל. דער יידישער מענטש, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך אַזוי שטאַרק געפֿילט דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קלעם פֿון לאַנד, האָט פֿרייער אָפּגעאָטעמט, ווען אַ באַגאַבטער רעדנער האָט אים אויף עטלעכע שעה אַרויסגעריסן פֿון זיין גרויען אַרום און אים אַוועקגעפֿירט איבער די הייכן פֿון דער וועלט, צו יענע קינסטלערישע און עסטעטישע הויכן, ווו אָדלער נעסטיקן!

* * *

ווייניק זענען געבליבן לעבן נאָכן גרויסן חורבן. צו יענע טרוימער אין אונדזער שטעטל, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער וועלט מיט טיפֿער אמונה און גרויסע אידעאַלן, צו זיי איז די וועלט געקומען. אָבער נישט מיט אירע גרויסע גייסטער, מיט אירע ליכטער, נאָר מיט איר אָפּפֿאַל, מיט אירע לעבנס־פֿאַרדאַרבער און מענטשן־פֿרעסער. זיי האָבן די בלוטיקע האַק אַראָפּגעלאָזט איבער אונדזער שיינער ערלעכער יוגנט — איבערן יידישן קיום בכלל!

זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַ ליכטיקע דערמאָנונג פֿון אַ לעבן, וואָס איז אַזוי אכזריותדיק פֿאַרשניטן געוואָרן.

יצחק קאַהאַן (מעלבורן, אויסטראַליע)



„מעדעם קרייז” אין אָסטראָלענקע

פֿון רעכטס, אויבן: לייבטשע פּיליאַר, שייקע פֿלאַמענבוים, ישראל שמחה כמיעל, עלקע גוטמאַן, שעפּסל קאַהאַן, לייזער לעווי, צירל באַנטשאָק.

פֿון רעכטס, אינמיטן: וועלוול גילדאַ, גיטל זוסמאַן, זעליג לאַכאָוויטש, יצחק קאַהאַן, לייזער זלאָטשיסטי, חוה שאַפּראַן, יהודה מענדל

פֿון רעכטס, אונטען: פֿייגע קאָוואַלסקי, פֿייגע שיוואַק, פֿרומע סעגאַל, לאה טאָפּאָראָוויטש, דאָראַ בלום.

די אַרבעטערשאַפט און די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק

אַרום דער פּרץ־ביבליאָטעק אין אָסטראָלענקע, האָבן זיך גרופּירט — אין די יאָרן פון פאַר דער פּוילישער ממשלה — צום גרעסטן טייל די אַרבעטערשאַפט פון דער שטאָט. דערציילט מען טאַקע, אַז אין די צאַרישע צייטן איז די דאָזיקע ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך געפונען ביי הערשל ראָזנבלום אין הויז — קאָנפעסקירט געוואָרן מיטן אויסרייד, אַז עס גרופּירן זיך אַרום איר רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן דעם צאַר, און הערשל ראָזנבלום האָט באַקומען דערפאַר 6 מאָנאַטן טורמע. דערנאָך איז די ביבליאָטעק דורך פערזאָנען פון פאַרשידענע ריכטונגען נאָכאַמאָל אויפגעשטעלט געוואָרן. דאָסמאָל ביי זכריה נאַדבאָרני אין הויז און פיגורירט אַלס זיינע אַ פּריוואַט־ביבליאָטעק. אַזוי־אַרום איז זי טאָלערירט געוואָרן פון דער דעמאָלטיקער צאַרישער מאַכט. דאָרט האָט זיך גרופּירט די בעסערע יוגנט פון דער שטאָט ווי: אביגדור און אביעזר קופּערמינץ, הערשל ראָזנבלום, אַלטער שימאַן, זיסל כאַצעק, איטשע לעוו, יצחק מעסט א. אַנד.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט די ביבליאָטעק פאַרברענט צוזאַמען מיט דער שטאָט. בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע הויבן־אָן צו בלאָזן נייע ווינטן. דער רעזשים איז אַ מילדערער און ווערט גלייך אויסגענוצט דורך דער יוגנט וואָס לעכצט נאָך נייע ווערטן. עס הויבן־אָן אויפצובליען פאַרשידענע אינסטיטוציעס אין שטאָט ווי: דער בית־המדרש, וואָס ווערט צוריק אויפגעבויט, די תלמוד־תורה, לינת־הצדק. עס גרינדעט זיך אַ שטאָטישער אַמאַטאָרן־קרייז, אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין און עס ווערט דערביי אויפגעשטעלט פון דאָס ניי די פּרץ־ביבליאָטעק. די הכנסות פונעם דראַמאַטישן קרייז ווערן פאַרווענדט אויף צו קויפן ביכער. דעמאָלט טרעפט מען ביי דער אַרבעט פון ביבליאָטעק: די ברידער ראָזנבוים, שלמה בענעדאָן, הערשל ראָזנבלום, אַלטער און חוה שימאַן, חיים זלמן נאַדבאָרני, יאָסל וואָנשאַק, אהרן זוסמאַן און נאָך אַנדערע. אַלס מענטשן פון פאַרשידענע פּאָליטישע אָנשויאונגען — קומען פאָר צווישן זיי דיסקוסיעס און מיינונגס־פאַרשידנהייטן. ביים אויסאַרבעטן דעם סטאַטוט פון דער געז. פאָרמירן זיך, אַלזאָ, 2 גאַנץ באַזונדערע לאַגערן: אַ בונדיסטישער און אַ ציוניסטישער. די מערהייט בונדיסטן און די מינדערהייט — ציוניסטן. דער ציוניסטישער צד מיט דער קאַסע (ווייל דער קאַסירער איז געווען אַ ציוניסט) פאַרלאָזט די געזעלשאַפט און דער בונדיסטישער צד בלייבט מיט די ביכער, ד. ה. ביי דער ביבליאָטעק. דער ציוניסטישער צד גרינדעט דאַן אַן אייגענע ביבליאָטעק מיטן נאָמען: „התקווה״.

דאָס לעבן פון דער יידישער יוגנט אין שטאָט קאָנצענטרירט זיך דעמאָלט אַרום די דאָזיקע 2 קולטור־אינסטיטוציעס. מען פלייסט זיך פון ביידע צדדים איינצואָרדענען וואָס מער רעפעראַטן, קולטורעלע אונטערנעמונגען א. ד. גל. אַזוי ווערט געשאַפן ביי דער פּרץ־ביבליאָטעק אַ היפּשע בונדישע פּאַרטיי, אַ יוגנט־בונד „צוקונפט״, אַ „סקיף״־אָרגאַניזאַציע און שפּעטער — אַ ספּאָרטקלוב „מאָרגנשטערן״ און אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין. עס ווערן אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט אַ גאַנצע ריי נייע אַקטיוויסטן ווי: יצחק קאַהאַן, יודל גוטמאַן, חנא מאיר קרימקעוויטש, דוד זגאַל, שאַיקע אַשער, רויזקע זוסמאַן, וועלוול גילדא, גיטל זוסמאַן, בערטשע ספּאָקאָרנע, די שוועסטער יאַגאָדע, שמואל טאָפּאָראָוויטש, לייזער זלאָטשיסטי, זעליג לאַכאָוויטש, דער שרייבער פון די שורות און נאָך אַנדערע.

די טעטיקייט פון דער בונדישער פּאַרטיי, ווו אהרן זוסמאַן איז געווען אַ לאַנגע צייט פאָרזיצער — איז געווען אַן אינטעסיווע און האָט געטראָגן אַ קולטורעל־דערציערישן כאַראַקטער. פאָרלעזונגען פון די בעסטע לעקטאָרן, וואָס וואַרשע האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט, פלעגן זייער אָפט דורך אונדז איינגעאָרדנט ווערן, ווי אויך מיטינגען אונטערן פרייען הימל ביי וואַלן צום שטאָט־ראַט א. אַז. וו. מיט דער טעטיקייט פון „צוקונפט״ האָט אָנגעפירט יצחק קאַהאַן ווי אויך יודל גוטמאַן. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַלויכטן דער יוגנט איר



„בונד״ — צוקונפט־גרופּע



קרייז „גראָסער" מיט שייקע אַשער (אין צענטער)

פאָליטישן וועג און זי רייפער צו מאַכן. די יינגערע פון זיי זענען געווען קינדער פון די אָרימסטע שיכטן. מיט די „סקי-פיסטן" האָט מען געקנעלט דעם יידישן אלף־בית. זיי זענען אין דער פריער יוגנט געוואָרן „פּראָלעטאַריער". מיט פאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָט זיך פאַרנומען דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין. נישט לייכט איז זיי אָנגעקומען די דאָזיקע מלאכה, ווייל אויך זייערע אַרבעטס־געבער זענען געווען אָפט פון די, וואָס האָבן אַליין נישט געהאַט וואָס „אַריינצולייגן אין טעפּל".

ווען מען דערמאָנט זיך היינט ווי אַזוי אַ שטרייק פון די שניידער־געזעלן האָט אָנגעהאַלטן וואָכן־לאַנג און די „קינדער-פּראָלעטאַריער" — בוכשטעבלעך הונגעריקע — פלעגן זיך טיילן מיט אַ זעמל, און דאָס אַלץ כדי אויסצוקעמפן דעם 50 ביז 80 גראָשעדיקן טאָג־לוין, ווייל אויסער דעם אייגענעם לעבן צו דערהאַלטן, מישטיינס געזאָגט, האָט מען נאָך געדאַרפט אויך אויסהאַלטן די אַלע אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס, זאָרגן פאַר די לאָקאַלן, איינשאַפן אינסטרומענטן פאַר דעם ספּאָרט־קלוב, דערווערבן נייע ביכער א.אַז.וו. — ווען מען דערמאָנט זיך אין דעם אַלעם, קאָן מען ערשט ריכטיק אָפּשאַצן דעם גייסט פון דער דעמאָלטיקער יוגנט. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז כאָטש אָסטראָלענקע איז נישט געווען קיין אינדוסטריי־שטאָט, האָט זי דאָך געהאַט אַ גרויסע אַרבעטער־יוגנט, וואָס איז באַשטאַנען דאָס רוב פון שניידער, שוסטער, סטאָלאַרעס, בעקער, היטל־מאַכער און אויך אייניקע זייגער־מאַכער; אַלץ יידישע פאַכן.

אויך די בעלי־בתים האָבן זיך געגוויטיקט אין פאַרטיידיקונג. סיי עקאָנאָמיש, סיי פאָליטיש. דער אַנטיסעמיטיזם האָט געזוכט צו געבן זיינע קלעפּ אויף אַן אינדיווידועלן אופן. צי דאָס איז געווען ביים אָפּשאַצן דעם שטייער־צאָלער אָדער ביים פונאַנדערטיילן וועלכע עס איז שטאָט־אַרבעט. פלעגט מען טאָקע צום גרעסטן טייל שיקן בונדישע ראַטמענער צום שטאָט־ראַט. צו זיי איז די אָרימקייט געקומען נאָך אַן אינטערווענץ אין מאַגיסטראַט, און אפילו וועגן אָנשרייבן אַ „פּראָשעניע" (אַ ביטע), ווייל די פּאָר גראָשן צו באַצאָלן פאַר דער בקשה, איז אויך נישט געווען בנמצא.

די בונדישע פראַקציע אין שטאָט־ראַט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע: אהרן זוסמאַן, חנא־מאיר קרימקעוויטש, און שייקע אַשער. דאָס איז געווען אין אָנפאַנג. דערנאָך און אַזוי שוין ביז צום סאַמע סוף: די אויבנדערמאָנטע, נאָר אָנשטאָט חנא־מאיר קרימקעוויטש — דוד זגאַל.



אהרן זוסמאַן

אהרן זוסמאַן איז געווען דער עמוד־התווך פון דער בונדישער פּאַרטיי. זיין פּריוואַט־שטוב פלעגט פילמאָל אויסזען ווי אַ ביוראָ מיט אַ שרייבעריי פון פאַרשידענע שטאָט־בקשות. צו דעם צוועק האָט ער „אָנגעשטעלט" זיין שוועסטער גיטל זוסמאַן, וועלכע האָט זיך מיט דער צייט אויסגעאַרבעט אַ „מאַרקע", אַז ווען זי שרייבט אַן אַ וועלכע עס איז בקשה — ווערט עס גלייך אָנגענומען, אָדער עס פועלט אויף דער העלפט, ד. ה. דער בקשה־אייגנטימער דאַרף צאָלן פון דעם אויף אים אַרויפגעלייגטן „פּאָדאַטעק" נאָר 50%. פלעגט טאָקע די אָרימקייט פון „לענטשיסק" און „בענעדאַנס קאַזאַרמעס" זיך ציען צו זיין שטוב. אהרן זוסמאַן פלעגט אין די דאָזיקע שעהן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם כאַלאַט, איבערלאָזן אַלע פּאַציענטן און לויפן צום סעקרעטאַר אָדער גאָר צום בור-

מישטש (שטאָט־פרעזידענט) אַליין אָפבעטן און אָפשרייען די דאָזיקע אומגערעכטיקייטן.

זאָלן דאָ טאַקע דערמאָנט ווערן אייניקע עפּיזאָדן פון אהרן זוסמאַנס טעטיקייטן, וואָס זענען שטענדיק געווען אַ פועל־יוצא נישט נאָר בלויז פון זיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען, נאָר אויך פון נעם אַלגעמיינעם יידישן שטאַנדפּונקט, פון אַ יידיש־וואַרעם געפיל, וואָס האָט אין אים תמיד געטליעט. נישט איינמאָל האָט ער זיך געשטעלט אין גאַנץ גרויסע געפאַרן כדי צו העלפן. כאָטש זיינע צאָלרייכע גוטע פריינט האָבן אים געוואָרנט און געוואָלט אים אָפּווענדן פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער שריט, איז ער נישט געוואָרן מיטגעריסן און געהאַנדלט אַזוי ווי זיין באַוווסטזיין און געוויסן האָבן אים דיקטירט. ווי באַוווסט האָבן אין דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע (1920) נישט געפעלט קיין פאַרשוינען, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן קאָמוניסטישע קאַריערע, כדי צו געפינען חן ביים קאָמיסאַר פון דער שטאָט. עס פלעגט טרעפן, אַז אויפן ווינק פון אַזאַ מין פאַרשוין, האָט מען אַרויסגעיאָגט די שענסטע שטאָטישע בעלי־בתים, זיי זאָלן קערן און רוימען די גאַסן. צוגענומען די שליסלען פון זייערע געשעפטן און זיך געלאָזט ווילגיין. מ׳איז אפילו געוואָרן אויף זייער חשבון בעלי טובה׳ס. די רייכע יידישע הייזער האָט מען אָפגעגעבן די אָרימע גוים. אָבער ווען אַן אָר׳מער ייד איז געקומען אויף עפּעס זיך באַקלאָגן, האָט מען אים צום קאָמיסאַר בכלל נישט געוואָלט צולאָזן. אהרן זוסמאַן האָט שוין נישט גערוט. גלייך גענומען און צונויפגעשטעלט אַ דעלעגאַציע פון „בונד״, וואָס איז באַשטאַנען פון אים, משה מאַרקעוויטש און אברהם נאַנקין. זיי האָבן געדאַרפט אויסדריקן פאַרן קאָמיסאַר זייער פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער אומגערעכטער האַנדלונג. אַזוי ווי דער קאָמיסאַר האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען, זענען זיי אַוועק קיין לאָמזשע און געפאָדערט אַן אינטערווענץ פון דער דאָרטיקער העכערער מאַכט. נאָך אין דער זעלביקער נאַכט האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט ביי אהרן זוסמאַנען אין פענצטער. אויף דער פראַגע פון זוסמאַנס פאָטער ר׳ איטשע: „ווער איז דאָרט?״ איז געקומען אַן ענטפער, אַז: „מ׳בעט אַביסל וואַסער פאַר אַ פאַרווונדעטן סאָלדאַט״. ווי נאָר ר׳ איטשע האָט געעפנט אַ „לופטשיק״ צו דערפילן די בקשה, אַזוי האָט אַ האַנט אַריינגעשטעלט אין דער עפענונג אַ ביקס מיט אַן אויפפאָדערונג, אַז אהרן זוסמאַן זאָל גלייך אַרויסקומען פון דער שטוב... דאָ רייסן זיך אַריין אַ כאָפּטע שטאָטישע מיליציאָנערן און מ׳הויבט אָן צו זוכן. אהרן זוסמאַן האָט זיך אין דער שעה אין שטוב נישט געפונען. זיינע עלטערן גיבן אים גלייך צו וויסן, אַז מען זוכט אים און אַז ער זאָל זיך אָפּהאַלטן פון צו קומען אין שטאָט. ווי באַקאַנט זענען די „באַפרייערס״ גאָר אין קורצן געווען געצווונגען „אָפּצוציען״ פון פוילן, און די פוילישע מאַכט האָט זיך „גענומען״ צו זייערע (באָלשעוויסטישע) מיטהעלפער און יוצר־משרתים. זיי האָבן די זעלבע „זשוליקעס״, וואָס זענען געקומען אים, זוסמאַנען, אַרעסטירן פאַר זיין אומלאָיאַלקייט צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט — אָנגעגעבן ביי די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז ער, זוסמאַן, האָט מיטגעאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס... ער ווערט פאַרשפאַרט אין טורמע און אַוועקגעשטעלט פאַר אַ קריגס־געריכט אין וויטשעכאָוויצע, וואָס איז באַשטאַנען פון דער זשאַנדאַמעריע. אין דער זעלבער צייט, האָט אַ געוויסער בערמאַן (נישט קיין אָסטראָלענקער) מיטגעאַרבעט אין דעם דאָזיקן קאָרפּוס פון פעלד־געריכט. ער האָט אַ געוויסע צייט געוווינט אין אָסטראָלענקע און געקענט אהרנען פערזענלעך. ביי דער סעסיע האָט ער זיך שטאַרק פאַר אים איינגעשטעלט; ער האָט געטענהט, אַז ער קען גוט דעם אָנגעקלאָגטן און ווייס, אַז ער איז קיינמאָל קיין באָלשעוויק נישט געווען. צום גליק שיקט דער טריבונאַל דעם אַרעסטירטן צוריק אין טורמע, פון וועלכער ער ווערט דערנאָך באַפרייט אויף קויציע ביז צו אַ געוויינלעכן פּראָצעס. צו אַ פּראָצעס איז שוין אָבער קיינמאָל נישט געקומען, ווייל מיט דער הילף פון געוויסע פערזאָנען ווערן די אַקטן פאַרניכטעט.

אָט איז נאָך אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד: ווי באַוווסט איז אין אונדזער שטאָט געווען אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק. די דאָזיקע באַנק האָט פאַרנומען גאַנצע 2 צימערן ביי יאָסל יאַלאָוויעץ אין מויער (יודל דעם בעקערס אַ זון) אויף דער אָסטראָווער גאַס. ווי עס פירט זיך אין אַזוינע מיני אַנשטאַלטן ווילט מען אויס אַ פאַרוואַלטונג מיט אַ פּרעזעס בראש. דאָס ערשטע מאָל איז אויסגעווילט געוואָרן אפרים כמיעל אַלס פּרעזעס פון דער פאַרוואַלטונג. אַ צווייטן מאָל איז אויסגעווילט געוואָרן אהרן זוסמאַן. קיין נויטבאַדערפטיקטע האָבן אין יענער צייט נישט געפעלט. אויף יעדן אויסגעבאָרגטן הונדערטער האָבן געוואַרט אפשר טויזנט הענט. און פירן פּרעזעסריי אין אַזאַ מין אינסטיטוציע איז געווען גאָר נישט פון די לייכטע זאַכן. מיט דער צייט איז אהרן געוואָרן אויס פּרעזעס און זיין אַמט האָט פאַרנומען נאָסקע יאַבעק, אָבער אין דער פאַרוואַלטונג איז אהרן פאַרבליבן. ווי מ׳זאָגט: ווו אַ נייער פּרעזעס — דאָרט אַ נייע גזירה. האָט בכן דער נייער פּרעזעס באַשטימט, אַז אויף דעם טיש, ווו עס קומען פאָר די זיצונגען זאָל שטיין אַ פּילסודסקי־פיגורל, און אַזוי איז געווען. אהרן אָבער האָט פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל דאָס „געטשל״ (ווי ער האָט עס גערופן) פונעם זיצונגס־טיש אינגאַנצן באַזייטיקן. אהרן האָט זיך אָפגעזאָגט צו קומען בכלל אויף די זיצונגען כל זמן דאָס פיגורל וועט „פיגורירן״ אויפן טיש. ווייס מען נישט ווי אַזוי די „דעפענסיווע״ (געהיים־פּאָליציי) האָט זיך דערפון דערוווסט. אהרן איז פאַרשפאַרט געוואָרן אין טורמע, באַשולדיקנדיק אים אין אַריינוואַרפן דאָס פיגורל אינעם מיסט־קוישל...

דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפט אויף 3 מאָנאַטן תפיסה. דער אורטייל האָט אויפגעשטורעמט די אַלע קרייזן, ווו אהרן איז געווען שטאַרק באַליבט. סיי די פאַרטיי, סיי זיינע פערזענלעכע גוטע פריינט, האָבן שטאַרק געדריקט אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער דאָזיקער „אומפאַראַנטוואָרטלעכער״ מסירה, אַזוי אַז אויפן אַפּעלאַציע־פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָמזשע, האָבן זיי שוין נישט אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע באַשולדיקונג. דאַקעגן האָט דער וויצע־בורמישטש, וועלכער איז געווען קאָמענדאַנט פוז פּילסודסקעס „סטזשע־

לעץ״, גוט עדות געזאָגט, און אהרן איז אָפּגעקומען בלויז מיט 10 טעג טורמע.

און אָט איז ווידער אַן עפּיזאָד; געשען איז עס אין יענע טעג, ווען די טרויעריק־באַקאַנטע „מאַדאַם פּריסטאָראָווע״, האָט אַריינגעטראָגן אַ געזעץ־פּראָיעקט צו פאַרווערן די יידי־שע שחיטה. די אָסטראָלענקער ענדעקעס האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן־טוב און האָבן אַריינגעטראָגן אַזאַ ענלעכן פאָרשלאַג אויפן פאָרום פון שטאָט־ראַט. אהרן, כאָטש נישט קיין רעליגיעזער, אָבער ווי אַ ייד און אַ סאָציאַליסט האָט ער באַנומען, אַז די גזירה איז געווענדט קעגן גאַנצן יידישן פאָלק. ווי אַ זעלנער אויף זיין פּאָזיציע האָט ער קעגן דעם געקעמפט מיט וואָס פאַר אַ געווער עס איז נאָר געווען אין זיין באַזיץ. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ האָט אַרויס־געשיקט צו דעם צוועק ספּעציעלע אינסטרוקציעס צו אַלע אָפּ־טיילונגען און פראַקציעס ביי די שטאָט־ראַטן. אהרן, זייענדיק ראַטמאַן האָט דעמאָלט אין זיינער אַ רעדע געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט די ענדעקישע „הומאַניטאַרער״, אַזוי אַז עס האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון די כלים און זיי האָבן גענומען וואַרפן שטולן אין זיין ריכטונג. פאַרשטייט זיך, אַז די זיצונג איז געוואָרן אויפגעריסן. די בונדישע פּאַרטיי האָט דעמאָלט גערופן צו אַ גענעראַל־שטרייק אין גאַנצן לאַנד. אונטער דער אַקטיווער מיטווירקונג פון די אָסטראָלענקער בונדיסטן, איז אפשר צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פאַרמאַכט געוואָרן אין שטאָט אַלע יידישע געשעפטן.

אהרן זוסמאַן איז אין די לעצטע יאָרן געשטאַנען אויף אַ גוטער עקאָנאָמישע פּאָזיציע. דאָס איז טאַקע אויסגעניצט געוואָרן, נישט נאָר בלויז פאַר די שטאָטישע הצטרכותן. אויך אויסער די גרענעצן פון שטאָט איז באַקאַנט געווען זיין אַדרעס. שוין אָפּגערעדט פון די פּאַרטיי־דעלעגאַטן, וועלכע זענען געווען זייער אָפטע געסט אין זיין הויז. מיט אַ ברייטער האַנט האָט ער געשטיצט די יידיש־וועלטלעכע שולן. אויך די „פאָלקס־צייטונג״, די טעגלעכע בונדישע צייטונג, וואָס די פּוילישע צענזור האָט איר אָנגעמאַכט אָפטע שאָדנס מיט אירע קאָנפיסקירונגען — אויך זי האָט געוווּסט אהרנס אַדרעס...

ווען די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק איז געשלאָסן געוואָרן דורך די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען און איז קורץ נאָך דעם געעפנט געוואָרן אונטער אַן אַנדערן נאָמען, דאָסמאָל: „ביבליאָטעק ביי דער קולטור־ליגע אין אָסטראָלענקע״, איז טראָץ דעם וואָס זי איז געווען די גרעסטע ביבליאָטעק אין שטאָט, האָט זי דעם לאָקאַל דאָך נישט געקאָנט אַליין אויסהאַלטן. האָט טאַקע אהרן זוסמאַן איר אָפּגעגעבן 2 צימערן אין זיין הויז, אַזוי אַז מ׳איז שוין געווען באַפרייט פון צאָלן דירה־געלט ביז צום סוף פון איר עקזיסטענץ.

די זעלטענע קולטור־אינסטיטוציע איז אויף אַ באַרבאַרישן אופן פאַרשניטן געוואָרן. ווי נאָר די דייטשישע מערדער האָבן פאַרנומען די שטאָט — ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערמיט אויס־לעשן דעם פאַקל פון דער יידישער אָסטראָלענקע — האָבן זיי צו טויזנטער ביכער פאַרפּאַקט אין זעק און זיי פאַרברענט ביז צום לעצטן אויפן שייטער וואָס זיי האָבן געמאַכט אין מאַרק. אַביסל שפּעטער האָבן זיי דאָס זעלבע געטאָן מיט די בעסטע זין און טעכטער פון אונדזער געבוירן־שטאָט.

זאָל אַ קין־צייכן פון קללה און שאַנד שטעמפּלען די באַר־באַרן־מערדער ביזן סוף פון אַלע דורות.

ישראל שמחה כמיעל

מאָנטעווידעאָ, אורוגוואי



אַ בונדישע גרופּע אין אָסטראָלענקע י. 1934

הבית״ר

שנת 1933 — אפשר לראותה כשנת מפנה גורלי בחיי העם היהודי בגולת אירופה וביחוד בחיי יהודי פולין — הקיבוץ הגדול ביותר באירופה בעת ההיא.

וכמה סיבות לדבר: בשנת 1933 חגגה האנטישמיות את נצחונה הגדול, היטלר עלה לשלטון בגרמניה, וכל התורה הנאצית על סממניה השונים הפכה מתיאוריה למעשה, מחזון למציאות. הארס הנאצי של שנאת ישראל חדר והיכה שרשים בין גויי אירופה והרעיל את האווירה בכל מקום שבו נמצאו יהודים.

האוכלוסיה הפולנית, שלא הצטיינה באהבת ישראל, קיבלה עידוד מהשכן הגרמני הקרוב, האנטישמיים למיניהם הרימו ראש וערכו פרעות והתנפלויות על היהודים בהזדמנויות שו־נות, באוניברסיטאות וברחובות הערים והעיירות והגיעו לשיאן בעיירה פשיטיק, כשהפולנים התנפלו על יהודי העיירה ביום שוק, ולאחר מכן — המשפט הידוע, שהדו נשמע ברחבי כל העולם היהודי ואשר בו גילו השלטונות הפולנים את פרצופם האמיתי, בהקילם בעונשיהם של הפורעים ובהטילם גזרי־דין כבדים על היהודים, שהגנו על עצמם ועל חייהם.

הדברים לא התבטאו בפגיעות גופניות בלבד. באותה עת גבר תהליך נישול היהודים מעמדותיהם הכלכליות, שהתחיל בהדרגה מספר שנים לפני־כן. ענפי מסחר וייצור שונים שהיו במשך דורות ברשות היהודים — הוצאו מידיהם על ידי מונופוליזציה. מכבש המסים עבד במלוא הקיטור ומצבם הכלכלי של המוני היהודים הלך ורע מיום ליום.

בד בבד עם ההרעה החיצונית נתחוללה סערה ברחוב היהודי עצמו. שנת 1933 היתה שנת בחירות לקונגרס הציוני הי״ח. להט הוויכוחים בין המפלגות הציוניות השונות הגיע לשיא.

באותה עת ניכרה גם התפתחותן של הצה״ר (הציונים הרביזיוניסטים), ותנועת הנוער הלאומית בית״ר (ברית יוסף טרומפלדור). רעיון הציונות הממלכתית, שהונח ביסוד התנועה, קסם להמוני יהודים וכבש לבבות, ובכל מקום הוקמו סניפי הצה״ר וקיני בית״ר.

הנוער שהשתייך לבית״ר היה מורכב משכבת מתלמדים בבתי־ספר כלליים, שלשון ההוראה שלהם היתה פולנית ומ־המוני העם שלשונם היתה יידיש, והיה צורך למזג את כולם בחטיבה אחת. על כן הוקדשה שימת־לב רבה להכשרתו הרו־חנית של הצעיר ולהקניית הלשון העברית כשפת דיבור.

רוח אביבית זו של התחדשות והתעוררות, חדרה גם לעיר מולדתי — אוסטרולנקה. הדבר קרה בשנת 1933 עם בואו של המורה מר פקר ללמד בבית הספר העברי „תרבות", שהוקם באותה שנה. הוא אשר יסד את הבית״ר בעיירה.

האירגון החל במשפחות המכובדות והענפות בעיירה, המשפחות בישקו (כעת בארץ), חמיאל, כהן, קפלן, גדנקן, ואחריהן באו רבים אחרים. תחילה מנה קן בית״ר למעלה מ־40 צעירים וצעירות, ובמשך השנים גדל מספרם והגיע עד ל־80, מספר נכבד בעיירה כזו. לבית״ר השתייך נוער משכיל ואינטליגנטי, אף הסטודנט היחיד שהיה בעיירה — אידל גדנקן — הצטרף לבית״ר והיה קצין מפקדה.

המפקדים היו: בישקו, משה בייליס, שמואל כהן, חיים ווינקרנץ. במפקדה היו: אליעזר קפלן, אידל גדנקן ואחרים. קן בית״ר באוסטרולנקה פיתח פעולה ענפה בכל שטחי החיים הציוניים והציבוריים במקום והיוו גורם חשוב ורב משקל בנוער המקומי. עבודת הקן היתה רבגונית: הכשרה צבאית ותרבותית, מחנות קיץ, אסיפות והרצאות, ציון כל החגים הלאומיים באורח מתאים על ידי הופעות רבות רושם, שהכניסו רוח חיים בעיירה וכדומה.

יחד עם הקמת בית״ר הוקמה גם הצה״ר במקום. על השפעת הצה״ר בעיירה תעיד העובדה, שיו״ר הכבוד של ברית הצה״ר מנדל גדנקן — היה כמה שנים יו״ר הקהילה הי־הודית בעיירה.

במשך הזמן — נוסד גם ארגון „ברית החייל" בעיירה. בפעם הראשונה יצא למצעד בשנת 1936, ביום חג לאומי־פולני, ובראש המצעד המפקד ווינקרנץ. נדהמים עמדו גויי העירה למראה הבחורים היהודיים הצועדים במשטר צבאי מלא, ישרי גו וזקופי ראש, דבר שלא ראוהו מעולם, ואכן אפשר היה להתברך בזה.

בינתיים החריף המצב הבינלאומי עקב תביעותיו הגדולות של היטלר ובגלל איומיו על שלום העולם, וכתוצאה מכך החמיר מצב היהודים באירופה, ובמיוחד בארצות אירופה המזרחית והמרכזית. ז'בוטינסקי זרק לחללו של העולם היהודי את הסיסמה „אוואקואציה", כלומר העברת מקסימום של יהודים מאירופה המזרחית לא״י במינימום של זמן.

מפקדת בית״ר באוסטרולנקה פנתה לכל בני הנוער בעיירה, בלי הבדל מפלגה, תנועה והשקפה וקראה אותם לנצל העלייה הבלתי ליגאלית, שאורגנה אז על־ידי התנועה, ולעלות לארץ. רבים מבני אוסטרולנקה יצאו לדרך־הקוצים של העליה הבלתי ליגאלית הזאת ואכן הגיעו לחוף מבטחים, השתרשו בארץ והקימו בית ומשפחה; ביניהם בני עיר אף ממפלגות אחרות, כגון: שיינה לחוביץ (חברת „השומר הצעיר"), הגברת שרה דינה סבור, ברצ'אק פינקלשטיין (ממתנגדי הבית״ר) ועוד רבים אחרים.

גורלם של חברי בית״ר והצה״ר ו„ברית החייל" שלא הספיקו לעלות היה כגורל כל יהודים פולין, וגורל עיירתנו אוסטרולנקה היה כגורלן של עשרות ומאות ערים ועיירות שעלה עליהן הכורת.

חנוך חאצק

מײנע זכרונות פֿון בית״ר

איך געדענק: אין דער צייט, ווען זשאַבאָטינסקי איז אַרומגעפאָרן איבער די גרויסע שטעט פֿון פּוילן רעפֿערירן און אויפֿקלערן, אַז ייִדן זאָלן נעמען טראַכטן פֿון אַן אייגענער היים און מלוכה אין לאַנד פֿון אונדזערע אבות, אין ארץ־ישראל, פֿאַרויסזעענדיק די שווערע שוואַרצע כמאַרעס, וואָס שפּרייטן זיך אַלץ געדיכטער און פֿינצטערער איבערן פּויליש ייִדנטום, — אין דער זעלבער צייט זענען געפֿאָרן אַ סך אָסטראָלענקער בחורים אים הערן און זען. ווי נאָר זיי זענען צוריקגעקומען פֿון זײַנע רעפֿעראַטן, אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פֿון זײַנע ציוניסטישע רייד און ליבשאַפֿט צום לאַנד, האָבן זיי זיך ערנסט אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, זיך אָרגאַניזירט און געגרינדעט אין שטאָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען: „ביתר״. די ערשטע גרינדער פֿון בית״ר אין אָסטראָלענקע זענען געווען: מאיר בישקאָ, יעקב גראַנאָוויטש, לייבל טשאַפּניקעוויטש, משה ראָזאַנאָוויטש, שמואל גארדא (אַלע אומגעקומען) און נאָך אַנדערע חברים, וואָס געפֿינען זיך אין לאַנד. מאיר בישקאָ האָט צו דעם צוועק אָפּגעגעבן זײַן צימער. דערנאָך האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַן אינסטרוקטאָר פֿון ביאַליסטאָק און עס זענען צוגעקומען די חברים: שמואליק קאַהאַן, בנימין קאַפּלאַן, אברהם פאלגאן, יעקב גערדאַנקען און יעקב גאָרזשלטשאַני (ער איינער פֿון די פּאָר אים אויסגערעכנטע איז געבליבן לעבן און געפֿינט זיך אין לאַנד).

אין אַ צייט אַרום, האָבן זיך די חברה אַרומגעקוקט, אַז עס פֿעלט עפּעס אין בית״ר, האָט מען גענומען ווירקן אויף די מיידלעך, אַז זיי זאָלן אויך אַרײַנטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע.

איך געדענק ווי די חברים משה בישקאָ און לייבל טשאַפּניקעוויטש זענען געקומען ווירקן אויף אונדז, מיידלעך, אַז מיר זאָלן אַרײַן אין „בית״ר״. דעם אמת געזאָגט האָב איך נאָך דאַן נישט פֿאַרשטאַנען די פּראָגראַמען פֿון די אַלע פּאַרטייען. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג קינד, וואָס האָב געלערנט און נאָך נישט געוווּסט זיך צו פֿאַרנעמען מיט פּאַרטיי־זאַכן. מײַן ברודער חיים, וועלכער געפֿינט זיך הײַנט אין ישראל, איז שוין דעמאָלט געווען אַ פֿירער פֿון „השומר הדתי״, האָט ער — אויף מײַן בקשה — גענומען מיר אויפֿקלערן די צילן און ריכטונגען פֿון די אַלע פּאַרטייען. פֿאַרשטייט זיך, אַז צום בעסטן איז מיר געפֿעלן געוואָרן די אידייע פֿון האָבן אַן אייגענע. זעלבסטשטענדיקע מדינה, פֿרעמדע זאָלן מיט אונדז נישט רעגירן, מיר זאָלן זיך פֿרײַ אויסלעבן אין אַן אייגן לאַנד. מײַן פֿאָטער ז״ל האָט מיר נישט געשטערט דערין. אדרבא, אַליין געווען אַ גרויסער ציוניסט (אַ פֿירער פֿון „מזרחי״) און געוואָלט, אַז אַלע זײַנע קינדער זאָלן פֿאָרן קיין א״י, העלפֿן בויען דאָס לאַנד. זײַן ווערטל פֿלעגט זײַן: „פֿאָרט נאָר איר פֿריער, מיר אַלטוואַרג, וועלן שוין אונטערקומען״...

אין יענער צייט, ווען איך בין אַרײַן אין בית״ר, איז דער סניף געווען בײַ פּילאַרן אין הויז. איך געדענק ווי מיר האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן חנוכה־אָוונט, וואָס איז זייער געלונגען, און נאָך דעם דאָזיקן נשף, זענען פֿיל בחורות אַרײַנגעטרעטן אין בית״ר, ווי: ביילע קליינמאַן, חנה זעפּקאָ, לייקע לעווין, ציפּע שלאָפּמיץ, רויזע דוב, ז. גילדע א. אַנד.

אונדזער אינסטרוקטאָר איז געווען אַ געוויסער פּאַיקאָווסקי, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט אַלע ענינים פֿון דער אָרגאַניזאַציע און האָט אונדז אויך געלערנט עברית. ער האָט זיך אויסגעהאַלטן דערפֿון, וואָס ער האָט געפֿירט די בוכהאַלטעריע בײַ מענדל געדאַנקען. פֿון דעמאָלט־אָן, האָט זיך דער בית״ר שטאַרק פֿאַרגרעסערט. פֿון אַלע זײַטן זענען צוגעקומען חברים און חברות. האָט מען געדונגען אַ זאַל בײַ בענעדאָנען. ווען פּאַיקאָווסקי איז אַוועק, איז געקומען דער חבר שמוקלאַרעוויטש, און אַלס ראש־בית״ר פֿון אָסטראָלענקער סניף האָט ער ענערגיש און פּינקטלעך אויסגעפֿירט זײַן אַרבעט. די שענסטע יאָרן וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין דער בית״ר־באַוועגונג, זענען געווען די יאָרן 1935—1930 צווישן דער צייט בין איך אויך געוואָרן מזכירה און אויך מדריכה פֿון די בחורות. מ׳האָט געלערנט עברית און אויסגעפֿירט פֿאַרשידענע קולטורעלע אַרבעטן. מיט שטאָלץ פֿלעגן מיר מאַרשירן אין די בית״רישע אוניפֿאָרמען איבער די אָסטראָלענקער גאַסן אין די שבת־טעג. נישט איינמאָל פֿלעגט מען אונדז נאָכשרייען: שווערדלעך, ביקסלעך, פֿאַשיסטן און ד. גל. אָבער מיר האָבן ווייטער מאַרשירט, און צום טאַקט פֿון „שמאל־ימין״, האָבן זיך געהויבן די פֿיסלעך פֿון די יונגע קינדער. אַמשווערסטן האָט אונדזער דערשײַנונג שאָקירט די קאָמוניסטן און בונדיסטן פֿון שטעטל, ווי אויך פֿיל אַנדערע פֿון די לינקע פּאַרטייען. זייער צאָרן האָבן זיי אַמשאַרפֿסטן אויף אונדז אויסגעגאָסן בײַ אַ געלעגנהייט, ווען מיר זענען געווען אײַנגעלאַדן צו דעמאָנסטרירן אויף אַ דעפֿילאַדע, ווי מיר האָבן רעפּרעזענטירט אַלס רעכטע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי. אַזוי ווי מיר זענען נאָר צוגעקומען צום פּלאַץ פֿון בענעדאָנען, האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, מ׳האָט אונדז באַוואָרפֿן מיט שטיינער, פֿאַרפֿוילטע ציבעלעס און מיט וואָס עס איז נאָר געקומען אין די הענט אַרײַן.

אַ דאַנק דעם, וואָס לעבן בית״ר איז דאַן געווען דאָס וווין־אָרט פֿון אונדזער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע „ברית החייל״, זענען מיר ניצול געוואָרן און אַרויס בשלום.

זייער שיין איז אויך געווען די דעמאָלטיקע צייט, ווען דער חבר סוכאַרעוויטש פֿון זעמבראָווע איז געקומען און אונדז צוגעגרייט צו פֿאַרשידענע פֿאָרשטעלונגען. מיר פֿלעגן אָפּדינגען זאַלן אין פֿאַרשידענע שטעט און אויפֿטרעטן מיט אַ סך דערפֿאָלג. אויך איז שווער צו פֿאַרגעסן די שיינע מאָמענטן, ווען די יוגנט האָט זיך אויפֿגעזעצט אויף פֿורן און געפֿאָרן אויף אַ כינוס פֿון בית״ר אין טשערוואָני־בור, ווו מ׳איז זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע אַרומיקע שטעט. נאָכן מיסדר, הייזעריקע פֿון זינגען, זענען מיר געפֿאָרן קיין לאָמזשע הערן רעדן דעם חבר אייזיק רעמבאַ פֿון קאָלנע. נאָך זײַן רעדע — זיך אַרײַנגעזעצט צוריק אין די פֿורן און געפֿאָרן צוריק אַ היים קיין אָסטראָלענקע. מיר האָבן געהאַט דאָס געפֿיל פֿון אַ יום־טוב און אמתער שמחה, וואָס האָט אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג און אויך פֿיל יאָרן שפּעטער.

בתיה בישקאָ־חמיאל כפר חסידים, חיפה

פאַרטייאיש לעבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

אין די יאָרן 1915—1916, האָט שוין דער דייטש געהאַט באַזעצט גאַנץ פוילן. אונדזער פאַמיליע מיט נאָך אײן נאָך אַ סך אָסטראָלענקער פאַמיליעס האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט צו דער שטאַרק־אָפּגעברענטער שטאָט, און אַ פּחד האָט יעדן אַרומגענומען אַ קוק טוענדיק אויף די חרוב־געוואָרענע גאַסן און היימען, ווייל די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי איין גרויסע מוראדיקע חורבה. אונדזער וווינונג וואָס מיר האָבן דעמאָלט באַקומען האָט פריער געהערט צו אַ רוסישן פּאָלקאָווניק, אויף דער קלויסטער־גאַס, וווּ ס'האָט זיך געפונען דער „לוטניאַ־טעאַטער". אין דעם זעלבן הויז זענען געווען אָפיצינעס מיט אַ גאָרטן. אונטן האָט געוווינט „יאַפּאַנטשיק" דער מלמד מיט זיין משפחה און געהאַט דאָרט זיין „חדר". אויבן, אויף טרעפּ אַרויפצוגיין, האָט געוווינט זיין שוואָגער מיט 2 שטומע קינדער: אַ זון און אַ טאָכטער. איין זון האָט ער געהאַט יאָ אַ רעדעוודיקן, דאָס איז געווען דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טוער מאָטל ציצעוויטש, וואָס איז געוואָרן שפּעטער אין אָסטראָלענקע אַ קאָמיסאַר ביי די באָלשעוויקעס. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט ווענדזלען הערינג און דערפון געצויגן חיונה. אין דעם זעלבן הויז האָט זיך אויך אויפגעהאַלטן דער שפּעטער באַרימטער דיכטער ישראל שטערן, וואָס וועגן אים ווערט אין אונדזער יזכור־בוך באַזונדער דערציילט.

די דייטשישע אָקופּאַנטן האָבן זיך דעמאָלט דווקא באַצויגן צו דער יידישער באַפעלקערונג מיט מער צוטרוי ווי צו דער קריסטלעכער, און האָבן שוין טאַקע נאָמינירט אַ יידישן בירגערמייסטער פאַר דער שטאָט, דאָס איז געווען ר' משה־אהרן קאַטשאָר ז"ל. „יענע" דייטשן האָבן זיך געפילט באַזונדער „היימיש" מיט די יידן צוליב דער „געמיינזאַמער" שפּראַך. וועלכער ייד האָט עס נישט געקאָנט דייטש? ווי זאָגט אַ יידישער שפּריכוואָרט: „וואָס איז אייגנטלעך דייטש — אַ שלעכטער יידיש"... עס זענען באַלד געוואָרן יידישע מיליציאַנטן, ווי: פסח האָכבערג, יאָסל אשער, נאָסקע יאַבעק, בערל באַיוק א. אַנד. אייניקע פון זיי האָבן עס גענומען אפילו גאָר ערנסט, זיך גערעכנט ממש ווי פאָרשטייער פון דער הערשנדיקער מאַכט, און פלעגן זיך באַציען צו די שטאָטישע בירגער ווי, להבדיל, אָקופּאַנטן...

אין 1918, ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט פוילן און די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די מאַכט און עס האָט זיך דערנאָך אָנגעפאַנגען דער קריג קעגן די באָלשעוויקעס מיט דער מיטהילף פון אַנדערע מלוכות, איז דער אַלגעמיינער מצב פון דער שטאָט געוואָרן נאָך שווערער ווי געווען, ווייל מ'האָט די יידישע יוגנט מאָביליזירט צום פוילישן פראָנט, אַוועקנעמענדיק דערביי פון פיל משפחות זייערע דערוואַקסענע זין און פרנסה־געבער.

אַמעריקע איז דעמאָלט געווען די איינציקע שפּייזערין פון פוילן און פון אירע יידן. די יידישע גמינע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט, האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר אַלע שטאָטישע יידישע הצטרכותן. קיין דעמאָקראַטישע וואַלן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען. אויסגעוויילט האָט מען דערצו באַלעבאַטישע, בכבודיקע און ענערגישע שטאָט־לייט, ווי: ר' וועלוול בענעדאָן, אהרן יעקב מרגליות, איצל סאָיקע, וועלוול כאַצעק, זיסקינד זוסמאַן, סרולקע כמיעל, יאָסל ליטווער. נישט לייכט איז געווען זייער אַרבעט. גאָר נישט לייכט. חוץ די זאָרגן פאַר צוריק אויפשטעלן אַ שטאָט פון אירע חורבות און פאַר דערהאַלטן אַ פאַראָרימטע באַפעלקערונג, איז אויך געווען צו זאָרגן פאַר היימלאָזע אײן פאַרטריבענע פון זייערע ווייטע היימען, וואָס האָבן צו יענער צייט פאַרפולט די שטאָט (אַמערסטן, געדענק איך, זענען די היימלאָזע געקומען פון פינסק און אומגעגנט).

קיין אייגענעם בנין האָט די יידישע גמינע נאָך דעמאָלט נישט געהאַט. די זיצונגען פלעגן ווערן אָפּגעהאַלטן יעדעס מאָל אין דער וווינונג פון אַן אַנדער מיטגליד. קיינער פון זיי האָט אָפיציעל נישט פאַרטרעטן קיין שום ריכטונג. דאָך האָט יעדער איינער פון זיי געזאָרגט פאַר זיין שיכט און שטאַנד. ווער — פאַר געדריקטע סוחרים, ווער — פאַר אָרעמע האַנטווערקער, ווער — פאַר אָרטאָדאָקסישע אָדער ציוניסטישגעשטימטע יידן. אין יענער צייט, געדענק איך, איז שוין דער רב ר' יצחק בורשטיין ז"ל געהאַט צוריקגעקומען קיין אָסטראָלענקע, און האָט אויך געוווינט אין דער קלויסטער־גאַס. איך געדענק אויך, אגב, דאָס שווערע פּראָבלעם, וואָס איז דעמאָלט אַנטשטאַנען בנוגע די פסחדיקע ווייץ; מיין פאָטער ז"ל, איצל סאָיקע און אַ געוויסער קעלער זענען דעמאָלט געפאָרן איינקויפן ווייץ אין פּלאָצק מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער מאַכט.

שפּעטער, ווען דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן מער־ווייניקער צו נאָרמאַליזירן, האָט מען אָנגעהויבן צו גרינדן ביבליאָטעקן. צו ערשט — די ביבליאָטעק פון די ציוניסטישע עסקנים: אַנשל לעוו, יעקב באַיוק, ישראל רובינשטיין, יאַנקל קאַפּלאַן, מענדל ביאַלי, יעקב פיליאַר א. אַנד. און די יינגערע פון זיי, שוין ממש אַלגעמיינע ציוניסטן, ווי: שלמה בענעדאָן, יצחק ראַפּפּאָרט, יצחק לעוו, ביילע גיטל ראַפּפּאָרט (זילבערשטיין), מענדל געדאַנקען א. אַנד.

די יוגנט איז נישט געגאַנגען אין זייערע רייען.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געגרינדעט די פּועלי־ציון־ביבליאָטעק. די טעטיקע זענען געווען: וואָנשאַק, חיה מרגליות (רובין; היינט אין ישראל), ראובן בריסק, ישמח, זאַבלודאָוויטש א. אַנ. דעמאָלט איז אויך אַנטשטאַנען די „תרבות"־שול, אירע גרינדער: צאַלקע בורשטיין (קאָלאָמביע), משה ליטווער, חיים וויגדאָר אייזנשטיין, שמואל פרידמאַן א. אַנ. אין די אויגן פון דער רעגירונג איז דער „תרבות" געווען פון די „כשרסטע" יידישע לער־אַנשטאַלטן. דער „השומר־הצעיר" האָט אין תחילת פון זיין אַנטשטייאונג זיך געשטעלט אונטערן נאָמען פון דער דאָזיקער שול, פאַר די דעמאָלטיקע מאַכט־אָרגאַנען. פון דעמאָלט־אָן האָט די „פּועלי־ציון" פּאַרטיי אָנגעהויבן איר אַנטוויקלונג, און איז בליצשנעל אויפגעשטיגן אויף דער יידיש־ציוניסטישער אַרבעטער־

גאַס. אין דער שפּיץ פֿון דער פּאַרטיי זענען געשטאַנען: בערל זאַבלודאָוויטש, יחיאל שאַפּראַן, יוסף פֿינקלשטיין, מענדל שלאַפּמיץ, משה אהרן סאָיקע א. אַנ. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע עמיגראַציע קיין א״י. כמעט די אַלע אויבנדערמאָנטע האָבן פֿאַרלאָזט זייערע אָסטראָלענקער היימען און עולה געווען. נאָך זייער אָפּפֿאָרן איז די אַרבעט אין דער פּאַרטיי געוואָרן אָפּגעשוואַכט. זייערע נאָכפֿאָלגער זענען נישט געווען אימשטאַנד אויפֿצוהאַלטן דאָס וואָס די פֿריערדיקע האָבן געשאַפֿן. דערצו זענען אָנגעקומען שלעכטע גרוסן פֿון ארץ־ישראל. אַרבעטסלאָזיקייט און אַראַבישע אומרוען, אונטער דער „אויפֿזיכט״ פֿון דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט, זענען געווען זאַכן פֿון טאָג־טעגלעכער דערשיינונג.

און דאָ האָט פּאַסירט, אַז אונדזערע אַ שטאָטישע, חיה סאָיקע (היינט: יאַבלאָנקא, אין ישראל) האָט געהייראַט מיט אַ געוויסן מאָטל זשוטקעוויטש פֿון לאָמזשע, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אָסטראָלענקע; זשוטקעוויטש אַלס מיטגליד און פֿאָרשטייער פֿון דער לאָמזשער פּועלי־ציון־באַוועגונג מיט אַ סך דערפֿאַרונג, צוזאַמען מיט משה מרגליות (שפּעטערדיקער ראש הקהילה), זיינס אַ חבר — דיביידע זענען געוואָרן גאָר טעטיק אין דער פּאַרטיי און אין אַ קורצע צייט זי אויפֿגעלעבט.

אויפֿן חשבון פֿון די דעמאָלטיקע צרות אין ארץ־ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקן דער „בונד״ אין אָסטראָלענקע. ער האָט זיך געווענדט נישט נאָר צום מוח פֿון דער יוגנט, נאָר אויך צו זיין „מאָגן״ און פּראַקטישן צושטאַנד. די פּראָפּאָגאַנדע האָט געווירקט, טייטלענדיק אויף דער דורכגעפֿאַלענער אידעע פֿון בויען אַן אויסדערוויילט לאַנד פֿאַר יידן, אַנטלויפֿנדיק פֿון זייערע באַזעסענע היימען אין פּוילן און פֿון אָרטיקן קאַמף פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן. דערביי האָבן זיי אָנגעוויזן אויף צוריקגעקומענע פֿון ארץ־ישראל, הגם אין גרעסטן טייל איז זייער צוריקקער נישט געווען מחמת אידעאישער אַנטוישונג נאָר מחמת געוויסע פֿאַמיליע־אומשטאַנדן.

די צוריקגעקומענע האָבן זיך געפֿילט אומבאַקוועם, אַנטמוטיקט. מיט דער צייט האָבן זיי זיך אומגעקערט צו דער פּאַרטיי און געוואָרן ווידער טעטיק. אינטערעסאַנט איז, וואָס קיין איינער פֿון זיי האָט נישט געביטן זיין אידעע. אדרבה, יעדער וואָס איז צוריקגעקומען האָט געוואָלט געפֿינען אַ טרייסט אין דער ווייטערדיקער פּאַרטייאישער מיטאַרבעט פֿאַר פֿאַרווירקלעכן דעם ארץ־ישראלדיקן אידעאַל. פֿון טאָג צו טאָג איז די אַרבעט אין דער פּאַרטיי געוואָרן אינטענסיווער און האָט זיך פֿאַרברייטערט. זי איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי אָרגאַניזירט און פֿאָרשריטנדיק.

אין יענער צייט האָט מען זיך בעיקר געניטיקט אין פּראַקטישע לאָקאַלע אַרבעטן פֿאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך, כדי צו קאָנען זאָרגן אי פֿאַרן „היינט״, אי פֿאַרן „מאָרגן״, וואָס הייסט: ארץ־ישראל.

אויפֿן פּראַקטישן לשון האָט עס געהייסן: דעראָבערן אַן אָנזעעוודיקע פּאָזיציע אין דער יידישער קהילה, אַ שטאַרקע פֿאַרטרעטונג אין דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג (מאַגיסטראַט) און אויך אין אַלע אַנדערע שטאָטישע אינסטיטוציעס.

„ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך״: די פֿאָרשטייערשאַפֿט אויף דער יידישער גאַס איז תמיד געווען לויט דער איינשטעלונג פֿון די פּויליש־רעגירנדיקע מאַכט־אָרגאַנען. זענען די ענדעקעס געקומען צו דער מאַכט האָבן זיי געזאָרגט, אַז די „אגודת ישראל״ זאָל רעפּרעזענטירן די יידישע באַפֿעלקערונג. איז טאַקע דעמאָלט געוואָרן פּרעזעס פֿון דער קהילה ר׳ חיים פּנחס גינגאָלד און זיינע מיטאַרבעטער: יעקב נאַשעלסקי, באַרש, דאַנציגער א. אַנ. געזאָרגט פֿאַר דער קלעריקאַלער אַנטוויקלונג און עקסט־רעליגיעזע צרכים. אַראָפּגעבראַכט די באַרימטע עסקנטע שרה שנירער, געגרינדעט דעם „בית־יעקב״, פֿאַרשאַרפֿט פֿאַרשידענע רעליגיעזע פֿאָדערונגען א. אַז. וו.

ווי נאָר עס האָט זיך עפּעס אין וואַרשע געביטן, אַזוי איז מענדל געדאַנקען און זיין גלייכן געקומען צום פּסוק.

דאַקעגן ווען די סענאַציע מיט פּילסודסקען אין דער שפּיץ זענען געקומען צו דער מאַכט, און עס זענען פֿאָרגעקומען די וואַלן צו דער יידישער גמינע אין אויך צום שטאָט־ראַט, אַזוי האָט משה מרגליות (אַלס געוועזענער אונטער־אָפֿיצער אין פּילסודסקעס אַרמיי פֿון איין זייט, און זייענדיק באַפֿריינדעט מיט די הערשנדיקע קריסטלעכע באַאַמטע פֿון דער צווייטער זייט און דערצו אַלס טוער פֿון „פּועלי־ציון״, אַ פּאַרטיי, וואָס האָט שוין געהאַט אַ סך פֿאַרדינסטן פֿאַר דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג), — באַקומען אַ מערהייט ביי די וואַלן. כאָטש געשטאַנען אין אַ זייער שווערן קאַמף מיט דער שטאַרק־אָרגאַניזירטער בונדישער פּאַרטיי, אגודת ישראל און די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס האָבן אָנגעהערט צום סוחרים־שטאַנד. די האַנטווערקער, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט און געהאַט אין זייערע רייען טיכטיקע חברים, האָבן געוואָלט זיין אַליין די זאָרגער פֿאַר זייער גורל און נישט געוואָלט אים איבערגעבן אין קיין אַנדערע הענט.

ווען דער טערמין צו די וואַלן איז באַשטעטיקט געוואָרן, האָט די ציוניסטישע יוגנט ווי: „השומר־הצעיר״, „החלוץ״, „פֿרייהייט״, זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פֿון דער „פּועלי־ציון״־פּאַרטיי, וועלכע זענען איר אידעאיש געווען אַמנאָענטסטן, און מיטן גאַנצן ברען צוגעהאָלפֿן דער פּאַרטיי קומען צו אַן אַבסאָלוטער מערהייט. אויך די האַנטווערקער וועלכע זענען געוואָרן געוויילט, האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו „פּועלי־ציון״. פּרעזעס פֿון דער קהילה איז געוואָרן משה מרגליות, די מיטגלידער: מאָטל זשוטקעוויטש, בערל זאַבלודאָוויטש, שלאַפּמיץ א. אַנ. וויכטיקע אין ערנסטע אַרבעטן זענען אויפֿגעטאָן געוואָרן דורך די אויסגעוויילטע, סיי פֿאַר די שטאָטישע יידן, סיי פֿאַר אַלגעמיינע מוניציפּאַלע באַדערפֿענישן.

ווען פּוילן איז געגאַנגען וויילן אַ נייעם סיים און סענאַט, און פֿאָרשטייער פֿונעם פּוילישן יידנטום ווי: יצחק גרינבוים, הרב רובינשטיין, אַנשל רייס, שטשופּאַקעוויטש, מלך ניישטאַט און אַנד. האָבן אָנגעהויבן פֿאַרן צוועק פֿון אַגיטאַציע באַזוכן אויך אונדזער שטאָט, איז אַנטשטאַנען די פֿראַגע, ווו נעמט מען אַ לאָקאַל פֿאַר אַזעלכע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, וואָס האָט באַדאַרפֿט אַריינגעמען אין זיך מאַסן מענטשן פֿון אַלע

שיכטן (קליינע לאָקאַלן פאַר געוויינלעכן צונויפקומען האָט כמעט יעדע פּאַרטיי־גרופּע געהאַט פאַר זיך). דער איינציקער גרויסער זאַל אין שטאָט איז געווען דער „לוטניא״־טעאַטער, וועלכער האָט אָבער כמעט געהערט צו דער קירכע און די אַפּוטרופּסים איבער אים זענען געווען ענדעקישע פאָרשטייער. פאַרשטייט זיך, אַז מערסטנטייל האָבן זיי דעם טעאַטער־זאַל צו יידישע צוועקן נישט פאַרדונגען (בפרט דאָס מאָל, ווען צו דער מאַכט זענען געקומען אַנדערע...) אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען עס איינאָרדענען אינעם גרויסן בית־מדרש, וועלכער האָט געקאָנט אַריינעמען אין זיך אַ גאַר־גרויסן עולם און וואָס פאַרוואַלטעט האָבן מיט אים נאָר די קהילה־פאָרשטייער, נישט אָפּזאָגנדיק קיינמאָל פאַר אַזעלכע צוועקן. די ציוניסטישע קרייזן פון אַלע ריכטונגען האָבן זיך איינגעטיילט אין ספּעציעלע גרופּעס, כדי אָפּצוהיטן די אָרדענונג, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל נישט געשטערט ווערן פון זייערע קעגנער... און ווירקלעך איז יעדע פאַרזאַמלונג דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. די קעגנער פלעגט קיינמאָל נישט געלינגען דורכצוזעצן זייערע שטערונגען.

★

אויף די גאַסן פון מדינת־ישראל טרעפן מיר חברים און חברות, וואָס האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט די הכשרה פאַר ארץ־ישראל אין אָסטראָלענקע, ווישקאָוו, מלאַווע, פּולטוסק א. אַנד. קיין אינדוסטריע האָבן מיר אין אָסטראָלענקע נישט פאַרמאָגט. די איינציקע אַרבעטס־פּלעצער זענען געווען: ביאַליס טאַרטאַק אָדער די גרויסע שטאָטישע מיל. חוץ דעם איז געווען נאָר: האָלץ האַקן. דאָ האָבן אָבער די יידישע מאַמעס נישט געקאָנט צוזען ווי יידישע קינדער זאָלן אין אַ שניי אָדער אין אַ פראָסט טאָן אַזאַ אַרבעט, וואָס פּאַסט נאָר פאַר גויים, — נישט נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די דאָזיקע „גוטהאַרציקייט״ קאָן ברענגען שאָדן דעם געדאַנקען־גאַנג פון זייערע קינדער און אויך אפילו זייער עקזיסטענץ, וואָס האָט געפאָדערט צוגרייטונג צו אויסהאַלטן זיך דורך אייגענער מי און אַרבעט. נאָר אַ דאַנק דער יידישער גמינע, וואָס האָט דעמאָלט געזאָרגט פאַר דער יוגנט, וואָס האָט געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אַז זיי זאָל קיין אַרבעט נישט פעלן, זענען דורכגעפירט געוואָרן די הכשרה־פּלענער און ס'איז אויסגעטראָטן געוואָרן דער וועג צו דער עליה פאַר אַ סך פון אונדזערע חברים. די פּועלי־ציון פאָרשטייער אין דער יידישער קהילה און אויך אין שטאָט־ראַט (מאַגיסטראַט) האָבן געהאָלפן חוץ מיט מאַטעריעלע מיטלען אויך מיט דאָקומענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן לויט די פאָדערונגען פון דער רעגירונג פאַר עמיגראַציע און זיכערהייט. נישט לייכט איז געווען זייער אַרבעט.

פיל פון אונדזערע חברים און איך בתוכם האָבן אמת זוכה געווען צו קומען אין לאַנד אַריין. דער גרעסטער טייל אָבער האָט דערצו נישט זוכה געווען און אומגעקומען דורך די דייטשישע רוצחים. צוזאַמען מיט זייערע קערפּערס איז אויך פאַרברענט געוואָרן אויף אַש זייער ליכטיקער חלום פון אַ פרייען, פּראָדוקטיוון לעבן אין ארץ־ישראל.

שלום מרגלית (תל־אביב)

אישים ועסקני ציבור

פערזענלעכקייטן און געזעלשאַפטלעכע טוער

העניך פלאַקסער

(1943 - 1878)



מיין פאָטער, ר׳ העניך פלאַקסער, איז אַלס אַ יונגער עילוי אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין אָסטראָלענקע כדי צו עסן „אייביקע" קעסט אין דעם הויז פון אפרים און פריידעלע גאָלדבראַך, וועמענס איידעם ער איז געוואָרן. ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות און איז שוין אפילו געפאָרן אין דער שטעטל קויל, קאַלישער גובערניע, צו פאַרנעמען אַ רבנישע שטעלע. אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט און ער איז געוואָרן אַ סוחר און אַ כלל־טוער אין אונדזער היים־שטאָט.

ער האָט אָרגאַניזירט די ערשטע ליי־און שפּאָר־קאַסע אין אונדזער שטאָט, וואָס איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר דעם יידישן קרעמער און בעל־מלאכה, ווען עס איז אַנגעגאַנגען דער באָיקאָט פין פּאָליאַקן קעגן יידן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט אפילו געבילדעט אַ גרופּע פון יידישע פייערלעשער, ווען עס איז געווען אַ פּאַראַדאָקס, אַז די פּאָליאַקן נישט נאָר זיי זענען נישט גרייט צו ראַטעווען יידישן פאַרמעגן, נאָר זיי זענען גאָר אַליין די אונטערצינדערס.

ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פון אונדזער שטאָט אַלס „וויבאָרשטשיק" צו דער רוסישער דומע, אָדער פּאַרלאַמענט. די וויבאָרשטשיקעס פון די פּאָוויאַטאָווע שטעט זענען זיך צונויפגעקומען אין דער גובערניע־שטאָט, לאָמזשע, כדי צו דערוויילן דעם דעפּוטאַט. זיין דערוויילונג איז אין זיין צייט באַטראַכט געוואָרן אַלס גרויסער זיג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל קעגן אים איז „געלאָפן" דער אַנטיסעמיט, ד"ר פּסאַרסקי.

די אַלע טעטיקייטן האָבן נישט געשטערט העניך פלאַקסער צו לערנען אַ שיעור יעדן פאַרטאָג מיט אַ גרופּע פון די בעסטע בחורים אין שטאָט. צווישן זיי האָט זיך אויך אַ געוויסע צייט געפונען דער שפּעטערדיקער באַרימטער דיכטער, ישראל שטערן.

דער חורבן און דער גירוש אין רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אים געבראַכט אין שטעטל כאָראָל, פּאָלטאַווער גובערניע, ווו עס האָט דעמאָלט געלעבט זיין רבי, פון וועלכן ער האָט געקריגן סמיכות, דער פריערדיקער רב אין אָסטראָלענקע און שפּעטער אין קעלץ, הרב ר׳ משה נחום יערוזאַלימסקי. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע. פון דאָרט איז ער דורך די היטלער־רוצחים צוזאַמען מיט אַלע יידן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. הי"ד.

מנחם פלאַקסער

מענדל ביאַלי



הינטערן שטאָט, אויפן וועג צום דאָרף לעבטשיסק, איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ אַרומגענומען מיט אַ פּלויט, וואָס האָט געהערט צו מענדל ביאַלי. דאָרט איז געשטאַנען זיין טאַרטאַק, וואָס האָט געזעגט ברעטער פאַר דער אַרומיקער גויישער סביבה און אויך פאַרקויפט האָלץ צו יידישע סוחרים און אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אַריינקומענדיק אין הויף האָט דיך מקבל פנים געווען דער גאַטאַר מיט זיינע לאַנגע זעגן און שאַרפע ציין. אַרום זענען געלעגן אויסגעלייגט גראָבע מיוחסדיקע קלעצער, וואָס זייער עלטער האָבן נאָר אמתע פאַכמענער געוווּסט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן ליגן ווער ווייס ווי לאַנג. פּלוצלונג האָסטו באַמערקט ווי מ׳פאָרט צו מיט קליינע וועגעלעך אויף קליינע שינעס. די קלעצער ווערן אַרויפגעלאָדן אויף זיי, צוגעפירט צום גאַטאַר, און די זעגן מיט זייערע שאַרפע ציין, רייסן פון זיי לעבעדיקע שטי־קער... אין פאַרלויף פון אַ קורצע צייט איז פון דעם מיוחסדיקן קלאָץ געוואָרן 2—3 צאָליקע ברעטער. אויפן הויף זענען גע־לעגן גרויסע שטויסן אויסגעסאָרטירטע ברעטער פריש געזע־געגע און אַזעלכע וואָס האָבן געוואַרט, אַז מ׳זאָל זיי אָפּ־טראַנספּאָרטירן צו דער באַן, זיי פאַרלאָדענען אין וואַגאָנען פאַר די יידישע סוחרים אין פאַרשידענע מקומות.

צווישן די שטויסן ברעטער האָט זיך געפונען דאָס הויז פון בעל־הבית מענדל ביאַלי. אין קעגנזאַץ צום הויף ווו דער טאַרטאַק האָט זיך געפונען, וואָס מיט זיין רעש און געפילדער האָט ער זיך געלאָזט הערן ווייט אַרום און אַרום, האָט אין דעם הויז געהערשט אַ זעלטענע שטילקייט און אידיליע, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר איינס פון די שענסטע הייזער פון דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילישן יידנטום.

די פאַמיליע ביאַלי איז געווען איינע פון די שענסטע משפחות אין לאָמזשע.

מאָטל ביאַלי אין לאָמזשע, אויך אַן אינהאָבער פון אַ טאַרטאַק, איז געווען — כאָטש זייענדיק אַן אַזוי גערופענער בורזשוי — אַ סימפּאַטיקער פון „בונד״, אים געשטיצט מיט ראַט און טאַט. דאַקעגן זיין ברודער מענדל ביאַלי, וואָס האָט געוווינט אין אָסטראָלענקע און געהאַט דאָרט זיין טאַרטאַק — איז געווען אַ ציוניסט און אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין די ציר־ניסטישע קרנות. געווען פאָרזיצער פון קרן היסוד־קאָמיטעט אין שטאָט. ווען עס איז געקומען דער אינסטרוקטאָר פון קרן־היסוד פון דער וואַרשעווער צענטראַלע אויף אַ באַזוך אין שטאָט, איז די באַראַטונג ווי אַזוי פונאַנדערצוטיילן די פאָר־לעך, וואָס זאָלן דורכפירן די אַקציע, פאָרגעקומען ביים פאָר־זיצער מענדל ביאַלי אין שטוב. געקומען זענען פאָרשטייער פון אַלע ציוניסטישע פאַרטייען אין שטאָט. ווען מ׳האָט זיך אַוועק־געזעצט ביים טיש, האָט מען געקאָנט באַמערקן ווי דער חותם פון בעל־הבית מיט זיין שטילקייט און באַשיידנקייט האָט באַווירקט אַלע אַנוועזנדיקע, — אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע זיצונגען, ווו יעדער האָט זיך באַמיט אויפצווייזן, אַז דעם גאַנצן אמת־שכל־יושר דריקט ער אויס אין נאָמען פון זיין פאַרטיי. דאָ זיצנדיק האָט זיך יעדער באַמיט וואָס ווייניקער צו רעדן. צופּאַסנדיק זיך צום כאַראַקטער פון בעל־אכסניה. דער צויבער פון זיין האַלטונג האָט יעדן באַווירקט, זעענדיק אַז „לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה״. עס איז נישט געווען דער פאַל, אַז מענדל ביאַלי זאָל זאָגן, למשל, אַז אַזוי און אַזוי דאַרף זיין דער צוזאַמענשטעל פון די פאָרלעך — אַז ווער זאָל זיך אים קעגנשטעלן. די קאָרעספּאָנדענץ און דאָס מאַ־טעריאַל פון קרן־היסוד האָט זיך געפונען ביי אים אין אַ זעלטענער אָרדענונג, ווי עס וואָלט געהאַט אין אַ גרויסער מאָס נאָך מער חשיבות ווי די פּאַפּירן און דאָקומענטן פון זיין פּערזענלעכן געשעפט. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן דערפאָלג פון דער אַקציע, זייענדיק אַליין אַ שוואַכער מענטש און נישט קאָנענדיק זעלבסט אָנטייל נעמען אין דער געלט־זאַמלונג. ער האָט זיך באַמיט מיט דער גרעסטער מאָס פּינקטלעכקייט, אַז קיין איינער וואָס האָט זיך געקאָנט באַ־שטייערן פאַרן קרן־היסוד זאָל נישט פעלן צווישן די תורמים.

די הייליקסטע אַרבעט ביי מענדל ביאַלי, איז געווען ווי שוין אויבן דערמאָנט, דער קרן־היסוד. נישט געמישט זיך אין קיים שום קהלשע שטאָטישע ענינים. ערשטנס צוליב זיין שוואַכן געזונט צושטאַנד, צווייטנס איז עס געלעגן אין זיין איידעלן כאַראַקטער, נישט צומישן זיך אין אַזעלכע ענינים, ווו מ׳האָט געדאַרפט מערסטנס, אפילו נישט ווילנדיק, זיין אַקטיוור־קעמפעריש, אַרויסווייזן עקשנות, חוצפה. דאָס איז גע־ווען קעגן זיין וועזן. די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג, יידן ווי קריסטן, האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. געווען אַ נדבן ביד רחבה. ווען מ׳האָט געדאַרפט דורכפירן אין שטאָט אַ געלט־זאַמלונג, נישט קיין ציוניסטישע אפילו, האָט מען שוין געוווּסט, אַז די גרעסטע סומע געלט וועט געבן מענדל ביאַלי. אויפגענומען די זאַמלער בסבר פנים יפות, און מיט אַ העפלעכן שמייכל אויף די ליפּן דערלאַנגט די נדבה זיינע, אַזוי אַז די זאַמלער פאַרלאָזנדיק דאָס הויז האָבן זיך געפילט דערמוטיקט און שטאָלץ מיט זייער טאַט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

חיים דרעזנער

✶

אַליין געשטאַמט פון לאָמזשע, פון אַ מיוחסדיקער משפחה. אינהאָבער פון אַ טאַרטאַק. געוווינט הינטער דער שטאָט צווישן

אַ קריסטלעכע באַפעלקערונג, געווען אָבער טיף געאַכט ביי זיי. נישט ווייל ער איז געווען אַ „מה יפית"־ייד און ליב געהאַט צו חנפענען, חלילה. ער איז געווען אַ שטאָלצער נאַציאָנאַלער ייד. דאָס איז געווען, שיינט מיר, די איינציקע שטוב אין אָסטראָלענקע, וווּ עס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ מאַפּע פון ארץ־ישראל. אין משך פון יאָרן פלעגט קומען צו אים טעג־לעך אַ לערער און לערנען מיט זיינע קינדער העברעאיש. געווען אַ ציוניסט בלב ונפש און געאַרבעט פאַר א"י און די קרנות. כדי אים צו כאַראַקטעריזירן, וועל איך מיך באַנוצן מיט דעם העברעאישן אויסדרוק: „נעים הליכות".

משה קאַמין, נתניה

*

ער איז געווען, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַ נוח לבריות, אַ „שטילער" מיט אַן עכט־איידעלער באַציאונג צום אַרום, פאַרמאָגט אַן אמת־מענטשלעכן געפיל פאַר יעדן איינעם, אפילו צו אַ קעגנער, וואָס האָט בכלל נישט עקזיסטירט אין באַצוג צו אים.

געווען אַ מצניע־לכת, אָבער ווי נאָר עס האָט זיך גע־האַנדלט אין אַ וועלכן עס איז ציוניסטישן ענין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו ארץ־ישראל, אפילו נישט קיין דירעקטע — דאָ איז מענדל ביאַלי געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער. נישט צו דערקענען. אין ציוניסטישע זאַכן איז ער געווען אַ שאַרפער מוכיח, אַ שטרענגער קנאי, וואָס איז נישט איינגעגאַנגען אויף קיין שום פשרות. פונקט ווי די ליבשאַפט צום ציוניזם און צו א"י וואָלט געווען דער איינציקער פונדאַמענט פון זיין קיום. דאָס וואָס עס האָט נישט געשמעקט מיט ארץ־ישראל, האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט „גלאַט־כשר".


אַלס אַ באַווייז צו זיין טיף־איינגעוואָרצלטער ליבע צו אַלץ, וואָס איז ציוניסטיש און האָט אַ שייכות צו דעם אויס־געטרוימטן יידישן לאַנד, איז כדאי צו ברענגען דעם עפּיזאָד מיטן אתרוג, וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווען מענדל ביאַלי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אתרוג וועלכן מיר האָבן געבראַכט דעם ערשטן טאָג סוכות צו בענטשן אין שול — קומט נישט פון ארץ־ישראל (געווען אויך אַן אתרוג פון ארץ־ישראל, וועלכער איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר זייער אַ טייערן פּרייז), אַזוי האָט ער, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, ווי עס איז געקומען צום בענטשן, אַרויסגענומען אַ מעסערל פון זיין טאַש און אים צעשניטן פאַר אונדזערע אויגן אויף 4 חלקים, זיך אָפּרופנדיק דערביי: „נאַט אייך און זאָל יעדער איינער בענטשן אויף זיין חלק"...

דער ארץ־ישראלדיקער אייפער האָט אין אים, ווי עס זעט אויס, שטאַרק געפלאַקערט, און נישט נאָכגעגעבן כחוט־השערה.

אַלס איינער פון די „מזרחי"־טוער, וואָס פלעגט זיך מיט אים נישט איינמאָל צונויפטרעפן אין די ענינים פון די ציוניס־טישע קרנות (דאָס איינציקע וואָס פלעגט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און שטרעמונגען פאַראייניקן ווי איינס...), קאָן עדות זאָגן אויף אים ווי אויף איינעם פון די איידלסטע, מענטשלעכס־סטע און ציוניסטישסטע געשטאַלטן פון אונדזער שטאָט.

דוד כספי (סרעבערניק)

משה אהרון קאטשאר



געבוירן אין אָסטראָוו־מאַז. אין יאָר 1870. געלערנט אין זיינע יונגע יאָרן אין דער אָסטראָווער ישיבה. דערנאָך גע־הייראַט מיט רייזל, וועלוול בענעדאָנס טאָכטער פון אָסטראָ־לענקע. קומענדיק קיין אָסטראָלענקע האָט ער געאַרבעט צו־זאַמען מיט זיין שווער ר' וועלוול אין דער האָלץ־בראַנזשע, געווען טעטיק אין דער „מזרחי"־באַוועגונג און מיט דער צייט זיך אַריינגעטאָן אין שטאָטישע זאַכן און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פאַרשידענע קאָמיטעטן פאַרן וווילזיין פון דער אַלגעמיינער שטאָטישער באַפעלקערונג.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער דייטשי־שער אָקופּאַציע, איז ער נאָמינירט געוואָרן פון דער דייטשי־שער מאַכט אַלס פּרעזידענט פון דער שטאָט. אין 1918, ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די ממשלה, האָבן זיי גע־רודפט די וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, דאָך האָבן זיי מסכים געווען, אַז מיין פאָטער זאָל ממשיך זיין אין זיין אַמט אַלס שטאָט־פּרעזידענט (בורמישטש). אין יענער צייט ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָט שטאַרק גע־בושעוועט, און פּאָגראָמען אויף יידן זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, האָבן געוויסע פּוילישע אַנטיסעמיטישע פירער, וויסנדיק די גרויסע פאַרדינסטן פון מיין פאָטער ז"ל אויך פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג פון שטאָט — אים געראַטעוועט פון אַ סך ערנסטע געפאַרן. דערפון איז געווען אַרויסצוזען ווי ווייט מיין פאָטערס השפעה האָט דערגרייכט אין די אַלגעמיינע ענינים פון דער שטאָט.

ביז 1922 בערך איז מיין פאָטער געווען בורמישטש (שטאָט־פּרעזידענט) און דערנאָך האָבן די פּאָליאַקן אים פאָר־געלייגט, אַז ער זאָל ווייטער אַמטירן אַלס וויצע־פּרעזידענט. מיט דער צייט איז ער געוואָרן שטאַרק טעטיק אין דער יידי־שער גמינע אַלס פּרעזעס און געהאָלפן אָרגאַניזירן צוריק אַלע יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען אין דער מלחמה־צייט פּאַראַליזירט געוואָרן.

מיין פאָטער ז"ל האָט אויך אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און מי פאַר בנין הארץ און מיטגעאַרבעט אין אַלע ציוניסטישע קרנות און קאָמיטעטן פון שטאָט. ער איז אויך געווען פון

די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ביליקער קיך (באַלד ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט) פאַר די אָרימע יידישע משפחות אין אָסטראָלענקע.

אויך איז ער געווען איינער פון דער דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט אין יענער צייט פאַר דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועגן דרינגענדיקע יידישע ענינים, צו־זאַמען מיט די באַקאַנטע יידישע מנהיגים: יצחק גרינבוים, ראַטנשטרייך און אַנד.

עס איז כדאי צו באַצייכענען פאָלגנדיקן פאַל: ווען מיין פאָטער איז נאָמינירט געוואָרן ביי די דייטשן אַלס שטאָט־פּרעזידענט, האָט אים דער דעמאָלטיקער דייטשישער אינערן־מיניסטער פאָן־פּאַפּן באַגריסט אין אַ פּערזענלעכן בריוו, אויס־געדריקט זיין גרייטקייט אים צו שיצן אין יעדן פאַל, און אים פאַרגעלייגט זיך ווענדן צו אים אין יעדער פאַר אים אומבאַקוועמער לאַגע אָדער עת צרה. אין דער 2־טער וועלט־מלחמה, ווען די נאַצישע חיות זענען באַפאַלן די שטאָט, האָט ער די „פּראָטעקציע" נישט געוואָלט אויסנוצן און גע־זאָגט: „איך גיי מיט אַלע יידן!"...

ער מיט זיין פרוי רייזל זענען אומגעקומען אין ווילנער געטאָ צוזאַמען מיט די זין לייבל און אייזיק און זייערע משפחות.

השם ינקום את דמם ויהי זכרם ברוך!

זיין זון: **שלמה קאַטשאַר**

חיפה, ישראל

חיים פנחס גינגאלד

ער איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און בכבודדיקסטע אָסטראָלענקער געשטאַלטן. אַ ייד אַ למדן, פון די שאַרפע גערער חסידים, דערצו — אַ כלל־טוער מיט אַ שם; דאָזאָר, ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט און דערנאָך: פּרעזעס פון דער יידישער גמינע. ר' חיים פּנחס איז געווען אַן ערלעכער מענטש און מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער. ער האָט נישט געוווּסט פון קיין בויגן־זיך אָדער חנפ'ענען. וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אומגלייך און אומגערעכט, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אָננעמען. דאַקעגן דאָס, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אמת און ריכטיק, האָט ער פאַרטיידיקט מיטן גאַנצן ברען פון זיין חסידישער נשמה. און געווען איז ער שטאָלץ אויף זיין יידישיקייט ווי עס פּאַסט פאַר אים, חיים פּנחסן.

אין יענע צייטן, ווען די „האַלערטשיקעס" פלעגן מער־דערלעך באַפאַלן יידן אויף די גאַסן, שניידן בערד... האָט ער איינמאָל, ווען מ'איז אים באַפאַלן, געכאַפּט אַ ציגל און זיך געוואָרפן אויפן אָנפאַלער, אַזש יענער איז געבליבן שטיין פאַרציטערט און מיט אַן אָפענעם מויל... אַזוי־אַרום האָט ער געראַטעוועט אי זיין באָרד, אי זיין יידישן כבוד.

ווי געזאָגט, איז ער געווען אַן עומד־על־דעתו און געשטאַ־נען אויף דער וואַך פון דער גערעכטיקייט. ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער דינט דעם אמת, אַזוי ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען, פלעגט ער גיין זיין וועג, אפילו ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו קעמפן מיט אַ סך, וועלכע פלעגן טייל־מאָל — לויט זיין מיינונג — נישט וויסן ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם ריכטיקן פשט פון זיינע מעשים...

ווען ס'איז איינמאָל, למשל, אַרויפגעשוווּמען די פראַגע וועגן צונעמען 2 נייע שוחטים אין שטאָט (ציוויאַק און מאיר'ל, וועלכע האָבן זיך „געכאַפּט" צו דער שחיטה נאָכדעם ווי ביי זיי זענען נישט „געגאַנגען" די מסחרים... אויך געווען גערער חסידים און געדאַוונט אין זעלבן שטיבל), איז חיים פּנחס אַלס ראש־הקהל געווען אַנטשלאָסן קעגן דעם. ער האָט געזען אין דעם אַ הסגת־גבול פאַר די אַלטע שוחטים צוליב דער אוממעגלעכקייט פון דער אָסטראָלענקער קהילה אויסצוהאַלטן מער ווי 3 שוחטים. ער האָט אויך געזען אין דעם אַ לייכטן צוגאַנג צו דער דאָזיקער גאָר נישט וואָכעדיקער מלאכה... די מחלוקת האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעפלאַקערט, עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, פאַר און קעגן, וואָס האָבן ביטער גע־קעמפט איינע מיט די אַנדערע, מיט פאַרשידענע כשרע און אפילו נישט־כשרע מיטלען... פון דעמאָלט־אָן האָט זיך דאָס גערער שטיבל געשפּאָלטן אויף צוויי. די נאָענטסטע חסידים האָבן זיך צוליב דעם דערווייטערט. עס האָט אויסגעזען ווי איין גוף, וואָס האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי חלקים... און ר' חיים פּנחס, וואָס איז געשטאַנען בראש פון די „נייַן־זאַגער", האָט אויסגעפירט. די צוויי נייע שוחטים זענען אָפיציעל נישט אָנגענומען געוואָרן (געגעסן פון זייער שחיטה האָט נאָר יענער חסידישער צד, וואָס איז געווען מיט זיי און די, וואָס האָבן זיי גענומען צו שעכטן „אין דער שטיל"... *), דאָס גערער שטיבל איז זינט דער דאָזיקער געשיכטע שוין נישט ווידער „גאַנץ" געוואָרן. אפילו ווען דער גערער רבי אַליין בכבודו האָט זיך אין דעם דאָזיקן ענין אַריינגעמישט, אָפּגעשטעלט די מלחמה צווישן די צדדים און ווען אפילו אַלע האָבן שוין געדאַוונט אין איין שטיבל...

זיין פרוי יהודית, איז געווען פון די נשים צדקניות, גע־האַט אַ הארץ צו טאָן גוטע מעשים. זי איז געווען די טאָכטער פון באַרימטן ר' מאיר חסיד קיימאָוויטש פון לאָמזשע, אַ פייערדיקער סאָקאָלאָווער חסיד און אַ גאָר גרויסער למדן. כאָטש מיט אַלע כלל־טוערישע ענינים פון איר מאַן איז זי נישט געווען איינשטימיק. אויך זי האָט געמיינט, אַז שטאָט ווייס נישט שטענדיק ווי אָפּצושאַצן זיינע כלל־טוערישע דרכים. אָבער געווען זענען מאָמענטן, וואָס זי האָט מיט אים טיף מסכים געווען און געבענטשט זיינע טאַטן, ווי למשל: ווען מ'האָט געדאַרפט גיין איבערן שטאָט קלייבן די „וואָכערס" **) אויף צו דערהאַלטן די ליי־קאַסע פאַר שטיבלדיקע „געדריקטע" יידן, וואָס ר' חיים פּנחס איז געווען איינער פון אירע הויפּט־גרינדער, אָדער אין די פאַלן פון „מתן־בסתר" א. ד. גל.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זיין גלאָז־פאַבריק איז אָפּגעברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די הייזער פון דער גאַנצער שטאָט כמעט, האָט ער געעפנט אַ גאַלאַנטעריי־גע־שעפט, ווו יהודית איז געווען די גאַנצע פירערין (דאָס גע־

*) ווי מ'גיט איבער האָט די קהילה נאָך לאַנגע אָמפּערנישן דאָך אָנגענומען ציוויאַקן אַלס אָפיציעלן שטאָט־שוחט.

**) יעדער שטיבל־ייד פלעגט צאָלן אַ זלאָט אַ וואָך...

שפעט איז געווען אין אַן אייגן הויז, אויפן אַלטן מאַרק).

ר' חיים פינחס איז אויך געווען זייער אַקטיוו אין דער אַמעריקאַנער פאָלקס־קיך, אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע. ער איז געווען דער, וואָס האָט אָנגעפירט די אַרבעט, צוזאַמען מיט לייבל קאַרמאַן (טראַצקי), ביים בויען די שטאָטישע מקווה.

ער איז אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין קאָמיטעט פון דער שטאָטישער ליי־קאַסע.

ר' חיים פנחס גינגאָלד איז געבוירן געוואָרן אין אָפּאַטשנע (לעבן לאָדזש). זיינע אַלע יאָרן האָט ער געלעבט אין אָסטראָ־לענקע. אין יאָר 1938 (כ"ה בשבט) איז ער נפטר געוואָרן, אַ יאָר פאַרן אויסבראָך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה.

יהי זכרו ברוך.

זיינע זין און טעכטער שיבדל"א: הענאָך און לאַזער, הערשל, לייבל, חיה גינגאָלד און טאַניע צוקער, געפינען זיך היינט אין אויסטראַליע.

י. ע.



לייבל באַרשטש

געשטאַמט האָט ער פון מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק. אַלס אָסט־ראָלענקער איידעם, געווען אַ תושב אין אונדזער שטאָט און אין לויף פון עטלעכע יאָר געוואָרן ראש־הקהל. מענטשן האָבן לכתחילה געהויבן מיט די אַקסלען: ער איז נאָך אַזוי יונג, נאַר־וואָס זיך באַזעצט ביי אונדז און שוין מאַכן אים פאַר פּרעזעס?! אָבער די אַלע קשיות זענען באַלד פאַרענטפערט געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן אָנפירן מיט דער קהילה־טעטיקייט. ער האָט זיין אַמט גענומען זייער ערנסט, מיט אחריות און געוויסנהאַפטיקייט. זיין פּרינציפּ איז געווען צו זיין אַן עסקן בצרכי ציבור באמונה. פּראַטעזשירט האָט אים די אגודה. אַ פרומער יונגערמאַן, אַ גערער חסיד, אַ שאַרף קעפּל, האָבן זיי געלייגט אויף אים האָפענונגען אַלס פּאָליטי־קער. אָבער ביי דער קהילה־אַרבעט האָט ער זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי נישט נאָר פון די אגודה־קרייזן. ער האָט לייכט געקענט אָנגיין מיט מענטשן, אויסגעמיטן פאַרשאַרפונגען און מחלוקתן. אַרויסגעוויזן גרויס טאַקט און ענערגיע, וואָס איז אין זיין טעטיקייט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט אַ

גראָדליניקן שכל. פאַר מיין אָפּפאָר קיין אויסטראַליע האָט ער פיל מאָל מיט מיר גערעדט. ער האָט אַ וויזע קיין אויס־טראַליע, אָבער דאָ אין אָסטראָלענקע איז „בתוך עמי אנוכי יושב". און וואָס וועט זיין דאָרטן מיט אָפּהיטן שבת? מיט יידישקייט בכלל? ניין, ער וועט שוין בלייבן אויפן אָרט. אַזאַ סגאָל ייד ווי ער דאַרף נישט עמיגרירן, ווייל „וואָס עס וועט זיין מיט די דריי מיליאָן יידן, וועט אויך זיין מיט מיר".

ער איז אומגעקומען אין מאַלדשאַד, ווו ער איז פאַר־וואָגלט געוואָרן מיט פיל אַנדערע אָסטראָלענקער יידן. גע־טיילט דעם גורל נישט נאָר פון דריי נאָר פון זעקס מיליאָן יידן...

יצחק קאהאן



איצל סאַיקע

אַן אויסנאַם אין פאַרשידענע הינזיכטן איז געווען איצל סאַיקע אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער און עסקן. געבוירן אין אָסטראָלענקע ביי רעליגיעזע חסידישע עלטערן. חתונה געהאַט פון כאָרזשעל מיטן באַרימטן העבעראישן שרייבערס פישל לאַכאָווערס אַ שוועסטער. אויפגעעפנט זיך נאָך דער חתונה אַ מאַנופאַקטור געשעפט. זיין ברויזנדיקע עסקנישע נייגונג האָט אים אָבער נישט געלאָזט רואיק שטיין אין געוועלב מעסטן די מעטערס סחורה. ער האָט געבערענגט די סחורה פון וואַרשע, און די פרוי, שפּעטער אויך די קינדער זענען גע־שטאַנען אין געוועלב. איצל אַליין איז גאַנצע טעג און נישט זעלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים.

נישט געגאַנגען אין די שקאָלעס און דאָך באַהערשט אין שריפט און אין וואָרט די רוסישע און פּוילישע שפּראַכן.

אפילו שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ שותף צו דער גרויסער מיל און צום גרויסן הויז, צוזאַמען מיט לעשטשן, וואָס האָט זיך געפינען אין עק מאַרק—לאַמזשער גאַס, איז ער גאַנץ ווייניק געזעסן אין מיל. אפילו אין שטוב האָט מען אים נישט געלאָזט זיצן רואיק אין קרייז פון דער משפּחה. כמעט יעדן טאָג האָט מען געקאָנט באַמערקן פאַרשידענע מענטשן מיט ביטערע הערצער — און דאָס האָט נישט גע־פעלט אין שטאָט — וואַרטן ביז איצל סאַיקע וועט אַריינ־

קומען כדי אויסצוגיסן פאַר אים זייערע צרות און בקשות, ווער וועגן צו „היכע" שטייערן, ווער וועגן עפּעס אַנדערש. (איצל סאָיקע אַלס אַ מיטגליד אין דער שאַצונגס־קאָמיסיע, האָט געהאַט אַ געוויסע השפּעה אין דער הינזיכט). ווער וועגן ענינים פון מאַגיסטראַט, ווו ער איז יאָרן לאַנג געווען צום ערשטן לאַוניק און שפּעטער אַ ראַטמאַן. איצל מיט דער פרוי זענען געווען נוח לבריות — מענטשן, נישט געהאַט קיין פאַריבל וואָס מ'האָט זיי פאַרדרייט דעם קאָפּ.

איצל איז געווען אַ וואָרקער חסיד, פון די ראש־השנה—יום־כיפּורדיקע שחריתים־דאַווענער אין שטיבל. ליב געהאַט די יידישע מסורה בלב ונפש. יעדן טאָג געגאַנגען מיטן גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם אין בית המדרש, מדקדק געווען צו דאַוונען בציבור.

נישט זייענדיק אָפיציעל קיין פּאַרטיי־מענטש — איז ער דאָך, ווי געזאָגט געווען אַ לענגערע צייט, צום ערשט אַ לאַוניק אין דערנאָך אַ ראַטמאַן אין שטאָטראַט. ווער עס האָט געוואָלט אויסגעוויילט ווערן אין שטאָטראַט האָט געברויכט צו האָבן הינטער זיך אַ פּאַרטיי, אויסער איצל סאָיקע, ווייל אַלע אָן אויסנאַם — אפילו די לינקע שבלינקע — האָבן פאַרשטאַנען, אַז וויפל פאָרשטייער יידן זיי זאָלן נישט האָבן אין שטאָטראַט מוז איינער פון זיי זיין — איצל סאָיקע. מיט ווירדע און טאַקט האָט ער פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן. נישט מיט רעטאָריק האָט ער געווירקט אין שטאָטראַט, נאָר מיט לאָגיק. יעדע פראַגע, וואָס איז געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג, איז פריער דורך אים גוט דורכגעטראַכט געוואָרן, קומענדיק צו די זיצונגען באַלאָדן מיט אַלע ידיעות וועגן די באַרירטע ענינים, אפילו ווען עס האָט זיך נישט געהאַנדלט ספּעציעל וועגן יידישע פראַגן, נאָר וועגן אַלגעמיין שטאָטישע (די גויים האָבן אויך ליב געהאַט צו הערן זיין מיינונג בנוגע שטאָטישע ווירטשאַפטלעכע ענינים).

נישט געשעמט זיך מיט זיין יידישן לבוש, ווען אַ סך יידן האָבן די לעצטע יאָרן פאַרטוישט די לאַנגע קאַפּאָטעס אויף מאָדערנע קורצע אָנציגער, איז איצל סאָיקע געבליבן ביים יידישן לבוש, דערשינען אַזוי אויף אַלע פייערלעכקייטן מיט דער „געהאַקטער" קאַפּאָטע.

זייענדיק באַשיידן אין לעבן, האָט ער געהאַט אַלע צו יענער צייט געפאָדערטע אַטריבוטן צו זיין אַ שיינער ייד. דאָך אָבער האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ „עמך"־מענטש. געגאַנגען זיך זיינע אַלע יאָרן מיטן אייגענעם אויסגעטראָטענעם וועג, נישט פאַרטשעפּעט און נישט באַליידיקט קיינעם. זייענדיק אַ סימפּאַטיקער פון ארץ־ישראל־אויפבוי האָט ער געשטיצט דאָס דאָזיקע ווערק מיט אַלע מעגלעכקייטן, אָבער דאָך קיינמאָל נישט געוואָלט דאָס אַלץ אַריינפּאַסן אין אַן ענגער פּאַרטיי־ראַם.

ער האָט אַרויסגערופן רעספּעקט צו זיך צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט זיין התנהגות. נישט איינמאָל ביי זיצונגען פון שטאָטישע ענינים, ווען מען האָט אויסגעדריקט טיילמאָל תרעומות, אַז די און יענע ענינים, למשל, זענען נישט ווי געהעריק פאַרטיידיקט געוואָרן אין שטאָטראַט, פלעגט איצל סאָיקע נעמען דאָס וואָרט און מיט זיין רואיקייט און אייזערנער לאָגיק האָט ער אויפגעוויזן, אַז אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין. און דאַן: נסתתמו כל הטענות, קיינער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו פרעגן.

פאַר אַלע יידן בכלל און פאַר די רעליגיעזע יידן בפרט איז ער געווען דער פּאַסיקסטער און חשובסטער פאָרשטייער אין שטאָטראַט.

אויך ער האָט געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַלע אָסטראָלענקער יידן בעת דער ליקווידירונגס־אַקציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סלאָנים.

יהי זכרו ברוך.

חיים דרעזנער

אפרים כמיעל

ווענדיק שילדערן כאַראַקטעריסטישע טיפּן, וואָס אונדזער שטאָט אָסטראָלענקע האָט געהאַט, עסקנים איבערגעגעבן בלב ונפש פאַר קהל־זאַכן, מוז אין דער דאָזיקער גאַלעריע פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אפרים כמיעל הי"ד.

זייענדיק באַשאָנקען מיט אַ שיין זיס קול, וואָס ער פלעגט אויסנוצן אַלס בעל־תפילה און אַלס זעלטענער בעל־קורא, פלעגט ער ליב האָבן כמעט אויף יעדער שמחה און ביי אַנדערע געלעגנהייטן צו זינגען דאָס באַוווסטע ליד: „די קאָנטראַסטן". ווען כ'פלעג אים הערן דאָס זינגען, פלעג איך ביי זיך טראַכטן: ער אַליין איז אויך אַ ייד מיט קאָנטראַסטן: פון איין זייט — אַ מטופל מיט אַ סך קליינע קינדער, געברויכט אַ סך צו אַרבעטן, כדי צו קענען זיי פאַרזאָרגן מיטן נויטיקסטן, זיי זאָלן אויסוואַקסן מענטשן פאַר ג—ט און פאַר לייט, וואָס דאָס איז געווען זיין גאַנצע שטרעבונג אין לעבן, זייענדיק איבערגעגעבן בלב ונפש פאַר דער דערציאונג פון זיינע קינדער; און פון דער אַנדערער זייט — נישט געווען קיין איין רוף צו קומען אויף אַ זיצונג, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן לינדערן די נויט פון דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, אַז ער, אפרים כמיעל, זאָל נישט דערשיינען און העלפן מיט ראַט און טאַט לטובת דער זאַך.

געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געהאָלפן גרינדן די קאָאָפּעראַטיווע באַנק אין שטאָט, וואָס האָט שפּעטער געקריגן אַ נאָמען אַלס איינע פון די שענסטע און פונדאַמענטאַלסטע פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס ביי יידן אין פּוילן. געווען פּרעזעס אין דער באַנק לאַנגע יאָרן, איבערגעגעבן זיך איר אַנטוויקלונג מיט דער גרעסטער התלהבות, געהאַט הנאה, זעענדיק ווי די אַרבעט איז נושא פּירות; הונדערטער בעלי־מלאכות, קליין־הענדלער, באָרגן אין דער באַנק געלט, כדי צו קענען זיך האַלטן אויף דער אויבערפלאַך און עקזיסטירן אין די שווערע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די שטעטלעך אין יענע יאָרן (די געבאָרגטע עטלעכע הונדערט זלאָטעס אויף קליינע ציַנזן, וואָס די באַנק פלעגט נעמען בלויז צו דעקן אירע אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן, איז געווען ממש אַ פראַגע פון עקזיסטענץ).

ער איז געווען אַ ייד מיט אַ וואַרעם האַרץ לטובת נאַציאָנאַלע ציוניסטישע צוועקן.

די גאַנצע יאָרן רעפּרעזענטירט „מזרחי" מיט טאַקט אין אַלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. ווען מ'האָט זיך געפּרעגט ווער זענען די פאַרשטייער פון „מזרחי" אין אָסטראָלענקע, האָבן אַלע געוווּסט צו ענטפערן: אפרים כמיעל און זלמן גאַר־זשעלטשאַני. נישט געווען אין דעם זין קיין נאה דורש נאָר אַ נאה מקיים. געגאַנגען אויף אַקציעס פון קרן־היסוד, קרן־קיימת און אַ לענגערע צייט געווען פּרעזעס און אַקטיווער מיטאַרבעטער אין ועד פון דער „יבנה"־שול, און ביי דעם אַלעם איז ער געווען אַ ייד מיט ענייוות, נישט געבלאָזן פון זיך. „עמך" האָט זיך פאַרשטאַנען אויף דעם און געקעמפּט מיט מסירת־נפש אויף אַלע פאַראַמלונגען, אַז אפרים כמיעל זאָל זיך געפינען צווישן די אויסגעוויילטע.

ווען עמעצער האָט געדאַרפט אָנקומען צו אים, ער זאָל אים אַ טובה טאָן אין אַן אינסטיטוציע, האָט ער נישט גע־דאַרפט שטיין הינטער־דער־טיר, וואַרטן ביז מען וועט אים אַריינלאָזן, נאָר ווי אַן אייגענער מיט אַן אייגענעם, פלעגט ער זיך מיט אים טרעפן, פאַרטרויען און איבערגעבן די דאגות און זאָרגן, זייענדיק זיכער, אַז ער, אפרים, וועט ווי ווייט מעגלעך העלפן אים דערליידיקן דעם ענין.

ער איז שטענדיק געווען פריילעך און מונטער, ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין דאגות נישט געהאַט. ליב געהאַט ארץ־ישראל מיט זיין גאַנצער נשמה. אויף שמחות און אַנדערע גע־זעלשאַפטלעכע באַגעגעניש נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנ־הייט ער זאָל נישט זינגען ציוניסטיש־נאַציאָנאַלע לידער. גע־ווען פול מיט שמחה, ווען ער האָט זוכה געווען צו זען אַ טייל פון זיינע קינדער אָוועקפאָרן אין הייליקן לאַנד, איינער פון זיי איז — יבדל לחיים — ד"ר חיים חמיאל (כמיעל). דערצויגן אַלע קינדער אין טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן נאַציאָנאַלן גייסט. געשיינט פאַר פרייד, ווען מ'האָט אים געזען מיט דער פרוי אין שבתים און ימים טובים זיצן אויבנאָן ביים טיש, אַלע קינדער פון קליין ביז גרויס אַרום און צוזאַמען מיטן טאַטן זינ־גען זיי זמירות און נאַציאָנאַלע לידער.

באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט די „מזרחי"־סביבה, גע־שטרעבט מקיים צו זיין דעם „עבדו את ה' בשמחה". נישט דורכגעלאָזט קיין איין יום־טוב אָדער אַזוי אַ יומא־דפּגרא, אַז די „מזרחי"־חברים זאָלן זיך נישט צוזאַמענקומען, פאַרברענ־גען אין דברי תורה, נעמען אין מויל אַריין און נאָכהער זיך אָוועקלאָזן אין אַ חסידישן טאַנץ ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, מערסטנטייל ביי אים אין שטוב. שמחת־תורה אָפּגע־דאַווענט צום ערשטן, אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב אַריין אויף קידוש דעם עולם ווי אַ גענעראַל, וואָס פירט זיין אַר־מיי. שפּעטער האָט מען געמאַכט די טראַדיציאָנעלע שמחת־תורהדיקע באַזוכן אין אַלע כמעט הברישע הייזער, איבערגע־לאָזט אין יעדער שטוב אַ חסידישן ניגון אָדער אַ יידיש פאָלקס־ליד, וואָס ער פלעגט זינגען מיט חסידישן ברען אין התלהבות, נישט געוווּסט פון קיין מידקייט און אַלטקייט. זייענדיק שוין אַ זיידע פון אייניקלעך האָט ער אויסגעזען ווי אַ יונ־גערמאַנטשיק, וואָס איז איצט אַראָפּ פון שווערס קעסט. ביז...

ביז עס איז אויסגעבראָכן די 2־טע וועלט־מלחמה אין 1939 און היטלער ימח־שמו מיט זיינע האָרדעס האָבן די יידן פאַרטריבן פון זייערע היימען אַזוי ווי פייגל פון זייערע נעסטן...

איך האָב דעמאָלט געטראָפן אפרים כמיעל אין ביאַליס־טאָק. מען האָט געקאָנט באַמערקן ווי ער קעמפּט מיט זיך, ער וויל זיך האַלטן אין דער פאָרם, זיין פריילעך און מונטער, אָבער עס איז נישט געגאַנגען, ווייל ער האָט געזען ווי טויזנ־טער מענטשן פון אָסטראָלענקע און אַנדערע שטעט מיט קליי־נע קינדער און זאַכן וואַלגערן זיך אין די בתי־מדרשים, נעכ־טיקן אין די גאַסן און מען קאָן מיט גאָר נישט העלפן. ס'האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז די שטאָט אָסטראָלענקע, וווּ ער האָט מיט אַנדערע מענטשן געהאָלפן שאַפן שיינע יידישע אינסטיטוציעס, אַוועקגעבנדיק זייער צייט, מי און ענערגיע, איז מיטאַמאָל פלוצים חרוב געוואָרן. עס איז דאָרט נישט גע־בליבן קיין זכר פון קיין ייד.

פונקט ווי אַלע אַנדערע האָט ער אָנגעהויבן צו פילן די גרויסע טראַגעדיע, וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדז יידן. גע־טיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע אָסטראָלענקער קדושים. ער איז אַוועק מיט דער משפּחה פון ביאַליסטאָק קיין סטאַלין עטלעכע פּאָסט קאָרטלעך זענען אָנגעקומען פון אים קיין ישראל צו זיינע קינדער, אין וועלכע ער האָט דערציילט ווי ער פאַרזוכט צו מאַכן אַ לעבן אונטער דעם רוסישן רעזשים. אָרגאַניזירט דאָס יידיש לעבן, און וואַרט אויף אַ מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זיין ציוניסטישן טרוים. דער אָנגריף אויף דעם רוסישן פראָנט האָט אַן ענדע געמאַכט צו אַלע זיינע האָפנונגען און אפרים כמיעל מיט זיין פאַמיליע זענען פאַר־שוווּנדן אָן שפור.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

חיים דרעזנער



זלמן חנוך גארזשעלטשאני

ווען מען וויל שילדערן די ציוניסטישע טעטיקייט אין אָסטראָלענקע און די מענטשן, וואָס האָבן זיך דערמיט מטפּל געווען, קומט זיכער אַ פּלאַץ אויף דער מזרח־וואַנט זלמן גאַרזשעלטשאַנען.

פאַר ארץ־ישראל איז ביי אים נישט געווען קיין שום צו טייערע זאַך. אויך נישט קיין זאַך, וואָס זאָל אים אָפּשרעקן. אפילו, ווען עס האָט געקענט אָנרירן זיין פּרנסה.

זייענדיק די גאַנצע צייט מנהל פון דער „יבנה"־שול, וועלכע עס האָבן באַזוכט אויך קינדער פון אַזעלכע עלטערן, וואָס זענען געווען צו יענער צייט קעגנער פון ציוניזם און ארץ־ישראל, האָט מען אים אָפט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז

ער אַלס מנהל דאַרף זיך נישט צופיל מישן אין ציוניסטישע ענינים. דערויף פלעגט ער שטענדיק ענטפערן: אין אַלץ קאָנט איר מיך באַגרענעצן, אָבער פאַר ארץ ישראל און ציוניזם בין איך גרייט מיין פּרנסה צו פאַרלירן, און קיינער טאָר מיר נישט שטערן אָדער אַ דעה זאָגן אין מיין ציוניסטישער טעטיקייט.

ביים רעדן וועגן ארץ־ישראל, אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, האָט ער מקיים געווען דעם פּסוק: „כל עצמותי תאמרנה". גערעדט מיט התלהבות, ברען און מיט האַרץ.

ער האָט זיך געפרייט מיט יעדער גוטער ידיעה, וואָס פלעגט אָנקומען פון ארץ־ישראל, געגלויבט באמונה שלימה אַלס רעליגיעזער ייד, אז דאָס באַזעצן זיך פון יידן אין ארץ־ישראל איז אַן אתחלתא־דגאולה. אַליין געשטרעבט, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי און ווען, צו קאָנען דערגרייכן זיין לעבנסציל — צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל.

טראָץ זיין שטאַרקער באַשעפטיקונג אלס מנהל פון דער „יבנה"־שול, וואָס האָט געהאַט עטלעכע הונדערט שילער, און ווו ער האָט אויך אונטעריכט אין פאַרשידענע קלאַסן אַ סך שעהן איז טאָג, איז ער קיינמאָל נישט מיד געווען צו קומען אויף אלע ציוניסטישע זיצונגען אַלס פאָרשטייער פון „מזרחי" מיט זיין ליבן קאָלעגע אפרים כמיעל. טאָמער האָט זיך אים געדאַכט, אז דער „מזרחי" ווערט חס וחלילה באַעוולט, האָט ער גלייך גענומען דאָס וואָרט און מיט טעמפּעראַמענט און רעדנער־טאַלאַנט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון „מזרחי". אלע ציוניסטישע גרופּירונגען אין שטאָט, איינשליסלעך די לינקסטע, האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט און יראת־הכבוד, ווייסנדיק, אז מ'האָט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס ארץ־ישראל און ציוניזם זענען ביי אים אַ טייל פון זיין נשמה, פון זיין לעבן. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט. ווער האָט עס נישט געקענט זלמן גאָרזשעלטשאַני? קומענדיק קיין אָסטראָלענקע פון זיין געבוירן־שטאָט אָסטראָווע, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטיש־מזרחיסטישער אַרבעט. אויפגעשטעלט מיט דער מיטהילף פון אייניקע עסקנים א שיינע „יבנה"־שול, וואָס האָט געקריגן אַ נאָמען אַלס איינע פון די בעסטע לערן־אַנשטאַלטן פון דעם טיפּ.

אויף די פילמאָליקע פאָרשלאַגן פון מרכז אין וואַרשע, אַז ער זאָל דאָרט ארבעטן, אַרומפאָרן אַגיטירן פאַר „מזרחי", האָט ער נישט געוואָלט מסכים זיין, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן אפילו אויף אייניקע טעג די שטאָט, וועלכער ער האָט ליב געהאַט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. אָסטראָלענקע איז אים געווען איינגעבאַקן אין האַרצן מיט אלע אירע ציוניסטישע שאַטירונגען און גרופּירונגען.

ווען די נאַציס האָבן אַרויסגעטריבן די יידן פון אָסטראָלענקע, איז ער נאָך לאַנגע וואַקלענישן אָנגעקומען אין סלאָנים, ווו ער איז אַמאָל מיט יאָרן צוריק געווען אַ העברעאישער לערער. כ'האָב געהערט, אז ער האָט דאָרט ווייטער זיך גענומען אין יענער שטורמישער צייט צו הוראה.

וואָס מיט אים איז געוואָרן דערנאָך, איז מיר עד היום אומבאַוווּסט.

ח. דרעזנער

משה לייב סקראָבאַץ

אַ ייד אַ הויכגעוויקסיקער, ברייטבייניקער — אין קעגנזאַץ צו זיין פרוי — אַן איינגעדאַרטער, שטענדיק־פאַריאַכמעטער אין קראָם, וואָס מ'האָט נישט געוווּסט וואָס אייגנטלעך איז דער הויפּט־אַרטיקל דאָ; צי פאַרבן, וואָל, אָדער נאָפט, צעמענט, קאַלך. אויפן הויף איז געווען אַ גרוב מיט געלאָשענעם קאַלך, פאַרקויפט דעם אַרטיקל אויך אויפן אָרט אין גראַבאָווע (אַ באַן־סטאַציע הינטער דער שטאָט־בריק). ווען עס פלעגט אָנקומען אַ וואַגאָן קאַלך, פלעגן פויערים מיט פערד און וואָגן וואַרטן דאָרטן ביז הערשל סקראָבאַץ, זייער זון, פלעגט אַרויסקומען פון שטאָט מיט געלט און אויסלייזן דעם פראַכט, וואָס איז געווען אויף דעם וואַגאָן.

געפירט גרויסע פאַרצווייגטע געשעפטן. נישט געדענקט וועגן זיך, נאָר שטענדיק פאַרנומען זיך מיט יענעם. שטאָט פלעגט זאָגן: „אַזאַ שטוב אויסצוהאַלטן ווי משה לייבל סקראָבאַצעס — דאַרף מען האָבן קורחס אוצרות".

משה לייבל אליין, אַרומדרייענדיק זיך אין געוועלב, האָט אויסגעזען ווי דער גורל וואָלט נישט האַרמאָניש צונויפגעפּאָרט אים מיט זיין פּרנסה. אַזאַ ייד זאָל זיך גאָר פאַרנעמען מיט מסחר? פון אונטערן דאַשעק פון זיין יידיש היטל האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ הויכער למדנישער שטערן און אַ ביסל נידעריקער — פלינקע אויגן־באַוועגונגען. געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם פון אַ ברייטן פאַרנעם, אַ בקי אין ש"ס, פוסקים, ווי אויך אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור.

ביי זיך אין הויז געהאַט דאָס אַמשינאָווער שטיבל, ווו די חסידים זענען געווען ווייט צו יענער צייט פון ציוניזם און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. ער אָבער האָט נישט פאַרהוילן זיין סימפּאַטיע און נישט אָפּגעזאָגט זיין מיטהילף פאַר ציוניסטישע־מזרחיסטישע צוועקן. ער האָט מיט ראַט און טאַט געהאָלפן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ארץ־ישראל־ענינים.

אָנשטאָט צו זיצן מיט זיינע קענטענישן אויף אַ כיסא־רבנות און שווימען אין ים פון תלמוד, ראשונים ואחרונים, האָט ער געמוזט זיך געפינען אַ גאַנצע וואָך אין געוועלב — העלפן פאַרקויפן פאַרבן, וואָל, נאַפט אא"וו פאַר פויערים און פויערטעס.

אַ פאָר ווערטער וועגן דעם חבר אין מיין עלטער — אלי באַיוק. ער איז געווען אַ בילד־שיינער בחור מיט פילזייטיקן טאַלאַנט. געשריבן שיין און זיינע גרעסטע פעאיקייטן האָט ער אַרויסגעוויזן אין זיינע דראַמאַטישע אויפטריטן. אין וועלכער געזעלשאַפט אלי פלעגט זיין, האָט ער שטענדיק אָנגעפילט די אַטמאָספער מיט חכמה און הומאָר.

דאָס איז אין קורצן וועגן דער פאַמיליע באַיוק, וואָס מיר, די דעמאָלטיקע אָסטראָלענקער יוגנט, האָבן זייער געאַכטעט און ליב געהאַט און אין זייער הויז געווען אָפטע אַריינגייער.

אין דעם זעלבן קאָרידאָר, נאָר אין אַ צווייטער טיר, האָט געוווינט אַנשל לעוו. אָט דער דאָזיקער נאָמען זאָגט זייער און זייער אַ סך פאַר אונדזערע אַלע שטאָטישע. אָט די שטוב, קאָן מען דרייסט זאָגן, איז געווען דער קוואַל פון אָסטראָלענקער ציוניזם אין יענער צייט. אַנשל לעוו, אַ נידעריקער ברייטביינִיקער ייד, שאַטין־האָר דורכגעוואָרפן מיט גרויקייט, קינדישע גוטע אויגן — אָט דאָס איז געווען דער ערשטער העברעאישער מאָדערנער לערער אין אונדזער שטאָט! אויך געלערנט יידיש און חשבון אויף פאַרשידענע אָוונט־קורסן, און איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער שטאָט־קאַסע, וווּ ער האָט געאַרבעט מיט גרויס מסירות.

איך געדענק אים: ער פלעגט גיין מיטן שטעקל אין דער האַנט, ווינטער — מיט אַ פאָלערינע. גיין פון איין „חדר" צום צווייטן, פון איין קלוב צום צווייטן און געבן לעקציעס אין גרופעס. און אַזוי פלעגט ער ענדיקן ביז גאָר שפעט אין דער נאַכט. אויסער דעם, פאַרשטייט זיך, האָבן אויך יחידים ביי אים געלערנט. אַ סך האָבן מיר אים צו פאַרדאַנקען פאַר זיין אַריינפלאַנצן אין אונדז די העברעאישע שפראַך און העברעאישע קולטור און אַ סך אַ סך ליבע צו ארץ־ישראל בכלל.

ער איז געווען דער טיפישער משכיל פון יענער צייט. אָנגעזאַפט מיט דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור און מיט אוניווערסאַלע קענטענישן. זיין פרוי אַ נידעריקע, אַ דאַרינקע, איז געווען באַאיינפלוסט פון דער חסידישער ליטעראַטור אין יענער צייט. די שטוב איז אויך געווען איינפאַך מעבלירט. די גרויסע שאַנק ביכער האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן פלאַץ אין דעם הויז.

אויך דאָ איז געווען אַ שטוב פון טעמפעראַמענט און ברויזנדיקייט. דער בכור פון זיי, יצחק לעוו, איינער פון די צענטראַלע פיגורן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „התקוה", דער צווייטער יאַנקל לעוו און נאָך אים — אברהם לעוו און נאָך אים — דוד לעוו, מיין חבר, וועלכער איז אומגעקומען יונג אין ארץ־ישראל, געפאַלן אין ירושלים בעת די געשעענישן פון 1929 אַלס חבר ההגנה. ער איז געווען אַ שלאָסער פון פאַך, און ווען ער פלעגט ענדיקן זיין אַרבעט — האָט ער זיך באַשעפטיקט אין דער „הגנה" מיט פאַרשידענע געווער־פאַבריצירונגען, וואָס ס'איז געווען אַזוי געהיים אין יענע צייטן פונעם ענגלישן מאַנדאַט. די מוזשינקעלע פון זיי איז געווען זייער איין און איינציקע טאָכטער — גאָלדע.

אין דער דאָזיקער שטוב פלעגן מיר אַ סך פאַרברענגען. מיר פלעגן פרוּוון רעדן העברעאיש איינער צום אַנדערן, איינהערן זיך מיט כוונה צו אַנשל לעווס גוטמוטיקע שטימע, וואָס פלעגט אונדז דערציילן פון א"י. ער איז געווען דערמיט מלא וגדוש און אויך מיטגעשטרעבט אַהין צו פאָרן. ער פלעגט רעדן פון פאַרשידענע ציוניסטישע פירער, שרייבער: יידישע און העברעאישע. באַזונדער איז ער געווען באַגייסטערט פון הלל צייטלין. מיר פלעגן ממש פאַרכישופט ווערן פון זיינע רייד, און מיר, די גאָר יונגע, פלעגן מיט אים צוזאַמען ווייט־ווייט מיטשפאַצירן איבערן גליל, עמק הירדן און איבער דער יונג־שפראָצנדיקער תל־אביב, געוואָרן זייער היימיש מיט די

יידישע ערד־אַרבעטער און שומרים, וואָס מיר פלעגן „באַגעגענען" אויף פאַרשידענע פּאָסטקאַרטלעך און קרן־קיימת־מאַרקעס. און געווען איז ער אין אַ באַזונדער התפּעלות, ווען ער פלעגט רעדן פון דער אַלטער ירושלים. מיר זענען קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו הערן זיינע מעשיות. מיט פּאַטערלעכער ליבע פלעגט ער אויף אונדז שטענדיק משפיע זיין. יהי זכרם ברוך.

נאָר לאָמיר אַרויסגיין איצט פון שרייטערס בנין, אַדורכגיין אַ ביסעלע די לאָמזשער גאַס, זיך נעמען לינקס צו דער אָסטראָווער גאַס, דערגיין ביז דער סאָפּע פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע, זיך נעמען אַ ביסעלע רעכטס. דאָ איז קיין ברוקירטער שאָסיי נישט געווען. און אויב עס האָט נישט גערעגנט, פלעגן מיר דערגיין ביז צו בענעדאָנס קאַזאַרמעס אָן אַ בלאָטע. נאָר אויב עס האָט יאָ גערעגנט אָדער דער שניי איז צעגאַנגען, פלעגט מען אַ ביסעלע אַריינקריכן אין אַ בלאָטע, אָבער עס האָט גאָר נישט אויסגעמאַכט. אָט זענען זיי בענעדאָנס געוועזענע קאַזאַרמעס, וועלכע זענען נאָך דער שרפה אין שטעטל געוואָרן דער צענטער פון דער יידישער אָסטראָלענקער באַפעלקערונג. פון אזא קאזארמע־פענצטער האָט מען געשניטן און געמאַכט טירן פון געוועלבער. פאַר דער טיר הענגען בלעכלעך פירקאַנטיקע, קיילעכדיקע, קאַרבירטע; לייעקעס אויף באַקן קיכל, חלות פאַר יידן, בלעכענע עמערס, קובלעס. פון דעם קרעמל טראָגט זיך אַ הילכיקער קלאַנג פון בלעך, אָדער לייט־אייזן. דאָ וווינט אַ בלעכער.


אויפן צווייטן קרעמל, וואָס איז דערביי, הענגט אַ שילד, אויסגעמאָלט איז אויף אים אַ שטיוול און עס טראָגט זיך פון דאָרט אַרויס אַ פאָלקס־ניגון אָדער אַ שטיקעלע חזנות. אַ פּאָר איבערגעקערטע שיך מיט פריש אָנגעקלאַפּטע פּאָדעשוועס טריקענען זיך אויף דער זון. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ אַרבעט שוין אַ שוסטער. און ממש לעבן אים — אַ שניט־קרעמל, אַ היטל־מאַכער און פון נאָך אַ קרעמל טראָגן זיך ריחות פון הערינג און פון פרישן אייל, געמישט מיט אַ ריח פון נאַפט און נאָך אַנדערע שאַרפע ריחות פון פּראָדוקטן. אַ ביסעלע ווייטער — אַ קרייעריי פון אַ האָן, וואָס זאָגט „ווידוי" אין די הענט פון אַ שוחט און מישט זיך צונויף מיטן קול פון אַ מלמד וואָס „קנעלט" מיט קינדער.

יאָ, די מערהייט פון די איינוווינער זענען דאָ פאָלקסמענטשן, האָרעפּאַשניקעס. די גבירים און מער פאַרמעגלעכע האָבן זיך געבויט זייערע נייע היימען אויף די אָפּגעברענטע פּלעצער.

אָט אַזוי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן די אַמאָליקע בענעדאָנס רוסישע קאַזאַרמעס אין אַ שטעטעלע כמעט ווי פאַר זיך אַליין.

אין אַ גאָר־בכבודיקער דירה מיט גרויסע צימערן און מיט אַן אַלטאַנע פון קאָלירטע שייבלעך אין פראָנט, האָט געוווינט דער אַלטער וועלוול בן־אדם (בענעדאָן) אַליין מיט זיין בכבודיקער פאַמיליע.

אָט שטייט פאַר מיר די פּאַטריאַרכאַלע פיגור — דער ראש המשפחה וועלוול בן־אדם, דער גביר פון אָסטראָלענקע. נישט דער תקיף, דער „איך בין איך", נאָר אַ מענטש מיט אַ רירנדיקער שטים. שניי־ווייס זענען שוין זיינע האָר און אויך דאָס שיטערע בערדל, פון איבער די גאָלדענע ברילן קוקן אַרויס אַ פּאָר בלויע גוטע אויגן. זומער מיטן ווייסן רעקל, ווינטער מיט אַ שוואַרצן טוכענעם פוטערל, פוקסענעם קאָלנער, פּאָקענעם היטל און אין האַנט — אַ שטעקל מיט זילבערנע מאָנאָגראַמען. זיין פרוי אַ נידעריקע, אַ ברייטבייניקע, פלעגט אויפנעמען די יוגנט, וואָס פלעגט באַזוכן זייער הויז. שלמה בן־אדם, וועלכער איז געווען אַ טעטיקער ציוניסטישער טוער, איז געווען עלטער פון אונדז, מיר פלעגן קומען צו אונדזערע חברים פון גלייכן עלטער: צו לייזער בן־אדם און צו חנה בן־אדם. אין דער דאָזיקער שטוב האָט געהערשט אַן אַנדער שטימונג און אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספער ווי אין די פריערדיקע דערמאָנטע הייזער. דאָ האָט מען זיך שוין פאַרנומען מער מיט וויכוחים איבער פּוילישער ליטעראַטור, געזונגען פּוילישע און דייטשישע לידער, ראָמאַנסן און אַ סך יוגנטלעכע שטיפערישקייטן זענען געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער שטוב. איינער פון די דאָרטיקע גרויסע צימערן האָט אונדז געדינט צו רעפּעטיציעס פאַר אונדזער דראַמאַטישער סעקציע. די עלטערן און אויך די דערוואַקסענע ברידער און שוועסטער, האָבן אונדז קיינמאָל נישט געשטערט דערין, אפילו ווען די רעפּעטיציעס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער שטוב אַ צו הויכן טאָן און אויך נישט קיין קליינע אומאָרדענונג. מיר פלעגן זיך באַנוצן מיט די חפצים פון דער שטוב, וועלכע האָבן אונדז געדינט צום דאָזיקן צוועק. אָט נעמט אלי באַיוק און טוט אָן דעם פראַק פון דעם הויז־אייגנטימער אַליין, טוט אָן די הויכע זיידענע יאַרמולקע און שפּילט דעם גביר פון „אַ דאָקטער אַ סוחר". חנה בן־אדם טוט־אָן איר מוטערס פּליושענעם מאַנטל און שפּילט די גבירטע. גוטמאַן גרויסמאַן כאַפּט אַרויף אַ גימנאַזיסטישע היטל און שפּילט דעם זון, דעם גימנאַזיסט, און רבקה בראַון שפּילט די גימנאַזיסטקע. איך ווידער גיב אַ נעם דעם שטעקל פון וועלוול בן־אדם, דריי איבער אַ ביסל דעם קאַ־



יונגע דראַמ. סעקציע אין אָסטראָלענקע

פון רעכטס: אברהם פערלע, אלי באַיוק, מאיר מרגלית, דוד לעוו

פּעליוש, שטעק אַריין אַ רויט טיכל און שפּיל ר׳ שלום שדכן. דאָס איז נאָר איין פּרט פון אַ סך אַנדערע פּראָבעס־פאַרשטעלונגען און ענלעכע אָוונטן, וועלכע פלעגן אַריינברענגען פרייד אין אונדז אַליין און דערנאָך עס איבערגעטראָגן צו דעם שטעטל דורך דער פּרימיטיווער בינע פון דער „פאָלקס־קיך”. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך געקענט דערצו אָפּגעבן נאָר אין די צייטן פון „וואַקאַציעס”, ימים טובים, ווען מיר זענען פריי געווען פון דער שול. דאָרט איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אונדזער קלוב און פאַרווייַלונגס־פּלאַץ, חוץ די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וווּ מיר פלעגן זיך צונויפקומען צו גאַנץ אַנדערע צוועקן.

נאָך אַ הויז אין אָסטראָלענקע וויל איך דאָ דערמאָנען — דאָס הויז פון גוטמאַן דעם פעלדשער. אַ האַלב אַסימילירט הויז, די שפּראַך וואָס האָט געהערשט אין דער דאָזיקער שטוב, איז געווען פּויליש. ער, גוטמאַן, אַ נידעריק־וווּקסיקער מיט בלויז אַ חתימה פון אַ בערדל און מיטן נוסח פון יענע אַריסטאָקראַטישע יידן. די דערוואַקסענע קינדער האָבן שטודירט מעדיצין אויסער אָסטראָלענקע. די קינדער חיהקע גוטמאַן (לעבט היינט אין אַמעריקע), עסטושאַ אָדער אסתר גוטמאַן און בעניק גוטמאַן, וואָס זענען געווען אין זעלבן עלטער וואָס מיר, זענען געווען אונדזערע חברים. אויך אין דעם דאָזיקן הויז פלעגן מיר זיך גאַנץ אָפט צונויפקומען. חוץ די פּוילישע שפּראַך, האָט דאָ אויך פאַרנומען אַ גאָר בכבודיקן פּלאַץ יידישקייט און יידישע פאָלקסטימלעכקייט. פאַרשידן זענען געווען די מיינונגען און אָנשויאונגען אין דער דאָזיקער שטוב. האָבן אייניקע געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווער — צום „בונד” און אַפילו — פלעגט מען זאָגן, אַז איינער פון זיי האָט געהערט צו דער עקסטרעם־לינקער אָרגאַניזאַציע... אָבער דאָס האָט אַלץ נישט געשטערט די פריינטשאַפט און חברשאַפט, ווען מיר זענען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען.

און אַזוי זענען זיך געגאַנגען די עטלעכע פאָר יאָר ביז... די דייטשן האָבן פאַרלאָזן פּוילן. פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה און איבערגענומען די ממשלה אין אירע הענט. די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן שווערער. אַ סך פון אונדזערע עלטערע חברים, זענען גענומען געוואָרן צום פּוילישן מיליטער. דאָך האָט דאָס לעבן אין אונדזער שטעטל ווייטער געברויזט. דער קאָנפליקט צווישן די פּאַרטייען איז געוואָרן נאָך שאַרפער, בולטער; אָנגעפילט מיט אידעאַליזם, מיט שטרעבן צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. מיר, די ציוניסטישע יוגנט, האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע באַפרייאונג, נאָר אין פאַרבינדונג מיט דער נאַציאָנאַלער יידישער באַפרייאונג, און דאָס איז געווען ארץ־ישראל, אָדער ווי מ׳האָט עס דעמאָלט גערופן: פּאַלעסטינע.

אַ סך וויכוחים זענען דורכגעגאַנגען צווישן די חברים פון די אָרגאַניזאַציעס, און נישט דווקא אין קלוב אָדער אין פּאַרטיי־זאַל — אויך אין שפּאַציר־גאָרטן אָדער שבת הינטערן בריק ביי די „פּאָרטן”. ביים שפּאַציר אויפן אָסטראָווער שאָסיי פלעגן זיך צונויפמישן פאַרשידענע געזאַנגען, וואָס יעדע פּאַרטיי האָט דעמאָלט געזונגען. עס האָבן זיך אויסגעמישט „בונד”־לידער מיט ציון־לידער און רעפערענטן פלעגן קומען פון די גרעסערע שטעט ביי אונדז רעפערירן פאַר אָנגעפילטע זאַלן. אויפגעלעבט האָט דאָס שטעטל און וויכוחים פייערדיקע זענען אויך אָנגעגאַנגען אין די בתי־מדרשים און אין די „שטיבלעך”.

נישט לאַנג האָט געדויערט און ווידער איז געקומען אַ דערשיטערונג און אַ צעשטערונג אין אונדזער לעבן. דאָס איז געווען די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע אין פּוילן (1920). די לאַגע איז געוואָרן אַ געוואַלדיק־אומנאָרמאַלע און אַן אָנגעשטרענגטע. ווי שטענדיק אין אַזעלכע אומשטענדן זענען יידן געווען אויפן „ערשטן פייער”, אָנגעפילט מיט פּחדים און נישט געוווּסט מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיקן. אין אַ קורצער צייט, ווי באַוווּסט, האָט די רוסישע רויטע אַרמיי פאַרלאָזט פּוילן, און די פּוילישע רעגירונג, באַזונדערס די אַנטיסעמיטן (ווי באַוווּסט האָט דער עלעמענט קיינמאָל נישט געפעלט אין פּוילן), האָבן גענומען זיך נוקם זיין אין די יידן, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דעם אַלעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דאָס לעבן אָבער האָט געטאָן זיינס. ווידער האָבן מיר געזעלשאַפטלעך זיך צוזאַמענגענומען, די אַרבעט אין די אָרגאַניזאַציעס איז ווייטער געגאַנגען און די יוגנט האָט זיך גענומען ווידער באַמיען צו שאַפן אַ נאָרמאַלן לעבן, מער־ווייניקער.

איך קער מיך דאָ אום צוריק צו דער פאַמיליע גוטמאַן. איך דערמאָן זיך ווידער אין דעם דאָזיקן הויז, ווייל עס איז געווען פאַר מיר אַ גורלדיקער מאָמענט און אַריינגעבראַכט אַ דעצידירונג אין מיין פּערזענלעכן לעבן. עס איז געשען אין אַ געוויינלעכן אָוונט, ווען מיר, אַ גרופּע יונגוואַרג, האָבן פאַרבראַכט אין דעם דאָזיקן הויז, אין וועלכן מיר האָבן זיך שוין אייניקע מאָנאַטן נישט צונויפגעטראָפן. מיר האָבן ווי געוויינלעך דיסקוטירט, געשטיפט און זיך צעזונגען מיט לידער אין אַ כאָר. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ פייפעריי, וואָס איז אונדז געווען זייער גוט באַקאַנט (אָט די מוזיק האָבן מיר שוין געקענט פון לאַנג...); אָסטראָלענקער פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט גוטמאַנס הויז און מיר אַלע זענען געוואָרן אַרעסטירט. ברוטאַל, גראָב און מיט געשטויסן האָבן זיי אונדז אַלע פאַרפירט אין מאַגיסטראַט. צווישן אונדז איז געווען אלי באַיוק, גוטמאַן גרויסמאַן, יחיאל שאַפּראַן און נאָך אייניקע. די נאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין דער פּאָליציי. זיי האָבן אונדז באַשולדיקט אין קאָמוניזם. נישט מער און נישט ווייניקער! און אַז מיר האָבן געזונגען באָלשעוויסטישע לידער. אָבער די אויספאָרשונג, וואָס מ׳האָט קעגן אונדז פאַרפירט, האָט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען פּשוט אַ בלבול און מיר זענען באַפרייט געוואָרן. אָבער די פּאַסירונג פון יענעם אָוונט האָט אַריינגעיאָגט אַ מורא אין גאַנצן שטעטל, נישט נאָר בלויז אין אונדז. מיר האָבן דערפילט דעם שרעקלעכן מצב, אין וועלכן מיר אַלע געפינען זיך. אַזוי יונג ווי איך בין דעמאָלט געווען, האָב איך גענומען רעדן מיט מיינע עלטערן וועגן פאַרלאָזן פּוילן. זיי האָבן מיך גוט פאַרשטאַנען, אָבער זיי האָבן צוגעגעבן, אַז איך בין נאָך צו יונג דערצו — צו פאָרן אַליין אין דער גרויסער וועלט. איך דאַרף נאָך לערנען און אפשר אויך

באַזיצן אַ פֿאַך. אָבער אין יענער צייט האָט שוין געשטראָמט
אַן עליה קיין ארץ־ישראל. און נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן צווישן
מיר און מיינע עלטערן, האָבן זיי איינגעשטימט דערויף. איך
האָב זיך גענומען לערנען אַ פֿאַך (שלאָסעריי), צוגעשטאַנען
צום לאָמזשער „החלוץ", געגרייט אַ פּאַספּאָרט און זיך מכין
געווען צו דער עליה קיין ארץ־ישראל.

* * *

מער ווי 13 יאָר זענען אַריבער זינט איך האָב פֿאַרלאָזט
אָסטראָלענקע. די פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאַמיליע איז געווען
ווי געוויינלעך דורך בריוו, גרוסן פֿון חברים און שטאָטישע.
אגב: די חברים, וואָס האָבן דורך דער צייט עולה געווען
קיין ארץ־ישראל און האָבן זיך צוריקגעקערט קיין אָסטראָ־
לענקע, נישט קענענדיק זיך געפֿינען דאָ אַ פּלאַץ — די
האָבן פֿאַרשטייט זיך, געהאַט דעם זעלבן ביטערן גורל, וואָס
אַלע דאָרט־פֿאַרבליבענע.

איינער פֿון די חברים וואָס זענען עולה געווען און פֿאַר־
בליבן איז געווען דוד לעוו, מיט וועמען איך בין געווען אין
גאָר נאָענטע פֿאַרבינדונגען. דער פֿאָדים האָט זיך צווישן
אונדז נישט צעריסן אויף קיין איין טאָג. און ווען ער האָט
געוווינט אין תל־אביב, האָבן מיר זיך טאָג־טעגלעך געטראָפֿן,
גערעדט איבער דער צוקונפֿט פֿון אונדזער לאַנד. עס איז
נישט געווען צווישן אונדז קיין איין שמועס, אין וועלכן עס
זאָלן נישט דערמאָנט ווערן קודם כל די חברים פֿון אונדזער
קרייז (אָדער: די „קולקע", ווי מ'האָט עס גערופֿן) און בכלל
אָסטראָלענקער. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער פֿאַרגאַנ־
גענהייט און אין די נאָאיווע צייטן. אָפֿטמאָל זיך דערמאָנט
מיט הומאָר אין געוויסע טיפּן פֿון אונדזער שטעטל: פּרנסים,
כלל־טוער און פּאַרטיי־מנהיגים, ווי אויך אין די פֿאַרשידנ־
אַרטיקע לאָזונגען, וועלכע זענען געוואָרפֿן געוואָרן, סיי פֿון
רעכטן לאַגער און סיי פֿון לינקן. דערווייל זענען מיר דורך
דער צייט עלטער און דערוואַקסענער געוואָרן. און איצט
אויף דעם פּאַן פֿון ארץ־ישראל, איז דאָס שוין אַלץ אויסגע־
קומען נאַאיוו און אָפּגעקלונגען ווי אַ ווייטער עכאָ.

מיט דער צייט זענען אויך דאָ אָנגעקומען יחיאל שאַפּ־
ראַן און אברהם לעוו (דוד לעווס אַ ברודער). אָבער אַזוי
ווי איך רעד שוין דאָ פֿון דוד לעוו, קאָן איך נישט פֿאַרביי־
גיין און נישט דערמאָנען, ווי אַזוי ער האָט זיך אַנטוויקלט דאָ
אין לאַנד. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז מיר זענען נאָך פֿונ־
דעסטוועגן געווען גאַנץ יונגע בחורים. יעדע באַגעגעניש
מיט דודן, איז פֿאַר מיר געווען אַ טיפֿער פֿאַרגעניגן. איך
וועל נישט זיין באַנאַל, ווען איך וועל זאָגן, אַז דוד לעוו
איז געווען דער אידעאַלסטער טיפּ צווישן אונדז. ער האָט
פֿאַראייניקט תורה מיט עבודה צוזאַמען. ער האָט געאַרבעט
ביי שלאָסעריי, געלערנט אין די אָוונטן און דאָס בוך איז
געווען אַ טייל פֿון אים — אין אַ סך פֿון די פֿרייע שעהן,
וואָס זענען געווען צו זיין רשות. ער איז אַריינגעטרעטן אין
דער „הגנה". איך האָב שוין דאַן אויך געהערט צו דער הגנה,
אָבער איינער פֿון צווייטן האָט נישט געוווּסט. ביז מיר האָבן
זיך אַמאָל געטראָפֿן אויף אַ קורס. מיר האָבן זיך ביידע
שטאַרק צעלאַכט און האָבן אַ טיפֿע הנאה געהאַט, וואָס מיר
האָבן ביידע געקענט האַלטן סוד. דערווייל בין איך שוין
אַריין אין דער דראַמאַטישער סטודיע פֿון „אהל", וואָס האָט
זיך דאַן געגרינדעט. דורך דער צייט איז דוד לעוו איבער־
געגאַנגען אַרבעטן אין ירושלים. אָבער אונדזער חברשאַפֿט
און טיפֿע פֿריינדשאַפֿט האָט זיך געצויגן ווי פֿריער. ווען
דוד פֿלעגט קומען קיין תל־אביב, אָדער איך, — קיין ירושלים
שפּילן טעאַטער, האָבן מיר שטענדיק פֿאַרבראַכט צוזאַמען;
אין טעאַטער־זאַל אָדער הינטער די קוליסן. פֿון מאָל צו מאָל,
ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפֿן, איז ער אַלעמאָל געווען
פֿאַר מיר פֿרישער, אַנטוויקלטער און ענטוזיאַסטישער. ער
האָט מיר אַנטדעקט, אַז ער האָט באַקומען אַ גרויסע באַפֿרי־
דיקונג אין דער אַרבעט אין ירושלים. סיי ביי זיין פֿאַך און
סיי ביי דער הגנה. אַלס שלאָסער איז ער געווען זייער און
זייער נוצלעך. דאָס ביסל געווער, וואָס עס איז געווען, איז
אויך נישט געווען פֿון דער ערשטער קאַטעגאָריע. זיין פֿאַך
האָט ער אויך אויסגענוצט, פֿאַרשטייט זיך, ווי יעדער איינער
פֿון אונדז: שלא על מנת לקבל פרס. און אַזוי פֿלעגן מיר
זיך אַלעמאָל טרעפֿן, אי אַלס אָסטראָלענקער, אי אַלס גוטע
חברים ביז... ביז די געשעענישן פֿון 1929 זענען געקומען
און אין איינעם אַ פֿרימאָרגן האָב איך דערזען אַ טרויעריק
שוואַרץ רעמל און אין אים דער נאָמען: דוד לעוו, וואָס איז
געפֿאַלן על הגנת ירושלים. ברוך יהי זכרו.

דעמאָלט האָבן גענומען אָנקומען בריוו פֿון זיין פֿאַמיליע
צו זיין ברודער אברהם לעוו, ער זאָל קומען צוריק אַ היים
קיין אָסטראָלענקע. ער איז געפֿאָרן, ווי ער האָט מיר געזאָגט,
אויף אַ קורצע צייט. ליידער האָט ער געטיילט דעם גורל פֿון
אַלע אַנדערע אָסטראָלענקער. עס האָבן זיך אויך דעמאָלט
צוריקגעקערט: בערל באַיוק, יחיאל שאַפּראַן, ישראל קאַהאַן
און נאָך אַנדערע. די שטימונג איז דאַן אין לאַנד געווען
אַ שטאַרק דעפּרימירטע, אַזוי, אַז נישט אַלע האָבן געקאָנט
ביישטיין דעם נסיון.

* * *

אין זומער 1934 איז געפֿאָרן אונדזער טעאַטער „אהל"
אויף אַ גאַסט־שפּיל קיין אייראָפּע. נאָכדעם ווי מיר האָבן
שוין געהאַט אָפּגעשפּילט אין די גרויסע צענטערן פֿון איי־
ראָפּע, ווי: פּאַריז, לאָנדאָן, בריסל און אין נאָך פֿאַרשידענע
שטעט אין איטאַליע און אין דער שווייץ — זענען מיר אָנ־
געקומען קיין פּוילן. עס איז געווען 12 ביי דער נאַכט, ווען
מיר זענען אָנגעקומען אין גרענעץ־שטעטל גראַיעווע. איך
האָב פֿאַרלאָזט מיינע חברים, וועלכע האָבן פֿאַרגעזעצט זייער
רייזע קיין וואַרשע, און איך בין אויפֿצומאָרגנס גלייך דורך
לאָמזשע געפֿאָרן קיין אָסטראָלענקע.

באַלד די נאַכט האָב איך טעלעגראַפֿירט אַ היים, אַז איך
בין אָנגעקומען קיין פּוילן און מאָרגן קום איך קיין אָסטראָ־
לענקע. אָנקומענדיק פֿון גראַיעווע (די פּוילישע גרענעץ־



דראַמ. קרייז מיט מאיר מרגלית (אלס גאַסט פון ארץ־ישראל) אין יאָר 1934

פון רעכטס, זיצן: גראָסמאַן, פר. גראָסמאַן, מאיר מרגלית, אלי באַיוק, קופער, בערל באַיוק., פון רעכטס, שטייען: ציטרינאַרזש, חוה טאָביאַש־ווײנקראַנץ, שלום מרגלית, פר. ברום, דוד טאָביאַש, לאָלעק בענעדאָן, פר. גוטמאַן, בעניעק גוטמאַן.

שטאָט) קיין לאָמזשע, האָבן מיר שוין אָפּגעוואַרט אייניקע פון מיין פאַמיליע און צווישן זיי אויך אייניקע פון לאָמזשער דראַמאַטישן קרייז. דורך די פּאָר שעה וואָס איך האָב דורכגעשפּאַצירט די לאָמזשער בכבודיקע גאַסן, וועלכע האָבן דאַן אַלס פּליט און קינד אויסגעזען אין מיינע אויגן אויסטערליש און גאָר־גאָר וויכטיק אַנטקעגן די אָסטראָלענקער גאַסן, האָבן איצט אויסגעזען ביי מיר גאַנץ פּראָווינציעל. ביז עס איז אָנגעקומען די שעה פון מיין פאָרן קיין אָסטראָלענקע.

דעם גאַנצן וועג איז מיין אויג נישט אַוועקגענומען געוואָרן פון די אַדורכפאָרנדיקע דערפער און באַזונדער פון די וויטשעכאָוויצער קאַזאַרמעס. דערנענטערנדיק זיך, האָב איך גלייך דערקענט די טורמע פון דער רעכטער זייט, וועלכע עס פלעגן יידישע ייִנגלעך אויסמיידן מיט פחדים, נישט דורכצוגיין דאָרט. פון לינקס — דער גרויסער שפּאַציר־גאָרטן, וועלכער האָט שוין אויסגעזען אַ סך פאַרנעמער ווי איך האָב אים איבערגעלאָזט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — אַ פּאַרלאָזטן. אויך די פאָלקס־שולן, פריער די יידישע נאַכהער די פּוילישע, אין וועלכע איך האָב געלערנט און פאַרבראַכט אין די קינדער־יאָרן, האָבן שוין געהאַט אַ פיל שענערן אויסזען.

גלייך האָב איך דערזען פאַר זיך אַ גרויסע מאַסע מיט מענטשן: פריינט, חברים און באַקאַנטע, צווישן זיי אויך פון מיין פאַמיליע, וועלכע האָבן מיר וואַרעם און האַרציק מקבל פנים געווען.

ליידער האָב איך זיך נישט געקאָנט זוימען מער ווי 3 טעג, ווייל די פּרעמיערע פון אונדזער פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען אין וואַרשע (אין קאַמינסקעס טעאַטער). אָבער די דאָזיקע פרייע טעג זענען געווען אינגאַנצן געווידמעט מיינע שטאָטישע. כאָטש איך האָב אַלץ פריער געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די פּוילישע שטעטלעך: דער אַנטיסעמיטיזם א. אַז. וו., דאָך איז דער איינדרוק און די שטימונג געווען ביי מיר אַ דערדריקטע. די שטאָט אפילו איז אויפגעבויט געוואָרן אַ סך שענער ווי פריער, די גאַסן ברוקירט, נייע געמויערטע הייזער א.ד.גל.. אָבער די יוגנט פון שטאָט — אומגעדולדיק און נערוועז. מיט וועמען מ׳האָט נאָר גערעדט, אָן אונטערשיד פון פאַרטיי און שיכט, האָט געטראָגן די ווערטער: ארץ־ישראל, אַמעריקע, אַרגענטינע, אורוגוואי א. אַז. וו.

מער אָפּטימיסטישער זענען געווען די חברים פון „החלוץ", „השומר הצעיר" א. ד. גל. זיי האָבן געוווּסט, אַז פריער צי שפּעטער וועלן זיי דאָס אָרט פאַרלאָזן. ווער עס האָט נאָר געהאַט אויף רייזע הוצאות — דער איז געווען אַ גליקלעכער און מ׳האָט אים מקנא געווען. ערגער איז געווען מיט די חברטעס. זייער שטימונג איז געווען אַ פיל געדריקטערע. טעכטער פון בכבודיקע בעלי־בתים אָדער איינגעאָרדנטע בעלי מלאכות (ווי אין יעדער יידישער שטוב) זענען איצט געבליבן ווי אויף גאָטס באַראָט. יעדער איינער האָט געטראַכט: מאין יבוא עזרי.

די ערשטע וואַרשעווער פאָרשטעלונגען פון „אהל" זענען דורך מיט גרויס הצלחה און די לויב־קריטיק פון דער יידישער און פּוילישער פּרעסע איז דערגאַנגען צו די אַלע שטעטלעך פון דער פּראָווינץ און אָסטראָלענקע, וואָס איז געווען ווי אַ באַזונדערער צד אין דער משפחה, האָט שוין גאָר געוואַרט אַליין אויף דעם, זייענדיק גאָר שטאָלץ, וואָס זייער בן־עיר האָט זיי נישט פאַרשעמט...

דער ערשטער גרויסער קבלת־פנים איז פאָרגעקומען אין זאַל פון „הפועל". אָנגעשטאָפּט איז געווען דער זאַל מיט בני עיר, אַ סך זענען געשטאַנען אין דרויסן, נישט האָבנדיק קיין פּלאַץ אינווייניק (קיין צו גרויסער זאַל איז דאָס סיי־ווי נישט געווען). פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויס איבערלעבעניש, איך בין געווען ביז גאָר גערירט... געדריקט האָבן מיר די הענט און געדאַנקט אויך אַזעלכע, וואָס איך האָב זיי נישט געקענט און זיי אפשר מיר אויך נישט.

איך האָב געפילט, אַז די וואַרעמע שטימונג און די פרייד האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דעם שווערן געמיט פונעם

שטעטל... איך האָב זיי איבערגעגעבן דעם גאַנג פון דעם העברעאישן טעאַטער אין ישראל און פון די גרויסע דערפאָלגן וואָס עס האָט געהאַט דער „אהל" אין די גרויסע צענטערן פון אייראָפּע.

דערנאָך האָט זיך אַן אינטימער קרייז פאַרקליבן ביי אַ גלעזל משקה ביי פסח האָכבערגן אין שטוב. אַ טייל וועלכע האָבן געזען די „אהל"־פאָרשטעלונגען אין וואַרשע, וואָס זענען אַדורך מיט אומגעהויערן דערפאָלג, האָבן דערקלערט, היות ווי מען קאָן נישט איינאָרדענען אַ גאַנצע פאָרשטעלונג דאָ אין אָסטראָלענקע, כדי מיך צו זען און אויך אין העברעאיש, פאָדערן זיי פון מיר כאָטש צו געבן אַן אינדיווידועלן אויפטריט, וויסנדיק, אַז איך בין אויך אַ רעציטאַטאָר און דאָס וועט האָבן אַ טאָפּלען ציל: ערשטנס וועט מען מיך זען שפּילן און צווייטנס וועט דאָס געלט באַנוצט ווערן פאַר חלוצים, וואָס גרייטן זיך אָפּצופאָרן קיין ארץ־ישראל און האָבן נישט אויף קיין הוצאות.

איך האָב דעם פאָרשלאַג אָנגענומען מיט גרויס פרייד.

אין 10 טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַ וואָרט־קאָנצערט אין העברעאיש און אין יידיש. פאָרגעקומען איז עס אין זאַל „צישא" (כ'האָב געלייענט פון ביאליק, אביגדור המאירי, מענדעלע א. אַנד.). אין משך פון אַ פאָר שעה בלויז זענען אַלע ביילעטן אויספאַרקויפט געוואָרן און — מערקווירדיק — דער גרעסטער טייל בילעטן־קויפער זענען דוקא געווען די בונדיסטן. דער ציוניסטישער טייל איז געבליבן אין דרויסן... עס האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט ביי מיין אויפטריט, איך האָב געפילט ווי איך גיס זיך צונויף מיט אַלעמען און אַלע מיט מיר. די דאָזיקע אָנגענעמע מאָמענטן וועלן קיינמאָל פון מיין זיכרון נישט אַרויס!

מיין לעצטער באַזוך אין אָסטראָלענקע איז געווען אום שמחת־תורה. גאָר פריילעך איז געווען ביי מיין ברודער משה מרגלית ז"ל און אין נאָך אַנדערע קרייזן...

אַזוי ביסטו פאַרבליבן אין מיינע זכרונות מיין טייער ליב שטעטל אָסטראָלענקע.



מאיר מרגלית (אַלס גאַסט) מיט זיינע פּאַרטיי־חברים

פון רעכט: חיים פיאַסעטשני, זיסקינד לאַכאָוויטש, מאיר מרגלית, פסח האָכבערג, חנא אייזנשטיין, אליעזר לאַכאָוויטש, בערל באַיוק.

שמשון דוב ירושלמי (ירושלימסקי)

אוסטרולנקה שלי

האמנם היא „שלי״? הרי היא אינה קיימת עוד? (כוונתי, לאוסטרולנקה היהודית) ואפילו היתה קיימת, האם הייתי זכאי לראותה כ„שלי״? מהי זכותי להיאחז בה?

האם רשאי אדם שישב באיזו עיר שהיא פחות מארבע שנים משנות ילדותו — והיתה זאת כמעט לפני ששים שנה בערך — לטעון טענת היא שלי? ומהן זכויותיו לכך?

כל השאלות הללו ניקרו ומוסיפות לנקר במוחי בגשתי להוציא מתהום הנשיה את זכרונותי ולהעלותם על הכתב, זכרונות שיש בהם שילוב של זכרונות ימי ילדותי ושל התקופה שלאחריהם, על אוסטרולנקה, שהיתה ואיננה...

עלי, ראשית־כל לספר כיצד הגעתי לכתיבת זכרונותי אלה.

מעשה שהיה כך היה:

לפני שנים מספר, — נדמה לי בשנת תשי״ד או תשט״ו — פנה אלי יהודי אחד, — שלא הכרתיו מעולם, — הציג את עצמו לפני בשמו העברי — בשם יצחק עברי, מעובדי „דבר״ והציג לפני פרוספקט יפה על „ספר הזכרון״ ליהודי אוסטרו־לנקה, העומד להופיע בקרוב וביקש ממני לסייע לדבר, במה שאפשר.

הבטחתי לו לעשות זאת, אבל, לא ראיתיו עוד.

והנה קראתי בכסלו תשי״ז ב„הארץ״ את מודעת־ההשתת־פות של „הוועדה להוצאת ספר יזכור לקדושי אוסטרולנקה״ בצערה של משפחת פינקלשטיין על אבדן בנם שחר ז״ל, שנפל בשירותו למען המולדת.

פניתי במכתב לועדה הנ״ל והצעתי את עזרתי המובטחת לספר זכרון זה.

שוב הופיע אצלי מר יצחק עברי הנזכר ולאחר כמה פגי־שות נוכחתי, שאמנם, יושב על ידי עברי ממש, כפשוטו וכמשמעו, שלבו וזמנו נתונים לביצוע המפעל החשוב — פרסום ספר זיכרון לקדושי אוסטרולנקה, שמסיבות שונות, חלה הפסקה בהגשמתו ושעכשיו ניגשו לביצועו המהיר.

ראיתי חובה נעימה לעצמי להיענות לפנייתו המחודשת לקיים את הבטחתי ולתרום את חלקי הצנוע לספר־זכרון זה.

כניסתי לאוסטרולנקה

עלי לספר כיצד „נתגלגלתי״ לאוסטרולנקה. הייתי כבן שש כאשר אאמו״ר רבי משה נחום ירושלימסקי זצ״ל, שהיה רבה של קמינקה (פלך קיוב) נתקבל לרבה של אוסטרולנקה. ב„כתב הרבנות״, שניתן לו בתאריך של כ׳ תמוז תרנ״ח, ושעודנו שמור אצלי, כתוב בתוך השאר:

— — — „אלופי ומנהיגי העיר וגם כל בני העיר בכלל, מגדולים ועד קְטַנָם, בהסכם כולם ובלב ונפש חפצה — — — למנות את כבוד הוד גאון, הרב הגאון, פ״ה, סוע״ה, צמ״ס וכו׳ כש״ת מוה״ר משה נחום בהרבני מו״ה בנימין ז״ל יערושלימ־סקי לרב ומורה ומנהל לעדתנו פה ק״ק אסטראלענקא וכו׳.

ובאותו כתב־רבנות צוין גם כן:

...„ושכירות התחייבנו ליתן להרב הנ״ל סך עשרים רו״כ לשבוע, לבד דירה טובה שיש להקהל דפה ולבד הכנסות הרב״.

על כתב־הרבנות הנ״ל חתומים ראשי הקהילה ובצד החתימות טבועים חותמות עגולים, שאחד מהם קובע כי החתו־מים הם: „אלופי ומנהיגי קהל עדת ישורון דפה ק״ק אָס־טראלענקא״.

אלופי העיר אלה לא הסתפקו בכך והחתימו גם את הראשים והגבאים של חברות שונות שבעיר (לשם הנצחת שמות החברות והעומדים בראשן, ניתן ב„ספר הזיכרון״ תצלום של כתב־הרבנות ההיסטורי, שנשאר לפליטה).

אוסטרולנקה ואישיה

אינני יכול להיזכר מהי הסיבה, שבגללה לא השתקענו בדירת הקהל — כפי שהוזכר ב„כתב הרבנות״ — אולם זוכר אני שגרנו בדירה נאה ורחבת־ידיים במרכז השוק, בקומה שניה.

מתחתינו — בקומה א׳ — נמצאו חנותו ודירתו של ר׳ חיים פנחס גינגולד ז״ל.

ר׳ חיים פנחס הנ״ל היה איש חסיד ואיש מעשה כאחד.

זקנו הרחב והארוך הוסיף לו הדרת־פנים מיוחדת במינה ויחס של כבוד מצד כל רואיו.

מימין לבית מגוריו, היה ביתו של ר׳ ישראל יצחק זלמ־נוביץ ז״ל. הוא היה תלמיד חכם גדול וחסיד ותיק מחסידי גור ורוב ימיו ישב בצל האדמו״ר בעל ה„שפת אמת״ זצ״ל, ו„שימשו בקודש״, שלא על מנת לקבל פרס.

ר׳ ישראל יצחק הצטיין במידותיו התרומיות והיה הראש והראשון בכל עניני דמתא וכל שכבות הציבור התיחסו אליו בכבוד ובאֵמון. במיוחד הוקירוהו וכיבדוהו חסידי גור, שהיו משכימים לביתו שהיה פתוח לרווחה לפניהם, אפילו בימי ישיבתו בגור.

„אברכי המשי״ שבחסידי גור — ומספרם לא היה קטן באוסטרולנקה — היו נוהגים לערוך בביתו מדי שבת בשבתו את סעודת ה„שלוש סעודות״ שלהם.

תכונה רבה ומיוחדת במינה היתה ניכרת בעיר כש„אברכי

משי" אלה היו מתכוננים לעריכת „סעודת ראש חודש" או „סעודת מצוה" ביום הזכרון של אחד האדמו"רים זצ"ל משלשלת־היוחסין דגור.

מנהג חסידות נהגו „אברכינו" אלה להביא כל אחד ואחד את חלקו לסעודה המשותפת, ורגיל הייתי לראות מעל הגזוזטרה שבדירתנו כשהם אָצים־רצים בבגדי השבת שלהם וכל אחד נושא סירי־הבישול בידיהם וחלות־השבת מעל שכמם ונקלטים בשער הכניסה לביתו של רבי ישראל יצחק ז"ל. עברה שעה קלה בלבד וכבר היו נשמעים קולותיהם מרניני־הלב, כשהם שרים ניגונים חסידיים בדחילו ורחימו בפזמונים מענינא דיומא — שירי שבת וזמירות שונות.

עודני זוכר את התרשמותי משנכנסה אלינו האשה הצנועה מרת פריידה ז"ל (אשתו של ר' אפרים גולדברוך ז"ל, שהיה איש תם ויושב אוהל שלא עסק אלא במילי דשמיא, וכל דאגת פרנסתו על אשתו הנ"ל, שהיתה אשת־חיל ורבת תבונה וניהלה את עסקה הגדול שברחוב השוק), וממש בדמעות ביקשה מאת אבי זצ"ל להשפיע על חתנה ר' חנוך הניך פלקסר ז"ל (שעליו יסופר עוד להלן באריכות) שיסכים לכך, ש„המנות" המיועדות להשתתפותו ב„סעודות של מצוה" בביתו של ר' ישראל יצחק תישלחנה לשם על ידי המשרתת. ומרת פריידה ז"ל תיארה כיצד לועגים לה ולחתנה הנ"ל, כל הקונים הבאים לבית־מסחרה, — שהם ברובם פקידי ממשלה וקציני צבא רוסיים — בשעה שחתנה עובר בחיפזון דרך החנות ובידיו סירי־הבישול וחלות־השבת, ומתוך פזיזותו האוכל נשפך מבין זרועותיו, ולפעמים הוא מתיז את התבשיל גם על בגדי הגברות, הבאות עם בעליהן לחנות. אבי ז"ל הבטיח לה לדבר אתו בנדון. אולם, הפעם לא נענה ר' חנוך הניך לבקשת אבא באמרו:

„רבי, אל נא יחר אפו. אבל הפעם אינני יכול, לצערי, להישמע לו, כי בנידון דידן פסקו חז"ל כי ,מצוה בו יותר מבשלוחו'... והוא המשיך לקיים „מצוה" זו כהלכתה"...

אוסטרולנקה ולומדיה

בכלל היתה אז אוסטרולנקה מפורסמת בכל הסביבה כמקום תורה. רבים מ„בעלי־הבתים" שלה — ולא רק העשירים שביניהם בלבד, אלא, אפילו אנשים, שהתקשו למצוא טרף לבני ביתם, השתדלו, בכל זאת, לרכוש בשביל בנותיהם „חתנים" שתורתם אומנותם והיו משאירים אותם סמוכים על שולחנם במשך שנים רבות, למען יעסקו בתורה. היו מחזיקים אותם ואת נשותיהם והילדים שנולדו להם במשך הזמן בכבוד רב והיו נהנים מזיום עד שרבים מהם זכו לראות בּרכה בעמלם, כשחתניהם מעוטרים בהורמנא ואיצטלא דרבנן. אזכיר שמותיהם של אחדים מהם:

הגאון רבי צבי הירש שילביץ ז"ל, רבה של שפערוב (פלך פיטרקוב).

(כדאי לציין, ששם העיירה הזאת היה למעשה פשערוב, אלא שיהודי העיירה שינו את שמה ואמרו: כאן לא „פשע־רב" אלא „שפע־רב").

הרה"ג ר' דוב בעריש נייפלד ז"ל, רבה של רציונז (פלך פלונצק). הוא היה אחיו של הרב הגאון ר' ראובן יהודה ניפלד ז"ל, רבה של נובי־דבור (פלך ורשה) ויו"ר אגודת הרבנים בפולניה.

הרה"ג רבי משה מנחם מנדל ספיבק ז"ל, שהיה מו"צ בצ'יז'בה ע"י אוסטרולנקה ואחר־כך רבה של פודזמצה (פלך קיאֶלץ).

★

ברצוני להעלות גם את שמותיהם של כמה מבין תושבי אוסטרולנקה ונכבדיה — עד כמה שהם שמורים בזכרוני — ואשר החוט של ידידות ביניהם ובין בית אבא, נמשך גם לאחר שעזבנו את העיר.

ר' אברהם נחום ליברמן ז"ל

היה זה איש חסיד וירא אלקים. צנוע בדרכיו. ניהל את בית מסחרו למנופקטורה (שנמצא, גם כן, ברחוב השוק, על יד ביתם של אפרים ופריידה גולדברוך ז"ל) באמונה וביושר.

גם ר' אברהם נחום ז"ל השתדל להשיא את בנותיו לתלמידי חכמים.

חתנו הראשון, ר' חיים הרשברג ז"ל, מוצאו היה ממשפחה עשירה בלודז, שעסקה בתעשיית הטקסטיל. הוא הקדיש את רוב זמנו לתורה ולחסידות ובמקצת גם למסחר. תמיד היה הדור בלבושו ובנימוסיו והצטיין בזה מאוד.

בתו השניה, חיה ז"ל, זכתה להיות כלתו של האדמו"ר רבי שמואל בורנשטיין זצ"ל, בנו ויד־ימינו של גדול הגאונים שבפולניה רבי אברהם'לי מסוכטשוב זצ"ל, מחבר הספרים „אגלי טל" ו„אבני נזר".

ר' יחזקאל קופרמינץ ז"ל

גם הוא היה מגדולי הסוחרים במקצוע הטקסטיל, עסקו ודירתו נמצאו בבית שבפינת רחוב השוק והרחוב המוליך ללומזה.

היה מחשובי העיר ועסק גם בצרכי ציבור. זכה וכמה מבניו עלו לארץ ונמנו בין בוני הארץ.

בנו אביעזר היה מראשוני הבונים של כפר־יחזקאל. אשתו של אביעזר, חסיה דרורי, היא מן הפעילות של מועצת־הפועלות. היתה חברת הכנסת הראשונה.

בנו אביגדור הי"ד — שהיה מורה ועסקן תרבותי בעיירה בלוינה שע"י ורשה — עלה ארצה בשנת 1923 ונרשם כחבר בארגון להתישבות בעין־ורד. הדבר לא עלה בידו ולמד את מלאכת הטייחות. במאורעות תרצ"ו נרצח ביפו בשעת עבודתו כטייח־בג'יבליה.

גם בתו חנה עלתה ארצה כחלוצה והשתתפה במפעלים חלוציים רבים, ואף כי היתה בת עשירים הסתגלה לחיים החלוציים ולכל הסבל והמחסור שהיו כרוכים בחיים אלה בזמן עלייתה.

בשנת 1935 עלה ארצה גם בנו ישעיהו ז"ל עם משפחתו. גם עליו עברו יסורי קליטה קשים. נוסף לכך, נתפס בנו יחידו יעקב, — שהיה ראש בית"ר בעיר מגוריו פולטוסק ואחד

ממפקדי אצ"ל בארץ, בשעת אימונים עם פלוגה שלימה ונשק בידם. הוא נדון למאסר וישב בבית הסוהר לנידונים פוליטיים עד להקמת המדינה.

ר' יחזקאל קיפרמינץ ז"ל, — שהיה מחסידי גור, חילק את נסיעותיו ל„הרבי" בין רבו בגור ולבין בית אבא ז"ל. והיה אומר: „יש מקום בראש להניח שתי תפילין והתפילין שלי הן: הרבי מגור ורבנו. אינני יכול להשלים עם העובדה שרבנו עזב אותנו". והוא היה בא לקיאלץ, להסתופף בצלו של אבא ז"ל ולקבל את ברכתו ועצתו.

ר' משה רובינשטיין ז"ל

היה זה יהודי נמוך־קומה ובעל כרס. זקן מטופח כהלכה, עוטר את פניו, וכל חזותו מעידה שלפנינו אדם, המרוצה תמיד מעצמו ושמח בחלקו.

הוא היטיב לדבר בלשון הרוסית והיה טיפוס של „שתדלן יהודי" מהדור שעבר...

אחד מבניו — ר' שלמה רובינשטיין ז"ל — היה גר בציחנוב והחזיק שם חנות גדולה למנופקטורה. הוא היה גם ראש „המזרחי" בעיר זו ונציגו בקהילה היהודית וביתר המוסדות הציבוריים שבעיר.

בן שני של ר' משה רובינשטיין (שאינני זוכר את שמו), צעיר מר' שלמה הנ"ל, נתפס כמהפכן ומורד במלכות...

באוסטרולנקה דאז שכנו כמה גדודים של הצבא הרוסי ומפלגת הסוציאל־רבולוציונרים הרוסית שלחה לעיר זו תעמלנים, כדי לקומם את הצבא נגד שלטון הצאר. והנה אחד התעמלנים החשובים ביותר — שבא במיוחד מפטרבורג למטרה הנ"ל — נתפס והושם במאסר.

אולם, כעבור זמן קצר שוחרר הנ"ל, על־פי המצאה גאונית ממש: ביום אחד הופיע קצין הז'נדרמריה בלוית פלוגת ז'נדרמים ובידו „צו" להוציא את האסיר מבית־הסוהר ולהעבירו לפטרבורג לחקירה. אחר־כך הוברר, שה„צו" היה מזויף וש„הקצין" ומלוויו היו רבולוציונרים מחופשים... רובינשטיין הצעיר נחשד בתכנון הפעולה הזאת והוא נאסר ונשלח לארץ־גזירה...

ר' מנדל ברין ז"ל

סוחר־עצים גדול בעל מעוף ובעל צורה נאה, משכמו ומעלה גבוה מכל בני עירו. עשה רושם רב בחיצוניותו וגם בנועם הליכותיו עם בני אדם, אף כי היה בעל אופי תקיף.

גם בניו היו בעלי קומה גבוהה, כאלונים ממש, וכל הופעותיהם אמרו כבוד.

גם ר' מנדל ברין ז"ל היה מ„חסידיו" של אבא וגם לאחר שעבר לגור בוורשה, היה מבקר, מזמן לזמן, בבית אבא בקיאלץ.

ר' זאב חאציק ז"ל

בעל חנות ליינות וממתקים בשוק, בפינת הרחוב, המוביל לנהר נאראָוו. הוא היה איש חסיד וזהיר במצווה קלה כבחמורה; מקפיד הקפדה יתירה שלא להכניס ח"ו לחנותו יינות ומשקאות בשביל יהודים, מבלי שיבדוק תחילה בשבע בדיקות את כשרותם של היינות ואם מותר למכרם אפילו למהדרין מן המהדרין.

ר' זאב בנדרון ז"ל

יהודי פשוט, שעלה לגדולה ונהיה לקבלן צבאי גדול.

הוא הוא שבנה את כל הקסרקטינים העצומים בשביל גדודי הצבא שחנו באוסטרולנקה.

היה מעורב עם הקצינים הגבוהים, שנתנו בו את אימונם, וגאוותו על שליטתו בלשון הרוסית היתה רבה מאוד. גם את דיבורו ביידיש היה רגיל לתבל במלים רוסיות, כדי להראות את גודל בקיאותו בלשון זו.

היה נענה ברצון למבקשים את עזרתו בעניני צבא ועזר תמיד כמיטב יכולתו.

ר' איסר בלומוביץ ז"ל

בנו של ר' יודל בלומוביץ ז"ל מיקירי לומז'ה. היה בעל בית־דפוס באוסטרולנקה. אצילות ועדינות־נפש היו שפוכות על פניו, המעוטרים בזקנקן בלונדיני. הוא זכר תמיד ש„דברי חכמים בנחת נשמעים" והחזיק בשיטה זו בכל מהלך חייו הקצרים. עבר לגור ללומז'ה עיר מולדתו ונפטר שם במיטב שנותיו.

אשתו אסתר (בתו של ר' אברהם מלינרזביץ ז"ל, בעל האחוזה קופיסק, על־יד לומז'ה, שהיה קובע עתים לתורה ומת מיתה חטופה עם השכמת הבוקר כשהגמרא הפתוחה שלמד בה מונחת על שולחנו) גרה כיום בתל־אביב.

כן נמצאת בארץ (בקרית חיים), בתו מרים והיא נשואה למהנדס שרגא מזרח (בנו של העסקן הציוני הידוע ר' אברהם מזרח ז"ל מלומז'ה).

ר' מנחם יהודה לננטר ז"ל

ר' מנחם יהודה ז"ל בן הרב יונתן מרדכי ממשפחת לננטר, היה יהודי יקר ובעל מידות תרומיות, שפעל ועשה הרבה בהצלחה בעיר אוסטרולנקה בשטח החינוך הדתי, והעמיד תלמידים הרבה. היה מפורסם בפי כל העיר בשם עממי ר' מנדל לומז'ר. הוא נפטר חודש ימים לפני פרוץ המלחמה בט"ו באב תרצ"ט וזכה לכבוד רב במותו מאנשי העיר והרבנים ותלמידיו הרבים.

זכיתי להימנות עם תלמידיו עד עזבי את אוסטרולנקה בסוף הקיץ של שנת תרס"ב. דמותו עומדת לפני עד היום.

כמה ידע את נפש תלמידיו ומה גדול היה כוח ההסברה שלו! כשהיה אוחז בקצות זקנו הצהוב הארוך, — ששערותיו החלו כבר להכסיף — והסתכל בעיניו הפיקחיות בתלמידיו, עורר בהם את התשוקה להקשיב בלי סוף ולקלוט את הסבריו ההגיוניים. תענוג מיוחד במינו היה לשמוע את סיפורי האגדה שלו, שבהם הצליח להעשיר את ידיעות תלמידיו ולהפרות את

דמיונם. זכורני, כאשר נפרד ממני אמר לאבא ז"ל: „זה חלקי מכל עמלי, שאני נפרד מתלמידי ובראשו שמורים ארבעים דף גמרא שלמד ממני".

ואמנם לימודי אצלו שימשו לי כ„מבוא" ללימודי בעתיד וחיבתי לרבי זה שמורה אצלי כל הימים.

★

ואחרון אחרון חביב ולו ולזכרונו אקדיש את חלק־הארי שבזכרונותי. כוונתי לרבי חנוך הניך פלקסר ז"ל (שכבר הוזכר לעיל, בדרך־אגב).

המנוח היה רֵעַ כאח לי ולא רק לי, כי אם לכל בני משפחתנו. אבא ז"ל ראהו לא רק כתלמידו המובהק, אלא כאחד מבניו וכך היה נחשב גם בעיני אמי הרבנית ז"ל.

הניך פלקסר ז"ל היה חוטר מגזע צדיקי הדור המפורסמים — נכדו של האדמו"ר רבי חנוך הניך זצ"ל מאלכסנדר ושמו גם נקרא עליו. האדמו"ר הנ"ל היה מראשי השושלת של ה„חצר" מגור.

ר' חנוך דנן נולד במאלניץ ושם קיבל את חינוכו.

באותו מקום צמח וגדל גם הרב רבי צבי חנוך לוין זצ"ל, חתנו של בעל ה„שפת אמת" והוא היה גם רבה של בנדין ואביו של ראש „אגודת ישראל" בפולניה רבי יצחק מאיר לוין שליט"א, מי שהיה שר הסעד במדינת ישראל וכיום — חבר הכנסת מטעם „אגודת ישראל" ומנהיגה הדגול.

מיום בואנו לאוסטרולנקה, דבק ר' הניך ז"ל באבי זצ"ל והיה לאחד מתלמידיו המובהקים. המנוח היה מחונן בכשרון



(תצלום משנת תרע"ג — 1913)

מימין, עומדים: בנימין (הי"ד) ושמשון דב שיבדל"א (בני הרב ר' משה נחום ירושלימסקי ז"ל), יושב: ר' הענאך פלקסר הי"ד

בלתי־רגיל, בעל תפיסה מהירה וזיכרון נפלא, ממש בבחינת „בור סיד שאינו מאבד טיפה". התמדתו אינה ניתנת להיתאר. הוא לא מש מאהלה של תורה וקיים בפועל ממש את מצות „והגית בה יומם ולילה".

משעזבנו — בשנת תרס"ב — את אוסטרולנקה ואאמו"ר זצ"ל עבר לכהן כרב אב"ד בקיאֶלץ, לא נפרד ר' הניך מאתנו והצטרף אלינו בנסיעתנו. הוא נשאר אז אצלנו במשך כמה חדשים וכך היה נוהג מדי שנה בשנה לבוא ולשהות אצלנו שבועות מספר.

בשנת 1914, כשפרצה מלחמת העולם הראשונה ואוסטרו־לנקה נחרבה כמעט כולה ותושביה היהודיים התפזרו על פני המדינה, ברח גם הוא עם משפחתו.

כאשר נודע לו שאאמו"ר זצ"ל יצא למנוחה קצרה אצל אחי דוד יונה ויהושע השיל ז"ל בחורוֹל (פלך פולטבה), ובינ־תים נכבשה קיאֶלץ ע"י הגרמנים, ולא יכול לחזור, מיד יצא ר' הניך ואתו גם ר' שמואל'קה פרידמן ומשפחותיהם לחורוֹל ושם לא זזה ידו מתוך ידו של אבא ז"ל עד ליום פטירתו, כמסופר גם בתולדות אבא, המתפרסמות ב„ספר הזיכרון".

אבל עלי לחזור לתקופה קודמת בחייו של ר' הניך.

כבר בימי נעוריו הוסמך להוראה וניתנה לו הורמנא דרבנן שלפיה „יורה יורה וידון ידון"...

משהחליט לקבל עליו את עול הרבנות נזקק גם ל„הורמנא דמלכותא" (עקזאמען בלע"ז) על ידיעותיו בלשון רוסיה... (הוא אז עדיין לא ידע אפילו את ה„אלפא ביתא" הרוסית!) בא אלינו לקיאֶלץ, הסתגר בחדרו, מן הבוקר ועד שעה מאוחרת בלילה, ולא עברו אלא שבועות מועטים ור' הניך דנן, התייצב לבחינות בלשכת הפלך בקיאֶלץ ויצא משם מוכתר בתעודה רשמית, שזיכתה אותו להיות רב בישראל גם מטעם השלטון הרוסי. אבל הוא לא הסתפק בתעודה כזו, אלא המשיך בשקידה רבה בקריאת מיטב הספרות הרוסית ונעשה בקי בה לכל ענפיה, אף כי ההיגוי שלו בשפה זו היה פגום. כאשר העירו לו על כך, היה עונה:

„מה אתם רוצים ממני אינני „מוסקביטש" ממוסקבה, אלא יהודי ממאלעניץ...

אחר־כך הוצע לפניו כסא הרבנות בעיירה קיקול הסמוכה לליפנא. רבה של עיירה זו נפטר והרבנית האלמנה היתה מוכנה לעזוב את קיקול ולוותר על זכות הירושה שלה, כאשר ישלמו לה סכום של אלף רו"כ כפיצויים. ר' הניך היה מוכן לשלם לה את הסכום הנזכר ולזכות בכיסא הרבנות הנ"ל. הוא הוזמן להופיע לפני הקהל ונשא חן וחסד בעיניו ונתקבל בהסכם כולם לרב.

המשא־והמתן התנהל ב„ימים הנוראים" — בין כסא לעשור, וסוכם, שהרב יחזור לביתו ואי"ה אחרי חג הסוכות, יבוא עם משפחתו להשתכן בק"ק קיקול.

מכיון שב„כרך" זה לא נמצא בית־מלון או אפילו אכסניה כל שהיא התאכסן „הרב החדש" בבית ראש הקהל.

משעמד הרב לחזור לביתו נתבקש על־ידי ראש הקהל לחדר מיוחד ושם לחש באזנו: „ידע כב' הרב שהענין שלו יעלה לו עוד מאה רובל. משאלו: מדוע? ענהו: „וכי כב' הרב אינו מבין שגם אני צריך להרויח מעסק זה?"

הרב ר׳ הניך הסתיר את מחשבתו על כך וענהו: „נו, נו, נראה!״...

משנכנס השמש לבית ראש־הקהל ביקש ממנו הרב, שיזמין את כל תושבי העיר לבית המדרש לאסיפה.

ראש הקהל תמה על כך ושאלו: לשם מה? ור׳ הניך ענהו בשקט: „הרי לא מן הנימוס שאעזוב את העיר מבלי להיפרד מבעלי־הבתים שלי ומבלי לאחל להם שנה טובה״. תשובתו זו הרגיעה את ראש־הקהל... בגלל פתאומיותה היתה האסיפה רבת־ משתתפים. והרי לפניכם תוכן דרשתו של הרב באותה אסיפה:

„מורי ורבותי! כולכם יודעים כי מנהג ישראל הוא להכין ,כפרות׳ לערב יום־הכיפורים. תפקיד הכנת ה,כפרות׳ מוטל, כמובן, על עקרת־הבית, ואמנם, בנות ישראל הכשרות שומרות על מילוי תפקיד זה, ומובטחני שאצל כולכם מוכנות כבר ,הכפרות׳, והן מחכות לשוחט, אשר יבוא לשחטן״...

„הואיל והרבנית שלי, שתחיה, אינה במקום, לא הוכנה בשבילי ה,כפרה׳ כדרוש, אבל הרי אינני יכול לסטות ממנהג ישראל, כי ,מנהג ישראל — תורה׳ ולכן הכינותי לי את ה,כפרה׳ בעצמי, והיא אינה, אמנם, תרנגול לבן, אבל, יש גם לה חשיבות רבה, וזאת היא — ,הרבנות בקיקול׳, שהחלטתי לוותר עליה והיתה זאת כפרתי. ושלום רב לכם ושנה טובה לכולכם!״

הקהל נדהם למשמע דבריו של „רבם החדש״ וראש הקהל נעשה חיוור כסיד... ולשאלת רבים ענה הרב: „ראש קהילתכם יסביר לכם את הסיבה״... ובזה נפרד מכהונת הרבנות שלו...

מאותו זמן בא שינוי כביר בחייו של ר׳ הניך. הוא גמר אומר להסתלק מכהונת הרבנות בכלל, ונכנס לעסק — שרכש אחרי מות חמותו ע״ה — והתמסר בכל מרצו הכביר גם לעבודה ציבורית מקיפה. ביזמתו נפתחה במקום באותו פרק־זמן „קופת מלוה לקרדיט הדדי״ והוא ישב בראשה והתמסר לגידולה ולפיתוחה.

בהגיע תור הבחירות ל„דומה הממלכתית״ הראשונה בפטרבורג הוברר, שזכויותיהם של יהודי פולניה צומצמו בחוק־הבחירות עד למינימום. נבצר מאת יהדות פולניה לבחור בנציגיהם כרצונם. שיטת־הבחירות היתה כזו שבאזורי־הבחירות חולקו הבוחרים לפי מעמדותיהם השונים, מתוך כוונה מחושבת מראש לקפח את זכויותיהם. כך ניתנה למספר מצומצם של בעלי אחוזה הזכות לבחור ב„נציגיהם לבחירות״ כמו לבני הערים והעיירות, שמספר הבוחרים הגיע בהן לאלפים, וזאת — כדי להפחית את ערכם והשפעתם של היהודים, שישבו, רובם ככולם, בערים ובעיירות...

כמו כן לא היו הבחירות ישירות אלא שנציגי כל השכבות, שמספרם בכל הפלך היה — נדמה לי — 60, היו בוחרים שניים־שלושה צירים ל„דומה הממלכתית״. מובן, שלפי שיטת־בחירות זו לא יכלו הנציגים היהודיים לבחור אפילו בציר אחד משלהם.

ר׳ הניך פלקסר — שהיה מועמד של היהודים באוסטרולנקה וסביבתה, וראה את העוול הנעשה ליהודים, קיבל על עצמו את הטורח לארגן את התושבים היהודים שבכל פלך לומז׳ה ולהמריצם להשתתפות רבה בבחירות למען יהוו כוח ניכר בבחירות הסופיות. אחר־כך, התקשר עם הד״ר הארוסביץ, שהיה נציג הכוחות הפרוגרסיביים שבאוכלוסיה הפולנית, ובכוחות משותפים נבחרו בפלך לומז׳ה צירים ל„דומה״, שהתחייבו להגן בה גם על זכויות היהודים.

חושבני, שזה היה הצעד הראשון של הופעת היהודים לבחירות כלליות — בצורה מאורגנת.

★

כפי שהזכרתי כבר, נחרבה אוסטרולנקה כולה במלחמת־העולם הראשונה ותושביה היהודיים התפזרו על פני כל רוסיה הגדולה.

ראשון ה„נחשונים״ לשיבת יהודי אוסטרולנקה לפולניה היה בנו של ר׳ הניך, העתונאי מנחם פלקסר, שהתחיל מיד את עבודתו העתונאית בעתון ה„אגודה״ בשם „יודישער טאָגבלאַט״. אחר כך עבר ל„דאָס יודישע פאָלק״ — עתון ציוני פולניה, שהתמזג אח״כ עם ה„היינט״. אחר־כך היה מעורכי „אידישער עקספרעס״ עד פרוץ מלחמת־העולם השניה. אחרי גלגולים רבים הגיע לשאנחיי ושם ערך שלושה עתונים בשלוש שפות. עם שינוי המשטר בשאנחיי, נמלט לארצות־הברית וכיום הוא נמנה עם סופרי ה„פורברטס״.

ר׳ הניך פלקסר ומשפחתו חזרו לאוסטרולנקה מאוחר יותר ומצאו שם את ביתם הרוס ולא יכלו להסתדר בעיר החרבה. הם השתקעו בוורשה, כשהם נתונים במצב כלכלי קשה מאוד. לאיש־האשכולות הזה לא נמצא מקום מתאים לרוחו, שבו יוכל לנצל את סגולותיו וידיעותיו המרובות והוא נאלץ למצוא את לחמו הצר, על ידי הספקת סיגריות ל„קיוסקים״ שבעיר. סיטונאי הטבק קבעו לו שכר מינימלי שבמינימלי והיה מתרוצץ מן הבוקר ועד שעה מאוחרת בלילה, וזאת — ללא רשיון להפצה! דבר זה גרם לו עלבונות לא מועטים, וצער רב לאשתו רבקה׳לי ז״ל, ועדינת־נפש זו קיבלה את כל יסוריה באהבה...

סבורני, שמן הראוי להזכיר כאן עובדה מעניינת, המבליטה את אישיותה והתנהגותה של אשת־חבר זו.

כשחזרה משפחת פלקסר מרוסיה הסובייטית לא היה בידם אלא תכשיטיה של מרת רבקה ז״ל, שהצליחה לשמור עליהם. בתמורה שקיבלו בעדם קנו דירה בוורשה, ברח׳ בוני־פרטרסקה 25 ממנהל הבית, שעמד להגר מפולניה.

מוכר הדירה ביקש רשות להישאר בה עד שיקבל את ה„ויזה״ לארצות־הברית. מרת רבקה ז״ל שהצטיינה תמיד בתמימותה וטוב לבה אמרה לו:

לא רק שאנו מסכימים לבקשתך, אלא שאני רוצה גם שתסב אתנו על שולחננו, כמובן, שלא על מנת לקבל פרס, כדי שתחסוך לך את הוצאות קיומך עד לנסיעה. כי ערירי היה האיש והיא דאגה שלא יבזבז את כספו בבתי־אוכל...

המוכר הודה לה מקרב לב, אלא ש„למען הסדר״ ציין בשטר־המכירה של הדירה, כי משפחת פלקסר מסכימה שיוסיף לגור בדירה עד לעזיבתו את פולניה, והכלכלה תינתן לו על־ידי משפחת פלקסר, ללא כל תשלום...

בסופו של דבר לא ניתנה להנ״ל „ויזה״ לארצות־הברית והוא נשאר סמוך על שולחנם, עד ליום מותו, אף־על־פי שמצבם הכלכלי היה בכל רע...

חושבני שלא אצא ידי חובתי אם לא אספר גם על פגישתו האחרונה של ר׳ הניך עם ה„רבי״ שלו — האדמו״ר רבי אברהם מרדכי אלטר זצ״ל (שנפטר בירושלים בשנת תש״ח, בזמן מלחמת־השחרור). סיפור זה מעיד על עוז־רוחו ואופיו החזק של ר׳ הניך.

כשחזר מרוסיה היה לבוש בגדים קצרים, פשוטים וגסים ומצנפת של פליט על ראשו.

בבגדים עלובים אלה נסע לגור על מנת לחזות את פני ה„רבי״... ה„משמשים בקודש״ שבחצר „הרבי״, אשר לא הכי־רוהו, ראו לפניהם בר־נש, שזקנו ובגדיו מקוצצים ומנעו ממנו את הכניסה לחדר „הרבי״... אולם, כאשר ביקש מהם להודיע לרבי ש„הניך אוסטרולנקר״ רוצה לראותו, הזמינו הרבי מיד לחדר־הקבלה שלו והושיט לו את ידו ל„שלום עליכם״. ואלה הם דבריו של ר׳ הניך אל ה„רבי״:

„כשנמצאתי ברוסיה, הייתי פעמים רבות בסכנת נפשות ממש. פעם אחת, כאשר הסתתרתי עם אשתי ובני, באחד המרת־פים ומן החוץ בקעו צעקות איומות של יהודים שנהרגו ושנש־חטו בימים הנוראים ההם, התפללתי בלחש ונדרתי נדר, כי אם יהיה ה׳ בעזרי ואשאר בחיים וגם אחזור בשלום לפולניה, תהיה ראשית דרכי לגור לחזות את פני האדמו״ר שליט״א.

בעזרת השם זכיתי לכך ולכן באתי לשלם את נדרי, אבל עלי גם לגלות, כי חדלתי להיות חסיד ולא אוסיף לבוא ולראות את פני הרבי״...

הרבי נתן בו את עיניו החדות ואמר:

לך לשלום והשי״ת יהיה בעזרתך בכל אשר תפנה!״

אף כי נאמר, ש„הצדיק גוזר והקב״ה מקיים״ לא נתקיימה בו, בר׳ הניך דנן, ברכת הצדיק ומנת חלקו גם עד להשמדה היתה מלאה יסורים וסבל.

נוסף לחבלי ההסתגלות לחיי צער ומצוקה פגע בו ובאשתו האסון אשר קרם, כאשר בתם־יחידתם (מלבד שני בניהם) פריידה הי״ד, שהצטיינה ביפיה ובכשרונותיה וידיעותיה הרבות, נתפסה לקומוניזם, נאסרה ונדונה להרבה שנות מאסר.

גורל טרגי רדף אחריה גם לאחר שחרורה ולאחר שעברה לצרפת. גם שם היתה אחת הדמויות הבולטות במפלגה הקומו־ניסטית ונאומיה באספות משכו תמיד קהל שומעים רב.

באחת האספות האלה, נתפסה ע״י קלגסי היטלר ונורתה במקום...

ר׳ הניך ורבקה פלקסר ובנם שמעון עם אשתו וילדם הקטן הושמדו יחד עם יהדות וורשה. הי״ד!

הרחבתי את הדיבור על רע כאח לי, כי נפשותינו היו קשורות במשך שנים רבות. מימי ילדותי ועד לעזיבתי את פולניה ועד להשמדת יהודיה.

הנני חדור הכרה כי ראוי וזכאי הוא האיש וביתו, שפעל ועשה כל כך הרבה למען אוסטרולנקה בימי זהרו, כי מקצת שבחו יסופר ב„ספר הזיכרון״ כשם שראויים הם כל אישי הציבור שבאוסטרולנקה, שהוזכרו בזכרונותי אלה לרגשי ההוקרה והחיבה, שעודם שמורים בלבי אליהם.

ואני תפילה לאלוקי־הסליחות, שלא ידין אותי לכף חובה, אם ח״ו המעטתי במשהו את דמותו וזכויותיו של מי שהוא מהשמות הקדושים שהעליתי, כי לא מרוע לב עשיתי זאת. אדם אינו אלא בשר ודם ועלול לטעות ולשכוח, כדברי נעים זמירות ישראל: „שגיאות מי יבין, מנסתרות נקני״.

שלום מרגלית


אונדזער היים

מיין פאָטער ר׳ אהרן־יעקב מרגליות ז״ל

דער שטייגער פון מיין פאָטערס אַריינגיין אין לעבן האָט זיך בערך אַנגעהויבן אַזוי:

צוערשט, ווי ביי אַלע אַנדערע בר־מצוה־בחורים: מיין זיידע ר׳ שלום מרגלית, האָט זיך באַוויזן מיט זיין זון, אהרן יאַנקל, דעם בעל־מצוה־בחור, אין אַ שבת אינדערפרי — אין טשעכאַנאָוויער בית המדרש. געשטעלט זיך דאַווענען, גע־לייענט אין ספר, נאָר ווי עס איז געקומען צום סוף קריאת התורה האָט דער שמש אויסגערופן: „יעמוד הבחור אהרן יאַנקל בן שלום מפטיר״... ער איז אַרויף אויפן באַלעמער, שטיין געבליבן ביי דער אָפענער ספר־תורה, נעבן אים זיין פאָטער און ווי עס איז געקומען ביים ריכטיקן פלאַץ, האָט זיין פאָטער פייערלעך אויסגעשריגן: „ברוך שפטרני מעונשו שלזה״... דאָס הייסט, אַז פון דער רגע אָן האָט ער „געעפנט״ פאַר זיין זון אַן אייגענע קאָנטע, אי פאַר מצוות, אי פאַר עבירות, חלילה...

מיט אַ 3 יאָר שפעטער, בערך, ברענגט אים מיין זיידע קיין אָסטראָלענקע צו אַ כלה און הייסט אים זאָגן דעם „הרי את״... כלי־זמרים שפילן, ס׳איז פריילעך, מ׳גייט אַ מצוה־טענצל מיט דער כלה, אַ בתולה צנועה, דער בדחן ברענגט דעם עולם מיט זיינע גראַמען צום לאַכן און צום וויינען באַזאַמען, מחותנים ווינטשן זיך, ס׳איז ששון ושמחה. ווען דער „ערשטער שטו־רעם״ גייט פאַרביי און געסט צעגייען זיך, פירט מען צו צו דעם קוים 16־יאָריקן יונגנמאַן זיין ווייב, נאָר וואָס פון הינטער דער חופה און דערנאָך זיי ביידע — צום צימער פון דעם שווערס דירה וואָס מ׳האָט גערופן: אַלקער. מען דערמאָנט די אייביקע „קעסט״. טאַטע־מאַמע הויבן זיך אָן צו געזע־גענען, מ׳בעט די מחותנים אַכטונג צו געבן אויף זייער קינד, ער זאָל זיצן און לערנען און זיין אַן אָפגעהיטענער ייד. גוטע פריינט הויבן אָן צו זען אין דעם איידעם אַ סך מעלות: אַ שיינער, אַ קלוגער, אַ לערנער, רימענדיק אים פאַר זיין שווער. דאַן גיט דער שווער בלויז צו, אַז ער האָט געכאַפּט אַ מציאה.



ר׳ אהרן יעקב מרגליות ז״ל

דער עולם האָט עס גלייך אויפגעכאַפּט און דאָס וואָרט „מציאה״ געשאָנקען מיין טאַטן אַלס צוגאָב־נאָמען אויף זיין גאַנץ לעבן...

מיין פאָטער פלעגט דערציילן, אַז זיין שווער האָט געהאַט אַ גרויסן וואַרשטאַט פון רימאַרסקע און טאַפּעצירסקע אויס־אַרבעטונגען. באַשעפטיקט זענען דאָרט געווען אייניקע אַר־בעטער מיט אַ וואַרשטאַט־פירער.

צו יענער צייט איז מיין פאָטער נאָך געזעסן אין בית־המדרש און בלויז געלערנט; אַ גאַנצן טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווי עס איז געווען דער מנהג פון „קעסט״איידעמס איידער זיי האָבן זיך גענומען צו „עפּעס״.

ס׳איז אַריבער אַ לענגערע צייט און דאָ האָט מיין פאָטער פלוצלונג זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין דעם היים אין די פרייע אָוונט־שעהן, זיך פאַרהאַלטן אין דעם וואַרשטאַט, ווען די אַרבעט איז נאָך געווען אין פולן גאַנג. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דעם גאַנג פון דער אַרבעט, געשטעלט פראַגן און אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס. ער פלעגט אפילו אָנהויבן אויסדריקן זיינע פריוואַטע מיינונגען, וואָס האָבן זיך שוין געגרענעצט מיט דעה־זאָגעריי...

דער וואַרשטאַט־פירער האָט אין אים אָנגעהויבן צו זען אַ מין קאָנקורענט, און זיין שווער ווידער איז אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזדיקער, הלמאי זיין איידעם איז זיך מבטל פון לערנען תורה. „ותלמוד תורה כנגד כולם״ — שטייט בפירוש. ביטול־תורה איז די גרעסטע עבירה... זיי פאַרבאָטן אים ביידע אַריינ־צוקומען אין דעם אַרבעטס־פּלאַץ. ווייזן אים אָן, ווו עס איז זיין ר׳כטיקער פּלאַץ: אין בית־המדרש.

ביז עס קומט צו קאָנפליקטן און שווערע האַמפּערנישן. נאָר אַזוי ווי ער קאָן דאָס נישט בייקומען, פאַרלאָזט ער די שטוּב און קערט זיך אום צוריק צו זיינע עלטערן אין טשע־כאַנאָוו...

ס׳קומען אָן בריוו. שליחים. דאָס ווייב איז זיך מצער. אַ חרפה פאַר לייטן. ער איז אָבער אַנטשלאָסן נישט צוריק־צוגיין. דער זיידע גייט מיט מיין פאָטער, צו דעם באַרימטן טשעכאַנאָווער רבין, ר׳ אברהמלע, צו וועמען דער טאַטע פלעגט קומען נאָך בחורווייז און וועלכער האָט געגעבן זיין הסכמה צו דעם שידוך. ווען דער רבי פרעגט אים אויס די סיבה, וואָס האָט אים געבראַכט צו פאַרלאָזן דאָס ווייב און צוריקקומען צום טאַטן, דערקלערט אים דער טאַטע, אַז אַ חוץ לערנען תורה, וויל ער אויך לערנען די אַרבעט און זיך איינ־געוווינען צום האַנדל. ער איז נישט מסכים, אַז זיין שווער זאָל אַרבעטן און אים געבן סתם־אַזוי עסן.

ווען דער רבי ווענדט זיך צום זיידן און פרעגט אים זיין מיינונג, ענטפערט ער: „הייליקער רבי, עס פעלט מיין זון דאָרט גאָר נישט. ס׳איז אַן עבירה, נאָך מיין מיינונג, אַז ער זאָל איבעררייסן דאָס לערנען״...

ווי מיין טאַטע דערציילט, האָט דעמאָלט געהערשט אַ טויט־שטילקייט אין דעם רבינס צימער. דעם רבינס פנים האָט זיך פאַרטיפט ווי ער וואָלט צוגעטראַכט אַ פּלאַן. מיין פאָטער, וויסנדיק אַז פון דעם רבינס מיינונג איז אָפּהענגיק זיין גורל, קעגן וועלכן ער וועט נישט זיין בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן, איז געווען פאַרצווייפלט. זייער פיל האָט מיין פאָטער איבער־געלעבט אין דעם דאָזיקן פאַר אים דעצידירנדיקן מאָמענט.

דאָ הערט ער ווי דער רבי מורמלט ווי ער וואָלט געהאַט אַ יישוב מיט זיך אַליין:

„ביטול־תורה — טאַקע אַן עבירה, אָבער יגיע־כפיים איז אויך אַ גרויסע זאַך, ווי אין פסוק שטייט: יגיע־כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך״...

דאָ הויבט דער רבי אויף זיין קול און פרעגט מיין פאָטער: ווער אַממערסטן שטערט אים אַריינצוגיין אין וואַרשטאַט? אויב דער מייסטער — אפשר ווייס ער נישט אַז ער איז דער איידעם פון זיין באַלעבאָס! דער טאַטע גיט אים צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל ער, דער מייסטער, איז דאָך געווען אויף זיין חתונה.

לויט אַ האַנט־צייכן דערנענטערט זיך מיין פאָטער צום רבין, וועלכער לייגט אַרויף אויף אים זיין האַנט, זאָגנדיק, אַז אפשר דאַרף ער אים געבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז אַן איידעם, און ער, דער מייסטער, איז נאָר בלויז אַ געדונגענער.

ביי די ווערטער ווערט דער טאַטע נאָך מער אומבאַ־האָלפן און דער רבי — ווי אַ וואָלקן וואָלט איינגעהילט זיין געזיכט...

דאָ קומען פלוצלונג אַרויס פון דעם רבינס מויל געציילטע ווערטער: „כל תורה שאין עמה מלאכה — סופה בטלה״; דער וואָס האָט געגעבן דעם רעיון צו פאַראייניקן תורה צוזאַמען מיט יגיע־כפיים — דער וועט זאָגן וואָס ווייטער צו טאָן״...

דער רבי נעמט אַרויס דערביי 20 קאָפּיקעס פון זיין טאַש און גיט מיין טאַטן צושטייער אויף קויפן כלים צו דער אַרבעט... ווינטשט אים הצלחה און הייסט אים צוריקפאָרן צום ווייב.

צוריקקומענדיק אַהיים, הויבט ער זיך אָן מער פאַראינ־טערעסירן מיט דער אַרבעט. זייענדיק אָנגעלאָדן מיט דער זיכערקייט פון דעם רבינס הסכמה, אָרגאַניזירט ער אייניקע בית־מדרש־בחורים צו הילף על כל צרה שלא תבוא. דער מייסטער, זעענדיק מיין טאַטנס שטייגנדיקן אינטערעס צו דער

אַרבעט, קאָן נישט שלום מאַכן דערמיט און וויל אים אַלץ פאַרטרייבן. זיינע חברים קומען אים צו הילף, עס ווערט אַן עפנטלעכער סקאַנדאַל, שכנים פון דער גאַס מישן זיך אַריין: „דאָך אַן איידעם!” ביז דער שווער מיטן מייסטער צוזאַמען מאַכן שלום מיט דעם געדאַנק און מיין פאָטער ווערט אָנערקענט אַלס מיטבאַטייליקטער אין געשעפט. ביסלעכווייז נעמט ער איבער די געשעפטספירערישע זייט פון דעם וואַרשטאַט, צו וועלכער ער פּאַסט זיך מער ווי צו דער ממשותדיקער אַרבעט.

אין יענע יאָרן, ווען דאָס האַנטווערקעריי איז געלעגן אין הענט פון מענטשן נישט קיין קוואַליפיצירטע, האָט מיין פאָטער מיט זיין ענערגיע, שאַרפן קאָפּ און איבערצייגונגס־קראַפט, אַנטוויקלט אין אַ גאַנץ קורצער צייט דאָס געשעפט און אים געבראַכט צו אַ הויכער שטופע. הויבט־אָן צושטעלן סחורה פאַר מיליטער, פאַרבינדט זיך מיט פּריצישע הויפן און ספערן פון שליאַכטשעס, און ער אַליין גופא, הויבט זיך אָן קליידן שענער און צוגעפּאַסטער, נאָר, פאַרשטייט זיך, יידישלעך... פאָרט אויף „באַשטעלונגען” אָדער אויף „רעגולירן די חשבו־נות” מיט אייגענע פערד און „בריטשקע”, וואָס מאַכט אַ רושם. זיין בליק איז טיף און קלוג. דאָס געזיכט איינגעפּאַסט אין אַ קורץ־געשוירענע און געפלעגטע באָרד. זיין פיגור — נישט הויך, נאָר גלייך און געשיקט. רעדט שטענדיק מיט גלייכווערטלעך, דיבורים וואָס זענען דורכגעפלאָכטן מיט פּסוקים און מאמרים פון חז״ל. ער האָט שטענדיק געהאַט ווער עס זאָל אים אויסהערן און הנאה האָבן פון זיין אופן דער־ציילן, וואָס איז געווען באַווירצט מיט אַ סך הומאָר און וויץ.

זיין פאַרמעגן פאַרגרעסערט זיך מיט דער צייט, אַזוי אַז ער גיט גמילות־חסדים אויף משכונות פאַר „געדריקטע” מענטשן. ווען דער משכון איז באַשטאַנען, למשל, פון אַ לייכטער, אַ חנוכה־לאָמפּ אָדער אַן אַנדער „געברויך־זאַך” פלעגט עס דער בעל־חוב אָפּקריגן אויף צו באַנוצן זיך דערמיט אין דער געהעריקער צייט און דערנאָך עס צוריקברענגען.

יאָר נאָך יאָר שטייגט ער אויף, וואָס אַמאָל מער, ביז ער ווערט איינער פון די ערשטע וואָרט־זאָגער אין שטאָטישן לעבן. ווערט פּרנס (דאָזאָר) אין דער יידישער גמינע און דינט אַ געוויסע צייט אַלס איר פאָרזיצער. פירט די יידישע שטאָט־ענינים לויט זיין אייגענעם גאַנג און לאָזט זיך ניט איינשפּאַנען אין קיין שום פּאָליטישן וואָגן, באַזונדערס — פון די פרומערע קרייזן. זיין תקיפותדיקע נאַטור דערלויבט אים נישט אויס־צופירן באַשלוסן וואָס קאָנען ברענגען אייגן־נוצן פאַר די, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אָדער יענער גרופּע. ער בלייבט אומפאַרטייאיש, זיין אויג, האַרץ און אויער איז וואַך פאַר אַלעמען. העלפט יעדן, אָן צו קאָנטראָלירן זיין געדאַנקען־גאַנג אָדער פאַרטיי־פּאַספּאָרט.

דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צו ווערן אָנערקענט דורך אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַלס מענטש פון מעשים האָט ער פאַרשטאַנען זיך צו־צופּאַסן צו יעדן רעזשים און מלכות. אַ סך וויכטיקע מעשים וואָס ער האָט אויפגעטאָן, זענען געווען פאַררעכנט אויף זיין אייגענעם חשבון. ווען די קאָזאַקן בעת דער רוסישער הער־שאַפט, האָבן געהאַט געשטאָכן אַ יידן אין מניאָסקאָווע, האָט דער שטאָט־רב הרב ר׳ יצחק בורשטיין ז״ל אויסגערופן איינ־מיטן דאַווענען (ס׳איז געווען ראש־השנה), אַז דער קהל זאָל צואיילן מיט קריאת־התורה, ווייל ר׳ אהרן יאַנקל, מיין פאָטער, דאַרף פאָרן צום גובערנאַטאָר, זען אויסמיידן אַ פּאָגראָם, וואָס האָט געדאַרפט אויסברעכן יעדע שעה...

איך גופא, זייענדיק שוין עלטער, פלעג זיך נישט איינמאָל צוהערן ווי אַזוי מיין פאָטער פלעגט פאַרפירן געשפּרעכן מיט די דייטשישע מאַכט־האָבער, און אין אַ צייט שפּעטער — מיט די פּאָליאַקן. זיין פאַרהאַלטן זיך צו זיי איז געווען ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. די אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיי האָבן אים געשענקט, איז געווען אַ דאַנק זיין כח פון איבערצייגן און זיינע רייד, וועלכע זענען תמיד געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ זאַפטיקן הומאָר.

ער האָט נישט איינמאָל געראַטעוועט יידן פון אַרעסטן און אַנדערע שטראָפן. געווען טאַקע אַ שתדלן, ווייל קיין אַנדער וועג האָבן דעמאָלט יידן נישט געהאַט, אָבער עס פלעגט אַרויסקומען שטאָלץ, פיין און נישט חניפה־קריכעריש...

עס דערמאָנט זיך מיר ווי איינמאָל האָט אַ פּוילישער אָפיצער (אַ משומד) פון 5־טן פּאָלק אולאַנער (איינגעשטאַנען אין וואָיטשעכאָוויצע), ביי אַ געשעפטלעכער טראַנזאַקציע אָנגעהויבן רעדן צום טאַטן מיט ביטול, ווי צו עפּעס אַ „יידל”. דער טאַטע האָט אים נישט געשוינט. דער אָפיצער, פילנדיק זיך פון אים געטראָפן, ווייזט אים אָן אויף זיין ראַנג, אויף זיינע פּאַגאָנעס, און גיט צו, אַז ער איז אַ מיוחס, אַן עלצטער. דער טאַטע מיניה וביה ווייזט אים אָן אויף זיין ווייס־גרויער באָרד און זאָגט אים, אַז ער איז נאָך עלטער...

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה בלייבט מיין פאָטער וווינען מיט זיין פאַמיליע אין לאָמזשע. דאַן קומט צו אים אַ פאָרשטייערשאַפט פון אָסטראָלענקע מיט ר׳ משה אהרן קאַטשאָר אַלס בורמישטש (שטאָט־פּרעזידענט) בראש, זיי ווילן דורכאויס, ער זאָל צוריקקומען און העלפן אויפבויען די שטאָט. נאָר אַזוי ווי זיין הויז איז פאַרברענט געוואָרן, וועלן זיי אים באַזאָרגן מיט אַן אַנדער וווינונג. ער קומט צוריק. שוין נישט זייענדיק אפילו גאַנץ יונג, אָבער נאָך פול מיט ענערגיע און לעבנס־חכמה, טרעט ער צו צו דער אַרבעט. העלפט בויען דעם בית־המדרש, די מקווה, די תלמוד־תורה, די גמינע, נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל ביים באַשטעטיקן דיינים, שוחטים א. ד. גל. די דעמאָלט־אָנגעפאָרענע היימלאָזע, אַממערסטן פון פּינסק, ווערן באַזאָרגט מיט וווינונגען און אַרבעט. די פאַראָרימטע אין שטאָט, וועלכע זענען געבליבן אָן פּרנסה און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ ווערן אַרויסגעהאָלפן.

אגב וויל איך דאָ דערמאָנען די „באַקאַנטע געשיכטע”, וואָס גייט אַרום פון מויל צו מויל צווישן די אָסטראָלענקער עד היום, ווי אַזוי דער הרב בורשטיין ז״ל איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין אונדזער שטאָט. דער דאָזיקער „באַרימטער” שטאָט־עפּיזאָד האָט אויך געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט מיין פאָטערס כלל־טוערישקייט.

דערציילט מען, אַז נאָכן פאַרלאָזן דאָס כיסא־הרבנות פון הרב ר׳ משה נחום יערוזאַלימסקי ז״ל, איז אָסטראָלענקע גע־

בליבן אָן אַ רב. דאָ האָבן זיך געשאַפן 2 פּאַרהאַרטעוועטע צדדים פאַר איינשאַפן אַ נייעם רב פאַר דער שטאָט. איין צד, וועלכער איז באַשטאַנען פון גערער, אַמשינאָווער און נאָך אַנדערע מיני חסידים, האָט דווקא געוואָלט דעם און דעם רב (דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען דער סערייער רב, זיין נאָמען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט), דער 2־טער צד, וואָס איז באַשטאַנען פון געוויסע שטאָט־בעלי־בתים ווי: וועלוול בענעדאָן, אהרן יאַנקל מרגליות, מענדל ברין, לייבקע לייזאַר, ישראלקע כמיעל א. אַנ., האָט זיך דווקא פאַרזעצט אויף דעם הרב בורשטיין פון פּיאָנטניצע (אַ פאַרשטעטל פון לאָמזשע), אַז נאָר ער מוז איבערנעמען אָסטראָלענקער רבנות. עס ברעכט אויס אין שטאָט אַ מחלוקת לחיים ולמות. ביידע צדדים באַנוצן זיך מיט אַלע מיטלען, אפילו מיט פיזישן כוח. מען שפּאַנט איין אין דער דאָזיקער מלחמת־מצוה אי די אייגענע קינדער (זין וואָס זענען שוין ראוי צו גיין אין דער „מלחמה"), אי געדונגענע.

מיין פאָטער, ווי אויבן דערמאָנט, איז געניגט כולו ורובו צו דער מיינונג פון די בעלי בתים. בכן, איז די אַלע אַרבעטער וואָס אַרבעטן אין טאַטנס וואַרשטאַט און אין אַנדערע פּלעצער, מיט די זין פון וועלוול בענעדאָן אין דער שפּיץ, און ביי זייער זייט: ישראלקע פרום און אַזאַ גברן ווי עס איז געווען לייבקע לייזאַר — די אַלע שטייען „אייזן־שטאַרק" פאַר דער בעל־הבתישער זייט. די ווידער וועלכע קעמפן אויפן חסידישן פראָנט" און גייען כמעט ווי אויף קידוש־השם, ווענדן אָן אַלע מיטלען, סיי כשרע סיי נישט־כשרע, כדי צו דערגרייכן זייער ציל.

און אָט קומט אָן דער באַשטימטער טאָג, ווען דער פּיאָנטניצער רב הרב בורשטיין, האָט געדאַרפט ווערן אויפגענומען אין דער שטאָט. אַלץ איז געווען פאַרגעברייט און מוכן ומזומן דערצו. אָבער נאָך אין דער זעלבער נאַכט, האָט דער שמש אויפגעוועקט מיין טאַטן און דערציילט וואָס עס איז אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרן אין בית־מדרש פון דעם קעגנערישן פרומען צד...

דער וועג צום אַריינגאַנג פון בית־המדרש איז געווען פול מיט שטרויכלונגען און אויך אין בית־המדרש גופא איז דאָס אָרט אויפן „מזרח", וווּ דער נייער אָנקומענדיקער רב האָט געדאַרפט שטיין, ממש נישט געווען צו דערקענען פון די באַיןרואה־אָפּגעטויענע שפּיצלעך און „שמד־שטיקלעך"... אַ גאַנצע נאַכט כמעט האָט די „אָפּטיילונג" פון בעל־הבתישן צד אַריינגעאַרבעט אין אויפשטעלן צוריק דעם „סדר"...

מען האָט אָבער אַלץ צוריקגעבראַכט אין בעסטער אָרדענונג, און דער רב איז אויפצומאַרגנס אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און פייערלעכקייט.

דער צד פון מיין פאָטער האָט געיובלט, אָפּהאַלטנדיק דעם ניצחון.

יאָרנלאַנג איז הרב בורשטיין געזעסן אויפן אָסטראָלענקער כסא־הרבנות, און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד, האָט אים געאַכט און אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

בוררות, אויסגלייכונגען, צווישן יידן און קריסטן, און טיילמאָל פשרות צווישן קריסטן מיט קריסטן גופא, זענען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אין אונדזער הויז.

דאָס כלל־טוערייַ האָט געקאָסט אַ סך מי און שלאָפלאָזע נעכט. פיל מאָל אפילו אויסגאַבן אויפן חשבון פון דער אייגענער קעשענע... ווייל נישט שטענדיק האָט די גמינע געהאַט אויף אַלץ צו צאָלן.

נישט שטענדיק איז דער וועג פון אַרויסהעלפן עמיצן אַ וויטבאַדאַרפטיקן געווען אַזוי גלאַטיק. יידן בעטן הילף. ווער עס האָט זיך מיט זיינע לעצטע אָנשטרענגונגען אויפגעבויט אַ שטיבל, נאָר נישט האָבנדיק די געהעריקע דערלויבעניש, וויל מען דאָס אַראָפּוואַרפן. דאָ וויינט אַן אָרימע אלמנה, האָט אַ בן־יחיד, איר איינציקער שפייזער, וועלכער דאַרף גיין דינען אין מיליטער. דאָ טרעפט גאָר: איינעמס אַ זון גייט אַרויס ביי דער נאַכט, און פּאָליציי כאַפּט אים באשר אויף די טעלעגראַף־דראָטן איז געווען אויפגעהאַנגען אַ רויטע פאָן, און העלפן קאָן מען נאָר איידער דער ראַפּאָרט קומט אַריין צום קאָמענדאַנטס הענט א. אַז. וו. א. אַז. וו.

אַ פּאָר צענדליק יאָר האָט מיין פאָטער געדינט די שטאָט אָסטראָלענקע מיט מסירות־נפש, געהאָלפן לייכטער מאַכן די יידישע צרות, קליינע ווי גרויסע; יעדן ווייַ און קרעכץ מיטגעפילט און מיטגעלעבט.

געבוירן אין יאָר 1885 אין טשעכאַנאָוו. געשטאָרבן אין יאָר 1939 אין לאָמזשע שוין אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס.

יהי זכרו ברוך.

מיין מוטער פייגע ז"ל



זי פלעגט תמיד דערציילן ווי אַזוי אירע עלטערן האָבן חתונה געהאַט. ס'איז געווען אַזוי: איר מוטערס פאָטער, אַן אַרענדאַר פון ברייטן פאַרנעם, געהאַלטן אַ פאַכט אין ברעזשניצע (אַ דאָרף נעבן זעמבראָווע), פלעגט שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט ישיבות און אומפאַרמעגלעכע לייט. האָבנדיק אַ טאָכטער אַ „בוגרת" (קוים 15 יאָר אַלט), באַשליסט ער איר חתונה צו מאַכן. ער ווענדט זיך אין שטאָט צו דעם ראש־הישיבה און בעט אים, אַז ער זאָל פאַר אים אויסקלייבן אַן איידעם פון די „בעסטע ישיבה־קעפּ". און ווירקלעך האָט ער

אים געגעבן — לויט זיינע מעשים טובים — איינעם פון די שאַרפסטע מוחות; דאָס איז געווען הרב ר׳ יצחק משה ז״ל, דער זון פון דעם גרויסן למדן הרב ר׳ דוד מאיר קרולעוויעצקי, דער מחבר פון „דברי נגידים״ און נאָך אַנדערע ספרים.

וועגן דער טאָכטער, ד. ה. וועגן דעם כלה־מיידל גופא האָט קיינער נישט גערעדט און עס האָט קיינער נישט געטראַכט, וואָס פאַר אַן אויסזען זי דאַרף האָבן.

מ׳האָט „געמאַכט אַ וואָרט״ און באַשטימט אַ חתונה.

נאָר קורץ פאַר דער חתונה — עס איז געווען די וואָך פון אַ שבת־בראשית — האָט דער כלה׳ס פאָטער איינגעלאַדן צו זיך דעם חתן ווי אויך דעם ראש־הישיבה. דאָס הויז אין וועלכן דער מחותן האָט געוווינט איז געווען געבויט לויטן דאָרפישן נוסח: אַ גרויסער פירקאַנטיקער צימער, וואָס אין זיין מיט איז געשטאַנען אַ הילצערן שעפל אויף אויסצוגיסן די פאָמיעס, און הינער פלעגן אַרומשפּאַצירן און אויספּיקן די קרישקעס פון עסנוואַרג, וואָס זענען געווען פונאַנדערגעזייט לרוב אויף דער פּאָדלאָגע.

ויהי היום, אַ נאָכמיטאָג־צייט, הערט מען אַ געפּאָר אין הויף און עמעצער שרייט אויס: „דער חתן גייט!״ דאָס כלה־מיידל האָט זיך דערשראָקן, לויפנדיק האָט זי זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס און אַריינגעפאַלן אין דער הילצערנעם שעפל און געבליבן שטיין אינגאַנצן אָן אָפּגענעצטע... זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט. אין דעם אויגנבליק איז אַריינגעקומען דער חתן און דאָ דערזען צום ערשטן מאָל זיין כלה. ער האָט נאָר בלויז אַ זאָג געטאָן: „אַ דאָרפישע״, אָבער צום שידוך האָט עס גאָר נישט געשטערט...

נאָך דער חתונה זעצט ער פאָר בהתמדה דאָס לערנען, שרייבט און גיט אַרויס חיבורים אויף דברי־תורה, עס אַנטדעקט זיך אין אים אַ גרויסער טאַלאַנט. זיין גאונישער מוח שאַרפט זיך, ברויזט ווי אַ לעבעדיקער קוואַל און זיינע ספרים ווערן אָנערקענט פון די גדולי התורה והדת.

מיט דער צייט ווערן ביי אים געבוירן 3 טעכטער. ער אַליין, כאָטש נאָך פול מיט יידישן צאַפּל און לומדישער ענערגיע, ווערט נפטר צו 36 יאָר, אין זיין סאַמע בעסטן בלי און אויפגאַנג. זיינע נישט־פאַרענדיקטע חיבורים דערגאַנצט זיין פאָטער ר׳ דוד מאיר. זכרונם לברכה.

איינע פון די 3 אויבנדערמאָנטע טעכטער־יתומות מיטן נאָמען פייגע, אַ בילד־שיינהייט, ווערט „אַוועקגעגעבן״ אין הויז פון איר פאָטערס אַ שוועסטער אין לאָמזשע, דאָס הויז פון שרה באַשע און אליעזר דימענטשטיין (איר מאַן), וווּ תורה און חכמה זענען געווען במקום אחד. דאָרט באַקומט זי איר דערציאונג.

מיין פאָטער, דאַן אַן אלמן מיט 3 קינדער, זוכט פאַר זיי אַ מאַמע און אויך פאַר זיך אַ פרוי. עס ווערט פאַרגעשטעלט פאַר אים פייגע קרולעוויעצקי. ער, זייענדיק פאַרמעגלעך און פאָרנעם, שוין באַקאַנט אַלס פרנס אין שטאָט, און זי — אַ שיינהייט, קוים 18 יאָר אַלט און פון גרויסן יחוס, האָט איינגעשטימט אויף אים, כאָטש אַן אלמן און עלטער פון איר. איניקע גורמים האָבן דאָ, ווייזט אויס, צום שידוך צוגעהאָלפן:

די באַמיאונגען פון פאָטער זי צו באַקומען; איר מצב אַלס יתומה, און בעיקר: די השפעה און ווירקונג פון מיין פאָטערס פערזענלעכקייט.

מיין פאָטער ברענגט איר קיין אָסטראָלענקע אין זיין שיינעם גרויסן הויז. זי ווערט אַ מאַמע צו די 3 יונגע יתומים און גיט וואָס עס פעלט זיי: דאָס מוטערלעכע. איר עכט־איידעלע נשמה און איר גוט האַרץ עפנט זי פאַר זיי, ווי איר יתומהשקייט מיט זייער פאַריתומקייט וואָלטן זיך צונויפגעגאָסן אין איינס; עלנטקייט מיט עלנטקייט האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן און זיך צוגעטוליעט. זי ווערט פאַר זיי אַן עכטע מוטער און נישט קיין שטיף־מאַמע. אַזוי אַז מיר, די נאָכדעם־„אונטערגעקומענע״ 5 קינדער (איבערגעבליבן פון 7) פילן נישט דעם אונטערשייד. ווי מיר וואָלטן אַלע געווען קינדער פון איין מאַמען. און דאָס אַלץ אַ דאַנק איר גוטהאַרציקייט און אומבאַשרייבלעכער איידעלער באַציאונג צו אונדז ווי אויך צו די אַרומיקע.

מיין מאַמען געדענק איך גוט. שטענדיק פאַראַרבעט, פאַרנומען און איבערגעגעבן צו דער שטוב. די 3 זין פון מיין פאָטערס ערשטער פרוי: יוסף, איטשע און משה, זענען שוין געווען פאַרהייראַט. מיר זענען אָבער אויך אָן זיי געווען אַ „גרויסער עולם״ אין שטוב. עס האָט זיך שטענדיק גערוישט. דער צער־גידול־בנים האָט זיך אָנגעהויבן מיט מיין ברודער מאירס אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל. כאָטש דער טומל און שטענדיקער רויש פון אונדזער שטוב האָט איר אַוועקגענומען אויף אַ געוויסער מאָס פון אירע מאַמישע איבערטראַכטענישן, דאָך פלעגט זי נישט איינמאָל ווייטיקדיק אַרויסזאָגן: „צי עסט מיין קינד צו דער זעט?״ „גרייט אים ווער צו אַ ריינע העמד?״ „העלפט אים ווער ווען ער ווערט קראַנק?״ — די אומרויען אין א״י האָבן איר דעמאָלט געבראַכט אַ סך שלאָפלאָזע נעכט און פיל טרערן פאַרגאָסענע אין דער שטיל.

דער סך־הכול איז געווען, אַז נאָר איין קינד בלויז האָט זי זוכה געווען צופירן אונטער דער חופה. דאָס איז געווען איר עלטסטע טאָכטער חיה. די אַלע איבעריקע האָט זי אָנשטאָט צו דער חופה געפירט צו דער קאַצינער באַן־סטאַציע... זיי באַגלייט אויפן וועג קיין א״י. אָנשטאָט דאָס ליד: „חתן־כלה מזל־טוב״, האָט גאָר געקלונגען אין דער לופט: „פאָרט אַ ייד קיין א״י מיט פאַרוויינטע אויגן״...

ליבע טייערע מאַמע! צעבראָכן איז געווען דיין געמיט, ווען דו ביסט געשטאַנען דעמאָלט ביי יעדן איינעם פון אונדזער אָפּפאָר — אָנשטאָט אונטער דער חופה — אונטער דעם פרייען הימל און גאָר ביי רוישיקע „האָרא״־געזאַנגען און מיטרייסנדיקע חלוצישע טענץ, וועלכע זענען נישט געווען (אין דער דאָזיקער שעה) לויט דיין רצון און געשמאַק. ביסט געבליבן פאַרשטיינערט און גאָרנישט גערעדט און גאָר נישט געזאָגט. נאָר ווען מיר האָבן זיך געשיידט, דעמאָלט האָבן דיינע אויגן שטום גערעדט און מיט טרער נאָך טרער געפרעגט... אויסגעדריקט האָבן זיי דעם גרויסן צער און טיפן ווייטיק, פון אַן איבערגעשטעלטער מאַמען, וואָס איז אָנגעפילט מיט ליבשאַפט צו אירע אין־מרחקים־אָפּפאָרנדיקע קינדער...

אַ פייף פון דעם צוג — האָט די לופט דורכגעשניטן און

אונדז פון דיר ווי אַוועקגענומען. אויך אין דיין מוטערלעכן האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעשניטן און ווי אָפּגעריסן...

נאָך יעדן איינעם פון אונדזער אָפּפאָר, פלעגסטו זיך אומקערנדיק אַהיים איבערציילן וויפל איז דיר נאָך געבליבן... 5 מאָל אַזוי האָסטו דאָס איבערגעלעבט.

און דאָס פיינלעכסטע פון דעם אַלעם, וואָס דו האָסט נישט דערלעבט און מיר האָבן נישט באַוויזן מיט דיר גומל־חסד צו זיין פאַר דיין גוט האַרץ צו אונדז און מסירת־נפשדיקער דערציאונג און באַציאונג.

עס איז דאָסמאָל נישט אונדזער שולד געווען אינגאַנצן, מאַמע! די הויפּט־שולד איז געווען פון גורל, דער גורל פון דעם זעקס־מיליאָניקן יידישן אומקום, וואָס האָט געבראַכט צעטראָגן מיט אַזאַ טייוולאָנישער גרינדלעכקייט און אומגעריכטקייט דעם טרויריקן חורבן־אַנזאָגנדיקן פּרייטיק...

אויך דיר, ליבע מוטער, איז דער זעלבער גורל צוגעטיילט געוואָרן.

זכרונך לברכה והשם ינקום את דמך!

חסיה דרורי

ב־1937

בשנת 1937 נשלחתי מהארץ לארצות־הברית מטעם ההסתדרות ומועצת־הפועלות להסברה ולמגבית. בדרכי מהקונגרס הציוני בלוצרן נתבקשתי לשהות במשך חודשיים בקיבוצי הכשרה בפולניה.

שמחתי להזדמנות זו לבקר את קרובי משפחתי באוסטרולנקה ובזמברוב — אחיות של אישי וחברי אביעזר (באוסטרולנקה גרה אחותו לאה ובת נשואה עם ילדים).

בהגיעי מוורשה לתחנת־הרכבת באוסטרולנקה המרוחקת מהעיר, הציע לי אדם בגיל עמידה לשכור יחד עגלת נוסעים. הסכמתי מיד. כאשר עברנו בין שדרות עצי לבנה נאים ותמירים העירותי, שאצלנו בארץ־ישראל האקליפטוסים עולים עליהם בצמיחתם ובצמרתם. השותף לנסיעה דרש מהעגלון לעצור מיד את הסוס, קפץ כנשוך נחש, ברח בריחה מבוהלת עם מזוודתו בקללו קללות נמרצות את היהודים הארורים. העגלון־הגוי נבוך ומיהר להביאני לגיסתי במרכז העיר ברמזו שאותו אדם חשב אותי לתיירת נוצריה. הוא פקיד ממשלתי, ולא יתכן שפקיד ממשלתי פולני יסע בפרהסיה עם יהודיה באווירה האנטישמית שגאתה מיום ליום.

לאחר שמחת הפגישה הראשונה — ראיתי את החרדה בבית המשפחה, אותה חרדה שחזרה יום יום בשעה 1 בצהריים כאשר הנכד בן השש עמד לחזור מבית־הספר נעלב, מוכה, ולפעמים שרוט ופצוע על־ידי ילדים פולנים מוסתים. ואמנם איחר הנכד לחזור באותו יום בשעה שלמה, כיון שחיפש דרך חדשה להתחמק מחמתם של ילדי הגויים ומהתעללותם בו.

בעקבות האנטישמיות הגוברת התפשט החרם הכלכלי, מלווה טרור רצחני, על כל חיי המסחר בעיר. יום יום יצאתי לכיכר המרובעת, לעקוב אחרי חיי היהודים וסבלותיהם במרכז העיר, שבו נמצאו רוב החנויות של היהודים ומעליהן — הדירות. על הכביש המרוצף סחרו אנשים קשישים מעל עגלות יד קטנות. בשעה 9 בבוקר הופיעו צעירים פולנים לבושים מַדים של תנועה פאשיסטית למחצה, מזוינים במקלות מיוחדים. תוך רגעים ספורים הפכו 5 עגלות על סחורתן, פיזרו את הקופסאות לכל עבר ותוך איומים ושאגת רצח הכריחו את היהודיות הזקנות להסתלק מן המקום. יהודי לבוש בגדים ארוכים מרופטים קצת ותיק של עור תחת זרועו התקרב בזהירות לעזור לאסוף את הסחורה. כאשר התכופף מתחת לעגלת היד ההפוכה, השיגה אותו היד הטמאה של גוי צעיר וסחבו לאורך המדרכה. הוא מסר אותו לחברו למכות נוספות במקלו המיוחד לכך. דלתות חנויות היהודים היו סגורות „מעינא בישא״ של בריונים פולניים, וילון כהה כיסה את החלונות למען לא ייראה קונה נוצרי המעֵז להיכנס לשם קניה. פעל אז ריגול מסועף של כנופיות־נוער ונוצרי שקנה בחנות יהודית לא יצא נקי. בשברון לב יצאתי גם למחרת לראות במו עיני את שבר עמי. בעמדי בפינה מהצד שמעתי לפתע שריקה ממושכת. היה זה אות מבשר, כי נוצריה הפירה את החרם והיא נמצאת בחנות יהודית. בן רגע הקיפה קבוצה בת 6 בריונים צעירים חנות מנופקטורה שמתוכה פרצה איכרה קשישה, אשר הסתירה בד מתחת לבגדה, ורצה בכל כוחותיה כדי להתחמק מרודפיה. אך הנה עמדה רגע קט, נושמת בכבדות מול הנוער הפרוע וצעקה לעומתם: אכזרים! מנוולים! אין אלוהים בלבכם! האם היהודים אינם בני־אדם? תשובתם היתה: צחוק זדון, קללות נמרצות והרמת מקלות. אך אצלה כבר עמד איכר חסון — בעלה, וכך ניצלה מידם.

אכן, היו כנראה בין העם הפולני גם אנשים, שנפשם סלדה מגילויי המשטמה ליהודים, אך מה מעטים היו. 5 ימים שהיתי באוסטרולנקה, כי היה עלי לבקר בזמברוב בטרם אצא לוילנה, לודז', בריסק וורשה. באותו שבוע הודיעה העתונות באותיות „קידוש־לבנה״ על כינוס אֶנדקי ארצי. פחד מות אחז את העיירות בסביבה מחמת הפוגרום הצפוי בעקבות הכינוס האֶנדקי. ערב יום־הכיפורים היה. בתי־הכנסת היו מלאים מפה לפה, בעזרת הנשים עמדה יללה קורעת לבבות. אני עצמי גדלתי בהומל, עיר ברוסיה הלבנה, מרכז יהודי גדול בעבר, לא ביקרתי בבית־הכנסת, חוץ מב„שמחת תורה״, בזמן ההקפות — בימי ילדותי, אך כאן באוסטרולנקה, בעזרת הנשים של בית־הכנסת, בכיתי בכי תמרורים יחד עם המון בית ישראל על מר גורלם־גורלנו.

השמועה על בואי מארץ־ישראל דרך הקונגרס הציוני

זכרונות פון שטאטישע

פונקט ווי אַלע אַנדערע שטעט אין פוילן, אַזוי האָט אויך אונדזער שטאָט אָסטראָלענקע זיך אויסגעצייכנט מיט אַזעלכע אינטערעסאַנטע טיפּן, וועלכע זענען ראוי, אַז זייערע נעמען זאָלן פאַראייביקט ווערן. כ׳בין דאָ אויסן צו שילדערן אַן אינטערעסאַנטע און חשובע פּאַר־פאָלק — און אפשר פון די חשובסטע אין אונדזער שטאָט — חיים עלקעס און זיין פרוי פינה ז״ל (אים האָט מען גערופן חיים דער סקורניק).

און כאָטש אַלע אָסטראָלענקער האָבן זיי געוויס גוט געקענט, זענען זיי דאָך נישט געווען מיט זיי אַזוי נאָענט פאַרבונדן ווי מיינע עלטערן ע״ה און מיר קינדער פון די פריעסטע יאָרן אָן. דעריבער האַלט איך עס פאַר מיין חוב צו שילדערן די צוויי זעלטענע איידעלע מענטשן.

חיים עלקעס איז געווען פון מיטעלן וווקס און אַ ביסל אַ דיקלעכער; ווען ער פלעגט גיין אין גאַס איז זיין קערפּער געווען שטענדיק איבערגעבויגן צו דער ריכטונג פון זיינע פוסטריט. געהאַט אַ שיינע געלע באָרד (לעצטנס שוין אַ ביסל גרויליך). און געווען פון דער נאַטור אַ גרויסער פּעדאַנט. לויט זיין לבוש, שבת, יום־טוב צי אינדערוואָכן, האָט מען שטענדיק געקאָנט דערקענען זיין ריינקייט און פּינקטלעכקייט. ווינטער האָבן די שטיוול ביי אים געגלאַנצט, און אַזוי אויך די שטיוועלעטן אין זומער. ער איז געווען אַ „שאַרפער" גערער חסיד אָבער אָן פּאָליטיק, ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט אַריינמישן אין די פּאָליטישע רייבונגען, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט פאָרקומען אין גערער „שטיבל". ער פלעגט זיך גיין זיין וועג, דעם וועג פון אַ ייד אַ בן־תורה. יעדן פאַרטאָג האָט ער געלערנט אַ שיעור־גמרא און צווישן די, וואָס האָבן מיט אים מיטגעלערנט איז אויך געווען איטשע שפּערלינג (הערשל שפּערלינגס זון). אַזוי האָט ער זיך געפירט טאָג־איין, טאָג־אויס.

חיים עלקעס מיט זיין פרוי פינהן זענען געווען שוועסטער־קינדער פון מיינע עלטערן ע״ה און האָבן געוווינט אין אונדזערע דירות. חיים האָט געהאַט אַ געשעפט פון האַרטע און ווייכע לעדער. זיינע סחורות פלעגט ער פאַרקויפן יידישע און קריסטלעכע קאַמאַשנמאַכער און שוסטערס, אויך פויערים, וועלכע פלעגן קומען אין שטאָט אין די מערק־טעג און יאַרידן פלעגן ביי אים קויפן זיינע סחורות. מיר קינדער פלעגן אַרומשטיפן ביי זיי יעדן טאָג נאָכן צוריקקומען פון חדר. חיים מיט פינה׳ן האָבן אונדז זייער ליב געהאַט (זיי זענען געווען קינדערלאָז). איך געדענק נאָך, ווי כ׳פלעג זיך פורים פאַרשטעלן און אַריינגיין צו זיי אין הויז אָפּזינגען עטלעכע פורים־לידלעך און דערפאַר האָב איך פון זיי באַקומען 3 קאָפּיקעס. כ׳בין אויך געווען דער משלוח־מנות־טרעגער צו זיי, פאַר וואָס כ׳פלעג באַקומען נאָך אַמאָל 3 קאָפּיקעס. אין ערשטן יאָר פון דעם ערשטן וועלט־קריג, האָב איך שוין פון אים באַקומען 10 קאָפּיקעס פאַרן משלוח־מנות און מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט מיינע פורים־פאַרדינסטן...

ביי חיימען אין שטוב איז געשטאַנען אַ פייער־קאַסע, ער פלעגט געבן גמילות־חסדים אויף משכונות, און די משכונות פלעגט ער באַהאַלטן אין דער דאָזיקער קאַסע ביז די בעלי־חובות פלעגן קומען דאָס אויסלייזן. ס׳זענען אָבער געווען פאַלן, אַז אַן אָרימע פרוי פלעגט ברענגען זונטיק אירע זילבערנע לייכטער, איר לעצט פאַרמעגן, כדי צו באַקומען אַ גמילות־חסד אויף צו פאַרדינען אויף דער וואָך חיונה. פאַרשטייט זיך, אַז חיים פלעגט איר געבן דעם גמילת־חסד. נאָר אויב זי האָט פרייטיק נישט צוריקגעבראַכט, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז די פרוי האָט נעבעך נישט צוריקצוגעבן, ווייל זי האָט נישט פאַרדינט, פלעגט ער נעמען די לייכטער און אַוועקטראָגן צו דער פרוי, כדי זי זאָל האָבן אין וואָס צו בענטשן ליכט, נישט האָבן, חלילה, קיין פאַרשטערטן שבת און גלייכצייטיק איר איבערגעלאָזט אויף שבת־הוצאות. נישט איינמאָל האָט ער צוריקגעגעבן די משכונות און נישט צוריקבאַקומען דעם גמילות־חסד, ווייל דאָס זענען געווען בכבודיקע בעלי־בתישע יידן. ער האָט פאַרשטאַנען זייער לאַגע גאַנץ גוט, און אַזעלכע אָפּטע פאַלן, האָט ער געהאַט נישט ווייניק. איך געדענק ווי מ׳האָט אים אַמאָל באַגנבעט און אַרויסגענומען אַ סך סחורה פון געשעפט. דאָס געשעפט איז נישט געווען פאַרזיכערט און דערפאַר איז דער פאַרלוסט געווען זייער גרויס. ער האָט ווייניק גערעדט, אַלץ וואָס פלעגט ביי אים פאַסירן אין

והשליחות ליהודי אמריקה — הגיעה לרבים החולמים על העליה ועל „סרטיפיקט" ובייחוד לחוגי הנוער. בשבת אחר־הצהריים נתמלא בית גיסתי מפה לפה: גברים, נשים, זוגות צעירים, ונוער. סיפרתי על כפרי, כפר יחזקאל, ההולך ונבנה, על הישגי ההתישבות וההסתדרות, על מלחמתנו בגזירות חנק העליה, על מאורעות הדמים שעדיין נמשכו, על ראשוני הישובים של „חומה ומגדל" באותה שנה, על התקווה להיפגש בקרוב בשדות ישראל. אהה, לא נתגשמה תקוותי זו, תקוותם הם — תקוות כולנו.

מי יכול היה להעלות על הדעת, כי חיי היהודים באוסטרולנקה באותה שנה שחורה, היו אידיאליים לעומת השואה והאבדון שהשיגום כעבור שתי שנים בלבד? בודדים ורצוצים הגיעו משם שרידים. ממשפחת קופפרמינץ הענפה והמושרשת לא הגיעה אף נפש חיה. ואני האחרונה שזכיתי לראותם.

נהיה־נא ראויים לקדושי אוסטרולנקה בחיינו המחודשים בישראל הריבונית.

כפר יחזקאל

שייכות מיט פאַרלוסטן, האָט ער מקבל באהבה געווען.

אַזוי האָט זיך חיים געפירט ביזן לעצטן טאָג פאַרלאָזן די שטאָט, אַ יאָר נאָכן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג.

תשעה באב אין 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און פונקט אַ יאָר שפּעטער אין דעם זעלביקן טאָג, איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע איינוווינער פון שטאָט זאָלן זיך עוואַקואירן פון פראָנט־ראַיאָן. חיים מיט זיין פרוי זענען אַוועק קיין אָסטראָווע. מיר האָבן זיך מיט זיי דאָרט געטראָפן. 3 וואָכן זענען מיר דאָרט געווען צוזאַמען און נאָכדעם — זיך צעשיידט.ביידע משפחות זענען אַוועק קיין רוסלאַנד אָבער אין צוויי פאַרשידענע ריכטונגען. מיט אייניקע וואָכן שפּעטער, האָבן מיינע עלטערן באַקומען אַ ידיעה, אַז חיים מיט זיין פרוי געפינען זיך אין האָמעל, און מיר זענען געווען אין צענטראַל־רוסלאַנד. אָבער אָפּזייענדיק אַ שטיק צייט אין רוסלאַנד, האָט חיים נישט געקאָנט רוען, ווייל ער איז געווען אַ באמת־אויפריכטיקער און ערלעכער חסיד און האָט דורכאויס זיך געוואָלט מתחבר זיין מיט דער קדושה פון חסידות. אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיינע עלטערן באַקומען אַ בריוו פון אים, אַז ער קלויבט זיך צו פאָרן קיין ראָסטאָוו, ווייל דעמאָלט איז דאָרט געווען דאָס זיץ־אָרט פון ליובאַוויטשער רבי׳ן. ער איז געפאָרן קיין ראָסטאָוו, געווען אייניקע טעג, זיך אָנגעזאַפּט מיט ליובאַוויטשער חסידות און אויף צוריקוועגס איז ער אָפּגעשטיגן ביי אונדז; ער האָט געוואָלט זיך פרייען מיט אונדז אַלע צוזאַמען, ווייל ער האָט אונדז שוין נישט געהאַט געזען אייניקע יאָר. אָפּגעווען ביי אונדז אייניקע טעג, זיך אָנגעפרייט און צוריקגעפאָרן קיין האָמעל. פון דעמאָלט־אָן האָבן מיר שוין חיימען מער אין רוסלאַנד נישט געזען. זיי זענען צוריקגעפאָרן פון רוסלאַנד אַ היים קיין אָסטראָלענקע אַ שטיק צייט פאַר אונדז. גלייך נאָכן אָנקומען אין שטאָט זענען זיי צו ערשט צוגעגאַנגען צו זייער געוועזענער דירה (אויף אונדזער פּלאַץ), כדי אויסצוגעפינען די זאַכן, וועלכע זיי האָבן באַגראָבן אין קעלער און אויך די משכונות, וועלכע די יידן האָבן נישט באַוויזן אויסצולייזן איידער אַלע האָבן זיך עוואַקואירט פון שטאָט. חיים מיט פינה׳ן זענען געווען דערשטוינט, זעענדיק ווי קיין שום זאַך איז דאָרט נישט געבליבן, אַלץ איז געווען פאַרברענט און אויך די פונדאַמענט־שטיינער זענען געווען אַרויסגעריסן. באין ברירה האָבן זיי אָנגעהויבן בויען אַ ניי לעבן. זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן צו פּסח האָכבערגן אין הויז, דאָרט האָבן זיי פאַרנומען אַ דירה צוזאַמען מיט אַ ליידיקן געשעפט־לאָקאַל. חיים האָט אָנגעהויבן ווייטער צו האַנדלען מיט זיינע סחורות — מיט האַרטע און ווייכע לעדער. אין אַ קורצער צייט האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן אַ גרויסער בעל־פּרנסה. אין דער צווישן־צייט האָבן מיר זיך געהאַט שוין צוריקגעקערט פון רוסלאַנד. אָנגעקומען צוריק קיין אָסטראָלענקע זענען מיינע עלטערן ע״ה, פאַרשטייט זיך, פאַרפאָרן צו חיימען אין הויז, ווייל פון אונדזער הויז איז קיין זכר נישט געבליבן. זייענדיק בלויז אייניקע טעג ביי זיי אין הויז, איז מיין מוטער מיט צוויי שוועסטער ע״ה קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. דאָס זענען געווען די פאָלגן פון אַרומשלעפּן זיך אייניקע וואָכן אין רוסישע פראַכטצוגן ביי די ערגסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען (אין רוסלאַנד האָבן דעמאָלט געהערשט פאַרשידענע עפּידעמיעס). חיים און פינה האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן, טראָץ דעם, וואָס די קראַנקהייט איז געווען אַן אָנשטעקנדיקע. און אַז שכנים האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז עס וואָלט גלייכער געווען צו נעמען די קראַנקע אין שפּיטאָל, איז אָנשטאָט דאָס צו טאָן, האָבן זיי זיך באַמיט אַליין ווי ווייט מעגלעך אַרומצוגיין אַרום זיי, און העלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. און, ווירקלעך, איך דערמאָן זיך איצט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט זיי האָבן אַרויסגעוויזן לגבי מיין מוטער מיט די שוועסטער ע״ה אַזוי לאַנג ביז זיי זענען פולקאָם געזונט געוואָרן.

חיים איז געווען אַ גרויסער בעל מידות. ער פלעגט געבן זיינע סחורות אויף קרעדיט צו די יידישע קאַמאַשנמאַכער און שוסטערס, ער איז געווען געדולדיק, געוואַרט ביז גאָט וועט זיי העלפן כדי זיי זאָלן קאָנען באַצאָלן. ער האָט קיינמאָל קיין יידישן וועקסל נישט פּראָטעסטירט און אויך צום קאָמאָרניק נישט געשיקט. ער איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה, פלעגט געבן פיל צדקה בגלוי, אָבער נאָכמער — בסתר. נישט איינמאָל האָט מען אים געטראָפן דאָנערשטיק שפּעט ביי נאַכט גיין פון אַ הינטער־געסל, דאָס איז ער געגאַנגען צוריק פון אַ הויז, ווו ער האָט געלאָזן מתן־בסתר אויף שבת־הוצאות כדי די שטוב־מענטשן זאָלן חלילה נישט הונגערן שבת. און אַזעלכע הייזער זענען געווען נישט ווייניק. דאָס זעלבע איז געווען מיט גמילות חסדים, ער פלעגט אַריינטראָגן דעם גמילת־חסד צו דער פּערזאָן אין שטוב אַריין. דאָס מאָל שוין אָן אַ משכון, ווייל נאָכן אומקערן זיך צוריק פון רוסלאַנד האָט חיים אָנגעהויבן געבן הלוואות אָן משכנות. און אַזוי האָט ער זיך געפירט די גאַנצע צייט ביז ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

און אין דעם זעלבן וועג איז אויך געגאַנגען זיין פרוי פינה. נישט איינמאָל פלעגט מען זי טרעפן טראָגן אַ טעפּעלע הייסע געקעכטס אונטער דער פאַטשיילע, אַז ס׳זאָל נישט קאַלט ווערן. דאָס האָט זי געטראָגן צו אַן אָרימער קראַנקער פרוי, וואָס אין שטוב איז לא עלינו גאָר נישט געווען מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן. אויך צו אָרימע קימפּעטאָרינס פלעגט זי טראָגן עסן יעדן טאָג, און אויך באַזאָרגן זיי אויף שבת מיט עסן, ביי זיי אין הויז פלעגן ישיבה־בחורים עסן טעג, און יעדער ישיבה בחור פלעגט פון זיי אַרויסגיין אַ זאַטער. וועגן דעם האָט געזאָרגט חיים׳ס פרוי פינה.

ווי אַזוי פלעגט זיך חיים משמח זיין אין פּורים! איך דערמאָן זיך, ווען איך פלעג אַריינגייען צו זיי פּורים, האָב איך שטענדיק געטראָפן יידן זיצן אַרום זיין טיש, אַ געמיש פון חסידים און מתנגדים, און מ׳האָט געטרונקען לחיים און זיך משמח געווען. און חיים פלעגט זיך אַרויפשטעלן אויף אַ בענקל און זינגען אַ „דודעלע"... און „דוכאָווּנאָמו ראַווינו שניאורסאָנו — אַ פינטעלע" און נאָך און נאָך. אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען. אַזוי פלעגט זיך חיים פירן יאָר־איין, יאָר־אויס, און שוין גאָר פריילעך איז געווען ביי אים אין הויז שמחת־תורה.

ער האָט קיינמאָל אויף עמעצן קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט. ווי לאַנג איך האָב אים געקענט, האָב איך פון אים קיין איין וואָרט לשון הרע נישט געהערט. ער פלעגט רעדן מיט

גרויס יראת הכבוד וועגן חפץ־חיים זצ״ל, כאָטש ער איז געווען אַן עקסטרעמער גערער חסיד. פלעגט ער דאָך נישט איינמאָל זיצן און לערנען די ספרים פון חפץ־חיים, וועלכע זענען געשטאַנען ביי אים אין שאַנק און צווישן זיי אויך דער „שמירת הלשון״.

חיים עלקעס האָט אין זיך פאַרקערפּערט די שענסטע מידות פון גלויבן, מאָראַל און עטיק. ער איז געווען דער ייד אויף וועמען שלמה המלך זאָגט אין „משלי״: „למען תלך בדרך טובים וארחות צדיקים תשמור״ (דו זאָלסט גיין אין די וועגן פון די גוטע, און אָפּהיטן די וועגן פון די גערעכטע). און אַזוי האָט ער זיך געפירט, כאָטש ער האָט די לעצטע פּאָר יאָר פאַר זיין אומקום געהאַט גרויסע פינאַנסיעלע פאַרלוסטן.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אז קורץ פאַר מיין אַפּפאָרן קיין אויסטראַליע, איז אים אַ פּוילישער שוסטער (זיין נאָמען: ניעוויאַראָווסקי) שולדיק געבליבן 18 טויזנט זלאָטעס, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קאָלאָסאַלע געלט־סומע, און אויך איז מען אים שולדיק געבליבן קלענערע סומעס — טראָץ די אַלע פאַרלוסטן, האָט חיים נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ענדערונג אין זיין טעגלעכן אַרט לעבן, זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט. בלויז זיין פרוי פינה, ווען זי פלעגט אַריינקומען צו אונדז פּריוואַטיק־צונאַכטס פלעגט זי אַמאָל אַרויסלאָזן אַ זיפץ און דערציילן פון זיינע פאַרלוסטן. ער אָבער האָט דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער בעל־בטחון, ער האָט געגלויבט, אז דער רבש״ע האָט מער נחת פון דעם יידן, וועלכער האָלט תמיד אין האָפן און אָנערקענט מיט דאַנק־באַרקייט יעדע זאַך, וואָס ער באַקומט. ער האָט שטענדיק מכוון געווען דעם פּסוק פון תהילים: „ואני תמיד איחל והוספתי על כל תהלתך״ (איך האָף שטענדיק און וואָס ווייטער גיב איך צו דיין לויב). ווען מ'וואָלט אים דאַן אַ פרעג־געטאָן: פון וויפל עס באַשטייט זיין פאַרמעגן? וואָלט ער זיכער געענטפערט, פונקט ווי עס האָט אַמאָל געענטפערט דער רייכער און פרומער פראַנקפורט־ראָטשילד, אז די תורה זאָגט אונדז: „ואיש את קדשיו לו יהיו״; אַז דאָס, וואָס אַ מענטש גיט אַוועק אויף קודש, אויף צדקה, אויף מתן בסתר — דאָס איז זיין פאַרמעג, דאָס איבעריקע איז נישט זיינס...

חיים מיט פינה'ן האָבן אייניקע יאָרן פאַרן 2־טן וועלט־קריג אַדאָפּטירט אַ יונגע מיידל, אַ יתומה (ברײנע האָט זי גע־הייסן). זי איז ביי זיי געווען ווי אַן אייגן קינד. זיי האָבן איר דערצויגן אין זעלבן גייסט ווי זיי אַליין האָבן זיך געפירט. קורץ פאַרן אויסברוך פון וועלט־קריג, האָט חיים חתונה גע־מאַכט דאָס מיידל מיט אַ ישיבה־בחור און האָט געסילוקט אַ שיינעם נדן. דאָס איז געווען חיים און פינה'ס לעצטער ווונטש.

חיים און פינה זענען אומגעקומען אין סלאָנים צוזאַמען מיט פיל פון אונדזערע שטאָטישע. הי״ד.

תהיינה נשמותיהם צרורות בצרור החיים עם שאר נשמות הקדושים והטהורים של בני עירנו!

אריה ליאָוועק לעווי (אויסטראַליע)

מנחם פלאקסער (ברוקלין)

א שטוב אין אסטראלענקע

שפּעט אין די יאָרן קוקסטו אַריבער צו דער נעסט, פון־וואַנען דו ביסט אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין. וויפל פּיין און ווייטיק מיר האָבן דורכגעמאַכט פאַר די יאָרן. אין צוויי וועלט־מלחמות געלאָפן איבער דער וועלט, ווען דיין היים האָט געברענט. אַלע נאָענטע פאַרטיליקט און ווייסט צומאָל נישט ווו זייער קבר געפינט זיך.

אָבער יענע נעסט שטייט ליכטיק און ציכטיק פאַר דיינע אויגן, ווייל וואָס איז זי שולדיק? זי האָט דאָך דיך אַרויס־געלאָזט אין דעם אומשולדיקן גלויבן, אַז דו וועסט גיין צו אַ לעבן, געוויקלט אין דעם זייד פון פאַרווירקלעכטע חלומות.

ווי שיין זי האָט געלויכטן, מיין וועלט, אין יענע ייִנגלישע יאָרן אין אָסטראָלענקע. מיט וואָס פאַר אַ דראַנג איך האָב זיך געריסן צו איר, ווען איך האָב מיך אַריבערגעכאַפּט אויף דער אַנדערער זייט בריק איבערן נאַרעוו אין דאָרט לעבן „פּאָמניק״ געטוליעט מיין הייסן קאָפּ צו די פייכטע גראָזן אין פעלד. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ליכטיקער שפּאַצירגאַנג צו אומענדלעכע ווייטקייטן, אַלע בלוי, אַלע פריידיק, אַלע געוויקלט אין דעם ציטער פון יוגנטלעכער דערוואַרטונג.

אָדער ווען יונגע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן מיר זיך אין די פאַרנאַכטן פאַרזאַמלט אין שטאָטישן גאָרטן און דאָרט אויס־געזונגען אונדזער האַרץ אין די פאַרבענקטע לידער, ווי: „די זון פאַרגייט אין פלאַמען״ (פון יצחק קאַצענעלסאָן).

אַ שווערע צייט איז דאָס געווען פאַר דער יוגנט פון אַלע יידישע שטעטלעך. די רעוואָלוציע פון פינפצן יאָר איז געלעגן אין חורבות. אונדזערע היימישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע איך געדענק פון יענע יאָרן: דער בלינדער מענדל, פּענסטער, הערשל ראָזענבלום, זענען געווען אָפטע געסט אין דער שטאָטישער ריזיקער טורמע, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן גאָרטן. פאַר דער קורצער ווײלע, וואָס זיי זענען אַרויס פון טורמע, האָבן זיי געפּרוּווט געהיימערהייט אָנגיין מיט דער אַרבעט פון וועלן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, אָבער די יוגנט איז שוין געווען אַנטוישט. אַלץ מער און מער האָט זי געווענדט איר בליק — צו זיך אַליין, צו אונדזער אָפּשטאַמונג, און געװוּמען אַריבערקוקן צו דער אַלטער פאַרלאָזענער מאַמע ציון.

איך געדענק וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטעטל, ווען אַ בחור איז אַוועקגעפאָרן שטודירן אין דער גימנאַזיע אין יפו. אונדזער טייערער לאַנדסמאַן, אַנשל לעווו, איז געווען דער לערער פון יענעם בחור און ער האָט דאָס אים גרייט געמאַכט

פאַר דער רייזע. די חסידישע יידן האָבן זיך געטוליעט צו זייערע רביים, איבערגעקומען דעם טאָג מיט הי פהי, אָבער דערפאַר שבת זענען דאָס געווען פייערדיקע יידן מיט אַ פעסטן גלויבן, אַז — יאָ קייסער, נישט קייסער, — מיט זייער אינערלעכער וועלט האָט דאָס נישט צו טאָן.

און אָט וועגן איינעם אַזאַ פייערדיקן יידן וויל איך דאָ דערציילן. ער שטראַלט אַרויס פון מיינע קינדערשע יאָרן נישט נאָר בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען מיין זיידע. ער האָט געהייסן אפרים גאָלדבראָך און האָט געהאַט זיין אייגנס אַ קאַמעניצע אויפן אַלטן מאַרק. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע קראָם. ווו אָפיצירן פון רוסישן מיליטער און די אַרומיקע פוילישע שררות זענען געקומען איינקויפן.

אייגנטלעך איז די גרויסע סוחרטע געווען די באָבע, פריידעלע. דאָס איז זי מיט דער גרויסער בויד געפאָרן קיין ווארשע איינקויפן סחורות פאַר דער קראָם. דאָס איז זי דעם צוואַנציקסטן פון יעדן חודש געפאָרן אין די קאַזאַרמעס כדי איינצומאָנען ביי די אָפיצירן דעם טייל פון חוב, וואָס זיי זענען איר שולדיק, איידער זיי וועלן דאָס פאַרשיכורן. דאָס איז זי געפאָרן אָנקוקן חתנים פאַר אירע טעכטער.

דאָס איז געווען אַ שטוב פון תורה און גדולה, פון חסידות און נגידות. אין דער שטוב איז אַריינגעקומען מיין טאַטע אויף „אייביקע קעסט". די קראָם האָט געקראָמעוועט און עס האָט אויסגעזען, אַז אַזעלכע שטיבער זענען באַשאַפן געוואָרן אויף צו שטיין אייביק. אָבער שוין אַלס אַ יונגער יינגל האָב איך געקאָנט אַרויספילן דעם שטורעם, וואָס טראָגט זיך אין דער לופטן פון דער דאָזיקער שטוב. פריידעלע, די אשת חיל, האָט געקיניגט, די טעכטער האָבן איר אַרויסגעהאָלפן, אָבער איר מאַן, אפרים, איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען, ווי פאַרזונקען אין אַנדערע וועלטן. עס איז אים עפּעס נישט באַקומען דער גאַנצער שפע פון דער שטוב. ער האָט זיך נישט געמישט אין דער קראָם און פלעגט פאַרשווינדן פון הויז אויף גאַנצע טעג.

עס איז אפשר נישט אינגאַנצן ריכטיק, אַז מ'האָט אפרים גאָלדבראָך אַרויסגעטריבן פון דער רייכער שטוב, ווי אונדזער טייערער לאַנדסמאַן דער דיכטער ישראל שטערן וויל האָבן אין זיין פּאָעמע: „אָסטראָלענקע" *), אָבער רייסעניש צווישן דעם זיידן מיט דער באָבען צוליב די ווייטער־דערמאָנטע אויסטערלישע מעשים זיינע געדענק איך דורך אַלע מיינע קינדערישע יאָרן.

באָבע און זיידע האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, און ווען עס איז שוין יאָ געפאַלן אַ וואָרט — איז דאָס געווען פול מיט ביטערניש און פאָרוואורף. דונערן האָבן אָפּגעהילכט אין מיינע יינגלשע אויערן און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס הערשט דאָ נישט קיין שלום בית, פאַרוואָס רייסט מען זיך כסדר, ווען דער אויבערשטער האָט געגעבן ברויט צו דער זעט, אָנזען ביי מענטשן און אַ שיינע רחבותדיקע שטוב.

מיט די יאָרן בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז אפרים איז בחורוויז געווען אין קאָצק. די בונטאַרישקייט פון ר' מענדעלע קאָצקער איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אים אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט נישט אָנערקענט דעם אַלטעגלעכן סדר פון

*) זע „מיין בוך אָסטראָלענקע" (אפרים גאָלדבראָך), ישראל שטערן.

פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן אַלעמען, אויך קעגן זיין אייגן ווייב און קינדער.

ווען פריידעלע איז געשטאָרבן זאַט אין יאָרן איז אפרים אַלץ געבליבן ווי אָן אַ זייט. אים האָט נישט געאַרט ווער עס וועט ירשענען דאָס פאַרמעגן און ווער עס וועט ווייטער אָנפירן מיט דער קראָם און מיטן הויז. ווי עס איז האָט מען דערלייזיקט די ירושה־ענינים און אפרים איז געבליבן וווינען ביי מיינע עלטערן, וועלכע האָבן אויסגעצאָלט די איבעריקע קינדער און געבליבן ביי דער קראָם און ביים הויז. עס האָט געהייסן, אַז ער וועט עסן צוזאַמען מיט אונדז ביים טיש.

אָבער גאָר מאָדנע האָט עס אויסגעקוקט אין מיינע קינדערשע אויגן, ווען איך האָב איינמאָל ביים שבתדיקן עסן, ווען דער טאַטע האָט זיך אויף אַ ווילע אָפּגעקערט, באַמערקט, ווי דער זיידע כאַפּט אַראָפּ אַ חלה פון טיש, באַהאַלט זי הינטער דער פּאָלע און לויפט שנעל אַרויס פון הויז. איך האָב נישט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס טוט ער כדי צו שטילן זיין הונגער אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. איך האָב נישט געקענט דעם זיידן פאַר אַזאַ געוואַלטיקן פרעסער.

שפּעטער האָט דער זיידע גענומען אַרויסטראָגן פון שטוב נישט בלויז די שבתדיקע חלה, נאָר יעדע זאַך, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז מיט דעם קאָן ער דערהאַלטן ביים לעבן אַ הונגעריקן, אָדער סתם דערפרייען אַ פאַרוויייטיקטע האַרץ. איינגיכן האָט שוין די גאַנצע שטאָט גוט געקענט אפרים גאָלדבראָך. מען האָט אים געזען יעדן פרייטיק אַרומגיין איבער די הייזער, ווו מען האָט געקאָכט אויף שבת. ער האָט געבעטן אַביסל יויך, אַ פליגעלע פון אַן עוף, אַ פּופּיקל, אפילו אַביסל ווייַן אויף קידוש אָדער אַ פּאָר ליכט אויף צו העלפן ברענגען די באַזונדערקייט און די דערהויבנקייט פון שבת אין יענע שטיבער, וואָס זענען געשטראָפט געוואָרן פון גאָט און קאָנען זיך דאָס אַלץ אַליין נישט איינשאַפן. מען האָט געזען אָט דעם אַלטן מאַן מיט דער ציטערנדיקער גרויער באָרד לויפן מיטן קוישל אין האַנט אַהין, צו די „פיאַסקעס", ווו עס האָט געוווינט די אָרעמקייט פון אונדזער שטאָט. דאָרט אַהין האָט ער ווי אַן אליהו הנביא אַריינגעבראַכט דעם ליכטיקן אָפּשיין פון שבת און אָפּגעווישט אַ טרער פון אַ דערשלאָגענער אלמנה מיט אירע קינדער.

דאַן איז געקומען דאָס סאַמע שרעקלעכסטע: אפרים גאָלדבראָך, דער גביר פון שטאָט, וואָס האָט אַ גרויסע קראָם און אַ קאַמעניצע אין מיטן מאַרק, שטעלט זיך אַוועק יעדן פאַרטאָג ביי דער טיר פון בית־המדרש און „שנאָרט" קאָפּיקעס. ער לאָזט נישט אַדורך קיין איין יידן, וואָס קומט צום דאַווענען, אַז ער זאָל נישט נעמען ביי אים אַ קאָפּיקע. און ער שטייט אַזוי אויף זיינע אַלטע פיס פון פיר פאַרטאָג ביז מיטאָגצייט. די יידן שטוינען, אָבער קיינער זאָגט אים נישט אָפּ די קאָפּיקע. זיי ווייסן: עפּעס גוטס איז באַהאַלטן הינטער דעם.

און וואָס האָט אפרים גאָלדבראָך געטאָן מיט די קאָפּיקעס?
— איינער אַליין האָט ער אויפגעשטעלט אַ מושב זקנים אַכטונג צו געבן אויף אַלטע לייט, וואָס האָבן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן. ער האָט אָפּגעדונגען אַ דירה אין דער שמאָלער „שטשאָנקע", אויף דעם וועג פון אונדזער הויף צו דער שול, האָט דאָרט

אויסגעשטעלט אייזערנע בעטלעך מיט שעניקעס, אַ שענקל ספרים, און אַלץ, וואָס אַ שטוב דאַרף האָבן. אפרים איז שוין דאַן נישט בלויז אין די פרייטיקס, נאָר יעדן טאָג פון דער וואָך געגאַנגען איבער די הייזער און צוזאַמענגענומען פון די האַרציקע יידישע באַלעבאָסטעס אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט אָפּשפּאָרן, כדי צו דערהאַלטן ביים לעבן די אַלטע יידן פון „זיין" מושב זקנים.

אין קעלט און אין שניי האָט אפרים גאָלדבראָך געשפּאַנט איבער די „פּיאַסקעס" און אויסגעגישטערט ווו נאָר אַ שווער האַרץ פון אַן אלמנה אָדער פון סתם אַן אָרעמאַן כדי עס צו דערוואַרעמען מיט דער גוטסקייט פון זיין האַרצן. דער בונטאַרישער ניצוץ פון קאָצק האָט אין דעם דאָזיקן אַלטן מאַן געפונען זיין אויסדרוק פון געלייטערטער מענטשלעכקייט. אין פלוג איז דאָס אַלץ נישט געווען פאַרשטענדלעך צו זיינע אַרומיקע. זיין נאָענטסטע משפּחה האָט צו יענער צייט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון וואָס דער זיידע טוט און פאַרוואָס ער טוט עס. גיכער האָבן זיי געפילט, ווי ער וואָלט זיי פאַרשעמט, און זיי האָבן אָנגענומען זיינע מעשים, ווי אַ שטראָף פון גאָט, און אַז עס איז נישטאָ וואָס זיך איבערצונעמען דערמיט.

אָבער אפרים גאָלדבראָך האָט נישט געקאָנט עסן דאָס ברויט פון זאַטקייט, ווען אַרום אים זענען געווען אַזויפיל הונגעריקע. האָט ער זיך געבונטעוועט און געוואָלט אויפרייסן זיין אייגענע נעסט. ער איז אַליין אַנטלאָפן צו יענער לויטערקייט, וואָס מיינט — טאָן גוטס צו דיינע מיט־מענטשן.

אפרים גאָלדבראָך איז אפשר געווען פון די ליכטיקסטע פערזענלעכקייטן, וואָס אונדזער שטאָט האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט באַגריפן דעם מענטשלעכן עלנט אויף דער ערד, זיין נישט וויסן נאָכוואָס, צוואָס און פאַרוואָס, זיין גיין אין שפּאַן פון „קעגן דיין ווילן ביסטו באַשאַפן און קעגן דיין ווילן וועסטו פאַרגיין". אין די אָרעמע יידישע שטיבער פלעגט ער דערשיינען אין די פרייטיק פאַרנאַכטן, ווי אַן אליהו הנביא, וואָס ברענגט דעם אָנזאָג פון צדק און גלייכקייט, וואָס ברענגט דעם שמייכל פון אַלמעכטיקן צו די פאַרשטויסענע און פאַרגעסענע.

איך דערמאָן זיך, ווי אַלס קליינעם יינגל האָט ער מיך, זיין אייניקל, גענומען פאַר דער האַנט און געפירט וויזן זיין „באַשאַף", דעם פרימיטיוון מושב־זקנים, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט מיט זיינע אייגענע הענט. איך געדענק אַלטע, אָפּגעשוואַכטע יידן, וואָס זענען געלעגן אויף די בעטלעך מיט אַ ספר אין האַנט. זייערע פאַרמאַטערטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווען ער האָט זיך באַוויזן און זיך גענומען פאָרען כדי זיי צו דערלאַנגען עפּעס אין מויל אַריין.

און אָט איז דאָס לעצטע בילד פון זיידן. עס איז געווען אין 1915, אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער דייטש האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל, וואָס איז שוין באָמבאַרדירט געוואָרן פון אַ צעפּעלין. מען האָט געמוזט אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר און אַנטלויפן. דער איינציקער וועג האָט געפירט מיטן שאָסיי קיין אָסטראָווע און מען האָט געמוזט גיין צופוס. דער גאַנצער וועג איז געווען געדיכט פאַרזייט מיט משפּחות, וואָס האָבן געטראָגן זייערע קליינע קינדער און געשלעפּט אַביסל שפּייז און קליידונג.

אין מיטן פון דעם דאָזיקן יסורים־וועג האָט געשפּאַנט אפרים גאָלדבראָך מיט אַ ספר תורה אין האַנט, וועלכע ער האָט באַוויזן צו ראַטעווען פון דער שול. עס האָט אים נישט אינטערעסירט דער גורל פון זיינע קינדער און אייניקלעך. ער האָט געטוליעט די ספר תורה צום האַרצן, ווי דאָס טייערסטע, וואָס איז ווערט געווען צו ראַטעווען.

מיר, די פאַרטריבענע, האָבן געשפּרייזט מיט דעם שטיינערנעם וועג, טיף פאַרזונקען אין זאָרג איבער דעם מאָרגנדיקן טאָג. מיר זענען געווען פאַרקלעמט וועגן דעם, ווו מיר וועלן איבערנעכטיקן און ווו מיר וועלן אָנשפּאַרן די מידע קעפּ. אָבער דער קאָפּ פון אפרים גאָלדבראָך איז געווען אויפגעהויבן צו די הימלען. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט. ער האָט געשפּרייזט צו אַ ליכטיקער אייביקייט, וואָס ענדערט זיך קיינמאָל נישט. די ספר תורה, וועלכע ער האָט געטוליעט צום האַרצן, איז געווען זיין וואַרעמע נעסט, פון וועלכער קיין שום שטורעם וועט אים נישט קענען פאַרטרייבן.

און אַזוי איז פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש די געשטאַלט פון אפרים גאָלדבראָך. מיט אַ צעפלאַטערטער ווייסער באָרד, אַן אויסגעגליכענער צו זיינע זיבעציק יאָר, מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט דער הייליקייט געטוליעט צו זיין האַרצן שפּרייזט ער צו יענער לויטערקייט, וועלכע דער געוויינלעכער בשר־ודם איז קוים אימשטאַנד צו באַגרייפן.

יצחק קאהאן, מעלבורן

אַלטע היים

א. אויף קבר־אבות

איך בין היינט געווען — אין מחשבה און געפיל — אין דער אַלטער היים אויף קבר־אבות. כ׳האָב געפּרווט עפּענען אַ טיר פון פאַרשניטענעם נעכטן. אַריינגעקוקט אין די הייזער פון די שמאָלע געסלעך, פון די קלענערע און גרעסערע קראָמען אויף „מאַלי־רינעק״, אויפן „אַלטן מאַרק״. עס האָבן זיך סילועטן באַוויזן, און איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען נעמען, וואָס האָבן זיך צוערשט שטילער, און דערנאָך הילכיקער צעקלונגען ווי גלעקלעך. פאַרגעסענע געשטאַלטן האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פון טיר און טויער, געשטאַלטן נעענטערע און ווייטערע שליסן זיך צוזאַמען אין אַ קרייז, דער קרייז פון מיין געבורט־שטאָט, פון מיינע קינדער־און יוגנט־בענקשאַפטן — — — — — — — —

די טירן פון נעכטן עפענען זיך אָן אַ סקריפּ. ווי לאַנג איז ? צוואָנציק יאָר — און עס זעט שוין אויס ווי אַן אייביקייט !

ווי רואיק אונדזערע זיידעס און זייערע אבות האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין דער זעלבער שטאָט, גאַס און שטוב. מען האָט זיך געעלטערט אין נחת (אַמאָל אין צער. ווי באַשערט געווען...) יאָרן זענען געקומען און אַוועק. די האָר זענען געוואָרן ווייסער. נאָענטע און באַקאַנטע זענען אַוועק. שטימען — אַנטשטומט געוואָרן. איין דור אין צווייטן זיך געפלאָכטן, ווי רינגען אין אַ קייט. דור הולך ודור בא... — — —

איך קוק אויף מיין פאַרטיליקטע היים־שטאָט, ווו כ׳האָב געקענט יעדן שטיין און שטיינדל. אָט דאָ אין ציגיינסקער גאַס האָבן זיך געטוליעט קליינע הייזקעס מיט וואַרשטאַטן אין שטוב. און דאָרט אויף מאַלי־רינעק נומער 3 האָט געוווינט דער גאָוואָראָווער שוסטער. ביים טשועקעווען די שטיוול פלעגן זיך די דריי זין צעזינגען מיט אַ טיפער ברוסט־שטימע דעם יום־כפור׳דיקן „ועל־כולם״, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פון חזן ימים־נוראים.

און דערנעבן פאָרנט: געוועלבלעך קליינע און גרויסע. פאַרן טיר אין ראָג שטייט שוין אַלטער־שלמה דער בעקער אַ בלאַסער פון באַקן אין אַ דושנער זומער־נאַכט. אויבן, אויפן גאָרן געפינט זיך דאָס אַלעקסאַנדרער שטיבל. יידן בעלי־מלאכות איילן זיך מיטן טלית און תפילין צום ערשטן מנין. סוחרים דאַווענען שפּעטער, וואָסי ? ס׳וואַרטן שוין קונים ? און אָט גייט זיך ר׳ הערשל שפּערלינג מיט געמאָסטענע טריט, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, דאָס ברייטע פּנים באַגאָסן מיט אַ שמייכל, זעט אויס פאַרטיפט אין עפּעס. ס׳קומט אים אַנטקעגן ר׳ מנחם פרידמאַן מיט איילנדיקע טריט און זיי ביידע שפּאַנען שוין הין־און־צוריק איבערן בית־המדרש פאַרטאָן אין אַ שמועס וועגן חסידות און געשעפטן.

* * *

איך טובל זיך אין דעם פרימאָרגן־טוי פון אַ קוואַליק לעבעדיק שטעטל, וואָס איז שוין היינט ראָמאַנטיק. דער זיכרון ווערט וואַכזאַם; דערינערונגען, זעאונגען און איבערלעבונגען באַהעפטן זיך, ס׳וואַקסן אויס בילדער סילועטן, פּנימער, יידן פון אַ גאַנץ יאָר און חסידישע יידן, געשטאַלטן און פּנימער פון דער יוגנט, וואָס האָט געלעבט מיטן חלום פון גאולה, פון פאָלק, פון וועלט, געלעבט מיט אַ טרוים פון אַן אייגן לאַנד. עס טויכט־אויף אַ בילדל: אַ שבת אין דער פרי אויף לאָמזשער גאַס. ס׳איז לעבעדיק אין יענעם ווינקל לעבן שאַפּיראָס מויער. אַ גרופּקע פועלי־ציוניסטן האָבן אַרומגערינגלט דעם אַלטן בונדיסט הערשל ראָזנבלום. מען היצט זיך וועגן יידיש און העברעאיש. ווי מיט אַ פילקע וואַרפן זיך די דיסקוטאַנטן מיט פסוקים פון באָראָכאָוון און מעדעמען. ס׳הערט זיך אַ ברייט הויך געלעכטער פון בערל זאַבלודאָוויטש, אַפּנים געשאָסן אַ גאָל... אָבער הערשל ראָזנבלום לאָזט זיך נישט, ער אַטאַקירט צוריק. ער איז קליינגעוויקסיק, ביים רעדן הויבט ער זיך אויף די שפּיצן און קוקט אַרויף מיט אַ צופרידענער מינע צום צד שכנגד. ער רעוואַנזשירט זיך מיט אַ גאָל... דער געזעמל ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. ס׳קומען־צו אהרן זוסמאַן און באַמשטיין. דער פאַרטייאישער וויכוח איז שוין לאַנג פאַרענדיקט. אַ פּאָר שעה קיבעצט מען צו אויפן גאַס, וואָס ווערט ביסלעכווייז אָפּגעליידיקט צום שבת־מאָלצייט. נאָכן עסן ווערט די גאַס צוריק אויפגעלעבט. יוגנט פון ביידע געשלעכטער שפּאַצירן געאָרעמט. מען גייט אין גאָרטן, וואָס איז העט־ווייט אויפן לאָמזשער שאָסיי.

בין־השמשות־צייט. דער פּאַרק איז פול מיט יוגנט, מען שפּאַצירט אין גרופּקעס. פּלוצלונג הערט זיך אַ סאָלאָ־געזאַנג. אַ מיידל־שטים זינגט שטימונגספול פּרצעס „זיי אַ בעטער פאַר דיינע חסידים, בים־באָם, בים־באָם, באָם״... עולם רוקט זיך צו נענטער צום געזאַנג, וואָס קומט פון דער באַנק ביים הויך־צעצווייגטן סאָסנע־בוים. איצט זעט מען שוין ווער עס זינגט. ס׳איז חיה׳לע גינגאָלד. איר קלאָרע הויכע שטימע הילכט אָפּ מיט אַן עכאָ ווייט אַרום. זי ענדיקט דאָס ליד. דער עולם אָפּלאַדירט און בעט אַ צווייט ליד. זי לאָזט זיך אַביסל בעטן און הויבט אָן אַ גוט־באַקאַנט ליד. עס ווערט אונטערגעכאַפּט דורך באַסן און טענאָרן פון אַן אַנדער ווינקל און עס צעקלינגט זיך איבערן גאָרטן „אַז די פייקלעך האָבן געפייקלט״...

פון אויבן קוקט אַראָפּ אַ פולע בלייכע לבנה. עס מיניען זיך ליכט און שאָטן פון אַ זומערדיקן שבת־צונאַכט 1928.

ב. מיין פאטער ווי איך האב אים געקענט

(שטריכן צו אַן אינטים בילד)

וועגן אַן אייגענעם פאָטער קומט־אָן זייער שווער צו שרייבן.

די אינטימע צאַרטע געפילן, וואָס מיר טוליען צו אונדזערע באָענטסטע און טייערסטע באַווירקן די דערינערונגען וועגן זיי. דעריבער באַמי איך זיך ביים שרייבן וועגן פאָטער אויסצומיידן סופערלאַטיוון און רעטושירונג. גלייכצייטיק פיל איך, אַז אין דעם געצייכנטן בילד פון איינעם אַ יחיד, ווערט סימבאָליש אָפּגעשפּיגלט דער טיפּ פון פוילישן ייד מיט זיינע וועזנטלעכע שטריכן, וועלכע האָבן זיך אויסגעפורמט דורך צענדליקער דורות: אמונה און ביטחון, חסידישע התלהבות און מתנגדישע קילקייט, שאַרפזין, טיפע פילפולדיקע חריפות און תמימות, ערנסט און געמיטלעכקייט, אויסערלעכע קנייטשן און אינערלעכע גאַנצקייט.

אָט דער טיפּ ייד, אָפּגעטרייסלט פון זיין וואָכעדיקן שטויב, האָט אין זיין טיפערן לעבנס־באַנעם, נישט בלויז געטראַכט — נאָר דורכגעטראַכט. נישט בלויז געלעבט — נאָר דורכגעלעבט — טיף, סיי די ברענענדיקע פראַגן פון טאָג, ווי די קילערע פראַגן פון דער אייביקייט.

אָט די יידן מיט פאַרנעם, מיט מחשבה און געפיל, וועלכע האָבן אין זייער צוזאַמענלעבן געבילדעט די אייגנאַרטיקע אומה, וואָס י. י. טרונק האָט אַזוי טרעפלעך באַצייכנט: „די פולע און וווּנדערלעכע יידן פון פוילן" און איבער וועלכער עס האָט זיך אַזוי טראַגיש אַראָפּגעלאָזט דער גזר־דין פון דער יידישער געשיכטע — איז געווידמעט די אינטימע כאַראַקטעריסטיק פון אַ יחיד — מיין פאָטער ע"ה — וועלכער איז געווען איינער פון אָט דער עדה.

*

אין לעבן פון יעדן מענטש זענען פאַראַן מאָמענטן, וועלכע בלייבן טיף איינגעקריצט אין זיכרון. בעת מעשה האָבן זיי אפשר אויסגעזען נישט אַזוי וועזנטלעך, אָבער פאַקטיש האָבן זיי פאַרמאָגט עפּעס קערנדיקס, דויערהאַפטיקס און דעריבער זיך טיף איינגעשניטן אין דער נשמה. ביים שרייבן די שורות טויכן אויף פאַרשידענע דערינערונגען, שטריכן און עפּיזאָדן, וועלכע איך זע איצט אין אַ טיפערער ליכט, ווי דאַן. עס דערמאָנט זיך מיר ווי אַזוי דער פאָטער האָט מסביר געווען אַ פוילישן דאָקטער דעם זין פון עם־הספר. דער דאָקטער איז אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז אונטערזוכן דעם פאָטער, וואָס איז פלוצלינג קראַנק געוואָרן מיט הויכע טעמפּעראַטור. ביים אַריינגיין האָט ער באַמערקט אַ ספר לעבן פאָטער און געהערט ווי ער לערנט אויפן קול. „ביז וויפיל יאָר לערנט מען ביי אייך יידן?", האָט ער מיט שטויניגג אַ פרעג געטון? „ביי אונדז לערנט מען אַ גאַנץ לעבן, מען לערנט ביי טאָג און ביינאַכט", האָט דער פאָטער מיט אַ שמייכל געענטפערט. — יאָ, איך האָב געהערט, אַז יידן רופט מען עם־הספר, אָבער וואָס באַדייט עס, וואָס איר יידן, זענט אַזוי פאַרליבט אין ספר, לערנען צוליב לערנען, וואָס גיט דאָס אייך? — „אָ, זייער פיל — האָט דער פאָטער געענטפערט — דער ספר איז אונדזער פאָן" און אָנווייזנדיק אויף מיר האָט ער צוגעגעבן: „זעסט, דאָרט זיצט מיין זון, ער לייענט אַנדערע ספרים, ווי איך, היינטצייטיקע, מאָדערנע, אָבער אויך ער רייסט זיך נישט אָפּ פון בוך. ער איז אַ קינד פון עם הספר".

ווען מיר זוכן זיך צו דערקענען; ווען מיר ווילן אויספאָרשן די פאָרמירונג פון אונדזערע גייסטיקע שטריכן, מוזן מיר זוכן אין שורש, אין די משפחה־וואָרצלען; אין דער סביבה. ווו מיר האָבן פאַרבראַכט די קינדער און יוגנט־יאָרן, קענען מיר זיך פסיכיש לעגיטימירן.



ר׳ חיים דב הכהן שו"ב.

ביים שרייבן די שורות שטייט פאַר מיר דאָס בילד פון פאָטער. איך זע זיין אויסערלעכן אויסזען: העכערער מיטלוווקס, אַ גלייכער, מיושבדיק אין זיינע האַנדלונגען און באַוועגונגען. אַ הדרת־פנים מיט תמיד שמייכלענדיקע אויגן, וואָס שטראַלן מיט פרייד און וואַרעמקייט. די באָרד זיינע, אַ צעקעמטע, האָט מיט איר שוואַרצקייט בולטער אויסגעטיילט באַזונדערע געזיכטס שטריכן, אַגעמיש פון מילדקייט און שטרענגקייט.

איך זע אים יעדע פרייע מינוט ביי דער גמרא אָדער חסידישן ספר. ער איז אָבער נישט געווען קיין טרוקענער למדן, אריינגעטאָן בלויז אין הלכה. געהאַט אַ חוש פאַר דער שיינקייט פון מדרש און אגדתא. הלכה און אגדתא האָבן געפורמט און באַווירקט זיין גייסטיקן מהות.

ער האָט פאַרמאָגט אין זיך זייער אַ סך געמיטלעכקייט. מענטשן האָבן זיך געקלעפּט צו אים. ווייל ער איז געווען אַ נוח־לבריות. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט חסידישע פריילעכקייט, וואָס ער האָט באַצייכנט אַלס שמחת־החיים. עס טויכן אויף אַ ריי בילדערישע מאָמענטן פון מיינע קינדער־יאָרן אין אַלעקסאַנדערער „שטיבל". אַרום טאַטן אַ געזעמל פון יונגע און אַלטע חסידים, וואָס שלינגען זיינע חסידישע פאָלקלאָר־מעשיות. דער טאַטע איז געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע פון חסידישן פאָלקלאָר, אַ וווּנדערבאַרער איבערדערציילער, אַ פענאָמענאַלער זיכרון, תמיד אויפן אָרט געפינען אַ ווערטל, אַ מעשה, אַ וואָרט פון אַ גוטן ייד (איך קען נישט פאַרגעסן דעם טיפן וואָרט וואָס ער האָט דערציילט פון „ישמח ישראל": „נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן יידיש האַרץ"...). דער עולם וואָלט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אַרום טאַטן און זיך צוגעהערט. אָבער אין מיטן דערציילן, כאַפּנדיק אַ בליק אויפן זייגער, האָט ער בחיפזונדיק פאַרענדיקט. חסידים פלעגן זיך בעטן: חיים בערל, זינג דעם אַלטן רבינס ניגון און דער טאַטע האָט נאָכגעגעבן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט נגינה.

נישט נאָר אַלס שליח ציבור ביים עמוד ימים־נוראים און יום־טובים, נאָר אויך אויף שמחות פלעגט ער ליב האָבן אויסצוזינגען די האַרציקע מאָדזשיצער ניגונים.

ס'דערמאָנען זיך מיר די זומערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטסן ביי אונדז אין שטוב. די זמירות פאַרציען זיך זייער לאַנג. דער טאַטע זינגט נייע ניגונים, אַממיינסטן מאָדזשיצער, וואָס ער האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעלערנט פון דורכפאָרנדיקע אורחים (זיי פלעגן זיין ביי אונדזער טיש שבתים ווי אין דערוואָכן). דער טאַטע זינגט אַ שטימונגספולן ניגון. מיר, די קינדער, באַגלייטן. דאָס געזאַנג ווערט שטאַרקער, די פענצטער אָפן, און דורך דער וואַרעמער לופט צעטראָגט זיך דער ניגון איבער די שכנותדיקע הויפן. די שכנים האָבן שוין לאַנג אָפגעגעסן, זיצן זיי אויף די בריקלעך און הערן זיך צו צום געזאַנג, וואָס הילכט־אָפּ אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

איך דערמאָן דאָ די שטימונגספולע נגינה פון אַ פרייטיק־צונאַכטס, ווייל דאָס איז דאָך געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נשמה יתירה'דיקן געפיל אין פויליש־יידישן שטעטל. איצט ווען כ'וווין אין דער ווייטער אויסטראַליע, און פיל די שטאַרקע בענקשאַפט, די נאָסטאַלגיע צו דער אַלטער היים, טויכט־אויף פאַר מיר דאָס בילד פון אַ יידישער שטוב אין אָסטראָלענקע, אַ פרייטיק־צונאַכטס. די זיסע ריחות פון באַקן און קאָכן פאַרשמעקן דעם אַרום. און אָט קומט־אָן דער בין־השמשות. דער פריידיקער ניגון פון „לכה דודי לקראת כלה" זאָגט אָן דאָס קומען פון די מלאכי־השלום און מלאכי השרת... און די מלכה שבת, וואָס איז אַזוי פרעכטיק באַזונגען געוואָרן פון היינריך היינע, ווערט אַרויסבאַגלייט שבת פאַרנאַכט מיטן אומעטיקן ניגון פון שלוש־סעודות. צווישן פרייטיק און שבת פאַרנאַכט, צווישן די צוויי בין־השמשותן האָט זיך אָפּגעשפילט אין דער יידישער שטוב די דראַמע פון שבת. איר אָנקום און אַרויסבאַגלייטונג. ס'טויכן אויף בילדער און שטימונגען פון שבת־פאַרנאַכט.

דער טאַטע איז נאָך „מנחה" געקומען פון „שטיבל". די מאַמע האָט צוגעגרייט צוויי חלה'לעך, אַ מעסטעל זאַלץ, שיריים פון שבתדיקע מאכלים; אָדער קאַלטע זויערמילך (זומערצייט). די פאַרנאַכטיקע שאָטנס ווערן וואָס אַמאָל געדיכטער — ממש דריקנדיק אויפן האַרצן. דער טאַטע זיצט ביי שלוש־סעודות מיט עטלעכע חסידים און זינגט „בני היכלא" מיט אַ מעלאַנכאָלישן ניגון פון לובאַוויטשער רבין, אַ ניגון וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט צום געמיט פון אַ שבתדיקן בין־השמשות. די אומעטיקע טענער פונעם ניגון צעטראָגן זיך אין גאַס און וואַרפן אָן אַן אימה אויף אונדז יונגע קינדער, וועלכע זיצן צוזאַמענגעטוליעט אויף אַ בריקל און דערציילן זיך מעשיות. מיר הערן זיך צו, ווי די מאַמע זאָגט שפּעטער איר האַרציק געבעט „גאָט פון אברהם" און מיט אונדזערע קינדערשע בליקן באַגלייטן מיר צוריק אין „שטיבל" דעם טאַטן מיט די עטלעכע חסידים, וואָס גייען פאַמעלעך מיט מיושבדיקע טריט.

שפּעטער, דער טאַטע איז צוריק פון „שטיבל". ער מאַכט „הבדלה" און פאָרעט זיך אויפצושטעלן טישן צו אַ מלווה־מלכה־סעודה, וואָס קומט פאָר ביי אונדז אין שטוב (יעדן שבת־צו־נאַכטס ביי אַן אַנדער חסיד). אונדזער גרויסע שטוב ווערט פול מיט חסידים, אַלטע, מיטעלע און גאָר יונגע. אין קיך רודערט זיך, עס קאָכט זיך אַ גריץ, די מאַמע פּאָרעט זיך ביי הערינג. עס ווערן אויסגעלייגט שטיקלעך פיש, פלייש, לונג, קאָפּ־פלייש, וואָס חסידים האָבן מיטגעבראַכט צו דער סעודה פון דוד המלך.

דער עולם ווערט דערוואַרעמט ביי אַ ביסעלע י"ש, טאַקע 96־ער, וואָס יאָסל דוד האָט געשטעלט. דער טאַטע הייבט־אָן עפּעס צו דערציילן פון „ישמח ישראל". מענדל משגיח וואַרפט עפּעס אַריין וועגן רבינס ברודער־זון ר' פייוועלע, וואָס איז אַזוי יונג נפטר געוואָרן, און פינחס דער כהן ברענגט אַ פּסוק פון משלי, אָבער פייוויש מלמד טוט אַ גרויסן שמעק טאַבאַק און האַקט איבער פינחסן: „אויף אַלץ האָסטו אַ פּסוק אין משלי"...

מנחם פרידמאַן טוט זייטיק אַ דריי מיטן קאָפּ „נו וואָס אַרט אייך דער פּסוק?" און הייבט־אָן רעדן פּאָליטיק. עס גייט אַוועק אַ שמועס וועגן די שווערע צייטן, „גראַבסקיס עגלה", די קינדער רייסן זיך אין דער וועלט... דער עולם ווערט אַביסל אומעטיק, אָבער דאָ גיט מענדל ליבערץ אַ קלאַפּ אין טיש... חיים בערל זינג אליהו'ס. דער טאַטע הייבט־אָן זינגען און עס צעגייט זיך איבערן שטוב דער געבעט, די בענקשאַפט נאָך אליהו התשבי, ער זאָל וואָס שנעלער קומען. צוערשט שטיל, אָבער וואָס ווייטער ווערט דאָס געזאַנג שטאַרקער. עס זינגט שוין מיט דער גאַנצער עולם, וואָס בעט זיך ביי אליהו ער זאָל שוין קומען מיט דער גוטער בשורה פון טרייסט און פון אָנקום פון משיחן... שפּעטער, מען דערלאַנגט נאָך משקה באַגלייט מיט מעשיות פון „גוטע יידן". אַלטע חסידים דערמאָנען דעם „ביאַלער" און ס'פאַרציט זיך די מלווה־מלכה ביז פאַרטאָג. אומזיסט פלעגט די מאַמע זיך בעטן ביי אונדז קינדער מיר זאָלן גיין שלאָפן. מיר האָבן נישט געוואָלט הערן פון דעם! אונדזער קינדערשע נשמות האָבן ווי אַ שוואָם אַריינגעזאַפּט די פריילעכדיקייט און לעבעדיקייט פון אַ חסידישער מלווה־מלכה, פון יום־טובים, בעת וועלכע מיר האָבן דורכגעלעבט דערהויבענע גליק־שעהן פון אונדזער קינדהייט אין אָסטראָלענקע, און ווען כ'שילדער אָט די פאַרשידענע מאָמענטן אין מיין פאָטערס הויז זע איך דורך זיי אונדזער אַלטע היים — אינדזער אלעמענס היים אין אָסטראָלענקע — וואָס האָט אונדז געגעבן פרייד און צער, ליכט און שאָטן, ווו אַן עדה יידן האָט אויף איר איינגענאַרטיקן שטייגער געפירט אַ פולסירנדיק יידיש לעבן ביז די האַק פון רוצח האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער איר...

*

עטלעכע ביאָגראַפישע פרטים פון פאָטער ע"ה.

ער איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָלענקע אין 1881. דער זיידע ר' שמואלקע האָט אַ סך האָפענונגען געלייגט אויף אים און ער איז טאַקע געוואָרן דער ממלא מקומו פון זיידן. די עלטערע יידן געדענקען זיכער אָט די מערקווירדיקע פערזענלעכקייט, וואָס האָט נישט נאָר געשטאַמט פון גרויסן חסידישן יחוס, נאָר אויך געהאַט יחוס־עצמו... איך געדענק אים

קוים — ער איז אוועק פון אונדז, ווען איך בין געווען זייער יונג — אָבער דאָס וואָס איך האָב געהערט דערציילן פון פאַרשידענע מענטשן וועגן זיין כאַראַקטער און גייסטיקן מהות האָט מיר געגעבן אַ שליסל צו זיין פערזענלעכקייט. דער טאַטע האָט זייער פיל שטריכן געירש'נט פון אים (שטרענגקייט און סבלנות'דיקע מילדקייט, ערנסטקייט און געמיטלעכקייט, שאַרפזין געפאָרט מיט טיפער לעבנס־חכמה א. אַז. וו.) אָבער אין זיידנס טיר האָבן קיין צוויי וועלט־מלחמות נישט אָנגעקלאַפט, ער האָט קיין וואַנדערשטעקן אין האַנט אַריין נישט גענומען און זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן, ביזן טיפן עלטער, אין אָסטראָלענקע. דער פאָטער איז בעתן ערשטן וועלט־קריג — אין שיין פון די שריפות אַרום אונדזער און אַנדערע שטעט — אַוועק קיין רוסלאַנד מיט דער פאַמיליע, דורכגעלעבט דאָרט די טראַגישע יאָרן פון בירגערקריג, פאָגראָמען, עפידעמיעס און הונגער. מחמת דידאָזיקע סיבות געוואַנדערט און געלעבט אין פאַרשידענע רוסישע שטעט (לעבעדיאַן, ליפעצק, וויטעבסק), און אין יעדער שטאָט טעטיק געווען אַלס שוחט, חזן און מוהל. ביז דער רעוואָלוציע איז ער געווען פאָרשטייער פון „ביעזשענצעס" (אין לעבעדיאַן). אויף די צוזאַמענפאָרן אין מאָסקווע האָט ער זיך נאָענט באַפריינדעט מיט הרב מזא"ה ז"ל, וועלכער האָט שטאַרק געשעצט דעם טאַטנס גייסטיקע „קוואַליטעטן". אויף יענע צוזאַמענפאָרן האָט דער פאָטער „אַנטדעקט" אַז ער איז אַ רעדנער (זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די דעלעגאַטן און געסט). זיינע שריפטלעכע באַריכטן פון די צוזאַמענפאָרן — איך האָב זיי געלייענט מיט פיל יאָרן שפעטער — האָבן אָנגעוויזן אויף אַן אייגנאַרטיקן עסייאיסטישן סטיל.

ענדע 1921 רעפאַטריאירט קיין פוילן, צוריק אין אָסטראָלענקע, ווו עס האָט אים געצויגן די אַלע יאָרן פון זיין זיין אין רוסלאַנד. אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, אין בעסערע און ערגערע באַדינגונגען, זיך אויסגעלעבט אַלס כלי־קודש. זיינע מוהל־קוואַליפיקאַציעס — שוין נישט רעדנדיק פון שחיטה — האָבן געהאַט אַ שם ווייט אַריבער די גרענעצן פון אָסטראָלענקע (עטלעכע מאָל אַרויסגערופן געוואָרן אַלס מוהל אפילו קיין לאָמזשע). ער איז געווען אַ האַרציקער מאַן און פאָטער. כאָטש ס'איז אים אַזוי פרעמד געווען — צוליב זיין אָרטאָדאָקסיש־טראַדיציאָנעלן וועלט־באַנעם — די נייע „איזמען" וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן איבערצואַנדערשן דאָס יידישע (און אַלגעמיינע) לעבן, האָט ער אָבער מיט טאָלעראַנץ זיך באַמיט תופס צו זיין דעם ביטחון אין דעם פונק פון פרייד, וואָס היינטוועלטיקייט זאָגט־צו דעם יונגן דור...

דעם לעצטן מאָל האָב איך אים געזען פאַר מיין אָפפאָר קיין אויסטראַליע אין דעצעמבער 1937. אין אַ פראָסטיקן פאַרטאָג האָבן מיר געוואַרט אין קאצינעס אויפן אָנקומענדיקן צוג, וואָס האָט זיך אַביסל פאַרשפעטיקט. דער טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אומעטיקער, אַ שווייגעוודיקער מיט אַזוי פיל צער אין די אויגן ווי ער וואָלט געאַנט פון אָנקומענדיקן שטורעם... „איר דאַרפט זיך דאָך פרייען, ר' חיים בער, וואָס אייער זון פאָרט אַוועק אין אַזאַ טייער לאַנד", האָט אַ באַקאַנטער אַ זאָג געטאָן צום פאָטער. „יאָ, מען זאָגט מיר עס פון אַלע זייטן, אָבער איך פיל"... און דאָ האָט דער פאָטער אָפגעהאַקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עס אַרויסצוברענגען פאַרן מויל. איך האָב געפילט, אַז די ווערטער בריען אים אין האַלדז. אַ וויילע שפעטער האָט ער, כדי צו ענדערן די שטימונג, אָנגעהויבן צו ברענגען אַ מאמר חז"ל, וואָס טייטשט אויס סימבאָליש דאָס געבורט פון אַ קינד. — פאַרוואָס, פרעגט די גמרא, קומט אַ ניי געבוירן קינד אַרויס פון זיין מוטערטראַכט מיט צונויפגעקוועטשטע הענטלעך? ווייל דאָס קינד קומט איינצונעמען די וועלט. ביים טויט ווידער האַלט דער מענטש זיינע הענט אויסגעצויגן ווי ער וואָלט געזאָגט: „זעט, איך נעם מיט זיך גאָרנישט מיט", אין דאָס לעצטע איז פאַראַן סימבאָל אין טיפער אמת. אָבער בנוגע געבורט, האָט דער טאַטע פאָרגעזעצט, געפעלט מיר בעסער אַן אַנדער מימרא. די צונויפגעפרעסטע הענטלעך באַדייטן, אַז דאָס קינד קומט נישט ווי אַן אָפגעריסן בלעטל, נאָר מיט אַ שטיק געשיכטע אין וועלכער ער דאַרף זיך דערקענען. און ווענדנדיק זיך צו מיר האָט דער טאַטע באַמערקט: „פאָרסט אַוועק אין אַ פרעמד לאַנד טראַכט זיך נישט, אַז דו קענסט דאָרט זיין ווי אַן אָפגעריסן בלאַט. נעמסט־מיט מיט זיך זכרונות און בילדלעך, זעאונגען און איבערלעבונגען — אַ שטיק געשיכטע און קולטור אוצר אין וועלכער דו דאַרפסט זיך אידענטיפיצירן און דערקענען דיין שטאַם"...

דער צוג איז אָנגעקומען, און מיר האָבן זיך רירנדיק געזעגנט אויף אייביק...

*

אין סעפטעמבער 1939 האָט ער מיט דער מאַמען און צוויי יינגערע שוועסטער דורכגעמאַכט די מאַרטיראָלאָגיע פון אויסגעשאָכטענעם יידישן פאָלק. דער שבעה־מדורי־גהינום־וועג האָט זיך געצויגן דורך לאָמזשע ביז מאָלטשאַדט (ביי באַראַנאָוויטש). אין די ערשטע מאָנאַטן פון נאַצישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד (1941) זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה פאַרוואָגלטע אָסטראָלענקער...

*

אין דער פאָרם פון אַ ד' ציט זיך אַ גרויסער יידישער מאַסן־קבר לעבן מאָלדשאַדט. עס ליגן דאָרט אונדזערע קדושים און מאַרטירער. ביים שרייבן די לעצטע טראַגישע שורות, קאָן איך נישט אָפרייסן דעם בליק פון מיין פאָטערס בילד אין ס'טויכן אויף די דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן. אַ שבת־צו־נאַכטס דער טאַטע גייט אַרום איבערן שטוב און זאָגט אַן אויפגעלייגטער „ויתן לך" — — גאָט וועט דיר געבן דעם טוי פון הימל און דאָס בעסטע פון דער ערד... פעלקער וועלן דיך דינען און דיינע קנעכט זיין..." „גאָט האָט דיך אויסגעוויילט, ציטער נישט, יעקב".

— — — — — — — — — — —

און אויף דער ערד ביי מאָלדשאַדט זענען נאָך לאַנגע אַכזריות'דיקע שווערע עינויים געקומען צו קבר־ישראל מיינע טייערסטע און אומפאַרגעסלעכע, דער פאָטער חיים דוב, די מוטער חיה ביילע, און די יינגערע שוועסטער פייגע און רייזל.

זאָלן די שורות דינען ווי אַ מצבה צו זייער אָנדענק.

יצחק קאהאן

הרב יעקב הערש צימערמאן*) (לאנדאן)

אמאליקע אסטראלענקע

ווער עס האָט געקענט אָסטראָלענקע מיט אירע בעלי בתים, לומדים, חסידים, נגידים, און „עמך"־יידן; אירע אינסטיטוציעס, שולן, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך, חברות, תלמוד־תורה, ישיבה, הקדש א. אַז. וו. — דער קאָן אָפּשאַצן, וואָס עס הייסט חורבן אָסטראָלענקע.

אָסטראָלענקע איז געווען פון יענע שטעט אין פוילן, וואָס האָבן געשמט מיט אירע בעלי־בתים, תלמידי־חכמים, עסקנים, אינטעליגענץ און יראי ה'. די שטאָט איז געווען באַפעלקערט מיט עטלעכע טויזנט יידישע פאַמיליעס (וואָס האָבן אויסגעמאַכט ביי 50% פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער), און אַלע האָבן געלעבט ווי איין גרויסע משפחה. אפילו די מחלוקתן, וואָס פלעגן דאָרט פאָרקומען (צוליב אַ רב, אַ דיין, אַ שוחט, קהילה וואַלן, סיים־וואַלן, אָדער אפילו צוליב אַ בעדער אין דער נייער מאָדערנער מקוה אין שוויץ־באָד, ווי אויך צוליב גבאות אין שול און אין די חברות), זענען דאָס געווען ווי קריגערייען צווישן די ווענט פון אַ פאַמיליע. גלייך ווי דער קאַמף האָט זיך געענדיקט איז געוואָרן צוריק שלום ושלווה. די סיבה איז געווען אַ גאַנץ פשוטע: קיין באַזונדערע מחיצות צווישן איין גרופּע און אַ צווייטע זענען נישט געווען, די הויפּט מחיצה צווישן יידן איז בעיקר געווען: דער דת, אין אָסטראָלענקע אָבער איז דאָס כמעט ווי נישט געווען. זעלטן ווער עס האָט מחלל שבת געווען בפרהסיה; אויב עס האָט עקזיסטירט אַ חברה „שומרי שבת", האָבן זיי זיך בעיקר באַשעפטיקט מיט צוויי זאַכן: אַכטונג געבן אויפן „עירוב" אין אויף די בעקערס, זיי זאָלן נישט פאַרוקן דעם טשאָלנט שפּעט אין שבת אַריין. וואָס אָנבאַלאַנגט כשרות, איז כמעט נישט געווען קיין יידישע שטוב מ'זאָל צווייפלען, צי מען מעג דאָרט עסן. טהרת־המשפחה איז געוואָרן אָפּגעהיט אפילו אין די פרייעסטע הייזער. און מישטיינס געזאָגט וואָס האָט דאַן געהייסן אַ „פרייער" — ווען איינער, למשל, האָט געטראָגן אַ שטייפן קאָלנער און געפּרעסטע הויזן. אפיקורסים געדענק איך אין מיין צייט דריי, צוויי „גאַנצע" און איין „האַלבער". 2 זענען געגאַנגען „אָן בערד", דער דריטער האָט זי צוגעשוירן און אַלע 3 זענען געווען קורץ געקליידט, דאָס זענען געווען: דער דאָקטאָר, דער אַפּטייקער און דער אַדוואָקאַט.

דאָס איינציקע וואָס עס איז צו זאָגן וועגן אָסטראָלענקע: עס איז געווען אַ צענטער פון תורה און חסידות. אָסטראָלענקע האָט געהאַט די גרויסע שול, ווו מ'פלעגט דאַוונען נאָר שבתים און ימים טובים. אויפן זעלביקן הויף איז געשטאַנען דער גרויסער בית המדרש, ווו מ'האָט געדאַוונט יעדן טאָג און אַ גאַנצן טאָג; עס הייסט: אָנגעהויבן האָט מען דאַווענען, ווען עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגן, אַזוי ביז זייגער 1 מיטאָג. נאָך 1 האָט מען אָנגעפאַנגען תפילת מנחה, אָן אַן אויפהער, דערנאָך מעריב, אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז אַ פאָר שעה אין דער נאַכט אַריין. ביים בית המדרש איז געווען אַ מקום־תפילה, וואָס מ'האָט עס גערופן „קהל־שטיבל", דאָרט האָבן געלערנט „חברות"; פאַרטאָג און בין מנחה למעריב: משניות, עין יעקב, גמרא, חיי אדם.

עם־הארצים, וואָס זאָלן נישט האָבן געקענט קיין צורה פון אַן אות, זענען כמעט ווי נישט געווען. עס האָבן שוין דערפאַר געזאָרגט געוויסע טייערע יידן, חשובע שטאָט־בעלי־בתים, יודעי־תורה. איינער פון זיי איז געווען ר' מרדכי פאַרבער ז"ל. אַ ייד, אַ למדן, וואָס האָט נישט געוואָלט מאַכן פון דער תורה אַ „קרדום לחפור בה", האָט ער אָנגעפירט אַ פאַרבעריי מיט זיין פרוי ע"ה, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער אַרבעט. ער האָט בלויז נאָר אַ פאָר שעה אין טאָג געהאָלפן אין פאַבריק. האָט ער, ר' מרדכי ז"ל, איינגעפירט שיעורים פאַר בחורים און יונגע לייט בעלי־מלאכות און הענדלער**. ביי זיינע שיעורים זענען געזעסן 3 דורות. טייל פון זיינע תלמידים האָבן דערנאָך אַליין געלערנט מיט די „חברות". עס איז נישט געווען כמעט קיין איין בעל־מלאכה אין שטאָט, וואָס האָט נישט באַזוכט ווייניקסטנס איינע פון זיינע 3 טעגלעכע שיעורים: פאַרטאָג, בין־מנחה־למעריב, און 8 אַזייגער אין אָוונט.

אין מיין צייט זענען געווען אין אָסטראָלענקע ביי 100 יונגע לייט קעסט־קינדער, וואָס זענען געווען אָנגעלענט ביי זייערע שווער־און־שוויגערס טישן. ווייל אפילו דער פשוטסטער בעל־הבית האָט זיך באַמיט צו קריגן אַן איידעם אַ בן־תורה. די דאָזיקע יונגע לייט האָבן מערסטנס געלערנט אין די חסידישע שטיבלעך, געלערנט יומם ולילה און מיט גרויס התמדה. אין גערער שטיבל איז געווען ביי 300 מתפללים, אַלע חסידים זענען דאָרט געווען לומדים און בני תורה. אַ סך פון זיי זענען געוואָרן אָנגעזעענע רבנים. ווי: ר' הערש־לייב, אפרים גאָלדבראַכס אַן איידעם, רב אין שפּרעווו; ר' בעריש, אַן איידעם פון פּרומקיס, רב אין רעצונז; ר' אפרים פערלמוטער (באַקאַנט געווען: אפרים שמואל יצחקס), מורה הוראה אין טשעכינאָווע.

בעל הבתישע לומדים־חסידים זענען ווערט ספּעציעל דערמאָנט צו ווערן: וועלוול נאָסקעס, בן ציון צוקראָוויטש, לייזער מינץ, אברהם מלינאַרזשעוויטש (באַקאַנט געווען: אברהמל דודס), מענדל צוקער (אָנגעפירט מיט דער ישיבה), שלמה סאַפיר, שמואל ברוך לאַנדאו און אַנד.

*) 32 יאָר רב אין לאָנדאָן. דאָס ערשטע רבנות איז געווען ביי „אגודת ישראל", דערנאָך אין אַן אַנדער שול. היינט צוטאָג: יושב־ראש פון ראַבינאַט ביי דער פעדעראַציע פון די שולן.

** אַ האַלבע שטאָט זענען געווען זיינע תלמידים. נישט געצויגן דערפון, חלילה, קיין פרנסה. אדרבא, עס האָט אים נאָך געקאָסט אַ סך געלט דאָס „עסק". ער וואָלט געקאָנט באַקומען די שענסטע רבנות. נאָר ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין רב צוליב זיין שטאַרקער הצנע־לכתדיקייט.

הענעך גינגאָלד (סידני, אויסטראַליע)

אַסטראַלענקע וואָס איז שוין מער נישטאָ

ווען מען מאַכט דעם סך־הכל פון אַ שטאָט, אַ עיר ואם בישראל, וואָס איז שוין מער נישטאָ און אַז די שטאָט איז דווקא געווען דײַנע, אין וועלכער דו ביסט געבוירן און דערצויגן געוואָרן — כאַפּט דיך אָן אַ טיפֿער באַגער אַפּוירצוברענגען זאַכן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דײַן זיכרון, כדי דאָס צו פֿאַראייביקן אין עפּעס אַזוינס מצבה׳דיקס, אַז עס זאָל בלײַבן פֿאַר אַ זכר־עולם. טיפּן, גאַסן, בילדער, מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפֿן, אָרגאַניזאַציעס א.אַז.וו. א.אַז.וו. — דאָס אַלץ ווערט דיר אָן אַ שיעור ליב און אָן אַ שיעור טײַער, וועלנדיק עס פֿאַראייביקן אי פֿאַר זיך, אי פֿאַר די קומענדיקע, נאָכדעם ווי די מערדערישע נאַצי־האַנט האָט דאָס אַלץ פֿאַרניכטעט און אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

איך וויל דאָ דערמאָנען אייניקע אָסטראָלענקער טיפּן ווי אויך עטלעכע עפּיזאָדן, וועלכע זענען מיר געבליבן אין זיכרון.

אונדזער שטאָט אָסטראָלענקע איז געווען באַשאָנקען מיט וויכטיקע, ערנסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זייער פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר דער שטאָט. אָבער ס׳זענען אויך געווען דאָרט מענטשן, ווי מען זאָגט, „ליידיקגייער", וועלכע פֿלעגן שטאַרק פֿאַראינטערעסירן די שטאָט און זײַן אויפֿן „טאָג־אָרדענונג". ווער פֿון אונדז האָט נישט געקענט, למשל, די צוויי שטאָט־לצים: פּיניע געדאַנקען און דן קאַכאַן, וועלכע האָבן די לעצטע יאָרן כמעט ווי גאָרנישט געטאָן, חוץ זײַן אַ יאָר־עדות, דורכפֿירן אַ שטיקל מעקלערײַ, זאָגן אַ קדיש נאָך אַ נפֿטר, איז זייער הויפּט־פּראָפֿעסיע געווען: מאַכן פֿריילעך אין שטעטל... פּיניע און דן — צוויי חברים, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען, שפּאַצירט איבער די גאַסן צוזאַמען.

דאָס דאָזיקע פּאָרל האָט תּמיד געזוכט ווי אָפּצוטאָן זייערע „שפּיצלעך". און אַז מען זוכט געפֿינט מען...

אויך האָט אָסטראָלענקע פֿאַרמאָגט טיפּן פֿון יידישע בוימייסטער. אָט איז ר׳ אברהם־אהרן דער מוליאַר, אַ יידישער מויערער, וואָס איז אַוועק נאָך ארץ־ישראל מיט זײַנע זין, אין די יאָרן 1924—5. אָט איז לייבל קאָרמאַן, גערופֿן האָט מען אים לייבל טראָצקי (פֿאַר וואָס ווייס איך נישט). צייטנווייז האָט מען געמיינט, אַז אָן אים קאָן מען קיין הויז נישט בויען. אַ ייד, אַ הויך־ווּקסיקער, אייביק, געדענק איך, פֿלעגט ער אַרײַנקוקן אין בוי־פּלענער. ער האָט מיר באַזונדער אימפּאָנירט בעת מ׳האָט געבויט משה שאַפּראַנס הויז, נאָר אַממערסטן פֿאַרהאַוועט איז ער געווען, בעת מען האָט געבויט די נייע מקווה. דעמאָלט האָט מען שוין צו אים נישט געקאָנט רעדן. דאָס איז געווען אַ מין העכערע אונטערנעמונג. עס האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט פּאַרע, מיט קעסלען, מיט פּאָמפּעס, מיט ספּעציעלע וואַנעס, מיט נאָך און נאָך פֿאַרשידענע קאָמפּליצירטע זאַכן. אָבער דאָ האָט ער שוין געהאַט צו הילף אַן עקספּערט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן און געהאַלטן אַן אויג איבער דער גאַנצער אונטערנעמונג. דאָס איז געווען ר׳ חיים פּנחס גינגאָלד, מײַן פֿאָטער ז״ל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פּעדאַנט און געווען באַהאַוונט אין די ענינים (וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען דאָ צו רעדן).

אָסטראָלענקע האָט אויך געהאַט איר „שטאָט־חכם", דאָס איז געווען „משה סעכטאָני". פֿונוואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ נאָמען, ווייס איך אַליין נישט, נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט עס געהאַט צו טאָן מיט אַ זאַך פֿון דער שחיטה...

„משה סעכטאָני" איז געווען אַ זון פֿון ר׳ פֿייוול־לייב־הערץ, וואָס האָט געשפּילט פֿאַר אַ סך אָסטראָלענקער יידן די ראָל פֿון אַ „דאָקטער". געווען אַ גוטער באַנקע־שטעלער און לעוואַטיוור־מאַכער, פֿלעגט אויסהערן דאָס האַרץ ביי אַ חולה אויף אַ פּרימיטיוון אופֿן און זיך באַגאַנגען מיט הייל־מיטלען, אפֿילו ווען עס איז אַרויסגעקומען נישט אַזוי „גלאַט־כשר" פֿון דעם מעדיצינישן שטאַנדפּונקט... ווען עמעצער, למשל, האָט זיך צוגעקילט דעם האַלדז און געדאַרפֿט מען זאָל אים „לאַפּעסירן", האָט פֿייוול־לייב־הערץ געהאַט מיט זיך שטענדיק גרייט אַ שטיקל וואַטע. נישט דערפֿאַר ווייל ער האָט מיט

יעדער אָסטראָלענקער בעל־הבית האָט געזוכט צו האָבן אַן אורח אויף שבת אָדער יום טוב (אין פּוילן פֿלעגן זײַן אַ סך וואַנדערנדיקע אָרימעלײַט, ווי אויך יידישע סאָלדאַטן פֿון דער פֿרעמד, וואָס האָבן „געדינט" אין אָסטראָלענקע).

די אָרימסטע בעלי־בתּים פֿלעגן געבן ישיבה־יינגלעך אַ טאָג אָדער 2 טעג אין דער וואָך צום עסן. כאָטש די דירות זענען נישט געווען צו באַקוועם, דאָך האָבן אַלע ישיבה־תּלמידים באַקומען ערטער צום שלאָפֿן, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אָן שום געצאָלט. (עס איז כּדאַי מפֿרסם צו זײַן: אין ירושלים געפֿינט זיך אַ ייד אַ זקן, אַן אָסטראָלענקער, אברהם ברום. באַקאַנט געווען אין אָסטראָלענקע פֿאַר אברהמל ישראל יצחקס. געווען אַ מלמד. אַ גרויסער תּלמיד חכם און אָפּגעהיטענער ייד. אַ גערער חסיד, וועמען דער גערער רבי, וואָס געפֿינט זיך אין ירושלים, איז גאַנץ אָפֿט מבקר).

שטאַרקער דערפֿילן מיר דעם חורבן אין האַרצן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס אַלץ איז שוין פֿאַרבײַ און ס׳איז דערפֿון היינט קיין זכר נישט געבליבן. עס מאָנט אין אונדז אַ געוואַלדיקער רצון: דאָס דאָזיקע טײַערע קדושה־לעבן פֿון אונדזערע אומגעקומענע בני־עיר — צו פֿאַראייביקן לזכר עולם אין אַ יזכּור־מצבה און דאָס שטענדיק צו געדענקען, קיין איין מינוט, חלילה, אין דעם נישט צו פֿאַרגעסן, מקיים צו זײַן ווי עס שטייט: „זכור את אשר עשה לך עמלק!"

השם ינקום את דמם!

זיך מיטגעטראָגן אַ רענצל פון „ערשטער הילף", נאָר גאַנץ פּשוט, אַזוי ווי ער האָט געטראָגן אַ וואַטענעם פּאַלטאָ, פלעגט ער אַלע מאָל, ווען ער האָט נאָר באַדאַרפט, פון דאָרט אַרויסציִען אַ שטיקל וואַטע... און אַ שטעקעלע אויף וואָס אַרויפצוּוויקלען דאָס שטיקל וואַטע, האָט אויך נישט געפעלט. אין וועלכער שטוב, למשל, האָט אויסגעפעלט אַ בעזים? אָפּגעבראָכן אַ ריטל פון אַ בעזים, אַרויפגעוויקלט די וואַטע, עס איינגעטונקט אין יאָד — און דער קראַנקער איז גלייך געהאָלפן געוואָרן. ער פלעגט אויך פעסטשטעלן, צי דער קראַנקער דאַרף באַנקעס אָדער ער דאַרף זיך נאָר בלויז „גוט אויסשמירן". מען פלעגט זיך אויך מיט אים מיישב־זיין וועגן אַ דאָקטער, ווען די לאַגע פלעגט ווערן ערנסט. בדרך כלל איז ער געווען באַהאַוונט אין די דאָזיקע זאַכן. מען פלעגט דערציילן, אַז אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, האָט ער געאַרבעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל און דאָרט האָט ער געכאַפּט די תורה. אַ גאָר־וווילער ייד איז געווען ר' פייוול. עפּעס אַ מין למד־וו'ניק וואָלט איך זאָגן, איז אין אים געזעסן... ווען ער פלעגט קומען צו אַ קראַנקן און אים געגעבן זיין הילף, איז וויפל מ'האָט אים דערפאַר געצאָלט איז געווען גענוג. אין אָרימע מקומות, ווו מ'האָט אים גאָרנישט געקאָנט צאָלן, פלעגט ער ביים אַוועקגיין צולייגן אַ היפּש ביסל ברכות, אָנווינטשן דעם קראַנקן און קומען פאַר דעם זעלבן „געלט" נאָך אַמאָל מבקר חולה זיין. צום שבח פון דעם דאָזיקן יידן, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט פיל בייגעטראָגן צו העלפן די אָרימע יידן אין אָסטראָלענקע אויפן דאָזיקן געביט.

אין קאָנטראַסט צו אים און צו זיין באַשיידנקייט, איז געשטאַנען זיין זון „סעכטאָני", וועלכן מ'האָט אין שטאָט גערופן „דער קוריער". אַלע סענסאַציעס פון שטאָט פלעגט ער צוטראָגן. נייעסן, וואָס קינדער אין די וויגן האָבן שוין געוווּסט, פלעגט ער זיך מיט זיי נאָך אַלץ אַרומטראָגן. גאָרנישט איז ביי אים פאַרלוירן געגאַנגען.

אויך איז אָסטראָלענקע געווען באַגאַבט מיט אָריגינעלע פאַמיליע־נעמען, ווי: מה טובו, אדון עולם, תהילים, מלאך, משניות, ישמח און אַנדערע.

איך וויל דאָ גראָד דערמאָנען איינעם פון דער פאַמיליע ישמח, געווען פון מיינע בעסטע חברים, דאָס איז שמואל־לייבל ישמח. פון פאַך געווען אַ זייגערמאַכער, אַ פאַך, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין זייער פאַמיליע. געווען אַ גוטער פאַכמאַן, נאָר אָנשטאָט אַרבעטן געווען פאַרטאָן ראשו ורובו אין דער פאַרטיי (רעכטע פועלי־ציון) און אין דער פּאָליטיק. געווען אַ גוטע נשמה, געהאַט אַ טייער האַרץ. אייביק געזוכט יושר און גערעכטיקייט. פיל בייגעטראָגן צו דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אָסטראָלענקע, פלעגט אַנטקעגנטראָגן זיין הילף צו נויטבאַדערפטיקע מיט פיל איבערגעגעבנקייט און גוטן ווילן. זיינע ברידער: חיים (היינט אין אַמעריקע), אַ ברודער, וואָס האָט געאַרבעט ביי יאַבעקן (פאַרגעסן זיין נאָמען), אַנטשל (געווען אַ היטלמאַכער) און זיינע צוויי שוועסטער — האָבן אַלע געהערט צום „פועלי־ציון".

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ געוויסן אָסטראָלענקער וואַסערטרעגער מיט נאָמען בנימין. געווען אַ הויכער ייד מיט ברייטע פּלייצעס און אַ שוואַרצער באָרד. אויסגעזען ווי אַ למד־וו'ניק (איך פלעג אין אים זען דעם אמתן „באָנטשע שווייג"). נישט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט עמעצן באַליידיקן, חלילה, אָפּגעטראָגן דאָס וואַסער — געגאַנגען גלייך אין בית־המדרש: צו מנחה־מעריב און זיך צוגעהערט צו אַ שטיקל משניות, וואָס מרדכי דער פאַרבער (איגלעוויטש) האָט געלערנט פאַרן עולם. און אַזוי יעדן בין־מנחה־למעריב. אינדערפרי אויפגעשטאַנען צום ערשטן „מנין". שבת־קודש בייטאָג איז ער, אַן אויסגערוטער פון דער גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט, אַוועק אין בית־המדרש הערן פּרק, וואָס מרדכי דער פאַרבער האָט געלערנט מיט די אָסטראָלענקער יידן. ערלעך און ריין האָט בנימין דער וואַסערטרעגער געפירט זיין לעבן. ווי אַזוי ער האָט פאַרענדיקט און וואָס עס איז מיט אים געוואָרן — ווייס איך נישט.

נאָר ווען איך האַלט ביי אַזאַ ערלעכן טיפּ ייד, דערמאָנט זיך מיר נאָך אַזאַ מין ייד, וואָס איז כדאי צו דערמאָנען, דאָס איז חיים וועלוול מלאך. גערופן האָט אים שטאָט: חיים וועלוול דער „פלעטער". זיין מסחר איז באַשטאַנען פון אויספלעטן אַ ספר, אַ זאַץ חומשים און אַנדערע אַזעלכע זאַכן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן זיין „עשירות" און דערצו געהאַט גאָר נישט קיין קליינע פאַמיליע. נאָר דערפאַר האָט שוין דאָס גערעדער שטיבל געזאָרגט, אַז ער זאָל האָבן אויסצוקומען די וואָך. געווען אַ בן־תורה, אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט. אַ ייד, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן, אַז עס עקזיסטירט שלעכטס אויף דער וועלט, קיינמאָל נישט באַקלאָגט זיך, חלילה, און נאָר געבעטן פאַרן כלל ישראל.

פון די אָסטראָלענקער מלמדים האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זיכרון נאָר צוויי, ביי וועלכע איך האָב געלערנט, און איך געדענק זיי מיט גרויס כבוד און דרך־ארץ. דאָס זענען געווען דוד ליכטנשטיין און מאיר־יאַנקל בלומענקראַנץ. דוד ליכטנשטיין איז צו יענער צייט געווען נאָך אַ יונגער מענטש און האָט פאַרמאַגט אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן ווי אַזוי משפּיע צו זיין אויפן תלמיד און אויף זיין ווילן צום לערנען. עס איז פּשוט געווען אַ פאַרגעניגן צו זיצן ביי אים אין חדר. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ סוחר און ס'איז אים נישט שלעכט געגאַנגען. מאיר יאַנקל בלומענקראַנץ איז געווען מיין לעצטער מלמד. כ'זאָג: לעצטער, ווייל ווען איך האָב שוין געאַרבעט ביי מיין פאַך, פלעג איך נאָך אַ צייט לאַנג גיין צו אים אויף אַ „שיעור", יעדן פרימאָרגן פאַר דער אַרבעט. געווען אַ מענטש, ווי מען זאָגט, „אַן אַ גאַל" און מיט אַזוי פיל פאַרשטאַנד פאַר קינדער. דעם טעם פון „שלאָגן" האָבן מיר ביי אים קיינמאָל נישט געוווּסט. ווען ס'האָט זיך אונדז, קינדער, נישט געגלוסט צו לערנען, ווי דער שטייגער, האָט ער אונדז גאָר נישט געטאָן אין די מאָמענטן, נאָר גענומען, זיך פאַרטיפט אין דער גמרא און מיט גרויס התמדה אַליין אָנגעהויבן צו לערנען, אַזוי, אַז מיר זענען שנעל מיד געוואָרן פון גאָרנישט טאָן. ער פלעגט צו אונדז זאָגן: „איר ווילט נישט לערנען — איז נישט, שטערט כאָטש מיר נישט אין לערנען". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אויף אונדז שטאַרק געווירקט און אַלע ווי איינער האָבן מיר זיך אַ נעם געטאָן גלייך צו דער

גמרא. זומער אין די גרויסע היצן, פלעגט ער אונדז לאָזן גיין אויף אַ שעה צייט צום טייך זיך באָדן. געוווינט האָט ער נעבן סאַיקעס מיל, זייער נאָענט פון טייך, און ווען מיר זענען פון דאָרט צוריקגעקומען אָפּגעפרישטע, האָט זיך עס גאָר אָנגעהויבן לערנען... דערש געלערנט. ער איז געווען אַן עלטערער ייד און געהאַט אַזוי פיל געדולד און געפיל פאַר זיינע תּלמידים.

יידן, וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָסטראָלענקער לעבן בכלל און אין דאָרטיקן יידישן לעבן בפרט, זענען געווען נישט ווייניק, אָבער איך וויל דאָ בלויז דערמאָנען אייניקע פון זיי. איינער פון די, וואָס איז מיר געווען אַמנאָענטסטן און האָב, פאַרשטייט זיך, גוט געקענט זיינע דרכים, איז געווען חיים פּינחס גינגאָלד, מיין פאָטער ז״ל. אַ מענטש, קאָן מען זאָגן, וואָס האָט באַגלייט די אָסטראָלענקער פון געבוירן ביז צום שטאַרבן, ווייל ער איז איינצייטיק געווען אי אַ מוהל, אי אַ חברה־קדישא־מאַן... שטענדיק געווען גרייט פאַר קהל. קומט, למשל, אַ ייד פון דאָרף, וואָס דאַרף מאַכן דעם ברית אום שבת, מעג עס זיין אין גרעסטן פראָסט אָדער אין גרעסטן רעגן־גוס, נעמט חיים פּנחס פרייטיק ביי טאָג, זעצט זיך אויף אַ וואָגן און פאָרט אין דאָרף. ער איז אויך געווען ראַטמאַן אין שטאָט־ראָט, פאָרשטייער פון דער „אגודה״.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען עס האָט זיך געשאַפן אין אָסטראָלענקאָ אַן אומזיסטע קיך פון „דזשאָינט״, ווו מ׳האָט געטיילט מיטאָגן פאַר אָרימע, האָט ער זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אַרבעט און געזען, אַז אַלץ זאַל פונקציאָנירן ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַז קיינער זאָל נישט ווערן געקריוודעט. ביי אים איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי יושר און דערנאָך רחמנות. דערפאַר איז ער נישט שטענדיק ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן, האַלטנדיק, אַז יעדער נויטבאַדערפטיקער איז אַ גלייכער יחסן צו דער הילף. שטיצע דאַרף זיין פאַר אַלע גלייך, נישט דעם — מער און אַן אַנדערן — ווייניקער, אָדער אינגאַנצן גאָרנישט. קיינער האָט נישט געקענט ענדערן זיינע פּרינציפּן אין לעבן, אפילו נישט זיין אייגענע פרוי. ער ווערט דאָזאָר אין דער קהילה, איז שטאַרק אַקטיוו אויף אַלע געביטן. ספּעציעל ווייזט ער אַרויס זיין טיכטיקייט ביים בויען דעם גרויסן בית־המדרש, די תּלמוד־תּורה און די מקווה. דאָ ווייזט ער אַרויס אַ באַזונדערע פעאיקייט און אַן אויסגעצייכנטן באַגריף אין די הלכות פון בויען. ער לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן. געניטע בעלי־מלאכות היטן זיך פאַר זיין גרויסער מבינות אויף אַרבעט. שפּעטער ווערט ער אויך פּרעזעס אין דער גמינע און פירט אָן מיטן יידישן לעבן אין דער שטאָט. עס מאַכן זיך פאַרשידענע סיכסוכים ווי דער שטייגער, אָבער ער פירט די ענינים מיט אַ פעסטער האַנט. ווער פון אונדז געדענקט נישט דעם באַקאַנטן סיכסוך מיט דער שחיטה *. אין גערער שטיבל איז ער אויך דער טאָנגעבער און אומעטום גיט ער אַכטונג, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין באַעוולטע. אורחים קומען שבת צום דאַווענען, זעט ער, אַז יעדער אורח זאָל האָבן וואָס צו עסן. ער גייט נישט פריער אַהיים ביז ער דערליידיקט די ענינים.

מיט דער צייט שאַפט ער אַ קאָמיטעט, וועלכער באַשטייט פון שטיבל־מענטשן (צוויי פון זיי געדענק איך, ווייל זיי זענען געווען מיין פאָטערס בעסטע ידידים: חיים עלקעס און וועלוול חאַצעק) און גרינדן צוזאַמען אַ גמילות־חסדים־קאַסע אָן פּראָצענט, ספּעציעל פאַר די שטיבלדיקע יידן, וועלכע געפינען זיך אין אַ „פאַראיינגטן״ מצב. יעדער שטיבלדיקער האָט זיך געמוזט באַשטייערן לטובת דער קאַסע ביז אַ זלאָטע אַ וואָך. (יעדער איינער האָט געמוזט צאָלן; אומפאַרמעגלעכע האָבן געצאָלט נאָר 20 גראָשן אַ וואָך). יידן פלעגן באַקומען צו הונדערטער זלאָטעס הלוואות אויף אויסצוצאָלן צו גאָר קליינע סומעס. די ליי־קאַסע האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ווי איך געדענק. דערנאָך האָבן דאָס איבערגענומען אַנדערע, די יונגערע פון שטאָט. איינער פון זיי איז געווען לייבל בארשטש. כדאי צו באַמערקן, אַז גיין צונויפנעמען די „וואָכערס״ פאַר דער ליי־קאַסע, פלעגט חיים פּינחס אַליין. עס זענען געווען, פאַרשטייט זיך, אַ סך יידן, וואָס האָבן געבראַכט צוטראָגן אַליין דאָס געלט. אַזוי האָט ער די גאַנצע יאָרן זיך געווידמעט פאַר דעם יידישן לעבן אין אָסטראָלענקע. יהי זכרו ברוך.

און ווייל איך דערצייל שוין דאָ פון מיין פאָטער, וויל איך אויך דערמאָנען מיט אַ פּאָר ווערטער מיין מוטער יהודית גינגאָלד ז״ל, וועלכע איז געווען, לויט מיין מיינונג, דער קעגנזאַץ פון מיין פאָטער. ביי איר האָט עקזיסטירט צוערשט: רחמים און דערנאָך: יושר. אין איר האָב איך געזען דאָס געשטאַלט פון אַ „שרה בת טובים״. אַ פרוי, וואָס האָט געטאָן אַ סך צדקה און געהאָלפן פיל נויטבאַדערפטיקע מיט מתּן־בסתר. איך, אַלס דער יינגסטער פון שטוב, פלעג נישט איינמאָל דאַרפן אויספירן אירע שליחות׳ן פון צדקה. ספּעציעל אין די פרייטיקדיקע טעג, אין די ערב־שבת׳ן. ווען אין שטאָט איז געגאַנגען דער מאַרק־טאָג, איז ביי איר געווען דער מאַרק־גערודער אַ שטאַרקערער... צוגלייך מיט „ענטפערן״ אַ קונה אין געשעפט — פלעגט מען דאַרפן פאַרפּאַקן פעקלעך מיט שבת׳דיקן עסן און עס צעשיקן פאַר די, וואָס האָבן זיך אין דעם גענויטיקט, לויט אַ צוגעגרייטע ליסטע. ווער רעדט נאָך אַז עס פלעגט אונטערקומען אַ יום־טוב: אַ פּסח, אַ ראש־השנה, למשל — דעמאָלט איז דער גערודער געווען אין לשער... דאָס איז געווען איר ספּעציעלער צדקה־סעזאָן, ווען מ׳פלעגט דאַרפן צונויפשטעלן אַן עקסטרע ליסטע פון נויטבאַדערפטיקע משפּחות זיי צו באַזאָרגן מיט מצות, וויין, פעקלעך שפּייז, ווי אויך מיט געלט־סומעס. דערביי בין איך געווען דער שליח־מצוה און אָפּטמאָל דער געלט־אויסבאָרגער, אָפּקריגנדיק דאָס שפּעטער פון איר צוריק. אַזוי האָט זי אַ סך צייט פון איר לעבן אַוועקגעשאָנקען פאַר צדקה און פאַר מעשים טובים. כבוד איר אָנדענק.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטן פאַל פון אַ „יום־כּיפּור אינדערוואָכן״, וואָס האָט פּאַסירט אין הויז פון מענדל און יוסף צוקער מיטן אָנטייל פון די דאָרטיקע לאַקאַטאָרן. געשען איז דאָס אין דער צייט פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה (1920), ווען די באָלשעוויקעס האָבן געיאָגט די פּאָליאַקן און דער אַלטער מאַרק איז געווען פול מיט

* זע „ר׳ חיים פּנחס גינגאָלד״, „פּערזענלעכקייטן און געזעלשאַפטלעכע טוער״.

פּויליש מיליטער. אין דעם טאָג, געדענק איך, האָט זייער שטאַרק גערעגנט און אַ ציגל פון דעם הויז האָט זיך אָפּגעוויקט און אַראָפּגעפאַלן אויף דער גאַס.. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער ציגל געפאַלן צווישן די סאָלדאַטן און דאָרט עמעצן געטראָפן. מיר דאָ אין הויז האָבן פון גאָרנישט געוווּסט, נאָר פּלוצלונג איז די גאַנצע הויז געוואָרן פול מיט מיליטער. זיי האָבן זיך אויף אונדז געוואָרפן מיט דער טענה, אַז מיר האָבן געוואָרפן שטיינער אויף פּוילישע זעלנער און זיי האָבן אַליין געזען ווי אינמיטן דערינען האָבן מיר אַרויסגעשטעקט אַ רויטע פאָן, כדי צו געבן אַ סימן די באָלשעוויקעס... און איידער מען פּרוווט אַרויסרעדן אַ וואָרט, נעמט מען גלייך אַרויס צוויי מענטשן פון דעם הויז, זיי מאַכנדיק פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן וואַרפן די שטיינער און פאַרן געבן געהיימע סיגנאַלן צום שונא (עדות אויף דעם האָבן נישט געפעלט; בכלל איז פּוילן אין יענער צייט געווען „געבענטשט" מיט אַזעלכע מיני עדות־זאָגעריי...) די צוויי פּערזאָן, וועלכע די זעלנער האָבן מיט זיך מיטגענומען זענען געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, מענדל צוקער און אשר־מאָטל צוקער (יוסף צוקערס אַ זון). עס איז דערנאָך געוואָרן „יום־כּיפּור" ביי אונדז אין הויז. קורץ נאָכדעם ווי מ'האָט זיי אַרעסטירט, זענען אָנגעקומען צוויי זשאַנדאַרן, און וועמעס הענט עס איז דעמאָלט געלעגן דער גורל פון אָסטראָלענקע, און גענומען אונדז צו אַן אויספאָרשונג. דער עיקר: ווו האָבן מיר באַהאַלטן די רויטע פאָן און די ציגל, וואָס מען וואַרפט אויף די זעלנער? עס איז געוואָרן זייער פחדימדיק אויפן האַרצן און פיל האָבן אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין, נישט ווייסנדיק וואָס עס וועט מיט אונדז דאָ אַלע זיין. מען האָט פאַרלוירן די שפּראַך און מ'איז געוואָרן אָפּהענטיק. דאָ האָט טאַני צוקער, מיינע אַ שוועסטער, זיך גאַנץ ענערגיש אַרויסגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו די זשאַנדאַרן, זיי גאַנץ דרייסט פאַרגעלייגט, אַז זיי זאָלן אונטערזוכן דאָס גאַנצע הויז. פאַרשטייט זיך, אַז קיין רויטע פענער מיט קיין ציגל האָבן זיי נישט געפונען. זיי האָבן אָבער יאָ געפונען: פאַרשידענע סחורות און וויכטיקע מאַטעריאַלן; דאָס איז געווען ביי אונדז אין געשעפט... ווי נאָר מ'האָט גענומען מסדר זיין „פּעקלעך" פון די בעסטע זאַכן — פאַר זיי און פאַר זייערע פרויען און קינדער, אַזוי איז פון „רויט" באַלד געוואָרן „ווייס" און אַזוי שנעל ווי מ'האָט זיי פון שטוב אַרויסגענומען, אַזוי האָט אַ וואָך בליץ־שנעל צוריקגעבראַכט די צוויי „פאַראַנטוואָרטלעכע" מענטשן. די שמחה אין שטאָט איז געווען אין לשער!

אָבער מיט דעם האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. מיט אייניקע טעג שפּעטער, האָט אַנטאָני אויסגעקלונגען אויפן מאַרק די אומגעריכטע פאַראָרדענונג פון דעם שטאָט־קאָמיסאַר, אַז אָסטראָלענקע מוז עוואַקואירט ווערן און דערביי אָנגעגעבן זייער אַ קורצן טערמין... ווי אַ פּלוצלונגער דונער האָט די מעלדונג אונדז געטראָפן. שוין ווידער? ווייניק האָבן מיר פאַרזוכט דעם טעם פון עוואַקואַציעס אין דער מלחמה. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט ווי אַלץ איז ווידער גוט געוואָרן. עס האָט זיך גלייך אויפן אָרט געשאַפן אַ קאָמיטעט מיט טאַני צוקער בראש, און אַ דעלעגאַציע, וואָס איז געווען „אָנגעלאָדן מיט אַלדאָסגוטס" האָט אונדז אויסגעקויפט פון דער דאָזיקער גזירה.

וועגן חיים עלקעס, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, וויל איך צוגעבן אַ פּאָר ווערטער: דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס איז תמיד גרייט געווען צו טאָן אַ יידן אַ טובה. ער איז געווען דער, וואָס האָט אויסגעלייגט די ערשטע געלטער פאַר דער שטיבל־דיקער גמ"ח־קאַסע, מען זאָל גלייך קאָנען געבן הלוואות ביז עס וועט אַריינקומען דאָס געלט פון די וועכנטלעכע („וואָכערס") באַשטייערונגען. אויך דער אויבנדערמאָנטער לייבל בארשטש איז געווען זייער באַליבט ביי די יידן אין שטאָט צוליב זיין שטענדיקער גרייטקייט צו טאָן אַ טובה. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון די יינגערע מיט זיינע פעאיקייטן אַלס כלל־טוער. געווען דאָזאָר אין גמינע, און נאָך מיין אַוועקפאָרן פון אָסטראָלענקע, איז ער געוואָרן — אַזוי דוכט מיר — פּרעזעס פון דער קהילה (אָדער וויצע־פּרעזעס).

זאָל אויך דאָ דערמאָנט ווערן דער אינטערעסאַנטער פאַל פון דעם אַמעריקאַנער יידן, אַליין אַ וויטשעכאָוויצער, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע סומע געלט אויף צו גרינדן אַ שטאָטישע לייַ־קאַסע. זיין נאָמען געדענק איך נישט גענוי (מיר דוכט, אַז בלום אָדער הייבלום און האָט געהאַט אַ שייכות צו דער משפּחה גאָרזשעלטשאַני דעם לערער). געקומען איז ער צופאָרן צו זיינע אַ פאַמיליע אין וויטשעכאָוויצע (ציגעלניע). אַלס גאַסט, האָט מען אים מכבד געווען צו דאַוונען „אויפן מזרח", אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. שבת־צונאַכט האָט ער געהייסן צונויפרופן ביים רב די בעלי־בתים פון שטאָט און געלאָזט וויסן, אַז ער האָט בדעה איבערצולאָזן אַ גרויסע סומע געלט פאַר דער קהילה. עס איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג און שטאָט האָט נישט אויפגעהערט דערפון צו רעדן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ווירקלעכקייט. פון דעם געלט האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט א גמ"ח־קאַסע, ווו יעדער אָסטראָלענקער ייד האָט געקאָנט געניסן פון אַ הלוואה, לחלוטין אָן פּראָצענט. צו דעם צוועק האָט ער איבערגעלאָזט אַ סכום פון 5.000 דאָלער. חוץ דעם האָט ער מנדב געווען טויזנט דאָלער אויף אַ פאַרקאַן פאַר אָסטראָלענקער בית־עולם, ווו ס'זענען געווען די קברים פון זיינע עלטערן, און טויזנט דאָלער — פאַר אַרויסענדיקן דעם גרויסן בית־המדרש. ער האָט זיך פאַרפליכטעט יעדעס יאָר צו שיקן געלט פאַר דער לייַ־קאַסע. ליידער איז ער געוואָרן אַ יורד מנכסיו און האָט נישט געקאָנט מקיים־זיין זיין הבטחה.

פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס א.ד.גל., דוכט מיר, אַז וויפל עס האָבן נאָר עקזיסטירט אויף דער אַלגעמיינער יידישער גאַס, האָבן זיך אויך געפונען ביי אונדז אין אָסטראָלענקע, ווי: ציונים, „בונד", „פּועלי־ציון", „מזרחי", „אגודה"; יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווי: „השומר הצעיר", „השומר הדתי", „פרייהייט", „בית"ר".

ווען איך דערמאָן דעם „השומר הצעיר", קומט מיר אַפילו איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אָרגאַניזאַטאָרישע געשטאַלטן אין אָסטראָלענקע, דאָס איז געווען פסח האָכבערג. ווען דער „השומר הצעיר" איז נאָך געווען יונג אין דער וועלט בכלל און אין אָסטראָלענקע בפרט און געהייסן האָט עס נאָך דע־

וואָס איך געדענק

פון י. ע.

א. אונדזער הויף

אויף אַן אָסטראָלענקער הויף, וואָס האָט געהאַט צוויי אַרויסגאַנגען: איינער — צו דער שול־גאַס, וואָס האָט געפירט צו מקומות פון תפילה, מנינים, בתי מדרשים און חסידים־„שטיבלעך", און דער צווייטער — צו דער „ציגיינסקער"־גאַס, וואָס האָט געפירט צו תורה, חדרים און ישיבות — אָט דאָרט איז געשטאַנען די וויג פון מיין קינדהייט. מיין פאָטער ז"ל, דער גרויסער לַמדן און הייסער חסיד, איז פון דעם יידישן פולטוסק (אַ שטעטל אין וואַרשעווער גובערניע), אַראָפּגעבראַכט געוואָרן, כדי צו נעמען דאָס יונגע מיידל פון ר' יאָסל מייראַנס שטוב פאַר אַ ווייב. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען זיך ביידע ווערט געוועזן. ער מיט זיין לומדות און איידעלער חסידות און זי — מיט איר גרויסער צניעות און מסירות־נפשדיקייט צו אַ מאַן אַ בן־תורה. ר' יאָסל מייראַן, ווו ער ווערט שפּעטער דערמאָנט, איז געוועזן דער בעל־הבית פון דעם דאָזיקן הויף, ווו דאָס קול פון מיין טאַטנס תורה־לערנען, האָט טאָג ווי נאַכט דאָרט אָפּגעקלונגען און אַריינגעדרונגען צו די דאָרטיקע שכנים... די שכנים זענען געוועזן פאַרשידנאַרטיקע, פון כל המינים: חסידישע יידן, פאָלקס־טיפּן, סוחרים און „עמך"־מענטשן. יאָרן לאַנג האָבן זיי געוווינט אויף אונדזער הויף. צום ערשט וועל איך דערמאָנען די שכנים, וועלכע האָבן געוווינט האַרט לעבן אונדזער דירה. דאָס איז געוועזן דער גראָבער העניך מיט דער גראָבער פייגע. אַזוי האָט מען זיי אויף דער גאַנצער שול־גאַס גערופן מחמת זייער אומנאַטירלעכער דיקקייט. דערצו האָבן זיי געהאַט אַ וואורשט־געשעפט מיט פאַרשידענע געוויכערטע פליישן, וואָס דאָס האָט נישט ווייניק בייגעשטייערט צו זייער דיקקייט, וואָס איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג... זייער פעט־לייביקייט איז איבערגעגאַנגען אויך בירושה צו זייערע קינדער.

ער, ר' העניך, איז געוועזן אַ באַקאַנטער פלייש־סוחר און געהאַנדלט מיט עופות אויף עקספּאָרט. איז טאַקע אונדזער הויף נישט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יאַריד פון עופות. דער געפילדער איז געוועזן אין לשער. די קריי־ערײַ פון די הענער און די האָלדעריי פון די אינדיקעס פלעגן ממש פאַרטויבן דעם הויף. און נישט איינמאָל פלעגט דער הויף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שלאַכט־פעלד. בלוט פלעגט זיך גיסן פון די כעסנים־אינדיקעס, וואָס פלעגן זיך טיף אַריינבייסן איינע די אַנדערע און אַריינשנאָבלען זיך אין די רויטע פונאַנדערגעבלאָזענע וואָליעס, נישט אָפּצורייסן. און אַמאָל, ווען אַ האָן האָט זיך פאַרגלוסט אַרויסצוגיין אין אַ צוויי־קאַמף מיט אַן אינדיק — איז שוין גאָר געוועזן פריילעך. איך פלעג ליב האָבן נאָכצוקוקן די דאָזיקע שלאַכטן. איז ווער אַדורך דעם הויף, חלילה, מיט אַ רויטע זאַך, איז אים נישט געוועזן מקנא צו זיין. גלייך האָבן זיך אויף אים די אינדי־קעס געוואָרפן מיט זייערע האָלדערייען. איך בין אין דעם פאַל געוועזן געזיכערט, ווייל איך בין געוועזן דעמאָלט אָנגעטאָן אין אַ ווייסן לבוש, וואָס איך האָב געטראָגן אַסך יאָרן פאַר סגולה־וועגן... נאָר נאָכדעם, ווי מ'פלעגט די עופות אָפּשיקן מיט די טראַנספּאָרטן, איז אויף אונדזער הויף צוריק שטיל געוואָרן.

עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און איך האָב פאַרלאָזט מיט נאָך טויזנטער די היים־שטאָט. זינט מאָלט אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע און געניטיקט האָט מען זיך אין אַן עלטערן אָנפירער אַלס זייער פּאַטראָנאַט — איז צוגעשטאַנען דערצו פסח האָכבערג. בלב ובנפש און מיט אָן אַ שיעור איבערגעגעבנקייט האָט ער געדינט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. זיינע לייסטונגען פאַרן ציוניזם בכלל, זענען געוועזן אין לשער. ווער פון אונדז געדענקט נישט די אַלע ישיבות פאַרן קרן־קיימת און בכלל, אַלץ, וואָס עס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות מיט ארץ־ישראל — דאָס אַלץ פלעגט פאָרקומען ביי אים אין הויז און מיט זיין הויפּט־באַטייליקונג!

צום סוף וויל איך ווידער דערמאָנען צוויי אָסטראָלענקער, וואָס אויך זיי (ווי דן און פּיניע) פלעגן מאַכן פריילעך אין שטאָט. די זענען אָבער געוועזן יונגע בחורים מיט אַ גרויסן טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער, איך מיין: הערצקע סאָיקע און אלי באַיוק, וועלכע פלעגן רעאַגירן אויף יעדער געשעעניש אין שטאָט מיט שפּיל און וויץ, מיט קריטיק און מוסר־השכל. ווער פון אונדז געדענקט נישט זייערע רעוויעס, סקעטשן און אַקטועלע לידלעך, וואָס גאַנץ אָסטראָלענקע פלעגט נאָכזינגען *)? זייערע פריילעכע איינאַקטערס איבער די שטאָט־ראַט זיצונגען, חסידישע אַוואַנטורעס און אַנדערע שטאָטישע פּאַסירונגען.

אָן אַ שיעור קומען־אויף אין זיכרון געשטאַלטן, געשעענישן פון אָסטראָלענקער לעבן, וואָס איז אַמאָל געוועזן; אָן אַ שיעור מאָמענטן און פּנימער פון פריינט, באַקאַנטע און משפחה, וועלכע בעטן זיך: פאַראייביקט אונדז! וועלכע רופן: נעמט נקמה פאַר אונדזער פאַרניכטונג!

זאָלן מיינע שורות זיין ווי אַן אָנדענק פאַר די אַלע!
יהי זכרם ברוך, והשם ינקום את דמם!

*) זע אָסטראָלענקער פערזן („אָסטראָלענקער שטייגער").

דעמאָלט ווייס איך נישט וואָס אַזוינס מיט דער דאָזיקער פאַמיליע האָט ווייטער פּאַסירט.

דער 2־טער שכן, וואָס האָט געוווינט כמעט פּנים־אל־פּנים מיט אונדז און זיך געגרעניצט מיט מיין זיידנס דירה (וואָס איז געשטאַנען מיטן פראָנט צו דער גאַס און קעגאיבער דער שיינער שול) איז געווען ר' שמעון לאַנדאַו דער סופר. פלעגט ציען זיין פרנסה פון שרייבן ספר־תורה'ס, מגילות, מזוזות און פּרשיות צו תפילין. געווען אַן אַטוואָצקער חסיד און זייער אַ שטילער ייד. ביי אים אין שטוב איז געווען שטענדיק שטיל ווי „אין אַן אויער". אויסער דאָס סקריפּען פון דער גענזענער פעדער אויף דעם פּאַרמעט, האָט מען ביי אים מער גאָרנישט געהערט... נאָר אין אַ יומא־דפגרא ביי אַ חסידישן טרונק־בראָנפן אָדער טענצל, פלעגט ער גאָר אַן אַנדערער ווערן; רעדעוודיקער און פריילעכער: „יאַדי־ידידיאַ, יאַדי־ידידאַ" — דאָס איז געווען זיין שטענדיקער צוזינג־פּזמון, זייענדיק איינגעפלאָכטן אין דעם גרויסן זינגענדיק־טאַנצנדיקן חסידישן ראָד... ער און זיין גאַנצע פאַמיליע (חוץ א טאָכטער אין קאַנאַדע) זענען אומגעקומען דורך די נאַציס, ימ"ש. הי"ד.

גלייך נאָך אים איז געגאַנגען די דירה פון דער משפחה ליאַכאָוויטש. מיין פעטער ניסקע און מיין מומע נעשקע מיט זייער פאַמיליע האָבן דאָרט פאַרנומען אַ צווייצימער־וווינונג. מיין פעטער איז געווען אַ שטילער באַדאַכטער ייד (געאַרבעט אין מענדל ביאַליס טאַרטאַק אלס איינער פון די דאָרטיקע אָנפירער) און מיין מומע איז געווען דער היפך פון אים. אַ פרוי אַ ברען, „אויסגעמישט מיט דער שטאָט", פול מיט ענערגיע, שטענדיק גרייט צו טאָן אַ טובה, און בייהילפיק צו זיין אין אַ נויט. אַן אמתע אשת־חיל, וואָס האָט געהאָלפן טראָגן די משא פון שפּייזן די פאַמיליע, „געוואָרפן זיך אויף אַלע זייטן" און געטאָן וואָס נאָר מעגלעך איז (זיי האָבן נאָך זוכה געווען צו קומען צו זייערע קינדער קיין א"י און דאָ נפטר צו ווערן. זכרונם לברכה.)

נאָך זיי איז געקומען די וווינונג פון דעם שוסטער (פאַרגעסן זיין נאָמען). געווען אַ מין עקשנותדיק־שווייגעוודיקער ייד, פונקט ווי ער וואָלט דאָס געטאָן אַלעמען אויף צו להכעיס... אַ פאַלקס־טיפּ, וואָס פלעגט קיינמאָל נישט וועלן זאָגן דעם פּרייז פון זיין אַרבעט. „פּריער מאַכט, דערנאָך וועט מען זען" — דאָס איז געווען זיין קורצער פּזמון. און אַמאָל: „איך פאַרלאָז זיך אויף אייער יושר". און פלעגט טאַקע נעמען וויפל מ'האָט אים געגעבן. דאָך פלעגט ער אָנוואַרפן אַ מרה־שחורה אויפן גאַנצן הויף.

דערנאָך: ר' יצחק אייזיק דער פּאַפּיראָסניק און זיין פרוי רייזל, שטענדיק — ווי איך געדענק — אַ קראַנקע און אַן אומעטיקע. אויך ער איז געווען אַן אַטוואָצקער חסיד. נישט געהאַט קיין קינדער (געהאָדעוועט ביי זיך זיין ווייבס אַ שוועסטער־זון און אים געהאַלטן ממש ווי אן אייגן קינד). און אַזוי ווי קיין פּרנסה־בריווח איז אויך נישט געווען, האָט ער איין האַלבן טאָג געמאַכט פּאַפּיראָסן און דעם אַנדערן האַלבן טאָג זיך פאַרנומען מיט בלעכעריי. ער האָט געוווינט מיט אונדז אַ וואַנט איבער אַ וואַנט. איך בין דאָרט געווען אַ שטענדיקער בן־בית און זיך אויסגעלערנט דערפאַר גאַנץ פרי די תורה פון רויכערן... ר' יצחק אייזיק איז געווען אַ ייד אַ חלוש מיט אַ שווערן הוסט און... אַ שמח בחלקו. אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג איז ער נפטר געוואָרן און זי, זיין ווייב, נאָך מיט אַ צייט פריער. זכרונם לברכה.

אַנטקעגן אים האָט געוווינט אברמהל דער ווייןמאַכער, אויך אַן אַטוואָצקער חסיד, פון דער משפחה שלאַפּמיץ. קוים געצויגן פון זיין „פּאַך" חיונה, האָבנדיק אַ שטוב מיט קינדער. נפטר געוואָרן פון אַ שווערער קראַנקייט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ז"ל. איך האָב פאַרגעסן די נעמען פון נאָך אייניקע שכנים, וואָס האָבן דאָרט געוווינט און אויך זייערע באַשעפטיקונגען און אויך די, וועלכע האָבן זיך צווישן דער צייט געטוישט און אריבער אין אַנדערע וווינערטער. נאָר דער איינציקער שכן, וועלכער איז מיר געבליבן איינגעקריצט טיף און מיט פיל פּרטים אין מיין זכרון ביז היינט־צוטאָג, איז ר' משה הערש דער בעקער.

ער האָט געוווינט נעבנטער צום אַרויסגאַנג פון דער „ציגיינסקער" גאַס, וואָס איז שוין באַלד געווען סוף־הויף. געווען איז ער אַ מין למדן־בסתר פון ל"ו'שן שטייגער. אַ דאַרער, אַ נידעריקער מיט אויגן פון וועלכע דאָס ריינע צדקות האָט אַרויסגעלויכטן. געדאַוונט אין גערער שטיבל, אַ הייסער שומר־מצוות, אַ מקפיד על דברים קלים כבחמורים און תמיד געפּיפּקעט פון אַ לאַנגער לולקע. גערופן האָט מען אים משה הערש דער בעקער נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געשטאַנען אויפן גאַס מיט געבעקס. קיין פרוי האָט ער נישט געהאַט (געשטאָרבן אין די יונגע יאָרן, ווי מען דערציילט, פון אַ קראַנקייט), נאָר עפּעס אַ בחור, אַ יתום אַ „וויכאָוואַנעק" האָט זיך ביי אים „געסטאַלאָוועט" מיט וועלכן ער איז נישט געווען „שווה־בשווה", דערפאַר, וואָס ער איז נישט געגאַנגען אין די עכט־יידישע דרכים, לויט זיין, משה הערשס, רצון... חוץ אין די שעהן פון האַנדל (פאַרקויפט ברויטן אויפן „נייעם מאַרק"), איז ער געווען תמיד איבערגעבויגן איבער שווערע ספרים און אין זיי מעיין געווען יומם ולילה. מער מעיין געווען אין דער שטיל ווי געלערנט אויפן קול — אַ סימן־מובהק פון דאָזיקן סאָרט יידן. זיין שטוב איז געווען פול מיט רויך פון זיין פּיפּקען, געמישט מיטן ריח פון די פרישע ברויטן. ווען מ'איז אַריין צו אים אין שטוב, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ וווינט אַ גרויסער ליכטיקער ייד, וואָס קיינער קען נישט און קיינער ווייס נישט. דער איינציקער, דוכט זיך, וואָס האָט אים פאַרשטאַנען איז געווען מיין פאָטער ע"ה, וועלכער האָט אים צוגעטיילט גרויס כבוד, זיך מיט אים געחברט, גערעדט דברי־תורה און חסידות און אים באַזוכט פון צייט צו צייט. אויך ער פלעגט זיך, ביי געוויסע געלעגנהייטן אַרויפכאַפּן צו אונדז אין שטוב אויף אַ חסידישן שמועס, אַ רבי'שן „איינטייטש" אד"ג. און אַמאָל פלעגן זיי זיך ביידע צונויפפּאָרן און אַריינשמועסן ביז אין דער גאָר שפּעטער נאַכט אַריין... איך האָב נאָך דעמאָלט תופס געווען זיין גרויסן ווערט שוין דערמיט אַליין, וואָס דער טאַטע ז"ל האָט אויף אים גרויס אַכט געלייגט. איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן אויף אים צו קוקן און פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפּן צו

אים אין שטוב. ביי מיין גרויסער קינדישער אומוויסנקייט, האָב איך דאָך עפּעס באַזונדערס געזען און געפילט אין די ד׳ אמות פון דעם דאָזיקן אומגעוויינלעכן יידן.

אין דעם 1־טן וועלט־קריג, ווען די אָסטראָלענקער באַפעלקערונג האָט געמוזט דורך אַ באַפעל פון די רוסן פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס האָט שוין געברענט פון אַלע זייטן אי פון די גאַר־נאָענטע שיסערייען, אי פון די אָפּטרעטנדיקע מיליטערישע אונטערצינדער... האָט ער איינער, ר׳ משה הערש, וואָס איז פונקט אין די דאָזיקע טעג זייער שווער קראַנק געוואָרן (פלעגט קיינמאָל נישט לאָזן רופן צו זיך קיין דאָקטער און נישט וועלן נעמען אַ וועלכע עס איז רפואה...) זיך איינגעעקשנט און נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט. שטאָטישע האָבן אים געוואָלט מיט זיך מיטנעמען, זיך ביי אים געבעטן און ער — ביי דאָס זייניקע: „ג—ט איז אומעטום דאָ, אפילו אין דער גרעסטער סכנה". געמיינט: „עד יעבור זעם". אָבער דאָ האָט ר׳ משה הערש, דער ליכטיקער מאמין און ל״ר־ייד באַצאָלט מיט זיין לעבן... ווען מיר זענען אַרויס פון דער שטאָט און זיך געלאָזט צו אַ ביסל אַ ווייטערדיקער סביבה (טשערווין, דאַכט זיך), ווו די סכנה איז גאָך נישט געווען אַזוי גרויס, האָבן מיר אויף מאָרגן — צו אונדזער שטוינונג — דערזען אָנקומען אַ וואַקלדיקן און אַ קוים־קוים זיך דערשלעפּנדיקן, ווי מיטן סוף פון די כוחות — אים, ר׳ משה הערשן, מיט אַ פּנים אַ פינצטערן און מיט אַ בליק, וואָס איז געווען אינגאַנצן אויסגעלאָשן און פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט דער טויט... ער האָט קוים אַ שמייכל געטאָן (דאָס איז געווען זיין לעצטער שמייכל) דערזעענדיק מיין פאָטער ז״ל. נישט האָבנדיק קיין כוח אפילו אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַ כוחות־אויסגייענדיקער אויף אַ פּעקל בעטגעוואַנט, וואָס איז נאָך געווען פריש־צונויפגעבונדן פון דעם וועג...

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו מיין פאָטער, וואָס האָט אים דערלאַנגט עפּעס אַ רפואה צום שטאַרקן...

אויף מאָרגן איז שוין ר׳ משה הערש נישט געווען...
זכר צדיק לברכה.

ב. א טאג מיט 100 באמבעס

ערב פּסח, יאָר 1915. אַ 9—8 מאָנאַטן נאָכן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג. אָסטראָלענקע איז נאָך דעמאָלט געווען אָפּגערוקט פון „פראָנט". די האַרמאַטן־שאָסן האָבן זיך טאָג און נאַכט געטראָגן ווי גאַנץ ווייטע דונערן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אויך באַווייזן אַן אייצלנער דייטשישער אַעראָפּלאַן אָדער צעפּעלין, צו וועלכן מ׳פלעגט פּרווון אַרויפשיסן פון אַ „פּשוטן" האַרמאַט (קיין ספּעציעלע אַעראָפּלאַן־אַראָפּשיסער זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען) און אים, דעם אַעראָפּלאַן פלעגט דאָס אָנגיין ווי דער „פאַראַיאָריקער שניי". מער ווי אַ געדיכטן וואָלקן־קנויל, וואָס האָט זיך פאַרנעם אויסגעשאָסענעם שראַפּנעל אַרום אים געוויקלט און איז גלייך צעגאַנגען אין דער לופט — האָט דער האַרמאַטן־שאָס גאָרנישט אויפגעטאָן. דערפאַר, ווען דעם „גאָסט" האָט זיך נאָר פאַרגלוסט, פלעגט ער „מכבד" זיין די שטאָט מיט אויפרייס־באָמבעס אָדער צינד־באָמבעס... כאָטש דער כוח פון די אויפרייסן איז ווייט נישט געווען אַזוי שטאַרק און חרוב־מאַכנדיק ווי היינט, פלעגט ער פונדעסטוועגן אָנמאַכן אַ שטאַרקע פּאַניק אין שטאָט. ווו נישט־ווו עמעץ דערהרגענען, פאַרוונדן אָדער אונטערצינדן.

איך געדענק, נאָך אַזאַ „אָפּעראַציע" פלעגט דער עולם אַרויסגיין „כאַפּן" דאָס ברען־מאַטעריאַל פון צינד־באָמבעס, וואָס האָבן נישט אויפגעריסן. על־פּי־רוב פלעגן אַזעלכע „ווי־זיטן" זיך ענדיקן מיט גאָרנישט. אַ סימן, אַז דאָס איז נאָר געווען אַן אויסקוק־אַעראָפּלאַן.

מיר, די קינדער, האָבן שטאַרק ליב געהאַט צו קוקן אויף דער דאָזיקער לופט־שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם אַעראָפּלאַן מיטן אַרויפשיסנדיקן האַרמאַט, וועלכער האָט אים קיינמאָל נישט געקאָנט עפּעס שלעכטס טאָן. פונקט ווי מיר האָבן אַ גרויסע הנאה געהאַט צו קוקן אויף די געדיכטע מחנות מיליטער מיט זייערע „פּאָנישע" געזאַנגען, אַבאָזן און כלי־מלחמה, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף איבער די אָסטראָלענקער גאַסן — אַהין, אַהין צום „פראָנט". און אַזוי האָט דאָס געדויערט אַ שטיקל צייט, מיינענדיק, אַז דערמיט וועט מען שוין יוצא־זיין. נאָר איינמאָל — דאָס איז געווען, ווי אויבן דערמאָנט, ערב פּסח, ווען שטאָט האָט זיך געגרייט מקבל פּנים זיין דעם יו״ט מיט זיינע 2 סדר־נעכט, ווי דער שטייגער, מיט ארבע כוסות, „שולחן־עורך" און 4 קשיות — בין איך געגאַנגען דערליידיקן אַ פּאָר זאַכן פאַר דער שטוב און אויך פאַר מיר גופא. אַזוי ווי איך בין נאָר צוגעקומען צום באַשטימטן פּלאַץ, האָב איך דערהערט אַ שרעקלעכן קלאַפּ, אַז די ערד אונטער מיר האָט אַ ציטער געטאָן. מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ בין איך אַריינגעלאָפן ערגעץ־ווו זיך באַהאַלטן. די ערשטע באָמבע איז געפאַלן מיט אַן אומגעוויינלעכער קראַפט. דאָס האָט געטראָפן מסתמא גאָר נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו כ׳האָב זיך געפונען. אַ סימן, אַז דאָס האָט אַרויסגעזעצט אַלע שויבן פון אַ דערבייאיק הויז. און דאָ — ווידער אַ זעץ און באַלד נאָכדעם קומט ווידער אַ שרעקלעכער אויפרייס, וואָס מאַכט ציטערן אַלע הייזער אַרום, אַזוי איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן. די אויפרייסן ווערן אַלע מאָל שטאַרקער, ממש טויב צו ווערן. די באָמבאַרדירונג האָט געדויערט ביי אַ 2 שעה צייט בערך. מ׳האָט געמיינט, אַז עס וועט שוין קיין ס־ף נישט נעמען צו דעם דאָזיקן גיהינום. די אַעראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט מיט גאָר קורצע הפסקות, אין וועלכע מ׳האָט דייטלעך געהערט זייער זשומען. דאָסמאָל האָבן „באַזוכט" די שטאָט, ווי עס ווייזט אויס, אַ סך „געסט" מיט איינמאָל. מ׳איז געווען זיכער, אַז דער שונא האָט באַשטימט היינט די שטאָט חרוב צו מאַכן.

אָסטראָלענקע איז גלייך פון אָנהויב מלחמה אָן געוואָרן אַ פּרסום־וואָרט אין דער סטראַטעגישער וועלט. צייטונגען האָבן געשריבן וועגן די גרויסע מיליטער־גרופּן, וואָס זענען וואָך ביי דער שטאָט און וועגן די געדיכטע מחנות סאָלדאַטן, וואָס ציען דורך דער שטאָט צום „פראָנט". דעם טייך נאַרעוו

האָט מען אַן אַ שיעור דערמאָנט צוליב זיין סטראַטעגישן באַטייט פאַר דער שטאָט און פאַרן גאַנצן „פראָנט", וואָס האָט זיך געצויגן ביז דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ און ווייטער. מ'האָט פאָרויסגעזען שטאַרקע אַנטשיידנדיקע שלאַכן ביי דער שטאָט. דעריבער זענען פאַר אַלעמען געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך די דייטשע באָמבאַרדירונגען, וועלכע זענען געווען באַרעכנט צו שטערן דעם מיליטער־צופיר און פאַרניכטן די מיליטערישע בנינים אַרום דער שטאָט (די באַפעלקערונג גופא האָט מען נאָך נישט געמיינט צו באַרירן — אַזוינס איז נאָך נישט געווען אין דער מלחמה־מאָדע...). ווי אויבן דערמאָנט, האָבן די היינטיקע באָמבאַרדירונגען געדויערט זייער לאַנג. עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק צווישן דער באַפעלקערונג. עס זענען געווען אין דעם טאָג אַ סך געהרגעטע, פאַרוווּנדעטע און אין אַלע עקן שטאָט זענען אויסגעבראָכן פיל שרפות. די באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן עוואַקואירן די שטאָט. ביי די סדר־נעכט איז מען געזעסן מיט שרעק און פאַרביטערונג. ס'איז געווען אַ פאַרשטערטער יום־טוב. און צו די געוויינלעכע 4 קשיות איז צוגעקומען אַן אומדערוואַרטעטע 5־טע קשיה פון אַ גאָר ערנסטן מין: וואָס טוט מען און וווּהין גייט מען?! די פּרעסע האָט גלייך אַלאַרמירט מיט שרייענדיקע וואָרנענדיקע קעפּלעך: "100 באָמבעס אויף אָסטראָלענקע! דייטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן אין פיל ערטער חרוב געמאַכט די שטאָט!"

און אַזוי ווי מ'האָט פאָרויסגעפילט אַזוי איז טאַקע געווען. דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין יענעם ערב־פּסח'דיקן טאָג — דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם סוף...

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט זיך דער „פראָנט" האַסטיק דערנענטערט צו דער סאַמע שטאָט (שוין נאָך דער גרויסער „סאַמסאָנאָוו־מפּלה"), און די האַרמאַטן־שאַראַפּנעלן זענען שוין געפאַלן אויף די אָסטראָלענקער גאַסן. עס איז געווען תשעה־באָב־צייט (דער „ריכטיקער" תשעה־באב...) און גאָר נישט לאַנג וואַרטנדיק איז אַרויס אַ באַפעל פון דער רוסישער מיליטערישער מאַכט, אַז אַלע איינוווינער מוזן פאַרלאָזן די שטאָט „מחמת סטראַטעגישע טעמים". דעמאָלט האָבן מיר מיט אַ שווער געמיט און אימת־מות־געפיל צוזאַמען מיט אַלע שטעטלדיקע יידן פאַרלאָזן אָסטראָלענקע. די רוסן זענען נאָכגעגאַנגען און געצונדן די הייזער. באין ברירה האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזער אין פלאַמען־שטייענדיקער היים־שטאָט.

ג. מיין זיידע

מיין זיידן, ר' יאָסל מייראַן ז"ל, געדענק איך אומגעפער אַזוי: אַ שטאָלצער פאָלקס־ייד, אַ קפדן מיט ברען אין די אויגן, אַן ענערגיש פּנים מיט אַ באָרד, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ סך גבורה, אַ מענטש וואָס האָט זיך נישט געלאָזט „שפּייען אין דער קאַשע" און נישט פאַרטראָגן קיין עוולות אפילו וואָס מ'האָט געטאָן אַ צווייטן. פון דעם אַלעמען האָט אָבער אַרויסגעלויכטן אַ גוטמוטיקייט, אַ מוכן־ומזומנדיקייט צו פאַרגעסן און צו פאַרגעבן ווי אַ מענטש, וואָס איז געווען גרייט אויף מעשים טובים אָן אַ גבול פאַר דעם צווייטן, נאָר בתנאי, אַז מען זאָל וויסן צו אים דעם צוגאַנג... אַז ער פלעגט טאָן אַ סך גוטע זאַכן, דאָס געדענק איך פון די שמועסן צווישן דער משפחה: אַז ער פלעגט למשל, זיין בכוח אָוועקשטעלן אין סאַמע מיטן דאָס עסן און לויפן טאָן אַ טובה עמעצן, צי אין סטאַראָסטווע אָדער מאַגיסטראַט, צי ביי אַ פּאָליצײ־קאָמענדאַנט אָדער ביי אַ „נאַטשאַלניק" פון דער טורמע — דאָס געדענק איך בפירוש. מיין זיידע, אויסער וואָס ער איז געווען דער בעל־הבית פון דעם הויף, וועלכער איז געווען באַוווינט מיט אַ סך שכנים, איז געווען פון פאַך אַ היטל־מאַכער, געהאַלטן אַ „מייסטערסקאַיע" מיט „געזעלן" און געווען אויך אַ „פּאָדראַטשיק", וואָס פלעגט צושטעלן „אַרבעט" פאַר די רוסישע פּאָלקן, וועלכע זענען איינגעשטאַנען אין די אַריינגאַנגען פון שטאָט.

מיין פאָטער ע"ה, דער גרויסער תלמיד־חכם און פייערדיקער אָטוואָצקער חסיד, האָט ביים זיידן געגעסן „קעסט" אַ סך יאָרן נאָך זיין חתונה, געהאַט אויך אַ וווינונג אין דעם הויז און דערנאָך זיך גענומען דווקא צו מסחר (נישט קוקנדיק אויף דעם היתר־הוראה, וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע...) אויפן גרויסן שטייגער מיט אַ שם אין דער ברייטער סוחרישער וועלט און מיט דער איינשטימונג פון זיין רבין. מיט איין האַנט האָט ער געטאָן אין מסחר און מיט דער צווייטער — אין דביקות, חסידות, זוהר און קבלה. צו מיין זיידן פלעג איך צוגיין שטענדיק בעטן אַ קאָפּיקע און דערפאַר קויפן עפּעס אַ נאַשוואַרג. ער פלעגט גערן מיר געבן און פילמאָל אפילו מיך רופן און זוכן דערצו. ער האָט מיך זייער שטאַרק ליב געהאַט, אַזוי אַז אין שטאָט האָט מען מיך גערופן: „יאָסל מייראַנס אייניקל". מיין זיידע האָט געהאַט 5 זין און 4 טעכטער. מיין מוטער ע"ה, אַן אשה צנועה און אַ בעלת מזג־טוב, איינע פון יאָסל מייראַנס טעכטער (אומגעקומען ביי די דייטשן הי"ד), האָט פאַרמאָגט אַן אומבאַשרייבלעכע סבלנות און קרבן־גרייטקייט פאַר איר מאַן, דעם למדן. ווי אַ צדקת איז זי נאָכגעגאַנגען אין אַלע צייטן און געוווּסט ווי אָפּצושאַצן זיינע דרכים, וועלכע זענען נישט שטענדיק געווען אַזוי איינפאַך און „גלאַטיק"... ווייל זי האָט אַליין געהאַט אין זיך פון זיין גרויסן חסידישן גייסט און פון איר טאַטן ר' יאָסל, וואָס האָט געהאַט די איידעלע תשוקה צו נעמען אַן איידעם אַ בן־תורה צו זיך אין הויז אַריין...

מיין זיידע, ווי אויבן דערמאָנט, איז געווען דער בעל־הבית פון דעם הויף — אַן הילצערן הויז, געהאַט 2 אריינגאַנגען: צו דער שול־גאַס און צו דער „ציגאַינסקער". די דירה וואָס דער זיידע האָט אונדז געגעבן איז אויך געווען אַריינגערעכנט אין דעם טאַטנס „קעסט". דאָרט האָבן מיר געוווינט ביז צום אויסברוך פון דער 1־טער וועלט־מלחמה. איך האָב זיך זייער געגרויסט מיט מיין זיידן, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט זיין שטאָלצן אויסזען און הדרת־פּנימדיקייט. ביי מיין זיידן אין שטוב האָב איך אַ סך פון מיינע קינדער־שעהן־און טעג פאַרבראַכט. עס האָט מיך תמיד אַהין געצויגן. איך האָב דאָרט געפילט אַ חלק פון מיין היים. מיין זיידע ע"ה איז אויך געווען איינער פון די חשובע מתפּללים אין דער גרויסער שיינער שול, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צו אונדזער הויף. איך געדענק, אז

איך פלעג זיך נישט אַזוי שטאַרק שרעקן, ווי אַנדערע קינדער, אין די נעכט פאַרבייצוגיין די שול, וועלכע פלעגט אָנוואַרפן אַן אימה אויף יעדן דורכגייער, בפרט אויף קינדער, זיך אָנהערנדיק מיט מעשיות פון מתים, וואָס דאַווענען אין שול אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, און אַז זיי „רופן־אויף" פאַרבייגייענדיקע דייטלעך ביי די נעמען צום „ספר", — אַ סימן, אַז אַזעלכער וועט שוין נישט „דערציען" ביז צום יאָר חלילה... ערשטנס, האָב איך מיך געפילט אַ שטיקל מקורב מיט דער שול און צווייטנס, איז עס געווען אפשר אַ דאַנק דעם גבורה־אויסדרוק, וועלכער איז געווען אויסגעגאָסן אין מיין זיידנס גאַנצן געשטעל און הילוך (איך האָב שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן אויף מיין זיידן) — דאָס האָט מיך ווי געשטאַרקט און פאַרהאַרטעוועט פאַר געוויסע שרעקן, כאָטש דאַן אַלס קינד בין איך כלל נישט געווען פון די קליינע פחדנים.

אייניקע יאָר פאַרן אויסברוך פון דעם 1־שטן וועלט־קריג, איז מיין זיידע געשטאָרבן פון אַ קראַנקייט, וואָס ער האָט פון איר אַ לאַנגע צייט געליטן. איך געדענק, דאָס איז געווען אין אַ זייער שפּעטער נאַכט־שעה. איך בין דעמאָלט געשלאָפן ביי מיין זיידן (מיינע עלטערן זענען געווען אין וואַרשע מיט אַ געפערלעך־קראַנק קינד). פלוצלונג האָט אַ שטאַרקע יללה מיך אויפגעריסן פון שלאָף. ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָט מיין זיידע שוין געהאַט אויסגעהויכט זיין נשמה.

די גבורה האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער שטוב.

זכרונו לברכה.

ד. פאַניע קאַוואַליע, נאַביוואַי!...

דאָס איז געווען אַ מין „בת־קול", וואָס פלעגט כמעט טאָגטעגלעך שפּאַלטן דעם אָסטראָלענקער הימל, פאַרהילכן די שטאָט און אַריינבריינגען אָפּגעהאַקטע גערוישן אין אַ רייע שטיבער אויפן „אַלטן מאַרק", וואָס לעבן דער בריק, ווו די „אָראַליעס" פלעגן טאָג־איין טאָג־אויס פירן זייערע געהילצן אויפן טייך העט־ווייט מעבר לעיר... חדר־ייִנגלעך ווי אויך אַפילו גמרא־בחורימלעך, וואָס פלעגן שוין לערנען „פאַר זיך", וואָס זייערע חדרים אָדער מקום־תורה זענען געווען נאָענט פון טייך (ווי: אברהמל דעם מלמדס „חדר", דאָס גערער „שטיבל" און אַנד.) — פלעגן זיך ווי אויפן „ווונדער" אָפּרייסן פון לערנען (מיט כלערליי תירוצים...), לויפן קוקן צו די „אָראַליעס", זיך איינהערן צו זייערע ווילדע קולות, וואָס פלעגן הילכן איבערן לאַנגן, ערגעץ־ווייט זיך אָוועקציענדיקן טייך. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָבן צו זיך צוגעצויגן די קליינטשיקע שטרוי־שטיבעלעך, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אויף די געהילצן, ווי פויגלישע נעסטן אויף מנוחה און נאַכטיקן שלאָף. פונוואַנען און ווהין ?! — האָט זיך יעדער געפרעגט. מענטשן פירן אַ לעבן אויפן טייך. מ'פלעגט אויך אַליין לוסטיק ווערן דערביי, זיי נאָכשפּעטן און נאָכהילכן און אַמאָל אויך וואַרפן צו זיי (אָדער אין זיי!) אַ שטיין, צי ער האָט יאָ געטראָפן אָדער נישט. דאָס איז געווען אַזאַ אויסדרוק פון מיטפרייען זיך מיט דער ווילדקייט, מיט אומבאַקאַנטע, וואָס פירן זייער לעבן אויפן וואַסער... „פאַניע קאַוואַ־אַ־אַליע־ע־ע!!! נאַביוואַ־אַ־אַי!!!" אַמאָל האָט דאָס אָפּגעקלונגען ווי אַ געוויינלעכער רוף צו אַן „אָראַל"־חבר אויף דעם געהילץ, און אַמאָל — ווי אַ לאַנגער אויסגעצויגענער רוף צו מרחקים און ווייטע ערגעצן: פאַניע קאַוואַליע! (אפשר האָט עס געדאַרפט גאָר זיין קאָוואַלסקי, אָבער פאַרן אויער האָט עס דעמאָלט אַזוי געקלונגען). אַ שיינער מאָמענט, ווען מ'איז געווען איבערגעבויגן איבערן אָנלען פון דער בריק און דער בליק איז געווען צוגעשמידט צו זיי, צו די „אָראַליעס" און צו דעם שווימענדיקן געהילץ — דעמאָלט האָט זיך אויסגעוויזן קאַפּויער: אַז דאָס געהילץ שטייט אויף איין אָרט, נאָר זי, די בריק, שווימט, שווימט און מיר שווימען מיט — — — „נאַביוואַי! נאַביוואַי!" און נאָך און נאָך אַנדערע אומפאַרשטענדלעכע אויסגעשרייען און אַליאַרמען. איבערהויפּט, ווען אַ געהילץ האָט זיך פאַרדרייט ביים דורכגאַנג פון דער בריק און זיך פאַרטשעפּעט שווער אָן עפּעס, דעמאָלט האָבן זיך געהויבן די געוואַלדן עד לשמים. לאַנגע שעהן אָדער אַפילו טעג פלעגט דויערן ביז מ'האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון דער צרה. דאַן פלעגן מיר, קינדער, אויך ווערן איבערגענומען דערפון און זיי צושיקן אונדזער מיטלייד. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן מיר נאָך די לערן־שעהן, נישט איינמאָל, זיך צוכאַפּן אַ קוק טאָן מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט.

ה. ווי אַזוי איך האָב „אונטדעקט" דעם שפּאַציר־גאָרטן

אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך דורכגעמאַכט זייער אַ שטרענגע יידיש־חסידישע דערציאונג. געווען אַ זון, אַ בן־יחיד (ליידער!), צו אַ טאַטן אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישן יידן, אַ למדן־מובהק, אַ גדול־בתורה, אַ חריף אין חסידות, אַ קפּדן אויף אַ קוצו־של־יוד און אַ קעמפער פאַר יעדער קלייניקייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט ייד און יידישקייט. האָט מען דעריבער, פאַרשטייט זיך, געוואָלט פון אַזאַ איינעם (פון מיר, הייסט עס) מאַכן אַלץ שבאַלץ. אַלס קליין ייִנגל נאָך בין איך שוין געווען אַ „דערוואַקסן חסידיש יידעלע", דהיינו: געטראָגן אַ לאַנגע אַטלאַס־קאַפּאָטקעלע (שוין נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט זיך אויסגעטאָן פון די ווייסע לייוונטענע בגדים וואָס איך האָב געטראָגן פאַר סגולה־וועגן...), אַ סאַמעט־היטל מיט אַ קאַפּל, און אומגעהייער־לאַנגע זיך באָמבלענדיקע פיאות, וואָס האָבן דערגרייכט ביז צו מיינע אַקסלען... דער עיקר: איך בין געווען, ווייזט אויס, מחויב אויסצופילן דעם ליידיקן חלל פון מיינע גאָר־פריצייטיק־אָפּגעשטאָרבענע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע פלעגן אָן אַ פאַרוואָס, באַלד אין ערשטן יאָר פון זייער געבוירן זיך אָפּטראָגן אויף יענער וועלט...

דערפאַר, קאָן זיין, בין איך שטענדיק געווען ווי צוגעשמידט צו די ד' אמות פון אונדזער שטוב און צו מיין פרומען טאַטן ז"ל. אסור איז געווען צו געבן אַ טריט ערגעץ־ווו אָן צו וויסן געבן, חלילה. אָבער דווקא אין אַזעלכע צו־שטרענג פאַרפרומטע הייזער, האָט דער יצר־הרע געהאַט אַ משונהדיקע הנאה זיך דאָרט פון צייט צו צייט אַריינצורייסן (און

אפשר טאַקע גאָר־אָפּט?...) דווקא צוליב דעם, איז מיין פרומקייט קיינמאָל נישט געווען עכט, ווי עס געהער צו זיין און ווי עס פאַסט פאַר אַ זון פון אַזאַ טאַטן. דווקא האָט זיך געוואָלט ערגעץ־ווו אַ לויף־טאָן, כאַפּן אַ "טריף־פסול'ן" קוק א.אז.וו. דער טאַטע ז"ל האָט עס בחוש דערפילט און האָט זיין שטרענגקייט דערפאַר אויף מיר נאָך מער געוואָרפן, מיט מער תקיפות, אַזוי, אַז אָפטמאָל זענען זיינע "איסורים" דערגאַנגען ממש צו "תפיסה"...

שווער איז געווען דער געראַנגל פון אַזאַ קינדהייט. עס איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו שילדערן דאָס לעבן פון אַזעלכע שטיבער. איך בין דאָ אויסן נאָר צו דערציילן אַן אומגלויבלעכן פאַקט פון מיינע קינדער־יאָרן, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט שפּעטער אין גרויס פאַרוווּנדערונג. ווי אויבן געזאָגט, האָב איך זיך שטענדיק כמעט געפונען ביי דער זייט פון מיין גרויסן חסידישן טאַטן ע"ה. צוזאַמען געלערנט, געדאַוונט. נישט אָפּגעלאָזט מיך פון זיך אַפילו אויף אַ רגע (געווען מסתם אין דעם אויך איבערגעטריבענע פאָטער־ליבע צו אַן איין־און־איינציק־איבערגעבליבענעם זון).

דאָס איינציקע, וואָס איך האָב שטאַרק ליב געהאַט דעמאָלט (און איז געווען ממש אַ מין שכר פאַר מיינע דערדריקטע קינדער־יאָרן), איז געווען: הערן דערציילן חסידישע מעשיות און די שבת־נאָך־מיטאָג־שפּאַצירן, ווען דער טאַטע ז"ל פלעגט זיך אַרויסלאָזן מיט נאָך "שטיבל"־יידן הינטער דער שטאָט, אויפן סאַמע פעלד... דאָס זאַמדיקע שפּאַציר־וועגל וועל איך שטענדיק געדענקען. שבת נאָך מיטאָג, אַ שטיק נאָכן עסן, ווען דער עולם האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגערוט און די מנוחה פון שבת איז אויף יעדן איינעם געלעגן אויסגעגאָסן, פלעגט מען דאָרט זען שפּאַצירן חסידישע יידן, שורותווייז, פון אַלערליי "שטיבלעך", געגאַנגען טריט־ביי־טריט, געשמועסט אין דברי־תורה און חסידות, און זיך דערציילט וווּנדער־מעשיות פון "גוטע" יידן און רבישע הויפן... פאַר אזא שטייגער קינד ווי איך בין געווען פלעגט דאָס זיין אַן אומפאַרגעסלעכער מאָמענט פון פרייקייט און "אָפּציען" דעם אָטעם, נאָכדעם ווי מ'פלעגט אַריינזאַפּן אין זיך דעם שטויב און די טוכלעקייט פון אַ 10—12 שעהדיקן "חדר"־טאָג... וואָך־איין, וואָך־אויס. אין די דאָזיקע מאָמענטן האָב איך געוווּסט, אַז איך בין אַ קינד. צו דעם דאָזיקן זאַמדיקן שפּאַציר־וועגל פלעגט מען אַרויסקומען דורך אַ גאַס אָדער געסל, ווו דער גרויסער בית־המדרש מיט זיינע מנינים און חסידים־"שטיבלעך" זענען געשטאַנען (אויב איך בין זיך נישט טועה איז דאָס געווען דאָס אָרט, וואָס האָט געפירט צו קראַפּן). שפּרייזנדיק אויף דעם וועגל, וואָס איז געווען גאַנץ שמאָל, פלעגט דער בליק אַרויספאַלן אויפן פרייען פעלד, אויף די סנאָפּעס תבואה און אויף דעם וווּנדערלעכן מרחב, וואָס האָט מיך ממש צעמישט און ארויסגעפירט פון גלייכגעוויכט... און דאָ: מחנות טשוויטשענדיקע פייגל (ביי אונדז אויפן הויף פלעגן די פייגל גאָר אַנדערש טשוויטשען...) פליען פאַרביי און יאָגן זיך ווי צו אַ ציל. גוישע יינגלעך אויף הילצערנע "באָטשאַנעס" שפּרייזן דורך דאָס פרייע פעלד מיט ווילדן געלעכטער און הפקרדיקער פרייד, וואָס ווייס נישט פון קיין אָפּהאַלט און פון קיין צוים...

אָבער ווי נאָר מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער ציל ד. ה. צום אָפּרו־אָרט — דערהערט זיך אַ גערויש, וואָס קומט פון גאַנץ נאָענט און וואָס ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. פון צייט צו צייט ברעכט אויך אויס פון דאָרט אַ קלינגענדיקער געלעכטער, וואָס ברענגט עפּעס אַזאַ מין דערלייכטערונג און פרישקייט אויפן האַרצן — ווען מ'הערט זיך גוט צו צו אים... איך באַמערק אויך פון דערווייטן פיל בוימער, וואָס שטייען אין געדיכטע שורות. עס ווערט מיר שטאַרק אומפאַרשטענדלעך. איך שטעל זיך איין און פרעג: "וואָס איז דאָרט?!" דעם טאַטנס פּנים ענדערט זיך. פאַרציט זיך ווי מיט אַ וואָלקן און גיט אַ זאָג פלוצלונג מיט רוגזה: "זיץ!" איך באַמערק ווי די איבעריקע חסידים קוקן זיך געהיימניספול איבער און מ'פאַרענדיקט מיט אַ טיפן זיפץ...

פון דעמאָלט־אָן האָב איך שוין מער נישט געפרעגט און האָב אַפילו דאָס דאָזיקע אָרט פאַרגעסן און קיין קלאַנג איז פון דעמאָלט־אָן שוין מער צו מיר נישט דערגאַנגען.

זייט אויגוסט 1915, ווען מ'האָט אונדז באַפוילן צו פאַרלאָזן אָסטראָלענקע צוליב די שלאַכטן, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט דערנענטערט צו דער סאַמע שטאָט און אָנגעהויבן זי חרוב מאַכן, זענען מיר ארויס וווינען אין לאָמזשע.

אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע און אויך אַ סך שפּעטער פלעג איך פון צייט צו צייט באַזוכן אין גרויס בענקשאַפט מיין היים־שטאָט.

איינמאָל, שפּאַצירנדיק אַזוי אומשולדיק אין אַ פאַרנאַכט אויפן לאָמזשער וועג (ווו די גרויסע טורמע איז געשטאַנען), האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מקום, וואָס איז מיר אויסגעקומען זייער פרעמד. דאָ זע איך פאַר זיך אַ גאָרטן מיט שורות געדיכטע בוימער, און בענק, ווו יונגע פּאָרלעך זענען געזעסן, געלאַכט, גערוישט און אַרומשפּאַצירט געאָרעמט איינע מיט די אַנדערע...

עס איז פאַר מיר געווען אַ וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונג!

אויף מיין נאַאיווער שאלה, וואָס איך האָב דעמאָלט געשטעלט צו מיינע שטאָטישע: "וואָס איז דאָ"? האָב איך באַקומען אַן ענטפער, וואָס האָט מיך ממש דערשיטערט ביז צו די טיפענישן:

— ביסט אַן אָסטראָלענקער, צי ניין?!...

דאָ איז מיר גלייך אַפּויפגעקומען דער אָנדענק פון די שבת־נאָך־מיטאָג־שפּאצירן אין די קינדער־יאָרן...

מיט ציטער האָב איך אַלץ תופס געווען.

אויסן איז מען געווען דערמיט צו פאַרהוילן דעמאָלט פון אונדז, חסידישע קינדער, דעם דאָזיקן "עבירה"־פּלאַץ, וועלכן די פרומע יידן האָבן בכוונה און מיט פאַראַכטונג אַליין אויסגעמיטן און וואָס האָט זיך געפונען פונקט קעגנאיבער יענעם זאַמדיקן שפּאַציר־וועגל...

אַזוי האָב איך "אַנטדעקט" אין אָסטראָלנקע דעם שפּאַציר־גאָרטן.

ו. א משפחה שוחטים

ר׳ שמואַלקע שוחט, וואָס איז געווען אין זיינער צייט איינער פון די ראשי השוחטים אין אָסטראָלענקע (די אַנדערע 2 שוחטים זענען געווען ר׳ גרשון און ר׳ חיים־בער *), איז אויך געווען דער ראש פון אַ גאַנצער משפחה שוחטים. געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס מומחה אין זיין פאַך און אויפגעשטעלט אַ סך תלמידים. געווען אַ בן־תורה, אַן אַלעקסאַנדרער חסיד מיט בולטע כאַראַקטער־שטריכן און שאַרפן רעיון. געהאַט האָט ער 6 זין און מערקווירדיק — אַלע זענען זיי געווען שוחטים, מוהלים — באַוווסטע אין דער געגנט, און אויך האַרציקע דאַוונער פאַרן „עמוד״.

ר׳ משה אהרן, וואָס איז געווען דער עלטסטער פון ר׳ שמואלקעס זין און איז מיר געווען פערזענלעך גוט באַקאַנט אַלס אָפטער אַריינקומער צו מיין פאָטער ז״ל (זייענדיק איינער פון זיינע מקורבדיקסטע „שטיבל״־חברים), האָט געדינט אַלס שוחט מיט אַ שם אין דער אומגעגנט פון אָסטראָלענקע ווי: טשאַרני, קאַדזידלע און נאָך אַנדערע דערבייאיקע מקומות. ער איז תמיד געזעסן „על התורה ועל העבודה״. ווי זיין פאָטער ר׳ שמואלקע — איז ער אויך געווען אַ פייערדיקער חסיד, נאָר „געפאָרן״ איז ער נישט צום אַלעקסאַנדרער רבין, נאָר צום וווּרקער דווקא, קיין אָטוואָצק... דערביי געווען אַ זייער־ערלעכער מענטש. אַ מסתפק במועט, און געלייגט דעם גאַנצן טראָפּ אויף לערנען תורה. אין זיין פרייער צייט, האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט די גמרא צי אַן אַנדער יידישקייט־ספר פון דער האַנט אַרויס. נישט געווען דער פאַל, אז מען זאָל ר׳ משה אהרן קאַהאַן (געשטאַמט פון דער משפחה כוהנים) נישט טרעפן זיצן און בלעטערן אין די הייליקע ספרים, צו וועלכע ער איז געווען צוגעשמידט יומם ולילה, מיט אהבה און מסירות. אמת, אַ ייד דאַרף האָבן גאָט אין האַרץ, אָפּהיטן מצוות, דאַווענען בדחילו ורחימו, מאַכן אַ ברכה בקול־רם אויף יעדער עסן (אָטוואָצקער־וווּרקער חסידים פלעגן דערויף גרויס אַכט לייגן...) אָבער לערנען תורה — דאָס איז העכער פון אַלץ.

איינמאָל, אין אַ תענית־טאָג, האָט ער דערזען ווי הערש־יצחק, איינער פון זיינע זין (מיינער אַ נאָענטער חבר, היינט אין אַמעריקע, אַ באַוווסטער חזן־שוחט און איינער פון די דאָרטיקע קהילה־אָנפירער) דרייט זיך אַרום און איז זיך מתבטל פון תורה. ווען ער האָט אים אַ פרעג געטון: „סטייטש ? וואָס לערנסטו עפּעס נישט ? האָט ער געענטפערט, אז היינט איז אַ תענית, האָט ער דעריבער קיין כוח נישט צו לערנען... דער טאַטע האָט אים אַ זאָג געטאָן גלייך אויפן אָרט: „אַהאַ, דו זוכסט שוין אַ תירוץ, טאָ גיי עס־אָפּ און נעם זיך גלייך צום לערנען...״

ווי ווייט ר׳ משה־אהרן איז געווען אַן אָפּגעהיטענער ייד אפילו אין זיין שחיטה, וועלכע איז געווען די איינציקע קוועלע פון זיין עקזיסטענץ, באַווייזט דער פאַקט, אז ווען ער איז צוריקגעקומען פון טשאַרני, האָט ער שוין מער נישט געוואָלט אָננעמען קיין שטעלע אַלס שוחט, כאָטש ער איז נאָך געווען ביי די פולע כוחות, מחמת דעם חשש: טאָמער איז שוין דער כוח־השחיטה ביי אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן... מען דערציילט, אַז ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן משה־אהרנס פלוצלונגדיקער פטירה (געשטאָרבן אין לאָמזשע, וווּ ער האָט געוווינט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, נאָכן ערשטן וועלט־קריג, — ערב־שבת, בעתן טובלען זיך אין דער דאָרטיקער מקווה...), האָט הרב יהודה לייב גאָרדין ז״ל, דער דעמאָלטיקער פאָרזיצער פון ועד־הרבנים אין טשיקאַגאָ, געריסן קריעה, געזעצט זיך שבעה און אויסגערופן: „ס׳איז אַוועק דער לעצטער מאָהיקאַנער !...״

מחמת די מלחמה־יאָרן און די עמיגראַציע־באַוועגונגען, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס דעמאָלטיקע פוילן, איז ר׳ משה־אהרנס פאַמיליע געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט: 2 זין (ביידע שוחטים און חזנים), און 4 טעכטער אין אַמעריקע, 2 טעכטער אין בראַזיל, און 2 טעכטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. די פרוי פון ר׳ משה־אהרן שו״ב ז״ל איז מיט אַ צייט שפּעטער געשטאָרבן אין לאָמזשע. זיינער אַ זון מיט אַ טאָכטער, זענען אומגעקומען אין פוילן דורך די נאַציס ימ״ש.

אויך די אַנדערע זין פון ר׳ שמואלקע שוחט, זענען, ווי אויבן־געזאָגט, געווען באַרימטע שוחטים, מוהלים און בעלי־תפילה. צווישן זיי: יוסף וועלוול (שוחט אין כאָרזשעל), אברהם שמחה (שוחט אין לאָדזש), יהושע ברוך (שוחט אין רוטקי און אין בלענדאַווע, וואַרשעווער גובערניע), חיים בערל (שוחט אין אָסטראָלענקע, — וועגן אים קומט אין בוך אַ באַזונדער קאַפּיטל) און מרדכי־מענדל (שוחט אין זאַראָמב).

עס איז צו פאַרצייכענען, אז אפילו אַן איידעם האָט ער אויסגעקליבן אַ שוחט. דאָס איז געווען ר׳ נפתלי פרידמאַן דער שוחט, וואָס איז אַלע זיינע יאָרן געווען שוחט אין אָסטראָלענקע. פיל פון זיי זענען אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער. יהא זכרם ברוך ושמור בלבנו והי״ד.

ז. נאַטע דער שטילער

אַזוי האָב איך אים גערופן אַלס קינד, „אין זיך״... קיינער האָט דערפון נישט געהערט און נישט געוווּסט.

געווען אַן אָטוואָצקער חסיד, געדאַוונט אין דעם זעלבן „שטיבל״ וואָס דער טאַטע ז״ל, און געווען איינער פון זיינע פאַרהערער און באַגליבטע ידידים. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט זיך צו געפינען אין דער „סביבה״ פון זיין שטילקייט, וועלכע פלעגט גלעטן און וואַרימען דאָס געמיט, אפילו ווען ער פלעגט רעדן מיט פּאַטאָס אָדער אַרויסגיין פון זיין געוויינלעכן טאָן, וואָס דאָס איז געווען ממש אַ זעלטנהייט.

קיין צופיל־שרייענדיקער „שאַרפער״ חסיד איז ער קיינמאָל נישט געווען, קיין גרויסע „מופתים״ אין למדנות האָט ער אויך נישט אַרויסגעוויזן ווי אַנדערע. געווען אַ שטילער, אין־זיך־ערלעכער און אָפּגעהיטענער ייד, פשוטו כמשמעו. איז

---

*) דאָס מיינט נישט חיים בערל — איינער פון ר׳ שמואלקעס זין.

זיך געגאַנגען זיין וועג, באַשיידן, קיינעם, חלילה, נישט פאַרטשעפּעט און ווען־נישט־ווען אויך צוגעפאָרן צו זיין רבי׳ן. אין שטיבל געדאַוונט אין אַ זייט, זיך מתרחק געווען פון יעדן „אויבן־אָן” מיט פשטות און אָן רעקלאַמע, ווי איינער וואָס האָט געוווּסט גענוי זיין ווערט און ווו ער האַלט אין דער וועלט.

געווען אַ ייד, אַ מין שטילער ידען פון תורה און חסידות, באַהאַוונט אין תנ״ך, האָט שטאַרק געהאַלטן פון יושר און איז געווען תמיד אויף דער זייט פון גערעכטן. אָבער אויך ווען ער פלעגט אויסדריקן זיין פּראָטעסט אויף אַ באַגאַנגענער עוולה — איז ער פאַרבליבן נאָטע דער שטילער. מיט רעדן צום האַרצן און אָן אַ שיעור איידלקייט פלעגט ער דאָס טאָן; בצנעה, אין אַ ווינקל, נישט, חלילה, בפרהסיה, אויפן שטיבלדיקן „מזרח”; נישט פלאַם־פייערדיק און מיט האַרבע מוסר־רייד, ווי איינער מיט חסידישער גאווה, וואָס ווייס די מלאכה פון גוט „אויסשגצן” יענעם... ער איז געווען דערפון ווייט אַ מהלך רב.

ביי יעדער חסידישער מחלוקת, וואָס פלעגט אויסברעכן, אָדער ווען עס פלעגט פון דער העלער הויט אַרויס אונטערגעטראָגן ווערן אַ שטיבלדיק רכילות׳ל אויפן אַדרעס פון אַ וועלכן עס איז חסיד, וואָס אַמשטאַרקסטן איז דאָס אים, נאָטען, נישט געווען צום האַרצן („צו וואָס, יידן, דאַרף מען דאָס?” — פלעגט ער אין אַזעלכע פאַלן אַרומגיין איבערן שטיבל און זיך בעטן), אָדער ווען עס פלעגט זיך אַמאָל צעפלאַקערן אַ שטאַרק־היציקער וויכוח צווישן די שטיבלדיקע צדדים איבער אַ פּערזענלעכן אָדער קהלישן ענין, באַגלייט טיילמאָל מיט שטאַרק־ווי־טוענדיקע שטעך־ווערטער, זידלערייען אָדער אפילו — פּעטש, וואָס פלעגן „פליען” אין דער לופטן, חסידישאַרטיק... פלעגט נאָטע מיט זיין איידעלער אָנוועזנהייט באַווירקן. ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין גוטמוטיקן שטילן פּנים צווישן דעם זיך־האַמפּערנדיקן חסידים־רימל, אַזוי פלעגט דער צעהיצטער עולם — בלא יודעים — זיך אָפּלעשן און צוביסלעכווייז פאַרלירן די עקשנות פאַרצוזעצן ווייטער די מחלוקת, ווי פון זיך אַליין.

און כאָטש ער, נאָטע, האָט זיך נישט געוואָרפן אַזוי אין די אויגן פון דעם „שטיבל” און דערפאַר אפשר אויך נישט פאַרנומען קיין מקום־מיוחד פון אַ צעפּיעשטשעטן „זיידענעם” יונגערמאַן, דאָך פלעגט ער אומבאַוווּסט ווירקן אויף די שטיבליידן, און ווער עס איז נאָר מיט אים געקומען אין אַ מגע־ומשא, פלעגט אַוועקגיין מיט אַ גוט וואַרעם געפיל.

ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַ ליכטיקער, מיט בלויע אויגן, אַ ביסל אַ באַברעמטער, וואָס פלעגט צייטנווייז פאַרשאָטענען זיין גוטמוטיקן בליק, און אויסגעדריקט טיפע ענערגיע און עקשנותדיקן ווילן פון אַן ערלעך־גלויביקן ייד, כאָטש ווייט נישט קיין פאַנאַטישן... גערעדט האָט ער שטיל, אַביסל הייזעריקלעך, נאָר מיט אַזאַ ווייכקייט און דינקייט — מיט רייד ווי זיי וואָלטן געקומען פון סאַמע האַרצן... און גאַנץ־גאַנץ ווייניק, כאָטש איך וואָלט נישט מיד געוואָרן אים הערן רעדן וויפל נאָר. און איצט נאָטע אויף דער גאַס, ווו ער פלעגט זיך דורכשלייכן מיט שטילע טריט. זיין מיטעלע גאָלד־בלאָנדע באָרד (דעמאָלט אין די יוגנט־יאָרן!), פלעגט ער תמיד מיט די הענט עקשנותדיק פונאַנדערטיילן אויף 2 חלקים, יעדן טייל באָרד אַרויפקאַמען און פאַרשאַרצן בלייבנדיק הענגען מיט אַ פאַרריסענעם עק אין דער לופטן. אָבער ווען ער האָט באַדאַרפט גיין אויף דער גאַס, פלעגט ער דאָס נאָך שטאַרקער טאָן. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געהאַט אַ כוונה קלענער און מינדערווערדיקער צו מאַכן איר אויסזען אין די „אויגן פון דער גאַס”, ווי אַ שטאַרק־פרומער ייד, למשל, אַ מעורב בין הבריות, פאַרשאַרצט זיינע לאַנג־געקרייזלטע פיאות, ווען ער לאָזט זיך אַרויס אויף דער „פריי”...

פון זיין פּריוואַט־לעבן, האָב איך דעמאָלט, אַלס קינד, נאָך נישט געאַנט. עס איז אָנצונעמען, אַז קיין גרויסע שטורעמס זענען איבער אים נישט אַריבער, אַלס מענטש מיט אַזאַ שטילן געמיט. איך געדענק נאָר, אַז ער איז געווען אַ באַווייבטער און אויפן אַלטן מאַרק, לעבן דער גרויסער הילצערנער בריק, האָט ער געהאַט אַ שפּייז־געוועלבל, און אין געווינלעכע טעג (חוץ אַ יאַריד אָדער אַ מאַרק־טאָג) פלעגט זיך דאָרט זעלטן באַווייזן אַ קונה, אָבער איך בין דאָרט געווען זייער אַן אָפטער באַזוכער. ערשטנס האָב איך, ווי אויבן געזאָגט, זייער שטאַרק ליב געהאַט זיין, נאָטעס, אָנוועזנהייט. צווייטנס, איז זיין קרעמל געווען אין אַ גאָר נאָענטער שכנות מיט דעם טייך און מיט דער הילצערנער (דערנאָך: אייזערנער) בריק, וועלכע האָט מיך, דעם קינד, שטאַרק געלאָקט, אי מיט דעם „פאַנטאַסטישן גאַנג” איבער אַזאַ גרויסן וואַסער, אי מיט דעם מבול פון בלומען און גרינס, וואָס אויף דער צווייטער זייט בריק און אויך מיט די טאָג־טעגלעכע ווייטאָפּשווימענדיקע געהילצן און די הילכיקע קולות פון די „אָראַליעס”, וואָס פלעגן שפּאַלטן דעם הימל און פאַרשרייען כמעט דאָס שטעטל און צו וועלכע איך האָב געהאַט אַלס קינד, אַ גאָר באַזונדערע שוואַכקייט...

זי, די בריק פון מיין שטעטל, אויסזעענדיק דעמאָלט אין מיינע קינדערשע אויגן ווי אַ הילצערנע פאָדלאָגע אויפן טייך, וואָס האָט אַריבערגעפירט כלערליי דורכפאָרער און דורכגייער צו שטעט און דערפער, צו ווונדערבאַרע לאַנדשאַפטן, „פאָרטן”, פאַרצייטישע „פּאָמניקעס” (דענקמעלער) — ווייס צו דערציילן פון פיל קאַמפן, מלחמות און גרויסע דעצידירנדיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך איבער איר אָפּגעשפּילט: פון נאַפּאָלעאָנס צייטן, פּוילישע און קורפּיעס־אויפשטאַנדן, רוסיש־פראַנצויזישע שלאַכטן, די שוועדישע מלחמות און אַזוי ווייטער. אויף איר הילצערן לייב איז דאָס אַלץ אַריבערגעגאַנגען. (און אויב אפילו די דאָזיקע בריק איז נאָך דעמאָלט נישט געווען — קאָן דער דאָזיקער מקום אַליין זאָגן פיל עדות...).

דאָס איז אַלץ געווען אין אַ שרייענדיקן קאָנטראַסט צו נאָטען, איר שטילן שכן!.. נאָר איינמאָל, געדענק איך, אין 1914, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז אָסטראָלענקע, אַלס אַ וויכטיקער געאָגראַפישער „פּונקט” אין אַ מלחמה, געוואָרן אַ שם־דבר אין דער סטראַטעגיע, געהאָנגען אויף די מיילער פון גרויסע פּאָליטיקער, גענערעלער און מלחמה־פירער. רוסלאַנד האָט דעמאָלט אָנגעהויבן

צו פאַרפּלייצן אונדזער שטעטל מיט מיליטער, שיקנדיק אירע סאָלדאַטן צום „מאַרש" אויפן דייטשישן פראָנט און גלייך דערנאָך — אָפּצוהאַלטן דעם פּלוצלונגדיקן דראַנג פון דער דייטשישער אַרמיי, ווייל די רוסישע סטראַטעגיקער האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס די דייטשן זענען אין תחילת געווען אַזוי באַשיידן און נישט געשטערט די רוסישע סאָלדאַטן אין זייער „מאַרש"... אפילו נישט מיט קיין איין שאָס! (דערנאָך האָט די אומגעריכטע „קבורה", צוליב אַ דייטשישן מלחמה־„שפּיצל", פון גענעראַל סאַמסאָנאָווס אַרמיי — אויפן מזרח־פראָנט, וואָס האָט אויסגעמאַכט נאָענט פון אָסטראָלענקע, אַלעמען אויפגעמאַכט די אויגן!). פול איז אונדזער שטעטל געוואָרן מיט מיליטער ווי אַ גרויסע „קאַזאַרמע". געצויגן האָבן זיך טאָג און נאַכט געדיכטע שורות פון „פּיעכאָטע", „אַרטילעריע" און „קאַוואַלעריע". זייער איינציקער ציל איז געווען: צום פראָנט — דורך דער בריק! און אַלטע רוסישע גענערעלער מיט קאַצאַפּישע בערד האָבן געבריטן אין דער שפּיץ פון זייערע אַרמייען מיט אויפגעכראַסטעטע מיליטערישע מאַפּעס, געקוקט אין זיי ווי „אַ האָן אין בני־אדם" און געוואָרפן זייערע צעשטרייטע בליקן מיט פרעגצייכנס צו די שטעטלדיקע „אַביוואַטעליעס": ווו איז דאָ דער וועג צו דער בריק? כאָטש זיי זענען געשטאַנען האַרט לעבן איר, און אַלץ איז געווען פאַר דער נאָז...

פון דעמאָלט אָן איז דער רויש אויך אַריין צו נאָטען אין קרעמל. פאַרביילויפנדיקע סאָלדאַטן האָבן אָנגעפּילט נאָטעס שפּייז־געוועלבל און אַרויסגעטריבן פון דאָרט די שטילקייט.

אַ הפקרדיק סאָלדאַטסקער געשריי, אַ גלייכגילטיק־פאַרשטאַרטער בליק, וואָס שמעקט מיט אומקום פון מלחמה און מיט „מאָרגן וועל איך שוין זיכער נישט זיין"... אַ כאַפּ, אַ לאַפּ: אַ זעמל, אַ ברויט, אַלט, פריש, וואָס עס איז נאָר געקומען אין דער האַנט... יאָ באַצאָלט, נישט באַצאָלט, דער עיקר: בליץ־שנעל און צוריק אַריין אין דער סאָלדאַטסקער אָפּמאַרשירנדיקער שורה. אַ טריט פון נאָטען — און אָט איז די בריק!.. און באַלד איז דער פראָנט!.. אַ טריט פון נאָטעס שטילקייט צום רויש, אַ טריט איז פון לעבן צום טויט!..——

מיט יעדן טאָג און יעדן חודש, וואָס די שלאַכטן האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צו דער שטאָט און די האַרמאַטן־שאָסן האָבן שוין נישט מער אָפּגעהילכט ווי ווייטע דונערן, נאָר געפּאַלן ווי בליצן מיט שטיקער פייער פאַר די אויגן און טויב געמאַכט די אויערן — איז נאָטע געוואָרן אומרואיקער און פאַרשלאָסענער. מען האָט געשמועסט אומעטום וועגן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און מיטנעמען מיט זיך נאָר דאָס סאַמע נויטיקסטע.

אין די טעג איז נאָטע אַרומגעגאַנגען און נאָכמער געשוויגן.

ער איז געוואָרן נאָך שטילער...

*

נאָך פאַר דער ענדע פון דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט זיך ר' חיים נאָטע צוקערקאָרן מיט זיין פאַמיליע צוריקגעקערט, נאָך לאַנגע וואָלענישן, קיין אָסטראָלענקע ווי פיל אַנדערע. דאָס שטעטל האָט זיך, אונטער דער ממשלה פון די דייטשישע אָקופּאַנטן, גענומען ביסלעכווייז אויפבויען פון די חורבות און עס איז געוואָרן צוריק אַ לעבן.

אין סעפּטעמבער 1939, ווען די נאַצישע באַנדעס זענען באַפאַלן פּוילן און דערקלערט די גאַנצע וועלט און באַזונדערס דעם יידישן פאָלק אַ פאַרטיליקונגס־קריג, איז נאָטע אַרויסגעטריבן געוואָרן גלייך מיט אַלע אָסטראָלענקער דורך די דייטשן, ווי נאָר זיי האָבן זיך דאָרט באַוויזן. די אָסטראָלענקער יידן האָבן זיך געוואַלגערט אין פרעמדע געטאָס און אין פאַרשידענע טויט־לאַגערן.


ווי עס איז באַוווסט געוואָרן, איז נאָטע אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע אין דער סלאָנימער געטאָ צוגלייך מיט פיל אַנדערע אָסטראָלענקער קדושים. (פון זיין פאַמיליע זענען איבערגעבליבן 2 טעכטער. איין טאָכטער, נחמה זיגלמאַן, געפינט זיך אין ישראל און לעבט מיט איר פאַמיליע אין פרדס־חנה).

זאָלן די דאָזיקע שורות אים און זיין אומגעקומענע פאַמיליע זיין פאַר אַ זכר־עולם! ויהי זכרם ברוך לנצח!

י. ע.

דמויות של למדנים וחסידים

חסידישע למדנישע געשטאַלטן



מרדכי איגלעוויטש

ר׳ מרדכי איגלעוויטש, געבוירן אין יאָר 1865, אין נאָוויגראָד (לעבן לאָמזשע), איז געווען באַקאַנט אין אָסטראָלענקע אַלס: מרדכי פאַרבער. דער נאָמען איז אים געקומען, ווייל ער האָט געפירט אַ פאַרבעריי. ווער האָט אים נישט געקענט אין שטעטל? באַזעצט האָט ער זיך אין אָסטראָלענקע נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן די וואָלאָזשנער ישיבה. געווען אַ ייד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט צונויפצובינדן תורה מיט מלאכה. ער פלעגט תמיד דערמאָנען דעם מאמר חז״ל, אז „תורה שאין עמה מלאכה — סופה בטלה”. דערפאַר האָט ער צונויפגעזאַמלט אַלע אָסטראָלענקער פאַכלייט און מיט זיי געלערנט תורה. ער האָט זיך צוגעפאַסט צו זיי; ווער עס האָט געהאַט צייט נאָר פאַרטאָג, האָט ער געמאַכט אַ שיעור צום לערנען פאַרטאָג, ווער אין אָוונט — איז אין אָוונט, און ווער פאַרנאַכט — איז פאַרנאַכט, און אַזוי ווייטער און ווייטער. דער עיקר איז — לערנען און אַרבעטן.ביידע זאַכן דאַרפן גיין האַנט ביי האַנט. איין זאַך דאַרף נישט אָפּטרעטן פאַר דער אַנדערער איר צייט, ווייל ביידע זאַכן זענען גלייך וויכטיק.

אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו זענען טאַקע אין אָסטראָלענקע אויסגעוואַקסן תלמידי־חכמים. ער האָט נישט בלויז געלערנט אַ שיעור, ער האָט פאַר זיינע תלמידים אויך געזאָרגט. און נישט נאָר פאַר זיי; ווער עס איז נאָר געקומען זיך ביי אים שואל עצה זיין (און אַזעלכע זאַכן געווען פיל!), איז ער שטענדיק געווען גרייט בייהילפיק צו־זיין מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, און אויב ער איז אַליין נישט געווען בכוח דאָס צו טאָן, פלעגט ער משפיע זיין אויף אַנדערע, אז זיי זאָלן העלפן, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה, באַזונדערס אויף זיינע תלמידים, וועלכע האָבן געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר אים, און איז שטענדיק געווען אַ ביישפּיל פאַר זיי מיט זיין פלייסיקייט און ערלעכקייט. טראָץ דעם, וואָס ער האָט שווער געאַרבעט ביז זיין לעצטן לעבנס־טאָג, האָט ער נישט פאַרמיטן קיין איין מינוט צו לערנען תורה.

ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים. ווען ער איז געזעסן ביים קעסל פון די פאַרבן, פלעגט ער מיט איין האַנט מישן אין קעסל, די שטאָפן זאָלן גוט אַרויסקומען, און אין דער צווייטער האַנט האַלטן אַ גמרא און לערנען. ער האָט ליב געהאַט צו זיין אַ וועג־ווייזער פאַר אַנדערע. אויך אונדז, זיינע איינִיקלעך, פלעגט ער תמיד יעדע זאַך דערקלערן און טייטשן מיט פיל פשוטקייט און ליבשאַפט. איך געדענק אַ פאַקט, ווי איך בין געווען ביים זיידן און קיינער איז דעמאָלט אין שטוב נישט געווען, נאָר איך אַליין. דער זיידע איז געזעסן אין דער פאַרבעריי און דאָרט געאַרבעט און געלערנט, ווי זיין שטייגער. צווישן דעם איז אַריין אַן אָרימאַן און געבעטן אַ נדבה. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג קינד, האָב איך געענטפערט, אַז קיינער איז נישטאָ. איך האָב נישט געוואָלט שטערן דעם זיידן אין זיין אַרבעט און אין לערנען. דער זיידע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גוטע שמיעה, האָט דערהערט מיין ענטפער, איז גלייך אַרויס פון דער פאַרבעריי און מיר געהייסן נאָכלויפן דעם אָרימאַן, כדי אים צוגעבן אַ נדבה. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן מיר „אַוועקצולייגן” אַ פאָרציע מוסר מיט די דאָזיקע ווערטער: „מיין קינד, ווען אַן אָרימאַן בעט אַ נדבה, טאָר מען נישט אָפּזאָגן. ס׳איז אַ סימן, אז ער נויטיקט זיך אין דעם און ער איז זיכער הונגעריק. ווי קאָנסטו זאָגן, אַז קיינער איז נישטאָ בשעת איך בין יאָ דאָ און געפין זיך אין דער פאַרבעריי?!” ווען איך האָב זיך גענומען פאַר אים פאַרטיידיקן, אַז איך בין נישט געווען דרייסט אים צו שטערן

אין דער אַרבעט און אין לערנען, האָב איך פון אים באַקומען אזא ענטפער: „האָסטו באַדאַרפט אַליין דעם אָרימאַן געבן אַ שטיקל ברויט צי צוקער אָדער אַן אַנדער זאַך, מיט וואָס מ׳קאָן זיך באַנוצן, ווייל מען מוז אַ מענטשן העלפן”.

דער זיידע איז אויך געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישקייט. איך דערמאָן זיך ווי איינמאָל זענען אַראָפּגעקומען קיין אָסטראָלענקע מיסיאָנערן. האָט ער געלאָזט איבערמיטן שטיין די גאַנצע אַרבעט און איז גלייך אַרויס אויף דער גאַס. וואָס ער האָט דאָרט געטאָן ווייס איך נישט. איך האָב נאָר באַמערקט ווי ער האָט יעדעס שטיקל פּאַפּיר וואָס ער האָט געזען אויף דער גאַס אויפגעקליבן אָדער, ווען ביי עמעצן אין דער האַנט, עס צוגענומען. די קינדער זאָלן דאָס נישט לייענען, עס זאָל אויף זיי קיין השפּעה נישט האָבן, חלילה. ער איז ממש אין יענעם טאָג געווען אינגאַנצן צעבראָכן: „אַ חוצפּה אַראָפּצוקומען און וועלן משפּיע זיין אויף קינדער”.

*


דאָס זענען נאָר איינציקע זכרונות פון אים, ווייל פיל זאַכן האָב איך אַפילו נישט פאַרשטאַנען, זייענדיק דעמאָלט נאָך זייער יונג. נאָר אַמשטאַרקסטן איז מיר איינגעקריצט אין זיכרון די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ווען ער האָט געפילט, אז ער גייט זיך שיידן מיט דער וועלט, האָט ער מיך אַריינגערופן, ווייל מיר האָבן געוווינט אין שכנות און נאָר איך, די איינציקע, בין דעמאָלט געווען אין דער היים (מיין שוועסטער חוה, איז געווען ביי דער אָרבעט און מיין ברודער בן־ציון איז געווען אין „חדר”). ער האָט מיך געשיקט קויפן לעקאַך מיט בראָנפן. נאָכדעם האָט ער מיך געשיקט רופן ר׳ יוסף נאַשעלסקי ז״ל. אים צוגערופן צו זיין בעט און געזאָגט: „דו זעסט, איך האַלט ביים שטאַרבן. איך האָב נישט קיין רו, ווייל די תלמידים בלייבן אָן אַ רבי׳ן. זיי דאַרפן האָבן ווער עס זאָל מיט זיי לערנען. אַלזאָ, פאַרלאַנג איך פון דיר, אַז דו זאָלסט מיט זיי ממשיך זיין. דו זאָלסט ווערן זייער רבי”. פאַרן אויג האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער קאַנדידאַט. ער האָט געטרונקען מיט אים „לחיים” און אים געווונטשן, אז ער זאָל מצליח זיין. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט און אין אַ פּאָר טעג אַרום (ס׳איז געווען נאָך חנוכה, אין יאָר 1927), איז ער נפטר געוואָרן. דער מנין אָבער האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטן און במילא האָבן אויך אויפגעהערט די שיעורים מיט די תלמידים, ווייל זיי זענען געבליבן כ„צאן בלי רועה”. יוסף נאַשעלסקי ז״ל איז געווען אַ שוואַכער מענטש, האָט ער זיך נישט געקאָנט אַזויפיל אָפּגעבן. די תלמידים פלעגן זיך צוזאַמענקומען און היטן זיין יאָרצייט (אייניקע פון זיי געפינען זיך דאָ אין ישראל. אויך דאָ פלעגן זיי אַ לאַנגע צייט אָפּהיטן זיין יאָרצייט).

זכר צדיק לברכה.

ברײנע איגלעוויטש־מאיראָוויטש

תל־אביב

נפתלי צבי עברי



בבואי להעריך את אישיותו של הרב החסיד ר׳ נפתלי צבי עברי זצ״ל, ניצבת רוחו לפני כמו עמוד אש המחבר שמים וארץ. הוא נולד בפולטוסק ונשא את רחל לאה בת ר׳ יוסף מייראן ז״ל לאשה בעיר אוסטרולנקה. אני הכרתי אותו בעיר לומז׳ה בשנת 1917, כשעקר את דירתו לשם במלחמת־העולם הראשונה. הוא היה מחסידי אוטבוצק־וורקה, בעל הכרה רוחנית מושלמת ושום מכשול ושום מקרה בחיים לא הניאוהו מדרכו החסידית הטהורה. עסקיו בענינים ארציים — במַנופקטורה — ורוחו הגדולה מרחפת בשמי מעלה בתורה ובחסידות, שהיו מרכז התענינותו בחיים. שקוע היה בכל ישותו בחסידות ובלימוד התורה בעיון, ומוחו הער יחד עם לבו הטהור היוו חטיבה של קדושה אחידה ותפארת. התורה היתה לחם חוקו ומעולם לא התאונן ולא דאג דאגת פרנסה, כי היה מסתפק במועט. לעניני חינוך מסר את נפשו הטהורה והשתדל בכל כוחו שבנו יחידו יצחק עברי, אשר ירש ממנו את הניצוץ הנפשי, ילך בדרכי התורה והמסורה וישמור על הגחלת הקדושה.

כאיש־חסיד נלהב של אוטבוצק־וורקה, אשר במרכז החסידות שלהם היו עומדים שני דברים: „הצנע לכת” ואהבת־ישראל — היה הוא עצמו צנוע ואוהב־ישראל. שמו היה הולך לפניו בכל חוגי מכיריו ויודעיו; אף־על־פי שהיה, כאמור, בורח מן הכבוד והרבנות, היה מיעץ לרבני העיר בעניני דת ותורה. כתב חיבורים בחידושי תורה, פלפול, חסידות, קבלה והלכה, אך לא זכה להוציאם לאור. ראוי לציין את אהבתו לארץ־ישראל, אשר ירש, כנראה, מהאדמו״רים של אוטבוצק־וורקה (האדמו״ר ר׳ שמחה בונים האמצעי („דער מיטעלער”) זצ״ל, נסע פעמיים לארץ־ישראל, ונקבר בטבריה; גם בנו האדמו״ר ר׳ מנחם מענדל זצ״ל רצה בכל מאודו להגיע לארץ, אך חלה ונפטר בגולה. בן אחד ושתי בנות שלו יושבים כאן בארץ). בשנת 1932, לפני מלחמת־העולם השניה, הסכים להיפרד מבנו היחיד, אשר נשאר לו מכל, ושלח אותו לא״י, כי לבו ניבא לו את המתרגש לבוא.

כמה שנים לפני מלחמת־היטלר, עבר מלומז׳ה לצ׳רבונובור. שם חלה ונפטר בשנת ת״ש (1940).

יהי זכרו ברוך.

הרב אביעזר ציצוביץ, תל־אביב

*


עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט עכט־באַשיידענע און אמתע בורח־מן־הכבוד־לייט, וועלכע ווילן נישט אַנוואַרפן זייער ווילן אויף קיינעם. זיי זענען „נידעריקער ווי גראַז און שטילער ווי וואַסער", און דווקא דאָס ציט־צו די אויפ־מערקזאַמקייט פון אַנדערע. מען באַקומט טיפן דרך־ארץ פאַר זייער אינערלעכער עשירות און זייערע דערהויבענע מעלות. איינער פון זיי איז געווען ר' נפתלי צבי עברי ז"ל.

ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען, האָב איך גלייך מיט מיין קינדערישן אינסטינקט דערפילט, אַז ער אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע, און איך האָב מיך נישט אַנטוישט. אַ בר־אורין, אַ פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט יראת־שמים און דרך־ארץ פאַר אַ צווייטן. די אויגן שטענ־דיק אַראָפּגעלאָזן, נישט קיין געמאַכטע עניוות, און ווען ער האָט אויפגעהויבן זיינע ברעמען, האָט איר געזען אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט גוטסקייט און מענטשן־ליבע.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, האָב איך אים געזען זיצנדיק אין שטיבל (געווען אַ ווורקער חסיד), איינגעהילט אין טלית און תפילין און לערנענדיק מיט דבקות — ער האָט אויסגע־זען ווי אַ מענטש שלא מעלמא הדין. אין דעם דאָזיקן ייד — האָב איך געטראַכט — איז דאָ אַ ניצוץ פון ר' זישע אַני־פּאָלער זצ"ל.

כבוד זיין אַנדענק.

מ. קאמין



שמואל ברוך לאנדאו

געווען אַ ייד אַ בן־תורה מיט אַ געפיל פאַר ארץ־ישראל. אַ טאַטע פון זיבן קינדער, געלעבט אין גרויס דח־קות, כאָטש געהאַט אַ סך פרנסות, ווי: אַ בעקעריי, אַ גע־וועלבל פון דעליקאַטעסן, „געהאַט" די שטאָט־באָד און גע־ווען אויך אַבעל־עגלה, האַבנדיק בשותפות אַ פערד־און־וואָגן מיט לייבל דעם טאָקער. מען דערציילט, אַז ווען ער פלעגט נעמען פאָרן איבער די שטאָט — האָבן לייטן שוין געוווּסט אַז דאָס איז ער, ר' שמואל ברוך... ער האָט געהאַט אַ פערד, וואָס האָט אים דווקא נישט געוואָלט פאָלגן, און ווי אַ פרומער ייד, וואָס איז פאַרנומען אין יראת־שמים און עבודת־הבורא, פלעגט ער פיל מאָל „נכשל" ווערן אין פאָרן. אָט אַזוי, למשל, דערציילט מען, אַז איינמאָל איז ער טאַקע אַריינגעפאָרן נישט־ווילנדיק מיט פערד־און־וואָגן גלייך... צו לייבל דעם טאָקער אין שטוב אַריין...

ר' שמואל ברוך איז געווען אַ ייד אַ בעל־נפש מיט אַ טייער האַרץ. הגם דער דלות האָט ביי אים אַליין שטאַרק געפייפט, איז ער געווען גרייט אָוועקצוגעבן דאָס לעצטע פון זיך. זיין טאָן איז געווען דורכאויס לשם־שמים און אַן אַ גרענעץ. ווען ער האָט זיך נאָר דערוווּסט, אַז אַ ייד הונגערט ערגעץ, חלילה, אָדער געפינט זיך אין אַ נויט — איז ער געווען פון די ערשטע וואָס האָבן נישט געשוויגן. ער פלעגט גלייך „צושפּאַנען" צו זיך נאָך אַ יידן, גיין אי־בערן שטאָט, זאַמלען נדבות, און ווען מ'האָט געדאַרפט — אַרויסקריגן אַ שיינעם גמילת־חסד פון אַ ייד אַ גביר, וואָס האָט געקאָנט לאַנג וואַרטן, אָדער — פון אַזעלכן, וואָס האָט לחלוטין נישט אַרויסגעשטעלט קיין טערמינען... אָרימע קינ־דער וואָס האָבן געלערנט אין חדרים און נישט געהאַט מיט וואָס צוצאָלן, פלעגט שוין שמואל ברוך, „צוזאַמענמאַכן אויפן שטאָט" און צאָלן שכר־לימוד, כמעט אין יעדער מע־שה־צדקה איז ר' שמואל ברוך געווען פאַרמישט. נישט אָפּ־געלאָזט, געטאָן די אַרבעט בלב ונפש.

ער איז געווען אַ ייד, אַ מין חסידישער פאָלקס־טיפּ, וואָס האָט פאַראייניקט תורה מיט מעשים טובים צוזאַמען.

ער איז אָבער אויך געווען אַ שטרענג־פרומער און נישט מוותר געווען אויף זאַכן פון יידישקייט. ווען לייבל לאַנדאַו, זיינער אַ זון, אַ חבר פון רעכטע „פועלי־ציון", האָט אָנגע־הויבן זיך צו לערנען סטאָלעריי, איז עס ביי ר' שמואל ברוך'ן געווען אַן עבירה, אַ חילול פון יידישן שטייגער און איז אויף דעם געזעסן „שבעה" אין גערער חסידים־שטיבל און געוווינט אויף זיין ביטער מזל... ביז זיין זון האָט זיך אויסגעלערנט בעקעריי. דאָס איז שוין גאַנץ אַנדערש, אויף דעם איז שוין ר' שמואל ברוך איינגעגאַנגען, ווייל צווישן דער צייט וואָס די טייג יוירט און זייערט זיך, פלעגט ער זאָגן, קען מען דאָך אַריינכאַפּן אַ בלעטל גמרא... און אַזוי איז דאָך אינגאַנצן הפקר.

לייבל איז טאַקע דערנאָך געוואָרן אַ פאָרשטייער פון דעם בעקער־פאַך אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין אָסטראָ־לענקע, וועלכער האָט לאַנג נישט עקזיסטירט צוליב אַ פּראָוואָקאַציע.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער 2־ער וועלט־קריג, איז ר' שמואל ברוך פאַרטראָגן געוואָרן אין דעם ווייטן סיבי־רישן רוסלאַנד און דאָרט נפטר געוואָרן. זיין פרוי לאה, וואָס איז אַריבערגעקומען צו אירע זין און טעכטער, וועלכע גע־פינען זיך אין ישראל שוין אַ לענגערע צייט, איז מיט אַ צייט שפּעטער דאָ נפטר געוואָרן. יהי זכרם ברוך.

א. ל.

משה קאַמין (נתניה)

אברהם מלינאַרזשעוויטש

גערופן האָט מען אים אברהם גישעס. אויף דעם ווייבס נאָמען. דאָס איז געווען אַ ייד מיט אַ פיין פּילנדיק יידיש האַרץ. אַ גערער חסיד און אַ בכבודדיקער יידישער סוחר (אַן אינהאָבער פון אַ קאָלאָניאַל־געשעפט). ער אַליין האָט זיך זייער ווייניק געמישט אין געשעפט, די גאַנצע סוחרטע איז געווען זיין פרוי גישע (אויף וועמענס נאָמען ער האָט זיך גערופן). געווען אַ ייד וואָס האָט געלערנט יומם ולילה און זייער אָפט געגעבן אַ נדבה און מיט אַ ברייטער האַנט. אַליין געגעבן און אויך מעורר געווען דערצו אַנדערע.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ געוויסער ערב־פּסח. פאָרגעקומען איז אַ זיצונג פון כלל־טוער און סתם בעלי־בתים וועגן נויטיקער הילף, וואָס מוז דרינגענדיק דורכגעפירט ווערן.

געהערט האָט מען נאָר די איינציקע פראַגע: פון וועמען קאָן מען נעמען? צו געבן איז דאָ, ברוך השם, וועמען, אָבער ווו זענען די מענטשן, וועלכע זענען ביכולת צו געבן? דאַן רופט זיך אָפּ אברהם גישעס פון דער זייט, גאַנץ שטיל און באַשיידן: „מ'עט איינטיילן דעם כלל אויף צוויי טיילן; ווער עס איז נישט פון די נעמערס — דער וועט זיין פון די געבערס"...

די ווערטער, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן נישט דורך קיין פראָפעסיאָנעלן כלל־טוער, נאָר דורך אַ מענטש אַ צנוע „פון דער שורה", האָבן שטאַרק געווירקט און געמאַכט אויף אַלע אָנוועזנדיקע דעם געהעריקן רושם.

ער איז געווען אַ ייד, ווי אויבן דערמאָנט, וואָס איז געווען גרייט צו העלפן יעדן אין אַן עת־צרה. זיין איידל האַרץ האָט תמיד געקלאַפּט פאַרן צווייטן...

אין יאָר 1939, אין סאַמע אויסבראָך פון דעם 2־טן וועלטקריג, איז ער נפטר געוואָרן אין שניאַדאָווע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער „רוסישער זייט". זיין פרוי און די איבעריקע פון זיין משפחה זענען אומגעקומען ביי די נאַציס ימ"ש. געלאָזט נאָך זיך אַ טאָכטער אין ישראל (גאָלדע, די פרוי פון יוסף וואָנשאַק שיבדל"א).

כבוד זיין אָנדענקען!

בן־ציון צוקעראָוויטש

איינער פון די שאַרפסטע חסידים אין גערער שטיבל. זיין שפּייזערין איז געווען די פלונית'טע, איז ער טאַקע שטאַרק בייז געווען אויף איר, ווען אין אַ געוויסן יאַריד־טאָג, האָט זי באַקומען פלוצלונג געבורטס־ווייען און ער האָט געמוזט אַליין שטיין און פאַרקויפן אין געוועלבל. „זע נאָר, האָט ער געזאָגט, זי האָט שוין נישט געקאָנט אונטערוואַרטן ביז ביינאַכט, מעשה שטן: איך זאָל נישט קאָנען גיין אין שטיבל"...

ווען זיינער אַ זון, שמעון, איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער, קריעה געריסן און צו אים נישט געוואָלט שרייבן. אַ סך יאָרן נאָך דעם, אין אַ געוויסן אָוונט, עפנט זיך אויף ביי ר' בן־ציונען די טיר און עס באַווייזט זיך אויף דער שוועל אַן עכטער „דייטש", גלאַט אָפּגעראַזירט מיט אַ קאַפעליוש אויפן קאָפּ. געווען איז דאָס, נישט מער און נישט ווייניקער ווי ער, זיין זון, דער אַמעריקאַנער תכשיט... אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל שמייכל אויף זיין פנים. עס איז געווען צו גלויבן, אַז דאָס פאָטערלעכע געפיל אין אים וועט זיך מתגבר זיין איבער דעם רעליגיעזן אייפער, אָבער באַלד, תוך כדי דיבור, איז זיין פנים פאַרשטיינערט געוואָרן, אַ פאַרטיפטער אין זיך האָט ער זיך אָפּגעקערט פון אים און אים נישט געוואָלט מער זען...

דער דאָזיקער דראַמאַטישער מאָמענט האָט זיך אָבער געענדיקט מיט אַ זייער קאָמישן עפּילאָג: ווען דער זון איז געשלאָפן, איז דער שטאַרק־פאַנאַטישער פאָטער צוגעגאַנגען צו זיין בעט און געפאָכעט מיט די ציצית איבער זיין קאָפּ, געמורמלט און דערביי זיך צוגעשאָקלט: „יצר הרע, יצר הרע, אַרויס פון מיין זון!". דער זון ווידער, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען די משונהדיקע סצענע, האָט אַרויסגעצויגן די ציצית פון זיין האַנט און אָפּגעענטפערט מיט דעם זעלבן ניגון: „עקשן! עקשן! אַרויס פון מיין טאַטן!"...

אברהם לייזער סקראָבאַטש

ביאַליק אין זיין „אָבי" שילדערט דעם פאָטער, וועלכער פילט זיך גליקלעך און ווירדיק, ווען ער איז אין בית־המדרש. די שעהן אָבער וואָס ער דאַרף פאַרברענגען אין שענקל מיט זיינע זייער אומסימפּאַטישע קונדן, זענען פאַר אים אַ פיינלעך און שווער אָפּקומעניש. אָבער אויך דעמאָלט געפינט ער אַן עצה: כאַפּט אַריין אַ בליק פון צייט צו צייט אין אַ הייליקן ספר...

אַזאַ־אָ מין טיפּ איז געווען ר' אברהם לייזער סקראָבאַטש. געווען אַ ייד, קאָן מען זאָגן, אַ קדוש וטהור. געהאַט אַ געשעפט פון כלים (ער פלעגט אויך האַלטן אין אַ ווינקל פון קראָם צו פאַרקויפן פוילישע לערן־ביכער, אין אַזעלכע מיני ביכער, פלעגט ער זאָגן, מעג אַ ייד אַריינקוקן אין אַ צייט, ווען עס איז נישט טאָג און נישט נאַכט...). זייענדיק אין געשעפט פלעגט שטענדיק ליגן אַן אָפענע גמרא אויפן טיש... דאָס האָט אים, ווייזט אויס, מער אינטערעסירט ווי די קונים. כדאי צו באַמערקן אַז טראָצדעם, וואָס אַ פוילישער קליענט פלעגט כמעט קיינמאָל נישט געבן דעם פּרייז וויפל אַ יידישער סוחר האָט געבאָטן, האָבן צו אים אָבער אַלע געהאַט פולן צוטרוי.

דאָס איז געווען אַ דערהויבענע, איידעלע געשטאַלט פון אַ יידישן קליין־קרעמער.

חיים וועלוול מלאך

גערופן האָט מען אים אין שטאָט „דער פלעטניק״. ער פלעגט „פלעטן״ סידורים, מחזורים, גמרות אָדער אַזוי עפּעס אַ קאָסטבאַרע זאַך. וואָס ער פלעגט אָפּקויפן און מאַכן אַן היימישע לאָטעריע.

געווען אַ ייד אַ „שטאַרקער״ חלוש, אַ גערער חסיד און נישט געהאַט קיין פּרנסה. איינמאָל אין אַן ערב יום־כּיפּור טרעף איך אים אָן אין גאַס. ער איז געווען, נישט ווי זיין שטייגער, זייער אומעטיק. „וואָס איז מיט אייך, ר׳ וועלוול? היינט איז דאָך עפּעס אַ טאָג, וואָס איז אַ מצווה צו עסן און צו טרינקען?״ — פרעג איך אים. אָנשטאָט אַ תשובה — זענען זיינע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן... ווען ער האָט זיך באַרואיקט, האָט ער מיר דערציילט ווי דער דאָקטער האָט אים געזאָגט, אַז פאַסטן איז פאַרבונדן פאַר אים מיט סכנת־נפשות. האָט ער באַשלאָסן גיין צום רב און זיך מיט אים שואל־עצה זיין. צו זיין גרויס פאַרצווייפלונג, האָט אים דער רב אויך געהייסן טאָן אומבאַדינגט דאָס אייגענע: עסן! „אַזאַ אומגליק, איז דאָך זינט בריאת העולם נישט געווען!״ — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ווייטיק. פון זיין שווערער קראַנקייט האָט ער אין דער רגע בכלל נישט געטראַכט. מיט דעם האָט ער שוין שלום געמאַכט, אָבער, געוואַלד געשריען, ווי קאָן מען עסן אום יום־כּיפּור! — אויף דעם האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט איינגיין.

אין די מאָמענטן האָב איך אַ טראַכט געטאָן פון דעם גרויסן זכות־זוכער אויפן כלל־ישראל: ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער; אָט וואָלט ער צוגעטראָגן נאָך אַ פאַרטיידיגונגס־טענה אויף יידן ביי זיינע דין־תורות מיטן ריבונו־של־עולם, אין די עשרת ימי תשובה. אָט איז אַ מוסטער: חיים וועלוול מלאך פון אָסטראָלענקע, וואָס איז גרייט מקריב־צו־זיין זיין גאַנצן פיזישן קיום צוליב אַ מצווה, און איז צעבראָכן דערפון, וואָס ער קאָן זי נישט מקיים זיין, כאָטש די הייליקע תורה אַליין האָט אים פון דער דאָזיקער מצווה באַפרייט...

פאלקס־טיפן

זאויל דער שניידער

אים האָב איך געקענט, ווען איך בין נאָך אַ קליין ייִנגל געווען. אַן „עמך״־ייד מיט אַ גרויסער „אהרן־הכהן״־באָרד. ער פלעגט זיצן ביים שניידער־וואַרשטאַט מיט אַ טיפע סאַמעטענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ און אונטערזינגען ביי דער אַרבעט חזנישע „שטיקלעך״, וואָס ער פלעגט הערן שבת אָדער אין די ימים־נוראים אין בית־מדרש. געאַרבעט האָט ער ווי אַלע אין יענער צייט: פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער איינציקער איבעררייס איז געווען: צו מנחה־מעריב. דאַן פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין דער „חברה״, זיך צוזעצן צום לאַנגן, פילבאַזעצטן טיש, צו הערן אַ ביסל תורה פון מרדכי דעם פאַרבער, וואָס איז געווען זייער „רבי״. אין כלל־ענינים האָט ער זיך נישט געמישט. „פּרנסים, שטאָטישע פאָרשטייער — פלעגט ער זאָגן — דאַרפן זיין רייכע אָנגעזעענע סוחרים, נישט קיין בעלי־מלאכות״.

אין דער אַרבעט פלעגט ער זיך נוהג זיין צו מאַכן דעם מלבוש וואָס ברייטער. ערשטנס — פלעגט ער געבן צו פאַרשטיין — פון ברייט — שמאָל, קאָן מען שטענדיק מאַכן; צווייטנס: אַ בגד מאַכט מען נישט אויף איין יאָר, נאָר אויף אַ סך יאָרן, און אַ מענטש ווערט מיט דער צייט דיקער״... געוווינט האָט ער אין איין צימער, וועלכער האָט געדינט אַלס אַרבעט־עס־געסט־ און שלאָף־צימער...

דער פּרובט־פאַרקויפער

זיין נאָמען האָב איך קיינמאָל נישט געוווּסט און נישט געהערט. מעגלעך, אַז מיט דער צייט האָט ער אים אַליין אויך פאַרגעסן. שטאָט האָט אים צוגעטראַכט אַ נאָמען (אַ צונאָמען פאַר יעדן האָט שטאָט שטענדיק פאַרמאָגט...), וועלכער האָט אויסגעדריקט צו אים אַ מאָדנע באַציאונג. ער האָט זיך מפרנס געווען פון פאַרקויפן פּרוכט אין מאַרק. אין אַ געוויסן טאָג, האָט זיך לעבן אים אַוועקגעשטעלט אַ קאָנקורענט, וואָס האָט אים אויסגעכאַפּט די קונים. אַ דערשלאָגענער איז ער אַריין אין בית־מדרש צו זוכן אַ טרייסט אין אַ קאַפּיטל תהילים. זאָגנדיק פלעגט ער אָנווערן נישט נאָר איינצעלנע ווערטער, נאָר אויך גאַנצע פּסוקים...

„וואָס ווינטשט איר איצט אין האַרצן אייער קאָנקורענט?״ — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן. „קיין יידן טאָר מען נישט שעלטן. מן הסתם איז מיר אַזוי באַשערט״ — האָט ער געענטפערט.

„ווען עס קומט איצט אַ מלאך פון הימל און פרעגט אייך, וואָס איז אייער ווונטש, כדי אים צו דערפילן — וואָס אַ שטייגער וואָלט איר אים געזאָגט?״ — פרעג איך ווידער. „ברויט צו דער זעט און אַ מלבוש אויפן לייב״ — ענפערט ער אָפּ קורץ.

אַזוי האָט געענטפערט דער אָסטראָלענקער „באָנטשע שווייג״ — מיט אַ צעבראָכן האַרץ, אָבער אָן שום שנאה.

דער „געשטאָרבענער״ שוסטער

פאַר וואָס מען האָט אים אַזוי איבערגערופן, ווייס איך נישט. מעגלעך פאַר זיין „פלייסיקייט״ ביי דער אַרבעט. איך האָב זיך שטענדיק געוווּנדערט, פאַרוואָס דער האַמער פאַלט אים נישט אַרויס פון האַנט. זעענדיק אים אין גאַס, איז געווען שווער אונטערצושיידן, צי ער גייט אָדער ער שטייט. אין אַ געוויסן פאַרנאַכט דערזע איך, צו מיין גרויסער איבערראַשונג, ווי ער לויפט. „וואָס איז געשען פלוצלונג?״ — פרעג איך. „איך האָב מורא, אַז איך וועל פאַרשפּעטיקן מנחה דאַווענען״ — האָט ער אַ זאָג געטאָן און איז פאַרשוווּנדן.

דאַן האָב איך פאַרשטאַנען די ווערטער פון חז״ל: „הוי עז כנמר...״.

משה קאַמין, נתניה

אסטראָלענקער קוואַרטאַלן

(טיפּן און בילדלעך פֿון דער שטאָט)

דער וועג צו מענדל ביאַליס טאַרטאַק

ווי יעדע שטאָט, אַזוי איז אויך אונדזער שטאָט אָסטראָ־לענקע געווען איינגעטיילט אין קוואַרטאַלן. יעדער טייל האָט זיך געהאַט זיין ספּעציפֿישן אויסזען, ווי אויך זיינע איינוווינער.

איך וויל אָנהויבן פֿון דעם וועג וואָס האָט געפֿירט צום ביאַליס טאַרטאַק. פֿון איין זייט: פֿעלדער אויפֿגעאַקערטע, פּאַרזייטע און פֿונאַנדערגעגרינטע, וואָס האָבן געהערט צו קריסטלעכע בעלי־בתּים, ווי: פּוזשנעווסקי, וויטשעכאָווסקי, אָלשעווסקי א. אַנ., וועלכע זענען געווען גוט איינגעלעבט מיט דער יידישער באַפֿעלקערונג אין אָסטראָלענקע. פֿון דער צווייטער זייט: דער טייך נאַרעוו, וועלכער פֿלעגט זיך אויפֿפֿירן לויט די צייטן פֿון יאָר: אַמאָל רויִק שטיל ווי נישט אים מיינט מען, צייטנווייז געררוישט, געשטורעמט און גאָר אַמאָל — אַרויס פֿון זיינע גרענעצן און פֿאַרגאָסן דעם וועג.

גייענדיק אויף דעם וועג, איז מען אָנגעקומען אויף אַ פּלאַץ, ווו אַ סך קריסטלעכע אַרבעטער האָבן אַרויסגעצויגן די טראַטוועס, וועלכע פֿלעגן אָנקומען מיטן טייך.

אויף אַ גרויסן, ריזיקן פּלאַץ, וואָס איז געלעגן ווייטער פֿון דעם טייך, אַביסל באַרג־אַרויף — איז געשטאַנען דער טאַרטאַק. אַרום אים איז געווען אַ שטענדיקער גרויסער לאַגער מיט אָנגעשניטענע ברעטער פֿון כלערליי מאָסן. די קונדשאַפֿט איז באַשטאַנען פֿון שטאָטישע און דאָרפֿישע אָפּנעמער.

אין צווייטן עק פֿון גרויסן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ שיינע הילצערנע געביידע מיט אַ פֿיין געפֿלעגטן בלומענגאָרטן. אין דעם הויז האָט געוווינט דער אייגנטימער פֿונעם טאַרטאַק: ר' מענדל ביאַלי ווי אויך דער שרייבער פֿון געשעפֿט ר' שמואלקע פֿרידמאַן.

מענדל ביאַלי איז מיר געווען גוט באַקאַנט דורך זיין פֿריינטשאַפֿט מיט מיין פֿאָטער ז"ל. אויך איך פֿלעג צייטנווייז באַזוכן זיין הויז. דאָס איז געווען אין שייכות מיט דער אַרבעט אין קרן־היסוד; ער איז געווען פֿאָרזיצער פֿון דער דאָזיקער ציוניסטישער אינסטיטוציע. אין מיין זכרון איז מענדל ביאַלי פֿאַרבליבן אַלס איינער פֿון די בכבודיקסטע פּערזענלעכקייטן אין אונדזער שטאָט; אַן עכט־אינטעליגענטער מאַן מיט אַ פֿיינער איידעלער באַנעמונג צו יעדן, באַצויגן זיך אויך צו דער יוגנט ווי צו זיין גלייכן. דערפֿאַר איז ער אַזוי געשעצט און באַליבט געווען ביי אַלע שיכטן פֿון שטאָט: ביי יידן ווי ביי קריסטן.

אָנקומענדיק פֿון דעם טאַרטאַק איז מען אַריין אין נייעם מאַרק. אַ גרויסער אונטערשייד אָבער איז געווען צווישן דער רעכטער און לינקער זייט פֿון מאַרק. לינקס האָבן געוווינט סוחרים און קרעמער ווי: די משפּחה משה אהרן עדעל מיט דעם האָלץ־סקלאַד, די באָבע גיטע מיט אַ שניט־געוועלב א. אַנ. די אַזוי־גערופֿענע באָבע גיטע, איז געווען געבענטשט מיט אַ סך קינדער און אייניקלעך, וועלכע זענען געווען אָנזעעוודיק אין דער שטאָט, סיי אין מאַטעריעלן און סיי אין געזעלשאַפֿט־לעכן זין. אין איר שטאָלצן וואָרט און טראָט, האָט זי ווי געלאָזט אַלעמען וויסן און פֿילן, אַז זי האָט אַ גרויסן ביי־שטייער געגעבן דער שטאָט. געווען קלוג און ענערגיש. בקיצור: „אַ יידענע מיט אַ קופּקע". הערצקע סאָיקע ז"ל, אירס אַן אייניקל, פֿלעגט דערציילן, אַז די באָבע טראָגט אין דער קופּקע אַ שפּילקע מיט אַ גרויסער „קאָפּ". איז אַז אַ קונה, וואָס האָט זיך געדונגען אויפֿן פּרייז, האָט אַ פֿרעג געטאָן: „גיטישע, אפשר קאָן מען דאָך דעם שטאָף קויפֿן ביליקער?" (דאָ קומט דער אָנגעבאָטענער פּרייז פֿון קונה) — האָט זי זיך גלייך אָנגעכאַפּט ביים „קאָפּ" פֿון דער שפּילקע און אָפּגעשוווירן: „דער „קאָפּ" זאָל אַזוי לעבן ווי איך האָב אַליין דעם פּרייז באַצאָלט אין וואַרשע!" *)...

דער נייער מאַרק — רעכטס

רעכטס פֿון דעם נייעם מאַרק האָבן געוווינט קצבים און פֿערדהענדלער. איין פֿערדהענדלער האָט מען גערופֿן „פּיי־קאַרזש". זיין גרויסע פּייקע, וואָס איז אימשטאַנד געווען אַריינצונעמען אין זיך אפשר אַ גאַנצן פּעקל מאַכאָרקע מיט איין מאָל און אויבן זיך פֿאַרמאַכט מיט אַ מעטאַלענעם דעקל — איז פֿון שבתצונאַכט נאָך הבדלה ביז פֿרייטיק פֿאַר ליכט־בענטשן פֿון זיין מויל נישט אַרויס.

אים דערנעבן האָט געוווינט איטשע מאיר דער דראָש־קאַרזש, וואָס איז געפֿאָרן מיט פּאַסאַזשירן צו דער קאַצינער באַן. ער איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ ברייטן גאַרטל און אויף אים געטראָגן אַ וועסטל. אויף דער וועסטל — אַ דיקע ווייסע מעטאַלענע קייט, צו וועלכער עס זענען געווען צוגע־טשעפּעט: אַ פּאָר פּאָדקאָוועס אין מיניאַטור, אַ קאָפּ פֿון אַ פֿערד, אַ ביקסל, אַ קאָמפּאַס און נאָך אַנדערע קליי‏ניקייטן, און — גע־

---

*) ס'איז אָנצונעמען, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן בכוונה־תּחילה, כדי אויסצומיידן אַ „שבועה" אָדער אַ „הן־צדק" אפילו אויף אַן אמת, ווי עכט־רעליגיעזע יידן פֿלעגן זיך נוהג זיין...

שטאָלצירט מיט דער אויסשטעלונג. קוים האָט ווער אַ פרעג געטאָן: „איטשע מאיר, וואָס איז דאָס?" (און פרעגער האָבן דאָך נישט געפעלט) — האָט ער לאַנגזאַם און מיט גרויס חשיבות אָנגעהויבן אַרויסציען די קייט ביז עס האָט זיך פון דער וועסטל־טאַש באַוויזן אַ דיקע, זילבערנע, רונדיקע קעסטל מיט אַ „קאָפ". דאָס איז געווען אַ זייגער מיט טאָפלטע טירלעך, אויף וועלכע ס׳זענען געווען אויסגעגראַווירט קעפ פון רוסישע מלכים און גראַפן מיט אַן אויפשריפט: „אַ מתנה פאַר גוט שיסן". די עטלעכע פאַר ווערטער פלעגט ער אַרויסלייענען ווי פון אַ בריוונשטעלער, עס צעציען און דערנאָך עס איבערגעטייטשט פון רוסיש אויף יידיש.

און אַזוי צעשמועסנדיק זיך, זיצנדיק מיטן פנים צו די פאַסאַזשירן אָנשטאָט — צום פערד, פלעגט ערביים פאַרענדיקן נאָכפאָרשן די ווירקונג פון זיין דערציילונג אויף די פאַסאַזשירן. פלוצלונג האָבן די פאַסאַזשירן, דערזעענדיק ווי דער צוג קומט אָן, אָנגעהויבן שרייען: „איטשע מאיר, שנעלער, מיר וועלן פאַרשפעטיקן דעם צוג!" דעמאָלט האָט ער אַ נעם אַרויס געטאָן פון וועסטל־טאַש די „באַרימטע כלי" און דעקלאַמאַטאַריש אַ זאָג געטאָן: „קאָן זיין אַז די באַן איז צו פרי אָנגעקומען, אָבער דער זייגער ווייזט ריכטיק!" — דער זייגער האָט נישט איין פאַסאַזשיר געהאַט אויף זיין געוויסן, ווייל מיט דעם צוג וואָס מ׳האָט געוואָלט פאָרן, איז מען שוין נישט געפאָרן...

און אָט איז ר׳ יהודה נאַדבאָרני, אַ ברייט צעוואַקסענער ייד מיט אַ נאָך מער ברייט צעוואַקסענער יידענע, זיין ווייב (כהאָב פאַרגעסן איר נאָמען). אַ מענטש אַ פאַרמעגלעכער אין געלט און נאָך מער — אין קינדער. געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַ גרויסער יאַטקע און מיט אַ סך שטעלער. איך געדענק די דאָזיקע פאַמיליע און וויל דערציילן עטוואָס פון איר און דאָס אין זכות פון זייערס אַ טאָכטער. ווי אויבן שוין דערמאָנט האָט די פאַמיליע זיך שטאַרק געפרוכפערט. אין טראַנס פון „קינדלען" איז איינמאָל אין דער שטוב געבוירן געוואָרן אַ דריילינג: אַ זון מיט 2 טעכטער. איין טאָכטער פון דעם דאָזיקן דריילינג האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַוויזן, אָנקומענדיק פון דער בריק; זי האָט געפירט אַ גרויסן אָקס, וואָס איז געווען אָנגעבונדן ביי די ראָגעס מיט אַ שטריק. דער אָקס, פילנדיק אַז ער געפינט זיך אין שטאַרקע זיכערע הענט, איז געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען נאָך אירע טריט און אפילו נישט פראָבירט צו שטעלן אַ וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. זעענדיק דאָס בילד האָבן קריסטן זיך איבערגעצלמט און די יידן האָבן איר צוגעווונטשן, אַז זי זאָל בשלום אָנקומען אַהיים.

פאַרבייגייער האָבן מיט דערשטוינטע בליקן נאָכגעפאָלגט אָט די צוויי שפאַצירנדיקע באַשעפענישן.

אין שכנות מיט די אַלע האָט זיך געפונען דער בעל־עגלה „טשאַליפאַי", וואָס פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט דער אידיי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַזוי ווי קיין געלט האָט ער נישט געהאַט, האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ מין פלאַן: ער וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין, אַן אייגענעם פערד מיט אַ בריטשקע האָט ער, וועט ער אין יעדער שטאָט בלייבן אַ פאָר טעג, אַרבעטן, פאַרדינען און פאָרן ווייטער. קיין קינדער האָט ער נישט און דאָס ווייב איז אים זייער געהאָרכזאַם.

איינמאָל איז ער מיט אַ פאַרביטערט געמיט צוגעגאַנגען צו מיר און אַזוי דערציילט: ער האָט נאָר וואָס גערעדט מיט שאַפראַנס אַ זון, וועלכער איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל (געמיינט האָט ער יחיאלקען ז"ל), און ווי עס ווייזט זיך אַרויס וועט ער דאָס נישט קאָנען אַדורכפירן צוליב אַ סך טעמים. ערשטנס איז עס זייער ווייט, צווייטנס מוז מען פאָרן דורך אַ ים, און בכלל איז אים שווער אויפן האַרצן, ווייל מיט זיינע „חברה" שעמט ער זיך צו רעדן וועגן דעם. זיי זאָגן, אַז דער גאַנצער עסק ארץ־ישראל איז נאָר פאַר די בעלי־בתישע רייכע זינדעלעך. ער וווּנדערט זיך נאָר, וואָס די „חברה" מיט די בלויע בינדעס (געמיינט דעם „השומר הצעיר") און די אַנדערע מיט דער ווייס־בלויער פאָן (די ציוניסטן), אָט די קאָנען דאָך יאָ פאָרן — פאַר וואָס זיצן זיי דאָ מיט די גויים? ער האָט זיך צערעדט מיט אַזוי פיל האַרץ און ליבשאַפט צו עפעס ווייטעס, אומדערגרייכבאַרעס מיט פרימיטיווע אויסדרוקן אָבער אויפריכטיק און אמתדיק. אַ טרער האָט אַ גלאַנץ געטאָן ביי אים אין די אויגן. איך האָב זיך געפילט ווי שולדיק קעגן אים. קיין שום ציוניסטישער רעדנער מיט די שענסטע ציטאַטן און אַרגומענטן וואָלט נישט געקאָנט אַזוי ווירקן ווי די רייד פון דעם דאָזיקן פשוטן ערלעכן בעל־עגלה.

און ווען כ׳האָב אין אַ צייט אַרום געזען אין ארץ־ישראל אויף דער בינע די פאָרשטעלונג „מסעות בנימין השלישי" פון מענדלי מוכר ספרים (די ראָל פון בנימין אויסגעפירט דורכן באַוווּסטן ישראלדיקן שוישפילער מאיר מרגלית), הערנדיק דעם פלאַן ווי אַזוי בנימין און מיט אים סענדערל „די יידענע" ווילן קומען קיין ארץ־ישראל, איז אין מיין זכרון גלייך אויפגעלעבט געוואָרן דער בנימין פון אונדזער אָסטראָלענקע.

ווי געזאָגט האָבן די אַלע אויבנדערמאָנטע געוווינט אויף דער רעכטער זייט פון נייעם מאַרק. הינטער זייערע הייזער איז געווען אַ פרייער פלאַץ, ווו עס האָבן זיך געפונען זייערע בהמות און וועגענער. אויפן זעלביקן פלאַץ זענען געווען אויסגעבויטע טויבן־שלעק, וועלכע האָבן ביי די יינגערע פאַרנומען אַ וויכטיקן פלאַץ; עס האָט פאַרשאַפט אי פאַרגעניגן, אי איינקונפט.

די טויבן־צוכט איז געווען אַ גרויס געשעפט, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע און קריסטלעכע שכנותדיקע חברה. נישט איין בעל־הבתיש זינדל, וואָס פלעגט ווערן מיטגעריסן און וועלן אויך האָבן טויבן, פלעגט אַרונטערגיין צו דעם דאָזיקן פלאַץ, קויפן אַ פאָר שיינע ראַסאָווע אָדער פאָטשטאָווע טויבן. נישט האָבנדיק קיין פלאַץ ווו זיי צו האַלטן, פלעגט ער זיי איבערשטעלן ביים פאַרקויפער און צאָלן, פאַרשטייט זיך, פאַר זייער באַשפייזונג. דערפאַר געהאַט דאָס רעכט אַראָפּצוקומען אין אַ פאַרנאַכט, זיי אונטערלאָזן און אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן קומען צוריק, מורא האָבנדיק, אַז אַ פרעמדער זאָל זיי נישט פאַרכאַפּן. גאַנץ אָפט זענען טאַקע די טויבן נישט מער צוריקגעקומען און מ׳האָט געדאַרפט קויפן פרישע.

און נעבן די שטעלער און טויבן־שלעג האָט געוווינט אַ

פאַמיליע, וואָס מ׳האָט גערופן „קרייער״; קיין אַנדער נאָמען געדענק איך נישט. ער האָט געהאַט אַ קוזשניע, וועלכע האָט נישט געאַרבעט. דאָרט זענען געווען עטלעכע זין און נאָך מער טעכטער. כ׳ווייס נישט צי די טעכטער זענען אַלע געווען זייערע. איין זון פון דער פאַמיליע האָט געהאַט אַ דראַנג צו שפּילן פידל; יאָרן האָט מען אים געזען לויפן מיט אַ פידל אונטערן אָרעם צו קריסטלעכע לערער און דערנאָך צו לייבל פרידמאַן, כדי צו נעמען לעקציעס. שפּעטער האָבן מיר אים זיין געטראָפן שפּילן אויף חתונות און פאַרוויילונגען.

אין אַ ווינקל פון דעם דאָזיקן קוואַרטאַל, אין אַ קליינטשיק שטיבעלע, האָט געוווינט דער געוועזענער בעל־עגלה ווי מ׳האָט אים גערופן קאַטשע־בערל. ער איז געווען אומנאַטירלעך אויסגעטריקנט און איינגעצויגן פון דער עלטער. וויפל ווייבער ער האָט אין זיין לעבן געהאַט (ס׳הייסט געגטע און באַגראָבענע) — נישט ער און נישט קיין שום מענטש אויף דער וועלט האָט פון דעם דאָזיקן חשבון געוווסט... נאָר איינמאָל, פאַרבייגייענדיק דעם מאַרק, האָט דער אַלטיטשקער באַמערקט אַן אָנגעלויף פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו איין פונקט. אויף זיין פראַגע: „וואָס אַזאַ שטופּעניש און לויפעניש?״ — האָט אים איינער אויער אַריינגעשריגן: „זיידעשי, אַ יונגע פאָר האָט חתונה!״. דערויף האָט ער אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן און געזאָגט: „אוי ווײ, ס׳גלוסט זיך זיי נאָך חתונה האָבן!״.

אין בענעדאָנס „מלוכה״...

אַריבערגייענדיק די גאָוואָראָווער גאַס, איז מען אָנגעקומען אין בענעדאָנס געגנט. די געגנט איז אַזוי גערופן געוואָרן, ווייל ר׳ וועלוול בענעדאָן האָט דאָרט געבויט מיליטערישע קאַזאַרמעס פאַר דעם רוסישן מיליטער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אָסטראָלענקע איז צום גרעסטן טייל געוואָרן אָפּגעבערענט, זענען נאָר געבליבן איינצעלנע געביידעס און זיינע, בענעדאָנס, קאַזאַרמעס. צוריקגעקומענע אָסטראָלענקער האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, האָבן זיי זיך באַזעצט אין די דאָזיקע אַמאָליקע קאַזאַרמעס, וועלכע זענען איבערגעמאַכט געוואָרן פאַר פּריוואַטע וווינונגען. די גרויסע זאַלן האָט מען צעטיילט אויף צימערן און קיכן. וואַשצימערן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען אין דער מאָדע. די שטאָטישע מקווה און די שוויץ־באָד האָבן געדינט אין דער הינזיכט דער באַפעלקערונג.

מ׳קאָן זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך קאָנצענטרירט אין די דאָזיקע געביידעס. פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די דאָרטיקע איינוווינער: די סוחרים, צווישן זיי גאַנץ פאַרמעגלעכע, האָבן פאַרנומען דעם פראָנט צום חזיר־מאַרק, וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן אויף געוועלבער צוזאַמען מיט די וווינונגען. אינעווייניק אין הויף, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ געשלאָסענער קאַסטן, זענען געווען וואַרשטאַטן. ס׳איז נישט געווען קיין מין פאַך, וואָס זאָל זיך דאָרטן נישט האָבן געפונען. אָנהייבנדיק פון יאָסל דעם סטאָליאַר (וואָס אַז ער פלעגט אָנהייבן מאַכן אַ שאַנק — ווי שטאָט פלעגט זאָגן — איז עס גאָר אַרויסגעקומען אַ... לאָקשן־ברעט), ביז צום קופּערשמידט, וואָס פלעגט מאַכן ערשטקלאַסיקע פאַכאַרבעט.

חוץ סוחרים און אַרבעטער זענען דאָרט אויך געווען באַזעצט כלי־קודש, ווי: נפתלי שוחט, מענדל לאָמזשער מלמד, מענדל ריכטער דער גבאי און אפילו דער בעדער און די טוקערקע. אויך שטיבלעך צום דאַווענען. בקיצור: אַ שטעטל פאַר זיך מיט אַן אייגענער אויטאָנאָמיע.

ווען ר׳ וועלוול בענעדאָן איז געשטאָרבן אין אַ טיפן עלטער, האָבן איבערגענומען די ממשלה איבער אַלץ און אַלעמען די פרוי און די נאָך נישט פאַרהייראַטע קינדער: שלמה, אליעזר (לאָליעק), חנה און חיים, וואָס איז געווען מיין חבר. דער טיכטיקסטער פון זיי איז געווען אליעזר, אַ גוטער, איידעלער בחור, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו באַנוצן מיט הויכע, פאַטעטישע אויסדרוקן בעתן רעדן. ווען ער האָט געזוכט, למשל, די שליסלען, פלעגט ער אַ זאָג טאָן: „גאָט פון די שליסלען, זאָג, ווו זענען מיינע?!״ אָדער ביי אַנדערע ענלעכע מאָמענטן פלעגט ער פאָזירן מיט דיבורים, וואָס מ׳האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן זיי. צו טרייבן זיין גדלות האָט אים אויך צוגעהאָלפן דער סטרוזש פון דעם הויף. די גאַנצע קאַנאַליזאַציע איז דאָרט באַשטאַנען פון אַ פערד מיט אַ פעסל, וואָס מ׳פלעגט אַרויספירן פון די גריבער. איז ווען יוזעף, דער סטרוזש, האָט אָנגעפילט דאָס פעסל און אָנגעפאַנגען צו פאָרן, פלעגט זיך תמיד פלוצלונג דערהערן זיין אויסגעשריי: „יוזעף, סטוי!״ ער איז צו, אַריינגעקוקט אין דער פאַס און מעלאָדראַמאַטיש אויסגערופן: „יוזעף, דו מאַכסט מיר אומגליקלעך! דו נעמסט דאָך נישט קיין פולע פאַס!״.

אויף זיין חשבון פלעגן מיר זיך אַביסל לוסטיק מאַכן, דערהויפּט זיין ייִנגסטער ברודער חיים, כאָטש דאָס האָט אים גאָר נישט געשטערט פאָרצוזעצן זיין האַלטונגס־שטייגער.

איינער פון בענעדאָנס שכנים איז געווען ר׳ שמחה שליאָמקעס. אַ חסידישער, ערלעכער ייד פון מיטעלן וווקס מיט געדיכטע באָרד און פּיאות. שטענדיק געטראָגן אַ שווערע פאַרגלאַנצטע קאַפּאָטע, יוכטאָווע שטיוול, וואָס לכבוד שבת פלעגן זיי ווערן געשמירט נאָר מיט טראָן. ער האָט געפירט אַ גרויס געשעפט פון: קאָלאָניאַל, תבואה, פאַרבן, אייל און נאַפט. אַלץ מיט וואָס ער האָט געהאַנדלט, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיינע בגדים און אויף זיין באָרד. האָט אַמאָל אַ קונה זיך געוואָלט דערמאָנען וועגן אַ געוויסן אַרטיקל וואָס ער האָט פאַרגעסן, האָט ער בלויז געדאַרפט אויף אים אַ קוק טאָן אָדער פון אים אַ שמעק טאָן, איז דאָס שוין גענוג געווען אויף זיך צו דערמאָנען. ער אַליין איז געווען די בעסטע מוסטערקאַרטע פאַר זיין געשעפט.

ר׳ שמחה האָט אויך געהאַט אַ גרויסע דריישטאָקיקע געביידע אויף דער אָסטראָווער גאַס. נאָר פאַר אים אַליין צו וווינען דאָרט איז געווען צו פיל. ער האָט זיך בעסער געפילט אין בענעדאָנס הייזער איידער אין זיין וווינונג וואָס איז געווען צוזאַמען מיטן געשעפט.

פון זיינע שלאָף־בעטן פלעגט מען דערציילן וווּנדער. הימל־בעטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון אַ פּריצישן שלאָס. די

בעטגעוואַנט איז געווען ביי אים שטענדיק געפּאַקט אין פּעקלעך. „ר׳ שמחה, וואָס עפּעס אין פּעקלעך?״ — פרעגט מען אים. „וואָס מיינט איר, אַז איך וועל גיין וואַרטן ביז עס וועט זיך מאַכן אַ שׂריפה, חלילה, און דעמאָלט אָנהויבן פּאַקן?״ — ענטפערט ר׳ שמחה קורץ און קלאָר.

ווען איך רעד וועגן בענעדאָנס „פּאַראַפּיע״, קאָן איך נישט אַריבערגיין דאָס בילד, וואָס פלעגט זיך דאָרט אָפּשפּילן אין די ערב־פּסחדיקע טעג. ווער עס האָט דאָס נישט געזען — דער קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, וואָס אַזוינס עס הייסט גרייטן זיך צו אַ פּסח. באַלד נאָך פּורים, ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין און די בלאָטעס זענען געווען „ביזן האַלדז״ — האָט זיך גלייך באַוויזן משהלע דער „ווייסער״ (קאַלכער). אַ נידעריק דאַר יידל מיט אַ גרויסן הויקער און מיט אַ באָרד, וואָס איז אַמאָל געוואַקסן, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, אין מיטן דערינען חרטה געקריגן... גערעדט האָט ער מיט אַ דינע פּרויען־שטימע. ווען אַ חברהמאַן, אַ לץ, האָט אים אַ פרעג געטאָן: „ר׳ משה, איר קאָנט נישט רעדן אַביסל גרעבער?״, יאָ, האָט ער געענטפערט, פאַרוואָס נישט? קוש מיר אין זיצער... אַז דו ווילסט, קאָן איך נאָך גרעבער!״

אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קובל מיט פאַרב און אין דער אַנדערער — אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ פּענזל.

משהלעס באַווייזן זיך אין בענעדאָנס „מלוכה״ אין די דאָזיקע ערב־פּסח־טעג, האָט באַטייט ווי אַן אַליאַרם אויף אַ שלאַכט־פעלד... ווייבער האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן פון אַלע מקומות ווי חסידים, להבדיל, צו אַ רבין. יעדע איינע אויף איר שטייגער האָט אָנגעהויבן צו אים זיך חנדלען מיט ווייבערישער קאָקעטעריע, געוואָלט, אַז ער זאָל זיין ביי איר דער ערשטער. ער ווידער, משהלע, זיך פילנדיק זיכער און אָפּשאַצנדיק זיין ווערט, זייענדיק אַרומגערינגלט פון אַזוי פיל ווייבער, פלעגט מיט גרויס חשיבות אָפּזאָגן זיין פּסוק און געבן צו פאַרשטיין, אַז ערשטנס: האָט ער נאָך פאַראַיאָרן צוגעזאָגט דער און דער בעל־הביתטע, אַז דעם יאָר וועט ער ביי איר צום ערשטן, און צווייטנס — האָט ער הייַנטיקס יאָר נאָר איין מין פאַרב, וואָס דאָס וועט גוט דעקן די פאַרב, מיט וועלכער ער האָט געווייסט יענעם יאָר. ר׳ משה, זעענדיק אַז דער „עולם״ נעמט עס אָן, האָט ער שוין פאַראייַנוועגס דורכגעזעצט אַן ענין, וואָס קומט אים אָן שטענדיק שווער: „זייט וויסן, אַז קיין שלאָקן וועל איך נישט מאַכן, כ׳האָב נישט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן״...

ווען די ווייבער זענען געוואָרן דערפון אומצופרידן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ווער עס באַשטייט איז גוט און ווער נישט — איז נישט!״

בקיצור: באין ברירה האָט מען דאָס אויך אָנגענומען.

און ווי נאָר ר׳ משהלע האָט זיך אַ נעם געטאָן צום שמירן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף די הויפן מעבל פון כלערליי מינים און פון פאַרשידנאַרטיקע סטילן, וואָס יעדער האָט אַרויסגעשטעלט פאַר דער טיר. און גלייך האָט מען אָנגעהויבן שייערן, רייבן, גיסן און כליאַפּן... עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעש. שטרויען זענען „געלאָפן״ פון די שעניקעס, קאָלירטע פּאַפּיר־בענדער, וואָס האָבן אַדורכגעווינטערט צווישן די טאָפּעלע פענצטער האָבן זיך געלאָזט „אין גאַנג״, פעדערן וואָס די שוואַכע איינשיטן האָבן אַדורכגעלאָזט דורך די פערינעס זענען געפלויגן אין דער לופטן — עס איז געוואָרן פריילעך. דער עיקר: די „גאַרדעראָבעס״ פון די ווייבער. יעדע איינע האָט געוואָלט איבערשטייגן די צווייטע. האָט איינע אָנגעטאָן דעם מאַנס שיך, האָט די צווייטע אָנגעטאָן דעם מאַנס שטיוול. די קעפּ פאַרבונדן מיט גרויסע משונה־פאַרביקע טיכער, די קליידער וואָס ברייטער, וואָס לענגער און וואָס אומגעלומפּערטער. ממש אַ קאָנקורס: ווער וועט וועמען איבערשטייגן אין שלומפּער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַווייז אויף מער חשיבות און בריהשאַפט.

די לעצטע „שלאַכט״ איז דאָרט פאָרגעקומען ביים כשרן די כלים. אין אַלע עקן האָבן געפלאַקערט פייערן, אויף וועלכע ס׳איז געשטאַנען גרויסע טעפּ מיט זודיקע וואַסער און אָנגעברענטע שטיינער אויף צו כשרן די חמצדיקע כלים. טראָצדעם וואָס יעדע כלי האָט געהאַט איר פּרייז, זענען דאָך פאָרגעקומען דינגענישן. „ס׳איז נישט געפערלעך, אַז מען באַצאָלט פאַר פיר טעפּ, מעג מען די שעפּלעפל און דעם ראָנדלעך מיט נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן מיטכשרן אָן צו באַצאָלן״. אָבער אַזוי ווי די צייט האָט געיאָגט, איז מען דאָ אויך אַדורכגעקומען.

די סדרים־נעכט זענען געפייערט געוואָרן מיט שמחה, ריינקייט און כשרות. אויף די טישן איז געווען פון מרור און חרוסת ביז קניידלעך און ארבע כוסות. סיי אָרעם סיי רייך. די קהילה האָט געזאָרגט, אַז קיין יידישע שטוב זאָל חלילה נישט האָבן קיין פאַרשטערטן יום־טוב.

און ווען די „מלכים״ האָבן זיך געזעצט צום טיש, אָפּגעריכט כדין וכדת די סדרים, האָבן זייערע אויסגעפּוצטע „מלכות״ געשטראַלט פאַר פרייד און אויסגעזען ווי די באָבעס פלעגן זאָגן: „מיט לאהס חן און רחלס שיינקייט״.

עס האָט אויסגעזען ווי זייערע ערב־פּסחדיקע „גאַרדראָבעס״ האָבן זיי דעמאָלט בכוונה אָנגעטאָן כדי דער קאָנטראַסט פון וואָך ביז יום־טוב זאָל זיך שטאַרקער מערקן...

די קילינסקעגאָ־גאַס

נאָך בענעדאָנס געגנט, האָט זיך אָנגעפאַנגען די קילינסקיעגאָ־גאַס (שול־גאַס), ווו ביים אָנהויב האָט געוווינט יודל דער בעקער.

די קילינסקיעגאָ־גאַס, וואָס יידן פלעגן שטענדיק רופן: די שול־גאַס, האָט זיך נאָך דעם ערשטן קריג גאַנץ מאָדערן פונאַנדערגעבויט. 2—3 שטאָקיקע געביידעס מיט באַלקאָנען און מיט גרויסע, שיינע געשעפטן. נאָר ווי אַ זכר־לחורבן איז געבליבן וויסט און פאַרברענט די שטאָטישע שול. דער מויער אַליין איז שטיין געבליבן, נאָר אַלץ וואָס איז געווען געמאַכט פון האָלץ, איז געוואָרן אויסגעברענט. אפילו די געמויערטע סלופּקעס מיט די קייטן, וועלכע האָבן געדינט פאַר אַ פאַרקאַן אין פראָנט — זענען געבליבן. די לעכער פון די אויסגעברענטע אויבן־פאַרונדיקטע טירן און פענצטער פלעגן אָנוואַרפן אַן אימה ופחד אויף יעדן פאַרבייגייער, סיי יונג און אַלט, באַזונדערס אין די נעכט.

יעדער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מ׳האָט די שול באַ־עולט, געלאָזט שטיין אַ פאַרשעמטע, אַ באַליידיקטע. איך האָב דאָס אפשר באַזונדערס געפילט, ווייל אונדזער הויז איז געשטאַנען פונקט קעגנאיבער. ווען די שטאָט־פרנסים האָבן אָנגעהויבן בויען אַ נייעם בית המדרש, האָב איך איינמאָל אַ פרעג געטאָן מיין פאָטער, אַלס איינעם פון די פרנסים: „פאַר וואָס בויט מען אַ נייעם בית המדרש און די שול פאַרריכט מען נישט?" — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין בית־המדרש דאַווענען בריייטערע שיכטן און אין דער שול דאַווענען נאָר אַ געוויסער קלאַס מתפללים...

די מויערער פון בית המדרש זענען דעמאָלט געווען: אברהם אהרן טאַקסאָן דער מוליאַר מיט זיינע זין, וועלכע האָבן אויך זוכה געווען צו בויען אין ארץ־ישראל. אַ סך אָסטראָלענקער זין האָבן געלערנט און געאַרבעט אין דעם פאַך פאַר בנין הארץ. אייניקע פון זיינע תלמידים אין ישראל זענען זיך נאָך מתעסק עד היום אין דעם דאָזיקן פאַך אַלס בוי־אונטערנעמער.

דעם קאָמפּליצירטן דאַך פון בית־המדרש, האָבן געבויט ר׳ טוביה טשעשליאַר (ווילאָזשני) מיט דער מיטהילף פון זיינע זין: משה און ישראלקע. זיי האָבן פאַרשטאַנען גוט זייער פאַך. אויפן וווּנדער זענען מיר געקומען קוקן, מיט וואָס פאַר אַ געשיקטקייט און זיכערקייט זיי האָבן „שפּאַצירט" איבערן הויכן דאַך. ר׳ טוביה מיט זיינע קינדער זענען געקומען קיין ישראל. זיי האָבן דאָ זייער פאַך נישט פאַרגעזעצט. טייל זענען אַריבער אין דער האָלץ־אינדוסטריע און טייל אין דער מעטאַל־בראַנזשע. ר׳ טוביה און זיין זון ישראלקע, ר׳ אברהם אהרן טאַקסאָן און זיין זון משה (דער מאַן פון פעסע לאַכאָוויטש) זענען נפטר געוואָרן אין ישראל, זכרונם לברכה.

אַז מ׳פלעגט אַרויסגיין אויף דער גאַס, האָט מען זיך כמעט שטענדיק צונויפגעטראָפן מיט די זעלביקע פנימער. נעשקע מייראַן (לאַכאָוויטש) אָנגעטאָן ווינטער אין אַ קורצן מענער־פעלצל איז געלאָפן, געהאַנדלט, שטענדיק פאַרנומען אין געשעפטן. נאָר... גאַנץ פלוצלונג טוט זי אַ שטעל אָפּ דעם מסחר און גיט זיך אַ נעם צו זאַמלען נדבות. ווען זי האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף אַ נויטיקע נדבה, האָט עס געהייסן אַ בכבודיקע נדבה פאַר אַ בכבודיקן מענטשן. קיינער האָט איר נישט אַנטזאָגט און נישט איינעם האָט זי פון אַן אומבאַקוועמע לאַגע אַרויס־געהאָלפן.

ר׳ פייוול־לייב הערץ, אַ לאַנגער ייד מיט נאָך אַ לענגערע קאַפּאָטע, האָט זיך פאַרנומען מיט מעדיצין, דאָס הייסט: צווישן אַ דאָקטער און אַ פעלדשער. זיינע קראַנקע זענען געווען נאָר פון מין זכר. אַז מ׳האָט אים אַ רוף געטאָן צו אַ קראַנקן, אין ער אַריין ווי אַ רוח און אַ פרעג געטאָן: „ווו איז ער?" —

זיינע קראַנקע האָבן נישט קיין צייט געהאַט צו ליגן, צי צוליב אַ שטאַרקן קאַטאַר, אָדער אַ שטעכעניש אין די פּלייצעס אָדער גאָר אַ מאָגן־פאַרשטאָפּונג; ער האָט צוגעלייגט דעם אויער דורך די מלבושים פון זיין פּאַציענט כדי אויסצוהערן, געהייסן ציען דעם אָטעם, אַ שטאַרקן הוסט טאָן און גלייך האָט ער פעסטגעשטעלט די דיאַגנאָזע: שטעלן באַנקעס, אויס־שמירן מיט פראַנצויסקע טערפּענטין — און שוין. ביי אַ קראַנקן, למשל, מיט אַ פאַרשטאָפּטן מאָגן פלעגט ער הייסן אים ווייזן די צונג. ווען די צונג האָט זיך באַוויזן אַ ווייסע ווי מילך, פלעגט ער זי גלייך אַ כאַפּ טאָן אין די הענט און אָפּווישן; „שוין, אויס ווייס!" — האָט ער אויסגערופן מיט ניצחון, ס׳הייסט: ער האָט די קרענק אַוועקגענומען מיט די הענט. פאַראָרדנט מאַכן אַ גרויסע „קאַנע", איינעמען ריצינאייל און טרינקען זויער־מילך.

מיינע שכנים: משה נאָסקע טייטלבוים, שלמה יאַבעק, הערשל שפּערלינג, כאַצקל זילבערשטיין — זיי אַלע פלעג איך זען אויף די סעודות פון חברה־קדישא. כ׳בין נאָך דאַן געווען אין דעם עלטער, ווען דער טאַטע נעמט נאָך מיט. די אויבנדערמאָנטע און נאָך צענדליקער מיט זיי, און „אויבן־אָן": ר׳ חיים בערל דער שוחט, אַ שיין געבויטער מאַן מיט אַ טונקל געזיכט און לעבעדיקע גלאַנציקע אויגן — דער בעל־מוסף פון גרויסן בית־המדרש. אויף דער סעודה איז ער געווען דער גאַנצער טאָן־געבער, געזונגען, געווילט מיט זיינע דברי־תורה און קלוגע חסידישע ווערטלעך, און דער עולם מיט אים. מ׳איז געוואָרן בגילופינדיק. וואָס מער פלעשער מ׳האָט אויסגעליידיקט און וואָס מער פּאָרציעס מ׳האָט אויפגעגעסן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דאָס געזאַנג. פון קיין דיעטעס האָבן די יידן נישט געהאַלטן. דאָס איז געווען פאַר זיי ווי טעאַטער, קאָנצערט, להבדיל, און אַנדערע מיני פאַרוויילונגען פאַר דער „פרייערער" יוגנט. דערפאַר טאַקע איז די שמחה געווען אַזוי גרויס, אויסדריקנדיק דערביי די גאַנצע התלהבות.

דער אַלטער מאַרק (טשעטשעגאָ־מאַיאַ)

וואָס מער מ׳האָט זיך דערנענטערט צום אַלטן מאַרק, אַלץ גרעסער און שענער זענען געווען די געשעפטן. קיין זעלבסטשטענדיקע געשעפטספירערינס זענען ביי אונדז כמעט ווי נישט געווען (אויסער געציילטע אויף די פינגער, ווי פרויען, וועלכע האָבן זייערע מענער נישט געהאַט, אָדער וואָס זייערע פאַרפרומטע מענער זענען יום ולילה געזעסן און געלערנט), נאָר פרויען, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט צוזאַמען מיט די מענער אין זייערע געשעפטן — זענען יאָ געווען. אַמבעסטן געדענק איך די פרויען פון די אייזן־קרעמער: די פרוי פון חיים שימאָן, שרה דבורה זילבערשטיין, עטקע תהילים — ערנסטע שטרענגע געזיכטער מיט שאַרפע דורכדרינגענדיקע בליקן, קאַלטע קריטיקירנדיקע באַנעמונג. קיין שמייכל האָט זיך אויף זייערע פנימער נישט באַוויזן. טראָצדעם וואָס זיי האָבן געהאַט באַלקאָנען, האָבן זיי ליב געהאַט צו זיצן אין די זומער־אָוונטן אויף שטולן ביי זייערע געשעפטן. דאָס יונגוואַרג, וואָס פלעגט זיך לאָזן אויפן שפּאַציר צום שטאָט־גאָרטן אָדער צום בריק, פלעגט נישט איינמאָל פילן די קריטיקירנדיקע בליקן פון די דאָזיקע „אָבסערוואַטאָרן". די קלוגע מאַמע פון מיין גוטן חבר אברהמל פרידמאַן פלעגט וואַרפן אַן אַלטן יידישן שפּריכוואָרט אויף זייער חשבון: „ווער עס האָט קינדער אין די וויגן — זאָל לאָזן לייטן צופרידן!"...

שיינע גלייכע גאַסן מיט גרויסע געפלעגטע ביימער פון

ביידע זייטן טראָטואַר, האָט געהאַט אונדזער שטאָט. דער אַלטער מאַרק האָט אַ באַזונדערן רושם געמאַכט. אָפּגערעדט שוין פון דער בריק וואָס איז געלעגן איבערן נאַרעוו און האָט געפירט צו די „פּאַרטן". אַ געוואַלדיקע שפּע פון גרינס האָט דאָרט באַדעקט באַרג און טאָל. דער גרויסער דענקמאָל פון גענעראַל בעהם דערנעבן האָט צו דעם אַלעם אַ באַזונדערע חשיבות צוגעגעבן.

אין די נאָכמיטאָג־שעה'ן האָבן זיך אָנגעהויבן די שפּאַצירן. יעדע שעה — זיינע שפּאַצירער. פון די ערשטע: דער שטאָט־רב ר' יצחק בורשטיין, אַ ייִד, אַ הדרת־פּנים, רבניש־שוואַרץ געקליידט, זויבער און געפּאַסט, זיין שטעקן מיט אַ ווייסן ביינערדיקן העלפאַנט־קאָפּ, אַ געשטאַלט, וואָס פלעגט אַרויסרופן דרך־ארץ אפילו ביי די פּאַרבייגייענדיקע קריסטן, וועלכע פלעגן אים זייער העפלעך באַגריסן און אים אָפּטרעטן דעם וועג. גיין פלעגט ער אין דער באַגלייטונג פון שטאָט־דיין ר' ירמיה, חיים בערל שוחט און גבאי מענדל ריכטער. בערך אין די זעלבע שעהן פלעגן אויך שפּאַצירן ר' ישראל כמיעל, מיין פֿאָטער אהרן יעקב מרגליות און משה אהרן קאַטשאַר. אין אַ גאַנץ באַזונדער גרופּע פלעגן שפּאַצירן מענדל געדאַנקען, אפרים כמיעל, זיסקינד זוסמאַן און שמעון טשאַפּניקעוויטש. ווען די אויבנדערמאָנטע האָבן זיך אומגעקערט צו מנחה־מעריב, האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צונויפזאַמלען ביים אָסטראָוווער און לאָמזשער ווינקל — די יוגנט פון שטאָט. עס איז געמאַכט געוואָרן קורץ און שאַרף, ווייל יעדער האָט שוין געהאַט זיין אָפּגעשמועסטן פּלאַץ. אין דעם דאָזיקן ווינקל זענען זיך צוזאַמענגעקומען נאָר די בחורים און נישט די מיידלעך. דערפאַר אין די שפּעטע שעהן פלעגן חברה זיך ווידער צונויפטרעפן אויפן זעלביקן פּלאַץ און דעמאָלט זוכן די געלעגנהייט איבער וועמען אָדער אויף וועמעס חשבון זיך צו מאַכן פריילעך.

אַ סך געזונטן און נאַטירלעכן הומאָר האָבן פאַרמאָגט די מענטשן פון אונדזער שטאָט. עס איז געווען אין דעם ספּעציפישעס און אייגנאַרטיקעס. אַמאָל פלעגט עס אַרויסקומען בכוונה־תחילהדיק און אַמאָל גאַנץ תמימותדיק.

נעבן דעם מאַגיסטראַט, אין ר' משה שאַפּראַנס הויז, האָט זיינער אַ זון יאַנקל געהאַלטן אַ צוקערניע. ווען ר' משה האָט זיך משכים געווען אַ שבת פּאַרטאָג כדי צו גיין זיך טובלען, און ווי ער האָט אַ קוק געטאָן דורכן לאָדן, אַז חברה זיצן און שפּילן אין קאָרטן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַ בעלנות פון מענטשן, אויפצוהויבן זיך אַזוי פרי און שוין שפּילן אין קאָרטן!"...

אָדער: 2 חברים חסידיש געקליידט, רעליגיעזע יידן, וואָס פלעגן טאָג טעגלעך אַרומשפּאַצירן איבער די אָסטראָלענקער גאַסן; דאָס זענען געווען, ר' פּיניע געדאַנקען און דן קאַהאַן. די געשעפטן זייערע האָבן זיי שוין געהאַט לאַנג אויפגעגעבן. זייער איינציקע „באַשעפטיקונג" איז געווען: אָפּצוטאָן „שפּיצלעך", „שיטן" גלייכווערטלעך און זיצן אין שטאָטישן געריכט, זיך צוקוקנדיק צום גאַנג פון די דאָרטיקע „ספּראַוועס". נישט איינמאָל פלעגט אויסברעכן צווישן זיי אַ מחלוקת וועגן דעם אורטייל אין דער ספּראַווע און צי דער ריכטער האָט אַזוי רעכט געהאַט צו משפּטן...

לוסטיק פלעגט ווערן אין די אָסטראָלענקער קוואַרטאַלן, ווען די 2 שטאָט־לצים פלעגן זיך באַווייזן.

פּיניע געדאַנקען, קאָן מען זאָגן, איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אין זיך געטראָגן דעם זאַפט פון דעם ספּעציפישן הומאָר און וויץ פון אונדזער שטאָט. דערציילט מען, אַז אין אַ פּאַרטאָג, ווען פּיניע איז געפאָרן קיין וואַרשע, האָט ער אָנגעטראָפן נעבן דער קאַצינער באַן־סטאַציע אַ פּאַרל גיין שפּאַצירן. איז ער צו זיי צוגעגאַנגען, זייער העפלעך איבערגעבעטן און געפרעגט: „זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, צי גייט איר נאָך פון נעכטן, אָדער איר גייט שוין פון היינט?"...

און אַזוי ווייטער און ווייטער.

*

„אָסטראָלענקער קוואַרטאַלן", וועלכע זענען געווען דורות־לאַנג אָנגעזאַפּט מיט יידן און יידישקייט, זענען היינט ריין־גוייש.

יידישער אומקום קוקט אַרויס פון דאָרט אויף דער גאַנצער סביבה...

יידיש לעבן אין אָסטראָלענקע איז שוין מער נישטאָ!

שלום מרגלית, תל־אביב



אין אַ נסיעה מיט משה „נאַטשאַלניק" דעם אינהאבער פון דער דראָשקע



אַ יוגנט־גרופּע

עפּיזאָדן און פּאַסירונגען

פרומקע סעגאַל־באָגדאַנאָוויטש (מאָנטעווידעאָ)

אַ מעשה שהיה מיט צוויי...
(אַ פּאַסירונג מיט אַ מוסר־השכל)

אין אַ שפּעט־זומערדיקן פֿאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך דערנענטערט צו מערבֿ־זייט, איז יהודה קצבֿ אַרויס פֿון זיין ברודער שיעס יאַטקע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אויף דער גאָוואָראַווער גאַס, און דערזען ווי פּונקט אַנטקעגנאיבער זיצט זיך יודל („לאָקש") דער בעקער און באַטראַכט גאַנץ געמיטלעך אַלץ וואָס אַרום אים. אין דער מינוט האָט יהודה קצבֿ באַשלאָסן צו שטערן זיין מנוחה. און נאָך איידער ער האָט זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער גענומען דבֿרן אויף זיין שטייגער־לשון: „הער נאַר, דו! וואָס זיצטו דאָ? כאַפּסט לופֿט און דו האָסט גאָר פֿאַרגעסן, אַז חבֿרה קדישא דאַרף שטעלן אַ נייעם פּאַרקאַן אויפֿן בית־עולם? וואָס באַלע־מוטשעסטו און דו ציסט נישט אויס די פּיס?!..."

יודל בעקער אַביסל איבעררעאַשט פֿון דער פּלוצלונגדיקער באַגעגעניש און פֿון זיין, יהודהס, „פֿאַרשלאָג", איז אין ערשטן אויגנבליק געבליבן אַביסל אָפּהענטיק, אָבער באַמיענדיק זיך נישט צו פֿאַרלירן זיין רואיקייט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול און אין דעם זעלבן „העפֿלעכן" נוסח אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער.

יהודה קצבֿ איז געווען, אמת, אַ פּשוטער פֿאָלקס־מענטש פֿון די וואָס ביי זיי איז „וואָס אויפֿן לונג דאָס אויף דער צונג", דערפֿאַר אָבער האָט ער פֿאַרמאָגט אַן עכט יידיש האַרץ און אַן אָפֿענע האַנט פֿאַר צדקה, אין קעגנזאַץ צו יודלען. קיין אָרימאַן איז פֿון זיין שטובֿ קיינמאָל הונגעריק נישט אַרויס. חוץ עסן און טרינקען פֿלעגט ער אויך באַקומען אַן „אָרנ־טלעכע" נדבֿה. מרים זיין ווייבֿ, האָט שוין געוווּסט ביי וועלכער בעל־הביתטע מען דאַרף אַמאָל נישט נעמען געצאָלט פֿאַרן חלק פֿלייש און צום פֿלייש נאָך צולייגן אַ שיינע מטבע.

ווען יהודה קצבֿ האָט אָפּגעזאָגט זיין אויבנדערמאָנטן פּזמון פֿאַר יודל בעקער — אַזוי איז ער, יודל, ווען ער איז אַהיים געקומען, געוואָרן אַביסל אומרואיק, ווי עפּעס וואָלט זיך אין אים אַ רודער געטאָן... ער האָט אָנגעהויבן צו בלעטערן זיינע זכרונות. דאָס ערשטע וואָס איז אים אַפֿירגעקומען איז געווען: די טראַגישע פּאַסירונג מיט זיין אייגענעם זון — אַ זאַך, וואָס האָט בשעתו פֿונאַנדערגערודערט די גאַנצע שטאָט... צו האָט דערין ווייניק שולד געהאַט זיין קמצנישע נאַטור? עס טוט אים אויך באַנג, וואָס ער, יודל, איז גראָד בשעת מעשה אין דער היים נישט געווען. אָבער יודל בלייבט נישט שטיין ביי אָט דעם פֿינצטערן בלעטל פֿון זיינע זכרונות. ער גייט ווייטער. ער געדענקט גאָר נישט, אַז ער זאָל האָבן ווען עס איז געגעבן אַ נדבֿה ביד רחבֿה. פֿאַר יודלען עקזיסטירן בכלל נישט קיין אָרימע לייט. אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ בינדל שאַנטאַ־זשיסטן, וואָס ווילן נישט אַרבעטן, נאָר אויסנאַרן געלט. יודל מישט איבער נאָך אַ בלעטל אין זיינע זכרונות. און דאָ זעט ער זיין אייגענע שוועסטער, אַן אָרימע אלמנה מיט קליינע קינדער. שכנים דערציילן, אַז ס'זענען פֿאַראַן טעג, וואָס קומט נישט אַריין קיין ברויט אין שטובֿ. און ער, יודל, דער רייכער ברודער און בעקער, צי איז ער נישט צו גלייכגילטיק צו איר מצבֿ?!..

אַדורכלאָזנדיק דאָס אַלץ דורך זיין זיכרון — כאַפּט זיך, יודל, אַז ס'איז שוין צייט אַריינצוגיין אין דער בעקעריי און נעמען אַלץ צוגרייטן צו דער אַרבעט אויף דער נאַכט.

עס איז אָנגעקומען אַ שווערע צייט אין פּוילן. דער אַנטי־סעמיטיזם האָט באַקומען די אויבערהאַנט; גזירות שיטן זיך איבער יידישע קעפּ, איינע נאָך די אַנדערע. אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿון דער מאַדאַם פּריסטאָר, ווערט אָנגענומען אין פּוילישן סיים אַ געזעץ, וואָס באַגרענעצט די יידישע שחיטה. קצבֿים ווערן באַדראָט צו פֿאַרלירן זייער פּרנסה און עקזיסטענץ. ס'איז נישטאָ פֿאַר וואָס צו לייזן און וואָס צו קויפֿן. דאַן פֿלעגט אַ קצבֿ שעכטן בגניבֿה אין אַ שטאַל אַ בהמה'לע אָדער אַ קאַלבֿ. יהודה קצבֿ האָט אין איינעם אַ האַרבסטיקן פֿרייטיק נאָכמיטאָג פֿאַרבעטן מאירלען דעם שוחט *), אַז ער זאָל אים אָפּשעכטן אַ קאַלבֿ. אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך האָט ער זיין טאָכטער פֿייגע (אָדער ווי די קצבֿים־יונגען פֿלעגן זי רופֿן: פֿייגע „קוטש"). פֿייגע איז געווען אַ מיידל פֿון נידעריקן וווּקס, גרע־בער ווי גרעסער, מיט קליינע צוגעזשמורעטע אויגעלעך, און מיט אַן „אָפֿן" מויל, גרייט אָפּצופּסילעקן יעדן באַפֿאַלער. מאירל שוחט האָט זיינס אָפּגעטאָן און יהודה קצבֿ האָט זיך גענומען אָפּצושינדן דעם קאַלבֿ און בכלל צו פֿאַרווישן די

---

*) אַ שוחט וואָס האָט געשאָכטן דאַן אין געהיים אָן וויסן און הסכמה פֿון דער קהילה.

שפּורן פון דער אָפּגעטועגער שטיקל אַרבעט. פייגע שטייט אויף איר „פּאָסטן". זי וואַכט און גיט אַכטונג. פלוצלונג דערזעט זי פונוויטן ווי עס שפּרייזט ניעטשעק דער פּאָליציאַנט און זי איז זיכער, אַז ער לאָזט זיך צו זייער שטוב. זי טראַכט נישט פיל, פאַרלירט נישט קיין צייט, טוט אַ לויף־אַריין צום פּאָטער אין שטאַל און גיט אַ געשריי, אַזוי ווי זי האָט געקענט: „טאַטע! מ'האָט אונדז געמסרט!" פון דעם פלוצלונגדיקן געשריי, נישט ווייסנדיק וווהין אויסצובאַהאַלטן אין דעם מאָמענט דאָס פלייש — גיט יהודה קצב אַ פאַל אויף דער ערד אויף קיינמאָל מער נישט אויפצושטיין. אין דעם טויט פון יהודה קצב, איז יודל בעקער דער איינציקער דאַכט זיך וואָס נעמט נקמה. נאָר זעענדיק ווי חברה־קדישא איז זיך מתעסק מיטן מת אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָן דינגענישן און אָן קריגערייען — קלעמט דאָס יודלען ביים האַרצן. קענטיק אַז פאַר יהודה'ס געלט וועט מען דעם נייעם פאַרקאַן אויפן בית־עולם נישט קאָנען מאַכן. יודל מאַכט זיך דעמאָלט זיינע אויספירן און אַ געדאַנק נעמט אים עגבערן אין קאָפּ, אַז עס קען טאַקע זיין, אַז יהודה קצבס נבואה וועגן אים זאָל מקוים ווערן און נאָר פאַר זיין, יודלס, געלט וועט דער נייער פאַרקאַן ווערן אויפגעשטעלט...

יודל זעט זיך ווי אין אַ קלעם. ער זעט נישט קיין אויסוועג צו דער סיטואַציע. דאָס איינציקע וואָס וואָלט אים געקענט ראַטעווען איז: נישט שטאַרבן. אָבער דאָס איז דאָך אומפאַרמיידלעך. דער געדאַנק, אַז זיין געלט וועט מוזן סוף־סוף אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט — פייניקט אים אָן אַן אויפהער. דאָס מאַגישע וואָרט „געלט", שטייגט איבער אַלץ.

אָבער עס איז אָנגעקומען אויך יודלס רייע. אין אַ געוויסן טאָג — ס'איז דעמאָלט געווען אַ שווערער ווינטער — איז יודל פאַרשלאָפט געוואָרן, באַקומענדיק אַ שטאַרקע לונגען־אָנצינדונג. זיין ווייב האָט דאָס געהאַלטן בסוד־סודות און אויך אָנגעזאָגט די קינדער פון שטוב, זיי זאָלן דערפון נישט רעדן אָדער אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט פאַר די שכנים, כדי די שטאָט זאָל זיך נישט דערוויסן און די וואָס האָבן שוין לאַנג אויף דעם געוואַרט, זאָלן זיך נישט פרייען באַצייטנס. אָבער אומזיסט איז געווען זייער טרחה. יודלס טאָג איז געקומען און ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אָפּצוגעבן זיין נשמה. דעם טייערסטן טייל האָט ער אַליין אָפּגעגעבן, דעם שווערסטן טייל האָט ער געלאָזט פאַר זיינע יורשים צום אָפּגעבן. ווען זיין זון איז אַוועק צו חברה־קדישא, האָבן זיי אים אויסגעהערט גאַנץ געלאַסן און געענטפערט: „מאָרגן, אם ירצה השם, וועט מען זען, ס'איז נאָך דאָ צייט". אַז עס איז אַוועק אַ טאָג און דער ענין איז געבליבן שטיין אויפן זעלבן פונקט, איז יודלס משפחה געוואָרן צודרינגלעכער. דאַן האָט חברה־קדישא אַוועקגעשטעלט אַ ציפער און מען האָט זיך גענומען דינגען אין האַמפּערן. לסוף איז מען דורכגעקומען און חברה־קדישא האָט זיך גענומען טאָן זיין רעכט. ווען מ'האָט יודלען אַרויסגעטראָגן פון שטוב, האָט זיין ווייב געהאַט צו ווייגען אויף צוויי זאַכן פאַר אַמאָל: אויפן טויט פון איר מאַן און אויף די שיינע פאָר טויזנט זלאָטעס וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פון דעם אָנגעלעגערטן קאַפּיטאַל. ביי איר אין שטוב איז געווען אַ טאָפּעלער טרויער, אָבער ביי חברה־קדישא איז די לאגע געווען אַ גאַנץ אַנדערע. מען האָט געטרונקען „לחיים" און זיי האָבן ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן און באַשטעטיקט דעם אַלטן פאָלקס־וואָרט, אַז: „די וואָס ווילן נישט געבן ביי זייער לעבן — די מוזן סוף־סוף געבן נאָך זייער טויט".

דאָס איז דעמאָלט געווען די איינציקע טעמע פון טאָג אין יעדער אָסטראָלענקער יידישער שטוב.

שלום מרגלית (תל־אביב)

פון דער פּאַרטיי

א. אַ רעדנער קעגן אַ רעדנער

אין די יאָרן 1928־29, איז שוין דער בונד" געווען זייער פאַרצווייגט אין אָסטראָלענקע און געהאַט שוין אַריינגענומען אין זיינע רייען, חוץ דעם יוגנט־טייל פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, אויך אַן אָנזעעוודיקן טייל פונעם באַלעבאַטיש־פאַרמעגלעכערן און אפילו חסידישן קלאַס, און דווקא אייניקע פון זיי זענען דערנאָך געוואָרן די הויפּט־פירער פון דער בונדישער פּאַרטיי, ווי: מאיר קרימקעוויטש, אהרן זוסמאַן, יצחק קאַהאַן (חיים בערל דעם שוחטס זון; געפינט זיך היינט אין אויסטראַליע; באַקאַנטער שרייבער און פּרעלעגענט) א. אַנד.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אירע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס (ווי: פּועלי־ציון, השומר־הצעיר, החלוץ א. אַז. וו.) פון דער צווייטער זייט, וואָס איר אידעאָלאָגיע איז געשטאַנען קעגן בונדיסטישן אַנטי־ארץ־ישראלדיקן געדאַנק ווי פייער אַנטקעגן וואַסער, איז אויך נישט געשטאַנען מיט „פאַרלייגטע הענט" און געזען זיך אָפּצוווערן פון דער בונדישער געפאַר, שטאַרקנדיק אירע רייען מיט נייע יוגנט־כוחות אין קאַמף פאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק. די מערסטע „קאָנקורענץ"־טעטיקייט פון יעדן צד איז דאַן באַשטאַנען אין פאַרגרעסערן וואָס מער זיין ביבליאָטעק, צוציענדיק צו זיך אַ ברייטערע צאָל לייענער און אַראָפּברענגען פון די גרויסע שטעט באַקאַנטע רעדנער און פּאַרטיי־פירער אַלס וועג־ווייזער און גייסטיקע שפּייזער פאַר דער שטעטלדיקער דעמאָלט־בלאָנדזשענדיקער יוגנט...

איך וויל דאָ דערמאָנען אַן עפּיזאָד, וואָס איז מיר געבליבן עד היום איינגעקריצט אין זיכרון. דאָס איז געווען אין איינעם פון די אָסטראָלענקער פרייטיק־צו־נאַכטסן (אַ שעת־רצון פאַר אַראָפּגעבראַכטע פּרעלעגענטן...). דער „בונד" האָט דאַן געהאַט

אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט אַלס „באָמבע" דעם באַוווסטן רעדנער און דיכטער פּרץ מאַרקיש. דער זאַל, געדענק איך, איז געווען געפּאַקט, אַז „קיין שפּילקענע קעפּל האָט דאָרט נישט געקאָנט אַריין". און ווען דער רעדנער האָט צווישן אַנדערס באַרירט די ארץ־ישראל־פּראַגע, האָט ער פּאַטעטיש אויסגעשריגן אויפן גאַנצן קול: „מיר דאַרפן נישט קיין נאַציאָנאַלעקי מיט קיין נאַציאָנאַלע מילך! אַז אַ חלוץ קומט קיין ארץ־ישראל — האָט ער געזאָגט — טוט מען אים אָן „ווייסע תכריכים" (ווייסע אַרבעטס־קליידער, ווי ס'איז געווען נהוג אין די ערשטע חלוצישע יאָרן) און שוואַרצע „שערבלעך" אויף די אויגן (שוואַרצע ברילן קעגן דער זון), מען גיט אים אַ פּאָר מעטער ערד און מען זאָגט אים: דאָ ביסטו באַגראָבן!"...

פאַרשטייט זיך, אַז מיר, ציוניסטן, האָבן זיך פון אַזעלכע מיני רייד געפילט שטאַרק געטראָפן. אַרויסגייענדיק פון לאָקאַל, האָבן מיר גלייך באַשלאָסן מקיים צו זיין די מצוה פון „עין תחת עין"... און אַז דעם נעכסטן מאָל וועלן מיר אַראָפּברענגען אַ רעדנער אַזאַ וואָס זיין נאָמען זאָל נישט קלינגען ווייניקער פון דעם רעדנערס. און מיר האָבן טאַקע אַראָפּגעבראַכט דעמאָלט אויף אַ רעפעראַט דעם באַרימטן דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש. עס איז אויך געווען אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס, אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויך ער איז אויפגעטרעטן ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל. די טעמע פון זיין רעפעראַט איז דוקא נישט געווען ספּעציעל־פּאָליטיש. אַפּישרט איז דאַן געווען, אַז דער רעדנער וועט רעפערירן איבער: „פרייע ליבע". סעגאַלאָוויטש וויסנדיק, אַז פאַר אים איז געווען פּרץ מאַרקיש און האָבנדיק מיט אים, ווייזט אויס, אַ גאַנץ אַלטן חשבון, האָט צווישן אַנדערס געזאָגט אָט־וואָס: „מיינע געערטע פאַרזאַמלטע! עס זענען דאָ פאַרשידענערליי רעדנער און דיכטער. פאַראַן אַזעלכע וואָס זייערע רייד זענען צוגעשניטן און רעדן און שרייבן אויף באַשטעלונג און ווי אַ פאַרטיקע „פּלאַסטינקע" אויף אַ פּאַטעפאָן, און ער האָט דערביי דערציילט: עס איז אַמאָל געזעסן אַ פּאָעט מיט אַ ריזיק־לאַנגער טשופּרינע אין דער געזעלשאַפט פון 7 מיידלעך. די מיידלעך האָבן געבעטן דעם פּאָעט, אַז ער זאָל יעדערער פון זיי אָנשרייבן אַ ליבע־ליד. דער פּאָעט האָט גלייך פאַרקאַטשעט זיינע אַרבל, אַ שאָקל געטאָן מיט דער גרויסער געדיכטער טשופּרינע, אַריין אין אַ צווייטן צימער און אָנגעשריבן... אַריינקומענדיק מיט די 7 לידער אין דער האַנט, האָט ער יעדעס מיידל איר ליד דערלאַנגט. ווייסט איר פאַר וואָס דאָס איז געווען אַזוי? ווייל עס זענען פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן ווען די מוזע וויל און עס זענען דאָ שרייבער וואָס שרייבן, ווען די מיידלעך ווילן.."

אַזוי האָט ער געפינען די געלעגנהייט אים „אָפּצוצאָלן" דעם אַלטן „חוב" און אויך אָפּצושוואַכן דעם שווערן רושם, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט אין שטאָט זיין דעמאָלטיקער רעפעראַט...

ב. דער משל מיט די „גאָלע קעפּ"...

אין די צייטן פון די סיים־וואַלן, איז אָסטראָלענקע, גלייך ווי אַנדערע שטעט און שטעטלעך, באַזוכט געוואָרן פון אַ סך באַוווסטע רעדנער און באַקאַנטע פּאַרטיי־פירער, ווי: יצחק גרינבוים, הרב רובינשטיין פון ווילנע (סענאַטאָר), הרב האַגער א"ן אַנד. פון יענע צייטן דערמאָנט זיך מיר פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

דער גרויסער בית־המדרש איז פול־געפּאַקט מיט אַן עולם פון אַלע שטאָטישע שיכטן. געקומען איז מען אַהער באַזונדער צו הערן די רייד פון הרב האַגער („מזרחי"), וועלכע פלעגן אַרויסרופן ביים קהל גרויס התלהבות. ווען ער האָט גערעדט לטובת דעם ציוניזם און א"י, באַטאָנענדיק ווי אַזוי אונדזערע זין פאָרן קיין א"י און זענען דאָרט מקריב זייער לעבן, האָט אויסגעשריגן ר' לייזער מינץ („אגודת ישראל") פון זיין פּלאַץ: „יאָ! אָט די מיט די גאָלע קעפּ, אָן די היטלען!"... ענטפערט אים אָפּ הרב האַגר כהאי לישנא: „איך וועל אייך דערציילן אויף דעם אַ משל: איינמאָל האָט זיך געמאַכט ווי אַ מוטער פון אַ גרויסער פאַמיליע איז געשטאָרבן. פאַרשידענע קינדער זענען געווען אין דער דאָזיקער משפחה: ביוראַליסטן, בני־תורה און אויך מאָדערנע שול־תלמידים. אין אַ צייט אַרום האָט געטראָפן אַ נס־מן־השמים און די מאַמע איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים. ווען מ'איז עס געקומען אָנזאָגן דעם זון דעם ביוראַליסט, האָט ער געענטפערט: 1 אַזייגער, ווען ער וועט נאָר שליסן די ביוראָ, וועט ער זי קומען גלייך זען. ווען מ'האָט עס מבשר געווען דעם זון דעם בן־תורה, האָט ער געענטפערט: איך וועל נאָר ענדיקן דעם דף אין דער גמרא, לויף איך גלייך זי זען. ווען מ'איז עס געלאָפן אָנזאָגן די מאָדערנע שול־תלמידים, ווי נאָר זיי האָבן עס דערהערט, האָבן זיי אַלץ געלאָזט שטיין, אַרויסגעלאָזט די ביכלעך פון די הענט, פאַרגעסן אָנצוטאָן די היטלען און געלאָפן מיט די גאָלע קעפּ צו זען דעם גרויסן נס וואָס האָט געטראָפן מיט זייער געשטאָרבענער מאַמען!..."

דער דאָזיקער קלוגער משל און אימפּראָוויזירטער ענטפער האָט זוכה געווען צו רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע אָנוועזנדיקע.

אונדזער בן־עיר רעווערענד צבי הירש קאַהאַן פון פלאָרידאַ גיט איבער אייניקע פון זיינע אַסטראָלענקער דערינערונגען

א. איבערנאַכט זענען זיי אַלט געוואָרן...

(אין די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה):

ווען מ׳האָט געכאַפּט יידן אין די גאַסן צו גראָבן אָקאָפּעס, און יעדער איינער, ווי דער שטייגער, האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן פון דער „צרה״, האָט די אָסטראָלענקער מאַכט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער רב מיטן שמש זאָלן זיך מטפל זיין מיט דעם דאָזיקן ענין. און אַ פּייקל האָט געפּייקלט אין געגאַנגען זענען זיי — דער רב מיטן שמש — איבער אַלע גאַסן און אויסגערופן אַן איסור, און אַז אַלע יידן, אַלט און יונג, זענען מחויב זיך צו מעלדן אין דער פּאָליציי. דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ שבת. איך און מיין פאָטער ז״ל האָבן זיך געלאָזט צום בנין פון דער פּאָליציי. אויפן וועג האָב איך אים געפּרוווט פּאָרלייגן נישט צו גיין. אָבער אַז דער רב אַליין האָט אויסגערופן — העלפט נישט, איז צוליב אים בין איך שוין אויך געגאַנגען. צוקומענדיק צום הויף פון פּאָוויאַט, איז שוין דאָרט געווען פול מיט יידן, אַ סך אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע קאַפּאָטעס. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אונדז דאָרט געהאַלטן. אין די שעהן, ווען די פּאָליציי איז געשלאָפן און נישט געוואַכט איבער אונדז, האָט דאָס גאַנצע ביסל יונגוואַרג פון דאָרט זיך אָפּגעטראָגן, אַריבערשפּרינגענדיק דעם פּאַרקאַן. נאָר די אַלטע לייט זענען געבליבן. ווען דער נאַטשאַלניק האָט אינדערפרי אַ קוק געטאָן, מיט וועמען ער וועט דאָ דאַרפן גיין אין דער מלחמה — האָט ער געמאַכט אַ „ויצעקו״: ווו זענען היגעקומען די יונגע זשידליאַקעס? האָט זיך איינער אַ לץ אָפּגערופן: די אַלע יידן זענען דאָ מיט אַ טאָג פריער געווען יונג — איבער נאַכט זענען זיי אַלט געוואָרן...

דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט אַלעמען באַפרייט.

ב. אין זכות פון אַרעסט...

ערב תשעה באב, 1915, ווען אָסטראָלענקע האָט געדאַרפט עוואַקואירט ווערן. עס איז געוואָרן אַזאַ „סומאַטאָכע״ (פּאַניק), אַז איינער האָט נישט געוווסט פון אַנדערן. יעדער האָט געזוכט אַ וואָגן כדי וואָס גיכער צו אַנטלויפן. מיין משפחה איז געווען שטאַרק צעוואָרפן. דעם טאַטן האָט מען „אַרויפגעלייגט״ אויף אַן אָנגעפּאַקטן וואָגן מיט זאַכן און אים צוגעבונדן מיט שטריק, ער זאָל זיך האַלטן.

מיין מוטער מיט שוועסטער און ברודער, האָבן זיך געראַטעוועט אויף אַנדערע פורן, וואָס האָבן זיי אויפגענומען. איך האָב זיך צום סוף אַרויפגעכאַפּט אויף אַ גרויסן וואָגן אָנגעפּאַקט מיט קופּערנע טעפּ און קעסלען, בלא יודעים, ווייל קיין מענטשן האָט דער בעל־עגלה נישט געוואָלט אַרויפנעמען פאַר קיין פּרייז (זיין נאָמען געדענק איך נישט, איך ווייס נאָר אַז ער איז געווען אַ קופּער־שמידט). איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט פון הינטן־אַרום און זיך אַריינגעזעצט אין אַ גרויסן קעסל מיט די פיס אַרויף. ווי אַזוי מיין ביסל ביינער האָבן דאָס געקאָנט אויסהאַלטן, פאַרשטיי איך נישט עד היום! די באָמבאַרדירונגען אויפן וועג זענען געווען אין לשער, שטיקער פייער פון די שראַפּנעלן זענען געפלויגן פאַר די אויגן, עס איז געווען אַ גיהינם־מוזיק, און דאָ האָט זיך דער מאָגן אויך צעשפּילט... ער איז אויסגעהונגערט. איך טענה איין מיט אים: סטייטש? ס׳איז דאָך עפּעס תשעה־באב אויף דער נאַכט, אַ מצוה צו פאַסטן! אָבער עס העלפט נישט, ער האַלט זיך ביי זיינס. דאָ שפּאַר איך זיך אָן אין אַ טאָפּ, כדי זיך צו מאַכן אַ ביסל באַקוועמער. פיל איך, אַז מיין האַנט וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דעם דאָזיקן טאָפּ האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געדיכטע קלעפּיקע פליסיקייט. איך נעם אַרויס די האַנט און דערזע, אַז דאָס איז גאָר אַ טאָפּ מיט איינגעמאַכטס... איך האָב דערמיט געשטילט אַ ביסל מיין מאָגן, לעקנדיק דערפון אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב זיך פון „מיין פורמאַן״ געמוזט זיי גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן, ער זאָל מיך נישט, חלילה, דערזען. איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס אין אַזאַ צייט, זענען אים געלעגן מער אין זינען די קעסלען ווי די מענטשן. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין לאָמזשע. דאָרט האָב איך באַגעגנט נאָך עטלעכע יונגוואַרג, אַלע זענען געווען הונגעריק. ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פרי; פאַרטאָג. ביז 6—7 אינדערפרי איז געווען פאַרבאָטן זיך צו ווייזן אין די גאַסן, און מיר דרייען זיך אַרום אויפצוזוכן אונדזערע משפחות. איז אָנגעקומען אַ פּאַטרול און מען האָט אונדז גלייך אַרעסטירט פאַרן עובר זיין דעם געזעץ. פירנדיק אונדז צום קאָמענדאַנט, האָבן יידן בני־רחמנים, דערזעענדיק ווי מען פירט יונגע בחורים מיט אַ קאָנוואָי פון סאָלדאַטן איבער די גאַסן, אונדז צוגעוואָרפן ברויט מיט זעמעלעך און נאָך עפּעס דערצו און מיר האָבן דערמיט זייער פיין געשטילט אונדזער הונגער. געווען איז דאָס אַלץ אין זכות פון אַרעסט... כאָטש דערנאָך האָט מען אונדז באַפרייט.

אַרטשע נאַווינסקי (אַרגענטינע)

פון דער שטאָט

אַ סגולה פאַר עולם־הבא

ווען די ישיבה־בחורים האָבן זיך איינמאָל געזעצט אין אַ משמר־נאַכט לערנען, און דאָסמאָל טאַקע ביי אַ שווערער בלאַט־גמרא, ווייל מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן אַ האַרבע סוגיה, האָבן זיי פּלוצלינג דערזען, ווי עס שלייכט זיך לאַנגזאַם אַריין אַ פרויען־געשטאַלט. אין פלוג האָט עס אַלעמען איבערגעשראָקן. ווען אָבער דער פרויען־סילועט האָט זיך דערנעבטערט, האָט מען דערזען, אַז דאָס איז גאָר צירל די שמשטע. געווען איז זי בלייך און דערשראָקן. אויף דער פראַגע וואָס זי טוט דאָ אין אַזאַ שפּעטער שעה (דרך־אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער שמש האָט געוווינט בשכנות מיט דער ישיבה), שטעלט זי אָן אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און דערציילט ווי עס האָט זיך איר געחלומט, אַז מען דאַרף זי האָבן אויף יענער וועלט און אַז זי זאָל זיך גרייטן. איז זי געקומען בעטן די ישיבה־בחורים, מען זאָל זיך אויף איר מרחם זיין און איר פאַרקויפן די גאַנצע עולם־הבא פון דער נאַכט לערנען, זי וויל דאָס מיטברענגען פאַרן בית־דין־של־מעלה. און אַזוי ווי ביי איר מאַן דעם שמש לעבט זיך איר נישט ווי אַמבעסטן, ער איז נערוועז און שלעכט, פאַר יעדע קלייניקייט שעלט ער מיט „טויטע קללות״, אָדער ווען אים פאַרגלוסט זיך וואַרפט ער איר גאָר אַ טעלער אין קאָפּ, „אַזוי וועל איך מיך מיט אַ ביסל עולם הבא אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט און לעבן במנוחה, וועל זיצן אויף אַ פּוס־בענקעלע לעבן די צדיקים אין גן־עדן און הערן ווי זיי לערנען תורה״. נישט קאָנענדיק איר אָפּזאָגן, ווייל מיר האָבן געזען, אַז יעדער ווידערשטאַנד פון אונדזער זייט וועט זיין אומזיסט — האָבן מיר איר אָפּגעשריבן אַ צוואַנציק בלאַט גמרא. פון גרויס גליק האָט זי אונדז געכאַפּט קושן די הענט און איז אַרויס אַ צעשטראַלטע טראָגנדיק דעם „דאָקומענט״ אונטערן אָרעם ווי אַ קמיע און אַ סגולה פאַר עולם־הבא.

„אַסטראָלענקער בעלנים״

אַזוי האָט מען אונדז אומעטום גערופן, און מיר האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן ביינאָמען מיט שטאָלץ. און אָט איז אַן עפּיזאָד טאַקע פון אונדזער בעלנות. נאָך פּסח פלעגט מען אין פּוילן שטיין צום פּריזיוו. אין אַזאַ נאָך פּסח האָבן מיר, אַ גרופּע פון אַזעלכע 20 מאַן, זיך געדאַרפט צושטעלן צו די קאָמיסיעס. פאַרשטייט זיך, אַז „דינען״ האָט קיינער נישט געוואָלט. האָבן מיר באַשלאָסן אַראָפּצוואַרפן פון דער וואָג, אַזוי אַרום וועט מען אונדז באַפרייען. אָבער ווי אַזוי פאַלט מען אַראָפּ? האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו שלאָפן אין די נעכט און זיך אַרומדרייען אין די גאַסן. צו דעם צוועק האָבן מיר געשאַפן אַ פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל אָנפירן מיט די פּריזיורניקעס אין אַרויסצוגעבן פאַראָרדנונגען צום „סדר־הלילה״...

איינמאָל אין אַזאַ נאַכט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג צו בייטן אַלע שילדן פון דער שטאָט, דאָס שילדל פון אַ שוסטער, למשל, — בייטן אויף אַ דאָקטאָרישן, דעם אויפשריפט פון דער קהילה אויפהענגען אויפן בית־המרחץ א. אַז. וו. האָט זיי גראָד געדאַרפט טרעפן ביי דער דאָזיקער אַרבט, איינער א שטאָט־באַקאַנטער ייד. האָט ער דאָס גלייך איבערגעגעבן אין דער פּאָליציי. האָבן מיר באַלד באַשלאָסן אים מקיים פּסק זיין. אויף דער צווייטער נאַכט, האָבן אונדזערע חברה־לייט אַוועקגעפירט דעם ארון פון די מתים לעבן זיין שטוב, אַרויסגעשלעפּט די מיטה און אַוועקגעשטעלט ביי אים אויף דער שוועל. אויפצומאָרגנס האָט גאַנץ שטאָט געקלונגען, אַז דער דאָזיקער ייד איז „געשטאָרבן״...

אַ פּאָליציאַנט היט־אָפּ די יידישע שחיטה...

ביי די שטאָטישע כלי־קודש, זענען שטענדיק אָנגעגאַנגען, ווי באַקאַנט, פאַרשידענע מחלוקת׳ן און קאַמפן. עס דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד פון יאָר 1934, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט צוגענומען ביי אַלע יידן די קאָנצעסיעס אויף טאַבאַק, מיטן אויסרייד, אַז זי מוז די אַלע דאָזיקע קאָנצעסיעס אַוועקגעבן די פּוילישע אינוואַלידן. פון דעם געזעץ איז אויך געטראָפן געוואָרן אַ געוויסער ייד, אַ למדן, אַ מטופּל מיט 8 קינדער. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גערער חסיד, האָט דאָס גערער שטיבל געוואָלט, אַז די קהילה זאָל אים אַריינגעמען פאַר אַ שוחט, ווייל די שחיטה האָט געהערט צו דער קהילה. האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו. סטייטש, עס וועט דערמיט פאַרקלענערט ווערן, חלילה, דאָס געהאַלט פון די איבעריקע כלי־קודש: פון רב, שוחטים און אַנד. פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט אים נישט אַריינגענומען. האָט ער גענומען שעכטן אויף אייגענער אחריות. דאָ איז אַרויס דער רב און אויסגערופן אַן איסור אויף זיין שחיטה און גוזר געווען, אַז מ׳זאָל אַרויסוואַרפן די כלים, וואָס זענען טריף געוואָרן פון זיין שחיטה... עס האָבן זיך געפונען פיל אין שטיבל, וועלכע האָבן דעם איסור אָפּגעוואָרפן מחמת רחמנות צו די 8 קינדער. איז געקומען די פּאָליציי און ביי אים צוגענומען דעם חלף און האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּאָליציאַנט ביי זיין הויז אויף שמירה, אַ לענגערע צייט, כדי ער זאָל נישט מכשיל זיין, חלילה, מיט קיין טריפה אונדזער שטאָט. דער קאַמף, ווי מ׳גיט איבער, האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן ביז ער האָט זיך סוף־סוף פאָרט דערשלאָגן צו אַן אָפיציעלער אָנערקענונג אַלס שוחט מצד דער קהילה.

י. ע.

ווי אַזוי ר׳ יעקב מאיר ראַקאָווסקי האָט געמאַכט קאַצינעס פאַר אַ שטעטעלע „פאַר זיך“

(אגב: שטריכן צו זיין פּערזענלעכקייט)

קאַצינעס, אַ באַן־סטאַציע, אַ 5 ק״מ פון אָסטראָלענקע — איז, כידוע, פון תמיד־אָן געווען אָפּהענגיק פון אָסטראָלענקע אין אַלע הינזיכטן. דער יידישער יישוב דאָרט, וואָס איז באַשטאַנען פון געציילטע הייזער צווישן דעם גרעסטן טייל קריסטלעכע איינוווינער, איז געווען פון שטענדיק־אָן פאַררעכנט צו אָסטראָלענקע. געוווּנג איז געווען זיך צו באַגעגענען מיט אַ קאַצינער, כדי צו באַקומען אַ באַגריף וועגן די ענינים פון אָסטראָלענקע.

קאַצינער דין־תורות פלעגן, פאַרשטייט זיך, געבּרענגט ווערן פאַרן אָסטראָלענקער רב. קאַצינער תושבים פלעגן עסן פלייש פון אָסטראָלענקער שחיטה. אַלע פאָרמעלע און אַדמיניסטראַטיווע ענינים פון די קאַצינער פלעגן דערליידיקט ווערן, ווי געוויינלעך, נאָר אין אָסטראָלענקע.

וועגן די פאַרשידענע מסחרים וואָס פלעגן געפירט ווערן אין קאַצינעס פאַר אָסטראָלענקע און וועגן די גרויסע באַן־טראַנספּאָרטן, וואָס פלעגן געליפערט ווערן פאַר דער שטאָט און קאַצינער, אָנהויבנדיק פון בעלי־עגלות, טרעגער א. אַז. וו. וועלכע פלעגן ציען זייער חיונה פון אָסטראָלענקע — דערפון איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט דער קאַצינער תושב ר׳ יעקב מאיר ראַקאָווסקי (דער פאָטער פון דעם באַקאַנטן שרייבער און איבערזעצער מאַרק ראַקאָווסקי), באַשטימט צו מאַכן קאַצינעס פאַר אַ זעלבסטשטענדיקע „מלוכה“, ד. ה. פאַר אַ שטעטעלע „פאַר זיך“. קודם־כל באַשליסט ער צו בויען אַן אייגענעם בית־מדרש. געוווּנג שוין צו דאַוונען מיט „מנין“ אין פּריוואַטע שטיבער. און אַז ר׳ יעקב מאיר באַשליסט עפּעס, איז עס נישט צו ענדערן. ער איז אַ ייד, וואָס שפּרודלט מיט פייערדיקער ענערגיע און אייזן־שטאַרק איז זיין ווילן, דערצו איז ער אַ ייד, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע ידיעה אין וואָס נאָר איר ווילט. ער איז אפילו אויך אַ בקי אין די „פּאַסעקלעך“ פון אַ בוי פּלאַן, ווי אַזוי מ׳דאַרף אַוועקשטעלן אַ בנין, און וואָס נישט? בכלל אַ ייד אַ שם־דבר, סיי אין דער סוחרישער, סיי אין דער געזעלשאַפטלעכער וועלט, וואָס קאָן אויספירן זאַכן אומבאַגרייפלעכע, האָט אומעטום „אויפּזען“ און רופט אַרויס כבוד ביי אַלעמען — אפילו ביי דעם קאָנדוקטאָר פון דער סטאַציע, וואָס איז בכוח אָפּצושטעלן די באַן אינמיטן גאַנג, ווען דער אַנטקעגנאָנקומענדיקער ר׳ יעקב מאיר דאַרף איינשטייגן...

אָפּטמאָל טוט אים וויי דאָס האַרץ פאַר די דאָרטיקע „עמך“־יידן: די קאַצינעסער שניידערס און בעלי־עגלות. אויך אין אים טליעט זייערס אַ פּונק... ווי נאָבל און אַריסטאָקראַטיש זיין נשמה זאָל נישט זיין, דאָך געפינט ער אַן עכטע שפּראַך צו די דאָזיקע פּשוטע יידן און אַ גלייכן וועג צו זייער האַרץ, וואָס איז אויך זיין וועג און אויך זיין שפּראַך. אָט דערציילט מען אויף אים, אַז זייענדיק נאָך אין מאַלקין, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין קאַצינעס, — פלעגט ער אום שמחת־תורה, אַלס אויפרופער צו די הקפות — פאָרן בכוונה־תחילה אין דער זעלביקער הקפה: אַ בעל־יחוס מיט אַ פּשוטן שוסטער זיי זאָלן זיך פרייען צוזאַמען... אַ בפירושע ראיה, אַז זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַרן פּשוטן פאָלקס־מענטש, כאָטש די דאָרטיקע שול־גבאים זענען נאָך דער דאָזיקער מעשה אַרומגעגאַנגען מיט לאַנגע נעזער. שווער איז זיי געווען אים דאָס מוחל צו זיין...

אָבער ווי נאָר מ׳האָט זיך געשטעלט בויען דעם אייגענעם בית מדרש — איז גלייך געוואָרן אַ „ויצעקו“ אין אָסטראָלענקע.

דער אָסטראָלענקער רב, ר׳ יצחק בורשטיין זצ״ל, איז בפירוש געווען קעגן דעם דאָזיקן „פאַר־זיך־שבת־מאַכן“ פון קאַצינעס אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ יעקב מאיר. אָט האָט ער שוין אַראָפּגעבראַכט אַ יונגנמאַן פון יאַדאָווע און אים געמאַכט פאַר קאַצינער שוחט *), און אָט האָט ער שוין אויך אַראָפּגעבראַכט אַ יונגן בחור, אַ למדן פון אַ ישיבה, כדי אים צו „קרוינען“ פאַר קאַצינער רב. און דאָ איז כלו כל הקיצין; אָסטראָלענקע וועט עס נישט פאַרשווייגן!

איז ר׳ יעקב מאיר קודם כל זיך מיישב מיט זיך אליין: צי מעג מען עס טאַקע? שמעקט עס נישט אַמאָל מיט הסגת־גבול? יאָ. ער פאָרט גלייך טאַקע זיך דורכרעדן וועגן דעם דאָזיקן ענין מיט זיין אָנקל דעם באַרימטן ר׳ אברהם־אבא ראַקאָווסקי, וועלכער האָט געשמט אַלס אַ גרויסער למדן און העבּרעאישער שרייבער מיט ענציקלאָפּעדיסטישן וויסן (נחום סאָקאָלאָוו אַ ישיבה־חבר און אַליין אַ מיטאַרבעטער אין „הצפירה“!). כאָטש ר׳ יעקב מאיר איז זיכער אין דער דאָזיקער גערעכטיקייט, און וועט זיך נישט אָפּהאַלטן און זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קיין זאַך, אָבער דאָך, דאָך... און ר׳ אברהם אבא האָט טאַקע גלייך אויפן אָרט געגעבן ר׳ יעקב מאירן אַ היתר. פאַר וואָס נישט? לויט אַלע דינים פון דער תורה איז עס כשר. ווען אַ יישוב וויל ווערן זעלבסטשטענדיק, קאָן עס זיין ווי קליין — מעג עס האָבן אַן אייגענעם בית־מדרש, אויפנעמען אַן אייגענעם

*) טרושין, זשיקין און נאָך אַנדערע דערבּייאיקע קליינע יידישע וווין־ערטער פלעגן שוין דערנאָך אָפּיציעל עסן פלייש פון דער קאַצינער שחיטה...

שוחט און אפילו אַן אייגענעם רב אויך... פאַר וואָס נישט? אדרבא, כן ירבו.

געשטאַרקט פון די דאָזיקע רייד און פון זיין דינאַמישן אומדערמידלעכן ווילן — כאַפּט ר׳ יעקב מאיר אַ גרויסן וואָגן, זעצט אַרויף דאָרט אַלע קאַצינער חשובע בעלי בתים מיט די „עמך״־יידן (צווישן זיי: חאָנע, אברהם־מרדכי, אברהם־משה, מאיר־יאָסל, לייבל דער שוסטער א.אַנ.) און אַלע ווי איינער מיט ר׳ יעקב מאירן בראש גיבן זיך אַ לאָז אַריין צום אָסטראָ־לענקער רב... ר׳ יעקב מאיר הייבט־אָן און אַלע נאָך אים: ילמדנו רבנו, ווו שטייט עס געשריבן אין דער תורה, אַז קאַצינעס טאָר נישט האָבן קיין אייגענעם בית־מדרש, קיין אייגענעם שוחט און קיין אייגענעם רב?! אדרבא, מ׳איז עס גרייט צו זען... און די טרעגערס מיט די בעלי־עגלות דונערן צו: אוודאי, אוודאי, אויב דער רב וועט עס אויפווייזן, מ׳איז עס גרייט צו זען!...

דער רב איז געוואָרן אָפּהענטיק און זיך פאַרלאָרן פון דער גאַנצער געשיכטע. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך שטאַרק אויפגערעגט און גענומען זיך „קאָכן״ אויף ר׳ יעקב מאירן דעם „חוטא ומחטיא״...

מיט דעם האָט זיך עס פאַרענדיקט. פון דעמאָלט אָן איז קאַצינעס געוואָרן אַ שטעטעלע פאַר זיך, און דאָס אַלץ אין זכות פון אים, ר׳ יעקב מאירן, זכרונו לברכה.

אויפגענומען ביי צילע ראַקאָווסקי־כרמל, תל־אביב

נוסח אוסטרולנקה
אסטראלענקער שטייגער

וי אזוי אסטראלענקע האט געפירט איר שטייגער־לעבן; אין שטוב און אויף דער גאס; אין בית המדרש און אין ווערקשטעל; כלל־טועריש און פריוואט; בצנעה און בפרהסיה; אויף שמחות און אין צער; ווי אזוי אסטראלענקע האט גערעדט און געטייטשט; געטרויערט און געלאכט; געשבתט און געוואכט; געזונגען און געלידלט; געדבריתורהוועט און זיך געווערטלט; געדאגהט און זיך מצער געווען, און אזוי ווייטער און ווייטער·

געזאַמלט, באארבעט און אַליין אָנגעשריבן: י. ע.

שטאטיש און היימיש:

„איך וועל זיי באַלד ווייזן!"...

יוזעף, אַ „געפערלעך"־הויך־געוווקסיקער אָסטראָלענקער גוי (פון אפשר איבער 2 מעטער), וועלכער האָט געווינט אויף דעם גאָוואָראָווער וועג (ביי יאָסל וואָנשאַק אין אַ קעלער, אין סטאַראָניע דעם אַפטייקערס הויז) — האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דעם לעצטן וועלט־קריג מיט אַ לאַנגער אַלטער ביקס, נאָך פון נאַפּאָלעאָנס צייטן און אַרויפגעשאָסן צו די דייטשישע אַעראָפּלאַנען: „איך וועל זיי באַלד ווייזן!" — האָט ער געדונערט.

דאָס איז געווען אַ מאָמענט פון דער פוילישער פאַרטיידיקונג און „סטראַטעגיע" אַנטקעגן דעם היטלעריסטישן פלי־וועזן.

ב. ער גיט צו פאַרשטיין...

פעפקי דער שוסטער (קאַפּלאַן) — ער פלעגט מאַכן שיך פון אַזאַ מין קאַרטאָן. אַז מען פלעגט אים פרעגן, פאַר וואָס צעררייסן זיי זיך אַזוי גיך, פלעגט ער ענטפערן: „ווייל מ'פּוצט זיי ווייניק". און אַז מען האָט זיי אָנגעהויבן אַ סך פּוצן און זיי האָבן זיך נאָך מער צעריסן, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מען פּוצט זיי צופיל...

ג. אַ היתר־עיסקא איז עפּעס אַנדערש...

מאַשע די לערערקע פלעגט זאָגן: „געלט אויף פּראָצענט — פאַר קיין רענדל נישט; אויף אַ היתר־עיסקא — דאָס קאָן שוין זיין...

ד. „גאָוואָראָווער שוסטערס".

אויף גאָוואָראָווע פלעגט מען זאָגן: „גאָוואָראָווער שוסטערס", ווייל זיי פלעגן באַשיכן און באַשטיוולען אָסטראָלענקע און די גאַנצע געגנט אַרום, אויסשטעלנדיק זייער פּראָדוקציע אויף אַלע יאַרידן און מאַרק־טעג. איבערהויפּט אויף דעם באַוווסטן „יאַנער" יאַריד, וואָס פלעגט זיך ציען אין אָסטראָלענקע דריי טעג נאָכאַנאַנד: מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך (יאָר־יאַריד).

ה. אַ פּנים פון אַ ייד...

אַן איינאונאיינציקער זון פון אַן אָסטראָלענקער למדן און פייערדיקן חסיד, האָט פאַרלאָזט דאָס „שטיבל", אָפּגעשוירן די לאַנגע פיאות, אויפגעהערט צו לערנען, דאַווענען, זיך געראַזירט און דערצו זיך אָנגעטאָן „קורץ", מעשה דייטש.

רופט זיך אָפּ אַמאָל צו אים זיין פאָטער: „מילא, קיין ייד ביסטו נישט — האָב כאָטש אַ פּנים פון אַ ייד..."

ו. רייד פון אַן „איינגעקויפטן" איידעם...

אַן אָסטראָלענקער גרויסער למדן (מיט סמיכות אויף רבנות) און גאָר שאַרפער חסיד, וואָס איז געווען אַן „איינגעקויפטער" איידעם (מיט 2 טויזנט רובל נדן, אַ גאָלדענעם

זייגער און מיט אַ מיליטערישן אָרקעסטער באַגלייט צו דער חופּה, אַ דאַנק זיין שווער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקורב צו די מיליטערישע „הויכע" קרייזן...) ביי אַ פּשוטער „עמך"־פאַמיליע — ווי ס'איז געווען אָנגענומען אין „יענע" צייטן — האָט אַמאָל זיך באַקלאָגט: „איך בין דאָ געגליכן צו אַ שטיק שמאַלץ, וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל מיט וואַסער. דעם טאָפּ קאַרטאָפל — איז גוט, ער ווערט טאַקע דורך און דורך געשמאַלצן, אָבער די שמאַלץ אַליין, נעבעך, אין אַזאַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל — ווערט צערונען און צעשווומען..."

ז. אָבער די שטאָט רעדט...

אַ מעשה מיט אַן אַסטראַלענקער זון, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה, האָט אויפגעהערט לערנען, דאַווענען א. אז. וו. נאָר כדי נישט צופיל מצער צו זיין זיינע פרומע עלטערן, האָט ער גענומען אויף זיך די פליכט צו דאַווענען טאָג־טעגלעך אין דער היים, פאַר טאַטע־מאַמעס אויגן... אַזוי האָט זיך דאָס אָפּ־געצויגן אַ צייט. איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, ווען זיין פרומער טאַטע איז געקומען פון דאַווענען אין בית־מדרש, אָנצובייסן... איז ער אויף אים אָנגעפאַלן בזה הלשון: „פושע, עוכר ישראל, ביסט דאָך אינגאַנצן געוואָרן אַ גוי! די שטאָט רעדט אפילו, אז דו האָסט אויפגעהערט צו דאַווענען..."

— טאַטע! וואָס רעדסטו? — האָט זיך נישט געקענט שעג־קען דער זון — דו אַליין ווייסט דאָך, אז דאָס איז אַ ליגן. איך דאַווען דאָך יעדן טאָג אין שטוב, סיי דו און סיי די מאַמע זעען דאָס און ווייסן דאָס...

— „ווייסן מיר" — בלייבט דער טאַטע אַפּהענטיק — „אָבער די שטאָט רעדט"...

ח. ווי אַזוי אַן אַסטראָלענקער פרוי פּרוּווט־אויס איר מאַנס פרומקייט...

ער פלעגט זיך שטענדיק מקדים זיין צום דאַווענען, מיט־נעמען טלית און תפילין, אַרויסשלייכן זיך שטילערהייט פון שטוב און קומען צוגיין דערנאָך אַ געדאַוונטער... איינמאָל — דאָס איז געווען אַ שבת אינדערפרי, די פרוי, וואָס האָט שוין פון לאַנגע צייטן געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף זיין „פרומער" אויפ־פירונג, האָט באַשלאָסן אויסצופּרוּוון צי דאַוונט ער בכלל. געטראַכט און געטאָן. ווען ער האָט זיך געגרייט צו גיין דאַ־ווענען, האָט זי בגניבה אַרויסגענומען פון זיין טלית־זעקל דעם טלית און אַריינגעטאָן אויף זיין אָרט — אַ פּאָר האַנטיכער.

ווען ער איז צוריקגעקומען, אַ זאָג געטאָן דעם ברייטן „גוט־שבת" און פאַרלאַנגט עפּעס טועם צו זיין, פרעגט די פרוי, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אים די אויגן, צי ער האָט שוין גע־דאַוונט און ווו האָט ער געדאַוונט, אַרויסציענדיק דערביי פון דעם טלית־זעקל די האַנטיכער, וואָס זי האָט דאָרטן אַריינ־געלייגט...

ט. דער ייִד, וואָס איז „משוגע" געוואָרן...

1934. ביי ר' שמואל בישקא איז פלוצלונג אַריינגע־פלויגן אַ געדאַנק: ער וויל פאָרן נאָך ארץ־ישראל. אָסטראַ־לענקער מענטשן האָבן עס נישט פאַרשטאַנען. „סטייטש, ר' שמואל? עס גייט דאָך אייך אַזוי גוט. פאַר וואָס זאָלט איר זיך צעברעכן? אזא שיינעם געשעפט ווי איר האָט?!" שטאָט האָט עס נישט הופס געווען. מ'האָט געשמועסט, אז דער ייד איז משוגע געוואָרן.

ער איז אָבער געווען אַ הייסער ציוניסט מיט אַ שפּאָר ביסל ליבשאַפט צום לאַנד, האָט ער געזאָגט: „אין פוילן האָב איך נישט מער וואָס צו טאָן", און באַלד דערנאָך: „מ'דאַרף פאָרן בויען מילן אין א"י". האָט ער צונויפגענומען אַ ביסל פון זיין געלט און געקומען צופאָרן אַלס קאַפּיטאַליסט. ער אַליין זיצט נאָך עד היום אין אַ צריף, אָבער אַזוי ווי ער איז אַ ייד אַ שמח בחלקו, איז קיינער נישט אַזוי רייך ווי ער. 26 מאַיאָנטקעס האָט ער אין א"י. דאָס הייסט: זין, טעכטער, שנירן, איידעמס, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, זאָלן געזונט זיין. און דערצו קלאַפּן זיינע 3 מילן אין ארץ־ישראל: איינע אין כפר־חסידים, איינע אין חיפה און איינע אין תל־אביב.

אַ שאָד, וואָס אַ סך יידן פון אַסטראַלענקע און פון פאַר־שידענע שטעט האָבן נישט געהאַט דעם זעלבן „שיגעון", וואָס ר' שמואל בישקא! מיר וואָלטן אין אזא פאַל, אָן שום ספק געהאַט אַן אַ שיעור ווייניקער פאַרלוסטן, סיי אין רכוש און סיי אין נפש.

י. אַ „קרבן" פון דער סצענע...

אַן אַמאַטאָר פון אַ גאַנץ קליין שטעטעלע, אין דער סביבה פון אַסטראַלענקע, איז געקומען אַמאָל בעטן אַ פּיעסע צום שפּילן, האָט מען אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ שטייגער פּיעסע וואָלט ער פאַרלאַנגט: אַ דראַמע? אַ קאָמעדיע? צי אַזוי עפּעס אַ מין טעאַטער־שטיק פאַר א פאַרשטעלונג? האָט ער געענט־פערט, אַזוי ווי ער באַלאַנגט צו די ערנסטע, וואָלט ער גע־וואָלט אַ... „שווערע דראַמע". אַ, זעט! — ווייזט ער אַן אויף דעם צונויפגעקאָרטשעטן גראָבן פינגער פון זיין רעכטער האַנט, מיט וועלכער ער קאָן נישט באַוועגן. פרעגט מען אים: פון־וואַנען איז עס אים געקומען, ענטפערט ער אַזוי: מיר האָבן אַמאָל ביי אונדז אין שטעטעלע געשטעלט „דעם ווילדן מענטש", יעקב גאָרדינס, פאַר אַ וווילטעטיקן צוועק. נו, אז מען זאָגט ווילד איז ווילד, נישטאָ קיין קונצן. איך אַליין האָב געשפּילט דעם „ווילדן" און אפילו אויך רעזשיסירט. דאָס איז געווען ביי מיין גאָר־ערשטן אויפטריט. איז דאָרט פאַראַן אַ „סצענע" ווי ער זעצט אַריין זיך אַליין אַ מעסער — און מיט גרויס ווילדקייט. איז דער מעסער — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן — געווען אַ פאַרזשאַווערטער. האָב איך אים געגעבן אַ זעץ אַריין מיט אַזאַ קראַפט, ממש ווי ס'איז געווען געשריבן אין דער דראַמע (ווי געזאָגט, באַלאַנג איך צו די ערנסטע שפּילער), אַזוי, אַז דער מעסער איז פאַרפאָרן טיף אין מיין גראָבן פינגער אַריין... אָבער, פאַרשטייט איר מיך, עס איז

מיר געווען אָנגענעם און ליב צו וויסן, אז איך בין געפאַלן „אַ קרבן פון דער סצענע”...

יא. ווי אַזוי עס איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ „שפיכת־דמים” יום־כיפור ביי „נעילה” אין דער אָסטראָלענקער שול...

אַ „מעשה נורא”, וואָס האָט פאַסירט מיט ר׳ אהרן יאַנקל מאַרגאָליס אום יום־כיפור ביי פתיחת הארון פון „נעילה”... ר׳ אהרן יאַנקל, שטאָט־דאָזאָר, וועלכער האָט שוין יאָרן־לאַנג די חזקה אויף דער פתיחה, האָט דאָס מאָל אויסגעמיטן אַ גרויס „שפיכת דמים”, אַדאַנק ר׳ יצחק זילבערשטיין, וואָס איז אים ווי מן השמים אונטערגעקומען אין דער לעצטער רגע... ס׳איז געווען פאַר „נעילה”. דער שול־שמש האָט, ווי זיין שטייגער. אָנגעהויבן אויסצורופן אויפן קול די פרייזן פאַר פתיחת הארון, וועלכע זענען געלאָפן אין אַ ווילדן געוועט, געוואָלט איבער־שטייגן, גובר זיין איינע די אַנדערע, פאַר יעדן פרייז, מיט קראַפט און האַזאַרד, אָן אַ טראָפּעלע רחמים... עס האָט אויס־געזען, ווי דאָס מאָל האָבן די שטאָטישע בעלי־בתים, גבירישע יידן באַשטימט אַרויסצורייסן אויף כוח די חזקה פון ר׳ אהרן יאַנקל, (דאָס איז געווען פאַר די נייע וואַלן צו דער קהילה...) מעג זיין וואָס עס וויל זיך... אָבער ר׳ אהרן יאַנקל, דער שטענ־דיקער בעל־חזקה גיט זיך נישט אונטער, ער וועט נישט דער־לאָזן זיך דערנידעריקן... ער שטייגט אַריבער מיט די לעצטע כוחות אלע אויסגערופענע סכומים. (אויף איבערשטייגן זיך אין עניני ממונות, האָבן אָסטראָלענקער פון תמיד אָן געהאַט אַ געוואַלדיקע שוואַכקייט...) „צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל און צום... צום...” עס איז דערגאַנגען שוין צו אַזאַ הויכן פאַנטאַסטישן סכום — קעגן וועלכן אהרן יאַנקל האָט שוין נישט געקאָנט ביישטיין. אָט־אָט, פילט ער — ער פאַלט... ער, זיין פרעסטיזש, אלץ, אַלץ... דער עיקר: זיין שטענדיקע חזקה גליטשט זיך אים אַרויס פון די הענט... ר׳ אהרן יאַנקל וואַרט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ ווי אויף אַ נס פון ערגעץ... די הענט טרייסלען זיך, דער קול ציטערט. די בושה הויבט אָן אַריינצושפּאַרן אין אלע רמ״ח איברים. — — —

פלוצלונג שרייט אויס דער שמש ווי נישט מיט זיין קול, ווי ער וואָלט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן־טוב אין דער סאַמע לעצטער רגע... רופט אויס אַזאַ אומגעהויערן סכום, וועלכער שטייגט אַריבער יעדע פאַנטאַזיע און אויך די אַלע סכומים, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן ביז איצט... ס׳איז גע־וואָרן טויט־שטיל... אַ שוידער האָט אַרומגענומען די גאַנצע עדה שול־מתפללים... דער שמש האָט „צוגעקלאַפּט”, ווייל קיי־נער האָט שוין נישט געוואַגט זיך צו פאַרמעסטן מיט אַזאַ לע־גענדאַרן סכום.

„ר׳ אהרן יאַנקל, גייט־צו צו פתיחת הארון!” — האָט זיך דערהערט אַ באַפוילעריש קול. דאָס איז געווען די שטים פון ר׳ יצחק זילבערשטיין, וועלכער האָט נישט געקאָנט צוזען דעם שפיכת־דמים׳דיקן געראַנגל פון דעם אַלטן חזקה־מאַן צו דער פתיחה פון „נעילה” און אים אויסגעלייזט פון דעם ביזיון מיט דעם גרעסטן סכום, וואָס האָט נאָר געקאָנט געבן אין דעם פאַל...

מ׳האָט געשמועסט, אַז ר׳ יצחק זילבערשטיין האָט דערביי אויסגענוצט די געלעגנהייט צו זיין אַ משלם טובה תחת טובה, וואָס ר׳ אהרן יאַנקל האָט אים אַמאָל געהאַט געטאָן.

אַזוי צי אַזוי — ר׳ אהרן יאַנקל איז ניצול געוואָרן פון אַ גרויסן ביזיון.

יב. די צוויי רויכערער...

פיני און דן זענען ביידע געווען פאַרברענטע רויכערער. בעיקר האָבן זיי ליב געהאַט צו רויכערן פאַפּיראָסן (ציגאַרעטן) פון דער פירמע „דאַרמאָ” (אויף פויליש: אומזיסט). ווען זיי פלעגן זיך ביידע טרעפן אין גאַס, פלעגט איינער גלייך דעם אַנדערן אַ פרעג־טאָן: „האָסט אַ פאַפּיראָס?” „ניין”! — קומט גלייך דער ענטפער — „פון וואַנען?” — „טאַקע?” — „אַזוי ווי דו הערסט!” „נו, אויב אַזוי וועל איך שוין מוזן רייכערן פון מיינע” — זאָגט דער איינער. „און איך מיין אויך אַזוי” — איז מיט אים מסכים דער אנדערער.

אַן אַנדער נוסח דערציילט:

ווי אויבן: זיי טרעפן זיך ביידע אָן אין גאַס (פלעגן כמעט שטענדיק „שפּאַצירן” צוזאַמען...), איינער בעט ביים אַנדערן אַ פאַפּיראָס און ביידע ענטפערן גלייך אָפּ, ווי זייי־ער שטייגער — „כ׳האָב נישט”. דערנאָך דרייען זיך ביידע אויס מיט די פלייצעס, פאַררויכערן בגניבה, אַריינכאַפּנדיק דעם זיך־רויכערנדיקן פאַפּיראָס אין אַרבל. ווען זיי דרייען זיך צו־ריק אויס און טרעפן זיך פנים־אל־פנים — רייסט זיך אַרויס דער רויך פון די אַרבלען.

— וואָס איז דאָס? — קוקן זיי זיך ביידע אָן ווי דער־שטוינט.

— גאָרנישט. פון ערגעץ־ווו אַרויסגעשלעפּט... — רופן זיך ביידע אָפּ תמעוואַטע.

יג. „טאָ גיב כאָטש אַ פאַפּיראָס”...

אַן אָסטראָלענקער קליינהענדלער לויפט איבערן שטאָט זוכן אַ גמילות־חסד אויף צו צאָלן אַ וועקסעלע „אויף מאָרגן”... טרעפט ער אָן אַ באַקאַנטן.

— האָסט אפשר אַ הלוואהלע פון 100 זלאָטעס?

דער באַקאַנטער זאָגט־אָפּ.

— טאָ גיב כאָטש 50; זאָל זיין 25, 10 איז אויך גוט.

נאָר ווען ער באַקומט דאָס אויך נישט, גיט ער אַ זאָג:

— טאָ גיב כאָטש אַ פאַפּיראָס...

דערווייל...

קויפמאַן דער שיך־סוחר פלעגט אַריינקומען צו שאַפּראַ־נען דעם קאַמאַשן־שטעפער: „פאַניע שאַפּר־ר־אַן (פלעגט רעדן מיטן „ריש”), איך וויל באַשטעלן ביי אייך 100 פאָר שיך — 50 פאָר, נאָר דערווייל מאַכט מיר... 1 פאָר!”

אָדער — אָדער...

אַז מ׳פלעגט פרעגן חיים שרייטערס זון אַ וואַסער־טרעגער, וויפל אַ שטייגער פאַרדינט ער אַ טאָג פון טראָגן וואַסער? פלעגט ער ענטפערן: „אָדער מ׳כאַפּט אַריין איבערן טאָג אַ הונדערטער, אָדער דאָס אויך נישט...

קלוג געענטפערט...

אַז מנחם פרידמאַן דער קאָלאָניאַל־סוחר איז אַמאָל דורכגעגאַנגען דעם „אַלטן מאַרק" און געהאַט אַ טענה צו די פּישער, הלמאי זיי מאַכן־אָן אַזאַ ליאַרעם אין גאַס, האָט אים איינער פון די קלוגע פישער געענטפערט: „ווען די קאָלאָניאַל־סוחרים וואָלטן געוואָרן פישער — וואָלט דער ליאַרעם ביי זיי געווען נאָך אַ גרעסערער"...

„פּראָסטאָ דאָ שלאָמי"...

יאַנקל „קאָזע", דער היטל־מאַכער, ווען ער פלעגט קויפן אַ בילעט אויף דער קאַצינער באַן־סטאַציע צו פאָרן קיין וואַרשע, פלעגט ער שטענדיק זאָגן: „פּראָסטאָ דאָ שלאָמי..." ד. ה. גלייך צו שלמהן — באַשר אין וואַרשע האָט געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען שלמה, וואָס האָט געהאַט אַן אכסניה, ווו אַ סך אָסטראָלענקער פלעגן דאָרט איינשטיין...

„אַן טאַטעס און אַן זיידעס"...

אין אָסטראָלענקע איז געהאַט אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, געווען גילטיק אויף עמעצן אַ „טשעפּ צו טאָן", אַז ער שטאַמט פון אַ שטאָט „אַן טאַטעס און אַן זיידעס". סטייטש, ווי אַזוי? — אַז מ׳פרעגט אַמאָל איינעם „פונוואַנען ביסטו"? ענטפערט ער פשוט: פון דער און דער שטאָט. „ווער איז געווען דיין טאַטע, דיין זיידע?" זאָגט ער: דער און דער. ענטפערט יענער: אָ, דער — אַ שיינער ייד געווען! איך האָב אים געקענט. אַז מען פרעגט אָבער אַן אָסטראָלענקער: „ווער איז געווען דיין טאַטע, דיין זיידע?" ענטפערט ער גלייך אָפּ: אָ, איר האָט אים זיכער נישט געקענט!...

אַ מגיד וואָס פלעגט שעלטן...

דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער מגיד, ר׳ אליקים געצל, פלעגט קומען אָפט דרשענען קיין אָסטראָלענקע און פון צייט צו צייט אַריינפלעכטן אין זיינע דרשות שטאַרקע שטראָף־רייד פאַר דער דאָרטיקער שטאָטישער יוגנט, וואָס האָט אָנגעהויבן „אָפּטרעטן פון דרך הישר" און אַרויסגיין „לתרבות רעה"... דאָס יונגוואַרג פלעגט דעריבער אַרויסווייזן צו אים אַ רוגז בעת זיין דרשענען, ווי: מאַכן אַ טומל, וואַרפן אַ צווישנרוף א. אַז. וו. (ער פלעגט על־פּי־רוב דרשענען אין דער גרויסער שול, אין קעגנזאַץ צו דעם שפּעטער באַרימטן קינסטלער־דרשן ראַפּאָפּאָרט, וואָס פלעגט נאָר „זאָגן" אין דעם גרויסן בית־המדרש און געווען נזהר, נישט „אָנצורירן" ווען עס איז, אויף אַ שאַרפן אופן...). ער, ר׳ אליקים, דערפילנדיק דאָס אויף אַ זייער בולטן אופן, האָט באַשטימט איינמאָל אין אַ דרשה אָפּצוצאָלן דעם פאַרשייטן יונגוואַרג „מידה כנגד מידה". עס איז דעמאָלט פונקט אויסגעפאַלן שבת־ראש־חודש. האָט ער גענומען אַ פּסוק פונעם שבת־ראש־חודש׳דיקן מוסף און אַזוי אַוועקגעדרשנט: „ראשי חדשים — די נייגעשוירענע קעפּלעך, לעמך נתת — גאָר נישט ווי פון דיין פאָלק ישראל, זמן כפרה — מיין כפרה, לכל תולדותם — פאַר אַלע יידישע קינדער און קינדס־קינדער"... חוץ דעם דערציילט מען האָט ער אַמאָל די שטאָט פאַרשאָלטן צו אָפטע שריפות.

די זעלבע זאַך, גיט מען איבער, האָט אויך מיט אים פּאַסירט אין זעמבראָווע, אַ שטאָט, וואָס פלעגט זייער אָפט אָפּברענען, און דאָס זאָל האָבן טאַקע געשען מחמת זיינע קללות, רחמנא ליצלן!...

„אַ פּאָר טייערע אויערן"!...

אונדזער בן־עיר, יצחק קאַהאַן, פון אויסטראַליע, דערציילט:

„ר׳ חיים־אַלטער קאמין איז געווען ביי אונדז אַן אָפטער אַריינגייער. מיר האָבן צעזאַמען אָבאָנירט דעם „מאָמענט" און „היינט". שבת, יום־טוב אין דער פרי פלעגט ער אַריינקומען אויף טיי און טאַקע אַ ביסל שמועסן פון שטאָט־זאַכן. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטעטל. אפשר דערפאַר, וואָס ער פלעגט יעדן טאָג אַרומלויפן צו כאַפּן אַ גמילת־חסד, אַ וועקסעלע צו צאָלן... פאַראיינוועגס פלעגט ער אויפכאַפּן שטאָטישע נייעס. דערנאָך, ווען ער האָט זיך באַפרייט פון די אַרומלויפענישן פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו אונדז אין שטוב און זיך פונאַנדעררעדן. ער פלעגט דעמאָלט „מאַכן די צייטונג". אפילו ווען ער האָט נישט געהאַט קיין ספּעציעלע נייעס פלעג איך צולייגן אַן אויער צו זיין דערציילן מעשיות, וואָס ער האָט אויפגענומען אויפן וועג צו אַ גמילת־חסד׳ל.

ער שטייט איצט פאַר מיינע אויגן אין זיין שבת־יום־טובדיקער קאַפּאָטע. אַן אָפּגעשאָקלטער פון דער גראָער וואָכעדיקייט און מיט שפּאַנונג הערט ער אויס חסידישע מעשיות.

ער איז געווען אַ זעלטענער צוהערער, פאַרמאָגט אַ פּאָר טייערע אויערן!"...

אַ יורש אָדער אַ פּורש?

יצחק קאַהאַן דערציילט ווייטער:

„איידער איך בין אָפּגעפאָרן פון אָסטראָלענקע, האָט מיך דער טאַטע געבעטן איך זאָל אַריינגיין צום רב, וועלכער איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון אונדזער משפחה. ביים געזעגענען זאָגט דער רב: „איך האָב געקענט דיין זיידן ר׳ שמואל, דיין טאַטע איז דאָך ביי מיר אַ בן־בית, אָבער ווי האַלט עס מיט יידישקייט ביי דיר? ביסטו אַ יורש אָדער אַ פּורש?"

— נישט קיין פּורש, רבי. איך האָב אַמאָל געהערט —

זאָג איך — פון אַ גרויסן מגיד ווי ער האָט געשטעלט אזא קשיה: פאַר וואָס שטייט עפּעס אלוקי אברהם, אלוקי יצחק ואלוקי יעקב, פאַר וואָס חזרט זיך איבער ביי יעדן דער „אלוקי״? ווייל יעדער פון זיי האָט אים אַליין געמוזט דערקענען, נישט סתם איבערנעמען בירושה. — — —

— פאָרסט קיין אויסטראַליע, אַ סך מענטשן וווינען דאָרטן? האָט מיך דער רב אַ פרעג־געטאָן.

— אַ זיבן־אַכט מיליאָן — האָב איך געענטפערט.

— דאָס הייסט גויים. און וויפל יידן זענען דאָרט פאַראַן?

— דרייסיק־פערציק טויזנט.

— זייער ווייניק יידן אויף אַזוי פיל גויים, האָט דער רב זיך אָפּגערופן. אָבער זאָג מיר צו איין זאַך: זע, אז מיט דיין אָנקומען קיין אויסטראַליע זאָל צו די זיבן מיליאָן גויים נישט צוקומען נאָך אַ גוי...״

די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זיכרון און מיט עטלעכע יאָר צוריק אויף מיין זונס בר־מצוה־פייערונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַ פאַר הונדערט יידן, האָב איך עפנטלעך מיין זון איבערגעגעבן דעם אָנזאָג פון אָסטראָלענקער רב, ער זאָל עס איינקריצן אין זיין זיכרון״...

צייטן אין אסטראלענקע

ווי אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין דעם דעמאָלטיקן פוילן, אַזוי האָט אויך אָסטראָלענקע געהאַט אירע פאַרשידנאַרטיקע צייטן: צייטן פון פרייד, התלהבות און אויפקום, פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן גליק, וואָס האָבן אַרומגענומען סיי אַלט און סיי יונג, אַריינגעטראָגן אין די הערצער פיל האָפענונגען אויף אַ בעסערן יידישן מאָרגן און צוזאַמענלעבן. און געווען זענען אויך (און דאָס נישט זעלטן) צייטן פון אומעט און צער, בהלה און שרעק, ווי: מלחמות, שריפות, משפחה־אומגליקן א.ד.גל. אין די דאָזיקע שווערע רגע׳ס און קריטישע מאָמענטן פלעגט אַ שטאָט קומען צום אויסדרוק, אַרויסווייזן איר ספּעציפישן כאַראַקטער און שטייגער. דער אופן רעאַגירן אויף זאַכן, גוטע צי שלעכטע — דאָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם נוסח פון דער שטאָט, מגלה געווען אירע שרשים און ווייטע יניקות... אָסטראָלענקע, למשל, אַלס אַן עכט יידיש־חסידישע שטאָט, האָט געהאַט אין זיך אַ סך „אהבת ישראל ואדם״. דאָס איז געווען איינע פון די אָסטראָלענקער הויפּט־מידות. נישט לאָזן פאַלן אַ מענטשן אין מיטן גאַנג, אַרויסהעלפן אין אַן עת־צרה און שטיין אויף דער וואַך פון ייד און יידישקייט. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָסטראָלענקע געווען פון די אומגליקלעכסטע מקומות, זייענדיק איינע פון די וויכטיקסטע סטראַטעגישע מלחמה־פונקטן. אָסטראָלענקער יידן האָבן אַרויסגעוויזן פיל מוט און גבורה, געדולד איינער צום צווייטן אין יענער עת־צרה. אין פאַלן פון שריפות האָט איינער געראַטעוועט דעם צווייטן וויפל ער איז נאָר געווען ביכולת: מיט וווינונג, מיט אַריבערפירן די אָפּגעראַטעוועטע בעבעכעס, שטוב־זאַכן א.אז.וו. האָט פאַסירט אַן אומגליק ביי אַ משפחה, ווי קראַנקייטן, פאַראָרעמונג א.ד.גל. — האָבן זיך גלייך געפונען יידן, וועלכע האָבן „איינגעלייגט״ די שטאָט, און געהאָלפן, געראַטעוועט וויפל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. האָט געטראָפן ווען־נישט־ווען אַ שמד־פאַל חלילה אין דער שטאָט, האָט שוין אָסטראָלענקער יונגוואַרג, געזונטע חברה־לייט, נישט גערוט ביז מ׳האָט אַרויסגעריסן דעם געשמדטן פון די גוישע הענט, אָדער אָפּגעראַטעוועט לכל־הפחות זיין יידיש ווייב מיט די קינדער. און דער קאַמף איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין שטעטל לחיים ולמות מיט דער דאָרטיקער גוישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט איר אַנטיסעמיטיזם.

גוט איינגעקריצט איז נאָך אין זיכרון, למשל, די געשיכטע מיט דער אָסטראָלענקער פרוי יהודית ציטרינאָוויטש, אין יאָר 1930, וואָס איר געשמדטער מאַן יעקב (דורך אַ ליבע צו אַ קריסטין, אַליין נישט קיין אָסטראָלענקער), איז געשטאַנען אין אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט די אָסטראָלענקער בחורים: יצחק באָטשאַן, שמואל לאַכאָוויטש, אברהם קובעל, די ברידער זיסקינד און לייזער לאַכאָוויטש, שמעון כמיעל, בערל קרימקעוויטש, משה קאַזאַצקי און אַנד., וועלכע האָבן מיט יידישן ברען און איינגעשטעלטער גבורה געפּרוווט אָפּראַטעווען די קינדער פון דער אויבנדערמאָנטער משפחה פונעם טאַטנס געשמדטע הענט!... און אייניקע פון זיי זענען דערפאַר דורך אַ געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה *).

און אַזוי זענען געווען אַנדערע פאַלן פון אָסטראָלענקער מסירת־נפש און קאַמפּס־גרייטקייט אין כלערליי צייטן. אָסטראָלענקע, ווי אויבן דערמאָנט, האָט געוווּסט אויך זיך צו פרייען, צו שפּאַסן און צו יומטובן. אין בית המדרש, אין „שטיבל״, אין דער פאַרטיי און אויך אויף דער גאַס. ווי אין יעדער קלענערער שטאָט, איז עס אַלץ אויסגעקומען אַזוי היימיש און אינטים. יעדע קלענסטע צרה אָדער פרייד, פלעגט אַריינדרינגען מיט אַ בליץ־שנעלקייט צו יעדן איינעם, אַזוי אַז ווען עס האָט געטראָפן דער צער אָדער די שמחה האָט געפילט בחוש, אַז די גאַנצע שטאָט טרויערט אָדער פרייט זיך מיט אים מיט...

---

*) וועגן דעם גאַנג פונעם פראָצעס אין וואַרשעווער אַפּעלאַציע־געריכט, זע: „דער מאָמענט״, נומ׳ 83—182, וואַרשע, 22—23 אויגוסט 1930 און אַנדערע טאָג־צייטונגען פון די דאָזיקע דאַטעס.

אסטראלענקער דיאלעקטן

אזוי ווי אסטראלענקע איז געלעגן געאגראפיש צווישן גרעסערע שטעט פון פארשידענע כאראקטערן און לעבנס־שטייגער (ווי: לאמזשע, ביאליסטאק, ווארשע; דא פלעגט מען רעדן „ליטוויש" און דא גאר — „פארצויגן" און דא — האלב אזוי און האלב אזוי...) האט זי געהאט א טבע צו „נאשן" פון די גרעסערע שטעט, און דעריבער נישט געקאנט האבן קיין שטרענגן־איינהייטלעכן דיאלעקט, כאטש פון ארומיקע השפעות איז קיין שטאט אדער שטעטל נישט געווען פריי און באווארנט.

אין אסטראלענקע, וואס האט פארמאגט אין זיך, צוליב דער אויבנדערמאנטער סיבה, פיל אייגנשאפטן פון די גרויסע שטעט — פלעגט מען רעדן: „ווס" — „וואס", „דוס" — „דאס", „געזוגט" — „געזאגט", „געווען" — „געוויין". יעדער מלופים איז פארטויִשט געווארן אויף א חיריק און אין יעדן חולם איז געווען א נאכקלאנג פון א „שטיקל" קמץ מיט א חיריק צוזאמען... פלעגט מען זאגן: „גיט" אנשטאט „גוט", „קימען" אנשטאט „קומען" מ׳פלעגט אויך זאגן: „פרויער" אנשאט „פריער", „אויכעט" אנטאט „אויך", „אטערשט" אנשטאט „ערשט" אדער „איצט" (אפשר מיינט עס „אט ערשט": נאר וואס?) דער „ע" ביים סוף ווארט פלעגט זיך שטענדיק פארענדיקן מיט א „י" אנשטאט אסטראלענקע — אסטראלענקי א. אז. וו. א. אז. וו. קיין ה׳ פלעגט מען אין אסטראלענקע בכלל נישט ארויסרעדן: אנשטאט „האנט„ למשל, פלעגט מען זאגן „אנט" א. ד. גל. דער בולטער קאנטראסט פון א כמו־„ליטווישן" חיתוך־הדיבור ביז צו א „גרויס־פוילישן" פלעגט זיך גאר אפט לאזן שפירן. עס פלעגט אויסקומען א ביסל משונה, דא פלעגט מען רעדן אזוי און דארט (מיט א טריט ווייטער) שוין א ביסל אדער פיל אנדערש. דער דאזיקער קאנטראסט פלעגט זיך ארויסווייזן אפילו אין איין אין דעם זעלבן הויז אדער אפילו צווישן די זעלבע משפחה־מיטגלידער. נאטירלעך איז עס געווען אפהענגיק פון וואס פאר א מאס די אויסערלעכע השפעה איז דערגאנגען. אסטראלענקע איז אלנפאלס געווען פון די נעבן־שטעט, וועלכע זענען געווען שטארק להוט נאך איינפלוס. דאך אבער האט אסטראלענקע פארמאגט אין זיך פיל אריגינעלעס און ספעציפישעס, סיי אין איר אלגעמיינעם לעבנס־שטייגער און סיי אפילו אין דיאלעקט, וואס איז נישט געווען צו געפינען אין קיין שטאט אדער שטעטל ארום, ווי עס איז אויך צו זען פון די אנדערע באשרייבונגען אין דער דאזיקער רובריק.

„קולטורעלע פונקטן"

געווען איז עס אין יענע צייטן, באלד נאך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען אסטראלענקע האט אנגעהויבן גייסטיק און עקאנאמיש אויפצווואכן: אויף די חורבות פון דער שווער־רואינירטער שטאט, האט מען גענומען אויפשטעלן נייע הייזער, די איינוווינער האבן זיך שוין, צום גרעסטן טייל, געהאט אומגעקערט פון זייערע גירושים און מלחמה־גלות׳ן, מסחרים האבן אנגעהויבן צו בליען פונדאסניי און די יוגנט האט אנגעהויבן שפרייזן צו דער צוקונפט מיט אויפגעפרישטע אידעאלן און מיט א נייעם גלויבן. די פרילינגס־ווינטן, וואס האבן דעמאלט ארומגעכאפט די אלע נאך־מלחמהדיקע שטעט און שטעטלעך אין דעם יידישן פוילן, האבן אויך אנגעהויבן צו בלאזן אין אסטראלענקע... פארטייען האבן גערוישט מיט וויכוחים און מיט רעפעראטן פון אראפגעבראכטע גרויס־שטעטישע רעדנער, וואס האבן אויף כוח געצויגן די יוגנט צו זיך, טעאטער האט געשפילט פאר פיל געפאקטע זאלן, אינסטיטוציעס האבן באנייט זייער טעטיקייט, כלל־טוער מכל המינים האבן פארקאטשעט די ארבל, געשטעלט זיך אין דינסט פון די שטעטלדיקע איינוווינער, ארויסווייזנדיק סימנים פון אויפלעבונג און נייער איניציאטיוו א.אז.וו.

דאס אלץ האט אנגעהויבן אריינצודרינגען אויך אין דעם פריוואטן שטייגער. מענטשן האבן גענומען אויך אויפלעבן פערזענלעך אין זייערע דלת־אמות: שמחה, איניציאטיוו און חברותא׳שאפט פלעגן אנפילן א סך אסטראלענקער הייזער, צווישן זיי אזעלכע, וואס פלעגן זיך דערמיט גאר אויסצייכענען און זיך בולט מאכן פאר דער שטאט, ארויסווייזנדיק גרויס דרך־ארץ און אומגעוויינלעכן אפשיי פאר יעדע זאך, וואס האט געשמעקט מיט קולטור און אויפוואכונג פון דער נייער צייט.

איינע פון די דאזיקע „קולטורעלע פונקטן" איז אן שום ספק דעמאלט געווען די שטוב פון רייזקע מאזור (דאן: מארגאליעס און היינט: וויסאצקי, געפינט זיך אין ישראל), וואס איז געשטאנען אויף דער שול־גאס (היינט: קילינסקעגא).

געווען איז עס א מין קולטורעלע אכסניה. חוץ דעם, וואס עס פלעגט שטענדיק דינען אלס ספעציעל ארט פון שייך־כיבודים און אויפנאמעס פאר א טייל פון דער, אזוי צו זאגן, „בעסערער", „שענערער" און „יוירנדיקער" יוגנט פון שטעטל, פלעגט איר שטוב אויך אויפנעמען און באגאסטיקן יעדן קינסטלער אדער קולטור־טרעגער, וואס פלעגט אראפברענגען פון דער גרויסער שטאט גייסטיקע שפייז פאר דער יוגנט אין שטעטל; א רעדנער, א שרייבער, א חזן, א טענצער, אן ארטיסט, א זינגער (דאס לעצטע איז דאס וויכטיקסטע, ווייל זי, די בעל־אכסניהטע אליין האט דערפון שטארק „געליטן". זי פלעגט חוץ איר אנטייל אין „לוביטעלסקע" טעאטער־שטיק אממערסטן אויפטרעטן מיט געזאנג־נומערן אויף אמאטארישע בינעס פון צייט־צו־צייט און נישט איינמאל איבערראשן מיט איר מעטאלענער מעצאסאפראן־שטים).

באקאנטע רעדנער און שרייבער, למשל, ווי: רייס, איירזאראוויטש, סעגאלאוויטש און אנדערע קינסטלער מיט א שם

ווי: סאַמבערג, מאָרעווסקי, קאָסאָוויצקי, — האָבן גוט געקענט די שטוב אין אָסטראָלענקע.˙ (אגב איז דאָס אַזוי אויסגעקומען, ווייל איר'ס אַ ברודער, יצחק מאַזור פון לאָמזשע, באַקאַנטער בינע־אַמאַטאָר אין דער סביבה, פלעגט האָבן אַ טבע צו „ליפערן" פון צייט צו צייט פאַרשידענע קינסטלער צירעדנער פאַר דעם דאָזיקן שטעטל, זיי אַראָפּברענגענדיק פון די גרויסע שטעט...).

ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט קונסט און קולטור־טרעגעריי — האָט געהאַט אַ „מקום־מקלט" אין איר שטוב; מיט עסן, טרינקען, שלאָפן, מיט וואָס נאָר דאָס האַרץ האָט געגלוסט (אויך דער שרייבער פון די שורות פלעגט נישט איינמאָל געניסן פון איר „הכנסת־אורחים", אַראָפּקומענדיק אָפּטמאָל פון לאָמזשע — וווּ ער האָט געוווינט פון 1915 יאָר אָן — אויף אַמאַטאָרישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען קיין אָסטראָלענקע). פלעגן טאַקע קינסטלער דערפאַר זאָגן, אַז: „איר שטוב איז אָנגעפּאַקט מיט קונסט אָדער אַז ביי איר אין וווינונג „זינגען" די ווענט...

כדאַי איז דערביי צו דערמאָנען דעם דאָזיקן עפּיזאָד: אין יענער צייט, איז איינמאָל געהאַט אַראָפּגעקומען דער באַוווּסטער קינסטלער־דיריגענט שניאור פון וואַרשע (אַ נערוועזער, קאַפּריזנער ייד) מיט אַ געוויסער זינגערין „אָפּצוגעבן" אַ קאָנצערט אין אָסטראָלענקע. האָט מען אים גלייך, ווי דער שטייגער, אַריינגעפירט צו רייזקען. ער איז געווען זיכער, אַז דאָ איז אַ מין אכסניה פאַר געלט. אויף דער נאַכט, ווען עס איז געקומען די צייט פון שלאָפן, האָט ער געפאָדערט קאַטעגאָריש דעם בעסטן פּלאַץ, וואָס קאָן נאָר געבן. ווי נאָר זיין בליק איז געפאַלן אויף די בעטן פון שיינעם שלאָף־צימער, האָט ער שוין פון דאָרט נישט געוואָלט אָפּטרעטן... עס האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות ביז ער האָט זיך צעשריגן: „פאַר מיין געלט קאָן איך זיך אויסקלייבן ווו איך וויל און וואָס איך וויל". ווען מ'האָט אים אויפגעקלערט, אַז דאָ איז נישט קיין האָטעל, נאָר אַ גאַנץ־פּריוואַטע שטוב, וואָס איז מכניס אורחים־קינסטלער פון גוטן ווילן און אָן שום געצאָלט, האָט ער זיך באַרואיקט, אַנטשולדיקט און געדאַנקט...

כדאַי צו באַמערקן, אַז רייזקעס טיפע „איינגעבוירענע" סימפּאַטיע צו קונסט און קונסט־מענטשן, איז עד־היום געבליבן אומבאַרירט און דער דראַנג צו אויפנאַמעס און שיין־כיבודים געוועלטיקט נאָך אין איר דאָ ווי אין יענע אַלטע גוטע צייטן...

צונעמענישן...

אָסטראָלענקע, ווי יעדע אַנדערע שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ שלל פון צונעמען און איבעררופענישן פאַר געוויסע שטאָטישע פּערזאָנען. דער דאָזיקער צונאָמען אָדער איבעררופעניש איז געווען אַ מין ביילאַגע צום ריכטיקן פאַרנאָמען אָדער פאַמיליע־נאָמען פונעם באַטרעפנדיקן מענטש, און עס איז גענוג געווען צו דערמאָנען בלויז דעם דאָזיקן צונאָמען, כדי גלייך זיך צו אָריענטירן וועגן וואָס און וועמען עס האַנדלט זיך דאָ. על־פּי־רוב פלעגן באַקומען די דאָזיקע איבעררוף־נעמען די פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך מיט אַ געוויסער באַזונדערקייט אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע, מיט אַ געוויסער אייגנשאַפט, האַנדלונג, באַשעפטיקונג, באַציאונג צום אַרום, מעמד אין דער שטאָט אד"ג. אַזעלכע צונעמען פלעגט באַקומען אָן רחמנות ווער נאָר עס האָט זיך דערצו „פאַרדינט" און אַרויסגערופן אין באַשטימטע מאָמענטן די „איבעררופונגס־מוזע" פון יחיד אָדער כלל... אין דער הינזיכט איז שטאָט געווען פאַר „גלייכהייט"; מ'האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד פון אַ גדול ביז אַ קטן, פון אַ גאָר אָנגענומענער „שרייענדיקער" פּערזענלעכקייט ביז אַ שטיל־צניעותדיקן פאָלקס־טיפּ. מיט אַזעלכע נעמען פלעגט שטאָט „מכבד זיין" אפילו בלויז לויטן אויסערלעכן אויסזען... ווער שמועסט, אַז עמעץ האָט זיך אַמאָל אין אַ „בייזער שעה" אַרויסגעכאַפּט מיט אַ משונהדיק וואָרט אָדער אַ נישט־געוויינלעכער רעאַגירונג אויף זאַכן אין באַצוג צו אַ געזעלשאַפט, אַ פריינט אָדער אַ שכן אד"ג — דעם פלעגט מען גלייך אויפן אָרט „מזכה זיין" מיט אַ צונאָמען אַזאַ, וואָס פלעגט שוין ביי אים בלייבן אויף דור־דורות... ווייל ווער האָט עס געקאָנט זיין אַזאַ גיבור און שטיין אויף דער וואַך פון זיין מויל? דער יצר־הרע פון „אַרויסכאַפּן" זיך, האָט תמיד געהאַט אַ שליטה אויף דער צונג און ס'איז שווער געווען אים בייצושטיין.

צווישן די צונעמען זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס פלעגן קלינגען גאַנץ געמיטלעך און דער „אייגנטימער" האָט זיך געפילט אין זיי לגמרי נישט אומבאַקוועם, און אָפּטמאָל אפילו — ווי געצערטלט פון זיינע שטאָטישע... ווען שטאָט פלעגט אַפּוירברענגען אָט אַזאַ מין צונאָמען, איז חוץ דעם וואָס עס פלעגט זיך דערטראָגן אַ ריח פון היימישקייט און משפּחהשאַפט, האָט מען אויך אין דעם מאָמענט דערפילט די עצם היים־שטאָט מיט איר מענטאַליטעט... עס איז כדאַי צו ברענגען פאַר אַ ביישפּיל אייניקע איבעררופס־נעמען פון דעם אויבנדערמאָנטן מין, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אין אָסטראָלענקע און האָבן געקלונגען גאַנץ ווייך פאַרן אויער און פאַרמאָגט אין זיך חוץ זאַפּטיקן הומאָר אויך אַ מין פאָלקסטימלעכע וואַרימקייט, ווי למשל: „דער גרויסער יצחק" — געווען אַ הויכער ייד; „דער קאַלטער בעקער" — פאַרן נישט גוט דערבאַקן דאָס ברויט; „ליאַלקע דער שוסטער" — געווען אַ יפה־תואר; „טשאַי־מאַי" — פלעגט פאַרטומלען די גוישע קעפּ אויף די יאַרידן; „יאַלושקע מלמד" — באשר דער שווער זיינער האָט אים צוגעזאָגט אַ יאַלושקע צום נדן; „עפר ואפר" — צו וואָס ער פלעגט זיך נעמען פלעגט דערפון גאָרנישט ווערן... „יאַפּאַנטשיק מלמד" — געהאַלטן מיט די יאַפּאַנטשיקעס און געווען „אויף זייער זייט" בעת דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג... מענדל „גריצאַק" — גאָר שטאַרק ליב געהאַט אַ גריץ־געקעכטס; „מאָטל דזשעדזשיץ" — געמאַכט אַן איינדרוק מיט

זיין „שטעל" ווי אַ רייכער פריץ... די ברידער־כלי־זמרים „שטשאָט" (פון רוסיש), ווייל זיי פלעגן שטענדיק פאָדערן אַ חשבון. „לייבל טראָצקי" — (צוליב זיין פאָרנאָמען לייב ווי עס האָט געהייסן דער „אמתער" טראָצקי?...); „מאָטל יקרות" — אַ בעל־עגלה, וואָס פלעגט נעמען „געזאַלצענע" פרייזן פאַר אַ „יאַזדע"...; „דער קאַלטער שמידט", „דער דאַרער מלמד", „ווייסער קאָפּ", „יאנקל קאָזע", „דער געשטאָרבענער שוסטער", „דער געלער מענדל", „באלשעוויק", „דער קליין טאטעלע", „דער קליין שוחטל", און נאָך אַזעלכע ענלעכע איבעררופענישן.

עס פלעגן נאַטירלעך אויך זיין זייער פיל צונעמענישן פון אַ „שארפערן" מין, וועלכע פלעגן קלינגען אַביסל צו דראַסטיש אין די אויערן פון די איבערגערופענע פערזאָנען...

אַרומגעגאַנגען זענען אין אָסטראָלענקע אויך אַלגעמיינע איבעררופס־נעמען און אָנדייטונגען, וועלכע האָבן געקאָנט זיין גילטיק פאַר יעדן איינעם, און פאַר יעדער שטאָט, ווי: „גאַנאַמניק" — אַ מענטש מיט נישט קיין גלאַט־כשרע כוונות; „גארדזשעלניק" (פון פויליש) — אַ זולל־וסובא, וועלכער „דינט" כל ימיו צו דער אכילה; „לאַנדזיבילוז" — אַ קבצן, וואָס שפילט די ראָל פון אַ גביר און געלט האָט ביי אים קיין שום חשיבות נישט; „הולקאָ פולקאָ — יוטראָ בעז קאָשולקאָ" (פון פויליש) ד. ה. אַלץ אויף היינט און אויף מאָרגן גאָרנישט... אַ מענטש, וואָס זאָרגט נישט מער ווי אויף איין טאָג („אָכול ושתו — כי מחר נמות"); „ניע דאָלענגאַ" — אַ מענטש אַ שלימזל, אַ לא־יוצלח או"ו או"ו.

די צונעמען און די איבעררופענישן זענען בכלל געווען אַ מין שטאָט־זאַך, וואָס איז נישט בלויז געווען שייך צו דעם איבערגערופענעם אַליין... דאָס זענען געווען נעמען, אַזוי צו זאָגן, צוגעפּאַסטע לויט די מעשים און כאַראַקטער־שטריכן פון די שטאָטישע פערזאָנען. אָבער דעם „מאָנאָפּאָל" דערויף האָט געהאַט נאָר די שטאָט, אויסדריקנדיק דערמיט אויך איר כאַראַקטער...

„אויפן־קאפ־געשטראפטע" און „שכל־אפגעשטאנענע"...

פּעשקע

זי האָט געקענט אַ סך רעדן. זי האָט נישט גערעדט קיין קלאָרע רייד, נאָר „געשאָטן", געמבולט מיט ווערטער. פלעגט דערביי צושעלטן מיט „טויטע" קללות און ווען עס האָט זיך איר נאָר פאַרוואָלט, פלעגט זי צונוצן אויך די הענט; געשלאָגן און געוואָרפן אַ שטיין. שטענדיק איז זי געווען די אָנגרייפערין און באַפאַלערין. נישט געהאַט קיין פחד פאַר קיינעם — פאַרן שטאַרקסטן אפילו. ווען פּעשקע פלעגט דורכגיין די גאַס, אַזוי האָט זי אָנגעמאַכט אַ גאַנצן שטורעם, פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי אַ סך שטיבער, שרייען, „וואַרפן" כלערליי טענות, וואָס איינס צום צענטן איז נישט געקומען. דראָען מיט די פויסטן, אַזוי, אַז יעדער איינער האָט געהאַט פאַר איר פחד און ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן איר „אָנוועזנהייט". קינדער פלעגן באַזונדערס שטאַרק פאַר איר מורא האָבן. טאָמער האָט וועלכעס עס איז קינד דערזען גיין פּעשקען, פלעגט עס מיט אַ געשריי ערגעץ־ווו אָפּלויפן אָדער זיך פאַרבאַהאַלטן אין אַ הויז.

נאָר איינמאָל, דאָס איז געווען אַ יום־כיפור־נאַכט צו „כל־נדרי", ווען דער עולם האָט געדאַוונט און געבעטן גאָט אין די בתי־מדרשים און מנינים. קיין דערוואַקסענע זענען אין דער היים כמעט ווי נישט געווען, נאָר קינדער. פּעשקע האָט אָנגעקלאַפּט אין איינס פון די הייזער. ווי נאָר די קינדער האָבן זי דערזען האָבן זיי געמאַכט אַזאַ שרעקלעכן „ויצעקו" און אויסגעבראָכן אין אַ מוראדיקן געוויין, אַז פּעשקע אַליין האָט זיך דערשראָקן און געמאַכט „ויברח"...

דאָס ערשטע מאָל, וואָס פּעשקע האָט באַקומען פחד.

בערעלע

„די־די־די־די"... און דערביי צוהאָפּסען און אונטערטאַנצן, אויסדריקנדיק פאַרשידענע נאַרעשעוואַטע העויות און גרימאַסן אויפן פּנים — דאָס איז געווען זיין טאָג־טעגלעכער פּזמון. מ'האָט זעלטן־ווען פון אים געהערט אַ וואָרט, אַ זאַץ צי אַפילו אַן אומנאָרמאַלן זאָג. ער איז שטענדיק ארומגעגאַנגען אַ האַלב־באָרוועסער, אַ צעפּליקטער, אַ פאַרפּלאָמטער און אַ צעחושטער. זיין מאַמע האָט אים שטענדיק געפירט ביי דער האַנט און אויף אים אַכטונג געגעבן. ווען בערעלע פלעגט אָפּטאַנצן און אָפּדידיוען, האָט ער דערפאַר באַקומען אַ גראָשן אָדער אַ שטיקל ברויט. ווייסע חברהניקעס פלעגן זיך צו אים צוטשעפּען און „מאַכן דעם טויט". דאָ האָט שוין זיין מאַמע „אינטערווינירט" און פלעגט אָפּטרייבן די חברה ווי בייזע פליגן. בערעלע איז בטבע געווען אַ שטילער און פלעגט נישט אָנפאַלן דער ערשטער אויף קיינעם. אדרבא, ער פלעגט דוקא ארויסרופן רחמנות ביי יעדן איינעם. זיין דאַנקבאַרקייט און מסירות פאַר יעדן וואָס פלעגט אים עפּעס געבן איז געווען אין לשער. פאַר אַ שטיקל ברויט פלעגט ער אָפּהאָפּסעווען אַ גאַנץ לאַנגע צייט. אין דעם דאָזיקן צעחושטן און אומנאָרמאַלן, האָט געשטעקט אַ מענטש מיט אַ וואַרעם גוט האַרץ. ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער און פאַר זיי פלעגט ער אַ סך מער האָפּסען ווי פאַר דערוואַקסענע. ווען ער פלעגט שוין גוט דערצערנט ווערן, פלעגט ער ערשט אַרויסגיין פון געדולד און זיך נאָר פאַרטיידיקן, נישט מער. מענטשן האָבן טאַקע געשמועסט, אז ווען בערעלע וואָלט נישט געווען אַזאַ־אָ, וואָלט ער אפשר געקאָנט ווערן איינער פון די איבערגעגעבנסטע כלל־טוער אין שטאָט...

שמואלקע

געווען אַ גרויסער למדן נאָר אַראָפּ פון „גלייכן". געוווינט אויפן דאַך פון דער גערער „שטיבל", ביים "קליין יצחקל",

פלעגט תמיד זאָגן תורה אפילו אויף דער „אָפענער“ גאַס; „לערנען“ סיי מיט פרעמדע, סיי מיט זיך אַליין...

אָט איז, למשל, אַ זאָגעכץ פון זיינע זאָגעכצן, וואָס פלעגן פאַרשטייט זיך, באַלד עדות זאָגן אויף זיין צעשטרייטן אומנאָר־מאַלן רעיון: „פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַן אשה איז פטור פון אַ מיתה משונה? איז דער תירוץ אַזאַ: אז איינער, למשל, שטאַרבט פון אַ קרענק, פירט מען אים באַגראָבן. איז דאָך די קשיה: פאַר וואָס פירט מען אים, איז ער דען קראַנק אַליין צו גיין? איז דער תירוץ: ער איז טאַקע קראַנק, דער־פאַר קאָן ער אַליין נישט גיין. אָבער אַז ער איז גע־שטאָרבן פון אַ מיתה משונה, איז ער דאָך שוין נישט קראָנק, איז דאָך ווידער די קשיה: פאַר וואָס גייט ער נישט אַליין? איז דער תירוץ: אַזוי ווי אַ טויטער איז פטור פון ציצית, האָט ער מורא אַליין צו גיין, דערפאַר דאַרף מען אים פירן. אָבער אַן אשה איז דאָך נישט מחויב צו טראָגן קיין ציצית, וואָלט זי דאָך שוין געקאָנט אַליין גיין, טאָ פאַר וואָס דאַרף מען זי פירן? איז פונדאַנען געדרונגען, אַז אַן אשה איז פטור פון אַ מיתה משונה“...

זעליגל „בראַטשע“

„בראַטשע“ האָט מען אים גערופן דערפאַר, וואָס ער פלעגט האָבן אַ טבע צו קלאַפּן יעדן איבער דער פלייצע און זאָגן: „בראַטשע“ (ברודער). זיין שטענדיקער פזמון איז געווען: „אוי אַ גאָט אַ זיסער, טי־לי־טי־לי, שליי־די די“! אָדער: „אוי, איך זוך דיך, מזל מיינער, אין אַלע מיינע ווינקעלעך און קאָן דיך נישט געפינען!“... דאָס פלעגט ער ספּעציפיש אויסזינגען, משונה אויסקלאַפּנדיק דערביי צום טאַקט מיט די פינגער... ער האָט נישט געהאַלטן פון קיין נייע הייזער. ער פלעגט תמיד אַרומגיין און ברומען: „נייע הייזער — אַלטע הייזער“... אין יאָר 1939, ווען מ׳האָט געטריבן פון אָס־טראָלענקע, פלעגט ער זאָגן, איך פאַרשטיי נישט צי וואָס דאַרף מען אַרויסגיין פון די אַלטע הייזער און זוכן נייע. די אַלטע טויגן נישט?... „האָב איך אַ מיידל איז זי שיין“ — דאָס פלעגט ער תמיד זינגען ווען ער האָט דערזען אַ פרוי.

זשיסטע

אַ שטילער, אַ רואיקער און אַ שווער־זעעוודיקער. פלעגט קיינעם נישט טשעפּען, נאָר קלייבן נדבות און עסן, וואָס מ׳פלעגט אים געבן. עס איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט אַ „לע־גענדע“, אַז ער באָרגט געלט אויף פּראָצענט... ער האָט קיינ־מאָל נישט געוואָלט נעמען קיין קלענערע מטבע. ווען מ׳פלעגט אים געבן אַ נדבה, פלעגט ער דאָס לאַנג באַטראַכטן צי עס איז ראוי פאַר אים, עס גוט באַטאַפּן ביז ער האָט באַשטימט: יאָ, אָדער נישט. גענעכטיקט אין „קהל־שטיבל“. פלעגט זיך אַליין פאַרלאַטן און פאַריכטן זיינע אָפּגעטרענצלטע בגדים. געהאַט זייער אַ שווערן לשון, מ׳האָט אים קוים פאַרשטאַנען. ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען אין אַ שוואַרצן און שטאַרק־אי־בערגעפּעצטן בגד מיט פולע קעשענעס ברויט און אין די בוזים־קעשענעס — פּעקלעך אויסגעסאָרטירט געלט.

קאָפּל „ניעראַזגאָוואַרעוואַי“

דווקא נישט געווען קיין אָסטראָלענקער. געקומען איז ער פון דער סביבה. פלעגט האַנדלען מיט הבדלה־ליכט און זיך אַרומטראָגן מיט עפּעס אַ „סיניעמא“, וואָס ער האָט באַקומען פון אַמעריקע, אויף די יאַרידן, און פאַרקויפן פאַר 5 גראָשן אַ „קוק“ אויף קאָלאָמבוסעס מדינה... אַ ייד מיט אַ געלער באָרד און גראָבע פּיאות. אַ שטרענגער צו זיינע „קליענטן“ און גערעדט מיטן „ריש“... געהאַט אַ לאָרנעטע און געווען איז ער שטענדיק אַרומגערינגלט פון קינדער. ער פלעגט אָבער שטיין אויף זיין כבוד און נישט געלאָזט מאַכן פון זיך קיין שפּאַס. געווען ערנסט צו זיין „געשעפט“ און זאַכלעך צו זיינע קונים; מיט די הבדלה־ליכט פלעגט ער זיך ווענדן צו די דערוואַקסענע און מיט דעם „סיניעמא“ צו די קינדער. ער האָט זייער נישט געליטן קיין „גראַטשקעס“ אַרום זיך. ביי דעם קלענסטן טומל, פלעגט ער אַרויסוואַרפן מיט אַן ערנסטער שטרענגקייט איין און איינציקן וואָרט: „נ י ע ר אַ ז ג אָ וו אַ ר ע וו אַ י!“ ד. ה. נישט רעדן, נישט מאַכן קיין טומל (פון רוסישן). — דאָס איז געווען זיין הויפּט־פזמון און דעריבער האָט אים שטאָט אַזוי גערופן.

„אסטראלענקער פערזן“

כל מיני גראָטעסקעס, סקעטשן און צייט־לידלעך פלעגן ווערן אָנגעשריבן „צום זינגען און צום זאָגן“ דורך בני־עיר לכבוד עמעצן, אָדער אין שייכות מיט אַן אַקטועל געשעעניש אין שטאָט אָדער אין שטעטל. די דאָזיקע אָנשרייבעכצן האָבן כמעט ווי שטענדיק געהאַט אַ פערזענלעכן צי פּאָליטישן אָדער געזעלשאַפטלעכן פּירוש.

אָט זענען אייניקע אויסצוגן פון הערצקע סאָיקע ז״ל און אלי באַיוקס הי״ד לידלעך אין סקעטשן, וואָס האָבן געבראַכט אַ סך וויץ און פריילעכקייט צום אָסטראָלענקער קהל. שטאָט פלעגט מיט נייגער „שלינגען“ זייערע סאַטירישע פאַרפאַסונגען און עס נאָכזינגען מיטן „טראָפּ“, ווייל יעדער מינדעסטער דורכלויפנדיקער עפּיזאָד אָדער אויסטערלישע געזעלשאַפטלע־כע פּאַסירונג אין שטעטל פלעגט באַלד ברענגען זייער ס׳רוב בשותפותדיקע „קריטיק“, עס אויסדריקנדיק אין אַ „שאַפונג“, וואָס פלעגט באַקומען אַ „תיקון“ אָדער אויף דער אַמאַטאָרי־שער בינע (זיי זענען געווען זייער פעאיקע „שפילער“ אויף דער סצענע) צי אויף באַנקעט־אָוונטן אָדער אַזוי אויף אַ צוזאַמענקום פון אָסטראָלענקער.



ה. סויקע

„גיב אַוועק די באָמבאָניערע
דו ביסט נישט פון מיין ספערע.
איך האָב געהאַט אַ טעות
און גיב נישט קיין מעות...“
אָדער:



א. באיוק

„חוהקע איז שוין אויך אַוועק
מיט אַ שקץ אויפן סטעפּ...״
צי:
„רבקהלע די שוואַרצינקע
אַרבעט אין פאַבריק,
זי דרייט אַ פאָדים נאָך אַ פאָדים
און פלעכט זיך אויס אַ שטריק...״

גאַנץ איבעריק וועט זיין דאָ צו פאַרטייטשן די כוונה פון די אויבנדערמאָנטע אָפּגעריסענע „איינזאַמע״ פערזן. ס'האָט זיך צו יענער צייט כמעט נישט געפונען איינער פון דער שטאָטישער, „קוועקזילבערדיקער״ יוגנט וואָס זאָל נישט האָבן געווּסט דעם ריכטיקן פּשט פון די ווערטער און צו וואָס און וועמען זיי האָבן מיט זייערע „ווערטער־שאָסן״ געצילט...

און אָט איז למשל, אַ „גאַנצע״ זאַך, וואָס ווערט דאָ געבראַכט פאַר אַ מוסטער, צוליב איר ספּעציפישער חשיבות.

אַביסל גראַמען מעניִנא דיומא

(לכבוד דער גרינדונג פון יידישן פרויען־פאַריין אין אָסטראָלענקע. דער מחבר — איינער פון די 2 אויבנדערמאָנטע אָדער ביידע צוזאַמען, וואַרשיינלעכער: הערצקע סאַיקע ז״ל).

„פייערן מיר הייסט עס היינט אַ שמחה: ס'וואַקסט מיר
דער בויך:
ס'איז צוגעקומען אין שטעטל אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך
אַ פאַריין פון „פּאָסטעמפּאָווע מענזשאַטקעס״
וואָס פאַרזאָרגט אונדז מיט „הערבאַטקעס״,
אָדער ווי מיין באָבע רופט עס: אַן עזרת־נשים
צו העלפן ווייבלעך נאָך די 9 חדשים...
הגם מיין פעטער בנימין
רופט עס אפילו מיט אַן אַנדער נאָמען
ביי אים הייסט עס: אַ פרויען־קאָאָפּעראַטיוו:
ווי נאָר איין יידענע הייבט אָן רעדן, ווערט באַלד אַ קאָלעקטיוו
ווי? ביי אייך הייסט עס: די „ווייבערשע מלוכה״?
מסכים! אַז אייך איז ליב איז מיר ניחא...
ס'איז מיר נישט קיין נפקא־מינה,
ס'עט אויף היטלערן האָבן אַ קנאַפּן שינוי...
נישט מער: ס'קאָן נישט שאַדן.
ווי זאָגט מיין ברודערס ברודער:
אַז ווייבער ווערן זיך „קאַמעראַדן״,
ווערט דערווייל אַ שטיקעלע גערידער...

*

מיינע דאַמען און הערן!
וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערן?
ס'ווערט גאָר פריילעך אויפן האַרצן, ס'ווערט גאָר דאַסיק,
אַז די ווייבער קומען אויך צום פּסוק.
הגם ווי זאָגט דער רבי ר' שייע:
אַז ס'איז גאָר נישט קיין ראיה,
אַז דער „זוואַנזעק״ זאָל זיך לאַנג האַלטן.
אַ סברא, אַז ער קאָן זיך נאָך שפּאַלטן
אויב די פּרעזעסאָווע
זאָל נאָפּשיקלאַד האַלטן אַ מאָווע:
אַז אַ מיטגליד מוז איינצאָלן יעדן חודש!
דאָן איז קודש,
אַז פון דער גאַנצער דאַמסקער אַרמיי
וועלן איבערבלייבן אפשר — צוויי:
די קאַסירקע
מיט דער קאָנטראָלערקע
ווייטער — אַ ניע רוש!
ווי זאָגט דער היגער סיימיק: „ניע פּלאַטשימי אי יוזש!...

*

הערט זיך איינעט, קינדער,
וועל איך אייך אויסרעכענען אַצינדער
דעם אינווענטאַר אינגאַנצן
וואָס דער פאַריין האָט צו באַקומען — שאַנצן:
די פּרעזעסאָווע אַננע ברכה
גיט אַריינעט מיט הצלחה
זאָל עס זיין דערווייל קאָנספּיראַטיוו —
אַ גרויסאַרטיקן לעוואַטיוו...
פון בעסטער גומע
ס'קאָסט זאָגט מען אַ גרויסע סומע: —
אַ פראַנק!
זאָל אַ מיטגלידערין, חלילה, ווערן קראַנק,
קומט עס צוניץ...
מ'עט איר געבן דערמיט אַ שפּריץ
וועט גלייך אַראָפּפאַלן די היץ...
די מיטגלידערין טויבע גנענדל,
איז מנדר אַ פליישיקן פענדל.
זי דערלויבט אין דעם צו קאָכן, —
סיי אויף שבת, סיי אין דערוואָכן...
איר מיינט, אַז דאָס אינגאַנצן? סטאָפּ!
זי גיט אויך אַ מילכיקן טאָפּ.
זי איז דאָך די סעקרעטאַרקע,
וועט מען האָבן אין וואָס אויפצוקאָכן פאַר קראַנקע באַוואַרקע.
חוץ דעם האָט זי פאַר אַרימע קימפּעטאָרינס אַ נייע מעדיצין:
מ'נעמט אַ קנאָבל מיט שאָלעכץ פון אַ ציטרין
און מ'לייגט עס צו צו דער געווינערינס בויך,
גייען די ווייען אַוועק מיטן רויך,
און אויס מיט אַקושערקע!
מיט דער גאַנצער מאַשינערקע!
נאָך דעם דאַזיקן עקספּערימענט,
דויערט אַ מאָמענט,
עס שפּרינגט אַרויס אַ זכר,
אַ 20 יאָריקער בחור,

פון 2 מעטער די הויך,
אַז עס גייט אַזש אַ רויך!...
די וויצע־פּרעזעסאָווע וואָרט אויך נישט אויף שפּעטער.
זי האָט געגעבן אַזאַ טערמאָמעטער,
וואָס פאַרקלענערט די היץ און פאַרגרעסערט די קעלט.
דערווייל איז ער דער איין און איינציקסטער אויף דער וועלט.
אַז אַ קראַנקער, למשל, האָט 41 אָן שום קלער,
איז אויף אירן — 36, נישט מער.
זאָגט טאַקע מיין שכן,
אַז ער מוז אוודאי זיין צעבראָכן...
די מיטגלידערין חיה
גיט אַ טוץ באַנקעס נייע,
אַ וואַטקע מיט שפּירטעס,
ס'וועט צוניץ קומען פאַר די גבירטעס...
זי האָט אויך געוואָלט געבן אַ גומענעם בייגל
האָט מען געוואָרפן אויף אים אַן אויגל —
אָ, ס'איז דאָ אין אים אַ... לאָך.
וועט זי שוין געבן אַ באָסן,
וועט עס צוניץ קומען פאַר די אָרימע מאַסן...
מיטגלידערין פּראָניע ברייניע
איז אויך אַ טיכטיקע און אַ גאַנץ פיינע
מ'קען צו איר נישט האָבן קיין טענה.
זי איז דאָך די קאַסירקע מיט דער מאה
וועט זי שוין ממילא אויך האָבן די דעה...
ס'איז דאָך פאַרשטענדלעך
דער האָט די דעה ווער ס'האָט די רענדלעך...
זי גיט להכעיס דער פּרעזעסאָווע אַננע,
אַ שטיינערנע וואַננע.
דאָס קען סתם נישט שאַדן
דער „זאַזשאַנד" וועט זיך האָבן אין וואָס צו באָדן...
ווו מ'עט נעמען וואַסער? ס'וועט זיין פאַר יעדן.
זאָלן נאָר די ווייבער זיך צורעדן...
וועט שוין זיין לרוב
ס'וועט זיך גיסן אָן א סוף...
באַזונדער וועט זי פּראָבירן,
אומזיסט צו פלאָמבירן, —
ציין ביי אָרימע קינדער פון 2 וואָכן און העכער
זי וועט פאַרמאַכן די לעכער,
מיט זילבער און גיפּס.
און וועלכער אָרימאַן ס'עט געבן אַ פּיפּס,
אַז אַ צאָן טוט אים ווי,
איז איינס און צוויי,
אַ לויף צום שאַנק,
אַ כאַפּ די צוואַנג,
און דריי און פיר און זעקס און זיבן
נישט געקוקט און נישט געקליבן...
און זאָל דער אָרימאַן אויך וויסן
און פון דעם תענוג אויך געניסן...
ווי איר זעט ליבע יידן,
וועט מען פון די יידענעס אי"ה זיין צופרידן.

מיר וועלן אָנפילן די פּישקע
און זיי וועלן אָנזעטיקן די אָרימע קישקע...
אַ טשעקאַוואַשטש אין דעם זכות הונגערט מיך אויף, ווי איר זעט,
און מיך ציט טאַקע צום בופעט...
ס'איז אָבער דאָרט פאַראַנען אַ שטיקעלע חסרון:
ס'איז „ניעמאַ קרעדיטו" — נישטאָ שוין יענע יאָרן...
ווי מ'פלעגט זיך אָוועקזעצן ביים טישל,
זיך געהייסן דערלאַנגען אַ גענזל, אַ שנעפּסל, אַ געפּרעגלטן פישל,
און דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו דער בופעטעריע:
פאַרשרייבט עס אין אייער בוכהאַלטעריע...

✶

כ'שטעל מיר שוין פאָר און כ'טו שוין פאַרשטיין
ווי אַ זיצונג וועט ביי די ווייבער צוגיין:
אַז איינע וועט בעטן אַ וואָרט,
וועלן אַלע אָנהויבן רעדן אויפן אָרט...
וועט די פּרעזעסאָווע פּראָטעסטירן,
וועלן זיך אַלע באַליידיקן און אָנהויבן ספּאָזמירן...
וועט מען מוזן אַרויסרופן די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע"
אָפּצולעשן דעם „פייער" פון דער קוויטשענדיקער באַנדע.
קיין פאַרזאַמלונג וועט נישט קענען פאָרקומען.
ווייל טאָמער וועט קומען צום שטימען,
וועלן די נשים כ'בעט אייך איבער
אַרויס מיטן „דיבור"...
אַז מ'וועט זיי הערן
אין די סטראַטאָספערן...
ווי זאָגט יאַנקל דוד דער שרייבער?
איר האָט דאָ צו טאָן מיט ווייבער!
ס'איז אַזאַ פאָלק
וואָס איז שווער צו דערגיין מיט זיי אַ טאָלק...

✶

מיר פייערן היינט אַ יום טוב, דעם „יום־טוב" פון דער פרוי!
אַזוי צו אַזוי,
די באַוועגונג איז דורכאויס נויטיק
אָן דעם פאַריין איז דאָס לעבן גרוי און קויטיק,
עס איז דאָך נישט קיין ציוניזם נאָר פילאַנטראָפּיע —
זאָגט חבר יידל פון „בונד", און ס'איז נישט קיין אוטאָפּיע...
דעריבער חברים פרויען, נעמט אייך צו דער מלאכה!
און זאָל זיין מיט ברכה און מיט הצלחה!
זאָל אייך גליקן אין דער לענג, און אין דער ברייט
קומט נישט אָפּ בלויז מיט די „9 מאַס רייד"...
און מיטן זוכן אַ פּאַסאַן אויף אַ נייע קלייד...
נאָר אַרבעטס פּראָדוקטיוו
זאָל זיך אייך דוכטן, אַז איר גייט צו דער שניידערקע אַרויף,
און צו דער מאָדיסטין!

אַזוי זאָל זיך אייך דאָ אויך גליסטן,
אָפּצוגעבן צייט און מי.
וואָרום סיי־ווי
וועט זיין איינס פון די ביידע:
אָדער עס וועט עקזיסטירן אָדער מ׳וועט פונאַנדערלאָזן
די עדה...

*

זאָל לעבן די פרויען אָרגאַניזאַציע
וואָס גייט פאַרזייען ציוויליזאַציע און קאַנאַליזאַציע!
זאָל לעבן די היינטיקע „הערבאַטקע"
וואָס דערנענטערט דעם מאַנזש מיט דער „מענזשאַטקע"!
זאָל לעבן דער היינטיקער בופעט מיט זיין געשמאַקער פאַפּע,
זאָל לעבן דער שטייער ביים טיר, וואָס האָט מיר
אַריינגעלאָזט אויף „גאַפּע"!...

אָט אַזוי האָט אָסטראָלענקע געלידלט, געפּערזעוועט און געהומאָרעוועט. געקאָנט פילמאָל אַריבערקוקן די נויט און ליידן און שיקן דעם בליק צו אַ ליכטיקערן, צוזאָגנדיקן מאָרגן. דער אָסטראָלענקער קהל פלעגט זיך ווײַלן און וואַרימען מיט די פריילעכע גראַמען פונעם אויבנדערמאָנטן לוסטיקן פּאָרל...



דער ערשטער מאַסקן־באַל אין אָסטראָלענקע, 1924
(אין צענטער: הערצקע סויקע אין אַ גימנאַזיע־אוניפאָרם)

אוסטרולנקה בתפוצות
אסטראַלענקע אין דער וועלט

שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער

מנחם פלאַקסער



מנחם פלאַקסער, זון פון באַוווסטן כלל־טוער ר׳ הענאַך פלאַקסער און זיין פרוי רחל, די טאָכטער פון ר׳ אפרים גאָלדבראָך ז״ל.


געבוירן דעם 11־טן אפריל, 1898 אין אָסטראָלענקע. געלערנט אין חדר און ישיבות. זינט 1918 אין וואַרשע. ווערט אַ מיטאַרבעטער אין די טעגלעכע צייטונגען „דאָס יידישע פאָלק״ און „היינט״. 1924—1925 — שטודירט אויף דער סאָרבאָנע אין פאַריז. העלפט גרינדן די וואָכנצייטונג „פאַריזער בלעטער״. 1926 — איינער פון די גרינדער פון דער קאָאָפעראַטיווער טעגלעכער צייטונג „אונזער עקספרעס״ אין וואַרשע.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן קיין שאַנכאַי, כינע, ווו געגרינדעט די וואָכנצייטונג „אונזער לעבן״ אין די דריי שפּראַכן: יידיש, רוסיש, ענגליש. זינט 1947 אין אַמעריקע. מיטגעאַרבעט אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אויף דער אַרבעט: „ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־רוסלאַנד 1918—1948״, און אויף די גבית עדות פון די געראַטעוועטע פון חורבן. זינט 1950 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״.

זינט 1920 פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען, קריטישע אַרטיקלען אין די זשורנאַלן: „רינגען״, „כאַליאַסטרע״, „וואַרשעווער אַלמאַנאַך״, „וואַרשעווער שריפטן״, „ביכער־וועלט״, „ליטעראַרישע בלעטער״ א. אַנ.

איבערזעצט אויף יידיש: „אינגעבאָרג״ פון קעלערמאַן; „קוליאָ כורעניטאָ און זיינע זיבן תלמידים״; „דאָס שטורמישע לעבן פון לאזיק רויטשוואַניעץ״; „די דרייצן פּייקעס״ — פון איליא ערענבורג; פּאָעמע פון ריינער מאַריאַ רילקע; קינדער־דערציילונגען פון אַנאַטאָל פראַנס א. אַנ.

יצחק קאַהאַן



יצחק קאַהאַן, זון פון ר׳ חיים דוב שו״ב און חיה־ביילע קאַהאַן ז״ל. שרייבער און פּרעלעגענט. געבוירן אין אָסטראָלענקע. אנגעקומען אין אויסטראַליע אָנהויב 1938. פון דעמאָלט אָן טעטיק און אַקטיוו אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אויסטראַליע. רעפערירט אויף ליטעראַרישע טעמעס און אויף געטאָ־אַקאַדעמיעס (אָפטמאָל ביי 3.000 באַזוכער אויף אַ געטאָ־אָוונט). שרייבט עסייען און ליטעראַטור־קריטיק, גרעסערע און קלענערע אָפּהאַנדלונגען, געדרוקט אין דער אויסטראַלישער און אויסלענדישער פּעריאָדיק. מיטרעדאַגירער פון „מעלבורנער בלעטער״ (אַ ליטעראַרישער זשורנאַל),

רעדאַגירט אַ בער־ראָזן־בוך מיט אַ לענגערן אַריינפיר און אָפּשאַצונג. יאָרנלאַנג אויך געשריבן טעאַטער־רעצענזיעס, פילם־אָפּהאַנדלונגען. פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון יידישן שרייבער־פאַריין אין מעלבורן. גרייט צו אַרויסצוגעבן אַ באַנד געזאַמלטע עסייען. אַ צייט געווען לערער פון יידי־שער געשיכטע און ליטעראַטור פאַר עלטערע קלאַסן אין דער מעלבורנער פרץ־שול, און געגעבן לעקציעס אין אַ „פאָלקס־אוניווערזיטעט". באַקומט אַן איינלאַדונג צו ווערן אין בוענאָס־איירעס פאַרוואַלטער פון אַ מיטל־שול, נאָר צוליב געוויסע פערזענלעכע טעמים נעמט ער דאָס נישט אָן. יאָרנלאַנג מיטרעדאַקטאָר פון אַ מעלבורנער קולטור־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל: „אונדזער געדאַנק".



מאיר מרגלית

מאיר מרגלית, געבוירן אין אָסטראָלענקע. אַ זון פון דאָזאַר און שטאָט־עסקן ר' אהרן יעקב מרגליות ז"ל און זיין פרוי פייגע הי"ד.

שוישפילער און הויפּט־ראָליסט. שפּילט אַלע יאָרן אין ישראלדיקן „אהל"־טעאַטער.

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען אָסטראָלענקע נעמט זיך אויפבויען פון אירע חורבות, דאָס מאַטעריעלע ווי דאָס קולטורעלע לעבן פון דער שטאָט הויבט זיך אָן צו נאָרמאַליזירן, און עס ווערט אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישער קרייז ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — ווערט מרגלית איינער פון די הויפּט־אָנטיילנעמער. שפּילט, ווייזט שוין אַרויס גרויסע סצענישע פעאיקייטן און אַ סך זאַפטיקן הומאָר, ביים פאָרשטעלן די טיפּן. ווו ער קומט — ווערט פריילעך, פילט אָן יעדעס אָרט מיט זיין ספּעציפישן וויץ און אָרט רעדן.

צו 13—14 יאָר נעמט ער שוין אָן אָנטייל אין פּיעסן, איינ־אַקטער און קאָמעדיעס.


ער ווערט גאָר ערנסט צום טעאַטער, ווען ער איז איינמאָל אָנוועזנדיק אַ פאָרשטעלונג פון דער ווילנער טרופּע.

אין 1922 איז ער עולה קיין ארץ־ישראל דורכן „החלוץ", אין עלטער פון 17 יאָר. ער נעמט זיך צו בנין, פעלד־אַרבעט. שפּעטער געפינען מיר אים שוין אין „גדוד העבודה" אין ירושלים. אין יאָר 1923 שטייט ער צו צו דער דראַמאַטישער סטודיע פון מאַניע אַרנאָן און אין 1924 ווערט ער איינגעלאַדן צו שפּילן אין דער „אהל"־גרופּע פון משה הלוי.

ווען דער „אהל" ווערט אַ סטאַביליזירטער טעאַטער ווערט מרגלית איינער פון זיינע הויפּט־זיילן. די אַלע ראָלן וואָס מרגלית פירט אויס אויף דער „אהל"־סצענע שוין קרוב צו 36 יאָר און אין איבער 100 פּיעסן און טעאַטער־שטיק, זענען דאָס רוב הויפּט־ראָלן, ווי: אַרפּאַגאָן, זשודען, ארנולף ווארגאן אין מאָליערס קאָמעדיעס; „דער בראַוווער סאָלדאַט שווייק" אין האַשעקס קאָמעדיע (געשפּילט אַריבער 800 מאָל), ווו מרגלית דערגרייט מיט דער דאָזיקער ראָל צו אַ טעאַטראָלן וועלט־ניוואָ און איז ממש קאָנקורענצלאָז; וואַסיל אַנטאָניטש אין „קאָלחאָז פון ווייבער"; פאַלסטאַף אין שעקספּירס „די פריילעכע ווייבער"; זשיטער לעסטער אין „טאַבאַק־וועג"; בנימין אין „מסעות בנימין השלישי"; מנחם מענדל דער בעל החלומות; „שרגא פייביש גייט אין נגב", און נאָך און נאָך; צום סוף אין „דער כתובה", אפרים קישונס, וואָס איז שוין געשפּילט געוואָרן איבער 300 מאָל און גייט נישט אַראָפּ פון דער „אהל"־בינע.

מרגלית איז אויך באַוווּסט אַלס הומאָרפולער דעקלאַמאַטאָר און מאָנאָלאָגירער, וואָס ווייסט אַרויסצורופן געזונטן געלעכטער ביי זיינע צוהערער.

אין יאָר 1956 באַקומט ער (נאָך דער „גאָרדאָן־פּרעמיע") די רמח"ל־פּרעמיע פאַר טעאַטראַלער קונסט דורך דעם תל־אביבער שטאָט־ראָט. לעצטנס באַקומט ער (נאָך דער אהרנאָוויטש־פּרעמיע) אַ פּרעמיע אויפן נאָמען פון פּראָפ. ד"ר יוסף קלויזנער — דורכן קלויזנער־קלוב.



ד"ר חיים חמיאל (כמיעל)

געבוירן אין אָסטראָלענקע אין יאָר 1917. אַ זון פון באַקאַנטן „מזרחי"־עסקן ר' אפרים כמיעל און זיין פרוי ביילע רבקה ז"ל. לערנט אין חדרים און ישיבות. אין דער לאָמזשער ישיבה איז ער פון די אויסגעצייכנטע תלמידים. הייבט אָן צו שרייבן לידער אין עלטער פון 12 יאָר. מיט דער צייט ווערט ער לערער אין דער אָסטראָלענקער „יבנה"־שול,

גרינדעט דעם „השומר הדתי" און ווערט אַ מיטגליד אין לאַנד־ראַט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

אין יאָר 1938, ערב דער 2־טער וועלט־מלחמה, איידער ער פאַרלאָזט די שטאָט — איז ער לערער אין דער העב־רעאישער „יבנה"־שול אין מאָטעלע (ביי פינסק).

אין יאָר 1939 קומט ער אָן נאָך שווערע וואַגלענישן קיין ארץ־ישראל מיט דער מעפּילים־שיף „אַסימי", וועלכע ברענגט אויף איר דעק חברים פון „החלוץ המזרחי" און „עקיבא" (אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע). ער ווערט גלייך אָנגענומען אַלס לערער און דערציער אין „כפר הנוער הדתי" (ביי חיפה).

דערנאָך קומט ער קיין ירושלים, באַזעצט זיך דאָרט אַלס תושב און לערנט אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט. אין יאָר 1945 ווערט ער אָנגענומען אַלס באַאַמטער אין דעם יוגנט־און־חלוץ־אָפּטייל פון דער יידישער אַגענץ (סוכ־נות). אין 1950 — פירט ער שוין אָן מיט דער אַרבעט אין דעם רעליגיעזן אָפּטייל פאַר דערציאונג און קולטור־אַרבעט פאַר די גלות־לענדער. נאָכדעם ווי עס ווערט געגרינדעט דער אָפּטייל פאַר קולטור־ און תורה־דערציאונג אין די גלות־לענדער דורך דער יידישער אַגענץ (סוכנות) — גייט ער דאָרטן אַריבער און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט ווערט ער דער לייטער (מנהל) פונעם דאָזיקן אָפּטייל, וווּ ער גייט־אָן מיט זיין אַמט ביז הײַנט.

אין דער ירושלימער אוניווערסיטעט לערנט ער העב־רעאישע ליטעראַטור, תנ"ך און פּסיכאָלאָגיע, פאַרפאַסט אַ פאָרש־אַרבעט איבער דער השכלה־ליטעראַטור, וועלכע איז זוכה צו דער קלויזנער־פּרעמיע פון דער תל־אביבער עיריה (שטאָט־פאַרוואַלטונג), און באַקומט דעם טיטל .M. A. דער־נאָך שרייבט ער אָן אַ פאָרש־אַרבעט איבער „די פּאָעזיע אין מיטלאַלטער" (דערשיינט אינגיכן דורכן פאַרלאַג: „מחברות לספרות"), און באַקומט דעם פילאָזאָפיע דאָקטאָראַט פאַר העברעאישער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור.

אייניקע יאָר איז ער אויך לעקטאָר (מרצה) אין דער בר־אילן־אוניווערסיטעט איבער די נייע העברעאישע ליטע־ראַטור און די פּאָעזיע פון מיטלאַלטער.

חיים חמיאל האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן 4 לידער־ביכער: „מאופק אל אופק" (פאַרלאַג „מורשת"), קינדער־לידער (פאַרלאַג „ציוני"), „נוף אדם" (פאַרלאַג „אמונים"), „מוקד וניר" (פאַרלאַג ראובן מס, ירושלים). חוץ דעם רע־דאַקטירט ער פאַרשידענע זאַמלונגען און ביכער־אויסגאַבעס אויפן געביט פון רעליגיעזער יוגנט־דערציאונג און הדרכה (וועג־ווייזונג). צווישן זיי: מאספי „מעינות" (8 בענדער) און „שאלות חינוך והוראת מקצועות היהדות".

ביז היינט צו טאָג פאַרעפנטלעכט ער זיינע לידער און שרייבט פאָרש־אַרבעטן איבער דערציאונג־פּראָבלעמען און תנ"ך.

גלייכצייטיק איז ער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון „ברית עברית עולמית" און אַ חבר אין דעם שרייבער־ און קינסטלער־פאַריין „אקום".



חיים דרעזנער

חיים דרעזנער, געבוירן אין מלאַווע. אַ זון פון יעקב און דבורה דרעזנער. געלערנט תורה אין חדרים און ישיבות. שפּעטער געוואָרן אַ מיטגרינדער פון מלאַווער „צעירי־מזרחי".


אין 1924 קומט ער קיין אָסטראָלענקע און ווערט סרולקע שראַנס אַן איידעם. ביז 1939, ווען עס ברעכט אויס די 2־טע וועלט־מלחמה — וווינט ער דאָרט, לעבט זיך איין אין דער שטאָט ווי אַ גוטער תושב און ווערט טעטיק אין אַלע דאָרטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אַלס רעליגיעזער און בן־תורה מיט אַ כוח־הסברה, אַגיטירט ער דורכאויס פאַרן רעליגיעזן ציוניזם („מזרחי"), באַ־זוכנדיק דערביי פיל שטעטלעך און יידישע יישובים אין פּוילן.

אויסער זיינע רעדנער־פעאיקייטן און באַהאַוונטקייט, וואָס ער ווייזט אַרויס אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, שרייבט ער אויך פון צייט צו צייט אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין וואַרשעווער „היינטיקע נייעס". אין די מלחמה־יאָרן (נאָכ־דעם ווי אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אויפן באַפעל פון די נאַציס), ווערט ער מיט זיין משפחה פאַרוואָרפן קיין רוסלאַנד. מאַכט דאָרט דורך דאָס לעבן פון אַ מלחמה פּליט, כאָטש אַ דאַנק זיינע צופּאַסונגס־פעאיקייטן געלינגט אים זיך „צו האַלטן אויף די פיס" אויך אין אַזאַ אומרו־איקער צייט.

ווען ער קומט צוריק קיין פּוילן, זעצט ער פאָר זיינע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעך־ציוניסטישע אַרבעטן. אַביסל שפּעטער — קומט ער קיין עסטרייך, פאָרט אַרום אין די לאַגערן, באַגעגנט זיך מיט דער שארית־הפליטה, אַגיטירט, דערמוטיקט, אויפווייזנדיק, אַז דער איינציקער אמתער וועג דאַרף זיין נאָך ציון. די זעלבע מיסיע פירט ער אויך אויס ווען ער קומט קיין דייטשלאַנד. דאָרט ווערט ער אַ חבר אין ועד־הפועל פון „הפועל המזרחי" און שרייבט אויך פון צייט צו צייט אין דעם הפועל־המזרחי־אָרגאַן „די יידישע שטימע", וואָס דער־שיינט אין מינכן.

סוף 1949 קומט ער קיין ישראל. אַרבעט די גאַנצע צייט אין מרכז קופּת־חולים אין תל־אביב.

מאַרק ראַקאָווסקי



מאַרק ראַקאָווסקי, געבוירן אין מאַלקין. אין יאָר 1899, איז ער מיט זײַן גאַנצער פֿאַמיליע אַרויסגעפֿאָרן קיין אָסטראָלענקע, ווו זיי האָבן געוווינט ביז צום אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—15) אויף דער אָסטראָלענקער באַן־סטאַציע: קאַצינעס.

אַלס שרײַבער און איבערזעצער איז ער געוואָרן באַקאַנט אין די צוואַנציקער יאָרן, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַ ביאַליסטאָקער תּושב. שפּעטער ווערט ער אויך פֿאַרלעגער און גיט אַרויס דורך זײַן אייגענעם פֿאַרלאַג פֿיל אָריגינעלע און דורך אים איבערזעצטע ווערק.
זײַן פֿאָטער ר׳ יעקב מאיר ז״ל, וועלכער איז געווען מפֿורסם אויסער די גרענעצן פֿון אָסטראָלענקע, איז געווען אַ ייד אַ למדן מיט וועלטלעכן וויסן, וועלכער האָט זיך צווישן פּשוטע „עמך״־מענטשן געהאַלטן ווי אַן אייגענער.
זײַן פֿאָטער איז געווען אַן אייניקל פֿון באַוווסטן גאון ר׳ לייבעלע פּלאָצקער און אַ פּליעמעניק פֿון באַרימטן געלערנטן און העבּרעאישן שריפֿטשטעלער אברהם אבא ראַקאָווסקי, נחום סאָקאָלאָווס אַ חבר פֿון איין חדר, און אַליין אַ מיטאַרבעטער אין „הצפֿירה״ (אברהם אבא ראַקאָווסקי האָט, צווישן אַנדערעס, אָנגעשריבן „מסכת שטרות״, אַ מין הומאָרעסקע אין תּלמודישן סטיל און נוסח, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם). זײַן מומע, די באַוווסטע שרײַבערין פּועה ראַקאָווסקי, וועלכע איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן אין ישׂראל, איז געווען ר׳ יעקב מאירס אַ שוועסטער.


סוף 1956, ווען מאַרק ראַקאָווסקי איז צוריקגעקומען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע. אַלס אָנגעזעענער מיטגליד פֿון דעם פּוילישן ליטעראַטן־פֿאַריין און אָנערקענט פֿון דער פּוילישער רעגירונג מיט אַ מלוכהשן געהאַלט — זעצט ער פֿאָר מיט גרויס הצלחה זײַנע ווײַטערדיקע ליטעראַרישע טעטיקייטן, אי אַלס שרײַבער, אי אַלס איבערזעצער, וואָס איז זײַן ספּעציאַליטעט אַלס קענער פֿון זייער פֿיל שפּראַכן.

מאַרק ראַקאָווסקי האָט אויך אויסגעדריקט זײַן ווילן צו קומען אויף אַ פּערזענלעכן באַזוך קיין ישׂראל, ווו עס געפֿינען זיך זײַנע דרײַ שוועסטער, געבוירענע אָסטראָלענקער, אײַנגעאָרדנטע דאָ פֿון אַ סך יאָרן.
כדאי צוצוגעבן, אַז דאָ נישט לאַנג, האָט דאָס פּויליש־יידיש ליטעראַרישע וואַרשע מיטן אָנטייל פֿון הויכע רעגירונגס־לייט און פֿיל פֿון זײַנע פֿרײַנט, פֿאַרערער און באַקאַנטע אין גאָר דער וועלט — געפֿײַערט זײַן 70 יאָריקן געבוירנטאָג.



העלען קיימאַן

העלען קיימאַן, געבוירן אין שטשוטשין, פּוילן, דעם 7־טן נאָוועמבער 1915 בײַ רעליגיעזע עלטערן. געלערנט אין לאָמזשע אין גאָלדוסט׳ס גימנאַזיע און שפּעטער אין אַ פּוילישן לערער־סעמינאַר. געאַרבעט אין אַ קאָאָפּעראַטיווער באַנק פֿון דזשאָינט אין שטשוטשין.
אין 1933 געהייראַט משה אהרון סאָיקא און ביז 1939 געלעבט צוזאַמען מיט איר מאַן און צוויי קינדער אין אָסטראָלענקע. פֿון 1939 ביז 1941 געווען אַ לערערין אין אַ פּוילישער רעגירונגס־שולע.
דורכגעמאַכט די געטאָס אין שטשוטשין און ביאַליסטאָק, געווען פֿאַרשפּאַרט אין דער ביאַליסטאָקער תּפֿיסה, אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן פֿון שטוטהאָף, ראַווענסבּרוק, אוישוויץ און נוישטאַט־גלעווע. פֿאַרלוירן די גאַנצע משפּחה און געבליבן איינע אַליין. זינט 1946 אין אַמעריקע, פֿאַרהייראַט מיט שמעון קיימאַן פֿון שטשוטשין.
געאַרבעט אַכט יאָר אין נאַציאָנאַלן אָפּיס פֿון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין אַמעריקע. היינט סעקרעטאַרין אין מגבית פֿון אַמעריקאַנער הסתדרות קאַמפּיין. איז טעטיק אין געזעלשאַפֿטלעכן און יידישן קולטור־לעבן פֿון ניו־יאָרק.
העלען קיימאַן האָט אויך באַזוכט ישׂראל און אַלס הייסע ציוניסטין אויסגעדריקט איר פֿאַרלאַנג זיך אײַנצואָרדענען אינעם יידישן לאַנד, וואָס פֿריער.
העלען קיימאַן באַזיצט אויך אַ פֿײַנעם שרײַבערישן טאַלאַנט, ווי עס איז אַרויסצוזען פֿון איר „לעצטן געלעכטער פֿון די אָסטראָלענקער קינדער״, געדרוקט אין דאָזיקן יזכּור בוך. דער פֿאַרשטאָרבענער גרויסער העבּרעאישער פּאָעט און עסעאיסט, יעקב פֿיכמאַן ז״ל, האָט אויך געהאַט אויסגעדריקט זײַן פּאָזיטיווע מיינונג איבער אירע ליטעראַרישע פֿעיִקייטן.



יצחק עברי

יצחק עברי, געבוירן אין אָסטראָלענקע. אַ זון פון באַקאַנטן חסיד און ירא־שמים ר׳ נפתלי צבי עברי ז״ל און זיין פרוי רחל־לאה הי״ד. לערנט אין חדרים און ישיבות און ביי באַוווסטע גדולי התורה, פירנדיק אים אויפן וועג צו גרויס־לומדות און רבנות.

ווי אַן עקסטערן וואַרפט ער זיך אין דער אַלגעמיינער קולטור־וועלט, און פילט דערביי אַן אָרגאַנישע נאָענט־קייט צו פּאָעזיע און טעאַטער.

שרייבט לידער און פּיעסן. שטעלט אויף טעאַטער־אַנ־סאַמבלען, גרינדעט דראַמאַטישע קרייזן ביי פאַרשידענע פאַריינען און אינסטיטוציעס און טרעט אַליין אויף אויף דער סצענע, פאַרקערפּערנדיק פאַרשידנערליי הויפּט־ און כאַראַקטער־ראָלן. גיט אַרויס לידער־ביכער.

אין יאָר 1932, ווען ער איז עולה קיין א״י פון לאָמזשע (זיין יווין־שטאָט, זינט נאָכן ערשטען וועלט־קריג), דערשיינען זיינע מלחמה־לידער אין אַ בוך־פאָרם א. נ. „בין דם לדם״ (צווישן בלוט און בלוט), איבערגעזעצט פון יידיש און אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „יבנה״, אין תל־אביב.

זיינע לידער (אין העברעאיש און אין יידיש) ווערן אָפּגע־דרוקט און זיינע ביכער־לידער — פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט אין דער ישראלדיקער ווי אין דער חוץ־לארצדיקער פּרעסע ווי: „דבר״, „אומר״, „דבר־השבוע״, „לעצטע נייעס״, „מאָמענט״, „היימיש״, „הפועל הצעיר״, א. אנד. זינט ער איז אָנגעקומען קיין א״י — אַרבעט ער אין „דבר״ (די טאָג־צייטונג פון דער הסתדרות).

ער שאַפט אויך לידער פאַר געזאַנג, וועלכע ווערן פון צייט צו צייט אַריינגעזונגען אין ראַדיאָ „קול ישראל״ און אין אויסלענדישער טעלעוויזיע דורך פּאָפּולערע זינגער.

זיינס אַ ליד א. נ. „שיר תקומה״ (ליד פון אויפקום), וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אין אַ געוויסער ישראלדיקער צייטונג, איז זוכה געזונגען צו ווערן אין כאָרן אויף די סדר־נעכט פון געוויסע א״י־דיקע קיבוצים און ווערט אויך אויפגענומען אין זייערע „הגדות של פסח״.

מוזיק צו דעם אויבנדערמאָנטן ליד, ווי אויך צו אַ ריי אַנדערע זינג־לידער, ווערט געשאַפן דורך באַקאַנטע א״י־דיקע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי: חיים פערשקאָ (פאַר סאָלאָ־געזאַנג), יאָאַכים סטוטשעווסקי (פּראָיעקטירט פאַר קלאַ־סישן כאָר) א. אַנ.

אַ מיטגליד אין די שרייבער־און קינסטלער־פאַריינען: „אקו״ם״ און „מלוא״.



אַסטראַלענקער אין ישראל

ערשטע חלוצים

איידער איך גיי דאָ ביילויפיק דערמאָנען נעמען פון ערשטע אָסטראָלענקער חלוצים אין א״י, אָט די, וועלכע האָבן גובר געווען די אַלע דעמאָלטיקע מכשולים און שוועריקייטן פון לאַנד און מיטגעהאָלפן בויען אַ נײַ יידיש לעבן, האָבנדיק היינט אַ געוויסן חלק אין דער ישראל־מדינה — וועל איך קודם דערמאָנען אין אַ פּאָר ווערטער די ערשטע „נעסט" און שפּראָצונג פון „יונגן" ציוניזם אין אָסטראָלענקע גופא, וועלכע האָט געלייגט דעם באָדן פאַר די עליה־אָנהויבן פון אונדזערע אָסטראָלענקער, וואָס האָבן מיט שטאָלץ און אומגעהויערע ליבע צום לאַנד געהאָלפן אויפהויבן די יונגע פאָן פון דעם ציוניסטיש־חלוצישן רעיון...

אין יאָר 1913, האָט זיך אין אָסטראָלענקע געגרינדעט אַ מין ציוניסטישע חברה אונטערן נאָמען „הקיצה" (וואַך־אויף), וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צען ביז פופצן אָסטראָלענקער בחורים, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקע ליבשאַפט צום ציוניזם און געשטרעבט צו ארץ־ישראל. צווישן דער דאָזיקער ציוניסטישער גרופּע האָבן זיך געפונען פאָלגענדיקע: אביעזר קופּערמינץ (היינט אין ישראל: כפר־יחזקאל, אונטערן נאָמען: דרורי), אביגדור קופּערמינץ (זיינס אַ ברודער, געפאַלן אין ישראל: אין באַפרייאונגס־קאַמף), מאָטל סעגאַל, איך און אַנד. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו גיין אויף חתונות אין שטעטל. זאַמלען געלט פאַרן קרן־קיימת, פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן שקל ווי אויך די העפטן פון דער „קאָפּיקע"־ביבליאָטעק" (בראָשורקעס מיט קורצע אַרטיקלען און דערציילונגען פון ציוניסטישע שרייבער, וואָס פלעגן דינען אַלס אַגיטאַציע־מאַטעריאַל פאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק). פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסער טייל בעלי־בתים און שיינע יידן אין שטעטל, זענען געווען קעגן אונדז, בפרט נאָך אַז דער ציוניזם איז אין יענע יאָרן געווען אַ טריף־פסולע זאַך, און זיי האָבן אונדז טאַקע אָפט מאָל געשטערט אין דער אַרבעט. עס איז צו באַצייכענען, ווי דער באַקאַנטער מענדל ברין, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָל אין שטעטל, האָט אונדז געשטערט צו זאַמלען געלט צו דעם צוועק אויף זיין טאָכטערס חתונה. אַזעלכע ענלעכע פאַלן פלעגן זיך איבערחזרן נישט איינמאָל, ווען מיר פלעגן קומען זאַמלען געלט פאַר ציוניסטישע צוועקן.

אין יאָר 1914 בין איך אַוועק פון אָסטראָלענקע און אָנגעקומען קיין אַמעריקע. זייענדיק דאָרט פיר יאָר צייט, האָב איך געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ „כל־בו"־געשעפט און געדינט אין „יידישן לעגיאָן" מ'.


אין יאָר 1919 בין איך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. זיך באַטייליקט אין דער הגנה פון תל־חי. דערנאָך בין איך געווען אין מחניים אַ האַלב יאָר און אין קיבוץ מרחביה 8 יאָר.

שוין איבער 30 יאָר ווי איך געפין זיך אין באר־טוביה און אַרבעט די גאַנצע צייט ביי לאַנדווירטשאַפט.

צווישן די ערשטע אַראָפּגעקומענע אָסטראָלענקער חלוצים אין ארץ־ישראל האָבן זיך געפונען פאָלגנדיקע: די שוין דערמאָנטע אביעזר קופּערמינץ און זיין ברודער אביגדור, מאָטל צוקער, דוד לעוו, מאיר מרגלית, אברהם אהרן טאַקסאָן דער מוליאַר מיט זיינע זין א. אַנד.

עס זענען אויך געקומען אַלס ערשטע חלוצים אַ ריי אַנדערע אָסטראָלענקער בחורים, פון זיי אַ סך ציוניסטישע טוער, וועלכע זענען ווי באַקאַנט צוריקגעפאָרן, נישט קאָנענדיק ליידער אויסהאַלטן די שווערע באַדינגונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געהערשט אין לאַנד.

מאטל צוקער (באר טוביה)



אברהם אהרן טאַקסאַן (דער מוליאַר) — מיט אַרבעטער ביי אַן ארץ־ישראלדיקן בנין, אין „יענע" חלוצישע יאָרן. (שטייט אין דער אונטערשטער שורה; 4־טער פון רעכטס; אין אַ פאַרטוך).

על משפחה חלוצית אחת מצ׳רווין

משפחת בערל פרידמן בעיירה צ׳אֶרווין, מחוז אוסטרו־לנקה, היתה משפחה ידועה ומפורסמת בתור חייטים מומחים. ראש המשפחה ברל פרידמן זכה לשם חייט מעולה תודות למדים שתפר בשביל מכבי־האש, מדים שהכבאים נשאו בגאווה. לכן, לא ייפלא ששמו יצא לתהילה בין אנשי הכמו־רה, הפריצים ואנשי השלטון, וכולם „הציפוהו" בעבודה. תודות לקשריו עם הפריצים הצליח ברל החייט ליסד גרעין של 40 חלוצים אשר קיבלו את ההכשרה החקלאית אצל בעלי האחוזות הפולנים כהכנה לעלייתם לארץ־ישראל. בין החלוצים שהכינו עצמם לעלייה היו בניו של ברל: מנחם־מנדל, אברהם־זליג ומיכאל. אחרי תקופה של הכשרה בחווה החקלאית עלה מנחם־מנדל בשנת 1921 לא״י והצטרף כחבר למשק תל־יוסף. מובן שהחוטים בין הארץ ובין הנשארים בצ׳אֶרווין לא נותקו, ומיד אחרי עלייתו של מנחם־מנדל עלו האחים אברהם־זליג ומיכאל והאחות חנה, וכולם באו למשק תל־יוסף. ואז הם החלו לתכנן את עלייתם של יתר בני המשפחה עם ההורים. הדבר חל בתחילת שנות השלו־שים; השלטונות המנדטוריים החלו לצמצם את מכסת הסר־טיפיקטים, וביחוד למשפחות מרובות ילדים. האחים חברי משק תל־יוסף הגישו בקשות לאין ספור לנציב העליון בדבר רשיון עליה לכל המשפחה, אך כל הבקשות נדחו על ידו, בטענו כי המשפחה היא גדולה מדי והוא חושש שיהיו ל„מע־מסה על הציבור". אחרי התערבותו של חיים ארלוזורוב אצל הנציב העליון (מוזכר בכתבי ארלוזורוב — יומן ירו־שלים, עמוד 228) והתחייבותו של משק תל־יוסף לתת להם מקום בתוכו, ניתן הרשיון המיוחל בעד המשפחה: אב, אם ו־5 ילדים. בשנת 1932 ארזה המשפחה את מטלטליה ועלתה לארץ — למשק תל־יוסף. יהודי העיירה לא יכלו להבין את המתרחש כאן: משפחה שלמה קמה „פתאום" ועולה לארץ־ישראל!... (בימים ההם היה נהוג לנסוע לאמריקה, לקנדה או לאורוגואי) רבים לעגו וצחקו בקרבם על המעשה הזה, כי מעט מאוד הם ידעו על א״י; הם רק שמעו כי הארץ שוממה וכי החיים בה קשים מאוד. בלבם פנימה הא־מינו כי המשפחה עוד תחזור לצ׳אֶרווין...

כשנודע לפריצים ולכמרים על החלטתו של ברל פרידמן לעזוב את צ׳אֶרווין, באו כולם אליו והשתדלו לשכנעו ול־הניאו מרצונו לעלות לארץ. הם הבטיחו לו „הרים וגבעות" ובלבד שלא יעזוב את צ׳אֶרווין. אבל מרצונו העז של ברל לנסוע לא״י ואל בניו לא הצליחו להזיזו. הפריצים הפילו ביניהם גורל למי יהיה הכבוד להוביל את המשפחה עם החפ־צים לתחנת־הרכבת. ובחנוכה של שנת 1932, עת כל הארץ מכוסה שלג, הופיעו מִזְחֲלוֹת־הפְאֵר של הפריצים רתומות לסוסים אבירים והעבירו את המשפחה לרכבת מרחק של קילומטרים רבים מצ׳אֶרווין. אחרי נסיעה במחלקה רביעית באניה איטלקית דרך טריאֶסט הגיעה המשפחה למשק תל־יוסף. עם בוא המשפחה לארץ התחילו לפעול אצל השלטו־נות בדבר עלייתה של האחות הבכירה פייגה עם משפחתה. אולם מכשולים רבים נערמו לפניהם: צמצום העליה והג־בלת הסרטיפיקטים לגילים מסוימים וכו׳, וכך לא זכתה האחות פייגה עם משפחתה להגיע ארצה.

בשנת 1939, ערב פרוץ מלחמת־העולם השנייה נסע קלמן, אחד האחים, מהארץ לצ׳אֶרווין ונפגש עם היהודים במקום וסיפר להם על חיי היהודים בארץ, על חיי קיבוץ, והשתדל לשכנע אותם לעלות ארצה וללכת בדרכי משפחתו, המשפחה הראשונה והיחידה שעשתה צעד כזה. אבל לצערו היה כבר מאוחר מדי; פרצה המלחמה — ובעקבותיה השואה הגדולה. האחות פייגה עם משפחתה צללו בתהום השואה יחד עם כל המיליונים שהושמדו בימים הנוראים ההם.

כיום משפחת פרידמן הענפה מונה 9 אחים ואחיות, בנים ובני בנים — כולם אנשי עבודה ומעורים בחיי הארץ.

האם רחל־לאה, שנפטרה לפני שנים אחדות, זכתה בעו־דה בחיים לפרס מאת ראש הממשלה ד. בן־גוריון — פרס „המשפחה הגדולה".

יצחק גלבוע (פרידמן) *

---

* יצחק גלבוע (פרידמן) הוא אחד מבני משפחת פרידמן הנ״ל. היה, כאמור, חבר במשק תל־יוסף, נכנס לפלמ״ח, נפצע במערכה ואיבד עין אחת. כיום הוא גר בת״א, עובד במשרד הבטחון.


מאיר מרגלית - שחקן בישראל

מאיר מרגלית שוישפילער אין ישראל




בתפקידי הזוהר שלו בתיאטרון „אהל"

אין זיינע גלאַנץ־ראָלן אין „אהל"־טעאַטער



במסיבה בירושלים אחר הצגת „החייל האמיץ שווייק". מימין: גרשון אגרון ז"ל (ראש עירית ירושלים לשעבר). באמצע: מאיר מרגלית, אוזריו: מ. איש־שלום (ראש עירית ירושלים דהיום).

אויף אַ באַנקעט אין ירושלים נאָך דער פאָרשטעלונג „דער בראַוועד סאָלדאַט שווייק". פון רעכטס: גרשון אגראָן ז"ל (געוועזענער ירושלימער שטאָט־פּרע־זידענט), אינמיטן: מאיר מרגליות, לעצטער פון רעכטס: מ. איש־שלום (ירושלימער שטאָט־פּרעזידענט היינט).



טקס מסירת פרס רמח"ל למאיר מרגלית ע"י סגן ראש עירית תל־אביב מר שושני בעד משחקו התיאטרלי. מימין: מר שושני, מאיר מרגלית (יושבים השחקנים: משה הלוי, דוד ורדי).

מאיר מרגליות באַקומט די רמח"ל־פרעמיע דורכן תל־אביבער וויצע־פּרע־זידענט הער שושני פאַר זיין טעאַטער־שפּיל. פון רעכטס: הער שושני, מאיר מרגליות (זיצן די שוישפּילער: משה הלוי, דוד ורדי).

אצל נשיא מדינת ישראל

ביים פרעזידענט פון מדינת ישראל



מאיר מרגלית נפגש עם אשת הנשיא
מאיר מרגליות באַגעגנט זיך מיט דער פרוי פון פרעזידענט




ד"ר חיים חמיאל (האחרון מימין) — בביתו של הנשיא
ד"ר חיים חמיאל־כמיעל (לעצטער פון רעכטס) — אין הויז פון פרעזידענט



ד״ר חיים חמיאל משורר, מורה ומחנך דתי נואם במסיבת־סיום של סמינר קיץ לרבנים ומורים (לימינו: הרב הראשי לארץ־ישראל הרב הרצוג ז״ל).

ד״ר חיים חמיאל (כמיעל): דיכטער, לערער און רעליגיעזער דערציער רעפערירט אויף אַ סיום־באַנקעט פון זומער־סעמינאַר פאַר לערער און רבנים (רעכטס פון זיין זייט: הויפט־רב פאַר ארץ־ישראל הרב הערצוג ז״ל)



„מאופק אל אופק״ (פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט):
אחד מספרי שיריו של חיים חמיאל שהופיעו —
איינס פון חיים חמיאלס דערשינענע לידער־ביכער.

דער פאַרבאַנד

די טעטיקייטן פון דעם אָסטראָלענקער פאַרבאַנד אין ישראל (אירגון יוצאי אוסטרולנקה בישראל), האָבן זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן, ווען דאָס לאַנד איז נאָך געווען אונטער דער הערשאַפט פון ענגלישן מאַנדאַט און די עליה איז נאָך געווען אַ באַגרענעצטע.

די לאַגע אין יישוב איז נאָך דעמאָלט געווען נישט אַזוי „פויגלדיק" מחמת דער אַרבעטסלאָזיקייט (שוין אפילו נאָך די עטלעכע פאָר יאָר פון „פראָספּעריטי"), וואָס האָט דעמאָלט געהערשט. דאָך פלעגן זיך די אָסטראָלענקער ווי עס איז צונויפקומען, זיך געפרווּט אָרגאַניזירן, געגרינדעט אַ קאָמיטעט, איינגעאָרדנט פון צייט צו צייט אפילו „אָפיציעלע" צונויפטרעפונגען צווישן די לאַנדסלייט און דורך דער צייט מיט דער מיטהילף פון די אַמעריקאַנער אָסטראָלענקער „סאָסייטעס" — אויך געעפנט אַ גמ"ח־קאַסע פאַר נויטבאַדערפטיקטע אָסטראָלענקער. הלוואות פון קלענערע און אויך גרעסערע סומעס זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די וואָס זענען שוין געווען אַ געוויסע צייט אין לאַנד און ערשט אָנגעהויבן זיך אַביסל צו „אַראַנזשירן", ווי אויך שטיצע פאַר נייע אָנגעקומענע עולים. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז שווער געווען אַנטקעגנצוקומען יעדן איינעם לויט זיינע פאַרלאַנגען און באַדערפענישן. דאָס געלט אין דער בצימצומדיקער קאַסע, וואָס איז באַשטאַנען, ווי שוין דערמאָנט, אַ טייל פון די צוגעשיקטע געלטער דורך די „סאָסייטעס" און הילף־קאָמיטעטן ווי אויך פון באַשיידענע סכומים פון די אָרטיקע אָסטראָלענקער, האָט נישט געקלעקט אויף צו געבן יעדן איינעם די פולע אַבסאָלוטע הילף. דאָך האָט מען ווי עס איז פיל אַרויסגעהאָלפן אין פאַרשידענע מצבים, ווי זיך איינשאַפן אַ וווינונג, צי חתונה מאַכן אַ קינד, פאַרלייגן אַ שטיקל מסחר, אָדער הילף פאַר אַ שווער קראַנקן א. ד. גל.

נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה האָט זיך דער מצב פולשטענדיק געענדערט. די נייע עולים זענען שוין מער־ווייניקער געווען איינגעאָרדנט, דעמאָלט איז די טעטיקייט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט געוואָרן אָפּגעשוואַכט ביז צו אַטראָפירונג. זעלטן ווען מ'איז זיך אַמאָל צונויפגעקומען, אויסער אַמאָל אויף אַ באַנקעט פאַר אַ לאַנדסמאַן פון חו"ל און אין די יערלעכע אזכרה־אָוונטן, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן קאָמיטעט, וועלכער איז געווען קוים טעטיק.

אויך די הילף פון אַמעריקע און אנדערע חוץ־לאַרצ'דיקע קאָמיטעטן האָט זיך פולשטענדיק אָפּגעשטעלט. און דאָס האָט, נאַטירלעך, נישט ווייניק אָפּהענטיקייט אַריינגעבראַכט אין דער טעטיקייט פון אָסטראָלענקער קאָמיטעט אין ישראל. כאָטש די הלוואות פאַר אונדזערע בני־עיר זענען ווייטער אָנגעגאַנגען און גייען נאָך ווייטער אָן. ס'האָט זיך געגרינדעט אַ קרן־משה ד. ה. אַ ליי־פאָנד אויפן נאָמען פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם לאַנדסמאַן משה מרגליות, פאַרטייטוער און געוועזענער ראש הקהילה (גמינע־פּרעזעס) אין אָסטראָלענקע. דער קרן איז באַשטאַנען טיילווייז פון די פּריערדיקע חוץ־לאַרצ'דיקע געלטער, פון אייגענע אַריינגעפלאָסענע סומעס דורכן ישראלדיקן קאָמיטעט און אויך פון סכומים, וועלכע זענען בייגעטראָגן געוואָרן פון דעם נפטרס משפחה גופא.

די ליי־קאַסע פאַר אַרויסהעלפן אונדזערע לאַנדסלייט דאָ אין ישראל, איז נאָך טעטיק ביז היינטיקן טאָג, כאָטש ווייט נישט אויף אַזאַ אופן ווי עס האָט באַדאַרפט זיין, נישט האָבנדיק די געוווּנטשענע געלט־מיטלען, אין פאַרגלייך מיט די ליי־קאַסעס פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וועלכע ווערן זייער פיל געשטיצט דורך סאָסייטעס און קאָמיטעטן פון זייערע לאַנדסלייט אין חוץ־לאַרץ. דאָס ווערט ווי עס איז טאַקע ווייטער פאָרגעזעצט, אָבער דער געזעלשאַפטלעכער חברותא'דיקער טעמפּאָ און דער בונד מיט אונדזערע לאַנדסלייט אויסער ישראל איז געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט.

דער יזכור־בוך

נאָר זינט דער רעיון פון אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך האָט אויפגעהערט צו זיין אַ „פרומער ווונטש" און איז אַריין אין דער פאַזע פון פאַרווירקלעכונג — איז געקומען אַ ראַדיקאַלער שינוי אין דעם מצב. די פאַראינטערעסירונג האָט אָנגעהויבן צו שטייגן און אַ לעבהאַפטיקייט איז אַריין אין די רייען פון דער אָסטראָלענקער לאַנדסמאַנשאַפט. הן אין ישראל, פונוואַנען ס'איז אַרויס די איניציאַטיוו אויפצושטעלן אַ מצבה אין אַ בוך־פאָרם פאַר אַ זכר־עולם אונדזערע אָסטראָלענקער אומגעקומענע קדושים־משפחות, און הן ביי די אָסטראָלענקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער גרויסער וועלט. ס'איז געוואָרן אַ התקרבות־הלבבות, הערצער פון לעבנגעבליבענע אָסטראָלענקער האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפן איינע צו די אַנדערע פון ווי ווייט. אַלע האָבן זיך פלוצלונג דערזען און דערפילט ווי איין צעבראָכענע משפחה, און האָבן איינגעזען, אַז ס'איז שוין געקומען די העכסטע צייט צו שטעלן אַ מצבה פאַר זייערע לאַנדסלייט־קדושים, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער־באַנדעס מיט אַזוינע שווערע אומבאַגרייפלעכע טויטן און מיתה־משונה'עס... בני עיר פון מעבר־לים האָבן זיך אויפדערוואַכט. לאַנדסלייט פון אַמעריקע, אויסטראַליע (וואָס האָט, אגב, באַוויזן צו שטיין אין דער יזכור־בוך־הילפס־אַקציע אויפן ערשטן פלאַץ גרינדענדיק אַ יזכור־בוך־קאָמיטעט אונטער דער איבערגעגעבענער אָנפירערשאַפט פון אונדזער חשובן בן עיר יצחק קאַהאַן אַלס פאָרזיצער, ליאָווקע לעווי אַלס סעקרעטאַר, די ברידער: העניאך, הערשל און לאָזער גאָלד (גינגאָלד), לאה סויקע אַלס קאַסירערין און נאָך פיל אַנדערע מיט־העלפער אין טעטיקע, וואָס איך ווייס נישט אין דעם פלאַץ אויסצורעכענען זייערע גענויע נעמען), אַרגענטינע, אורוגוואי און פון נאָך אַנדערע מקומות האָבן זיך מיט התלהבות אָפּגערופן. צום באַדויערן איז אָבער דער גרעסטער טייל פון אונדזערע לאַנדסלייט געבליבן פאַסיוו. אָבער בדרך כלל איז דער קשר מיט ישראל געוואָרן ענגער און עס איז

אַריין אַ געוויסע אויפלעבונג אין די „איינגעשלאָפענע" באַציאונגען צווישן די אָסטראָלענקער.

ווי נאָר מ'איז צוגעגאַנגען פאַרווירקלעכן דעם יזכור־בוך־פּלאַן, אַזוי האָט זיך גלייך געגרינדעט אַן ענגע אויספיר־קאָמיסיע (ועדת־ביצוע) צו דעם דאָזיקן צוועק. קודם כל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּראָספּעקט מיט אַ קול־קורא, וואָס איז צעשיקט געוואָרן אין אַלע תפוצות, ווו עס געפינען זיך אָסטראָלענקער. מאַטעריאַלן זענען געזאַמלט געוואָרן פאַר דעם בוך פון אומעטום. כאָטש אויך אין דעם פּרט האָבן זיך נאָר ווייניקע אָפּגערופן. תרומות פון אונדזערע בני עיר אין דער פרעמד, זענען צו דעם צוועק געשיקט געוואָרן, דורך געגרינדעטע בוך־קאָמיטעטן און פּריוואַטע פּערזאָנען, חוץ די חשובע תרומות וואָס זענען אַריינגעפלאָסן פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל גופא. עס האָט נאָך אָבער אַלץ נישט געסטייעט. מ'האָט איינגעזען, אַז די הוצאות פון אַזאַ מין בוך דאַרפן דערגיין צו גרעסערע געלט־סכומים. אַ סך יאָרן זאַמלען און קלייבן מאַטעריאַלן פון פאַרשידענעם ווערט און פון די פאַרוואָרפנסטע מקומות, ווי אויך כל מיני דאָקומענטן, בילדער א. ד. גל. און איצט די קאָלאָסאַלע דרוק־הוצאות — דאָס אַלץ האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַריינגעפירט אין גרעסערע קאָסטן.

עס זענען גלייכצייטיק געזוכט געוואָרן אויך אנדערע הכנסה־קוועלן. עס זענען צו דעם צוועק איינגעאָרדנט געוואָרן אָוונטן, מסיבות (באַנקעטן) פאַר אָסטראָלענקער געסט פון דער פרעמד; מיר האָבן זיך געטיילט מיט אונדזערע בני־עיר און מסביר געווען די ערנסטקייט פון דעם מצב, ביי יעדער געלעגנהייט. די לעצטע פּאָר יאָר האָבן מיר אויך איינגעאָרדנט פורים־אָוונטן, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן אַ געוויסע הכנסה. אויך אין די דאָזיקע פורים־אָוונטן, האָבן מיר נישט פאַרגעסן צו רעדן מעניינא־דיומא: וועגן דעם בקרוב־דערשיינענדיקן יזכור־בוך. אויפן לעצטן פורים־אָוונט איז פאַר אַלע פאָרגעלייענט געוואָרן אַ מגילת אוסטרולנקה, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דאָס לעבן און חורבן פון אונדזער יידישער אָסטראָלענקע און דעם טרויעריקן אומקום פון אונדזערע קדושים: „ויהי בימי אוסטרולנקה ההיא"... (געווען איז עס אין די טעג פון יענער אָסטראָלענקע...). ס'איז אויך געלייענט געוואָרן אַ לעצטער רוף צו אונדזערע לאַנדסלייט וועגן הילף פאַרן דערשיינענדיקן ספר הזיכרון.

עס איז צו גלויבן, אַז דער דערשינענער יזכור־בוך וועט פון היינט אָן נאָך שטאַרקער מקרב זיין אַלע אָסטראָלענקער הערצער אין גאָר דער וועלט און וועט אויך ברענגען אַ שטיקל נחמה פאַר אונדזערע שווערע אומפאַרגעסלעכע ליידן, וואָס איז אונדז באַשערט געווען אין דעם יידישן חורבן פון היינטיקער צייט.

אַ לאַנדסמאַן



הועד, המערכת והפעילים למען ספר־הזיכרון בישראל — דער קאָמיטעט, די רעדאַקציע און די טעטיקע פאַרן יזכור־בוך אין ישראל.

היושבים, מימין (פון רעכטס, זיצן): יוסף וואָנשאַק, אברהם פינקעלשטיין,מאיר מרגלית, יצחק עברי, ד"ר חיים חמיאל (כמיעל), שלום מרגלית, זיסקינד לאַכאָוויטש, יהודה חמיאל (כמיעל); עומדים, מימין (פון רעכטס, שטייען): ראובן לעווין, חנא אייזנשטיין, אליעזר מה־טובו, חיים דרעזנער, צבי רעזיקא, שושנה פערלמאַן־בליאַכאָוויטש, שלמה קאַטשאָר, רחל ווייס־חמיאל (כמיעל), יהודה יצחקי (כאָמאָנט), יפה ברויטמאַן־צאַלקא, אהרן שפערלינג, שיינע לאַכאָוויטש, אהראנאָוויטש, שלמה זוסמאַן

דער אסטראלענקער זקן פון ירושלים
הרב ר' אברהם שלמה ברום שליט"א

געבוירן אין אָסטראָלענקע אין יאָר 1880. אַ זון פון ר' ישראל־יצחק ברום (דער בלעכער) ז"ל.

אַ שאַרפער געדער חסיד, אַ ייד אַ צדיק און אַ למדן גדול. אין אָסטראָלענקע זיך באַשעפטיקט אַלע יאָרן מיט מלמדות (אברהמל מלמד, געוווינט ביים טייך, איבערן גערער „שטיבל"), געהאַט דערצו אַ שפּייז־קרעמל (לעבן דעם בריק), מיט וועלכער זיין פרוי ע"ה פלעגט זיך מטפל זיין. דערנאָך געוווינט ביי 30 יאָר אין אַמעריקע, ביי זיינעם אַ ברודער. זיינער אַ זון, הרב ר' יעקב־משה ברום, איז אַ שוחט אין ברוקלין; אויך זיינער אַן איידעם, הרב ר' ישראל סאַפיר (דער מאַן פון זיין טאָכטער פייגע), איז שוחט אין דער זעלבער שטאָט.

ר' אברהם שלמה ברום האָט אָנגעשריבן פיל חיבורים און פירושים אויף רעליגיעזע טעמעס, געקליבן פון ש"ס, זוהר און ספרי צדיקים ווי אויך פון זיין אייגענעם חסידישן קוואַל, וועלכע וואַרטן אויף זייער מוציא־לאור.

זיין חיבור*): „א ש ר י ה מ ח כ ה" (ווייל איז דעם וואָס וואַרט), אַ קליינער ספר מלא תורה, חסידות און רמזים, איז געווידמעט די ענינים פון ארץ־ישראל. אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, תשי"ב. צוליב גרויסער צניעות און עניוות ווערט דאָרט נישט דערמאָנט דער נאָמען פון מחבר בפירוש, נאָר מיט אַ רמז (אין די ערשטע צוויי אותיות פון אשרי — א"ש — איז אָנגעוווּנקען זיין נאָמען אברהם שלמה).

אין יאָר תשי"ג קומט ער קיין א"י, באַזעצט זיך אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, אויף יוסף־בן־מתתיהו גאַס, נאָענט פון דער גערער ישיבה, אונטער דער אָנפירונג פון היינטיקן גערער רבי, הרב הצדיק ר' אהרן ישראל שליט"א, וועלכער איז, אגב, אַן אָפטער אַריינקומער צו ר' אברהם ברום אין הויז...

ר' אברהם ברום נ"י איז געבענטשט חוץ מיט אהבת ישראל אויך מיט אהבת ארץ־ישראל, וואָס קומט פון זיינע פאַרפרומטע חסידישע טיפענישן. אין זיין ספר „אשרי המחכה", ווערט אויף אַ ברייטערן און טיף־חסידיש־רעליגיעזן אופן געשילדערט די באַציאונג, וואָס יעדער ייד בכלל און יעדער פרומער ייד בפרט דאַרף האָבן און איז מחויב צו האָבן צו ארץ־ישראל אַלס אַ יידישע מלוכה. ער זאָגט גלייך אין דער הקדמה צו זיין ספר:

„בענין ההתנגדות לענין ארץ ישראל עבור החפשיות שיש שם מאנשי המלוכה אנו לא נקח לעצמנו לדבר חלילה על אנשים יראים ושלמים, צדיקים ואנשי שם, הלואי שירבו כמותם בישראל, האנשים האלה שבא"י בוודאי החיוב עליהם למחות כל מי שיש בידו למחות. וכן מצינו בהתחלת בנין בית שני בנחמיה בן חכליה, הוא מוחה בכל יכלתו על גודל חילול השבת, שהיה אז בירושלים, וגם קילל אותם בקללות והכאות כדאיתא בסוף נחמיה. א ב ל ח ל י ל ה ל מ נ ו ע מ י מ י ש ר א ל ש ל א י ב ו א ל א ר ץ י ש ר א ל (הפיזור של כותב הטורים). הלא הם, עזרא ונחמיה, כתבו מכתבים וביקשו מכל בני הגולה שיבואו ויסייעו לבנות העיר והבית".

און ווייטער:

„וכי מי יכול להכחיש שצריך להיות קיבוץ גלויות מקודם? וכי בשביל שאנשי המלוכה הרוב מהם חפשים, חלילה לא יהא קיבוץ גלויות בתחילה? גדולי הצדיקים האחרונים כולם כאחד ענו ואמרו שאפילו חלילה לא יעשו תשובה, תהא הגאולה בודאי".

וועגן דער העברעאישער שפּראַך שרייבט ער:

„עתה נראה אודות השפה העברית. איתא בגמרא שקלים תנא בשם ר' מאיר: כל מי שקבוע בארץ ישראל ומדבר בלשון הקודש ואוכל פירותיה בטהרה וקורא קריאת שמע שחרית וערבית יהא מבושר שהוא בן עולם הבא. ופירשו שם מדבר בלשון הקודש שגורם טהרת הנפש, שהלשון הזאת קדושה פנימית יש בה, פנימית היינו שאין מרגישין, אבל היא בקדושה" (זייט 21).

וועגן כיבוש הארץ:

„ועתה בין תבין את אשר לפניך היום — שכל הדור הצעיר שם, בחורים וגם בתולות אשר אין להם שום שייכות בזכותים מוסרים נפשם ממש בשמחה עבור כיבוש הארץ. הלא דבר הוא. והוא רוח מן השמים שנתן להם כוח וגבורה ללחום המלחמה הזאת של אתחלתא דגאולה" (זייט 9).

ער גלויבט באמונה שלמה, אַז די היטלער־תקופה פון פיין און בלוט איז געווים „משיח'ס־צייטן" און דער יידישער מי־ליאָנען־אומקום איז פון „והיה באחרית הימים":

„וכי חלילה וחלילה בחינם היתה זאת — ההריגות והשחי־טות בכל מיני מיתות משונות, הם ונשיהם, בניהם ובנותיהם וטפם וכל אשר להם — אשר כזאת לא נהיתה מעת בריאת העולם — שומו שמים על זאת! — בודאי היא עקבתא דמשיחא". (זייט 5).

וועגן די קאמפן און בלוט־מלחמות מיט אונדזערע אַרומיקע יידישע שונאים פאַרענדיקט ער, ברענגענדיק דערביי ציטאַטן פון גערער און אַלעקסאַנדרער רבי'שע טייטשן:

„התחילה מלכות ארצנו הקדושה להיות ביד ישראל, הלואי ויהי רצון שנזכה עוד במהרה שירושלים עירנו העתיקה במקום המקדש ברחמים תשוב, בלא הריגות ומלחמות, חלילה, ואח"כ ל,ואת צמח דוד עבדך מהרה תצמיח', שיהא השי"ת מצמיח קרן ישועה. ומסתמא בזכות זה שכל ישראל היושבים בארצנו הקדו־שה, זקנים עם נערים, בחורים וגם בתולות הלכו ממש במלחמה עם מסירת נפשם, יזכו לכל טוב".

---

*) זע פאַקסימיליע פונעם ספר ביים סוף פון אַרטיקל.

הרבי מאלכסנדר אמר: כתוב: „כי תצא למלחמה" ולמה לא כתוב „כי תלך למלחמה" רק כי תצא, כי כדי לנצח במלחמה צריכים ל צ א ת מכל העולם ממש, מכל זה העולם, וכמו שכתב ה„חנוך", מצוה תקכ"ה, שלא לפחוד מפני האויבים בעת המלחמה. אבל החובה עלינו להתגבר כנגדם, לעמוד בפניהם שנאמר: „אל תיראו ואל תחפזו". משרשי המצוה שיש לכל אחד מישראל לשום בהשי"ת מבטחו ולא יירא על גופו במקום שיכול לתת כבוד להשי"ת ולעמו. מצינו המצוה שלא יחשוב אדם בעת המלחמה לא באשתו ולא בבניו ולא בממונו אלא יפנה לבו מכל דבר למלחמה ועוד יחשוב שכל דמי ישראל תלויים עליו והרי הוא כאילו שופך דמים דמי כולם אם יפחד וישיב אחור ימינו. ולא ימס לבב אחיו כלבבו. וכן אמרו חז"ל: ארור מונע חרבו מדם הנלחם בכל לבבו. וכוונתם שהמקדש השם מובטח לו שלא ימצא לו נזק ויזכה לחיי עולם הבא — מכל זה נבין דברי הרבי אלכסנדר ז"ל, שצריך ל צ א ת מכל העולם למלחמה רק לזכות לקדש השם.

ובזכות שקיימו המצוה הזאת של כיבוש הארץ בשלימות במסירת נפש ממש, נזכה לביאת הגואל במהרה בלא שום הריגות. השם יעזור ויקוים עוד „כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו" (סוף; זייטן 34—40).

✶

אין אַסטראָלענקע איז ער געווען עטלעכע יאָר מיין העכסטער און „לעצטער" חדר־רבי, וועלכער האָט מיר צו־געגרייט צו די העכערע לימודים אין דער דאָרטיקער ישיבה (ביי טוביה טשעסלאר; געגרינדעט, ווי ער גיט איבער, דורך ל י י ז ע ר מ י נ ץ און א ל י ק ע ל ע ר מיט דער מיטהילף פון אַסטראָלענקער בעלי־בתים). און כאָטש ער איז שוין, אָן עין־הרע, אין אַ טיפן עלטער, שיאריך ימים ושנים, איז נאָך דער זכרון ביי אים ליכטיק און לויטער. ער ווייס נאָך צו דערציילן פיל אינטערעסאַנטע פרטים פון דעם חסידיש־רעליגיעזן לעבן אין אַסטראָלענקע בפרט, און פון די שטאָטי־שע פּאַסירונגען און פּאַרלויפּעניש בכלל. ווען ער דערציילט ווערט ער ווי אַ מעין המתגבר... אָט, למשל, ווייס ער נאָך גענוי צו דערציילן וועגן דער פייערדיקער מחלוקת, וואָס האָט געהאַט אויסגעבראָכן אין געווער „שטיבל" איבער דעם נייעם שוחט, וואָס די קהילה האָט בשום אופן נישט געוואָלט צונעמען; וועגן דער „שפּאַלטונג אין שטיבל, די פאַראָקשנ־טע מלחמה פון די צדדים — אַ פּאַסירונג וואָס האָט אין זיינער צייט אויפגערודערט גאַנץ שטאָט. ער ווייס אויך אפילו צו דערציילן וועגן דער אומבאַשרייבלעכער עקשנות פון דעם אַסטראָלענקער רב גופא, הרב בורשטין ז"ל, וואָס האָט מסרב געווען אַנצונעמען דעם רצון פון גערער רבי׳ן בכבודו ובעצמו, וואָס איז אויסגעפאַלן לטובת דעם נייעם שוחט. ער אַליין האָט געפירט מיט זיך דעם בריוו פון גערער רבי׳ן צום אָסטר. רב אַז ער זאָל נאָכגעבן... דער רב האָט דעם בריוו נישט געוואָלט נעמען אין האַנט און זיך דערביי אויפגערעגט, כאָטש באַלד דערנאָך האָט דער רב אים צוריקגערופן און געבעטן מחילה פאַר דער דאָזיקער האַנדלונג... דער דאָזיקער ענין איז איבערגעגאַנגען צו אַ בית־דין פון דריי רבנים: הרב שאַצקעס פון לאָמזשע, וויסאָקער רב און דער זעמבראָ־ווער רב אַלס ראש בית־הדין. די טוענים זענען געווען: ח י י ם פ נ ח ס ג י נ ג א ל ד און י ש ר א ל ק ע כ מ י ע ל. אויך דאָ איז דער פסק־דין געפאַלן לטובת דעם נייעם שוחט (משה חיים ציוויאַק).

ער פאַרמעסט זיך ווייטער צו דערציילן פון נאָך אַנדע־רע פאַלן און שטאָטישע פּאַסירונגען. אַ לעבעדיקער קוואַל פון זכרונות האָט זיך אין אים אויפגעעפנט...


עס וואָלט מעגליך געווען פיל פיל פון אים צו שעפּן, ווען נישט די באַגרענצונג פון אָרט און צייט.

און כאָטש ר׳ אברהם ברום איז שוין היינט צו טאָג אַ זקן, ביי 83 יאָר ביז 120, ווייזט ער נאָך אַרויס פיל וואַכ־זאַמקייט און אַ סך ווילן.

מיר, זיינע לאַנדסלייט, דאָ אין ישראל ווי אויך אין גאָר דער וועלט, טראָגן מיט שטאָלץ און גרויס כבוד זיין נאָמען, וועלכער דערוועקט אין אונדז אַלע אַ באַזונדער גע־פיל פון יענער אַסטראָלענקער קינדהייט און „חדר"־יאָרן... מיר און באַזונדערס אַלע זיינע „תלמידים" ווינטשן אים געזונט, פרוכטבאַרקייט אין זיין שאַפן און אַ לאַנג לעבן.

ע. יצחק

תל־אביב



אין דייטשלאַנד



אַ גרופּע אָסטראָלענקער אין דייטשלאַנד פאַר זייער עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, 1947. (אויף אַ דאָרטיקן אזכרה־אָוונט לזכר די אָסטראָלענקער קדושים)

אין פוילן

אות־כבוד לסופר יהודי בפולין

מועצת־המדינה הפולנית העניקה למארק רקובסקי את אות־הכבוד „צלב האבירים״ של מיסדר „פולניה רסטיטוטה״, בשל עבודתו הסוציאלית והספרותית. אות־הכבוד הוענק לו לרגל יום־הולדתו ה־70.

טקס הענקת אות־הכבוד נערך על־ידי סגן המיניסטר לתרבות ולאמנות קזימייז׳ רוזינק ב־10 באוגוסט.

מאַרק רקובסקי, מתרגם, מבקר ועתונאי, התחיל בעבודתו לפני 40 שנה ומעלה, בתרגמו את הרומן „הלב״ מאת אדמונד דה־אמיצ׳יס, לאידיש. במרוצת השנים תירגם לאידיש למעלה מ־50 יצירות מפולנית, מאנגלית, צרפתית, ספרדית, גרמנית, איטלקית ורוסית. מאז ומתמיד שילב רקובסקי את עבודתו הספרותית בפעילות סוציאלית. בתקופה שבין שתי מלחמות־העולם היה חבר פעיל בהתאחדות הסופרים היהודיים והשתתף בקונגרס הראשון של הסופרים הסובייטיים.

בגלל פעילותו המהפכנית והעובדה שהוא תירגם את יצי־רותיהם של סופרים מהאגף השמאלי, נכלא רקובסקי על ידי הממשלה הפולנית, בתקופה שבין שתי המלחמות, במחנה־הריכוז קארטוז־־באַראַזאַ.


„דבר״ 23.8.60.

דער תמיד יונגער ראַקאָווסקי

(צו זיין 70 יאָריקן געבוירן־טאָג)

מאַרק ראַקאָווסקי, דער אויסערלעך אָנגעכמורעטער, אָנ־געברוגזטער, אימפּולסיווער אָבער אין תוך גוטמוטיקער, ווי־ציקער און הילכיק לאַכנדיקער איז געוואָרן אַ זיבעציקער. ס׳ווילט זיך מיינען, אַז דאָס געהערט אויך צו איינעם פון זיינע וויצן, ווייל ווער וועט דאָס גלויבן, אַז דער פעסטער, קיין עין־הרע, פולבלוטיקער, זייער רירעוודיקער און מיט ענערגיע שפּרודלדיקער מאַרק ראַקאָווסקי האָט שוין איבער־געשטיגן דעם זיבעטן צענדליק... נאָר ווען מען דערמאָנט זיך, וואָס דער מענטש האָט אין זיין לעבן אויפגעטאָן, אָנ־געשריבן און דורכגעמאַכט — זעט מען איין, אַז ס׳איז אמת...

מאַרק ראַקאָווסקיס נאָמען איז ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור פון פוילן אין צווישנמלחמה־פּעריאָד. וועגן אים צו זאָגן, אַז ער איז אַ שרייבער און איבערזעצער — איז צו ווייניק. פאַרלעגער און אַרויסגעבער — נישט גענוג, געזעלשאַפטלעכער טוער און פּאָליט.־אַרעסטירטער — נישט אַלץ. מאַרק ראַקאָווסקי איז געווען אַ גאַנצע אינסטיטוציע



פוילישער וויצע־מיניסטער פאַר קונסט און ליטעראַטור, הער קאַזימ. רוסינעק, טוט אָן מאַרק ראַקאָווסקען דעם „ריטער־קרייץ" מעדאַל פון דעם „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ"־אָרדען — פאַר זיינע סאָציאַליסטישע און ליטעראַרישע אויפטואונגען.

פון רעכטס: קאַזימ. רוסינעק, מאַרק ראַקאָווסקי



אויף אַ פייערונג־באַנקעט פאַר מאַרק ראַקאָווסקי (ערשטער פון לינקס) — צו זיין 70 יאָריקן געבוירנטאָג.

מיט פֿאַרשידענע אָפּצווייגן. ווי אַ קענער פֿון שפּראַכן האָט ער געטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון אַלדאָס גוטס, וואָס אַנדערע פֿעלקער האָבן געשאַפֿן. און נישט סתם, נאָר מיט אַ פּראָגרעסיווער באַאַרבעטונג. איז דען מעגלעך אַלץ אויסצורעכענען, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן אויפֿן געביט פֿון איבערזעצונג. ער האָט איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצויזיש, איטאַליעניש, ענגליש, דייטש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, פֿון רוסיש איז דאָך שוין אָפּגערעדט און ווער ווייסט, אפשר האָב איך נאָך דורכגעלאָזט אַ שפּראַך!

נישט צו קיין לייכטע זאַכן האָט זיך ראַקאָווסקי גענומען. ער האָט זיך שטענדיק פֿאַרמאָסטן אויף הויכע הייכן, אויף גרויסע ווערק, אויף די קאָריפֿעען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. מער נישט אַלס ביישפּיל וועלן מיר דערמאָנען:

מאַדאַם באָוואַרי, סאַלאַמבאָ, דריי הערצער — פֿון פֿלאָבער; די הענקער, דער ווייסער טעראָר, ישו הנוצרי — פֿון אַנרי באַרביס; דער סוחר פֿון ווענעציע — פֿון וויליאַם שעקספּיר (צוזאַמען מיטן דיכטער ישראל שטערן); דער פּרויען גן־עדן — פֿון בלאַסקאָ איבאַנעז; נאָוועלן פֿון עדגאַר פּאָ; קינדער מעשה׳לעך פֿון עדמאָנדא ד׳אמיטשיס; טאַרטאַרען פֿון טאַראַסקאָן — פֿון דאָדע; ער האָט אויף זיין קאָנטע אַ ריי איבערזעצונגען פֿון פּאנאיט איסטראַטי, מיכאיל זאָשטשענקאָ, פּיער לאָטי, דזשעק לאָנדאָן, יאַפּאַנישע מעשהלעך א. אַנד. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט פֿון 1918 האָט ער געשריבן אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטערן פּסעוודאָנים מערמאַן. אַליין געווען פֿאַרלעגער, אַרויסגעבער, אָבער אויך געאַרבעט אין אַנדערע פֿאַרלאַגן ווי גיטלין, שמעון יאַטשקאָווסקי, „מאָזאיק”. די דאָזיקע אין ברייטן פֿאַרנעם ליטעראַרישע טעטיקייט קאָן געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן באַזונדערס דאַן, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דער יידישער לייענער, ווי אַ פֿלייסיקער לייענער, האָט אָבער אין כלל גענומען אין יענער צייט קיין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן נישט באַזוכט, האָט קיין פֿרעמדע שפּראַכן נישט געקענט און האָט זיך די אייראָפּעאישע ליטעראַטור צוגעאייגנט בלויז אַ דאַנק איבערזעצונגען. מאַרק ראַקאָווסקיס חלק אין אָט דער דערציעריש־ליטעראַרישער טעטיקייט איז אָנזעעוודיק און באַדייטנדיק. ער האָט ביי ברייטע שיכטן יידישע אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס: נייטאָרינס און קאַמאַשנמאַכער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און בעלי־מלאכות, טרייע, פֿלייסיקע לייענער דערציוגן דעם עסטעטישן געשמאַק אויף מוסטערן פֿון דער אייראָפּעאישער קלאַסיק. אָבער דאָס איז ווי געזאָגט בלויז איין צווייג. ער גיט אויך אַרויס זשורנאַלן, ווי „איבערבליק”, „איבערבוי”, אויסגאַבעס פֿאַרבונדענע מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן נישט בלויז אידעאיש־פּאָליטיש, נאָר (היינט קאָן מען עס שוין אויסזאָגן) — אויך אָרגאַניזאַציאָנעל. ער האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט אַרויסגעבן ווערק פֿון דער לינקער שרייבער־גרופּע, למשל, קלמן ליס א. אַנ.

מאַרק ראַקאָווסקי איז קיין פּאַרטייער נישט געווען, אָבער מיט לייב און לעבן איז ער געווען פֿאַרבונדן מיט דער קאָמבאַוועגונג. געהאַט אויסצושטיין רדיפֿות און צרות מצד דער דעפֿענסיווע. און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפֿן, ווען מאַרק ראַקאָווסקי איז נישט געוואָרן „געסטאַטקעוועט”, ווערט ער אין אָנהייב 1937 אַרויסגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאָרטוז־בערעזע, ווו ער האָט זיך געהאַלטן ווירדיק, ווי עס פּאַסט פֿאַרן איבערזעצער אין יידיש פֿון אַנרי באַרביסן.

מיט דער לעצטער רעפּאַטריאַציע פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד קערט זיך אום מאַרק ראַקאָווסקי קיין פּוילן. ער קומט קיין וואַרשע, ער טרעט צו מיט זיין אייביק יונגער ענערגיע צו ווייטערדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט. ער זעצט איבער פֿון דייטש לעאָן פֿויכטוואַנגערס די „טאָכטער פֿון טאָלעדאָ”. און הגם די פּוילישע פֿאָלקס־מלוכה אָנערקענענדיק זיינע פֿאַרדינסטן האָט אים פֿאַרזאָרגט מיט אַלעמען, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אויף דער עלטער, איז מאַרק ראַקאָווסקי אומרואיק ווי קוועקזילבער, אָנגעשפּאַנט מיט פֿיל ענערגיע און האָט אין קאָפּ אָן אַ שיעור פּראָיעקטן, וועלכע ווערן, לויט מיין מיינונג, נישט ווי געהעריק אויסגענוצט.

און ווידער טרעפֿן מיר מאַרק ראַקאָווסקין פּונקט ווי דרייסיק יאָר צוריק, מיט זיין אויסערלעכער בייזקייט, וועלכע פֿאַרוואַנדלט זיך מיט איין גוט וואָרט אין שמייכלענדיקער וויציקייט און חברישער גוטסקייט, נעמען מיר אים, מאַרק ראַקאָווסקין, אַזוי ווי ער איז און ווינטשן אים, ער זאָל אונדז אַזאַ פֿאַרבלייבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. זיין יובל איז דער יובל פֿון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, וועלכער שטעקט מיט אירע וואָרצלען אין דעם פֿאַרמלחמהדיקן באָדן, אין וועלכן מאַרק ראַקאָווסקי האָט אויך זיינע פּרוכטבאַרע קערנער געזייט.

מיכאל מירסקי

(„פֿאָלק־שטימע”, וואַרשע 5־טן יולי, 1960).

פּייערונג לכּבוד יצחק קאַהאַנ׳ס ווערן אַ בן־חמישים

אַ גרופּע נאָענטע פריינט פון יצחק קאַהאַן זענען געוואָר געוואָרן, אַז דער באַקאַנטער היגער ערשטקלאַסיקער רעדנער און טאַלאַנטירטער שרייבער ווערט אַלט פופציק יאָר, האָבן זיי אַראַנזשירט אַ פּייערונג, וועלכע זאָל אויף אַ באַשיידענעם אופן אָפּמערקן די דאַטע פון פופציק יאָר אינעם לעבן פון אַ יידישן פאָלקס־אינטעליגענט אין אונדזער ישוב.

די פּייערונג איז פאָרגעקומען אין דער וווינונג פון בעל־יובל גופא.

די פּייערונג האָט געעפנט י. ווייסליץ. ער האָט גערעדט וועגן דעם ציל פון דעם צוזאַמענקום — צו באַערן אויף אַ באַשיידענעם אופן אַ מענטשן, וועלכער קומענדיק פון אונדזער סביבה, האָט ער זיך אַרויסגעהויבן אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן און טאַלאַנט, און געוואָרן איינער פון די שענסטע רעדנער און שרייבער אין אונדזער ישוב, מיט וועלכן אפילו גרויסע יידישע ישובים וואָלטן זיך נישט געקענט פאַרשעמען. י. ווייסליץ האָט שטאַרק געלויבט פריינט קאַהאַנ׳ס גייסטיקע פעאיקייטן, זיין טיפן באַנעמען די גייסטיקע פּראָבּלעמען וואָס פּייניקן יעדן דענקענדיקן ייד און דעם טיפן רושם וואָס זיינע אַרויסטרעטונגען לאָזן אויף די גרויסע מאַסן, וואָס קומען צו די געטאָ־פּייערונגען און אַנדערע אַרויסטרעטונגען פונעם בעל־יובל.

ב. עזראָוויטש האָט גערעדט וועגן דעם רושם וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פריינט קאַהאַן.

אין נאָמען פון דער משפחה האָט גערעדט ס. בּורשטין, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דעם גייסטיקן וועג וואָס י. קאַהאַן האָט דורכגעמאַכט, אָנהויבנדיק פון שטעטל אין פּוילן ביז צו זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אונדזער ישוב. אין נאָמען פון דער גאַנצער משפחה האָט ער אים געווונטשן נאָך לאַנגע יאָרן פון פּרוכטבאַרער טעטיקייט לטובת דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט דאָ־הי.

ה. באַכראַך האָט אין זיין באַגריסונג צום בעל־יובל אָנגעוויזן אויף דער אידייאישער דערציאונג וואָס י. קאַהאַן האָט געקראָגן אין „בּונד״, זיין דראַנג צו לערנען און וויסן; ער האָט אין דער זעלבער צייט איינגעהאַלטן זיין שטאַרקן אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער. דאָס האָט אים געשאַפן אַ געזונטן אידייאיש־ געזעלשאַפטלעכן רוקנביין און אַ זעלבּ־שטענדיקן אַרט דענקען. ליידער, זענען אין אונדזער ישוב נישט פאַראַן קיין באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערלויבן פריינט קאַהאַנען אויסצונוצן זיין באַדייטנדיקן ליטעראַרישן טאַלאַנט. אין אַ גרעסערן יידישן ישוב וואָלט ער געקענט אויסוואַקסן צו אַ וויכטיקער ליטעראַרישער קראַפט, צום נוצן פון דער גאַנצער יידישער קולטור־באַוועגונג.

י. גיליגטש האָט אונטערגעשטראָכן דעם נאָמען, וואָס י. קאַהאַן האָט זיך דערוואָרבן אין דער יידישער שול אַלס גוטער לערער און דעם אָפּקלאַנג פון זיינע שיין־געבויטע און גוט־צוגעגרייטע רעפעראַטן און לעקציעס.

לסוף האָט פּ. אַלבערט אונטערגעטראָגן דעם בעל־יובל אין נאָמען פון די פאַרזאַמלטע אַ שיינע מתנה — ווי עס פּאַסט פאַר קאַהאַנען — י. צינבערג׳ס צען־בענדיקע „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן״.

אַ טיף־גערירטער פון דער אויפנאַמע און די וואַרעמע באַגריסונגען, האָט י. קאַהאַן געענטפערט מיט אַ הערלעכער אימפּראָוויזירטער רעדע. ער האָט געדאַנקט פאַר דער וואַרעמער אויפנאַמע. ער האָט אין אַ טיפן אַנאַליז אָנגעוויזן אויף דעם אידייאישן וועג, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט — פון זיין טאַטן דעם שוחט און תּלמיד־חכם, דורך דעם יידישן סאָציאַליזם און דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, ביז צום היינטיקן טאָג, ווען ער דאַרף זוכן דעם סינטעז צווישן דעם אַלטן וואָס פאַרשווינדט און די נייע פאָרמען אין יידישן לעבן. די טיף־ערנסטע באַציאונג צום יידישן לעבן האָט ער גע־ירש׳נט ביי זיין טאַטן דעם פרומען ייד; און בעת ער שטייט פאַר אַן עדה יידן, ווערט ער באַהערשט פון געפיל פון אחריות וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געהאַט לגבי זייער פאָלק און גלויבן.

אין אָנדענק פון דעם שיין־פאַרבראַכטן אָוונט איז גע־זאַמלט געוואָרן די סומע פון 80 פונט לטובת די פּרץ־און שלום־עליכם־שולן.

יצחק קאַהאַן — דער „סעלף־מעיד־מען״

יצחק קאַהאַן שטאַמט פון אָסטראָלענקע, פּוילן, פון איי־נעם פון די פיל הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע עס האָבן געלעבט — און אין אַ גרויסער מאָס פאַרוועלקט געוואָרן — פיל שעפערישע יידישע כוחות. די אָרעמע לעבנס־באַדינגונגען און די נאָך גענוג שטאַרקע כוחות פון אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער האָבן משפיע געווען דערויף, אַז גרויסע צאָלן אינטעליגענטע בחורים און מייד־לעך האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער שעפערישן טאַלענט און זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם אָרעמען, הגם צו מאָל שטורמישן און שעפערישן יידישן לעבן אין דער פּוילישער פּראָווינץ.

יצחק קאַהאַן איז געווען אַן אויסנאַם פון זיי. טראָץ די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין דעם קליינעם שטעטל, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ היפּשן באַגאַזש וויסן און אינטעליגענץ, געשעפּט פון דער רייכער, זיך אַנטוויקלענדיקער מאָדערנער יידישער קולטור־באַוועגונג. דער „בּונד״ איז געווען אַ גוטע

שול פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט דערוואָרבן וויסן, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט קריגן אין זייערע יוגנט־ און שול־יאָרן. די וואָס האָבן געהאַט אַן אָפענעם אויג אין אויער האָבן אין די רייען פון „בונד“ און זיינע קולטור־אינסטיטוציעס געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען וועגן די געזעלשאַפטלעכע ספרוזשינעס, וועלכע באַוועגן אונדזער לעבן, וועגן דעם שלעכטן סדר־העולם און די וועגן ווי אים צו ענדערן.

נאָך אַלס יונג בחורל איז ח׳ קאַהאַן געקומען קיין וואַר־שע, כדי אַנטיילצונעמען אין דער קולטור־קאָנפערענץ פון יוגנט־בונד „צוקונפט“ און שוין דאָרט האָבן זיך באַוויזן זיין דראַנג צו וויסן און זיין טאַלענט אַלס רעדנער און שרייבער.

אָבער צו דעם פולן פאַנאַנדערבלי פון זיין טאַלאַנט איז ער געקומען אין מעלבורן, אויסטראַליע.

גלייך נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד, האָט ער זיך באַוויזן מיט אַרטיקלען אין דער היגער יידישער פרעסע, וועלכע האָבן אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג ביי די באַוווסטזיניקע לייענער אין שטאָט. זייענדיק פון דער נאַטור אַ שעמעוודיקער, האָט ער די דאָזיקע אַרטיקלען אונטערגעשריבן מיט אַ פסעוודאָנים און ער האָט זיך אַזוי גוט „פאַרמאַסקירט“, אַז אפילו די נאָענטסטע פריינד און חברים האָבן במשך אַ לאַנגע צייט נישט געוווּסט ווער עס באַהאַלט זיך אונטער אָט דער טאַלאַנטפולער פעדער.

אָבער שפעטער, אין דער רעדאַקציע „אונדזער געדאַנק“, האָט ח׳ קאַהאַן געהאַט די פולע מעגלעכקייט צו באַווייזן, אַז זיין טאַלאַנט איז נישט באַגרענעצט בלויז צו איין געביט, — דעם ליטעראַרישן, — נאָר אַז ער קען מיט דעם זעלבן דער־פאָלג באַהערשן יעדע טעמע, איינשליסלעך פאָליטישע.

יצחק קאַהאַן אַלס רעדנער איז אַ באַזונדערער אינטערע־סאַנטער קאַפיטל. אויף דעם געביט האָט ער דערוואָרבן אַן אויסגעצייכנטן נאָמען. נישט נאָר חברים און פריינד, נאָר אויך פאָליטישע קעגנער דריקן אויס זייער באַוווּנדערונג פאַר ח׳ קאַהאַנס אַרויסטרעטונגען אויף די געטאָ־אַקאַדעמיעס אין אויף ליטעראַרישע טעמעס. זיין טיפער יידישער וויסן, וועלכן ער האָט געירשנט ביי זיין טאַטע, דעם שוחט פון אָסטראָ־לענקע, דינט אים גוט צו און גיט־צו זיינע רעדעס אַ ספּע־ציעלן יידישן חן. ער נעמט גאָר ערנסט זיינע אַרויסטרעטונ־גען און גרייט זיך צו זיי ווי צו אַן עבודת־הקודש; זענען טאַקע נישט פאַראַן קיין סיורפּריזן אין זיי און דער צוהערער ווייסט פון פאָרויס וואָס ער קען דערוואַרטן.

עס איז אַ פרייד צו האָבן אין אונדזערע רייען אַ חבר, וועלכער איז פון אונדז אַרויסגעוואַקסן; געקראָגן ביי אונדז זיין גייסטיקן פנים, וועלכן ער איז אימשטאַנד איצטער אי־בערצוגעבן אַנדערע. אָבער מען מוז גלייכצייטיק פעסטשטעלן, אַז די גייסטיקע אָרעמקייט פון אונדזער ישוב פאַרשמעלערט אין אַ גרויסער מאָס די באַזע פון ח׳ קאַהאַנס ליטעראַרישע און רעדנערישע מעגלעכקייטן. וואָלט ער געלעבט אין אַ גרויסן יידישן ישוב, וואָלט ער פיל מער געקענט אויסנוצן זיין גרויסן יידישן וויסן — אַ זאַך וואָס ווערט אַלץ זעלטע־נער אין אונדזער לעבן. נישט אומזיסט האָבן זיינע ליטעראַ־רישע אַרטיקלען אין מעלבורנער „אונדזער געדאַנק“ אַרויס־גערופן אַן אָפּקלאַנג אין יידישן אויסלאַנד און מ׳האָט זיך אונדז אָנגעפרעגט: „ווער איז דאָס דער קאַהאַן?“...

ה. ב.

(פון דער אויסטראַלישער יידישער פרעסע)

א י ן א ר ג ע נ ט י נ ע

אסטראלענקער לאנדסלייט אין ארגענטינע

די עמיגראַציע פון די אָסטראָלענקער אין אַרגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן אין די 20־קער יאָרן פון דעם דאָזיקן יאָרהונ־דערט. יידן האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען, דאָס רוב אויס מורא פאַר אַ נייער וועלט־מלחמה. אַנדערע האָבן געוואָלט באַ־קענען נייע פרישע קאָנטינענטן מיט אַ נייעם לעבנס־שטייגער, אַנטלויפן פון דעם שווערן מאָנאָטאָנעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין קליינעם שטעטל, זוכן מזל אין דער גרויסער וועלט, פאַר־דינען אַ לייכטע מטבע און ווערן מיט דער צייט אַן „אַלרייט־ניק“... מיט די דאָזיקע כוונות זענען אונדזערע אָסטראָלענקער אוודאי אויך אַהער געקומען. דער חלום איז געווען אַ גאַנץ שיינער, ביז ער האָט זיך נישט אָנגעשטויסן אין דער גרויער ווירקלעכקייט. עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָ איז מען מחויב צו „פאַרקאַטשען די אַרבל“ און זוכן פרנסה. ס׳איז טאַקע די ערשטע צייט געווען שווער צו באַקומען אפילו אַ טאָג אַרבעט. ווען עס פלעגט זיך באַווייזן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג, אַז מען זוכט אַן אַרבעטער, האָט מען זיך אויפ־געהויבן 5 פאַרטאָג און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי ביים טיר פון דעם אַנאָנסן־געבער, כדי צו זיין פון די ערשטע. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן. עס זענען גע־ווען וויניק גליקלעכע, וועלכע האָבן געהאַט „סטאַבילע“ אַר־בעט. פיל בעלי־מלאכות, כדי צו קאָנען עקזיסטירן, האָבן גע־מוזט „בייטן די יוצרות“. געוואָרן „קוענטניקעס“ (פעדלער). מ׳פלעגט נעמען אַ פעקל סחורה ביי אַ סוחר, גיין איבער די גאַסן, אָנקלאַפן אין די טירן און אויסשרייען אויפן קול די סחורה. טייל האָבן זיך געקאָנט צופּאַסן צו דער דאָזיקער מלאכה; דער גרעסטער טייל — נישט. גרויסע אומבאַשרייב־לעכע קריזיסן, גייסטיקע ווי פיזישע, זענען אַריבער איבער דעם גרעסטן טייל פון די, וועלכע האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט צופּאַסן צו יעדער מין אַרבעט. ווייל, ווי אויבן דער־מאָנט, האָט יעדער איינער געמוזט בייטן זיין פאַך און אַר־

בעטן ביי וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט, כדי ווי עס איז צו קאָנען עקזיסטירן.

ביי אַזעלכע שווערע לעבנס־באַדינגונגען, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס די אָסטראָלענקער, וואָס האָבן זיך אויך געפונען אין דער דאָזיקער לאַגע, האָבן צווישן זיך כמעט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט. יעדער איינער פון אונדז איז געווען פאַרנומען מיט זיינע טאָג־טעגלעכע פרנסה־פּראָבלעמען. עס זענען געווען קליינע אויסנאַמען, ווו די פריינטלעכע פאַרבינדונגען האָבן זיך נאָך געצויגן פון דער אַלטער היים. ערשט אין יאָר 1945, ווען די אַליאירטע אַרמייען האָבן געגעבן דעם לעצטן טויט־קלאַפּ דעם בלוט־דורשטיקן נאַציזם, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען אייראָפּע און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק; דעמאָלט, ווען ס׳איז געוואָרן אונטערגעצויגן דער טרויעריקער פאַר אונדז גוט־באַקאַנטער סך־הכל: דער אומקום פון גאַנצע זעקס מיליאָן יידן, און עס זענען דערביי אָנגעקומען צו אונדז ידיעות פון דער אָסטראָלענקער שארית הפליטה, וואָס האָבן אין זייער פאַרצווייפלונג געבעטן דרינגענדיקע הילף און אונדז צו וויסן געגעבן פון דעם טראַגישן חורבן און די פאַרטיליקונג פון אונדזערע נאָענטע משפחות — ערשט דעמאָלט האָבן מיר אָנגעהויבן מאָביליזירן דאָס ביסל אָסטראָלענקער לאַנדסלייט אין אַרגענטינע, כדי מיר זאָלן מיט געמיינזאַמע כוחות כאָטש טיילווייז קאָנען לינדערן די נויט פון אונדזער שארית הפליטה. זענען מיר זיך צונויפגעקומען, געגרינדעט אַ קאָמיטעט, גערופן צו אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען זיך צונויפגעקומען אַלע אָסטראָלענקער פון באָענאָס־איירעס און פון דער גאַנצער אומגעגנט. דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנטאַקט, וואָס די אָסטראָלענקער האָבן געהאַט צווישן זיך. אַלע זענען געווען הילפס־גרייט. דער קאָמיטעט האָט גלייך געשאַפן אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט דער שארית הפליטה. מיר האָבן געשיקט פּעקלעך מיט שפּייז און פאַרשידענע קליידונג קיין פּוילן. עס האָט זיך ביי אונדז געשאַפן אַ גרופּע וואָלונטירן־פאַכמענער. אָנשטאָט קויפן פאַרטיקע קליידער, וואָס האָט געקאָסט זייער טייער, האָבן אונדזערע וואָלונטירן אַליין געקויפט סחורה און אַליין זיי אויסגעאַרבעט. אַזוי וועש, קליידער, שיך און אַנד.

דאָס האָט אונדז אויסגעמאַכט פיל ביליקער — און מיר האָבן געשיקט גאַנצע קאַסטנס מיט קליידער. אונדזער קאָמיטעט, שוין שטייענדיק אין דער שפּיץ פון אונדזער דאָרטיקער לאַנדסמאַנשאַפט, פלעגט אויך אָנטייל נעמען אין דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן אַרגענטינער לעבן, שטיצנדיק פאַרשידענע אינסטיטוציעס; גענומען אָנטייל אין אַלע נאַציאָנאַלע ווי אויך לאָקאַלע אַקציעס. מיר האָבן זיך דערפילט ווי אַ רינגעלע אין דער גרויסער קייט, וואָס האָט געהאָלפן שמידן און פאַרזעצן אונדזער נאַציאָנאַלן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע.

שפּעטער האָבן גענומען אָנקומען קיין אַרגענטינע צו זייערע משפחות די ערשטע געראַטעוועטע אָסטראָלענקער פּליטים פון דעם נאַצישן גיהינם: די 3 שוועסטער האָלצמאַן — צו זייערע ברידער; צוויי מיט זייערע מענער און די דריטע — אַ מיידל; חאַצקל דעם מלמדס אַ זון, שאַיע לייזער, מיט אַ פרוי; אברהמטשע דעם שוסטערס אַן אייניקל מיט איר מאַן; שרה גרינשפּאַן פון קאַצינעס מיטן מאַן, און פערקאַל. צו זייער קומען האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ באַנקעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן זאַל פון לאָמזשער לאַנדסלייט־פאַריין. מיר האָבן געהערט פון זיי די שוידערלעכע און שוין פאַר אונדז אַלע באַקאַנטע סך־הכלען, און מיט אַן אומגעוויינלעכער וואַרעמקייט, ווי אין אַזאַ פאַל, זיי באַגריסט. זייער קומען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונדזער אַלעמענס יום־טוב און פרייד. מיר פלעגן זייער אָפט דערנאָך איינאָרדענען אַזעלכע באַנקעטן מיט אונדזערע לאַנדסלייט, ווו עס פלעגן באַהאַנדלט ווערן פראַגן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע, דערציילן דערינערונגען פון אונדזער אַמאָליקן פאַרטייאישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער אלטער היים, דערמאָנען מיט ציטער אין האַרצן דעם אומקום פון אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע משפחות, און דורך וואָרט איבערשיקן אונדזערע האַרציקסטע ברכות און ווונטשן צו דער מדינת ישראל, וואָס איז געוואָרן דער שטאָלץ פונעם גאַנצן יידישן פאָלק און איז אויך אַ טרייסט פאַר אונדזער צער און אומגעשטילטן ווייטיק נאָך אונדזערע גרויזאַם־פאַרשניטענע משפחות, די קדושים וטהורים...


קאָמיטעט פון אָסטראָלענקער לאַנדסלייט אין אַרגענטינע



פון רעכטס, זיצן: אברהם עקעלטשיק, הערשל באָטשאַן, כאָנע האָלצמאַן. פון רעכטס, שטייען: אהרן יעקב נאָווינסקי, יוסף דויף, כאַצקל בלומענפעלד, חיים שאנא, יצחק פינקלשטיין.

די לעצטע פאָר יאָר איז אונדזער פאַריין נישט געווען טעטיק, מחמת געוויסע סיבות, אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. במילא האָט אונדזער אומאַקטיווקייט שוין אויך גורם געווען אַ געוויסע דערווייטערונג און איזאָלירטקייט צווישן אונדזערע אָסטראָלענקער משפחות. נאָר די הייליקע איניציאַטיוו פון די אָסטראָלענקער לאַנדסלייט אין ישראל אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך, וואָס דאַרף דינען פאַר אַ מצבה און אַ זכר־עולם צו אונדזער חרוב־געוואָרענער היים־שטאָט און אונדזערע אָסטראָלענקער קדושים — אָט די וויכטיקע געשעעניש האָט אונדז אַלע דאָ אויפגעוועקט פון אונדזער פאַסיווקייט און איז אויך געוואָרן דער איינציקער גורם צו באַנייען צוריק אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, ענגער צו מאַכן דעם קאָנטאַקט צווישן אונדזערע אָסטראָלענקער משפחות אין אַרגענטינע, ווי אויך זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אונדזערע אָסטראָלענקער אין ישראל און מיט אַלע אונדזערע לאַנדסלייט אין דער גאָרער וועלט, ווייל דאָס איז דער איינציקער אופן פון געדענקען און קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן אונדזער גרויסן חורבן אָסטראָלענקע.

ארטשע נאָווינסקי — (בוענאָס־איירעס)



אויף אַ באַנקעט פאַר אָסטער. שארית הפליטה, אָנקומענדיק צו זייערע משפחות אין אַרגענטינע

אסטראַלענקער אין אורוגוואַי

סוף יאָר 1923 זענען דאָ אָנגעקומען די ערשטע עמיגראַנטן.

ביז צו 1939, די דאַטע פון צווייטן וועלט־קריג אויסברוך און אין אייניקע מאָנאַטן נאָכדעם, זענען אַ געוויסע צאָל יידישע עמיגראַנטן, וואָס זענען געוואָרן פאַרהאַלטן אין ענגלאַנד — אָנגעקומען קיין אורוגוואַי אין סאַמע ברען פון קריג.

די עמיגראַנטן זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע שיכטן: באַלעבאַטישע קינדער, אָן אַ שום פאַך, ווי אויך אַרבעטער־מענטשן מיט פאַרשידנערליי פאַכן.

די צאָל פון אונדזערע אָסטראָלענקער דאָ איז אומגעפער ביי 90 נפשות, צווישן זיי אייניקע משפחות, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד און אויך אַזעלכע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין פוילן און געבליבן ביים לעבן נאָך אומ־באַשרייבלעכע נסים.


דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון אונדזערע לאַנדסלייט, איז נישט קיין שלעכטער. עס זענען פאַראַן אַ געוויסע צאָל רייכע מיט הייזער און געשעפטן.

אונדזער אָנטייל דאָ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אַ גאַנץ אָנגעזעענער. כמעט אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס ווי: בונד, ייוו״א, ציוניסטישע פאַריינען און אַנד. — זענען מיר פאַרטרעטן. געוועזן אַ סך פון אונדז, וואָס האָבן אַמאָל אָנגעהערט צום עקסט־לינקן לאַגער, אָבער היינט שוין נישט מער. קיין איינער פון אונדז איז ביי זיי נישט געבליבן.

מיר רופן זיך וואַרעם אָפּ אויף יעדער רוף פון ישראל. ווי אויך מיט געלט־שטיצעס פאַר דער גמילות־חסדים־קאַסע פון אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל, און אויך אין אַנדערע מקומות.

מיר האָבן געשאַפן אַ קאָמיטעט פון אונדזערע לאַנדס־לייט אין אורוגוואַי, וועלכער איז טעטיק וויפל נאָר מעגלעך. די מיטגלידער פון קאָמיטעט טרעפן זיך פון צייט צו צייט, כדי צו באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט אונדזער ישוב, ווי: אַרויסהעלפן אַ לאַנדסמאַן א. אַז. וו. דער קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט אין 1953, נאָכן צוריק־קומען פון אונדזער בן־עיר אליהו משה ווײַנקראַנץ ע״ה, וועלכער האָט באַזוכט אין דער צייט ישראל. דער קאָמיטעט באַשטייט היינט פון די פאָלגנדיקע מיטגלידער: פנחס זיל־בערשטיין, אליעזר סעגאַל, לייבטשע יאַבעק, משה געדאַנקען, יצחק ווײַנקראַנץ, אַלטער שימאַן, זונדל שימאַן און ישראל משה לובין.

אלטער שימאָן



אסטר. קאמיטעט אין אורוגוואַי

פון רעכטס: א. ל. יאַבעק, אַלטער שימאַן י. כמיעל, פ. זילבערשטיין, משה געדאַנקען, ז. שימאַן



אָסטראָלענקער יזכור־בוך־קאָמיטעט אין אַמעריקע

פון רעכטס, זיצן: הערמאַן טאפּאָל (פאָרזיצער), מר׳ ס. ה. קאלץ, העלען קיימאַן (סעקרעטאַרין), חנה לעוויט (שאפּירא), העלען ליס־וואָלקאָוויטש (קאַסירערין). פון רעכטס, שטייען: מנחם פלאַקסער, איזידאָר שלאַפּמיץ, הערי וואָלקאָוויטש, ה. קאלץ, פיליפּ פערקאַל, ש. קאַטשאָר, לעאָן מאַנדעל.

אין אמעריקע

פון „אסטראָלענקער פּראָגרעסיוו יאַנג פרענדס" אין אמעריקע

דעם 12־טן מאי 1918 האָבן מיר געגרינדעט אונדזער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג מיטן אָנטייל פון צען אָסטראָלענקער און באַשלאָסן צו שאַפן אַ אָסטראָלענ־קער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אָסטראָלענקער פּראָגרע־סיוו יאַנג פרענדס". דער אָפּצאָל פון אַ מיטגליד זאָל זיין 10 סענט אַ וואָך.

איצט באַשטייט אונדזער סאָסייטי פון 175 מיטגלידער. איר ציל איז: צו העלפן אונדזערע מיטגלידער אין ליידן און זיך צו פרייען מיט זייערע פריידן.

אונדזער סאָסייטי באַמיט זיך צו העלפן ישראל־פאָנד־זאַמלונג־אינסטיטוציעס, ווי דעם הסתדרות קאַמפּיין, דעם „פאַריייניקטן יידישן אַפּיל", קרן־קיימת־לישראל און לאָקאַלע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן. מיר האָבן געקויפט פאַר אַ באַ־דייטנדיקער סומע ישראל־באָנדס.

אונדזער סאָסייטי האָט אַקטיוו און איבערגעבן מיטגע־אַרבעט מיטן אָסטראָלענקער רעליף־קאָמיטעט סיי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, סיי נאָך דעם גרויסן חורבן פון דער צווייטער מלחמה. מיר האָבן זיך בייגעשטייערט מיט אַ גרויסער סומע און געהאָלפן שאַפן מיטלען כדי צו לינדערן די ליידן פון אונדזערע לעבן־געבליבענע אָסטראָלענקער ברידער און שוועסטער.

מיר פילן פאַר אונדזער חוב און הייליקער אויפגאַבע צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון אָסטראָלענקער יזכור־בוך, וואָס אונדזערע ברידער אין ישראל האָבן אונטערגענומען, וואָס זאָל דינען אַלס לעבעדיקע מצבה אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון אונדזערע אָסטראָלענקער קדושים.

אָסטראָלענקער פּראָגרעסיוו יאַנג פרענדס,

סעם קאָהן, טשערמאַן

אורוווינג פרידמאַן, וויס — טשערמאַן

י. ביקאָווסקי, פינאַנס־סעקרעטאַר


סעם איסמאַכאָוויץ, טרעזשורער

אַליקס ליפשיץ און טייטעלבאַום, טראָסטיס

נייטן ליפשיץ, רעקאָרדינג סעקרעטאַר

דזשעי מינאָוויץ, אינער.

אין סעפּטעמבער 1962 האָבן מיר געפייערט דעם 30־סטן יובל פון אונדזער עקזיסטענץ.



לויט י. וואַנשאַק

ע י י ר ו ת ה ס ב י ב ה

א ר ו מ י ק ע ש ט ע ט ל ע ך

קאַצינעס



יעקב מאיר און יענטע ראַקאָווסקי ז״ל

מארק ראקאווסקי (וואַרשע)

זכרונות

אויף דער אָסטראָלענקער באַן־סטאַציע קאַצינעס, אַ 5 ק״מ פון דער שטאָט איז געשטאַנען אונדזער הויז. געוווינט האָבן דאָרט בערך אַ 30 יידישע משפחות (קריסטן זענען דאָרט געווען פיל מער אין צאָל), ס׳רוב קרעמער, בעלי עגלות, עטלעכע בעלי מלאכות, דערונטער אַ שמיד, צוויי מילנער־משפחות (ווינט־מילן), עטלעכע „לופט־מענטשן״, דערנאָך: אַ רב, אַ שוחט, אַ קצב. אַלע האָבן געוווינט אין איינשטאָקיקע הייזלעך, וועלכע זענען געווען אויסגעבויט פון איין זייט שאָסיי, אויף דער רעכטער זייט פאָרנדיק פון דער שטאָט צו דער באַן. מיין טאַטנס הויז און נאָך עטלעכע יידישע הייזער זענען געשטאַנען אויף ביידע זייטן שאָסיי, וואָס האָט געפירט פון אָסטראָלענקע קיין אָסטראָווע. מיין טאַטענס הויז איז געשטאַנען פונקט על פרשת הדרכים פון שטאָט צו דער סטאַציע. אויף דער צווייטער זייט שאָסיי האָט געפירט די באַן־לניע מיט באַן־געביידעס.

מיין פאטער יעקב מאיר ז״ל

מיין פאָטער איז געווען אַן אייניקל פון באַרימטן גאון ר׳ לייבעלע פלאָצקער. ער איז נישט געווען קיין חסיד ווי דער אַמעריקאַנער „פאָרווערטס״ האָט אים באַשריבן, נאָר אַ מתנגד, אַ ייד אַ למדן מיט וועלטלעכע בילדונג, נישט מיט קיין איבערגעטריבענער פרומקייט. ער האָט געטראָגן אַ קליין שפּיציק בערדל, געשוירן אויף אַ מאַשינקע ביי די זייטן און איז געווען קורץ געקליידעט. די זין זענען געגאַנגען אין „חדר״, שפּעטער האָבן זיי זיך געלערנט ביי העברעאישע לערער, דערנאָך האָט ער זיך באַמיט, אַז זיינע קינדער זאָלן באַקומען העכערע בילדונג. נאָך דער חתונה האָט אים דער גורל פאַרוואָרפן קיין מאַלקין, ווו ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן. און פונקט ווי שפּעטער אין אָסטראָלענקע (קאַצינעס) *) אַזוי אויך אין מאַלקין האָט ער פאַר די פאָר מנינים יידן זיך ענערגיש גענומען אויסצובויען אַ שול. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט צובאַקומען מאַטעריאַלן צו ביליקע פּרייזן און אפילו אומזיסט. שנעל פאַרענדיקט די שול אין מאַלקין האָט ער על־פּי צופאַל. אַרום מאַלקין זענען פאָרגעקומען זעלנער־מאַנעווורעס. אין איינעם פון די פּולקן האָט געדינט דער איינציקער יידישער אָפיצער אין גאַנץ רוסלאַנד אַלפרעד גינזבורג, אַ זון פון באַרימטן באַראָן האראדי גינזבורג. ראש השנה האָט מיין טאַטע אים פאַרבעטן צום דאַווענען אין אַ פּריוואַטער שטוב ווי מ׳האָט אים מכבד געווען מיט מפטיר, און צו דער דערשטוינונג פון אַלע מתפללים האָט ער וואָרט ביי וואָרט מיטן טראָפּ אָפּגעזונגען דעם מפטיר. פאַרן מפטיר האָט ער גאַנץ גוט באַצאָלט. ווויסנדיק אַז מען בויט אַ שול, האָט ער געהייסן זי פאַרענדיקן אויף זיין חשבון.

מיין פאָטערס אונטערנעמונגס־פעאיקייטן

מיין פאָטער איז אָנגעקומען קיין מאַלקין סוף פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ גרויסער אונטערנעמער מיט געוואַלדיקער ענערגיע. די קליינע סטאַציע מאַלקין מיט עטלעכע צענדליק איינוווינער און מיט עטלעכע יידישע משפחות האָט דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אַלס וויכטיקער באַן־קנופּ אויפן וועג: וואַרשע־ביאַליסטאָק־גראָדנע־ווילנע־דווינסק־פּעטערבורג. חוצדעם איז צו יענער צייט אויסגעבויט געוואָרן די סטראַטעגישע פּריוויסליאַנער ליניע: מאַלקין־אָסטראָלענקע־טלושטש און מאַלקין־שעדלעץ, אַזוי אַז פון די אַרומיקע ווייטע סביבות, פלעגן אַלע הורט־סוחרים קומען קיין מאַלקין. מיין טאַטע ז״ל האָט געהאַט אַ סקלאַד פון נאַפט, זאַלץ, הערינג און פאַרשידענע גרויפּן. אויף אַמאָליקן לשון האָט מען אים גערופן דער „וואַגאָנטשיק״, ווייל אַלע סחורות פלעגן צו אים אָנקומען מיט וואַגאָנען.

אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָך זיין אָנקומען קיין מאַלקין האָט ער פאַרברייטערט זיין געשעפט, אויפעפענענדיק אַן אָפּטיילונג אויף דער סטאַציע אָסטראָלענקע (קאַצינעס), וווהין ער האָט אַוועקגעשיקט זיינעם אַ באַקאַנטן יונגנמאַן אברהם זבאַר, וועלכער האָט דאָרט אויסגעבויט פאַר מיין פאָטערס געלט אַ הויז און דאָרט אָנגעפירט מיט זיינע געשעפטן, מיט די ענלעכע סחורות וואָס אין מאַלקין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מיין פאָטער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין אָסטראָלענקע איז ער געוואָרן זיינס אַ קאָנקורענט.

קענטיק, אַז מיין פאָטער האָט שוין דעמאָלט געשפּירט, אַז אים וועט אויסקומען אַריבערציִען זיך קיין אָסטראָלענקע און מהאי טעמא האָט ער זיך געהייסן אויסבויען אַ הויז, בעת אין מאַלקין האָט ער קיין אייגן הויז נישט געהאַט. פאַרוואָס

*) זע: „ווי אַזוי ר׳ יעקב מאיר האָט געמאַכט קאַצינעס פאַר אַ שטעטעלע פאַר זיך״ (עפּיזאָדן און פאַסירונגען).

האָט מיטאַמאָל אָסטראָלענקע באַקומען דעם איבערגעוויכט? ווייל ס'רוב שכנותדיקע אָרטשאַפטן אַרום מאַלקין האָבן דורכגעשניטן די צוויי באַן־מאַגיסטראַלן: וואַרשע—פּעטערבורג און שעדלעץ—אָסטראָלענקע—אָסטראָוו א. אַז. וו. אַרום אָסטראָלענקע האָבן אַזעלכע גרויסע געביטן, ווי קורפּיעס ביז מישיניץ, כאָרזשעל, מאַקאָוו, ראָזשאַן קיין באַן־ליניעס נישט געהאַט. חוצדעם האָט אָסטראָלענקער געביט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר פאַרשידענע גרויפּן, דער עיקר הירזש, וואָס אין פּוילן איז עס נישט געוואַקסן און מען האָט עס באַצויגן אַזש פון די ווייטסטע רוסלענדישע גובערניעס.

אַלזאָ אָנהייב פונעם XX יאָרהונדערט האָט זיך מיין פאָטער מיט דער גאַנצער משפחה, אַריבערגעפּעקלט קיין קאַצינעס און זיין געשעפט אין מאַלקין האָט ער איבערגעגעבן זיינעם אַ ווייטן קרוב סאַלאַמאָן.

אונדזער הויז איז געשטאַנען דיכט ביים שאָסיי, וואָס האָט געפירט ווי אויבן שוין דערמאָנט, פון אָסטראָוו קיין אָסטראָלענקע, פונוואַנען דער פאַרקער איז געווען זייער אַ שוואַכער. אָבער עס איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן דעם וועג פון דער באַן. קיין פור, קיין רייזנדער, קיין פוסגייער, וואָס איז געגאַנגען קיין אָסטראָלענקע פון דער סטאַציע האָט נישט געקענט אויסמיידן אונדזער אויג. מיר האָבן זיי אפילו געקענט אָבסערווירן דורך די פענצטער, זיצנדיק אין שטוב. אָבער הינטער אונדזער שטוב איז דער וועג פאַר אונדז געווען פאַרשטעלט און ווייטער פון ד' אמות האָבן מיר זיך נישט געקענט רירן, ווייל אַ גרויסער זומפּ האָט אונדז אָפּגעטיילט פון יענעם־זייטיקן וועלדל, פון די ווייטע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ביזן האָריזאָנט. און אַז מיר האָבן געוואָלט אַהין צוקומען האָבן מיר געמוזט אָנלייגן וועג פון עטלעכע וויאָרסט, און ווען מיר האָבן זיך אַהין אויסגעקליבן האָט עס מיר שטענדיק דערמאָנט משה רבינו'ס „ולא נחם... כי קרוב הוא". אָבער יענער ווינקל האָט אונדז תמיד פון דערווייטנס געמאַניעט, צוליב די באָטשאַנעס, וואָס פלעגן דאָרט רוען מיט פאַריסענע קעפּ, צוליב די פּילפאַרביקע אָפּשפּיגלונגען פון דער זון אויף די צווייגן פון די ביימער. אָבער ווי נאָר מיר פלעגן אַהין צוקומען פלעגט דער גאַנצער צויבער פאַרשווינדן. דאָך פלעגט עס אונדז תמיד אַהין ציען.

דריי פּאַטריאַרכאַלע בעלי־עגלהשע משפחות פאַרנעמען דעם קאַצינער „אויבנאָן"

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַצינעס האָבן דאָרט דעם אויבן־אָן פאַרנומען דריי פּאַטריאַרכאַלע באַלעגאָלישע משפחות, וועלכע האָבן זיך דאָרט איינגענעסטלט מיט זין, טעכטער, איידעמס, שנורן און אייניקלעך. די חשובסטע איז געווען די משפחה פון אברהם מרדכי בלומבערג (אַ נאָמען נאָך איינעם פון די גערער רביים), אַ ייד אין די זעכציקער יאָרן מיט אַ לאַנגער פּאַטריאַרכאַלער באָרד און אַן אויסערלעכקייט פון אַ מרא דאתרא. די דאָזיקע משפחה האָט מען געקרוינט מיט צוויי צונעמען: „די קייזערלעכע שימפּאָכע" און די „מעדיקעס", נישט פונעם וואָרט מעדיק, וואָס האָט אַ שייכות צו מעדיצין, נאָר פון פּוילישן וואָרט medytować ווייל זיי זענען געווען אויסטראַכטער פון פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, כדי איבערצושטייגן אַלע אַנדערע.

די צווייטע משפחה בראש מיט חנא פּערקאַל, אויך אַ ייד אין די זעכציקער מיט אַ גראָב רויט פּנים, אַ שיטער ברייט בערדל און געדיכט־באַוואַקסענע ברעמען. ער האָט שוין נישט פּרעטענדירט אויף למדנות, הגם אברהם מרדכי איז נישט געווען קיין גרעסערער למדן פון אים. פאַר חנא'ס משפחה האָט מען געהאַט גרויס דרך־ארץ צוליב זיין זון מאיר יאָסל, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, וועלכער איז אָנגעגאַנגען פאַרן שטאַרקסטן אין קאַצינעס און פאַר אונדז קינדער איז ער געווען פאַררעכנט פאַרן גרעסטן גיבור אין דער וועלט. אין ווו כוח, דאָרט איז חכמה... ער פלעגט ווי אַ פעדער אויפהייבן די שווערסטע משאות און גיין דערמיט ווי אויף אַ שפּאַציר. חוצדעם איז זיין פּרעסטיזש אויסגעוואַקסן, נאָכדעם ווי זיין איידעם, לייבל שוסטער, איז אַראָפּגעקומען פון ענגלאַנד מיט אַ געפּאַסקעוועטן אָנצוג, אַ רויטן קראַוואַט און אין שמועס אַריינגעוואָרפן ענגלישע ווערטער, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען. אַראָפּקומענדיק קיין קאַצינעס אויפן שויס פון דער חשובער משפחה, האָט ער איינגעפונען, אַז שוסטעריי איז אַ מלאכה בזויה אויפן פּאָן פון בכבודיקער באַלעגאָלעריי, האָט ער פאַרשאַרצט די אַרבל און געוואָרן אַ באַלעגאָלע. אָבער פון זיין נאָמען „לייבל שוסטער" האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען.

דער דריטער אברהם משה מעדזאָוויטש, דער פאַרמעגלעכסטער פון זיי, דער ייִנגסטער פון די אויבנדערמאָנטע צוויי. ער פלעגט צושערן זיין בערדל, טיילמאָל אינדערוואָכן פלעגט ער אָנטאָן קורצע בגדים, ווייל משיח, האָט ער געזאָגט, וועט קומען אין „קאָרצן". אָבער אברהם מרדכי און חנא האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ מינדערווערטיקן אין גייסטיקן זין. און היות קיינער איז נישט געווען געניגט זיי אַלע דריי צו פאַרהערן, האָט קיינער נישט דיספּוטירט זייער גייסטיקע בכורה.

קיינער פון די ראשי משפחות האָבן נישט געאַרבעט, נאָר פלעגן שטיין און זיך צוקוקן, ווי זייערע זין אַרבעטן, אָבער צייטנווייז פלעגן זיי זיך נישט קענען איינהאַלטן, געכאַפּט זעק אויף די פּלייצעס און געלייגט אויפן וואָגן.

אָבער זייער שנאה צו אברהם משה'ן איז געווען אַ מאַטעריעלע, עקאָנאָמישע. אברהם משה איז געווען אויך אַ שטיקל אונטערנעמער און זיך „דאָראָביעט" מער פון אַלע. ער האָט אויסגעבויט עטלעכע הייזער, האָט געהאַט עטלעכע פערד און וועגענער, בעת יענע האָבן מער נישט געהאַט ווי צו איין פערד. זייער שנאה צו אים האָט זיך געשטאַרקט נאָכדעם, ווען ער האָט איינגעהאַנדלט אַן איידעם, אַ זיידענעם יונגערמאַנטשיק, געגעבן אים אַ נישקשהדיקן נדן און איינגעאָרדנט אים אַ קלייט. אָבער חוץ לזה האָט זיין איידעם אליהו געקענט לערנען און ממש אויפגערודערט די גאַנצע באַלעגאָלישע חברותא מיט זיינע פאַרבאָרגענע טאַלענטן. אין קאַצינעס איז נישט געווען קיין גוטער בעל־קריאה

האָט ער געמאָלדן, אַז ער איז גרייט אָנצונעמען דידאָזיקע מיסיע. און באמת אַלע האָבן געשטוינט, בעת ער איז אַרויף אויפן בעלעמער און אָנגעהויבן צו לייענען מיט אַ מתיקותדיקן, קלינגענדיקן קול, פונקט ווי פערל וואָלט זיך געשאָטן פון זיין מויל. שפּעטער האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פעאיקייט בײַם עמוד מיט אַלע פּיטשעווקעס און דריידלעך פון אַן אמתן חזן. ער האָט באַזיגט די גאַנצע קאַצינער עדה.

מיין פאָטער ז״ל, וועלכער איז געווען אַ ייד אַ למדן, פלעגט זיך אין שול האַלטן ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, האָט אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ צו אברהם משה און חנא, וועלכע זענען געווען עלטער פון אים.

מיין פאָטער אַלס וויצלער

מיין פאָטער האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען און טייל־מאָל זאַכן אילוסטרירן מיט ביישפּילן. איינמאָל בעת איך מיט מיין ברודער האָבן מיט אים גערעדט וועגן דער למדנות פון אונדזערע שכנים, האָט ער אונדז דערציילט אַ וויץ וועגן צוויי אַרענדאַרן, וועלכע האָבן אויף דער עלטער זיך פאַרטראַכט וועגן אַ תכלית און באַשלאָסן זיך צו נעמען צו דער גמרא.

„ארבעה אבות נזיקין" — האָבן זיי אָנגעהויבן און גלייך זיך אָפּגעשטעלט, נישט קענענדיק גיין ווייטער — פונוואַנען האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען פיר אבות? בעת אַלע וויסן פון דער תורה נאָר פון דריי אבות: אברהם, יצחק ויעקב. — „שוטה", — האָט זיך אָנגערופן איין אַרענדאַר נאָך לאַנג טראַכטעניש. — „דאָס מיינט מען כנגד ארבע אימהות: שרה, רבקה, רחל און לאה. ווייל אין דער תורה פאַסירט עס אָפט, מען שרייבט טאַטע און מען מיינט מאַמע און פאַרקערט. איך וועל דיר ברענגען אַ פשוטן ביישפּיל. ס'שטייט אין דער תורה: „וכרות עמו", וואָס האָט וכרות צוטאָן מיט דער מאַמען? אַזוי אויך דאָ: מען שרייבט ארבעה אבות און מען מיינט ארבע אימהות". אָט אַזעלכע למדנים זענען זיי.

אברהם מרדכי, חנא און אברהם משה האָבן פאַרנומען די מזרח־וואַנט, ווו זיי האָבן זיך גאַנץ פיין אַקלימאַטיזירט.

אויף דער מזרח־וואַנט איז אויך געשטאַנען אברהם דער אַמעריקאַנער, מיט אַ פּנים רויט ווי אַ בוראַק און מיט אַ בלוילעכער נאָז פון שיכרות. אַמעריקאַנער האָט מען אים גערופן דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַן אַגענט פון דער אָסטראָלענקער קאָמפּאַניע, וואָס פלעגט אַדורכשמוגלען אינדי־קעס דורך מישענעץ, איבער דער דייטשישער גרענעץ. ער איז געווען אַ הפקר־יונג און ווען ער האָט געהאַט געלט האָבן עס ביי אים נישט געשפּילט קיין ראָל.

מען דערציילט אַ וויץ, ער זאָל האָבן כלומרשט געגאַנגען צו אַ דאָקטער, ער זאָל אים געבן אַן עצה קעגן דער רויטער נאָז. דער דאָקטער האָט אים געפרעגט, ווי לאַנג ער טרינקט. בעת ער האָט אָנגערופן די צאָל יאָרן, האָט אים דער דאָקטער געזאָגט, ער זאָל טרינקען אַזוי לאַנג ביז די נאָז וועט ווערן בלוי. אים איז געגאַנגען אין לעבן צו שטיין אויפן מזרח, האָט ער פאַר דער „שטאָט" באַצאָלט אַ פיל גרעסערן סכום, ווי מען האָט פאַר איר געשטעלט.

די דריי אינטעליגענטע קאַצינער משפחות

אויף דער סטאַציע האָבן געוווינט דריי אינטעליגענטע משפחות, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער קורצער הלבשה, געטראָגן ווי מיין פאָטער קאַפּעליושן, געשוירן די בערד און דער עיקר: זיי האָבן זיך געקענט אויף שוואַרצע פינטעלעך. אָבער וועגן זיי ווייטער.

אין שול זענען פאָרגעקומען אָפטע רייבונגען און קריי־געריַען אַרום די פעטע און מאָגערע עליות. מיין פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גבאות, ווייל ער האָט געוווּסט אַז אַ סדרה האָט מער נישט ווי איין „שלישי" און איין „שישי". האָט ער דעם כבוד איבערגעגעבן, דאַכט זיך, דעם סלוצקער רב'ס אַ זון חיים ווילאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ קלייט אויף דער סטאַציע. אויף אַזאַ אופן האָט מיין פאָטער אויסגעמיטן די מורמלערייען מצד די חשובע קאַצינער תושבים. אגב איז מיין פאָטערס האָבבי געווען דער „מפטיר" (אויף דער מחלה האָב איך אויך געליטן). דערפאַר איז מיין טאַטע נישט גע־ווען זייערס אַ קאָנקורענט. דעם „מפטיר" פלעגט ער נישט דורכשמוגלען ווי חסידים בלחש, נאָר לייענען אויפן קול מיט טראָפּ. אָבער דעם מפטיר־חנה, אַ סגולה פאַר אַ מקשה לילד — דאָס פלעגט ער קיינעם נישט אָפּטרעטן, דערויף האָט ער געהאַט די חזקה. און נישט איינמאָל ביינאַכט פלעגט מען אים מיט געוויין אַרויסשלעפּן פון בעט צו אַ קינפּעטאָרין, ביי וועלכער עס איז נישט געגאַנגען כשורה. אָבער מיין טאַטע פלעגט זיך נישט יאָגן מיטן גיין. צייטנווייז פלעגט די אומגעדולדיקע משפחה שיקן איין שליח נאָכן צווייטן. איינמאָל בעת מיין מאַמע האָט אים געפרעגט דעם טעם, פאַר וואָס ער לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך, האָט ער גע־ענטפערט: — נאַרעלע, מיינסט טאַקע אַז דאָס העלפט, דאָס איז אַן איינרעדעניש און וואָס שפּעטער איך וועל קומען, אַלץ ווירקזאַמער וועט זיין דער מפטיר... און ער פלעגט אַזוי אויסקאָמבינירן, אַז דער מפטיר האָט טאַקע געהאָלפן.

בעת אַזעלכע עליה־קריגערייען וכדומה, פלעגט איינער אָנגרייפן דעם רבי פון צווייטן. למשל, די וואָרקער חסידים האָבן פאָרגעוואָרפן די גערער, אַז זייער רבי פירט אַ קייזער־לעכן הויף, אַז ער איז אַ רבי פון בורזשוקעס, וועלכע טיילן זיך מיט אים מיט זייערע פאַרדינסטן, בעת דער וואָרקער גיט אַלץ אַוועק אָרעמעלייט און לעבט אַליין אין דחקות.

מיין פאָטער, אַ מתנגד מיט אַלע פּיטשעווקעס, האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט חסידות און נאָכמער — די רביים. די פעדים פון דער דאָזיקער אומגינסטיקער באַציאונג צו חסידים און זייערע רביים האָבן זיך מעגלעך געצויגן פון פלאָצק, ווו זיין זיידע, דער גאון ר' לייבעלע פלאָצקער איז דאָרט געווען רב. די דאָרטיקע חסידים האָבן אים גערודפט, באַוואָרפן אים מיט די ערגסטע זילזולים, געשאָטן מיסט אויף זיין „שטאָט", ביז ער האָט געמוזט סוף כל סוף פאַרלאָזן פלאָצק.

מיין פאָטער לינדערט די קאַצינער קריגערייען

אָבער אין קאַצינעס האָט מיין פאָטער זיך באַמיט צו

לינדערן די קריגערייען, אויסנוצנדיק גלייכצייטיק שטעכיקע אַנטי־רבישע וויצן און גלייכווערטלעך מיט מעטאַפֿאָרישע אויסטייטשונגען פֿון פּסוקים. אין דער הינזיכט האָט אים צוגעהאָלפֿן שיע מילנער (אינהאָבער פֿון אַ ווינט־מיל), וועלכער האָט אַליין אַרויסגעשטאַמט פֿון חסידים, געטראָגן אַ קאַפּאָטע מיט אַ קאַשקעטל, דאָס קליין שיטער בערדל צוגעשוירן. איך ווייס נישט, צי אויס ביטול צו חסידות, צי אויס ליבע צו אַ וויץ, אָבער ער איז תמיד געווען מיין טאַטנס אַ מיטהעלפֿער. ער איז געווען זייער אַ קלוגער און אַ געזעצטער מענטש, דערביי בעת ער האָט דערציילט אַ וויץ פֿלעגט ער קיינמאָל נישט לאַכן. אין מיין זיכרון איז פֿאַרבליבן איינער פֿון זיינע וויצן. אין אַ געוויסע שטעטל, ווו עס האָט געוווינט אַ יידישער מילנער, האָט אַ צווייטער אויסגעבויט נאָך אַ ווינט־מיל. דער מילנער איז תיכף אַוועקגעלאָפֿן צו זיין רבי, דערציילט אים די גאַנצע מעשה. דער רבי האָט געזען, אַז דער מילנער איז גרייט צו געבן אַ נישקשהדיקע מתנת־יד, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג פֿון מילנער צו קומען צו אים און באַטראַכטן אַלץ אויפֿן אָרט. ווען זיי האָבן פֿאָרנדיק, זיך דערנענטערט צום שטעטל, האָט דער מילנער אָנגעוויזן דעם רבי די שפּיצן פֿון דער מיל. דער רבי האָט אָנגעשטרענגט זיין ראיה און אָפּגעענטפֿערט, אַז ער זעט גאָרנישט. דער מילנער האָט געמיינט, אַז דער רבי איז קורצזיכטיק, האָט ער אים עטלעכע מאָל אָנגעוויזן אויף דער נייער מיל. דער רבי האָט כסדר אָפּגעענטפֿערט, אז ער זעט גאָרנישט. און קומענדיק אויפֿן אָרט, בעת אַ בלינדער האָט שוין געקענט זען די מיל, האָט דער רבי פֿאַרגלאָצט די אויגן און געזאָגט, אַז ער זעט גאָרנישט. פֿאַרבעטנדיק דעם רבי צו זיך אויף אַ מאָלצייט, האָט דער מילנער פֿריילעך אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב: דו ווייסט שרה, דער רבי זאָגט, אַז ער זעט נישט די מיל, איז אַ סימן, אַז פֿון דער מיל וועט ווערן עפר ואפר. נו, און וואָס איז געוואָרן מיט דער מיל? האָבן די חסידים געפֿרעגט. וואָס האָט געדאַרפֿט ווערן? זי שטייט ביז היינטיקן טאָג!

ווי איך האָב אויבן דערמאָנט, האָבן אין קאַצינעס געוווינט דריי אינטעליגענטע משפּחות, ליטוואַקעס, אָדער האַלב־ליטוואַקעס. זיי האָבן געקענט לערנען, זענען געווען אָנגעשטעקט מיט משכּיליזם, אויסגעשריבן און געלייענט די „הצפֿירה" און העברעאישע ביכער, אויך געלייענט אַ רוסישע צייטונג. היות מיין מאַמע ע"ה האָט געשטאַמט פֿון טיף רוסלאַנד און האָט באַזיצט מיטעלע בילדונג, איז ביי אונדז געווען זייער פֿיל רוסישע ביכער. אַלזאָ העברעאישע ביכער איז מיר אויסגעקומען צו נעמען ביי זיי. איך האָב, למשל, ביי זיי גענומען „אהבת־ציון", „אשמת שומרון", „קבורת חמור", „התועה בדרכי החיים" א. אַז. וו., הגם ס'איז מיר דעמאָלט נישט לייכט אָנגעקומען דאָס לייענען.

איינער פֿון די דריי איז געווען פּינחס גווירצמאַן, אַ בריסקער, וועלכער איז געווען מיין טאַטנס שותּף צו נאַפֿט. אים האָט נאָך דער חתונה אַריינגעזעצט אין קאַצינעס זיינער אַ רייכער קרוב קאַגאַן, וואָס האָט געהאַט נאַפֿט־גרובן אין באַקו. מיט אים האָט מיין פֿאָטער ס'רוב ליב געהאַט צו ריידן וועגן פּאָליטיק, דער עיקר וועגן דער יידן־פֿראַגע אין רוסלאַנד. ער איז געווען אַ בן־תּורה, אַ ייד אַ חכם און ווי מען האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, „פֿריי געזאָנען".

דער צווייטער איז געווען קרעמער (דעם פֿאָרנאָמען פֿאַרגעסן) אַ מאַן אין די פֿופֿציקער, אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, וועלכער האָט געהאַט אַ געמישט קרעמל „פֿון אַלץ אין דער וועלט". אויך ער איז געווען אַ תּלמיד־חכם, מיט אַ ניצוץ פֿון משכּיליזם. ער האָט געהאַט אַ גרויסע העברעאישע ביבליאָטעק און ליב געהאַט זיך צו גריבלען אין די עניני הפֿילאָזאָפֿיע, האָט זיך אָפֿט פֿאַררופֿן אויפֿן מורה־נבוכים, און פֿונדאַנען האָט זיך צו אים גענומען די באַקאַנטשאַפֿט מיט די אַלטע פֿילאָזאָפֿישע שיטות פֿון אַפּלטון, אַריסטו און די „מדברים". אָבער די דאָזיקע תּורה איז נישט געווען קיין סחורה פֿאַר דעם קאַצינער עולם און ער האָט עס אַלץ געמוזט שטיקן אין זיך.

אגב האָט ער געהאַט נישט קיין אייגענעם, נאָר אַן אָדאָפּטירטן זון, חיים קרעמער, וועלכער איז געווען מיינער אַ חבר פֿון די יונגע יאָרן און אַלס אַ יונגער בחור האָט ער ווייט פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה עמיגרירט קיין אַמעריקע און דער ווייטערדיקער גורל זיינער איז מיר אומבאַוווּסט.

דער דריטער איז געווען דער אויבנדערמאָנטער חיים ווילאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ בשמים־געשעפֿט, צו וועלכן ער האָט אגב קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַריינגעטאָן, נאָר אָנגעפֿירט מיטן געשעפֿט האָט זיין אשת־חיל ביילע.

— סטייטש, — האָבן מענטשן געפֿרעגט — ווי קומט עס אַז דעם סלוצקער רב'ס אַ זון איז מגולגל געוואָרן אַזש קיין קאַצינעס אין אַ בשמים־קלייט, וואָס האָט אים אינטערעסירט ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי?! בייזע צינגער, די ליצני־הדור, האָבן געזאָגט, אַז ער האָט נישט געוואָלט לערנען, געווען אַ לעבע־יונג, האָט פֿאַרשאַפֿן דעם טאַטן חרפּה, האָט ער אים חתונה געמאַכט פֿאַר אַן אשת־חיל און אים באַזעצט אין אַ ווייטע גובערניע. און באמת, מיט קיין שום גייסטיקער רייכקייט האָט ער זיך נישט געקענט באַרימען, אָבער פֿריילעך איז געווען אין זיין קאָמפּאַניע.

דער סוף איז געווען, אַז נישט קענענדיק זיך אויסלעבן מיט אַ ווייב און דריי קינדער, איז ער אַוועק קיין אַמעריקע און ווי אָסטראָלענקער בני־עיר האָבן דערציילט האָט ער אויסגענוצט דעם טאַטנס פֿירמע (אין אַמעריקע איז אַלץ אַ סחורה), פֿלעגט געוויסע שעהן שטיין אין שול מיט אַ טלית אויף די פּלייצעס, אויספֿילנדיק געוויסע רעליגיעזע פֿונקציעס.

אגב וויל איך דאָ צוגעבן, אַז אין 1942, בעת איך בין געווען אין קויבישעוו (סאַמאַרע), האָב איך זיך דאָרט געטראָפֿן מיט זיין ווייב ביילע, זיין טאָכטער רייזל, אַ ווייב פֿון אַ פֿאַבריק־דירעקטאָר און זיין צווייטע טאָכטער חיה, אַ דאָקטער. וועגן איר זון וועלוול, האָט מיר די אַלטע ביילע דערציילט, אַז בעת זיי האָבן זיך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה עוואַקואירט פֿון אָסטראָלענקע, איז אין וואַגאָן אַ שווערע וואַליזע אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער פּאָליצע אויף זיין קאָפּ און קורץ דערנאָך איז ער געשטאָרבן.

אָט מיט די דריי משפּחות זענען מיר געווען אין נאָענטן, אַזוי צו זאָגן, פֿאַמיליערן קאָנטאַקט. זיי פֿלעגן קומען צו

אונדז און מיר צו זיי, מען פלעגט שמועסן, דיסקוסירן וועגן דאָס און יענץ וכדומה.

אָבער חוץ מיין פאָטער האָט קיינער פון דידאָזיקע אינטעליגענטן נישט געקענט געפינען דעם געמיינזאַמען לשון מיטן פראָסטן עולם פון קאַצינעס.

✶

מיין פאָטער און נאָך מיטגלידער פון אונדזער פאַמיליע איז צוגעטיילט געוואָרן דער טראַגישער גורל פון די 6 מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן. אין עלטער פון דריי און אַכציק יאָר איז ער אומגעקומען אין דעם ביאַליסטאָקער געטאָ. הי״ד.

מיין מוטער ע״ה

שטיל האָט זי געלעבט און שטיל איז זי געשטאָרבן.

ווען איך טראָג זיך אַריבער אין דער פאַרגאַנגענהייט, זע איך מיין מוטער ז״ל אין פאַרשידענע פעריאָדן פון איר לעבן. איך זע איר צווישן אַ גאַלעריע פון לאַנג־פאַרגעסענע פערזאָנען, וואָס גייען פאַרביי אין מיין אָנגעשטרענגטן זיכרון מיט אַ גיכקייט פון אַ קאַליידאסקאָפּ.

און אין דער דאָזיקער לאַנגער קייט פון דער פאַרגאַנגענהייט, צווישן די סעריעס פאַרטושטע פערזאָנען, שטייט זי פאַר מיר אַ צאַרטע, אַן איידעלע, אַ שטילע, אַ רואיקע.

מיין מוטער איז געווען אויך פאַר אַלעמען גוט, נישט בלויז פאַרן פאָטער און פאַר אונדז קינדער. איר גוטסקייט און פילבאַרקייט צו מענטשן איז געווען פון אַ נישט געוויינלעכער מדרגה. אַלע וואָס האָבן איר געקענט און געקומען מיט איר אין באַרירונג האָבן פאַר איר געהאַט דעם גרויסן יראת הכבוד. איר אייגענע פערזאָן איז תמיד געווען אויף אַ שפּעטערדיקן פּלאַץ. שטענדיק געזאָרגט און געליטן פאַר יענעם. אַלע כוחות האָט זי אַוועקגעלייגט יענעם צו העלפן וואָס מער און מער, צו באַנעמען אים מיט אַ טרייסט־וואָרט, מיט אַ ליבלעכן שמייכל. זינט איך געדענק איר האָט זי ביי איר גרעסטער אינערלעכער אויפרעגונג קיינמאָל נישט אַרויס פון איר רואיקייט, פון איר צאַרטן גדר. געליטן אין דער שטיל פון מענטשלעכע באַטריבונגען און עוולות און תמיד געבליבן די באַעוולטע, פּונקט ווי דאָס וואָלט פאַר איר געווען דער גרעסטער נצחון, פּונקט ווי זי וואָלט דערמיט יענעם באַזיגט.

איר איידעלע נשמה האָט געזוכט גערעכטיקייט אינעם געדיכטן וואַלד פון אומגערעכטיקייטן. געהאָפט אויף בעסערע גליקלעכערע צייטן אָבער, לײדער, זיך דערויף נישט דערוואַרט. זי האָט געהאַט אין זיך אַ שטילע פאַרבאָרגענע פרומקייט. זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן און עס נישט קיינעם קיינמאָל אָנגעוואָרפן. אמת, גערעכטיקייט — דאָס זענען געווען די טענער פון איר האַרץ, די מידות האָט זי אין אונדז איינגעפלאַנצט אין די קינדערישע יאָרן.

שטאַמט אָפּ פון סאמארע (היינט קוּבישעוו) פון אַ יידישער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע פרענקעל. מיין מאַמעס מוטער ד. ה. די באָבע שטאַמט אויך פון אַן אַריסטאָקראַטישע משפחה שעפּטעל. איך געדענק נישט גענוי, אָבער איר פאָטער אָדער זיידע איז געווען רב אין סלוצק. מיין מוטערס דריי ברידער זענען אַלע געווען מיט העכערע בילדונג: צוויי אינזשינערן און איין דאָקטער, וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק געשטאָרבן אין סטאַלינגראַד. איין ברודער אירער אינזשינער פרענקעל איז איינער פון די אָנגעזעענסטע עלטסטע אינסטרוקטאָרן פון „אָרט”, לעבט אין פאַריז און איז אַלט 85 יאָר.

מיין מוטער האָט געהאַט מיטעלע בילדונג און איך געדענק ווי זי פלעגט לייענען פראַנצויזישע ראָמאַנען.

צוויי יאָר פאַר דער היטלער־קריג איז זי געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק, ווו אונדזער גאַנצע פאַמיליע איז אַריבער דאָרט וווינען צייט דעם ערשטן וועלט־קריג, עוואַקואירנדיק אָסטראָלענקע־קאַצינעס צוליב די גרויסע רוסיש־דייטשישע שלאַכטן, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי דער שטאָט. געהאַט נאָך דאָס גליק דאָרט נקבר צו ווערן כדין וכדת, אויף אַ נאַטירלעכן מענטשלעכן אופן...

כבוד איר אָנדענק!

זאַמאָשטש

כאנע האלצמאן (בוענעס־איירעס, ארגענטינע)

זאַמאָשטש איז געווען אַ דאָרף, 9 ק״מ פון אָסטראָלענקע (פאר טשערווין). אַחוץ דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען די מערהייט, האָבן אין דאָרף געוווינט ביי 15 יידישע פאַמיליעס, וועלכע זענען צווישן זיך געווען קרובים. אויסער דעם קירזשנער, דעם שניידער, דעם שמידט און דעם שוסטער.

זאַמאָשטשער פרנסות: 4 אויבנדערמאָנטע בעלי־מלאכות האָבן געצויגן, פאַרשטייט זיך, פרנסה יעדערער פון זיין פאַך. די איבעריקע יידן האָבן זיך פאַרנומען, אין אַ קלענער פאָרם, מיט לאַנדווירטשאַפט און האַנדל. געהאַנדלט האָט מען מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט: מיט גענדז, אינדיקעס, תבואה, קעז, פּוטער, האָניק, מילך, מעל, פרוכט, אַ פעלכל, שעכטן אַ קעלבל און חזיר־האָר. מיט וואָס נישט? אָסטראָלענקע איז געווען טיילווייז די אָפּנעמערין פון די אלע סאָרטן סחורות, דאָס איבעריקע פלעגט מען שיקן קיין וואַרשע, און טיילמאָל אויך קיין דייטשלאַנד. אומבאַדייטנדיק־קליין איז געווען דאָס לעבן אין זאַמאָשטש אין קולטורעלן־געזעלשאַפטלעכן זין. די שבתים און ימים־טובים — זיי זענען געווען דער גייסטיקער „אָפּרו״ פון דעם הייפל יידן אין דאָרף, אָדער ווען איינער האָט געהאַט יאָרצייט...

אַ לערער אָדער אַ מלמד איז געווען פאַר קלענערע קינ־דער, ווייל די גרעסערע האָבן געלערנט אין אָסטראָלענקע, אָסטראָווע צי אין לאָמזשע. די אלע רעליגיעזע הצטרכותן ווי: אַ רב, א מקוה, אַ בית־עולם א. ד. גל. זענען באַפרידיקט גע־וואָרן אין אָסטראָלענקע. (פלייש פלעגט מען עסן פון דער קאַצינער שחיטה). פון מאָל צו מאָל פלעגט אויך פאַר־בלאָנדזשען אַ מגיד, אַ ייד פון ארץ־ישראל, אָדער סתם אַן אָרימאַן — פלעגט ער שוין בלייבן ביז איבער שבת. אין די שבתים און ימים־טובים פלעגן זיך צוזאַמענקומען די יוגנטלעכע פון די אַרומיקע דערפער, ווי: טראָשין, כראָסטאָווע, זשעקין און אנד., און זיך פאַרווילן מיט זינגען און טאַנצן, שפּילן אין פאַנדן און דיסקוטירן. די מער באַוווסטזיניקע פון זיי פלעגן פאָרלייענען אַ יידישע צייטונג, אַ ביכל פון שלום־עליכם, מאַרק טווען אָדער פרץ הירשביין, וועלכע זענען דעמאָלט געווען פון די פּאָפּולערסטע שרייבער און אפשר די ערשטע, וואָס מ׳האָט אין זאַמאָשטש געלייענט.

אחרי מוטל נתקבל לשוחט בק. אחד מבני משפחתנו מאוסטרולנקה בשם משה אהרן. גם הוא הצטיין באומנותו, ומלבד זה היה לו קול נעים וערב, והיה בעל־מוסף ל„ימים הנוראים", ושוב לא הוצרכו בני ק. לבקש בעל־מוסף אחר לתפילות הנ"ל (מובן שהשוחט היה מקבל תשלום מיוחד בעד חזנותו). אך גם משה אהרן עזב אחרי שנים אחדות את ק. כי עבר לעיר מאלקין.

אחריו שימש בתור שוחט גרשון סרני, עד שבאה השואה והשמידה אותו ואת הקהילה כולה.

קאדזידלה בין שתי מלחמות-עולם

מלחמת־העולם הראשונה נתנה אותותיה בק. ביום הראשון להכרזת המלחמה פלשו גדודי רוסיה בפיקודו של הגנרל

סמסונוב לפרוסיה. כשניגפו על־יד יאורי מאָזור נסוגו עד למרחק של שלושה ק״מ מק. היהודים תושבי ק. הוכרחו לעזוב את בתיהם מפני שהוחרמו בשביל קציני המטה הרוסי, שהתבצר בק. וגם מפני שנחשדו בריגול לטובת הגרמנים. היהודים נטלו מכל הבא אל היד ויצאו לערים הקרובות לומזה, אוסטרולנקה ועוד. אחרי המלחמה, חזרו פליטי ק. למקומם, אף כי במשך הזמן מצאו פרנסתם במקום מגוריהם החדש. ראוי לציין, כי תושבי הכפר הנוצרים שמחו לקראת שובם לק. וגם החזירו להם את הרהיטים שהשאירו והם שמרו עליהם כל הזמן.

מפני תנאי התחבורה, שנשתפרו הודות לכביש שסללו הגרמנים בין אוסטרולנקה ובין הגבול והודות למסילת־הברזל הצרה שנסללה בשטח הנ״ל למטרות אסטרטגיות ולהעברת ה„שלל״ משטחי הכיבוש לארצם, התפתח הישוב היהודי בק. ולפני השואה הגיע מספר המשפחות היהודיות ל־50. היהודים פתחו חנויות למכירת אריגים, מכשירים חקלאיים ועוד. באו גם אומנים חדשים: חייטים, סנדלרים, נגרים, נפתחה מאפיה חדשה כמתכונת המאפיות המשוכללות בעיר. במקום ה„מנין״ שנמצא קודם בבית פרטי הוקם בית־תפילה על מגרש שנרכש מאיכר ברשיון מועצת־הכפר ובהיתר הכמורה המקומית. במשך הזמן כתבו גם ספר־תורה לעצמם, כדי שלא להיות תלויים בחסדי אוסטרולנקה ומישניץ, שהשאילו להם עד עתה ספר־תורה לזמן מסוים.

גם התנועה הציונית חדרה לק. תנועות הנוער החלוץ, העובד, שלחו משורותיהם צעירים להכשרה לעליה לארץ (לקיבוץ קלוסובה). מדריכים ונואמים של התנועות, שביקרו בערי הסביבה, לא דילגו על ק. הנוער יסד ספריה ביידיש ובעברית על־יד בית־התפילה. גם שיעורים לעברית נפתחו.

אמנם בשנים האחרונות לפני שפרצה המלחמה העולמית השניה, כשהמפלגה האָנדקית (הנאציונאל־דמוקרטית) הפולנית הגיעה לשלטון, גברה שנאת הפולנים ליהודים. בני הנוער שלהם, שהוסתו ע״י הכמרים, היו מצרים ומציקים ליהודים; העמידו משמרות על־יד חנויות היהודים ולא נתנו לנוצרים לקנות בהן את מצרכיהם. בעלי־מלאכה פולניים התישבו בכפר, והם משכו את הלקוחות הנוצריים של היהודים אליהם וקיפחו את פרנסתם. אך למרות ההסתה והתעמולה, העדיפו רוב התושבים לקנות אצל היהודים בידעם שאצלם יקנו סחורה מובחרת יותר בזול. כן העדיפו את האומן היהודי שעלה בכושר עבודתו ובוותקו על האומן הפולני.

אך בשעה שהנ. ד. עסקו ברדיפת היהודים, לא דאגו לבטחון המדינה ובינתיים לטש הצורר הנאצי את עיניו על פולין עד שפלש לתוכה, כבש אותה והביס את צבאה במשך ימים ספורים. היהודים, שנואי נפשו של עמלק הגרמני, הרגישו מיד את נחת זרועם האכזריה של קלגסיו. היהודים הקרובים לגבול גרמניה שתו ראשונה את כוס התרעלה: נגזרה עליהם גזירת כליה והשמד.

אין ידיעה ברורה על גורל יהודי ק. לאן ברחו ואיפה נמצאו בשעת ה„אקציות״ השונות עד שהושמדו. נתקבלו ידיעות מעורפלות על: אברהם לוינסקי ואשתו חנה לאה, חתנו עובדיה זילברשטיין ואשתו שרה עם ילדיהם, שהיו זמן ידוע באוסטרוב מאזוביאָצק, לפני שנשלחו מזאמברוב יחד עם יהודי לומזה וכל הסביבה לאושוינצים. כן נודע שמשפחתו של יוסף לוינסקי (אשתו: האָניה, בניו יעקב וצבי, בנותיו: צביה ואסתר רבקה) היתה זמן ידוע בּיָדוואָבנה, שהיתה אחר החלוקה תחת שלטון הבולשביקים. וכשגרמניה הכריזה מלחמה על רוסיה נמלטה המשפחה הנ״ל לעיר נגֶסביז׳ ברוסיה הלבנה. האָם מתה בידוואבנה. צביה קיבלה משרה בדואר בנגֶסביז׳, והיתה כותבת מפעם לפעם מכתבים לאחותה נאוה בתל־אביב. אך עם פלישת הנאצים לרוסיה, נפסק כל קשר אתה, וגורלה של משפחה זו היה כגורל שאר היהודים בעיר. ידוע שמשפחת שמואל בורנשטיין נמלטה ללומזה. שמואל שהיתה לו חנות אריגים הציל גם את סחורתו והביאה עמו ללומזה. כשפרצו הגרמנים ללומזה שלח את אשתו וילדיו לווילנה והוא עבר עם אריגיו לביאליסטוק. מביאליסטוק נתגלגל לעיר טוֹבּוֹלסק, חבל אומסק שבסיביריה. שם חלה ומת בבית־החולים של העיר. ביה״ח הנ״ל הוציא תעודת־מוות לנפטר ושלחה לבנו דוד, שהגיע ארצה בתור חלוץ, והוא יושב בחדרה ועוסק בדיוג.

כך ניתק פתיל חייה של קהילת ק., עברה ובטלה מן העולם יחד עם מאות ואלפי קהילות קדושות, עם בתי־המדרש ובתי־הכנסת שלהן ועם כל מוסדותיהן הציבוריים, הדתיים והחי־לוניים.


יזכור אלקים את קדושי קאדזידלה יחד עם כל הקדושים והטהורים שהושמדו בשואה של עמלק הנאצי ימ״ש. הי״ד.

מ י ש י נ י ץ

אַ גרענעץ־שטעטל. אייניקע ק״מ פון דער מזרח־דייטשי־שער גרענעץ און 38 ק״מ פון אָסטראָלענקע. איינע פון די סביבה־שטעטלעך וואָס האָבן געהערט צו אָסטראָלענקע, אַלס אַ פּאָוויאַטאָווע שטאָט. אַ קליינע־באַן האָט געפירט פון אָס־טראָלענקע, דירעקט קיין מישיניץ *).

כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז באַשטאַנען פון איין לאַנ־גער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן גלייך מיטן שאָסיי. די הייזלעך זענען דאָס רוב געווען איין־שטאָקיקע און הילצערנע. ווי־נישט־ווי (ממש אויף די פינגער צו ציילן) איז אויך געווען צו טרעפן אַ 2־שטאָקיק הייזל אפילו אַ געמויערטס. די יידישע באַפעלקערונג — איבערהויפּט נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען אַלץ איז געוואָרן פאַרברענט און צערויאינירט, און דערנאָך, ווען די מישיניצער האָבן זיך צוריקגעקערט פון די אַלע געגנטן, וווּ זיי האָבן זיך געהאַט פאַרשטעקט צוליב דעם קריג — איז באַשטאַנען פון 240 ביז 250 משפחות, בערך. לויט דער סטאַטיסטיק פון פאַר דער 1־שטער וועלט־מלחמה האָבן אין יאָר 1897 געלעבט אין מישיניץ ביי אַ 1.800 יידישע נפשות. די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז געווען אויסגעמישט מיט דער יידישער אַזוי, אַז פיל יידן פלעגן וווינען אין קריסטלעכע הייזער.

מישיניץ איז אויך געווען אַ מסחר־שטעטל, וועלכע האָט געהאַט האַנדלס־באַציאונגען מיט דער אַרומיקער געגנט. פיל פון די אַרומיקע שטעט פלעגן דאָרט קומען מסחרן. אַ הויפּט־צווייג פון מישיניצער האַנדל איז אָנגעגאַנגען מיט דער „דייטשישער גרעניץ" און אַ סך אַ סך האָבן פון דאָרט „גע־צויגן" זייער חיונה, ווי: דער שמוגל מיט זיידנס, ראָזשינקעס, א. ד. גל. ווי באַקאַנט האָט דער דאָזיקער „לינקער מסחר" באַזירט אויף אַ געוויסן אומאָפּיציעלן „אָפּמאַך" מיט הויכע פערזאָנען פון די דעמאָלטיקע וואַך־באַאַמטע ביי דער גרענעץ, וואָס פלעגן זיך מאַכן „נישט הערנדיק און נישט זעענדיק", באַקומענדיק דערפאַר הויכע חודשלעכע „געהאַלטן"...



מישיניצער בית המדרש

אָבער נישט בלויז אויף דעם אַליין האָט זיך געשטיצט דער האַנדל אין שטעטל. עס זענען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען קראָמען, מאַרק־טעג און דערצו האָט מען צוגעהאַנדלט מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. געקלאַפּט האָט אויך אין שטעטל אַ פּאַראָווע מיל (אויף אַ גאַז־מאָטאָר), וואָס איז גע־שטאַנען נאָענט פון טייך (ראָזאגא). די אינהאַבער פון דער מיל זענען געווען: אברהם־לייב עלטערמאַן, גדליהו טיקולסקער (היינט אין ישראל), משה־יאָסל קריגער, הערש־בער ליאַסקאָ און שלמה ליאַסקאָ. די ווייסע מעל האָט מען פאַרקויפט אין שטעטל, די פּאָשליאַט פלעגט מען פירן קיין אָסטראָלענקע און די קלאַיען איז אַוועקגעגאַנגען קיין דייטשלאַנד.

אַז מישיניץ איז אויך געווען אַ שטעטעלע פון אחדות, ממש „אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע", קאָן באַווייזן, צווישן אַנדערע פאַקטן, די מעשה מיט אַ כאָרזשעלער ייד, וואָס האָט געהייסן יצחק אלי. ווען יצחק אלי האָט איינמאָל געבראַכט אַן אָנגעלאָדענע פור מעל פון כאָרזשעל (אַ שטעטל 35 ק״מ פון מישיניץ) קיין מישיניץ און האָט עס אַזוי לייכט נישט געקאָנט פאַרקויפן, איז דער פורמאַן, אַ קריסט פון אַ דערנעבנדיקן דאָרף, געוואָרן אומגעדולדיק און אָנגעהויבן כאַפּן די זעק מעל פון דער פור אַראָפּ און זיי געוואָרפן אויפן מיטן גאַס, איבערלאָזנדיק יצחק אלי'ן אויף גאָטס באַראָט. אַזוי ווי מ'האָט עס נאָר באַמערקט, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן פון אַלע עקן שטאָט מיט „קיִיאַנקעס" אין די הענט, פרויען ווי מענער, קליין ווי גרויס — באַפאַלן דעם קריסט, אים אויסגעשפּאַנט די פערד, צוגענומען די „האָרטשיקעס" און אים געלאָזט אַזוי־אָ שטיין, ביז — — דער קריסט האָט גענומען בעטן רחמים, מ'זאָל אים אָפּגעבן די „האָרטשיקעס" און אים לאָזן צורו. צוגעזאָגט אויף להבא צו זיין „גוט און פרום" און אַז ער וועט שוין וויסן פון היינט־אָן ווי אַזוי זיך צו באַגיין. די געשיכטע האָט אויפגערודערט גאַנץ מישיניץ צו יענער צייט און האָט אַרויסגערופן אַ וואַרעם געפיל ביי אַלע איינוווינער פון שטעטל.

* די געשיכטע פון מישיניץ און איר אַנטשטייאונג, די צאָל פון דער קריסטלעכער און יידישער באַפעלקערונג און פון ווען אָן ס'איז דאָרט אַנטשטאַנען אַ יידישער יישוב — איז נישט גענוי באַקאַנט. וועגן דער קאָנצענטרירונג פון דעם קורפּיער־שבט (שטאַרק־פאַר־פרומטע קאַטאָליקן) אַרום דער דאָרטיקער געגנט, זייער אָפּשטאַם און געשיכטע — זע: „קאַדזידלה", ישראל לווינסקי. ביז צו דער לעצטער צייט האָבן זיך נאָך געפונען פיל פון די קורפּיעס אין מישיניץ גופא ווי אויך אין דער אַרומיקער געגנט. מ'ווייסט נאָר צו דערציילן, אַז זיי זענען געווען זייער פריינדלעך צו יידן און גרויסע מכניסי־אורחים אין פאַרגלייך מיט אַנדערע.

מישיניצער פאַרטיי־לעבן: צו ערשט: די אַלגע־מיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. פון אירע ערשטע גרינדער איז געווען: יצחק בלומשטיין (היינט אין ישראל), שפּעטער: נאָטע קרעמער, בערל אולערט, משהל פּרץ, בערטשע וואַר־מאַן א״א. געהאַט אויך אַן אייגענע ביבליאָטעק. פון דער דאָזיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען דער־נאָך דער פּועלי־ציון (צ. ס.). די גרינדער: יחיאל עלטערמאַן ז״ל, יעקב פּרץ (ישראל), שמעון כ״ץ, י. ל. זימאַן (מעקסיקע) א״א. אָנגעפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט אין פּאַרטיי־איש־קולטורעלן זין מיט אַ ביבליאָטעק א. נ. פון י. ח. ברענער. עס איז צו דערמאָנען דערביי דעם דאָזיקן עפּיזאָד. ווען דער חבר פונט איז איינמאָל אין אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס אַראָפּגע־קומען צו די פּועלי־ציון, אַלס שליח פון וואַרשעווער מרכז, אויף אַ רעפעראַט, האָבן פרומע יידן, זיך דערוויסנדיק, אַז ער האָט פאַרויכערט אום שבת אַ ציגאַר, געמאַכט אַ חורבן גמור פון דער ברענער־ביבליאָטעק: טייל ביכער האָט מען צע־שלעפּט און אַ טייל — פאַרברענט.

דערנאָך איז אַנטשטאַנען דער „החלוץ״ און „החלוץ הצעיר״. די טעטיקע: זעליג־ברוך קרעמער, יעקב פּרץ, עזרי־אל עליכאָווסקי, דוד פּרץ, משה בערגמאַן, דינהטשע לאסקא־טכנאי (ישראל) א״א. דער החלוץ מיטן צ. ס. האָבן אויך געהאַט אַ דראַמאַטישן קרייז. אויך איז געווען אַ טעטיקייט אין „דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן א״י״. און „פרייהייט״.

געווען אויך אַ גרופּע פון לינקע „פּועלי־ציון״ אונטער דער אָנפירונג פון פישל טאַביאַש (היינט אין אורוגוואי).

אויך אַן אגודת ישראל בראש פון משה גאַלינא, אלי לער־מאַן א״א. געווען אויך אַ „בית יעקב״ שול.

אָנגעגאַנגען איז אויך אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פון „מזרחי״, וואָס האָט געהאַט אַליין פאַר זיך אַ „שטיבל״ (ביי אַלטער טשאַפּניצקי), ווו מ׳האָט געדאַווענט מיט מנין און אויך געפירט די פאַרטייאישע ענינים. עס דאַרף דאָ דער־מאָנט ווערן זאב ירושלמי (יערוזאַלימסקי, אַלס ראש פון דער דאָזיקער פאַרטיי. געווען אַ „מזרחי״ בלב ובנפש). דער מישי־ניצער פּאַלעסטינע־אַמט איז געווען ביי אים אין שטוב. ער איז געווען מורשה פון קרן קיימת. געהאַט אַ פאַבריקל, וואָס האָט פאַבריצירט אַליי, און פון דעם געצויגן פּרנסה. אויך איז געשטאַנען בראש פון מזרחי, פייוול בעקערמאַן (העב־רעאישער לערער).

ביי דעם „מזרחי״ איז אויך געווען דער „החלוץ המזרחי״ אונטער דער אָנפירונג פון משה בלומשטיין (היינט אין ישראל), שלום מאַרקוס א. אַנד. און אויך „השומר הדתי״. געווען דאָרט אויך אַ „החלוץ״ און „החלוץ הצעיר״ אונטער דער אָנפירונג פון יצחק ווייסמאַן, עזריאל אליכאָווסקי א. אַנ. לעצטנס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו שאַפן קליינע רעווי־זיאָניסטישע גרופּירונגען, אָבער אַן שום באַזונדערער השפּעה. דאַקעגן האָבן דאָרט נישט עקזיסטירט קיין שום אַנטיציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס.

מישיניץ איז געווען אַ גמינע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ וואָיט מיט אַ סעקרעטאַר, מיט וועלכע עס פלעגן אויך מיט־אַרבעטן יידישע עסקנים (דאַזאַרעס) ווי: יואל זימאַן, אברהם לייב עלטערמאַן א. אַנד., וואָס פלעגן העלפן באַשטימען די שטעטלדיקע „פאַדאַטקעס״. געווען איז אין מישיניץ אויך אַ סאַנד (געריכט) און אַ גמילות־חסדים־קאַסע; איר פּרעזעס איז געווען משה־לייב בלום. אליהו לערמאַן, אַ זון פון בראָקער רבי׳ן, פלעגט זיין פאַרטרעטן אין אָסטראָלענקע אַלס אַ פאַר־שטייער פון מישיניץ אין דער דאָזיקער שאַצונגס־קאָמיסיע פאַר די שטייערן, וואָס מ׳פלעגט אַרויפלייגן אויף די מישי־ניצער איינוווינער, ווי אויך אויף די איינוווינער פון דער אַרומיקער געגנט, וואָס איז געווען אַדמיניסטראַטיוו פאַר־בונדן מיט אָסטראָלענקע אַלס אַ פאָוויאַט־שטאָט.

אויך אַ חסידים־שטיבל איז געווען אין מישיניץ, אַן איין און איינציקע, ווו עס פלעגן דאָרט דאַווענען חסידים מכל המינים. דאָ דאַרף דערמאָנט ווערן ר׳ ראובן קריגער (זאַראָמ־בער רבס אַן איידעם). ער האָט געהאַט אַ גרויס הויז, ווו ער האָט אַליין געוווינט, נאָר דאָס קליינע הייזעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין הויף, האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר אַ חסידים שטיבל *). ער האָט אויך אַוועקגעשאַנקען אַ האַלבע הויז פאַר אַ הכנסת־אורחים, ווו ער אַליין פלעגט זיך מטפל זיין מיט די אורחים. געווען אויך איינציקע אינסטיטוציעס אין מישיניץ ווי אַ „לינת הצדק״ א״א.

אַ גאַר גרויסע השפּעה אויפן רעליגיעזן געביט האָט גע־האַט דער דאָרטיקער רב, הרב ר׳ יהודה לייב אנאליק (ער איז געווען אַ זון פון שעדליצער רב ר׳ שמעון בער, וועלכן מ׳האָט גערופן: „דער שוואַרצער עילוי״). געווען אַ גדול בתורה און דערצו אַ קנאי שבקנאים. אַרויסגעוויזן גרויס מסירות־נפש אין די צייטן פון קריג. ער איז געווען אַ שאַרפער אגודה׳ניק און געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישקייט, נישט מוותר געווען אויף אַ קוצו־של־יוד. מ׳דערציילט, אַז ווען אין מישיניץ האָט זיך געגרינדעט די ערשטע ביבליאָטעק מיט איטשע בלומשטיין בראש (היינט אין ישראל), איז איינמאָל אַראָפּגעקומען דער רב און האָט פאַרברענט אַלע ביכער („טריף־פּסולס״). אַזוי פלעגט ער קומען צולויפן אינמיטן אַ שפּילן טעאַטער, מאַכן אַ „ויצעקו״ און שטערן דאָס שפּילן. האָט ער געזען אַ בחור, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה, אָדער אַ מיידל, וואָס איז נישט געווען גענוג צניעותדיק אין איר הילוך, אַזוי פלעגט ער מרעיש עולמות זיין. פון דער אַנדערער זייט איז ער געווען דווקא אַ בעל לב טוב, וואָס איז געווען גרייט זיך מקריב זיין פאַר יעדן ייד אין אַן עת־צרה, אפילו פאַר אַ „פרייען״, וואָס ער איז נישט געווען מיט אים שלם בלבו. פון אָרימע בעלי־דינים פלעגט ער נישט נעמען קיין פּסק־געלט. ווען איינער פון די 2 בעלי־דברים איז געווען אפילו אַ רייכער, איז ער אויך געווען פּטור פון פּסק־געלט צוליב דעם אָרימען כדי אים נישט, חלילה, מבייש צו זיין. ווען אַן אורח איז צו אים געקומען, פלעגט ער אים מיט אַן אַ

* מ׳דערציילט, אַז ביז צום ערשטן וועלט־קריג איז דאָרט גע־ווען אַ ספּעציעל „שטיבל״ פון מתפּללים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דייטשלאַנד, מ׳האָט עס גערופן: „דאָס דייטשישע שטיבל״. וועלוול פּעצינער איז געווען זייער בעל־תפילה (געוווינט שפּעטער אין קאַדזשידלע).

שיעור וואַרימקייט אויפנעמען און אַליין בכבודו ובעצמו אים מאַכן דאָס געלעגער. ער האָט אויך געגרינדעט אַ ישיבה אין מישיניץ, אויפן שול־הויף, פון 4 כיתות. ביי 60—70 ייִנגלעך האָבן דאָרט געלערנט: מישיניצער ווי אויך פון דער סביבה, ווי: כאָרזשעל, רוזשאַן א. אַנ. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן איינער גודמאַן, וועלכע איז אַלס 13 יאָריקער ייִנגל, אַ יתום, אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד, און פון דאָרט האָט ער מיט אַ צייט שפּעטער זייער פיל געשטיצט די מישיניצער ישיבה און אויך אויפגעבויט פאַר איר אַ בנין (זיינער אַ זון האַרי גודמאַן, איז געווען דער מנהיג פון דער אַלוועלטלעכער „אגודת ישראל״; געוווינט אין לאָנדאָן).

ר׳ גרשון בלומשטיין איז געווען מישיניצער שוחט און מוהל. אַ ייִד אַ למדן, אַ נוח־לבריות. געווען אויך אַ סופר־סת״ם, געשריבן ספרי־תורות און פרשיות פון תפילין און מזוזות. און דערצו געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, וואָס פלעגט זיך אויסצייכענען מיט זיינע שיינע האַרציקע תפילות (געווען אויך אַ צייט לאַנג שוחט אין טשערווין).

ר׳ בעריש יאַבלאָנאָוויטש איז געווען דער משמש־בקודש (געווען אויך חוץ אים אַן אונטער־שמש טוביה, אַלטער פינקעלשטיינס אַן איידעם, וואָס פלעגט מאַכן די „שוואַרצע אַרבעט״). ר׳ בעריש איז געווען אַ שם־דבר אין שטעטל, פלעגט זיך אויך מתעסק זיין מיט קהלשע־אַדמיניסטראַטיווע ענינים און פיגורירט כלפי חוץ פאַר די רעגירונגס־אינסטיטוציעס (אויסער מישיניץ) אַלס „פאָד־ראַבין״ פון שטעטל ד. ה. וויצע־רב. ווען אַ ייִד האָט געדאַרפט אָנקומען מיט עפּעס אַן ענין צו דער גמינע, סיי אויף אַ „גלאַטיקן״ אופן, סיי אומגעקערט — פלעגט עס שוין מאַכן ער, ר׳ בעריש. מ׳דערציילט אויף אים, אַז ער האָט איינמאָל מסדר געווען אַ געוויסן דאָקומענט (מעטריקע), דורכלאָזנדיק גאַנצע 13 יאָר... ווען דער וואָיט האָט אים אַ פרעג געטאָן: בעריש, ווו האָסטו אַהינגעטאָן די 13 יאָר? האָט ער געענטפערט בזה הלשון: דאָס האָב איך אַוועקגעגעבן ניקאָלאַיקען (דעם רוסישן קייזער) כדי צו פאַרשפּאָרן גיין „דינען״. אָבער היינט נעם איך דאָס אָפּ צוריק, היינט גייט עס אויף די ריכטיקע יאָרן...

ער פלעגט גיין מיט די ציצית אין דרויסן. אַז מען האָט אים געפרעגט, וואָס איז דער טעם? האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז בבחינת אַ „נאַגאַיקע״, וואָס דאַרף דראָען און דערמאָנען אַז מען טאָר נישט זינדיקן...

כאָטש מישיניץ איז געווען פאַרבונדן מיט אָסטראָלענקע און געהערט אַלע יאָרן צו איר פּאָוויאַט, דאָך איז דער מישיניצער דיאַלעקט געווען מער ענלעך צו דעם לאָמזשער דיאַלעקט. אין מישיניץ פלעגט מען זאָגן: „גוט״ אָנשטאָט „גיט״, „יע״ אָנשטאָט „יאָ״, „אַזיי״ אָנשטאָט „אַזוי״. אויך איז געווען אין דעם מישיניצער דיאַלעקט פיל פון דער אַרומיקער ייִדיש־דאָרפישער געגנט, ווי: קאַדזשידלע, דילעווע א. אַנ.

דאָס מישיניצער געזעלשאַפטלעכע לעבן פלעגט קומען צום אויסדרוק אין דער שול, אויף ייִדישע שמחות און ביי פּריוואַטע צונויפקומענישן.

טעאַטער פלעגט מען שפּילן (ווען־נישט־ווען) אין דער פייער־לעשער־סאָפּע (מיט לייטערס אַרויפצוגיין), וואָס איז געווען לעבן דער גמינע. אַממערסטן פלעגן דאָרט שפּילן דורכפאָרנדיקע אַרטיסטן אָדער איינגעלאַדענע פון דער פרעמד. עס זענען אויך געווען אייגענע אַמאַטאָרן, ווי: ברוך קרעמער, משה׳ל פרץ, שיינע אַלטערמאַן, פרץ יעקב, פרידקע קריגער רייכל ווייסמאַן א. אַנ. רעזשיסירן פלעגט יצחק גערעבר.

אַזוי האָט מישיניץ געלעבט לאַנגע צייטן און געפירט איר אייגנאַרטיק לעבן. ביז די היטלעריסטישע מערדער זענען אָנגעלאָפן און זי אויגנבליקלעך אָפּגעמעקט פון דער לעבעדיקער וועלט.

מ׳דערציילט אַז איידער די נאַציס זענען אַריין, זענען געפאַלן זייער אַ גרויסע צאָל מישיניצער ייִדן פון אַ באָמבאַרדירונג ביי דער קליינער באַן־סטאַציע (קאָלייקע). די מישיניצער ייִדן זענען דערנאָך געוואָרן צעשפּרייט און צעזייט ווי אַלע אַנדערע אין כלערליי געטאָס און טויט־לאַגערן, ווו זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות.

השם ינקום את דמם!

(לויט ג. טיקולסקער און מ. בלומשטיין)

משה בלומשטיין, (סעקרעטאר פון מישיניצער פארבאנד אין ישראל)

מיין שטעטל
(טיפן און שטייגער)

מישיניץ, אַלץ וואָס עס איז געווען אין דיר ייִדיש — איז שוין פאַרניכטעט! דער בית־המדרש, דער בית־הקברות, די ייִדישע הייזער, געוועלבער און וואַרשטאַטן, ווו ייִדיש לעבן האָט זיך דורות לאַנג געוועבט און אויסגעליכטיקט. נישטאָ מער דער קול־התורה, די שטים פון די „תינוקות של בית רבן״, וואָס האָט געקלונגען צוערשט ביי די „עברי״ און דערנאָך ביי דער „סוואַרבע״ און גמרא, אין די חדרים פון שמואל רפאל איטשעלע און משה גאַלינא! פאַרשוווּנדן און ווי מיט אַ האַק איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אויף אייביק די פרייד פון דער שפּאַצירנדיקער יוגנט אין די שבת־פאַרנאַכטן „אויפן וועג צום אַפּטייק״, זייערע קלינגענדיקע געלעכטערס — פאַרשטומט געוואָרן. אַוועק איז דער רויש פון די מישיניצער יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „החלוץ״, „החלוץ המזרחי״ און „השומר הדתי״, ווו עס האָבן זיך געוואַרעמט חלומות אין האָפענונגען פאַר אַן ארץ־ישראלדיקער צוקונפט, די צעפלאַמטע יוגנט אין די „האָראַ״־קאַראַהאָדן מיטן: „אנו עולים ארצה״... די וואָס האָבן מיט אַן אַ שיעור תמימות געהאָפט און געגלויבט דאָס אַלץ צו דערלעבן און — נישט דערלעבט!

מישיניצער יידן מיט יידיש לעבן. זייערע שמחות און טרויער. שבתים. ימים טובים. יידן רחמנים־בני־רחמנימדיקע, נדבנותדיקע מיט וועלכע מישיניץ האָט זיך אין איר גאַנצער סביבה באַרימט געמאַכט — דאָס אַלץ איז שוין אָפּגעמעקט און אויסגעריסן מיטן וואָרצל! איין גרויסער חורבן איז געבליבן און פון אונטער די דאָזיקע חורבות שיינט און ליכטיקט אַרויס דער זכר פון אונדזערע מישיניצער קדושים.

כ׳זע זיי נאָך, די דאָזיקע יידן! ווי זיי וואָלטן נאָך געלעבט און עקזיסטירט — יידן פון פאַרשידענע שיכטן: חסידישע, לומדישע יידן מיט טיפע אויגן, הויכע שטערנס, בערד צעקאַמטע אַרום אויסגעבלייכטע פנימער; פרומע אָפּגעהיטענע יידן, יראת־שמימדיקע מיט פלפול און אַ בלאַט גמרא. יידן סוחרישע, „וועלטלעכע״, האַנדל־וואַנדל־יידן, וואָס פלעגן אויף שנעל אָפּגעבן דאָס, וואָס ס׳געהער „צו גאָט״ און גלייך לויפן און עוסק זיין בישובו של עולם. יידן אויפגעקלערטע, אַזויגערופענע משכילים. ציוניסטן, טרוימער פון יידישער גאולה. איצט: יידן אַרבעטער מיט מוסקוליזירטע הענט און מאָזאָליעס אויף זייערע דלאָניעס. פשוטע געזונטע יידן, שטענדיק גרייט צו העלפן אָדער גיין אין אַ סכנה פאַר אַ צווייטן. יידן איינפאַכע אָבער מיט אַ סך האַרץ, גרייט מיט הילף, טאַקע נישט מיט קיין „לומדישע עצות״, אָבער מיט אונטערשטעלן אַ פלייצע, יידן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געשטופּט „אויבן־אָן״ און דעם טעם פון „מזרח״ און אַ בכבודע עליה אָדער הקפה קיינמאָל נישט פאַרזוכט...

אָט די דאָזיקע יידן, וועלכע זענען עלול אפשר מער פאַרגעסן צו ווערן ווי אַנדערע — וויל איך באַזונדער דאָ דערמאָנען און אויף זיי זיך טאַקע אָפּשטעלן.

יידן, טיפן פון „עמך״: בעלי־העגלות. די, וואָס פלעגן פירן גאַנץ מישיניץ אַהין און אַהער, סיי ביים לעבן סיי ביים שטאַרבן... יידן, וואָס אַ דאַנק זייער קערפּערלעכע גבורה, צופיר און אָפּפיר האָט זיך געהאַלטן דאָס שטעטל „אויף די פיס״ און דערמעגלעכט צו דערנערן און צוהויבן דעם גייסט אפילו ביי די בלאַסע „בלוט־אָרימע״ תלמידי־חכמים...

1) חיים „איפּקעלעס״

עס שטייט געשריבן אין זוהר: „הכל תלוי במזל אפילו ספר־תורה שבהיכל״. דאַרף דאָך אַ בעל־עגלה אוודאי האָבן מזל. אָבער חיים איפּקעלעס מיט זיינע 2 „לייבן״ (פערדלעך) האָבן נעבעך נישט געהאַט קיין מזל אין מישיניץ. זיינע „לייבן״ — זיי זאָלן מיר מוחל זיין. די שולד, ווי עס ווייזט אויס, איז נישט געווען אין זיי, נאָר אין אים, חיימען גופא. עפּעס איז ער נישט געווען, דאַכט זיך, גענוג בעל־עגלה; געהאַט אַ „שוואַך מויל״. אַ בעל־עגלה איז „מחויב״ צו קאָנען „דערלאַנגען״ אַ קללה ווי געהעריק. ביי אים איז עס עפּעס נישט אַרויסגעקומען. יעדע קללה פאַרלירט פון איר „זאַפטיקייט״, ווען זי קאָלערט זיך נישט אַרויס ווי דער „דין״ איז, לויטן בעל־עגלהשן „שולחן־ערוך״ — מיטן קנאַק. ער איז טאַקע געווען אַ בעל־עגלה מיט אַ סירכה.

2) משה פּאַפּוזשא

אַ בעל־עגלה פון דור־דורות. זיך געהאָדעוועט מיט דער בייטש. זיך געחברט מיט זשרעבאַקעס פון די חדר־יאָרן אָן. געציטערט איבערן פערדל ווי איבער אַ צעפּיעשטשעטן בן־יחיד (כאָטש ער האָט ביי אים קיין האָניק נישט געלעקט...). שטיל האָט ער געפירט זיין בעל־עגלהש לעבן.

אָט דערמאָנט זיך אַ בילדל פון אַ פרייטיק פאַרנאַכט אין מישיניץ. די זון ווערט שוואַכער און שוואַכער און נידערט וואָס טיפער אַראָפּ ווי אויף נאַכט־לעגער צו די זדונסקער בערג. אַלץ איז געהילט שוין אין טונקל. בלויז עטלעכע פלאַמיקע שטראַלן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט ביי די שפּיצן פון דער תיפלה, באַלייכטנדיק מיט גאָלד דאָס פנים פון צעקרימטן יויזל. יידישע מאַמעס מאַכן די לעצטע הכנות מקבל־פנים צו זיין די מלכה שבת. טאַטעס איילן זיך שוין געריניקטע און געהייליקטע פון דער מקווה מיט פאַרויטלטע פנימער און נאַס־טריפנדיקע פאות. טעכטער מיט אויסגעצוואָגענע קעפּ קוקן שוין סתם־אַזוי אַרויס; עס גלאַנצן זייערע פריש פאַרפלאָכטענע צעפּ. אַ סימן, אַז עס איז שוין מער קיין אַרבעט אין דער ווירטשאַפט נישטאָ. ס׳איז שוין שבתדיק אין יעדן ווינקל. אויך דער פאָל איז שוין ציכטיק־ריין און קלאָר, אַז עס איז ממש אַ „רציחה״ אים איינצוטרעטן. מישיניץ דאַרף נישט קיין פערסישע דיוואַנעס, זי באַנוגנט זיך מיט פרישן קלאָרן און געלן זאַמד. אַז מען שיט עס אויס איבערן פאָל — שאַפט עס אַ שטימונג פון קדושה און הרחבת־הדעת. באַלעבאָסטעס וואָס זענען מער מקפיד, שיטן אויך אויס געלן זאַמד אין דרויסן פאַר דער טיר, אַזוי, אַז דער שבת קומט דיר אַנטקעגן נאָך איידער דו טרעטסט איבער די שוועל. און אָט טאַקע דעם געלן זאַמד פלעגט צושטעלן משה פּאַפּוזשא די יידישע באַלעבאָסטעס אין שטעטל, וועלכן ער האָט גענומען מיט אַ ברייטער האַנט פון די אַרומיקע בערג.

נאָך אַ פונקציע האָט משה פּאַפּוזשא געהאַט (נישט ווייניקער חשוב פון דער ערשטער!): ער איז געווען דער איינציקער בעל־עגלה, וואָס האָט פאַרבונדן מישיניץ, נישט נאָר מיט דער לעבעדיקער סביבה אַרום — נאָר אויך מיט „יענער וועלט״, מיטן עולם האמת.

מאַכט זיך, רחמנא ליצלן, אַ לוויה אין שטעטל, עס שטאַרבט עמעצער אָפּ — פאַרפאָרט ער, משה, גאַנץ פרי מיט דער טהרה־ברעט. טוט חברה־קדישא אָפּ איר אַרבעט — קומט ער אַ צווייט מאָל און נעמט דעם נפטר אויף זיין פור. קרובים און באַקאַנטע גייען נאָך. משה פירט אָפּ אויפן לעצטן וועג. אַזוי ציט זיך די טויט־פּראָצעסיע אויפן לאַנגן נישט ברוקירטן וועג, צום אַלטן שטילן בית־הקברות — מיט משה פּאַפּוזשא בראש.

דאָס אויסגעדאַרט פערדל, וואָס לעבט אויף זיינע „קעסט״, איז וואָס אַן אמת, נישט אַזוי שטאַרק צופרידן פון זיין בעל־הבית, כאָטש נישט איינמאָל איז ער מקבל באהבה אי זיינע קללות אי זיינע קלעפּ, וואָס הילכן שמערצלעך אָפּ אויף זיין מאָגערן גוף. מענטשן וואָס קומען צוריק פון אַ לוויה פאַרגעסן גלייך אָן טויט און אָן זיין מוסר־השכל. מ׳שיינט

אַריין צוריק אין לעבן. דער הו־האַ און דאָס געיעג לאָזט נישט נאָך אפילו אויף אַ האָר. מ׳פאַרגעסט! דאָס פערדל האָט, נעבעך, נישט קיין שום סגולה אויף צו פאַרגעסן. אַז אַזאַ באַשעפעניש קומט פון בית־הקברות ווערט די מרה־שחורה ביי אים נאָך גרעסער, דער רוקן נאָך איינגעבויגענער. ברענגט ממש מיט זיך דעם טויט. אָרים פערדל! אַ ביסעלע האָבער וואָלט דיר זיכער אויף די פיס געשטעלט, אין אַנדערע הענט וואָלסטו זיכער אַן אַנדער פנים געהאַט. נאָר אפשר וועט דיר גרינגער ווערן, ווען איך וועל דיר דערציילן, אַז נישט נאָר דו אַליין בויגסט דיין קאָפּ אַזוי צו דער ערד, נישט נאָר ביי דיר אַליין וואַקלען זיך פון שוואַכקייט די פיס — אויך ער, דיין בעל־הבית, פונקט אַזוי ווי דו בויגט זיין קאָפּ צו דער ערד, איז פאַריאושט, הונגערט,ליידט און שווייגט, און נאָך מאָגערער אפשר פון דיינע מאָלצייטן זענען זיינע — — —

3) יצחק לייזערקעס

ווער געדענקט אים נישט? זייער אַ הויכער. פלעגט אַרומגיין צווישן די אַלע אַנדערע בעלי־עגלות מיט אַ באַזונדערער גאווה און זעלבסטווירדע. ער פלעגט זיך נישט גינען צו טאָן אַ שמייכל ווי עס דאַרף צו זיין, אין דער אָנוועזנהייט פון דער „חברה". פעסט, געזונט מיט אַ מויל בליאַסקענדיקע ציינער און מיט אַ שטענדיקן כיטרען בליק אין די „פייערדיקע" אויגן. ס׳איז אויך געווען אין דעם אַ ביטול צו זיינע פאַך־קאָלעגן, וואָס האָבן אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי בטלנים. זיין לעבן איז עפּעס נישט געווען ווי זייערער, וואָס פלעגן לעבן „פון דער האַנט צום מויל". זיין הילוך איז אויך נישט געווען ווי זייערער, וואָס פלעגן שטענדיק טראָגן אָפּגעניצטע און אָנגעלאַטעטע בגדים ביי די „יאַזדעס". אויך זיין ווייב פלעגט אָפּטער פון זייערע ווייבער אַרויסקומען אין אַ ניי קליידל אָדער אין אַ באַזונדערן פוץ. בקיצור: אַ בעל בעמיו. פעסט און זיכער. אַ מענטש וואָס איז זיך נישט מבטל און ווייס זיין ווערט.

איינמאָל, דערמאָן איך זיך, האָב איך אים געזען צעבראָכן, נישט ווי זיין שטייגער. איך האָב זיך געוואונדערט. נאָר יחידי סגולה האָבן געוווּסט דעם סוד דערפון. דאָס האָט מען אים געפּאַקט אויף דער גרענעץ מיט געשמוקלטע זעקלעך ראָזשינקעס און פעקלעך זיידנס. דאָס האָט זיין רו צעטרייסלט און זיין זיכערקייט צעבראָכן. ער איז „אָפּגעזעסן" כדין וכדת, נאָר ווען ער איז אַרויס פון תפיסה, האָט דאָס שטעטל שוין נישט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ געוויינלעכן בעל־עגלה; ער האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעלאָזט אין מסחר. בעלי־עגלות פלעגן אויף אים קוקן ווי אויף אַ בוגד, וואָס האָט פאַרראַטן זיין פאַך, ביי די „שיינע" יידן אָבער איז ער געוואָרן אַ כשרער, אַן אייגענער... אָנגענומען זיין „גוט מאָרגן" און אויך אַמאָל באַקומען אַ צוגעוואָרפענעם לייכטן שמייכל. אין שול פלעגט טוביה דער שמש זיך הויך צעקלינגען: „יעמוד ר׳ יצחק ב״ר אליעזר הגבה"! כאָטש אַ דריט־ראַנגיקע עליה און שבת צו מנחה, אָבער דאָך אַן עליה. און דערצו: ווייזן דעם עולם ווי לייכט און זיכער די תורה פילט זיך אין זיינע ידים. בקיצור, מ׳ווערט אַן אייגענער. כאָטש ביי זיינעם אַ וויץ פלעגן יידן מפונקים אָפּדרייען די קעפּ... ווי דען? אַ בעל־עגלה בלייבט אַ בעל־עגלה!

4) אלי „פּעמפּ"

געווען אפילו אַ בעל עגלה, קאָן מען זאָגן, אָן אַ סירכה. גערעדט ווי אַ פורמאַן און געשאָלטן ווי אַ פורמאַן, חוצפה געהאַט פאַר צען בעלי עגלות, און דאָך האָט עפּעס געפעלט: עכטקייט. דאָס פערד פון אַן אמתן בעל עגלה דאַרף זיין אַ שטיק פון זיין נשמה, אַ טייל פון זיין בעל־עגלהשן „איך". אַ ריכטיקער פורמאַן וועט זיך נישט זעצן פריער עסן, אויב דאָס פערד האָט נאָך גאָרנישט „אין זיין מויל געהאַט". שטייט אויף דער וואַך, היט אים ווי דעם אויג אין קאָפּ, לייגט איין וועלטן, ווען דאָס פערד ווערט קראַנק, איילט צו אַ פערד־דאָקטער (וועטערינאַר), ביז ער שטעלט אים צוריק אויף די פיס. טרעפט אַ בעל־עגלה, וואָס זיין בעל־עגלהשאַפט איז נישט מער ווי אַ טרוקענער פאַך, אָן האַרץ און אָן נשמה.

אלי פּעמפּ איז אין זיינע יונגע יאָרן גאָר געווען אַ סטאָליאַר. דעם סוד ווייס נישט קיינער. עפּעס האָט דאָ געמוזט פּאַסירן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער, אלי, אַרויף מיט אַ פּאָר פערד אויפן מאַרק — געוואָרן אַ בעל עגלה. מיט זיין צווייטן פאַך האָט ער געלעבט ווי מיט אַ צווייט ווייב. עפּעס האָט אים געצויגן צו דער „ערשטער ליבע". האָט טאַקע געקאָנט פּאַסירן אין אַ העלן מיטוואָך ווי אלי וואַרפט אַוועק פערד און וואָגן און נעמט זיך צוריק צו דער זעג און צום הובל.

5) „טשאָמבע"

דערפאַר אָבער איז זיין זון „טשאָמבע" געווען אַ הונדערטפּראָצענטיקער בעל עגלה. אַ פורמאַן מיט אַלע פּיטשעווקעס. חוץ וואָס ער האָט עס איינגעזויגן אין זיך צוגלייך מיט דער מאַמעס מילך, איז ער אין דעם דאָזיקן פאַך גאָר אויפגעשטיגן און געווען אַ מכובד אפילו צווישן די וואַרשעווער בעלי עגלות. אויף דעם הויף פון דער בוניפראַטן־גאַס נומער 17, ווו עס פלעגן זיך צונויפפאָרן בעלי עגלות אפשר פון אַ האַלב פוילן — פלעגט טשאָמבעס שטים קלינגען און מ׳האָט זיך מיט זיינס אַ וואָרט גערעכנט. געזעסן אויף דער קעלניע דורכגעבעלעגלהוועט דעם וועג פון מישיניץ ביז וואַרשע ווי געוויינלעך. ווי נאָר ביים אַריינפאָר אויף דער בוניפראַטסקער גאַס, דאָ פלעגט זיך טשאָמבע פון געזעס אַ הויב טאָן ווי אַ שטורעם, אַ כאַפּ טאָן ביידע לייטשעס אין דער רעכטער האַנט און נאָכלאָזן די סוסים לויט זיין רצון, איינציען און בלייבן שטיין אויף דער קעלניע ווי אַ זיגער. ווי איינער אַ קעמפער, וואָס רייסט זיך אַריין מיט נצחון, אַזוי פלעגט טשאָמבע זיך אַריינרייסן אין הויף פון בוניפראַטן 17 און מיט קנאַלנדיקער בייטש טיילן גוטמאָרגנס באַגלייט מיט קללות אויף רעכטס און אויף לינקס.

און דאָך — ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז אין אַ גאַנץ געוויינלעכן דינסטיק פאַרנאַכט וועט נעמען גאַנץ מישיניץ און זיך אויפטרייסלען? וואָס איז געשען, וואָס מענטשן־

רעדלעך האָבן אָנגעפּילט די גאַס און קינד און קייט שטייט און גאַפט? — אַן אויטאָ וואָס האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין מישיניץ האָט זיך צעטרומייטערט, נאָכדעם ווי ער איז מיט אַן אומגעווייגלעכן רעש אַריין אין שטעטל, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ וואָלקן רויך מיט בענזיניקן ריח, און — דאָס וויכטיקסטע — ביים רעדל זיצט נישט קיין אַנדערער ווי ער, טשאָמבע אַליין.

עטלעכע פערד אין מאַרק ווי זיי וואָלטן דערשמעקט די קאָנקורענץ, האָבן אָנגעהויבן צו ווילדעווען, זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און געהירזשעט פאַר פחד און כעס. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צו דעם צוגעוווינט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן שטעטל. פון דעמאָלט אָן האָט טשאָמבע דאָס אויטאָ־רעדל פיל מאָל געטוישט, אָבער אַ בייטש אין האַנט האָט ער שוין קיינמאָל נישט געהאַלטן!

6) דער „דערשיל"

געדענקט איר דעם דערשיל? *) אים מיט זיינע 2 אָדלערס? גאַנץ פרי זענען שוין די אָדלערס געווען געשפּאַנט צו דער בויד — מיט פאַרריסענע קעפּ, צעקאַמטע גזשיוועס, פאַרשוירענע ווײַדלען און קלאַפּן מיט די אייזערנע פּאָדקאָװעס אין דעם שטיינערנעם ברוק — דאָס לאַנגווייליקט זיי סתּם אַזוי צו שטיין; וואַרפן מיט די ווײַדלען און באַלד צעהירזשען זיי זיך אויפן קול — דאָס פאַרבעטן זיי דעם „דערשיל" אויף דער קעלניע. איר וועט זען, ער וועט נאָר בלויז אַ סמאָקע געבן, אַ לייכטן ריר־טאָן מיט דער בייטש און די אָדלערס וועלן ציען אין גאַלאָפּ טראָגנדיק די „פאַרשוינען" אויפן וועג פון מישיניץ קיין אָסטראָלענקע. (פאָרן מיטן דערשיל איז געווען אַ באַזונדערער פאַרגעניגן און אַ גרויסע זכיה).

וועגן פּינקטלעכקייט פון דער נסיעה, האָט מען קיינמאָל צום דערשיל קיין טענות נישט געהאַט. שטענדיק אַרויסגעפאָרן פּינקטלעך צו דער אָפּגערעדטער צייט. די צייט פלעגט דער דערשיל איבערהויפּט נישט מעסטן לויטן זייגער נאָך. וואָס איז אַ זייגער? ווו געפינט מען, בכלל, אַז איין זייגער מיטן צווייטן זאָל שטימען? ביי איינעם איילט ער זיך, ביים צווייטן פאַרשפּעטיקט ער זיך און ביים דריטן איז בכלל קיין זייגער נישטאָ. יאָ, ער פאַרמאָגט אפילו אַ זייגער, נאָר ער „ליגט" מער ביי משה דעם זייגערמאַכער אויפן וואַרשטאַט אויף „אָפּעראַציע" ווי ביי אים דעם אייגנטימער. דעריבער פלעגט דער דערשיל מעסטן די צייט לויט די מנינים פון בית־המדרש — זייער צייט פון דאַווענען. אַז דער דערשיל פלעגט זאָגן: „מיר פאָרן נאָכן ערשטן מנין", איז דער טייטש געווען: אָפּגעדאַוונט און גלייך געפאָרן. פרישטיקן פלעגט מען שוין אויף דער פור. ווען מ'פלעגט שוין אָנקומען ווייט אונטערן אַפּטייק, פלעגט מען אָנהויבן צו קנייפּן די ביסנס, יעדער איינער פון זיין פּעקל.

אַמאָל פלעגט אויך טרעפן, אַז מ'פלעגט זיך פאַרשפּעטיקן מיט דעם אַרויספאָר. וואָס איז? איינער פון די „פאַרשוינען" איז געוווינט געווען צו זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך „מעמדות" גלייך נאָכן דאַווענען, איז בכן — וויל ער בשום אופן נישט מוותר זיין אויף דעם דאָזיקן תענוג צוליב דער נסיעה. איז וואָס? האָט מען צוגעוואַרט און דרך אגב געגעבן דערמיט די מעגלעכקייט די איבעריק־וואַרטנדיקע אין דער בויד צו זאָגן מיט כוונה „תפילת־הדרך". פלעגט מען אָפּזאָגן „תפילת־הדרך" פלעגט מען זיך פילן רואיק און זיכער אין דערשילס בויד ממש ווי ביי זיך אין דער היים. כאָטש קיין וועלף זענען שוין דעמאָלט אין אונדזערע וועלדער מער נישט געווען און די סכנה פאַר גזלנים איז אויך געווען זייער אַ שוואַכע, דאָך פלעגן אַרומגיין אין שטעטל מעשיות וועגן „לצים" און „ווילדע רוחות", וואָס פאַרדרייען בעל־עגלהשע קעפּ, איבערהויפּט אין די נאַכטיקע נסיעות — ווען די ציצית איז ביי זיי פּסול...

דער וועג קיין אָסטראָלענקע מיטן דערשיל איז שטענדיק — פון ווען־אָן איך געדענק — אַריבער רואיק און טאַקע געווען זיכער. — — —

אַזוי האָט געלעבט מישיניץ ביז צו דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום. אַ שטעטעלע, וואָס האָט דורות לאַנג עקזיסטירט, שטיל און רואיק געשאַפן יידיש לעבן, כאַראַקטער און שטייגער.

זאָלן די שורות זיין ווי אַ ליכטיקער זכר־עולם אויפן אומבאַוווסטן קבר פון אונדזערע מישיניצער קדושים און בתוכם — די אויבנגעשילדערטע טיפּן. אָן אַ שיעור ליב, נאָענט און טייער וועט איר אַלע אומגעקומענע בלייבן אין זיכרון פון יעדן איינעם פון אונדז, וואָס איז לעבן געבליבן.

מיר ווייסן נישט אייער קבר און קענען נישט אייער בית־עולם, אין אונדזער האַרץ איז אייער קבר און אין יעדן פון אונדז אייער מצבה.

געהייליקט און געבענטשט זאָל זיין אייער אָנדענק!

---

* געשטאָמט פון אָסטראָלענקע.

פרקי שואה והידלון

קאפיטלען פון חורבן און אומקום



ישראל שטערן

עבאָ

איך האָב געפרעגט
דעם בוים אין וואַלד :
ווּ איז איצט
מיין מאַמע ?

דער בוים
האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

איך האָב געפרעגט
דעם קאַלטן טייך :
ווּ איז איצט
מיין מאַמע ?

איז אים דער הימל
געפאַלן אויפן האַלדז
און געבעטן : דערצייל נישט
דערצייל נישט.

כ'האָב אויפגעוועקט
פון שלאָף די פעלדער
און געפרעגט זיי :
ווּ איז איצט
די מאַמע מיינע ?

איין גרעזל האָט דאָס צווייטע
אָנגעקוקט פאַרזאָרגט — —
איך האָב געוואַרט.

זיי האָבן דערפילט
די זון איבער זיך
און פאַרגעסן, פאַרגעסן.

צווישן שוואַרץ־גרינע בערג
האָט אַ זקן שפּאַצירט —
מיט הימלען און גאָט
אין די אויגן ;
מיט שטערן און נאַכט
אין די אויגן
האָט אַ זקן שפּאַצירט.

כ' האָב געבעטן אים : זאָג מיר,
ווּ איז מיין מאַמע ?

כ'האָב פאַרהאַלטן דעם אָטעם
ווי די בערג אַרום אונדז,
און מיט אייביקן ערנסט,
פאַרקוקט צוּ דעם ווייסן
גאַנג פון די וואָלקנס,
ווי די בערג אַרום אונדז,
האָט דער אַלטער געזאָגט :
„זי פרעגט שטיל דעם טאָג,
און נאָך שטילער — די נאַכט :
ווּ איז אַצינדער
מיין קינד ?"

חיים חמיאל ירושלים

אל נקמות

הִשְׁתַּחֵץ הַצּוֹרֵר וַיִּפְסֹג כָּל יָקָר,
הָרַס, הֶחֱרִיב נִפֵּץ וְקָצַר.
הָפְכוּ עָרִים גַּלִּים נִצִּים,
וּמִשְׁכָּנוֹת — מִשְׁסַּת עָרִיצִים.
וַתִּמָּלֶאנָה תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל תְּלִיּוֹת
וּמְטֹעֲנוֹת חֶרֶב, הַבָּנוֹת...
הוֹי הַבָּנוֹת, עֲלֵיהֶן אֶשָּׂא רִנָּה,
וּבְכִי וּמִסְפֵּד וּנְהִי וְקִינָה;
עַל תִּשְׁעִים וְשָׁלוֹשׁ הַבָּנוֹת שֶׁרֻטָּשׁוּ,
תִּשְׁעִים וְשָׁלוֹשׁ עֲקֵדוֹת שֶׁהֻגָּשׁוּ,
עוֹלוֹת תְּמִימוֹת וּטְהוֹרוֹת שֶׁקֻדָּשׁוּ,
שֶׁגּוּף וּנְשָׁמָה טַמֵּא מֵאֲנוּ,
וְלֹא נִדְרַשׁ הַדָּם וְלֹא חוֹנָנוּ.
הוֹ בָּנוֹת יְקָרוֹת! שֶׁשָּׁנִים עַל שָׁנוֹת,
אֱמוּנָה בָּאֵל זְרַעְתֶּן עַל לְבוֹת,
אֶת רִצְפֵּי טָהֳרַת יִשְׂרָאֵל נְצַרְתֶּן,
וְשִׁירַת חָזוֹן עַל פִּיכֶן נְשָׂאתֶן,
מֵהֶן אוֹר קֹדֶשׁ נֻסַּךְ, —
וַתִּבְלַע אֲדָמָה גַּם דִּמְכֶן שֶׁנִּשְׁפַּךְ.
וּמַה לַּחַשׁ לְחַשְׁתֶּן גִּבּוֹרוֹת בְּמוֹתְכֶן,
בְּעָמְדְכֶן זְקוּפוֹת מוּל מְעַנֵּיכֶן —
עֵת קִדַּשְׁתֶּן הַמָּוֶת בְּרִגְעֵי הַתֹּם —
אֲמַרְתֶּן: — הֵן יִשְׂרָאֵל דָּמֵנוּ יִקֹּם,
הֵן אָדָם, הֵן עוֹלָם, בְּשָׁמְעוֹ יִשֹּׁם,
וְדַיָּן שֶׁיִּתְבַּע וִיבַצַּע דִּינוֹ,
הַעֵת הִיא, אָמְרוּ „יֵיתֵי וְלֹא אַחְמִינוֹ”?!
וְלֹא קָרָא מִשָּׁמַיִם מַלְאָךְ „אַל תִּשְׁלַח!”
וְלֹא עָצַר וְלֹא כָהָה, וְרוֹצֵחַ לֹא חָשַׂךְ —
וַיִּשְׁחַט, וַ יְּ רַ צֵּ חַ!

אֱלֹהִים! עַתָּה הֻכְלוּ רַחֲמִים,
אוֹ זְכוּת עוֹד מָצְאָה מִדַּת־דִּין, אוֹ שֶׁבַח
עַל גּוֹי הַטּוֹפֵף בְּרִקּוּד עַל הַזֶּבַח,
מְשַׁדֵּד מַעֲרָכוֹת, מְעַרְבֵּל עֶשְׁתּוֹנוֹת?

נְשֵׁה...וּזְכֹר, עַד תֹּם קֻבַּעְתְּךָ כְּלִיתִי מְצוֹת.
שְׁלַח חֲזִיז וָרַעַם! הָרֵק עָלָיו אַשְׁפַּת חָרוֹן!
תֵּן תֹּפֶת וּשְׁאוֹל, לַעֲנַת שִׁמָּמוֹן,
צְבֹר זַעַם נָקָם הַמַּצִּית חֻבִּי,
תֵּן חֵרוּק שִׁנַּיִם לַזְוָעָה בְּלִבִּי,
הָלְמֵהוּ, הַדְהִימֵהוּ בְּתַדְהֵמַת הַשְּׁמֵד.
פַּצְפְּצֵהוּ, הַגְרִיסֵהוּ לִפְנֵי הִתַּמּוֹ הַשֹּׁד.
סְתֹם לוֹעַ תִּפְלֶצֶת בְּלַעַז נִפְעָר,
לַגִּיל, לַבּוּז, לַדָּם הַנִּגָּר.
נְקֹם אֵ ל נִקְמַת נְאָקוֹת נִלְעָגוֹת,
קוֹל־דַּם־זוֹעֵק, מְתַנֶּה תֹקֶף גְּבוּרָה;
גִּבּוֹרֵי וַרְשָׁה וּקְרָקוֹ וְכָל הַמְּחוֹזוֹת —
לְקַדֵּשׁ שֵׁם עַמְּךָ גָּבְרוּ מֵאֲרָיוֹת,
וְהִכְנִיעוּ בְּרוּחָם מִפְלָצוֹת נִמְבְזוֹת.
תָּסַס הַדָּם, פִּרְפְּרוּ גְוִיּוֹת,
וְהִשְׁאִיגוּ רְקִיעִים בְּשַׁאֲגַת חֵמָה:
נְ קָ מָ ה!

צְבֹר אֵל זַעְמָם וְזַעַם רִבּוֹת,
נִשְׁחֲטוּ בְּצִבּוּר וְהֻטְּלוּ אֶל בּוֹרוֹת;
וּשְׁאוֹן מְבֹהָלִים, זַעֲקוֹת מְעֻנִּים,
וּפְעִיַּת תִּינוֹקוֹת לַטֶּבַח מוּבָלִים,
יִתְלַהֵק, יִשְׁתָּאֵן, יִסְתָּאֵן, יִתְרָעֵשׁ,
בְּרַעַם אַדִּיר; גָּפְרִית וָאֵשׁ.
הֲלֹם בְּמַעֲצָר עַל קָדְקֹד הַצֶּפַע,
וְיִסּוּרֵי צַלְמָוֶת הַעֲרֵה עָלָיו בְּשֶׁפַע,
בַּטֵּל מְשׁוּבָתוֹ, נַקֵּר מַבָּטָיו, מָרְטֵהוּ, הַצְמִיתֵהוּ,
תִּמַּקְנָה בְּנוֹתָיו, הָרוֹתָיו תִּבָּלַעְנָה.
הַפְלֵא מַכּוֹתָיו, שַׁחֵק עַצְמוֹתָיו.
נְקֹם נַעֲרָה תַּמָּה, הֻטְּלָה עֲלֵי כֹּפֶת,
וְהֻתְּזוּ צַמּוֹתֶיהָ עִם עֹרֶף־קַרְקֶפֶת.
טִלְטְלָה הַנַּעֲרָה גֻלְגֹּלֶת מְרֻסֶּקֶת,
וְהוֹצִיאָה נַפְשָׁהּ בְּלֶטֶשׁ עֵינַיִם.
לוֹהֲטוֹת וּבוֹעֲטוֹת... נְ קָ מָ ה!

אַל תֶּחֱשֶׁה אֵל וְאַל תִּתְאַפֵּק!
זְכוֹר תִּינוֹק־בֵּית־רַבּוֹ עָלֶיךָ מִתְרַפֵּק,
שֶׁבִּזְכוּת הֶבֶל פִּיו מִתְקַיֵּם הָעוֹלָם —
בְּאֶחָז לֶהָבוֹת קִירוֹת הָאוּלָם,
הִקִּיפוּהוּ קַלְגַּסֵּי כִּלָּיוֹן וּשְׁמָד.
הוּא בָּרַח עִם „מְסִלַּת יְשָׁרִים" בַּיָּד,
וְשָׁר אֶת „יְסוֹד הַחֲסִידוּת
וְשֹׁרֶשׁ הָעֲבוֹדָה" לִפְנֵי אֵל אֶחָד —

זוּ שִׁירַת הַדְּרוֹר שֶׁל נֶפֶשׁ הוֹמִיָּה, כּוֹסֶפֶת אֶל־עָל.
וְהִלֵּךְ הַקָּט תּוֹךְ כִּבְשַׁן־לֶהָבוֹת בְּשִׂמְחָה ּבְצַהַל,
רִנֵּן לִפְנֵי קוֹנוֹ, הִרְעִיד לְבָבוֹת,
גָּעוּ מוּל שָׁמֶיךָ בְּשֶׁוַע־תְּחִנּוֹת —
וְנִקְּבָה עוֹפֶרֶת גּוּפוֹ כִּכְבָרָה,
וַעֲלוּפִים הִשְׁקִיפוּ שְׁמֵי נְחוּשָׁה,
וּמְסִלַּת הַיְשָׁרִים בְּדָם עֲקֻבָּה...

אֵל נְקָמוֹת! אִם גַּם בְּתֻמַּת יֶלֶד בָּחַלְתָּ,
וּמֵרִנַּת נֶפֶשׁ וְכֶסֶף־טֹהַר פָּנֶיךָ הִסְתַּרְתָּ —
הֵן טֶרֶם נָעַלְתָּ שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת.
בְּהִשְׁתּוֹלֵל זוֹלְלֵי אָדָם בְּלֵיל סְלִיחוֹת;
שָׂרְפוּ מִקְדָּשִׁים, נוֹפְפוּ חֲרָבוֹת, מָחֲצוּ עוֹלָלִים,
בָּאוּ אֶל עֵדָה קְטַנָּה וְעִקְּשָׁה,
אֵלֶיךָ פִּלְלוּ: „כִּי אַתָּה רַב סְלִיחוֹת וּבַעַל הָרַחֲמִים"!

שָׁפְכוּ דְמָעוֹת, דָּפְקוּ בִשְׁעָרֶיךָ,
נָשְׂאוּ עֵינֵיהֶם מָרוֹם, חִלּוּ פָּנֶיךָ;
הִתְחַנְּנוּ עַל נַפְשָׁם בְּרֶטֶט, בְּזִיעַ,
כִּי רָאוּ שֶׁזְּרוֹעָם לֹא תוֹשִׁיעַ.
דָּלְקוּ עֵינֵיהֶם בְּשַׁלְהֶבֶתְיָה,
וְלִבָּם וְנַפְשָׁם רָנוּ אֶל אֵל חַי —
שִׁלְּחוּ מְכוֹנוֹת הַתֹּפֶת אֵשׁ כְּלָיָה,
וַתֵּצֵא נִשְׁמָתָם בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה.
גְּוִילֵי תוֹרָה נָגֹלוּ הָבְעֲרוּ,
וַתְּלַהֵט הָאֵשׁ קִירוֹת הַבַּיִת.
לְקוֹל קְרִיאוֹת נְקַם־רִנַּת־הַפַּיִט.

פְּעֵה כַּיּוֹלֵדָה אֱלֹהִים מִמְּרוֹמֶיךָ!
אַל יִתֵּן הַדָּם דֳּמִי לְשָׁמֶיךָ!
בַּדָּם הַשָּׁפוּךְ רֵד טְבֹל זְרוֹעֲךָ,
וְהַנְחִיתָהּ עַל זֵדִים שֶׁלֹּא יְדָעוּךָ.
הַבְעִיתֵם וְיִתְפַּלָּצוּ, קַב וָאֹר, כִּי אַתָּה אֵל;
שַׁלַּח רְשָׁפֶיךָ, רִשְׁפֵּי לַהַב אוֹכֵל,
וְהַבְעֵר תֵּבֵל בְּלַהַט יוֹקֵד
עַד יְנֻקֶּה עָוֹן וִיטֹהַר כָּל חֵטְא,
עַד יִתַּם זָדוֹן וְזֵד מַרְשִׁיעַ,
וְיֵדַע כָּל הַיְקוּם:
כִּי אֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ!

יהודה חמיאל (תל־אביב)

השואה על הסף

א. השואה מתקרבת

בערבו של יום 31.8.39 התנהלה שיחה ערה בקן של ארגון „השומר הדתי" על המצב הבינלאומי. כולנו כאחד הרגשנו שהנה עומדת מלחמה לפרוץ.

שמועות רדפו שמועות. סיפרו כי הגרמנים פלשו לכמה מקומות בפולין ונהדפו. חברי הקן התחרו ביניהם בהפצת שמועות, כנראה הלהיבו אותם הסיפורים ההיסטוריים על מלחמות פולין להאמין שהפולנים, הנתמכים על־ידי האנגלים והצרפתים, ינצחו את הגרמנים תוך כמה ימים, וזוהי הסיבה שבונים את הסכר על הנהר נַארֶב באוסטרולנקה, שתפקידו לעצור את הפלישה הגרמנית לעירנו, על־ידי הצפת שטחי הסביבה במים.

החלטנו לסגור את בית הארגון מוקדם מתמיד, הואיל ומתיחות עצבנית שרהה בכל מקום ולא ידעו מה ילד יום.

סגרתי את האולם. נשמעה חריקת המפתח בחור־המנעול. קול צעדינו המתרחקים נשמע הפעם יותר מתמיד, ועד עכשיו הוא מהדהד באזני. הרגשתי כי הערב קורה משהו מיוחד, שיחרוץ את גורלנו לעתיד. המקום, שבו רקמנו את מרבית חלומותינו, התרחק מאתנו עם כל פסיעה ופסיעה. מולנו רבץ לו הרחוב באופל מפתיע, לפי שכבר אסור היה להשתמש באור בערבים. קשה היה להכיר את צילו של אדם עובר.

הנה הרחוב מלינארסקה, הרחוב שבו הייתי משחק ביל־דותי. מתכווץ לו הרחוב בחשיכה, נשמע רק טירטור המכונות בטחנת־הקמח. מולי תחנת־החשמל, שרעש מכונותיה היה נשמע בלילות למרחוק.

בהגיעי הביתה מצאתי את אבא, אמא, אחי, אחיותי, שכנים ושכנות יושבים ומדברים על המלחמה העומדת לפרוץ כל רגע. אבא היה עצבני מאוד. בראותו אותי, נעץ בי את עיניו ושאל: — „נו, מה? מה מדברים ברחוב?" — לא הספקתי להשיב לו עד שנשמע קולו של מישהו הקורא לאבי. היה זה גוי אחד, שבא לקרוא לאבא (כי אבא נתמנה אחראי לאיפול ברחוב שלנו הנקרא קילינסקיגו), שילך אתו לבדוק את האיפול ברחוב. לאחר שאבי ירד, השתתקו כולם. אחדים הסתלקו, בהשאירם אחריהם אנחה כבידה. אחרים נשארו והיו לוגמים את התה, שאמא הגישה להם.

ב־1 בספטמבר 1939 הוכרזה המלחמה. כשקמתי בבוקר ראיתי בשמים אווירונים, המשאירים אחריהם זנבות של עשן לבן. הם טסו בגובה רב, עד שטרטור מנועיהם לא נשמע. הפולנים יצאו מבתיהם וצעקו: „שלנו! שלנו!", אבל ההפך מזה היה נכון: היו אלה אווירונים גרמניים שהפציצו את וורשה ואת טורי הצבא הפולני.

באותו יום הגיעו אלינו בני־המשפחה ממישניץ עם כל עוניים ודלותם. הם הסתדרו בכל מקום פנוי שמצאו בביתנו. בשביל הילדים היתה זאת שמחה; הם התארגנו מיד ויצאו לשחק את משחק המלחמה.

בערב שבת זה לא הלכנו לבית־הכנסת להתפלל. כולם נשארו בבתים, אחוזי־פחד. אבי אמר, את הקידוש בקול שבור ורועד. הזמירות של שבת, שהיו מפארות תמיד את השולחן ומענגות את שומעיהן, עד שאנשי העיר היו עומדים מאחורי חלונותינו ומקשיבים, כאילו נבלעו הפעם בחלל, בלי להלהיב את ה„נשמה היתירה".

ב. הבריחה מן העיר

ביום השני למלחמה, בשבת בבוקר, פשטה שמועה בעיר, שהגרמנים מתקרבים ועומדים להפציץ את העיר. בהלה גדולה אחזה את תושבי העיר. כל מי שהיו לו רגליים וגלגלים חטף מה שיכול, העמיס, ויצא לדרך הנדודים, שרבים לא חזרו עוד ממנה לביתם.

גם אנו השגנו עגלה, העמסנו עליה מה שיכולנו ויצאנו לדרך. — „לאן?" — שאלתי את אבי. „עם הזרם!" — היתה תשובתו. אמא והפעוטות ישבו בתוך העגלה, ואני ואבי הלכנו אחריה, כי לא היה בה עוד מקום.

בדרכי הסתכלתי מסביב וראיתי, שהכל נע: מי ברכב ומי ברגל ותרמיל על שכמו. קשה היה להכיר את בעלי־הבתים, שאך אתמול ייחלו הכול למוצא פיהם, והנה הם הולכים היום, מחוסרי ישע, מפוחדים וזעומי־פנים, בלי יכולת להציל אף את העשירית מרכושם ומכבודם. הנה משה־נתן, הרבי של „חברה־תורה", יהודי גבוה ומכובד, שזקן לבן יורד לו עד לאבנטו, מקלו בידו וטליתו תחת בית־שחיו, צועד לו לבדו ואינו מפנה פניו לצדדין, כאילו פוחד הוא מפני צילו. נזכר אני בו, כאשר היה יושב בין מנחה למעריב ב„חברת־תורה" ומלמד בקול מתנגן שיעור במשניות לבעלי־הבתים שבעיר, וזוכר אני את תפילת „כל־נדרי" שלו, כשכל מלה היתה מרטיטה ומעוררת אימה ועל פניו היה שרוי זוהר של מלאך. עתה שותק האיש, יש לו, כנראה, שיח ושיג עם ריבונו־של־עולם.

המסע הזה נמשך קילומטרים. מאות עגלות. על כל עגלה ועגלה משפחה וטרגדיה שלה. ילדים בוכים. אימהות נרגזות צווחות. הלילה הגיע. כולם עייפים. הקטנים הולכים ונרדמים בחיק אמותיהם ונשמע רק טרטור־גלגלים על הכביש. העיר כבר מאחורינו. השארנו מאחורינו בתים, בתי־ספר, בתי־כנסת, מועדונים וכן את בית־העלמין, שבו נחים בני־משפחה וידידים יקרים לנו. צמרמורת עברה בגופי בחושבי על זה, אבל אני שותק. הנני נתון בעולם אחר, שאין לאף אחד חלק בו, עולם של שאלות־ותשובות. פתאום עולה בי תשוקה לבכות. לחבק את אבי, שפניו קדרו כל־כך. הוא מרגיש בהתרגשותי ושואל אותי: — „הרעב אתה?" — „לא", עניתי. הוא לא המשיך

לשאול וגם לא יכול להמשיך, כי דיבורו יצא מפיו כשהוא חנוק. הסתכלתי בפניו ושאלתיו: — „ואם אהיה רעב מה אוכל?" — הוא נאנח ואמר: — „אלהים דואג לכל ברואיו וגם לנו ידאג".

ג. עם הפליטים בטשרווין

בחצות הלילה הגיעו בני־עירנו לטשרווין, עיירה קטנה בדרך לאוֹסטרוֹב־מזוֹביצק. כצוענים התפשטנו על פני העיירה ותפשנו לנו מקומות מחסה מפני קור הלילה. עייפים נרדמנו על חבילותינו בעליית־גג בבית־מכרים, שמצאנו במקרה.

עם בוקר קמנו רצוצים ומפוחדים. עכשיו התחלתי להרגיש טעמה של מלחמה. אין בית! אין מיטה! אין מחסה! אנשים התרוצצו בעיירה, בחפשם אחרי כיכר־לחם, שקשה היה להשיג. וכשהשגנו את הלחם, אכלנוהו בתיאבון, כאילו היה זה מאכל־תאווה.

אבא יצא העירה, ואמר לנו לחכות לו! אחר־כך חזר והביא עגלה, העמיס עליה כמה דברים וחפצי בית ושלח את אמי, אחי ואחיותי לעיירה שניאדוב, שבה גרים בני־משפחה שלנו. ואילו אני עם אבא, יחד עם הרב של עירנו ומשפחתו, עלינו על עגלה שנייה עם חפצים שלנו ונסענו לאוסטרוב־מזוביצק.

ד. עם רב העיר בדרך לאוסטרוב־מזוביצק

פני הרב היו מודאגים. הוא דיבר עם אבי על המלחמה. שמעתי שהוא מזכיר את מלחמת „גוג ומגוג": „אין אנו בעלי הכוח להחליט על סדרי העולם, ואם הוא נתן רשות למשחית הרי לא ידע גבול! — אמר הרב — אמנם הגאולה בוא תבוא, אך מי יזכה לה?" — סיים בשאלה.

העגלה נסעה לאיטה. לרגע תרו עיני את השדות שטרם נקצרו. השמש הקיצית, שלא כדרך הטבע בחודש זה, חיממה אותנו והשרתה עלי הרגשה מרוממת. פתאום הרגשתי בלבי איזה ביטחון שכל זה יעבור, שאין זה אלא סיוט חולף... רציתי להגיד זאת לאבי, אולם לא יכולתי לעמוד בפני כבוד הרב, בחשבי כי דברי ייראו אווילים בעיניו. בתו של הרב נכנסה בשיחה אתי, גלגלנו שיחה על נושאים שונים, כאילו אנו שרויים בטיול גרידא. אפילו לא הרגשתי שכבר נכנסנו בשערי העיר אוסטרוב. נסענו ישר לרב של אוסטרוב, והוא הפנה אותנו ליהודי אחד מבעלי־הבתים שבעיר, סוחר בסחורות ברזל, ויסוצקי שמו, ואצלו הסתדרנו. לעולם לא אשכח את טוב־לבו של היהודי הזה. עד היום הוא עומד נגד עיני כדוגמה של אדם טוב־לב.

ה. בדרך לשניאדוב

שהינו בעיר כמה ימים וחיכינו לתוצאות, רצינו לדעת איך יפול דבר, כדי שנוכל לחזור הביתה. לדאבוננו המצב הורע ולא היה עוד טעם להישאר באוסטרוב, בזמן שאמי ושאר בני משפחתי שרויים בשניאדוב. לכן החלטנו להצטרף אל אמא. ביום 5.9.39 עזבנו את אוסטרוב במרכבה. יחד אתנו נסעה אשה פולניה, שהיתה אחוזת־פחד עד כדי הזדעזעות. מפיה נודע לנו על הפצצה כבידה של לומזה על־ידי הגרמנים. המוני בני העיר עזבו אותה בחוסר כל, ואלה שלא הספיקו להימלט ממנה נקברו תחת עיי המפולת של הבתים. היא מיררה בבכי ודובבה בלי־הרף: „אנחנו אבודים! אנחנו אבודים!"

במצב־רוח רע הגענו לשניאדוב. מרחוק שמענו הפצצה כבידה: הגרמנים הפציצו קרונות־רכבת מלאי תחמושת. בני־המשפחה שמחו לקראתנו. והפעם הוחלט להיות יחד עד הסוף.

אבל לא כן רצה הגורל. אחרי כמה ימים של הפצצות כבידות, התקרבו הגרמנים אל העיר. לאחר ששמעתי זאת, החלטתי לברוח בכיוון לביאליסטוק, ומשם לגבול הרומני ומשם לארץ־ישראל.

ו. אני נפרד מהורי

בלב קשה נפרדתי מהורי. קרה זה בפעם הראשונה בחיי. פתאום הרגשתי, כי עלי לברוח. הצטיידתי, איפוא, בתרמיל ובמימיה, לקחתי כמה כותנות, ועם שחר יצאתי יחד עם בני־דודי שלמה, שמעון ומנדל זימן.

הלכנו דרך היער „צ'רבוני־בור" כדי להיסתר מעיני הגרמנים. ביער פגשנו הרבה חיילים בורחים, ראינו פגרי אדם וסוסים, ומתגוללים על כל שעל, ושמענו קרקור העורבים העטים מעל לראשינו.

בצהריים הגענו לכפר פוחלה, הסתדרנו אצל איכרה, שנשארה לבדה בבית, משום שבעלה גויס לצבא, היא שמחה לאכסן אותנו ללינת לילה. היא בישלה בשבילנו תפוחי־אדמה עם בצל; היא ידעה שאנו יהודים, ולפיכך לא הגישה לנו בשר־חזיר.

לפתע־פתאום התחילה הפגזה כבידה על הכפר. האיכרה הצטלבה והוסיפה לעמוד ליד הכירה, לבשל ולהכין את האוכל, באמרה, כי אנו, היהודים, הננו הערובה, שלא יקרה לה כל רע. ולאחר שחדר פגז דרך הדלת ועבר מעל לראשינו ויצא דרך החלון החוצה, הצטלבה שנית וכרעה ברך לפנינו, באמרה, כי עתה נוכחה לדעת שאנו מלאכים ושנשלחנו להצילה. כשקמנו ללכת, התחננה לפנינו שנישאר עוד לילה אחד, אבל לפי חישובינו מוכרחים היינו לברוח משם, שאם לא כן, מי יודע מה יקרה בלילה. הבטחנו לה, כי לא יקרה לה שום רע ונפרדנו ממנה, אלא שנתקענו בקצה השני של הכפר, כי האיכרים יעצונו שלא נצא לדרך, לפי שהגרמנים מתקיפים בסביבה.

איכר טוב־לב הכניס אותנו לגורנו, ושם נשארנו אותו לילה, שלא פסקו בו רעמי ההפצצות וההפגזות שהגיעו מן הסביבה. עם בוקר נודע לנו, שהכפר גטש הסמוך הופגז בלילה והרבה אנשים, מהם יהודים שברחו מלומזה המופצצת, נפצעו או נהרגו.

עם בוקר החלטנו לגשת לכפר גטש ולראות מה קרה שם, וכן לחפש דרך של בריחה. כשהגענו שמה, נתגלה לעינינו הכפר, כשהוא מלא פצועים ואנשים מדוכאים, שהסתובבו כצללים, בלי לדעת מה לעשות.

משראו שאנו חדשים, ביקשו מאתנו פת־לחם, לפי שקשה היה להשיג לחם בכפר. אנו, שלקחנו אתנו אך מעט לחם מהכפר פוחלה, לא יכולנו לספק את דרישתם, והנה לפתע גילינו בין הפליטים את בן דודנו מלומז'ה, שמעון חמיאל, עם אשתו ושני בניו. הם היו רעבים מאוד. לא יכולנו לעמוד בפני

המלים: „אנחנו רעבים", וכאשר נתנו להם חלק מלחמנו הדל אורו עיניהם. לעולם לא ישכח את עיניהם הנוצצות. אף פירור אחד לא הלך לאיבוד, וכשנפל איזה פירור על הרצפה, הורם מיד והוכנס לפה.

ז. פגישה ראשונה עם חיילים גרמנים

בינתיים עברה שמועה, שהגרמנים מקיפים את הסביבה ושלפנות־בוקר עומדים הם להיכנס אל הכפר. באין מוצא אחר החלטנו לחזור לשניאדוב.

כילינו לאכול את פרוסת־הלחם האחרונה ויצאנו לדרך עם הכביש, המוביל ללומז׳ה. יום קיצי נהדר עמד עם שחר. מסביב שרר שקט מוחלט. טיילנו לנו כאילו לא קרה שום דבר בעולם, וכאילו אנחנו מהלכים שם רק במקרה, אף התחלנו להחליף בדיחות בינינו. פתאום כמתוך האדמה צצו כמה חיילים גרמניים, שהקיפונו מכל הצדדים. לקול צעקתם הרימונו את ידינו מעל לראשינו, והם חיפשו בכלינו. לאחר שלא מצאו דבר, ציוו עלינו לעמוד בידים מורמות, עד שהתרחקו מהמקום. כן ציוו עלינו לא ללכת ביער, אלא להמשיך בכביש. חשבנו שהסכנה עברה, ושלא כל־כך נורא עם הגרמנים. הרי הם התנהגו אתנו בסדר גמור. לאחר חצי שעה של הליכה בכביש נתקלנו שוב בגרמנים. הם שאלונו מיד אם אנחנו יהודים, וכשענינו „כן!", הסתכל בי אחד מהם ואמר: „חבל! אינך נראה כיהודי, שכן היהודים שחורים, ואתה יש לך שיער בלונדי, לא עניתי. הם חיפשו בבגדינו ולקחו מאתנו את כספנו, באמרם כי הם לוקחים אותנו אל המפקדה, שכן חשודים אנו בירִיות בצבא הגרמני. הוכנסנו לתוך חצר של איכר פולני, ושם מצאנו יהודים רבים וחיילים פולנים, המוקפים על־ידי חיילים גרמנים. לאחר חקירה ודרישה שוחררנו מהחשד של השתתפות בירִיות בגרמנים, הוצבנו בשורות ונצטווינו ללכת ללומז׳ה.

על שאלתנו מה הם רוצים מאתנו קיבלנו תשובה, שהם מוליכים אותנו ללומז׳ה כדי לנקות את רחובות העיר, ושם נקבל כסף ולחם. כשרק יצאנו אל הכביש, התחילו מיד הגרמנים להתעלל בנו. היינו כחמש מאות איש. הם דחפו אותנו והרביצו בנו בקתות־הרובים, כדי שנמהר ללכת. כל הדרך האיצו בנו בצעקות: פולנים חזירים! יהודים מנוולים! ימין! שמאל! מהר! מהר! כלבים ארורים! עד שהגענו ללומז׳ה. חיילים גרמניים שצעדו בכביש שרו להם ולעגו לנו. הרגשתי, כי הענין אינו חלק, לא עבודה לפנינו ולא כסף ולחם. נזכרתי במחנות־הריכוז של הגרמנים. התעצבתי בלבי וגיליתי באזני בני־דודי, כי חושש אני שיקחו אותנו למחנה־ריכוז.

ח. הגרמנים מצעידים אותנו ללומז׳ה — הפגישה עם אבא

השתתקתי משראיתי שגרמני מתקרב אלי וצועק: „שתוק, כלב, חזיר!" התחמקתי ממנו, והמשכתי כילד טוב. לא היתה שהות לחשוב. צריך לשמור על העצמות. חיכיתי לרגע שנגיע ללומז׳ה, ואז נברח. אבל משהגענו וראינו את לומז׳ה השרופה והשדודה ואת הגייסות הגרמניים, המקיפים אותנו, נכזבה תקוות הבריחה.

בלומז׳ה הכניסונו לתוך כנסיה גרמנית והבטיחו לתת לנו אוכל, ואכן הגיעו אנשי הצלב האדום הגרמני. התייצבנו בשורה והתחילו לחלק לנו פרוסות לחם. כן ראינו שמצלמים אותנו, אלא שבאותו הרגע, שהצלמים הסתלקו, הסתלקו גם מחלקי הלחם ונשארנו רעבים. הם התחילו להרביץ בנו, באמרם שאין לחם בשביל יהודים. נסוגונו, איפוא, ושכבנו על האדמה. אחדים נרדמו לרגע, אחרים נראו נבוכים ואחוזי־בלהות.

גם אני נרדמתי. פתאום הרגשתי דחיפה. פקחתי את עיני וראיתי את בן־דודי מצביע לעבר הדלת: „ראה, יהודה, באים חדשים". ואכן הבחנתי בהרבה יהודים ופולנים, המובלים אלינו. יהודים זקנים בני ששים ושבעים משרכים את רגליהם ונושמים ונושפים בכבידות. בין היהודים שהגיעו מצאתי את אבי ואת דודי יצחק. רעדה עברה בכל גופי וזיעה כיסתה אותי. „גם אותך, אבא, תפסו?" צעקתי ופרצתי בבכי. „כן בני!", ענה אבי. „מובילים אותנו לעבודה. אמרו רק לשעתיים, ובינתיים הביאו אותנו לכאן". אבי חיבקני ואמר: „טוב שמצאתיך. אלקים רצה שאמצאך. אמרו שהרגו אותך ואת כולם. וכבר מבכים אתכם. והנה ברוך השם עודך חי וקיים. ועכשיו אני מקווה, כי האל לא יעזבנו ועוד נחזור הביתה". נרגעתי במקצת, בהיותי קרוב לאבי. אומץ־לבי חזר אלי, והרגשתי שעלי לעשות עכשיו למען אבי.

בכנסיה הגרמנית, שלתוכה הכניסונו, דלקו נרות, שהאירו את פני ישו, הניצב על הבימה ומסתכל בנו. הנה — הרהרתי — עומד צלם האיש מול אחיו הנרדפים, שמתוכם יצא ובשמו מתעללים בנו דורות על דורות ושופכים דמנו כמים.

ט. הגרמנים מתעללים בנו

מדורות של אש, המכלה את חורבות לומז׳ה, האירו את חשכת הלילה וחדרו בעד חלונות הכנסיה. הגרמנים ציוו עלינו לישון, ואכן נרדמתי מיד על ברכי אבי, אך פתאום התעוררתי בחרדה לשמע הירִיות, שהגרמנים ירו בתוך כתלי הכנסיה. תחילה חשבתי שיורים בנו, אבל לאחר שהגרמנים הפסיקו ואחרי רבע שעה חזרו וירו ושוב הפסיקו וחזרו וירו — הבנתי, שהם מתעללים בנו, ויש בדעתם להציק לנו כל הלילה ולא להניח לנו לישון.

בשעה שלוש בלילה עוררו אותנו הגרמנים וציוו עלינו להסתדר בשורות. היינו עייפים מטלטולי היום ומההליכה המרובה, ולכן התעצלנו למלא את הפקודה. אז התפרצו החיילים הגרמניים והתחילו להכות בקתות־הרובים כל מפגר ומפגר. נדחפתי ביחד עם אבי, דודי ובני־דודי החוצה. בתוך הדחק כשלו רבים מהנדחקים והשתטחו על האדמה, עד שנערמה ערימה של בני־אדם, הגרמנים התעללו בהם. אחדים מהם נהרגו או נפצעו. הצלחנו איך־שהוא להסתדר, וכאשר היינו כבר מסודרים בשורות, פקדו עלינו ללכת. הספקתי להסתכל בלומז׳ה הבוערת. לשונות־אש התרוממו אל־על ומה שהפצצות לא הספיקו להשמיד כילתה האש ואין מכבה. אנו דרכנו על רסי־סים, על שברי רהיטים וכלים. אפילת הלילה שיוותה למראה צורת־בלהות של גיהינום. נדמה היה לי, שמובילים אותנו ישר ללוע האש.

צעקות הגרמנים דרבנו אותנו להחיש צעדינו. עברנו את הגשר ההרוס בדרך לפיונטניצה. קשה היה לעבור. אחדים נפלו

לנאַראָב וטבעו, אחרים, שלא יכלו לעבור נעצרו. הגרמנים ירו בהם והם נפלו לתוך הנהר.

יהודי זקן אחד התחנן לפני הגרמני שלא יירה בו, כי אין לו כוח לעבור, אך הגרמני ירה בו מיד והוא נפל. אין שהות לבכות ולהתקומם. עסוקים אנו. „מהר! ימין־שמאל!" — צווחים הגרמנים. למראה כל זה תקפני ייאוש. נשאתי את עיני לשמים וצעקתי: „אלי! אלי! הצילנו!" אבל הכוכבים הביטו אלי אדישים, ובכל זאת התאוששתי לרגע כשפתאום נדמה היה לי שאני שומע קול דברים: „ראה ראינו מצוקת האדם וסבלותיו — ראינו איך יהודים מוכים ונרדפים על־לא־דבר; הולכים לגולה — על־לא עוול בכפם — מעונים במרתפי האינקוויזיציה — מרוטשים ונרצחים בפוגרומים — אבל העם היהודי לא הושמד. הוא ממשיך לחיות ולשאוף. לכן התחזק, בחור, חזק ואמץ!" פתאום שמעתי את קולו של אבא לוחש לי: „צריך להחזיק מעמד. אנחנו מוכרחים לחיות". דברי אבי, שתכפו לקולות שהדהדו בראשי הקטינו במידת־מה את פחדי מפני העתיד ומפני הלילה — „כן, אבא" — עניתי — „אשתדל!"

ככה הלכנו בלי־הרף, יהודי אוסטרולנקה והסביבה, נאל־מים, כפופים ומפוחדים, אך לאן? — איש לא ידע. כשהגענו לנחל ליד קולנה, נחנו קצת. היינו רעבים, שכן יומיים לא בא אוכל אל פינו; צמאים היינו ורבים הסתערו על הנחל וגמעו ממנו בפיהם. אך הגרמנים לא הניחו להם; הם ירו בשותים ושוב נפלו חללים.

בשעת המנוחה התחלתי לחפור באדמה: אולי אמצא דבר־מה לאכול. ואכן, מצאתי תפוחי־אדמה, גזר וסלק ואכלנום בלתי־מבושלים.

י. בקולנה — עזרת אחים

אחרי רבע שעה של מנוחה, התחילו הגרמנים להריץ אותנו, כשמאחורינו נוסעים חיילים על אופנועים. נאלצנו למהר ולרוץ, כדי שלא להידרס. היה זה מחזה איום ומזעזע. רק רצון־החיים להמשיך לחיות ולראות עוד במפלת הגרמנים, הוא שאימץ אותנו להחזיק מעמד במצב זה. בקצב מהיר התקרבנו לשערי קולנה. כשנכנסנו אל העיר, עמדו חיילים גרמניים משני הצד־דים, ושמרו שאיש לא יברח מן השורה. הם צעקו אלינו בבוז: „יהודים ארורים! פולנים חזירים! טשמברליינים, אנו נראה לכם, היאך להילחם בנו. את דמכם נמצוץ מגופותיכם. את ראשיכם נפוצץ בסלעי־הדרך!"

יכולתי להאמין להם. אך לא כן חשבו תושבי העיר. הם יצאו לרחוב באופן ספונטאני והתחילו לזרוק אלינו לחם ותפו־חים וכל מה שיכלו. הצלחתי לתפוס הרבה תפוחים ולחם. הייתי אז צעיר וזריז, ויכולתי לעשות מה שהגדולים לא יכלו. את האוכל חילקנו בין בני המשפחה ומכרים אחרים.

זוכר אני כומר קתולי אחד, שגם הוא דחק את עצמו לתוך שורות השבויים וחילק ביניהם לחם ופירות, בלא להבדיל בין דת וגזע, וכשהפולנים התלוננו למה הוא נותן גם ליהודים, ענה שכולם הם בנים לאלוהים.

לאחר זמן־מה נודע לנו כי הגרמנים עינו אותו והוציאוהו להורג. כמוהו נספו הרבה יהודים, שלא יכלו לעמוד בתלאות הדרך.

יא. בדרך לפרוסיה

לאחר הליכה מייגעת במשך ארבע־עשרה שעות, הגענו בשעה 5.30 אל הגבול הפרוסי. בכפר הראשון ראינו, כי הצבא הפולני שחדר אליו ביום הראשון למלחמה הספיק לשרוף חלק ממנו, אבל הגרמנים התפארו, כי הניחו להם בכוונה תחילה להיכנס והשמידום עד אחד באש של מכונות־היריה שלהם.

באותו כפר, ששמו נשתכח מלבי, נתנו לנו לנוח כרבע שעה וקיבלנו רק מים לשתות. לאחר־מכן דחפו אותנו, כבהמות, לתוך קרונות־משא, ובקללות ומכות סגרו עלינו את הדלתות. בקרונות ישבו פולנים ויהודים יחד.

בפנים הקרון התחילו הפולנים לדרוש מהיהודים שימסרו לידיהם את הטאבאק שלהם, אבל הודות לפולנים הגונים ובעלי־שכל ישר נמנע בקרון „פוגרום זוטא". הם טענו, שאנו אחים לצרה, ולפיכך עלינו להיות מאוחדים. אחדים, מיוגעים מאוד, נרדמו כהרף־עין על הרצפה, כשאחרים עומדים מחוסר־מקום, ומתחלפים פעם בפעם, כדי להחליף כוח. אני לא יכולתי להירדם, שאלה אחת בלבד ניקרה במוחי: לאן הם מובילים אותנו? אנחות בקעו מפעם לפעם מלבבות דוויים. הכול ניסו להשלות את עצמם, כי מובילים אותנו לגרמניה לעבודה ושם נעשה עד שתיגמר המלחמה. פתאום נעצרה הרכבת והדלתות נפתחו.

יב. אנו מוצגים לראווה — ברסטנבורג

— לצאת! — נשמע קול צווחות הגרמנים — מהר! מהר! — שלט התחנה הראה שאנו נמצאים ב„רסטנבורג". התחלנו לקפוץ מתוך הקרונות. כאן חיכתה לנו הגיסטפו בכבודה ובעצמה, וכן נוער גרמני שמחא כף כלפינו וצווח כמה פעמים: „הייל היטלר!" „הנה הצבא הפולני המובס!" צחקתי בלבי: „אני, שעדיין לא מלאו לי שש־עשר אביבים, מוצג כחייל מן הצבא הפולני". אך ככה רצה היטלר ימ"ש, ששבויים אזרחים ייחשבו אף הם חיילים, וזאת כדי להתפאר בפני בני עמו.

אורות העיר רסטנבורג קרצו לי ועודדו אותי לעזוב הכול ולהיכנס העירה, כאילו היתה זאת אוסטרולנקה העיר ואני עם אבא חוזרים עתה הביתה. אבל צעקות הגרמנים פיזרו את אשליותי. היינו על אדמת גרמניה, נתונים לחסדם של הגרמנים הארורים האלה. הנוער הגרמני החל לשיר: „ווען דאָס יודן־בלוט פון מעסער שפריצט" (כשדם היהודים מהסכין נוטף). אבי התחיל לבכות. „אויה לנו! — למה שהגענו" — קרא בהתייפחות — ואילו אני הסתכלתי בנוער הזה, כאילו מתוך תמימות ילדותית ומתוך סקרנות בלבד.

צועדים מסודרים בשורות עברנו בתוך העיר, כשמשני צידי הרחובות ניצבים המוני גרמנים, המריעים לצבא הגרמני, עד שהגענו למחנה צבאי גרמני. היה זה בית גבוה, בן כמה קומות, ובו אולמות וחדרים בשביל הצבא. השעה היתה אחת בלילה. כל אחד מאתנו קיבל חתיכת לחם ומי שתיה. לא האמנתי כי אמנם קיבלתי לחם, אבל מתוך עייפות רבה לא יכולנו לאכול, ולכן השתטחנו כולנו על רצפת־האבן ונרדמנו.

בשעה חמש לפנות־בוקר העירו אותנו ושוב נצטווינו להסתדר בשורות. עמדנו בחצר כמה שעות, נתונים למכות ולנגישות מצד הגיסטפו, אלא שבין המכות והצעקות קיבלנו

שוב פרוסות־לחם, והוזהרנו, כי פרוסה זו צריכה להספיק לנו לכל היום. בינינו היו יהודים בעלי פיאות וקאפוטות וכן בני־ישיבה, שמיד התחילו ללמוד „קל וחומר", בראותם בזה אצבע אלוהים, שכן אם מזהירים אותנו, סימן מובהק הוא, שדואגים לנו.

יג. למחנה „שטלבג־2"

כאשר כולם ניצבו מסודרים בשורות, לשביעת רצונם של הגרמנים, זזנו לפי פקודתם אל רחובות העיר. נזהרנו לשמור על קצב אחיד, כדי שלא לפגר ולא לעורר בזה את חמת הצורר. הסתכלתי סביבי. ראיתי עיירה נאה ונקייה. החנויות היו כמעט ריקות מסחורות. ראיתי שלטים תלויים ליד כניסות של גני־ילדים ועליהם רשום: „ליהודים הכניסה אסורה עד דור שלישי". ברחובות עמדו אנשים ולעגו לנו. ככה הגענו שוב אל תחנת־הרכבת, שוב דחקו אותנו לתוך קרונות, הדלתות נסגרו עלינו, ונמצאנו דחוקים וצפופים בלי אוויר לנשימה. כך נסענו כל היום וכל הלילה. אנשים שלא יכלו להתאפק עשו את צרכיהם, והסרחון, הדוחק והזוועה הביאו רבים לידי עילפון. אחדים ישבו וגילגלו שיחה על העבר, אחרים ביקשו למות מאשר להמשיך בחיים כאלה, אך השאלה הכאובה ביותר היתה: לאן מובילים אותנו, כן הציק לנו הצימאון.

בשעה חמש לפנות־בוקר נעצרה הרכבת. נשמע צילצול של שרשראות והדלתות נפתחו. נתגלה לעינינו אור שחר קלוש. בעד ערפל דק ראינו תחנת רכבת קטנה. את שמה לא ראיתי. ליד התחנה השתרע מחנה צבאי גדול. שוב התייצבנו בשורות וזזנו בלי לשאול. עברנו גשר, שלידו התנוסס פסל של חייל, הזורק רימון־יד. חיילים גרמנים אחדים, שעמדו לידו צווחו: „יודן! יודן!" התרחקנו מהכביש הראשי ונכנסנו אל מעבית של שיחים עבותים ומסובכים. במוחי חלפה מחשבה: „אולי רוצים להרגנו כאן"... את דעתי זו הבעתי בקול רם. אבי ניסה להשתיקני, וביקש ממני לחכות בסבלנות. אך נרגעתי רק לאחר שיצאנו למרחב של שדות־חריש. טרקטורים מרעישים חרשו את האדמה. מכונאי, שישב על טרקטור סמוך לנו, לעג לנו. היה זה פרצוף שמן וגס, בעל כרס של „מאה גאלון זבל". לא שמנו לב אליו והלכנו עד שהגענו לשער, שמעליו היה שלט: „שטלבג־2" ולידו ציון: „הדרך לקניגסברג".

בעד השער ראינו הרבה שבויים, יהודים ופולנים, אזרחים ואנשי צבא, שהגיעו לפנינו. הם ישבו על האדמה המרופשת ולא היה איכפת להם.

כן! הובאנו למחנה „שטלבג־2" וניתן לנו אוכל. לא ייאמן כי יסופר — דג מעושן שלם, לחם לבן, מרגרינה וקפה שחור שהוכן מגרעינים.

היתה זו ערמה מצד הגרמנים, ואכן היהודים והפולנים הרעבים, התנפלו על המאכלים, ובמשך שלושת הימים שפיטמו אותם, נפלו הרבה מהם. החזיקו מעמד הנזהרים בלבד. הגרמנים הבטיחו להקים לנו אוהלים ובתים למגורים. כן הבטיחו עבודה ו„הרים וגבעות". אך לא קיימו שום הבטחה. בינתיים ישנו בחוץ, נתונים לחסדי שמיים. בלילה הייתי מחבק את אבי והוא אותי וכך היינו ישנים עד אור הבוקר.

הגרמנים גרמו להרעת היחסים במחנה בין היהודים והפו־לנים. בכוונה היו נותנים תחילה את האוכל ליהודים, והפולנים נצטוו לחכות לתורם. הפולנים הרעבים לא יכלו לעמוד בנסיון והיו מתנפלים על היהודים בשעת חלוקת האוכל להם, ולפיכך היה נטוש מאבק־עז בינינו וביניהם.

אנחנו לא נכנענו. היינו מתגוננים בחזית הדוקה, בלי להשאיר פרצה באמצע. בני אוסטרולנקה שהיו במחנה התלכדו מסביב לאבי, ותמיד היו שומרים איש על רעהו. בן אחד של הבנדונים, שהיה מגיע לעתים קרובות לכלל יאוש, היה מתנחם על־יד אבי.

יד. פגעי שמיים ואדם

את הלילה השלישי במחנה לא אוכל לשכוח לנצח. כמו תמיד נרדמתי, כשאני ואבי חבוקים. פתאום הרגשתי שמשהו חובט על פני. התעוררתי ונדהמתי: גשם עז ניתך ארצה. לא היה מקום היכן להסתתר. גופינו התחילו להירטב. ואז התאספו כל היהודים יחד, נצמדנו גוף לגוף ועל־ידי כך חיממנו איש את רעהו. הגשם לא חדל. התחלנו לצעוק. אבל לקולותינו ענו רק רעמים. הגשם, הברקים והרעמים התמזגו בצעקותינו ונדמה היה, כי האדמה רועדת תחתינו.

קול עבר במחנה: „יהודים, להתמרד!" כולנו כאיש אחד רצנו לכיוון הגדרות. הגרמנים השומרים, כשראונו מתפרצים, כיוונו לעברנו את מכונות־הירייה והיו יורים באוויר. נסוגונו. התחלנו לחפש בחושך משהו שיתן לנו מחסה. והנה גילינו, שהגרמנים הביאו קרשים. הפולנים התנפלו עלינו ורצו לגזול מאתנו את הקרשים. קרב מר היה נטוש בחשכת הלילה, כש־שיניים נצמדות אל גוף זר ונושכות ונלחמות. מלחמת הייאוש הביאה לקרבנות חינם משני הצדדים.

סוף־סוף עלה השחר. היינו מלוכלכים ורטובים עד לעצמות. יצאנו ממחבואינו. התחלתי לחפש את כל בני־דודי שנתפזרו בתוך האנדרלמוסיה הלילית. הגרמנים שאלו בלעג לשלומנו, והיאך נעם לנו הלילה. תשובתנו היתה שתיקה.

עם בוקר ראיתי, שפני כולם נתכסו במרה שחורה. כל אחד חיפש מפלט ועצה. במשך היום מתו כששה־עשר יהודים.

קברותיהם, שהציצו אלינו מאחורי הגדר ושנתרבו מיום ליום, דיכאו אותנו בכל פעם יותר ויותר. כל אחד חשב על הסוף, מתי יגיע תורו להסתלק. אבי, בהסתכלו בקברות הרענ־נים האלה פרץ בבכי וחיבקני, ביבבו: „לא, בני! לא, בני! לא תמות! עוד תזכה להגיע לארץ־ישראל, עוד תזכה להגשים את חלום חייך, אל תאמין בגויים. רק בכוחך אתה, רק אתם, הצעי־רים, תתגברו ותיבנו. אל תעזוב אז את ארצך. תשתדל בכל כוחך לחיות בה". — „כן, אבא! — עניתי — אני מבטיחך, שאם אזכה אדע מה לעשות" — המשכתי.

טו. ימים נוראים במחנה

בינתיים הורע המצב מיום ליום. בין צרה למשנה הגיע ראש־השנה. באין מחזורים וסידורים לתפילה, אמרנו את התפי־לות והתחינות בעל־פה.

הגיע יום־הכיפורים, וכאילו לכבודו הקימו הגרמנים אוהלים לגור בהם, ואז ערכנו את תפילתנו בלי שהגרמנים והפולנים יפריעו אותנו.

קשה לתאר תפילה זו במחנה. יהודים כפופים ושבורים, בעיניים מלאות תימהון, עומדים ושותקים, או ממלמלים משהו בלחש, וכשהחזן מתחיל ב„אור זרוע לצדיק", מתפרצים כולם בזעקת־שבר אדירה ואיומה, נופלים על האדמה ומטיחים ראשיהם בה. לבי התאבן. לא יכולתי לבכות. עמדתי דומם וכמת־מרד הסתכלתי בפני אבי ובני־משפחתי, בשאלי את עצמי: למה אנו, בעצם, סובלים? מפני מה עלינו לבקש? האם נוח לו, לאלוקים, להשפילנו עד־עפר כדי שנבוא אחר־כך לפניו לבקש ולהפיל תחינה? לא! — אמרתי — אף מלה אחת לא! אם אלוקים רוצה בתפילתי, אז רק השתיקה יכולה לבטאה!

שתקתי במשך כל שעת־התפילה, כשעיני חודרות לתוך תהום רבה ויחד עם זה הן תוהות לדרך. והנה מחזה מזעזע: יהודי הרים את ילדו, בן השתים־עשרה, שהובא גם־כן כשבוי הנה, והתחיל לנשקו בפניו ובראשו ואחר־כך הרימו שוב וצווח: „אלהים, בזכות הילדים הקטנים, שעוד לא חטאו, רחם עלינו והצילנו, החזירנו אל בתינו, אל חיק משפחתנו". התחלתי לבכות, כולם השתטחו על האדמה וקרעו קריעה על הקדושים, שנפלו רק לפני רגע וגם באמצע התפילה. הם נשארו שוכבים, מאין כוח לקום, ומיררו בבכי.

טז. הפולנים פורעים כדרכם

בינתיים הקטינו הגרמנים את מנות־המזון שלנו, עד שהגענו למצב של רעב ממש. גם מים לשתייה לא נתנו עוד, ויהודים רבים, שלא יכלו לעמוד בנסיון הצמא, שתו את המים המזוהמים שיצאו מבית המרחץ של הגרמנים, נידבקו במחלת הטיפוס והוציאו את נשמותיהם.

הכינים וכל הפגעים המציקים האחרים לסוגיהם דבקו בנו. סבלנו גדל. היה זה מחזה רגיל לראות יהודים ופולנים עומדים ופולים כינים בכל זמנם הפנוי מעבודה.

יום אחד עמדתי והסתכלתי בעד הגדר, וראיתי יהודים מסתדרים בשורות. ידעתי, שאין זה הזמן לחלוקת אוכל, ניגשתי ושאלתי אותם מה קרה ולאן הם הולכים. ואז נודע לי מפיהם, כי הגרמנים ציוו להסתדר בשורות, שכן עומדים הם לשחרר את אלה שגילם הוא למעלה מחמישים שנה או למטה משמונה־עשרה. רצתי מהר לאבי ולבני־דודי וסיפרתי להם על השמועה ששמעתי, מיד הלכנו גם אנו להסתדר. הבחנתי שגם הפולנים מסתדרים, אולם עוד לא הספקתי להסתובב ולהסתדר בשורה, והנה התנפלו עלינו הפולנים והתחילו להכותנו ולשדוד מעלינו את בגדינו וכל הבא לידם. פתאום ראיתי, שכמה פולנים התנפלו על יהודי אחד מבני־עירי הנמצא כעת, דרך אגב, בארץ, אך שמו אינני זוכר — ורצו לגזול ממנו את שעון הזהב, שהחזיק בכיסו. ניגשתי אליו לעזרה, והתחלתי להתנגד לשודדים. כאשר השודדים ראו זאת, התנפלו עלי ועזבו את היהודי. במיוחד התנפלו על המגפיים שלי. נאבקתי אתם, נשכתי באזניהם, אך הם חבטו בראשי בבול עץ עד שנפלתי ונשארתי בלי הכרה. משהתעוררתי, ראיתי את בן־דודי עומד על־ידי וצועק: „בוא, יהודה, אביך מחפש אותך". ניגשתי אל אבי, כשאני דורך ברגליים יחפות.

משראה אותי, פרץ בבכי מר וצווח: „מה עוללו לך?" בכינו שנינו, שכן יותר לא נשאר לנו לעשות. אבי רצה לקרוע את מעילו ולעשות ממנו תחבושות לרגלי, למען לא אצטנן. לא נתתי לו. צחקתי ואמרתי לו: „אין דבר, אבא, אני אמצא סמרטוטים ואסדר לי משהו. יש לנו עוד זמן לקרוע את המעיל". וכך היה. אני עוד יצאתי איך־שהוא שלם, ואילו אחרים הופשטו פשוט עירומים ונשארו, מהם בתחתונים, ומהם בכותנות לעורם בלבד.

אז תקף אותנו היאוש במשנה תוקף. נשאר לנו רק להתפלל ולבכות.

יז. הפולנים למדו לקח

יומיים לאחר הפוגרום שעשו הפולנים במחנה, זכינו לראות דבר־מה שלא פיללנו לראותו. עם קבלת ארוחת־הערב הרגילה ראינו, למרבה הפליאה, קצינים גרמניים רבים שהסתכלו בנו. הפולנים עמדו, כדרכם, בתור נפרד וחיכו עד שיחלקו את האוכל ליהודים, אבל מעודדים מהפרעות של שלשום, בראותם שלא באו על עונשם, מצאו, כנראה, לנכון להראות לקצינים הגרמניים את שנאתם ליהודים, והסתערו עלינו, כדי לגזול מאתנו את האוכל שניתן לנו. באותו הרגע הסתערו הגרמנים בחרבות שלופות על הפולנים, בהולמם על שמאל ועל ימין, ובצעקם: „פולנים חזירים, היאך אתם מעיזים להתנפל על אזרחיכם הפולניים? איזו מדינה אתם בכלל, שאתם יכולים לחיות רק על שוד ורצח?!" ובינתיים צילמו אזרחים גרמניים את כל מהלך המאבק והאנדרלמוסיה. ביהודים לא נגעו. אחר־כך נודע לנו מה היתה כוונתם: רצו בזה להוכיח לעולם הדמוקרטי על מי הם מגינים במלחמתם נגד גרמניה.

ביום ההוא, שעלה לפולנים באבידות של כמה הרוגים ופצועים, התחילו להבין מיהו האויב האמיתי שלהם, ומאז שררו יחסים חברותיים בינינו, והדאגה היחידה והמשותפת — „חירות" — היא שקיננה בלבותינו.

יח. האוסטרולנקאים נאמנים זה לזה

בינתיים נפוצו שמועות, כי עומדים לשחרר אותנו, אבל קשה היה להאמין. השמועות האלו כשלעצמן חיזקו אותנו ועודדונו. אבל לדאבוננו עברו ימים ואתם התרבו הקרבנות, שמתו מתוך אפיסת־כוחות. גניבת לחם אחד ממשנהו היתה כעין „ספורט", אולם לרעב היתה צפויה סכנת מוות מ„ספורט" זה. באמצע הלילה היינו מתעוררים לקול צעקת קרבן כזה: „היכן הלחם שלי?" לא היה לנו די כוח לקום ונרדמנו שוב. האוסטרולנקאים שמרו איש על רעהו ועי"כ מנענו צרות רבות.

ביום אחד הכריזו הגרמנים, כי כל מי שמוצאו מעיירות אלו ואלו יתייצב בשורה, שכן עומדים לשלחם הביתה. אף־על־פי שאוסטרולנקה לא היתה ברשימת העיירות אלא לומז'ה, נכנסנו לתוך שורת הלומז'אים. „העיקר — הרהרנו — לצאת מכאן! חופש! הביתה!"

יט. הביתה

שוב הוכנסנו לקרונות של בהמות. בלב קינן אמנם הספק: אולי שוב מעבירים אותנו למחנות, אבל ההרגשה, שעוזבים אנו את המקום הנורא הזה סיפקה אותנו והפקדנו את גורלנו בידי אלוקים.

לאחר נסיעה של 44 שעות הגיעה הרכבת אל תחנת אוס־

טרולנקה. היינו מיוגעים מאוד ורעבים. פתחו לנו את הדלתות, ומשראינו שבאמת הגענו לעירנו, קיבלנו משנה מרץ. נצטווינו להתיצב בשורות ונכנסנו העירה דרך הגשר, שהיה שקוע במים. עברנו את „כיכר השלישי למאי”, כשמשני צדדיה עומדים יהרדים ופולנים וצבא גרמני. תזמורת צבאית ניגנה ואנחנו נצטווינו ללכת ישר ולצחוק. פתאום ראיתי את אמי ודודותי וכן את אחי הצעיר, כשהם קוראים: „אפרים! יהודה! אבא! בואו! צאו מהשורות וחמקו, שכן מובילים אתכם לגבול הרוסי ומשם יעבירו אתכם ללומז׳ה וימסרוכם אל הרוסים!” אז הבינונו, שפולין חולקה לשניים ושעלינו לעבור אל הצד הרוסי.

כשעברנו ליד הגן העירוני ובית־הסוהר, אמרתי לאבי, שכדאי לנסות לדבר עם הגרמנים, אולי ישאירונו בעיר. אבי אמר לי לנסות. דיברתי, איפוא, עם הזקיף הגרמני והוא הסכים, רק בתנאי, שנלך ישר, ולא דרך השדות, אחרת יהרגו אותנו.

דודי יצחק ובני־דודי נכנסו העירה בקלות, אבל את אבי לא רצו להכניס ואמרו לו לחזור. אם כן לא נכנסתי גם אני, אלא התרחקנו קצת. ואז הופיעו פתאום דודתי גיטל ע״ה ואחותי עם תה, לחם ועוגות. אכלנו משהו ויחד נכנסנו העירה דרך השדות.

קשה היה להאמין ולהתרגל למחשבה, כי גרמנים שולטים בעיר. יהודים מוצאים אל הרחובות כדי לטאטם ולנקותם. יהודים מובאים אל בתי־הסוהר כדי לנקות בהם את בתי־השימוש בידיים ריקות. נותנים להם מטאטא ליד, מובילים אותם ברחובות ומצווים עליהם לשיר „התקווה”, ויהודי אוסטרולנקה, אחוזי־פחד, משתדלים להתחבא ולשבת בבתיהם. בלילה התעוררתי וראיתי אש עולה מבית־הכנסת. מפחדים לצאת. שוב לא היה איכפת לי שום דבר. רציתי לישון לפחות לילה אחד כבן־אדם. בבוקר נודע, כי הגרמנים שפכו בנזין על קירות בית־הכנסת ושרפו את הציורים הנאים שקישטום.

כ. הגירוש

בשמחת־תורה הוצא צו מטעם השלטונות הגרמניים, שעל היהודים לעזוב את העיר תוך שלוש עד ארבע שעות, ומי שיישאר — דינו מוות.

לא היה איכפת לנו. רצינו להיפטר מהם, ולא שמנו לב לרכוש. העיקר — שלא נראה עוד את פרצופיהם המפלצתיים של הרוצחים הנאצים.

עזבנו את העיר. לעולם לא אשכח את דברי סגנו של ראש עירית אוסטרולנקה אל אבי, כשבא אל הכביש להיפרד ממנו. הוא בכה, וכה היו דבריו: „עכשיו, פאַניאָ חמיאל, אני רואה שהפסדנו את המלחמה ואת פולין”.

הסוסים הורידו ראשיהם, שמא הרהרו אף הם במפלתה של פולין. השוט הצליף על גבם, ואוסטרולנקה, שהיתה עיר ואם בישראל, נשארה מאחורינו.

ארטשע נאָווינסקי, אַרגענטינע

אונדזער חלק אין די קרעמאַטאָריעס

מיטן אָנקום פון היטלערן, ימח שמו, צו דער מאַכט אין 1939, האָט זיך דער יידישער הימל גענומען פאַרוואָלקענען. די פוילישע קאָרומפּירטע רעגירונג, אָנשטאָט אויסצוהיילן איר צעפוילטע אַדמיניסטראַציע, האָט זיך גאָר גענומען נאָכמאַלפעווען היטלערן מיט זיינע באַרבאַרישע סדרים. איבערגענומען גלייך זיין זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם ווי אויך זיינע יידן־פרעסערישע טעאָריעס, הגם די פירנדיקע פוילישע אינסטאַנצן האָבן פאַרמאָגט נישט ווייניק אייגענעם אַנטיסעמיטיזם... גאָר שנעל איז געקומען דאָס טרויעריק קאַפּיטל: פּשיטעק און אַנדערע פּאָגראָמען. יידיש בלוט איז געוואָרן הפקר און אונדזערע פּראָטעסטן זענען געבליבן ווי אַ קול־קורא־במדבר. דער טרויעריקער עפּילאָג איז געקומען אין סעפּטעמבער 1939, ווען די ברוינע האָרדעס זענען באַפאַלן פּוילן. אונדזער שטאָט, געפינענדיק זיך געאָגראַפיש נאָענט צו דער דייטשישער גרענעץ, איז געווען צווישן די ערשטע אָקופּירטע שטעט. די ברוינע באַרבאַרן האָבן באַלד ווי זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן אָנגעהויבן אויסצופירן זייערע אויסראָטונגס־פּלענער לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. פון ערשטן טאָג אָן האָבן זיי געפייניקט, געמאָרדעט. די וועלכע זיי האָבן נישט דערמאָרדעט אויפן פּלאַץ, האָבן זיי געצוווּנגען איבערצולאָזן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך אַ סך יאָרן מי און שווערער פּראַצע דערוואָרבן, נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און וואָגלען. נאָך לאַנגע טעג און וואָכן פון פיזישע און מאָראַלישע פּאַרפייניקונגען, האָבן פיל פיל פון אונדזערע שטאָטישע — לויט די ידיעות וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען — דערגרייכט ביז צו דער שטאָט סלאָנים. דאָרט האָט מען זיי געצוווּנגען אויסצוגראָבן פאַר זיך קברים און אויף אַן אומדערהערטן באַרבאַרישן אופן זיי אומגעבראַכט. די גאַנצע משפחה פון דעם שרייבער פון די שורות, איז אויך אויפן זעלבן טראַגישן אופן און אין דער זעלביקער שטאָט אומגעקומען.

אויך אין די קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, אָשווענטשים, מיידאַנעק, האָבן מיר, אָסטראָלענקער, געהאַט אַ גרויסן חלק און דאָרט בייגעשטייערט אונדזער בלוטיקן שטייער. אָט איז אַן אויטענטישער עדות, אונדזער אַ געראַטעוועטער קרוב פון לאָמזשע, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט דעם שוידערלעכן טויט־מאַרש. ער דערציילט, אַז דעם 10־טן יאַנואַר 1942 זענען געבראַכט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס פינף טויזנט (5.000) יידן קיין אָשווענטשים. צווישן זיי זענען געווען אַ סך אָסטראָלענקער. די וועלכע ער האָט געקענט זענען געווען מיין פרויס עלטערן און אירע 2 שוועסטער, חייקע און רייזל, וועלכע איז געווען אין די הויכע חדשים, און בריינטשע, עלי זוסמאַנס פרוי מיטן קינד, חוה וויינקראַנץ מיט די קינדער און נאָך אַ סך אָסטראָלענקער, וועלכע ער האָט נישט געקענט. ביים עפענען די פאַרזיגלטע וואַגאָנעס, האָבן די נאַצי האָרדעס אַ געשריי געטאָן: „ווער איזט איין מאַלער?” האָט ער זיך אָפּגערופן. דער גורל האָט וואַרשיינלעך געוואָלט, אַז עס זאָל בלייבן אַן עדות, ער זאָל קאָנען איבערגעבן פון דער שוידערלעכער רשעות, וואָס ער האָט געזען.

יהודה חמיאל (תל־אביב)

אומקום אויף דער שוועל

א. דאָס אומגליק דערנענטערט זיך

דעם 31־סטן אויגוסט 1939 אינאָוונט האָט אין לאָקאַל פון „השומר הדתי" זיך געפירט אַ לעבהאַפט געשפּרעך וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. אַלע ווי איינער האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'האַלט ערב אַ מלחמה.

פאַרשידענע קלאַנגען האָבן געיאָגט איינער דעם אַנדערן, ווי, למשל, אַז אין עטלעכע ערטער זענען די דייטשן איבערגעטרעטן די פּוילישע גרענעץ און צוריק אָפּגעשטויסן געוואָרן. די חברים האָבן זיך צוגעהערט גאַנץ ערנסט צו די דאָזיקע פאַרשידענע קלאַנגען, געגלייבט (ווייזט אויס אונטער די השפּעה פון די היסטאָרישע דערציילונגען וועגן די אַמאָליקע פּוילישע מלחמות), אַז די פּאָליאַקן, זייענדיק געשטיצט דורך די ענגלישע און פראַנצויזישע כוחות, וועלן באַזיגן די דייטשן אין פאַרלויף פון געציילטע טעג, און אַז דאָס איז אויך די סיבה, וואָס מ'בויט איצט די דאַמבע אויפן טייך נאַרעוו אין אָסטראָלענקע, וואָס איר אויפגאַבע דאַרף זיין אָפּצוהאַלטן דעם דייטשן מאַרש, דורך פאַרפלייצן געוויסע געביטן אַרום דער שטאָט מיט וואַסער.

מיר האָבן באַשלאָסן צו שליסן היינט דעם לאָקאַל פריער ווי שטענדיק, ווייל אומעטום האָט געהערשט אַ נערוועזע שטימונג, וואָס איר סיבה איז געווען: דאָס נישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען מיט זיך.

איך האָב פאַרשלאָסן דעם לאָקאַל, ס'האָט זיך דערהערט דער גרילץ פונעם שליסל אינם שליסל־לאָך. מער ווי שטענדיק האָט זיך איצט געהערט דער אָפּהילך פון אונזערע טריט, וואָס האָבן זיך דערווייטערט, און ביז היינט קלינגען זיי נאָך אין מיינע אויערן. איך האָב געפילט, אַז נאָך היינט וועט פּאַסירן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט חתמענען אונדזער גורל אויף דער צוקונפט. אַקעגן אונדז האָט גערוט די גאַס, אַ פאַרזונקענע אין אַ סודותפולער פינסטערניש, ווייל דאָס באַנוצן זיך מיט ליכט איז שוין געווען פאַרבאָטן. שווער איז געווען צו דערקענען די שאָטנס פון די דורכגייערס.

אָט איז די מלינאַרסקע גאַס, די גאַס אין וועלכער איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער יאָרן אין שפּילערייען. די גאַס קורטשעט זיך אין דער פינסטערניש, בלויז דער אָפּהילך פון די מאַשינען אין דער שטאָט־מיל הערט זיך. אַקעגן מיר געפינט זיך די עלעקטרישע־סטאַציע, וואָס דאָס גערויש פון אירע מאָטאָרן קענען מיר הערן יעדן אָוונט וייט־ווייט.

אַהיימקומענדיק האָב איך געטראָפן דאָרט מיין פאָטער, מוטער, ברידער און שוועסטערס, שכנים און שכנטעס זיצן און שמועסן וועגן דער מלחמה וואָס האַלט ביים אויסברעכן. מיין פאָטער איז זייער נערוועז, דערזעענדיק מיך, שטעלט ער אָן אויף מיר זיינע אויגן און פרעגט: נו, וואָס? וואָס שמועסט מען אין גאַס? איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן, האָט זיך דערהערט עמעצנס קול. דאָס איז געווען אַ קריסט, וואָס איז געקומען רופן אים קאָנטראָלירן דאָס האַלטן אין מצב פון פינסטערניש אונדזער גאַס קילינסקי, אויף וועלכער ער איז באַשטימט געוואָרן דורך דער מאַכט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער. נאָך מיין פאָטערס פאַרלאָזן דעם צימער זענען אַלע שטיל געבליבן. אייניקע זענען געבליבן זיצן — זופנדיק די דורך מיין מוטער דערלאַנגטע טיי, אַנדערע ווידער זענען אַוועק איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ טיפן קרעכץ.

פרייטיק, דעם ערשטן סעפּטעמבער איז, ווי באַוווּסט, פאָרגעקומען די מלחמה־דערקלערונג. אויפשטייענדיק אין דער פרי האָב איך געזען אין הימל־חלל אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך לאַנגע עקן פון ווייסן רויך. זיי זענען געפלויגן זייער הויך, אַזוי אַז מיר האָבן אפילו נישט געקענט הערן דאָס גערויש פון זייערע מאָטאָרן.

די פּאָליאַקן זענען אַרויס פון זייערע הייזער און גענומען שרייען: „אונדזערע! אונדזערע!", אָבער דאָס איז געווען נישט אמת, ווייל געווען זענען עס דייטשע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון באָמבאַרדירן וואַרשע און די רייען פונעם פּוילישן מיליטער.

דעמזעלבן טאָג איז אָנגעקומען צו אונדז אונדזער משפּחה פון מישניץ, מיט איר גאַנץ ביסל אָרעמקייט. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין יעדן שטיקל פרייען פּלאַץ פון אונדזער וווינונג. ביי די קינדער האָט עס אַרויסגערופן אַ שמחה, זיי האָבן זיך גלייך אָרגאַניזירט און גענומען שפּילן אין מלחמה.

דעם דאָזיקן פרייטיק־צונאַכטס זענען מיר נישט געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען, נאָר פאַרבליבן, זייענדיק באַהערשט פון פּחד, אין דערהיים. דער קידוש וואָס מיין פאָטער האָט געמאַכט, האָט אָפּגעקלונגען ווי דער אָפּהילך פון אַ טעלער, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן, אַראָפּפאַלנדיק אויף דער ערד, און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אים אויפהייבן. די שבתדיקע זמירות, וואָס האָבן אין די אַמאָליקע צייטן פאַרפולט מיט זיסע קלאַנגען די גאַס, אַזוי אַז די מענטשן פלעגן שטיין אונטער די פענסטער און קוויקן זיך מיט זיי, זענען איצט ווי איינגעשלונגען געוואָרן אין חלל נישט וועקנדיק די שבתדיקע „נשמה יתרה".

ב. מ'אַנטלויפט פון שטאָט

דעם צווייטן מלחמה־טאָג, שבת אינדערפרי, האָט איבער דער שטאָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די דייטשן דערנעענטערן זיך צו דער שטאָט, און אַז ס'שטייט פאָר אַ באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאַניק, און ווער ס'האָט נאָר געהאַט פיס אָדער רעדער, האָט

געכאַפּט וואָס ער האָט געקענט און געלאָזט זיך אין וואַנדערוועג, פון וועלכן אַ סך האָבן זיך מער שוין נישט אומגעקערט.

אויך מיר האָבן, ווי ס'איז, באַקומען אַ וואָגן, אויפגעלאָדן אויף אים, וואָס מיר האָבן געקענט, צוזאַמען מיט מיין מוטער און דאָס קליינוואַרג, און געלאָזט זיך אין וועג. איך און מיין פאָטער זענען נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן, ווייל פאַר אונדז איז דאָרט קיין פּלאַץ נישט געווען — „וווּהין?" — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין פאָטער — „מיטן שטראָם!" איז געווען זיין ענטפער.

אַזוי גייענדיק, האָב איך אַרומגענומען מיטן אויג דעם גאַנצן אַרום און געזען, ווי אַלץ באַוועגט זיך. ווער אויף רעדער און ווער צופוס מיט אַ רוק־זאַק אויפן רוקן. איך האָב זיי נישט דערקענט. נעכטיקע שטאָט־בעלי־בתים, וואָס אַלע פלעגן ציטערן פאַר זייער וואָרט, ווי זיי גייען איצט, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען אפילו אַ צענט־חלק פון זייער פאַרמעגן און כבוד, דערשראָקענע און פאַרדרוספולע. אָט גייט משה־נתן (נאָסקע) דער רבי פון דער „חברה־תורה", אַ הויכער ייד מיט אַ הדרת־פנים און אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס דערגרייכט אים ביזן גאַרטל. ער האַלט דעם שטעקן אין האַנט און דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם. ער שפּרייזט איצט אַליין, נישט ווענדנדיק דעם בליק אין קיין שום זייט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן. איך דערמאָן זיך, ווי ער פלעגט זיצן יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב אין דער „חברה־תורה" און געבן אַ שיעור אין משניות די שטאָטישע בעלי־בתים. איך האָב זיך דערמאָנט אין זיין דאַווענען פאַרן עמוד „כל נדרי", בעת וועלכן יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל, האָט געציטערט ווי דערשראָקן, און אַליין האָט ער געשיינט ווי אַ מלאך. און אָט איצט שווייגט ער דער דאָזיקער ייד; ער האָט, ווייזט אויס, עפּעס אַ שטומען וויכוח מיטן ריבונו־של־עולם.

קילאָמעטערן־לאַנג האָט זיך געצויגן דער דאָזיקער מאַסן־צוג, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער וואָגנס. אויף יעדן וואָגן — אַ משפּחה מיט איר טראַגעדיע. קינדער וויינען. די פאַרביטערטע מוטערס שרייען, דער אָוונט איז געקומען. אַלע זענען שרעקלעך מיד. דאָס קליינוואַרג האָט איינגעדרימלט אויף די מוטערס שויסן, און אויפן שאָסיי הערט זיך בלויז דער אָפּהילך פון די רעדער. די שטאָט איז הינטער אונדז. דאָרט האָבן מיר איבערגעלאָזט הייזער, בתי מדרשים, שולען, זאַלן און קלובן און אויך דעם בית־עולם, אויף וועלכן ס'רוען די ביינער פון אונדזערע טייערע. אַ שוידער איז מיר אַדורך איבערן לייב, טראַכטנדיק וועגן דעם, אָבער איך שווייג. איך בין פאַרזונקען אין אַן אַנדערער וועלט, אַ וועלט פון שאלות און תשובות אויף זיי. פּלוצלונג פאַרווילט זיך מיר וויינען, אַרומצוהאַלדזן מיין פאָטער, וואָס זיין פּנים איז אַזוי שוואַרץ געוואָרן. ער דערפילט דעם אויפברויז אין מיין נשמה און גיט אַ פרעג: „ביסט הונגעריק?" „ניין", האָב איך געענטפערט. מער האָט ער נישט געקענט רעדן, ווייל די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. איך האָב אים געקוקט אין פּנים אַריין און אַ פרעג געטאָן: „און ווען איך בין יאָ הונגעריק, האָב איך דען וואָס צו עסן?" ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן: „גאָט זאָרגט פאַר אַלע זיינע באַשעפענישן, וועט ער אויך פאַר אונדז זאָרגן".

ג. מיט די פּליטים אין טשערווין

אינמיטן נאַכט זענען אונדזערע שטאָט־איינוווינער אָנגעקומען קיין טשערווין, אַקליינטשיק שטעטעלע, וואָס ליגט אויפן וועג קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. ווי די ציגיינערס האָבן מיר זיך צעשפּרייט איבערן שטעטל, זוכנדיק ווו צו באַהאַלטן זיך פון דער ביינאַכטיקער קעלט. מידע זענען מיר איינגעשלאָפן אויף אונדזערע פּעקלעך אויף אַ בוידעם אין אַ הויז פון באַקאַנטע, וואָס מיר האָבן צופעליק געפונען.

אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאַנען צעבראָכענע און דערשראָקענע. ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן פילן, אַז ס'איז טאַקע מלחמה! נישטאָ מער קיין היים! נישט קיין בעט! נישט קיין אָרט, ווו מען קען זיך באַשיצן. מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט זוכנדיק ברויט אין שטעטל, וואָס איז געווען שווער צו קריגן, און ווען מיר האָבן עס סוף־סוף באַקומען, האָבן מיר עס אויפגעגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלייך ווי ס'וואָלט געווען דער בעסטער קוכן אויף דער וועלט.

מיין פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען איבער די גאַס, אָנזאָגנדיק, אַז מיר זאָלן צוואַרטן ביז ער וועט זיך אומקערן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ער געבראַכט אַ וואָגן, אויפגעלאָדן אויף אים אַ ביסל זאַכן און שטוב־חפצים און צוזאַמען מיט מיין מוטער, ברידער און שוועסטער געשיקט זיי קיין שניאַדאָוו, ווו ס'האָט געוווינט אונדזער משפּחה, און איך צוזאַמען מיט מיין פאָטער און מיטן שטאָט־רב און זיין משפּחה זענען אַריינגעשטיגן אין אַ צווייטן וואָגן מיט די איבערגעבליבענע זאַכן און געלאָזט זיך פאָרן קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק.

ד. מיטן שטאָט־רב אויפן וועג קיין אָסטראָו־מאַזאָוויעצק

איך האָב געקוקט אין פּנים אַריין דעם רב, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זיין זייער פאַרזאָרגט, דאָס מויל ווי צוזאַמענגעפּרעסט און געשמועסט האָט ער מיט מיין פאָטער וועגן דער אויסגעבראָכענער מלחמה. כ'האָב געהערט אים דערמאָנען די „מלחמה פון גוג ומגוג" — „מיר זענען נישט אימשטאַנד" — האָט ער געזאָגט — „צו וויסן גאָטס וועגן אין דער וועלט־אָרדענונג. אויב ער האָט געגעבן רשות דעם מחבל, איז שוין נישטאָ קיין גרענעץ, אָבער סוף־כל־סוף מוז דאָך די גאולה קומען. ס'איז נאָר אַ פראַגע: ווער ס'וועט דערצו זוכה זיין" — האָט ער צוגעגעבן.

דער וואָגן איז געפאָרן לאַנגזאַם. אין אַ געוויסן מאָמענט, האָבן מיינע אויגן געפאַנגען די נישט־אָפּגעשניטענע פעלדער און די זומערדיקע זון, האָט אונדז אַזוי מחיה־נפשותדיק געוואַרמט... פּלוצלונג האָב איך דערפילט, אַז דאָס אַלץ וועט באַלד פאַרשווינדן. מיין האַרץ זאָגט מיר אַז דאָס אַלץ וועט אַריבער... כ'האָב דאָס געוואָלט אַרויסזאָגן פאַר מיין פאָטער, אָבער איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן צוליבן כבוד פונעם רב, טראַכטנדיק, אַז מיינע רייד וועלן געוויס אויסזען ביי אים

נאַריש. ס׳האָט פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך דעם רבֿ׳ס טאָכטער. מיר האָבן געשמועסט וועגן אידעאַלן און אַנדערע אַבסטראַקטע טעמעס, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך געפונען סתם־אַזוי אויף אַן אויספלוג, און אָט אַזוי שמועסנדיק, האָב איך אפילו נישט געפילט, אַז מיר זענען שוין אָנגעקומען קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. מיר זענען גלייך פאַרפאָרן צום אָסטראָווער רבֿ, וועלכער האָט אונדז פון זיין זייט געשיקט צו איינעם פון די שטאָטישע בעלי־בתּים, אַ געוויסער הער וויסאָצקי, אַן אייזן־סוחר, און מיר האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גוטהאַרציקייט פון דאָזיקן ייִד. נאָך ביז איצט שטייט ער פאַר מיינע אויגן אַלס מוסטער פון גוטסקייט און פריינטלעכקייט.

ה. אויפן וועג קיין שניאַדאָוו

אין אָסטראָוו זענען מיר פאַרבליבן עטלעכע טעג, און געוואַרט אויף נייעס, וואָס די נאָענטסטע טעג וועלן ברענגען מיט זיך, אפשר וועט אונדז די לאַגע דערמעגלעכן אַהיים־צופאָרן. צום באַדויערן איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער, אַזוי, אַז ס׳האָט נישט געהאַט מער קיין צוועק אונדזער פאַרבלייבן אין אָסטראָוו, אין דער צייט ווען מיין מוטער געפינט זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע משפּחה־מיטגלידער אין שניאַדאָוו. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערפאָרן אַהין. דעם פינפטן סעפּטעמבער 39 האָבן מיר פאַרלאָזט אָסטראָוו. צוזאַמען מיט אונדז אויף דער דראָזשקע איז געפאָרן אַ פּוילישע פרוי, וועלכע איז געווען דערשראָקן פּשוט ביז דערשיטערונג. פון איר זענען מיר געוואויר געוואָרן אַז די דייטשן האָבן שווער באָמבאַרדירט לאָמזשע, אַז מאַסן לאָמזשער איינוווינערס פאַרלאָזן די שטאָט, נישט מיטנעמענדיק מיט זיך גאָרנישט, אין די יעניקע, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, זענען געבליבן באַגראָבן אונטער די חורבֿות פון די הייזער. זי האָט געיאָמערט מיט טרערן, שעפּטשענדיק אָן אויפהער: „מיר זענען פאַרלוירן! מיר זענען פאַרלוירן!״

מיר זענען אָנגעקומען קיין שניאַדאָוו אין אַ זייער שלעכטער שטימונג. פונדערווייטנס האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון אַ שווערער באָמבאַרדירונג. דאָס האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט וואַגאָנען מיט אַמוניציע. דערזעענדיק אונדז, האָט די משפּחה זיך זייער דערפרייט, און דאָס מאָל איז באַשלאָסן געוואָרן אויף ווייטער זיך האַלטן צוזאַמען ביזן סוף.

אָבער נישט אַזוי האָט געוואָלט דער גורל. נאָך עטלעכע שווערע באָמבאַרדירונגען האָבן די דייטשן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. דערהערנדיק דאָס האָבן עטלעכע פון אונדזער משפּחה באַשלאָסן צו אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון ביאַליסטאָק, פון דאָרט צו דער רומענישער גרענעץ און פון דאָרט קיין ארץ־ישׂראל.

ו. איך געזעגן זיך מיט מיינע עלטערן

מיט אַ שווערער געמיט האָב איך זיך געזעגנט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, מיט מיינע עלטערן. איך האָב דערפילט, אַז איך מוז אַנטלויפן. איך האָב זיך פאַרזען מיט אַ רוק־זאַק און אַ וואַסער־פלאַש ווי אויך עטלעכע העמדער, און צומאַרגנס גאַנץ פרי געלאָזט זיך אין וועג אַריין צוזאַמען מיט מיינע קוזינען: שלמה, שמעון, און מענדל זימאַן.

געגאַנגען זענען מיר מיטן וועג פון טשערוואָני בורער וואַלד, כדי אויסצומיידן דאָס טרעפן זיך מיט די דייטשן. אין וואַלד האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך אַנטלויפנדיקע מיליטער־לייט און אויך אויף טויטע קערפּערס פון מענטשן און נבֿילות פון פערד, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף יעדן טריט און שריט. פון אויבן, איבער אונדזערע קעפּ, האָט זיך דערטראָגן דאָס קראַקען פון די וואָראַנעס.

מיטאָג־צייט זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף פּוראַלאַ. אַ פּויערטע, וואָס איר מאַן איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי, האָט אונדז איינגעאָרדנט ביי זיך, אַרויסווייזנדיק פיל פרייד צוליבֿ אונדזער ווייל ביי איר. זי האָט אָפּגעקאָכט פאַר אונדז קאַרטאָפל מיט ציבל, וויסנדיק אַז מיר, אַלס ייִדן, עסן נישט קיין חזיר־פלייש.

פּלוצלונג האָט דער שונא אָנגעהויבן מוראדיק באָמבאַרדירן דאָס דאָרף. די פּויערטע האָט זיך איבערגעצלמט און פאַרגעזעצט דאָס צוגרייטן פאַר אונדז עסן, זאָגנדיק דערביי, אַז מיר ייִדן זענען פאַר איר אַ גאַראַנטיע אַז ס׳וועט איר נישט געשען קיין שום שלעכטס, און ווען אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל איז אַריינגעדרונגען דורך דער טיר אין צימער און איבער אונדזערע קעפּ צוריק אַרויס דורכן פענסטער, האָט די פּויערטע ווידער זיך איבערגעצלמט און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קניען פאַר אונדז, זאָגנדיק אַז מיר זענען, אַוודאי, מלאכים, וואָס זענען געשיקט געוואָרן איר צו ראַטעווען. ווען מיר האָבן געוואָלט אַוועקגיין האָט זי געבעטן, אַז מיר זאָלן פאַרבלייבן ביי איר נעכטיקן, אָבער לויט אונדזערע אויסרעכענונגען האָבן מיר געמוזט וואָס־פריער לויפן ווייטער, ווייל ווער ווייסט, וואָס ס׳קען פּאַסירן ביינאַכט. מיר האָבן איר פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט איר נישט געשען קיין שום שלעכטס, און אַזוי האָבן מיר זיך באַפרייט פון איר צודרינגלעכן בעטן. אָבער מיר זענען געבליבן פאַרשטעקט אין צווייטן עק פונעם דאָרף, רעכענענדיק זיך מיט די עצות פון די פּויערן, נישט צולאָזן זיך איצט אין וועג אַריין, ווייל די דייטשן רינגלען איצט אַרום די אומגעגנט.

אַ גוטהאַרציקער פּויער האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין זיין שפּייכלער איבערצונעכטיקן די נאַכט, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די דייטשן צו באָמבאַרדירן די אומגעגנט. אינדערפרי זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז באָמבאַרדירט געוואָרן דאָס נאָענטסטע דאָרף גאַטש, און אַז אַ סך קריסטן און ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער באָמבאַרדירטער לאָמזשע האָבן דאָרט געפונען דעם טויט אָדער פאַרוונדעט געוואָרן.

אינדערפרי האָבן מיר באַשלאָסן צוצוגיין קיין גאַטש אויך זען, וואָס ס׳האָט דאָרט פּאַסירט, און זוכן אַ וועג צו אַנטלויפן ווייטער. אָנקומענדיק דאָרטן האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף פיל פאַרוווּנדעטע און סתם דערשלאָגענע, וועלכע האָבן אָנגעפילט דאָס דאָרף און האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי שאָטנס, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך.

זעענדיק, אַז מיר זענען פריש־געקומענע, האָבן זיי גע־

בעטן ביי אונדז ברויט, וואָס איז אין דאָרף כמעט נישט געווען צו באַקומען. מיר, וואָס האָבן געהאַט מיט זיך אַ ביסל ברויט, האָבן נישט געקאָנט אַנטקעגנקומען זייער ווונטש, ווייל דאָס ברויט איז אונדז אַליין נויטיק געווען אויפן ווייטערדיקן וועג. אָבער דערזעענדיק פלוצלונג צווישן די היימלאָזע אונדזער קוזין שמעון חמיאל פון לאָמזשע צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי זין, וואָס זענען געווען שרעקלעך אויסגעהונגערט, האָבן מיר נישט געקענט ביישטיין די ווערטער: „מיר זענען הונגעריק", און זיך מיט זיי געטיילט מיטן ברויט. ביז איצט קען איך נישט פאַרגעסן, ווי זייערע אויגן האָבן געפינקלט, באַקומענדיק דאָס ברויט, און ווען ס'איז אַראָפגעפאַלן אַ קרישקע אויף דער ערד, האָבן זיי עס צוריק אויפגעהויבן און אַריינגעלייגט אין מויל.

ז. די ערשטע באַגעגעניש מיט דייטשישע סאָלדאַטן

דערווייל האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז די דייטשן רינגלען אַרום די אומגעגנט, און אַז אינדערפרי דאַרפן זיי אַריינדרינגען אינעם דאָרף. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין שניאַדאָוו, זעענדיק אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג.

מיר האָבן געענדיקט אויפצועסן דעם לעצטן ביסן ברויט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיטן לאָמזשער שאָסיי. אַ פרעכטיקער זומער טאָג האָט אָנגעפילט דעם חלל פון פריי־מאָרגן אָן. אַרום האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע רואיקייט, אַז מיר האָבן שפּאַצירט גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, און געטראַכט, אַז מיר געפינען זיך דאָ בלויז צופעליק און אַז באַלד וועלן מיר קומען אַהיים. ס'איז אַזוי אָנגענעם געווען צו שפּאַצירן, מיר האָבן אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן די דייטשן און דער מלחמה, און יעדער האָט אָנגעהויבן דער־ציילן וויצן. פלוצלונג זענען ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן עטלעכע דייטשע זעלנער. אויף זייער באַפעל האָבן מיר אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און זיי האָבן גענומען זוכן אין אונדזערע רוק־זעק. נאָכדעם ווי זיי האָבן אַלץ אַדורכגענישטערט און גאָרנישט געפונען, האָבן זיי אונדז באַפוילן צו בלייבן שטיין אַזוי מיט די הענט אין דער הויך, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן. אויך האָבן זיי אונדז באַפוילן נישט צו גיין מער מיטן וואַלד נאָר אויפן שאָסיי. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. מיר האָבן געמיינט, אַז די געפאַר איז שוין אַריבער, און אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך מיט די דייטשן. אָט זענען זיי זיך באַגאַנגען מיט אונדז נישט שלעכט. אָבער אָפּגייענדיק בערך אַ האַלבע שעה, האָבן מיר זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף דייטשן, זיי האָבן אונדז גלייך אַ פרעג געטאָן, אויב מיר זענען יידן. ווען מיר האָבן געענטפערט, אַז יאָ, האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק אויף מיר: אַ שאָד! דו זעסט גאָרנישט אויס ווי אַ ייד. ווייל די יידן זענען דאָך שוואַרצע, און דו ביסט גאָר אַ בלאָנדער. איך האָב גאָרנישט געענטפערט. זיי האָבן אונדז באַזוכט, און צוגענומען דאָס געלט וואָס זיי האָבן ביי אונדז געפונען און באַפוילן אונדז מיטצוגיין מיט זיי, זאָגנדיק אַז זיי נעמען אונדז מיט אין זייער קאָמאַנדע, ווייל זיי זענען אונדז חושד אַז מיר האָבן געשאָסן אויפן דייטשן מיליטער. זיי האָבן אונדז אַריינגעטריבן אין הויף פון אַ פוילישן פויער, און דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ סך יידן און פוילישע זעלנער, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט דורך דייטשע מיליטער־לייט. נאָך אַן אויספאָרשונג זענען מיר באַפרייט געוואָרן פונעם חשד, אַז מיר האָבן געשאָסן אויף די דייטשן. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און באַפוילן צו גיין קיין לאָמזשע.

ווען מיר האָבן זיי געפרעגט, וואָס זיי ווילן פון אונדז, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי פירן אונדז קיין לאָמזשע צו רייניקן די דאָרטיקע גאַסן און אַז אין לאָמזשע וועלן מיר באַקומען געלט און ברויט. אָבער אַזוי ווי מיר זענען נאָר אַרויף אויפן לאָמזשער שאָסיי, האָבן די דייטשן אונדז אָנגעהויבן פייניקן. מיר זענען געווען בערך פינף הונדערט פערזאָן. זיי האָבן אונדז אָן אויפהער געשטויסן און דער־לאַנגט קלעפ מיט די ביקסן־קאָלבעס, כדי מיר זאָלן גיין שנעלער, שרייענדיק: „פוילישע שווייגען! יידישע אויסוורפן! לויס, רעכטס, לינקס, שנעל! שנעל, דו פאַרפלוכטער הונדע! אַזוי האָבן זיי אונדז געטריבן דעם גאַנצן וועג, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין לאָמזשע. דייטשע זעלנער וואָס האָבן מאַרשירט אויפן שאָסיי האָבן געזונגען און אָפּגעלאַכט פון אונדז. איך האָב דערפילט, אַז דער ענין איז גאָרנישט גלאַטיק, אַז נישט קיין אַרבעט שטייט אונדז פאָר און נישט קיין ברויט און געלט. דער גאַנצער ענין האָט מיר אויסגעוויזן משונהדיק. איך האָב זיך דערמאָנט אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און בין געוואָרן זייער אומרואיק, און געזאָגט מיינע קוזינען: כ'האָב דעם איינדרוק, אַז מ'פירט אונדז אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ח. די דייטשן טרייבן אונדז קיין לאָמזשע — איך באַגעגן זיך מיט מיין פאָטער

זעענדיק, ווי אַ דייטש דערנענטערט זיך צו מיר, שרייענדיק: „שווייג דו הונט, שוויין!" בין איך שטיל געבליבן, אַוועקגעשלייכט זיך אין אַ זייט און ווייטער געגאַנגען, ווי אַ פיין קינד. קיין סך צייט צו טראַכטן איז נישט געווען. מ'דאַרף היטן די ביינער. איך האָב געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען מיר וועלן אָנקומען קיין לאָמזשע, און דאָרט — האָב איך געטראַכט — וועל איך מאַכן אַ „ויברח". אָבער אָנקומענדיק אַהין און זעענדיק די באַרויבטע און פאַרברענטע לאָמזשע און אויך דאָס דייטשע מיליטער, וואָס רינגלט אונדז אַרום, האָבן מיר פאַרלוירן די האָפענונג פון קאָנען אַנטלויפן.

אין לאָמזשע האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ דייטשן קלויסטער און צוגעזאָגט צו געבן עסן, און אָט איז ווירקלעך אָנגעקומען דער דייטשער „רויטער־קרייץ"; מיר זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען און די דייטשן האָבן געטיילט שטיקלעך ברויט, מיר האָבן אויך געזען, ווי ציווילע דייטשן פאָטאָגראַפירן אונדז, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט ווען די פאָטאָגראַפיסטן זענען אַוועק, זענען אויך פאַרשוווּנדן די ברויט־טיילערס און מיר זענען געבליבן הונגעריקע. מ'האָט אונדז ווידער אָנגעהויבן דערלאַנגען קלעפ זאָגנדיק, אַז פאַר יידן איז נישטאָ קיין ברויט. מיר זענען

אַלזאָ אָפּגעטרעטן און אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ערד. אַ
טייל זענען איינגעשלאָפן אויף עטלעכע מינוט, אַנדערע האָבן
אויסגעזען צו זיין אַדורכגעדרונגען מיט שרעק. אויך איך
בין איינגעדרימלט. פּלוצלונג האָב איך דערפילט אַ שטויס.
איך האָב געעפנט די אויגן און דערזען מיין קוזין, וואָס
ווייזט מיר: „זע, יהודה, ס׳קומען־אָן נייע!” און ווירקלעך
האָב איך דערזען אַ סך יידן און פּאָליאַקן, וואָס מ׳פירט צו
אונדז: יידן אין עלטער פון זעכציק און זיבעציק יאָר וואָס
שלעפּן קוים די פיס אָטעמענדיק שווער. צווישן די נאָר־וואָס
געבראַכטע יידן האָב איך געפונען מיין פאָטער און מיין
פעטער יצחק. אַ ציטער איז אַדורך איבער מיין קערפּער און
אַ שווייס האָט מיך אינגאַנצן באַדעקט. „אויך דיך האָבן זיי
געכאַפּט, טאַטע?” — האָב איך אַ געשריי געטאָן און אויס־
געבראָכן אין אַ געוויין. „יאָ, מיין זון!” האָט ער געענטפערט
— „מ׳פירט אונדז צו אַרבעט. זיי האָבן געזאָגט אַז נאָר
אויף צוויי שעה און דערווייל האָט מען אונדז געברענגט
אַהער”. מיין פאָטער האָט מיך צוגעדריקט צו זיין האַרץ און
געזאָגט: „גוט וואָס כ׳האָב דיך געפונען. גאָט צוזאַמען מיט
די וועגן פונעם גורל האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל דיך גע־
פינען. מ׳האָט דערציילט, אַז מען האָט דיך געהרגעט און אויך
אַלע, און אָט לעבסטו גאָר, ברוך השם. כ׳האָף, אַז גאָט וועט
אונדז ווייטער נישט פאַרלאָזן און מיר וועלן זיך נאָך אומ־
קערן אַהיים”. איך האָב זיך אַביסל באַרויקט, געפינענדיק
זיך איצט לעבן מיין פאָטער. כ׳האָב צוריק באַקומען מוט און
געפילט, אַז פון איצט־אָן דאַרף איך זאָרגן פאַר מיין פאָטער.

אינעם דייטשן קלויסטער, ווו מ׳האָט אונדז פאַרשפּאַרט,
האָבן געברענט ליכט, וואָס האָבן באַלויכטן דאָס פּנים פון
יעזוסן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער בינע און געקוקט
אויף אונדז. אָט שטייט ער און קוקט אויף זיינע פאָלקס־
ברידער, און זעט וואָס די גויים, וואָס ער האָט געגעבן זיי
די רעליגיע, האָבן פון אונדז געמאַכט...

ט. די דייטשן דערנידעריקן אונדז

די פייער־צונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ סוף צו די לאָמ־
זשער חורבות, האָבן באַלויכטן די נאַכט־פינסטערניש און
אַריינגעדרונגען אין קלויסטער דורך די פענצטער. די דייטשן
האָבן אונדז באַפוילן צו שלאָפן און באַלד בין איך אויך איינ־
געשלאָפן אויף מיין פאָטערס קניען, אָבער פּלוצלונג האָבן
מיך אויפגעוועקט פון שלאָף די שיסערייען, וואָס די דייטשן
האָבן געשאָסן אינעם קלויסטער. אין אָנהויב האָב איך גע־
מיינט, אַז דאָס שיסן זיי אין אונדז, אָבער נאָכדעם ווי זיי
האָבן אויפגעהערט שיסן און אין אַ פערטל שעה שפּעטער
ווידער אָנגעהויבן און דערנאָך ווידער דאָס זעלבע, האָב
איך פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינען זיי צו שרעקן אונדז, און
אונדז נישט לאָזן שלאָפן.

דריי אַ זייגער ביינאַכט האָבן די דייטשן אונדז אויפ־
געוועקט און באַפוילן אויסצושטעלן זיך אין רייען. זייענדיק
זייער מיד פון אַ גאַנצן טאָג אין פון אַרומגיין אַזויפיל, האָבן
מיר זיך נישט שטאַרק צוגעאיילט אויסצופירן דעם באַפעל.
דאַן האָבן זיך אַריינגעריסן אין זאַל די דייטשע זעלנער און
אָנגעהויבן שלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס יעדן, וואָס האָט
פאַרשפּעטיקט. איך, מיין פאָטער, פעטער און קוזינען האָבן
זיך צוזאַמען קוים אַרויסבאַקומען אינדרויסן אין דער אַנט־
שטאַנענער ענגשאַפט. דערביי זענען פיל מענטשן אומגעפאַלן
אויף דער ערד, שאַפנדיק מיט זיך אַ הויפן פון מענטשלעכע
קערפּערס. אָט צו זיי האָבן זיך גלייך אַ נעם געטאָן די דייטשן,
אַזוי אַז עטלעכע פון די געפאַלענע האָבן גלייך אויסגעהויכט
זייער נשמה און די איבעריקע זענען פאַרווונדעט געוואָרן.
ווי ס׳איז האָבן די געבליבענע באַוויזן אויסצושטעלן זיך אין
רייען און אַזוי האָט מען אונדז גענומען פירן. כ׳האָב באַוויזן
אַרומצונעמען מיט מיין בליק דאָס ברענענדיקע לאָמזשע.
פייער־צונגען האָבן זיך געהויבן אין דער הויך, און דאָס וואָס
ס׳האָבן נישט באַוויזן חרוב צו מאַכן די באָמבעס, פאַרטיליקט
איצט דאָס בושעווענדיקע פייער, און ס׳איז נישטאָ ווער
ס׳זאָל עס פאַרלעשן. מיר טרעטן איבער שפּליטערן, שטיקער
מעבל און כלים. די נאַכטיקע פינסטערניש שטעלט פאָר מיט
זיך אַ שרעקנס־בילד פונעם גיהינום. מיר דוכט זיך, אַז מען
פירט אונדז גלייך אין די פייערדיקע פּיסקעס אַריין.

געשרייען פון די דייטשן מונטערן אונדז צו גיין שנעלער.
אָט גייען מיר אַריבער איבער דער צושטערטער בריק אויפן
וועג קיין פּיאָנטניצע, שוין קומט־אָן דאָס אַריבערגיין. אַ טייל
פאַלן אַריין אין נאַרעוו און הויבן־אָן זיך טרינקען, אַנדערע
וואָס קענען נישט אַריבערגיין פאַרהאַלטן זיך און די דייטשן
עפענען אויף זיי אַ פייער און זיי פאַלן אַריין אין טייך.

אָט שטייט אַן אַלטער ייד, וואָס בעט זיך רחמים ביי אַ
דייטש, ער זאָל אים נישט שיסן, ווייל ס׳פעלט אים אויס
כוח אַריבערצוגיין, אָבער דער דייטש שיסט און דער ייד
פאַלט. נישטאָ קיין צייט צו וויינען אָדער פּרווון זיך אָקעגנ־
שטעלן: מ׳איז פאַרנומען — לויס שנעל! רעכטס! שנעל!
רעכטס־לינקס! — הערן זיך געשרייען פון די דייטשן. דער־
זעענדיק דאָס, כאַפּט מיך אַרום אַ יאוש. כ׳הויב אויף די אויגן
צום הימל און שריי: „גאָטעניו! גאָטעניו! ראַטעווע!” אָבער
בלויז שטערן קוקן אויף אונדז גלייכגילטיק, ווי דער ענין
גייט זיי אינגאַנצן נישט אָן. יאָ! אָבער פּלוצלונג דערהער
איך ווי זיי וואָלטן גערעדט צו מיר, זאָגנדיק: „מיר האָבן
געזען די פּיין פונעם מענטש און זיינע ליידן — מיר האָבן
געזען, ווי די יידן ווערן פאַרטריבן און געשלאָגן, געפּייניקט
און דערמאָרדעט פאַר גאָרנישט אין אינקוויזיציע־קעלערן, אין
פּאָגראָמען. און דאָך איז דאָס יידישע פאָלק נישט אונטער־
געגאַנגען. עס האָט פאָרגעזעצט צו לעבן און שטרעבן. דערוי־
בער, בחור, שטאַרק זיך, שטאַרק זיך!”. פּלוצלונג דערהער
איך מיין פאָטערס ווערטער: „מען דאַרף אויסהאַלטן, מיר
מוזן בלייבן לעבן”. מיין פאָטערס ווערטער, וועלכע זענען
געווען אין איינקלאַנג מיט די שטימען, וואָס האָבן גערעדט
אין מיין מוח, האָבן אַביסל מילדער געמאַכט מיין שרעק פאַר
דער צוקונפט און פאַר דער נאַכט. — „יאָ, טאַטע!” — האָב
איך געענטפערט — „איך וועל זיך מי געבן”.

אַזוי זענען מיר, די יידן פון אָסטראָלענקע און פון דער
אומגעגנט, געגאַנגען שווייגנדיקע, איינגעבויגענע און דער־
שראָקענע, וווהין — דאָס האָט קיינער פון אונדז נישט גע־

וווסט. צוקומענדיק צום טייכל לעבן קאָלניע, האָבן מיר אַביסל אָפּגערוט. מיר זענען געווען הונגעריק און דורשטיק, שוין נישט האָבנדיק געגעסן און געטרינקען דעם צווייטן טאָג. האָבן פיל פון אונדז געוואָרפן זיך אויפן טייך און געכאַפּט זיך צום טרינקען. דאַן האָבן די דייטשן ווידער גענומען שלאָגן און ווידער זענען געפאַלן קרבנות.

אין דער צייט, ווען מיר האָבן גערוט, האָב איך געפּרוווט גראָבן אין דער ערד: אפשר וועט מיר געלונגען צו געפינען עפּעס צו עסן. און ווירקלעך האָב איך געפונען אין דער ערד קאַרטאָפל, מייערן און בוראַקעס. מיר האָבן דאָס אַלץ מיטגענומען מיט זיך און אויפגעגעסן רויערהייט.

י. אין קאָלניע — ברידערלעכע הילף

נאָכדעם ווי מיר האָבן גערוט בערך אַ פערטל שעה האָבן די דייטשן ווידער גענומען אונדז טרייבן, פאָרנדיק הינטער אונדז מיט מאָטאָציקלען, אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט לויפן, כדי נישט אַרונטערצופאַלן אונטער זיי און צוטראָטן ווערן. דאָס איז געווען אַ שרעקנס־בילד, וואָס מ׳זעט עס קיינמאָל נישט. בלויז דער ווילן צו דערלעבן און זען נאָך די מפּלה פון די דייטשן און נעמען אין זיי נקמה, האָט אונדז געגעבן כוח דאָס אַלץ איבערצוטראָגן. אין אַ שנעלן טעמפּאָ האָבן מיר זיך אַזוי דערנענטערט צו קאָלניע. אין שטאָט זענען מיר אַדורכגעפירט געוואָרן צווישן צוויי רייען דייטשן, וועלכע האָבן אונדז געהיטן, אַז קיינער זאָל נישט אַרויסלויפן פון דער ריי. אָן אויפהער שרייען זיי מיט שפּאָט: „פאַרפלוכטע יודן! פּאָלנישע שווייַנען! טשעמבערליינס! מיר וועלען אייך ווייזן ווי מלחמה צו האַלטן מיט אונדז. דאָס בלוט וועלן מיר אייך אויסצאַפּן פון אייערע קערפּערס. אייערע קעפּ וועלן מיר צעשמעטערן אין די וועג־שטיינער!".

איך האָב זיי געקאָנט גלויבן. אָבער נישט אַזוי האָבן געטראַכט די אָרטיקע איינוווינערס: ספּאָנטאַניש זענען זיי אַלע אַרויס אויף דער גאַס און גענומען צווואַרפן אונדז ברויט און עפּל און וואָס זיי האָבן געקאָנט. מיר האָט אָפּגעגליקט צו כאַפּן אַ סך עפּל און ברויט. בין איך דאָך דעמאָלט נאָך געווען יונג און פלינק און געקענט טאָן דאָס, וואָס די עלטערע האָבן שוין נישט געקענט. די געכאַפּטע פּראָדוקטן האָבן מיר פונאַנדערגעטיילט צווישן די משפחה־מיטגלידער און סתם באַקאַנטע.

כ׳געדענק אַ קאַטוילישן גלח, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען צווישן די רייען פון די געפאַנגענע און פונאַנדערגעטיילט צווישן זיי ברויט און פרוכטן, וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמלט ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די פּאָליאַקן וועלכע האָבן געהאַט טענות צו אים, פאַרוואָס ער גיט אויך די יידן, האָט ער געענטפערט, אַז אַלע מענטשן זענען קינדער פון גאָט.

אין אַ צייט שפּעטער איז אונדז באַוווסט געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן אים געפּייניקט און אויסגעפירט איבער אים אַ טויט־אורטייל. עס זענען אויך אומגעקומען אַ סך יידן, וואָס האָבן נישט געקענט איבערטראָגן די ליידן פונעם יסורים־וועג.

יא. אין פּרייסן

נאָכן אָפּמאַרשירן פערצן שעה, וועלכע האָבן אונדז אינגאַנצן צעבראָכן, זענען מיר האַלב זעקס אינאָוונט צוגעקומען צו דער דייטשער גרענעץ. אין ערשטן דאָרף האָבן מיר באַמערקט, ווי אַ טייל פונעם דאָרף איז פאַרברענט געוואָרן דורך דעם פּוילישן מיליטער, וואָס האָט באַוויזן אַריינצודרינגען דאָרט אין ערשטן מלחמה־טאָג, אָבער די דייטשן האָבן זיך באַרימט, אַז דאָס האָבן זיי מיט אַ ספּעציעלער כוונה דאָרט אַהין פאַרנאַרט די פּאָליאַקן, כדי זיי צו פאַרניכטן, אַלע ווי איינעם, דורכן פייער פון זייער מאַשין־געווער.

אין דאָזיקן דאָרף, וואָס זיין נאָמען איז מיר אַרויס פונעם זיכרון, האָט מען אונדז דערלויבט אָפּצורוען אַ פערטל שעה און מיר האָבן באַקומען בלויז וואַסער צום טרינקען. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעטריבן, ווי די בהמות, אין לאַסטוואַגאָנען און מיט קללות און קלעפּ אָפּגעשלאָסן די טירן פונדרויסן. אין די דאָזיקע וואַגאָנען זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן פּאָליאַקן און יידן צוזאַמען.

אין וואַגאָן האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן פאָדערן ביי די יידן אָפּצוגעבן זיי דעם גאַנצן טאַבאַק, וואָס זיי האָבן, אָבער אַ דאַנק עטלעכע פיינע און פאַרשטענדלעכע פּאָליאַקן איז אויסגעמיטן געוואָרן אין וואַגאָן „אַ קליינער פּאָגראָם". דערביי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מיר זענען „אומגליקס־קאַמעראַדן" און דאַרפן דעריבער זיין פאַראייניקט. עטלעכע מידע האָבן תיכף איינגעדרימלט אויפן פּוסבאָדן, אָבער מחמת מאַנגל אין פּלאַץ פּלעגט מען זיך בייטן מיט די זיץ־פּלעצער. איך קאָן בשום אופן נישט איינדרימלען נאָר טראַכט כסדר: „וווהין פירט מען אונדז". פון צייט צו צייט רייסן זיך אַרויס פון די אָנגעווייטיקטע הערצער טיפע זיפצן. אַלע פּרוּוון זיך זעלבסט נאַרן, אַז דאָס פירט מען אונדז קיין דייטשלאַנד אַרבעטן, און אַז דאָרט וועלן מיר פאַרבלייבן ביזן סוף פון דער מלחמה. פּלוצלונג האָט די באַן זיך פאַרהאַלטן און די טירן זענען געעפנט געוואָרן.

— אַרויסגיין! — האָבן די דייטשן אָנגעהויבן הויך שרייען — שנעל! שנעל! — אויפן שילד פון דער באַן־סטאַציע האָב איך איבערגעלייענט: „ראַסטנבורג". מיר האָבן גענומען אַרויסשפּרינגען פון די וואַגאָנען. דאָרט האָט אונדז אָפּגעוואַרט, אין איר גאַנצער פּראַכט, די געסטאַפּאָ זעלבסט, און אויך דייטשע יוגנט. זיי האָבן אונדז שפּאָטיש אָפּלאָדירט און עטלעכע מאָל אויסגעשריגן: „הייל היטלער!". נאָכדעם האָבן זיי גענומען שרייען: אָט איז דאָס פּוילישע מיליטער, וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן!" איך האָב געלאַכט ביי מיר אין האַרץ. איך, וואָס בין נאָך נישט אַלט קיין זעכצן יאָר, דאַרף עס זיין דאָס פּוילישע מיליטער, אָבער אַזוי וויל היטלער, וואָס דאַרף זיך באַרימען פאַר זיין פאָלק און דעריבער אַ נאָמען געגעבן די ציווילע מענטשן — מיליטער.

די ליכטער פון דער שטאָט ראַסטנבורג האָבן מיך געלאָקט, גלייך ווי זיי וואָלטן מיך צוגערעדט לאָזן דאָס אַלץ און אַוועקלאָזן זיך אין שטאָט אַריין, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אָסטראָלענקע, און איך קער זיך אום אַהיים צוזאַמען מיט מיין פאָטער. אָבער די דייטשע געשרייען האָבן מיך נישט

געלאָזט זיך זעלבסט אָפּנאַרן. האָבן מיר זיך דאָך געפונען אויף דער דייטשער טעריטאָריע, אויסגעשטעלט אויף די חסדים פון די דאָזיקע פאַרפלוכטע דייטשן. באַלד האָט די דייטשע יוגנט אָנגעהויבן זינגען: „ווען דאָס יודן־בלוט פון מעסער שפריצט". מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן וויינען, שרייענדיק: „אוי! וואָס מיר האָבן דערלעבט!". איך האָב זיך בלויז צוגעקוקט צו דער דאָזיקער יוגנט מיט קינדערשער נאַאיוויטעט און פאַראינטערעסירונג.

מאַרשירנדיקע אין רייען זענען מיר אַריין אין שטאָט. פון ביידע זייטן גאַס שטייען דייטשע מאַסן, וואָס אַפּלאָדירן דעם דייטשן מיליטער, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ דייטשן מיליטער־לאַגער. געווען איז עס אַ הויכע געביידע, וואָס האָט געהאַט עטלעכע שטאָק, און אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען זאַלן און צימערן פאַרן מיליטער. ס'איז געווען איינס אַ זייגער ביינאַכט. יעדער האָט באַקומען אַ שטיקל ברויט און אַביסל וואַסער צום טרינקען. כ'האָב זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז כ'האָב אויף אַן אמת באַקומען ברויט. צוליב דער גרויסער מידקייט האָב איך נישט געקענט עסן. מיר האָבן אַלע זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד און איינגעשלאָפן.

פינף אַ זייגער פרי האָט מען אונדז אויפגעוועקט און ווידער האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל אויסצושטעלן זיך אין רייען. אַזוי זענען מיר אָפּגעשטאַנען עטלעכע שעה, זייענדיק אויסגעשטעלט אויף קלעפּ און דערנידערונגען מצד דער געסטאַפּאָ. צווישן די קלעפּ האָבן מיר ווידער באַקומען שטיקלעך ברויט, דערביי האָט מען אונדז געוואָרנט, אַז דאָס דאַרף גענוגן אויף אַ גאַנצן טאָג. צווישן אונדז האָבן זיך געפונען יידן מיט פיאות און אין קאַפּאָטעס און אויך ישיבה־בחורים וואָס האָבן באַלד געזען דערין אַ גאָטס־זאַך, ווייל אויב מ'וואָרנט אונדז איז דאָך אַ ראיה, אַז מ'זאָרגט פאַר אונדז און מ'מיינט אונדזער טובה...

יב. צום לאַגער „שטאַבלאַג־2"

ווען אַלע זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אין רייען, צו דער צופרידנהייט פון די דייטשן, האָבן מיר, לויט זייער באַפעל, אָנגעהויבן מאַרשירן איבער די שטאָט־גאַסן. מיר האָבן געלייגט אַכט, אַז דער מאַרש־ריטם זאָל זיין אַן איינהייטלעכער, כדי נישט בלייבן הינטערשטעליק, און דערמיט אויסמיידן אומאָנגענעמלעכקייטן. גייענדיק האָב איך זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, געזען האָב איך פאַר זיך אַ שיינע און ריינע שטאָט. די געשעפטן זענען כמעט ליידיק געווען פון סחורות. ביי די אַריינגענג אין די קינדער־היימען האָב איך געזען שילדן מיט אויפשריפטן: „פאַר יידן ביזן דריטן דור איז דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן". דייטשן זענען געשטאַנען אין די גאַסן און אָפּגעלאַכט פון אונדז. אַזוי זענען מיר צוריק אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע. ווידער האָט מען אונדז אַריינגעטריבן, ווי די בהמות, אין לאַסט־וואַגאָנען. די טירן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן פונדרויסן און מיר זענען פאַרבליבן צונויפגעדריקטע אָן לופט צום אָטעמען. אַזוי זענען מיר געפאָרן אַ גאַנצן מעת־לעת. מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט איינהאַלטן, האָבן געמאַכט זייערע באַדערפענישן אונטער זיך, אַזוי אַז דאָס שטינקעניש און ענגשאַפט האָבן געברענגט דערצו, אַז פיל מענטשן האָבן געחלשט. אַטייל אָבער איז געזעסן און געשמועסט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. אַנדערע ווידער האָבן זיך געווונטשן דעם טויט, אויב ס'זאָל זיי אויסקומען ווייטער אַזוי פאָרזעצן, אָבער די אַממערסטן אָנגעווייטיקטע פראַגע איז געווען: וווהין פירט מען אונדז און דער מאַנגל אין וואַסער.

פינף אַ זייגער פאַרטאָג האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך דערהערט דער אָפּהילך פון קייטן און גלייך זענען די טירן געעפנט געוואָרן. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אויסגעשפרייט אַ פרייסישער פרימאָרגן. אַ דינער נעפל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און דורך דעם נעפל האָבן מיר דערזען אַ קליינע באַן־סטאַציע. איר נאָמען האָב איך נישט באַוויזן צו זען. לעבן איר האָט זיך פונאַנדערגעשפרייט אַ גרויסער מיליטערישער לאַגער. ווידער האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין רייען און אָנגעהויבן מאַרשירן נישט פרעגנדיק קיינעם. אַזוי זענען מיר אַריבערגעגאַנגען איבער אַ בריק, לעבן וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ סטאַטוע פון אַ מיליטער־מאַן, וואָס וואַרפט אַ האַנט־גראַנאַט. אייניקע דייטשע מיליטער־לייט, וואָס זענען געשטאַנען דערנעבן, האָבן גענומען שרייען: „יודן! יודן!". מיר האָבן זיך דערווייטערט פון הויפט־שאָסיי און אַריינגעדרונגען צווישן געדיכטע קשאַקעס. פלוצלונג איז אַדורכגעפלויגן אין מיין מוח אַ געדאַנק: „אפשר וויל מען אונדז דאָ אומברענגען!" דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך אויסגעדריקט אויפן קול. מיין פאָטער האָט מיך געפרוווט באַרואיקן און מיך געבעטן געדולדיק צוצוואַרטן. איך האָב זיך באַרואיקט ערשט דעמאָלט, ווען מיר זענען אַרויסגעקומען אויף אַ ברייטן שטח פון פאַראַקערטע פעלדער. רוישנדיקע טראַקטאָרן האָבן געאַקערט די ערד. אַ מאַשיניסט אויף אַ טראַקטאָר, וואָס איז געזעסן נאָענט פון אונדז, האָט אָפּגעלאַכט פון אונדז. געווען איז עס אַ פרצוף פון אַ פעטן קערל, אַ גראָב־הויטיקן מיט אַ פעטן בויך. מיר האָבן נישט געלייגט אויף אים קיין אַכט און מאַרשירט ווייטער, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ טויער, אויף וועלכן ס'איז געווען אַן אויפשריפט „שטאַבלאַג" — 2" און דערנעבן אַ שילד מיט דער אויפשריפט: „דער וועג קיין קעניגסבערג". דורכן טויער האָבן מיר געזען אַ סך געפאַנגענע, וועלכע זענען דאָ אַהערגעקומען פאַר אונדז: יידן און פאָליאַקן, ציווילע בירגער און מיליטער־לייט. אַלע זענען געזעסן אויף דער פאַרבלאָטיקטער נאַסער ערד און ס'האָט זיי גאָרנישט אינטערעסירט.

יאָ! מ'האָט אונדז אַהערגעבראַכט אין לאַגער „שטאַבלאַג — 2" און געגעבן אונדז עסן. עפעס גאָרנישט צום גלויבן: אַ גאַנצן גערויכערטן פיש, ווייס ברויט, מאַרגאַרין און שוואַרצע קאַפע פון קערנער!.

די דייטשן האָבן געוווסט וואָס זיי טוען: די אויסגעהונגערטע געפאַנגענע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם עסנוואַרג, און אין פאַרלויף פון די דריי טעג, וואָס זיי האָבן אונדז אַזוי געקאָרמעט זענען געפאַלן אַ סך קרבנות. אויסגעהאַלטן האָבן בלויז די יעניקע, וואָס זענען געווען זייער

פאַרזיכטיק. די דייטשן האָבן אונדז צוגעזאָגט אויפצובויען הייזער און אויפשטעלן געצעלטן, ווו מיר וועלן קענען וווינען און שלאָפן. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט צו געבן אונדז אַרבעט, מיט איין וואָרט: „הרים וגבעות״, אָבער נישט מקיים געווען אפילו קיין איין הבטחה. דערווייל זענען מיר געשלאָפן אונטערן פרייען הימל. ביינאַכט פלעג איך אַרומהאַלדזן מיין פאָטער און ער מיך און אַזוי פלעגן מיר שלאָפן ביז ס׳איז געוואָרן טאָג.

די באַציאונגען אין לאַגער צווישן די יידן און פּאָליאַקן האָבן זיך פאַרערגערט, מחמת די דייטשן, וואָס פלעגן, וועלנדיק אַרויסרופן שנאה, פאַרטיילן דאָס עסן קודם־כל די יידן, אַזוי אַז די פּאָליאַקן פלעגן דאַרפן וואַרטן אויף זייער ריי. זיי, וואָס זענען געווען שטאַרק אויסגעהונגערט, פלעגן זיך נישט קאָנען איינהאַלטן, און אינמיטן דער עסן־פאַרטיילונג אָנפאַלן אויף די יידן, אַזוי אַז צווישן אונדז און זיי איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער קאַמף.

מיר פלעגן זיי נישט פאַרשווייגן. מיר פלעגן זיך פאַרטיידיקן און געשלאָסענע רייען, נישט איבערלאָזנדיק קיין חלל אינמיטן. די אָסטראָלענקער, וואָס האָבן זיך געפינען אין לאַגער, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום מיין פאָטער, און מיר פלעגן היטן איינער דעם צווייטן, באַזונדערס פלעגט מיין פאָטער האָבן אַ השפעה לטובה אויף איינעם פון בענעדאָנס קינדער, וואָס פלעגט גאַנץ אָפט אַריינפאַלן אין יאוש.

יג. מיר פּרוּוון מאַכן אַן אויפשטאַנד

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די דריטע נאַכט פון אונדזער זיין אינעם לאַגער. איך בין איינגעשלאָפן, ווי שטענדיק, האַלטנדיק זיך אַרומגענומען מיט מיין פאָטער. פּלוצלונג האָב איך דערפילט ווי עפּעס קלאַפּט מיר איבערן פנים. איך האָב זיך איבערגעוועקט און געבליבן דערשטוינט: אַ שטאַרקער שלאַקס־רעגן האָט געגאָסן. ס׳איז נישט געווען ווי צו געפינען אַ שוץ אַקעגן אים. אונדזערע קערפּערס זענען שנעל אַדורכגענעצט געוואָרן. דאַן האָבן אַלע יידן זיך צונויפגעזאַמלט אויף איין אָרט, זיך צונויפגעקוועטשט איין קערפּער צום צווייטן און אַזוי־אַרום זיך קעגנזייטיק געוואַרעמט. דער רעגן האָט אָבער נישט געטראַכט אויפצוהערן און מיר האָבן אָנגעהויבן שרייען. אויף אונדזערע געשרייען האָבן בלויז אָפּגעענטפערט די דונערן. דער רעגן, שטורעם, דונערן און בליצן האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט אונדזערע האַרצרייסנדיקע געשרייען, און געשאַפן מיט זיך עפּעס ווי אַן ערדציטערניש.

פּלוצלונג האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ קול: „יידן! געקומען די צייט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד!״. מיר האָבן זיך אַלאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון די פּלויטן. די אונדז היטנדיקע דייטשן, האָבן, דערזעענדיק, וואָס סטוּט זיך, אָנגעשטעלט אויף אונדז זייער מאַשין־געווער און אָנגעהויבן דערווייל שיסן אין דער לופט. מיר זענען אַלזאָ אָפּגעטראָטן, און אָנגעהויבן אַרומזוכן אין דער פינצטערניש, עפּעס, וואָס זאָל אונדז קענען באַשיצן, און אָט האָבן מיר אַנטדעקט, אַז די דייטשן האָבן אַהערגעבראַכט ברעטער, האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי און איבערגעדעקט זיך מיט זיי. דערזעענדיק דאָס, האָבן די פּאָליאַקן, וואָס אויך זיי זענען געטראָפן געוואָרן פונעם שלאַקס־רעגן, זיך געוואָרפן אויף אונדז, ווילנדיק אַוועקרייסן ביי אונדז מיט געוואַלט די ברעטער. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביטערער קאַמף, בעת וועלכן צײנער האָבן זיך איינגעגעסן אין אַ פרעמדן קערפּער, געביסן און געקעמפט קעגנזייטיק. די פאַרצווייפלונגס־קאַמפן האָבן גורם געווען אומזיסטע קרבנות פון ביידע צדדים.

ענדלעך האָט אָנגעהויבן טאָגן. מיר אַלע, שמוציקע און ביז די ביינער אַדורכגענעצטע, זענען אַרויס פון די באַהעלטעניש. כ׳האָב גענומען אַרומזוכן מיינע קרובֿים, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אין דער אַנטשטאַנענער סומאַטאָכע. די דייטשן האָבן, אָפּלאַכנדיק פון אונדז, געפרעגט אונדז וועגן אונדזער געזונט, און ווי ס׳האָט אונדז געשמעקט די פאַרגאַנגענע נאַכט. אַן אַלגעמיין שווייגן איז געווען אונדזער תשובה.

אינדערפרי האָב איך באַמערקט, ווי אַלע פּנימער זענען באַדעקט מיט אַ שאָטן פון מרה־שחורה. יעדער האָט געזוכט אַן אויסוועג, אַן עצה, אָבער קיין לעזונג איז נישט געווען. אין פאַרלויף פון דאָזיקן טאָג זענען געשטאָרבן זעכצן יידן.

זייערע קברים, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט צו אונדז פון יענער זייט פּלויט, די צאָל פון וועלכע האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג, האָבן אינדז וואָס אַמאָל מער דערשלאָגן. יעדער האָט אָנגעהויבן ציילן זיינע טעג, ווען זיין ריי וועט קומען. מיין פאָטער, האָט, קוקנדיק אויף די דאָזיקע פרישע קברים, ביטער זיך צעכליפּעט, מיך געהאַלדזט און מיט אַ פאַרשטיקטן קול געזאָגט: „ניין, זון מיינער! ניין, מיין זון! דו וועסט נישט שטאַרבן, דו וועסט נאָך זוכה זיין צו קומען קיין ארץ־ישראל, אַזוי ווי דו האָסט שטענדיק געחלומט! גלויב נישט די גויים, נאָר דיין אייגענעם כוח אַליין; נאָר איר, די יוגנט, וועט בייקומען דאָס אומגליק און בויען ארץ־ישראל. דאַן, זאָלסטו מער נישט פאַרלאָזן דיין לאַנד, נאָר באַמיען זיך מיט אַלע כוחות דאָרט צו בלייבן״! — „יאָ״ — האָב איך געענטפערט — „איך זאָג דיר צו, אַז אויב כ׳וועל זוכה זיין, וועל איך שוין וויסן וואָס צו טאָן!״.

יד. „ימים נוראים״ אין לאַגער

דערווייל האָט די לאַגע זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. צווישן איין צרה און דער צווייטער איז אָנגעקומען ראש־השנה. אָן מחזורים און סידורים האָבן מיר געדאַוונט און געזאָגט פאַרשידענע תפילות אויסנווייניק.

ס׳איז אָנגעקומען יום־כיפור, און ווי לכבוד דעם יום־טוב, האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט פאַר אונדז געצעלטן, און דעמאָלט האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מנין צום דאַווענען, אַזוי אַז די דייטשן און פּאָליאַקן האָבן אונדז נישט געשטערט.

אַזאַ מין דאַווענען האָב איך קיינמאָל פאַר מיינע אויגן נישט געזען: יידן איינגעבויגענע און צעבראָכענע מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, שטייען און שווייגן, אָדער מורמלען עפּעס אין דער שטיל, און ווען דער חזן הויבט־אָן „אור זרוע לצדיק״ ברעכט אויס אַן אימהדיק געשריי, און די דערשלאָגענע יידן לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד און קלאַפּן אין איר מיט

די קעפּ. מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן אין מיר. כ׳האָב נישט געקענט וויינען. שטיל בין איך געשטאַנען און געקוקט אין דער ריכטונג צו מיין פאָטער און משפּחה־מיטגלידער, פרעגנדיק זיך זעלבסט: פאַרוואָס ליידן מיר אַזוי? פאַרוואָס דאַרפן מיר גאָט בעטן? צי איז עס גאָט אַזוי ניחא אונדז אַזוי צו דערנידעריקן און פאַרשעמען, כדי מיר זאָלן קומען בעטן צו אים? — „ניין!״ — האָב איך געזאָגט צו זיך — „קיין איין וואָרט נישט! ניין! אויב גאָט וויל אַז איך זאָל פאַר אים תפילה טאָן, האָב איך פאַר אים בלויז אַ שטיל־שווייגעניש!״

אין דער גאַנצער צייט פונעם דאַווענען האָב איך געשוויגן און בשעת מעשה דרינגען מיינע אויגן אַריין אין עפּעס אַ טיפן אָפּגרונט און בלאָנדזשען אין דער ריכטונג פונעם וועג. פּלוצלונג בין איך אינגאַנצן דערשיטערט געוואָרן, זעענדיק ווי אַ ייד הויבט אויף זיין צוועלף־יעריקן יינגל, וועלכער איז אויך פאַרשלעפּט געוואָרן דאָ אַהער אַלס „קריגסגעפאַנגענער״, און נעמט אים קושן אין פּנים און אויפן קאָפּ, און דערביי שרייט ער: „גאָט! אין זכות פון די דאָזיקע קליינע קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט געזינדיקט, זיי אונדז מציל, קער אונדז אום אין אונדזערע היימען, צו אונדזערע משפּחות! כ׳האָב אָנגעהויבן וויינען. אַלע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און גענומען רייסן קריעה אויף די קדושים, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אומגעקומען און אויך אין דער צייט פונעם דאַווענען. אַזוי זענען זיי געבליבן ליגן מאַכטלאָז, נישט האָבנדיק קיין כּוח אויפצושטיין און געגאָסן מיט ביטערע טרערן.

טו. די פּאָליאַקן פּאָגראָמירן אויף זייער שטייגער

און דערווייל האָבן די דייטשן פאַרקלענערט די שפּייזפּאָרציעס, ביז ס׳דערגייט שוין צו אַ הונגער־מצב, אויך קיין וואַסער גיבן זיי נישט מער, און אַ סך יידן וואָס קענען נישטביישטיין די עינויים פונעם דורשט, טרינקען זיך אָן מיטן שמוציקן וואַסער, וואָס רינט אַרויס פון מיליטערישן באָד, שטעקן זיך אָן מיט בויך־טיפוס און הויכן אויס זייער נשמה.

די לייז און אַנדערע ענלעכע אָנשיקענישן נעמען זיך קלייבן אַרום אונדז, אַזוי אַז אונדזער אויג איז צוגעוווינט געוואָרן צו זען טאָג־איין טאָג־אויס ווי יידן און קריסטן שטיין און קלויבן די לייז פון די וועש און קליידער, אין דער פרייער צייט פון אַרבעט.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך, קוקנדיק דורך דעם פּלויט, באַמערקט ווי יידן שטעלן זיך אויס אין רייען. וויסנדיק, אַז איצט איז נישט די צייט פון עסן־פאַרטיילונג בין איך אַהין צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס איז געשען, וווהין גייען זיי עס. דאַן האָבן זיי מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן באַפוילן צו שטעלן זיך אין רייען, ווייל זיי האַלטן ערב דעם באַפרייען אַלע וואָס זענען עלטער פון פופציק און יינגער פון אַכצן יאָר. דערהערנדיק די דאָזיקע גוטע בשורה, בין איך גלייך געלאָפן צו מיין פאָטער און משפּחה־מיטגלידער זיך צו טיילן מיט זיי מיט דער דאָזיקער גוטער ידיעה, און אויך מיר האָבן אָנגעהויבן אַריינשטעלן זיך אין די רייען.

פון דער צווייטער זייט האָבן מיר באַמערקט, אַז אויך די פּאָליאַקן שטעלן זיך אויס אין רייען, אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן זיך אויסצודרייען און אַוועקשטעלן זיך אין דער ריי, זענען אונדז די פּאָליאַקן באַפאַלן, גענומען שלאָגן און צורייסן ביי אונדז אונדזערע מלבושים און שיך, און וואָס ס׳איז זיי נאָר געקומען אונטער דער האַנט. דערביי האָב איך באַמערקט, ווי עטלעכע פּאָליאַקן זענען באַפאַלן אַ ייד פון מיין שטאָט, וועלכער געפינט זיך אגב, איצט אין ישראל, אָבער זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן. זיי האָבן זיך באַמיט אַרויסצושלעפּן פון זיין טאַש זיין גאָלדענעם זייגער. איך בין צוגעגאַנגען צום באַפאַלענעם און אים געהאָלפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. ווען די רויבערס האָבן דערזען מיך האָבן זיי אָפּגעלאָזט דעם ייד און געוואָרפן זיך אויף מיר, אין באַזונדערס אויף מיינע שטיוול. איך האָב מיט זיי פאַרביטערט געקעמפט, איינגעביסן זיי די אויערן א. אַז. וו., אָבער זיי האָבן מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ מיט אַ שטיק האָלץ, אַזוי אַז איך בין אומגעפאַלן אויף דער ערד און געבליבן אין אָנמאַכט. ווען כ׳בין געקומען צו זיך, האָב איך דערזען, ווי מיין קוזין שטייט נעבן מיר און זאָגט: „קום, יהודה, דיין פאָטער זוכט דיך אַרום!״ כ׳האָב זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען צו מיין פאָטער, טרעטנדיק מיט באָרוויסע פיס אין דער בלאָטע. דערזעענדיק מיך אין אַזאַ מצב, האָט מיין פאָטער זיך צעכליפּעט און גענומען שרייען: „וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דיר?״ מיר האָבן ביידע געוויינט, ווייל מער איז אונדז נישט געבליבן וואָס צו טאָן. מיין פאָטער האָט געוואָלט צערייסן זיין מאַנטל און מאַכן פון אים באַנדאַזשן פאַר מיינע פיס, כדי אויסצומיידן אַ פאַרקילונג. איך האָב אים נישט געלאָזט, דערביי זיך צעלאַכט און געזאָגט: „ס׳מאַכט נישט אויס, טאַטע, איך וועל געפינען שמאַטעס און עפּעס שוין צוגרייטן פאַר מיר. דעם מאַנטל האָבן מיר נאָך צייט צוצערייסן״. אין אַזוי איז טאַקע געווען. איך בין נאָך, ווי ס׳איז, אַרויס גאַנץ, ווייל פון אַנדערע האָבן די כוליגאַנעס אַראָפּגעשלעפּט אַלץ, לאָזנדיק זיי נאַקעט: ווען אין די בלויזע גאַטקעס, און וועמען אין הוילן העמד.

דעמאָלט האָט אונדז דער יאוש אויפסניי אַטאַקירט מיט טאָפּלטער קראַפט. ס׳איז אונדז נישט מער פאַרבליבן ווי צו דאַווענען און וויינען, און דאָס האָבן מיר טאַקע געטאָן, ווי ווייט מיר האָבן געקענט.

טז. די פּאָליאַקן האָבן באַקומען אַ „לעקציע״...

צוויי טעג נאָכן פּאָגראָם אינעם לאַגער האָבן מיר זוכה געווען צו זען אַ זאַך, וואָס מיר האָבן אפילו נישט געחלומט צו זען. געשען איז אָט־וואָס: ביים באַקומען, ווי געוויינטלעך, דאָס נאַכט־עסן, האָבן מיר זיך זייער געוווּנדערט, זעענדיק ווי ס׳קוקן אויף אונדז פיל דייטשע אָפיצירן. ווי געוויינטלעך זענען די פּאָליאַקן געשטאַנען אין אַ באַזונדערער ריי און געוואַרט ביז מ׳וועט פונאַנדערטיילן דאָס עסן צווישן די יידן, אָבער זייענדיק דערמוטיקט פון אייערנעכטיקן פּאָגראָם, און זעענדיק אַז ס׳איז זיי אַדורך גלאַט, האָבן זיי געפינען פאַר נויטיק אונדז אַרויסצווייזן זייער שנאה אין דער

אַנוועזנהייט פון די דייטשע אָפיצירן, און זיך געוואָרפן אויף אונדז, כדי ביי אונדז צוצורויבן דאָס באַקומענע עסן. אינעם זעלבן מאָמענט האָבן די דייטשע אָפיצירן געוואָרפן זיך אויף די פּאָליאַקן מיט די שווערדן פּאַכנדיק מיט זיי אויף לינקס און אויף רעכטס און שרייענדיק: „פּוילישע חזירים, ווי וואַגט איר אָנצופאַלן אויף אייערע פּוילישע מיטבירגער, וואָס פאַר אַ מדינה זייט איר, אַז איר קענט בלויז לעבן פון רויב און רציחה? דערווייל האָבן דייטשע ציווילע בירגער אָפּגעפּאָטאָגראַפירט די דאָזיקע סצענע. שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז זייער כוונה דערמיט איז געווען צו דערוויזן דער דעמאָקראַטישער וועלט וועמען זיי פאַרטיידיקן... ערשט דעמאָלט האָבן די פּאָליאַקן, פאַרלירנדיק עטלעכע געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע, אָנגעהויבן פאַרשטיין, ווער ס'איז זייער אמת'ער שונא, און פון דעמאָלט אָן האָבן שוין געהערשט צווישן אונדז אמתע חברישע באַציאונגען, און אין אונדזערע הערצער האָט געפונען אַ פּלאַץ די איינציקע און בשותפות־דיקע דאגה: „די פרייהייט".

יז. די אָסטראָלענקער זענען זיך איבערגעגעבן

אין דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען האַלט אונדז ביים באַפרייען, אָבער ס'איז געווען שווער צו גלויבן, כאָטש, אין אמתן, האָבן אונדז די דאָזיקע בשורות דערמוטיקט און געשטאַרקט. אָבער צום באַדויערן זענען אַדורך די טעג און צוזאַמען מיט זיי זענען געפאַלן אומזיסטע קרבנות, וואָס זענען געשטאָרבן פון מאַכטלאָזיקייט און אויסגאַנג פון די כוחות. דאָס גנבענען ברויט, איינער ביים צווייטן, איז געוואָרן אַזאַ מין ספּאָרט, וועלכער האָט דעם קרבן געדראָט פּשוט מיטן טויט. אינמיטן דער נאַכט, פלעגן מיר זיך איבערוועקן און הערן אַ פאַרצווייפלט געשריי פון אַזאַ מין קרבן: „געוואַלד! ווו איז מיין ברויט?" קיין כוח אויפצושטיין פון געלעגער איז נישט געווען און מיר זענען ווידער איינגעשלאָפן. די אָסטראָלענקער האָבן געהיט איינער דעם אַנדערן, אַזוי אַז דאָס האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט פון אַ סך צרות.

דערווייל איז אַדורך סוכות און ס'איז אָנגעקומען שמיני־עצרת. ערב יום־טוב האָבן די דייטשן מודיע געווען, אַז די יעניקע, וואָס האָבן געוווינט אין געוויסע שטעטלעך זאָלן זיך גלייך פאַרזאַמלען, ווייל מ'גייט זיי אָפּשיקן אַהיים. אין דער דאָזיקער רשימה פון די שטעטלעך האָט אָסטראָלענקע נישט פיגורירט, נאָר לאָמזשע. האָבן מיר זיך אַלזאָ אַוועקגעשטעלט צווישן די לאָמזשער. דער עיקר: עוקר צו זיין פונדאַנען! פרייהייט! אַהיים!

יח. אַהיים

ווידער האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין וואַגאָנען פאַר בהמות. אין האַרץ האָט געטיאָקעט: „אפשר פירט מען אונדז ווידער אין אַ לאַגער אַריין? אָבער דאָס געפיל, אַז מיר געפינען זיך שוין מער נישט אין פריערדיקן אָרט האָט אונדז צופרידנגעשטעלט, און מיר האָבן איבערגעלאָזט אונדזער גורל אין גאָטס הענט.

אָפּפאָרנדיק פיר און צוואַנציק שעה איז דער צוג אָנגעקומען אויף דער סטאַציע אָסטראָלענקע. מיר זענען געווען פאַרמאַטערט און הונגעריק. מ'האָט אונדז געעפנט די טירן, און דערזעענדיק, אַז מיר געפינען זיך אין אמתן אין אונדזער היים־שטאָט, האָבן מיר באַקומען טאָפּעלע ענערגיע. מ'האָט אונדז באַפוילן ווידער אויסצושטעלן זיך אין רייען און מיר האָבן אַריינמאַרשירט אין שטאָט דורך דער אין־וואַסער־פאַר־זונקענער בריק. אַזוי האָבן מיר אַדורכמאַרשירט דעם „פּלאַץ פון דריטן מאַי". פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען די שטאָטישע יידן און פּאָליאַקן און אויך דייטשע זעלנער. אַ מיליטער־אָרקעסטער האָט געשפּילט און מיר האָבן געמוזט גיין גלייך און לאַכן. פלוצלונג האָב איך דערזען מיין מוטער, מומעס און יינגסטן ברודער, וואָס האָבן געשריען: „אפרים! יהודה! טאַטע! קומט, גייט אַרויס פון די רייען און מאַכט פּיס, ווייל מ'פירט אייך צו דער רוסישער גרענעץ, און דאָרט וועט מען אייך איבערגעבן אין די רוסישע הענט, וואָס געפינען זיך אין לאָמזשע. דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז פּוילן איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי חלקים, און אַז מיר געהערן צו דער רוסישער זייט.

אַדורכגייענדיק ביים שטאָט־גאָרטן און פאַר דער תפיסה־געביידע, האָב איך אַ זאָג געטאָן מיין פאָטער, אַז ס'וואָלט כדאי געווען כאַפּן אַ שמועס מיט די דייטשן, אַז זיי זאָלן אונדז איבערלאָזן אין שטאָט. די תשובה פון מיין פאָטער איז געווען, אַז איך זאָל עס פּרוּוון. איך האָב גערעדט מיטן דייטש און ער האָט מסכים געווען, מיטן באַדינג, אַז מיר זאָלן גיין גלייך אין נישט מיט די פעלדער. אין קעגנפאַל וועלן זיי אונדז דערהרגענען.

מיין פעטער יצחק און מיינע קוזינען זענען אַדורכגעלאָזט געוואָרן אין שטאָט אַריין אָן שוועריקייטן. מיין פאָטער אָבער האָבן זיי נישט אַדורכגעלאָזט נאָר באַפוילן אים צוריק צו גיין. בין איך אויך נישט אַריינגעגאַנגען. ווען מיר האָבן זיך אַביסל דערווייטערט, זענען פלוצלונג אונדז אַקעגן געקומען מיין מומע גיטל ע"ה אין מיין שוועסטער מיט טיי, ברויט און קוכן. מיר האָבן עפּעס טועם געווען און צוזאַמען אַריינגעגאַנגען אין שטאָט דורך די פעלדער.

שווער איז געווען צו גלויבן און צוגעוווינען זיך צום געדאַנק, אַז איבער דער שטאָט הערשן דייטשן. יידן ווערן אַרויסגעפירט אין די שטאָט־גאַסן, כדי זיי אויסצוקערן; מ'ברענגט יידן צו דער תפיסה־געביידע אויסצורייניקן דאָרט די קלאָזעטן מיט די ליידיקע הענט; מ'גיט די יידן בעזימער אין די הענט, זיי זאָלן אַזוי מאַרשירן איבער די גאַסן און זינגען „התקוה". און די דערשראָקענע אָסטראָלענקער יידן באַמיען זיך אויסצובאַהאַלטן און זיצן אין די הייזער.

ביינאַכט האָב איך זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און דערזען, ווי פון דער שטאָט־שול זעצט אַ רויך. ס'איז אַ פּחד אַרויסצוגיין. איצט אַרט מיך שוין קיין שום זאַך. כ'וויל שלאָפן ווי אַ מענטש, ווייניקסטנס איין נאַכט. אינדערפרי איז מען געוואויר געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן באַגאָסן די שול־ווענט מיט בענזין און פאַרברענט די מאַלערייען אין שול.

יט. דער גירוש

אויפצומאָרגנס, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט, אַז די יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אין פאַרלויף פון דריי־פיר שעה, און ווער ס׳וועט פאַרבלייבן וועט געטויט ווערן.

ס׳האָט אונדז נישט געאַרט. מיר האָבן געוואָלט וואָס שנעלער פון זיי פטור ווערן און ס׳האָט אונדז אפילו נישט אינטערעסירט, וואָס ס׳וועט זיין מיט אונדזער פאַרמעגן. דער עיקר: נישט אָנצוקוקן מער די נאַצישע רוצחים.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ווערטער פון וויצע־בירגערמייסטער פון דער שטאָט אָסטראָלענקע, וועלכע ער האָט געזאָגט מיין פאָטער, אַרויסקומענדיק צום שאָסיי זיך מיט אים צוגעזעגענען. ער האָט דערביי געוויינט און זיך אָנגערופן: „איצט זע איך, פאַניע כמיעל, אַז מיר האָבן פאַרשפילט די מלחמה און אויך פוילן".

די פערד האָבן אַראָפגעלאָזט די קעפ, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט. איבער זייערע רוקנס האָט אַ פאָכע געטאָן די בייטש, און אָסטראָלענקע, די חשובע יידישע שטאָט פון דורי־דורות, איז געבליבן הינטער אונדז.

פייוול סעראק (בת־ים, ישראל)

ווען די דייטשן זענען שוין געווען

צום אייביקן אָנדענק פון מיין פאָטער אליעזר דוד סעראַק און מיין ברודער יעקב סעראָק, זכרונם לברכה.

זייענדיק אַלט 32 יאָר, פרוביר איך מיר דערמאָנען זאַכן פון 4—10־יאָריקן עלטער, באַזונדערס די זאַכן פון ערשטער יוגנט, וואָס ווערן איינגעקריצט טיף אין זיכרון אויפן גאַנצן לעבן.

אָט דערמאָן איך זיך איצט ווי מיין טאַטע ע"ה האָט מיך געפירט דאָס ערשטע מאָל אין חדר אַריין, אין עלטער פון 4 יאָר, און ווי דער מלאך האָט מיר אַראָפגעוואָרפן א צוקערל... דער חדר איז געווען לעבן „חזיר־מאַרק", אין בענעדאָנס „גובערניע". די שטוב איז געווען צעטיילט אויף צווייען, איבערגעצוימט מיט א ווענטל פון ברעטלעך, אין איין טייל איז געווען א שפייז־קראָם, וווּ די גויים פלעגן אין די מאַרק־טעג קויפן זייערע געברויך־אַרטיקלען, און אין דעם צווייטן טייל איז געווען דער... חדר. ביי א טיש, ארומגערינגלט מיט בענק, זענען מיר געזעסן בערך א מנין קינדער. דער רבי אויבן־אָן, מיט א לאנגן טייטל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט א רימען... האָט געלערנט מיט אונדז דעם אלף־בית. יעדע פאָר מינוט פלעגט ער גיין צוהילף דעם ווייב ביים „האַנדל" מיט די קריסטן פון מאַרק, און מיר תלמידים האָבן דערווייל געחזרט קמץ אלף — אָ...

ווען דער טומל אין חדר איז געוואָרן גרעסער און די התלהבות האָט זיך געהויבן, האָט זיך דער רבי דאַן אַריינגעריסן מיטן קאַנטשיק און געפאָכעט אויף רעכטס און אויף לינקס... דערנאָך איז געקומען די הפסקה. דאַן האָבן מיר זיך א לאָז געטאָן ווי פרייע פייגל אויפן חזיר־מאַרק צו דער וואַסער־קישקע, און טייל האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע שפילערייען.

אָנשטאָט א קלונג, אלס סימן, אז די הפסקה איז געענדיקט, איז דער רבי אַרומגעלאָפן מיט זיין קאַנטשיק און האָט געשריגן אויפן קול: „א פאַרכאַפעניש"... ווייל די קינדער האָבן מיט אים געשפילט אין א פאַרבאַהעלטעניש און זיך נישט געאיילט אַריינצוגיין צוריק אין חדר.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך געענדיקט מיין ערשטער „בילדונגס־יאָר" אין אָסטראָלענקע. דערנאָך בין איך אַריין אין דער „תלמוד־תורה", אין דער ערשטער כיתה, ביי „יאַלוש־קע" מלמד; מיין צווייטער מלמד איז געווען מענדל „בראָדאַטש"; דער דריטער — יחיאל, און דערנאָך לייזער העניאַך און דער „וואַרשעווער".

ווי א פייל פון בויגן איז דאָס אַלץ פאַרביי און פאַרשוונדן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון ליידן, צרות און פיין.

אוי, ווי עס ווילט זיך דערמאָנען טיף־איינגעקריצטע יוגנט־איבערלעבענישן! דאַכט זיך, גאַנץ פשוטע זאַכן, אָבער אַזוי רייך אין געפיל, זכרונות פון א גאַנץ אַנדער וועלט, איך וואָלט זאָגן, א מער הייליקערע; דעראינערונגען, וואָס ברענגען פאַר יעדן איינעם א שטיק פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן. נישט איין שמייכל אָדער טרער באַווייזט זיך, ווען מען דערמאָנט זיך אפילו אין א קלייניקייט פון אונדזער פריוואַט־לעבן און שטילע מינוטן.

אָט איז די תלמוד־תורה מיטן בית־המדרש און „קהל־שטיבל" — די אַלטע חרובע שול נעבן אים און דער „ארון" פון דער חברה־קדישא אַנטקעגן. דאָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די יידישע הייליקייטן פון דעם קליינעם שטעטל, וואָס האָט געהאַט אין זיך פיל פון א גרויסער שטאָט.

און אָט איז געקומען די 2־טע וועלט־מלחמה. אונדזערע הייליקייטן זענען פאַרשוועכט געוואָרן אויפן פרעכסטן און בעסטיאַלישסטן אופן.

איך געדענק, ווען די דייטשן זענען שוין געווען אין שטאָט, און דער גורל פון פאַרלאָזן אונדזערע אָסטראָלענקער

היימען איז שוין געווען געחתמעט... איידער מיר זענען אוועק, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דער תלמוד־תורה. איך האָב זיך, ווארשיינלעך, געוואָלט געזעגענען מיט די ווענט, מיט דער באַנק, וואָס איך בין אויף איר יאָרן־לאַנג געזעסן. עס האָט מיך געצויגן אַריינצוגיין און א לעצטן קוק טאָן, הגם איך האָב געוווּסט, אז קיין לעבעדיקער נפש איז שוין דאָרט נישטאָ. פאַרלאָזט און פאַרוויסט זענען געווען די חדרים, וואָס האָבן געשוווּבלט מיט קינדערישער פרייד. די פענצטער אויפ־געריסן און נאָר די „שמות״ האָבן זיך געדרייט אין געווירבל פון דעם ווינט. אויס מיט די יידישע הייליקייטן! אויף דער שול־גאַס פאַרברענט מען בפרהסיה די ספרי־תורה, יידיש בלוט הויבט זיך אָן צו גיסן. דערוואַקסענע און קינדער ווערן פראַנק און פריי דערשאָסן. זייער איינציקע שולד איז, וואָס זיי זענען יידן און געהערן צום „אתה בחרתנו״־פאָלק... פאַר־וואָס? יידן טאָרן נישט פרעגן פאַרוואָס. ווי האָט מען געענט־פערט די עשרה הרוגי מלכות — מאחורי הפרגוד — „גזירה היא מלפני, קבלוה! ולא — אהפוך העולם לתוהו ובוהו״. מען טאָר נישט פרעגן.

ווי איך בין אַרויס פון דער „תלמוד־תורה״, האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן א סצענע, וואָס האָט מיך טיף דער־שיטערט. דאָס איז געווען דער שוידערלעכסטער מאָמענט אין מיין לעבן: דער שטאַרקסטער, קליגסטער און אויך געליבטס־טער מענטש — אין מיינע אויגן — מיין טאַטע ע״ה, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פונעם „קהל־שטיבל״ און א דייטש — פאַרשאָלטן זאָל ווערן זיין געביין — האָט אים די באָרד געשוירן. דערביי האָט אַן אַנדער דייטש דעם „ספּעקטאַקל״ פילמירט. מיין פאָטער איז געשטאַנען ווי א העלד און דעם דייטש אין די אויגן נישט געקוקט, אָבער זיין האַרץ האָט געוויס אין דעם מאָמענט געבלוטיקט... א דערשראָקענער און א פאַרשטיינערטער בין איך שטיין געבליבן ביי דער וואַנט פון דער „תלמוד־תורה״, נישט וויסנדיק וואָס איך האָב צו טאָן: צי זאָל איך זיך א לאָז טאָן צום טאַטן און זיך צו אים צוטוליען, אָדער לויפן צו דער מאַמען איר דאָס אַלץ דער־ציילן? און דאָ, גאָט אין הימל, ווען איך וואָלט דאַן געווען בכוח, וואָלט איך בעסער ביידע דייטשן אויפן אָרט דער־וואָרגן, אויף שטיקער צעריסן. אָבער אַנשטאָט דעם בין איך אַנטלאָפן מיט א געוויין...

אָבער דאָס איז דאָך נאָר געווען א טראָפּן אין דעם גרויסן בלוטיקן ים פון די מלחמה־איבערלעבענישן. געווען זענען מיר א גרויסע, פאַרצווייגטע משפּחה. מיר האָבן געהאַט א באָבען, פעטערס מיט מומעס. פון זיי אַלע איז קיינער נישט פאַר־בליבן, אויך נישט מיין ברודער יעקב סעראָק ז״ל, אַן עילוי מיט סמיכות אויף רבנות. צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע אָסטראָלענקער — צו קבר ישראל נישט געקומען.

אוי, ווי נעמט מען די ריכטיקע ווערטער אויסצודריקן דעם אומפאַרהיילטן ווייטיק און דעם צאָרן־געשריי!

לאָמיר־זשע פאַרטרייבן מיט כוח יעדן פּרווו צו פאַרגעסן.

זאָל אונדז דער אָסטראָלענקער „יזכור־בוך״ און די פּשר־טע ווערטער, וואָס קומען פון אונדזער צעבראָכענעם האַרץ, דינען אַלס אייביקער דענקמאָל און דערמונטערונג. נישט פאַרגעסן! געדענקען!

געדענקען און זיך אויך טרייסטן, טרייסטן מיט אונדזער מדינה — מדינת ישראל!

חיים דרעזנער (בני־ברק)

דער טאג פון גירוש

פרייטיק פאַרטאָג. דער מוח איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, די פיס קאָנען שוין נישט שלעפּן דעם גוף, וואָס ווערט מאַגערער פון טאָג צו טאָג. די אויגן רויט פון פיל שלאָפלאָזע נעכט, ווען פאַר שרעק האָט מען נישט געקענט קיין דרימל כאַפּן, קלערנ־דיק כסדר „מאַין יבוא עזרי.״

איך שלייך מיך צו ווי א שאָטן צום פענצטער, וואָס גייט אַרויס אויף דער אָסטראָווער גאַס (שפּעטער 11־גאָ ליסטאָפּאַ־דאַ). איך פאַרשאַר לאַנגזאַם דעם פאָרהאַנג, פּרוביר אויפצו־מאַכן דעם פענצטער.

עס דאַכט זיך מיר, אַז די זון האָט שוין געדאַרפט לאַנג אַרויס אויפן האָריזאָנט. און אפשר בונטעוועט זי זיך און וויל נישט מער אַרויסשיקן אירע גאָלדענע שטראַלן אויף אַזאַ זינ־דיקע וועלט.

איך פאַרגעס אינגאַנצן, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי טעג צוריק, ווי עס זענען אַרומגעגאַנגען די „קולטור־טרעגער״ פון אייראָפּע, די זין פון „הערן־פאָלק״, ימח שמם, מיט זונות אין יידישע שטיבער. שפּעטער מיט גויעס פון פאַרשידענע שיכטן. די ע־ענק זענען געווען פאַרשלאָסן. האָבן זיי מיט א בראַזגעריי אויפגעהאַקט די שופלאָדן און טירן, צעבראָכן די שפּיגלען, אַרויסגענומען וועש, קליידער און אָנגעלאָדן זיי מכל־טוב פון יידישן האָב און גוטס. פולע שענק קליידער און וועש, וואָס יידי־שע מאַמעס האָבן זאָרגפעלטיק אויפגעניייט אָדער איינגעהאַנדלט פאַר זייערע טעכטער און זין אַלס אויסשטייערס, זענען דאָ אַזוי פאַרשוועכט געוואָרן דורך די טמאדיקע הענט פון די היטלע־ריסטישע האָרדעס, צוגעריבט און אַרויפגעצויגן געוואָרן אויף זייערע נבזהדיקע און טמאדיקע גופים.

איך לייג־צו דעם אויער און וויל הערן ווייטער דעם ריטם פון א פרייטיקדיקן טאָג אין אָסטראָלענקע: עס טויכן־אויף פאַר מיר בילדער אָט ממש פון נעכטן, פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין שטעטל, וואָס צאַפּלט נאָך, וואָס איז נאָך נישט געוואָרן פאַר־גליווערט. אָט זע איך: אין לעווס דעם בעקערס הויז, אויף דער אָסטראָווער גאַס, זענען אָפן די פענצטער אויפן 1־טן שטאָק.

עס זיצט שוין דער מרא־דאתרא, הרב יצחק בורשטין ז״ל, דער גרויסער תלמיד־חכם, מחבר פון אַ ריזן ספר, און לערנט שוין געשמאַק די סוגיות פון אביי־ורבא פאַרן דאַווענען. ביז עס קומט אָן דער שמש יונתן מיט די באָרד און וואָנסעס, וואָס האָבן שוין אײַנגעגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָליר פון די האָר, צוליבן טאַבאַק־שמעקן, נעמט דעם טלית־זאַק און באַגלייט דעם רב אין גרויסן בית־המדרש אַרײַן.

פון דעם שמאָלן געסל, וואָס האָט זיך געפונען צווישן דער אָסטראָווער גאַס און שול־גאַס, ביי סראָלקע שראַנען אין הויף, גייט אויך צום דאַווענען, נאָכדעם ווי ער האָט שוין לאַנג אָפּגעלערנט אַ שיעור אין תלמוד אָדער פוסקים, דער מורה־הוראה ר׳ ירמיהו גרינבערג ז״ל. אין גרויסן בית־המדרש, וואָס זעט אויס, להבדיל, ווי אַ גרויסע באַן־סטאַציע, וווּ איין צוג קומט־אָן און דער צווייטער גייט־אָפּ, שטראָמען יידן מיט גרויסע טלית־זעק פון אַלע זייטן שטאָט. עס איז דאָך פרייטיק, אַ מאַרק־טאָג, עמך ישראל צריכים פרנסה, איז איידער מען גייט זיך נעמען צו גשמיותדיקע ענינים, דאַרף מען צום ערשטן זיך מתיחד זיין מיטן רבונו של עולם, איידער איין מנין באַוויזט אָפּצודאַווענען, הייבט שוין אָן דער צווייטער.

נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך די ישיבה. שוין לאַנג ווי די בחורים האָבן אָפּגעדאַוונט, די פענצטער זענען אָפן, זיי זיצן איינגעבויגן איבער די גרויסע גמרות און זענען זיך עוסק אין די אַלטע סוגיות פון אביי ורבא, רב ושמואל. עס גייט זיי נישט אָן וואָס טוט זיך אין גאַס, דער רעש און געפילדער. דער עיקר איז לתקן עולם במלכות שדי, בטחון און אמונה, זייענדיק מקיים דעם, „פת במלח תאכל ובתורה אתה עמל.״

אָט קומט צו גיין דער אַלטער גראַנאָוויטש און עפנט אויף זיין וואַרשטאַט פון פראַנטאָוון געוועלב און וואַרט־צו אין דרויסן ביז ער זעט אָנקומען מיט דער אָסטראָווער גאַס שמעון טעאַפּניי־קעוויטש מיטן קורצן בגד, אויסגעפוצטע שטיוועלעך, מיטן שטעקן אין דער האַנט, אַ זאַטער, אַ ריאיקער, אויסגעשלאָפן זיך אָן דאגות און זאָגט אים דעם ברייטן גוט־מאָרגן. זיי ביידע גייען אַריין אין געוועלב, זעצן זיך אַוועק שמועסן ביז די געזעלן קומען־אָן און מען נעמט אַרבעטן אויף דער גאַנצער פאַרע.

אַנטקעגנאיבער מאַכט־אויף די לאָדנס פון זיין געוועלב שמולקע מאַרקעוויטש. די שפּיץ באָרד אין מויל אַריינגענומען קוקט ער מיט הנאה אויף די דאַמען־מאַנטלען, וואָס געפינען זיך אין שויפענצטער, פונקט ווי מען וואָלט זיי איצט געבראַכט פון פּאַריז אַלס נייע מאָדע. פון שיוועקס הויז גייט אַרויס פּיניע גע־דאַנקען און לאָזט זיך גלייך צו עק לאָמזשער גאַס, ווו עס געפינט זיך די דרוקעריי און פּאַפּיר־געשעפט פון יאַנקל קרימקעוויטש („באָלשעוויק״). ער שטייט שוין פאַרן געוועלב און פּיניע נעמט ביי אים דעם טעגלעכן „פּאַיאָק״: אַ פּאַפּיראָס, וואָס יאַנקל פלעגט מאַכן פון די בעסטע סאָרטן טאַבאַקן און גילזעס. שמועסנדיק אַזוי אַ פּאָר מינוט קומט־אָן מיט אַ גרויסן טלית־זאַק פון השכמה־מנין יאָסל לעווקאָוויטש, און גייט גלייך צו אויך נעמען זיין טעגלעכן „פּאַיאָק״.

אַנטקעגן שטייט נאָסקע יאַבעק אויפן טראָטואַר ביי זיין געוועלב, האַלט אַ גלעזל טיי אין האַנט און טרינקט זיך הנאהדיק.

עס ווילט זיך מיר לויפן כאַפּן אַ קוק אויף קראַוויעצעס הויף צו די קצבים, וואָס שטייען שוין מיט די ווייסע פאַר־טעכער, מיט לאַנגע מעסערס אין די הענט, טרייבערנדיק די גרויסע זייטן פלייש לכבוד שבת; אַ בליק טאָן נעבן סקראַ־באַצעס הויז אויפן פּלאַץ, ביי דער בריק, ווו עס שטייען די אָסטראָלענקער פישערס מיט קוישן לעבעדיקע פיש, וואָס רייסן זיך און ווילן צוריק אַריינשפּרינגען אין דערנעבנדיקן וואַסער; אויפן חזיר־מאַרק, ווו די יידישע האָרעפּאַשניקעס האָבן איצט אויסגעלייגט זייערע סחורות אויף די שטעלן, ווו קליינהענדלער האָבן אויסגעשטעלט זייערע דראָבנע גאַ־לאַנטעריי אָדער ביליקע מאַנופאַקטור־סחורות אויף סטראַ־גאַנעס; ווי אַן אומגעקרוינטער קעניג דרייט זיך אַרום צווישן די פערד און וועגענער שמחהלע דובלין מיט אַ שטרוי אין מויל, מיטן כאַלאַטל וואָס איז אַלט און פעט געוואָרן מיט אים צוזאַמען און טאַפּט די זעקלעך תבואות אויף די פויערשע וועגענער. ווו איז פאַיע פערקאַל מיט די צוויי טעכטער, וואָס שטייען אויף דער וואַך פאַרן געוועלב פרייטיק פאַרטאָג און נעמען־צו אויף כוח ביי די פויערים די זעקלעך, כדי איידער זיי פאָרן אַ היים אָנצופילן זיי מיט צוקער, זאַלץ אָדער פאַרשידענע קאַשעס.

ווו איז שרה־הינדע, וואָס שלעפּט די קריגן מילך, וואָס אַ גאַנצע וואָך שלעפּט זי דעם יאָך שטיל, ווי זי וואָלט צו דעם באַשאַפן געוואָרן, נאָר פרייטיק הערט מען איר שטימע: ווייבער, שנעלער, גיט אַרויס די טעפּ, עס איז ביי מיר אויך פרייטיק און איך מוז אויך עפּעס אָנגרייטן לכבוד שבת״.

סראָלקע שראָן מאַכט־אויף דעם הינטערשטן טויער פון זיין הויף, עס פאָרן אַריין מיט אַ בראַזגעריי און געקרעכ־צעריי די טיפע וועגענער פון די יידישע בעלי־עגלות, אָנגעלאָדענע מיט קוילן־דאכאַוועס, און ווען אַ פערד פוילט זיך, וויל נישט געבן דעם ריכטיקן שלעפּ, גייען צו די בעלי־עגלות און שטעלן־אונטער זייערע אַקסלען אין אַלע פיר זייטן, און דער וואָגן מיט זיין 100־פודיקער משא, הייבט זיך אָן כמעט אַליין, אָן כוח פון פערד, צו רירן פון אָרט.

אויף דער אָסטראָווער גאַס זיצן די יידישע דראָשקאַזשעס אויף די קעלניעס פון זייערע דראָשקעס, יעדער אין אַן אַנדערן ווינקל. עס איז דאָך פרייטיק, יידן פאָרן נישט צו דער באַן, אָבער דאָך אפשר וועט ווער אַרויסקומען, זיך אַריי־בערכאַפּן קיין קאַצינעס?

מאָטל יאַקרעס זיצט און שעפּטשעט מיט די ליפּן. ווייזט אויס, אז ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס דאַווענען אין בית־המדרש, זאָגט די אני־מאמינס.

איטשע־מאיר האַלט אין האַנט אַן אַלטע נאָכמיטאָג־צייטונג און לייענט מיט התמדה אויף זיין גרויסער קאַרעטע מיט די אייזערנע רעדער. ביי אַלע דראָזשקעס זענען שוין דאַ גומענע רעדער, נאָר איטשע־מאיר האַלט נישט פון דער מאָדע. ווינציקער ווי מיט אַ מנין מענטשן פאָרט ער נישט צו דער באַן.

אַביסל שפּעטער: די יידישע קינדערלעך אויסגערוטע פון נאַכט־שלאָף. אַ וועלט פול מיט חן ליגט אויסגעגאָסן אויף זייערע פנימלעך. גייען זיך מיט זייערע רענצלעך אויף די פּלייצעס אין פאַרשידענע ריכטונגען: אַ טייל אין דער שקאָ־

לע פּאָווישעכנע, וואָס געפינט זיך ביי לייבל שרעדניע אין הויז, אַ טייל אין יבנה־שול, אַנדערע אויך אין דער תּלמוד־תּורה אויפן בית־המדרש־הויף. אַ טייל יאַטן האָבן פאַרשפּעטיקט, זענען געווען אין בית־המדרש ביים דאַווענען, האָבן געכאַפּט ערגעץ אין אַ ווינקל משה סעכטאַנע און ער האָט זיי אָפּגעזונגען זיין באַוווּסטן „צור ישראל״.

אין מיטן דערינען איז אָנגעקומען פישל גאָלדוואַסערס לאַסט־אויטאָ פון וואַרשע מיט סחורה פאַר יידישע געוועלבער. די טרעגערס מיט זייערע ברייטע, אַביסל איינגעבויגענע פּלייצעס פון לאַנגע יאָרן שלעפּן משאות, זענען אים נאָכגעגאַנגען גרייט אונטערצושטעלן די פּלייצעס אונטער יעדער משא, וואָס מען וועט אויף זיי אַרויפלייגן און אַראָפּטראָגן אין אַ יידיש געוועלב. פישל מיט זיין שרייבער יאַנקל דאַנציקער, דער דאַרער יונגערמאַנטשיק, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קאָן נישט דאָס מויל אויפמאַכן, אָבער אין „ימים נוראים״ האָט ער מיט זיינע שטאַרקע און זיסע תּפילות הערצער צעריסן און אַריינגעבראַכט אין יעדן אַ הרהור תּשובה — ביידע זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם אויטאָ אויפן טראָטואַר, נישט אַרויסרעדנדיק צווישן זיך אַ וואָרט, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז.

אויף דעם טראָטואַר ביי דער פּאָסט: די געוועלבער אין מאַרק זענען שוין לאַנג אָפן, מען קוקט שוין אויס אַ קונה. די פּויערים פון די דערפער האָבן נאָך נישט פאַרקויפט זייערע סחורות, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין שטאָט, איילן זיי זיך נישט. און אויף קיין יידישן קונה איז דאָך פרייטיק נישטאָ וואָס צו האָפן.

שפּאַצירן אַרום אַהין־און־צוריק איצל סאָיקע, דער טלית־זאַק אונטערן אָרעם, מיט אהרן זוסמאַן, דעם פאָרשטייער פון „בונד״, וועלכער דערמאָנט מיטן אויסערלעכן אויסזען און מיט זיין לבוש אַ פּריץ, אָבער אין דער נשמה און מיט זיין גאַנצן וועזן, איז ער אַ געטרייער אַרבעטער־פאָרשטייער. קעמפט מיט עקשנות און ברען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער. לויט זייער זשעסטיקולאַציע ווייזט אויס, אַז די טעג דאַרף פאָרגעבראַכט ווערן פאַרן פאָרום אין שטאָט־ראַט אַ יידישער ענין, און זיי רעדן אַרום ווי אַזוי אים צו פאַרטיידיקן צוזאַמען, נישט קוקנדיק אויף זייער קלאַסן־דיפערענצירונג.

אָט איז שוין 10 אזייגער. די באַן איז שוין אָנגעקומען פון וואַרשע. אונדזער קולטור־פאַרזאָרגער יחזקאל קאַלינסקי מיט זיין איידעלן פּנים און אויסזען, שלעפּט זיך אַרום מיט אַ פּאַק צייטונגען און זשורנאַלן אונטערן אָרעם, אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָר קינדער זיינע, איינס קלענער פאַר דאָס צווייטע, דערביי שלעפּט ער מיט זיך אַ גרויסן אויסגעשרייבענעם בוכהאַלטעריע־בוך, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון זיין טאַטנס מיל הינטער גראַבאָווע, ווו צווישן די פאַרשריבענע שורות, פאַרצייכנט ער איצט די חובות, וואָס קומען אים ביי די, וואָס נעמען צייטונגען אויף באָרג; טאָמער וועט ווער וועלן אָפּגעבן אַ חוב, זאָל ער האָבן דאָס בוך ביי זיך

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז געשען? ווער האָט דאָס געקאָנט מיט אַזאַ אכזריותדיקע האַנט פּלוצלונג אָפּשטעלן דעם גאַנצן לעבנסשטייגער פון די אָסטראָלענקער יידן אין אַ פרייטיקדיקן טאָג? אַזוי טראַכטנדיק, הער איך ווי עס באַוועגן זיך מענטשן אין געשטאַלטן פון חיות מיט שווערע באַנעגלטע שיך, וואָס דער קלאַנג זייערע איז מיר געווען באַקאַנט פון וואָכן און טעג צוריק. דאָס זענען די טריט פון דעם מאָדערנעם המן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים.

אַזייגער 12. איך קוק אַרויס דורכן פענצטער אויף דער גאַס און זע: עס גייען יידן, שאַרן זיך ביי די ווענט ווי לעבעדיקע שאָטנס, די בליקן פונאַנדערגעריסן, מען לייענט דעם טרויעריקן אורטייל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף די אָסטראָלענקער יידן, אַז זיי מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פּונקט ווי דעמבאָווע ביימער זיצן זיי דאָ פעסט און פאַרוואָרצלט, 3 דורות צוזאַמען — זיידע, טאַטע און אייניקל. געבוירן און דערצויגן אין דער שטאָט, און אויפן בית־עולם זאָגן עדות די אויפשריפטן פון די מצבות, אַז שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן יידן געוווינט און געהאָלפן אויפבויען אָסטראָלענקע. ווו איז דער כּוח, האָט זיך יעדער געטראַכט, וואָס קאַן אונדז פאַרטרייבן פון אונדזערע איינגעפונדעוועטע היימען, וועלכע מיר האָבן געבויט ווי פייגל, וואָס האָבן לאַנג און מיפּול אַ זעמדל צו אַ זעמדל צוגעקלעפּט און זייערע נעסטן אויפגעשטעלט? ווו איז יושר און צדק אויף דער וועלט?

אינצווישנצייט זענען אָנגעקומען פּויערים מיט וועגענער און פערד פון אַלע שאָסייען, וואָס האָבן געפירט אין שטאָט אַריין און מיט שמחה געשטאַנען אין די גאַסן, הנאה־האָבנדיק פון דעם ענין, געוואַרט ביז אַ ייד וועט צוקומען און באַצאָלן 15—20 מאָל מער פון נאָרמאַלן פּרייז, כּדי אויפצונעמען די קינדערלעך מיטן ביסל בעבעכעס און אַרויספירן פון דער שטאָט, וועלכע ער האָט מיט בלוט און שווייס געהאָלפן אויפבויען. און ווער ס׳האָט נישט געקאָנט באַצאָלן, האָט געמוזט אַוועקגעבן דאָס הייליקסטע און טייערסטע, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון טאַטעס, זיידעס, עלטער־זיידעס, כּדי צו קאָנען פאַרלאָזן וואָס שנעלער די שטאָט. די פּויערים האָבן נישט דערקענט קיין איין ייד, וואָס ער זאָל זיי זיין היימיש און באַקאַנט. פרעמד און זינדיק האָבן ביי זיי אויסגעזען זייערע מאָשקעס, חיימס, שלאָמעס, וואָס דאָ נישט לאַנג, מיט אייניקן וואָכן צוריק, האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער גוי האָט זיין ייד, פאַר וועלכן ער איז גרייט זיין לעבן צו שטעלן אין סכּנה.

ווי קענען מענטשן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן מיטן צלם־אלהים, וואָס האָבן דורות־לאַנג געלעבט מיט יידן, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זענען פאַרוואָרצלט און צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיי — טוישן אין אַ שיינעם העלן טאָג די הויט און אַרויסווייזן אַזאַ אכזריותדיקייט און קאַלטקייט צו אונדזערע צרות?

אָנגעלאָדן די וועגענער מיט די פּעקלעך, אַרויפגעזעצט אויף זיי די קינדערלעך און מיר פאַרלאָזן כּמעט אַלע צוזאַמען

די שטאָט. די עלטערן גייען נאָך די וועגענער ווי נאָך אַ לעבעדיקער לוויה. עס שטיקן די טרערן אין האַלדז. אַ סך קאָנען זיך נישט איינהאַלטן, און עס הערן זיך געוויינען, קרעכצן, שלוכצן. די קינדערלעך פילן די ערשטע אונדזער גרויסע טראַגעדיע, און הייבן אָן אַלע צו וויינען אין כאָר, דאָס געוויין רייסט די הימלען. אַלץ וויינט. אַ שטיין פון דער ערד קאָן דאָס רירן. מען זעט נישט מער ווי אַ וויינענדיקע מאַסע באַוועגט זיך אין דעם נישט־פאָרויסגעזעענעם גורל. ווען מיר פאַרלאָזן די לעצטע גאַס פון שטאָט ווילט זיך אויסדרייען און געבן אַ לעצטן קוק אויפן אָרט, ווו מיר זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אַ סך קרעכצן און זיפצן, דאָס האַרץ טוט וויי. נישט געקאָנט אַרויפגיין אויפן בית־עולם — זיך געזעגענען מיט טאַטע־מאַמע און זאָגן זיי, אַז מיר מוזן זיי פאַרלאָזן, און ווער ווייסט, צי מיר וועלן קאָנען ווען־עס־איז לאָזן אַ טרער אויף זייערע הייליקע קברים.

איך טראַכט ביי זיך: ווו איז דאָ איצט דער גרויסער מקונן, אַ שטייגער ירמיהו, וואָס זאָל קאָנען דאָס בילד אויפכאַפן און פאַראייביקן אין דער געשיכטע פון יידישער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס איז פאַרצייכנט מיט אַזוי פיל יידישע בלוט און טרערן?!

מיר פאַרלאָזן וואָיטשעכאָוויצע, ס'איז שוין פינצטער. פרייטיק אויף דער נאַכט! עס טויכן אויף געדאַנקען: ווי לאַנג איז דאָס? ווען פון די בתי־מדרשים, שטיבלעך האָבן זיך טירן געעפנט און גרויסע יידישע מאַסן פון שטאָט האָבן זיך פון זיי אַרויסגעלאָזט, פריילעכע און לעבעדיקע, אָנגעטאָן אין שבתדיקע בגדים. עס האָט זיך געדאַכט, דער שבת מיט זיין נשמה־יתירהדיקייט שוועבט אַרום אין גאַנצן חלל. עס הערט זיך דער אָפקלאַנג פון דעם „לכה דודי לקראת כלה", וואָס איז מיט אַזוי פיל מתיקות געזונגען און געזאָגט געוואָרן, און מען לאָזט זיך אַ היים אין די שטובן, וואָס זענען מיט אַזוי פיל חן און צניעות דורך אונדזערע מאַמעס לכבוד שבת צוגעגרייט געוואָרן. און די שבתדיקע מאכלים מיט זייערע פאַרשמעקטע ריחות פילן־אָן די לופט, און עס רייסט זיך אַרויס דאַן דער אמתער „שלום עליכם, מלאכי השרת". צו אזא שבתדיקן טיש מעג מען אפילו אַריינברענגען אזעלכע חשובע געסט ווי מלאכים... און איצט, אָנשטאָט שמחה — טרויער, געוויין. און יעדער טוט בעטן, אז די מלאכים, וואָס האָבן אונדז באַגלייט די גאַנצע יאָרן אַ היים־גייענדיק פון דעם שבתדיקן דאַווענען, זאָלן אונדז באַגלייטן און באַשיצן פון אומקום אין דעם טרויעריקן וועג, כדי מיר זאָלן קאָנען ווער ווייסט ווו אויפשטעלן אונדזערע נעסטן, וועלכע זענען אַזוי גרויזאַם און אַכזריות־דיק פאַרשניטן געוואָרן.

קאָפּיע

מס' העדות 2309/2353

גביית־עדות פון

Wolf Wisocki Weiren 1917,

fon 1940—1945 in Russland

מאָנטיק דעם 10.9.39 ביינאַכט בין איך אַוועק פון ווישקאָוו, ווו איך בין געווען באַהאַלטן אין אַ גרוב אין פעלד ביי מיין פאָטערס אַ באַקאַנטן קריסט, און דער קריסט איז געקומען צו מיר און מיר איבערגעגעבן אַז אַלע יידישע מענער האָט מען אויפגעזוכט און דערשאָסן און די דייטשן זאָגן־צו פרעזענטער פאַר אָנווייזן ווו עס געפינט זיך אַ ייד. גייענדיק דורכן וואַלד אין פאַרלאָזענע וועגן בין איך מיטוואָך 13.9.39 אָנגעקומען קיין גאָוואָראָווע (Goworowo) ווו עס האָט געוווינט מיין פאַמיליע. אַריינקומענדיק אין שטוב און איבערגעבנדיק זיי וועגן דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונזער שטאָט, האָבן זיי מיר געזאָגט: אמת מיר זיצן נאָך אין די שטובן — וואָרום אין גאַס ווייזט זיך זעלטן אַ ייד — אָבער מיר שפירן אַז אויף אינדזערע קעפ רוקט זיך אָן אַ סכנה, און דערביי מיר איבערגעגעבן, אַז זעלנער גייען אַרום מיט פוילישע פרויען אין יידישע שטובן און גיבן זיי אַוועק אַלץ וואָס זיי געפעלט, און אַז שוין עטלעכע יידן האָט מען דערשאָסן אָן אַ פאַרוואָס. אַן עלטערע פרוי האָט מען ליגנדיק אין בעט דערשאָסן; פון די דערבייאיקע שטעטלעך טרייבט מען אַרויס אַלע יידן, און היינט אינדערפרי האָט מען אַרויסגעטריבן יידן פון די רייען ביי די בעקערס, וואָס זענען געשטאַנען נאָך ברויט, און עטלעכע יידן האָט מען גוט צעשלאָגן.

און ווירקלעך האָט דאָס אומגליק לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך.

פרייטיק 21.9.39, 10 אַ זייגער אינדערפרי האָבן זעלנער, אָנגעפירט דורך אָרטיקע קריסטן, אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון די שטובן אין מאַרק אַריין, נישט לאָזנדיק מיטנעמען מיט זיך גאָרנישט. אין דער שטוב ווו איך בין געווען זענען אַריין 2 זעלנער מיט גראָבע שטעקנס, און מיט אַ געשריי „ראוס", האָבן זיי מיר אָנגעהויבן שלאָגן. די פרוי מיט אירע 2 קליינע קינדער זענען אַרויסגעלאָפן פון שטוב און דערביי פאַרגעסן מיטצונעמען דאָס 6־חדשים'דיק קינד, וואָס איז געלעגן אין וויגעלע. מאָמענטאַל האָט זי זיך דערמאָנט און געוואָלט אַריין, נעמען דאָס קינד, אָבער אומזיסט: זיי האָבן נישט געלאָזט. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס געוויין פון דער מוטער מיט אירע קינדער. זיי האָבן געדראָט אַז אויב די מוטער וועט אַריין אין שטוב, דערשיסן זיי אַ קינד אין דרויסן. דאָס 6 יעריקע מיידעלע איז דערווייל אַריין דורך אַ הינטער־טיר און האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד. אַרויסקומענדיק אין גאַס האָבן מיר געטראָפן אַ שפּאַליער מיליטער און אָרטיקע קריסטן אויך פרויען. מיט שטעקנס און בייטשן, האָט מען אונדז געטריבן צו די שול.

קומענדיק אַהין איז דאָרט געווען פיל מיליטער, צווישן זיי אויך העכערע ראַנגען; טייל זענען אַרומגעלאָפן מיט רעוואָלווערן אין די הענט גרייט צום שיסן, אַנדערע מיט שטעקנס און בייטשן. זיי האָבן אונדז געטריבן אין די הילצערנע שול. ווען די גאַנצע געביידע פון שול, ד. ה. די מענער־שול, ווייבער־שול און בוידעם זענען שוין געווען פאַרפולט, אַז עס איז שוין אוממעגלעך געווען ווען אַריינצושטופן, האָבן זיי מערדערלעך געשלאָגן אַז מען זאָל זיך נאָך צונויפדריקן.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר געזען ווי מען פאַרקלאַפּט ביידע אַריינגאַנגס־טירן און אויך די פענצטער מיט ברעטער. מיר האָבן דאַן אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי. פיל האָבן געחלש׳ט, אָבער זיי האָבן ווייטער רויִק געטאָן זייער אַרבעט און אויך דאָס מיליטער, וואָס איז דעמאָלט פאַרבייגעפאָרן האַרט לעבן די שול, (די שול איז געשטאַנען ביים וועג, ווו עס איז געפאָרן פיל מיליטער) — צווישן זיי אַ סך הויכע מיליטער־לייט אין אויטאָס און האָבן געוויס געהערט אונדזער געשריי, נאָר זיי האָבן זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט. מענטשן, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון בוידעם האָבן דערציילט, אַז אַ סך האָבן געפרעגט ביי די זעלנער וואָס דאָ קומט פאָר, און זיי האָבן זיי דערציילט, אָבער זיי זענען אַוועקגעפאָרן מיט אַ געלעכטער. פלוצלונג האָבן מיר דערזען דורך די פענצטער ווי אַ געדיכטער רויך מיט שטיקער פייער זעצן פון דער זייט אויף דער שול. מיר האָבן זיך געגרייט צום שרעקלעכן טויט, ס׳איז שוין איצט פאַר אונדז קלאָר געווען, אַז מיר ווערן פאַרברענט. פיל האָבן געפּרוווט רייסן די טירן אָבער אומזיסט. פלוצלונג האָבן מיר געזען ווי 1 טיר האָט זיך געעפנט. אין גרויס פּאַניק, צעטרעטנדיק דערביי עטלעכע עלטערע מענטשן זענען מיר אַרויס אין גאַס. וועגן די סיבות וואָס מען האָט אונדז באַפרייט פון שרעקלעכן טויט האָבן קריסטן איבערגעגעבן, אַז עס איז אַדורכגעפאָרן אַן אויטאָ מיט אַ מיליטערמאַן, אַן עלטערער מענטש, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט, וואָס דאָ קומט פאָר. זעענדיק וואָס מען גייט מיט אונדז טאָן, האָט ער געזאָגט, עס איז צו גרויזאַם! און געהייסן מאָמענטאַל עפענען. — איצט האָט יעדער געוואָלט לויפן אין זיין היים, אָבער דאָ האָט מען אונדז פאַרשטעלט דעם וועג. עטלעכע וואָס איז זיי געלונגען זיך אַדורכצורייסן האָט מען פון די שטובן צוריקגעברענגט. מען האָט אונדז אָפּגעהאַלטן עטלעכע שעה אין גאַס, ווו מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי די שול און עטלעכע דערנעבן־שטייענדיקע יידישע הייזער ווערן פאַרברענט אין דערנאָך אונדז אַלע (ביי 1500 מאַן) אַרויסגעיאָגט עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט. מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן אויף אַ פעלד און אונדז אָנגעזאָגט אַז אין פאַל ווען עס וועט ווער אַוועק פונדאַנען, ווערט ער דערשאָסן. אויף די פראַגע פון אַ פרוי וואָס ווען מיר און אונדזערע קינדער עסן, האָט אַן אָפיציר, וואָס איז דאָרט צוגעקומען — געזאָגט, אַז מיר זענען פאַראורטיילט צום טויט. ביז פאַרנאַכט זענען זיי אַוועק און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר טאָרן זיך פונדאַנען נישט רירן; ווען יאָ — איז טויט שטראָף. די דרייסטערע זענען אַוועק זיך פאַרשאַפן עסן און עפעס צוצודעקן, אייניקע קינדער זענען אפילו דורך הינטערוועגן אַריין צו זיך אין שטוב, ווו זיי האָבן געטראָפן לײדיקע צימערן, אַנדערע האָבן דורך די פענצטער געזען קריסטן וווינען שוין אין זייערע שטובן, זענען זיי אפילו נישט אַריין אַהין. ביינאַכט זענען געקומען אין געהיים פיל קריסטן פון די אַרומיקע דערפער און האָבן געברענגט ברויט, מילך און שטרוי. אויפן 3־טן טאָג פאַרנאַכט זענען געקומען 2 זעלנער און האָבן אונדז געהייסן אַוועק אין דערביי געזאָגט, אַז אויב מען וועט אין דער געגנט, אין שטאָט צי אין דאָרף, טרעפן אַ ייד ווערט ער גלייך דערשאָסן. מיר האָבן זיך צעטיילט, 1 טייל איז געגאַנגען קיין אָסטראָוו (Ostrow־Maz.) און דער גרעסערער טייל קיין אָסטראָלענקע. געגאַנגען זענען מיר אין קלענערע גרופן דורך וועלדער און פעלדער: מיטן שאָסיי האָבן מיר מורא געהאַט צו גיין. ווען מיר זענען פאַרביי דערפער האָבן טייל פויערים אויס רחמנות אַרויסגעברענגט אַ שטיקל ברויט און אַנדערע האָבן אונדז אַוועקגעטריבן פון דאָרף און האָבן אונדז געזאָגט, מיר זאָלן זיי דאַנקבאַר זיין, וואָס זיי גיבן אונדז נישט איבער די דייטשן. זיי האָבן אַ פאַראָרדענונג אויב זיי וועלן טרעפן אַ ייד אים איבערגעבן אין די נאָענטסטע קאָמענדאַנטור. קיין אָסטראָלענקע זענען מיר אָנגעקומען פאַרנאַכט. מיר האָבן זיך שטיל איינציקווייז אַריינגעשאַרט אין שטאָט און האָבן דאָרט קיין איינציקן ייד נישט געטראָפן. מיר זענען אַריין אין די יידישע ליידיקע צעבראָכענע וווינונגען און מיר האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט. אויפצומאָרגנס זענען מיר ביסלעווייז אַרויס אין גאַס. מען האָט אונדז נישט געטשעפּעט, קריסטן האָבן אונדז אפילו געברענגט ברויט און קאַרטאָפל פאַר גוט געלט. מיר האָבן געמיינט אַז דאָ וועלן מיר האָבן אַ צייטווייליקע היים. אַנדערע האָבן זיך אפילו שוין באַזאָרגט מיט אַביסל קאַרטאָפל און האָלץ אויפן ווינטער; טייל האָבן געקלערט אָנהויבן עפעס פאַרדינען. פלוצים, אין אַ פרימאָרגן (דאָס איז געווען סוכות־צייט), מיר זענען געווען פאַרזאַמלט אַביסל מענטשן אין אַ שטוב און געדאַוונט, האָבן מיר דערהערט אַ שרעקלעך יאָמערלעך געשריי. באַלד האָבן מיר דערזען ווי מען שלאָגט מערדערלעך יידן און מען טרייבט זיי צו דער רוסישער גרענעץ, וואָס איז געלעגן פון דאָרט 4 ק״מ. מיר זענען אַרויס און געוואָלט לויפן אין שטוב כאַפּן אַ שטיקל ברויט, אָבער אַלע וועגן זענען געווען פאַרשטעלט. בלויז דער וועג צו די רוסן איז געווען פריי. אַרויסקומענדיק הינטערן שטאָט, האָבן מיר געטראָפן אַלע יידן. זיי האָבן דערציילט, אַז מען האָט זיי אין די שטובן באַזוכט און צוגענומען געלט אָדער שמוק־זאַכן. ביי מיין טאַנטע ח. לויפער האָט מען זאָגאַר דאָס קינד באַזוכט. צום גליק האָט מען ביי זיי גאָרנישט געפונען, ווייל זיי האָבן דאָס געהאַט פאַרשטעקט, און אַרויסגייענדיק פון שטוב האָבן זיי עס מיטגענומען. מיר זענען אַלע צוזאַמען, ביי 500 פערזאָן, אַוועק צו די רוסן. זיי האָבן אונדז גלייך אַריבערגעלאָזט און מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

(היסטאָרישע קאָמיסיע, ווערדען דעם 26/7. 48 (—) ס. פראַכט).

וואָס מיר האָבן געזען

חיה ליס־וואָלקאָוויטש (ברוקלין)

אין 1939, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די דייטשן האָבן אַלע יידן אַרויסגעטריבן פון אָסטראָלענקע, בין איך מיט מיין מאַן, לייזער זלאָציסטע, אַוועק נאָך ביאַליסטאָק. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ סך אָסטראָלענקער, ווי: בן־ציון פיאַנקע מיט דער פאַמיליע, זיין עלטערן ברודער מיט דער פאַמיליע, די פאַמיליע פלאָמענבאום מיט זייער טאָכטער, שלום ראָזנס פרוי מיט די קינדער, זייער שנור חנה־פייגע כמיעל, לאה און חיה מאַרקעוויטש, מיין שכן בנימין שמחה מה־טובו מיט דער פאַמיליע, ווי אויך חיה סאָיקעס מיט איר מאַן און קינדער (זי איז היינט אין ישראל) און נאָך אַנדערע לאַנדסלייט, וואָס איז מיר שווער זיי אויסצורעכנען געווי מיט די נעמען. אין מאַי 1940 האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן ביאַליסטאָק, זענען מיר אַוועק קיין זעלווע, אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד (אַ סך אָסטראָלענקער זענען דאָך געבליבן אין ביאַליסטאָק). אין זעלווע זענען מיר לאַנג נישט פאַרבליבן, פון דאָרט זענען מיר געפאָרן קיין סלאָנים, אַ גרויסע שטאָט. דאָרט זענען געווען אפשר ביי 80% אָסטראָלענקער. איך האָב דאָרט געטראָפן איצל סאָיקע, די גאַנצע פאַמיליע שראָנס, נאָסקע יאַבעק מיט דער פאַמיליע, געדאַנקען מיט דער פאַמיליע, די פרידמאַנס און די זילבערשטיינס, משה באָמשטיין מיט דער פאַמיליע, חיים דאָרפמאַן, די סטאָלאַרעס לאַכאָוויטש (מיט זיי בין איך געווען אין געטאָ ביז דער לעצטער מינוט), אויך פון מיין משפחה: יאַנקל דאַנציקער מיט דער פאַמיליע, מיין אָנקל דניאל מעדזאָוויטש, די פערקאָלס מיט זייערע פאַמיליעס, יעקב־הערשל זאַמעלסאָן מיט דער מוטער און מיט זיין פרוי, ציאַפּניקעוויטש מיט איר פאָטער, די פאַמיליע סקראָבאַטש, שרעדניעס פאַמיליע, מרים שטיינבערג מיט די טעכטער, ראובן נחום גערצעק מיט דער פאַמיליע, פיעקאַרזש דער פריזירער מיט דער פאַמיליע, פערל נאַדבאָרנע מיט איר מאַן און קינדער, די פאַמיליע ראָשעניאַק, די ברידער בענעדאָנס מיט זייערע פרויען און קינדער, גוטמאַן גראָסמאַן מיט חנה'ען און קינד, נעכע ראָשעניאַק מיט מאַן און קינד (מיט די ראָשעניאַקס בין איך געווען אין געטאָ ביז צום סוף), שרה'טשע גערצעק, מיין שוויגער, ווי אויך איר מאַן זעלמאַן מיט די קינדער, שאַפּראַנס פאַמיליע: יאַנקל שאַפּראַן, ראַשקע מיטן זון, ווי אויך די כאָמאַנדס פון וואָיטשעכאָוויצע, די קאַפּלאַנס, קאַפּלאַן דער שוסטער, צילע שניאַדאָוויטש מיט די קינדער און נאָך און נאָך פיל אָסטראָלענקער, וואָס איך געדענק נישט געווי זייערע נעמען. מיט די אַלע אָסטראָלענקער בין איך געווען ביז 1941.

נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַריין אַלץ מער און ווייטער אין דער געגנט, האָבן זיי אין אַ צוויי וואָכן אַרום געמאַכט דעם ערשטן פּאָגראָם. דאַן זענען אומגעקומען די ערשטע 1.200 מענער, בלויז יונגע. צווישן זיי זענען אַריינגעפאַלן 40 אָסטראָלענקער מענער, איינשליסלעך מיין מאַן, לייזער זלאָציסטע, זעבראָווסקי, חיים בענאָדאָן, איינער אַ פילאַר, אדון־עולם אַ סטעלמאַך און נאָך, וואָס זייערע נעמען זענען מיר אומבאַקאַנט. אין נאָוועמבער 1941 איז פאָרגעקומען דער צווייטער פּאָגראָם. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. די היטלעריסטן האָבן זיך פאַרלייכטערט די אַרבעט. די וואָס זענען געווען פעאיק צו אַרבעטן, האָט מען געגעבן וווינונגען און באַזעצט זיי צוזאַמען אין עטלעכע גאַסן. די וועלכע זענען געווען אומפעאיק האָט מען אָפּגעטיילט גאַנץ באַזונדער. אין איינעם אַ קאַלטן נאָוועמבער טאָג, גאַנץ פרי, האָבן די מערדער אַרומגערינגלט די שטאָט און אַרויסגענומען די אַלע מענטשן, וואָס האָבן באַזעצט דעם קוואַרטאַל פון די נישט אַרבעטנדיקע. פרויען, מענער, קליינע קינדער האָט מען געיאָגט הינטער דער שטאָט צו — צו די צוגעגרייטע גריבער און זיי דאָרט לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן און דערנאָך באַוואָרפן מיט גראַנאַטן זיי צו דערהרגענען. ווען זיי האָבן שוין געהאַט אויסגעפירט זייער אַרבעט, האָבן זיי אָנגעצונדן אַ פייער אַרום די גריבער, געזונגען, געשיכורט און געהוליעט. צוויי אָסטראָלענקער יינגע מיידלעך, איינע פון דער פאַמיליע באָטשאַן און די צווייטע ראובן נחום דעם קאַשעמאַכערס אַ טאָכטער, האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די גריבער. ביינאַכט זענען זיי געקומען אין שטאָט און זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ, וואָס איז באַשטאַנען פון די איבערגעבליבענע מענטשן. אין דעם צווייטן פּאָגראָם זענען אומגעקומען זייער אַ סך אָסטראָלענקער. אַ קליינע צאָל נאָר איז געבליבן (איך בין געבליבן לעבן דורך אַ צופאַל). אויפן אַנדערן טאָג, ווען עס איז געוואָרן שטילער, בין איך אַרויס אין גאַס אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. וווּ איך בין געגאַנגען, האָב איך געטראָפן אויפגעריסענע טירן, אַלץ צעהאַקט, צעבראָכט, אַלץ צעראַבירט, נישטאָ מער קיין לעבעדיקער מענטש, נישטאָ קיינער! פון די 36.000 יידן, איז איבערגעבליבן נאָר אַ קליינע גרופּע מענטשן פאַרזאָרגטע, פאַרטרויערטע און פול מיט פחד פאַרן מאָרגן. מען האָט זיך ווי־עס־איז ווייטער אויפגעהאַלטן. מיר האָט אַ סך געהאָלפן מיין קוזין חיים פערקאַל פון מלאַווע און אויך דער קוזין ראובן פערקאַל פון מאַקאָווע, וועלכע האָבן זיך אויך געפונען אין סלאָנים, ווי אויך מיינע קוזינס די האָלצמאַנס פון קאַצינעס, און דער קאַצינער שוחט מיט דער פאַמיליע, ראובן נחום שלאָס.

דאָס האָט אַזוי געדויערט ביז יולי 1942. דערנאָך האָבן זיי ווידער אַרומגערינגלט דעם געטאָ און אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם,

דאָסמאָל מיט דער כוונה אויסצוראָטן אַלע יידן, ביזן לעצטן. זיי האָבן אַ טייל פון געטאָ אונטערגעצונדן און די מענטשן זענען פאַרברענט געוואָרן, צווישן זיי אַ סך אָסטראָלענקער: מיין קוזינע באַשקע פרידמאַן מיט איר מאַן שמואל פרידמאַן און קינד, מיין קוזין פערקאַל פון מאַקאָווע מיט זיין זון, שנור און קינד; יעקב־הערשל זאַמעלסאָן מיט זיין פרוי פייגעלע און איר פאָטער ציאַפּניקעוויטש. אין געטאָ בין איך געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין אַ גרוב 12 טעג. איך פלעג זען ביינאַכט דורך אַ שפּאַרע ווי דער געטאָ ברענט. אין זעלבן הויף וווּ כ׳האָב געוווינט איז געווען אַ מושב־זקנים. דאָרט איז געווען חיים שימאַן מיט דער ווייב ווי אויך שיע קצב מיט פאַמיליע. נאָך דעם 12־טאָגיקן פּאָגראָם, ווען עס איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, האָב איך פּרובירט לאַנגזאַם אַרויסגיין פון גרוב און בליץ־שנעל דורכגעלאָפן דאָס אָרט, וווּ אַלע זענען געלעגן צעשאָסענע אַזוי ווי געהרגעטע פליגן. איך בין שנעל צוריק אַריין אין גרוב זיך באַהאַלטן. נאָכדעם בין איך אַרויס פון גרוב און אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן אין דעם פינצטערן קליינעם געטאָ. אין וועלכן עס האָבן זיך נאָך געפונען 600 מאַן. דער קליינער געטאָ איז באַשטאַנען פון איין האַלבע שמאָלע גאַס מיט אַ פּאָר קליינע הייזקעס. אין דעם דאָזיקן געטאָ האָב איך געטראָפן די 4 זין פון מיין קוזין יאַנקל דאַנציקער (די עלטערן האָבן שוין נישט געלעבט), חוה׳לע באָמשטיין און צילה שניאַדאָוויטש; די קינדער האָבן זיי שוין נישט געהאַט. זיי האָבן מיר געגעבן דאָס ערשטע שטיקל ברויט צו עסן. דאַן האָב איך נאָך געטראָפן די פאַמיליע פון סטאָליאַר לאַכאָוויטש, פון דער טיפלע־גאַס. דאָס איז געווען די איינציקע פאַמיליע ביי יענער צייט, וואָס איז נאָך געווען גאַנץ. איך האָב געטראָפן לאה סאָיקעס, נעכע ראָשעניאַקס, חנה בענאָדאָן, אָבער אָן די קינדער און אָן די מענער: זיי זענען שוין געווען אויסגעהרגעט. אויך האָב איך נאָך געטראָפן מנחם פרידמאַן, זיין זון זונדל און שנור פעשקע פינקלער, כאָמאָנזש מיט דער פרוי, רבקה טאָפּאלא — געווען פאַרהייראַט מיט ראָשעניאַקס זון. אויך מאיר גערצקעס שנור, שיינע בלומענקראַנץ פון דער סטאַציע קאַצינעס (דעם שוחטס טאָכטער). דאָס ביסל אָסטראָלענקער מענטשן זענען געווען צווישן די 600 יידן דאָ אין דעם קליינעם געטאָ און איך צווישן זיי. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ וועג, ווי צו אַנטלויפן. אָבער וווהין? מענטשן האָבע געשמועסט פון פּאַרטיזאַנער. איך האָב געוווּסט, אַז מיין ברודער הערשל וואָלקאָוויטש געפינט זיך אין לאָמזשע, אויך מיין שוועגערין חיה׳לע. נאָר מיין ברודער יאַנקל וואָלקאָוויטש, די פרוי מיט מיין פלימעניק און די פלימעניצעס זענען געווען אין זעלווע. אויך אהרן זוסמאַן מיט זיין פאַמיליע, טאָפּאלא דער שניידער, וועלוול גילדא, מיין קוזין איטשע מעדזאָוויטש מיט דער פאַמיליע, זיי אַלע און נאָך, וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען, זענען געווען אין שטעטל זעלווע. דאַן האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסצוגנבענען פון געטאָ. צו דעם באַשלוס זענען צוגעשטאַנען: מיין קוזינס יאַנקל דאַנציקערס עלטסטער זון מיכל, יעקב שלמה לאַכאָוויטש, נעכע ראָשעניאַק, פעשקע לעווין און נאָך 3 פּערזאָן; איינער פון סלאָנים און צוויי פון ווישקאָוו. ליידער האָבן נישט אַלע מקיים געווען דעם באַשלוס. יעקב־שלמה לאַכאָוויטש, כאָטש אַזאַ שטאַרקער און געזונטער מאַן, האָט רעזיגנירט דערפון, נישט קענענדיק אויסהאַלטן דעם דרוק פון זיין מוטערס געבעט און געוויין, אַז זי וויל זיך נישט צעשיידן. ער איז נישט געגאַנגען אין אויך נישט נעכע ראָשעניאַק און פעשקע לעווין. איך האָב נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. איך און מיין קוזין מיכל דאַנציקער האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, און מיט דער הילף פון אַ ווייסרוסישן גוי דורכגעשמוגלט דעם גרענעץ (מיר האָבן אים, פאַרשטייט זיך, גוט באַצאָלט) און מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטעטל רוזשנאָי. דאָרט איז געווען אַ ביסל שטילער. אין דעם שטעטל האָב איך אויך געטראָפן לאַנדסלייט: מיין קוזין יאַנקל פערקאַל, נחום קאַטשיאָר (ער איז געווען פאַרהייראַט מיט מיין קוזינע דבורה פערקאַל) — זייערע קינדער, דוד־יהודה פינקעלשטיין מיט זיין פרוי רחל און זייער טאָכטער חיה׳לע. פאַרשטייט זיך, ווען זיי האָבן מיר דערזען, איז די שמחה געווען זייער גרויס. זיי האָבן מיר געריסן יעדערער צו זיך. איך בין געשטאַנען ביי מיין קוזין יאַנקל פערקאַל, געגעסן אַ פּאָר מאָל ביי דוד־יהודה פינקעלשטיין. זיי האָבן מיך פשוט נישט אָפּגעלאָזט. זייענדיק אין רוזשנאָי האָב איך געפּרוּווט שיקן ברענגען אַהער פון סלאָנים מיינע דאָרט־פאַרבליבענע דריי קוזינעס (דאַנציקערס זין). ליידער איז שוין פון זיי קיינער נישט געווען. און נישט נאָר זיי; דאָס גאַנצע ביסל דאָרט־פאַרבליבענע יידן האָבן שוין די מערדער געהאַט געפּטרט. נישט לאַנג בין איך דאָרט געווען. איך און מיין קוזין מיכל דאַנציקער האָבן ווייטער געגנבעט די גרענעצן. געגאַנגען אַביסל צופוס און אַביסל מיט דייטשע אויטאָס און זיך דערשלעפּט ביז צו וואָלקאָוויסק, נישט קיין קליינע שטאָט. דאָרט אין געטאָ האָבן מיר געטראָפן אָסטראָלענקער ווי: יאָסל ליטווער מיט זיין פרוי און קינדער, איטשע דער שלאָסאַר (רעזיקא), זיין זון שלמה רעזיקא מיט פרוי און קינדער, שלמה ציאַפּניקעוויטש (שמואל־יצחקס זון). ביי אים בין איך געווען אַ שיינע פּאָר טעג. דאָרט האָב איך געטראָפן די קראַנקע צעבראָכענע טאַנטע זיינע, ציאַפּניקעוויטשעס, פון דער לאָמזשער גאַס — זיין פרוי, איינע אַליין, וואָס איז אַנטלאָפן פון די סלאָנימער פּאָגראָמען. זייענדיק אין וואָלקאָוויסקער געטאָ, האָב איך געטראָפן אהרן זוסמאַן. ער איז פונקט געקומען פון „זיין" שטעטל זעלווע אַהער קיין וואָלקאָוויסק. איך בין געווען מיט זיי צוזאַמען אַ פּאָר טעג. דערנאָך האָב איך אַרויסבאַקומען אַ באַשייניקונג און ווייטער מאַרשירט, אַ ביסל צופוס און אַ ביסל מיט אַ דייטשישן אויטאָ. איך האָב גענוג איינגעשטעלט מיין לעבן, וועלכער איז געהאַנגען אויף אַ האָר. דערצו בין איך געווען נאַקעט און באָרוועס. איך האָב נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. סוף־כל־סוף בין איך אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק. דאָרט איז מיר שוין שווער געווען אַריינצוגיין אין געטאָ. זעכציק טויזנט יידן זענען דאַן געווען אין דעם ביאַליסטאָקער געטאָ. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג מיט מיין קוזינס זון מיכל דאַנציקער, ביז מיר זענען אַריין אין געטאָ. עס איז דאָרט געווען אַ שטאַרקע פּאַניק. די מענטשן האָבן זיך דערוווּסט פון די פּאָגראָמען אַרום די שטעט און וואָס די דייטשן טוען מיט די יידן.

אין דעם ביאַליסטאָקער געטאָ האָב איך געטראָפן דעם דאָקטאָר גוטמאַן מיט זיין פרוי, בן־ציון פּיאַנקע מיט דער פאַמיליע, די פאַמיליע פלאָמענבאום, ביידע שוועסטער מאַרקעוויטש און יאַנעק געדאַנקען. מענדל געדאַנקענס זון; ער האָט זיך געהאַלטן לעבן מיר. דער דאָקטאָר גוטמאַן איז געווען קראַנק און צעבראָכן אַזוי, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרנעמען דאָס וואָס איך האָב אים דערציילט פון די סלאָנימער פּאָגראָמען און איך האָב געמוזט אויפהערן אינמיטן די רייד. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי פלאָמענבאָמס טאָכטער, ראָזנס פרוי, האָט זיך צו מיר באַנומען, ממש אַזוי ווי אַ שוועסטער. איך בין געווען נאַקעט און באָרוועס. זי האָט מיר געפרעגט אפשר דאַרף איך געלט, איך זאָל זיך נישט שעמען, זי וועט מיר געבן. איך האָב גאָרנישט געוואָלט. איך בין געווען ווי משוגע, צעמישט און צעשראָקן. איך האָב נאָר געשטרעבט צו איין זאַך: קומען קיין לאָמזשע צו מיין ברודער. דורך אַ געלעגנהייט, מיט דער הילף פון בן־ציון פּיאַנקע, האָב איך געגעבן צו וויסן פון ביאַליסטאָקער געטאָ מיין ברודער הערשל וואָלקאָוויטש אין לאָמזשע, אַז איך לעב, און וויל צו אים קומען. מיין בריוו איז אָנגעקומען צו זיסקינד זוסמאַן אין לאָמזשער געטאָ און ער האָט אים איבערגעגעבן מיין ברודער. די שמחה ביי מיין ברודער איז געווען אין לשער, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז אין ווייסרוסלאַנד האָט מען אויסגעהרגעט אַלע יידן. מיין ברודער האָט מיר גלייך איבערגעשיקט פון לאָמזשע אַ באַשייניקונג. דאַן האָב איך שוין געקאָנט פאָרן מיט דער באַן, אָבער כ׳האָב געהאַט גרויס פחד זיצנדיק אין באַן מיט דער געלער לאַטע. אין לאָמזשע בין איך אָנגעקומען מיט מיין קוזין מיכל דאַנציקער. אַריינקומענדיק איז לאָמזשער געטאָ איז געוואָרן אַ שטיקל טומל צווישן די אָסטראָלענקער וואָס זענען דאָרט געווען, און אַלע זענען מיך געקומען באַזוכן. איך האָב געוווּסט אַז דאָס וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן; די פּאָגראָמען וועלן אויך אַהער דערגיין און דער זעלבער סוף פון די יידן וועט אויך זיין דאָ. איין זאַך האָט מיך געטרייסט: וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו זען מיין ברודער מיט דער שוועגערין און קינדער, איידער מען וועט מיך הרגענען. דאָס איבעריקע האָט מיך שוין נישט געאַרט. כאָטש דער ווילן צו לעבן איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז ווען מ׳האָט מיך גענומען צום טויט, בין איך שטענדיק אַנטלאָפן. אין לאָמזשער געטאָ האָב איך געטראָפן זיסקינד זוסמאַן מיט דער פאַמיליע, שייקע אַשער און יאָסל אַשער מיט זייערע פרויען. שרייטערס קריסטאַלס פרוי איז געקומען מיך זען. געזעסן און באַוויינט אַלע. יעדער האָט געטרויערט. עס איז אויך געווען אין געטאָ ריפּציאַק נאַדבאָרני. איך האָב זי אַלע מאָל אויסגעמיטן, נישט געוואָלט זען, ווייל איך האָב איר נישט געקענט זאָגן, אַז איר פאַמיליע איז אומגעקומען. עס איז אויך געווען קרימקעוויטש דער עלעקטראָטעכניק מיט זיין פרוי די לערערין. זיי זענען אַלע געקומען מיך זען. די רביצן מיט איר טאָכטער סימע זענען אויך געווען אין לאָמזשער געטאָ, זי איז געווען קראַנק, געלעבט אין צרות; מיין ברודער הערשל וואָלקאָוויטש האָט איר אַ סך געהאָלפן און אויך אַ סך אַנדערע יידן אין געטאָ. אויך אין לאָמזשער געטאָ בין איך לאנג נישט געווען. איך בין אַוועק צו מיין ברודער אין דאָרף, נישט ווייט פון לאָמזשע. אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז געשען אַזוי ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט: די ליקווידאַציע פון לאָמזשער געטאָ.

זייענדיק ביי מיין ברודער, דאָס איז געווען דעם 2־טן נאָוועמבער 1942, אַ זונטיק פאַרטאָג, האָט מען אונדז אַרויסגענומען פון די בעטן, נישט געלאָזט גאָרנישט מיטנעמען מיט זיך; איך האָב געוווּסט, אַז איצט איז שוין אַלץ גאָרנישט ווערט. נישטאָ שוין מער וווּהין צו לויפן און מען מוז גיין צום טויט. מיין ברודער הערשל מיט מיין שוועגערין, אַלע זענען געוואָרן געפּלעפּט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. וואָס הייסט? מען הייסט זיך אָנטאָן, אַלץ לאָזן און גיין! איך האָב זיך אָנגענומען מיט קראַפט און מוט, אָנגעטאָן די קינדער, מיטגעגעבן זיי קליינע פּעקלעך. איך האָב די קינדער געקושט אָן אויפהער. איך האָב געוווּסט, אַז איצט איז שוין דער סוף. די זשאַנדאַרן, זעענדיק אַז איך האָב נישט פאַרלוירן מיין פאַרשטאַנד, האָבן מיך זייער שטאַרק געהיט, איך זאָל נישט אַנטלויפן. מיט פורן האָט מען אונדז גענומען צוזאַמען מיטן ביסל יידן, וואָס האָבן געוווינט אין דער געגנט צווישן אָסטראָלענקע — לאָמזשע. קומענדיק קיין מניאַסקאָווע, דער דאָרף ווו מען האָט אַלע יידן צונויפגענומען, האָב איך אויסגענוצט אַ געלעגנהייט: אין מאָמענט ווען די זשאַנדאַרן זענען אַריין עסן און געלאָזט די פּאָליאַקן אונדז היטן, בין איך אַרויס פון דער ריי, אַראָפּגעריסן די לאַטע און זיך באַהאַלטן אַ פּאָר מינוט ביז איך האָב שוין קיינעם נישט געזען. איך בין אַנטלאָפן אין וואַלד (מניאַסקאָווער וואַלד איז נישט גרויס). פאַרשטייט זיך, אַז עס איז מיר געווען טרויעריק אויפן האַרצן. וווּהין לויפט מען איצט? נישטאָ מער קיין ברודער, קיין פריינט, קיין יידן. אַלץ איז פאַרניכטעט. איך בין געלעגן אַ נאַכט אין וואַלד, אונטערן רעגן און געציטערט פון קעלט און הונגער. ווען איך וואָלט דאַן געהאַט עסן, וואָלט איך אויך נישט געגעסן. איך בין געלעגן איינגעקוּרטשעט לעבן אַ בוים, אין דער פינצטער, אויסגענעצט פון רעגן... מיינע געדאַנקען זענען געווען צעטראָגן: וואָס האָב איך געטאָן? פאַר וואָס בין איך נישט געגאַנגען מיט זיי? וווּהין לויפט מען? נישטאָ וווּהין צו גיין. ווי לאַנג קען מען ליגן אין וואַלד?

אין דער פרי האָב איך אָנגעהויבן מאַרשירן אַלס אַ שיקסע, זיך געוואָלט דערשלאָגן צו אַ גוי ערגעץ אין אַ כאַטע. דאָס האָט גענומען צוויי טעג מיט אַ נאַכט, ביז איך בין אַריין צו אַ קריסטין אין אַ וואַלד און איר געזאָגט ווער איך בין. זי האָט רחמנות געקריגן און מיר אַריינגענומען צו זיך, מיר געגעבן עפּעס עסן און דערנאָך האָט זי מיר אַריינגעפירט אין אַ שייער, ווו איך בין געווען באַהאַלטן 8 טעג. דערנאָך האָט זי מורא געקריגן. אַלע מאָל איז זי געקומען און מיר דערציילט פאַרשידענע זאַכן, אַז מ׳האָט שוין אַלע יידן אויסגעהרגעט און נאָך פאַרשידענע מעשיות. נאָך די אַכט טעג האָט זי מיר געהייסן גיין. אָבער וווּהין גייט מען? די שטרוי פון שייער האָב איך נאַס געמאַכט מיט מיינע טרערן. וואָס טוט מען און וווּהין גייט מען? איך האָב באַשלאָסן זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן. איך האָב נישט געהאַט קיין אנדער אויסוועג. דאָס איז געשען אין אַ זונטיקדיקער נאַכט. איך האָב ביי

דער קריסטין געבעטן שענקען מיר נאָך אַ טאָג. גוט איז צו לעבן נאָך אַ טאָג. דאַן איז די זעלבע קריסטין געקומען צולויפן צו מיר אין שייער און מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז מיין ברודער הערשל מיטן זון געפינען זיך אין דאָרף און זי האָט אים שוין דערציילט, אַז איך געפין זיך ביי איר. ווי אַזוי דאָס איז געשען, וועט מיר נעמען צופיל צייט צו באַשרייבן. אומבאַגרייפלעכע ניסים! ווען מיין ברודער איז געקומען ביינאַכט מיך זען, האָט ער דערציילט, אַז ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און ער האָט געוווּסט אַז איך בין אַנטלאָפן, נאָר וווּהין האָט ער נישט געוווּסט.

דורך אַ צופאַל, וואָס די קריסטין, ביי וועלכער איך האָב זיך באַהאַלטן, איז אַריינגעקומען צו דער קריסטין, ווו מיין ברודער איז געווען באַהאַלטן האָט מיין ברודער אויסגעפונען, אַז איך געפין זיך ביי איר. דאַן איז געקומען אַ גינסטיקער מאָמענט פאַר אונדז. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען אין די פאַרבאַהאַלטענע גריבער. עס זענען מיט אונדז געווען נאָך אַ פּאָר יידן, וואָס מיר האָבן געטראָפן — פון די דערפער אַרום אָסטראָלענקע. 24 מאָנאַטן זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן אין די קליינע וועלדלעך וואָס אַרום אָסטראָלענקע. אַלעמאָל האָבן מיר געמוזט גראָבן נייע גריבער און זיך זוכן פרישע באַהעלטענישן, ווייל מען פלעגט אונדז אַלע מאָל אַנטדעקן. מיר האָבן געלעבט אין שרעקלעכער נויט: הונגער, שמוץ, קעלט און שרעק זענען געווען אונדזערע טאָג־טעגלעכע פּאָרציעס. פון די 24 מאָנאַטן קאָן מען אָנשרייבן אַ מגילה פון שרעקלעכסטן פיין, וואָס קאָן פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. כאָטש איך זע, אַז פון דעם אַלעמען זענען מיר נישט געשטאָרבן. מיר זענען געווען זייער שטאַרק. אפילו נישט קראַנק געווען. מיט אונדז זענען געווען פאַרבאַהאַלטן די ברידער רוצקי, איינער איז אומגעקומען. אויך ראַסטקער מיטן זון; דער זון לעבט, דער פאָטער איז אומגעקומען. מאיר קרימקעוויטש מיט דער פאַמיליע; בערל זאַבלודאָוויטש *) מיט זיין פרוי רחל און קינדער; ציטרינאַרזש דער פריזירער; פּשיסטאַנטשיקס פאַמיליע — די לעצטע זענען אומגעקומען אין שטעטל מאָלטשאַט, לעבן באַראַנאָוויטש. די פאַמיליע פּיאַסעטשנע, נאָווינסקי דער היטלרמאַכר זענען געווען אין אַ שטעטל לעבן סלאָנים. די פאַמיליע באַיוק איז געווען אין בריסק (איך בין געווען ביי זיי אין הויז, גענעכטיקט ביי בערל באַיוק אַ פּאָר נעכט). מיט זיי איז אויך געווען שרה. מיין ברודער חאַצקל־מיכל וואָלקאָוויטש איז געווען אין פּינסק (דאָרט זענען געווען נאָך אָסטראָלענקער).

אין 1944, דעם 8־טן סעפּטעמבער זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן. דאַן האָט גענומען אַן עק צו אונדזערע ליידן. —

הערשל וואלקאוויטש, א ברודער פון חיה ליס־וואלקאוויטש (ברוקלין), דערציילט:

„אין 1939, ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן אַ סך אָסטראָלענקער זיך געלאָזט קיין לאָמזשע. אין פעברואַר 1940, האָבן די רוסן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיך רעגיסטרירן צו באַקומען פּאַספּאָרטן. מען האָט אויסגעפרעגט יעדן איינעם, ווו ער האָט געוווינט ביז 1939. פאַרשטייט זיך אַז יעדער האָט אָנגעגעבן זיין ריכטיקן וווין־אָרט. פאַר פּסח האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די פּאַספּאָרטן. די אַלע וועלכע האָבן געוווינט פון יענער זייט לאָמזשע ד. ה. אין די מקומות וואָס דער דייטש האָט געהאַט פאַרנומען, האָבן באַקומען זייערע פּאַספּאָרטן מיט אַ פּאַראַגראַף, אַז זיי זענען שפּיאָנען און טאָרן דאָ נישט זיין. זיי מעגן נאָר וווינען 100 קילאָמעטער פון דעם גרענעץ. דער באַפעל איז געווען גילטיק ביז נאָך פּסח. פאַרשטייט זיך. אַז אַלע האָבן געמוזט אויספירן דעם באַפעל. אין דעם טאָג פון ערב־פּסח בין איך מיט מיין קוזין יאַנקל פּערקאַל אַוועק קיין סלאָנים, כדי צו באַקומען דאָרט אַ וווינונג. ליידער האָבן מיר שוין דאָרט קיין וווינונג נישט געקאָנט באַקומען, ווייל פון אומעטום איז מען געלאָפן קיין סלאָנים. זענען מיר אַוועק הינטער דער שטאָט צו אַ קריסט, אים געגעבן האַנטגעלט אויף אַ קליינעם צימער פאַר צוויי פאַמיליעס. ווי מיר זענען געקומען צוריק אין שטאָט אַריין, זענען שוין אַלע שולן און בתי־מדרשים געווען באַזעצט מיט פּליטים. מיר האָבן ביידע באַשלאָסן צו פאָרן צוריק קיין לאָמזשע. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך קאָן איבערמאַכן מיין פּאַספּאָרט. מענטשן וואָלטן געגעבן וויפל מ׳וואָלט נאָר געוואָלט אַבי צו קענען בלייבן אין לאָמזשע. איך האָב דאָס יאָ געקאָנט מאַכן, ווייל איך האָב געהאַט אַ קאָנצעסיע אויף אַן אויטאָ, אין וועלכער ס׳איז געווען געשריבן: וואַרשע־ביאַליסטאָק, דורך לאָמזשע. דאָס האָט מיר געהאָלפן, איך זאָל קאָנען איבערמאַכן מיין פּאַספּאָרט, און דערצו אַביסל געלט מיט פּראָטעקציע.

אין לאָמזשע האָב איך זיך באַגעגנט מיט די אָסטראָלענקער: זוסמאַן עלי און זוסמאַן זיסקינד, מיט זייערע פאַמיליעס, די ברידער שרייטער: מאָטל, איטשע מיט זייערע פאַמיליעס, אַשער שייקע און אַשער יאָסל מיט זייערע פרויען (אין לאָמזשער געטאָ, האָט אהרן זוסמאַנס טאָכטער זיך געהאַלטן מיט זיי), יחיאל ראָזנבלום דער שפּיליטער מיט דער פרוי, שמחה דובלין מיט דער טאָכטער און מיטן איידעם און די גאַנצע פאַמיליע, חנה׳קע גראַנאָוויטש מיט די קינדער און דער מוטער, חוה וויינקראַנץ מיט איר מאַן טאָביאַש און קינדער, איר שוועסטער מיטן מאַן, קאַרבאָווסקי דער דאָקטאָר מיט זיין פאַמיליע און קריסטאַל מיט דער פאַמיליע. אַלטער גראַנאָוויטש און חיים פּעדאָוויטש מיט זייערע פרויען זענען געווען אין קאָלנע, דער אַלטער שמחה פּיאַנקע (געשטאָרבן

---

*) אַ שמועה, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן פון אָסטראָלענקער גויים, ווען ער צוזאַמען מיט פּסח האָכבערג און מענדל שלאַפּמיץ האָבן געפּרווט נאָך דער מלחמה, זיך צוריקקערן אין שטאָט.

אין לאָמזשער געטאָ) און די פרוי מיט דער טאָכטער, די אלמנה באָבטשע מיט די קינדער (איין זון אירער דאַרף זיין אין ישראל).

דעם 22־טן יוני 1941, ווען היטלער ימ״ש איז באַפאַלן רוסלאַנד, זענען אַ סך מענטשן געלאָפן קיין סלאָנים. מ׳האָט געמיינט, אַז מען וועט קאָנען אויסמיידן דעם דייטש. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער דייטש איז דאָרט אָנגעקומען נאָך פריער. אויפן וועג צוריק האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט עלי זוסמאן און חוה׳ס מאַן טאָביאַש. אַזוי ווי עס איז געוואָרן דער לאָמזשער געטאָ (דאָס איז געווען אין סעפּטעמבער 1941), האָט מען גענומען מענטשן פון געטאָ קיין אָסטראָלענקע אויף אַרבעט. די אַרבעט איז געווען צו צוברעכן דעם פאַרקאַן פון אָסטראָלענקער בית־עולם. מען האָט זיי דאָרט געהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. דערנאָך האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ קריסט פון אָסטראָלענקע, האָט ער דערציילט, אַז די חרובע שול האָט אַ קריסט אָפּגעקויפט ביי די דייטשן און האָט עס צענומען אויף ציגל. פון דעם בית־מדרש האָט מען געמאַכט אַ גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן, פון דער חברה־תורה — אַ קוזשניע, און דעם אַלטן מאַרק ד. ה. די זייט פון בריק ביז צו דער שול־גאַס האָט מען אינגאַנצן צענומען. סקראָבאַטשעס הויז, יאָסל וויינ־צימערס, תהילימס, זילבערשטיינס און פרידמאַנס הייזער — די אַלע האָט מען צענומען. אָנפאַנג זומער 1942, איז מען געקומען פון אָסטראָלענקע און מ׳האָט אַרויסגענומען פון געטאָ דעם דאָקטאָר קאַרבאָווסקי און יאָסל אַשער. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָט מיר אַ קריסט פון אַ דאָרף לעבן אָסטראָלענקע דער־ציילט, אַז מען האַלט זיי אין טורמע און מען פירט זיי אַלע טאָג אויף אַרבעט. שפּעטער האָב איך שוין מער נישט געהערט פון זיי. דעם דאָקטערס פרוי, ווייסנדיק אַז איך האָב גערעדט מיט אַ קריסט פון אָסטראָלענקע וועגן איר מאַן, פלעגט מיר אַלע מאָל פרעגן אין געטאָ, אפשר וואָלט איך געקאָנט דערגיין פון דעם זעלבן קריסט, וווּ עס געפינט זיך דער דאָקטאָר.

אין 1941 איז די רביצן מיט איר טאָכטער סימע אַלס קריסטין געקומען פון וואַרשעווער געטאָ אין לאָמזשער געטאָ. אָנהויב זומער 1942 האָב איך געקריגן אַ בריוו דורך אַ קריסט, אַז מיין שוועסטער חיה געפינט זיך אין ביאַליסטאָקער געטאָ. איצט האָב איך זיך גענומען באַמיען, אַז זי זאָל קאָנען אַריבער אין לאָמזשער געטאָ. עס האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן און זי האָט זיך דורכגעשמוגלט אַלס קריסטין און געקומען קיין לאָמ־זשע. דאַן האָט זי איבערגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט איר מאַן, לייזער זלאָציסטי, מיט נאָך פיל אַנדערע מענער, באַלד אין אָנפאַנג ווי די דייטשן זענען אַריין אין סלאָנים. און נאָך איידער זי איז געקומען אין ביאַליסטאָק, האָט זי שוין געהאַט דורכגעמאַכט אין סלאָנים צוויי פּאָגראָמען. זי איז געווען מיט אונדז דאָ 2—3 מאָנאַטן. ביז עס איז געקומען דער אומגליק — די ענדע פון לאָמזשער געטאָ (דאָס איז געווען אין 2־טן נאָוועמבער 1942). חיה האָט געהאַט שוין אַ סך דורכ־געמאַכט, נאָך איידער זי איז געקומען אין לאָמזשע. נישט איינמאָל האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון די געסטאַפּאָס הענט. איך האָב איר אָנגעזאָגט, זייענדיק אין געטאָ, אַז ווען עס וועט אויסקומען צו אַנטלויפן פון די דייטשן, זאָל זי לויפן אין אַ געוויסן דאָרף און האָב איר געזאָגט צו וועלכן קריסט.

איך מיט מיין עלטסטן זון (דאַן אַלט געווען 13 יאָר) און נאָך 3 לאָמזשער (2 בחורים און איינער אַ פאַרהייראַטער), האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין געטאָ אויף אַ בוידעם. מאָנטיק דעם 2־טן נאָוועמבער, 1942 האָט מען אַלע אַרויסגעפירט פון געטאָ. מיר זענען געווען באַהאַלטן פון מאָנטיק ביז שבת אויף דער נאַכט, זיבן אַ זייגער. מיר האָבן געוווסט ווען די וואַך בייט זיך. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון געטאָ. מיר האָבן געוואָרפן גורל, ווער פון אונדז זאָל אַרויסגיין דער ערשטער. מיר האָבן אַרומגעבונדן די פיס מיט שמאַטעס, כדי מען זאָל נישט הערן די טריט. אין געטאָ זענען מיר געגאַנגען אויף אַלע פיר ד. ה. אויף די הענט און די פיס, און מיר האָבן אויסגעפּלאַנט אַ וועג, דורך וועלכן מיר זאָלן אַרויסגיין.

ווען מיר זענען אַרויס פון געטאָ, האָבן מיר זיך אויס־באַהאַלטן אַ פּאָר שעה אויפן בית־עולם. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין נאָענטער צו אָסטראָלענקע. דאָרט קען איך די וועגן און האָב באַקאַנטע קריסטן. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל מיין שוועסטער טרעפן ביי דעם קריסט, וועלכן איך האָב איר אין געטאָ באַשטימט. און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין גלייך מיט די פעלדער צו לאָמזשיצע. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם וואַסער. זונטיק פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען אין דעם דאָרף. די 3 מענטשן האָב איך געלאָזט אין וואַלד, און איך מיט מיין זון זענען אַריין צו אַ באַקאַנטן קריסט, אים געבעטן ער זאָל מיר פאַרקויפן אַ לעבל ברויט. ער האָט עס געטאָן און איך האָב עס אָוועקגעטראָגן די מענטשן אין וואַלד אַריין. דאַן האָב איך זיך געלאָזט גיין צוריק צום קריסט (דאָס איז געווען זונטיק) און אים געבעטן, ער זאָל מיר דערלויבן צו ווייַלן ביי אים ביז פאַרנאַכט, ווייל עס איז געווען צו ליכטיק צו גיין; עס איז שוין געווען גוטער טאָג. ער האָט מסכים געווען. איך האָב אים דערציילט, אַז מיין שוועסטער דאַרף זיין דאָ ביי דעם סאָלטיס פון דאָרף און ווי עס וועט ווערן נאַכט וועל איך דאָרט צוגיין. ער האָט מיר געראַטן, אַז איך זאָל אַהין נישט גיין, ווייל דער סאָלטיס מאַכט היינט אין אָונט אַ זאַבאַווע, האָט ער פאַרבעטן די פּאָליציי פון מניאַסקאָווע. זיי וועלן דאָרט אַלע זיין. דאַן האָב איך שוין מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין דאָרף, איך האָב אויסגעקוקט עס זאָל שוין ווערן נאַכט, איך זאָל קאָנען אַוועקגיין פון דאַנען. פאַרנאַכט — מען קלאַפּט אָן אין טיר, איך מיט מיין זון האָבן זיך באַהאַלטן אונטערן פּיעקאָלאָק, אין טיר־אויוון. עס איז אַריינגעקומען אַ קריסטין פון אַן אַנדער דאָרף, נישט ווייט און פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם קריסט וועגן דער מלחמה. און איך הער ווי זי זאָגט: אַזוי ווי דער טייוול האָט שוין צוגענומען די יידן, וועט שוין די מלחמה זיך איצט ענדיקן. ווען די קריסטין איז אַרויסגע־גאַנגען, האָט דער קריסט, ביי וועלכן איך בין געווען, איר אַרויסבאַגלייט און איך הער ווי ער זאָגט איר, אַז איך בין דאָ ביי אים. האָט זי אים געזאָגט, אַז איך זאָל קומען צו איר פאַר־נאַכט און אָנקלאַפּן אין פענצטער, וועט זי אַרויסקומען צו מיר און זאָגן גענוי, וווּ עס געפינט זיך מיין שוועסטער. אויף דער נאַכט בין איך צוגעקומען צו איר פענצטער און האָב אָנגעקלאַפּט. איז זי אַרויסגעקומען און האָט מיר אַריינגעפירט

אין אַ שייער, ווו מיין שוועסטער איז געווען פאַרבאַהאַלטן אין די שטרוי. וואָס פאַר אַ גרויסער נס דאָ איז פאָרגעקומען! מיט צוויי טעג פריער האָט זי מיין שוועסטער געהייסן גיין. האָט זי איר געבעטן, אַז זי זאָל איר לאָזן אונטערזיין ביז איבער זונטיק. ווען די קריסטין וואָלט נישט געקומען צו דעם קריסט און געזאָגט אַז דער טייוול האָט שוין צוגענומען די יידן, וואָלט איך היינט מיין שוועסטער נישט געהאַט. מיין שוועסטער האָט נישט געהאַט קיין באַקאַנטע קריסטן, און נישט געוווסט פון קיין הינטער־וועגן, ווו זיך צו באַהאַלטן. דא זענען מיר צוגעקומען נאָך נאָענטער צו אָסטראָלענקע, ביי פשיטאלעס, ריזיווע. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב אין אַ וועלדל, אַרויסגעטראָגן די זאַמד ערגעץ ווייטער. מיר האָבן באַדעקט דעם אַריינגאַנג מיט אַ ברעטל. דאָס ברעטל איז געווען פאַרמאַסקירט מיט זאַמד, און אַזוי האָט מען זיך געמאַטערט 23 מאָנאַטן ביז מען איז באַפרייט געוואָרן דורך די רוסן.

זלמן ווילאזשני (גבית־עדות)

א) דער 2־טער וועלט־קריג און גירוש אָסטראָלענקע

פרייטיק פאַרטאָג, דעם 1.9.39, איז אויסגעבראָכן די 2־טע וועלט־מלחמה. אין שטעטל איז גלייך געוואָרן אַ בהלה. עס איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער 5־טער פולק אולאַנער איז אַריינגעדרונגען אויף דער דייטשישער טעריטאָריע, ביי מישיניץ, און דאָרט געמאכט אַ גרויסע שחיטה. נאָך דעם ווי די פּאָליאַקן האָבן זיך צוריקגעצויגן, זענען די דייטשן אַריין אין מישיניץ און אויסגעשאָכטן קינד און קייט. די דייטשישע אַרמיי איז נאָך דעם זעלבן פרייטיק דערגאַנגען ביז צו דילעווע, אַ דאָרף, 12 קילאָמעטער פון אָסטראָלענקע.

אין שטעטל האָבן זיך גלייך באַוויזן פויערים פון דער געגנט מיט אָנגעלאָדענע וועגענער. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען די דייטשן און זיי טוען אָפּ די שרעקלעכסטע אכזריותן. צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז די בהלה גרעסער געוואָרן, יעדער איינער האָט געטראַכט ווי אַזוי צו עוואַקואירן זיך וואָס גיכער פון שטאָט. מען איז געלאָפן צו באַקאַנטע גויים דינגען פורן, כדי זיך אַוועקצולאָזן ווייט פון שטאָט. אויף וויפל איך געדענק, האָבן זיך אַ סך אָסטראָלענקער געלאָזט אויף גאָוואָראָווע און טשערווין. שבת אינדערפרי, האָב איך געזען ווי דער מורה־הוראה פון שטאָט איז געזעסן אויף אַ פור און געפאָרן אין דער ריכטונג צו קאַצינעס. אַז מען האָט אים געפרעגט, עס איז דאָך היינט שבת, האָט ער געענטפערט: עס איז פיקוח־נפש און טוט אַלע אַזוי.

די דייטשן האָבן נישט אָנגעגריפן אָסטראָלענקע, נאָר אַוועק צו דער ריכטונג פון רוזשאַן, 26 קילאָמעטער פון אָסטראָלענקע. איך און מיין פאַמיליע האָבן זיך געלאָזט צום דאָרף באָראָוועס (9 קילאָמ. פון אָסטראָלענקע), ווו אהרן־ליאַסקע, אונזערער אַ קרוב, האָט געוווינט. אויפן וועג האָבן מיר געזען ווי דאָס פויליש מיליטער באַפעסטיקט זיך, גראָבנדיק אָקאָפּעס אויף דער גאַנצער לענג פון וועג, זאָגנדיק צו אונדז מיט שטאָלץ: „מיר וועלן זיי נאָך ווייזן". דעם זעלבן שבת האָב איך געזען, ווי אַזוי דער דייטשישער לופט־פלאָט האָט באָמבאַרדירט אַ באַן, וועלכע איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון גאָוואָראָווע. די באַן איז נישט באַשעדיקט געוואָרן, עס איז איר געלונגען צו אַנטלויפן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען ווי אַזוי די „זעניט"־אַרטילעריע האָט באַשאָסן דעם דייטשישן לופט־פלאָט.

איך געדענק, ווי דער עלטסטער ברודער מיינער משה בנימין, וועלכער איז שוין נישט ביים לעבן (הי"ד), איז מיט מיר צוזאַמען געגאַנגען צוריק אין שטאָט, כדי זיך צו דערוויסן וואס עס הערט זיך. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם. איינצעלנע יידן זענען נאָר געבליבן. איך האָב געטראָפן מאָטל דאָלאָוויטש, אונדזערער אַ שכן, ער איז געווען זייער פאַרצווייפלט און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו אונדזער פאַמיליע אין באָראָוועס. ביינאַכט האָבן מיר געהערט שטאַרקע שיסערייען פון דער אַרטילעריע און געזען ווי גאָוואָראָווע האָט געברענט און דאָס פויליש מיליטער איז געלאָפן אין בהלה. דער טאַטע האָט געזאָגט: „קינדערלעך, זאָלן מיר אַוועק פון דאַנען". מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט קיין טשערווין, אָנלאָדנדיק אויף זיך אַ ביסל זאַכן, פראָדוקטן (דעם ראָווער מיט די פראָדוקטן האָב איך געפירט). פאַרבייגייענדיק דעם דאָרף כויאינעס, האָבן מיר דאָרט געטראָפן פיל געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע פוילישע סאָלדאַטן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען פאַרטאָג אין טשערווין, זענען אין די הייזער די אָרטיקע יידן נישט געווען, נאָר פליטים פון דער געגנט. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ וווינונג, וואָס איז אונדז אונטערגעקומען. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, ווי אַזוי אברהם סעקע דער שוסטער, אַ בעל־משפחה פון 11 קינדער, איז געגאַנגען מיטן שטראָם פון די אַנטלויפנדיקע. נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו דינגען אַ פור — האָט ער זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן מיט זיין פרוי און אַלע 11 קינדער און געשלעפּט אַזוי דעם וואָגן אַ געפּאַקטן מיט זאַכן און בעבעכעס ביז טשערווין.

אין טשערווין זענען מיר געווען אַ וואָך צייט ביז דאָס דייטשישע מיליטער האָט אַטאַקירט דאָס אָרט. ווען די דייטשן זענען אַריין אין טשערווין, זענען זיי צוגעקומען צו אונדזער הויז, ווו אַלע יידן האָבן זיך געהאַט גרופּירט. צוויי מיליטערלייט האָבן אונדז אַ פרעג געטאָן צי מיר זענען אַלע ציווילע פערזאָנען. דער טאַטע האָט זיי געענטפערט אויף דייטש (ער האָט געקענט די שפּראַך). זיי האָבן קאָנטראָלירט די צימערן, צי עס פאַרבאַהאַלטן זיך נישט דאָרט קיין מיליטער. דאַן האָבן די דייטשן צונויפגעקליבן אַלע יידן אויף איין פּלאַץ, אונדז אַריינגעפירט אין אַ וווינונג, וואָס איז געווען באַוואַכט מיט באַוואָפנטן מיליטער. זיי האָבן אונדז געדראָאָט מיט פאַרניכטונג, ווייל מיר זענען יידן. „דעם קריג האָבן די יידישע ראָטשילדס געמאַכט, די רייכע יודן". עס איז געוואָרן אַ יללה.

די טאַטעס האָבן אָנגעטאָן טליתים, געזאָגט ווידוי. די מאַמעס האָבן געוויינט און די קליינע קינדער האָבן געשריגן. זיי האָבן אונדז געהאַלטן אַ גאַנצן מעת לעת פאַרשלאָסן, אָן עסן און טרינקען.

דאַן איז פאַרבייגעפאָרן אַ דייטשישער גענעראַל און געפרעגט: „וואָס טוען דאָ די לויטע”? די דייטשישע וואַך האָט אים דערקלערט, אַז דאָס זענען יודן, האָט ער געגעבן אַ באַפעל: „זאָפאָרט בעפרייען”.

אויף צומאָרגנס האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן צוריקצוקערן קיין אָסטראָלענקע, ווייסנדיק אַז די גאַנצע געגנט איז שוין באַזעצט מיטן דייטשישן מיליטער. מ'האָט געדונגען פורן אויף צו פאָרן אַ היים. נאָך דעם זעלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין אָסטראָלענקע. די דייטשן זענען נאָך דאָרט נישט געווען. אין אָסטראָלענקע זענען זיי ערשט אַריין דעם 10.9.39. זיי זענען אָנגעקומען פון לאָמזשער ריכטונג. די ערשטע פאַטרולן האָבן באַזעצט דעם פלאַץ פון 3־טן מאַי. זייער ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו באַרויבן אַלע געטראַנק־געשעפטן. צווישן זיי די באַוווסטע בעדנאַרסקיס וויין־געשעפטן. זיי האָבן באַצאָלט דערפאַר מיט אַ פאָר פעניג.

די הויפט־אַרמיי האָט אַריינגעמאַרשירט דעם זעלבן טאָג און פאַרנאַכט האָבן זיי צונויפגעזאַמלט מענטשן אין פאַרשיידענע אָפטיילונגען פון דער שטאָט און דערקלערט: פאַר יעדן דייטש, וואָס וועט ווערן דערמאָרדעט אָדער פאַרשווונדן, וועלן דערשאָסן ווערן צען איינוווינער. דער ציווילער באַפעלקערונג איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצוגיין אויף דער גאַס — פון 6 אָוונט. די ערשטע כפרה זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די יידן. דעם זעלבן אָוונט האָט מען גלייך גענומען פאַר אַ משכון 30 יידן, צווישן זיי: מאָטל טשאַפניקעוויטש דער מילנער, אהרן וואָלאָזשני און אלעזר מייראַן. מען האָט זיי איינגעשפאַרט אין בנין פון מאַגיסטראַט ביז אינדערפרי. ווען עס האָט קיין זאַך נישט פאַסירט האָט מען זיי באַפרייט.

די פאָליאַקן צוזאַמען מיט די דייטשן, האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די יידישע געשעפטן און געפאָדערט מאַטעריאַלן. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אַלץ צוגערויבט אָן שום באַצאָלט. די פאָליאַקן האָבן אויך אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ מיליציע און געכאַפט יידן צו דער אַרבעט.

דאָס ערשטע האָט מען זיי געפירט אין וואָיטשעכאָוויצע (ציגעלניע), כדי ריין צו מאַכן די קאָשאַרן פאַר דער דייטשישער אַרמיי. אַ סך פליטים האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקצוקערן פון אָסטראָווע, זעמבראָווע און אַלע אַנדערע אַרומיקע מקומות. ס'איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן דערשאָסן אויפן וועג קיין וואַרשע דעם העברעאישן לערער ראָזנבלום (לערער פון דער העברעאישער שול „תרבות” און „יבנה” און באַרימטער שאַך־שפילער) מיט זיין טאָכטער.

ביי 11—13 קילאָמעטער פון אָסטראָלענקע, געפינט זיך דער דאָרף כויאינעס. דאָרט האָבן געוווינט אייניקע יידישע משפחות. צווישן די אַנטלאָפענע פון אָסטראָלענקע האָט זיך אויך געפונען אברהם איזראַעל („זאַקריינטש” דער פערד־הענדלער), געפינענדיק אַ צייטווייליקן מקלט אין דעם דאָרף. זיינער אַ זון מיט אַ קוזין זענען דערשאָסן געוואָרן ביי דעם אָסטראָווער שאָסיי. די פאָליאַקן וועלכע האָבן געקענט די עלטערן, האָבן זיי באַגראָבן הינטער אַ בוים. ווען מ'האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָסטראָלענקע, האָט אברהם איזראַעל נישט געוווסט, אַז זיין זון מיט דעם פלימעניק זענען דערשאָסן געוואָרן. ווען די משפחה האָט זיך דערפון דערוווסט דורך אָסטראָלענקער באַקאַנטע גויים, איז די מוטער געפאַלן אַ פאַראַליזירטע אויפן אָרט. דאַן האָט אברהם געבעטן זיינע באַקאַנטע קריסטן, זיי זאָלן ברענגען די צוויי דערשאָסענע קערפערס, כדי זיי מקבר צו זיין אויפן „גוטן אָרט”. זיי האָבן גלייך געבראַכט אויף אַ פור די צוויי קערפערס. די פור איז געשטאַנען אויפן חזיר־מאַרק פאַרבאַהאַלטן הינטער ביימער, די דייטשן זאָלן דאָס נישט זען. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אייניקע באַקאַנטע פון דער פאַמיליע, איך — צווישן זיי (ווייל זיין זון ראובן איזראַעל איז געווען מיין חדר־חבר). די פור איז געפאָרן פאָרויס און די באַקאַנטע זענען נאָכגעגאַנגען, יעדער איינער באַזונדער, נישט צוזאַמען. מ'איז אַרויף אויפן „גוטן אָרט”, אויסגעגראָבן אַ קבר און זיי דאָרט באַגראָבן מיט די זאַכן. איך געדענק נאָך זייערע צעשאָסענע קעפ. ווען מ'האָט געדאַרפט זאָגן „קדיש”, האָט אברהם זאַקריינטש, אַ ייד אַ גיבור, נישט געקענט זאָגן מחמת דערשלאָגנקייט. קדיש האָט געזאָגט דער זיידע, יולקע איזראַעל.

אינמיטן זענען אָנגעלאָפן די ימים נוראים. נאָר דענסמאָל האָט מען שוין נישט געדאַוונט בציבור אין בית־מדרש אָדער אין „קהל”־שטיבל, נאָר יעדער איינער האָט געדאַוונט פאַר זיך און אין זיך, נישט ווייסנדיק וואָס דער גורל וועט ברענגען מאָרגן. אַ סך יידן זענען געווען אַרעסטירט אין דער אָסטראָלענקער טורמע, מ'האָט זיי געטריבן יעדן טאָג צו דער אַרבעט, אָן עסן. דאָ איז דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די רויטע אַרמיי געפינט זיך אין לאָמזשע. מען האָט זיך אויך דערוווסט, אַז זיי דאַרפן אַריינקומען אין אָסטראָלענקע. די דייטשן האָבן שוין אַרונטערגענומען אַלע זייערע פענער מיטן האַקנקרייץ פון מאַגיסטראַט און אַנדערע אינסטיטוציעס און באַלד דערנאָך איז אַריין אַ סאָוויעטישער פאַטרול און זיך פאַרנומען אויפן פלאַץ פון 3־טן מאַי. עס איז געווען אַ פאַנצער־וואָגן מיט צוויי לאַסט־אויטאָס. די דייטשן האָבן געוואָלט פאָטאָגראַפירן דעם רוסישן פאַטרול, די רויט־אַרמייער האָבן גלייך אָנגעצילט זייער געווער קעגן די דייטשן, זיי זאָלן דאָס נישט וואַגן צו טאָן.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, ווייסנדיק אַז מיר, אַלס יידן, וועלן באַפרייט ווערן פון דעם דייטשישן פחד. צום באַדויערן האָט די שמחה לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין אייניקע טעג אַרום, איז, לויט דעם באַקאַנטן אָפמאַך פון ריבנטראָפ מיט מאָלאָטאָוו, אויסגעקומען, אַז אָסטראָלענקע ווערט אָנגעשלאָסן צום דריטן רייך און זי מוז ווערן „יידן־ריין”.

עס איז געווען שמחת־תורה 1939, 2 אַזייגער נאָכמיטאָג. ס'איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אין פאַרלויף פון 2 שעה. די גאַנצע שטאָט איז פלוצלונג פול געוואָרן מיט גויים, אָנגעקומען פון אומעטום מיט פורן, צו באַראַבעווען די יידן. עס האָט זיך באַלד געשאַפן אַ יידישע

פאָרשטייערשאַפט, וועלכע האָט זיך געווענדעט צום דייטשישן קאָמענדאַנט, וואָס איז איינגעשטאַנען אויף גאָמוליצקעגאָ גאַס, ווו ס׳איז געווען די פוילישע באַנק. אויף זיין טיר איז געווען אויפגעשריבן: „פיר יודן איינטריט פערבאָטן!”. דער דייטשישער וואַכמאַן האָט מיט די יידן נישט געוואָלט רעדן. איבערצייגנדיק אים אין וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, האָט ער מסכים געווען די יידן אַריינצולאָזן. דער קאָמענדאַנט האָט די דעלעגאַציע אויפגענומען און פאַרלענגערט דעם גירוש אויף נאָך 48 שעה. דאַן האָבן די יידן אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט זייערע באַקאַנטע גויים וועגן אַריבערפירן זייערע בעבעכעס.

צוויי גרענעצן זענען געווען צווישן דעם דייטש און דעם רוס. דער ערשטער: נאָך וויטשעכאָוויצע (ציגעלניע), ביי די דערפער: ליאַסקאָווצי און האָלדאַקעס. דער צווייטער: נאָך קאַצינער וועג, ביי דעם דאָרף טרושין.

די גויים האָבן קיין געלט נישט געוואָלט נעמען פאַרן אַריבערפירן, נאָר זיי האָבן פאַרלאַנגט געצאָלט מיט ווערטפולע זאַכן (ווי: שטאָפן, שטיוול, אָנציגער א. ד. ג.). די גרענעצן זענען געווען אָפן. ווען מ׳איז צוגעקומען צום דייטשישן פאַטרול, האָבן זיי רעווידירט מיט אכזריות, צעבערעכנדיק די אַלע מטלטלים, מעבל און געראַבירט די סחורות. ווי עס איז זיי געפעלן געוואָרן — אַזוי האָבן זיי געטאָן. די רוסן דאַקעגן אויף די גרענעצן האָבן די יידן אויפגענומען זייער גוט. דערפאַר האָט זיך יעדער איינער באַמיט צו באַזעצן אין די אַרומיקע דערפער, ביי באַקאַנטע גויים, וואָס האָבן אָנגעהערט צו דער רוסישער זאָנע. לאָמזשע איז געווען דאַן איינגאַנצן חרוב, צוליב דער שטאַרקער שלאַכט וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען צווישן די פוילישע און דייטשישע אַרמייען. יעדער האָט געטראַכט וועגן זיך איינאָרדענען אין דער דאָזיקער געגנט, ביי באַקאַנטע אָדער פאַמיליע. מיר זענען אַריין אין דעם דאָרף לאַסקאָווצי, געוווינט ביי אַ גוי איינִיקע וואָכן. דער ווינטער, געדענק איך, איז דאַן געווען זייער אַ שווערער. דורכפאָרנדיק דעם גרענעץ האָבן אונדז די דייטשן פולשטענדיק באַרויבט און פון אונדז אַלץ צוגענומען. מיר האָבן זיך געלאָזט קיין לאָמזשע. דער טאַטע מיטן עלטסטן ברודער משה בנימין, זענען געגאַנגען די ערשטע, כדי עפעס צו פאַרדינען. זיי האָבן געפונען אין לאָמזשע ערגעץ אַ חורבה, אָן פענצטער און אָן טירן. דער טאַטע האָט אונדז דערנאָך אַלע אַריבערגעפירט אַהינצו און עס איז געוואָרן אונדזער מקום־מנוחה. זייענדיק ביי די רוסן אַ פּאָר וואָכן האָט דער טאַטע זיך גענומען צו זיין מלאכה — שוסטעריי — און געמאַכט פרנסה.

אין אַ צייט אַרום זענען די גרענעצן צווישן דייטש און רוס געוואָרן געשלאָסן. מ׳האָט גלייך אָנגעהויבן צו „שוואַרצן” די גרענעצן מיט פאַרשידענע סחורות. דאָס אַלץ האָבן „געפירט” פּאָליאַקן. אויף וויפל איך געדענק, האָט מען פון די אַרומיקע שטעט ווי: רוזשאַן, מאַקאָווע, פולטוסק און די גאַנצע געגנט אַרום — אַרויסגעטריבן די יידן אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, נישט דערלויבנדיק זיי מיטצונעמען די מינדעסטע זאַך. די דאָזיקע יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען צו די געשפּאַרטע גרענעצן, האָבן זיי די דייטשן, נאָכדעם ווי מ׳האָט פון זיי אַלץ צוגענומען, דורכגעלאָזט. נאָר דאָ האָבן די רוסן בשום אופן נישט געוואָלט זיי אַריינלאָזן... די מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער נייטראַלער זאָנע. ווי געזאָגט, איז דאַן דער ווינטער געווען זייער אַ שווערער. מענטשן זענען פאַרפרוירן געוואָרן. די וואָס האָבן געפּרווט דורכשוואַרצן דעם טייך אויף אַ זייטיקן אָרט — זענען דערטרונקען געוואָרן אָדער מ׳האָט זיי צוריקגעטריבן צו די דייטשן.

זייענדיק אין לאָמזשע ביי די רוסן, האָט מיין מאַמע באַשלאָסן צו ברענגען איר שוועסטער (אַן אלמנה מיט 5 קינדער, דאָס 6־טע קינד האָט זיך געהאָדעוועט מיט אונדז אין לאָמזשע) פון וואָלאָמין, וואָס האָט געהערט צום דייטש. איך האָב די אויפגאַבע גענומען אויף זיך. איך האָב צו דעם צוועק זיך געטראָפן מיט צוויי באַקאַנטע שקצים, וועלכע האָבן געשמוגלט און געקענט אַלע גרענעצן. איך האָב איינגעפּאַקט אייניקע זאַכן מיט זיך און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך בין מיט די 2 באַקאַנטע שקצים אָנגעקומען קיין אָסטראָלענקע, ווו קיין זכר פון קיין ייד איז שוין דאָרט נישט געווען. די נאַכט האָב איך גענעכטיקט ביי קראַפּן אין הויז ווי אויך זיי, די שקצים. אויף צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַרויס אָנקוקן דאָס שטעטל אין געזען ווי אונדזער בית מדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַל פאַר פערד... אויך דער קאָשטשיאָל אויף דער פאַרנער גאַס האָט געהאַט דעם זעלבן גורל. איך האָב געטראָפן אייניקע באַקאַנטע גויים, וואָס האָבן מיך געקענט פון קינדווייז אויף. זיי האָבן מיך געפרעגט: „וואָס טוסטו נאָך דאָ?!” איך האָב זיי דערקלערט מיין ציל. זיי האָבן דערציילט, אַז ווען מ׳האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון אָסטראָלענקע האָט זיך געפונען איינער אַ שטומער זשיזשטי, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט. ער האָט זיך געפונען ביי משה׳לע דעם מוליאַר, לעבן דער עלעקטראָווניע. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעוויזן אויף אים די דייטשן, האָבן זיי אים אַרויסגעפירט אויף לענטשיסק און אים דערשאָסן אין די ווייטשעס ביים טייך... און אויב דו ווילסט נישט האָבן דעם זעלבן גורל, האָבן זיי געזאָגט, טאָ אַנטלויף שוין פון דאַנען. איך האָב זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין, — צו קאַצינעס צו (איך וויל דאָ באַמערקן, אַז ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען סטאַראָניעס אַפּטייק, אויף דער אָסטראָווער גאַס, ביי שראָנען אין מויער, בין איך נבהל ומשתומם געוואָרן, זעענדיק ווי סטאַראָניע דער אַפּטייקער איז געווען אויפגעהאַנגען אויף אַ שטריק און האָט זיך געהוידעט איבער דעם ליידיקן אַפּטייק). איך האָב זיך געלאָזט אויף קאַצינעס (אָסטראָלענקער באַנסטאַציע, וואָס האָט געפירט קיין וואַרשע), מיט דער כוונה צו דערגיין קיין וואָלאָמין. וועלנדיק אַרויפגיין אויף דער באַן, האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט די דייטשישע אייזנבאַן־אַרבעטער, וועלכע האָבן לעגיטימירט יעדן איינעם. אַלס ייד האָב איך פּרובירט אַריינגיין אין צוג אָן דאָקומענטן. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן גלייך צו שרייען: יודע. וויסנדיק אַז איך קען אַרעסטירט ווערן, בין איך אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון דער באַן־ליניע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין צופוס. דעם זעלבן טאָג האָב איך דורכגעמאַכט ביי עטלעכע דרייסיק קילאָמעטער. איך בין פאַרבייגעגאַנגען גאָוואָראָווע, וועלכע

איז געווען אינגאַנצן פאַרבראַנט. דער דאָרטיקער בית־הקברות איז געווען אינגאַנצן חרוב. די נאַכט האָט צוגעשלאָגן און עס איז נאָר דערלויבט געווען צו גיין ביז 6 אַזייגער. אין פאַשעקי (אַ באַן־סטאַציע 6 ק״מ פֿון רוזשאַן) בין איך אַריין צו אַ פּריץ און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן דורכנעכטיקן די נאַכט. דערזעענדיק, אַז איך בין אַ ייד, האָט ער מיר געפרעגט: ווי קומסטו דאָ? האָב איך אים געזאָגט, אַז מיין ציל איז צו דערגיין ביז צו וואָלאָמין. האָט ער מיר געזאָגט: איר יידן האָט דאָך ליב די באָלשעוויקעס, פאַר וואָס גייט איר נישט אַהין? איך האָב אים נישט געוואָלט זאָגן, אַז איך בין שוין געווען ביי זיי... איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן איבערנעכטיקן נאָר די נאַכט. ער האָט מיר אַנטזאָגט. און באַטאָנט, אַז די דייטשן קומען יעדע נאַכט צו אים און ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן ביי אים טרעפן אַ יידן. אויב איך וויל קען ער מיר אַריינפירן צו איינעם פון זיינע פאַראָבקעס. ווי ער האָט מיר געהייסן אַזוי האָב איך געטאָן. דער פאַראָבעק האָט מיר געמאַכט אַ געלעגער און געגעבן אויך צום עסן. ער האָט מיר געוואָרנט אַז מיטן טאָג דאַרף איך פון דאַנען פאַרשווינדען. פאַרטאָג האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך בין דערגאַנגען ביז ווישקאָווע. אויפן גאַנצן וועג האָב איך געטראָפן דייטשישע אייזנבאַן אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער ליניע. צוויי קילאָמעטער פאַר ווישקאָווע, האָבן מיר באַגעגנט 2 פּאָליאַקן. זיי האָבן געזאָגט: „זשידזשע, אָטדאַי פּיעניאָנדזע" (ייד, גיב־אָפּ דאָס געלט). איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך האָב נישט ביי זיך קיין שום געלט. דאָס איז געווען אין אַ מאַרק־טאָג אין ווישקאָווע און אויפן וועג זענען דורכגעפאָרן 100־טער פורן. איך האָב זיי געזאָגט: אַז זיי זאָלן מיטגיין מיט מיר טיפער אין וואַלד, ווו איך האָב פאַרשטעקט דאָס געלט. ווען איך בין אַריין מיט זיי טיפער אין וואַלד, האָב איך געכאַפּט אַ דיקן צווייג פון אַ בוים און זיי „מכבד" געווען מיט אים ווי געהעריק און זיך געלאָזט לויפן צו ווישקאָווע צו. אָנקומענדיק צום אַריינגאַנג פון דער שטאָט, האָב איך געזען פאַר זיך צוויי בריקן (איינער אַ פּאַסאַזשירסקער און דער צווייטער — פאַר דער באַן־באַוועגונג) — זיי זענען געווען אויפגעריסן. דאָ האָב איך באַמערקט, אַז אין דער זייט ליגט אַ צייטווייליקער בריק און יעדער דורכגייער ווערט קאָנטראָלירט דורך אַ דייטש. נאָר איך בין געגאַנגען דורך אַ גאָר־זייטיקן וועג כדי אויסצומיידן די דירעקטע קאָנטראָל פונעם דייטש. צום גליק האָב איך זיך דורכגעכאַפּט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון דעם מאַרק־טאָג און דעם טומל פון די דורכפאָרער און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו ראַדזימין.

אויך ווישקאָווע איז געווען חרוב. דאָרט זענען פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן צווישן די פּאָליאַקן מיט די דייטשן. אַלע יידן זענען פון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן. מ'האָט זיי געטריבן פון דער אַנדערער זייט טייך „בוג" (דער גרענעץ־פּאַס צווישן דייטש און רוס), ווייל פון דאָרטן האָבן געדאַרפט קומען די רוסן. אויפן וועג פון ראַדזימין, האָב איך געזען טויזנטער־טויזנטער פּליטים, וואָס האָבן זיך געצויגן פון וואַרשע און פון דער גאַנצער געגנט אַרום: יידן, יידן, יידן, וואָס זייער איינציקער ציל איז געווען — דערגיין צו די רוסן (אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט דער דאָזיקער וועג געפירט צו דער באַן־סטאַציע פון טרעבלינקע). אויפן וועג האָבן מיר פיל יידן געפרעגט, פאַר וואָס גיי איך עפּעס אין דער ריכטונג צו וואַרשע? האָב איך זיי דערציילט, אַז איך בין שוין געווען ביי די רוסן און איך גיי איצט ברענגען אַ מומען מיט 5 קינדערלעך, און וויל זיך צוריקקערן (איך האָב זיי אָפּגעגעבן גרוסן פון דער געגנט, ווו עס געפינען זיך די רוסן). געזען אויפן וועג האָב איך נאָר יוגנט. בחורים, מיידלעך מיט רוקזעק. עס איז געווען אַ פרייטיק. איך בין אָנגעקומען קיין ראַדזימין און פון דאָרט זיך געלאָזט קיין וואָלאָמין. אויפן וועג צווישן ראַדזימין און וואָלאָמין — אַ שטרעקע פון 9 קילאָמעטער בערך — האָב איך געטראָפן פאָרן די דייטשישע אַרטילעריע און זיי האָבן געשריגן „די יודן ווערדן אַלע ערשאָסן!" די נאַכט האָט צוגעקלאַפּט. עס איז שוין געווען נאָך 6 אַזייגער, מ'האָט שוין נישט געטאָרט גיין. טראָץ דעם האָב איך באַשלאָסן צוגיין קיין וואָלאָמין, און אין דער פאַרבאַטענער שעה. האַלב ניין ביינאַכט, בין איך דאָרט אָנגעקומען. דאָ האָב איך באַדאַרפט פאַרבייגיין אַ גרויסע באַן־סטאַציע, וועלכע איז געווען שטאַרק באַוואַכט דורך די דייטשן...

איך בין אַריין צו דער מומען, ס'איז געווען פרייטיק־צונאַכטס. די שמחה איז געווען זייער גרויס. מען האָט אָפּגענומען גרוסן איינע פון די אַנדערע. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך נעם זי אַוועק מיט די קינדער צו די רוסן. איך האָב געקויפט אַ פערד מיט אַ וואָגן, פאַרלאָדן אירע אַלע בעבעכעס און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך בין אָנגעקומען מיט זיי ביז יאַדאָווע (אַ 30 קילאָמעטער פון וואָלאָמין). דער וועג איז געווען „שוואַרץ" פון יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך געלאָזט צו דער גרענעץ צווישן דייטש און רוס, ביי מאַלקין.

זייענדיק אין יאַדאָווע, זענען אָנגעקומען גרוסן, אַז די גרענעץ איז געשלאָסן. מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויפן נייטראַלן פּאַס (זאָנע), די רוסן האָבן צו זיך קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. די דייטשן דאַקעגן האָבן געלאָזט זיך צוריקקערן, ווער עס האָט נאָר געוואָלט.

דער הויפּט־ציל פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן נייטראַלן פּאַס איז געווען: פאַר יעדן פּרייז דורכשמוגלען די גרענעץ — צו די רוסן! מענטשן האָבן געדונגען „וועגן־קענערס" און זיך דורכגעשמוגלט. אויך מיט די רויטע אַרמייער, פאַר אַ זייגערל, האָט מען זיך געקאָנט דורכגנבענען די גרענעץ. פיל מענטשן האָבן פאַרשפּילט זייערע לעבנס צוליב די שטאַרקע פרעסט.

מיין מומע, הערנדיק די אַלע גרוסן און האָבנדיק אַלע 5 קינדערלעך לעבן זיך, האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל איר צוריקפירן אַ היים קיין וואָלאָמין. זי האָט געדענקט, אַז זי וועט נישט קאָנען דורכמאַכן מיט קליינע קינדער אַזאַ שווערן וועג. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און איר צוריקגעפירט. פון דעם פאַרמעגן האָב איך פיל פאַרקויפט און געלאָזן איר אַ סומע געלט אויף צום לעבן. און איך האָב זיך געלאָזט צוריק צו מיינע עלטערן אין לאָמזשע.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ראַדזימין, פאַרבייגייענדיק

דעם מאַגיסטראַט, האָט מיר אַ דייטש אַרעסטירט, אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער, ווו איך האָב געטראָפן 14 יידן, די רייכסטע פון שטעטל. די יידן זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. די דייטשן האָבן געפאָדערט זייער גאַנצן פאַרמעגן. איך האָב געזען, אַז מיין גורל איז אַ פאַרשפּילטער. איך האָב פאַרמאָגט ביי זיך אַ גאָלדענעם זייגער. האָב איך צוגערופן דעם דייטש, וואָס האָט אונדז באַוואַכט און אים געזאָגט, ווער עס וועט מיך באַפרייען, וועט באַקומען דעם גאָלדענעם זייגער. דער דייטש האָט מיר געענטפערט, אַז 5 אַזייגער פאַרנאַכט, ווען עס וועט ווערן גוט טונקל, וועט ער דאָס טאָן. און אַזוי איז געווען, צו דער שעה (אין יאַדאָווע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די אַלע 14 יידן פון ראַדזימין זענען דערשאָסן געוואָרן).

אויפן וועג קיין לאָמזשע, האָב איך פיל ערטער דורכגעשמוגלט. ביים דאָרף סיסק, נעבן אָסטראָלענקע האָט מען מיך געכאַפּט מיט נאָך עטלעכע פערזאָן. דאָסמאָל האָט אונדז אַרעסטירט אַ רוס, ווייל עס איז געווען אויף דער גרענעץ. נאָר פאַר אַ זייגערל האָט ער אונדז באַפרייט און מיר זענען בשלום אָנגעקומען אין לאָמזשע.

ב) ווילנער געטאָ, די פּאַרטיזאַנקע, ארץ־ישראל

פון לאָמזשע, האָב איך זיך געלאָזט מיט נאָך 2 ברידער קיין ווילנע. וויסנדיק, אַז ווילנע איז געוואָרן אָנגעשלאָסן צו ליטע און אַז פון דאָרט קאָן מען זיך דערשלאָגן צו ארץ־ישראל און אויך צו דער גאָרער וועלט.

אין ווילנע זענען מיר געווען אַ פּאָר־אין־צוואַנציק אָסטראָלענקער, צווישן צענדליקער טויזנטער פליטים פון גאַנץ פּוילן. מיר האָבן געשאַפן אין ווילנע אַ קאָמיטעט פון די אָסטראָלענקער און דער פאָרזיצער איז געווען ר׳ משה אהרן קאַטשיאָר. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט זיך גלייך געווענדט צו אונדזערע לאַנדסלייט און קרובים אין אַמעריקע, מען זאָל אונדז אַרויסהעלפן. מיר זענען געשטאַנען מיט זיי אין פאַרבינדונג און פון צייט צו צייט באַקומען אַ געוויסע שטיצע. אייניקע פון זיי האָבן עולה־געווען קיין ארץ־ישראל און די איבעריקע זענען דאָרט פאַרבליבן ביז צום אויסברוך פון דעם קריג צווישן דייטש און רוס, אין יאָר 1941.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין ווילנע, 2 טעג נאָכן אויסברוך פונעם קריג, איז די מערהייט פון דער יידישער יוגנט שוין געהאַט אַנטלאָפן פון דער שטאָט, אין דער ריכטונג צו רוסלאַנד, אָבער די דייטשן האָבן זיי דעריאָגט, און איך מיט 2 ברידער און מיין טאַטן צווישן זיי. אויפן וועג האָבן די דייטשישע פּאַטרולן פיל יונגע חברה דערשאָסן. די באַציאונג פון די פּויערים צו די יידן אויף די וועגן, איז געווען אַ שרעקלעכע. זיי האָבן געטענהט, אַז יעדער ייד איז אַ קאָמוניסט. אויב זיי האָבן אַמאָל יאָ געגעבן אַ שטיקל ברויט, איז דאָס געווען פאַרן פרייז פון פאַרמעגן. איך מיטן טאַטן און די ברידער האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע. אַלע וועגן זענען געווען באַדראָט מיט געפאַר און מיט טויט.

אין ווילנע האָבן די דייטשן אָנגעהויבן כאַפּן די יידן צו אַרבעט מיט דער מיטהילף פון דער ליטווינישער פּאָליציי. איך האָב געאַרבעט אויף דער באַן, געלאָדן וואָפן; די וואָפן איז געווען רוסישע, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט איבערלאָדן אין די דייטשישע וואַגאָנען. אין דער צייט פון דער אַרבעט — 14 שעה אָן איבעררייס — האָבן אונדז די דייטשן מיט די ליטווינער געשלאָגן מכות־רצח. אָן עסן און אָן אַ טראָפּן וואַסער. זיי האָבן נאָר געשריגן: „פאַרפלוכטע יודן, איר האָט דעם קריג געמאַכט! די ראָטשילדס!"

אין אַ גאָר קורצער צייט איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יידן דאַרפן טראָגן אַן אָפּצייכענונג: אַ ווייסע לענטע מיט אַ געלן מגן־דוד אויף דער לינקער האַנט, כדי מיר זאָלן זיין אָפּגעשיידט פון די אַריער. די דייטשן מיט די ליטווינער האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע שיטה ווי אַזוי צו כאַפּן די יידן צו דער אַרבעט. זיי פלעגן 5 אַזייגער פאַרטאָג קומען צום הויזוועכטער, אים אויספרעגן אין וועלכע וווינונגען עס געפינען זיך די יידן. דער וועכטער פלעגט זיי אויפגעבן די נומערן און לויטן אַדרעס פלעגן זיי קומען פאַרטאָג קלאַפּן אין די טירן און אַרויסנעמען אַלע מענער פון די הייזער צו דער אַרבעט. גליקלעך זענען געווען די מאַמעס מיט די קינדערלעך, אַז זיי האָבן דערלעבט אָנצוזען די טאַטעס צוריק פון דער אַרבעט: דערשלאָגענע, פאַרבלוטיקטע און הונגעריקע.

נאָכדעם האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן אָפּגעבן זייערע גאָלד און זילבער צוזאַמען מיט אַ געוויסן סכום געלט, וואָס איז אומגעהויער גרויס געווען. ס׳האָט זיך גלייך געשאַפן אַ יידישער קאָמיטעט. אין דער שפּיץ פון קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט דער באַוווּסטער כלל טוער ד״ר יעקב וויגאָדסקי. ער האָט געפּרוּווט אינטערווענירן ביי די דייטשן, דערקלערנדיק אַז די יידן פאַרמאָגן נישט אזא גרויסן סכום וויפל זיי פאַרלאַנגען. דאַן האָט דער געביטס־קאָמיסאַר (שטאָט־קאָמענדאַנט) געעפנט די טיר און אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ.

אין אייניקע טעג אַרום, אויף וויפל עס איז מיר באַקאַנט, איז ער, דער אַלטער עסקן, געשטאָרבן פון די ווונדן.

באַלד דערנאָך איז אַרויס אַ צווייטע גזירה, אַז יידן דאַרפן גיין אינמיטן שאָסיי און מוזן טראָגן אַ געלע לאַטע, אין דער גרויס פון צען צענטימעטער, אויפן האַרצן, פון דער לינקער זייט, און אויך אַ מגן־דוד אַזאַ אויף דער פּלייצע, פון דער רעכטער זייט. דערנאָך האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יידן ווערן געכאַפּט און געפירט אין פאַרשידענע ריכטונגען צו דער אַרבעט, מחוץ פון דער שטאָט. און יעדער פּאָליאַק אָדער ליטווינער, וועלכער וועט ברענגען אַ ייד, וועט באַלוינט ווערן מיט אַ קילאָ צוקער אָדער אַ קילאָ זאַלץ; פון יעדן קאָפּ. ווען יידן זענען געשטאַנען אין דער ריי נאָך ברויט, ביים אַריינגאַנג צום בעקער, זענען אַריער געשטאַנען פון דער לינקער זייט און יידן — פון דער רעכטער, כדי זיי גוט אונטערצושיידן. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליאַקן האָבן זיך זייער דערפרייט מיט אַזאַ מציאה און אָנגעהויבן צו כאַפּן יידן. דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן מיט די ליטווינער נעמען אַרויס די יידן פון דער טורמע, גרופּנווייז, צו 100—200 מאַן און פירן זיי אין דער ריכטונג צום וואַלד — אַ 13 קילאָמעטער פון ווילנע — און דאָרט ווערן זיי דערשאָסן.

די ידיעה איז דערגאַנגען פון די פויערים אין דער געגנט.

איך מיטן פאָטער אין מיט די 2 ברידער, האָבן געאַרבעט פאַר אַ דייטשישער אָפּטיילונג פון שוסטעריי. אַ דאַנק דעם זענען מיר לעבן געבליבן. מיר האָבן פון די דייטשן באַקומען אַ שיין אויפן פאָטערס נאָמען, אַז אונדז זאָל מען נישט טשעפּען. מיר האָבן געאַרבעט פאַר זיי און די דייטשן פלעגן אונדז געבן פון דעם איבערגעבליבענעם עסן. אַזוי האָבן זיך געפירט די אַקציעס ביז צו דעם 1.9.41. דערנאָך האָבן די דייטשן מיט די ליטווינער אַרומגערינגלט אַ געוויסן קוואַרטאַל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געציילט ביז 8—9 טויזנט יידן, זיי אַלע אַרויסגעפירט אין פאָנאַרער וואַלד און דערשאָסן. אַלע הייזער זענען פאַרזיגלט געוואָרן דורך די דייטשן מיט די ליטווינער.

מיט אַ וואָך שפּעטער, דאָס איז געווען אַ שבת פאַרטאָג, איז גאַנץ ווילנע אַרומגערינגלט געוואָרן און די דייטשישע ליטווישע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן טרייבן פון יעדער הויז די יידן, אין דער ריכטונג צום קוואַרטאַל, ווו די יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן. זיי האָבן קיין זאַך נישט דערלויבט צו נעמען מיט זיך, אויסער אַ פּעקל זאַכן. די פּאָליאַקן פלעגן אויסנוצן דעם מאָמענט און גערויבט וויפל נאָר זיי האָבן געקאָנט. דאָס איז געווען דעם 6.9.41, ווען אין ווילנע איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ. (צוויי געטאָס זענען געווען אין ווילנע. אַן ערשטע געטאָ, און אַ צווייטע). ס'האָט זיך גלייך געשאַפן אין דער געטאָ אַ יידן־ראָט, אַן אַרבעטס־אַמט, וווי־נונגס־אָפּטיילונגען א. אַז. וו. יידן האָבן זיך באַמיט אַרויס־צובאַקומען זיך אויסער דער געטאָ צו אַרבעטן ביי די דייטשן און אין נאָך אַנדערע מקומות.

אויף וויפל איך געדענק, איז דאָס געווען אום יום־כיפור. די דייטשן האָבן אויסגעפירט אַ גרויסע אַקציע אין דערשאָסן 16 טויזנט יידן אין פּאָנאַרער וואַלד. מיט דעם האָבן זיי איין געטאָ אינגאַנצן ליקווידירט. אין דער דאָזיקער געטאָ האָבן זיך געפונען: ר' משה אהרן קאַטשיאָר און פרוי, מאָטל דאָלאָוויטש און מנחם זאַבלודאָוויטש, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין דער אַקציע.

אין דער אַנדערער געטאָ, וועלכע איז געבליבן, האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן. יעדן אינדערפרי פלעגט קומען אַ דייטש פון זיין אָפּטיילונג און אָפּנעמען ביים טויער פון געטאָ אַ גרופּע יידן, זיי פירן צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט זיי צוריקברענגען אין געטאָ. יעדער איינער האָט זיך באַמיט ביי זיין אַרבעט צו זוכן, אויף כלערליי וועגן, אַ וועלכע ס'איז פאַרבינדונג. צי מיט אַ דייטש, צי מיט אַ פּאָליאַק אָדער אַ ליטווינער, כדי צו באַקומען ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. אויפן וועג פלעגן פאָרקומען פאַרשידענע רעוויזיעס. ביים אַריינגאַנגס־טויער פון געטאָ פלעגט יעדער איינער קאָנטראָלירט ווערן, צי ער טראָגט נישט קיין פּראָוויאַנט. פילמאָל פלעגן באַוואַכן דעם טויער געסטאַפּאָ, אָדער ס. ס.־לייט אָדער גאָר דער פאַרטרעטער פון געביטס־קאָמיסאַר אַליין, ווי ער האָט געהייסן: מורער. דעם ייד וואָס מ'האָט געפונען ביי אים פּראָדוקטן, פלעגט מען שלאָגן צום טויט, אַרעסטירן און דאָרט אין טורמע דערשיסן.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס בילד יעדן טאָג ביים אַריינגאַנג אין געטאָ.

מיט דער צייט האָבן די דייטשן באַשטימט, אַז אין גאַנץ ווילנע זאָלן בלייבן נישט מער ווי 16 טויזנט יידן. יעדער אַרבעטס־פּלאַץ, ווו יידן האָבן געאַרבעט, צי אין די דייטשישע אָפּטיילונגען צי אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען געווען נוצלעך פאַר דייטשן, איבערהויפּט פאַכלייט — וועלן באַקומען געלע אויסווייז־באַשיינונגען. יעדער מאַן, וואָס האָט באַקומען אַזאַ שיין, האָט געהאַט דאָס רעכט צוצושרייבן אַ פרוי מיט 2 קינדער, און אַ פרוי דאָסגלייכן האָט געהאַט די זעלבע רעכט צוצושרייבן אַ מאַן מיט 2 קינדער. יעדע אַר־בעטס־אָפּטיילונג, וואָס איז געווען אויסגעשלאָסן פונעם רעכט צו באַקומען אַ געלן שיין, פלעגט אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן אויף שוחד.

די געלע־שיין־אַקציע פלעגט פאָרקומען אויף אַזאַ אופן. פאַרטאָג איז יעדער איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ געלן שיין, ווו ס'איז געווען צוגעשריבן זיין פאַמיליע, אַרויס פון געטאָ צו זיין באַשטימטן אַרבעטס־פּלאַץ. די יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלע שיינען, מענער ווי פרויען און קינדער, זענען געבליבן אין געטאָ. דאַן זענען אַריינגעדרונגען צו זיי די דייטשישע און ליטווישע פּאָליציי און אַלעמען אַרויסגע־פירט צום טויט אין פּאָנאַרער וואַלד. מען האָט זיי געפירט מיט לאַסט־אויטאָס און אויף צופוס. אַ טייל וועלכע ס'איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין דער צייט פון דער אַקציע — וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט אין קוימענס, אין טאָפּעלע צימערן א. ד. ג. — די האָבן געהאַט אַ חיי־שעה.

די טראַגעדיע איז געווען מוראדיק־גרויס. עס זענען אָפּ־געריסן געוואָרן טאַטעס פון קינדער און די סאַמע נאָענטסטע איינע פון די אַנדערע.

די יוגנט אין געטאָ, ווי אויך די ציוניסטישע באַוועגונג פון רעכטס ביז לינקס, אויך די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַן אונטערערדישע באַוועגונג.

צוויי אונטערערדישע באַוועגונגען האָבן זיך געשאַפן אין דער ווילנער געטאָ צו קעמפן קעגן דייטש. איינע האָט גע־הייסן פ. פּ. א. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג). איר ציל איז געווען, ווען די דייטשן וועלן באַשליסן צו ליקווידירן די געטאָ — זיך קעגנשטעלן מיט געווער און פאַלן ווי העלדן אויף די באַריקאַדן. די 2־טע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז געווען אין דער מיינונג, אַז מען דאַרף אַרויספירן יידן אין די וועלדער און זיך אָנשליסן אין די אַלגעמיינע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונגען. אַזוי אַרום וועט מען קאָנען מער נקמה נעמען און מיט ווייניקער פאַרלוסטן.

אין דער שפּיץ פון פ. פּ. א. זענען געשטאַנען: וויטנבערג (אַ קאָמוניסט) אין אבא קאָוונער, זיין פאַרטרעטער. בראש פון דער אַנדערער אָפּטיילונג זענען געווען: פריד (אַ וואַרשע־ווער) און זיין פאַרטרעטער רינג (אַ ווישקאָווער בחור). די געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן באַזאָרגן מיט געווער. אין די רייען פון די קעמפער זענען געווען אָנגעשלאָסן אויסגעקליבענע יוגנט, פאַרטרויאונגס־מענטשן. ווייל אין געטאָ גופא, זענען

ליידער אויך געווען אַזעלכע עלעמענטן וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן...

מיט דער צייט, האָבן די פירער פון פ. פּ. א., זעענדיק, אַז זייער פּלאַן צו קעמפן בלויז נאָר אין געטאָ פאַלט דורך, אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי אַזוי אַרויסצופירן די דאָזיקע קעמפער אין די וועלדער, אין דער צייט, ווען אַ גרופּע פון די דרויסן־קעמפער (די צווייטע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג) זענען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן אין ראדניצקער פּושטשע־וואַלד מיט פרידן אין דער שפּיץ.

איך האָב געהערט צו דער גרופּע, וועלכע איז געווען פאַר קעמפן אין די וועלדער. מיר האָבן אויך באַקומען אַ ידיעה פון דער ערשטער גרופּע, אַז זי איז אָנגעקומען בשלום און מען זאָל שיקן וואָס מער קעמפער.

אויף וויפל איך געדענק, איז צו דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ, אָנגעקומען דער באַוווסטער נאַצי־פאַרברעכער קיטעל (פון באַרוף: אַ שוישפּילער). ער אַליין האָט ליקווידירט די וואַרשעווער געטאָ און אויך די געטאָ אין ביאַליסטאָק. איצט האָט געדאַרפט קומען די ריי פון דער ווילנער געטאָ.

(אגב, אין אָנפאַנג 1943, איז אַריינגעקומען צו אונדז אין געטאָ איינער אַן אָסטראָלענקער מיטן נאָמען שייע ראָזן, געהאַנדלט מיט קוילן און מיט האָלץ אין אָסטראָלענקע. ער האָט דערציילט, אַז זיין גאַנצע פאַמיליע און נאָך פיל פיל אָסטראָלענקער זענען פאַרניכטעט געוואָרן לעבן באַראַנאָוויטש. אויך איז דאַן געקומען צו אונדז אַ יונגער אָסטראָלענקער בחור, זיין טאַטע האָט געהייסן חנא, געווען אַ טרעגער).

ווי אויבן געזאָגט, האָבן די פ. פּ. א. אָנגעהויבן שיקן זייערע קעמפער אין די וועלדער. זיי פלעגן שיקן אַן אויספאָרשונגס־גרופּע צום וואַלד, זי זאָל זיך דערוויסן ווי אַזוי מען זאָל קענען צושיקן ווייטערדיקע גרופּן. אויף וויפל איך געדענק האָט זיך אַזאַ אויספאָרשונגס־גרופּע צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ ליטוויש־דייטשישער אָפּטיילונג. זיי האָבן געפירט אַ שלאַכט. אייניקע זענען דערהרגעט געוואָרן און אַ טייל זענען אָנגעקומען אין וואַלד. מען קאָן היינט פעסטשטעלן אויף 100 פּראָצענט, אַז די שיטה פון פ. פּ. א. איז נישט געווען לאָגיש און אויסגעהאַלטן, דערפאַר אַליין, וואָס זיי האָבן געשיקט מענטשן צו אַ וואַלד, וואָס האָט זיך געפונען 180 קילאָמעטער ווייט פון דער ווילנער געטאָ, און כדי דורכצומאַכן אַזאַ וועג, צווישן דייטשן, ליטווינער, פּאָליאַקן און אוקראַאינער, האָט מען געדאַרפט דורכגיין דעם סאַמע טייוול און מען האָט טאַקע באַצאָלט מיט אַ סך בלוט. דאַקעגן די צווייטע אונטערערדישע באַוועגונג, האָט נאָר באַדאַרפט דורכמאַכן די שטרעקע פון געטאָ ביז דעם וואַלד „סאָראָק טאַטאַרי״ (40 טאַטאַרן), בסך הכל 14 קילאָמעטער, און דאַן איז שוין געווען מעגלעך די פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג.

איך געדענק: דעם ערשטן סעפּטעמבער 1943, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט גאַנץ פרי די געטאָ, כדי דורכצופירן אַן אַקציע. די קעמפער פון די ביידע אָפּטיילונגען האָבן זיך גלייך אָרגאַניזירט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אַ טייל קעמפער צו וועלכע די דייטשן מיט די ליטווינער און עסטאָניער האָבן זיך דערנענטערט — זענען פאַרכאַפּט געוואָרן (די סיבה זאָל זיין, וואָס זיי האָבן נאָך נישט געהאַט קיין באַפעל פון זייער שטאַב) און מ׳האָט זיי אויפגעלאָדן אויף מאַשינען און אַוועקגעפירט צו דעם ווילנער וואָקזאַל. די דייטשן האָבן דאַן געפירט די אַקציע אַ גאַנצן טאָג, אַרויסגעפירט די מענטשן, פאַרשפּאַרט אין וואַגאָנעס, זאָגנדיק זיי, אַז זיי פאָרן קיין עסטאָניע אויף אַרבעט. ביי דער דאָזיקער אַקציע איז דערהרגעט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, וווּ איך האָב זיך געפונען (איליא שיינבוים).

די יידן, וועלכע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין עסטאָניע, האָבן געשיקט בריוו צו זייערע משפחות אין געטאָ. אַז זיי געפינען זיך אין אַרבעטס־לאַגערן. אויך מיין ברודער יצחק האָט זיך געפונען צווישן זיי. ער האָט באַטאָנט אין אַ בריוו, אַז דער ריכטיקער וועג איז געווען דער, אויף וועלכן ער איז נישט געגאַנגען: אין וואַלד אַריין. אונדזער אונטערערדישע באַוועגונג, צו וועלכער איך האָב אָנגעהערט, האָט אָנגעהויבן ווי ווייט מעגלעך צו אָרגאַניזירן אויף אַרויסצוגיין אין די וועלדער.

דעם 13.9.43 האָב איך באַקומען אַ באַפעל צו זיין גרייט אַרויסצוגיין אין וואַלד אום 6 אַזייגער פאַרנאַכט. איך מיט נאָך אַ גרופּע פון 27 מאַן האָבן זיך אַרויסגעקריגן פון געטאָ פאַר דעם פּרייז פון 300 רובל גאָלד, וואָס מיר האָבן באַצאָלט דעם שעף פון דער ליטווישער געסטאַפּאָ און זיין שאָפער, וועלכער האָט אונדז אָפּגעפירט מיט אַ לאַסט־אויטאָ קיין „סאָראָק טאַטאַרי״, דעם וואַלד וואָס איך האָב גוט געקענט (פלעג דאָרט האָלץ האַקן). פון דאָרט האָבן מיר גלייך גענומען אַ וועג־ווייזער — געהייסן האָט ער קוזשמינסקי — און ער האָט אונדז געפירט ביי אייניקע קילאָמעטער צו אַ גרופּע קעמפער, וועלכע זענען מיט אַ נאַכט פריער אַרויס פון געטאָ. אין דער דאָזיקער גרופּע האָט זיך אויך געפונען מיין ברודער מאיר. מיר זענען געבליבן אין אַ קליינעם וועלדל ביז אויף צומאָרגנס ביינאַכט. די נאָענטסטע נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין ראַדניצקער פּושטשי — אַ גרויסער וואַלד. דאָרט האָבן מיר באַגעגנט אַלע אונדזערע גרופּן, וועלכע זענען אַרויס פון דער געטאָ. אַ פּרט געדענקט זיך: ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וואַלד, האָבן אונדז באַגעגנט רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אונדז געפרעגט: „נאָך וואָס זענט איר דאָ געקומען? זיך אויסבאַהאַלטן? די גאַנצע צייט האָט איר געאַרבעט פאַר די דייטשן. דער סוף איז, אַז איר זענט יידן פחדנים״. מיר האָבן זיי געפּרוווט אויפקלערן די לאַגע ווי זי איז. אַז ביז היינט האָבן מיר נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען אין וואַלד אַריין קעמפן. דאָס הויפּט פּראָבלעם פון אַ פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער איז: געווער! און דאָס האָבן מיר נישט געהאַט. דערפאַר האָבן מיר אָנגעהויבן צו זוכן פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי צו באַקומען געווער ביי די פּויערים פון דער געגנט: פאַר געלט און אויך מיט דראָאונגען.

אין דער פּושטשי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט ביי אַ 200 און עטלעכע זיבעציק קעמפער וואָס זענען אַרויס פון דער ווילנער געטאָ. זיי זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף 4 טיילן. יעדע אָפּטיילונג האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אונטער אַן אַלגעמיינער שטאַב־אָנפירונג. דערנאָך איז געוואָרן דאָס

הויפּט פּראָבלעם: עסן. אין די אַלע 4 אָפּטיילונגען האָבן זיך געפונען בסך־הכל אַ 15 ביקסן און אַ 10 רעוואָלווערן (די רעוואָלווערן האָבן מיר געקויפט אין געטאָ און די ביקסן האָבן מיר באַקומען דורך אויסבייטן זיך מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער). עסן האָבן מיר גענומען פון די פּויערים, אויף אַלע מיני וועגן. דער הויפּט־וועג איז געווען: מיט געווער. אַנדערש האָבן זיי נישט געוואָלט געבן. אַזוי־אַרום זענען די פּויערים געוואָרן אונדזערע פאַרביסנסטע שונאים. מיט דער צייט איז געוואָרן אַ פאַרבינדונג מיט מאָסקווע און מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען געווער פון די רוסישע אַעראָפּלאַנען (נישט דווקא פאַר די יידישע גרופּן).

זומער 1944, גייענדיק פון אַן „אויפגאַבע", האָב איך באַגעגנט אַן אָסטראָלענקער, משה באַנטשאַק, וועלכער האָט אויך געאַרבעט אין דער פּאַרטיזאַנקע. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט איינער מיטן אַנדערן. ער האָט איבערגעגעבן, אַז די גרעסטע צאָל אָסטראָלענקער זענען אומגעקומען אין באַראַנאָוויטש, סלאָנים, מאָלטשאַד, לעכאָוויטש און אומגעגנט.

נאָך אין דעם זעלבן זומער זענען מיר באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

אָנקומענדיק צוריק קיין ווילנע, האָט זיך דאָרט גלייך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ ציוניסטישע באַוועגונג. פון ווילנע, וואָס האָט געהערט צו רוסלאַנד, זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן און אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. פון ביאַליסטאָק זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין לובלין. אין לובלין איז שוין געווען די צייטווייליקע פּוילישע רעגירונג, כאָטש דער „פראָנט" איז נאָך געווען ביי וואַרשע (אגב, דאָס וואָס איך האָב געזען אין לובלין וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. אין דעם שיינעם הויז א. ד. נ. פון י. ל. פּרץ, האָב איך באַגעגנט די ערשטע באַפרייטע פרויען פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ און ספּעציעלע לאַגער־קליידער. אַלערליי עפּידעמיעס האָבן דאָרט געבושעוועט. מענטשן זענען געשטאָרבן יעדע מינוט). פון לובלין בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַ פּוילישן דאָקומענט פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אַלס גריכישער ייד. דורכגעפאָרן טשעכאָסלאָוואַקיי, הונגאַרן, רומעניע (מיט מיר איז אויך געווען מיין ברודער מאיר). דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן שליחים פון ארץ־ישראל. די שליחים האָבן דעמאָלט אָרגאַניזירט די עליה אויף 2 וועגן: עליה א׳ (לעגאַל), עליה ב׳ (אומלעגאַל). ערב ראש־השנה 1945 בין איך אַלס חייל פון דער יידישער בריגאַדע אין איטאַליע, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

חולון (תל־אביב)

מיינע שוועסטער דערציילן

איבערגעגעבן דורך **כאַנע האַלצמאַן** / בוענאָס איירעס

אַט וואָס עס דערציילן מיינע 3 לעבנגעבליבענע שוועסטער שרה, העניע און רחל וועגן חורבן פון אונדזער שטאָט און אונדזערע שטאָטישע:

ש ר ה:

פרייטיק, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939. איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד, 10 יאָר אַלט. איך גרייט מיך צו באַנייען די לימודים אין דער שול, נאָך די זומער־וואַקאַציעס. דאָ באַמערק איך, אַז היינט איז עפּעס גאַנץ אַנדערש ווי שטענדיק. די מאַמע איז אויפגערעגט ווי נישט געוויינלעך. עס דערגייען צו מיר מאָדנע ווערטער, וואָס כ׳האָב ביז היינט נישט געהערט, ווי: מלחמה, נאַציס... מען דאַרף אַנטלויפן א. אַז. וו. די מאַמע בענטשט ליכט, נאָר אַנדערש ווי שטענדיק; בעט מער ווי שטענדיק און וויינט מער ווי שטענדיק... דאָ קומט צוגיין דער טאַטע. אָנשטאָט צו מאַכן קידוש, לעשט ער אויס די שבת־ליכט. איך באַנעם עס נישט? מען טאָר דאָך נישט אויסלעשן קיין ליכט אום שבת? און דאָ באַלד לאָדט מען שוין פּעק אויף די וועגענער. אויך אונדזערע שטיב־זאַכן זענען שוין פאַרפּאַקט אויף אַ וואָגן. גאַנץ שטאָט טוט אַזוי און אַלץ אום שבת. איך זיץ שוין אויבן אויפן וואָגן. מיר פאָרן. אַ סך יידן פאָרן... שוין פאַרלאָזט די לעצטע הייזער פון אָסטראָלענקע. מיר איז קאַלט, איך האָב מורא... איך דרימל איין. עפן די אויגן ווען עס איז שוין טאָג. איך קוק זיך אַרום: טויטע ליגן אויף די וועגן, איבערגעקערטע פורן, צעשפּליטערטע זאַכן... די עלטערע שמועסן: מ׳האָט דאָ באָמבאַרדירט; די נאַציס האָבן באַשאָסן די אַנטלויפנדיקע. מ׳זאָגט, אַז מ׳דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן. די נאַציס כאַפּן יידן און מאַכן חוזק פון זיי... מיר געפינען זיך אין אָסטראָווע. די נייגיריקייט ברענגט מיך אויף די אָסטראָווער גאַסן. איך זע זעלנער מיט אָרעמבענדער, אויף זיי פאַרבויגענע צלמים (האַקנקרייץ). מ׳פירט עלטערע יידן צום מאַרק. איך לויף נאָך. איך פאַרבאַהאַלט זיך אין אַ ווינקל, קוק זיך צו. די זעלנער הייסן זיי לויפן, פאַלן, רייסן זיי פאַר די בערד, שלאָגן זיי מיט די ביקסן. איך דערשרעק זיך, אַנטלויף צוריק, קום אַהיים און צעוויין זיך. איך האָב מורא, געפערלעך מורא פאַר אַזעלכע זעלנער. — פערד און וואָגן; מיר פאָרן שוין ווידער. אַנטקעגן קומען אָן זעלנער מיט צלמים אויף די אָרעמס. זיי זענען גוטע, וואַרפן אַרויף צו אינדז סוכאַרעס. מיר קומען צו אַ וועלדל. מיר זיצן און עסן עפּעס. כ׳הער ווי דער טאַטע דערציילט, אַז אַמאָל האָט ער שוין געהאַט דורכגעמאַכט אָט דעם וועג. ער מיינט, אַז עס וועט אפשר נישט זיין אַזוי געפערלעך. אָט שלאָגן זיי דאָך נישט (געמיינט די דייטשישע אָקופּאַנטן אין די יאָרן 1915—1918). און ווי אויף דעם סמך קערן מיר זיך אום צוריק אין אונדזער אָסטראָלענקע. ווער קאָן זיך פאָרשטעלן מיין צופרידנקייט? זיין צוריק ביי זיך אין שטוב, זען צוריק דעם

קאַשטאַן־בוים, וואָס לעבן אינדזער פענצטער. און זען נייע מענטשן. אַ סך מענטשן זענען אָנגעקומען ביי אונדז אין שטוב די מאַמע זאָגט, אַז זיי זענען היימלאָזע, זאָגט מיר אָן, אַז איך זאָל זיך נישט שלאָגן מיט זייערע קינדער. עס איז אויף זיי אַ רחמנות...

עס איז שמחת־תורה. גרויסע אַפּישן ווערן פונאַנדער־געקלעפּט אויף גאַנץ שטאָט, אין דייטש און אין פּויליש, אַז אין משך פון 24 שעה מוז אָסטראָלענקע בלייבן יודן־ריין. די עלטערע זענען שטאַרק באַזאָרגט. מען פּאַקט זיך און מען פאָרט ווידער. כאָטש עס איז שמחת־תורה, זעט עס אָבער אויס ווי תשעה־באב, אויב נישט נאָך ערגער. אויף די ראָגאַטקעס שטעלן אונדז אָפּ די נאַציס, באַזוכן דעם טאַטן, נעמען צו דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט ביי זיך. די מאַמע דאַנקט גאָט, וואָס מען לאָזט אונדז ווייטער פאָרן. מיר קומען צו דער גרענעץ, ביי די רוסן... מיר זענען אין טראָשין. דער טאַטע האָט דאָ אַ סך באַקאַנטע קריסטן. עס זענען דאָ אַ סך אָסטראָ־לענקער יידן אין טראָשין. איך געדענק: מיין טאַטנס שותף שמואלקע קליינמאַן מיט זיין פאַמיליע, אונדזער קוזין בערל ליסטאָוויצקי מיט די קינדער, מיין חברטע יאָכקע פּזשעס־טאַנטשיק מיט די עלטערן, איר פעטער דוד יהודה פינקלשטיין מיט זיין פרוי רחל און זייער טעכטערל, אונדזער מומע שרה רבקה ליסאָוויצקי מיט אירע 6 קינדער (געקומען קיין אָסטראָ־לענקע ווען מ׳האָט פאַרברענט ווישקאָווע). אין טראָשין זענען מיר געווען דעם גאַנצן ווינטער 40—1939. פאַר פּסח זיך ווידער געפּאַקט און זיך געלאָזט ווידעראַמאָל אין וועג אַריין. דאָס מאָל קיין קופּייסק (אַ דאָרף לעבן לאָמזשע). אין קופּייסק האָט דער טאַטע זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט, מיין על־טערע שוועסטער האָט געאַרבעט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און מיר, די קלענערע קינדער, זענען געגאַנגען אין אַ פאָלקס־שול, גע־לערנט רוסיש און פּויליש, ביז... ביז צו דער אומגליקלעכער דאַטע פון 22־טן יוני 1941. — —

ה ע נ י ע:

ס׳איז אַ זונטיק פאַרנאַכט. אַ בליץ־מלחמה. עס קנאַלן האַר־מאַטן, עס רוישן איבער די קעפּ אַעראָפּלאַנען. עס ציִען מיליטער אָן אַ סוף, טאַנקן מיט לאַסט־אויטאָס זענען אָנגע־פּראָפּט אויף די וועגן. מיר גייען. האַלטן אין איין גיין. עס שטראָמען מענטשן אָן אַן אויפהער. וווהין? אַזוי בייטאָג און אַזוי ביי נאַכט. אַזוי זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק... נאָר מיטוואָך הויבן שוין אָן די דייטשן צו באַווייזן, וואָס זיי קאָנען און צו וואָס זיי זענען פעאיק. די געסטאַפּאָ נעמט יידן אויף אַר־בעט, מיין טאַטן האָט מען אויך גענומען. אין אָוונט שאַרט זיך אַריין אַ ייד אין אונדזער שטוב. דאָס אָנטאָן צעריסן, צע־הרגעט, צעמזיקט. אויפן פנים פאַרגליווערט בלוט — דאָס איז מיין טאַטע, קוים צו דערקענען. אַזוי איז ער צוריקגעקומען פון זיין אַרבעט. די מאַמע וואַשט אים אַרום די ווונדן. מיר, קינדער קוקן זיך צו. עס רייסט זיך אַרויס אַ גערעמער צו־זאַמען מיט אַ קללה. דער טאַטע ליגנדיק אַ פאַרשמאַכטער אויפן בעט דערציילט פון דער „אַרבעט״: די נאַציס האָבן

צוגעזאַמלט עטלעכע יידן, אַוועקגעפירט זיי צו די קאַ־זאַמעטן (אַלטע מיליטערישע בנינים פאַרלאָזטע פון די רוסן) און מיט רעוואָלווערן געצוווּנגען זיי אַרויפצוקלעטערן און נאָכהער האָט מען געדאַרפט אַראָפּשפּרינגען אויף אָנגע־האַקטע שטיינער, וואָס האָבן זיך אונטן געפונען. דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַ מין סעלעקציע, אַן אויספּרווו, ווער עס איז אַרבעטספעאיק. פאַרטאָג, דער טאַטע וועקט מיך אויף. איך טו זיך אָן. מיר גייען קיין לאָמזשע, מיטנעמענדיק מיט זיך אַביסל זאַכן. חיים און שרה גייען אויך מיט אונדז מיט. מיר זענען זאַלבעפערט. חיה פריידע איז שוין געווען אין לאָמזשע נאָך פון פריער. נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז געקומען צולויפן קיין לאָמזשע רחל, אַ באָרוועסע, אַ צעהורגטע און דערציילט: „אין אַ ווײַלע אַרום ווי דער טאַטע מיט די קינדער זענען אַוועק קיין לאָמזשע, איז גלייך געקומען דער קופּייסקער סאָל־טיס זוכן דעם טאַטן. אויף אונדזער ענטפער, אַז דער טאַטע איז נישטאָ אין דער היים איז ער אַוועק און גלייך געקומען מיט אַ באַנדע ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין 2 שורות אויפן הויף, געהייסן אַלע אַרויסגיין פון דער שטוב און דורכגיין פאַר די ס.ס. צום אָנהויב, ווען מיר זענען פאַר זיי דורכגעגאַנגען זענען מיר בלויז אָפּגעקומען מיט חוזק אויף אינדזער חשבון. דערנאָך האָט אַ נאַצי, וואָס איז געשטאַנען דער לעצטער געגעבן אַ קאָמאַנדע, אַז מיר זאָלן זיך אַלע אויס־שטעלן אין אַ שורה. די ערשטע איך, נאָך מיר — דער זיידע, די באָבע און צום סוף די מאַמע. דערנאָך קומען באַפעלן איינע נאָך די אַנדערע: דורכגיין די ריי, שטיין בלייבן, לויפן, וואָס שנעלער, וואָס שנעלער... און אַזוי כסדר, כסדר... די מאַמע צום ערשט, די באָבע נאָך איר, איך און דער זיידע צום סוף. מיר ווערן גוט איינגעדרעסירט. מיר לויפן אין סאָפּן. דאָ הויבן אָן פאַלן פון זייערע רייען נאַגאַיקעס אויף אונדזערע קעפּ. מיר לויפן האַסטיקער, ווילן אויסמיידן די קלעפּ. אָבער זיי האָבן דאָס איינגעאָרדנט אַזוי טייוולאָניש, אַז איינער האָט פאַרפלאָנטערט דעם אַנדערנס גאַנג און די קלעפּ זענען אויף אונדז געפאַלן ווו נאָר זיי האָבן געטראָפן און נאָך מיט מער האַסטיקייט. עס רינט שוין פון אונדז בלוט. זיי טרייבן אָן אַ שיעור. די מאַמע פאַלט אין חלשות. זיי באַפוילן דעם סאָלטיס צו ברענגען אַן עמער קאַלט וואַסער, גיסן אָפּ דער מאַמען. וואַרטן. זיי האָבן צייט. קיינער וועט זיי נישט שטערן. וואָס לענגער עס געדויערט — מער פאַרגעניגן און פרייד פאַרשאַפט עס זיי. זיי זינגען: „ווען יודן־בלוט אויפן מעסער שפּריצט״. די מאַמע הויבט זיך קוים אויף. זיי באַפוילן ווידער לויפן. ווידער שמיץ. ווידער בלוט. עס חלשט די באָבע, דער זיידע. די מאַמע חלשט צום צווייטן מאָל. זיי גיסן אויף זיי וואַסער. קיינער פון זיי הויבט זיך נישט אויף. זיי שלעפּן זיי אַוועק, מ׳פאַרשפּאַרט זיי ערגעץ אין אַ שטעלכל און שטעלן אַוועק אַ וואַך. איך ווייס נאָך נישט וואָס זיי וועלן טאָן מיט מיר. אין אַ ווײַלע אַרום פירט מען מיך אויך אַריין אין דעם שטעלכל נאָר בלויז כדי איך זאָל זען אַז אַלע לעבן. מ׳פירט מיר באַלד פון דאָרט אַרויס. דאַן באַקום איך אַ באַפעל פון אַ נאַצי, אַז אין משך פון אַ שעה צייט דאַרף איך ברענגען דעם טאַטן. אויב נישט — וועלן זיי אונדז אַלע דערהרגענען״.

שרה:

מיט 4 אַרבעטס־קאַרטן אין דער האַנט, וואָס אונדזער שוועסטער חיה פריידע האָט אויף שנעל איינגעשאַפט אין לאָמזשע — לויף איך קיין קאָפּייסק. עס נעמט גאָר נישט קיין ענדע. דער וועג איז אַזוי לאַנג. אין קאָפּייסק, ביים סאָלטיס אין שטוב, טרעף איך געסטאַפּאָוצעס. זיי זיצן און פרעסן, זויפן און לאַכן. כ׳דערלאַנג דעם סאָלטיס די אַרבעטס־קאַרטן. ער גיט זיי איבער אַ נאַצי. איך שטיי און ציטער, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן, יעדע מינוט איז אַ טאָג, אַן אייביקייט. דער נאַצי פסקנט: עס פעלט אַ שטעמפּל. איך לויף צוריק קיין לאָמזשע. חיה פריידע לויפט ווידער. מען שטעמפּלט די אַרבעטס־קאַרטן. העניע לויפט קיין קאָפּייסק. מיר וואַרטן אין אַנגסט און אין יסורים — העניע קומט נישט צוריק. מיר לייגן איין וועלטן ביז מיר ראַטעווען אָפּ אַלע. אַלע זענען מיר שוין אין לאָמזשע.

העניע:

ווען איך האָב אָפּגעגעבן דעם סאָלטיס די פּאַפּירן, האָבן זיי מיר געהייסן גיין. אַזוי ווי איך האָב געוואָלט וויסן, צי די מאַמע און די באָבע מיטן זיידן לעבן, האָב איך זיך פאַרגנבעט אונטער דעם שטעלכל. אַ נאַצי האָט מיך דערביי געפּאַקט און אַריינגעפירט מיך טאַקע אין דעם זעלבן שטעלכל. ווען די מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, הלמאי איך בין געקומען. מילא — האָט די מאַמע געזאָגט — מיר זענען שוין פאַרפאַלענע. אָבער דו, אַזאַ יונג קינד, איז אַליין אַריינגעקראָכן צום וואָלף אין דער נאָרע.

שרה, העניע און רחל:

אויף די לאָמזשער גאַסן האָט מען שוין דעמאָלט געכאַפּט יידן. אין שוואַרצע לאַסט־אויטאָס פלעגט מען זיי אַוועקשיקן אויף אומבאַוווּסטע פלעצער. די נאַציס לייגן אַרויף קאָנטראָ־בוציעס אין גאָלד. פרויען טוען אויס זייערע קידושין־רינגען, מיינענדיק דערמיט צו ראַטעווען זיך און זייערע אייגענע. עס בושעווען שווערע עפּידעמיעס, ווי: טיפוס, דיזענטעריע א. אַנ. מענטשן פאַלן ווי פליגן, אָן שום מעדיצינישע הילף. עס קומען אָן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער פרישע יידן. עס ווערט אַ מאַנגל אין דירות. אין איין צימער וווינען צו עטלעכע פאַמיליעס. יעדן טאָג — פרישע גזירות. יידן מוזן טראָגן פאַר אַ סימן אַ געלע לאַטע און טאָרן נישט גיין אויפן טראָטואַר. ס׳ווערט אַ געטאָ. אַ יודנראַט מיט יידישע פּאָליציי. אָפּטמאָליקע רעוויזיעס. מ׳נעמט אויף אַרבעט. קומען צוריק פון אַן אַרבעטס־פלאַץ איז אַ נס.

מיטן אָנקום פון די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און ווין־ערטער, דערוויסן מיר זיך נייעס. איינע שרעקלעכער פאַר דער צווייטער. עס דערציילט אונדז רבקה קורץ (היינט אין אויסטראַליע), אַז אין יעדוואַבנע האָבן די ס.ס.־לייט צו־נויפגעטריבן אַלע יידן אין אַ שייער; מענער, פרויען, קינדער און זקנים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען איר מאַן מיט זייערע 2 קינדער, און זיי אַלע לעבעדיקערהייט פאַר־ברענט. דאָס זעלבע האָבן אויך דערציילט די געראַטעוועטע פון סטאַווויסק, סטוטשין, גרייעווע און אַרומיקער סביבה.

אָט זענען די אָסטראָלענקער יידן, וועלכע מיר האָבן באַ־געגנט אין דער לאָמזשער געטאָ (מיר בעטן פאָרויס אַנטשול־דיקונג, אויב אונדזער זיכרון וועט אונדז פאַרראַטן בנוגע נעמען אָדער דאַטעס, ווען זיי וועלן נישט מיט גענויער פּינקטלעכקייט אָנגעגעבן ווערן): די פאַמיליע קריסטאַל, קרימקעוויטש מיטן מאַן (אַ לערערקע), פּיש מיט דער פאַמיליע (אַ סטאָליאַר), מיכל דאַנציגער (ער איז געקומען צוריק פון ווייס־רוסלאַנד, ווו מ׳האָט אומגעבראַכט זיין גאַנצע פאַמיליע), פייגע גערצעק (געווען אין אוישוויץ, געבליבן לעבן), גאָלדע זוסמאַן מיט איר מאַן אַשער און זייערס אַ יינגעלע (מיר האָבן זיי געזען, דעם לעצטן מאָל, דעם 1־שטן נאָוועמבער 1942), רייזקע זוסמאַן, נאַנאַ זוסמאַן (אהרן זוסמאַנס אַ טאָכטער, גע־שטאָרבן אין געטאָ אויף דיזענטעריע), די פאַמיליע גאָלדשטיין (זייערער אַ זון מיטן נאָמען עדעק איז לעבן געבליבן), ד״ר קאַרבאָווסקי (געווען פאַרשפאַרט אין דער לאָמזשער תפיסה), אברהם זעליג נאָווינסקי, פרוי, 2 טעכטער מיט אַ זון (אברהם זעליג איז צוגענומען געוואָרן ביי אַ לאַפּאַנקע), זיסקינד זוסמאַן מיט דער פאַמיליע (זיי האָבן זיך גוט געראַנגלט אין געטאָ ביזן לעצטן טאָג), חוה ווײַנקראַנץ מיט די קינדער (איר מאַן איז פאַרפאַלן געגאַנגען), אלמנה גראַנאָוויטש מיט 2 זין, זלאָטשיסטע (אַ שוסטער), חיה זלאָטשיסטע (לעבן געבליבן), פּאָטער וואָלקאָוויטש מיט זיין זון נח (לעבן געבליבן), משה לענגא, די אלמנה זלאָטאָוויטש מיטן זון (לענגא און זלאָטאָ־וויטש זענען געווען פון טראָשין). אגב: נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר באַגעגנט אין שניאַדאָווע ראָסטקער מיטן זון.

דער געסטאַפּאָוויעץ מאַנקין — דאָס איז געווען אַ חיה, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף אַלע יידן אין געטאָ. ווען ער פלעגט אַריינפאָרן אין געטאָ, האָט אים שטענדיק באַגלייט אַ לייכטער לאַסט־אויטאָ, וואָס פלעגט צוריק אַרויספאָרן, טייל־מאָל פול מיט יידן און טיילמאָל — אָנגעפּאַקט מיט אָנגערויבטע זאַכן. צו הילף פלעגט ער נעמען די יידישע פּאָליציי. מאַנקין פלעגט נישט סתם רויבן, ער פלעגט זיך ווײַלן בשעת דער מלאכה. רויבן איז געווען ביי אים אַ פאַרגעניגן, און דאָס גרעסטע — חוזק מאַכן פון יידן. ער פלעגט אַריינגיין אין אַ יידישער שטוב, אַרויפקריכן אויף אַ סאָפע (קושעטע), ער פלעגט אויסקלייבן רייכערע שטיבער דערצו, זיך פונאַנדער־הוידען אויף איר און הייסן דערביי די יידישע פּאָליציי אַרויס־נעמען אַלע זאַכן פון שטוב. די בעסערע מעבל און ווערטפולע־רע זאַכן אָפּלייגן אָן אַ זייט און די ערגערע — אַוועקוואַרפן. צום סוף פלעגט ער אָנשמוציקן ווי אַ חיה אויפן מיטן שטוב... זיך צעלאַכן, הייסנדיק די גוטע שטוב־זאַכן אָנלאָדן אויף זיין לאַסט־אויטאָ און אַוועקגיין. אַזוי האָט ער געטאָן אין אַ סך יידישע הייזער. שיסן יידן אין געטאָ — דאָס איז געווען זיין גרעסטער תענוג. פלעגט הייסן דעם יידן לויפן און אים לויפנ־דיקערהייט דערשיסן.

ר ח ל :

איינמאָל איז געשען אין געטאָ אַ פֿאַל, וואָס אַלע האָבן וועגן דעם גערעדט. עס פֿאַרפֿאָרן ס. ס.־לייט אין געטאָ. מען כאַפּט יידן. איך זע דורכן פֿענצטער ווי דער לאַסט־וואָגן איז שוין נאָענט פֿון אונדזער שטוב. אָט פֿירט מען אַרויס אַ יונגע טאָכטער פֿון אונדזערע אַ שכנה, אַ בילד־שיינע, מען לאָדט איר אויפֿן וואָגן און אָט זענען זיי שוין ביי אונדז, נעמען אַרויס דעם טאַטן און פֿירן אים. איך וואַקל זיך: וואָס שטיי איך? וואָס טו איך דאָ? דער טאַטע איז שוין נאָענט ביים וואָגן. איך לויף־צו צו דעם נאַצי. הייב אים אָן בעטן און נעם וויינען. ער צעלאַכט זיך און לאָזט אָפּ דעם טאַטן. איז דאָס נישט געווען קיין ווונדער? אַ גאַנץ אַנדער פֿאַל איז פֿאָרגעקומען בעת אַ רעוויזיע: אַ יידישער פּאָליציי־מאַן, וועמעס נאָמען איך האָב פֿאַרגעסן, נאָך אַ גאַנץ יונגער בחור (אפֿשר 18 יאָר אַלט), באַקומט אַ באַפֿעל פֿון אַ נאַצי, ער זאָל אַריין אין אַ שטוב און פֿון דאָרט אַרויספֿירן אַלע עלטערע יידן, וואָס ער וועט טרעפֿן. דער בחור גייט אַריין, קומט גלייך אַרויס צוריק, רעפּאָרטירנדיק, אַז קיין שום עלטערער ייד איז דאָרט נישט פֿאַראַן. דער נאַצי האָט זיך נישט באַפֿרידיקט מיט זיין ענטפֿער, איז אַליין אַריין און פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט 2 עלטערע יידן. דעם יידישן פּאָליציאַנט האָט ער, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, דערשאָסן אויפֿן אָרט.

רחל, העניע און שרה :

אין סעפּטעמבער 1941, האָבן די נאַציס אויסגעקלעפּט מעלדונגען אין געטאָ, אַז אַלע יידן, עלטער פֿון 14 יאָר, וואָס האָבן נישט קיין אַרבעטס־קאַרטן, זאָלן זיך דעם 17־טן סעפּ. צושטעלן אויפֿן גרינעם פּלאַץ, ווו מ׳וועט זיי צוטיילן אַרבעט. דינסטיק פֿאַרטאָג זענען דער טאַטע, די מאַמע, דער זיידע און די באָבע אַוועק אויפֿן גרינעם פּלאַץ. עס איז פֿאָרגעקומען אַ סעלעקציע. דערנאָך זענען אָנגעקומען שוואַרצע לאַסט־אויטאָס און מ׳האָט אויף זיי אויפֿגעלאָדן טויזנט פֿינף הונדערט יידן, אַוועקגעפֿירט זיי אין אַן אומבאַקאַנטע ריכטונג און מער האָבן מיר פֿון זיי קיינמאָל נישט געהערט. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ׳האָט זיי אַוועקגעפֿירט קיין טרעבלינקע, אַנדערע האָבן דערציילט, אַז מ׳האָט זיי אויסגעהרגעט אין אַ נאָענטן וואַלד. אונדזער מאַמע האָט זיך דאָסמאָל על־פּי־נס געראַטעוועט און געקומען צוריק אין שטוב. נאָך דער דאָזיקער געשעעניש, ביי וועלכער מיר האָבן פֿאַרלוירן 3 פּערזאָן פֿון אונדזער משפּחה, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר וועלן דאָס נישט קאָנען איבערטראָגן. דער ווייטיק איז געווען נאָך גרעסער, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס איז אפֿילו נישט פֿאָרגעקומען קיין קאָנטראָל, צי די אַלע וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־קאַרטן — צי זיי האָבן זיך יאָ צוגעשטעלט אָדער נישט. „אומזיסט־אומנישט אַריינגעפֿאַלן" — האָבן מיר געקלאָגט. 13 מאָנאַטן זענען מיר נאָך געווען אין געטאָ נאָך דער דאָזיקער געשעעניש. מיר וועלן נישט דערציילן וועגן דעם. מיר האָבן „געלעבט" אַזוי ווי די מערהייט יידן האָבן „געלעבט" אין די געטאָס, און עס איז דאָך שוין אַזוי פֿיל וועגן דעם געשריבן געוואָרן, אַז מיר קאָנען שוין גאָר נישט מחדש זיין.

זונטיק דעם 1־שטן נאָוועמבער 1942, האָבן מיר באַמערקט אומגעוויינלעכס אין דעם געטאָ. אַ פֿאַרדעכטיקטע באַוועגונג פֿון די דייטשן. דאָ זענען געקומען די דייטשן אָפּנעמען ביי די יידישע בעלי־מלאכות אַלע באַשטעלטע אַרבעטן, ציִנעמענדיק אין אַ סך פֿאַלן אַרבעט נישט קיין פֿאַרענדיקטע. מיר פֿילן, אַז עפּעס שרעקלעכס גייט פֿאָרקומען. מיר לויפֿן צו שכנים עפּעס זיך דערוויסן. קיינער ווייס פֿון גאָר נישט, אָבער אַלע זענען אומרואיק. ביי אונדז אין שטוב האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען פֿאָלגענדיקע: חיה־איטקע דראָנזשעק, אירס אַ יינגעלע פֿון 2 יאָר, די שטיף־טאָכטער ראָכטשע פֿון 12 יאָר, רבקה קיִרץ, אונדזער מוטער פֿייגע לאה, די שוועסטער חיה פֿריידל, דער ברודער חיים־יודל און מיר אַלע דריי. מיר זענען אומבאַהאָלפֿן. מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן.

מיר ווילן באַמערקן, אַז אונדזער דירה האָט אויסגעמאַכט אויף סענאַטאָרסקע גאַס. דער הויף האָט זיך געגרענעצט מיט דוואָרנע, איינע פֿון די שענסטע לאָמזשער גאַסן, וואָס איז געווען באַוווינט פֿון פֿיל קריסטן. האַרט לעבן הויף זענען געווען די דראָט־פֿאַרצוימונגען, וועלכע האָבן אָפּגעצוימט דעם געטאָ. די דוואָרנע גאַס איז געווען אויסערן געטאָ. קרייצנדיק דוואָרנע האָט געוווינט איינער אַ קריסט מיטן נאָמען פּשעכאָדזיען מיט וועלכן מיר זענען געווען באַקאַנט. מיר האָבן אויך געהאַט אַ פֿאַרמאַסקירטן דורכגאַנג דורך די דראָטן, פּונקט אַנטקעגן זיין הויז, דורך וועלכן מיר פֿלעגן אַריינשמוגלען עסנוואַרג פֿאַר אונדזער פֿאַמיליע און פֿאַר די וואָס האָבן געוווינט מיט אונדז אין דירה. נאָך אין זעלבן טאָג איז חיה פֿריידל אַוועק צום אויבנדערמאָנטן קריסט און ביי אים געפֿועלט, ער זאָל אונדז לאָזן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אים אין דער וווינונג. ווען חיה פֿריידל איז צוריקגעקומען מיטן פּלאַן צו אַנטלויפֿן, האָבן נישט אַלע מסכים געווען דערצו, טענהדיק, אַז עס איז צו ריזיקאַליש. און אפֿשר איז עס אַ פֿאַלשער ליאַרעם? איבערהויפּט איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם דאָזיקן פּלאַן חיה איטקע דראָנזשעק. אָבער די קומענדיקע געשעענישן האָבן דעצידירט אויף צו אַנטלויפֿן. עס ווערט פֿאַרשטאַרקט די וואַך אַרום געטאָ. דער יודנראַט מעלדעט, אַז אַלע אָן אויסנאַם דאַרפֿן זיך מאָרגן, ד. ה. מאָנטיק דעם 2־טן נאָוועמבער, צושטעלן אויפֿן „גרינעם פּלאַץ", מיטנעמענדיק אַ פּעקל זאַכן ביז 5 קילאָ פֿאַר אַ פּערזאָן. מיר וואַרטן, אַז עס זאָל ווערן פֿינצטער. די נערוון זענען שרעקלעך אָנגעצויגן. מיטאַמאָל — אַ שיין־וואַרפֿער קרייצט דורך אַלע ווינקלען פֿון געטאָ, באַלייכט מיט קליינע איבעררייסן דעם אָרט וועלכן מיר דאַרפֿן דורכגיין. עס האַלט שוין דערביי, מיר זאָלן רעזיגנירן פֿון פּלאַן. נאָר אַ דאַנק דעם מוט און ענערגיע פֿון חיה פֿריידלען, האָבן מיר דעם פּלאַן נישט אויפֿגעגעבן. זי האָט אָנגעהויבן ציילן די סעקונדן ווי לאַנג עס געדויערט פֿון איין באַלייכטונג ביז צו דער צווייטער, און געקומען צום באַשלוס, אַז אין דער הפֿסקה ווען דער דורכגאַנג ווערט פֿינצטער, קאָן איין פּערזאָן באַווייזן דורכצוקרייצן די גאַס. זי איז געווען פֿאַר אונדז אַ ביישפּיל; די ערשטע איז זי דורכגעלאָפֿן. מיר האָבן אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מינוט און עס איז

דורכגעלאָפן העניע (נאָר וואָס זיך געהאַט אויפגעהויבן פון אַ טיפוס), דערנאָך שרה און רחל מיט חיה איטקעס יינגעלע.

מיר זענען שוין ביי פּשעכאָדזיען אין שטוב. אַ מינוט, צוויי, צען, אַ שעה — קיינער קומט נישט מער. עס ווייזט אונדז אויס, אַז עס איז שוין דורך אַן אייביקייט. מיר ווייסן נישט וואָס עס איז געשען. מיר ווערן נאָך מער נערוועז. דאָס קינד וויינט. מיר ווייסן נישט וואָס ווייטער צו טאָן. דער קריסט גייט אַרויס אין גאַס זיך דערוויסן. ער קומט צוריק און הייסט אונדז אַלע אַראָפּגיין אין קעלער. מיר באַמערקן, אַז ער איז צעשראָקן. קראַמפן און אַ דרייעניש אין אונדזערע געדערם... מיר באַוועגן זיך אין טומל. ער באַפוילט צו זיין רואיק. „טוט דאָרט וואָס איר דאַרפט"... גיט ער צו, אָנווייזנדיק אויף אַ ווינקל פונעם קעלער.

פאַרטאָג קומט דער קריסט צו אונדז אין קעלער. דערציילט, אַז דורך איבעראַל־פונאַנדערגעקלעפּטע אַפישן וואָרנט מען דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אַז אויב עס וועט ווער אויסבאַהאַלטן אַ יידן, וועט געטויט ווערן זיין גאַנצע פאַמיליע. פאַר אויסגעבן אַ יידן, וועט מען באַלוינט ווערן מיט 3 קילאָ צוקער און אַ קילאָ זאַלץ. מיר שווייגן און ווייסן נישט וואָס ער האָט בדעה צו טאָן מיט אונדז. ער באַרואיקט אונדז, און גיט אונדז אָנווייזונגען צו זיינעם אַ באַקאַנטן קריסט אין אַ דאָרף.

דורך אַן אויפגעריסענער וואַנט פון אַ שטעלכל זענען מיר אַרויס. 4 שוועסטער, די עלצטע 20 יאָר און די יינגסטע 12 יאָר, מיט חיה איטקעס יינגעלע פון 2 יאָר, און אַוועק אין דאָרף אַריין.

ביי טאָג, ווען דער קריסט צו וועמען פּשעכאָדזיען האָט אונדז רעקאָמענדירט, איז אָנגעקומען פון לאָמזשע, האָט ער אונדז דערציילט וואָס שרעקלעכעס. דער וועג קיין לאָמזשע, און אויך די לאָמזשער גאַסן זענען פול מיט טויטע יידן, וואָס די נאַציס האָבן דערהרגעט, ווען זיי האָבן געפּרוווט אַנטלויפן פון געטאָ. דער קריסט האָט אונדז געזאָגט: „נעמט אייך וואָס איר ווילט און גייט אַרויס פון מיין שטוב". עס איז געפערלעך פאַר אייך און אויך פאַר אונדז אַלע דאָ, אַז איר זאָלט דאָ בלייבן.

בלאָנקענדיק אויף די וועגן דורך פעלדער און וועלדער, טרעפן מיר אַן אַ פּויער. ער דערציילט, אַז אין שניאַדאָווע איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע וואָס אין לאָמזשע. הייסט אונדז זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ וואַלד, טרייסט אונדז, אַז עס וועט לאַנג דער אומגליק נישט דויערן.

2 טעג מיט 2 נעכט האָבן מיר זיך אַרומגעבלאָנקעט מיטן פּיצעלע קינד אין אַ דערנעבנדיקן וואַלד.

מיר ריזיקירן. גייען צום קריסט ביי וועלכן מיר זענען געווען דעם ערשטן טאָג, נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ. דאָרט טרעפן מיר אונדזער מוטער און ברודער, אויך די שכנים פון אונדזער דירה אין געטאָ: פּשעכאָדזיען האָט זיי אַהער געבראַכט. מיר גייען אַלע ווידער אין וואַלד. פּשעכאָדזיען העלפט אונדז מאַכן די גריבער, ווו מיר זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער נאַצי־בעסטיע. ער זאָגט־צו אונדז צו באַזאָרגן מיט שפּייז. פּשעכאָדזיען האָט אונדז טאָקע זייער פיל געהאָלפן! ביז...

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן: „זשידאָווסקי פּאַראָבעק" — האָבן זיי אים נאָכגעשריגן, פלעגן אים דראָען, זידלען און מיט שטיינער נאָכגעוואָרפן. נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אים דערהרגעט. הי"ד.

אין וואַלד האָבן מיר צייט. די ווינטער־טעג זענען קורץ, אָבער זעען אונדז אויס שרעקלעך לאַנג. די לאַנגע נעכט ענדיקן זיך פאַר אונדז קיינמאָל נישט. ביי טאָג בעטן מיר אויף נאַכט, ביי נאַכט בעטן מיר אויף טאָג. ווען מיר דערהערן דעם מינדסטן שאָרך, ס'קאָן זיין אַ וועווייערקע אָדער אַ האָז לויפט דורך — ציטערן מיר אויף. די נערוון זענען שרעקלעך אָנגעצויגן. דאָ אין וואַלד דערציילט יעדער זיינע איבערלעבונגען און ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן.

ראָכטשע:

קרייצנדיק די דוואָרנע גאַס, האָט מיר אַ געסטאַפּאָוויעץ אָנגעכאַפּט און אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי. געפּאַרשט, געפּייניקט. צום סוף מיך אַריינגעפירט צוריק אין געטאָ.

גלייך האָבן מיר גענומען בויען אַ באַהעלטעניש פון האָלץ, און מיר זענען אַלע דאָרטן אַריין. פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון געטאָ. פון דער באַהעלטעניש האָבן מיר געהערט אַ טראַסקעריי פון וועגענער, קולות, געוואַלדן, געוויינען, זידלערייען, שיסערייען. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען עס איז שטיל געוואָרן בין איך אַרויס פון דער באַהעלטעניש, אַריבער די דראָטן, אַוועק צו פּשעכאָדזיען געוואויר ווערן דעם מצב. באַלד בין איך צוריק אַוועק אין געטאָ צו באַרואיקן דער מאַמען. די צווייטע נאַכט זענען מיר שוין אַלע נישט געווען אין געטאָ.

אַלע 3 שוועסטער:

ס'איז ווינטער 1942—43. מיר זענען אין וואַלד. דער וואַלד און אַלע פעלדער אַרום זענען באַדעקט מיט געדיכטן שניי. דאָס ביסל עסן וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזט. מיר לעבן פון דעם וואָס גוטע פּויערים האָבן אויף אונדז רחמנות. גיבן אונדז אַ שטיקל ברויט, אַמאָל אויך אַ שטיקל סאַדלע. זיי לייגן אַוועק דאָס עסן אויף אַ פאַרויס־אָפּגערעדטן פּלאַץ. ביינאַכט גייען מיר עס נעמען. נאָר אַזוי ווי מיר זענען אַ געזינדל, קלעקט דאָס קוים אויף „איין צאָן". די קריסטן זענען שוין מיד פון צו געבן. אין וואַלד געפינען זיך נאָך יידן, וואָס דאַרפן אויך עסן. קומען טאַקע פאַר „גניבות". מ'גנבעט־צו אויף דער נאַכט ביי אַ פּויער אַ הון צי אַ חזיר.

חיה פריידל איז אַוועק אין אַ ווייטן דאָרף. מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויף איר צוריקקומען. געמיינט, אַז עס איז געשען מיט איר אַן אומגליק. זי איז געקומען אָנגעטאָן אין שטיוול, אַ העלן מאַנטל און מיט אַ גרויסער פּאַטשיילע אויפן קאָפּ. אַן אמתע פּויערטע. געבראַכט אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מעל, אַ ביסל זאַלץ. די מאַמע האָט פונאַנדערגעטיילט דאָס

ברויט פאַר אַלע גלייך. די מעל און זאַלץ באַהאַלטן. חיה פריידע זאָגט אונדז אָן, אַז מיר זאָלן איר רופן פון היינט אָן: כעלקאַ. מ׳דאַרף זיך צוגעוווינען צו דעם דאָזיקן נייעם נאָמען. רעדן דאַרפן מיר נאָר פויליש. מיר מוזן קריגן אַ גוטן אַקצענט. זי האָט בדעה צו באַקומען פלעצער ביי קריסטן, ווו מיר זאָלן זיך קאָנען אַלע אויסבאַהאַלטן. מיר לערנען פלייסיק די קריסט־לעכע תפילות און לערנען זיך רעדן פויליש מיט אַ גוטן אַקצענט. אויף די פלעצער וואָס מ׳האָט באַקומען ביי די קריסטן, האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אויף קריסטלעכע נעמען, האָבנדיק מער־ווייניקער אַרישע אויסזענס. נאָר פאַר דער מאַמען האָט מען קיין פלאַץ נישט געקאָנט באַקומען צוליב איר עכט־יידישן אויסזען. חיה פריידע האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער מאַמען, זענען זיי ווידער פאַרבליבן אין וואַלד.

אונדזערע אויפהאַלט־פלעצער האָבן מיר געמוזט אָפט בייטן און אַזוי בייטנדיק האָבן מיר געהאַט פאַרשידענע צרות און איבערלעבענישן, וועגן וועלכע מיר ווילן דערציילן, אָבער פריער ווילן מיר דערציילן וועמען מיר האָבן אַלץ געטראָפן אין וואַלד:

שלמה גאָרפינקעל — אַ ייִנגעלע. באָרועס. אָפגעריסן. פאַרבלוטיקט. פאַרשמוציקט; אַזוי האָט אויסגעזען שלמהקע, ווען מיר האָבן אים באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל אין וואַלד. מיר רעדן צו אים אויף פויליש — ער ענטפערט נישט, נאָר מאַכט מיט די הענט. אַ שטומער, קענטיק, טראַכטן מיר. מיר פירן אים אַוועק אויף „אונדזער פלאַץ". אונדזער מאַמע פרעגט אים אויף יידיש ווי ער הייסט. דאָ צעפינקלען זיך ביי אים די אויגן פון פרייד און ענטפערט גלייך: שלמהקע. מיר האָבן אים אַרומגעוואַשן און אים איבערגעטאָן אין מיידלשע קליידער (קיין ייִנגלשע מלבושים האָבן מיר נישט געהאַט). ער איז געווען מלא שמחה און זיך צעזונגען. „איך בין שוין אַ מענטש מיט אַלע גלייך". ער האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטימע, פלעגט אויסזינגען אַלע יידישע לידלעך. ער פלעגט אַלעמען וויילן. מיר האָבן אים אַלס אַ שטומען איינגעאָרדנט ביי די קריסטן; ער האָט שלעכט גערעדט פויליש (אַ ייד אַ מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי האָט אים מיטגענומען קיין רוסלאַנד. אונדזער מוטער האָט שטענדיק געהאָפט אים מיטנעמען נאָך דער באַפרייאונג מיט אונדז אַלע קיין אַרגענטינע. זי האָט עס נישט דערלעבט).

שלמהקע גאָרפינקעל איז געווען פון גאָוואָראָווע. דע־מאָלט אַלט געווען 9 יאָר. זיין פאָטער איז געווען אַ זייגער־מאַכער. אויך האָבן מיר געטראָפן אין וואַלד פאָלגנדיקע פאַ־מיליעס: געלודא העניע, פייוול, מענדל און הערשל פון דראָ־גאָשאָווע; רחל פערקאַל פון זאַרזשע; אהרן כהן פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק; מענדל פיאַסעצקי פון מאַקאָווע; באָלעק שעד־לער און כעניעק וויינציער פון וואַרשע; איינער זלמן (ליידער געדענקען מיר נישט זיין פאַמיליע) פון טאַרנאָווע (פון פאַך געווען אַ סטאָליאַר, זיין משפחה געפינט זיך אין ישראל נאָך פון פאַרן חורבן); רבקה קאָפיטאָ פון זצעפאַנקאָווע (היינט אין ישראל); דאָווטשע קאַהאַן פון דלאָגאָשאָדלע; משה חיסדא פון סטאַוויסק; חיים פון לובעס; פישל קאַווקאָ פון טאַרנאָווע (היינט אין אויסטראַליע); שלום ליפינסקי מיט זיין פאָטער פון לאָמזשע (היינט אין אַרגענטינע); גאָלאָמבעק פון לאָמזשע (לעבן געבליבן).

העניע:

דעם ערשטן אויסבאַהאַלטונגס־פלאַץ האָב איך באַקומען אין טשאַסק ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע, זייער ווילע מענטשן, וועלכע האָבן מיר גוט באַהאַנדלט. האָבן צוגעגרייט אַ ספּעציעל באַהעלטעניש אין אַ שייער, אַז אין אַ נויט־פאַל זאָל איך האָבן ווו זיך צו פאַרשטעקן.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט לויפט אַריין זייער זון סטאַשעק און שרייט אויס „געניושא" (געענדערט פון העניע), באַהאַלט זיך. איך כאַפּ אַ בליק דורכן פענצטער: עס גייען דייטשישע זשאַנדאַרן. צום שייער איז שוין קיין צייט נישט געבליבן צו לויפן. איך קריך אַרויף אויפן בוידעם, פאַררוק זיך אונטער די „סטרזשעכעס", גלייך נאָך מיר — ער, סטאַשעק. פאַרדעקט מיך מיט אַלטע שמאַטעס, אויף די שמאַטעס — אַ שעניק. איך ליג, קאָן קוים כאַפּן דעם אָטעם. נאָך דעם ווי סטאַשעק איז אַראָפּ, הער איך טריט אויפן לייטער, מען רעדט דייטש. מ׳נעמט אַראָפּ פון מיר דעם שעניק. איך טראַכט, איך בין פאַרלאָרן. איך ליג אומבאַוועגלעך. מען נישטערט אין אַלע ווינקלען. צום סוף הער איך ווי מ׳גייט אַראָפּ. איך בין גע־ראַטעוועט. ווען דער קריסט האָט מיר אַראָפּגערופן פון בוידעם, האָב איך געטראָפן סטאַשעקן אַ צעממיתטן. די זשאַנ־דאַרן האָבן געפונען די באַהעלטעניש אין שייער. זיי האָבן סטאַשעקן געשלאָגן מכות־רצח, ער זאָל אויסגעבן, פאַר וועמען האָט ער די באַהעלטעניש צוגעגרייט...

אויף מאָרגן האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דעם דאָזיקן פלאַץ. אַרומגעבלאָנקעט זיך אַ גאַנצן טאָג איבער די פעלדער. אויף דער נאַכט בין איך אַוועק אין אַ דאָרף, אָנגעקלאַפּט אין אַ כאַטע. עס האָט מיר געעפנט אַ פרוי, אַריינגעלאָזט און געגעבן עסן. אָפּגעגעסן, האָבן מיר צוזאַמען געזאָגט די נאַכט־תפילה. זי האָט מיר באַשפּריצט מיט די הייליקע וואַסער און מיט איר געשלאָפן אין איר בעט. 2 נעכט האָט געדויערט דאָס גליק.

שרה:

אַ סך צייט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַן אָרימע קריסטין, אַן אלמנה. דאָ, אין דער אָרימער כאַטע, האָבן זיך אַ סך יידן געטראָפן. אַ סך יידן האָבן דאָ אַ שטיקל ברויט געקריגן. ווינטער ביי איר אויוון זיך געוואַרעמט און זייערע שמוציקע פאַרקראָכענע בגדים גערייניקט און געוואַשן. דאָס איז געווען די גאָלאָמביעסטשיכע. זומער האָב איך געפּאַשעט די קי, ווינטער האָלץ און וואַסער געטראָגן, שעצקע געשניטן, דעם אויוון געהייצט און אירע קללות אויסגעהערט... ווען זי האָט מיך אַרויסגעיאָגט, האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט ווידער און געפונען כעלקאַן (ד. ה. חיה פריידען). זי האָט מיך אין וואַלד אַריינגענומען. דערנאָך ביי אַ צווייטן פויער אין אַ דאָרף מיך איינגעאָרדנט. ווידער אַרויסגעיאָגט און צוריק ביי דער גאָלאָמביעסטשיכע.

אַ מאָנאַט שוין ווי איך האָב נישט געהערט פֿון קיינעם. כ׳ווער אומרויִק. איך קוק אַלעמאָל אין דער ריכטונג פֿון וואַלד. עס קומען איצט ווינציק יידן אַהער.

ס׳איז פּסח 1943. כעלקאַ איז ווידער דאָ. מיר גייען אַריין אין אַ וועלדל וואָס דערנעבן.

די יינגלעך האָבן „אָרגאַניזירט" אַ ביסל מעל, פֿלייש און כריין אויף יום־טוב (כאָטש קיין ביטערס האָט נישט געפֿעלט). די מעל האָט די מאַמע פֿאַרקנאָטן, אויסגעקלאַפּט פֿלעצל דער־פֿון מיט די הענט און אויף אָנגעגליטע שטיינער עס געבאַקן. אין אָוונט האָבן מיר געפּראַוועט אַ סדר, מיר האָבן געזאָגט די הגדה, געבעטן אויף „יציאת וואַלד" און אויף אַ גיכע מפּלה פֿאַר די נאַציס. איך דערצייל כעלקאַן, אַז דער גאָלאָמביעס־טשיכעס טאָכטער איז געקומען פֿון וואַרשע (זי האָט דאָרט געוווינט) און איבערגעגעבן, אַז די וואַרשעווער געטאָ שטייט אין פֿלאַמען און די יידן קעמפֿן מיט די דייטשן. זי דערציילט, אַז מ׳האָט אַרויסגעפֿירט פֿון געטאָ אַ סך געהרגעטע דייטשן. אונדזער שמחה איז נישט צו באַשרייבן. כעלקאַ איז גלייך אַוועק מיט דער בשורה אין וואַלד אַריין. ווען איך האָב זיך געטראָפֿן אַ צווייטן מאָל מיט כעלקאָן, האָט זי מיר דער־ציילט, אַז ווי נאָר די יינגלעך פֿון וואַלד האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דער וואַרשעווער געטאָ קעמפֿן יידן, האָבן זיי אויך באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ אין וואַלד. ביי אַ באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו בייטן מענדל פּיאַסעצקעס אָנצוג אויף אַ רעוואָלווער. מענדל פּיאַסעצקי, באָלעק שעדלער און כעניעק ווייִנציער דאַרפֿן זיך באַמיען און דורכפֿירן דעם בייט. זיי האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט אַ באַקאַנטן קריסט און באַשטימט דעם טאָג און דעם פּלאַץ, וווּ עס דאַרף פֿאָרקומען דער בייט. דער קריסט האָט פֿאַר זיי צוגעגרייט אַ פּאַסטקע, און ווען זיי זענען אַוועק אויף דעם באַשטימטן אָרט, זענען זיי באַפֿאַלן פּוילישע כוליגאַנעס פֿון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" און אַלע דריי דערשאָסן. הי״ד.

רחל:

איך האָב קיין גרויסן מזל נישט געהאַט צו „זיין" אַ קריסטין, געהאַט דערצו אַ „שלעכטן אויסזען". אַלע מאָל פֿלעגן מיך די קריסטן פֿאַרטרייבן. אויפֿן ערשטן פּלאַץ בין איך קוים 2 טעג געווען. די קריסטן האָבן מורא געהאַט פֿאַר די מסירות. זיי פֿלעגן מיר אין מיטן דער נאַכט אַרויסיאָגן. און דאָ: אַ שניי, אַ זאַווערוכע, חושך, הינט בילן. די שיך טראָג איך אין האַנט. נישט באַוויזן אָנצוטאָן. איינמאָל קלאַפּ איך אָן אין אַ פֿענצטער. אָט זע איך, מ׳גייט עפֿענען די טיר. איך לויף־צו. נאָר איידער איך רעד אַרויס אַ וואָרט צעשרייט זיך דער קריסט: „אַוועק, יידישקע! די הינט מיינע האָבן שוין לאַנג נישט געגעסן קיין יידן־פֿלייש. אויב דו טראָגסט זיך גלייך נישט אָפּ, וועל איך די הינט מכבד זיין מיט אַ גוטער וויעטשערע". איך אַנטלויף גיך. לויף איבער פֿעלדער. דער ווינט ווערט שטילער. איך בין אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס. איך זע פֿון דערווייטן פֿייער־לעך, וואָס זעען מיר אויס ווי שטערן. איך קום צו נענטער. עס איז אַ דאָרף. איך האָב מורא צוקלאַפּן אין די פֿענצטער. איך בין אַריין אין אַ שטאַל פֿון קי. עס האָט מיר אַ זעץ געטאָן אַ וואַרעמקייט פֿון די בהמות. איך שטיי אַ ווײַלע. עס באַפֿאַלט מיר אַ מידקייט און אַ דראַנג צום שלאָף. איך טאַפּ אין דער פֿינצטער. זוך אויפֿן מיסט אַ טרוקן שטיקל פּלאַץ. זעץ זיך אַוועק. ווער אַנטשלאָפֿן. אַ קריי פֿון אַ האָן וועקט מיך אויף. איך ווייס נישט, צי עס איז שוין טאָג אָדער נאָך אַלץ נאַכט. טו אָן די שיך, וואָס אָן שיכבענדלעך. איך פֿאַרבינד זיי מיט עפּעס און לאָז זיך גיין. איך בין לאַנג געגאַנגען. עס איז שוין גוט טאָג. ווידער אַ דאָרף. טרעף־אָן אַ פּויער און ער לאָזט מיר אַריין צו זיך אין שטוב. ווי איך שטיי און קוק דורכן פֿענצטער דערזע איך אויף אַ בערגל גיין 2 זשאַנדאַרן מיט הינט און גלייך צום דאָרף. דער קריסט לאָזט זיך מיר נישט אויסבאַ־האַלטן, ער צווינגט מיך צו אַנטלויפֿן. איך לויף נישט, נאָר שטעל שנעלע טריט, עס זאָל נישט פֿאַלן אויף מיר קיין פֿאַר־דאַכט.

אַרויסגייענדיק פֿון דאָרף פֿיל איך, אַז עמעץ גייט מיר נאָך. עס פֿאַלט מיר שיר נישט אַרויס דאָס האַרץ. איך בין אַ פֿאַרפֿאַלענע — טראַכט איך. איך גיי אַ ביסל שנעלער. איך פֿיל אָבער, אַז דער וואָס גייט מיר נאָך פֿאַרשנעלערט אויך זיינע טריט. איך קוק זיך אום, דערזע פֿאַר זיך אַ שייגעץ אַ שטאַרק באַוואַקסענער מיט אַ גרויסער טשופּרינע. איך גיב אַ צאַפּל און בלייב שטיין.

„יאַ טעש זשידעק" (איך בין אויך אַ ייד) — זאָגט ער. איך גלויב אים נישט, מיינענדיק, אַז ער וויל מיטן ליגן דער־גיין דעם אמת. איך ענטפֿער אים אויך אויף פּויליש. צי וואָס זאָגסטו עס מיר? און וואָס ווילסטו פֿון מיר? — פֿרעג איך אים. ער האַלט זיך ביי זיינס. ער רעדט מיר איין, אַז ער איז אַ ייד און איך דאַרף פֿאַר אים גאָר נישט מורא האָבן. טאָ רעד אויף יידיש, אויב אַזוי — האָב איך אים אויסגעפּרוווט — אַזוי האָב איך זיך באַקאַנט מיט מענדל פּיאַסעצקי, וואָס איז ווי אויבן שוין דערמאָנט דערנאָך דערשאָסן געוואָרן דורך פּוילישע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיזאַנער.

שלמה פֿון זבוינע (מיט וועמען מיין שוועסטער רחל האָט געהייראַט אין לאָדזש נאָך דער באַפֿרייאונג) **דערציילט:**

„זבוינע איז פֿאַרנומען געוואָרן פֿון די דייטשן אין זעלבן טאָג ווי עס איז אויסגעבראָכן דער קריג. אונדזער פֿאַמיליע איז אַנטלאָפֿן קיין רודקע, און נאָכהער קיין טאַרנאָווע, וואָס איז דערנאָך פֿאַרנומען געוואָרן דורך די רוסן. ביי די רוסן האָבן מיר זיך נישט שלעכט געראַנגלט ביז צום 22־טן יוני 1941. פֿון דער דאַטע אָן — ווידער די דייטשן. נאָך אין זעלבן טאָג האָבן זיי געמאַכט אַ הריגה אויף די יידן. עס איז דעמאָלט געהרגעט געוואָרן ר׳ שעפּסל דער נאָוואָגראָדער שוחט און נאָך אַ סך יידן.

ביז דער ליקווידאַציע פֿון דעם לאָמזשער געטאָ, זענען מיר געווען אין טאַרנאָווע. דעם 1־שטן נאָוועמבער 1942, האָט מען אַלע יידן פֿון טאַרנאָווע פֿאַרנומען און זיי געטריבן דורך מניאַסקאָווער וואַלד. מיר איז געלונגען צו אַנטלויפֿן און זיך אויסבאַהאַלטן אויפֿן מניאַסקאָווער צמענטאַרזש. אויף צו מאָרגנס האָב איך זיך אומגעקערט אין וואַלד. ביי אַ קריסט פֿון אַ נאָענטן דאָרף האָב איך „אָרגאַניזירט" אַ ביסל עסן. אין

אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך אין וואַלד געטראָפן מענדל פּיאַסעצקי.

מיט דער פאַמיליע האַלצמאַן האָב איך זיך באַקענט אויף פאָלגנדיקן אופן: אין אַ זייער פינצטערער נאַכט בין איך געגאַנגען צו אַ פּויער פון אַ שכנותדיקן דאָרף בעטן ברויט, ווי איך בין צוגעקומען צו די שטעלער, האָב איך באַמערקט אַ געשטאַלט זיך אַרומדרייען. איך האָב גענומען אַנטלויפן, אָבער באַלד האָב איך דערהערט אַ פרויען שטימע, וואָס האָט מיך באַרואיקט. אַזוי האָב איך באַקענט חיה פריידלען („כעלקאַ״ן).

נאָך עטלעכע מאָל זיך טרעפן מיט די שוועסטער האַלצמאַן און מיט זייער ברודער כּעניעק, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן אין איין גרופּע, האָפנדיק אַז אַזוי וועט דאָס לעבן זיין לייכטער. מיר האָבן געגראָבן גריבער, אָרגאַניזירט אַ וואַרשטאַט צו מאַכן וואָלאָקעס. די וואָלאָקעס האָבן מיר געטוישט ביי די אַרומיקע פּויערים אויף שפּייז.

כּעניעק האָט געהאַט אַ זעלטענעם אַרישן אויסזען: אַ בלאָנדער, בלויע אויגן מיט אַ טשופּרינע, אַזוי אַז ער איז געווען דער פאַרמיטלער.

זומער האָבן מיר מורא געהאַט צו זיין אין וואַלד, צוליב די קריסטן, וועלכע קומען זייער אָפט אין וואַלד זומער־צייט. האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן צו גיין אין די אָלשענעס, וואָס זענען אַרומגערינגלט מיט באַגנעס (זומפּן).

דורכקריכנדיק די זומפּן ביז די קני אין וואַסער, אין טייל־מאָל אפילו ביזן גאַרטל, האָבן מיר אָנגעהויבן אויפשטעלן בודעס, לייגענדיק דרענגלעך פון פּיען צו פּיען. אויף די דרענגלעך האָבן מיר געקרייצט נאָך דרענגלעך און אויף דעם שטרוי און בלעטער. אַ דאַך האָבן מיר געמאַכט פון ווילדע גראָזן, וואָס האָבן דאָרט געוואַקסן אַ סך. 3 בודעס האָבן מיר אויסגעשטעלט אין אַ סגל, איינע פון די צווייטע איז געווען אָפּגערוקט אַ הונדערט מעטער. 25 פּערזאָן זענען מיר דעמאָלט געווען. אין דער נאַכט פון 6־טן יוני 1944 זענען אונדז באַפאַלן אַ באַנדע „העלדן״ פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ און 12 פּערזאָן פון אונדז דערהרגעט. די פרוי האַלצמאַן איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און געבליבן אין דער בודע. זיי האָבן די בודע אונ־טערגעצונדן און אַזוי איז זי פאַרברענט געוואָרן. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. איינעם פון אונדזער גרופּע, אהרן קאַן, אַ יונג, אַן אַטלעט, האָבן זיי געכאַפּט אַ לעבעדיקן און אים איבערגעגעבן די דייטשן. מ׳האָט אים געפּאַרשט, געמוטשעט און נאָכהער אַריינגעפירט אין די זומפּן און דערשאָסן.

פון פריער האָבן מיר געהאַט אַן אָפּמאַך, אַז אויב עס געשעט אַן אומגליק, דאַרפן די לעבנגעבליבענע זיך צוזאַמענ־קומען דעם צווייטן טאָג אויפן זעלבן פּלאַץ. דעמאָלט האָבן מיר געזען מיט די אייגענע אויגן דעם חורבן. טייל קרבנות זענען געווען ממש צעריסן אויף שטיקער. ליידער האָבן מיר גאָר נישט געקאָנט טאָן, חוץ ווי ביילן די פויסטן און אין דער שטיל וויינען. מיר האָבן מורא געהאַט צו באַגראָבן די טויטע. מיט דעם וואָלטן מיר געוויזן די לעבנגעבליבענע. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מיר זענען זיך ווידער צונויפגע־קומען אויף דעם פּלאַץ, זענען שוין די טויטע געווען באַגראָבן.

מיר האָבן אַנגעשאָטן בלעטער אויף זייער קבר (אויך חיה פריידל און כּעניעק זענען שוין געווען צווישן די דערהרגעטע).

נאָך דעם זענען מיר אַוועק אין די קאָרן, פּינאַנדערגעטיילטע אין קליינע גרופּן. אַזוי האָבן מיר זיך אַרומגעבלאָנקעט ביז צו דער באַפרייאונג. דעם 5־טן סעפּטעמבער 1944 האָט אונדז, מיר מיט רחלען, געטראָפן אַ רויט־אַרמייער אין וואַלד. רחל איז געווען אַנגעטאָן אין אַ קליידל, געמאַכט פון אַ זאַק, באָר־וועס מיט פיל ווונדן אויף די פיס. איך אויך אַזוי. דער רויט־אַרמייער האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, ווו עס איז געווען דער שטאַב פון דער אַרמיי. איינער אַ מאַיאָר, אַ ייד, האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אונדז. ער האָט גלייך פאַראָרדנט אונדז געבן עסן, שטיוול און זיך אויסגעפרעגט ביי אונדז איינצלהייטן.

די גאולה איז נישט געקומען מיט אַמאָל. מיר האָבן נאָך געהאַט קאַלט און וואַרעם. גענוג דורכגעמאַכט: אין שניאַ־דאָווע, זעמבראָווע, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש (ווו איך האָב חתונה געהאַט מיט רחלען), דערנאָך אין דייטשלאַנד, אין לאַנדסבערגער לאַגער (ווו מיין עלטערער זון איז געבוירן געוואָרן) א. אַנ.

אין יאָר 1948 זענען מיר אָנגעקומען קיין אַרגענטינע״.

*

22־טער יוני 1941 — 22־טער יוני 1961.

20 יאָר שוין אַריבער פון דעמאָלט־אָן. מיר דערציילן דאָס? מיר האָבן דאָס אַלץ איבערגעלעבט? איז דאָס מעגלעך? איז דאָס געשען אין אונדזער דור? ווי איצט זעט עס נאָך אויס צו זיין.

ווייל נאָך איצט וויינען מיר און באַוויינען אונדזער טאַטן, מאַמען, שוועסטער און ברודער, באָבען און זיידן, פריינט אין באַקאַנטע — די אַלע, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם דורך שמוציקע און ווילדע טויטן. די אַלע, וואָס די דייטשישע בעסטיע האָט פאַרפייניקט, פאַרטיליקט, געשאָסן, געשאָכטן, געהאַנגען, דערשטיקט, לעבעדיקערהייט באַגראָבן און אויף שייטערס פאַרברענט!

אין יענע קאָשמאַר־גרויליקע און פינצטערע טעג, האָבן מיר נישט נאָר געוויינט, געקלאָגט, געשלוכצט, געקריצט די ציין און געביילט די פויסטן — מיר האָבן מיט אונדזערע אַלע חושים און רמ״ח איברים געזוכט זיך צו ראַטעווען, צו עקזיס־טירן און צו בלייבן לעבן. מקיים זיין אונדזער פאָטערס צוואה. ער האָט געזאָגט:

„קינדער! עס קומען אָן שווערע, שרעקלעכע טעג. עס האָט זיך אויפגעהויבן קעגן אונדז אַ באַנדע חיות (נאָך פיל ערגער ווי חיות!) אין מענטשלעכן געשטאַלט. זיי ווילן אונדז, אַלע יידן, אָפּווישן פון דער ערד!

געדענקט וואָס איך זאָג אייך אָן: ווען איר וועט זען, אַז מ׳האָט פאַרכאַפּט אייער טאַטן אָדער געהרגעט אייער מאַמען, ברודער אָדער שוועסטער — וויינט נישט, קלאָגט נישט, נאָר אַנטלויפט. זוכט יעדער איינער אויס אַן אופן ווי זיך צו ראַ־טעווען, אַ מיטל ווי צו בלייבן לעבן, כדי עס זאָל בלייבן אַן

עדות, וואָס זאָל דערציילן, דערמאָנען און נקמה נעמען פאַר דאָס אַלץ, וואָס די ברוינע בעסטיע האָט מיט אונדז געטאָן, ווייל עס מוז דאָך אַמאָל קומען אַ טאָג פון נקמה, אַ טאָג פון משפט!"

צי האָט מען גענומען נקמה?! צי האָט מען גענוג געמשפט?!... — — — — —

זאָלן אָבער אויך דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן אָט די יידישע רעטער, אָט די פּויערים און קריסטן, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע פאַמיליעס מיט זייער האָב און גוטס און אַנטקעגנגעקומען דעם דעמאָלט־דיקן אומעטום־צום־טויט־געיאָגטן יידן מיט אַ לעפל עסן, מיט איבערנעכטיקן אַ נאַכט און פיל מאָל אים אויסגעבאַהאַלטן אין זייערע וווינונגען אַ לענגערע צייט. נישט איינער פון זיי איז אומגעקומען דערפאַר דורך די דייטשן אָדער דורך זייערע אייגענע ברידער קריסטן, אַנטיסעמיטן און צוררי־ישראל. דאָס איז געווען פיל מער ווי רחמנות. עס איז געווען מסירת־נפש! דערוואכונג פון מענטשלעכן פונק אין די שעהן פון דעם ערגסטן מין אכזריות! אַ דאַנק אָט די פּויערים און גוט־האַר־ציקע קריסטן האָבן מיר 3 שוועסטער און נאָך אַנדערע אָסטראָלענקער און נישט־אָסטראָלענקער יידן זיך געראַטעוועט! פאַר זיי אונדזער ברכה און אונדזער יזכור!... פאַר דער **גאלאמביעסטשיכע**, אַן אָרימע פּויערטע, כאָטש זי האָט פון פחד פאַר די געסטאַפּאָווצעס שטענדיק געהאַט אַ פול מויל מיט קללות און געדראָט אפילו אַרויסצויאָגן די, וואָס האָבן זיך ביי איר באַהאַלטן — דאָך אָבער האָבן פיל יידן געהאַט אין איר הויז אַ מקום־מקלט אויף לאַנגע מאָנאַטן!

פאַר דעם קריסט **זיסקן**, ווען ביים אָנקום פון די געס־טאַפּאָווצעס אויף אַ רעוויזיע, האָט ער, איינע פון אונדזערע לעבנגעבליבענע שוועסטער אויסבאַהאַלטן אין דעם מאָמענט ביי זיך אין בעט און זיך גאָר נישט פאַרגעשטעלט, אַז זיין טאָכטער פון 12 יאָר וועלן די דייטשן פאַרגוואַלדיקן, און נאָך דעם פאַל אפילו האָט ער זי געלאָזט ביי זיך ביז צו דער באַפרייאַונג!

פאַר דעם יונגן קריסט **סטאשעק** פון טשאַסק (אַ דאָרף), וואָס האָט זיך געלאָזט ממיתן פון די דייטשישע זשאַנדאַרן כדי צו פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אַ יידין!

פאַר אָט דעם גוט־האַרציקן קריסט און קדוש, **פשעבא־דזיען** פון לאָמזשע, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר אונדז און פאַר פיל אַנדערע יידן, זיי געהאָלפן אין אַן עת־צרה מיט עסן, קליידונג און עצה. געשטאַנען אויף דער וואַך גע־טריי. זיין הויז האָט געדינט פאַר אַ „פרייען פונקט" פאַר יידן פון דעם לאָמזשער געטאָ. ביז ער איז דערפאַר פון די רשעות־דיקע פּויערים שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן און צום סוף דער־הרגעט געוואָרן.

פאַר נאָך און נאָך אַזעלכע חסידי־אומות־העולם, פון וועל־כע מיר ווייסן נישט, און נישט געהערט — כבוד זייער אָנדענק!

יזכרם ד' לטובה וינקום את דמם השפוך!

צווישן פּאַרטיזאַנער אין נאַליבאַקער פּושטשע

(איבער געגעבן פון חנן טשערנאָווין *). געבוירן 1910 אין אָסטראָלענקע זון פון יחזקאל־מאיר. בעת דער אָקו־פּאַציע געלעבט אַ צייט אין באַראַנאָוויטשער געטאָ, פון אַרבעטס־לאַגער אָשמאַנקע אַנטלאָפן אין וואַלד. געווען אַ מיטגליד פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד „פּאָרויס", בריגאַ־דע „סיביריאַק" אין נאַליבאָקער פּושטשע. נאָך דער באַפרייאונג געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי, פאַר־לוירן דעם רעכטן פוס. לעצטנס געוווינט אין ביאַלי־סטאָק).

אין 1939, בעתן קריגס־אויסברוך צווישן פּוילן און דייטש־לאַנד, בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין פּוילישן מיליטער אין דער 18־טער דיוויזיע. מיר האָבן געקעמפט אין אָסטראָלענקער קאַנט ביי מישעניץ־דאָמבראָווע. נאָך דער קאַפּיטולאַציע בין איך אַריינגעפאַלן אין סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט ביי טשערוואָני־בור. נאָך אַ קורצער צייט בין איך באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט און זיך געלאָזט אויף אָסטראָלענקער קאַנט זוכן מיין פרוי.

אין סעפּטעמבער 1939 האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע יידן מוזן גלייך פאַרלאָזן אָסטראָ־לענקע. איך בין דאַן אַריבערגעפאָרן מיט מיין פאַמיליע קיין באַראַנאָוויטש...

יוני, 1948

(ייד. וויסנשאַפט. אינסט. וואַרשע)

*) כאָנע „שטשאָט", אַן אָסטראָלענקער כלי־זמר, געשטאָרבן אין ישראל.

בלומע געדאַנקען (מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי)

אַסטראָלענקער אין סלאָנימער געטאָ

1

אין סעפּטעמבער 1939, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג, זענען פיל אַסטראָלענקער געלאָפן קיין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, מיינענדיק אַז אַזוי אַרום וועט מען זיך קאָנען ראַטעווען פון די דייטשן. דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. די לאַגע אין אָסטראָווע איז פאַר די אָסטראָלענקער געווען נאָך שווערער. מיין פאָטער פיניע געדאַנקען איז געווען קעגן דעם. לויפן אין אַן אַנדער לאַנד — האָט ער געטענהט — איז עפּעס אַנדערש, אָבער פאַרלאָזן די היים צוליב אַ מרחק פון 40 קילאָמעטער בסך־הכל, לוינט זיך נישט. אין משך פון 2 טעג זענען די מערדער שוין געווען אויף דער פוילישער ערד, און גענומען מאַכן „אָרדנונג” אויף זייער שטייגער. אין אָסטראָווע איז אין אַ פרייטיק פלוצלונג אַרויס אַ באַפעל אַז אַלע מענער פון 15 ביז 60 יאָר זאָלן זיך צושטעלן אויפן גימנאַזיע־פּלאַץ. און אַזוי איז געווען: אַלע מענער פון דעמדאָזיקן עלטער האָבן זיך צוגעשטעלט. ווי נאָר דער מאַן איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטוב אָדער באַהעלטעניש, האָט ער געמוזט האַלטן די הענט אויסגעשטרעקט אין דער הויך און אַזוי לויפן צום זאַמלפּונקט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד צו זען, ווי קינדער, טאַטעס און זיידעס זענען געלאָפן צוזאַמען, נישט וויסנדיק צו וואָס זיי לויפן און וואָס עס דערוואַרט זיי. פרויען פון מענער, שוועסטער, מוטערס פון קינדער זענען געלאָפן זען, וואָס מיט זייערע מענער, זין, טאַטעס און ברידער איז געשען. אַנטפּלעקט האָט זיך פאַר אונדז אַזאַ בילד: אַלע מענער זענען געלעגן אויף דער ערד אַזוי ווי אין אַ שטייג איינע אויף די אַנדערע, אַרומגערינגלט פון דייטשן מיט גומענע „פּאַלקעס” אין די הענט. זיי, אונדזערע געפּייניקטע, האָבן געוויזן מיט די הענט, אַז מען זאָל זיי דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער אָדער אַ שטיקל ברויט. די פרויען האָבן גענומען עפּעס טאָן און ווער עס האָט געהאַט אַ ביסל מער מוט, האָט נישט געקוקט אויפן געפאַר וואָס דראָט אים און צוגעוואָרפן עטוואָס עסן. לויט אַ פאַראָרדענונג פון די דייטשן, האָט מען דעמאָלט געמעגט גיין אויף דער גאַס נאָר ביז 6 פאַרנאַכט. אונדזערע מענער, ברידער, זין, זיידעס און פאָטערס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן — ווי עס איז זיכער אָנצונעמען — בכיוון אויף דעם גימנאַזיע־פּלאַץ ביז 7 אָונט. ערשט דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די גומענע שטעקנס. מען האָט גענומען שלאָגן איבער די קעפּ, איבער די רוקנס, הענט און פלייצעס און אָנגעהויבן יאָגן די מענטשן איבער די גאַסן, וווּ עס איז געווען אויסגעשטעלט אַ וואַך אויף צו היטן די אָרדענונג. ווען די אומגליקלעכע האָבן גענומען לויפן פון די קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען, האָט זיך איבער זיי אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון מאַשין־געווער קוילן. דער רעזולטאַט איז געווען אַזאַ: שבת אין דער פרי, ווען מ׳האָט שוין געמעגט אַרויסגיין אינדרויסן, האָט מען געזען ווי די גאַסן זענען געווען באַדעקט מיט טויטע קערפּערס. דאָס איז געשען ביי זייער ערשטן אַריינקום.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען אַ 2־טע גזירה, אַז די אַלע, וועלכע זענען אָנגעלאָפן פון פרעמדע שטעט און האָבן נישט קיין באַווייזן, אַז זיי זענען געבוירענע אָסטראָווער, זאָלן זיך צוריקקערן אַהיים. דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מסחר פאַר אונדזערע פוילישע שכנים. עס זענען אָנגעקומען קריסטן פון אַלע אַרומיקע דערפער און געפאָדערט הונדערטער דאָלאַרן פאַר אַ פור. און ווער עס האָט נישט געהאַט קיין דאָלאַרן האָט געגעבן אַנדערע ווערטפולע זאַכן: ווער — אַ ניי־מאַשין אָדער אַ פערינע צי אַ קאָלדרע. מיט איין וואָרט: אונדזערע „גוטע” שכנים פּאָליאַקן האָבן אויף זייער אופן צוגעהאָלפן די דייטשן רואינירן דאָס ביסל יידן. די דייטשן האָבן אויף זיך גענומען צו צעברעכן דעם ייד מאָראַליש און פיזיש, די פּאָליאַקן — מאַטעריעליש. אַ בשותפותדיקער בונד איז געווען צווישן זיי. חיה וויינקראַנץ, רבקה ווענגער, פערלאָ און איך האָבן גענומען בשותפות אַ פור, צוריק צו פאָרן קיין אָסטראָלענקע. דער שאָסיי איז געווען איבערפולט מיט פורן. ווען מיר זענען צוגעקומען צו קאָמאָראָווע, האָב איך באַקומען אַן אַטאַק אויף דער בלינדער קישקע. ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי מיר צונעמען אין אַ דייטשישן מיליטערישן שפּיטאָל. איך מיט מיין טאָכטער פייגע כמיעל (שפּעטער געפאַלן), זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל און די פור איז אַוועק וויטער. דער גורל איז דאָס מאָל געווען גוט צו מיר. דער דאָקטאָר, וואָס האָט זיך מיט מיר מטפל געווען, איז גראָד געווען אַ יידן־פריינט און האָט זיך מיט מיר זייער פאַראינטערעסירט. ער האָט קודם־כל געטאָן וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, כדי אויסצומיידן אַן אָפּעראַציע. אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן און איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך, האָט ער זיך איינמאָל צוגעזעצט צו מיר אויפן בעטל און גענומען מיט מיר אייַנטענהנען. ער האָט מיר דערציילט פון זיין פריוואַטן לעבן, אַז ער האָט געהאַט אַ יידישע פרוי און ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער זיך געמוזט צעשיידן מיט איר און מיט זיינע קינדער. צום סוף האָט ער אויסגעפירט: „זיי זיכער, מיט קיין זילבערנע לעפל וועט איר, יידן, ביי די דייטשן נישט עסן. איך באַדויער זייער אייער שיקזאַל”. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער מיר געמאָלדן, אַז איך מוז פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און אויך דעם געביט פון אָסטראָווע־קאָמאָראָווע און צוריקפאָרן קיין אָסטראָלענקע, ווייל עס איז דאָ אַ פאָרשלאָג, וואָס קאָן מעגלעך מאַכן, אַז אייער שטאָט זאָל געהערן צו די רוסן.

ווען איך בין צוזאַמען מיט מיין טאָכטער אָנגעקומען קיין

אָסטראָלענקע, איז געווען 2 טעג פאַר יום־כיפּור. די גאַנצע שטאָט איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. טיר און טויער, לאָדנס און פענצטער — אַלץ איז געווען פאַרמאַכט. אַ פּיינלעכע שטילקייט האָט געהערשט אַרום, ווען אַ נאָדל וואָלט צו דער ערד געפאַלן, וואָלט מען איר קלאַפּ געקאָנט הערן. אַלץ איז אָבער געווען אויף זיין פּלאַץ. קיין זאַך איז נישט געווען גערירט. אין לעשטשס־און־ליטווערס מויער איז איינגעשטאַנען דער גענעראַל־שטאַב. אין שרעדניס הויז אויף דער לאָמזער גאַס, איז איינגעשטאַנען די זשאַנדאַרמעריע. ביי אהרן זוסמאַנען — די פעלד־פּאָליציי און אין קרימקעוויטשעס הויז — אויך אויף דער לאָמזער גאַס — איז געווען דער אָפּטייל פון די באַרימטע ס. ס. אָט די אַלע מאַכט־לייט, האָבן פריער פאַר אַלץ אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז מען מוז זיי שאַפן שיינע מעבל און נייע מאַטראַצן (דאָס האָבן זיי אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד). די פאַראָרדענונג איז גלייך אויסגעפירט געוואָרן. דאַן האָבן זיי דורך די פענצטער אַרויסגעוואָרפן אַלץ, וואָס איז זיי נישט געווען צום האַרצן. אונדזערע פוילישע שכנים, סיי פון דער שטאָט, סיי פון די דערפער, האָבן זיך גלייך אַוואָרף געטאָן אויף דער דאָזיקער מציאה און פאַרנומען די אַלע יידישע זאַכן. די יידישע פרויען האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט און די מענער זענען געווען באַהאַלטן. אַזוי ווי צו אונדז זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די רוסן וועלן פאַרנעמען אָסטראָלענקע, האָט יעדער פון אונדז געהאַט אַ האָפענונג, אַז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון אונדזערע צרות. איך פערזענלעך בין געווען אַ דרייסטע און האָב איבערהויפּט נישט געהאַט קיין פּחד פאַר קיין שום געפאַרן (קאָן זיין, אַז דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס איך האָב געקאָנט אַלץ איבערלעבן). איך האָב געאַרבעט ביי די ס. ס. געקאָכט פאַר זיי עסן, און דערפאַר פלעגן זיי מיר מיטגעבן אַ ביסל שפּייז פאַר מיין היים. אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָב איך אַרויפגעצויגן אויף מיין פּנים אַן אומעטיקייט. האָט מיר אַ ס. ס.־מאַן געפרעגט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר, האָב איך אים געזאָגט, אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז די רוסן דאַרפן קומען אין אָסטראָלענקע — האָב איך פאַר זיי מורא (איך האָב דאָס ספּעציעל געזאָגט, ווייל איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס ער וועט אויף דעם ענטפערן). דער ס. ס.־מאַן האָט זיך צעלאַכט און האָט מיר באַרויִקט, אַז אָסטראָלענקע וועט קיינמאָל נישט געהערן צו די רוסן. אָסטראָלענקע וועט געהערן צום דריטן רייך. כ'האָב דערפילט, אַז די לעצטע האָפענונג ווערט צערונען. מיט די „גוטע" נייעס בין איך געקומען צו די אָסטראָלענקער יידן...

פאַר יום־כיפּור איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יום־כיפּור דאַרפן זיך אַלע מענער צושטעלן צו דער אַרבעט. געקומען זענען אָבער בלויז נאָר עלטערע מענער. די יונגע האָבן זיך ערגעץ פאַרשטעקט. אויף דער פראַגע, ווו זענען די יונגע מענער, האָט מען זיי געענטפערט, אַז די פּאָליאַקן האָבן זיי צוגענומען צום מיליטער. די עלטערע יידן האָבן זיך אויסגעשטעלט ביים מאַגיסטראַט און געוואַרט וואָס מ'וועט מיט זיי טאָן. מיר, די יידישע פרויען, האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס, ווייל מיר זענען געווען פאַרצווייפלט וועגן זייער גורל. די מענער וואַרטן און מיר אויך. אַרום 10 אַזייגער האָט מען פון מאַגיסטראַט אַרויסגעטראָגן אַ גאַנצן באַרג מיט בעזימער און זיי פונאַנדערגעטיילט צווישן די 150 יידן און זיי געהייסן קערן די גאַסן. באַלד איז געקומען אַ צווייטע פאַראָרדענונג, אַז זיי זאָלן אַוועקלייגן די בעזימער און זיך אָננעמען פאַר די הענט און טאַנצן, נאָר יעדער איינער זאָל זינגען אַן אַנדער מעלאָדיע. ווער עס האָט דאָס נישט ביי׳געלעבט, דער קאָן זיך עס גאָר נישט פאָרשטעלן ווי פּיינלעך שווער דאָס איז, ווען 150 מענטשן זינגען און יעדער איינער דאַרף זינגען עפּעס אַנדערש! דאַן זענען די גומענע שטעקנס געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. אַזוי האָט עס געדויערט ביז 5 אַזייגער פאַרנאַכט. נאָכדעם האָט מען זיי שוין באַפרייט פון זינגען, אָבער דערפאַר האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין טורמע. די פרויען פון די אַרעסטירטע מענער זענען אַרומגעגאַנגען ווי אָן קעפּ. יעדע האָט ביי זיך אין האַרצן זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט, ווער מיטן מאַן און ווער מיט איר פאָטער. די נאַכט איז געווען אַ פאַרבייסונג פון דעם שרעקלעכן יום־כיפּורדיקן טאָג. קוים וואָס מען האָט זיך שוין דערוואַרט, אַז עס זאָל ווערן טאָג, כדי זיך צו דערוויסן וועגן גורל פון די אַרעסטירטע. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן געדאַרפט אויסרייניקן די טורמע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס קיין מענטש אויף דער וועלט האָט זיך צו דעם נישט געקאָנט צורירן... נאָר אַזוי ווי ביי די דייטשן זענען די יידן געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער קאַטעגאָריע „מענטש" — האָבן זיי דאָס געמוזט טאָן. איצט נאָך דער דאָזיקער „פּאָרציע" זענען זיי באַפרייט געוואָרן.

דער דייטש איז שוין גיך געוואָרן בעל־הבית איבער גאַנץ פוילן. עס איז געווען באַלד ווי עס איז אויסגעבראָכן דער קריג. די ערשטע פלעגן ליידן די ביסל אינטעליגענטן וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט. די דייטשן פלעגן נעמען די יידישע אינטעליגענץ און זיי טרייבן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. דאָרט זיי פּאַראייניקן און זיי טרייבן ווייטער. דער ציל איז געווען: נאָך דייטשלאַנד, אויף צוואַנגס־אַרבעט. דער גורל האָט געוואָלט, אַז אָסטראָלענקע זאָל זיין דער מיטלפּונקט פאַר זייער וואַנדערן. אָן ברויט און אָן וואַסער, אָפּגעריסענע און פאַרוואַקסענע אַזוי ווי חיות, האָבן גענומען שטראָמען מחנות מענטשן איבער אָסטראָלענקע. דער רחמנות איז געווען זייער גרויס און צעריסן האָט דאָס האַרץ די בושה. מיר, די יידישע פרויען, האָבן אָרגאַניזירט די ערשטע הילף פאַר זיי. דאָס וויכטיקסטע וואָס מיר האָבן געטאָן איז געווען, וואָס מיר פלעגן צוואַרפן אין גאַנג אַ שטיקל ברויט, אַ מערעלע, אַ בוראַק אָדער גאָר אַ ציבעלע. די געיאָגטע נעבעך פלעגן זיך נעמען איינבויגן אויפצוהויבן דאָס צוגעוואָרפענע שטיקל ברויט אָדער וואָס אַנדערש, דאַן פלעגט אַ ביקס אָדער אַ גומענער שטעקן אָפּהילכן איבער די ביינער פון דעם וואָס האָט דאָס געוואַגט צו טאָן. דער ווייטיק איז ווייזט אויס געווען פיל קלענער ווי דער הונגער. געגאַנגען זענען זיי אַזוי טעג מיט נעכט, די קרעפטן זייערע זענען שוין געווען אויסגעשעפּט אין ווער עס האָט געוואַגט צו בלייבן הינטערשטע־

ליק, איז אויפֿן אָרט דערשאָסן געוואָרן. דער מענטש פֿלעגט בלײַבן ליגן און די מחנה האָט געצויגן ווײַטער.

אין 3 טעג אַרום איז אַרויס אַ באַפֿעל, אַז אַלע ייִדן מוזן פֿאַרלאָזן אָסטראָלענקע. דערבײַ האָט מען געגעבן נאָר 3 טעג צײַט אויף אַריבערצוגיין די רוסישע גרענעץ. נאַטירלעך האָט קיין איין ייִד נישט געוואָלט בלײַבן בײַם דײַטש. אָבער אַזוי ווי גאַנצע פֿאַמיליעס קאָנען דאָך אויך נישט גיין צו פֿוס, מוז מען דאָך דערצו האָבן פֿורן, האָט זיך ווידער געמאַכט אַ גוטע צײַט פֿאַר אונדזערע שכנים, די פּאָליאַקן. מ׳האָט געפֿאָדערט ווי דער שטײַגער הונדערטער דאָלאַרן פֿאַר אַ פֿור און ייִדן האָבן געצאָלט. עס זענען אָבער אויך געווען פֿיל ייִדן, וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. 3 טעג זענען די פֿאַרמעגלעכערע ייִדן געפֿאָרן כּסדר פֿון אָסטראָלענקע קיין לאָמזשע, ביז עס האָט זיך געענדיקט דער באַשטימטער טערמין פֿון פֿאַרלאָזן די שטאָט. געבליבן זענען נאָך פֿונדעסטוועגן אַ שפּאָר ביסל פֿאַמיליעס פֿון די אָרימסטע ווי אויך פֿון די בעלי־מלאכות און קאַליקעס. דאַן האָב איך מיט משה מה־טובו (אָדער משה קרײזל), באַשלאָסן אַרויפֿצוגיין צום סטאַראָסטע (נאַטירלעך אַ דײַטש) און אים בעטן, אַז ער זאָל פֿאַר אונדז דאָ עפּעס טאָן. ער האָט אונדז אויסגעהערט. אונדזערע טענות זענען געווען: אויב אײַער ווונטש איז, אַז אָסטראָלענקע זאָל בלײַבן ייִדן־ריין, טאָ דאַרפֿט איר זאָרגן פֿאַר די, וועלכע האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן צו צאָלן, אַז זיי זאָלן אויך קאָנען פֿאַרלאָזן די שטאָט. די אַלע וועלכע זענען דאָ געבליבן האָבן נישט די מעגלעכקייט אַרויסצופֿאָרן. בלײַבן דאָ טאָרן מיר אויך נישט. אַליין אַרײַנצושפּרינגען אין וואַסער האָבן מיר נישט דעם מוט, טאָ מאַכט איר אַ סוף מיט אונדז. דער סטאַראָסטע האָט אונדז אויסגעהערט און האָט צוגעזאָגט צו העלפֿן. אויף מאָרגן האָט מען אונדז געגעבן 15 פֿורן. די ביסל איבערגעבליבענע ייִדן זענען אַוועק פֿון אָסטראָלענקע. אונדזער פֿרייד איז געווען גרויס. איין קלייניקייט: מיר פֿאָרן צו די רוסן אין אַ פֿרײַ לאַנד... צוקומענדיק צו וווּיטשעכאָוויצע, האָט די" דײַטשע וואַך צוגענומען בײַ די פּליטים אַלץ וואָס זיי איז געפֿעלן געוואָרן.

2

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין רידזעווע, האָבן די רוסן אונדז זייער פֿײַן צוגענומען. האָבן אונדז מכבּד געווען מיט צוקער און מיט טאַבאַק. דער וועג קיין לאָמזשע איז אויך נישט געווען קיין לײַכטער. דער שאָסיי איז געווען איבערפֿולט מיט פֿורן און פֿוסגייער. ווען מיר זענען צוגעקומען נאָענט צו לאָמזשע, האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ שוידערלעך בילד. לאָמזשע די שיינע שטאָט איז געווען צעשטערט און פֿאַרברענט. דער רויך האָט געזעצט אין פּנים. די גאַסן זענען געווען פֿול מיט גרוז און צעפֿאַלענע הײַזער. דער אַרײַנגאַנג איז געווען אוממעגלעך. די פֿורן, וואָס זענען אַוועק מיט אַ טאָג פֿריער, זענען נאָך געשטאַנען אויפֿן שאָסיי. האָבן מיר געמוזט בלײַבן שטיין און וואַרטן ביז מ׳וועט קאָנען ווי עס איז זיך דורכשטופּן. דאָס איז געווען אַרום 1 אַזייגער בײַנאַכט. מיר קאָנען זיך נישט רירן פֿון אָרט. ווי געזאָגט, בין איך תּמיד געווען אַ דרייסטע, קיינמאָל פֿון קיין מורא נישט געוווּסט. בין איך אַראָפּ פֿון דער פֿור און גענומען זיך נאָכפֿרעגן, ווו עס געפֿינט זיך די מיליץ פֿון דער שטאָט. מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטוב, ערגעץ ווײַט, ווו עס האָט געצאַנקט אַ שוואַך ליכט, דאָרט האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען די מיליץ. איך גיי און פֿאַל, צערײַס זיך די קליידער, צעדראַפּע מיר די הענט מיט די פֿיס, ביז איך האָב דערגרייכט דעם דאָזיקן אָרט. ווען איך בין אַרײַן אינעווייניק האָב איך דערזען אַזאַ בילד: אויף בענק און אויך אויף דער ערד זענען געלעגן אויסגעלייגט מענער. אַ וואַרימקייט האָט אַ זעץ געטאָן אין פּנים פֿון דעם שטאַרק־צעהייצטן אויוון, די לופֿט איז געווען פֿול מיט טאַבאַק און רויך, אַז מ׳האָט גאָר נישט געזען פֿאַר זיך. מײַן ערשטער ברוך־הבא צו דער מיליץ איז געווען אַזאַ: איר זענט דאָ די וואָס דאַרפֿן אָפּהיטן די שטאָט, שטיין אויף די וועגן צו פֿאַרגרינגערן דעם אַרײַנפֿאָר פֿון די פּליטים און באַזאָרגן מיט עפּעס עסן אָדער טרינקען פֿאַר די פּיצלעך קינדער, זיי אָנווײַזן ווו צו געפֿינען אַ שטיקל אָפּרו פֿאַר זיך — אַמענדע ליגט איר דאָ אין דער וואַרעם, רויכערט און טרינקט, און דער גורל פֿון די מאַמעס מיט זייערע קליינע קינדער גייט אײַך גאָר נישט אָן? אַ רויטע לענטע אויפֿן אָרעם, זע איך, טראָגט איר, צי האָט איר אָבער אויך אַ רויט האַרץ? זיי האָבן זיך פֿאַרענטפֿערט, געטענהט, אַז זיי האָבן נישט קיין באַלייכטונג און צוגעזאָגט, אַז עס וועט אַלץ זײַן. זיי זענען טאַקע באַלד אויפֿגעשפּרונגען פֿון זייערע „נאָרעס" און געבעטן מיר ווײַזן דעם אָרט, ווו עס געפֿינען זיך אונדזערע פֿורן. עס זענען מיטגעגאַנגען מיט מיר אַן ערך פֿון אַ 30 מאַן. זיי זענען טאַקע באַלד צוגעטרעטן צו דער הילף. קודם האָבן זיי אונדז געפֿירט דורך אַן אַנדער וועג און ענדלעך זענען מיר אַרײַנגעפֿאָרן אין דער שטאָט. ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז מײַן מאַן האָט מען צוגענומען צום מיליטער, האָט עס אויף זיי געווירקט און האָבן מיר געהאָלפֿן. מ׳האָט מיר גלײַך געגעבן אַ צימער און איך האָב זיך ווי עס איז אײַנגעאָרדנט.

די לאַגע פֿון אונדזערע אָסטראָלענקער איז ווײַט נישט געווען קיין גוטע. דער מצב איז געווען פֿאַרשטענדלעך: מיר זענען געווען פּליטים, געקומען אין אַ שטאָט אַ פֿאַרברענטע און אַ צעשטערטע, און אַרבעט איז געווען שווער צו געפֿינען. דער איינציקער טרייסט איז געווען דאָס, וואָס אַז מ׳איז אַרויס אין גאַס האָט מען זיך באַגעגנט מיט אָסטראָלענקער, מיט נאָענטע שטאָטישע פּנימער. די פֿראַגע, ווו נעמט מען אויף ברויט — איז בײַ יעדן איינעם געווען אַקטועל. די לאַגע בײַ די מענער אָדער פֿרויען, וואָס האָבן געהאַט אַ פֿאַך, איז פֿאַרשטייט זיך געווען אַ פּיל בעסערע. סראָלקע פֿרום דער סטאָלאַר, האָט באַקומען גלײַך אַרבעט אין די קאָשאַרן. פּערלאַ מיט זײַן פֿאַמיליע, דאָס גלײַכן זייער זון דוד, וואָס האָט געקאָנט גוט רוסיש, פֿייגעלע שיסער (דאָס ווײַב פֿון דוידן) — דוכט זיך, אַז עס איז זיי נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געגאַנגען ווי דאַן. נאָסקע יאַבעק האָט געעפֿנט אַ וואַרשטאַט פֿון זייגערמאַכערײַ און אויך געמאַכט גוט. די שרײַטערס האָבן געעפֿנט אַ וואַרשטאַט צו פֿאַרריכטן ראָוועדס. אַשער, וואָס האָט געהאַט גאָלדענע זוסמאַנס פֿאַר אַ פֿרוי, איז געגאַנגען צו זײַן פֿאַך אַלס

עלעקטראָטעכניק. אויך איך בין אַריינגעטרעטן אין דער אַרבעט אין אַ גרויסן רעסטאָראַן אויפֿן אָסטראָלענקער שאָסיי. איך בין געווען די „לייטערין" פֿון דעם רעסטאָראַן. און איך האָב נישט געמאַכט שלעכט. איך האָב אַריינגענומען צו דער אַרבעט פייגע פּערקאַל, וואָס האָט חתונה געהאַט פֿון ווישקאָווע. זי איז געווען אין לאָמזשע מיט איר ברודער, דעם מאַן האָט מען געהרגעט מיט זיינעם אַ ברודער, ווען די נאַציס זענען אַריין אין ווישקאָווע. מ'האָט זיי צוגעבונדן צו אַ מאָטאָציקל, געשלעפּט איבער די גאַסן און אַזוי זענען זיי אומגעקומען. אויך פּייוועל חאַצעק, דער ווישקאָווער שוחט, וועלוול חאַצקעס אַ זון, איז אומגעקומען מיט דעם זעלביקן שרעקלעכן טויט דורך די דייטשישע מערדער.

מיט די צייט האָט זיך דאָס לעבן אָנגעהויבן אַ ביסל זיך צו נאָרמאַליזירן. די רוסישע רעגירונג האָט צוביסלעך אויך אַרויסגעהאָלפֿן. עלטערע מענטשן האָבן געקריגן אַ פּענסיע; פּרויען, וואָס זייערע מענער זענען געווען מאָביליזירט, האָבן באַקומען שטיצע. פֿיל האָבן זיך גענומען צום האַנדל, וועלכער איז ביי די רוסן נישט געווען כשר. עס זענען אַרויסגעגאַנגען האַנדלען: משה זאַרניעוויץ, חילקע שאַפּראַן, מענדל צוקערס זון אלתר שלמה'ס אַן איידעם, און מ'האָט זיי גלייך פֿאַרבעטן אין „חדר" און ווי אַ שטיין אין וואַסער זענען זיי פֿאַרלוירן געגאַנגען. מען האָט זיי געזוכט און נישט געקאָנט דערגיין, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. אין סלאָנים האָט מען זיך ערשט דערוווּסט, אַז זיי זענען אומגעקומען אין רוסלאַנד, זיצנדיק אין תּפֿיסה.

לאָמזשע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מקום־מקלט פֿאַר אַ סך אַרויסגעטריבענע יידן פֿון די ערטער, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורכן דייטש. מענער און פֿרויען זענען אַריבער געקומען אויף דער רוסישער זייט מיט דער האָפֿענונג, אַז זיי וועלן דאָ האָבן אַ גן־עדן אויף דער וועלט. די האָפֿענונג פֿון די טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געקומען קיין לאָמזשע מיט דער אויסזיכט אויף בעסערס — איז צערונען געוואָרן. מענטשן האָבן גענומען אונטערברומען און אַרויסווייזן זייער אומצופֿרידנקייט. ווענט האָבן אָבער אויערן און פֿעלדער אויגן. די רייד פֿון די אומצופֿרידענע זענען דערגאַנגען צו דעם „ריכטיקן" אָרט. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן מעלדונגען אויף די לאָמזשער הייזער, אַז ווער עס וויל צוריקגיין צום דייטש — דער זאָל קומען זיך פֿאַרשרייבן. נאָר בלויז 3 טעג גיט מען צייט אויף דעם, לויט אַן אָפּמאַך מיט דער דייטשישער רעגירונג, שפּעטער וועט מען שוין נישט קאָנען פֿאָרן. איז מען געשטאַנען טעג מיט נעכט אין דער ריי זיך צו פֿאַרשרייבן; בעלנים האָבן נישט געפֿעלט. יעדער איינער, וואָס איז געקומען זוכן עפּעס בעסערס אין לאָמזשע צי אין ביאַליסטאָק, האָט דאָך עס נישט געפֿונען. יעדער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פֿריערדיקער שיינער, זאַטער היים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. מ'האָט געלעבט פֿון די מיטגענומענע זאַכן וואָס מ'האָט פֿאַרקויפֿט. די רוסישע רעגירונג האָט צונויפֿגענומען אָט די אַלע בעלנים, וועלכע האָבן געוואָלט צוריקפֿאָרן צום דייטש, אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנען און זיי פֿאַרשיקט קיין סיביר...

3

אין אַ געוויסן טאָג איז אַרויס אַ מעלדונג פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט, אַז די אַלע וועלכע זענען נישט קיין לאָמזשער, זענען מחויב זיך צו פֿאַרשרייבן אויף אַרויסצופֿאָרן פֿון דער שטאָט אויף אַ מרחק פֿון 100 ק"מ מינדעסטנס. די שטעט וועלכע זענען געלעגן אויסערהאַלב דער אויבנדערמאָנטער שטרעקע זענען געווען: ביאַליסטאָק, סלאָנים, סטאָלין, רוזשענא, פּרוזשאַנע, זעלווע, מאָלדשאַט, פּאָזעווע און וואָלקאָוויסק. די ראַטן־מאַכט האָט געשטעלט באַנען פֿאַר די פּליכטלינגער און זיי האָבן גענומען זיך אויסקלייבן שטעט. די מערהייט פֿון די אָסטראָלענקער יידן זענען געפֿאָרן קיין סלאָנים. אין לאָמזשע זענען געבליבן איינצלנע פֿאַמיליעס אָסטראָלענקער, ווי: עלי זוסמאַן, מלך גראָסמאַן, שייקע אַשער, די ברידער שרייטער, דוד טאָביאַש דער מאַליאַר, שמואל יוסף סעגאַל דער מאַליאַר מיט זיין ווייב, לייקע די בעקערקע און נאָך ווער. קיין סלאָנים זענען געפֿאָרן: מענדל ביאַלע, מאָטל ביאַלע, ראובן נחום גערצעק מיט זיין פֿאַמיליע, די גאַנצע פֿאַמיליע שאַפּראַן, איך, בלומע געדאַנקען, מיט מיין פֿאָטער פּיני געדאַנקען און מיין זעליקע טאָכטער פייגע כמיעל, מענדל געדאַנקען מיט זיין גאַנצער פֿאַמיליע, די גאַנצע פֿאַמיליע מייראַן, וויגאָדע, די גאַנצע פֿאַמיליע זאַמלסאָן, אַלע מאַרקעוויטשעס, אַלע שימאַנס מיט די זין, טעכטער און איידעמס, שרעדניע, פייגל לאַסקע, באָסקע יאַבעק, שפּילמאַן דער פּריזירער, מענדל צוקער, יעקב דוד לעשטש, סאָיקע, פֿרידמאַן און זילבערשטיינס, בלום דער זייגער־מאַכער, נפֿתּלי דער שוחט מיט זיין פֿאַמיליע, חיה וואָלקאָוויטש (פֿון מאַנס נאָמען זלאָציסטע), די בענעדאָנס, גראָסמאַן, רושיניאַק, דער אַלטער דן, שיוואַק דער שניידער, גיטל משה נאָסקעס מיטן מאַן, משה אהרן עדעל, ברום דער פּישער פֿון וויטשעכאָוויצע, די קאַלעשינערקע און אויך אַלע פּערקאַלס, וועלוול חאַצעק, אברהמל חאַצעק מיט דער ווייב פֿון נאַדלערן, ציפּקע חאַצעק אין אנד. מיט דער צייט איז סלאָנים פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק אָסטראָלענקע. דאָס אָנקומען קיין סלאָנים, איז פֿאַר אונדז, אָסטראָלענקער, אויך נישט אַוועק אַזוי גרינג. ערשטנס האָט מען זיך געשלעפּט 2 וואָכן צייט אין פֿאַרמאַכטע וואַגאָנעס. איז מען שוין אָנגעקומען אויפֿן אָרט, האָט זיך איצט גענומען שאַפֿן דאָס פּראָבלעם פֿון אַ דירה. די סלאָנימער יידן האָבן זיך צו אונדז היימלאָזע שווער באַצויגן. אויף אַריינגיין אין אַ דירה, איז געווען אַ חיסרון, ווען מען איז געווען מיט קליינע קינדער אָדער מיט אַלטע לייט. נאָך לאַנגע און שווערע ליידן (ווי נאָר איינער האָט געקאָנט: ווער מיט געלט און ווער מיט דער מיטהילף פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג), איז צוביסלעך דאָס פּראָבלעם געלייזט געוואָרן. סלאָנים האָט געהאַט אַ סך שולן און בתּי־מדרשים, פֿיל פֿון די אָסטראָלענקער האָבן דאָרט געוווינט, ווי די באָלקאַזשעס און אַ סך אַנדערע, וואָס זענען מיר אַרויס פֿון זכּרון. אַ סך אָסטראָלענקער זענען זיך צעפֿאָרן אין די קליינע שטעטלעך אַרום, איבער וועלכע עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פּראָבלעם פֿון פּרנסה. יעדער איינער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט. אַ טייל פֿון אונדזערע אָסטראָלענקער האָבן זיך

גענומען צו זייערע פאַכן. ווער צו שניידעריי, ווער צו שוסטריי און ווער צו דענטיסטיק. אַ סך האָבן זיך גענומען צום האַנדל. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אפילו מלוכה־פּאָסטנס. איך, למשל, האָב געהאַט אַ פּאָסטן פון אַן אויפזעערין אין אַ סקלאַד. איך האָב געדאַרפט פונאַנדערשיקן די סחורה איבער דער גאַנצער סלאָנימער געגנט, און האָב אפילו זייער גוט פאַרדינט דערביי. יאַנקל דוד לעשטש איז געווען אַ נאַכטוועכטער נאָך פיל פּראָטעקציע. זיין לוין איז געווען 300 רובל אַ מאָנאַט. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו פאָרן נאָך לעמבערג, ווילנע, געהאַנדלט אויף שפּעקולאַציע. אַז מ׳האָט עמעצן געפּאַקט האָט ער געדאַנקט גאָט, אויב ער איז אַרויס מיטן לעבן. ראַשקע שאַפּראַן, נעכע ראַשיניאַק — דעם געלן מענדלס קינדער — האָבן געהאַנדלט אויף גרויס. דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זיין וועג. מ׳האָט זיך גענומען צוגעוווינען. מענדל געדאַנקען, צום ביישפּיל, האָט געמאַכט שלום מיטן פּאַקט, וואָס ער האָט גאָר נישט געטאָן, נאָר זיין ווייב רחל האָט געאַרבעט (די עלטערע 2 זין מיט דער טאָכטער האָבן געהאַט מלוכה־פּאָסטנס). אַזוי איז עס געגאַנגען ביז יוני 1941, ווען היטלערס אַרמייען זענען פּלוצלונג, אָן אַ מלחמה־דערקלערונג, איבערגעפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. יונגע מענטשן האָבן גענומען לויפן איבער די וועגן, וועלכע זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. מיליאָנען זענען אומגעקומען אויף די דאָזיקע וועגן. נאָך אין דעם זעלבן טאָג, איז שוין סלאָנים אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשישע מערדערס.

4

איצט הויבט זיך אָן דער וועג פון די סלאָנימער יידן, אַריינרעכנענדיק אונדזערע אָסטראָלענקער. מיין וווינונג האָט זיך געפונען אויפן באַראַנאָוויטשער שאָסיי. די אייגנטימערין איז געווען אַ קריסטין. ווען די דייטשישע טאַנקיסטן האָבן גענומען דורכגיין דעם שאָסיי צו דער שטאָט, האָבן די אייגנטימער פון די קריסטלעכע הייזער אַרויסגעשטעלט הייליקע בילדער פאַר די פענצטער אַלס סימן, אַז דאָ וווינען קריסטן. איינער פון די טאַנקיסטן איז פּונקט אַריין צו דער בעל־הביתטע, ווו איך מיט מיין טאָכטער האָבן געוווינט. די ערשטע פראַגע זיינע איז געווען, צי אין סלאָנים איז פאַראַן אַ סך יידן. ווען מיר האָבן געענטפערט אַז יאָ, האָט ער מיט דער האַנט אַדורכגעפירט איבער זיין האַלדז, ד. ה. אַז אַלע וועלן אויסגעשאָכטן ווערן. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג אויף אומקום. ווי נאָר עס האָט זיך געשאַפן די קאָמענדאַנטור אַזוי איז גלייך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף צו דער ציווילער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל אויפקלייבן די פיל געהרגעטע, וואָס ליגן אויף די וועגן און אויך די געווער. יעדער איינער איז פרייוויליק געגאַנגען צו דער דאָזיקער אַרבעט, מיינענדיק אַז ער וועט געפינען וועמען עס איז פון די נאָענטע אָדער באַקאַנטע, וואָס זענען אַנטלאָפן איידער דער דייטש איז אַריין אין סלאָנים (אין דער גרופּע צו וועלכער איך בין צוגעטיילט געוואָרן, איז אויך געווען נח שוואַרצס עלטערער זון). טוענדיק אונדזער אַרבעט האָבן מיר זיך פּלוצלונג אָנגעשטויסן אָן אַן איבערגעקערטן לאַסט־אויטאָ. ווען מיר האָבן אים אויפגעשטעלט, האָבן מיר פאַר זיך דערזען דערהרגעטע מענער. אין ערשטן מאָמענט איז נישט געווען צו דערקענען ווער דאָס איז. שוידערלעך איז געווען דאָס בילד. מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס צו געפינען אַ באַווייז אָדער אַ וועלכן ס׳איז דאָקומענט, און עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די הרוגים זענען דאָ אויך אונדזערע שטאָטישע. צווישן זיי זענען געווען פאָלגנדיקע אָסטראָלענקער יידן: עלי זוסמאַן, דוד טאָביאַש, שלמה ווײַנקראַנץ, חוה ווײַנקראַנצס אַ שוועסטער, אַ יינגעלע מיטן נאָמען יאַנקעלע, וואָס איז געווען ביי חוה׳ן (ווייל איר שוועסטער חיה האָט געוווינט אין סטאָלין און זי איז געווען קראַנק, איז דאָס יינגעלע געווען ביי איר; דער פאָטער פונעם יינגעלע געפינט זיך אין אַמעריקע — אַ שניידער מיטן נאָמען משה). די דאָקומענטן מיט די געלט, וואָס מיר האָבן געפונען, האָבן מיר אָפּגעגעבן קלמן ווײַנקראַנץ, וואָס האָט געוווינט אין סלאָנים. די פראַגע ווי אַזוי קומען זיי אין דער געגנט פון סלאָנים, אין דער צייט ווען זיי האָבן געוווינט אין לאָמזשע, איז פאַרענטפערט געוואָרן מיט 2 טעג שפּעטער, ווען עלי זוסמאַנס פרוי מיט אַ קינד און חוה ווײַנקראַנץ מיט אַ מיידעלע ביי דער האַנט האָבן דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן זיך פאַרלוירן אין וועג, מיינענדיק אַז די מענער זענען אַוועק נאָך ווייטער. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן זיי אָפּצוגעבן דאָס געלט מיט די דאָקומענטן, ווייל זיי זענען געגאַנגען צוריק נאָך לאָמזשע. אָבער דער פאַל איז נישט געווען קיין איינצעלנער. אַזעלכע פּאַסירונגען פלעגן טרעפן אָפט. גזירות ווערן צוגעגרייט. נישט אַלץ קומט מיט אַמאָל. איין קאָמענדאַנטור גייט אַוועק — קומט אַ צווייטע און עס הויבן זיך אָן נייע צרות. פּעפּקע דער שוסטער מיט זיינע קינדער האָבן געוווינט ביי אַ קריסטלעכן בעל־הבית, און ס׳איז אים געגאַנגען נישט שלעכט. אָבער אין אַ געוויסן טאָג איז אַרויס אַ באַפעל, אַז ווער עס האָט אין זיין באַזיץ אַ ראָווער, אַ מאָטאָציקל, אַ ראַדיאָ אָדער פאַרשידענע שפּייז, ווי: קאָפע, קאַקאַאָו, פּוטער, שאָקאָלאַד אָדער משקאות, מוז עס אָפּגעבן דער מאַכט, און ווער עס וועט דאָס נישט טאָן, וועט דערשאָסן ווערן אויפן פּלאַץ. פאַרשטייט זיך, אַז ווער עס האָט נאָר געהאַט פון די אויבנדערמאָנטע אויסגערעכנטע זאַכן, האָט עס גלייך אָפּגעגעבן אין דעם אָנגעוויזענעם אָרט און איז נאָך געשטאַנען שעה׳ן אין דער ריי. קריסטן אָבער יאָגן זיך נישט. פּעפּקעס קריסטלעכער בעל־הבית האָט געהאַט אַ מאָטאָציקל, האָט ער אים באַהאַלטן אין אַ קעלער. נאָר ווען די דייטשן זענען געקומען אויף אַ קאָנטראָל און האָבן געפונען דעם מאָטאָציקל, האָבן אַלע קריסטן עדות געזאָגט אַז דאָס געהער צו דעם יידן, דאָס הייסט: צו פּעפּקען. די דייטשן האָבן גענומען פּעפּקען מיט זיין זון אהרן און מ׳האָט זיי צוגעבונדן מיט שטריק צום מאָטאָציקל. אַ דייטש איז אַרויף אויפן מאָטאָציקל, אים געלאָזט אין גאַנג און זיי ביידן, דעם טאַטן מיטן זון, געשלעפּט איבער די גאַסן ביז זיי זענען אומגעקומען מיט אַ שוידערלעכן טויט (דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען לעבן דער קאָמענדאַנטור). מיט אַ צייט שפּעטער זענען אויף די סלאָנימער גאַסן אויפגעקלעפּט געוואָרן אויפרופן — ספּעציעל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג — אַז אין משך פון 24 שעה

דאַרף זיך יעדער איינער צושטעלן אויף אַ געוויסן פּונקט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער סלאָנימער געטאָ. ווידער האָט זיך געשאַפן דאָס פּראָבלעם פון „איבערציען" זיך... די קריסטלעכע באַפעלקערונג, איז דאָ אויך געקומען „אין דער ריכטיקער" צייט. ווער פון זיי עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל פּורל, אַ פערדל, האָט זיך אויסגעשטעלט אויפן מאַרק גרייט צו „באַדינען". קיין געלט האָבן זיי נישט געוואָלט, נאָר מעבל און דאָס בעסטע וואָס זיי איז געפעלן געוואָרן. יידן האָבן גענומען פּאַקן אויף די פורן זייער ביסל האָב און גוטס. אַ קאַראַוואַן פון פורן האָט זיך געצויגן אויפן מיטן וועג, און פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט דייטשן ביז צו דעם פּלאַץ, וואָס איז פאַר די יידן באַשטימט געוואָרן. די דייטשן האָבן אָבער נישט געקאָנט פאַרגינען די יידן, אַז זיי זאָלן מיט זיך נעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט און געקאָנט. איז איידער זיי זענען אַריין אין געטאָ, פלעגט יעדע פור גוט איבערגעקאָנטראָלירט ווערן און אַלץ וואָס זיי איז געפעלן געוואָרן האָבן זיי צוגענומען, ווי: פוטערנע מאַנטלען, וועש, קליידער, קאָלדרעס. אַלץ וואָס איז געווען פון דעם גוטן מין, איז גלייך אַריבער אין רשות פון דעם דייטש *). אין געטאָ האָבן מיר געוווינט צו 6—7 פאַמיליעס אין איין צימער. צום ערגסטן איז געווען, ווען מ'האָט באַדאַרפט אָפּקאָכן אַ ביסל עסן. מינדנסטענס 20 מאַן האָבן געהאַט איין דרייפוס צום קאָכן. ווי שוין פריער דערמאָנט, זענען בעתן איבערפאַל פון די דייטשן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, געווען מענדל געדאַנקענס 2 זין אויף מלוכה־פּאָסטנס: חיים אַלס לערער און יודל אַלס כעמיקער. זיי האָבן ביידע דעמאָלט געאַרבעט אין לידע (ביי ווילנע). אַזוי ווי יעדער איינער האָט געוואָלט זיין אין דעם פאַל צוזאַמען מיט דער משפחה, זענען מענדלס 2 זין געלאָפן פון לידע נאָך סלאָנים, ווו אַלע זייערע אייגענע זענען געווען. די דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן דאַן שטאַרק באָמבאַרדירט די וועגן. דער ייִנגערער זון יודל (אָדער יורעק) איז געהרגעט געוואָרן אויפן וועג. חיים איז געקומען געזונט צו זיינע עלטערן. אויף מענדלס פראַגע ווו איז יודל, האָט ער געענטפערט, אַזוי ווי עס איז געווען אַ גרויסע בהלה, האָט ער אים אָנגעווירן אין וועג. דער אמת איז געווען, אַז יודל איז געהרגעט געוואָרן לעבן אים. ער האָט אים אַליין ערגעץ אויף אַ פעלד באַגראָבן.

אין אַ געוויסן מיטוואָך פאַרנאַכט, איז געוואָרן אַ טומל. דער מאַרק איז געוואָרן פול מיט דייטשן. זיי האָבן געטראָגן טויט־צייכנס אויף זייערע אַרבל און היטלען, זייערע אויטאָס און מאָטאָציקלען זענען געווען געדעקט מיט שוואַרצע לייוונט. און דווקא אין דעם פאַרנאַכט האָבן זיי זיך באַצויגן גוט און אפילו גאַנץ פריינדלעך צו דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן געטיילט שפּייז, פאַרשידענע פּראָדוקטן, אפילו האָניק און לימענעס... דאָס איז געווען אַ מאַנעווער כדי נישט אַרויסצורופן קיין פּאַניק. עס איז אָנגעקומען דער דאָנער־

*) עד היום איז מיר פאַרבליבן אַ טיפער שניט אויף מיין רעכטער האַנט, ווען די דייטשישע קאָנטראָל איז צו צו מיין פור און איך האָב געוואַגט נאָר איין וואָרט אַרויסצורעדן...

שטיקער טאָג. דער פרימאָרגן איז געווען שיין און ליכטיק און די זון איז געווען אַן עדות פון זייערע שוידערלעכע מערדערייען... ווען פּלוצלונג האָבן זיך באַוויזן יונגע שקצים ביי דער זייט פון די דייטשישע שטורמיסטן אָדער פעלד־פּאָליציי. זיי האָבן אָנגעוויזן ווו עס וווינען רייכע יידן, אינטעליגענטן, געלערנטע אא"וו. מ'האָט צונויפגעזאַמלט ביי אַ 800 פּערזאָן און זיי אויף אַן אכזריות'דיקן אופן אומגעבראַכט. דאָס זענען די נעמען פון די אָסטראָלענקער קרבנות, וואָס זענען אומגעקומען פון די שטורמיסטן: מאָטל און מענדל ביאַלע, שמואלקע מאַרקעוויטש, חיים בענעדאָן, יצחק זאַבראָווסקי, דער גראָבער בינעס אַ זון, ברום דער פישער פון וויטשעכאָוויצע, דעם גרויסן יצחקס ייִנגסטער זון, גרינשפּאַן דער שניידער, דעם גרויסן יצחקס ייִנגערער איידעם. שעפּסל שראָן, יוסף תהילים און נאָך אַ סך, וואָס מיין זיכרון זאָגט זיך אָפּ צו געדענקען.

די דייטשישע שטאָט־מאַכט האָט געטענהט, אַז מ'האָט זיי גענומען אויף אַרבעט. אָבער מיר האָבן זיך דערוווּסט פון אַ קריסטין, וואָס מיט די 800 יידן איז געשען. די קריסטין האָט אונדז צוגעפירט צו אַן אָרט, וואָס איז געווען אומגעפער 15 ק"מ ווייט פון דער שטאָט. אַזוי ווי אויסער דער שטאָט האָט מען נישט געטאָרט גיין, האָבן מיר זיך פאַרשטעלט פאַר אַלטע באַבעס. זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, ווו דער גרוב געפינט זיך. מיר זענען געגאַנגען אַ גרופּע פרויען. איך, די גראָבע בינע, גאָלדע מאַרקעוויטש און נעכע ראשיניאַק, חיים בענעדאָנס ווייב. ווען מיר זענען צוגעקומען צו דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ האָבן מיר מיט די הענט גענומען אָפּשאַרן די ערד. ווען דער ערשטער שיכט ערד איז אָפּגעשאַרט געוואָרן, האָט אַ שטראָם בלוט אַ זעץ געטאָן אויף אונדז. דעם ערשטן וועמען מיר האָבן דערקענט איז געווען שמואלקע מאַרקעוויטש.

5

אין אויגוסט 1941 נעמט איבער די מאַכט אין סלאָנים די ס. ס. מיט דער זשאַנדאַרמעריע. איצט הויבן זיך אָן נייע פאַראָרדענונגען און פרישע גזירות. דער ערשטער באַפעל איז געווען, אַז מען זאָל צושטעלן די וויכטיקסטע פּערזאָנען צו שאַפן אַ יודנראַט. די פאָלגנדיקע פּערזאָנען זענען אויסגעקליבן געוואָרן צום יודנראַט: איינער אַ געוויסער בערמאַן, אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, דער 2־טער איז געווען אַ געוויסער מאָנטשקאָווסקי, אַן אַריסטאָקראַטישער מענטש, אַ מאַנופאַקטור־סוחר און נאָך אייניקע, וועלכע איך געדענק נישט זייערע נעמען. צו די סלאָנימער זענען צוגעאייניקט געוואָרן פאָלגנדיקע אָסטראָלענקער: מנחם פרידמאַן, איצל סאָיקע, משה מאַרקעוויטש און נאָסקע יאַבעק. די ס. ס.־לייט האָבן אָנגענומען די ליסטע און האָבן פאָרגעלייגט פון זייער זייט אַלס צוגאָב־מיטגלידער די 3 ברידער רוטקאָווסקי, איבער וועלכע מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדן. גלייך זענען אַרויס באַפעלן, אַז יידן טאָרן נישט אַרויסגיין אויסער דער שטאָט; מוזן זיך געפינען אין אַ באַשטימטן קוואַרטאַל; טאָרן נישט גיין אויף די טראָטואַרן, נאָר אויפן מיטן גאַס. אויסער דעם

דאַרף יעדער ייד זיך באַזאָרגן אין פאַרלויף פון 24 שעה מיט אַ געלער לאַטע, וואָס ער דאַרף טראָגן אויף דער לינקער זייט פּלייצע. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע בהלה און געשפּרייט זיך איבער אונדזערע קעפּ ווי אַ שוואַרצע כמאַרע. באַלד האָבן גענומען קלינגען אין אונדזערע אויערן די נעמען פון די ס. ס.־פירער און די זשאַנדאַרמעריע. איינער אַ הויפּטצורר מיטן נאָמען איק, אַ שייגעץ פון אַ יאָר 26, זיין ראַנג איז געווען פּולקאָווניק ביי די ס. ס.; פון דער זשאַנדאַרמעריע: אָפּיצער שולץ און אויבערלויטענאַנט מאגעלע. דאָס ערשטע האָט מען גענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטס־פּאַרטיילונג איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דעם יודנראַט לויט אַ באַפעל פון די ס. ס. די שטאָט סלאָנים איז אין די שלאַכטן שטאַרק רואינירט געוואָרן. אַ פּאָר הונדערט מענער און פרויען זענען גלייך איינגעשפּאַנט געוואָרן צום רייניקן און אויססאָרטירן דאָס געווער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף די אַרומיקע וועגן. יידישע בעלי מלאכות האָט מען איינגעטיילט, לויט זייערע פאַכן, אין פאַרשידענע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די ס. ס., זשאַנדאַרמעריע און ווערמאַכט. פרויען און ייִנגערע קינדער זענען אויך געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווייל יעדער וואָס האָט געאַרבעט פלעגט באַקומען דורכן יודנראַט אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג. די פרויען מיט די קינדער האָבן געאַרבעט ביים אָפּקלייבן די גאַנצע ציגל פון די חורבות, און זיי אויסלייגן אין אַ סדר אויף אונטערגעשפּרייטע יריעות פון ספרי־תורות, וואָס די ס. ס. האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די שולן און בתי־מדרשים. אַזוי האָט באַפוילן דער צורר איק. ביי דער דאָזיקער שוידערלעכער אַרבעט, האָבן די פרויען מיט די קינדער נאָך באַקומען שטאַרקע קלעפּ אַלס צוגאָב, ווען די אַרבעט האָט נישט אַזוי נושא־חן געווען אין די אויגן פון דעם דאָזיקן צורר. מיר האָבן זיך באַמיט אָפּצורוקן די ציגל וואָס ווייטער פון די ספרי־תורות. די גומענע „פּאַלקעס" זענען דאַן געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ ווי אַ האָגל. איק איז געשטאַנען מיט זיין הונט, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „יודע" און האָט סאַדיסטיש געלאַכט. אייך איז נישט געפעלן די דאָזיקע אַרבעט — האָט ער געזאָגט — ווייל איך מאַך חוזק פון אייער גאָט. אָבער אונדזער גאָט טראָגן מיר אומעטום, אפילו אויפן מיליטערישן גאַרטל־פּאַס. דאָרט שטייט געשריבן: „גאָט איז מיט אונדז", נישט מיט אייך. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן געאַרבעט די אָסטראָלענקער: חנה בענעדאָן, נעכע בענעדאָן, בלומה גע־דאַנקען, די געלע חיה׳טשע מיט די שוועסטער, אסתר שאַפּראַן, פעשקע גערצעק מיט דער טאָכטער, ליאַלקע דעם שוסטערס טאָכטער (ער האָט שוין נישט געלעבט), גאָלדע מאַרקעוויטש, צעציליע מיט דער טאָכטער און משה באָמשטיינס ווייב. אַממערסטן זענען מיר געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער ווערמאַכט. עס זענען געווען אויך „גוטע" דייטשן צווישן זיי, וואָס האָבן אונדז דערלויבט צו קויפן פאַרשידענע עסנוואַרג. אין אַ געוויסן טאָג, ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן מיר געהערט ווי די דייטשן רעדן, אַז זיי האָבן שוין באַלד די גאַנצע וועלט איינגענומען, בין איך צוגעגאַנגען נענטער און אַ פרעג געטאָן: נו, און די מיתה־משונה האָבן זיי שוין אויך איינגענומען... נעמט איינער אַרויס אַ מאַפּע און זוכט דאָרט דעם דאָזיקן פּונקט. ענטפערט ער מיר: דאָס קומט שוין זעלבסט. יאָ, הער קאַמאַראַד, דאָס קומט זיכער זעלבסט... מיר האָבן זיך נאָך פריילעך געמאַכט. געוואָלט נאָך מאַכן אַ ביסל שפּאַס אין דעם ים פון די צרות (ביי יעדער פרייער געלעגנהייט, האָב איך שטענדיק דערצו דעם טאָן געגעבן און ביי דער אַרבעט פלעגט פּאָרקומען אַמאָל אַ מין שפּאַסיקער ווערטער־אויסטויש מיט אונדזערע אויפזעער, וועלכע זענען נישט תמיד געווען צו אונדז גאַנץ שלעכט). אַלס סטאָלאַרעס האָבן דעמאָלט געאַרבעט: שרייטער דער סטעלמאַך, דער אַלטער לאַכאָוויטש, גרויסמאַן און בלום. אַלס שניידער: שיוואַק — דער זון מיטן טאַטן, יצחק מאַרקעוויטש און שעפּסל מאַרקעוויטש. אַלס זייגער־מאַכער: נאָסקע יאַבעק, ברוך און משה באָרענשטיין. אַלס קאַמאַשנשטעפּער: ליאַכאָוויטש (ער האָט חתונה געהאַט מיט בלומע כמיעלס טאָכטער אין דער מלחמה), שאַפּראַן, גערצעק, מאַקאָווסקי — אָט די אַלע האָבן געאַרבעט אויסער דער געטאָ. זיי האָבן געאַרבעט פון 6 פרי ביז 6 אָוונט און דערפאַר באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט. דער יודנראַט האָט געמוזט אַלץ באַזאָרגן די ס. ס., זשאַנדאַרמעריע און ווערמאַכט, וואָס נאָר זיי איז איינגעפאַלן אין קאָפּ.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַווייזן זיך די אַלע ס. ס. מיט דער זשאַנדאַרמעריע אין געטאָ. ס׳איז געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַניק. זיי האָבן דערקלערט, אַז אין משך פון 3 טעג דאַרף צוגעשטעלט ווערן פאַר זיי 20 לעדערנע מאַנטלען (10 ברוינע און 10 שוואַרצע), 20 טוץ זאָקן, 5 קאַראַקולענע מאַנטלען, 50 געמזענע פעלכלעך און נאָך אַנדערע זאַכן. מיט אַזעלכע „באַשטעלונגען" פלעגן זיי קומען יעדע פּאָר טאָג. דער יודנראַט פלעגט זיך דאַרפן ברעכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צונויפשאַפן דאָס געלט ביי די יידן, ווייל די פאַרמעגלעכערע האָבן אויסבאַהאַלטן זייער פאַרמעגנס אויף בעסערע צייטן. מען פלעגט דאַרפן בעטן אַ דערלויבעניש אויף צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק אָדער קיין וואַרשע כדי צו באַזאָרגן אָט די אַלע געפאָדערטע זאַכן. סלאָנים האָט נישט געקאָנט צושטעלן דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געפאָדערט. די דייטשן פלעגן מיטשיקן אַ 2 באַגלייטערס פון דער ווערמאַכט אָדער זשאַנדאַרמעריע. קיין ביאַליסטאָק פלעגן פאָרן: נחום גערצעק און שעפּסל מאַרקעוויטש. קיין וואַרשע פלעגן פאָרן: בליומע געדאַנקען, רחל געדאַנקען, ליבע רחל זילבערשטיין און חיים דאָרפמאַן. מען פלעגט זיך טוישן. אַלע מאָל אַנדערע, ווייל פאָרן האָט יעדער איינער געוואָלט.

6

ס׳איז געווען אין חודש סעפּטעמבער. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט מען אַרויסגעהאַנגען אין יודנראַט אַ מעלדונג, אַז די יידן דאַרפן אַריינטראָגן אין משך פון 24 שעה 4 קילאָ גאָלד, אַלע ווערטפולע צירונג, חפצים אין זילבער וויפל נאָר מען פאַרמאָגט און 100,000 רובל. אויף אַ געוויסער מאָס האָט עס אַרויסגערופן אַ דערלייכטערונג, ווייל די מעלדונג האָט קלאָר געזאָגט, אַז די, וועלכע וועלן נישט אָפּגעבן מיטן גוטן ווילן זייער צירונג, וועלן באַצאָלן מיטן לעבן, אַזוי אַז דאָס גאָלד

וועט אונדז קאָנען אויסקויפן פון טויט. מיר האָבן געבעטן אַ פאַרלענגערונג אויף 3 טעג, צוזאַמענגעשטעלט אַ שאַך־קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען געווען פאָרשטייער פון פאַרשידענע שטעט, ווי: אָסטראָלענקע, לאָמזשע, קאָלנע, אָסטראָוו, ווישקאָווע א״וו. לויט דער אָפּשאַצונג פון די דאָזיקע פאָרשטייער, אַזאַ שטייער האָט מען אַרויפגעלייגט. די אָסטראָלענקער אין דער שאַך־קאָמיסיע זענען געווען: משה מאַרקעוויטש, גערצעק, יאַבעק, און יאַנקל שאַפּראַן. ביים זאַמלען דאָס גאָלד זענען פאָרגעקומען פיינלעכע סצענעס, קריגערייען און געשלעגן צוליב אויסנאַמען און פּראָטעקציעס. אַלץ האָט געזוכט ווי זיך אַרויסצודרייען און וואָס ווייניקער צו געבן ווי מ׳האָט אָפּגעשאַצט. נאָך גרויסע ליידן, בלוט־פאַרגיסונגען און סקאַנדאַלן איז דאָס אַלץ געשאַפן געוואָרן. אַ וואָגן, אָנגעלאָדן ביז איבער די ברעגעס מיט גאָלד און זילבער, באַגלייט פון זשאַנדאַרמעריע און יידישע פּאָליציי, וואָס האָבן מיט אויפגעהויבענע הענט אונטערגעהאַלטן דעם באַרג יידישע אוצרות, יידיש האָב און גוטס פון דור־דורות, ער זאָל נישט צעפאַלן — האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער די גאַסן. פּערל און ווערטפולע שטיינער, זענען באַזונדער געטראָגן געוואָרן אין גרויסע וואַליזעס. דאָס גאָלד איז דערגאַנגען צו איבער 4 קילאָ. דער יודנראַט האָט באַשלאָסן אויף אַ געהיימער זיצונג צו געבן ווייניקער וויפל די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט, כדי זיי צו ווייזן אַז עס קומט אָן שווער דאָס צונויפזאַמלען, און דאָס וועט די נאַציס אָפּהאַלטן פון צו פאָדערן ווידער געלט. יעדנפאַלס קאָן דאָס דינען אַלס אַ רעזערוו פאַר נייע גזירות. די געהיימע זיצונג איז פאָרגעקומען, פאַרשטייט זיך, אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע יודנראַט־מיטגלידער, צווישן זיי די ברידער רוטקאָווסקי, וועלכע די דייטשן האָבן פּראָפּאָנירט צום יודנראַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַהאַלטן אונטער אַ ברעט פון אַ פּאָדלאָגע דאָס אַראָפּגענומענע גאָלד פון דעם אויפגעזאַמלטן, אַלס רעזערוו על כל צרה שלא תבוא: צו באַפרידיקן ס. ס.־זשאַנדאַרמען, וואָס פלעגן קומען פון צייט צו צייט און פאָדערן, ווערמאַכט־לייט און אפילו די פאָלקסדייטשן, וואָס האָבן אויך אַריינגעטרעטן אַלס מערדער אין דער נאַצישער מחנה. זיי אַלעמען האָט מען געדאַרפט איבערקויפן אין אַן עת צרה. ווען מ׳האָט געקאָנט זיך לייכטער מאַכן אויף אַ ווייל, איז אויך געווען גוט. דאָס גאָלד מיט דעם זילבער האָט מען אָפּגעליפערט אין דער זשאַנדאַרמעריע און די אַלע ווערטפולע חפצים זענען דירעקט געבראַכט געוואָרן צום הויפּט־שעף פון די ס. ס. איק. אַלץ איז געווען נאָך מער וויפל מ׳האָט געפאָדערט, נאָר דאָס גאָלד איז געווען נאָר $3\frac{1}{2}$ קילאָ אָנשטאָט 4! דער צורר איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פאָטעל, אַ טופּ געטאָן מיטן פוס און אַ ריטש אַרויס געטאָן: וואָרום?!... מען האָט אים געפּרוווט דערקלערן, אַז דער קורצער טערמין פון 3 טעג, האָט נישט דערמעגלעכט מער אויפצוזאַמלען. אָבער דער מערדער האָט זיך נישט באַרואיקט. דאַן איז גלייך געפאַלן אַ דערשאָסענער אויפן פּלאַץ דער ערשטער קרבן, ראַטמאַן מאַנשקאָווסקי. די איבעריקע זענען מיטגעפאָרן מיט איקן אין יודנראַט. דאָרט האָט איק גלייך אָנגעוויזן ווו עס ליגט באַהאַלטן דאָס גאָלד. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז די ברידער רוטקאָווסקיס שטיקל אַרבעט. בשותפות מיט די ס. ס. איק האָט זיך מערדעריש צעשריגן: „אַז איך זע נישט קיין יידיש בלוט זיך גיסן, ווער איך משוגע, און קאָן נישט לעבן״! — — עס איז נישט צו באַשרייבן, וואָס פאַר אַ דערשלאָגענעם רושם דאָס האָט אויף אונדז אַלע געמאַכט. מען איז געזעסן פאַרשפּאַרט און זיך נישט באַוויזן אויף דער גאַס. טויט־שרעק האָט אונדז אַלעמען באַהערשט. איק האָט פאַרשטענדלעך צוגענומען דאָס פאַרבאַהאַלטענע גאָלד, אַראָפּגעזעצט דעם יודנראַט און אַלע זיינע מיטגלידער אָפּגעשיקט אין תפיסה און דאָרט זענען זיי אומגעקומען. עס האָט זיך גלייך געמוזט שאַפן אַ נייער יודנראַט מיט נייע קרבנות, אָבער מיט אַ באַדינג, אַז די ברידער רוטקאָווסקי דאַרפן ווייטער פאָרזעצן זייער מיטאַרבעט אין דעם יודנראַט, ווייל דער צוטרוי פון די דייטשן צו זיי איז געבליבן פעסט און אומבאַרירט... ווידער אַ באַפעל, אַז דער יודנראַט זאָל אָננעמען אַלע מיטלען, עס זאָל געשאַפן ווערן נאָך 2 קילאָ גאָלד אין משך פון 24 שעה. פונוואַנען? ערשטנס איז קיין גאָלד נישט געווען אויפן פּלאַץ. צווייטנס איז נישט געווונטשן געווען צו ווייזן די נאַציס, אַז מען קאָן אַזוי לייכט באַקומען דאָס גאָלד. דער יודנראַט האָט געמאָלדן, אַז מער קיין גאָלד פאַרמאָגן נישט די יידן. דער נאַצישער הויפּטמאַן האָט דאַן באַפוילן אַרויסצורייסן די גאָלדענע ציין, וואָס יעדער האָט פאַרמאָגט. דער יודנראַט האָט באַשטימט צו דעם צוועק משה מאַרקעוויטש דעם צאָן־טעכניקער. אים צו הילף האָט מען צוגעשטעלט נאָך אַנדערע צאָן־טעכניקער. ווער עס האָט פאַרמאָגט אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל אָדער אַ קאָראָנע האָט זיך געשטעלט אין דער ריי, וואַרטנדיק מ׳זאָל אים מאַכן אָט די פיינלעכע און דערנידערנדיקע צאָן־אָפּעראַציע...

7

נאָך דער דאָזיקער ציין־פּראָצעדור האָט זיך אַלעמען געדאַכט, אַז דער מצב וועט ווערן פון איצט־אָן אין ווייטער אַביסל רואיקער. אין חודש אָקטאָבער, דער מאָנאַט פון רעגנס, האָט מען אָפּגעהאַלטן די אַרבעט אויף די גאַסן. איך און מיין טאָכטער האָבן געוווינט אין אַ לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ סלאָנימער גאַס, וואָס האָט געהייסן סאָוויעטסקאַיאַ. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו רייניקן דאָס געווער, וואָס מ׳האָט צונויפגעקליבן איבער די וועגן. עס האָבן דערביי געאַרבעט 800 פרויען און 1000 מענער, בערך. געווען זענען מיר אונטער דער אויפזיכט פון דער ווערמאַכט און קאָנטראָל פון דער געשטאַפּאָ. אַ וואָך פלעגט אונדז ברענגען צו דער אַרבעט און צוריקפירן. אין דער דאָזיקער וואָך, וועלכע איז געווען זייער שטרענג, האָט זיך געפונען אַן אויבערלויטענאַנט, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען, אַלס טעכניקער ספּעציאַליסט, אונדז לערנען ווי אַזוי צו רייניקן דאָס געווער. עס זענען געווען פאַרשידענע מינים געווער, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט וויסן ווי אַזוי זיך צו באַגיין דערמיט, ווי, למשל, האַנטגראַנאַטן א״וו. ער איז אויך געווען פון די, וועלכע זענען געווען זייער פריינדלעך צו יידן, און האָט זייער באַדויערט אונדזער לאַגע... מיט אונדז האָט געאַרבעט אַ יידישע אַרטיס־

טין פון לאָדזש מיטן נאָמען סאָניע (דעם פאַמיליען־נאָמען געדענק איך נישט), אַ קליין געוויקסיקע און אַ שוואַרצע, וואָס האָט פאַרפאַסט לידער אויף דער טעמע פון געטאָ. דער אויבערלויטענאַנט פלעגט שטיין אָן אַ זייט און זיך צוהערן צו אירע שיינע דעקלאַמאַציעס און באַדויערן, וואָס אַזאַ יונג מיידל מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און געפיל וועט דאָ דאַרפן פאַרלוירן גיין... ער פלעגט מיט איר ביי יעדער געלעגנהייט כאַפן אַ שמועס. דאָס מיידל האָט מיט אונדז צוזאַמען געוווינט. פלעגט ער אויסנוצן די געלעגנהייט, ווען ער האָט געדאַרפט דערליידיקן זיינע אַמטלעכע ענינים אין יודנראַט, אַריינפאָרן צו אונדז מיט זיין מיליטערישן וואָגן און אונדז איבערלאָזן פעקלעך מיט שפייז. איך שטעל מיך דאָ באַזונדער אָפּ אויף דער לייטישקייט פון דעם דאָזיקן אויבערלויטענאַנט, ווייל דאָס באַווייזט, אַז אין דעמאָלטיקער גרויסער יידישער פינצטערניש פלעגט זיך אויך אַמאָל־אַמאָל באַווייזן אַ פונק פון ליכטיקייט. דער דאָזיקער אויבערלויטענאַנט האָט געהאַט נאָר אַ מוטער. זיין פאָטער איז פריצייטיק געשטאָרבן און איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיין מוטער. ער האָט איר געוואָלט ברענגען פאַר אַ מתנה אַ פוטערנעם מאַנטל. ער האָט עס אונדז דערציילט בשעת ער האָט געדאַרפט פאָרן אַ היים אויף 10 טאָג אורלויב. מיר האָבן עס אים מיט ליבשאַפט באַזאָרגט. ער האָט דערפאַר גוט באַצאָלט מיט פאַרשידענע שפייזן, פאַפיראָסן און אַנדערע פראָדוקטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די סקלאַדעס פונעם לאַגער. דאָס האָט געדאַרפט זיין שטרענג־געהיים. ווען ער איז געקומען צוריק פון אורלויב, האָט ער געבעטן, אַז מיר זאָלן אים געבן אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז דער מאַנטל איז נישט צוגערויבט געוואָרן ביי קיינעם, כדי עס צו שיקן פאַר אַ באַווייז זיין מוטער, אַז דעם מאַנטל האָט זי באַקומען אויף אַן ערלעכן אופן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אים געגעבן אַזאַ באַשטעטיקונג. דאַן האָט ער אונדז געוויזן דאָס בילד פון זיין מוטער. אַ שיינע בלאָנדע פרוי מיט אַן ענערגישן אויסדרוק אויפן פנים. אויפן בילד איז געווען אַן אויפשריפט: „איך בין שטאָלץ אויף דעם, וואָס מיין זון איז אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע אין זיין באַציאונג. איך שיק אים דערפאַר מיין ברכה, ער זאָל האָבן דערפאָלג אין זיין אַרבעט און זיין גליקלעך". אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט דער אויבערלויטענאַנט באַקומען אַ באַפעל אויסצושפירן און צו פאַרניכטן רוסישע און אויך אַנדערע פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אויף אַ פראָנט, וואָס האָט זיך געצויגן צענדליקער ק"מ. זייערע נעסטן זענען געווען צעשפרייט פון דער שטאָט סלאָנים דורך טיף־אויסגעגראָבענע ערד־היילן ביז צו די ברייט־פאַרצווייגטע און געדיכטע וועלדער אַרום, וועלכע זענען שטאַרק דורך זיי אויסגענוצט געוואָרן צו די פאַרטיזאַנישע צוועקן. דער לויטענאַנט איז געווען זייער שטאַרק ספּעציאַליזירט אין זיין אויסשפיר־קונסט. דאָ האָט ער מיטן ערשטן בליק גלייך באַמערקט אַ זעמליאַנקע מיט פאַרשידענע מינעס (ווען ער פלעגט זיך אַרויסלאָזן אויפן „יאַגד" אַלס מומחה, און גאָר אָפט, און ער פלעגט עפעס באַמערקן, דאַן פלעגט ער זיך בכוונה אָפּזונדערן פון דער יידישער גרופּע, זיינע יונגע באַגלייטער, און זיך אינגאַנצן דערווייטערן פון דעם דאָזיקן מקום און זיינע באַגלייטער פלעגן זיך דאַן ווענדן אויף רוסיש צו די אויסגעבאַהאַלטענע פאַרטיזאַנער: „האָט קיין מורא נישט, מיר זענען יידן! שיסט נישט, מיר זענען מיט אייך!").

די דאָזיקע זעמליאַנקע האָט זיך געצויגן ביי 7—8 ק"מ. דאָ האָבן זיי באַמערקט 2 ביקסן און זייער פיל ביכער, טייל נומערירט אויף פאָליציעס און פיל ספרים האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט. ווייזט אויס, אַז דאָ איז געווען אַ צענטראַלער פונקט פון דער פאַרטיזאַנקע אין יענער געגנט. ווען מ'האָט אים איבערגעגעבן די אַלע פרטים, האָט ער געהייסן די זעמליאַנקע צוריק פאַרמאַסקירן. באַגלייט האָבן אים דאַן די פאָלגנדיקע יונגע אָסטראָלענקער יידן: יאַנקל שאַפראַן מיטן זון (יאַנקלען האָט ער זייער ליב געהאַט), גערצקעס זון מיטן נאָמען שמחה, חיים דאָרפמאַן און זיין פלימעניק (אויך דאָרפמאַן), מיין ברודערס זון יאַנקעלע געדאַנקען, אברהמל פרידמאַן, זונדל פרידמאַן און נאָך אַנדערע, סלאָנימער. דער אויבערלויטענאַנט איז געווען צופרידן מיט דער גרופּע. זיינע יונגע יידישע באַגלייטער, האָבן זיך אויך געפילט גוט. ער האָט אויסגעמיטן צו ברענגען שאָדן די פאַרטיזאַנער און קיין שפייז אויף דער רייזע האָט אויך נישט געפעלט. זיי פלעגן גאַנץ פרי אַרויספאָרן און אויף דער נאַכט צוריקקומען אין געטאָ. פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט געמוזט מיט עפעס קומען, צו ווייזן אַז מ'האָט אויפגעטאָן. אַממערסטן פלעגט מען ברענגען געווער פון די וועגן.

8

די ידיעה וועגן דעם גרויסן ווילנער פאָגראָם, איז טראָץ די שטרענגע צענזור דערגאַנגען אויך צו אונדז אין אַרבעטס־לאַגער, פון די דייטשן אַליין. די יונגע מענטשן האָבן אויפגעוואַכט פון זייער פאַרגליווערטקייט און אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן איבער דעם מצב, אין וועלכן זיי געפינען זיך. עס זענען פאָרגעקומען געהיימע באַראַטונגען וועגן אַ מעגלעכער אַקציע פון אונדזער זייט, שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נישט צו לאָזן זיך אויסשעכטן ווי קעלבער. אין איין און דערזעלבער צייט, ווען מיר האָבן דיסקוטירט איבער די קאָנקרעטע פאָרמען פון אונדזער געפלאַנטער קעגן־אַקציע, האָט די רוסישע פאַרטיזאַנקע געוואָרפן פלוג־בלעטלעך אין דער רוסישער שפּראַך, בזה הלשון: „יידן! די דייטשן גרייטן זיך אייך אַלעמען אויסצוהרגענען! מיר, די פאַרטיזאַנער קעמפן קעגן געמיינזאַמען שונא! קומט מיט אונדז! ברענגט מיט זיך דאָס רעשטע געלט, וואָס איר האָט! כדי מיר זאָלן זיך קאָנען באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן. נישט דאַרפן רויבן ביי דעם פויער. דעמאָלט וועלן מיר קאָנען פאַר אַלץ צאָלן! יידן, פאַרשפעטיקט נישט! קומט גיכער אין אונדזערע רייען!" די ידיעות וועגן ווילנער פאָגראָם און די רוסישע פלוג־בלעטלעך, האָבן אונדז געוועקט צום קאַמף. יונגע חברים און חברטעס זענען באַשטימט געוואָרן אויף קאָנקרעטע אַקציעס. אָבער באַלד אויף מאָרגן פלעגט די געסטאַפּאָ זיי אַרעסטירן און אויפן פלאַץ דערהרגענען. עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן יעדע 3 פערזאָן געפינען זיך 2 פאַררעטער. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער קרבן,

וואָס איז געפאַלן פון פאַראַט, איז געווען אַ שטאַרקער מאָראַלישער קלאַפּ, וואָס האָט אַנטמוטיקט און אויף אַ צייט אָפּגעהאַלטן דאָס פאָרמירן די אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט פון אונדזער אַקציע.

אַ 3—4 ק"מ פון סלאָנים געפינט זיך אַ קליין שטעטעלע. דאָרט האָבן זיך געפונען אַ סך היימלאָזע. זיי פלעגן באַקומען דערלויבענישן אויף צו קומען אין שטאָט אַריין צו פאַרשידענע אַרבעטן ביים דייטש. עס איז געקומען די צייט פון די ימים נוראים. די עלטערע לייט האָבן זיך געגרייט צו די הייליקע פאָרכטיקע טעג און געקומען אין שטאָט אַריין. ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג האָט אונדז געטראָפן די שוידערלעכע ידיעה וועגן זייער אומקום. דער נאַצישער בלוטהונט איק מיט זיינע באַהעלפער זענען אַוועק צו זיי 5 אַזייגער פאַרטאָג, זיי אַרויסגעיאָגט פון די בעטן און אויפן פלאַץ זיי אַלעמען דערשאָסן. ביי 300 נפשות. די גענויע דאַטע פון דעם מאָרד געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז עס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר ראָש־השנה. צווישן די היימלאָזע, וועלכע זענען דאַן אַראָפּגעקומען אין שטאָט האָבן זיך געפונען די פאָלגנדיקע אָסטראָלענקער: חיים שימאַן מיט זיין פרוי, טאָכטער, איידעם און קינדער, פריידקע שאַפּראַן מיטן מאַן, אברהם חיים דאָרפמאַן מיט 2 קינדערלעך (זיי האָבן געהאַט אַ וואַרשטאַט צו פאַרריכטן ראָווערן), איטע שרעדניע (דער זון זיסקינד איז געקומען מיט אַ טאָג פריער, איז ער פאַרבליבן נעכטיקן ביי מרים שטיינבערג), די טאָכטער זייפטל מיטן מאַן, מאיר מיט 2 קינדערלעך און חנה שרעדניע מיט איר מאַן און קינד, נפתלי דער זייגער־מאַכער מיט די טעכטער און איידעמס און קינדערלעך. זיי זענען אַלע אומגעקומען.

9

דער פיין און די ליידן אין געטאָ, האָבן דאָך נישט אָפּגעהאַלטן אונדזערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע יידן צו פּראַווען די יידישע יום־טובים כדת וכדין. אין אַ הינטער־געסל זענען קינדער געשטאַנען אויף דער וואַך, שטאַרק אַכטונג געגעבן, טאָמער קומט ווער אָן פון דער זשאַנדאַרמעריע אָדער אַזוי אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס פלעגט על־פי־רוב נישט אָנזאָגן קיין גוטס... כאָטש קינדער האָבן אויך נישט געטאָרט זיין אָפיציעל פריי אויף דער גאַס, דאָך האָט עס געדינט פאַר אַ שטיקל שמירה. דאַן האָבן יידן איינגעהילטע אין טליתים זיך געשטעלט דאַווענען און טיף אין זיך געשלוכצט, גאָט געבעטן אויפן אויסלייז פון דעם היטלעריסטישן גיהינם. ראָש־השנה — יום־כיפור פלעגן דאַווענען פאַרן קהל אין געטאָ מיין פאָטער פיניע געדאַנקען און איצל סאָיקע. מיין פאָטער האָט געדאַוונט שחרית און איצל סאָיקע מוסף. עס איז געווען אַ תפילה פון פיין און בלוט. עס איז מיר אוממעגלעך צו באַשרייבן דעם שוידערלעכן איינדרוק פון די דאָזיקע תפילות. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט די כלומרשטע רואיקייט. מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרשפּרייטן אומרואיקע קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעזאָגט: געפאַר! דער פרויען־אָפּטייל האָט פּלוצלונג באַקומען אַ באַפעל אויסצופאַרטיקן די בלויע שיינען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאַניק. גלייך איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, מען זאָל זיך טוישן מיט די דירות. עס האָט זיך באַלד געלאָזט מערקן, אַז די גוטע אַרבעטער ד. ה. פאַכמענער און ספּעציאַליסטן וועלן קאָנצענטרירט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל — אָפּגעשיידט דורך אַ וואַסער פון אַלע איבעריקע. אין דעם רעזערווירטן קוואַרטאַל, האָט מען באַזעצט שניידערס, שוסטערס, קאַמאַשנמאַכער, גלעזער און זייגערמאַכער. דער דערמאָנטער קוואַרטאַל האָט פאַרנומען אַ שטח גרויס, לאָמיר זאָגן — ווי די ציגיינסקע גאַס אין אָסטראָלענקע, בערך. די איינגעקוואַרטירטע האָבן געציילט אַ פּאָר הונדערט מאַן שוין צוזאַמען מיט זייערע משפחות. די אַרבעטער וואָס האָבן געהערט צו דער ווערמאַכט האָבן געוווינט אין די קאַזאַרמעס. דער יודנראַט האָט דאַן אָנגעהויבן אַ „שאַכער־מאַכער" געשעפט מיט די עטלעכע הונדערט שיינען, וואָס זיי האָבן געדאַרפט צוטיילן צווישן די יונגע אַרבעט־מענטשן. יידן פאַכלאָזע האָבן געצאָלט צו הונדערטער דאָלאַרן פאַר באַקומען אַ שיין־רעכט אָנצוקומען אין דעם מיוחסדיקן פאַכלייט־קוואַרטאַל. אַנדערע ווידער האָבן „געשלעפט" זייער פאַרמעגן, איינגעשטעלט דאָס לעבן און עס אַוועקגעטראָגן צו באַקאַנטע קריסטן, כדי צו באַקומען פאַר דעם אַ באַהעלטעניש אין זייערע וווינונגען. אַזעלכע פאַרמעגלעכע משפחות זענען געווען אַ סך. עס איז מיר אוממעגלעך אָנצוגעבן די נעמען פון די דאָזיקע משפחות, ווייל דער מסחר מיט די גוייִשע שכנים איז אָנגעגאַנגען, פאַרשטייט זיך, אין געהיים. איך וועל דאָ בלויז דערמאָנען נעמען פון די אייגענע משפחה־לייט: מענדל געדאַנקענס פרוי רחל מיט דער טאָכטער פאָליאַ און יינגסטן זון יאַנקעלע געדאַנקען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן וווינען ביי קריסטן, ווען מענדל געדאַנקען מיט די 2 זין זענען שוין געווען אומגעקומען. פאָליאַ האָט געאַרבעט אין אַ דייטשישן שפּיטאָל אַלס שוועסטער (זי האָט געענדיקט דעם קורס ביי די רוסן), האָט זי דערפאַר אַלעמאָל מער נייעס געוווּסט ווי אַלע אַנדערע. שרה דבורה זילבערשטיין מיט די טעכטער צביה און ליבע רחל האָבן אויך געוווינט ביי גויים. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן די פּאַניק און די שרעקלעכע זאָרג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון די נאַצישע מערדערס גאַנצע 15 טעג. דערווייל האָבן שוין אָנגעהויבן זייער „שיינע" אַרבעט די ברידער־מוסרים יודקאָווסקי ווי אויך זייערע אַ שוועסטער און איינער אַ לאָדזשער מיטן נאָמען באיער, בריגאַדיר פון דעם סטאָליאַר־אָפּטייל ביי דער זשאַנדאַרמעריע שולץ און נאָך ווער, וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן. ווי נאָר די נאַציס האָבן זיך דערוווּסט דורך די אויבנדערמאָנטע מוסרים וועגן דער פּאַניק אויף דער יידישער גאַס און אַז מען זוכט באַהעלטענישן און יונגע מענטשן לויפן אין די וועלדער — האָבן זיי גלייך באַוואַכט אַלע וועגן און יעדן טאָג האָט מען אומגעבראַכט יונגע כוחות. איק האָט באַלד גערופן דעם יודנראַט, אַז ער זאָל אויפפאָדערן אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן געלויף און צונישט מאַכן די גאַנצע פּאַניק, דורך אַ מעלדונג, אַז אַרבעט איז פאַראַן גענוג און עס וועלן נאָך אויספעלן אַרבעטס־הענט. אַזאַ מעלדונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם ערשטן אָדער דעם 10־טן נאָוועמבער 1941. אָבער נישט יעדן האָט די דאָזיקע מעלדונג געקאָנט באַרויקן. כאָטש פיל יידן האָבן זיך אויף דעם סמך

צוריקגעקערט צו זייער „אַלטער היים", זיך לאָזנדיק פאַרפירן פון דעם דייטשישן שווינדל. אַלס אַ באַשטעטיקונג צו מיין פאַרדאַכט, האָט געדינט די לעצטע ידיעה, ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָנערשטיק, דעם 13 נאָוועמבער, 6 פאַרנאַכט, האָבן די יידישע פאַכלייט פון רעזערווירטן אַרבעטס־קוואַרטאַל באַקומען די בלויע שיינען פאַר זייערע משפחות. גלייכצייטיק האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס זענען אָנגעקומען נאָך פיל מערדערס פון אַנדערע שטעט. די שרעקלעכע איבערלעבונג פון דער דאָזיקער נאַכט — קאָן קיין מענטש גאָר זיך נישט פאָרשטעלן. די אומגליקלעכע יידן זענען אַרויס אויף מאָרגן צו זייערע אַרבעטס־פליכטן. דאָס איז געווען פרייטיק דעם 14־טן נאָוועמבער. האָבן די נאַציס געזאָגט:

„הויטע פייערטאַגע ביי יודן!
צוריק צו האַוזע!
הויטע קיינע אַרבייט!"...

די דאָזיקע ווערטער שרייב איך מיט בלוט, נישט מיט טינט.

דער נאַצישער איך מיט זיין הונט: „יודע" צוזאַמען מיט דעם בריגאַדיר שולץ זענען גלייך נאָכדעם אַריינגעגאַנגען אין געטאָ ווי מחבלים און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם יודנראַט, אַז אַלע יידן ווערן היינט אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט קיין פרוזשאַנע, און דאַרפן זיך גלייך צונויפקומען אין די זאַמלפונקטן. זאַמלפונקט 1: גאַס קראַסנאָאַרמייסקאַיאַ, זאַמלפונקט 2: אויפן גרויסן מאַרק. יעדער האָט, פאַרשטייט זיך, געזאָרגט מיט צונעמען מיט זיך דאָס בעסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט און דאָס נויטיקסטע צום טאָג־טעגלעכן געברויך. אין דער דאָזיקער הויז, ווו איך האָב געוווינט מיט מיין זעליקן פאָטער פיניע געדאַנקען, האָבן אויך געוווינט: שילעם ראָשיניאַק מיט זיין משפחה, דער אַלטער דן מיט זיין פאַמיליע, שראָנס ווייב מיט דער פאַמיליע, דער פישער פון וואָיטשעכאָוויצע, יאַנקל דוד לעשטש מיט זיין משפחה, די אַלטע בענעדאָניכע און איר שוועסטער מלאך מיט אירע קינדער, און דער שטריקמאַכער (די אַלטע איז געווען קראַנק אויף די אויגן, האָט זי זיך געלייגט צו בעט, מיינענדיק אַזוי־ערנאָך זיך צו ראַטעווען). אַלע זענען אַרויס צום זאַמלפונקט. איך, מיין געפאַלענע טאָכטער מיט דער אַרטיסטקע, וואָס איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, שראָנס טאָכטער מיט אירס אַ יינגעלע, ווי אויך די אַלטע בענעדאָניכע — זענען נישט אַרויס. מיר האָבן זיך אויסגעפינען אַ נאָרע און זיך דאָרט באַהאַלטן. חוץ פחד און טויטשרעק האָבן מיר פיל איבערגעלעבט פון די שוידערלעכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין אונדזער באַהעלטעניש. דער פראָסט האָט אונדז פיל אַרויסגעהאָלפן. די שמוץ און צואה, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן, זענען פאַרפרוירן געוואָרן, און דאָס האָט געמאַכט פרייער דעם אַריינגאַנג און ווי אויך דעם אַרויסגאַנג... איך פלעג זיך פיל מאָל אַרויסכאַפּן און ברענגען עפּעס שפּייז, אַ קלייד אָדער אַ וואַרימע זאַך זיך צו צודעקן. מיין פאָטער ע"ה האָט נישט געוואָלט אַראָפּגיין מיט אונדז אין דער באַהעלטעניש, טענהדיק, אַז די נאַציס וועלן סוף־סוף זיך כאַפּן אויף דעם (ער האָט טאַקע דערמיט רעכט געהאַט), ווען אַלע וועלן זיך באַהאַלטן. ער האָט זיך געגרייט צו דער „רייזע", אָנגעטאָן

זיך וואַרעם, מיטגענומען אַ סך טיי און ציגאַרן (טיי און פּאַפּיראָסן זענען געווען פון מיין פאָטערס ערשטן געברויך), און זיך געלאָזט צום זאַמלפונקט. ביי אונדז אין דער באַהעלטעניש איז געווען אַ שטאַרקע פראַגע, פאַר וואָס דער לויטענאַנט האָט אונדז נאָך נישט באַזאָרגט מיט לעבנס־שיינען? ווייל ער האָט אונדז פאַרשפּראָכן, אַז אַלץ וועט זיין אין בעסטער אָרדענונג. בין איך אַלעמאָל אַרויסגעקראָכן פון דער באַהעלטעניש, אפשר וועל איך אים ערגעץ באַמערקן. דאָ זע איך: דער קוואַרטאַל איז שוין איינגאַנצן אָפּגעשניטן, נישט אַריין און נישט אַרויסצוגיין. און פּלוצלונג איך בין שוין ביי די נאַציס אין די הענט און קאָן שוין נישט זיך אומקערן צוריק אין מיין באַהעלטעניש. געדיכטע מחנות נאַציס, ווייסרוסן און ליטווינער זיי צוהילף לאָזן זיך אין געיעג און נישטערן ווו נאָר אַ פאַרשטעקטע נאָרע כדי צוכאַפּן אַ ייד. מיין לאַגע איז געווען אַ טאָפּל־פאַרצווייפלטע. איך האָב מורא געהאַט פאַר מיין טאָכטער, זי זאָל נישט אַרויסקריכן פון דער נאָרע. אויף דער גאַס האָט אַ יידישע מאַסע פון צענדליקער טויזנטער געוואַרט אין דער ריי טראַנספּאָרטירט צו ווערן צום נייעם אַרבעטס־פּלאַץ. אַרויסראַטעווען זיך פון דאַנען איז געווען אוממעגלעך. דער פונקט איז געווען, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אויף דער גאַס קראַסנאָאַרמייסקאַיאַ און אויפן מאַרק. די ערשטע לאַסט־וואָגנס באַוועגן זיך שווער אָנגעפילטע מיט יונגע מענער, פרויען, קינדער, אַלטע און קראַנקע גייען צופוס. סלאָנים פאַרמאָגט אַ סך דאַנבעס ד. ה. אַ בריק און אונטן וואַסער. ווען מען קומט אַרויף אויף דער בריק, נעמט מען צו די קליינע קינדער ביי די מוטערס, איינגעוויקלטע אין פּאַטשיילעס. מ'רייסט אַרויס דאָס קינד פון דער מאַמעס אָרעמס און מען וואַרפט עס איבערן בריק אין וואַסער אַריין. די געוואַלדן פון די קינדער און פון די מוטערס שפּאַלטן דעם הימל. דאָס בילד איז שוידערלעך ביז גאָר! דאָך איז געווען צו מיינען, אַז מ'פירט אונדז, דערוואַקסענע צו אַרבעט, ווייל אַזוי ווי די קליינע קינדער וואָלטן געשטערט זייערע מוטערס ביי דער אַרבעט, דעריבער וואַרפט מען זיי אין וואַסער!... אָבער ווען עס ווערט געגעבן דער באַפעל, אַז אַלע יידן פאַרן אַריינגיין אינעם לאַסט־אויטאָ מוזן איבערגעבן אַלע ווערטפולע חפצים און אויסטאָן פון זיך די טייערע בגדים, ווי: פוטערס, פאָקענע מאַנטלען אא"וו. ווערט קלאָר אַז מ'פירט אונדז צום טויט. דאָס איז שוין זיכער. אַזוי גייט דער נאַצי־טייוואָלנישער נוסח: עס גייען די לאַסט־וועגנער אויף אַ מהלך פון 3 ק"מ ביז זיי קומען אָן צו די אויסגעגראָבענע גריבער. דאַן עפנט זיך ביי דער הינטער טיר אַ קלאַפּע און שליידערט אַרויס די מענטשן גלייך אין גרוב אַריין. דאָס קנאַלן פון די מאַשין־געווער פאַרענדיקט דערנאָך דאָס לעבן פון די קרבנות. מיר די פוס־גייער זענען געבליבן אויפן פעלד אין אַ צאָל פון 400 מאַן. מיר ווערן סאָרטירט. מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. ווידער ווערן מיר אויפגעפאָדערט איבערצוגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן און אויסטאָן פון זיך די קליידער. פרויען דאַרפן אויסטאָן פון זיך מערער ווי מענער. עס ליגן שוין פאַר אונדזערע אויגן גאַנצע הויפנס מיט ווערטפולע חפצים. ראַשקע וויגאָדע, שאַפּראַנס אַ שנור (איר מאַן

האט געהייסן יאנקל), איז אויך געווען ביי דער דאזיקער „אקציע“, אירע הענט זענען געווען פארבונדן מיט באנדאזשן. אז מ׳האט איר געפרעגט די סיבה, האט זי געענטפערט, אז די הענט זענען ביי איר זייער קראנק און פול מיט ראנעס. נאכהער האבן מיר זיך דערוווסט פון איר, אז איר גאנץ פארמעגן האט זי געהאלטן אונטער די באנדאזשן... וויינצימער מיט זיין פרוי (מ׳האט זיי גערופן: „קאפטשאך“) זענען אויך מיט אונדז געווען. זיין פרוי האט באקומען א סך קלעפ אויפן פעלד, ווייל זי האט נישט געוואלט אויסטאן פון זיך דעם פוטערנעם מאנטל. מ׳האט באקומען גענוג מכות־רצח איידער מ׳איז געקומען צום טויט. די ליטווינער האבן זייער פיל שנאפס געטרונקען און דערצו פלעגן זיי באקומען איינשפריצונגען, אז זיי זאלן ווערן גוט ווילד און אכזריותדיק צו זייערע קרבנות. איך מאך א טריט אויף הינטערוויילעכץ און צי מיך צו די לעצטע רייען. די נאציס שטערן נישט, זיי ווייסן, אז פון דאנען קאן מען סיי־ווי־סיי נישט אנטלויפן. דער געדאנק פון ראטעווען דאס לעבן, גיט מיר צו מוט. אפשר וועט זיך שאפן א געלעגנהייט אין לעצטן מאמענט? איך ווער איינגאנצן פיינלעך ווען איך זע, ווי מיין פאטער שלעפט זיך מיט א שווערן פאק אין די הענט. דער פראסט ברענט און „סמאליעט“־אפ די גלידער. נאר איך פיל דאס נישט. אונדזער גאנצע מחשבה איז איצט געווענדט צום טראנספארט פון די לעבעדיקע מתים, וואס מארשירן צום פארניכטונגס־פונקט. עס איז צו באמערקן די געניע טייוולאנישע פינקטלעכקייט פון די דאזיקע מערדער. די אויסראטונגס־קאמפאניע האט געהאט א ליסטע פון 10.000 פאראורטיילטע צום טויט. ווען עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אנשטאט צען טויזנט זענען פאראן 10.001 ד. ה. א י י ן פערזאן מערער — האבן זיי ארויסגענומען פון די רייען א יינגעלע פון א יאר 8 (ער איז געווען א בלאנדער!) און אים אפגעפירט צוריק אין שטאט, כדי עס זאל שטימען. דאס יינגעלע איז גראד געווען אונדזער אן אסטראלענקער, נפתלי דעם שוחטס אן אייניקל (זיי האבן געהאט א געשעפט פון ראווערן אין דער שול־גאס).

10

ווי אויבן דערמאנט זענען מיר געבליבן די רעשטלעך פון דער גרויסער אויסראטונגס־אקציע אין א גרופע וואס האט געציילט 400 פערזאן. עס איז געווען א געמיש פון פארשידענע טיפן, וואס האבן מיט זיך פארגעשטעלט א מין כלל־ישראל, און געבעטן ביי דעם וואס אין הימל, ער זאל אונדז באווייזן א נס. לויט דער דייטשישער פינקטלעכקייט, האט מיט אונדז געדארפט די אקציע פארענדיקט ווערן 3 אזייגער נאך מיטאג. דער הימל איז געווען רויט פון די בלוט, וואס האט ארויפגעשפריצט צו אים פון דער ערד. מ׳האט געווארט אויף א נס, אבער צום באדויערן זיך נישט דערווארט...

דערווייל האט מען אנגעפילט באזונדערע לאסט־וועגענער מיט קאסטנס גאלד, זילבער און בריליאנטן ווי אויך פוטערס און טייערסטע חפצים. ווען די מערדער זענען אפגעפארן מיט דעם גוטס, האבן די ליטווינער אויסגעטאן די העלעמס פון די קעפ און דארט אנגעפאקט פול גאלד, און דאלארן האבן זיי אנגעשטאפט אין די שטיוול און אין זייערע קעשענעס. כאטש זיי זענען, געווען שרעקלעך שיכור און באזויפן, האבן זיי דאך אויסגענוצט דעם מאמענט און געהאט פאר זיך שכל... דא הערן מיר ווי איינער זאגט צום צווייטן אויף רוסיש, אז היינט וועלן זיי דעם גרוב נישט פארשיטן, נאר מארגן פרי... מען פירט אונדז שוין צום גרוב. מיר געפינען זיך א 700 מעטער ווייט פון אים בערך. וואס איך האב געטראכט אין דעם מאמענט, געדענק איך נישט. איך האב נאר געפילט ווי איך ווער אריינגעשליידערט אין א ריזיקן זאמד־גרוב, דערנאך: א צוויי־דריי קנאלן איבער אונדז פון די מאשין־געווער און ס׳איז געווארן טויט־שטיל... איינער האט נישט געוווסט פון דעם צווייטן, צי ער לעבט.

ווען עס איז שוין געווארן גוט פינצטער, האט מען געהערט פון צייט צו צייט א זיפץ, א קרעכץ פון דעם בארג טויטע און האלב טויטע מענטשן, און טיילמאל אויך א געשריי: „געוואלד! מענטשן! ראטעוועט!“, וואס איז געבליבן ווי א קול קורא במדבר. ווער האט דעמאלט געקאנט קומען ראטעווען? מיר די פאר לעבנגעבליבענע, זענען נישט געווען בכוח ארויסצושלעפן די לעבעדיקע פון זייער מוראדיקן קלעם. מיר האבן זיך קוים אליין אויף די פיס געהאלטן. מיר זענען געווען פארדושעט הינטער דער גרויסער מעכטיקער מאסע, אז מיר האבן זיך קוים אליין ארויסגעשלעפט פון דעם דאזיקן מתים גרוב. 28 פערזאן זענען מיר געבליבן לעבן. יעדער איינער פון אונדז האט זיך געלאזט אין א באזונדערע ריכטונג. איך געדענק נאר, אז עס איז געווען שפעט ביי נאכט. מיר זענען געווען איינגאנצן נאס פון בלוט. מיר האבן געצווייפלט, צי זענען מיר טאקע לעבן געבליבן. מיר האבן נישט געטארט גיין אין איין ריכטונג. נאר אויף אזא אופן איז געווען א מעגלעכקייט זיך צו ראטעווען. איך בין געגאנגען, וווהין — ווייס איך נישט. איך האב זיך געשלעפט אויף די פיס. דא זע איך א גאניקל לייכט ארויס פון א נאענטן דארף. גיי איך אין דער ריכטונג פון דער שיין. דערנענטער זיך צו א פויערישהייזעלע. איך קלאפ־אן. מען לאזט מיך אריין. איך וואש אויס מיינע קליידער פונעם בלוט און זיי טריקענען זיך ביז אין דער פרי. דאס איז געווען שבת, דעם 15־טן נאוועמבער, 1941. עס איז אנגעקומען דער פרימארגן. מיינע ערשטע טריט זענען געווען צו מיין טאכטער. צי איז זי און אויך די איבעריקע געבליבן לעבן אין דער נארע. איך האב זיי אלע געטראפן גאנץ און דערציילט וואס עס איז געשען. די שמחה מיט מיר איז געווען אין לשער. איך האב זי גלייך ארויסגענומען פון דעם שמוציקן פלאץ. פון דער אנדערער זייט האט די גאס אויסגעזען ווי א וויסטער יריד. קיינער האט נישט געוווסט צי די אקציע איז שוין פארענדיקט. איך האב דערציילט דאס אלץ וואס איז פארגעקומען. מיר אליין האבן אויך אויסגעזען ווי מתים. די געוואלדן, די וויינערייען איז נישט צו באשרייבן. דא דרייען זיך ארום קינדער. דא א פרוי. דא א טאטע. מען זוכט זיך איינע די אנדערע. איך לויף א קוק טאן וואס עס הערט זיך מיט מיינע נאענטע. דא באגעגנט מיך מיין ברודער מענדלס זון יאנקעלע, דער יינגסטער — ער זוכט דעם טאטן. עס איז נישט צו שילדערן דעם פיין פון די איבערגעבליבענע נאך אן

אַקציע. אויך פון די 28 געראַטעוועטע זענען נישט אַלע געבליבן. די ברידער־מוסרים יודקאָווסקי האָבן גלייך איבערגעגעבן איקן מיט שולצן, אַז עס זענען געקומען יידן צוריק פון די גריבער (זיי האָבן אַלעמען איינגערעדט, אַז מ'האָט אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט). 14 פערזאָן פון די 28 האָט מען גלייך זונטיק דעם 16־טן אַרויסגעפירט 4 אַזייגער נאָכמיטאָג אויפן יידישן בית־עולם און זיי דערשאָסן.

✶

פיל גרויזאַמעס האָבן מיר נאָך דורכגעמאַכט אין די עטלעכע יאָרן, ביז מיר האָבן דערלעבט דעם טאָג פון דער באַפרייאונג, וואָס איז אונדז, די פאָר על־פי־נס איבערגעבליבענע, שוין נישט באַקומען. איך האָב פאַרלוירן מיין איין־און־איינציקע טאָכטער און בין געווען דער דערשיטערנדיקער עדות ביים גרויזאַמסטן סוף פון אונדזערע אָסטראָלענקער. איך פאַרצייכן עס מיט בלוט פון מיין האַרץ פאַר די קומענדיקע — אייביק צו געדענקען און נישט צו פאַרגעסן, וואָס עס האָבן אונדז אָפגעטאָן די דייטשישע עמלקים, די יידן אויסראָטער *).

חיה סאיקע־יאבלאנקע (תל־אביב)

אונדזער בונקער אין ביאליסטאקער געטא

האַרבסט, 1943. שוין באַלד 2 חדשים ווי ביאַליסטאָק איז „יודן־ריין". די לעצטע 30.000 יידן פון דער געטאָ זענען דורך די דייטשן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע און אוישוויץ. מיר, אַ גרופע פון 43 מענער, פרויען און קינדער, געפינען זיך אין אַ בונקער אונטער דער ערד, אויף יוראָוויעצקאַ גאַס 28. עס איז שרעקלעך ענג, פינצטער און דומפיק אין דעם דאָזיקן לעבעדיקן קבר. אַ גאַנצן טאָג זיצט מען שטיל, צוגעפרעסט איינער צום אַנדערן און מער ווי דעם אָטעם פון די אַרומיקע הערט מען נישט. אַפילו די קליינע קינדער, וועלכע געפינען זיך מיט אונדז, שווייגן פאַר פחד, מען זאָל אויבן נישט דערהערן... דערפאַר אָבער ווען עס פאַלט צו די טונקלקייט און מען הערט נישט מער די שווערע טריט פון די בעסטיאַלישע פאַטרולן אויף דער גאַס, וואַכן־אויף דער הונגער און דער דורשט. די ענערגישע און די פלינקערע פון אונדז (די ערשטע: מיין שוועגערין חיה, מיין ברודער משה אהרנס פרוי, היינט: קיימאַן, געפינט זיך אין אַמעריקע) שפרינגען אַרויס דורך דער געעפנטער קונציקער טירעלע פונעם בונקער — אויבן. עס איז אַ כישוף־טירעלע, וואָס באַשיצט אונדז ביי טאָג פאַרן שונא און עפנט פאַר אונדז דעם הימל ביי נאַכט. וויפל האָפנונגען, ווונטשן, חלומות און תפילות זענען פון די 43 נפשות אָפגעגעבן געוואָרן אָט דער טירעלע פון אויסלייזונג און רעטונג...

מיט פאַרשאַרפטע חושים פאָרשן מיר דעם אַרום. עס איז שטיל אינדרויסן, אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט און די לופט איז אַ חיות. צו צוויי אָדער דרייוויז לאָזט מען זיך לויפן זוכן עפעס שפייז אין די ליידיקע דירות. פאָרזיכטיק און מיט אימפעט. מען ברענגט צוריק אַ זעקעלע גרויפן, אַ ביסל קאַרטאָפל, שטיקלעך פאַרדאַרטע ברויט און אַמאָל אַביסל צוקער. די, וועלכע לאָזן זיך צו אַ גאָרטן — האָפן צו געפינען די לעצטע טאָמאַטן, ציבעלעס, קאַרטאָפל. עס ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער. אין די שאַפעס, שופלאָדן און קיכן פון די אומגליקלעכע דעפאָרטירטע יידן, געפינט מען אַ סך זאַכן, אָבער נישט דאָס וויכטיקסטע: שפייז. מיט אומעט ברענגט מען צוריק ליידיקע זעקעלעך. אַנטוישטע באַגעגענען מיך די גרויסע בלוי־גרויע אויגן פון מיין טאָכטערקע יהודיתקע, די שוואַרצע גלאַנציקע אויגעלעך, וואָס זענען שוין האַלב אויסגעלאָשן, פון מיין זונעלע לושעק און זייערע ביידנס פאַרטרויערטע און שטאַרק אָפגעצערטע פנימלעך.

דער שפעטער פראָסטיקער נאָוועמבער, האָט גאָר נישט געלאָזן קיין גרינס אין גאָרטן. עס באַפאַלט אונדז אַלעמען אַ טרויער, אַ פאַרצווייפלונג און דער הונגער קלאַפט שטאַרק אין אונדזער כישוף־טירעלע. מען טרוימט וועגן ברויט, אמתדיקן עכטן ברויט. מיין שוועגערין דערציילט אונדז, אַז ערגעץ אויף אַ בוידעם פון אַ ליידיקער דירה, געפינט זיך אַ פולער זאַק מיט מעל. דער דאָזיקער זאַק עגבערט דעם מוח און מיר באַראַטן זיך און טראַכטן וויפל ברויט, כוח, מוט און לעבן וואָלט אונדז דער דאָזיקער זאַק מעל געקאָנט געבן. עס וואָלט שוואַכער געוואָרן די נערוועזיטעט, ווייניקער וואָלטן געוואָרן די קריגערייען אין בונקער. די וואַכע וואָלטן געקענט צוטאָן אַן אויג, די שווייגנדיקע וואָלטן מער גערעדט, די קינדער וואָלטן פריילעכער געוואָרן. עס וואָלט געזעטיקט די שטאַרקע, דערהאַלטן ביים לעבן די שוואַכע. עס וואָלט אַריינגעבראַכט רו, געדולד און אויסדויער צו די 43 נפשות אין בונקער.

מיינע עלטערן ז"ל האָבן געהאַט אַ גרויסע מיל אין אָסטראָלענקע. פון קינדווייז־אָן, האָב איך ליב געהאַט דאָס ווייסע פוכיקע און שמעקעוודיקע מעל. דאָס האָט אַרויסגערופן אין מיין פאַנטאַזיע גאָר ליכטיקע זאַכן. איצט האָט דער דאָזיקער זאַק מעל אויפן פאַרלאָזענעם בוידים געוועקט גאַנץ אַנדערע פאַנטאַזיעס — ברויט צו דער זעט פאַר יהודיתקען, לושקען, פאַר מיין שוועסטער לאה (איצט אין אויסטראַליע) און איר מאַן מיראָן ברייטבאַרד, פאַר מיין ברודער משה אהרן מיט זיין פרוי און קינדער: שלומיתקע און ניוניע, פאַר זיך און פאַר

---

*) מחמת דער פאַרשפעטיקטער צושיקונג פונעם המשך און סוף צום דאָזיקן זייער אינטערעסאַנטן געטאָ־מאַטעריאַל פון פרוי בליומע געדאַנקען, וואָס איז אָנגעקומען חלקימווייז — וועלן ליידער פיל פאַקטן און געשעענישן פאַרפעלט ווערן. די לעצטע המשכים זענען דערהאַלטן געוואָרן, ווען דער געטאָ־טייל אין בוך איז שוין געווען אינגאַנצן אָפגעדרוקט. (רעד.)

די אַלע, וואָס זיצן דאָ אין דעם פינצטערן גרוב, אָן לופט און אין שמוץ, פאַר אלע וואָס הונגערן אוןליידן.

עס האָבן זיך געפונען אינעם בונקער 5 געזונטע מענער: יעקב לאַכאָוויטש פון אָסטראָלענקע, 27 יאָר אַלט, מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ האָר און שטאַרקע ברייטע פּלייצעס; מיכאל פון סאָקאָלע, וועלכן מיר האָבן גערופן: דער „וואַלד־מענטש", ווייל ער האָט 10 חדשים געוווינט אין אַ וואַלד און איז געקומען קיין ביאַליסטאָק נעמען זיין מוטער צו זיך אין וואַלד אַריין. און אָט האָט ער אַריינגעטראָפן אין דער „גליקלעכער שעה" פון דער לעצטער אַקציע. דער דריטער איז געווען אַ גראָדנער יונגערמאַן מיטן נאָמען מויערמאַן, הויך, גרויס ווי אַ ריז. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „דער טאַנק", ווייל ער איז געווען שווער און טראָץ דעם, וואָס ער איז אייביק געגאַנגען באָרוועס האָט די ערד אונטער אים געציטערט. דער פערטער: זלמן ווײַנצימער פון שטשוטשין, אַ דאַרער און פלינקער. דער פינפטער איז געווען מיין ברודער משה אהרן, וועלכער האָט זיך פאַר דער מלחמה פאַרמאָסטן מיט די גיבורים פון שטאָט (מיין מאַן מאָטל האָט שוין דעמאָלט געפעלט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות און איז בעת דער אקציע פון די „שבתדיקע" *) צוגענומען געוואָרן דורך די דייטשן, דעם 12.7.1941, צוזאַמען מיט אנדערע טויזנטער מענער).

מיין שוועגערין חיה האָט גענומען מיט זיי איינטענהן, אז מען זאָל מאַכן אַ געבעק ברויט אין דער קליינער בעקעריי אויף טשעפּלע 5, אַ קאַצן־שפּרונג פון אונדז — אין אַ נידעריקער הייזקע. די הויכע מויערן וועלן פאַרשטעלן דעם רויך. די דייטשע פּאַטרולן היטן נישט די געטאָ ביינאַכט. זי וועט זיין דער פּאַכמאַן אין באַקן. זי האָט גערעדט מיט קוראַזש, מיט איבערצייגונג און זיכערקייט און איך האָב איר צוגעהאָלפן. ענדלעך האָט דער עולם איינגעשטימט. מיר האָבן באַשלאָסן, אז ביינאַכט זאָלן מיר זיך צוכאַפּן אין דער בעקעריי און אויספּאָרשן דעם באָדן און די מעגלעכקייט פאַר דער דאָזיקער ריזיקאַלישער און געוואַגטער אונטערנעמונג.

מיר האָבן אין דער בעקעריי פאַרהאָנגען די פענצטער מיט זעק און טישטעכער, אָנגעצונדן די עלעקטרי. עס זענען דאָרט געשטאַנען 3 זעק מעל, אויך האָלץ. מיין שוועגערין ציט אַרויף אויף זיך אַ גרויסן שירץ. איך פאַרשאַרץ די אַרבל, וואַש און שייער די קאָסטנס. זי שיט אַריין מעל נישט קיין סך, צעמישט מיט וואַסער און מאַכט אַ זויער. מיר לאָזן דאָס שטיין ביז דער צווייטער נאַכט.

אויפצומאָרגנס האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ, ווער עס זאָל זיך באַטייליקן אין באַקן דאָס ברויט, הייצן דעם אויוון, שטיין אויף דער וואַך א.אז.וו. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אז יעדע פאַמיליע, לויט דער צאָל פון אירע מיטגלידער, דאַרף שיקן אירע מענטשן. ווען עס איז געוואָרן אָוונט און אַ טיפע פינצטערניש האָט באַפאַלן די ערד, האָבן מיר, אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פון 10 מאַן, שטיל און פלינק זיך געלאָזן אויף דער עקספּעדיציע — צו דער בעקעריי אויף ציעפּלע 5.

די אַרבעט אין דער בעקעריי איז געגאַנגען געשיקט און שנעל. פינף פאָר הענט האָבן געקנעטן דעם שיינעם טייג. דאָס פייער האָט געקנאַקט פריילעך און העל ווי אין די גוטע צייטן. די מענטשן זענען געוואָרן פאַרויטלט און אויפגעמונטערט. מ'האָט זיך אַפילו געוויצלט. „מ'האָט זיי אין דר'ערד", האָט יעקב לאַכאָוויטש מיט אַ ברייטן חנוודיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן. 44 קיילעכדיקע ברויטן זענען אויסגעלייגט געוואָרן אויף די שמאָלע לאַנגע ברעטער און געוואַרט אויפן אויוון.

דערוואַרעמטע זענען מיר, איך און מיין שוועגערין חיה, ארויס צו סאָניע דער גראָדנערין כדי איבערצונעמען ביי איר די וואַך. קיין פונקען פונעם קוימען גייען שוין מער נישט. עס איז שטאַרק פינצטער און טויט־שטיל אַרום. עס איז גאָר נישט נויטיק, דאַכט זיך, קיין וואַך. פּלוצלונג דוכט זיך אונדז אויס, אַז מיר זעען עפּעס צוויי שוואַרצע פלעקן פון דערווייטן. אפשר זענען דאָס בוימער? זיי באַוועגן זיך אָבער און זיי קומען נענטער. עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון שרעק, שנעלער און שטאַרקער. איך לויף אַריין אין דער בעקעריי און וואָרן וועגן דער גרויסער געפאַר. מען לעשט אויס דאָס ליכט און אַלע צעלויפן זיך. איך ווייס נישט פאַרוואָס מיר זענען געבליבן די לעצטע. נישט געלאָפן, נאָר געשטעלט זיך אונטער די טירן פון פאָרהויז און זיך צוגעפּרעסט צו דער וואַנט. א ווײַלע איז שטיל ווי אין אַן אויער. איך קוק דורך אַ שפּאַרונע און זע 2 מענטשן אין שוואַרצן דערנענטערן זיך מיט ווייכע לאַנגזאַמע טריט... זיי טרעטן־איבער די שוועל פון פּאָדערהייזל און שעפּשען אין יידיש. מיר אָטעמען אָפּ, גלייכן זיך אויס. איך שטעק אַרויס דעם קאָפּ און פרעג ווער דאָס איז. זיי הערן מיין קול און איינער כאַפּט מיין האַנט און פאַנגט אָן צו קושן. ער רופט אויס מיט אַ ציטער: יידן, יידן האָבן מיר געפונען! מיין שוועגערין לויפט אַרויס און מיטן קלאַפּן פון צונג 3 מאָל אין גומען (אונדזער בונקער־צייכן) רופן מיר אַלע צוריק פון די פאַרבאַהאַלטענישן און פאַרשטעקטע אַרומיקע נאָרעס. מען פרייט זיך איינע מיט די אַנדערע.

די 2 יונגע לייט זענען געקומען פון אַ פאַרשטעקטער נאָרע אויף ניי־וועלט 20. זיי האָבן געמיינט, אז אויסער זיי זענען שוין קיין יידן אין געטאָ נישטאָ. זיי זענען דעם ערשטן מאָל אַרויס און דערשפּירט דעם ריח פון פרישן ברויט. דאָס האָט זיי געבראַכט צו אונדז. מ'האָט זיך איינע די אַנדערע אַ סך דערציילט און גערעדט און נישט באַמערקט, ווי עס האָט זיך געעפנט די טיר און עס זענען אַריין נאָך 2 בחורים מיט אַ מיידל פון אַן אַנדער נאָרע.

זיי זענען געווען אַנטציקט פון אונדזער איינפאַל און געוואגטקייט צו באַקן ברויט. זיי האָבן גיריק איינגעזאַפּט אין זיך דעם געשמאַקן ריח פון דעם געבעק.

די ברויטן זענען געוואָרן פאַרטיק: גלאַנציקע, שיינע, נאָר אָנשטאָט רויט פון אויבן, זענען זיי געווען שוואַרצלעך, אַנשטאָט טרוקן, זענען זיי אינעווייניק געווען פייכט און קלעפּיק. אָבער וועמען איז עס אָנגעגאַנגען? מיט צוויי ברויטלעך אונטערן אָרעם, זענען די 2 יונגע לייט אין שוואַרצן אַוועק גליקלעכע. די אַנדערע האָבן ביי אונדז געבעטן דעם איבערגעבליבענעם זויער און דעם שליסל פון דער בעקעריי, כדי אויף דער

* אין דעם שבת האָט מען אויך צוגענומען זונדל זילבערשטיין און משה ליטווער.

צווייטער נאַכט אליין צו מאַכן אַ געבעק ברויט. אלע בונקערלייט פון דער געגנט, האָבן זיך שנעל דערוווּסט פון דעם, אזוי אז יעדע נאַכט האָט אַן אַנדער בונקער געבאַקן ברויט. יהודיתקע און לושעקל האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער עקספּעדיציע. זיי האָבן צוגעהאָלפן ברענגען די ברויט אין בונקער אַריין. יהודיתקע און לושעק, איטקעלע און ניוניע, יאָסעלע און שלומקע האָבן געקוקט אויף אונדז ווי אויף העלדן. זיי האָבן זיך געפרייט, די צינדעלעך האָבן ווידער געקנאַקט און די אויגעלעך געפינקלט.

צי האָבן דען טאָרטן און מאַרצעפּאַנעס ווען־עס־איז בעסער געשמעקט ווי דאָס קלעפּעדיקע ברויט מיט די פאַרברענטע ביטערע הויטן?

פּלוצלונג אַן אומגליק. נישטאָ מער קיין וואַסער און קיין עלעקטרי. די דייטשן האָבן אַלץ אָפּגעשלאָסן אין דער ליידיקער געטאָ. אומזיסט אונדזער קאַמף, מיר זענען פאַרלוירן. פון שכנותדיקן הויף אויף יוראָוויעצקא נומער 26, זענען 25 פּערזאָן אויפצומאָרגנס אַרויס מיט ווייסע ליילעכער אַלס צייכן, אַז זיי גיבן זיך אונטער. דאָס זענען געווען די פאַמיליעס: רודי, פלעבאַן, פינקלשטיין, זעלמאַנאָוויטש און אַנדערע. מיר האָבן אַזוי שנעל נישט געוואָלט אויפגעבן אונדזער לעבן. מ׳האָט גענומען זוכן עצות. מיר האָבן געהאָפט, אז אין גרויסן קעסל פון רודיס בעקעריי געפינט זיך נאָך וואַסער. מיר האָבן אין דער פינצטער געטאַפּט דעם קראַן, געדרייט אַהין און צוריק: קיין טראָפּן וואַסער איז נישטאָ. אפשר נידעריקער פון דעם קראַן? מיר וויקלען אַרום אַ האַנטוך אויף אַ לאַנגן שטעקן, לאָזן אים אַראָפּ — ער קומט אַרויף אַ טרוקענער. מיר שווייגן, עס איז אונדז ביטער.

אַ דרייסיק מעטער פון אונדז האָט זיך געפונען דער גאָרטן פון יודנראַט. דאָרטן האָט מען פאַרזייט אַלערליי גרינס. בעת דער לעצטער אויסזידלונג פון די יידן אין געטאָ, איז אין דעם גאָרטן פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן דער יידישער זעלבסטשוץ מיט די דייטשן. די דראָטענע צוימען זענען צעשטערט געוואָרן. איך לייג פאָר, מען זאָל אַריינגיין אין גאָרטן נאָך עפּעס גרינס, אפשר וועלן מיר האָבן דאָס מזל צו געפינען. מיר גייען אין דער פינסטערניש, טרעטן אויף אַן אומבאַקאַנטן באָדן. פּלוצלונג בלייבן אונדזערע פיס שטעקן אין וואַסער. מיר פאָרשן דאָס אָרט — געפינען מיר אַ גרויסן סטאַוו (קוואַל) באַדעקט מיט אַ מאַסע. אין דער דערבייאיקער בודקע געפינען מיר אַן עמער און אַ קרוג. מיר שאַרן אַוועק די מאַסע וואָס באַדעקט דאָס וואַסער און מיר שעפּן אָן פרישע און קלאָרע וואַסער. מיר פּרובירן טרינקען, עס איז קאַלט און גוט, נאָר אויסגעמישט מיט גרינס. אונדזער פרייד איז אומבאַשרייבלעך. מיר זוכן שוין נישט מער קיין טאָמאַטן און ציבעלעס און לויפן מיט דעם עמער וואַסער איבער דראָטן און קלעצער — אין בונקער אַריין. מיר לויפן און פרייען זיך ווי רובינזאָן קרוזאָ.

גרויס איז די שמחה אין דער באַהעלטעניש. אַנדערע כליפּן אַזש פאַר פרייד. אַלע רינגלען אַרום דעם עמער וואַסער ווי אַ גרויסן אוצר. מיר זענען ווידער געראַטעוועט. מיר באַווייזן נאָך די זעלבע נאַכט מודיע צו זיין די אַנדערע בונקערס. מיר קלאַפּן 3 מאָל מיט דער צונג אין גומען און דערציילן וועגן דעם גרויסן נס.

אונדזער קאַמף פאַרן לעבן האָט זיך ליידער שלעכט פאַרענדיקט. דעם 5־טן נאָוועמבער פאַרטאָג איז מיראָן ברייטבאַרד אַרויסגעגאַנגען פון בונקער כדי אַריינצוברענגען עסן פון אַ שכנישן צימער. דאָרט האָט אים באַמערקט אַ פּאַטרול, אים נאָכשפּיאָנירט וווהין ער גייט און אויף אַזאַ אופן איז אַנטדעקט געוואָרן אונדזער בונקער. אין אייניקע מינוטן שפּעטער, איז אָנגעקומען אַ גרופּע דייטשן. מען האָט אונדז אַרויסגענומען, אַוועקגעפירט אין געסטאַפּאָ און פון דאָרט — אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה.

אין תפיסה האָבן זיך געפונען אייניקע הונדערט יידן. דאָס זענען געווען די צונויפגעזאַמלטע, וואָס די דייטשן האָבן געפונען אין די באַהעלטענישן, בונקערס און וועלדער. מיין זונעלע לושעק, איז נאָך אַ צייט פאַר דעם קראַנק געוואָרן אין בונקער אויף טיפוס און לונגען־אַנטצינדונג. קוים זיך האַלטנדיק אויף זיינע שוואַכע פיס, האָט ער זיך דערשלעפּט ביז צו דער תפיסה, ווו ער האָט אויפן 3׳טן טאָג (דעם 8־טן נאָוועמבער) אין דאָרטיקן „שפּיטאָל" אויסגעהויכט זיין אומשולדיקע נשמה. מיין טאָכטער יהודיתקע, פעשקע לעווין־פרידמאַן, יעקב לאַכאָוויטש און נאָך 2 בחורים האָבן — נאָך פאַר אונדזער אַנטדעקט ווערן — פאַרלאָזן דעם בונקער מיט דער כוונה אַרויסצוגנבענען זיך פון געטאָ און זיך דערשלאָגן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. ליידער אָבער האָט דער גורל געוואָלט, אז אויך זיי זאָל דערגרייכן די האַנט פון די נאַצישע מערדער.

אונדז האָט מען פון תפיסה אַוועקגעפירט אין די טויטלאַגערן: שטוטהאָף, אוישוויץ, ראַווענסברוק און אַנד. און אַזוי זענען בסך־הכל פאַרבליבן נאָר 10 פון די 43 אין אונדזער בונקער.

נאָך ערגער איז געווען דער גורל פון די אַנדערע בונקערס אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

העלען קיימאַן (ניו־יאָרק)

דער לעצטער געלעכטער פון אַסטראָלענקער קינדער

אַ טערמין פון 24 שעה איז געגעבן געוואָרן די אָסטראָלענקער יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט. אַ וואָלקן פון פאַרצווייפלונג און טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי איז אויך געווען דער הימל — וואָלקנדיק און דראָענדיק אין דעם טריבן האַרבסט־טאָג פון 1939. אין פּאַניק און שרעק האָבן מענער, פרויען און קינדער, באַלאָדן מיט פּעק, זעק און כּלים פאַרלאָזן זייערע היימען, האָב־און־גוטס אויף אייביק. קיינער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז דאָ און אין דער דאָזיקער שעה האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכער וועג פון צרות, פּיין און טראַגישן אומקום. פון 1939 ביז 1941 האָבן די אָסטראָלענקער יידן געלעבט אין סלאָנים, בריסק, ביאַליסטאָק, לאָמזשע, שטשוטשין און אַנדערע שטעט פון סאָוויעטיש־אָקופּירטן פּוילן. שווער און ביטער איז געווען דאָס לעבן. די „אמתע" ליידן, מאָרדן און בלוט־באָד האָט זיך אָבער אָנגעהויבן נאָכן פאַרכאַפּן פון די דייטשן גאַנץ פּוילן. די סיסטעמאַטישע אויסראָטונגען און מאָרד־אַקציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן נישט אויסגעמיטן אויך די אָסטראָלענקער.

אַ קליינע גרופּע פון אָסטראָלענקער יידן האָבן זיך געפונען אין ביאַליסטאָק, צווישן זיי די משפחות פון מאָטל זשאָדקעוויטש, משה אהרון סאָיקאָ, בן־ציון פּיאַנקאָ, משה ליטווער, יעקב לאַכאָוויטש, לעווין און אַנדערע. ווער פון די אָסטראָלענקער מענער איז פאַרכאַפּט געוואָרן צווישן די „שבת'דיקע" (2000 מענער פאַרנומען דעם ערשטן שבת פון דייטשן אַריינמאַרש אין ביאַליסטאָק), ווער אין דער ערשטער „אויסזידלונג"־אַקציע, ווער שפּעטער און ווער אין דער „יידן־ריין"־קאַמפּאַניע.

עלף אָסטראָלענקער האָבן זיך געפונען אין דער גרופּע פון 44 נפשות אין איין קאַמער פון דער ביאַליסטאָקער תפיסה. צען קינדער זענען צווישן אונדז געווען, צווישן זיי פיר אָסטראָלענקער. די פריערדיקע צרות, דאָס זיצן דריי חדשים אין בונקער, אונטער דער ערד, אויף יוראָוויעצקא 28, האָבן שוין געהאַט פאַרטריבן פון די קינדערלעך וועלכע עס איז פרייד.

בלויז דער ערשטער טאָג פון אונדזער אָנקומען אין תפיסה, דעם 16־טן נאָוועמבער 1943, האָט דאָס קליינוואַרג דערפרישט, דערמוטיקט. דאָ איז געווען אַנדערש ווי אונטער דער ערד, אפילו בעסער. דאָרטן איז געווען שטענדיק פינצטער, ענג, דושנע, און מ'האָט געמוזט זיצן מוראדיק שטיל. דאָ איז גרויס דאָס צימער. מען קאָן פריי גיין פון איין עק צום צווייטן, מען קאָן רעדן ווי הויך מען וויל, מען קאָן רופן מאַמע, באָבע, יאָסעלע, משה'לע ווען מען וויל נאָר, און ליכטיק איז דאָ, כאָטש עס איז אויך אַ קעלער. פיר פענצטערלעך מיט אייזערנע קראַטעס פאַרמאָגן מיר. די אויגעלעך געווינען זיך ווידער צו צום ליכט.

דעם גאַנצן טאָג האָבן די קינדערלעך ביי די שמאָלע פענצטערלעך פאַרבראַכט. זיי האָבן דורך זיי שניי דערזען, דערפרייט, פאַרווונדערט און אַנטציקט געוואָרן. שניי, ווייסער, פּיקער, מיט טויזנטער בלאַנקענדיקע שטערנדלעך. די אויגעלעך האָבן אויפגעפינקלט. אַ לייכטע ראָזקייט האָט אויף א ווײַלע זיך באַוויזן אויף זייערע בעקלעך. ווען מען קאָן כאָטש אָנרירן, אַ גלעט טאָן דעם ווייסינקן שניי! „איך וואָלט עס אַ קוש געטאָן" — האָט די בלאָנדע מירעלע געזאָגט. שלומ'קען האָט אַ געדאַנק געגעבן אַ בליץ. ווי אַ וועוויערקע איז ער צום ווינקל פון דער קאַמער צוגעשפּרונגען. דאָרט איז אַן אויסגעריבענער בעזים געשטאַנען. ער האָט די ריטעלעך געצויגן איינע ביי איינע און צום פענצטערל צוגעלאָפן. די יינגעלעך האָבן דורך די אייזערנע קראַטעס מיט די דינע ריטערלעך גענומען שאַרן צו זיך דעם שניי. דער וואָס האָט אַביסעלע שניי דערגרייכט, אין הענטעלע דערפילט, האָט זיך ווי אַ העלד געהאַלטן. די אַנדערע האָבן אים באַוווּנדערט, זיך צו אים געהנדלט: „גיב מיר איין לעק, גיב כאָטש אַביסל אויף איין מינוט צו האַלטן".

דער סקריפּ פון טיר, דאָס באַווייזן זיך פון קעסל עסן, האָט די קינדערלעך געמאַכט פאַרגעסן אָן שניי. איינער האָט זיך געכאַפּט צום פאַרראָסטן שיסעלע, וועלכע דער וועכטער האָט על־פּי טובה געגעבן; אַן אַנדערער צום טעפּעלע; אַ דריטער צו אַ קריגעלע אָדער סלאָאיקל. עס איז געוואָרן אַ געפילדער און אַנטאָשעוויטש, דער אויסטיילער פון די זופּ, אַ הויכער, בלאָנדער גוי מיט לאַנגע וואָנסעס, האָט געשאָטן פייער מיט די אויגן. ער האָט גוט אויפגעפּאַסט עס זאָל אים ווער נישט אָפּנאַרן און נעמען צוויי מאָל זופּ. ער האָט געגעבן נישט קיין פולע מעסטלעך, נאָר דריי־פערטל און דאָס פון אויבן — די שיטערע, אַזוי, אַז איין פּיצעלע קרויט האָט געיאָגט דאָס צווייטע. אין געוויסע שיסעלעך האָט ער געגאָסן אַ סך. ער האָט דאַן זיין מעסטל, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט מיט אַ טשוואָק צו אַ שטעקן, אַראָפּגעלאָזט טיף אין קעסל, עס דערנאָך אַרויסגענומען פול מיט קאַרטאָפל, קרויט און גאָלדענע מערן. דאָס האָבן באַקומען די גליקלעכע, ביי וועמען דער גוי האָט גענומען זייערע קליידער, זייגערס און געלט.

דער קליינער עמנואל סאָיקאָ, מיין זונעלע, פיר און אַ האַלב יאָר אַלט, איז געווען אַ חכם, אַ יאַטעלע. ער האָט איין גראָשן אין זיין קעשענע געפונען, און ער האָט דרייסט ביי אַנטאָשעוויטשן נאָך אַביסל עסן געבעטן. מיט אַ ליידיקן טעפּעלע און מיט אַ זויערער מינע איז אָבער „ניוניאַ" צו זיין אָרט צוריקגעקומען.

אַ לאַנגע רייע בעטלעך, געדיכט איינס לעבן ס'אַנדערע זענען געשטאַנען אין דעם גרויסן תפיסה־קאַמער — אַן אייזערנער, לייכטער געשטעל, אָן שום שטרוי אָדער וועלכע עס

איז דעקן אויף זיי. האַרט, שמוציק און קאַלט. ווען עס פלעגט זיך דערנענטערן די נאַכט איז פילפאַכיק קאַלעמוטנע געוואָרן. ערשטנס, איז אפשר היינט די לעצטע נאַכט, אפשר וועט מען אונדז אויפצומאָרגנס אַרויספירן צום טויט; צווייטנס, ווי לייגט מען די מידע, אויסגעדאַרטע גלידער אויף די האַרטע ברעטער? מענטשן האָבן זיך איינע צו די אַנדערע געטוליעט. צוויי האָבן זיך געלייגט צוקאָפּנס, צוויי צופוסנס, כדי עס זאָל וואַרעמער זיין. אַ גאָטס רחמנות איז געווען אויף די קינדערלעך. צוויי האָב איך געהאַט — שלומית׳קע, אַ מיידעלע פון צען יאָר, און „ניוניאַ״, אַ ייִנגעלע פון פיר־און־האַלב יאָר. איך האָב דאָס ייִנגעלע אויף זיך גענומען, ער זאָל די האַרטקייט נישט פילן, און גלייכצייטיק אונטערגעלייגט איין אָרעם אונטער שלומית־קעס קעפּעלע אָנשטאָט אַ קישעלע. דאָס מאַנטעלע האָט זי נישט דערוואַרעמט. דורכזיכטיק־בלאַס איז איר פּנימל געווען, ווי אונטערגעהאַקט די אויגעלעך, דין די הענטעלעך, די פּיסעלעך. ערשט נישט לאַנג צוריק האָט זי אַזוי וווּנדערבאַרשיין געבליט און איז געווען אַזוי שטאַרק געבויט. עס האָט געשניטן מיין האַרץ. מיינע הייסע טרערן האָבן איר בלאַס פּנימל געוואַשן. זי דרייט זיך נעבעך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. עס ווייזט זיך אַן אויסדרוק פון ווייטיק אַרום אירע ליפּעלעך און קליין נעזעלע. זי עפנט פּלוצים אירע אויגן. זי זאָגט גאָרנישט, נאָר קוקט אויף מיר מיט דעם טיפסטן טרויער און צער. „שלומית, קינד מיינס, דו האָסט אַ שטילן פאָרוואורף צו מיר! איך קאָן דיך נישט העלפן, איך קאָן דיך נישט ראַטעווען.״ צייטנווייז ציטערט זי ווי אַ בלעטעלע און אַזוי ווי אין בונקער אין די שעהן פון געפאַר, ווען מ׳פלעגט אונדז זוכן און קלאַפּן איבער אונדזערע קעפּ, פאַרלירט זי אָפּט דעם לשון. מיין האַרץ פּלאַצט פאַר ווייטיק, צאָרן און הילפסלאָזיקייט. דער אָרעם, די גלידער ווערן פאַרחלשט. איך האָב מורא זיך צו רירן, ניונילען אין זיין שלאָף נישט צו שטערן. ווייל יעדן פרימאָרגן זענען אים די אויגעלעך פאַרשוואָלן. אָט נעכטן גיט ער מיר אַ פרעג: „איך וועל שוין קיינמאָל מיין פּאַפּאַ נישט זען? איך וועל שוין קיינמאָל אין אַ בעטעלע נישט שלאָפן?״ און ער וויינט נישט קיינמאָל, פאַרלאַנגט נישט קיין זאַך. איך רעד צו אים, זאָג אים צו און טרערן שטיקן מיך אין האַלדז. מיין זונעלע גלויבט, געטרויט מיר און האָפט. דו אָרים קינד מיינס, האָסט קיין איינציקן גוטן טאָג אין דיין יונג לעבן נישט פאַרזוכט. דו אומשולדיק נפשל מיינס, דו קליין יידעלע, פאַרוואָס, פאַר ווען קומט עס דיר און אונדז אַלע דאָ? אָ, ענטפער, גאָט!

ניוניעלע וועקט זיך אַליין אויף. סיי די קליינע, סיי די גרויסע לויפן אַ גאַנצע נאַכט צום עמער, וואָס שטייט מיט אַ צודעק אין אַ ווינקל פון דעם קאַמער. כאָטש ביידע קינדער קאָנען זיך אַליין אַן עצה געבן, באַגלייט איך זיי יעדן מאָל אין דעם לאַנגן וועג צום גרויסן עמער. איך וויל קיין איין מינוט, קיין רגע נישט פאַרלירן נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט פון זיין לעבן זיי. איך פיל און ווייס געגוי אַז אַ ליאַדע טאָג, אַ ליאַדע שעה וועט אונדז דער טויט צעשיידן.

צוויי וואָכן זענען שוין אַזוי פאַרביי. לושעק זשאַדקעוויטש, 12 יאָר אַלט, אַ בלאָנד, בילד־שיינער ייִנגל, וואָס האָט געטרוימט איבערצולעבן דעם קריג אַלס פּאַסטוך אין אַ דאָרף, איז גענומען געוואָרן מיט הויכן פיבער אין שפּיטאָל פון דער תפיסה. אין ליידן און אין בענקשאַפט האָט ער אויסגעהויכט זיין יונגע, ריינע נשמה מיט די לעצטע ווערטער צו זיין מוטער. חיה זשאַדקאָוויטש און מיר אַלע אין תפיסה האָבן אויפצומאָרגנס מיט טיפן טרויער און שטילן ווייטיק אויפגענומען די טרויעריקע ידיעה.

קעגנאיבער דעם קאָרידאָר איז אויך אַ פולע קאַמער מיט יידישע פרויען און קינדער פון ביאַליסטאָק, גראָדנע, האָראָדאָק און אַנדערע שטעטלעך. אויף דער אַנדערער זייט פון קאָרידאָר געפינען זיך קאַמערן מיט יידישע מענער. ווער עס האָט אַ גאָלדשטיקל, דאָלאַרן אָדער אַנדערע באַנקנאָטן, דער האָט אַ לאַסקע ביים וועכטער, וועלכער מאַכט מעגלעך אז עס זאָל זיך זען אַ מאַן מיט זיין פרוי, אַ מוטער מיט אירע זין, אַ טאָכטער מיט איר פאָטער. איינע די צווייטע גיבן זיך די פון זיך אָפּגעשפּאָרטע ברויט. אין איילעניש און שרעק פאַלן צווישן זיי בליקן, ווערטער, קושן. די מענער פאַרקויפן פאַר ברויט אַלץ פון זיך. אַנדערע זענען אַפילו אָן הויזן געבליבן. זענען טאַקע די תפיסה־דינערס, די פּאָליאַקן צופרידן מיט די 312 יידן, וואָס זיצן אין די קעלערן. אָפטמאָל זענען זיי פריינטלעך און שמועסן מיט אונדז. דעמאָלט דערציילן זיי, אַז אין די קעלערן זיצן נאָר פאַרמשפּטע צום טויט. ווער עס האָט שכל דאַרף אַלץ פאַרקויפן פון זיך, ווייל סיי ווי סיי...

אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט די טיר פרישע פינף מענטשן אַריינגעוואָרפן: דריי פרויען איינגעוויקלט אין טיכער און צוויי קינדער. דאָס זענען געווען בערטאַ פוקס, מאַניע טאַנקוס און די יונגע דאָקטאָרין פּעטאַ פוקס (היינט אין ישראל, מרס. טורעק) — די קינדער פון טעקסטיל־פאַבריקאַנט פוקס. מיט זיי זענען אַריין צוויי ייִנגלעך. איינער איז געווען סאַלוש ביימאַן, פינף יאָר אַלט, און זיין קוזין טאַנקוס, 9 יאָר אַלט. מיר האָבן געוווינט אין געטאָ אין שכנות מיט זיי אויף דער יוראָוויעצקא גאַס אין ביאַליסטאָק. מיינע קינדער האָבן זיך באַזונדערס דערפרייט מיט דעם קליינעם סאַלוש. סאַלוש קאָן אָבער איצט נישט גיין, דער 9־יאָריקער ייִנגעלע אויך נישט. ביידע מוז מען טראָגן אויף די הענט. עס דוכט זיך מיר, אַז אָט פאַלן אום די פרויען, וואָס טראָגן די קינדער. מיר דערוויסן זיך, אַז זיי זענען געזעסן מיט אַן אַנדערער גרופּע אויף אַ בוידים מער ווי דריי חדשים. אין דעם זעלבן מויער איז אויך געווען אַ בונקער אונטער דער ערד, וועלכן מען האָט אין די ערשטע טעג פון דער אַקציע אַנטדעקט. די דייטשן האָבן אַריינגשאָסן אין בונקער, אַ קויל האָט באַלד געטראָפן דעם גראָדנער ייד יאָסעם. די איבעריקע זענען צעטומלטע אַרויסגעלאָפן. אין צעמישונג און איילעניש האָט דער פאָטער, אברהם ביימאַן, פאַרגעסן אָן זיין קליין זונעלע סאַלוש. ער איז געבליבן אין בונקער אַ טאָג מיט אַ נאַכט אַליין. ער האָט נישט געוויינט, נישט געשריען, נאָר זיך געטוליעט צום גוף פון טויטן מענטשן. די יידן פון בוידעם, וועלכע האָבן געהערט ווי מען פירט אַרויס זייערע שכנים, האָבן אויף דער צווייטער נאַכט ריזיקירט אַרונטערצוגיין אין דעם אַנטדעקטן בונקער נאָך די איבערגעבליבענע שפּייז. צו זייער גרויסער איבערראַשונג האָבן זיי געפונען

דעם צעשראָקענעם און שוואַכן סאַלוש. זיי האָבן אים גענומען צו זיך אויפן בוידעם.

ביי זיי איז געווען פיל ערגער ווי ביי אונדז אין בונקער מיט שפּייז און וואַסער. צווישן זיי איז נישט געווען קיין איינער וואָס זאָל ריזיקירן גיין אין די נעכט נאָך גרינס אין גאָרטן פון געוועזענעם יידנראַט, אָדער נאָך וואַסער. זיי פלעגן עסן רויע גרויפּן. אויף אַ קונציקן אופן פלעגן זיי באַקן קאָרענע פּלעצלעך. וואַסער פלעגן זיי אָננעמען ווען אַ רעגן פלעג פאַלן. די יונגע, זעלטן־שיינע בערטאַ פוקס האָט מיר דערציילט, אז איין פאַרלאַנג האָט זי נאָר געהאַט: „זיך אָנטרינקען גענוג מיט וואַסער פאַרן טויט". מען האָט זיי דערנאָך דאָרט אַנטדעקט און זיי געבראַכט צו אונדז אין תפיסה־קאַמער.

אין די דריי חדשים האָבן די צוויי ייִנגעלעך פאַרלאָרן זייער קראַפט אין די פיסלעך. סאַלוש פלעגט נאָכפאָלגן פון זיין אָרט מיט די בליקן די אַנדערע קינדער, וועלכע גייען און לויפן טיילמאָל איבער דער גרויסער תפיסה־קאַמער. אַ תהום פון טרויער איז געווען אין דעם פאַרעלטערטן פּנימל פון סאַלושן. נאָר איין מאָל האָב איך דערזען אַ שמייכל אויף אים. דאָס איז געווען ווען די ייִנגעלעך האָבן אין זייער שפּיל געכאַפּט דעם גרעסטן צווישן זיי, אים געמאַכט פאַר אַ דייטש. די הענטעלעך מיט אַ גאַרטעלע אים פאַרבונדן, זיי האָבן אים געשטויסן, געשטופּט, אים געהייסן וויינען און קניען. סאַלוש האָט זיך צעלאַכט און צום סוף האָט ער אויסגעשריען: „דערשיסט אים דעם דייטש!..."

איך פלעג אָנטייל נעמען אין יעדער שפּיל, געשפּרעך און קריגערייַ פון די קינדער. עס איז מיר ווייניק צייט געבליבן זיך צו פאַרנעמען מיט מיינע שוועסטער און מיט מיין מוטער ע"ה, וועלכע זענען געווען צוזאַמען מיט מיר אין דער זעלבער קאַמער. די מאַמע פלעגט אַ האַלבן טאָג דאַווענען און אירע בלאַסע ליפּן פלעגן כסדר שעפּטשען: „זיבן קינדער פיר איך צו דער חופּה..." (3 טעכטער און 4 אייניקלעך). די שוועסטער פלעגן זייערע קינדער גלעטן און קאַמען און מיט אַנדערע פּרויען די צייט פאַרטרייבן.

טרויעריק פלעגן זיין די בין־השמשותן אין תפיסה. די טונקלקייט איז ווי אַ שונא, שטיל און לאַנגזאַם אונטערגעקומען. אין איר אָנבליק זענען די מענטשן געוואָרן מאַט, שווייגעוודיק און יעדערער איז געבליבן אויף זיין אָרט. אַ האַרציק געזאַנג האָט איינמאָל איבערגעריסן די שטילקייט. שרה נאָמבערג האָט געזונגען „אלי־אלי". דאָס געזאַנג, די הייסע תפילה צו גאָט, האָט ביי יעדן פון אונדז אַרויסגערופן אַ געוויין. אין קאַמער איז טונקל, עס הערט זיך אַ קרעכצן און זיפצן. „זאָל נאָך ווער זינגען", האָט עמעץ געבעטן. מיין טעכטערל, וואָס איך האָב געהאַלטן אויף מיינע קני, אין מיינע אָרעמס, האָט אָנגעהויבן דאָס געטאָ־ליד פון פּסח קאַפּלאַן, „רבקה'לע די שבת'דיקע". אַ טיפע שטילקייט, אַלע הערן. איר דין שטימעלע, דורכגענומען מיט איר גאַנץ הערצעלע, מיט איר גאַנצן ווייטיק, בענקשאַפט און ליבע האָט געשניטן די פינצטערניש און שווערע לופט אין אונדזער קאַמער.

ווען זי האָט געענדיקט, האָט זי מיר שטיל געזאָגט: „דאָס האָב איך צו מיין פּאַפּאַ געזונגען. אַלע פאַרנאַכט וועלן מיר זיך אַזוי טוליען, מאַמאַ, און זינגען ווי היינט, גוט?"

אָפט פלעגן מיר ליגן אַלע דריי, ביידע קערפּערלעך פון די קינדער אויף מיין ברוסט. זייערע הענטעלעך אין מיינע. איך פלעג זיך פרייען. איך פלעג הערן זייער פּולס, דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצעלעך, איך פלעג פילן זייער וואַרימקייט, איך פלעג איינזאַפּן זייער אָטעם. אַ שטים פלעגט מיר אונטערזאָגן יעדן טאָג, יעדע שעה. „געניס, זיי זענען דאָך נאָך דיינע, זיי זענען נאָך וואַרעם. אָט היינט, אָט מאָרגן וועט אייך דער טויט צעשיידן". שרעקלעכע מחשבות, באַגלייט מיט אַ ווייטיק וואָס איז אוממעגלעך צו שילדערן!

אַ שלאָף, אַ דרימל האָט מיך אויף אַ ווײַלע באַהערשט און אַ חלום האָב איך געהאַט. איך האָב געזען אַ רוישנדיקן ים מיט שוואַרצע און רויטע כוואַליעס. עס האָט זיך שפּעטער באַרואיקט. דאָס וואַסער איז ווידער שטיל און בלוי. איך געפין זיך אין מיין ביי הויז — אַ פּרעכטיק־שיין צימער. וווּ דאָס אויג פאַלט איז לוקסוס, קונסט, בלומען, אָבער איך זע זיך אַליין אין אומעט — איינגאַנצן אַליין אין די ליכטיקע, לאַנגע זומער־טעג... איך כאַפּ זיך מיט אימפּעט אויף, נעם אַרום און דריק ביידע קינדערלעך שטאַרק צו זיך און איך בין אַזוי גליקלעך, וואָס איך ליג אויף די ברעטער אין תפיסה צוזאַמען מיט זיי.

עס איז געווען דער לעצטער אָוונט מיט אונדזערע קינדער. אין איין ווינקל האָבן זיך אַלע קינדער פון קאַמער פאַרזאַמלט. צוויי פרישע ייִנגעלעך זענען צוגעקומען — צוויי ברידערלעך. דער ערשטער 11 יאָר אַלט, דער ייִנגערער פינף. אַלע האָבן זיי אַרומגערינגלט. משה'לע האָט דערציילט, אז זיין טאַטע איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער. ווען די דייטשן האָבן אין די טעג פון דער אַקציע געפונען זיינע פאַרבאַהאַלטענע עלטערן, איז ער, משהלע, אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ בעט. צוויי טעג איז ער דאָרט געלעגן. אַ נייע באַנדע דייטשן זענען געקומען זוכן. זיי האָבן משהלען געפונען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אַרויסקריכן. זיי האָבן אים געבעטן, גערעדט, און ער איז ווייטער געלעגן. איין דייטש האָט אים געגעבן ברויט און אמתע שאָקאָלאַד. דעמאָלט איז משהלע אַרויס. די דייטשן האָבן אים געבראַכט אין תפיסה אַזוי ווי אַלע רעשטלעך פון די ביאַליסטאָקער יידן. ווען משהלע האָט געענדיקט, האָט זיין עלטערער ברודערל דערציילט זיין איבערלעבונג.

צוזאַמען מיט זיין טאַטע־מאַמע איז ער געווען אין וואַגאָן. מענטשן האָבן זיך דאָרט געדריקט און געשטיקט. דאָס ייִנגעלע האָט זיך דורכגעקוועטשט דורכן שמאָלן פענצטערל פון וואַגאָן. דער פאָטער האָט אים געהאָלפן. ער איז אַרויסגעשפּרונגען און זיך שטאַרק צעקלאַפּט. לויפן אָבער האָט ער נישט געקאָנט. דער צוג איז שוין לאַנג אַוועק. ער איז געבליבן אַליין אין ראָוו. דייטשן האָבן אים געפונען און געבראַכט אין תפיסה. דאָ האָט ער געטראָפן זיין קליין ברודערל משהלען. ביידע קינדער האָבן זייער געליטן פון קעלט. זיי האָבן קיין וואַרעם מלבוש אויף זיך נישט געהאַט. זייערע הענטלעך זענען געווען בלוי. אַלע ווײַלע האָבן זיי געצויגן מיט די נעזלעך. די מילך איז נאָך געלעגן אויף משהלעס ליפּעלעך. ער האָט דעם „ק" נישט געקענט

אַרויסריידן; און שיין איז ער געווען און זיס ווי אַ מיידעלע. ווען די צוויי האָבן געענדיקט דערציילן, האָבן אַנדערע קינדער זיי איבערגעגעבן זייערע איבערלעבונגען. ניוניע, מיין יינגעלע, האָט גערעדט שאַרף, הויך און מיט אַ סדר. ער האָט ווי אַ גרויסער לאַנג געשילדערט פּאַסירונג נאָך פּאַסירונג. אַלע האָבן זיך צו אים אויפמערקזאַם צוגעהערט. נישט ווייט פון דער קינדער־פאַרזאַמלונג בין איך געלעגן. ניוניע האָט פאַר אַ העכטעלע צוגעפירט דעם פרישן חבר, משהלען, צו מיר און מיט שטאָלץ געזאָגט, „דאָס איז מיין מאַמע, זעסט?"

עס איז שוין געווען שפּעט. אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער אָוונט־זופּ. מען האָט זיך געוואָלט דערקוויקן מיט אַ ביסל וואַרעמס. דער הונגער האָט יעדן פון אונדז געמאַטערט. פאַר אונדז האָט די שוואַרצלעכע זופּ פון קאָרענע, זיסלעכע מעל געהאַט טויזנט טעמים. עס האָט זיך געדוכט, אַז אויב מען וועט יאָ לעבן בלייבן, וועט מען קיינמאָל קיין בעסערן מאכל נישט וועלן. אויף צו להכעיס האָט די טיר זיך נישט געעפנט. דאָס עסן איז נישט געקומען. די קינדערלעך זענען מיד און שלעפעריק געוואָרן. זיי האָבן נעבעך רעזיגנירט פון דעם עסן. איך האָב זיי אויפגעמונטערט; אַלע אַרום זיך פאַרזאַמלט און גענומען דערציילן מעשהלעך. זיי האָבן ווי פאַרכישופטע זיך צוגעהערט וועגן דער קעניגין און דער גרינער זשאַבע, וועגן האָלץ־העקער און זיינע זיבן קינדער, און אַנדערע. ניוניעלע איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פון מיר. ער האָט פאַרריסן דאָס נעזעלע און געשטראַלט פאַר פרייד וואָס זיין מאַמע קאָן דערציילן די שענסטע מעשהלעך.

דער קעסל עסן איז נאָך אַלץ נישט געקומען. די קינדער זענען געוואָרן דערפרישט און אַרויס פון שלאָף. איצט זאָל יעדער פון אייך דערציילן אַ מעשהלע. משהלע דערציילט איינע, וועלכע זיין מאַמע פלעגט אים דערציילן — די מעשה וועגן וואָלף און די ציגעלעך. ער האָט דערציילט, געזופּט מיטן נעזעלע און אַנשטאָט „ק" פלעגט ער זאָגן „ט". די קינדער האָבן אַרויסגעלאַכט ביים יעדן „ק", וואָס האָט געדאַרפט זיין אין וואָרט. זיי זענען אַריין אין אַ פריילעכער שטימונג און אַלע ווילע האָט זיי באַהערשט אַ לאַנגער און האַרציקער געלעכטער. אפילו סאַלוש איז געוואָרן מיטגעריסן. יעדעס קינד האָט דערציילט, וואָס ער האָט געדענקט. זיי האָבן געלאַכט און געלאַכט. צולעצט האָט שעפּסעלע געוויזן פאַרשידענע קונצן, געמאַכט מינעס מיט דער אויבערשטער ליפּ, מיט די וויעס, האָט קאָמיש אונטערגעטאַנצט און די קינדער האָבן מער און מער געלאַכט. די קינדער זענען ממש געפאַלן פון געלעכטער. אַזאַ טעאַטער! שלומיתקע האָט זיך פאַרן בייכעלע געהאַלטן. דאָס איז געווען דער לעצטער געלעכטער פון אונדזערע קינדערלעך.


הונגעריקע זענען זיי געגאַנגען שלאָפן. גאַנץ פרי אויף צומאָרגנס — דאָס איז געווען אַ דאָנערשטיק, אין מאָנאַט דעצעמבער 1943, האָט מען ביי אונדז, אויף אַ ברוטאַלן אופן צוגענומען די קינדער. 44 קינדער האָט מען פון די 312 לעצטע יידן צוגענומען.

דער קאָמענדאַנט פון תפיסה, די „עס־עס"־לייט, די פּוילישע באַאַמטע, מיט רשימות, די ריי באַוואָפנטע אוקראַינער אין מיליטערישע מונדירן, די יאָגעניש, דער טומל — דאָס אַלץ האָט אַזוי געווירקט, אַז מיר האָבן אַפילו בעת מעשה נישט געוויינט, נישט פּראָטעסטירט. שטיל און דערשראָקן זענען געשטאַנען די קינדערלעך אין אַ ריי נישט ווייט פון אונדז, אויפן לאַנגן, טונקעלן תפיסה־קאָרידאָר.

ערשט אין די פינצטערע וואַגאָנען זענען מיר געקומען צום שרעקלעכן באַוווסטזיין. דעמאָלט האָב איך נישט געקאָנט וויינען. נאָך היינט בין איך מקנא די, וואָס האָבן גענוג טרערן.

נאָך איצט הילכט מיר כסדר אָפּ דער געלעכטער, דער לעצטער געלעכטער פון די טייערע, זיסע קינדערלעך.





סימטה בגיטו (רישום)
אַגעסל אין געטא (צייכענונג)

יצחק עברי (תל־אביב)

מ'האט אונדז פון

פון דער לידער־סעריע: „קדיש נ
אסטראָלענקע — דאָס שטעטל, וו
אָנפאַנג קריג און ערשטן אַריינקום
קרעמאַטאָריומס און סעלעקציעס.

מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
נאָך איידער דער פיינט האָט געגליט מיט זיין צאָרן
און אויף דער וועלט איז מיידאַנעק געוואָרן.
נאָך איידער דער שונא ט'געטריבן צום גאָר־לעצטן וועג —
ווען די יידישע האָפענונג דאַן, נאָך נישט געווען איז אַוועק...
געווען איז עס איידער ס'האָט אויסגעטראַכט היטלערשער שטן —
טייוולאָנישסטע פלענער מיט טומאה־געבאָטן.

מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
פון זוניקן שטעטל מיט גין־גאָלד פאַרפלאָכטן,
נאָך איידער דער צורר פאַרלענדט האָט, געשאָכטן...
ווייל יידישער זיין האָט „געשטאָכן" זיין אויג ווי אַ שפיז —
דאָס אָרט פון אַ ייד האָט געברענט אים די פיס.
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
אָן אַ פאַר־וואָס, אָן פאַר וועלכע ס'איז זינד, —
אינאיינעם געשפּרייזט האָט דאַן טאַטע מיט מאַמע, מיט קינד.
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
פון שטעטל מ'האָט אונדז געטריבן —
נאָך איידער באַגראָבן מ'האָט לעבעדיק — זיך נישט געווערט —
די טייערסטע, ליבסטע, און שטיל האָט געשוויגן די ערד.
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
נאָך איידער ס'האָט יצחק קאַצנעלסאָן געזונגען מיט צאָרן
זיין קלאָג־ליד „דאָס יידישע פאָלק איז דערהרגעט געוואָרן"...
נאָך איידער רב צייטלין ט'זיך געהייליקט מיט טלית און תפילין
אין פייער פון קידוש־השם און פון יידישן ווילן.
און שטערן ישראל, דער דיכטער־מקורב מיט גאָט —
אויך ער ט'שוין באַנומען ס'אכזריות פון הימל, דעם שפּאָט...
(אַ זון פון מיין שטעטל, דערשטיקט אינעם קאַמער פון גאַז,
זיין טענה צום „אויבן" געשליידערט מיט הייליקן כעס!...)
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
נאָך איידער דער שונא ט'געיומטובט דעם יידישן סוף
און צאַנקענדער כוח — פאַרגאַנגען אין בונקער, אין ראָוו...
פון שטעטל מ'האָט אונדז געטריבן —,
נאָך איידער די וועלט האָט באַנומען שוין גוט,
אַז אויך „גאָט־פון־אברהם" איז גלייכגילטיק צום יידישן בלוט...

שטעטל געטריבן...

וין שטעטל", געווידמעט דעם גירוש־
וין געוואָרן „יודן־ריין" גלייךביים
י נאַצי־דייטשן, נאָך פאַר די געטאָס.

נאָך איידער די אַלע מיליאָנען פאַרשניטן זיי האָבן, —
מיט חרפה געמוזט האָט דאָך יעדער זיין קבר זיך גראָבן...
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
שטעטל, מיין שטעטל, ווי ס'יידישקייט דיינס האָט געבליט
מיט לומדות, מיט האַנדל, מלאכה, מיט גוטסקייט פון פשוטן ייד...
מ'האָט אונדז געיאָגט און געטריבן,
נאָך איידער דער טויט איז געקומען מיט שלייער אין געטאָס פאַרשטעלט
מיט כלערליי מיתות, מיט שוויגן פון מערדערשער וועלט!
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
נאָך איידער געפירט אונדז צו העסלעכע טויטן און סופן,
דאַן ווען אין האַרץ האָט געהעלט נאָך אַ גלויבן, אַ האָפן!
נאָך איידער געברענט האָט מען יידישע זיידעס מיט בערד,
נאָך איידער זיין פנים ס'האָט גאָט פון דער וועלט אָפגעקערט.
נאָך איידער געגאַזט האָט מען הייליקע באָבעס מיט תחינה'ס —
אין „דאָרטנס" ווו ס'האָבן געווילדעוועט מיתה־משונה'ס.

מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
געגאַנגען איז אויך מיט דאָס שטעטל אין „ערגעצן" ווייט
צוזאַמען מיט אירע ליבהאַרציקע לייט — — —
די הייזער די פרומע, די כשרע יידישע גאַסן
מיט תפילה, מיט פראַצע, מיט טרויער, מיט האַרציקע שפּאַסן!
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן —
די שנאה, אַ צעזעצטע פון פרייד באַגלייט אונדזער וועג:
אָט גייט ער דער ייד שוין דער לעצטער אַוועק!...
מיט שמחה־לאיד און מיט בליקן פול מעסערנעם שטאָך —
די גוישע אַלטע קאַפּעליע, וואָס שפּילט אויף דעם יידישן בראָך.
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן,
נאָך איידער דערגרייכט האָט צום לאַנד פון דעם יידישן אייביק —
אַנטרונענער שארית, וואָס איז אין קיין וועלט שוין נישט גלייביק...
מיט אומקום פאַרבליבן אין האַרצן און פול מיט נקמהשן בראַנד —
דאָ וואַשן די חרפה פון גלות — די צוויי־טויזנט־יאָריקע שאַנד!...

— — — — — — — —

מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן,
מ'האָט אונדז פון שטעטל געטריבן — — —.



הטענת „טראַנספורט־זקנים״ מגיטו לאושוויץ (רישום)
פאַרלאַדונג פון אַ „זקנים־טראַנספּאָרט״ פון געטא קיין אוישוויץ (צייכענונג)

ישראל שטערן



אסטראלענקע — ווארשע — טרעבלינקע

ישראל שטערן

מנחם פלאַקסער (ניו־יאָרק)

ישראל שטערן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל אָסטראָלענקע, לאָמזשער גובערניע, אויף דער גרענעץ צווישן קאָנגרעס־פּוילן און ליטע. אַ ברייטער טייך, דער נאַרעוו, האָט אַרומגערינגלט דאָס שטעטל. דענקמעלער פון פּאַרצייטישע מלחמות זיינען געשטאַנען אויף די אַרומיקע פעלדער. די בעלי־מלאכות פון שטעטל האָבן געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך און פאַרטיק געמאַכט קליידער, שיך און היטלען פאַר די אַרומיקע פּויערים, וואָס זענען צוויי מאָל אַ וואָך, דינסטיק און פרייטיק, אָנגעפאָרן צו די מאַרק־טעג. אויף די זעלבע מאַרק־טעג האָבן אויך אַרויסגעקוקט די קרעמער פון שטעטל.

ווי שטערן אַליין האָט אָנגעגעבן אין זיין ענטפער אויפן פרעגבויגן פון זלמן רייזען פאַר זיין „לעקסיקאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע”, איז ער געבוירן געוואָרן „שבועות־צייט” פון יאָר 1894. דאָס מיינט, אַז ער האָט אַליין נישט געוווּסט די גענויע דאַטע פון זיין געבורט. די שטוב, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, איז געווען אָרעם, ווי עס קען נאָר זיין. דער טאַטע, אַ מלמד, איז געשטאָרבן יונג, איבערלאָזנדיק פאַר דער אלמנה צו שפּייזן און דערציען דריי קליינע יינגלעך. דערצו נאָך איז אין הויז געווען דער מוטערס פאָטער, אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייס־גרויער באָרד, וואָס איז געווען אַ סופר. ער האָט איבערגעקוקט תפילין און מזוזות, צי זיי זענען כשר, האָט אַמאָל אין אַ יובל געשריבן אַ ספר־תורה פאַר חברה־משניות אָדער פאַר דעם קצבישן שולכל. קיין גרויסע פּרנסה האָט ער פון דעם נישט געקאָנט ציען און פאַר דער טאָכטער, דער אלמנה, איז געבליבן צו זאָרגן אויך פאַר דעם אַלטן טאַטן.

יונג און בליענדיק, ווי איך געדענק זי, האָט זי זיך נישט פאַרלוירן. זי איז געוואָרן אַ בעקערין פון זיסע געבעקס, וועלכע זי האָט אין די פאַרנאַכטן אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן איבער די בעלעבאַטישע הייזער פון שטעטל. אָבער די קינדער האָט זי אָפּגעגעבן אין חדר און שפּעטער אפילו אַוועקגעשיקט לערנען אין ישיבות. ישראל, דער עלטסטער און געראָטנסטער פון די יינגלעך, האָט געלערנט אין די ישיבות פון לאָמזשע און סלאָבאָדקע. ווען ער פלעגט אַהיימקומען אויף יום־טוב, פלעגט ער קומען דאַוונען אין גערער שטיבל. בעתן דאַוונען פלעגט ער שטיין מיטן פּנים צו דער ספרים־שאַנק און האַלטן איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די לאַנגע טאָוולען פון אַ יורה־דעה. איך האָב זעלטן געזען אים מיטדאַוונען מיט קהל.

ווי אַן עלטערער ישיבה־בחור האָט ישראל אַ שטיקל צייט געלערנט אַ שיעור צוזאַמען מיט אַנדערע בחורים „גוטע קעפּ” ביי מיין פאָטער, הענעך פלאַקסער. מיין פאָטער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות און האָט לאַנגע יאָרן געגעסן קעסט ביי זיין שווער, ר׳ אפרים גאָלדברוך, אָט דעם מערקווירדיקן יידן, וועמען שטערן האָט שפּעטער געווידמעט איינע פון זיינע געציילטע פּאָעמעס *).

אַ קליינער יינגל — האָב איך זיך נישט איינמאָל אויפגעכאַפּט אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגן, ווייל די בליך־לאָמפּן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן ביי אונדז אין שטוב און די גאַנצע לופט איז פול געוואָרן מיט דעם געזאַנג פון בציבורדיקן תורה לערנען.

די ערשטע וועלט־מלחמה טרעפט שטערנען אין ווין, די הויפּטשטאָט פון עסטרייך־אונגאַרן, וווּ ער ווערט אינטערנירט ווי אַ רוסישער בירגער. דורך די דאָזיקע עטלעכע יאָר זאַפּט ער זיך אָן מיט די אַלע מאָדערנע פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע שטרעמונגען, מיט וועלכע ווין האָט דעמאָלט געשמט.

שטערן קומט קיין וואַרשע, אָבער מען זעט אים נישט אין די ליטעראַרישע קרייזן. ער איז גאָר פאַרבונדן מיט עפּעס אַ קיבוץ פון מוסרניקעס אויף סאַפּיעזשינסקע גאַס. עס הייבן זיך אָן באַווייזן זיינע לידער אין פאַרשידענע זשורנאַלן, ווי „רינגען”, „כאַליאַסטרע”, אָבער אָן אַ באַזונדערן אָפּקלאַנג. ערשט ווען אין אַ פרייטיקדיקן נומער פון „מאָמענט” באַווייזט זיך זיינס אַ ליד, ערשט דעמאָלט קומט הערש דוד נאָמבערג צולויפן אין ליטעראַטן פאַריין, אויף טלאָמאַצקע 13, מיט אַ געשריי: ווער איז דער שטערן? וווּ איז ער?

אָבער שטערן שטייט אָן אַ זייט פון אַלע ליטעראַרישע קרייזן. עס איז געווען דעמאָלט אַ צייט פון אויפברויזן און גרויסן גלויבן אין דער ליטעראַרישער וואַרשע. מאַרקיש איז אַראָפּגעקומען פון רוסלאַנד מיטן געזאַנג פון „צילינדער אויף די פּיס און די שטיוול אויפן קאָפּ”, אורי צבי גרינבערג

*) זע מיין בוך „אָסטראָלענקע”, ישראל שטערן.

איז אָנגעקומען פון זיין טאַטנס בית־דין־שטוב אין לעמבערג און מלך ראַוויטש פון ווין מיט דעם קילן שאָטן פון שפּינאָזע אין זיין דיכטונג. עס קומען אויף די „ליטעראַרישע בלעטער", עס דערשיינען אָן אַ שיעור ביכער, די יוגנט פון די חסידישע שטיבער צעשפּאַרט די ווענט פון טלאָמאַצקע 13, ווען דאָרט ווערן אָפּגעהאַלטן די שטורמישע ליטעראַרישע אָוונטן און דיסקוסיעס. אָבער שטערן שטייט אָן אַ זייט פון דעם אַלעם. מען טרעפט אים אין דער „ליטווישער חברה ש"ס", אויף נאַלעווקעס 39, אָדער אין דעם שטיבל פון די „טויטע חסידים" (בראַצלאַווער), אויף דזשעלנע גאַס.

אַלץ מער און מער ווערט שטערן אָפּגעשלאָסן אין זיך, ווי אַ באַזונדערע וועלט, אפילו ווען ער הייבט זיך שוין אָן באַוויזן צווישן קאָלעגן שרייבער. קיינער ווייסט נישט, וואָס שטערן טוט, פון וואָס ער לעבט. איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס בילד, ווי אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט האָב איך זיך ענדלעך דערקליבן צו דעם „צימער", אָדער ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן: צו דער נאָרע, ווו שטערן האָט געוווינט. אין אַן איינגעפאַלענעם אייזערנעם בעטל, צווישן אַ באַרג מיט שמאַטעס, אַ שווער־באַוואָקסענער, איז שטערן געלעגן אין אַ טיפן שלאָף. ער פלעגט אַזוי אויף וואָכן לאַנג „אַוועקגיין" פון דער וועלט און דאַן ווידער אַרויסקומען, אָפּדרוקן אַ בליציקן עססיי אין אַ צייטונג, אין אַ זשורנאַל, אָדער, זעלטענער, אַ ליד.

ער איז געווען פול מיט ביטערן פּראָטעסט קעגן דעם לעבעדיקן אַרום און איז נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף קיין שום פשרות מיטן לעבן. איך געדענק בלויז איין פאַל, ווען דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע איז געלונגען אַוועקצוזעצן שטערנען אויף עטלעכע חדשים זומער־צייט אין אַ רעדאַקציע צו מאַכן אַ קאָרעקטור, כדי צו פאַרדינען אויף לעבנס־אויסהאַלטונג. ער האָט זיך טיף געבונטעוועט קעגן אַלע צווימען, וואָס ווערן אויף אונדז אַרויפגעצוווּנגען דורכן לעבן.

זיין ליידנשאַפט איז געווען דאָס ארומבלאָנקען איבער די גאַסן, זיך איינקוקן טיף אין די געזיכטער פון די פאַריאָגטע און פאַרפאָלגטע מענטשן, שטיין בלייבן מיט דעם בעטלער אויף דער עק גאַס, און פאַרענדיקן ביי אַ ספר אין דער „ליטווישער חברה־ש"ס".

די נישט נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען פירן צו שטערנס שווערער קראַנקהייט און צו זיין פאַרברענגען לאַנגע חדשים אין שפּיטאָל. פון דאָרט ברענגט ער אַרויס די ליכטיק־לויטערע „שפּיטאָל־לידער", איינע פון זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען.

ווי ווייניק שטערן האָט געטראַכט וועגן זיין שרייבערישער פּראָפעסיע זעט מען פון דעם פאַקט, וואָס פאַר די איבער צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן אין וואַרשע, אין דער סאַמע געדיכטער ליטעראַרישער קאָכעניש, איז אים קיין מאָל נישט געקומען אויפן זינען צונויפצונעמען זיינע שאַפונגען און דאָס פאַרעפנטלעכן אין אַ בוך. פון אלע שרייבערישע קרייזן האָט ער אַממייסטן ליב געהאַט די סביבה פון הלל צייטלין. ער איז געווען אַן אָפטער אַרייגגייער אין זיין הויז אויף שליסקע גאַס, ווו אומרואיקע גייסטער האָבן געזוכט אַ תיקון פאַר די פּראָבלעמען פון ישראל סבא.

ס'איז פאָרגעקומען, האָט מען גערעדט צווישן שרייבער אין וואַרשע, אין ישראל שטערנס פערזענלעכן לעבן אַ טראַגישע פּאַסירונג, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ שטענדיקן שווערן חותם אויף זיין גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג אין לעבן. די פּאַסירונג איז געבליבן איינגעשלאָסן, טיף־פאַרבאָרגן אין זיין נשמה, און דאָס, האָט מען געזאָגט, האָט אין אַ געוויסער מאָס משפּיע געווען, אז ער זאָל זוכן אַן אָרט צווישן מוסרניקעס.

די צווייטע וועלט־מלחמה ברענגט שטערנען צוזאַמען מיט מיליאָנען אנדערע פוילישע יידן אונטער דער גרויליקער הערשאַפט פון די נאַציס. ער ליידט הונגער און נויט, און וויפיל די געציילטע פאַרבליבענע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן נישט געזוכט אים צו העלפן, איז ער, לויט דער עדות פון עמנואל רינגעלבלום, עטלעכע מאָל געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און קראַנקהייטן. פאַר אַ געוויסער צייט איז געלונגען אים איינצואָרדענען אין אַ שאַפּ, ווו ער האָט זיך ווונדערלעך געהאַלטן, טוענדיק אלע שווערע ארבעטן. אָבער אין איין טאָג האָט מען אלע אַרבעטער פון דעם שאַפּ אַוועקגעפירט אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ" און פון דאָרט אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

ווי רינגעלבלום און אַנדערע עדי־ראיה גיבן איבער האָט שטערן פיל געשריבן אין געטאָ, אָבער די כתבים פון דעם מערקווירדיקן מענטשן און טיף־אייגנאַרטיקן דיכטער זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט אים.

ה. לייוויק, (ניו־יאַרק)

די ווערטער וואָס איך שרייב, גייען נישט אַריין אין גדר פון קריטיק און פון גענויער אָפּשאַצונג (דאָס וועט געוויס געטאָן ווערן פון דער באַרופענער קריטיק), נאָר גיכער אין גדר פון אַ באַזונדערער פערזענלעכער באַווירקונג און פון אַ פערזענלעכער אָנרעגונג, וואָס ישראל שטערנס דיכטער־גורל האָט אַרויסגערופן אין מיר בשעת איך האָב זיך באַקענט מיט אים ביי מיין באַזוך אין וואַרשע אין 1925 און, דערהויפּט, בשעת ס'איז דערגאַנגען צו אונדז אַהער אין דער צייט פון דער מלחמה די ידיעה, און גלייך מיט דעם די לעגענדע, ווי אַזוי ישראל שטערן איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. איך שפּיר, אז זיין עינויים־טויט שטימט מיט דעם נוסח און, דערהויפּט מיט דעם שאַרפן, טראַגיש־תהומיקן תוך פון זיינע לידער, וואָס אויך זיי שפּיר איך און זע זיי אונטער זיין קאַטאַסטראָפישן גורל־צייכן.

יאָ, ישראל שטערן דער דיכטער האָט אויך זיין פערזענלעכן לעבן דורכגעטראָגן, אַזוי פיל איך, אונטערן שאַרפן צייכן פון קאַטאַסטראָפע, און אויך אַזוי האָט ער געאַנט דעם גאַנג פון דער וועלט און פון אונדזער פאָלק. ער האָט גע־

שפירט די אַנקומענדיקע טויט־פייערן לאַנג, לאַנג איידער נאָך זיי האָבן זיך אָנגעצונדן. ער האָט זיך געשטיקט אין אַנגסטיקע פינצטערנישן, איידער נאָך די גרויל־נעכט זיינען אָנגעקומען.

עלנט, ביטערקייט, אָרעמקייט, יתומדיקייט, האַרטע שטייניקייט. דערווייטערטקייט און פרעמדקייט צו מענטשן, וואָס מען מוז איבערחלומען און איבערשאַפן אין אַ נאָענטקייט; אַ דערווייטערטקייט פון גאָט, וואָס מוז אויפגיין אין אַ גאָט־אַנטפּלעקונג.

און אָט ליגט ער אויף אַ בעט אין שפּיטאָל. אַ שטאַרק־קראַנקער, אַ צוזאַמענגעבראָכענער. און ערשט אין שפּיטאָל נעמען זיך אַראָפּשיילן פון אים אַלע גראָבע עצבותן. עס רינען פון אים אַראָפּ די אייזקלאַמערן פון טרויער און פאַר־צווייפלונג. ערשט אינעם שפּיטאָל גייט אויף פאַר אים פרי־לינג; אויף די פנימער פון די קראַנקע זעט ער פריידיק גאָטס גוטן שמייכל, און ער שרייבט־אָן זיין פּאָעמע „פרילינג אין שפּיטאָל", וואָס מאַכט אַ טיפן רושם. (די פּאָעמע איז געווען געדרוקט אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך" 1924.)

איז ער געווען אַ פרומער אין טראַדיציאָנעל יידישן זין? עס לאָזט זיך צווייפלען אין דעם. אָבער טיף רעליגיעז איז ער געווען. אָן ספק. מיסטיש אָנגעהויכט און מיסטיש אין זיין אויפפירן זיך אין לעבן. גאָטס שמייכל האָט אָבער נישט גע־וועלטיקט איבער אים אין שטענדיקייט.

פון גרויס רעליגיעזקייט קאָן ער קומען אין זיין צימערל (ווער האָט געוווּסט ווו זיין מקום־מנוחה איז?) און זיך נע־מען שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט.

אָט זעט מען אים דרוקן זיך אין די „ליטעראַרישע בלע־טער", און אָט אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג" און אין אַנדערע בונדישע אויסגאַבעס. איז ער געווען אַ בונדיסט? — ניין. אָבער ער האָט אַ שוואַכקייט צו די אָרעמע, ליידנדיקע פאָלקסמענטשן; צו די אַרבעטער וואָס האָרעווען; צו די נישט־אָנגעזעענע יידישע וווּנדערלעכע אינו־נראהס.

אים לאָקט בכלל דער אָפּגעריסענער, דער פאַרזעענער מענטש.

ער איז אַליין אָרעם אָנגעטאָן, אָפּגעלאָזט. די קעשענעס אָבער פול מיט ליטעראַטור, מיט ווערק — מיט זיינע און מיט ווערק פון אַנדערע יידישע און נישט־יידישע שרייבער.

אין ליטעראַטן־פאַריין אין וואַרשע איז מען אים גערן. מען שפירט אין אים אַן אייגנאַרטיקע קראַפט. אַזוי דער־ציילן אַלע צייטקאָלעגן פון אַמאָליקן וואַרשע. און איך בין אַליין געווען אַן עדות דערפון, ווען כ'האָב באַזוכט וואַרשע אין 1925.

אַז ער קומט — זיצט ער אַליין, פאַרטאָן אין זיך. הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. וווּהין גייט ער?

קיין משפחה האָט ער נישט. שלאָנדערט ער זיך אַרום איבער די וואַרשעווער גאַסן. ער האָט ליב די גאַסן, דער־הויפּט די יידישע. ער קאָן אַזוי אַרומשלאָנדערן זיך אַ גאַנצן טאָג.

וואָס זוכט ער? נאָר ער אַליין ווייסט.

ער איז פלייציק, ברייט־אַקסלדיק. זיין טראָט — גאַנץ פעסט, הגם עס קאָן זיין, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג נישט גע־געסן צו זאָט.

און אָט פאַלט ער אַריין אין שטיבל פון די בראַצלאַווער חסידים. די „טויטע חסידים", ווי מען האָט זיי גערופן. זייער געמיט איז אים צום האַרצן. ער בלייבט דאָרט אויף גאַנצע טעג, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצן אַ זייעריקער. ער זיצט און לערנט. צוליב וואָס טוט ער עס? — צי דערפאַר ווייל ער איז אַנטלאָפן פון מענטשן, צי דערפאַר ווייל ער האָט געפונען גאָט?

אַ מאָל — ביידע זאַכן. אי ער איז אַנטלאָפן, אי ער האָט געפונען.

און אַמאָל — ביידע זאַכן נישט.

און אָט איז ער ווידער איבער די גאַסן.

עס גייט אויף איבער אים דער הימל פון וואַרשע מיט פחדים, מיט נייעם עלנט, און ערשט אין דעם נייעם עלנט נעמט ער שרייען: גאָט, זיי מיט מיר!

און אין מיטן פון די געשרייען צו גאָט פאַלט ער אַריין אין התלהבות, דערמאָנענדיק זיך אָן י. ל. פּרצן.

פּרץ איז פאַר אים דער העכסטער מוסטער פון אַ יידישן דיכטער און קינסטלער. ער איז גליקלעך, וואָס ער איז געווען מיט פּרצן אין איין שטאָט און אין איין דור, און ער איז אומגליקלעך, וואָס פּרץ איז נישטאָ מער. אַזוינס שפירן מיר אַרויס פון זיינע עקסטאַטישע ווערטער וועגן פּרצן אין זיין גרויסער עסיי „קרוינען צו דער יידישער קריטיק".

* * *

מלך ראַוויטש אין זיין בוך „מיין לעקסיקאָן" (אַרויס אין מאָנטרעאָל, 1945) אין זיין כאַראַקטעריזירן ישראל שטערן, דערציילט צווישן אַנדערן, אַז „ישראל שטערן — אַזוי האָט מען גערעדט — האָט געהאַט אַ באַזונדער אינטימע איבערלעבונג, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַן אייביקע וווּנד אין זיין לעבן, אַן אומהיילבאַרע וווּנד, און דעריבער קומט ער אַזוי פיל אָפּ".

צי זאָלן מיר אָננעמען, אַז אָט די איינמאָליקע פאַרבאָר־גענע איבערלעבונג שטערנס, וואָס איר סוד האָט דער דיכ־טער קיינמאָל דורך זיינע לידער נישט אַנטפּלעקט, זאָל ווערן די הויפּט־סיבה פון דעם גאַנצן — ווי עס לאָזט זיך באַצייכענען — קאַטאַסטראָפישן מהות פון זיין דיכטונג? — מיר דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען אַזוי אַ טעות אַזוי צו מיינען.

געוויס האָט די איינמאָליקע פאַרבאָרגענע איבערלעבונג געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין געמיט צו פאַרשטאַרקן זיין דיכ־

טערישע גרונטטראַגיק. אָבער דער עצם־מהות פון זיין ליד האָט געוויס געוואָרצלט טיף אין זיין גאַנצער פערזענלעכ־קייט, ווי זי האָט זיך געפורעמט נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן און יוגנט־יאָרן און איינגעזאַפּט אין זיך באַזונדערע טרויע־ריקע שאַרפקייטן, סיי אינדיווידועל־פערזענלעכע, סיי נאַציאָ־נאַלע און רעליגיעזע.

לויט זלמן רייזענס לעקסיקאָן האָט ישראל שטערן גע־מאַכט זיין ערשטן דיכטערישן אַרויסטריט אין וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק", אין 1919. גלייך נאָך דעם האָט ער אָפּגעדרוקט אַ סעריע לידער (ווי כ'האָב שוין דערמאָנט) אין הלל צייט־לינס שריפט „דער סנה". שפּעטער זענען געקומען זיינע לענ־גערע פּאָעמעס „פרילינג אין שפּיטאָל"; „אַסטראַלענקע" („ליטעראַרישע בלעטער", 1927).

שוין גאָר אין די ערשטע לידער זעט מען דעם דיכטערס הויפּטשטריכן, וואָס האָבן שפּעטער אָנגענומען זייער פּאַר־שאַרפטן אופן פון אויסדרוק, — אַן אופן צו אידענטיפיצירן זיך מיט דוממים, מיט שטומע זאַכן אין דער נאַטור און אין שטאָט — אין גאַס, אין שטוב — מיט טראָטואַר, מיט סלופּ, מיט בוים, מיט שטיינער, מיט וואַנט, מיט וואָלקן, מיט הונט — אַזוי ווי ער וואָלט דורך זיי דערזען זיין גורל ערגער פון זייערן און ווי ער וואָלט זיי מקנא געווען. —

ער זאָגט טאַקע אין אַ ליד:

איך בין קיינעם נישט מקנא
סיידן דעם געזאַנג פון אַ קאָסע
פאַרנאַכט אין אַ דאָרף.

אָדער:

מיין אומעט
הענגט אַראָפּ פון אלע ביימער
און פאַלט נישט צו דער ערד. — — —

אין איינס פון זיינע גאָר ערשטע לידער „בשעתן שוואַרצן רעגן", זעט מען שוין די געדיכטקייט פון זיין טרויער און ווי עס נעמען אים שוין דורך אָנונגען וועגן „געשטאָרבענע ברי־דערלעך, וואָס קומען צו אים און שלעפּן אים פאַר די פינגער פון די פיס צו זיך"... און ער טענהט:

— — — דו ווייסט אונדזערע ערטער —
ווילדע וועגן אין אַ ווילדן וואַלד,
און דו האָסט געשוווירן
ביי דער הייליקייט פון דיין רחמנות
ניט לאָזן אונטערגיין
אונדזער קליינע וועלט;
זע, אונדזערע אלטע ביימער האָט אומגעוואָרפן דער שטורעם,
מיר, יונגע,
שלאָגן פאַרצווייפלט די קעפּ ווי גראָז אָן דער ערד.

און דאָס איז געווען מיט צוויי צענדליק יאָר פאַר מאַידאַ־נעק און פאַר וואַרשעווער געטאָ. —

ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבער די דעמאָלטדיקע פרייע וואַרשעווער גאַסן און געפרעגט אַזוינע שטערנישע פראַגעס:

פאַרוואָס איז יעדער סלופּ און יעדער דאַך
איבער זיין אייגענעם געשטאַלט אַ האַר,
און פאַרוואָס לאָז איך אַראָפּ די ברעמען? —
צי בין איך ערגער פונעם טראָטואַר,
וואָס ליגט צופרידן און דאַרף זיך נישט שעמען
צו קוקן דעם הימל אין די אויגן?

(די תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג)

האָט אים דען עמיץ דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז עס קען טאַקע קומען אזא בייטאָג, ווען אים און אַלע יידן אין וואַרשע וועט זיין ערגער פונעם טראָטואַר? — אָבער מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז עס געשען. דעם טראָטואַר איז געווען בע־סער. און ער, שטערן, האָט געזוכט ווי צוצופאַלן צום טראָטו־אַר און בלייבן אויף אים ליגן. — — —

• • •

משה גראָסמאַן אין זיין בוך „היימישע געשטאַלטן" (תל־אביב, 1953) דערציילט, ווי אַזוי נאָמבערג האָט אויפגענומען מיט עקסטאַז די „שפּיטאָל־לידער" פון ישראל שטערן, דעם „מאָדנעם טשודאַטשנעם בן אדם", און ווי ער אַליין, גראָס־מאַן, איז אים אַמאָל נאָכגעגאַנגען מיט באַוווּנדערונג איבער די גאַסן:

— — — „איך בין אים נאָכגעגאַנגען, שרייבט גראָסמאַן, העכער אַ שעה צייט איבער די וואַרשעווער יידישע גאַסן, אים נאָכגעקוקט, אָבסערווירט. ער טראָגט אַלטע, אָפּגעטראָ־גענע, אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים, אַזוי אויך די שיך און אַזוי אויך — זיין פּנים — פאַרמאַטערט, אָפּגעטראָגן, צע־קנייטשט, פאַרשטויבט. נאָר די אויגן — העלע, בראשיתדיק קינדערישע, מיט אַ פייערל פון אמונה־ליכט. — — — ער וויגט זיך אין גאַנג, פאַרדבקהט, אַ משולח, אַ פרעמדער גאַסט, אַן אומבאַקאַנטער אורח..."

גראָסמאַנס שילדערונג שטימט דורכאויס מיט דעם איינ־דרוק, וואָס ישראל שטערן האָט אויך אויף מיר געמאַכט, ווען כ'האָב זיך מיט אים באַקענט. איך זאָג: באַקענט, אָבער נישט אַזוי לייכט איז געווען צו באַקענען זיך מיט אים. אין ליטע־ראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13 איז ער נישט געווען קיין צו־אָפּטער אַריינקומער. וואַרשעווער קאָלעגן האָבן דערציילט וועגן אים אַ סך חידושים, גערעדט וועגן אים מיט אַ ביסל שמייכל אויף די ליפּן, אָבער אין תוך מיט אַ סך אינערלעכער באַציאונג צו אים. איין מאָל האָב איך אים יאָ געטראָפן אין ליטעראַטן־פאַריין. ער האָט אויסגעזען טאַקע אַזוי ווי גראָס־מאַן שילדערט אים. ער איז געזעסן אַן אַ זייט, אַליין פאַר זיך, פאַרטאָן אין זיך. געזעסן און געשוויגן. איך בין צוגע־

גאַנגען צו אים, זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אים. איך וויל זיך באַקענען מיט אייך קאָלעגע שטערן, האָב איך געזאָגט. ער האָט זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן, זיינע מילדע אויגן האָבן מיך דורכגענומען. — „איך וויל עס אויך גערן", האָט ער געזאָגט. ער האָט אַריינגענומען מיין האַנט אין זיינער. אַ ברייטע, אַ פֿעסטע, אַ שווערע איז זיין האַנט געווען. איך געדענק ביז היינט אָט דעם האַנטדרוק זיינעם. — איך האָב גראָד די טעג געלייענט, האָט ער מיט אַ שטיל קול געזאָגט, אייער פּאָעמע „דער וואָלף" און כ׳בין שטאַרק באַווירקט פֿון איר. — פֿאַרוואָס גראָד „דער וואָלף? האָב איך אים געפֿרעגט. — ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן, דערנאָך אַ זאָג געטון: ווייל אַזוי איז עס, אַזוי איז עס. — — — כ׳האָב אים איבערגעגעבן מיין טיפֿן איינדרוק וואָס כ׳האָב געהאַט פֿון די לידער זיינע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען. ער האָט מיר געדאַנקט, דער־נאָך געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. כ׳האָב אים צום סוף אַ פֿרעג געגעבן, צי וואָלט ער וועלן פֿאָרן קיין אַמעריקע? און ער האָט שווער אַ זאָג געטאָן: — וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? — — —

אין די היטלער־יאָרן, ווען עס האָט אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז די גרוילן פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, זענען אויך דערגאַנגען צו אונדז די אויסטערלישע ידיעות וועגן דעם אופֿן, ווי אַזוי הלל צייטלין ז״ל איז געגאַנגען צום טויט און ווי אַזוי ישׂראל שטערן ז״ל איז אומגעקומען. ווען מיר האָבן דאָ געהערט אָט די ידיעות, האָבן מיר אַלע געפֿילט, אַז זיי שטימען דורכויס מיט דעם מהות פֿון די פּערזענלעכקייטן פֿון די ביידע קדושים. זיי וואַקסן אַרויס פֿון זייערע דרכים אין לעבן. וואָס שייך ישׂראל שטערן, איז מיר ווייטאָקדיק קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס ער האָט מיר מיט צוואַנציק יאָר צוריק געזאָגט, אַז ער איז באַזונדערס באַווירקט פֿון מיין כראָניק־פּאָעמע „דער וואָלף". יאָ, ס׳איז מיר ווייטאָקדיק קלאָר געוואָרן. ער האָט טאַקע מקיים געווען, וואָס עס ווערט אין דער פּאָעמע דערציילט וועגן אַ רב אין חורבן־טעג, און איך — איך האָב נאָר דערציילט. — — —

וואָס איז לעגענדע? אויסגעלייטערטע, פֿאַרוואַנדלטעווירקלעכקייט, וואָס נעמט אָן די געחלומטע געשטאַלט פֿון דעם, וואָס האָט די ווירקלעכקייט געלייטערט אין זיין פֿייער. שטימט אין גאַנצן מיט דעם לעבנס־וועג פֿון הלל צייטלין דער לעגענדע־נוסח, אַז ער איז געגאַנגען צום טויט איינגע־הילט אין אַ טלית. און עס שטימט אויך מיט דער ישׂראל שטערן־געשטאַלט דער לעגענדע־נוסח, ווי אַזוי ער, ישׂראל שטערן, איז אומגעקומען.

מ. וואַלדמאַן (פּאַריז) אין זיינער אַ פֿאַרצייכענונג נישט לאַנג, וואָס ער רופֿט עס טאַקע אָן „לעגענדע — ישׂראל שטערן", דערציילט: — — — „די ערשטע טעג פֿון דער מלחמה איז ער פֿאַרשוווּנדן. אַ צייט האָט מען אים נישט געזען, ערשט ווען ס׳איז שטיל געוואָרן פֿון דער באָמבאַרדירונג האָט ער זיך באַוויזן.

„ער האָט חברים באַגעגנט מיט אַ שטילן פֿליסטער, ווי ער וואָלט איבער יעדן געמאַכט אַ ברכה. דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען איז געווען דעם 15טן אָקטאָבער, 1939. איך האָב אים געזוכט, כדי זיך מיט אים —מיט דעם דיכטער, וואָס איך האָב פֿאַרערט, וואָס אַלע האָבן פֿאַרערט — זיך געזעגענען, און אויך געוואָר ווערן, וואָס טראַכט ער, ישׂראל שטערן, צו טאָן. וואַרשע איז אין דער ערגסטער חורבה געלעגן. — — — איבער די גאַסן, בית־עלמינס, דרייען זיך אַרום מענטשן, וואָס קוקן אָנגעשפּיזט און מיט מורא אין אַלע זייטן און אַרום זיך — יאָגט זיי נאָך אַ שאָטן? פּלוצים איז ער, ישׂראל שטערן, אויסגעוואַקסן פֿאַר מיר ווי אַ נס. ער שפּאַנט פֿאָרויס, קוקט פֿאָרויס פֿאַר זיך. טרויעריק, דער־שלאָגן, מיד און נאָך מער באַוואַקסן. און נאָך פֿולער אָנגע־שטאָפּט זיינע קעשענעס אין דעם שוואַרצן, אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, וואָס איז גרוי און געל געוואָרן און האָט זיך געבלאָזן ווי אַ זאַק אין ווינט.

דאָס האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם איינציקן און גאַנצן פֿאַרמעגן זיינעם, מיט אַלע זיינע פֿאַרערטע דיכטער, אַלע זיינע רביים, פֿילאָזאָפֿן. — — — פֿון וואַרשע האָט ער נישט געוואָלט אַוועקגיין. — וווּהין גיין? האָט ער געזאָגט. דאָרט אַהין ווו איך וויל, קען איך נישט. אַזויפֿיל יידן בלייבן דאָ. גורל. גורל דאָ צו פֿאַרבלייבן.—"

דאָס זעלבע כמעט דערציילט וועגן ישׂראל שטערן אברהם זאַק אין זיין בוך „אין אומרו פֿון יאָרן" (אַרגענטינע, 1954, פֿאַרלאַג „יידבוך"). „ישׂראל שטערן, דערציילט זאַק, פֿלעגט לאַנג נישט זיצן אין קיך (שרייבער־קיך אין וואַרשע אויף קאַרמעליצקע אין אָנהייב פֿון דער מלחמה). עפּעס האָט אים געיאָגט, געטריבן פֿון מענטשן. ווו ער געפֿינט זיך, ווי אַזוי ער גיט זיך אַן עצה — האָט קיינער ניט געוווּסט, און ער האָט קיינעם ניט געזאָגט. — — — וואָס טראַכט איר, חבר שטערן? -- פֿרעג איך אים. — איר בלייבט דאָ, אָדער איר וועט זיך אויך לאָזן אין וועג אַריין? — פֿון גורל קאָן מען ניט אַנטלויפֿן, פֿאַלט זיין קורצע תשובה".

דער זעלבער ענטפֿער: גורל, וואָס וואַלדמאַן דערציילט וועגן אים, און וואַלדמאַן גיט צי צום גורל עפּעס נאָך — ווי אַזוי פֿון גורל ווערט לעגענדע, פֿאַרענדיקט זיינע פֿאַר־צייכענונגען אַזוי:

„דערציילט מען איצט — אפשר איז עס לעגענדע? אויב יאָ, קען מען עס נאָר וועגן ישׂראל שטערן דערציילן: — — — ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער בראַנדיקער ערד, מיט די אויגן געוואָנדן צום הימל, און שטום געבעטן אויף דער־לייזונג. צו קיינעם האָט ער נישט גערעדט. גאָרנישט האָבן זיינע ליפּן נישט געוואָלט מער טועם זיין פֿון דער זינדי־קער ערד... ביז ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ הייליקער מיטן פּראָטעסט קעגן גאָט און וועלט".

וואָס ער האָט איבערגעלעבט ליגנדיק אויף דער בראַנ־דיקער ערד, ביז ער איז אויסגעגאַנגען, קענען מיר זיך נאָר משער זיין. יעדער פֿון אונדז אויף זיין שטייגער. האָב איך

פראָבירט זיך משער זײַן, נאָר כ׳האָב אין כבוד פון שטערנס אָנדענק אָנגעשריבן אין 1943 אַ ליד „מײַן ברודער, ישראל שטערן״, וואָס איז אַרײַן אין מײַן בוך „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען״. און איך גלויב, אַז עס וועט זײַן אין דרך פון מײַן איצטיקן איבערלעבן אויפסנײַ זײַנע לידער, און אין מײַן פאַרערונג צו אים, ברענגען צום סוף פון די איצטיקע נאָטיצן דאָס ליד, וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטערן אײַנדרוק פון זײַן לעגענדע־טויט אין וואַרשעווער געטאָ.

מײַן ברודער, ישראל שטערן

מײַן ברודער, ישראל שטערן,
מײַן ברודער פון איובשע לידער,
איין טאָטן מיר טוען געהערן,
איין טאָטן — דעם אייביקן יידן.

מײַן ברודער, ישראל שטערן,
דער טאַטע האָט געלאָזט זיך שעכטן
דעם שופר פון משיח צו הערן —
געווען איז דאָס נעכטן, נעכטן.

און דו האָסט געטאָן דאָס זעלבע,
אַ ביסל נאָך אַנדערש דער אופן,
די ליגסט צווישן חורבן־געוועלבער
אין מיטן פון וואַרשעווער הויפן.

דו ליגסט אויף עקדה־שטיינער,
אַזוי ווי ס׳איז יצחק געלעגן —
און ס׳גלוסטן אין דיר אַלע ביינער
צו זינגען און גאָר נישט צו פרעגן.

דו פרעגסט ניט: אַוווּ איז דער אַיִל,
און ווער וועט דאָס שעכטמעסער שאַרפן?
און ווער וועט צעבלאָזן דאָס פײַער
דעם קרבן אין פלאַקער צו וואַרפן?

דו פרעגסט ניט — דו נעמסט זיך גאָר זינגען,
אינגאַנצן פון זיך אַ דערלייזטער,
און וווּנדער — דײַן קול הייבט אָן קלינגען
אַלץ העכער און העכער און דרייסטער:

„איך ליג — ווי איך דאַרף ליגן — שטויביק,
אָן ריר מיט קיין איינציקן אבר,
אַז ווויל מיר, אַז ווויל צו זײַן אייביק,
אַז ווויל מיר אָן וויג און אָן קבר״.

דײַן קול איך פאַרנעם פון דערווייטן,
מײַן ברודער, ישראל שטערן!
ווי ווערטער פון גאָר אַלטע צייטן
צו מיר וואָלט לאָזן זיך הערן.

און אָט ווערט דײַן קול אַנטשוויגן,
און פון דײַן אַנטשוויגנקייט קומען
אַרויס מיט אַ נייערן ניגון
געזאַנגען פון אונטער דײַן גומען:

„צעעפנט זיך, שערי שמים,
און בלײַבט שוין אַזוי אייביק אָפן,
דאָס בלוט, וואָס דאַרף מאָנען און שרייען,
וויל שלאָפן, וויל שלאָפן, וויל שלאָפן.

„ס׳וועט עמיצער, הימלען, אײַך פליקן,
און איך וועל אײַך גאַנץ מאַכן ווידער,
און איך וועל אײַך געבן אַ תיקון
מיט מײַנע צעשאָסענע גלידער.

„אָט איז זי מײַן חצותדיקע תפילה,
באַגלייט פונעם טאַטנס קול־שופר —
גייט אויף, מײַנע אברים, אין סקילה,
אין הרג, אין חנק, אין שריפה.

„מה טוב ומה נעים — ווי זיס איז,
נאָך זיסער פון יום־טובשן עונג,
מקיים זײַן אַלע פיר מיתות —
איין קידוש־השם איז מיר ווייניק — — ״

דײַן קול איך פאַרנעם פון דערווייטן,
וואָס נאָכדעם געשעט — בלײַבט פאַרהוילן,
אַ וווּנדער פון היינטיקע צייטן,
וואָס לאָזט זיך דערווייל ניט דערציילן.

ה. לייוויק

רחל אויערבאך (תל־אביב)

אַ בוים אין געטאָ (ישראל שטערן)

מסתמא איז דאָס געווען פרילינג אָדער אָנהייב זומער 1941. דעמאָלט אין סאַמע הויך־סעזאָן פון הונגער און טיפוס, פון מחנות בעטלער, הענדלער, זינגער אויף די גאַסן. עס איז געווען נאָך הערשעלעס טויט. איך האָב מיר נישט געקאָנט מוחל זיין הלמאי האָב איך באַצייטנס נישט געפרוווט אים אונטערקאָרמען אין מיין קיך, און ווען איך האָב צופעליק געטראָפן ישראל שטערן אין איינער פון די אינסטיטוציעס אונדזערע, האָב איך אים אַוועקגערופן אין אַ זייט, פאַרבעטן ער זאָל קומען יעדן טאָג אויף לעשנאָ 40 אָפעסן אַ זופ. זיין ערשטע פראַגע איז געווען, צי די קיך איז כשר.

— וואָס האָט נישט צו זיין כשר? — האָב איך אים געענטפערט — ס'איז נישט מילכיק, ניט פליישיק. מען שמעלצט מיט אייל דאָס עסן, איז עס פאַרעווע.

שטערן האָט נישט דעם מינדסטן שמייכל געטאָן אויף אָט דער „חכמה", אויך נישט געזאָגט צי וועט ער קומען. אין אַ פאָר טעג אַרום האָט ער זיך פונדעסטוועגן באַוויזן; אָנגעהויבן קומען כמעט יעדן טאָג. ווי נאָר די „גאָספאָדיניע" אונדזערע פלעגט אים דערזען, פלעגט זי אים תיכף, לויט מיינעם אַ ווונק, צושיקן אַ טעלער זופ — אָן אַ צעטל. סיי זי, סיי דער שטענדיקער „פאַטראָן" פון אונדזער קיך, אַ געוועזענער יידישער גוטבאַזיצער פון ריפינער קרייז, זענען געווען געוווינט צו אַזעלכע מיני „עבירות". זיי האָבן אויך דעם דאָזיקן קאָנסומענט אַריינגערעכנט צווישן מיינע „אומזיסטע טיפן". נישט מער, זיי האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן דערמיט, הלמאי גיב איך אים בעסער נישט אַהיים דאָס עסן; הלמאי בעט איך גראָד אים אין זאַל צום טיש.

און באמת — וואָס איז דען צו לייקענען — אַפילו אויפן פאָן פון די דעקלאַסירטע און אויסגעמאַטערטע פליטים פון דער פראָווינץ, פון וועלכע ס'איז באַשטאַנען דער רוב קאָנסומענטן פון דער קיך, האָט שטערן זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זיין מוראדיקער אָפגעלאָזנקייט.

זיין פאַלטן איז אונטן אַרום געווען אויסגעסטרעפעט, די אַרבל אין די פאַכוועס אויסגעפליקט. דעם שוואַרץ־פאַרפעצטן קאַפעליוש האָט ער כמעט קיינמאָל נישט אַראָפגענומען פונעם קאָפ. די זעלטן געגאָלטע באַקן זענען געווען אָנגעיווזשעט, ווי אַ סטערניע, מיט אַ האַרט שטאַרצנדיקן ווילדוווקס. אונטערן מאַנטל איז שוין, דאַכט זיך, נישט געווען קיין רעקל און דאָך איז ער געווען עפעס מאָדנע אָנגעבלאָזן אויפן בויך. איך האָב געפרעגט ביי יוסף קירמאַן וואָס קען דאָס זיין און קירמאַן האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין:

— היות די קעשענעס פון פאַלטן זענען אויסגעריסן, טראָגט שטערן אונטער די פאָלעס זיינע נייטיקסטע חפצים; דאָס ביכל, וואָס ער האַלט אין לייענען — אַ באַנד לידער פון רילקע, צי פון קאַספראָוויטשן און דערצו זיין אייגענע — אַ נישט־אָפגעשפרונגענע — קוואָרט צום אָפגיסן די הענט, לויטן שולחן־ערוך...

און ווי דאָס אַלטע ווערטל זאָגט וועגן דעם חכם, וואָס טראָגט אַלץ דאָס זייניקע מיט זיך.

מיר האָבן נאָך פאַר דער מלחמה געוווסט, אַז שטערן איז אַ חסיד, דערצו נאָך פון די בראַסלעווער, די „טויטע חסידים". דאָך האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַזוי ווייט אָפגעהיט...

*

קעגן סוף דעצעמבער 1941 איז די קיך אויף לעשנאָ 40 אין דער ראַם פון ווינטער־הילף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעקאָנוואַלעסצענטן־קיך. אָנגעהויבן קאָכן נאַרהאַפטיקע און פעטע זופן בעיקר פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַ טיפוס. פון דער קיך האָט מען איצט געהאַט דאָס רעכט צו געניסן נאָר אויפן סמך פון אַ ספעציעלער צוווייזונג און נאָר אין משך פון איין חודש. די קיך איז איצט געווען אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע וויזיטאַציעס, אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז אויך איצט האָב איך געקאָנט אַריינשמוגלען אַן „אויסנאַם". חברים שרייבער, מאָלער, מוזיקער האָבן זיך ערשט איצט באמת פאַראינטערעסירט מיט אונדזער קיך און מיט אירע קאַלאָריעס. פאַר שטערנען איז אַן עיקר־זאַך געווען די כשרות. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב אים אָנזאָגן, אַז דאָס עסן וועט פון איצט אָן געקאָכט ווערן אויף חזיר־פעטס און פערדישע ביינער. פון דעם טאָג אָן איז שטערן פון דער קיך פאַרשוווּנדן.

אַ פאָר חדשים האָב איך אים נישט געזען. ערשט בערך פאַר פסח 1942 קומט יוסף קירמאַן אויף לעשנאָ 40 און דערציילט מיר, אַז שטערן געפינט זיך אין אַ מוראדיקן מצב, ממש נאָר צו לאָזן די נשמה.

איך לאָז אַלץ שטיין, מיר גייען ביידע. אין אַ סוטערין־שטוב אויף ראָג פאַוויע און סמאָטשע וווינט אַ חסידיש־בעל־הביתישע משפחה און שטערן פאַרנעמט דאָ אַ ווינקל צום שלאָפן. דורך די פאַרדראָטעוועטע פענצטערלעך אונטערן סופיט זייט זיך אַריין אַ שיטער ביסל ליכט. צוויי הויך־פאַרבעטע בעטן, נאָך איבערגעדעקטע מיט רויטע פלוש־דעקן, שטייען ביי די ווענט. אַן אַלטער ספרים־שאַנק אַנטקעגן דער טיר.

ביים טיש אין מיטן שטוב איז אַן אומהיימלעך פאַרענדערטער געזעסן ישראל שטערן. די פיס, דער גאַנצער גוף געשוואָלן ביז אַרויף. דאָס אָנגעדראָלענע פנים אַרומגענו־

מען מיט אַ היפּש אונטערגעוואַקסענער באָרד, ווי ביי אַן אָבל.

די מענטשן אין שטוב האָבן גענומען זיך פאַרענטפערן פאַר אונדז, הלמאי שטערנס בעט איז אויך פאַרבעט. „אַז ער וויל נישט בלייבן ליגן — האָבן זיי געזאָגט — וואָס קאָן מען טאָן ?"

שטערן האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך. ער איז שוין אַליין געווען דענערווירט מחמת זיין צושטאַנד. געלאָזט אונדז באַשליסן וועגן זיך לויט אונדזער איינזען. פאַר איין זאַך האָט ער זיך באַוואָרנט: ער וועט נישט פאָרן מיט קיין ריקשע — אויף אַ מענטשלעכן געשפּאַן.

איך געדענק שוין נישט פונוואַנען מיר האָבן דעמאָלט דערווישט אַ פערד און וואָגן. קיין דראָזשקעס זענען שוין כמעט אין געטאָ נישט געווען. מיר האָבן שטערנען אַוועקגעפירט אין טאָז אויף גענשע, ווו מיר האָבן געהאַט אַ שטאַרקן צד אין דער משפחה — דעם לייטער פון דער אַדמיניסטראַציע, דעם שריפטשטעלער יהודה פעלד.

מען האָט שטערנען אָפּגעשוירן, אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן אין נייע זאַכן פון טאָז־מאַגאַזין. ערשט נאָך דעם געלאָזט אים אונטערזוכן דורך אַ דאָקטאָר, אַן אינטערניסט, וואָס האָט נישט אָפּגעוואַרט דעם רעזולטאַט פון אַנאַליזן און איינגעשפּריצט אים אַ גרויסע פּאָרציע גלוקאָזע.

שפּעטער האָט מען שטערנען אַריבערגעפירט אויף דעם פּליטים־פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם הויז אויף לעשנאָ 14.

מיר האָבן אַלאַרמירט די דירעקציע פון דער יידישער סאָציאַלער אַליינהילף, אין וועלכער עס זענען געזעסן אַזעלכע אייגענע מענטשן ווי יצחק גיטערמאַן און עמנואל רינגעלבלום. לויט אַ רעקאָמענדאַציע פון די „הויכע פענצטער", האָט דער לייטער פון דעם פּונקט געלאָזט אַריינשטעלן אין קאַנצעליאַריע אַ בעטל, כדי שטערן זאָל האָבן אַ באַזונדער צימער. פון די ייסאַ־מאַגאַזינען האָט מען אַרויסגעגעבן פאַר שטערנען ספּעציעלע פּעקלעך טרוקענע פּראָדוקטן, מען האָט געצאָלט אַ פּרוי זי זאָל קומען אָפּקאָכן, דערלאַנגען. מען האָט באַזאָרגט די היילמיטלען און געלטמיטלען, וואָס זענען געווען נייטיק פאַר אַ וויטאַמין־רייכער צוגאָב־באַשפּייזונג. נישט מער — דאָס געלט האָט מען אַוועקגעגעבן אין רשות פון יוסף קירמאַן; שטערן האָט געהאַט אַ קליינשטעטלדיק־פּויערשע שווערע האַנט „אויסצוגעבן" געלט.

קירמאַן האָט שטערנען געקאָנט מיט אַלע פּיטשעווקעס און דערביי געווען אים איבערגעגעבן ווי אַ ברודער. מיט ליבשאַפט זיך געניאַנטשעט מיט זיין יעדן קאַפּריז.

קירמאַן פלעגט מיר געבן געלט און איך פלעג מיך אַריינכאַפּן אין באַזאַר אויף לעשנאָ 42 — דאָס צווייטע הויז לעבן מיין קיך — איינקויפן פאַר שטערנען אַ שטיקל קעז, אַ שטיקל פּוטער; די ערשטע גרינוואַרג און פּירות, וואָס מען האָט אַריינגעשמוגלט פון דער אַרישער זייט.

אָט אַזוי האָבן מיר שטערנען געהיילט און צוגעזען. און עס האָט טאַקע געהאָלפן. דאָס געשווילעכץ איז צו ביסלעך אָפּגעגאַנגען, שטערן איז אויפגעשטאַנען און סוף יוני האָט ער אָנגעהויבן אַרויסקומען אין גאַס.

דאָס אַרויסציען אים פון הונגער־געשוויל האָט אָפּגעקאָסט גוטע עטלעכע טויזנט גילדן. איך דערמאָן דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס געשוואָלענע זענען דעמאָלט געווען אין געטאָ אין די צענער טויזנטער און ווען איינער איז שוין געוואָרן געשוואָלן, איז זיין גורל געווען געחתמעט. די זופּן פון דער פאָלקסקיך האָבן אים נישט נאָר נישט גענוצט מער, נאָר משמעות געוואָרן שעדלעך פאַר אים, און אויסגעבן צו עטלעכע טויזנט זלאָטעס אויף יעדן געשוואָלענעם איז, נאַטירלעך, די יידישע סאָציאַלע אַליינהילף נישט געווען ביכולת.

✶

עס איז געווען אָנהויב זומער 1942. אין דער תקופה פון די ביינאַכטיקע הריגות פון געשטאַפּאָ; אין דער צייט פון ערב־טעראָר, וואָס איז געווען אַ הקדמה צו דער ערשטער גירוש־אַקציע. וואָס אַ מאָל גרויליקער, וואָס אַ מאָל געפערלעכער זענען געווען די סימנים; וואָס אַ מאָל מער געשפּאַנט די אַטמאָספער.

און שטערן איז זיך געלעגן אָפּגעזונדערט אין זיין צימער, געלייענט פּאָעזיע, געטראַכט. די שלעכטע ידיעות פון דער גאַס האָט מען אים אויסגעמיטן צו דערציילן. קיין צייטונגען מיט די מעלדונגען וועגן דייטשע נצחונות האט מען אים נישט געבראַכט. איך מיין, אַז שטערן האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ שטילע אידיליע אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג.

איך געדענק איינעם אַ באַזוך מיינעם, אַ שמועס מיט שטערנען, בשעת ער איז געלעגן אויפן „פּונקט" און איך האָב אים אַרויפגעבראַכט אין אַ שקאַרמוצל עטלעכע טרוסקאַווקעס, אַ סלאָאיקל קאָמפּאָט פון וועפּרענעס.

די קאַנצעלאַריע האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק פון דער לינקער אָפיצינע, געגרענעצט מיט אַ פליגל פון וואַנגעלישן קלויסטער אויף לעשנאָ גאַס, וואָס איז געשטאַנען געשלאָסן. דורכן אָפענעם פענצטער האָט מען געזען אַ געפלעכט פון טורעמס און טורעמלעך, פון שטיינערנע פּאַסאַדן — אַ פראַגמענט פון קריסטלעכער אַרכיטעקטור. און נאָך נענטער — אַ גרויסן, ברייטן, שטילן בוים. דער קאַשטאַן־בוים איז געווען אָפּגעשיט מיט ווייסע קווייטן, ווי אַ קריסטבוים אָנגעשטעקט מיט ווייסע ליכטפלאַמען. צווישן די געזימסן פון דעם קלויסטער האָבן זיך געפונען פייגלנעסטן, אין וועלכע עס האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעבריט יונגע פייגל. די פייגל־עלטערן זענען אַלע מאָל געקומען צו זיי צו פליען מיט קרישקעס עסן אין די שנאָבלען. געצווויטשערט און געפלאַטערט ארום די נעסטן, ווי זיי וואָלטן נישט געוווּסט, אַז אויך דאָ איז געטאָ, אַז יידן זענען פאַרמישפּט אויף אונטערגאַנג...

אַ שטילקייט, אַן אָפּגעזונדערטקייט, ווי צוויי טריט פון דאַנען וואָלט נישט געוואָרפן זיך די גאַס ערב גסיסה־פיבער: ווי אפילו מיר וואָלטן פון גאָרנישט נישט געוווּסט.

...„אין שאָטן פון דער אַלטער קאַטעדרע"... מיר האָבן גערעדט וועגן דעם ווייניק באַקאַנטן זאָלאַ — דעם ראָמאַנטיקער; אַזאַ ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין זיין ראָמאַן דער חלום. אין וועלכן ער שילדערט אַ יוגנטלעכע ליבע צווישן אַן אומלעגאַלן בישאָף־זון און דעם טעכטערל פון אָרגל־שפּילער...

— נישטאָ קיין גרויסער שרייבער, ער זאָל נישט זיין קיין ליריקער כאָטש אין אַ געוויסער פּאַזע פון זיין שאַפן — האָט באַמערקט ישראל שטערן; געוואָלט איך זאָל אים פאָרלייענען אַ ליד פון סטעפאַן געאָרגע, ווייל אים איז שווער צו לייענען אין פאַרנאַכט.

— זאָגט מיר בעסער אייערס אַן אייגן ליד — האָב איך געבעטן. שרייבט אָן אַליין אַ ליד וועגן אָט דעם בוים, וואָס בליט אין מיטן געטאָ...

פאַרן אַוועקגיין האָט מיר שטערן אַ פרעג געטאָן וועגן נייס, און הגם איך האָב זיך אַרויסגעדרייט אים עפּעס צו דערציילן פון דעם שלעכטן, וואָס האָט זיך געטאָן אין שטאָט און פון דעם נאָך ערגערן, פון וואָס מען האָט אין שטאָט געשמועסט, — האָב איך דעמאָלט דערקענט, אַז אין גאַנצן אָפּנאַרן האָט ער זיך נישט געלאָזט.

דער דייטש איז שטאַרק, דער דייטש איז שטאַרק — האָט ער געברומט, ווען מען האָט גערעדט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. אין געטאָ האָבן נישט געפעלט קיין אָפּטימיסטן, וואָס האָבן אין יעדער ידיעה פון מזרח צו פון מערב געזען סימנים פון דער קומענדיקער מיליטערישער מפּלה פון די דייטשן. ישראל שטערן האָט צו די אָפּטימיסטן נישט געהערט; ער האָט אויך נישט געוואָלט זיך מאַכן קיין אילוזיעס וועגן דער צוקונפט פון געטאָ ביי אונדז אין וואַרשע.

נישט געלאָזט זיך איינריידן קיין פּוסטע מעשיות. נישט געגלויבט אין זיי.

און אפשר פאָרט אַ ביסעלע געגלויבט?

*

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש, האָב איך שוין שטערנען נישט מער געזען.

אַנדערע האָבן מיר דערציילט, אַז אַריינגעצויגן אין דעם טייוול־ווירבל פון אומזיסטיקן גראַנגל מיטן אומקום, האָט שטערן אַרויסגעוויזן אַ געוויסן זעלבסט־דערהאַלטונגס־חוש. עמעצער פון געטאָ־אַרבעטסאַמט (דאַכט זיך דער זשורנאַליסט פּ ט אַ ק אָ וו ס ק י *) האָט שטערנען צוגעשריבן צו אַ דייטשער אַרבעטס־שטעלע אויף דער אַרישער זייט. פלעגט מען אין משך פון אַ געוויסער צייט זען שטערנען יעדן פרימאָרגן שפּאַנען אין די אַרבעטער־רייען, וואָס פלעגן פאַרן אָנהייב פון די בלאָקאַדעס אַרויסגיין אויף דער אַרישער זייט.

*) היינטיקער פּוילישער קאָרעספּאָנדענט פון מערב־דייטשלאַנד, מחבר פון עטלעכע ביכער וועגן דייטשלאַנד — מ אַ ר י אַ ן פּ אָ ד ק אָ וו י נ ס ק י.

שטערן איז שוין געווען איבער די פופציג, אָבער איין מאָל אָנגעשטעקט פון „שאַפן־שגעון", האָט ער גלייך מיט אַנדערע באַמיט זיך אויסצוזען „געזונט און פריש". מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אפילו געהאַט פון ערגעץ אַרויסבאַקומען אַ נייעם העל־בלאָען שטאַרק אָנגעקראָכמאַלעטן כאַלאַט, אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ אַ באַקעסטלטן קאַשקעט, אַריבערגעהאָנגען איבער די פּלייצעס אַ לייוונטענעם ברויטזאַק און מאַרשירט אין טראָט צוזאַמען מיט די אַנדערע.

לאַנג האָט דער מאַסקאַראַד נישט אָנגעהאַלטן. שטערן איז אַריינגעפאַלן אין איינער פון די „ווילדע" בלאָקאַדעס אין דער צווייטער העלפט פון חודש אויגוסט.

אַזעלכע פלעגן זיי זיך מאַכן — די דאָזיקע עקסטראַבלאָקאַדעס. אין אַ פאַרנאַכט פלעגן אַמאָל אויפן אומשלאַגפּלאַץ פאַרפעלן אַ פּאָר הונדערט „קעפּלעך" צום קאָמפּלעטירן אַ טראַנספּאָרט.

די ס"ס־מענער זענען שוין געווען מיד פון שרייען און פון שיסן, זיך געאיילט צו מאַכן „פייעראַבענד", האָט מען צוגעשיקט אַ פּאָר אוקראַאינער צו איינעם פון די געטאָ־טויערן, ווו אַרום עס האָבן זיך פון פינף אַ זייגער אָנגעהויבן אומקערן פון דער אַרישער זייט די אַרבעטס־גרופּן; פלעגט מען עטלעכע פון זיי פאַרקערעווען צום אומשלאַג־פּלאַץ. אַמאָל פלעגט מען נאָך אין דער לעצטער מינוט אַדורכפירן צווישן די אַרבעטער אַ שטיקל סעלעקציע. ס'רוב איז שוין אָבער אין אַזעלכע פאַלן נישט געווען קיין צייט דערצו און מ'פלעגט זיי הכל־בכל אַוועקטרייבן גלייך צו די וואַגאָנען.

נאָך מיט די פּעק פון גרינע ציבעלעס, נאָך מיט די בינטלעך מערן אין די הענט, וואָס זיי האָבן אַהיימגעטראָגן פאַרן געטאָ.

צווישן די „קעפּלעך" אויך דעם איינעם קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אומזעעוודיקן לאָרבערקראַנץ...

*

ישראל שטערן איז איינער פון די באַדייטנדיקסטע דיכטער, וואָס זענען אויפגעקומען אין אונדזער ליטעראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין ציקל ש פּ י ט אָ ל ־ ל י ־ ד ע ר האָט אים שוין אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייען פון יידישן פּאָעטישן שאַפן אין גאָר דער וועלט.

אַ טיפער רעליגיעזער ברען האָט באַפאַרבט זיין וועלט־געפיל; אַ הייסער אינעווייניקסטער קלימאַט האָט געאָטעמט פון זיין יעדער סטראָפע; אַן אָריגינעל געמיש פון יידישער לומדות און מאָדערנעם געדאַנק, פון קליינעם שטעטל און פון דער גרויסער וועלט.

אַ ביסל דער אָפּשטאַם און די אומנאָרמאַלע אַנטוויקלונגבאַדינגונגען פון אַ דיכטער ביי יידן און אַ ביסל די נאָרמאַלע אַנאָמאַליעס פון איעדן דיכטער אין גראַנגל מיט זיין סביבה — האָבן געמאַכט פון שטערנען דאָס וואָס ער איז געווען; אַ גייסטיקן פּאָטענטאַט און אַן אמתן בטלן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. זיין בטלנות איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו צום

צוגויפקלייבן און צום אַרויסגעבן כאָטש איין זאַמלונג פון זיינע לידער האָט מען אים אַ לעבן־לאַנג נישט באַוויזן צו באַוועגן.

אַזאַ איז ער געווען, ישראל שטערן, ביז דעם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. וואָס איז פון אים געוואָרן אין דער צייט פון חורבן? צו דעם וואָס כ׳האָב דערציילט וועגן זיין גורל, וויל איך נאָך צוגעבן אַ וואָרט וועגן דעם גייסטיקן גילגול, וואָס שטערן האָט מיטגעבראַכט אין געטאָ־צייט.

באַטראַכטנדיק די פירונג זיינע אין דער צייט, האָט ווער געזאָגט אין געטאָ, אַז אָט איז דער פרוש נאָך יאָרן פון התבודדות דערגאַנגען צו דער מדרגה פון התגלות. ער איז געוואָרן מענטשלעך־צוגענגלעכער, געזעלשאַפלעך־אַקטיווער. אין דער געפרעסטער אַטמאָספער פון יידישן גורל און מענטשלעכן לייד האָט שטערן זיך דערפילט, ווי אין זיין אייגענעם עלעמענט. געשעפּט פון איר אַ מעכטיקע אינספּיראַציע.

✶

קופּעס הרוגים האָבן פאַרפלייצט די וועגן פין גירושים און נגישות פון איין עק אָקופּירטן פוילן ביז צום אַנדערן.

איבער גאַסן פאַרשטאָפּטע מיט הונגעריקע מענטשן, צערוישטע מיט בעטלער־געוויין און הענדלער־געשריי, האָט דער טויט אַרומגעשפּאַצירט אין מיטן העלן טאָג, אָנגעטאָן אין גרינעם מונדיר און קאַסקע פון אַ דייטשן זשאַנדאַרם — געשוועבט אַרום די מויערן, וואַך געהאַלטן ביי די טויערן, געשאָסן פון אַ ביקס צו קליינע קינדער.

מתים האָבן זיך געוואַלגערט צוגעדעקטע מיט פּאַפּיר־בויגנס ביים ראַנד פון טראָטואַר. די מגיפה האָט געבאַבושעוועט, דער קברות־מאַן און שטאָט־משוגענער האָבן דאָס זייעריקע געטאָן — צי האָט געקענט פאַרפעלן דאָ דער דיכטער?

וואָס אַ מאָל געדיכטער זענען זיי געשטאַנען — מאַרקישעס „טעג פון בלוט און האָניק" — יידישע טעג — פאַרקלעמט דאָס האַרץ און אויפגעמאַכט די לעפצן פון דעם יידישן פּאָעט.

איז ישראל שטערן צום סוף פון זיינע טעג געוואָרן ווי איינער פון יענע נאָמענלאָזע טרייסטערס, וואָס מען פלעגט זען אויף די הייף־און גאַסן־ראָגן נאָך נעכט פון עקזעקוציעס — שטיין און דרשענען אַ טרייסט־דרשה, זינגען אַ נחמה־ליד.

דאָס טראַגישע און גראָטעסקע, דאָס פאַנטאַסטישע און אויסטערלישע האָט צערודערט און געמאָנט, צעגראָבן די נשמה ביז דער לעצטער שיכט.

אַיעדע אַקטיוויטעט האָט געמוזט טראָגן אין געטאָ דעם מאַנטל פון פילאַנטראָפּיע. אונטער דער מאַסקע פון סאָציאַלער הילף האָט מען אויך געטאָן ליטעראַטור. צו אונדזער גרויסן שטוינען, איז נאָך אפשר קיינמאָל ניט געווען אַזאַ מין נאָכפרעג ביים עולם אויפן דיכטערישן וואָרט ווי אין די געטאָ־יאָרן.

אויף לעשנאָ 14, אין דעם זעלבן הויז, ווו שטערן איז שפּעטער געלעגן אויף דעם „פונקט", האָט זיך נאָכן איינפירן דאָס געטאָ געפונען די קיך פאַר אינטעליגענץ — פריער זשורנאַליסטן־קיך — אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך א. מ. אַ פּ פּ ל ב ו י ם, דעם געוועזענעם רעדאַקציע־מיטגליד פון מאָמענט. אַ פּאָר חדשים נאָכן פאַרמאַכן דאָס געטאָ האָט אַפּפּלבוים איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון דער קיך שבת־פאַרנאַכטיקע מסיבות. געגעבן זיי אַ נאָמען „ליטעראַרישע שלוש־סעודותן". פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל האָט מען דאָ באַקומען אַ גלעזל קאַווע־ערזאַץ מיט אמתן צוקער און דערצו אַ שטיקל קוכן, אויסגעבאַקן פון ווייצנמעל מיט אַ צומיש פון קאַרטאָפל. שרייבער און קינסטלער האָבן באַקומען אָט דעם כיבוד אָן אַן אָפּצאָל. די עיקר־אַטראַקציע איז געווען דער ליטעראַרישער פּראָגראַם.

אויף דעם פּאָדיום איז געשטאַנען אַ ווייס פאַרשפּרייטער טיש מיט אַ פּאָר מעשענע שבתדיקע לייכטער. די ווענט זענען געווען דעקאָרירט מיט סטיליזירטע חסידישע געשטאַלטן אויסגעשניטענע פון קאָלירטן פּאַפּיר. סך־הכל איז דאָס געווען נישט מער — אַ כמעט שוין קאָנווענציאָנעלער זשעסט אויפן אַדרעס פון דער פרץ־טראַדיציע. ווען ביים טיש אויף דער טריבונע פלעגט זיך אָבער אַוועקזעצן אין בין השמשות ישראל שטערן, פאַרטראַכטן זיך, אַ ווײַלע שווייגן, איידער ער האָט אָנגעהויבן ריידן — פלעגן איבערן זאַל אַ שוועב טאָן פייערדיקע אותיות. וועגן וואָס ער זאָל נישט ריידן, האָט מען מיט שפּאַנונג אויסגעהערט זיין דיכטערישע תורה, זיין באַפליגלטן פילאָסאָפישן געדאַנק, מיט ריינער פּאָעזיע פאַראייניקט אין איין פלאַם.

ישראל שטערן האָט פאַרלוירן די פּאָדערשטע ציין און זיין לשון איז געווען שווער־פאַרשטענדלעך. ווי אַ מרוטשען, ווי אַ ברומען האָבן זיך געטראָגן זיינע רייד איבערן זאַל. און דאָך איז דער אינהאַלט דערגאַנגען צו די צוהערער. די צאָל חסידים פון זיינע שבת־פאַרנאַכטיקע שמועסן איז פון מאָל צו מאָל געוואַקסן.

אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער פאַרן עולם פאָרלייענען איינס פון זיינע נייע לידער. אַ ליד וועגן דעם וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט.

איך געדענק אַ רמז און אַ שפּליטער פון איינעם אַזאַ ליד.

דאָס ליד האָט שטערן פאָרגעלייענט בעת די מענדעלע־פייערונגען, וועלכע מיר האָבן אַזוי ברייט געפּראַוועט אין די געטאָ־טעג. געהייסן האָט עס אַ ב ר י וו ל ק י י ן אַ מ ע ר י ק ע, אַ פּאַראַפראַזע פון אַ פאָלקסליד. עס איז געווען אַ פאַרקלאָגן זיך — אַ גריס פון די צום טויט פאַרמישפּטע, צו יענע ווייטע יידן, וואָס וועלן אַמאָל באַוויינען אונדזער בראָך.

מיר האָבן דאָס נאָך אפשר דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען — אפילו שטערן נישט — אָבער דער דיכטער האָט דאָס שוין פאָרויסגעפילט, פאָרויסגעזאָגט מיטן חוש פון פּאָעטישער נבואה.

ווי זייער טוט וויי דאָס האַרץ נאָך היינט, וואָס יענץ

מיט טיפער חכמה און פּאָעזיע אָנגעברומט קול איז פאַרשטומט געוואָרן פאַר דער צייט.

שטערן איז אומגעקומען אין חודש אויגוסט 1942 און מיט אים צוזאַמען זענען צו גרונט געגאַנגען אויך אַלע לידער זיינע, וואָס ער האָט געשאַפן אין יענע יאָרן. נאָך טיפערע, נאָך רייפערע ווי די פון פריער.

שיינע, ווי שיין עס איז דאָס שקיעה־ליכט אין שעה פון אונטערגאַנג.

אויב מען זאָל נאָך ווען נישט איז אַרויסגראָבן פון אונטער די געטאָ־חורבות אויך דעם דריטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו, וועט מען צווישן מיינע פּאַפּירן, אָפּגעגעבענע צום באַהאַלטן שוין נאָכן אויסבראָך פון דער אַקציע, אפשר אָפּגעפינען אויף דער לינקער זייט פון אַ רעקלאַמע־צעטל פון אַ געטאָ־וועשעריי שטערנס אַ ליד וועגן אַ בוים אין געטאָ.

דאָס ליד, וואָס איך האָב עס אַליין „באַשטעלט” ביי אים אַ חודש פאַרן גירוש, באַקומען עס צום איבערלייענען און שוין נישט באַוויזן אים אָפּגעבן צוריק.





ישראל שטערן

מײַן בוך „אַסטראַלענקע"

אפרים גאָלדברוך

I

פּונקט ווי אײנער, וואָס ליגט צופּוסנס
פון דער נאַכט און בינדט אַרום
זײַן קאָפּ מיט טונקל, ווי באַנדאַזשן,
ווײַל שווערער ווײטיק שנײַדט אַרײַן
מיט לאַנגע מעסערס, ווי לאַנגע יאָר,
ווײַל צענדליקער לאַמטערנעס שפּײַען
מיט ליכט אַראָפּ אויף טראָטואַרן,
און יעדער ליכטפלעק איז אַ יאָר,
ליגן אַלע זײַנע יאָרן,
אויסגעשפּיגן אויף די גאַסן,
און ער אַנטלויפט (ווי דער הימל
אַנטלויפט פאַרנאַכט, ווען ער זעט שוין:
זײַן גאַנץ פאַרמעגן איז פאַרברענט,
זײַן לעצטע גאָלדענע מטבע
איז אויכעט פאַלש און רײַבט זיך אָפּ...)
און ער אַנטלויפט, ווי אַ מאַמע
בײַ דער לויה פון איר קינד,
ווען ס'פאַרגייט איר זען און הערן,
און בײַ יעדן טריט רוימט דער ווינט
איר אײַן אין אויער: גיי צוריק!

אַז וועסט זען דײַן ליכט באַגראָבן,
וועסטו דאָך משוגע ווערן
און דײַנע איבעריקע קינדער
דאַרפן נאָך אַ מוטער האָבן... !
און ער אַנטלויפט און טוקט זיך אונטער
אין דעם חושך ווי אין אַ טײַך: —
אפשר האָט ער שווערע זינד,
אפשר דאַרף ער אויפגיין רײַך,
טובלענדיק זיך און געלײַטערט,
ווײַל ווי לאַנג ס'וואָל איז נישט געשווירן,

קאָן מען דאָך נישט נעמען שפּינען,
און אויב ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן,
וועט ער אפשר גאָט געפינען.

ווער ווייס דען, וואָס זיין טרויער מיינט?
ליגט ער ערגעץ בּיי אַ פליין,
בּיי פאַרשטויסן פרעמדן פליין,
און גלייך ווי אין אַ בּרייטן קיטל
האַלט ער אין פינצטערניש פאַרוויקלט
די אַלע טיילן, וואָס צעשטיקלט
האָט די וועלט אים, און ער וויינט.
נאָר אָט גייט עמיץ פון דערווייטן
מיט אַ לאָמטערן אין דער האַנט.
נעמען ציטערן די שאָטנס
און אַנטלויפן אין די זייטן,
נעמען שאַרן זיך בּיי וואַנט,
ווילן אַ רעטער דאָ געפינען
און פאַלן־צו צו דעם, וואָס ליגט,
צום עלנדטרויעריקן, וואָס ליגט,
און בּעטן זיך בּיי אים תחנונים.

פונקט ווי איינער, וואָס ליגט צופוסנס
פון דער נאַכט און בּינדט אַרום
זיין קאָפּ מיט טונקל, ווי בּאַנדאַזשן,
נאָר שאָטנס, וועלכע קריגן מורא,
ווייסן נישט דערפון און ריכטן
זיך פון שטאַרקן מענטש אַ הילף, —
אַזוי קומט איר צו מיר, געזיכטער
אָסטראָלענקער, און טוליעט זיך
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ,
ווי מיט אַראָפּגעלאָזטע יאָרן;
נאָר פון אייך אַלע איז געוואָרן
מיר איינער נאָענט: אפרים גאָלדבּרוך.

II

אַ שיינער ייד! — האָבּן אַלע געזאָגט,
ווי מ׳זאָגט האַלבּ־חודש: ס׳אַר אַ שיינע נאַכט!
בּיסטו געוועזן ווי די לבנה.
און האָסט קיין היים נישט געהאַט.

דעכער קושן צאַרט זיך, בּאַרירנדיק זיך קוים.
דער הימל צאַפּלט זיך ווי אַ בּלאָער עוף.
פענצטער אַנטלויפן פון דער גאַס, זוכן זיסן טרוים...
עס שטייט שוין איצט די שטאָט בּיזן האַלדז אין שלאָף.

די נאַכט וואַשט איר לייבּ מיט ווינט
און שפּיגלט זיך אין שטילע גאַסן.
עס פלאַטערן נאָך בּלויז צוויי אויפגעפּראַלטע לאָדן,

ווי קינדער וואָס ווילן זיך נישט באָדן,
כאָטש זיי שטייען שוין אין וואַסער.

„מ׳האָט אַ ווייב, מ׳האָט אַ בעט און אַ גביריש הויז,
אַ שיינער באַלעבאָס, און קריכט אום ווי אַ מויז״ —
האָבן געשמועסט זעבראָווסקי סטראַזשניק און דער כלבים־שלעגער:
„נאָך אָפּן, פאַניע, קוק, די שטאַבעס נאָכנישט אויפגעהאָנגען!״
נאָר דו הערסט נישט, און די שטערן זענען דיר נאָכגעגאַנגען
און געהאָלפן זוכן אַ געלעגער.

III

שלאָפּסטו ערגעץ בעטלעריש און ליגסט — אַליין אַ זאַק — אויף אַ זאַק.
דיין אַלטקייט ברעכט זיך אויפצושטיין מיטן ערשטן קריי פון האָן.
און ביי דיר אין דערהיים איז פול מיט דופט: אַזוי זענען אויף די טאָפּעטן
לעבעדיק די בלומען... און אַ בעט פון פיינעם מאַהאָגאָן

שטייט הויך־פול־זויבער־איינזאַם, דערוואַרט זיך נישט אויף דעם באַלעבאָס
און דרימלט איין אין קילן בעטציינג, ווי אין פרישן טיפן שניי.
נישט האָב פאַריבל, אפרים גאָלדברוך, וואָס מ׳האָט דיך פון דער רייכער שטוב
אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ פליג פון אַ שיינער בלאַנקיקער גלאָז טיי.

ס׳איז דאָך מסוכן מיט אַזוינעם, וואָס ווייס נישט, אַז נגידים בלויז
מוזן עסן בוימאייל־חלה און ער לויפט אַרום און שרייט:
ווי אַזוי־זשע קייען קיין אויף די „פּיאַסקעס״ קינדער שטיקער גלאָז פאַר הונגער,
ווען האָב און גוטס און גאָט אַליין געהערט צו די אָרעמעלייט...

און אייער קאַפּאָטע, הער גאָלדברוך, איז דאָך נישט קיין טייך,
טאָ ווי אַזוי איז הינטער דער פאָלע פלוצים דאָרט געוואָרן
אַ לעבעדיקער שלייען? — דאָס האָט איר דאָך צוגעלקחנט
ביי אייער פריידען און איר טראָגט עס צו אַ שוואַכער קימפּעטאָרן.

איז דאָס מעשה־מענטש? לאָז־צו אַזוינעם צו אַ שופלאָד,
ווען דער פדיון ברענט אין קראָם, וועט ער דאָך לייגן אַלץ אין דר׳ערד.
טאָ נעם פאַר אומגוט נישט, אפרים, וואָס מ׳האָט דיך אַרויסגעמשלחט.
דו ביסט געווען אין נגידישן הויז: אַ גרויזאַמער בריוו אין אַ צאַרטן קאָנווערט...

VI

נו, מילא, כאָטש, איז פרייטיק, ווייס מען:
ביים עק שאָסיי הייצט מען איין דעם האָריזאָנט;
קוקט אפרים: אין הימל באַקט מען חלות
לכבוד שבת.

און ביים לאַטוטניק יאָסל שטאַרבט מען פאַר אַ ביס.
דאַרף מען נעמען קלייבן: יידן, פלעכט אַריין
אַ קאָפּיקע אין אַ קוילעטש!

און אַז דער אָוונט שטעלט אַריין
אין ווייסע וואָלקנס רויטע צונגען,
זעט מען דאָך שוין, אַז דאָרט אויבן
צינדט מען ליכט אין זילבער-לייכטער.

און לאהקע די אלמנה זאָל זיצן אין דער פינצטער?

איז מילא כאָטש, נו פרייטיק, זעט מען
אַ מענטש טוט וואָס ער קאָן.
נאָר אַ גאַנצע וואָך? רחמנא ליצלן:
פון די ערשטע פלעקן טאָג
ביז תחילת נאַכט — רק ער זאָגט,
דעם טלית אויפן קאָפּ און זאָגט — — —

V

מישן זיך די וואָלקן און בלעטערן זיך אָן קלאַנג.
שטיל און הייליק מאַכט זיך אויף דער טאָג,
ווי עס עפנט זיך זים-פאָרכטיק אויף אַן אַלטער ספר,
די זון קומט אַרויס ווי אַ שיינער געדאַנק.

האָרכן די גאַסן און ווערן ריינער...

שטעטל האָט דעם שלאָף אָפּגעטרייסלט פון די אויגן,
ווי מען ווישט אָפּ דעם שטויב ערב-פסח פון די חפצים.
אפילו האָרקי שניידער, וואָס זיצט שוין ביי דער מאַשין געבויגן,
נייט מער קאַפּיטלעך תהלים ווי דרילכענע פלייצעס.

און וואָס טוט אפרים גאָלדברוך?
ער דאַוונט.

ליגט דער האַלבטאָג אין דער וועלט און ברענט פאַר כעס און איז פאַרשעמט:
מען שיט, מען וואַרפט אָן אויף זיין לייב נאַפּט און זאַלץ און זייף און מעל,
ער האָט מענטשן ליב און לייכט פאַר ליבשאַפט, נאָר זיי צו אים זיינען פרעמד,
און ליגט דער האַלבטאָג, שינדט מען אָפּ אים און מען פאַרקויפט זיין פעל...

דער מסחר גייט אין מאַרק — אין הימל גייט די זון און שיט אין גיין
גאָלדענע בערגלעך גערשטן און ווייצן;
וואָלקנס כאַפּן שטראַלן אין מויל ווי יונגעלייטלעך פריצן,
וואָס זוכן קניה'לעך ביי תבואה און האַלטן שטרויען אין די ציין.

און וואָס טוט אפרים גאָלדברוך?
ער דאַוונט.

נאָר דער טאָג ט'זיך שענער נאָך געענדיקט ווי זיך אָנגעהויבן.
די גאַסן ליגן רואיקע און בלאָע ווי אַ טייך.
און די ווייכע רגעס פון פאַרנאַכט פליען איבער זיי ווי טויבן,
און צו אַ טיר פון שווערן גאָלד, וואָס האַלט פאַרמאַכט אַ קעניגרייך,

פאַסט צו די זון פון בלוט אַ שליסל... אין זיך פאַרטראַכט און פרום געבויגן
שטייען איצט די ציגל־הייזער, וואָס זיינען אזוי שטאָלץ געווען
מיט איין שעה פריער, ווי קלוגע וואָס האָבן אַסך געזען
און סוף כל סוף נאָר איינם דערזען: אַז מען מוז גלויבן...

און כאַצקל קופּערמינץ באַגרייפט נישט, וואָס פּלוצלינג איז מיט אים געשען, —
אונטערן האַרץ ברענט אַזוי שווער, און ווי אַ קינד האַלט ער דעם קאָפּ אויף די שויבן
און קוקט אין מאַרק: שאָטנס פאַלן צו דער ערד האַלדזנדיק די שטיינער;
שטייט ער אין קראָם — און פאַרגעסט — און דערמאָנט זיך —

און ס׳גלוסט זיך אים וויינען.

און וואָס טוט אפרים גאָלדבוך?
ער דאַוונט.

VI

ר׳ אפרים, ר׳ אפרים!
ווי קאָן אַ מענטש אַ גאַנצן טאָג
גאָרנישט טאָן, נאָר תפילה טאָן?
אויף אַ פאַדערשטן שיינעם צאָן
האַלט די וועלט אַ גרויסע וואָג,

קוקן מענטשן דער וועלט אין מויל,
וואַרפן ביסלעך שטערן און ערד אַביסל,
גלייך מוז זיין די ליימענע שיסל:
העסלעך וואָלט געווען — אַ גרויל, —

ווען אויך דער צאָן אויף יענער זייט
זאָל נעמען פאַלן, זיך בייגן, (ווי אַ שלעכט געוויסן)
ס׳וואָלט זיך פאַדערשטער צאָן אַרויסגעריסן
און אַ פינצטער לאָך געמאַכט דער אייביקייט.

וואַרפט מען לאַנגזאַם האַרץ ווי פּאַסן האָניק
און שטיקער ערד, ווי לעקאַך, אויף דער וואָג, —
טאָ ווי קאָן אַ מענטש אַ גאַנצן טאָג
גאָרנישט טאָן, חוץ תפילה טוענדיק?

VII

און אפרים גאָלדבוך ענטפערט: *)

— — — — — —
— — — — — —

*) די דאָזיקע פּאָעמע, וואָס איז בשעתו אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע, נום. 42—41, 1927.14.10) — איז דורך אים קיינמאָל נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

פסוקים און אויסצוגן
פון ישראל שטערנס לידער און פראזע

געקליבן: י. ע.

„צו גאָט גייט מען איינער אַליין".

✶

(אין שפּיטאָל): 1. „שלאָף, מען טאָר קיין סך נישט גיין, שפּאַצירט מען — אין זיך אַליין".

2. „39... 40... 41 גראַד... נאָך אַ שטאָפּל נענטער צו דיר, גאָט"!...

✶

„דאָס שלעכטס איז אַ גיבור וואָס קעמפט זיך אַליין".

✶

„שטיקער ערד ווי לעקאַך"...

✶

„אַ קינד איז ווייניקער קינד, ווען די מאַמע איז אַן אָרימע וועשין".

✶

דער וואָס האַלט זיך פאַר קלוג, טראַכט נאָר פון זיינע חכמות, דער וואָס איז קלוג ווייסט, אַז מען קאָן זיין נאָך קליגער"...

✶

„פאַראַן אַ קלוגשאַפט, וואָס זעט נאָר דאָס וואָס מען קאָן מיטן ערשטן בליק דערזען, הערט נאָר דאָס וואָס מען קאָן גלייך דערהערן. זי קאָן זיין פול מיט ענערגיע, רייך אין איניציאַטיוו. נאָר איר ענערגיע איז אין אַ גרויסער מאָס חיהש, און איר קאַמף האָט אין זיך די לוסטיקייט פון צעבושעוועטע אָקסן. מענטשן, וואָס באַזיצן אָט דעם סאָרט פאַרשטאַנד, האַלטן זיך פאַר גרויסע חכמים, ווען עס גיט זיך זיי עפּעס איין. עס געלינגט זיי איינצוּאָרדנען זייער וועלטל באַקוועם און צופרידן. זיי לעבן זיך זייער גוט. זייער לעבן כאַפּט פון אַלץ וואָס ליגט אויבן אויף. מען קלערט נישט פון וואַנען און צוליב וואָס. אַלץ ווערט אַ ציל פאַר זיך. האָט טאַקע פאַר זיי געלט, למשל, אַ דאָפּלטן ווערט. ערשטנס דערפאַר וואָס עס איז געלט און צווייטנס דערפאַר וואָס איז „זייער" געלט. און אַזוי מיט אַלע זאַכן".

✶

„— — — אַז אַלץ זאָל ווערן גערייניקט און פאַרשענערט און געלייטערט, ביז יעדער מענטש זאָל זיין אַ כהן גדול און יעדער טאָג — יום כיפור, און יעדער שפּאַן ערד — אַ קדשי קדשים — — —".

✶

„דאָס שלעכטס אויף דער וועלט האָט קורצן שכל און לאַנגע הענט".

✶

„ווער עס גלויבט נישט דער האָט מורא, ער זאָל נישט פאַרשפּילן. ווער עס שפּילט, דער האָט שוין געוווּנען: אַ מינוט פון גלויבן, אַז ער וועט זיגן"...

✶

„יעדער מענטש איז ביי זיך אין שטוב אַ קינסטלער"...

✶

„שוואַכע שרייבער דאַווענען שטענדיק מיט מנין; אָריגינעלע דיכטער דאַווענען „פאַר זיך"; אַ קלאַסיקער שעפּטשעט אַ תפילה, וואָס קיינער ביז אים האָט זי נישט געזאָגט"...

✶

„מענטשן, אפילו די טומלדיקסטע, האָבן נישט ליב דעם טומל; זיי ווילן צופרידענע, רואיקע שווייגן ווי ביימער און וואַקסן ווי ביימער, נאָר וואָס זאָלן זיי טאָן, אַז ווינטן לויפן איבער זיי און זיי מוזן רוישן... אַמאָל שעלטן מענטשן, ווייל אויף זיי הענגט דער פלוך פון אומרואיקייט, ווילן זיי זייער קללה פאַרשטעלן"...

✶

„מען זאָגט: „דער מענטש איז אַ בוים אין פעלד". מעגלעך אַז אין פעלד איז דער מענטש אַ בוים, נאָר אין שטאָט איז דער מענטש נאָך שוואַכער ווי אַ מענטש. די דופטן וואָס מיר אָטעמען איין — זענען: צעמענט־ריהות, קאַלך־ריהות, געשמאַק פון ברענענדיקער סמאָלע".

★

„אמתער הומאָר לאַכט נישט אומזיסט".

★

„טעאַטער איז דאָס אַנטלויפֿן פֿון דראָאונג צו סכּנה, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון דער דראָאונג".

★

דער פֿרימאָרגן און דער בײַטאָג: „דער פֿרימאָרגן האָט זיך זײַנע אַדאָראַטאָרן, וואָס באַוווּנדערן זײַן אָריגינעלע הלבשה, וועלכע איז געוועבט פֿון רויט־שטאָף, גרין־שטאָף און גאָלד־שטאָף. דער פֿרימאָרגן האָט זיך זײַנע חסידים, וואָס קוקן אים נאָך, טוען אים נאָך, זענען פּונקט ווי ער, פֿול מיט הארץ, מיט אַפּפֿרישנדיקער רײַנקייט, זענען אַזוי ווי ער: בעסער ווי הייליק און הייליקער ווי גוט. דער פֿרימאָרגן האָט זיך זײַנע משכּימים, וועלכע דאַוונען ותיקין און טראַכטן אַזוי דין, אײידער די וועלט וועט אָנהייבן טראַכטן גראָב, וועלכע בענטשן און לויבן דעם באַשעפֿער, וואָס ער פֿאַרמאָגט נאָך אַ וועלט, וואָס זי פֿאַרמאָגט נאָך עטלעכע לויטערע שעהען, אײידער זי לאָזט זיך אַרײַן אין מאַרק און זינדיקט און שווינדלט און זיפֿצט פֿאַלש און לאַכט פֿאַלש און לעבט קליין און שטאַרבט קליין. דער פֿרימאָרגן האָט זיך זײַנע — געציילטע זענען זיי.

דער בײַטאָג ווייס נישט פֿון קיין מיוחסים. נישטאָ קיין אויסדערוויילטע. די גאַסן זענען פֿול. אַלע אין דרויסן. און אַלע לעבן לויט אַ צוגעשניטענער מאָס, ווי איטלעכער וואָלט אַכטונג געגעבן, ער זאָל, חלילה, נישט זײַן גרעסער פֿון דעם צווייטן... און טאָן טוט יעדער אַזוי, אַז מען זאָל אים נישט האַלטן פֿאַר אַ ווילדן. און ער רעדט אַזוי אַז אַלע זאָלן אים באַגרײַפֿן. און וויצן זוכט ער אויס, אַז אַפֿילו די נאַרישסטע זאָלן „פֿאַרשטיין דעם וויץ". —

★

„איך האָב גאָר נישט צו אמתע ציניקער. זיי זענען נישט ציניש. זיי וויסן נישט דערפֿון, זיי פּראַוון נישט קיין ציניזם, זיי לעבן אים. עס איז נישט בײַ זיי קיין פֿײַערלעכקייט, זיי טוען עס צווישן הונדערטער אַנדערע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן. איך קאָן אָבער נישט לײַדן יענע וווילע יונגען, וועלכע האַלטן דעם ציניזם אונטער אַ שויבן־שאַנק; אַז עס וועלן קומען געסט, זאָל זײַן מיט וואָס מכבד צו זײַן... עס איז שווער צו פֿאַרטראָגן יענע, וועלכע, פֿאַרברענגענדיק מיט גוטע ברידער, ריכטן זיי אָפּ ציניזם, ווי אַ כּשרער ייִד להבדיל ריכט אָפּ חצות. נאָכדעם גייען זיי אַ היים צו ווײַב און קינד, פֿאַרהענגען די גאַרדינען (זאָל קיינער נישט אַרײַנקוקן) און זענען איצט אין דער אייגענער פּעל; קעציש־שטילע ברואימלעך, יוסטע באַלעבעסלעך. אַז זיי וועלן מערצעשעם שטאַרבן און וועלן אין אַנדערן גילגול ווערן מיידלעך — וועלן זיי זיצן שפּעט בײַנאַכט צווישן אַ קאָמפּאַניע יונגעלײַט, וועלכע רויכערן פּאַפּיראָסלעך, און אַרויסשטעלן די ייִדענע זאָקן ביז אַריבער די קני און רעדן דיק־באַפּודערטע ניבול־פּה. שפּעטער, אַ היימגייענדיק, וועלן זיי זיך לאָזן באַגלייטן ביז צום טויער. נישט ווײַטער". —

★

„יעדער שיינע זאַך וואַרט אויף איר באַוווּנדערער".

★

„אויב דער שלאָף איז אַ זעכציקסטע חלק פֿון טויט איז דער חלום אַ זעכציקסטע חלק פֿון לעבן".

★

„אַז אַ מוטער לערנט דאָס קינד גיין, באַנוצט זי בלויז די אַנדערהאַלבן אַרשיניקע פּאָדלאָגע. אָבער עס וואָלט געווען זייער טרויעריק, ווען דאָס קינד זאָל קיינמאָל נישט קאָנען גיין מער ווי אויף דעם קליינעם שטח פֿון דעם דאָזיקן צימער. די מוטער דאַרף דאָס געדענקען, אָבער זײַנע פֿיס האָבן שוין פֿאַר זיך אַ פֿרייע אויפֿגעעפֿנטע אַנסופֿיקע ערד".

★

„פֿאַרייסט נישט די אויגן צום הימל, ציילט נישט די שטערן. דאָס אַלץ האָט איר אָט־דאָ־אָ אויף אײַערע גאַסן, אויף אײַערע הויפֿן, וואָרים אונדזער ערד־קויגל איז דאָך אַליין אַ שטערן".

★

„בײמער זענען אַלט, האָבן אַ סך שוין געזען. זיי ווייסן זיגער צו באַדויערן".

★

„ניכטערקייט איז די חכמה פֿון דער וועסטל־קעשענע וואָס אויף דעם מענטש, פּאָעזיע איז די חכמה וואָס אין מענטש. רײַכקייט איז אַ גלאַנץ פֿון אויסווייניק, אָרעמקייט איז אַ גלאַנץ פֿון אינעווייניק".

★

„נישטאָ נאָך אַזאַ אומעסטעטישע זאַך ווי אַפּיקורסות. וואָרום שיינקייט איז: איבעראַשונג. און די ניכטערקייט, די קלאָרקייט, די אויפֿגעפּראַלקייט ווייס אַ סך, ווייס אַלץ, הערט גאָר נישט אויף צו וויסן. זי לאָזט זיך נישט פֿאַנגען. נישט פֿון קיין זאַך באַהערשן. אַזוי פֿיל פֿאַרהיטונגס־מיטלען פֿאַרמאָגט זי. איר פֿאַנטאַזיע גייט אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע. און אויף דער ערשטער — נאָך אַ קאַפּאָטע. און אויף דער צווייטער — אַ טולופּ. אויפֿן טולופּ — סתּם אַזוי אַ פֿוקסן־פּעלצל.

און אויף דעם פעל — אַ פּאַנצער. זי פאַרשטאַרקט זיך, באַרייכערט זיך, באַוואָרנט זיך. און סוף־כל־סוף שטאַרבט זי פאַר הונגער אין איר אייגענער באַוואָרנט־קייט, ווי ראָטשילד אין דער אייזערנער קאַסע”...

✱

„גרויסע שרייבער, געדענקענדיק, אַז זיי זענען נאָרמאַלע געזעצטע קינסטלער, שלעפּן דעם מאָדעל איבער זאַמד, שפּענער און בלאָטע. און אַ סך צייט און אָנשטרענגונג נעמט, ביז מען קריגט פרייע לופט, פרוכט־רייפקייט, דופטיקייט”.

✱

„דער לעזער אפילו דער בעסטער איז כלל נישט מחויב זיך צוגריבלען און אַרויסגעפינען די פּסיכישע פאַקטאָרן, וועלכע זענען גורם צו דער פּראָצעדירונג פון ליטעראַרישע ווערטן. ער האָט גענוג צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס אין דעם בוך, זיך חקרענען וועגן בוך — דאָס גייט שוין אַרויס פון דעם גדר לייענער”...

✱

„ליבשאַפט האַלט איך פאַר אַזאַ נאַטירלעכע זאַך, אַז איך שטעל זיך דערויף קיינמאָל נישט אָפּ. וואָס איז דען דער גאַנצער לעבנסקאַמף, אויב נישט דער קאַמף, אַז אַלץ זאָל זיך לאָזן אַרומנעמען פון אונדזערע אָרעמס, אַלץ זאָל דורך אונדז געגלעט ווערן. אונדזערע אויגן ציען זיך און קושן זיך מיט אַלע בילדער פון דער וועלט. אונדזער אויער שליסט אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט יעדן האַלב־קלאַנג, קלאַנג און קאָמפּליצירטע קלאַנג־קאָמבינאַציע. נישטאָ אַזאַ פאַרמעגן, וואָס מיר זאָלן זיך נישט האַלטן ראוי צו אים. נישטאָ אַזאַ רוים, וואָס זאָל אונדז שיינען אַזוי ווייט, אַז מיר זאָלן נישט וואַגן זיך צו זען פאַרטראָגן אין זיינע ד׳ אמות”...

* * *

„די אָרימסטע פאַרשטייען אַמטיפסטן פּאָעזיע”.

* * *

„אונדזער צייט — דער קלוגער ערנסטער עדות פון דעם שוואַכן מענטש”.

* * *

„לעבנס־חכמה — כאָטש עס איז נאָך נישט דער גרויסער שכל, וואָס פאַרמעסט זיך צו דערגרונטעווען טיפעניש, אָבער אַ מדרגה איז עס”.

* * *

„עס זענען פאַראַן ווערטער, וואָס ווערטלען נישט און מ׳בלייבט פונקט אַזוי קלוג ווי פריער”.

* * *

„אונדזער גוטסקייט איז אַ לאָרנעטע, וואָס פאַרקירצט דעם שטח צווישן אונדז און דער אויסערלעכקייט”.

* * *

„ווען עס הונגערט וויל מען נישט מער ווי עסן”.

* * *

„אייביק איז די שטילקייט: זי לעבט איבער דעם ליאַרעם”...

* * *

„אייביק פילן מיר אויף זיך די דראָאונג פון לעבן. מיר זענען אַרומגעגאַרטלט מיט אומזיכערקייטן. מיליאָנען רגעס קוקן אויף אונדז, ווי די מיליאָנען אויגן פון מלאך־המות”.

* * *

„נישט אייביק איז די נשמה אין קערפּער. אַמאָל איז פאַרקערט. אַמאָל דערוויסט זיך דער גוף ווער ער איז, פאַלט שטאַרק ביי זיך אַראָפּ, הויקערט זיך איין און פון דער נידער שטרעקט ער אויס די הענט. פאַרהילט אים, וויקלט זיך אַרום אים ווי די ספר־תורה וויקלט אַרום מיט פעסטן פאַרמעט די אויסדערוויילטקייט פון ישראל”.

* * *

„אין די שעהן, ווען דער קערפּער קרישלט זיך, גייט אויס, ווערט פאַרשוואונדן, איז דער אומעט נישט אַזוי גרויס. דער גרעסטער ווייטיק איז דעמאָלט, ווען די נשמה דאַרף זיך אַנטפלעקן”.

* * *

„איידער דער מענטש האָט געזינדיקט איז דער שלאַנג געגאַנגען אויף פיר פיס און האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן”.

* * *

„נישטאָ קיין קעגנשטאַנד, וואָס זאָל אונדז קאָנען אויס־מיידן, זיך פון אונדז אָפּרוקן. אָבער אויך מיר קאָנען פון קיין זאַך נישט אַנטלויפן, כאָטש מיר רינגלען זיי אַרום”.

* * *

„צוואָס זאָלן מיר זיך דען אַנטפּלעקן? צוואָס זאָלן מיר זיך דען עפענען? זענען מיר דען אַנדערש ווי די נאַכט, וואָס איז אויף שלעסער פאַרשלאָסן? האָט איר אַמאָל אויפגעריגלט די טיר פון אַ מענטשישער טרער? איר האָט אַמאָל צעשניטן אַ שמייכל אויף צווייען און געזען, ווי ער זעט אויס פון אינעווייניק? און דער זייגער, וואָס ליגט ביי אונדז אויפן טיש און ווייזט די שעהן, צי איז ער לעבעדיקער אָדער טויטער פון אונדזערע שעהן? און ער שלאָגט און שלאָגט אַזוי הילכיק, צי איז ער נאַרישער אָדער קלוגער פון אונדזער בלוט? מיר ווילן זיין גענוג אומגליקלעך, כדי זיך צו פרייען מיט דעם שפּאַצירגאַנג דורך דער וועלט ווי אַ סוד צווישן סודות”.

* * *

„דער קאָרעק פון אַן אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס איז נישט גרעסער פון אונדז, און אַ זונאונטערגאַנג איז נישט קלענער פון אונדז״.

* * *

„די נאַטור אין זיך איז שיין. זי וואַרט אויף דעם שיינעם מענטש. פון אַלע אירע קעמערלעך גייט יעדן טאָג אַרויס אַ שטים: ווי צו די מענטשן, וואָס פוילן אין זייער העסלעכקייט, ווילן מיין פּראַכט נישט געניסן, און קאָנען דערהויבן נישט זיין און מוזן פאַלן, און מיט זיי צוזאַמען פאַל איך אויך, ווייל זיי דערנערן מיך נישט. מיין שפּייז איז זייער אויג״.

* * *

„אונדזער חטא איז אַ מילשטיין, וואָס שטייט נישט ליידיק, נאָר מאָלט־אָן אַ סך מעל און פּאַשעט־אויס אונדזער שטראָף״.

* * *

„איין דערשיינונג הענגט אויף דער צווייטער, ווי אַ שלאָס אויף אַ טיר. אָבער דער שליסל איז ביי אונדז אין האַרץ״.

* * *

„אַ דיכטער, מעג ער זיין ווי ריזיק, איז טאַקע נישט שוואַכער אָבער נישט שטאַרקער ווי אַ דיכטער. ער זעט, אָבער ער זעט נישט מער ווי אַ פּרט, אַן אויסגעריסן שטיק פון דער גאַנצער נאַטור״.

* * *

„ליבהאָבנדיק אַלע, האָבן מיר זיך אַליין נישט פיינט, און באַציענדיק זיך מיט ליבשאַפט און פיעטעט צו דעם הייליקן צלם, וואָס איז אין אונדז גופא, באַדויערן מיר נאָר יענע יחידים, וואָס מיינען, אז זיי קאָנען אונדז פיינט האָבן״.

* * *

„אין אַ מאָמענט פון איבעראַשונג איז מען קיינמאָל נישט אין כעס, קיינמאָל נישט גיפטיק. מיר געפינען זיך אַרומגערינגלט מיט פלוצלונגדיקייטן. און יעדע פלוצלונגדיקייט איז אַ וואונדער. און יעדער וואונדער מאַכט העכער, מאַכט מענטשישער, מער מענטשיש, ווייל מער געהיימנישפול. מיר זענען דאָך אויך אַ קנופּ צווישן אלע שיקזאַל־פאַרוויקלטקייטן. אויף וועמען זאָל אונדז פאַרדריסן? וועמען זאָלן מיר באַשולדיקן? אויב אַלץ זענען מיר אַליין, אויב אלע בויגן זיך צו אונדז און בעטן זיך ביי אונדז רחמים נישט ווייניקער ווי מיר ביי זיי? מיר זענען נישט בייז. מיר זענען שוין נישט איינזאַם. אויף אונדזער וועג הערן מיר טריט. דאָרט ווו אַלע זענען מיר אויך. מיר זענען דאַנקבאַר, ווייל מיר זענען די מאָס פון אַלע זאַכן״.

פון דערשינענעם בוך: „לידער און עסייען״ ישראל שטערן, צונויפגעשטעלט פון ה. לייוויק. ביכער פאַרלאַג צ. ק. א. פאָלקס ביבליאָטעק, ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, ל. א. שטיין, ניו־יאָרק.

שרייבער וועגן ישראל שטערן

אי׳ציק מאַנגער *)

איך בין געווען מיט אים זייער נאָענט. מיר זענען געווען אויף „דו״. נאָענט הייסט: איך האָב גערעדט, און ער האָט געברומט. איינמאָל נאָר האָב איך געהערט פון אים אַ קלאָרן בייזער. ער איז אַריינגעקומען אין אַ טאָג אין ליטעראַטן פאַריין. איך האָב זיך מיט אים דערפרייט און אים געפרעגט פאַר וואָס מען האָט אים נישט געזען עטלעכע טעג. ער האָט זיך אָפּגערופן מיט כעס: „בייזט מיר קראַנק צו זאָגן: גוט שבת״. איך האָב פאַרגעסן גראָד אַז ס׳איז שבת. איך האָב זיך נישט באַליידיקט. פאַרקערט: כ׳האָב געהאַט עגמת־נפש. צוליב אים האָב איך געדאַרפט געדענקען אַז ס׳איז שבת, ווייל ער איז טאַקע געווען באמת רעליגיעז. איינער פון יענע ערלעכע סימפּאַטישע „גאָטס־נאַרן״ סיי אין לעבן סיי אין ליד. איך זאָג אמתע סימפּאַטישע „גאָטס־נאַרן״, ווייל ס׳זענען פאַראַן נישט אמתע נישט ערלעכע „גאָטס כיטראַקעס״. דאָס ביסל וואָס איז פאַרבליבן פון אים, איז טאַקע נאָר אַ ביסל. איך האָב אים אָפט געפּרוווט איבערצייגן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַנד פון זיינע לידער. ער האָט מיך נישט געוואָלט הערן. „שרייבן לידער איז אַ פאַרזענלעכע טאָט אָדער „טואונג״ ווי ער האָט עס אָנגערופן, דרוקן לידער איז אַ מסחר, טאָ זאָל מיר דער סוחר, דער פאַרלעגער גוט באַצאָלן, וועט מען זען״.

אַז דאָס איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע — ווייסן מיר איצט. מיר זענען געבליבן נאָר מיט אַ קליינעם פראַגמענט פון זיין ווערן. אַ שאָד. — — —

דער זיכרון שפּילט און דאָס האַרץ טוט ווי. די וואָלקנס גייען זיך זייער וועג און אַזוי גייען די טעג. פון צייט צו צייט ווערט דער ווייטיק אַ ליד. און אז אַ ליד איז וואָס? אַ טשיריק פון אַ פויגל, אַ זשום פון אַ בין, אַן אָטעם פון אַ ווינט. אָבער וואָס טוט מען מיט די שאָטנס? אַן סובסטאַנץ און שטום און דאָך זענען זיי פאַראַן און ווי טאָן טוען זיי צום משוגע ווערן. — — —

אויך ישראל שטערן געהער צו מיינע שאָטנס וואָס טוען מיר ווי.

*) פון אַ בריוו צו יצחק עברי.

בינם העלער

ווען אויסגעגאַנגען איז ישראל שטערן...*)

ווען אויסגעגאַנגען איז ישראל שטערן
האָט צוגעשלאָסן זיך דער קוואַל פון טרערן.

ווען ס'האָט זיין גוף געטאָן דעם לעצטן צאַפּל —
די ערד האָט נאָכאַמאָל פאַרדינט אַ מבול.

נאָר דורך דעם בלוט וואָס לויפט אין יעדן אָדער —
ער ווערט אָן אויפהער ביי דער וועלט געפאָדערט!

זיין גוף אויף דער עקידה פונעם הונגער —
זאָל שעלטן דער וואָס האָט אַמאָל געזונגען!

די שפּראַך, וואָס אַמאָל געטויגט אויף גראַמען —
איז אין זיין פּיין געטונקען, ווי אין פלאַמען.

און אין מיין חלום־וואַנדער זע איך איינעם:
דעם דיכטער שטערן אין אַ זעקל ביינער.

ער ליגט נאָך אַלץ אין געטאָ אַ פאַרשמאַכטער
און וועגן לעצטן גאָט־להכעיס טראַכט ער,

ווייל אויב ס'איז אמת, אַז לית דין ודיין
דאַרף יעדער שלאָגן זיך מיט זיין כלי־זין.

און ער האָט מער נישט ווי די פלאַטפּים שווערע
ווי ס'בינטל כתבים פון דעם דיכטער שטערן.

דאָס לעצטע ליד מיט בלוט באַדאַרף מען שרייבן,
נאָר אויב דאָס איז נישטאָ, — וועט ער דאָ בלייבן.

און לאָזן זיך פון הפקר־ווינטן שענדן
און וועט מיט זיך — די גאַנצע ערד פאַרלענדן.

אָ, זע! ער טיילט זיך אָפּ מיט לעצטן צאַפּל —
— די ערד פאַרדינט איצט נאָך אַמאָל דעם מבול. —

---

*) „יידישע שריפטן", ליטעראַריש זאַמל־בוך, לאָדזש, תש"ז (1947) פאַריין פון יידישן ליטער. און זשורנאַליסטן אין פוילן.

יחיאל האָפער:

„ישראל שטערנס לידער זענען פול מיט פאָרויספילונגען, נביאישע פאָרויספילונגען, אָבער טונקעלע, פחדימדיקע, פעסימיסטישע. און דאָך איז ער געווען אַן אָפּטימיסט. כ׳וואָלט געזאָגט, אַז זיינע חושים זענען געווען פעסימיסטישע אָבער זיין נשמה איז געווען אַן אָפּטימיסטישע. ער איז געווען פול מיט נאַכט, אָבער זיין תפילה איז „די תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג״ (דאָס איז דער קאָפּ פון זיינס אַ ליד).״

✶

„ס׳ווילט זיך טראַוועסטירן די מימרא „יאה עניותא לישראל״ אויף יאה עניותא לישראל שטערן. אים איז מיט זיין אָרימקייט געווען פרייער, בעסער און העכער. אָבער אנדערע ווינטשט ער דאָס נישט. זיין אייגענע נויט פאַרוווּנדערט אים, דעם אַנדערנס נויט פאַרווונדיקט אים (זע זיין ליד: „מענטשן וואָס הונגערן״).״

✶

„נישט בחינם האָט דער פּאָעט ישראל שטערן, וואָס האָט אַזוי ווייניק אויפגעשריבן געהאַט אַזאַ גוטן און גרויסן פּאָעטישן נאָמען (און האָט אים ביז היינט). נישט דער קדושים־טויט האָט געשאַפן אַרום אים לעגענדע. ער איז געווען אַ שטיק לעגענדע שוין ביי זיין לעבן״.

✶

„ווי שטערן איז נישט געווען פאַרביטערט, איז ער קיינמאָל נישט געווען שלעכט (חסידים, ווען זיי זענען געווען אין אַ צרה, פלעגן זאָגן: — ס׳איז ביטער. זיי זענען געווען ניזהר נישט צו באַנוצן דאָס וואָרט „שלעכט״). ביטערניש קאָן מען נייטראַליזירן, שלעכטס — נאָר פאַרלענדן. און פאַרלענדונג איז אַ גרויסע סכנה סיי פאַרן שלעכטן און סיי פאַרן גוטן.״

✶

„ער איז געווען פול מיט סתירות ווי אַ מילגרוים. ער איז געווען אַזוי פיל סתירה, אַז זיין סתירותדיקייט אין אים איז אַזש געווען גאַנץ.״

✶

„פאַראַן ווערסיעס, אַז אין געטאָ, אין די יאָרן פון אומקום, האָט ישראל שטערן אַ סך געשריבן. קיין באַווייזן דערויף האָבן מיר נישט, ווייל זיינע דעמאָלטיקע שאַפונגען זענען מיט אים צוזאַמען אומגעקומען. ס׳וואָלט אָבער זייער געפּאַסט פאַר שטערנס סתירותדיקער פערזענלעכקייט, אַז אַזוי זאָל עס האָבן געווען. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין. דווקא „צווישן פאַלנדיקע ווענט״ האָט געקאָנט געשען, אַז ער זאָל זיך אַרויסווייזן און ס׳זאָל זיך באַווייזן זיין דיכטערישע גבורה״.

✶

„ער האָט אַלע יאָרן געגלויבט, אָבער קיין גלייביקער איז ער נישט געווען. אין אַ גלייביקן איז פאַראַן רוטין, אין אַ גלייביקן איז פאַראַן עפּעס פון אַ פּראָפעסיאָנאַליסט (כאָטש פאַרן אויספירן די פּראָפעסיע באַקומט מען דעם שכר בעולם הבא). שטערן האָט אַפילו צווישן די „טויטע חסידים״ צו לאַנג נישט געקאָנט זיין. אָבער אין די יאָרן פון הסתרת פנים און פאַרלענדונג, „בשעת שוואַרצן רעגן״, גראָד דעמאָלט זאָל ער האָבן אָפּגעהיטן אַלע דינים פון שולחן־ערוך.״

✶

„ישראל שטערן האָט געהערט צו דער הויכער קאַטעגאָריע דיכטער, פון דעם דור וואָס איז רייף געוואָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות״.

✶

„נישט שייך צו פּאָלעמיזירן מיט אַזעלכע צי אַנדערע מיינונגען פון ישראל שטערן. ער איז אין זיינע שאַפונגען שטענדיק און אומעטום שטערניש: טיף, ריין, דער עיקר ריין בתכלית הריינקייט. זיינע שאַפונגען זענען געשריבן ווי אויסער דער צייט, כאָטש זיי באַרירן קאָנקרעטע טעמעס, באַשטימטע פּערזאָנען שרייבער און ווערק.

ס׳איז אַ גרויסער שאָד, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק געשריבן, ס׳איז נאָך אַ גרעסערער שאָד, וואָס ער איז אומגעקומען. ס׳איז אַ שאָד פאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט „אַנטלויפן פאַרן גורל״. אַזאַ דיכטער ווי שטערן איז געווען פּרעדיספּאָנירט דווקא אין די עלטערע יאָרן זיך פונאַנדערצוואַקסן. דאָס איז אונדז, ווי נאָך אַ סך און אַ סך, נישט באַשערט געווען״.

(ציטאַטן פון זיין עסיי, STELA POETICA ישראל שטערן און זיין שאַפונג. „גאָלדענע קייט״ נומ, 26, 1956).

יצחק קאַהאַן (מעלבורן)

ישראל שטערן אויף אַ פאָרלעזונג אין אַסטראַלענקע

(דערינערונגען און רעפלעקסן)

געוועזן איז דאָס אַ יום־טוב אינדערפרי. איך בין אַרויפגעגאַנגען צו ר׳ יעקב באַיוק צו באַגעגענען זיך מיט ישראל שטערן, וועלכער איז דורך דער „פרץ־ביבליאָטעק" אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אויף אַ פאָרלעזונג. וויסנדיק, אַז י. שטערן איז געוואָרן טיף־רעליגיעז בין איך נישט געווען איבערראַשט, ווען איך האָב אים געטראָפן דאַוונען מיט דביקות און פאַרטיפטער כוונה. מיט אַ באַוועגונג האָט ער געבעטן מיך זיצן, און איך האָב דערביי אָבסערווירט דעם אויסדרוק פון זיין ברייטן פנים, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טרויעריקע, פרעגנדיקע אויגן.

עס איז געווען אַ זומערדיקער, זוניקער פרימאָרגן. און קוקנדיק אויף זיין פנים, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס דריקט אויס אַ מין בין־השמשותדיקע פאַרבענקשאַפט, עפּעס אַן אומהיימלעכקייט פון שאָטנדיקע מיסטעריעס, וואָס באַגלייטן דעם סוד פון טויט. עס איז מיר געקומען אויפן זיכרון זיין געדיכט „פאַרנאַכטן":

„פאַרנאַכטן זענען זקנים וואָס קענען נישט שטאַרבן,
פאַרנאַכטן זענען קינדער געפונען אונטער פּלויטן,
פאַרנאַכטן זענען לאָמפּן — עס ברענען שוין די קנויטן".

איך האָב זיך געפּרוווט דערמאָנען נאָך פערזן פון אָט דעם געדיכט, און ישראל שטערן באַמערקנדיק, אַז מיינע ליפּן באַוועגן זיך האָט שטיל אַ פרעג־געטאָן:

„איר ווילט מיר עפּעס זאָגן?" — „ניין", האָב איך געענטפערט, „איך באַמי זיך צו דערמאָנען עטלעכע פערזן פון אייער ליד... ‚פאַרנאַכטן׳".

— איר האָט געלייענט מיין ליד? האָט ער מיט שטוינונג אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, אַ פּאָר מאָל, געקענט שוין אַפילו אויף אויסנוויניק.

און כדי צו ווייזן, אַז כ׳מיין עס אויף אַן אמת, האָב איך אָנגעהויבן גלייך צו רעציטירן:

„פאַרנאַכטן זענען בריוו פון שטילע משוגעים,
פאַרנאַכטן זענען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...
פאַרנאַכטן זענען רינגען אויף אָפּגעהאַקטע פינגער
בלוט אויף גאָלד — גאָלד אויף בלוט."

כ׳בין געבליבן שטיל. שטערנס אויגן האָבן עפּעס נאָכגעלאָזט פון טרויער און אָנגעהויבן שמייכלען.

— כ׳בין איצט צופרידן שוין, האָט ער שטיל אָנגעהויבן, וואָס כ׳בין געקומען אויף אַ באַזוך קיין אָסטראָלענקע, ס׳איז פאַר מיר אַן איבערראַשונג! אמת, זייער אַן אָנגענעמע, וואָס אין מיין געבורט־שטאָט ווער איך געלייענט, און יוגנט לערנט זיך אויס מיינע לידער אויף אויסנוויניק... כ׳דערקען באמת נישט מיין געבורט־שטאָט, געטראַכט, אז ס׳האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט זינט כ׳בין אַוועק...

ער איז שטיל געבליבן, זיך פאַרטראַכט און געקוקט ערגעץ אין דער ווייטקייט. עס האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייל און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אז ער האָט אויפגעהערט מיך צו זען, פאַרגעסן, אַז איך זיץ דאָ. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר: „קומט צו מיר אַרויף נאָכן עסן, פאַר דער פאָרלעזונג, מיר וועלן אַביסל שמועסן".

* * *

— האָט איר געלייענט מיינע „שפּיטאָל־לידער"? — האָט שטערן מיך שפּעטער געפרעגט, — זאָגט מיר ווי אַזוי האָט איר זיי אויפגענומען... כ׳מיין נישט בלויז זיי, נאָר בכלל, וואָס פילט איר ביים לייענען מיינע לידער.

איך האָב אָנגעהויבן מיט דעם:

— איר האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן אין אייער דיכטונג אידענטיפיצירט דעם מענטש מיט דער נאַטור, אייער באַציאָנג צו דער נאַטור איז עפּעס ווי צו אַ גרויסער מיסטעריע. איך בין שטיין געבליבן, זוכנדיק ווערטער אויסצודריקן וואָס איך מיין. כ׳האָב זיך געפילט אַביסל נישט דרייסט צו זאָגן מיין מיינונג אַ גרויסן דיכטער, וועלכן כ׳האָב אַזוי הויך געשעצט, אָבער שטערן האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש, איך האָב זיך געפילט מער היימלעך און פאָרגעזעצט:

— אייערע געדיכטן, וואָס זענען באמת אַזוי מייסטערהאַפט, אָטעמען מיט אומהיימלעכקייט. פאַראַן אין זיי בענקשאַפט, טרויער, שאָטנס פון טויט און עס פאַרכאַפּט שטאַרק אייער פּאָעטישער פלי, אָט טאַקע דער שטראָמיקער, עכטער, שעפערישער געפיל, וואָס פילט אָן אייער ליד מיט קינסטלערישער אויפריכטיקייט, און מיט דעם טראַגישן אמת, אָבער עס ווערט אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן ווען: „פאַרנאַכטן זענען פידלען, בעת טייוואָלים כאַפּן פון שטוב אַרויס די כלה", אָדער: פאַרנאַכטן זענען פאָנען פון פאַרשפּילטע שלאַכטן". ס׳איז שטאַרק בילדעריש, אָבער עס וואַרפט אָן אַן אימה אויף אונדזערע שיינע טרוימערישע, זומערדיקע פאַרנאַכטן.

— פאַר וואָס זעט איר זיי אַזוי טראַגיש?...

שטערן האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ ליבן שעמעוודיקן שמייכל, געזאָגט צו מיר אַ פּאָר ווערטער וועגן יחוס־אבות און באַלד צוריק געוואָרן טויט־ערנסט.

— הערט מיך אויס, מיין יונגער בן־עיר. צי ווייסט איר וואָס דיכטונג באַדייט אין טיפערן זין? — דיכטונג מיינט כסדר טראָגן די לאַסט פון מענטש זיין, ווייטאָקן מיט אַלע, אומגליקלעך זיין דורך דעם געוויין פון אַלע. (ביי די ווערטער האָט ער זיך האַסטיק אַ הויב־געטאָן פון בענקל, אַרומ־

געשפּאַנט עטלעכע מאָל איבערן צימער און זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר). איר זייט אַ לעזער און איך וויל איר זאָלט עס גוט צעקייען. יעדער דיכטער לעכצט צו דאָס טיפסטע אי־נערלעכסטע און אומדערשיטערלעכסטע אינעם מענטש. ווען אַלע געניסן פון אָפּרו מיט פאַריגלטע ברעמען — איז דער דיכטער וואַכזאַם, אויפצושפּיצן די אויערן, אויפצוכאַפּן די דינע קולות, וואָס קומען ערגעץ פון דער ווייטער נאַכט אַריין.

ער איז צוריק שטיל געוואָרן, פאַרטראַכט אין זיך, און באַלד אַ פרעג־געטאָן:

— איר ווייסט וואָס פּעטער אַלטענבערג האָט געזאָגט וועגן דיכטונג? „פון אונדזערע טרערן ווערן לידער".

— איר האָט פריער געפרעגט מיך וועגן גדיכט „פאַר־נאַכטן". איך פיל דעם בין־השמשות אנדערש ווי איר. ביי מיר ווירקן טאָג־שטימונגען אַנדערש ווי אָוונט־שטימונגען און נאַכט.

בייטאָג שיטן זיך רייד ווי זאַמד, אַ וואָרט איז ווי אַ צייכן אין זאַמד, עס פאַרשווינדט, פאַרלעשט, פאַרגעסט זיך. נאָר אין די איינגעהאַלטענע שעהן פון טיפער נאַכט, ווען די וועלט שטייט שטיל, אומבאַוועגלעך און פינצטער ווי אַ שוואַרצער טאָפל — איז אַ וואָרט ווי אויסגעשניטן מיט אַ מעסער אין טאָפל. איר האָט עס לאַנג פאַר די אויגן... איבעריקנס, כ'וועל וועגן דעם רעדן אויספירלעך אויפן פאַרטראָג.

מיר זענען אַוועק צו דער פרץ־ביבליאָטעק.

* * *

דער זאַל איז שוין געווען אויסגעפילט איבער די ברעגעס. דער עולם איז געקומען פריער ווי געוויינלעך און געוואַרט לאַנג אויפן פרעלעגענט — דעם בן־עיר. שטערן האָט ביים אַריינקומען באַקומען אַ גרויסע אָוואַציע. ער האָט זיך אַביסל פאַרלוירן, נישט דערוואַרט אַזאַ וואַרעמע אויפנאַמע.

ביים פּרעזידיום־טיש האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו מיר:

— איר ווייסט דאָך וואָס מען זאָגט: ס'איז שווער צו זיין אַ נביא אין דער אייגענער שטאָט. איך האָב באמת נישט דערוואַרט אַזאַ־גרויסן עולם און אַזאַ וואַרעמקייט (ער האָט עס געמיינט בלשון תרתי משמע, צווייטייטיק, ווייל ס'איז געווען טאַקע זייער וואַרעם אין לאָקאַל...).

פירנדיק דעם פאָרזיץ האָב איך אין עטלעכע האַרציקע ווערטער באַגריסט דעם חשובן גאַסט און בן־עיר. באַטאָנט דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט זיין טיפער געדאַנקלעכקייט, וואָס ער אָרקעסטרירט אַזוי מייסטערהאַפט דורך שטימונג און בילדערישקייט, האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויף דער מזרח־וואַנט פון אונדזער דיכ־טונג. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין קינסטלערישן אויס־דרוק אין וועלכן עס האָבן זיך אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן קלאַנג, פאָרם און ריטם.

איך האָב פאַר אים פאַרגעשטעלט דעם עולם, צווישן וועלכן עס געפינען זיך אַזויפיל לייענער זיינע, וואָס זענען שטאָלץ מיט זייער באַגאַבטן בן־עיר — אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער, וואָס פאַרמאָגט די וווּנדערלעכסטע סטרונעס אויס־צושפּילן אונדזערע איבערלעבונגען און אַנונגען אין די דינס־טע ניואַנסן, און היינט האָבן מיר אַ לעבעדיקע באַגעגעניש צווישן דיכטער און לייענער.

ביי אַ טויטשטילקייט האָט שטערן אָנגעהויבן זיין פאָר־טראָג וועגן קונסט און דיכטונג. ער האָט פון אָנהויב באַ־טאָנט די פאַרשידענע פאָרמען פון קינסטלערישן שאַפן.

„יעדער גרויסער קינסטלער שאַפט זיך אַ נייע וועלט, אַן אימאַזשינירטע ביי דער זייט פון דער רעאַלער. ווייל נישט דאָס, וואָס רופט זיך לעבן איז דער עיקר, נאָר דאָס, וואָס איז אַרום לעבן, איבערן לעבן, נאָכן לעבן...

„אין פרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" שפּאַצירן די טויטע אַרום און קוקן זיך צו צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום. זיי דערגרונטעווען טיף אָפּשאַצנדיק סיי די שיינקייטן ווי די מיאוסקייטן פון לעבן. אין דעם הו־האַ פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ווען מענטשן שיינען צו זיין וואַך זעען זיי אָבער גאָר־נישט ממשות'דיק, זיי האָבן נישט קיין שום וועזנטלעכעס, ביינאַכט ליגן די זעלבע מענטשן, מידע, פאַרמאַטערטע, אָפּט דערשלאָגענע. ערשט ווען זיי שלאָפן־איין דערזעען זיי אין חלום דאָס נישט אַנטדעקטע. אין באַוווּסטלאָזיקייט אַנען זיי ערשט, דערפילן זיי עפּעס העכערס, וואָס איז אַזוי ווייט פון טאָג־טעגלעכן ליאַרם. אויך דער קינסטלער, דער דיכטער, כאָטש ער איז בייטאָג אויך נישט אין דער מיט פון ליאַרם, דערהערט ער ערשט ביינאַכט דעם שלוכץ אין בלאָען חושך. ער דערהערט דעם בת־קול: „ווי צו מיינע קינדער וואָס זע־נען נאָך פאַרטריבן פון מיר און פון זיך — — — און קיין טרייסט איז נישטאָ — — ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג נאָך?"...

— — — מיר האָבן געמאַכט אַ קליינע פּויזע און שטערן האָט מיך שטיל אַ פרעג געטאָן צי דער עולם האָט אים פאַר־שטאַנען. איך האָב אים פאַרזיכערט, אז ס'איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער גייסטיקער נחת־רוח און אַפילו די, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַלץ תופס זיין, האָבן אויך איבערגעלעבט דערהויבנדיקס. נאָך דער פּויזע האָט שטערן אָנגעהויבן מיט י. ל. פרץ, וואָס געהערט צו די גרויסע קינסטלער, וועלכע בלייבן אייביק הונגעריק צו גאָט... ער האָט געזוכט דעם וועג צו גאָט, נענטער ווערן צו אים. במילא, ווערן נענטער צום מענטש. דיכטונג איז די בריק פון מענטש צו מענטש. איר ענדציל איז בענטשונג און זעליקייט. איר שטרעבונג אַריינ־צודרינגען אין צענטער פון מענטשישן „איך", ווו עס קומען פאָר ציטערנישן און געראַנגלען, דערלייכטערונגען און גליק־זעליקייט. עכטע דיכטערישע שאַפונגען זענען אומגעפעלשטע דורכגעוווייטאָקטקייטן, באַהויכט מיט אַן אינעווייניקסטן דראַנג צו גרויסער רעליגיעזיטעט, ווילן זיי מער פאָרשן ווי אויפ־דעקן. יעדער מייסטער בויט זיך אויף אַן אייגענעם בנין אין דעם גרויסן וועלט־רוים און דאָרט ווערן אַלע דערשיינונגען און זעאונגען באַפאַרבט מיט דעם בלוט פון קינסטלער. און שווער קומט אים אָן די חבלי־לידה פון שאַפן. אפילו אַזאַ מייסטער ווי היינריך היינע האָט כוחות אָוועקגעלייגט, באַ־אַרבעט און איבערגעאַרבעט זיין קורץ ליד „אין ווונדער־

שיינעם מאָנאַט מאַי". ער ווי יעדער עכטער קינסטלער האָט אָפּגעגעבן פיל מי אויף דער אָרנאַמענטיק פון סטיל, פאַרב און קלאַנג.

כאָטש דער פרעלעגענט האָט שוין גערעדט אַ לענגערע צייט און הייס איז געווען, דאָך איז די אויפמערקזאַמקייט פון עולם געווען צוגעשמידט צו דער טריבונע, מ'האָט קיין שאָרך נישט געהערט אין זאַל. מ'האָט בחוש געפילט אז ס'איז נישט קיין געוויינלעכע פאָרלעזונג נאָר אַ טיפע דיכטעריש־קינסטלערישע אימפּראָוויזאַציע און די געדאַנקען וועגן דיכטונג זענען אַרויסגעקומען פון דעם דיכטערס געמיט און מחשבה (שפּעטער האָט שטערן אויסגעברייטערט און פאַרעפנטלעכט זיין ווונדערבאַרן אַנאַליז פון דיכטונג און ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט געוואָרפן אַ פראָזשעקטאָריש ליכט אויף שרייבער און ווערק).

ווען ער האָט געענדיקט, האָט אַ שטורעם פון אַפּלאַדיסמענטן אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג פאַרן גייסטיקן גענוס פון פאָרטראָג, וואָס האָט געדויערט איבער 2 שעה. אָבער דערמיט האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. דער עולם האָט באַלאַגערט דאָס פרעזידיום־טישל אָפּצוגעבן שלום, דריקן די האַנט און שטעלן... פראַגן. מיר האָבן אויפן אָרט באַשלאָסן פאָרצוזעצן עפנטלעך די פראַגן און ענטפערס. די פראַגן זענען געווען פון אַ פאַרשידענעם כאַראַקטער, און דער פרעלעגענט האָט אין קורצע ענטפערס באַלויכטן ליטעראַטור־ און קונסט־פּראָבלעמען. אין די ענטפערס איז נישט בלויז בקיאות געווען נאָר אויך בילדערישע שפּראַך־קוואַליטעט.

אַן אויסנאַם האָט שטערן געמאַכט אויף אַ פראַגע וועגן שונד. ער האָט געענטפערט מיט אַזויפיל הומאָר און סאַטירע, אַז מיר האָבן אלע געהאַט דעם איינדרוק, אז ס'רעדט נישט דער זעלבער פרעלעגענט וואָס פריער, נאָר אַ נייער, אַ גלענצנדיקער פעליעטאָניסט און סאַטיריקער.

„שונד איז גבאי ראשונדיק אין יעדן ליטעראַרישן קלויז און קלייזל־פּאָליטיק... שונד איז דער מצווה־טענצל אויף אַלע חתונות, דער ברייה, דער צו גאָט־און־צו־לייטנדיקער שרייבער... שונד איז דער שיינער מענטש, וואָס איז גרייט צו שווערן ביי זיין געגאָלטער באָרד און פאות, אַז פאַר אייך איז דער גרעסטער כבוד צו האָבן מיט אים מחזקות... שונד איז אונדזער בעל־גאווה, וואָס שפּאַצירט קאָפּ־פאַרריסן אויף אלע גאַסן, און ווייסט ווי אַזוי געפעלן צו ווערן... ווייל פאַר יעדן האָט ער אַן אַנדער שפּראַך. שונד איז דער כפול־שמונהדיקער קאַריעריסט — זיין לשמה'דיקייט איז ברייט באַקאַנט, זיין אידעאַליזם — ריין גאָלד. אין וואָס קאָנט איר אים חושד זיין? אין מאַטעריעלן נוצן? נאַרישקייטן! איר זאָלט אים אפילו וועלן געבן געלט האָט ער עס נישט ווו צו האַלטן... אַז אין איין קעשענע האָט ער גוטע מידות און אין דער צווייטער — גוטע מעשים און אויף דער פּלייצע־נעבעך אַ שווערן פּעקל יושר... ער נעמט זיך אָן אַלע עוולות. ווער אויב נישט ער? דערצו האָט ער דאָך אַלע כלים. עס איז שוין די טבע פון שונדמאַן, אז אים פעלט קיינמאָל גאָרנישט אויס... ער האָט אויפן לאַגער פון כל־טוב. וואָס ער דאַרף גייט ער צו גרייט און נעמט..."

דאָס אַלץ האָט שטערן געזאָגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. אָבער ביים סוף, ערנסט געוואָרן און אין אַ העכערן טאָן אַזוי פאַרענדיקט: „...נישט איינמאָל פילט מען, אז מיר זענען פאַר אַ נייעם מבול, האָט דאָך אָבער גאָט געשוואָרן, אַז קיין מבול זאָל מער נישט זיין און ר' נחמן בראַצלאַווער האָט עס אַזוי געטייטשט: קיין מבול פון וואַסער וועט מער נישט זיין, אָבער אַ מבול פון שמוציקע מחשבות, פון שלעכטע געדאַנקען — וואָס מיינט שונד — וועט יאָ זיין! אָבער עכטע קונסט און דיכטונג וויל דאָס אַראָפּשווענקען פון אונדזער לעבן. איך גלויב אין כי־טוב! אין מענטשלעכן האַרץ געפינט זיך אַן אוצר, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צוצוקומען צום אים..."

* * *

לאַנגע יאָרן זענען אַוועק שוין פון יענעם יום־טובדיקן טאָג, ווען ישראל שטערן איז געווען אין אָסטראָלענקע. דאָס רוב פון זיינע צוהערער זענען אין אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן און יחידים זענען אַרויס נישט־דערברענטע. און דער גרויסער דיכטער, וואָס האָט אַזוי טיף געגלויבט אין דער שליחות פון דיכטונג און קונסט, אינעם אוצר פון מענטשלעכן האַרץ, האָט זיך געוואַלגערט איבער וואַרשעווער ברוק אַ געשוואָלענער פון הונגער... צי האָט ער, דער פּרינץ פון קונסט, אין זיינע לעצטע שעהן אויך ווייטער געגלויבט אין דעם אוצר פון מענטשלעכן האַרץ, אַז מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צוקומען צו אים?... ווער ווייסט. דעם סוד האָט ער אויף אייביק מיטגענומען מיט זיך...

יצחק עברי (תל־אביב)

דער דיכטער, וואָס איז געבליבן אַ טיפער סוד

א. די פּאָעמע „אַסטראָלענקע”

ער איז געווען כל ימיו צעקריגט מיט דעם עולם־הזה. זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. ווי ער וואָלט גורס געווען, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז נשמה און קיין גוף איז גאָר נישטאָ... והא ראיה: זיין פּרוש'דיק לעבן, וואָס ער האָט געפירט, זיין אָפּגעזונדערטקייט פון דער ממשותדיקייט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרבלאָנדזשעטער איבער דער ערד ווי אַ נשמה אָן אַ גוף, אין קעגנזאַץ צו זיין ברייטפּלייציקייט און שווער־גופיקן אָנבליק. זיין בליק האָט תמיד געהאָנגען אַריבער אַלעמען, ערגעץ אין דער ווייט... ער האָט געלעבט ווי „אויפן הימל”. זיין גאַנצער אַרומשלאָנדערן זיך אויף דער מישטיינס־געזאָגטער ערד איז געווען ווי נאָר צוליב אַ טיף־פאַרבאָר־גענעם „עפּעס”, אַ פאַרסודטן „דאָרטן”...
געקומען איז ער פון זיין היים־שטאָט, אָסטראָלענקע, און זיך באַזעצט אין דער גרויסער וואַרשע, ווו זיין משונהדיקע התנהגות סיי אַלס דיכטער און סיי אַלס פּערזאָן האָט אַרויס־גערופן ביי אַלעמען גרויס שטוינונג.

די פּאָעמע „אָסטראָלענקע”, איינע פון זיינע שענסטע שאַפונגען (זע: „ליטעראַרישע בלעטער”, נום. 42—41, וואַרשע, 1927), האָט ער געווידמעט דעם זעלטענעם, כ'וואָלט זאָגן, עכט־ישראל־שטערנדיקן יידן, ר' אפרים גאָלד־ברוך (דער שווער פונעם גרויסן אָסטראָלענקער למדן און חריף און שטאָט־עסקן, ר' העניך פלאַקסער, הי"ד), וואָס האָט פונקט אַזוי ווי ער, שטערן, „געפּייפּט” אויף דער זינ־דיקער וועלט מיט אַלע אירע תאוות און תענוגים, געשעפטן און קראָמען, וואָס עס פלעגט אין זיי „ברענען דער פדיון”... אָט דער דאָזיקער „שיינער ייד”, וואָס „די שטערן אין הימל פלעגן אים נאָכגיין אין די נעכט און געהאָלפן זוכן אַ גע־לעגער”, איז אַזוי נאָענט געווען צום האַרצן, קאָמפּלעקס און ממש־פּערזענלעכן כאַראַקטער פון שטערן דעם דיכטער, דעם אַרומשלאָנדערנדיקן, אָן אַ היימיקן און עולם־הזה־לחלוטין־מבטל־מאַכנדיקן. דערפאַר און נאָר דערפאַר, איז „ער איינער, אפרים גאָלדברוך, אים געבליבן אַזוי נאָענט”... פון אַלע אָס־טראָלענקער. זיינע לידער און עסייען, האָבן אויפגעעפנט אַ וווּנדערלעכן קוואַל פון דיכטערישע גילויים און טיף־מענטשלעכע אַנטפּלעקונגען. ער איז אָבער געבליבן אומ־פאַרשטענדלעך, גרויזאַם־אומפאַרשטענדלעך. פון איין זייט: שליידערן הינטער זיך דעם עולם־הזה מיט אַלע זיינע תענוגים, הונגערן ביז קראַנקייט, זיין עלנט־שטיין אָפּגעזונדערט פון מענטשן, גיין אויף דביקות צו די „טויטע חסידים”, שאַרף אָפּזאָגן אַרויסגעבער פון ביכער אָדער רעדאַקטאָרן פון אַ צייט־טונג, צו לאָזן דאָרט עפּעס אָפּדרוקן פון זיינע גייסטרייכע וווּנדערלעכע שאַפונגען, און דאָ אינמיטן — זיך גאָר אָנקלעפּן אַן די „בונדיסטן”, וואָס האָבן געטראָגן צו יענער צייט אַזאַ רעאַלע פלייש־בלוטיקע אידעע ווי: באַפעסטיקן דעם יידישן קיום און זיין מאָרגן אין די גלות־לענדער (אַן אידעע, וואָס האָט אגב אַזוי גרוילהאַפטיק באַנקראָטירט...!). ווי קומט עס? אַזאַ מין שותפות! דאָס איז אַלץ נישט געווען תופס־צו זיין פאַרן פשוטן שכל. און נאָך און נאָך אַזעלכע אומבאַגרייפ־לעכקייטן. וויפל מ'האָט זיך נישט באַמיט צו לייענען דאָס שטערן־רעטעניש זענען נאָך אַלץ געבליבן פראַגן און זייער אַ סך אומפאַרענטפערטקייטן.

וואָס איז ער געווען ישראל שטערן? ער אַליין? אז ער איז געווען אַ דיכטער — ווייסן מיר. אפילו אַ זעלטענער, וואָס איז נישט צו באַגעגענען אָפט. אָבער וואָס איז ער אַליין געווען? צי וואָס האָט ער געשטרעבט און געמאַכט שטרעבן אַנדערע? צו וועלכן גראָדליניקן וועג האָט ער גע־פירט? צי איז ער נאָר בלויז געווען אַ באַראָמעטער פאַר דער אומגליקלעכער יידישער תקופה ווי מ'וויל האָבן? אַ נביאות־זאָגער פון דער קאַטאַסטראָפאַלער צייט? נישט מער? יאָ. ער איז געווען אַ דיכטער פון אַ גאָר גרויסן און אומבאַגרייפ־לעכן פאַרנעם. אַ דיכטער מיט אַ נשמה אָן אַ גוף. אַ דיכטער, וואָס איז געבליבן אַ טיפער סוד.

ב. „איינער אַליין”...

ער איז געווען, וואָלט איך זאָגן, פיל מער „צו גאָט” ווי „צו לייט” (אין אויסערלעכן זין פון וואָרט, ווייל פאַרמאָגט האָט ער, שטערן, אַן אומגעהויער־פילנדיק האַרץ פאַרן מענטש און זיין פּיין). ער איז געווען גאָט־פאַרפלאָנטערט אין זיין זוכן אים און מענטש־פאַרפלאָנטערט אין זיין זיך אָפּזונדערן פון אים... זיין אַרומבלאָנקען זיך טאָג ווי נאַכט איבער די גאַסן, זיינע באַגעגענישן דווקא מיט אויסגעהונגערטע, אומ־גליקלעכע, פון וועלכע ער האָט אַרויסגעלייענט זייער שווער־געחתמעטן גורל, זיין „פאַרפאַלן ווערן” אַלע מאָל פון דער וועלט — אַזוי האָט ער געזוכט גאָט, און אויף די וועגן פון די דאָזיקע זוכענישן האָט ער זיך שטערנהאַפטיק געלייטערט... זיין וואָרט איז אַרויסגעקומען זיבן־הימלדיק־דורכזיכטיק, אָן אַ שיעור טיף־מענטשלעך, ליכטיק און לויטער ווי דער מענטש־לעכער לאַנג־אַרומגעזוכטער אמת. זיין וואָרט האָט ער גע־וואָרפן „צדיקיש־פייערלעך” אין דעם חלל פון דער פאַרזינ־דיקטער מענטשלעכער ערד....

* * *

איז ער געווען אַ גלויביקער, אַן עכטער מאַמין, וואָס גלויבט און פרייט זיך מיט יעדן קערנדל פון לעבן, אָדער — גאָר אַ פּעסימיסט, ווי אַנדערע מיינען? פאָרכטערלעך־

גרויס איז געווען זיין ביטול צו אַלץ, אי צום לעבן מיט זיינע „גראָבע" תענוגים, אי צו זיין פּערזענלעך־דיכטערישן אויפֿשטייג. האָט ער שוין עפּעס וואָס פֿון זיין געניאַלן שאַפֿן יאָ אַמאָל פֿאַרעפֿנטלעכט, אַ ליד צי אַן עסיי, איז דאָס געווען „כאילו כפאו שד", ווי עפּעס אַן אומזעבאַרער כוח־עליון וואָלט אים געצווונגען דערצו... ער איז געווען אַ דיכטער און אַ זעער „לשמה". אים איז געגאַנגען מער אין דעם צו זען אַליין „דאָס אומזעבאַרע" ווי צו דערציילן פֿאַר אנדערע וואָס ער האָט געזען... ער האָט מבטל געמאַכט דאָס לעבן מיט זיינע אייזערנע געזעצן. אויך געהאַט אפילו, וואָלט איך זאַגן, אַ ביטול צו דעם טויט; דער טויט אפילו האָט ביי אים „געלעבט" (ווייל וואָס איז דען בכלל טויט, אויב נישט דער מאָמענט פֿון משנה־זיין די צורה פֿון זאַכן וואָס לעבן כסדר?...), ווייל אלץ איז נשמה. גוף איז נאָר די אויסערלעכע כלי אין וועלכער די נשמה לעבט, אָדער — איז אַליין אויך נשמה. און נשמה לעבט דאָך אייביק, ווערט נישט אַלט און מינערט זיך נישט אפילו אויף קיין האָר. ווי די אייביקייט איז זי, די נשמה. דאָס איז דאָך בעצם אַ שטיק געדאַנק פֿון „זיינע" בראַסלאַווער „טויטע חסידים", אין וועלכע שטערן האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט זיין גאַנצן מיסטיש־דיכטערישן צאַפּל און ברען. זיי, די בראַצלאַווער חסידים דאַרפֿן קיין נייעם רבין נישט. זייער „געשטאָרבענער" רבי לעבט אייביק. און זיי זענען זיינע „טויטע" חסידים. טויט קאָן אויך פֿאַרבייטן דעם באַגריף פֿון לעבן. און לעבן הייסט ביי שטערנען: זיין מיט גאָט, ווערן נאָענט צו אים, פֿאַרגיין אין אים. „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף" — אַזוי האָט געקאָנט זיין שטערנס צוגאַנג צו „דעם אין הימל", וואָס ער האָט אַרומגעזוכט און געפֿונען. געהאַט אפשר צו אים אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג ווי אַפילו זיין גרויסער מקורב ר' הלל צייטלין ז"ל. אַ סך אַ סך וועגן פֿירן צו דער השגחה עליונה. אומצייליק זענען זיי. יעדער אויף זיין וועג און אויף זיין אופֿן. יעדער איינער דערפֿילט עס אַנדערש. לויט זיין מהות. שטערנס וועג צום רבונו־של־עולם איז געווען אַ ריין־שטערנשער, אַ פֿאַרהוילענער מיט אָן אַ שיעור פֿאַרשלייערטן סוד, וואָס בלייבט אַ שווער־פֿאַרפּלאָנטערט און אומאויפֿגעלייזט רעטעניש... אינטערעסאַנט איז ווי שטערן פּלעגט זיך מער חברן מיט די נעכט ווי מיט די טעג. דער טאָג איז געווען פֿאַר אים צו אָפֿן; שטערנס סוד איז געווען געבונדן מיט די שוואַרץ־פֿאַרהוילענע נעכט, וואָס פּלעגן פֿאַר אים לייכטן. זיי, די נעכט, וואָס נאָר זיי פּלעגן וויסן דעם באַשייד פֿונעם רעטעניש וואָס הייסט: ישראל שטערן. זאָגט ער דערפֿאַר אין זיין ליד: „פֿאַר נייגעריקע":

„ווער עס פֿרעגט מיך ווער איך בין,
דעם שיק איך אָפּ צו מיינע נעכט.
איינע זאָגט:
אַ קבר.
קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
ער איז שטיל אַרומגעפֿלויגן
ווי אַ טויב
און איז ערגעץ איינגעשלאָפֿן
ווי אַ טויב.
קיינער האָט אים נישט באַוויינט,
און קיין מצבה שטייט נאָך נישט.
נאָר אַמאָל בשעת די וועלט
טרויערט עפּעס אַזוי ווייס
און ווייך,
ווי אַ ווייסע טויב, —
בלייבט אינמיטן הימל שטיין
די לבנה
און טייטלט מיט אַ לאַנגן פֿינגער
אויף דעם פֿענסטער פֿון אַ שטיבל:
פּה נפֿטר!
די צווייטע ענטפֿערט:
שטענדיק אַ פֿאַרליבטער — — — — — — — — —
שטענדיק אַ פֿאַרליבטער,
קאָן ער אָפּשטיין גאַנצע שעהן
אינמיטן דער שלאָפֿעדיקער שטאָט
און ברענען און ברענען
צווישן צוויי זונען — — — — — —
די דריטע נאַכט קוקט אַראָפּ,
און די וואָלקן ביי איר זייט
גייען, גייען און וואַקלען זיך..."

יאָ, די נעכט האָבן שטערנען פֿיל בעסער געקענט ווי די טעג.

✶

„צו גאָט גייט מען איינער אַליין", זאָגט שטערן אין זיינס אַ ליד. שטיל, אָן המונישן טאַראַראַם און אָן דיכטערישן געפּויק... דער רבונו־של־עולם, וואָס איז אויך דער האַר איבער אַ וועלט פֿון מגושמדיקע תאוות און „גראָבע" תענוגים — פֿלעגט זיך שטאַרק „צוהערן" (און דאָס איז פֿאַר שטערנען געווען איבערגענוג!...) צו אָט די ווונדערלעכע געדיכטן, וואָרקנדיקע טויב־געזאַנגען און טיף־מיסטישע תפֿילות (ווייל זעלטן ווער עס האָט זיי אַזוי געקאָנט אויסדאַווענען!...) פֿון אַן איינזאַמען יחיד, וואָס איז כל־ימיו ווי אַ פֿאַרפּלאָנטערט רעטעניש זעלבסט, צו אים געגאַנגען „איינער אַליין"...

אין זיין פּערזענלעכן לעבן ווי אין זיין דיכטונג איז ער געגאַנגען „איינער אַליין", נישט געווען זיין מאָס אין זיין גלייכן.

„איינער אַליין" איז ער, שטערן, אויך געגאַנגען צו גאָט דורך די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן... כאָטש צוזאַמען מיט אים זענען מיטגעגאַנגען צענדליקער טויזנטער און מיליאָנען.

צו גאָט איז יעדער מיט זיין קידוש־השם־אויסגעהויכטן לעבן אַליין געגאַנגען...

ג. דאס ליד וואס האט אנגעזאגט די יידישע קאטאסטראפע

„אין יענער נאַכט
וועלן טויזנט יידן ליגן, שטומען — טעמפּע גרודעס ערד,
אין איינעם פון די טויזנט וועט אַ געדאַנק זיך נעמען גרינען:
אויב גאָט האָט אונדז פאַרלוירן, וועט אונדז גאָט געפינען,
און שטיל ווי אַ בלום אין ווינט וועט זיין ליפּ זיך רירן:
שמע! —
און אַן אנדער, וואָס איז היינט, היינט ביינאַכט אַראָפּ פון זינען
וועט פונאַנדעררייסן די נאַכט מיט זיין כאַ־כאַ־כאַ־כאַ —
נישט מיין היים... נישט מיין וואָרט... נישט מיין קינד...
נישט מיין געלט...
אין יענער נאַכט
וועט אַ שטים זיך צעוויינען און אָנפילן די וועלט”.

(סטראָפן פון שטערנס ליד: „עס וועט געשען”).

ישראל שטערן, ווי עס איז צו זען, איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן פאָרגעאַנט די קאַטאַסטראָפע פון דער יידישער פאַרניכטונג. די אויבנגעבראַכטע סטראָפן פון זיין ליד: „עס וועט געשען” *), וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן פונקט אין דעם יאָר, ווען היטלער און זיין כנופיה ימ”ש האָבן איבערגענומען די ממשלה — יאָר 33 — און דאָס דייטשע נאַצי־פאָלק, מיטן אויסנאַם פון יחידים, האָט אויפגעפראַלט זיין מערדערישן אינסטינקט — זאָגן קלאָר וועגן דעם בייזן פאָרגעפיל, וואָס האָט גענעסטיקט אין האַרץ פון דעם דאָזיקן אומגעוויינלעך־גייסטרייכן דיכטער, וועלכער איז צו דעם אַלעם געווען גאָר שטאַרק „פאַרפלאָנטערט” אין זיין חבר־שאַפט מיטן רבונו־של־עולם... ווען עס איז אויסגעבראָכן דער 2־טער וועלט־קריג, האָט שטערן ווי באַוווּסט, געלעבט אין וואַרשע, מיט געמאַכט מיט אלע יידן אין דער דאָרטיקער געטאָ: נויט, הונגער, טויט־דערוואַרטונג און יידישע השפלה־עד־עפר. ער האָט פּראָטעסטירט כלפּי־שמיא, נישט געוואָלט טועם זיין פון דער דאָזיקער רשעותדיקער וועלט, ווו דער רבונו־של־עולם, זיין רבונו־של־עולם, מיט וועמען ער איז געווען אַזאַ מקורב — האָט זיך אַזוי גרויזאַם פון דעם יידישן פאָלק אָפּגעקערט... אַ געשוואָלענער איז ער צום סוף אָפּגעשיקט געוואָרן מיט די טראַנספּאָרטן אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן, אָדער ווי עס דערציילט אַן אנדער נוסח, אויסגעגאַנגען אויף די וואַרשעווער גאַסן...

מיט אַ קידוש־השם פון שטערנשן פאַרנעם האָט ער אויסגעהויכט זיין הויך־דיכטערישע נשמה. ער האָט, ווי אויבן דערמאָנט, פאָרגעפילט דעם אומגעהויער־גרויסן יידישן חורבן, וואָס האָט באַדאַרפט ג ע ש ע ן „אין יענער נאַכט” און איז טאַקע געשען!!

די שטאָק־חושכדיקע און בלוטיקע נאַכט האָט זיך דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט אויף דער גאַנצער וועלט, זי פאַרוויסט געמאַכט חרוב און מוחרב, און אויך אָפּגעמעקט זיין יידישע היים־שטאָט: אָסטראָלענקע.

***) זע דאָס געזאַמלטע שטערן־בוך דורך לייוויק, זייט 94—91.**

בני אוסטרולנקה

שלחמו ונפלו בעד העם והמולדת



דוד לב ז״ל
חבר הועד של הסתדרות ,,החלוץ'' באוסטרולנקה
נולד באוסטרולנקה בשנת תר״סר (18.XI-1904)
נפל מות גבורים במסרו את נפשו על קדוש המולדת,
בתור סגן־מפקד ההגנה העצמית בירושלים.
ביום י״ט אב תר״פט (25.VIII-1929)
זכרו ברוך!

דמות ציונית־חלוצית למופת היה דוד לב.

בן לאב ציוני מובהק ומראשוני הציונים והמורים לעברית באוסטרולנקה.

אנשל לב — האב — היה נודע בכל העיר ושמו הלך לפניו. התנהגותו ויושר לבו של בנו דוד הן במפלגה (מראשוני „השומר הצעיר" ו„החלוץ"), והן בחברה היו לדוגמא. כאביו היה ציוני נלהב ולמסירות לבו ונפשו לאידיאל הציוני לא היה גבול. מביתו של אנשל לב לא משה ולא פגה התשוקה לעלות לארץ־האבות ולבנותה. השכינה של הציונות היתה שרויה בביתו ומרחפת על כל בני משפחתו. עד שדוד בנו זכה ועלה, וכחבר „ההגנה" מסור בכל נימי נשמתו וכסגן־מפקד בפלוגה נפל ביום המר הזה כקרבן־„עולה" בעד העם והמולדת.

חברו הטוב השחקן מאיר מרגלית מעיר בין השאר ב„מיינע זכרונות" (ראה: בתים ואנשים") : „כל פגישה עם דוד כאן בארץ היתה בשבילי חויה גדולה ועונג נפשי רב. לא אגזים, אם אומר שדוד היה הטיפוס הכי אידיאלי בינינו"...

דוד בן ר' אנשל לב נולד באוסטרולנקה ב־1904, עלה לארץ ב־1925, נפל ב־1929 ונקבר בהר הזיתים בירושלים.

יהי זכרו שמור בלבנו!

י. ע.

אביגדור קופפרמינץ



נולד באוטרולנקה בשנת 1896. בשנת 1923 עלה ארצה. עוד לפני מלחמת־העולם הראשונה, בשנת 1914, שאף והתכונן לעלות ארצה כחלוץ המשפחה.

בבחרותו למד הרבה, וביחוד התמסר ללימוד עברית ויהדות. עם גמר המלחמה עבד בתור מורה בבית־ספר עברי בעיירה על־יד רובנה. בשנת 1923 הגשים את חלומו ועלה ארצה. במשך שנים אחדות עבד בתל־אביב בתור פועל בנין ורכש לו את מקצוע הטייחות. עבודה זו לא סיפקה אותו, כי שאף להתישבות. הצטרף לארגון עין־ורד ויחד עם כל החברים עלה לנקודה והיה אחד ממיסדיה.

קשים היו החיים בנקודות „התישבות האלף". תקציב הסוכנות היה מצומצם מאוד ולא היתה שום אפשרות לפתח את המשק. כל חבר מוכרח היה לעבוד עבודות חוץ כדי להשתכר לקיום המשפחה. עם גמר יום העבודה בחוץ השתדל כל אחד לבנות את משקו ולהכין לעתיד מקור קיום. כדי לקדם את משקו אנוס היה גם אביגדור לחפש לעצמו מקור קיום למשפחתו וגם לצבור חסכונות לפיתוח משקו בעין־ורד. לתכלית זו עזב את עין־ורד באופן זמני ועבר לגור בת"א. שם הסתדר בעבודת טייחות והצליח לחסוך כסף כדי לבנות את ביתם בעין־ורד. אך הגורל התאכזר לו, כי בפרוץ מאורעות תרצ"ו, 1936, נזדמן לו לעבוד בבנין ערבי ביפו, וב־19.4 נרצח ע"י ערבים, שהתנפלו עליו בסכינים. השאיר בת, דרורה, ונכד הנקרא על שמו אביגדור.

יהי זכרו ברוך!

א. ד.

אלחנן וילוז'ני



כל מי שידע את ניר הזדעזע לשמע הבשורה כי הוא נפל במערכות הנגב. שמו של ניר נתפרסם בחדשים האחרונים. שמו הלך לפניו. בערבות הנגב הוזכר שמו בהערצה. ניר גבור הנגב היה. בשביל קרוביו ומכריו היה ניר — אלחנן. מ„נשר" בבית"ר הצעירה, ומשחקן בקבוצת הכדור־רגל הגיע אלחנן לדרגת מפקד בקן. עם פרוץ מלחמת־העולם השניה היה בין המגויסים הראשונים. אחר המלחמה נטל חלק בהנהלת מחלקת הכדורגל בבית"ר ת"א. היה פעיל „במעמד" והצטיין בהדרכה, התחבב על כל חניכיו והצליח להחדיר בהם „משמעת ברזל". עם התפרקות האצ"ל התגייס לפלוגה קרבית, לאחרונה עמד בראש פלוגה של גח"ל. למרות התנאים הקשים ידע אלחנן לרומם את רוח החיילים והם העריצו ללא גבול את מפקדם. בפיקחותו הרבה ידע להוליכם מקרב לקרב ומנצחון לנצחון. לאחרונה התפרסם ניר ככובש חוליקאת. משלט זה נכבש ע"י פלוגתו בקרב כידונים, פנים אל פנים בהסתערות עזה כששיר הקרב „עלי בריקדות" בפיהם. בקרב זה כבאחרים הצטיין בקור רוחו ובתבונתו וזכה להוקרת המטה.

סיפור חייו ומלחמתו יצורף לאגדת הגבורה של דורנו.

(מתוך „ניב הלוחם", כ"ד חשון, תש"ט).

★

בגיל צעיר הצטרף אלחנן לבית"ר. הוא הצטיין בעיקר בכשרון אירגוני ובגישה לבבית לחבריו וחניכיו ויסד את הקינים ברמת־גן ובשכונת מונטיפיורי.

אלחנן היה נשוי ואב לבת ששמה נירה.

*

„אני מתחיל להיות חייל"... במלים אלו פתח את יומנו — יומן של חייל עברי.

*

אלחנן מתגייס לשירות האצ"ל. הוא עולה בשלבי הפיקוד הודות לנסיונו הצבאי הרב שרכש לו בצבא הבריטי. רבים היו המעללים של אלחנן. בזמן הקצר שהיה בשורות האצ"ל הוא מדריך, הוא מארגן והוא הרוח החיה של הגדוד ה־3. הוא מכובשי יפו, ורבות הן הגבורות אשר פעל באותו הזמן, בכל מקום דיברו והזכירו את שמו של המפקד ניר.

*

כשגדודי אצ"ל מתפרקים, עובר אלחנן לשירות בצבא הגנה לישראל. הוא מצטרף לחטיבה המהוללת „גבעתי". החטיבה אשר במעשה הגבורה שלה הדפה את הפולש המצרי ופילסה את הדרך לנגב. לא מעט ממעשי גבורה אלה יש לזקוף לזכותו של אלחנן. בראש פלוגותיו הוא כובש את חוליקאת, המבצר המצרי החזק.

רבים הקרבות אשר השתתף בהם ולא פעם נפצע, אבל הוא סירב להפסיק את מלחמתו. הוא לא שעה לבקשות הרבות של ידידיו כי יעבור לגדוד שירותים. הוא שומע למצפונו וחוזר לשדה־הקרב עוד לפני שפצעיו הגלידו, ובאחד הקרבות המפורסמים על עירק סואידן, בעת שערך את חייליו למלחמת תנופה באויב, בהסתערו בראש חייליו על המבצר המצרי, פגע בו כדור אויב ושירת גבורתו באמצע נפסקה.

*

וילוז'ני אלחנן בן משה ופרידה נולד באוסטרולנקה ביום 10.8.1920. ב־1927 עלה ארצה עם הוריו. נפל ביום 2.11.48 בעירק אל מנשיה. נקבר בכפר ורבורג.

יהא זכרו ברוך.

(מתוך „דפים לזכרו של המפקד ניר הסרן אלחנן וילוז'ני ז"ל, אשר נפל בקרבות הנגב ביום 2.11.48").

משה וילוז'ני

אני זוכר את משה וילוז'ני בתקופת ילדותו, כשלמד בביה"ס העברי (חדר מתוקן — „יבנה") באוסטרולנקה. חברים לכיתה היינו. מוריו אהבוהו, כי היה תלמיד חרוץ ושקדן והצטיין בחריפותו השכלית. על חבריו נתחבב בשל עליזותו התמידית, תכונה שירש מסבו ר' טוביה, אחד מיקירי העיר. בשובבותו, בחיוכו ובצחוקו היה מדביק את המורים ואת החברים בכיתה בשעת לימוד ובשעת משחק.

אני זוכר את משה בימי נערותו, כשמשפחתו עברה לגור בעיר לומז'ה. ראינו בו את החבר הנאמן, כיון שהיה נכון בכל עת לעזור ולסייע, אף־על־פי שאפשרויותיו היו מוגבלות. בנאמנותו ובמסירותו לא היה שום פגם, ועל־כן זכה תמיד להערצה בחברה. בכל מעשיו ובלימודיו ראה מעין הכנה והכשרה לקראת עלייתו לארץ־ישראל. הוא היה מן המאושרים, כיון שמשפחת אביו היתה בארץ. הוא היה הראשון ומן הבודדים בחברתנו בכלל, שהצליחו להגיע לארץ לפני השואה. וגם בזה היה לנו לדוגמה.

פגשתי אותו בארץ בשנת תרצ"ט. בדיבורו ובתכונותיו האישיות נשאר משה מה שהיה, אלא שבחיצוניותו בא שינוי כלשהו; הוא גדל, התבגר, עיניו השחורות העמיקו ופניו הרצינו במקצת. נראה היה שהספיק להתבשם מאויר הארץ. הוא היה חבר ב„הגנה" ובימי המאורעות של תרצ"ו—תרצ"ט לא ישב בחיבוק ידיים. לפעמים היה מספר על הרפתקאותיו בשמירה בלי כל שמץ של התרברבות. הוא נשאר רענן ועליז כשהיה,



אלא שנוספה לו מידה רבה של התלהבות ומרץ, ועל הכול — אהבה עזה למולדת. משה היה חבר פעיל בבני־עקיבא בארץ ואחד המדריכים המרכזיים, שקנה לו שם טוב בעבודתו. הוא היה הרוח החיה בחברתו; פעיל ומפעיל, עושה ומעודד. זמן ידוע עבד בעתון „הצופה" ואחר־כך התחיל לעזור לאביו בבית המלאכה לרהיטים ולכלים עשויים פח וברזל.

משה היה לדוגמה בעוז רוחו ובאומץ לבו, ולא פעם סיכן את חייו בביצוע פעולות נועזות ב„הגנה". בימי הדמים בשנת תש"ח, כאשר ערביי יפו תקפו את תל־אביב והציקו ליושבי השכונות — יצא משה — והוא כבר בעל לאשה ואב לשני ילדים — להגן על הנפש ועל הרכוש, להגן ולהדוף — ונפל.

יהי זכרו קדוש וברוך!

חיים חמיאל

שחר פינקלשטיין



נולד בתל־אביב ביום ח׳ בכסלו תרצ״ג (6.12.1932) להוריו אברהם ורוזה פינקלשטיין שחינכו אותו ברוח הציונית החלוצית והעובדת.

תחילה למד בבית־החינוך לילדי העובדים ולאחר מכן עבר לבית־ספר „הכרמל״ בת״א.

משנת 1946 ועד ראשית מלחמת הקוממיות התחנך במוסד החינוכי בקיבוץ מזרע. שם התערה בחברה ונכנס לתנועת „השומר הצעיר״.

אחרי קום המדינה ובעיצומה של מלחמת־הקוממיות שלח הקיבוץ את ילדי־החוץ לבתיהם. מיד עם שובו העירה התקשר עם התנועה (קן „השומר הצעיר״ ברחוב בוגרשוב) והיה בה פעיל ומפעיל. מאז המשיך שחר את לימודיו בגימנסיה „הרצליה״ בת״א, אלא שאחרי שהותו בקיבוץ התקשה להסתגל למשטר ב„הרצליה״.

יצא לעבוד כמשרטט אצל אחד הארדיכלים המפורסמים — עד גיוסו לצה״ל במסגרת נח״ל.

הכשרתו החקלאית קיבל בקיבוץ עברון, שם עבר קורס למטעים במדרשה החקלאית בחבל זה; משם הצטרף לחבריו במשק סאסא והיה בו חבר. בתקופת שהותו בסאסא היכה שרשים במקום. פעילותו היתה רבגונית ועשירה.

בגמר שירותו בצבא רצה להישאר בקיבוץ, אך אחרי לבטים קשים החליט לחזור לת״א כדי להמשיך בלימודיו ואף לעזור לאביו בעבודתו. אולם גם לאחר שובו העירה לא הפסיק פעילותו בקרב חבריו שעזבו את הקיבוץ שלו או קיבוצים אחרים; יסד עם חבריו את החוג לתרבות „להבות״ (הנקרא כיום „להבות שחר״).

עלם תוסס וער, רב־מרץ וחסון, ידע להשרות מרוחו הטובה והעליזה על כל חבריו. בעל נפש עדינה וברוך כשרונות היה, אוהב מוסיקה, שירה ואמנות.

בדצמבר 1955 עמד בבחינות הבגרות האקסטרניות מתוך כוונה להיכנס לבית־הספר לרפואה באוניברסיטה העברית בירושלים. באוגוסט 1956 יצא למילואים, עבר קורס קשר והוצב לחיל השריון, אך עד כה ועד כה נקרא שוב לדגל — למערכת סיני.

נפל בקרב באבו־עגיילה, ביום כ״ז במרחשוון תשי״ז (1.11.56). הובא לקבורה בבית־הקברות הצבאי לשעת חירום ב„שלח״, בואכה ניצנה.

ביום י״ב במרחשוון תשי״ח (6.11.1957) הועבר למנוחת־עולמים לבית הקברות הצבאי בקרית־שאול.

יהי זכרו ברוך.

המשפחה

גְּוִילֵי אֵשׁ

לזכר בני שחר, שנפל במבצע סיני

גְּוִילֵי אֵשׁ. גְּחָלִים לוֹחֲשׁוֹת.
לוֹחֲשׁוֹת — עַל רָז נֶפֶשׁ אָדָם.
אָדָם — צֶלֶם־יָהּ, בְּלִיל רְגָשׁוֹת.
רְגָשׁוֹת — טֶרֶם מֵת וְנָדָם.

וְנָדָם! — בִּמְקוֹמוֹ — גְּוִילֵי אֵשׁ.
אֵשׁ יוֹקֶדֶת בַּלֵּב הַשַּׁכּוּל.
הַשַּׁכּוּל — שֶׁאִבֵּד הַיָּקָר מֵהַיֵּשׁ,
מֵהַיֵּשׁ — שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל.

מֵאֶתְמוֹל — שֶׁהָיָה לוֹ הֶמְשֵׁךְ וְעָתִיד.
וְעָתִיד זֶה — לְפֶתַע נִגְדַּע.
נִגְדַּע — וְחָדַל. וְנִדְלַק נֵר תָּמִיד.
נֵר תָּמִיד — גְּוִילֵי אֵשׁ מֵעַתָּה.

רוזה פינקלשטיין

תל־אביב
4 שנים למבצע סיני.
כ״ז חשון תשי״ז—תשכ״א

(על המשמר, 17.11.60)

פעסיע שערעשעווסקי



אסטראלענקע - אשוויענטשים - ישראל

בריינע איגלעוויטש־מאיראוויטש (תל־אביב)

פעסיע שערעשעווסקי־נאַשעלסקי ע״ה*)

אַ טאָכטער פון יוסף נאַשעלסקי ז״ל. געוווינט ביי תהילימען, אין קעלער, אויפן אַלטן מאַרק, לעבן דער בריק. ר׳ יוסף נאַשעלסקי איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. געהאַט 4 טעכטער און איין זון. האָט געפירט אַ בעקעריי אויפן אָסטראָלענקער שטייגער: די הויפּט־בעקערין איז געווען דאָס ווייב און ער האָט זיך עוסק געווען יומם ולילה אין לערנען תורה. אַלס פּאָטער־דערציער און תלמיד־חכם פון אַזאַ שטייגער, האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיט זיינע טעכטער און זיי אַריינגעפירט בעולמה של התורה. איינע פון די דאָזיקע טעכטער איז געווען פעסיע ע״ה. איך קען זי נאָך פון דער בית־יעקב־שול און פון „בנות אגודות ישראל״, ווו מיר זענען געווען צוזאַמען. נאָך אַלס בית־יעקב־שילערן האָט זי זיך שוין אויסגעצייכנט מיט איר שאַרפער תפיסה און שטאַרקן זיכרון. אויף איר האָט מען געקאָנט זאָגן, אַז זי איז געווען אַ „בור סיד שאינו מאבד טיפה״. שוין אַלס קינד האָט זי פאַרמאָגט אַ שטאַרקן רצון צו וויסן און צו קאָנען. זי האָט שטענדיק געשטרעבט צו זיין פון די ערשטע און ווען זי איז אַמאָל נכשל געוואָרן און אַ צווייטע האָט זי איבערגעשטיגן, האָט זי געקאָנט אינמיטן דער לעקציע זיך צעוויינען. דאָס האָט צוגעבראַכט, אַז אויף מאָרגן האָט זי זיך שוין בעסער צוגעגרייט, אַז קיינער האָט איר שוין נישט געקאָנט איבעריאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז איר פאָטער ז״ל האָט איר אַ סך מיטגעהאָלפן דערצו. זי האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן דראַנג צו לייענען ביכער. ריכטיקער געזאָגט: צו שלינגען ביכער. ווען זי פלעגט זיך אַוועקזעצן לייענען אַ בוך, האָט זי זיך שוין נישט אויפגעהויבן פון אָרט ביז זי האָט עס פאַרענדיקט. ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט האָבן זיי געהאַט אַ בעקעריי, ווו מ׳פלעגט דעם ברויט פאַרקויפן אויפן פלאַץ. ווען פעסיע פלעגט בלייבן אַליין אין דער הייםּ און עס פלעגט אַריינקומען אַ קונה, פלעגט מען רעדן צו איר און זי איז געווען אַזוי פאַרזונקן אין לייענען, אַז זי האָט נישט געהערט און נישט געזען. נישט איינמאָל פלעגט אַ קונה וואַרטן אַ שיין ביסל צייט ביז מ׳האָט זי אָפּגעריסן פונעם בוך. יעדעס בוך וואָס זי האָט געלייענט — האָט זי געדענקט אויף אויסנווייניק. פלעגט זייער ליב האָבן צו דערציילן וואָס זי האָט געלייענט, און אַז זי האָט דערציילט איז זי דעמאָלט געווען ווי אַ „מעין המתגבר״. מ׳האָט איר נישט געטאָרט איבעררייסן ביז זי האָט פאַרענדיקט.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ מין לייענערין ווי ס׳איז געווען פעסיע ע״ה, איז די בית־יעקב־ביבליאָטעק געווען צו קליין און אָרעם צו שטילן איר פאַרלאַנג. האָט זי זיך טאַקע נישט גערעכנט מיט דער דעמאָלטדיקער „צענזור״ (ווייל נישט אַלע ווערק האָבן די בית־יעקב־שילערנס געמעגט לייענען...) און זי האָט געשעפּט פון יעדן קוואַל, פון וועלכן עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

אין יאָר 1930, נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט די בית־יעקב־שול און אויך די „פּאָווושעכנע״ (אַלגעמיינע פאָלקשול), איז זי אַוועק קיין קראָקע און איז אָנגענומען געוואָרן אין דעם דאָרטיקן בית־יעקב־סעמינאַר. נישט יעדער איינער האָט געקאָנט אַהינצו אָנקומען. אויפן דאָזיקן פלאַץ זענען געווען אייניקע קאַנדידאַטינס, אָסטראָלענקער, נאָר נישט האָבנדיק דערצו קיין מאַטעריעלע מיטלען, האָבן זיי דאָס נישט געקענט אויספירן. פעסיע אַליין איז דאָך אויך נישט געווען פון קיין רייכער היים, נאָר איר עלטערע שוועסטער, וועלכע איז שוין געווען אַ בית־יעקב־לערערין, האָט איר דערצו אַ סך מיטגעהאָלפן. אין סעמינאַר איז דער ניווא פון די לימודים געווען זייער אַ הויכער, דאָך איז פעסיע געווען פון די ערשטע שילערינס. זי האָט פאַרשטאַנען דאָס לערנען, געהאַט אַ „מויל״ צום רעדן און געוווּסט וואָס זי רעדט. זי איז געווען באַקאָנט נישט נאָר מיט דער תורה־ליטעראַטור, זי האָט אויך גוט געקענט די שאַפונגען פון פאַרשידענע שרייבערס אין יענער צייט און געוווּסט ווי אַזוי עס אויסצונוצן. אַלס באַווייז, אַז זי איז געווען אין סעמינאַר איינע פון די בעסטע שילערינס, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס גלייך נאָך איר ענדיקן דעם סעמינאַר, נאָך נישט האָבנדיק הינטער זיך קיין פּראַקטיק — איז זי פונדעסטוועגן געשיקט געוואָרן אַלס לערערין קיין סאָסנאָווצע, אין איינע פון די גרעסטע בית־יעקב־שולן, אַ שטאָט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן עכט־אינטעליגענטע יוגנט מיט אַ שטאַרקן דראַנג נאָך וויסן. נאָכדעם איז זי געוואָרן לערערין אין וואַרשע. דאָרט האָט זי געהייראַט פאַר אַ געוויסן רב מיט דעם נאָמען שערעשעווסקי. שוין אין יענע יאָרן האָט זי פיל אויפגעטאָן פאַרן בית־יעקב. אין וואַרשע איז זי געווען ביז זי איז אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון די ווילדע נאַצישע חיות. דער וועג האָט איר אַוועקגעפירט ביז קיין אוישוויץ און דאָרט האָט זי געטרונקען פון דעם כוס־התרעלה ביז צום סוף. דעם מאַן מיט דעם קינד האָט מען איר גלייך אַוועקגענומען, זיי דערהרגעט, און זי האָט דערלעבט ביז צו דער באַפרייאונג. וואָס אוישוויץ איז געווען פאַר אַלע און פאַר איר — ווער איז דאָס בכוח גאָר צו שילדערן? עס איז אַ פראַגע, אויב די געשיכטע וועט עס נאָך אַמאָל קאָנען אויסדריקן, אויסדערציילן די אַלע פּרטים פון דעם שוידערלעכן גיהינם. מערסטנטייל איז מען פון דאָרטן נישט אַרויס, און די יחידים, וואָס זענען פון דאָרט יאָ אַרויס, זענען געגליכן צו טויטע קערפּערס מיט אַ לעבעדיקן גייסט; דער גייסט פון ווילן דערלעבן צו זען נקמה אין די ווילדע רוצחים. צווישן די, וועלכע זענען אַרויס פון אוישוויץ, איז אויך געווען פעסיע. גלייך ווי זי

*) געב. אין אסטר. אָנגעקומען אין לאנד 1946 (תש״ו), געשט. י״ח טבת, תשט״ו (ינואר 1956).

איז אַביסל געקומען צו זיך און אויפגעמינטערט דעם „טויט־טן" קערפּער, האָט זיך אין איר צוריק אויפגעוואַכט דער שאַפונגס־גייסט. און נאָך זייענדיק אין איטאַליע האָט זי שוין אָנגעפאַנגען צו דערציילן פון די איבערלעבונגען אין עפּנטלעכע אויפטריטן און געשאַפן אַ וואַרימע אויפמונטערנ־דיקע היים פאַר די אַלע יתומים, זיי זאָלן ביסלעכווייז פאַר־געסן אין די אַלע גרויליקייטן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט און געזען מיט זייערע אויגן אין דעם אויסוויצישן־לאַגער. ווי זי איז נאָר געקומען קיין א"י, האָט זי געשאַפן אַ היים „אהל שרה", אין בני־ברק, אויפן נאָמען פון שרה שנירער ע"ה, וועלכע אין געווען די גרינדערין פון „בית־יעקב". דאָס איז געווען ווי אַ היים פאַר די פּליטות פון ב"י. זי האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דעם דאָזיקן אינסטיטוט און געזאָרגט פאַר זיין מאַטעריעלן און גייסטיקן קיום. געפאָרן קיין אַמעריקע, אַגעטירט. זי האָט געהאַט אַן אומגעהויערן כוח פון רעטאָריק. חוץ די קראַפט פון איבערצייגן, האָט זי פאַרמאָגט, ווי אויבן איז שוין דערמאָנט, אַ פעסטן ווילן. זי פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך אויף צו דערגרייכן איר ציל. אין אויסלאַנד האָט זי אויפגעוויקלט די גרויליקע פּרשה און די אַלע איבערלעבונגען אין די טויט־לאַגערן, און געוועקט צו אַ גרויסע הילף־אַקציע. ווער ס'איז בייגעווען איר וווּנדערלעכן רעפעראַט פאַר מגבית־הצלה (רעטונגס־אַקציע) אין בית הבימה, ווי אַזוי זי האָט פאַר צענדליקער טויזנטער אין דער קעגנוואַרט פון מיניסטאָרן און פאָרשטיי־ער פון פאַרשידענע רעגירונגען, דערציילט, וואָס אוישוויץ איז געווען — דער האָט געקאָנט אָפּשאַצן איר רעדנער־כוח. זי איז נאָך דעמאָלט געווען כמעט די יינגסטע צווישן זיי אַלע. מיט איר שילדערן האָט זי געבראַכט אַלעמען צו טרערן. אָבער צום באַדויערן, איז צו דעם סם וואָס זי האָט אריינגעשלונגען אין אוישוויץ קיין שום הייל־מיטל נישט געווען. גלייך נאָך אַ קורצער צייט זיין אין לאַנד, האָבן די באַצילן, וואָס זענען געווען איינגעגעסן אין איר קערפּער אָנגעהויבן צו דערפילן זייער טויט־שליחות. פון צייט צו צייט איז זי געלעגן כמעט אין אַלע שפּיטעלער פון לאַנד; אין „ביילינסון", „תל־השומר" און אַנד. אויך אייניקע מאָל געפאָרן קיין אַמעריקע צו באַקומען דאָרט מעדיצינישע הילף. גרויסע פּראָפעסאָרן האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענ־גונגען אויף צו דערהאַלטן איר ביים לעבן. לײדער איז קיי־נעם פון זיי נישט געלונגען צו טויטן די דאָזיקע באַצילן, וועלכע האָבן אויפגעפרעסן דעם מאַרך פון אירע ביינער. ליגנדיק שוין אויפן טויטן־בעט, איז נאָך איר ווילן צום לעבן און שאַפן געווען זייער גרויס. אין אירע בעסטע יאָרן, אין עלטער פון עטלעכע דרייסיק יאָר, איז זי פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן.

זאָל איר אָנדענק זיין געבענטשט און געהייליקט!

יהודה נחשוני

זכיתי להכירה מקרוב לאור הכבשנים הבוערים ונחרדתי עד עומק הנפש. מסביב בערו כבשנים ופעלו בכל הקיטור תאי הגאזים, התהום בלעה את אחרון הניצוצות הקדושים אשר באדם, והיא גישרה על פני תהום זו גשר של רוממות וקדושה שהפליא כל רואה. במסירות־נפש אירגנה תא של חברים וחברות, אשר שמרו על צלם אלוקים במעמקי־שאול. ניחמה, עודדה, תמכה ועזרה. הטיפה מוסר לבנות כושלות והלהיבה אותן להתגבר על המכשולים. הזרימה חיים בכל אשר פנתה והיתה לאם ולאחות ולמורה ולמדריכה, למלכה, אשר דברה היה צו. אפילו מלאכי־החבלה קיבלו מרותה, הושפעו מאישיותה ועמדו מופתעים מול הקסם אשר שפע מדמותה הקורנת. לא ייאמן כי יסופר, אולם כל אשר הכירוה יאשרו את העובדה, כי היא היתה בת מלכה גם באי־השדים.

ראיתיה פעם מתפללת בעליית־הקיר אשר במכבסת הס. ס. באושביץ. אילו מישהו אחר היה עושה את הדבר, היו הורגים אותו מיד. בה לא נגעו לרעה. אותה לא הפריעו, כי כולם האמינו שתפילתה מגינה על כולם, על כולם ללא הבדל, על שדים ובני־אדם יחד.

היא היתה מוכשרת להפליא, בעלת מחשבה מעמיקה, ידעה את התנ"ך בעל פה, ידעה את כל זרמי הספרות ודיברה עברית בניב נפלא. חושבני שהיה זה הצלצול העברי הראשון וגם האחרון באותה פינה ארורה. היא דיברה על הכל, אך בעיקר אהבה לדבר בעניני ביטחון ואמונה. ספרי המוסר המקוריים היו שגורים על שפתותיה. היא היתה חולמנית, בעלת נפש מתר־גשת. התרגשה עם כל התגלות ניצוץ אור בחיי המחנה. שמעה פעם בת ישראל קוראת „שמע", פרצה בבכי מר ולא הבליגה. היא בכתה הרבה פעמים, אך לא מצער, אלא מהתרגשות. היא רשמה גם יומן וקיבצה בספר כל פירורי האור שנפגשו לה בדרכה.

(„דבר הפועלת", 23, פברואר־מרס 1956)

איך האָב געהאַט די זכיה זי צו קענען פון דער נאָענט ביים שיין פון די ברענעדיקע שייטער־אויוונס און בין פאַר־ציטערט געוואָרן. אַרום האָבן געברענט די קרעמאַטאָריעס, געאַרבעט האָבן אין דער פולער קראַפט די גאַז־קאַמערן. דער שאול־תחתיה האָט איינגעשלונגען די לעצטע הייליקע פונקען, וואָס האָבן נאָך געטליעט אין מענטש, און זי האָט געלייגט אַ בריק איבער דעם דאָזיקן פינצטערן אָפּגרונט — אַ בריק פון דערהויבונג און קדושה, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין אַ התפעלות יעדן איינעם, וואָס איז עס בייגעווען. מיט גרויס מסירת־נפש האָט זי אָרגאַניזירט אַ קבוצה פון חברים און חברטעס, וואָס האָבן געהיט דעם „צלם־אלוקים" אין די סאַמע

טיפענישן פונעם אָפּגרונט. זי האָט געטרייסט, אויפגעהייטערט, געשטיצט און געהאָלפן. מיט מוסר־רייד איז זי געקומען צו די טעכטער, וואָס האָבן זיך געוואַקלט. זיי געמוטיקט און געשטאַרקט אַריבערצושפּרייזן די אַלע שטרויכלונגען. אַריינגעבראַכט לעבן אין יעדן ווינקל, וווהין זי האָט נאָר דערגרייכט. געווען אַ מאַמע און אַ שוועסטער צו יעדן. אַ לערערין און אַ דערציערין פאַר יעדן. אירע רייד זענען געווען ווי אַ געבאָט. ווי אַ ליכטיקע געשטאַלט האָט זי אַרויסגעשיינט פון דעם דאָזיקן גיהינם. אפילו די נאַצישע מלאכי־חבלה האָבן זיך צוגעהערט צו איר קול. געווען באַאיינפלוסט פון איר צויבער, וואָס האָט אַרויסגעשפּרודלט פון איר לייכטנדיקער געשטאַלט. עס איז ממש אומגלויבלעך, אָבער די אַלע וואָס האָבן איר געקענט וועלן באַשטעטיקן דעם דאָזיקן פאַקט. זי איז געווען ווי אַ בת־מלכה אינעם דאָזיקן שדים־אינזל...

איינמאָל האָב איך זי געטראָפן דאַוונען אין דער וועשעריי פון די ס. ס. אין אוישוויץ. ווען אַן אַנדערער וואָלט עס געטאָן, וואָלט מען אים אָן שום ספק דערהרגעט אויפן אָרט. איר האָט מען נישט אָנגערירט. איר האָט מען נישט געשטערט. אַלע האָבן געגלויבט, אַז אירע תפילות באַשיצן אַלעמען. אַלעמען אָן אונטערשייד. סיי מענטשן אין מענטשלעכן געשטאַלט, סיי מענטשן אין חיה׳שן אויסזען...

זי איז געווען וווּנדערלעך טאַלאַנטירט. אַ טיפע דענקערין. געוווּסט דעם תנ״ך אויף אויסנווייניק, גוט באַקאַנט געווען מיט אַלע שטרעמונגען פון דער ליטעראַטור. גערעדט העברעאיש מיט אַ וווּנדערלעכן אַקצענט. איך מיין, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער העברעאישער אויפקלאַנג און אויך דער לעצטער אין דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם ווינקל. זי האָט גערעדט וועגן אַלץ און אַלעמען. בעיקר האָט זי ליב געהאַט צו פירן שמועסן וועגן ביטחון און אמונה. אַלע אָריגינעלע מוסר־ספרים האָט זי גרינדלעך געוווּסט. זי איז געווען אַ טרוימערין. אַ טיף־שפּירנדיקע נשמה. אַ געפילפול געמיט. מיט יעדן ליכטיקן פונק, וואָס פלעגט זיך באַווייזן אין לעבן פון די לאַגערן — האָט זי זיך געפרייט אויסערגעוויינלעך.

איינמאָל האָט זי געהערט ווי אַ מיידל האָט געלייענט „קריאת־שמע״, איז זי זיך פאַרגאַנגען אין אַ יאָמערלעך געוויין עד לשמים און האָט זיך נישט באַהערשט. זי האָט געוויינט אַ סך מאָל. נישט פון צער, נאָר פון געפילפולקייט, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען דאָס האַרץ...

זי האָט אויך געשריבן אַ טאָג־בוך און דאָרט אויפגעזאַמלט יעדעס ברעקל ליכט, וואָס זי האָט באַגעגנט אויף איר וועג.

יידיש: י. ע.

א. ב.

„הנסיכה במאורת השדים"

דמות נאצלת וטהורה היתה פסיה שרשבסקי, שקידשה שם שמים בגיהנום של מחנה ההשמדה באושוויץ.

הצופה, כ״ט מנחם אב תש״ג, ט וט״ז אדר תש״י, ז׳ אדר ב׳ תשי״א;
אנציקלופדיה של הציונות הדתית, הוצאת מוסר הרב קוק, כרך א, עמודים 385/87.

ש. ד. ירושלמי

✶

מוניטין יצאו לו בעולם הרבני כאחד הרבנים החשובים ביותר (כותב י. בהרב ב„הבוקר״, י׳ אדר ב׳, תש״ג, 17.3.43) ומהטיפוסים הנדירים ביותר בעולם הלמדני.

כחובב ציון נלהב פעל רבות לטובת בנין הארץ. הוא נמנה עם ראשי „המזרחי״ בפולין. ראוי לציין שהקול־קורא של הסתדרות „המזרחי״ בפולין הוצא על ידו.

הוא הצטיין גם בתור דרשן ונואם שידע למזג את הדרוש עם נוסח ההטפה המודרנית. ספריו בעניני הלכה ואגדה עשו רושם כביר בעולם הרבנים והדרשנים.

את כשרונותיו בפסיקה אפשר לראות בהקונטרס „מים חיים״, המצורף לספרו הגדול „אוצר החיים״, שבו אתה מוצא את בקיאותו המפליאה בפוסקים הראשונים והאחרונים. הבחנה מדויקת של כל פרט ופרט, העמקה בכל צדדי ההיתר והאיסור.

כשפרצה המלחמה השניה עשה הרב באנגליה בשליחות ציבורית ונתקבל בתור רב בעיר לידס. כן נתמנה לסגן נשיא הסתדרות „המזרחי״ באנגליה ובאירלנד ולחבר במועצה היהודית למען יהודי פולין.

גם שם גילה פעילות רבה בכל השטחים וביחוד למען העלאת בני־ישיבה, שנמלטו לוילנה ולמקומות נייטרליים לארץ־ישראל. לשם כך ייסד ועד מיוחד ועמד בקשרים תמידיים עם הגאון רבי חיים עוזר גרודזינסקי זצ״ל. הרבה מאמרים נתפרסמו בעתונות האנגלית היהודית בדבר פעולותיו של הרב ברונרוט למען הצלת שרידי היהדות באירופה.

✶

בתוקף הוא עמד על כבוד התורה והרבנות.

במאמרו „על שאלת הקהילות והרבנות״ („ירושלם״, קובץ רבני חדשי, ורשה, אלול תרצ״ו, שהופיע על ידי „כנסת הרבנים המזרחיים״ בפולין) הוא כותב:

„והמשא־ומתן המכוער הזה ברב ורבנות לא תמיד הוא נעשה על אופן אחד ובקנין אחד, אלא פעם בקנין כסף, פעם בקנין חליפין, פעם בקנין אגב... אבל גם יש שהוא נעשה בלי כל קנין תורה. לפעמים יש בו משום טובות־הנאות אחרות: פעם משום שהוא, המועמד לכסא הרבנות יודע ללחוש על המכה, פעם משום שהוא יודע לברך על שם יחוד מלכותו בחשאי... וכדומה.

המסחר הזה ברב ורבנות הריק את הקהילות מקדושתן והללו הולכות ומתנוונות, הולכות ונחרבות. מי יגדור גדר? הפרנסים החדשים? ומי יעמוד בפרץ? „חבר העיר״ החדש?״

✶

בהיותו משמש הראב״ד באחד מבתי־הדין החשובים ברבנות הראשית בתל־אביב ויפו — התעמק בבעית השיפוט הרבני, בקשר עם המבנה המשפטי הארצישראלי עם הקמת המדינה (כותב הרב י. פ. טכורש, „הצופה״, ט״ו אדר, תש״י 5.3.1950). פרסם מאמרים בעניני המשפט התורני ובמחשבתו התרקמה תכנית מושלמת לסידורי בתי־הדין הרבניים, בכלל ולעריכת מערכת החוקים והמשפטים לפי תורת ישראל בפרט.

מטבעו היה בעל מזג טוב ואוהב ישראל. אהבת השלום היתה טבועה בנפשו, הגינות, עדינות ואצילות היו מקווי־האופי שלו.

בתנועת „המזרחי״ היה המגשר בין הצעירים והזקנים. רודף שלום ואוהב את ההרמוניה, השלמה בעבודה. היה חביב ומקובל על כל חבריו ועל הציבור כולו. הוא היה עוד צעיר ברוחו ורענן במעשיו, אך עבודתו הממושכת בבית־הדין עצבנה אותו מאוד וגרמה לו מחלת־לב קשה, שקירבה את קיצו ושירת חייו באמצע נפסקה. נפטר בתל־אביב בז׳ אדר תש״י (1950).

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

תנצב״ה.

ר׳ ישראל מרדכי לעווינסקי ז״ל

שרייבער, לערער און דערציער.

ר׳ ישראל ז״ל האָט געוווינט אַ סך יאָרן אין לאָמזשע, די שטאָט, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ סך פון מיינע יוגנט־יאָרן און זיך דאָרט אויסגעלעבט. געווען מיינער אַ נאָענטער שכן. געוווינט אויף רזשאַנדאָווע, די גאַס ווו מיין פאַמיליע האָט געוווינט.

אַ גרויסע פאַראינטערעסירטקייט האָט מיך שטענדיק געטראָגן צו דער וווינונג פון דער משפחה לעווינסקי. געווען דאָרט כמעט אַ בן־בית, זייענדיק דעמאָלט נאָך אַ גאָר יונגער בחור.

איך האָב שטענדיק געזען אין אים אַ מענטש מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער, טיפע מאָראַל און עקשנות צו זאַכן פון אמת און גערעכטיקייט. די פרשה פון זיין דורך אים געגרינדעטן „חדר מתוקן״ און נאָך פיל אַנדערע אויפטוען קאָנען אויף דעם עדות זאָגן. אויף וויפל איך געדענק אים איז ער געווען פון אייביק־אָן אַ ייד אַ באַדאַכטער און אַ געלאַסענער, דאָך פלעגט ער אויף אומגערעכטיקייטן גיך און היציק רעאַגירן.

אינטערעסאַנט: דער שרייבער־טאַלאַנט וועלכער האָט אין אים כל ימיו גענעסטיקט און ער האָט אים אויך פאַרירשנט צו אַ טייל פון זיין משפחה, האָט געוואַרט מיט געדולד אויף זיין אָנקומענדיקער צייט.

כאָטש געווען איז ער דאָס רוב אַ פאַרשלאָסענער, דאָך איז טיילמאָל צו זיין אָפנהאַרציקייט נישט געווען קיין גבול.

געווען איז ער אַ פֿייערדיקער ציוניסט, כ׳וואָלט זאָגן: אַ יהרג־ואל־יעבור־ציוניסט, וועלכער פֿלעגט מיטלעבן בלב ונפש מיט יעדער פֿרייַלעכער אָדער טרויעריקער ציוניסטישער דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל, איז ער געווען גרייט ווידער אָנצוהויבן. אַ ייד אמת פֿון עלטערן דור, אָבער תּמיד מיט אַ יונגן ווילן און אָפּגעפּרישטן רצון.

ווען איך האָב אים באַזוכט אין די לעצטע חדשים פֿאַר זייַן פּטירה, בין איך געוואָרן דערשטוינט פֿון זייַן וואַכזאַמקייט און פֿרישקייט.

עס האָט זיך מיר ווידער אַמאָל באַשטעטיקט דער געדאַנק, אַז די נשמה וואָס איז אַן אייביקע גלייַך ווי די זון, דער ים א. ד. גל. — ווערט ביים מענטש קיינמאָל נישט אַלט, אפֿילו אויף קיין טאָג און קיין שעה נישט. די נשמה פֿאַרלאָזט יונגערהייט דעם פֿאַרעלטערטן, צעבראָכענעם גוף.

ווען איך האָב אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער האָט אַזוי שפּעט אָנגעהויבן צו שרייבן און צו פֿאַרעפֿנטלעכן. האָט ער געענטפֿערט: שפּעט? ס׳איז קיינמאָל נישט שפּעט...

געווען איז ער וואַך ביז צו זייַן טיפֿן עלטער. געדענקט דעם חשבון פֿון יעדער מינדעסטער זאַך. געטראָגן אין זיך דעם יידישן און מענטשלעכן שטאָלץ ביזן סוף פֿון זייַנע טעג.

*

געבוירן אין קאַדזשידלע (אָסטראָלענקער פּאָוויאַט) אין 1871 (תרל״א). אַ זון פֿון אפרים יהודה און רחל לעווינסקי (לעוויטא). זייַן אָפּשטאַם פֿון „תוספות יום־טוב״ (דערפֿאַר זענען פֿאַראַן אַ סך יום־טובים אין דער משפּחה, ד. ה. קינדער מיטן נאָמען: יום־טוב). ביז 10 יאָר געלערנט אין קאַזשידלע ביי מלמדים געדונגענע פֿון אָסטראָלענקע אָדער מישיניץ. צו 11 יאָר לערנט ער ביי זייַן עלטסטן ברודער אין מישיניץ, דערנאָך לערנט ער תּורה אין דער לאָמזשער ישיבה. נאָך 4 יאָר קומט ער קיין ווילנע און לערנט דאָרט אַלגעמיינע לימודים. ווען ער קומט אין די יאָרן פֿון מיליטער־דינסט, ווערט ער געשיקט צו דער אָפּטיילונג פֿון די „גרענאַדירן״, וואָס זענען איינגעשטאַנען דעמאָלט אין מאָסקווע. ער ווערט גיך באַפֿרייט צוליב קורצזיכטיקייט און האָט חתונה מיט זייַן פֿרוי פֿון זעמבראָווע. זייַן שווער זאָגט אים צו „אייביקע קעסט״. נאָר אַזוי ווי אין זעמבראָווע ברעכט אויס אַ שרעקלעכע שׂרפֿה און עס קומט דאָרט אום דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון זייַן שווער — פֿאָרט ער קיין וואָלכאַצק און ווערט דאָרט לערער. פֿון דעמאָלט־אָן ווערט זייַן גורל דעצידירט צו ווערן לערער און דערציִער. ער ווערט אויסגעפּרוווט אין אַ פֿולטוסקער גימנאַזיע און באַקומט פֿון דאָרט אַ באַשטעטיקונג אַלס לערער. אין זעמבראָווע לערנט ער אין די חדרים רוסיש. זייַן שם אַלס לערער גייט אים פֿאָרויס. קומט קיין יעדוואַבנע און גרינדעט דאָרט אַ העברעאישע שול. שפּעטער ווערט ער אַרויסגערופֿן קיין לאָמזשע אַלס לערער. דעמאָלט גרינדעט ער דעם „חדר־מתוקן״ (בי״ס „תורה ודעת״), שרייבט אָפּט אין דער דאָרטיקער „לאָמזשער שטימע״ און גיט אָפּ העברעאישע לעקציעס, אין דער פֿאָרם פֿון אָוונט־קורסן, פֿאַר דערוואַקסענע פֿרויען. זייַן אַרבעט אין „חדר מתוקן״ מאַכט אים אַ נאָמען אין דער גאַנצער שטאָט און אין דער סביבה. זייַנע לעקציעס צייכענען זיך אויס מיט אַן אייגנאַרטיקייט, וואָס איז געווען זייער זעלטן אין דעמאָלטיקן חדר־וועזן. חוץ העברעאיש לערנט ער דאָרט אויך תנ״ך און היסטאָריע. דער „חדר מתוקן״ אַנטוויקלט זיך אין זייַן זכות, אַזוי אַז נאָך אַ קורצער צייט אַרבעטן שוין דאָרט 4 לערער.

אין יאָר 1935 קומט ער קיין ארץ־ישראל, לויט אַ פֿאָדערונג פֿון זייַנע קינדער. וווינט אַלע יאָרן אין תל־אביב.

דאָ דערוואַכט זיך אין אים מיטאַמאָל דער שרייבער, און ער דרוקט אָפּ פֿאַרשידענע אינטערעסאַנטע קינדער־דערציילונגען אין המשכים ווי אויך וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען אין דער ישראלדיקער קינדער־פּרעסע, ווי: „דבר־לילדים״, „הבוקר לילדים״, „הצופה״ און אַנד.

ווי אַ מעיין המתגבר שטייגט אין אים דער שרייבערישער טאַלאַנט, וואָס איז געזעסן אין אים כל ימיו. ווען ער איז נאָך געווען אין ווילנע האָט ער שוין געשריבן, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די יוגנט־אויסגאַבעס. אין דעם „רויטן בוך״ פֿון אברהם ליטוואַק פֿיגורירט זייַן נאָמען אַלס „ישׂראל אָסטראָלענקער״.

ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעדאַקציע פֿונעם לאָמזשער יזכור־בוך, שרייבט אַליין, זעצט איבער פֿיל אַרטיקלען און דאָקומענטן און העלפֿט צו זייַן דערשיינען. אויך פֿאַר דעם אָסטראָלענקער ספר־הזיכרון שרייבט ער אַן אַ גרעסערן אַרטיקל א. נ. „קאַדזשידלע״. זייַן געבוירן־אָרט, און ווייזט אַרויס אינטערעס פֿאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע.

כאָטש ער האָט שוין דערגרייכט אַ טיפֿן עלטער פֿון קרוב צו 93 יאָר, איז זייַן באַגער צום שרייבן, צום לערנען און צום לעבן נאָך געווען גאָר יונג און פֿריש, צום באַוווּנדערן.

אָבער ווי באַוווּסט געפֿינט יעדער סוף פֿון מענטשנס לעבן זייַנע וועגן. ער פֿאַלט פּלוצלונג אום אויף אַ האַרטן באָדן, צעקלאַפּט זיך שווער, ווערט גלייך אָוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל און הויכט דאָרט אויס זייַן נשמה.

ער לאָזט איבער נאָך זיך 3 זין (איינער פֿון זיי דער באַקאַנטער פֿאָלקלאָריסט ד״ר יום־טוב לעווינסקי) און אַ טאָכטער. וווינען אַלע אין תל־אביב.

יהי זכרו ברוך.

י. עברי (תל־אביב)

נאטע גראַביע

(באַקאַנט אונטערן פּען־נאָמען מ. גראַף)

געבוירן 1908 אין אָסטראָלענקע. זון פון שניאַדאָווער רב, הרב מנחם מאיר גראַביע. געלערנט אין חדרים און ישיבות, און וועלטלעכע לימודים אין „תחכמוני". אין 1928 אָנגעהויבן פּאַרעפנטלעכן נאָוועלן אין דער וואַרשעווער אָרטאָדאָקסישער טאָג־צייטונג „דער יוד". שפּעטער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין טעגלעכן „אָוונט־קוריער". איז געווען דאָרט רעדאַקטאָר פון דער כראָניק אָפּטיילונג. אויך געווען אַ צייט מיט־רעדאַקטאָר פון „היינטיקע נייעס", וווּ ער האָט פּאַרעפנטלעכט זיינע לייכטע פאָלקסטימלעכע פעליעטאָנען. אין די 30־ער יאָרן געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער „היינט". אין די יאָרן 1935—1937 אַרומגעפאָרן אַלס ספּעציעלער שליח פון דער צייטונג איבער די פּוילישע יידישע יישובים, און פּאַרעפנטלעכט וועגן די שטעט און שטעטלעך אינטערעסאַנטע באַריכטן און רעפּאָרטאַזשן.

ווייטערדיקע ביאָגראַפישע פּרטים פעלן. אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז נאָטע גראַביע פאַרשוווּנדן געוואָרן. זיין גורל איז אומבאַקאַנט.

(„היינט", יובל־בוך 1908—1938, וואַרשע 1938 ; ד"ר ראובן פעלדשוה, „יידישער געזעלשאַפטלעכער לעקסיקאָן", וואַרשע 1939, לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1958).

*

הכרתי את נטע גראַביֶה מתקופת לימודו בישיבת לומזה בשנים תרע"ט—תרפ"א. הוא למד אח"כ ב„תחכמוני" בביאליסטוק, ובבית אולפן גבוה זה לתורה ודרך־ארץ התחיל לרכוש לו השכלה כללית. אמו הרבנית האלמנה היתה גרה אז בשניאדובה והחזיקה שם בית־עסק לאריגים. היא היתה בת המו"צ דאוסטרולנקה, ר' שלמה ירמיה גרינברג. בשנים הנ"ל למד בישיבת לומזה, גם בן המו"צ הנ"ל — יעקב דוד — והח"מ היו לומדים באותה ישיבה ונטע היה מדריך את שניהם לעתים תכופות בלימוד גפ"ת ומפרשים לאור ההבנה והחריפות.

אביו של נטע, הרב ר' מנחם מאיר, שימש קודם ברבנות בפרבר הלומזאי — לומזיצ'ה ואחר־כך בשניאַדובה. אולם הוא נפטר שם בדמי ימיו בקיץ תרע"ח. אחריו נתקבל בסוף השנה הנ"ל לרב בשניאַדובה הרב ר' אהרן יעקב קלפפיש, חתן הרב אב"ד דזמברובה ר' פנחס רגנסבורג (הרב קלפפיש נפטר בירושלים).

הרב ר' מנחם מאיר נזכר בספר „מנחת שי" לחותנו הנ"ל. זכורני, כי עם פטירתו נדפס מאמר הערכה לזכרו בעתון היומי האורטודוקסי „דאָס יידישע וואָרט", שהופיע אז בווארשה.

מישיבת לומזה נסעה משלחת מיוחדת ללווייתו בשניאַדובה ובראשה הרב הגאון ר' יחיאל מרדכי גורדון שליט"א, שהספידו שם במעמד מלוויו לבית עולמו.

מ. צינוביץ

אַסטראָלענקע און יידן

מאַרק ראַקאָווסקי (וואַרשע)

די שטאָט פון מיינע יונגע יאָרן

אַלץ פליסט און גייט פאַרביי אין אונדזער לעבן. אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שאָטן. אָבער שטאַרק איז אין אונדז די מאַכט פון דער פאַרגאַנגענהייט, עפּעס אַ מאַגישן כּוח באַזיצן די דערינערונגען פון אַמאָל.

יעדער מענטש, הויפּטזעכלעך אין די עלטערע יאָרן, טראָגט טיף אין זיך אַ מין קליינעם בית־עולם נישט בלויז פון קרובים און נאָענטע מענטשן, וועלכע זענען אים געווען ליב, נאָר אויך פון געשעענישן און זאַכן, מיט וועלכע ער איז געווען אין אַ ענגן קאָנטאַקט.

די דערינערונגען ווערן מיטן לויף פון דער צייט איינגעשלעפערט, אפילו אויסגעמעקט אין אונדזער זכרון. אָבער ס'קומט אַ טאָג, ווען פאַרגעסענע געשעענישן טויכן־אויף אין אונדזער מוח, מתים גייען אַרויס פון זייערע קברים, רעדן און שמייכלען מיט זייערע פאַרבלאַזע ליפּן.

אַ געוואַלדיקער אומעט באַהערשט דעמאָלט אונדזערע הערצער, מען דערפילט זיך איינזאַם און עס נאָגט דער געדאַנק, אַז אַלץ איז פאַרביי און וועט זיך שוין מער נישט צוריקקערן. עס דאַכט זיך, אַז אַלץ אין לעבן וואָלטן מיר אַוועקגעגעבן פאַר איין טאָג פון יענעם שיינעם, ליכטיקן יוגנט־לעבן, וואָס וועט זיך שוין מער נישט איבערחזרן.

און אַן אומגעהייערער דראַנג דערוועקט זיך אין אונדז צו באַזוכן די ערטער, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט אונדזערע יונגע, זאָרגלאָזע יאָרן.

איך האָב עטלעכע היימשטעט: מאַלקין, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און זי פאַרלאָזן אַלס אַ צען־יאָריק קינד, אָסטראָלענקע, די שטאָט פון מיין בליענדיקער יוגנט, פונוואַנען מיין גאַנצע משפּחה האָט זיך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרויסגעצויגן קיין ביאַליסטאָק, און צום סוף וואַרשע־אָטוואָצק, דער פּעריאָד פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

אָבער נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעת מיינע וואַנדערונגען און פאַרשידענע גלגולים, ווייס איך אַליין נישט פאַרוואָס, די צוויי שטעט אָסטראָלענקע און ביאַליסטאָק האָבן מיך געמאַניעט און געלאָקט ווי ווייטע פייערלעך אין אַ פינצטערער נאַכט.

און סיי אויף די ברעגעס פון צויבערדיקן, פינקלענדיקן שוואַרצן ים, צווישן די קוויקנדיקע ריחות פון די קרימער טראָפּישעביימער, סיי אויף דער שיף, וואָס האָט מיך געוויגט אויף די לייכטע באַזילבערטע כוואַליעס פון דער ברייטער וואָלגע, סיי בעת מיינע ראַנגלענישן מיטן טויט, ווען קרענקלעכע וויזיעס האָבן געשוועבט, געמיניעט פאַר מיינע אויגן און דער אומברחמנותדיקער „קיינמאָל" האָט באַהערשט מיין גאַנץ וועזן, זענען פלוצלונג ווי פון אַ נעפּל אַרויסגעשוואומען דער נאַרעוו, די ווייסל, דער שווידער, דאָס ביאַליסטאָקער שמוציק טייכל ביאַלע און ווי אויפן עקראַן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן די בלאַסע קאָנטורן פון מיינע היימשטעט.

די דאָזיקע איבערלעבונגען זענען נישט סתם אומעט אָדער בענקשאַפט. דאָס זענען קרענקלעכע, פּאַטאָלאָגישע איבערלעבונגען — נאָסטאַלגיע. אומעט און בענקשאַפט זענען אַ צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס אַנטשטייען צוליב אַ נישטיקן דורכפאַל אין לעבן, צוליב אַן אַנטוישטער האָפענונג. אפילו צוליב אַ דויערהאַפטן שלעכטן וועטער, געפילן, וואָס בין לילה היו ובין לילה אבדו. אָבער נאָסטאַלגיע איז אַ מחלה, וואָס נאָגט דיך טאָג און נאַכט, שוואַכט אָפּ דעם גוף און דערפירט דיך צו פאַרצווייפלונג.

מיט אַ פאַרביטערטן געמיט פאָר איך קיין אָסטראָלענקע. קיין שום געדראַנג, א רחבות אין די וואַגאָנען. קיין יידיש פנים. און וואָס האָבן דאָ צו טון די יידן, אויב אויפן גאַנצן שטח פון וואַרשע ביז אָסטראָלענקע, געפינט מען שוין מער נישט קיין ייד מיט ליכט.

איינטאָניק קלאַפּן די רעדער און קוקנדיק דורכן פענצטער אויף די פאַרביילויפנדיקע לאַנדשאַפטן, זוך איך עפּעס אַ זכר פון די אַמאָליקע יאָרן, כדי אָנצוקלאַמערן מיינע דערינערונגען, אָבער אומזיסט. און מיינע געדאַנקען ציען זיך און לויפן מיט דער שנעלקייט פון די טעלעגראַף־דראָטן, וואָס הייבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ, איך טראָג זיך אַריבער אין ווייטן עבר, ווען די וואַגאָנען זענען געווען איבערגעפולט מיט יידן און זייערע געפּעק. און אין מיינע רעטראָספּעקטיווע געדאַנקען רוף איך אַרויס די אַמאָליקע אָסטראָלענקע, אַזוי ווי זי איז פאַרגליווערט אין מיין זיכרון.

עס באַהערשט מיך אַ מאַניע פון גרויסקייט. איך בין דער איינציקער יידישער וואַנדערער, וואָס טרעט אויפן אַש פון זיינע מאַרטירער און קען קיין רו נישט געפינען. איך בין דער מאָדערנער איוב, וואָס באַקלאָגט דעם ביטערן גורל, דעם אומקום פון זיין פאָלק, פון זיין משפחה, קרובים און פריינט.

איך בין דער סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט.

אַסטראַלענקע! איך פיל זיך ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף פון טיפן קאָשמאַר ביינאַכט אין אַ פינצטערן צי־מער, און האָט פאַרלוירן די אָריענטאַציע. ער ליגט מיט אָפע־נע אויגן און עס דאַכט זיך אים, אז ער ליגט נישט דאָרט, ווו ער האָט זיך געלייגט. ער זוכט דאָס פענצטער, די טיר, די שאַפע, ער טאַפּט אַרום זיך, ער מאַכט די גרעסטע אָנ־שטרענגונגען, ביז ער קומט צו דער איבערצייגונג, אז ער ליגט אויפן זעלבן אָרט, פונקט אַזוי, ווי ער האָט זיך גע־לייגט.

איך גיי אַרויס פון וואַגאָן. איך טרעט אויף היימישע ערטער, איך קוק־אַריין אין די אויגן פון די מענטשן, זוך אַ באַ־קאַנט פּנים. איך בין גרייט צוצולויפן צום ערשטן בעסטן און בעטן זיך ביי אים, ער זאָל מיר דריקן די האַנט. איך דער־שפיר מיין פרעמדקייט דאָרט, ווו אַלע האָבן מיך געקענט. און אַ קעלט נעמט אַרום אַלע מיינע גלידער. קיינער קען מיך נישט און איך קען קיינעם.

און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין נישט איך, נאָר עפּעס אַן אַנדערער, אַז מיין אַמאָליקן „איך" האָט די צייט אַוועק־געטראָגן, אז דאָ שוועבט בלויז מיין שאָטן, מיין געשפּענסט און אַרום איז פּוסטקייט. מיין שטאָט, ווו טיר און טויער זע־נען שטענדיק פאַר מיר געווען אָפן, ווו אויף יעדן טריט האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף באַקאַנטע, דערקענט מיך איצט נישט.

ווו זענען די גרויסע געדעקטע קאָטשן, געשפּאַנט אין צוויי פערד, מיט די ווייכע רחבותדיקע געזעסן, וואָס האָבן געפירט די פּאַסאַזשירן פון דער סטאַציע אין דער שטאָט? ווו זענען די הויך־וווקסיקע העלדישע שמייסער, דער ריז סעקע, וועלכע האָבן מיט טומל און געפילדער געצויגן צו זיך די פּאַרשוינען, פּאַרטיילט יעדן לויט זיין חשיבות און פּזרנות דעם געהעריקן אָרט און זיצנדיק אויף דער קעלניע, ווי אַ שררה, פלעגן זיי קנאַלן און מאַכעווען מיט דער בייטש, צווינגענדיק אין איינקלאַנג מיטן טופּען פון די פערד און דער טראַסקעריי פון די מיט אייזן־באַדעקטע רעדער?

עס וואַקסט פאַר מיר אויס מאיר־הערש, אַ טיפּישער יידישער פורמאַן פון מענדעלעס קאַבצאַנסק, מיט זיין גע־פּגרט פערדל און די צעפאַרענע בריטשקע, וועלכע האָט גע־טאַנצט און משונהדיק געסקריפּעט ביים פאָרן. אַ קבצן אין זיבן פאַלעס, אַ מטופּל פון אַ האַלבע טוץ קינדער, האָט ער געהאַט זיינע סימפּאַטיקער, ס'רוב אַזעלכע, וואָס האָבן גע־האַט אַ סך געפּעק. „עקסטראַ־פּאַטשט" — פלעגן קינדער שרייען, נאָכלויפנדיק נאָך דער סקריפּענדיקער בריטשקע, ענלעך צו אַ גרויסער טאַטשקע. און יעדע פאָר חדשים, אז ער פלעגט זיך אינדערוואַכן באַווייזן אויסגעפּוצט אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע, מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט, פלעגט מען שוין וויסן, אז דאָס פערדל האָט זיך אָפּגעטראָגן און מען פלעגט אים אויפמאַכן אַ פופצן־צוואַנציק קערבלעך אויף אַ ניי פערד.

און פאָרן וואָקזאַל, ווו עס האָט אַמאָל געשפּרודלט מיט לעבן פונעם געדראַנג פון קאָטשן און וועגענער, שטייט איין איינציקער פאַראיינזאַמטער אויטאָבוס, וווהין עס שטייגן אַריין די פּאַסאַזשירן, פויל, אָן איילעניש, מיט אַ גלייכגילטיקייט פון מענטשן, וואָס פאָרן אָן אַ ציל.

שטיל טראָגט זיך פאַרביי דער אויטאָ נעבן אַ ריי הייזער, וואָס שטייען ביים וועג, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען די הילצערנע שול פאַר עטלעכע מנינים יידן פון דער סטאַ־ציע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ דאַנק מיין טאַטנס אומדערמידלעכער אָנשטרענגונג.

אין מיין קאָפּ איז אַ מוראַשניק. די אַלטע מקומות מאַכן אויפלעבן פאַרגעסענע מענטשן, טאַקע אין דער סטאַציע־שול אין אַ שבת־טאָג, אויבן־אָן, אויף דער מזרח־וואַנט, אָנגעטאָן אין באַגאַרטלטע אַטלעסענע קאַפּאָטעס, די בערד אויסגע־צוואָגן, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ ריח פון זייף און נאַפט, זיצן עטלעכע באַלעגאָלעס, די חשובע תושבים פון קאַצענעס און צווישן זיי מיין טאַטע יעקב־מאיר דייטשיש געקליידט מיט אַ קאַלנער און שניפּס.

און מיין טאַטע האָט זיך מיט זיי און מיט זייער אַמאָראַ־צישקייט צונויפגעלעבט, ווי אַ היימישער מענטש.

און איך מוז זיך מודה זיין, אז די דאָזיקע פּשוטע סביבה איז מיר געווען אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש, אַזוי גרינג אויף דער נשמה און אַדאַנק די דאָזיקע האַרעפּאַשנע לייט איז אין מיר איינגעוואָרצלט געוואָרן אַ מין ווייכקייט, אַ ליבע צום פּשוטן מענטש.

איך דערקען נישט דעם פּלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען אונדזער הויז, פאַרשוואונדן איז דער גרויסער זומפּ, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער אונדזער הויז, מען זעט נישט די באַ־טשאַנעס מיט זייערע שטאָלצע טריט, מען הערט נישט דעם פריילעכן קוואַקען פון די זשאַבעס, בלויז עטלעכע אָנגע־וואָרפענע געביידעס שטייען ווי פאַרכישופט אין דער אַרו־מיקער שטילקייט און די מענטשן אין די הייזער זענען פאַר־זונקען אין אַ טיפן שלאָף.

נישטאָ די אַמאָליקע באַוועגונג אויפן פינף־וויאָרסטיקן שטח פון קאַצענעס ביז דער שטאָט. עס זענען אויף אייביק פאַרשוואונדן די לאַנגע דראַנגאָווע וועגענער באַלאָדן מיט פינף־פּודיקע זעק, פעסער און פאַרשידענע אַנדערע סחורות. איך דערמאָן זיך דעם העלדישן מאיר־יאָסל, וועלכער איז גע־גאַנגען גלייך ווי אַ סטרונע און זיך נישט געבויגן אונטער דער משא פון אַ צען־פּודיקן קאַסטן. אָט דאָ ביי דער זייט פון שאָסיי איז געשטאַנען דער וויאַטראַק פון שיע מילנער, וועלכער האָט דערציילט טשעקאַווע מעשיות פון שדים און גלגולים, און אָנטקעגן האָט זיך געפונען די קוזשניע פונעם לאַנג־באָרדיקן חשובן תושב אברהם דער שמיד, וועלכן מיין טאַטע האָט געקרוינט מיטן נאָמען „פּטיש־החזק", צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ השגה אין די שוואַרצע פינטעלעך. בטבע איז ער נישט געווען קיין טרינקער, אָבער שמחת־תורה פלעגט ער מאַכן די אמתע כוסה און איך זע אים אַ טויט־שיכורן, זינגענדיק מיט אַ וויינענדיקן קול: אלו ואלו צועקים: קילישעק ווודקי פּאַדאַוואַי.

געשטאַלטן ווי שאָטנס מיניען פֿאַר מיינע אויגן און ווערן פֿאַרשווונדן. מיט אַ משונהדיקער שנעלקייט טראָגן זיך פֿאַרביי פֿאַרשידענע אויטאָס און פֿון צייט צו צייט אַ פֿויעריש וועגעלע. דער גאַנצער שטח איז שטאַרק געענדערט, זומפּן אויסגעטריקנט, ביימער אויסגעהאַקט און נייע הייזער זענען אויסגעוואקסן אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך.

אַריינפֿאָרנדיק אין שטאָט, באַקום איך דעם איינדרוק, אַז קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. קיין שום מאָדערנע הויכע בנינים זענען נישט אויסגעוואקסן, די זעלבע נידעריקע הייזער, מעגלעך איבערגעבויטע ביי ביידע זייטן פֿונעם שאָסיי, ווו עס וואַרפֿט זיך אַדורך אַ פּוסטער פּלאַץ, אַ זכר פֿונעם לעצטן חורבן.

ווו זענען די מענטשן, ווו זענען די פּויערישע פֿורן אויפֿן פּוסטן פּלאַץ, וואָס פֿירט צו בן־אדמס קאַזאַרמעס, וואָס איז דאַכט זיך פֿאַרשמעלערט געוואָרן צוליב די צוגעקומענע הייזער? ווו זענען די צענדליקער יידן און יידענעס, וואָס לויפֿן און שטופּן זיך אַרום די פּויערישע פֿורן באַלאָדן מיט תבואה און גרינוואַרג? מען זעט נישט קיין פּויערישע קוישן פֿול מיט הינער, קאַטשקעס און גענדז, וואָס מחנות באַלעבאָסטעס פֿלעגן הויבן אַרויף און אַראָפּ, טאַפּן און בלאָזן אונטערן ווײדל.

עס גייט קיינעם נישט אָן, וואָס דער אַמאָליקער בן־עיר, ווען די גאַנצע שטאָט האָט געקענט, איז נאָך פֿערציק יאָר אָפּוועזנהייט אַראָפּגעקומען מיט אַ צעבראָכן האַרץ אַ קוק צו טאָן אויף זיין אַמאָליקער היימשטאָט, וועלכע האָט געגערט און געוויגט זיין יוגנט, אָנפֿילנדיק זיין האַרץ מיט פֿרייד און האָפֿענונג.

אויך אָסטראָווער גאַס איז דאַכט זיך די זעלבע וואָס אַמאָל. די גאַס איז נישט ברייטער און די הייזער נישט העכער. אָבער זי איז שענער און ריינער געוואָרן, זי האָט באַקומען אַ יום־טובדיקן אויסזען. עס פֿעלן די הויכע טרעפּלעך פֿון די יידישע געוועלבער.

אַ גרויסער סקווער מיט באַבלומטע קלומבן און שיינע בענק באַפּוצן דעם צענטראַלן מאַרק־פּלאַץ. דריי זייטן זענען אָפּגעבויט אָדער רעסטאַווירט. דער מאַגיסטראַט און די פּאָסט האָבן כמעט דעם אַמאָליקן אויסזען. בלויז די מויער, ווו כאַצעק האָט געהאַט זיין געשעפֿט איז אָפּגעמעקט און פֿון דאָרט ציט זיך אַ פּוסטער שטח ביז צום נאַרעוו. נישטאָ אויך די הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז צו דער בריק. נישטאָ קיין סימן פֿון די אַמאָליקע הייזער אויף דער זייט פֿון שול־גאַס ביז צום נאַרעוו, דאָרט ווו עס האָט זיך געפֿונען דער „האָטעל פּאָלסקי״, טילעמס הויז, דאָרט ווו עס האָבן געוווינט אַ סך מיינע באַקאַנטע, ווי מנחם פֿרידמאַן און דאָס הילצערן הויז אויפֿן צווייטן שטאָק, אין וועלכן עס האָבן געוווינט מיינע גוטע פֿריינט פֿון די יונגע יאָרן: דאָס פֿאָרפֿאָלק מאַרקעוויטש פֿון לאָמזשע, ווו מען האָט ביי אַ גלעזל טיי זיך געווײלט, געטומלט און געלאַכט. דער דאָזיקער שטח איז איצט פֿאַרצוימט מיט אַ הילצערנעם פּלויט, הינטער וועלכן עס זענען אויסגעבויט געוואָרן פּראָוויזאָרישע באַראַקן פֿון אויטאָטראַנספּאָרט. און ווידער אַ פּוסטער שטח אין דער ריכטונג צו ביאַלעס טאַרטאַק.

אָבער ווו איז די בריק? וויפֿל מאָל, געפֿינענדיק זיך ביי וואַסערן אונטער פֿרעמדע הימלען, אונטער מאַכט פֿון אומבאַקאַנטן שטערן, פֿלעגן פֿאַר מיר אויפֿטויכן די היימישע ברעגעס פֿון נאַרעוו מיט דער הילצערנער בריק צום ראָזשאַנער שאָסיי, צום וועג באַוואַקסן מיט ביימער און קוסטעס. אין יענע מאָמענטן פֿלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך האָב דורכגעבראָכן די גראָבע וואַנט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און געשטעלט זיך פּנים־אל־פּנים מיט מיינע יונגע יאָרן. איצט שפּיר איך, ווי עפּעס אין מיר וואָלט געפּלאַצט, אַז עס האָט זיך איבערגעריסן דער פֿאָדעם פֿון מיין לעבנס־וועג, אַז די פֿאַרשווונדענע בריק האָט געעפֿנט אַ תהום אויפֿן וועג פֿון מיין אומגעצוימטער יוגנט, ווען איך האָב זיך געפֿילט פֿריי ווי אַ פֿויגל, ווען אָן שום דאגות זענען שטיל געפֿלאָסן די פֿרייַלעכע טעג פֿול מיט האָפֿענונג.

פֿאַרטיפֿט אין מיינע רעטראָספּעקטיווע געדאַנקען בלאָנקע איך מיט וואַקלענדיקע טריט איבער די גאַסן פֿון היינטיקער אָסטראָלענקע, וועלכע האָט זיך פֿונאַנדערגעוואָקסן, דער עיקר אין דער ריכטונג צו וואָיטשעכאָוויצע. מען זעט, אַז ס׳איז אַ סך טרחה און אָנשטרענגונג געמאַכט געוואָרן, כדי צו רעסטאַווירן די חורבות און אויפֿצובויען נייע מאָדערנע הייזער. אַ שיינע גיגאַנטישע בריק איז אַריבערגעוואָרפֿן איבערן נאַרעוו אַ ביסל ווייטער נאָך לאָמזשער גאַס. אין וואָיטשעכאָוויצע איז אויסגעבויט געוואָרן אַ ריזיקער מאָדערנער פּאַפּירזאַוואָד, וועלכער וועט אַרויסלאָזן הונדערטער טויזנטער טאָן פּאַפּיר אַ יאָר.

אָבער קיין שפּור פֿון פֿרייד דערוועקט זיך נישט אין מיין האַרץ, בעת קיין איינציקער ייד איז אין שטאָט נישט פֿאַרבליבן. איך שפּיר, אַז איך האָב פֿאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט, אין מיין קאָפּ איז אַ פּלאָנטער, כ׳האָב פֿאַרלוירן די אָריענטאַציע פֿונעם אַמאָליקן סדר און אויסזען פֿון די הייזער. מיט יעדן טריט פֿיל איך, אַז ס׳ווערט אויסגעלאָשן אַ פֿונק פֿון מיין לעבן.

אָט דאָ אויפֿן ראָג, נישט ווייט פֿון דער פּאָסט, איז געווען דאָס אייזן־געשעפֿט פֿון מיין חבר וויגדער מלינס טאַטע. דאָרט, זייט ביי זייט מיטן מאַגיסטראַט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, שטייט די מויער מיט די שטיגן צו מנחם פּלאַקסערס טאַטע, דעם געזעלשאַפֿטלעכן טוער פֿון דער שטאָט. אויף אָסטראָווער גאַס אויף דעם אָרט האָט געמוזט וווינען דער ווינקל־אַדוואָקאַט משה רובינשטיין. דאָ איז געשטאַנען דאָס הילצערנע הייזל מיט דעם אייל־פֿאַבריקל פֿון הערשל מאָשקעס, דאָרט אויף שול־גאַס — דער קאָלאָניאַל־סוחר הערשל שפּערלינג. איך דערמאָן זיך די ערטער, ווו ס׳האָט געוווינט דער דאָקטער קאָהן מיט זיינע דריי זין, וועלכע זענען אַוועק קיין רוסלאַנד, קעגן דעם ציין־דאָקטער פֿון לאָמזשער גאַס.

און אויף לאָמזשער גאַס נעבן דער צוקערניע זענען גע־

האַנגען דריי מעשענע טעלער פֿונעם פֿעלדשער און פֿריזיער גוטמאַן, וועלכער האָט גערעדט האַלב דייטש, האַלב יידיש געמישט מיט פּויליש. צו אים האָט מען געהאַט מער צוטרוי, ווי צו די דאָקטוירים. אים האָבן געקענט די גאַנצע שטאָט און די אַרומיקע דערפֿער. ער אַליין האָט פֿון זיך שטאַרק גע־האַלטן און איינמאָל האָט ער זיך געזאָלט אויסדריקן, אז ווען ער שטעלט־צו באַנקעס קען מען מיט זיי דרייסט דערפֿאָרן ביז פּעטערבורג. ווו איז אַהינגעקומען זיין זון דער דאָקטער מיטן ווייב, וועלכע איך האָב אין פֿערציקסטן יאָר באַגעגנט אין ביאַליסטאָק ?

איך האָב אַ טראַכט־געטאָן וועגן ישׂראל שטערן, אָבער מיינע דערינערונגען וועגן אים זענען פֿאַרבונדן מיט וואַר־שע, ווו איך האָב זיך פֿון אים אַליין דערוווּסט, אַז ער איז מיינער אַ בן־עיר. וועגן זיין מאַרטירער־וועג אין וואַרשעווער געטאָ און זיין אומקום, האָב איך געלייענט אין יאַנאַס טור־קאָווס יזכור־בוך. מיט אים איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן אונדזערע בשותפֿותדיקע איבערזעצונג פֿון ענגליש — שעקספּירס „דער סוחר פֿון ווענעדיק”, אויף וועלכער מיר האָבן גע־אַרבעט אַ יאָר צייט. איך האָב דאָס ווערק נישט באַוויזן אָפּ־צודרוקן אין מיין פֿאַרלאַג און איין געדרוקטע קאָפּיע איז פֿאַרשווּנדן מיט אים, די צווייטע — מיט מיין ווייב, דערמאָר־דעט דורך די פֿאַשיסטישע רוצחים אין אָטוואָצק.

געציילטע קראָמען דאָ און דאָרט אויף די גאַסן מיט וויטרינעס פֿון אַלטמאָדישע, פֿאַרעלטערטע סחורות. בלויז עטלעכע גרויסע, שיינע שפּייז־געשעפֿטן און עטלעכע גרוי־סע רעסטאָראַנען, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט פּוסטעווען, כל־זמן מען וועט באַקומען אַ ביסל משקה. ס'רוב הייזער, ווו ס'זענען אַמאָל געווען קראָמען, זענען איצט פֿאַרוואַנדלט אין וווינונגען און די פֿענצטער זענען באַפּוצט מיט בלומען־טעפּ און פֿאַרהאַנגען. איך האָב געוואָלט מיט עפּעס קוויקן מיין אויג אויפֿן פּאַן פֿון דער באַנייטער אָסטראָלענקע. געפֿעלן איז מיר די נייע מאָדערנע בריק, לויט דער לעצטער קאָנסטרוק־ציע, די נייע מויערן אויפֿן וועג צום שטאָט־גאָרטן, די סקווערן באַוואַקסן מיט גרינס. אָבער שעמען מעג זיך אָסטראָלענקע מיט איר קינאָ, ענלעך צו אַ שמוציקן באַראַק, פֿאַרוואָרפֿן הינטער אַ בלאָטיק געסל פֿון אָסטראָווער גאַס צום שול־הויף, ווו ס'איז קיין זכר נישט פֿאַרבליבן פֿון דער אַמאָליקער שול. ס'שטייט בלויז אַ גרויסער נישט־פֿאַרבויטער פּוסטער בלאָ־טיקער שטח, פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿאַרשידענע אָפּפֿאַלן, ווו עס וואַרפֿן זיך אין אייערע אויגן עטלעכע פּויערישע פֿורלעך מיט אויסגעשפּאַנטע פֿערד, און פֿאַרבייגייענדיק טרייבט איר אָן אַ פּחד אויף עטלעכע קעץ, וואָס צעלויפֿן זיך אויף אַלע זייטן און באַאומרואיקן אַ פּאָר הינט, וואָס פֿאַרען זיך אַרום אַ ביין.

עס דערנענטערט זיך דער אָוונט. איך פֿיל זיך פֿאַראיינ־זאַמט און אָפּהענטיק. אַזוי פֿילט זיך מסתמא אַ מלך, וואָס האָט פֿאַרלוירן זיין קרוין און פֿאַרמעגן, אַזוי פֿילט זיך אַ זינגער, וואָס האָט אויף דער עלטער פֿאַרלוירן זיין שטים.

איך שטיי ווידער אויפֿן מאַרק, וועלכער איז אַמאָל אין די דאָזיקע שעהן געווען איבערפֿולט מיט פֿורן, קאָטשן און פֿאַ־וואָזן, באַלייכטנדיק דעם מאַרק מיט זייערע פֿאַרן ברענענדי־קע אויגן, ווו ס'איז געשטאַנען אַ געפּילדער פֿון באַלעגאָלעס, טרעגער און מחנות יידן מיט געפּעק, ווו די טראָטואַרן זע־נען געווען פֿול מיט שפּאַצירנדיקער יוגנט, — איצט הערן זיך בלויז שנעלע טריט פֿון פֿאַרבייגייער, וואָס איילן זיך אַהיים.

אומבאַוווּסטזיניק בין איך פֿאַרקראָכן צו דער נייער בריק. פֿאַרשווּנדן זענען די לעצטע שטראַלן פֿון דער שקיעה־זון, און די בלאַסע לבנה, שווימענדיק צווישן לייכטע, דורכ־זיכטיקע וואָלקנס, האָט מיט אַ העל־פֿאַראומערטן זייל דורכ־געשניטן דעם נאַרעוו. און איך שטיי אַליין מיט מיין שאָטן ביי די כסדר־פֿליסנדיקע וואַסערן, וואָס האָבן אַוועקגעטראָגן אויף אייביק מיין יוגנט, מיינע טרוימען און פֿריידן. איך קוק אויף די גילדערנע פֿליטערלעך פֿונעם באַלויכטענעם וואַ־סער־זייל, וואָס האָבן זיך איבערגעגאָסן אין פֿאַרשידענע קאָ־לירן, שעמערירט און געמיניעט מיט טויזנטער אויגן, וואָס זענען פֿאַר דער צייט אויסגעלאָשן געוואָרן. איך הער דאָס פֿליסטערן פֿון די לויפֿנדיקע וואַסערן און ס'דאַכט זיך מיר, אַז עמעץ שושקעט מיר אין אויער דעם פֿאַטאַלן אומברחמנות־דיקן: קיינמאָל, קיינמאָל!

היינטיקע אָסטראָלענקע

אַ לאַנדסמאַן פֿונעם היינטיקן פּוילן שרייבט וועגן אָסטראָלענקע:

„די היינטיקע אָסטראָלענקע איז פֿולשטענדיק ריין פֿון יידן. און בעת איך בין דאָרט געווען אויף אַ באַזוך, האָט גאַנץ אָסטראָלענקע גערעדט וועגן דעם נייעם פּאַפּיר־קאָמבינאַט, ווו עס וועלן זיין באַשעפֿטיקט טויזנטער מענטשן און ווו וועט אַרויס־געבן טויזנטער טאָן פּאַפּיר אַ יאָר.

די היינטיקע אָסטראָלענקע, וואָס איז אפֿילו ציכטיק, באַ־צירט און יום־טובדיק, האָט פֿאַרלוירן איר נשמה און רעדט שוין נישט מער צום האַרץ פֿון אַ יידן...

ווען איך בין געפֿאָרן אַ קוק־טאָן אויף אָסטראָלענקע, איז אויך מיטגעפֿאָרן מיינער אַ חבר. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פֿון אַן אָסטראָלענקער ייד מיטן נאָמען גאָלובאָווסקי, וועלכער אַרבעט אַלס דירעקטאָר אין אַ וויין־פֿאַבריק אין גראָדנע. ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אויסאָר־בעטן פֿאַר אים פּאַפּירן, ער זאָל קאָנען קומען קיין פּוילן, צו־ריק צו זיין שטאָט. האָבן מיר אים אַזעלכע פּאַפּירן אפֿילו

אויסגעאַרבעט, אָבער ער האָט זיך שוין מער נישט אָפּגערופן. קענטיק, אַז ער האָט באַשלאָסן נישט צו קומען"...

אין אַלעם זענען שולדיק די ייִדן

דאָס איז אַ באַקאַנט וואָרט נאָך פון די אַלטע גוטע צייטן, איידער די נאַציס האָבן פאַרטיליקט דעם ייִדישן ישוב אין פּוילן. אפילו איצט, ביי אַזאַ שרעקלעכער ווייניקייט פון ייִדן אין פּוילן זענען ווידער די ייִדן אין אַלץ שולדיק: פאַר וואָס זיי זענען צו ווייניק; מען זאָל נישט קאָנען אויף זיי אַלץ אַרויפוואַרפן און זיי מאַכן פאַר אַלץ שולדיק... אָדער אַז איר ווילט, קאָנען אפילו אומגעבראַכטע ייִדן אויך עפּעס אויפטאָן... וואָס קאָן נישט אַ ייִד?!

אָסטראָלענקע איז שוין איצט ייִדן־ריין, נישטאָ קיין זכר פון קיין ייִד, אָבער די געדעכעניש פון ייִדן ווערט דאָ אָבער־גלויבעריש און נאָך אַלץ אין פיינדלעכן זין אויסגענוצט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ צרה, וואָס חזרט זיך איבער אין אָט דער שטאָט.

אָט באַריכטעט די ברייט־פאַרשפּרייטע וואַרשעווער צייטונג „זשיטשע וואַרשאַווי" פון 6.2.58 פאָלגנדיקע פּאַסירונג פון אָסטראָלענקע אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אונטערן נאָמען „פייער־צונגען — און רכילות" אונטערגעשריבן: ע. וו. ...פון וואַנען עס איז אַרויסצוזען, אַז דאָס געוויסן פון די אָסטראָ־לענקער נישט־ייִדן איז נישט ריין בנוגע די ייִדן. און אַז די געשפּענסטער פון די ייִדישע מאַרטירער לאָזט זיי נישט צורו. אין דער צייט ווען קיין ייִד איז נישטאָ אין אָסטראָלענקע, זענען זיי גרייט צו גלויבן, אַז ייִדן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער לבנה און אונטערגעצונדן הייזער (די לעצטע צייט זענען אויסגעבראָכן פיל שרפות אין דער שטאָט), כדי צו נעמען נקמה:

„אייגנטלעך — שרייבט די צייטונג — איז שווער צו וויסן וואָס איז טרויעריקער — דאָס נייַנמאָליקע אונטערצינדן דורך אַ יונגערמאַן בנינים אין אָסטראָלענקע, אָדער דאָס לאָזן זיך באַהערשן פון נישט קיין קליינעם טייל איינוווינער דורך ווילדע רכילות, דאָס קריטיקלאָזע אויפכאַפּן, פאַרשפּרייטן און פונאַנדערבלאָזן זיי.

מיר וועלן בקיצור דערמאָנען די געשעענישן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין מיטגעטיילט: צווישן 15־טן אָקטאָבער פאַרגאַנגענעם יאָר און דעם 25־טן יאַנואַר, ד. י. זענען אין אָסטראָלענקע אויסגע־בראָכן 9 שריפות. ס'זענען אַוועק מיטן פייער פילווירטשאַפטס־געביידעס, דערין לעבעדיקער און טויטער אינווענטאַר. דעם שולדיקן אין די אונטערצינדונגען איז געווען אוממעגלעך צו כאַפּן — טראָץ דער פאַרשטאַרקטער וואַכזאַמקייט פון דער מיליץ און ספּאָנטאַנישע שמירות, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די איינוווינער. אין שטאָט איז אַנטשטאַנען אַ געוואַלדיקער פּחד פאַר שריפות, ס'האָבן אָנגעהויבן קורסירן פאַרשידנאַרטיקע קלאַנגען. לסוף ביי דער 9־טער שריפה, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דער 24־יעריקער אָסטראָלענקער איינוווינער וויטאָלד שופּלינסקי, וועלכער האָט זיך מודה געווען אין די אונטערצינדונגען. אַלס סיבה האָט ער ביי דער אויספאָרשונג אָנגעגעבן זיינע איבערלעבונגען אויף אַ ליבעס־באָדן — די אוממעג־לעכקייט צוליב זיין מאַמעס קעגנערשאַפט חתונה צו האָבן מיטן מיידל, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, דערנאָך די אומגעלונגענע הייראַט מיט אַ צווייטער און תיכפדיקן גט.

מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט דורכצופירן געשפּרעכן וועגן דעם מיט פיל איינוווינער פון אָסטראָלענקע, באַזונדערס ביי דער לאָקאַלער וויזיע אויפן אָרט פון די שריפות, ווען ס'איז זיך צונויפגעלאָפן כמעט אַ האַלבע שטאָט, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף שופּלינסקין, דעם פאַרדעכטיקן אין אונטער־צינדן. ביינאַנד מיט די פאַרנינפטיקע שטימען, ביינאַנד מיט די רירנדיקע קלאָג־ווערטער פון די אָפּגעברענטע, האָבן מיר זיך אָנגעהערט אויך נישט ווייניק זינלאָזיקייטן.

די רכילותדיקע קלאַנגען, זייער אָפט זיך־איבערחזרנדיקע, האָבן געזאָגט — און אפשר זאָגן זיי נאָך היינט — אַז דאָס צינדן־אונטער אָסטראָלענקער ייִדן. פאַרוואָס גראָד ייִדן, און נישט למשל די קריסטן? נו, ווייל זיי ווילן זיך נוקם זיין — האָט געקלונגען דער ענטפער — אין געוויסע אָסטראָלענקער איינוווינער. בעת דער אָקופּאַציע, ווען די ייִדן פון דער דאָזיקער שטאָט זענען אַנטלאָפן, האָבן די בעלי־עגלות, וועלכע האָבן זיי צוגעהאָלפן אַנטלויפן, באַראַבעוועט זיי אויפן וועג.

די קלאַנגען נעמען־אָן אַלץ אַ ברייטערן אומפאַנג, גייען אַרויס ווייט מחוץ אָסטראָלענקע. ווייל אָט הויבט מען אָן צו דערציילן, אַז אָסטראָלענקע איז נישט קיין אויסנאַם. אַזעלכע מאַסנהאַפטע אונטער־צינדונגען ווערן אָרגאַניזירט אויך אין אַנדערע אָרטשאַפטן. ערגעץ־ווו זאָל שוין האָבן אָפּגעברענט אַ האַלבע שטאָט.

ווען די דאָזיקע קלאַנגען וואָלטן קורסירט נאָר צווישן פּראָסטע, פינצטערע מענטשן, וואָלט מען נאָר געקאָנט באַ־דויערן זייער נאַאיווקייט, פאַרטראַכטן זיך גלייכצייטיק, צי עמעצער לאָזט נישט אַרויס באַוווסטזיניק די דאָזיקע קלאַנגען כדי פאַרטומלען די מוחות ביי דער געלעגנהייט פון מענטש־לעכע אומגליקן".

אין ווייטערדיקן טייל פונעם אַרטיקל גייען זאַכלעכע פּרטים וועגן דער אויספאָרשונג, אַרויסזאָגונגען פון עקספּערטן, פּסיכאָלאָגן א. אַז. וו. און עס קומט פאָלגנדיקע פאַרענדיקונג:

„מען קאָן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און צוקוקן זיך ווי די שטאָט גייט כאָדאָראָם. מען קאָן און מען דאַרף זיך קעגנשטעלן די געפערלעכע רכילותדיקע קלאַנגען. ס'איז דאָך פאַראַן דער פּאַרטיי־קאָמיטעט, דער נאַציאָנאַל־ראָט, ס'זענען פאַראַן אַרבעטס־אונטערנעמונגען, ווו פאַרנינפטיקע מענטשן קאָנען נעמען אַ וואָרט און רעדן צו נאַאיווע אָדער קריטיק־לאָזע מענטשן. ווער עס האָט די מאַכט, דער דאַרף רעגירן".

„אבן מקיר תזעק"

אונדזער חשובער בן־עיר **מאַרק ראַקאָווסקי**, וועלכער האָט אונדז צוגעשיקט בילדער פון דער היינטיקער אָסטראָלענקע, נעמענדיק אויף זיך די הייליקע און שווערע מיסיע, וואָס דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין וואַרשע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, אָפּצופאָטאָגראַפירן די אַלע יידישע חרוב־ומוחרב־געוואָרענע מקומות אין פוילן, ווי: געזעלשאַפטלעכע פלעצער, שולן, בתי־מדרשים, הייזער וווּ רבנים זענען געזעסן א. אַז. וו. — שרייבט אונדז:

„איך האָב אָנגענומען די שליחות פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אַרומצופאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיט אַ פאָטאָגראַף, כדי צו פאַראייביקן אויפן פּאַפּיר אין בילד יעדן שפור, וואָס איז עד היום פאַרבליבן פון יידישן רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן.

אין מיין איצטיקער שליחות פיל איך זיך צייטנווייז אינעם פאַרנעפלטן בין־השמשות אין דער ראָל פון דעם אייביקן ייד, דעם אייביקן וואַנדערער, וואָס שפּרייזט אָן אָפּרו איבער דער וועלט, טרעט מיט די פיס איבער צעגראָבענע פאַרוויסטע בית־עלמינס, איבער צעבּרעקלטע קברים, איבערן אַש פון די פאַר־שניטענע זעקס מיליאָן יידן, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט אין יעדן ווינקעלע פון פוילן.

איך לייד, עס ווייטיקט מיין האַרץ, אַריינקוקנדיק זיך אין דעם דאָזיקן אומגעהויערן עמק הבכא און אין מיינע יאָרן ווער איך נישט אַזוי אָפּגעמאַטערט פיזיש, ווי פּסיכיש. אין מיין קאָפּ איז אַ ווימלענדיקער מוראַווניק פון די שנעל אויפ־גענומענע ווייטיקדיקע איינדרוקן, וואָס יאָגן איינער דעם אַנדערן. און ווען איך קום אויף אַלטע באַקאַנטע מקומות פאַר־שווינדט פאַר מיר דער איצט, דאָס רעאַלע לעבן און כ'בּלייב שטיין אויג אויף אויג מיטן עבר, וואָס איז פאַר מיר רעאַל.

איך האָב זיך פאָטאָגראַפירט אויף דער סטאַציע אָסטראָ־לענקע (קאַצינעס), אויף דעם פּלאַץ וווּ עס איז געשטאַנען אונדזער הויז — אויף דעם פּלאַץ שטייט דאָרט אַ שטיינער־הויז מיט אַ קיאָסק, און בעת מ'האָט מיר אָנגעוויזן אויף די אַלטע אָפּגעפרישטע הייזער, האָב איך זיי נישט געקאָנט דער־קענען, ווייל אַמאָל זענען די הייזער געווען אָפּגערוקט אַ 200 מעטער פון וועג, און איצט איז געוואָרן אַ מין קפיצת־הדרך, דער וועג האָט זיך צוגערוקט נעבן די הייזער און לעבן זיי אַ בּרייטער טראָטואַר. איך האָב זיך פאָטאָגראַפירט מיט 2 מענטשן וואָס האָבן געקענט אונדזער פאַמיליע, נאָר זיי האָבן מיך נישט דערקענט אַזוי ווי איך האָב זיי נישט דערקענט... אויסער דעם האָב איך זיך פאָטאָגראַפירט אין אָסטראָלענקע גופא. איך האָב פאָטאָגראַפירט אַ הויז מיט אַ באַלקאָן, וווּ מיין מומע צילע ראַקאָווסקי־פּאַוולאָווסקי, די ציין־דאָקטאָרין, האָט




מאַרק ראַקאָווסקי פאַרן דענקמאָל פון די אומגעקומענע יידישע העלדן אין וואַרשע:

„איך זע בלוט פאַר מיינע אויגן און איך הער ווי שטיינער שרייען"!...

געוווינט (אומגעקומען אין דעם ביאַליסטאָקער געטאָ). איך האָב געמאַכט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון די געזעלשאַפטלעכע אָביעקטן פון וועלכע ס'איז גאָר נישט געבליבן. פאָטאָגראַפירט דעם פּלאַץ פון דער סינאַגאָגע — גאָר נישטאָ. אויף אַ טייל פון דעם פּלאַץ איז אויפגעבויט אַ שטיינער־הויז צום וווינען. און אויפן קליינעם פּלאַץ שטייט עפּעס אַן אַלטע חורבה און אַרום און אַרום — ווי צערואינירטע הייזער.

וואָס איז שייך די שטאָט אָסטראָלענקע גופא, דאַרף גע־זאָגט ווערן צו איר שבח, אַז זי איז נישט צום דערקענען. פאַרשוווּנדן זענען געוואָרן אַ סך הילצערנע הייזקעס און




אויף דער באַן־סטאַציע (קאַצינעס):
אַ קיאָסק אויפן פלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען יעקב מאיר ראַקאָווסקעס הויז.
אויפן בילד: ראַקאָווסקי (רעכטס) און דענוּאָלטדיקע פוילישע שכנים.


ס׳זענען אויסגעוואַקסן מויערן. אויפן מאַרק — אַ שיינער סקווער מיט פילפאַרביקע קלומבעס מיט בענק, בלויז איין זייט פונעם רינעק, וואָס הייסט איצט גענעראַל בעמא. אין שטאָט זענען פאַראַן פלעצער נישט ווייניק, וואָס זענען געבויט לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען עס בלייבן יידן אין אָסטראָלענקע, זיי זאָלן זיך קאָנען פרייען מיט דער באַנייטער שיינער שטאָט.

איך האָב באַזוכט און אויך פאָטאָגראַפירט דעם בית־עלמין, וואָס שלענגלט זיך אויף אַ בערגל צווישן געדיכטע ווילד־גראָזן און גרינע ביימלעך, אָבער קיין איין מצבה איז נישט פאַרבליבן. דער דייטש האָט זיי אַלע אַרויסגעשלעפט, כדי צו ברוקירן גאַסן און אויף פונדאַמענטן פון די הייזער. פאַר־בליבן זענען בלויז אַ געוויסער טייל צעשטערטע קברים און יעדעס שטיקעלע ציגל שרייט — אבן מקיר תזעק, — און רופט אַרויס כעס און צאָרן קעגן די מאָדערנע פאַשיסטישע קאַניבאַלן וואָס האָבן אפילו די מתים נישט געלאָזט צורו.


ספעציעל האָב איך פאָטאָגראַפירט דעם כיכר און אַ פּאָר גאַסן אַרום און אַרום. אויסער דעם געמאַכט אַ ספעציעלע פאָטאָגראַפיע פון „פאָמניק” אין דעם וועלדל וואָס אויף דער 2־טער זייט פון נאַרעוו. דאָס האָט מען געמאַכט ספעציעל פאַר אַן אָנדענק פאַר די דערמאָרדעטע פאָליאַקן, אָבער מען דאַרף לייענען: „י י ד ן!” — —



הויז אויפן אָרט פון דער קאַצינער שול




הויז אויף לאָמזשער גאַס, ווו עס האָט געוואָלט זיין אַ יידישע שולע




ראָגאָווע הויז פון מאַרק־פּלאַץ גטנ. בעמא



לאָמזשער גאַס. היינט קאָשציושקא



אָסטראָווער גאַס. היינט וואַרינסקי־גאַס



נייע בלאָקן אין וווֹיטשעכאָוויעץ



פּאָרט אויף דער נאַרווע — אויפן וועג קיין וווֹיטשעכאָוויעץ, דאָרט איז
אויך אויסגעבויט אַ ספּאָרט־קלוב, אויפן בילד (אינמיטן): ראַקאָווסקי




שטיקל נישט פאַרבויטעט אָרט פון אָסטר. שול־הויף.



פראַגמענט (1) פון אָסטראָלענקער בית עלמין



פראַגמענט (2) פון אָסטראָלענקער בית עלמין



דאָס אָרט הייסט „גורקי״. אויף דעם אָרט זענען אויסגעמאָרדעט און
דערשאָסן געוואָרן עטלעכע הונדערט יידן.


אֵלֶה
אֶזְכְּרָה
יאר־צייט

חיים חמיאל

יִתְגַּדַּל...!

א

אָשִׁיר לָךְ, הַשִּׁיר לָךְ, מִגְדַּשׁ הָעֶצֶב, עַל מַה שֶׁהָיָה וְאֵינוֹ
וְשִׁקַּע לִי בַּלֵּב מִקְסוּם זֶה הַצַּעַר מַעְיָן לְדִמְעוֹת עֲקֵדָה,
וְשִׁיר בִּי, עָגְמָה מִתְרַפֶּקֶת עֲלֵי־שִׁיר, כְּצֵל מִתְלַוֶּה בִּבְדִידוּת,
לָךְ אָשִׁיר אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה אֶת שִׁיר לְוָיָה אַחֲרוֹן לְעֵדָה קְדוֹשָׁה שֶׁאָבְדָה.
לֹא חָרְבָה אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה הָעִיר, לֹא,
לֹא חָרְבָה אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה, הִנֵּה הִיא עוֹדֶנָּה
קַיֶּמֶת, עוֹמֶדֶת, הִנֵּה רְשׁוּמָה בַּמַּפָּה הִיא, בַּסֵּפֶר,
הִנֵּה גַּם חָזַר הַפָּלִיט עוֹד מִמֶּנָּה,
אוֹמֵר הוּא:– הָיִיתִי!– וּמָה? – בָּהּ עוֹמְדִים כָּל בָּתֶּיהָ,
חָצֵר וּרְחוֹב, בָּהּ הַכֹּל, הַכֹּל בָּהּ נִצַּל,
הוּא אוֹמֵר:– בָּהּ עוֹמֵד רְחוֹב בֵּית־הַכְּנֶסֶת,
הַשּׁוּק הַיָּשָׁן, הֶחָדָשׁ, וְגֶרֶב הַנַּחַל, הַגֶּשֶׁר מֵעַל,
בָּתִּים שֶׁהָיוּ בָּהּ שֶׁל עֵץ וְשֶׁל אֶבֶן, בָּתִּים שֶׁל חוֹמָה, לְבֵנִים,
כְּפוּפִים, יְשָׁרִים, עֲקוּמִים, נְמוּכִים וּגְבֹהִים,
אֲנָשִׁים בָּהּ רָאָה מְהַלְּכִים בַּסִּמְטָה וּבָרְחוֹב,
אֲנָשִׁים בָּהּ הַרְבֵּה הוּא רָאָה הַפָּלִיט, מְהַלְּכִים אֲנָשִׁים,
בְּבָתִּים שָׁם יוֹשְׁבִים וְאוֹכְלִים, צוֹחֲקִים, מְחָרְפִים,
מְגַדְּפִים וְשׁוֹתִים, מִשְׁתַּכְּרִים – וְכֻלָּם חֲדָשִׁים...
וְלֹא יְהוּדִי אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה, בָּהּ לֹא נִשְׁאַר אַף אֶחָד
מִתּוֹשָׁבֵי זוֹ הָעִיר, וְתִיקֶיהָ, יָלְדוּ בָהּ, חָיוּ בָהּ, בָּנוּ בָהּ בָּתִּים.
יָשְׁבוּ בָהּ בָּעִיר – עֲנִיִּים, עֲשִׁירִים, חֲסִידִים, מִתְנַגְּדִים,
פּוֹעֲלִים, סוֹחֲרִים, בַּטְלָנִים וּסְתָם תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.
עִיר בֵּין עָרֵי יִשְׂרָאֵל – אוֹסְטְרוֹלֶנְקָה, וּבָהּ חֲמִשָּׁה אֲלָפִים יְהוּדִים,
תִּינוֹקוֹת, יְלָדִים, נְעָרִים וּבְתוּלוֹת, בַּחוּרִים וּזְקֵנִים,
וּבֵית־הַמִּדְרָשׁ מְבֻיָּשׁ, לְלֹא קוֹל שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה,
שָׁם רָאָה מִסָּבִיב חֲזִירִים מְהַלְּכִים בֶּחָצֵר וְנוֹבְרִים,
וּבְבֵית הַגְּבִיר הַמֻּפְלָג – הוּא אוֹמֵר הַפָּלִיט – מִתְכַּתְּשִׁים שִׁכּוֹרִים,

מְנַפְּצִים הַשְּׁמָשׁוֹת בִּגְעָרָה וּבִצְחוֹק עֲרֵלִים.
וְאוֹמֵר הַפָּלִיט: הוּא עָבַר לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ וְשָׁאַל:
אִי כַּלָּן, אֵי שַׁמָּשׁ, מְלַמֵּד אוֹ גַבַּאי אוֹ סְתָם בָּהּ יְרֵא שָׁמַיִם,
שֶׁפַּעַם הָיוּ בָהּ לוֹמְדִים מֻפְלָגִים, רַב וּשְׁנֵי דַיָּנִים,
בָּהּ הָיוּ בּוֹרְרִים, חַזָּנִים, שַׁמָּשִׁים, בַּלָּנִים, בָּהּ הָיוּ שׁוֹאֲבֵי הַמַּיִם:
(וָלִיגֶל אִישׁ מְטֹרָף, זִישְׁקֵי אִלֵּם מִתְּהָרוֹ, וּנְיָמִין סְתָם שׁוֹאֵב מַיִם),
מַיִם סִפְּקוּ לְכָל בַּעַל־בַּיִת בָּעִיר;
הָיוּ תַקִּיפִים גַּם בָּעִיר, פַּרְנָסִים, גַּבָּאִים שֶׁל „חֲבָרוֹת",
בָּתֵּי־כְנֶסֶת וּ„שְׁטִיבְּל"; רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי וּשְׁלִישִׁי, וְיִחוּס לַמַּפְטִיר.
וְהָיוּ אֲגוּדֵי סוֹחֲרִים וְעִירִים, בַּעֲלֵי־מְלָאכָה, אֻמָּנִים, חֶנְוָנִים,
אֻשְׁכָּפִים, רַצְעָנִים, נַגָּרִים, דַיָּגִים, קַצָּבִים וּמוֹכְרֵי זִיפֵי־חֲזִיר,
וְהָיוּ שָׁם בָּעִיר בַּעֲלֵי־בָסְתָּנִים, מְגַדְּלֵי־תַפּוּחִים וּשְׁזִיפִים,
אַגָּסִים, דֻּבְדְּבָן, וּמוֹכְרֵי יְרָקוֹת שָׁם הָיוּ, סוֹחֲרֵי־תְבוּאָה וּבָעִיר.

כִּי הָיוּ בָהּ בָּעִיר בְּאוֹסְטְרוֹלֶנְקָה, הַרְבֵּה בָהּ הָיוּ עֲמֵלִים,
הָיוּ עֲמֵלִים וְעוֹבְדִים בָּהּ הָיוּ, וּלְמַעַן הַגּוֹי בָּהּ חָיוּ,
שֶׁלּוֹ הַכֶּסֶף, לוֹ הַבַּר, וּבִתָּם קָצִיר,
טָרְדוּ גִשְׁמֵי סַגְרִיר בַּחוּץ, בָּא אָז הַגּוֹי לָעִיר.
הַרְבֵּה בָהּ חַיָּטִים הָיוּ, תָּפְרוּ מְבַד מִקְטֹרֶן,
בָּא אִכָּר, גּוֹי מִן הַכְּפָר, מָכַר תְּבוּאָה מִן גֹּרֶן,
יֵ"שׁ הֵרִיחַ, חִישׁ הִגִּיהַּ „רֶבַע" וּ„מֵאִית" אֶל פִּיו,
וְלַשּׁוּק יָצָא בֵּין דוּכָנִים, לִבְחֹר, לִקְנוֹת מִיהוּדִים, יִבְדֹּק בַּטִּיב,
אִם מְבַד מְעִיל חֻיַּט וְיַעֲמֹד שָׁנִים רַבּוֹת,
אַבְרָקִים מִדַּת יָדַיִם בְּקוֹל תְּרוּעָה יִפְרֹשׂ, יָמֹד,
וּמִיהוּדֵי נַפְשׁוֹ חָשְׁקָה, הֵבִיא לָהּ שַׁי לְמָרִישְׁקָה,
פְּקָרִם, אַנְפִּילָאוֹת שֶׁל לֶבֶד, צָנִיף נָאֶה שֶׁל שִׁירָאִין,
סְכָה, פְּרִיפָה אוֹ פַּס וְחֶבֶט, שֹׁהַם, אֹדֶם, עֲגִילִים –
כָּךְ חָיוּ בְּאוֹסְטְרוֹלֶנְקָה וְסָחֲרוּ יְהוּדִים עִם גּוֹיִים.

ב

וְהָיוּ וְיָצְאוּ לִכְפָרֵי הַמְּדִינָה לִקְנוֹת בֶּן־בָּקָר אוֹ יְבוּל,
לֹא עִכְּבָם הַגֶּשֶׁם, לֹא רוּחַ צִנָּה – בֵּינֵיהֶם הָיָה גַּם רַב שְׂרוּל.
שְׂרוּל קָרְאָה לוֹ אִשְׁתּוֹ צִירְל,

שְׂרוּל קָרְאוּ לוֹ בְּנֵי הַ„שְׁטִיבְּל”,
שְׂרוּל הָיָה שְׁמוֹ הַוָּתִיק,
שָׂרְק וְסִיל כִּנָּה שְׂרוּלִיק.
שְׂרוּל – וּמִי לֹא יָדַע אֶת רֶב שְׂרוּל בַּעַל סוּסִים, יְהוּדִי קִפֵּחַ,
זָקָן לוֹ סְפִיחַ, שָׂפָם שֶׁל קוֹזָק וְרֹאשׁ לוֹ גִּבֵּחַ,
הָיָה הוּא חָבִיב הוּא הָיָה רֶב שְׂרוּל בָּזֶה,
שֶׁבְּכָל חַג (וְחַגִּים לֹא חָסְרוּ) וּבְכָל מִשְׁתֶּה,
שֶׁעָרְכוּ סְעֻדָּה שֶׁל מִצְוָה, מְלַוֵּה־מַלְכָּה אוֹ קִדּוּשׁ,
הָיָה רֶב שְׂרוּל מַשְׁמִיעַ נִגּוּן שֶׁל חִדּוּשׁ.
שְׂרוּל הוּא רֶב שְׂרוּל הָיָה גַּם חָסִיד וְלַמְדָן,
יַדְעָן גָּדוֹל, תַּלְמִיד־חָכָם בְּתוֹרַת רַבּוֹ נַחְמָן,
וּבְהָסֵבּוֹ בְּחֶבְרָה לִסְעֹד, הָיָה עִם פְּתִיחָה –
לִפְנֵי שֶׁלָּגְמוּ לְגִימָה רִאשׁוֹנָה – מוֹסֵר בְּבְדִיחָה
מֵאֵת רַבּוֹ כְּזֹאת:–
הַשּׁוֹתֶה יְזַמֵּר,
שֶׁכֵּן שָׁרוּ עַל הַבְּאֵר,
יָצָא הָאוֹכֵל, שֶׁאֵין הוּא רָן –
שֶׁכֵּן לֹא שָׁרוּ עַל הַמָּן.
וּבְכֵן, חָסִיד, חָסִיד הָיָה, לַמְדָן רֶב שְׂרוּל,
וְזוּגָה לוֹ הָיְתָה אֵשֶׁת חַיִל, צְנוּעָה, חֲסוּדָה,
הָיָה הוּא מְשׁוֹטֵט בְּעָרֵי הַגְּבוּל
וְצִירְל אִשְׁתּוֹ עֲקָרָה.

וּבִמְלֹאת לָהֶם שִׁשִּׁים, שִׁשִּׁים וּזְקֵנָה הֵן כְּרָגִיל,
מָסַר רֶב שְׂרוּל אֶת הַסּוּסִים לִמְשָׁרְתוֹ הַגּוֹי וָסִיל:
– „הֵי וָסִיל, וָסִיל חָבִיב,
רְאֵה, שְׂרוּלִיק שֶׁלְּךָ זָקֵן;
עוֹד שָׁנָה וְעוֹד אָבִיב,
וְהוּא בַּקֶּבֶר יִשְׁתַּכֵּן.
וַדַּאי וָסִיל, וַדַּאי שָׁמַעְתָּ,
שֶׁמָּשִׁיחַ הוּא צִדְקֵנוּ,
יְגַלְגֵּל שׁוֹכְנֵי מַטָּה,
עַד לְאֶרֶץ אֲבוֹתֵינוּ.

הַגֵּד, אֵפוֹא, הַגֵּד וַסִיל שֶׁלִּי יַקִּיר,
הַאִם תָּשׁוּשׁ וְסָב כָּמוֹנִי יְטַלְטֵל שַׂק גְּרָמָיו יְרוּשָׁלַיְמָה הָעִיר?"
„– יִשְׁמָרְךָ מִזֶּה הָאֵל" –
נִתְפַּרְפֵּר וַסִיל כַּצֵּל –
„אֲנִי צְרוֹרְךָ שְׁרוּלִיק, אֲנִי אוֹתוֹ עָלַי אַטִּיל,
אֶסְבֹּל, אֶשָּׂא, וּמִכְּתֵפַי אִישׁ לֹא יַפִּיל".
„– כַּלֵּךְ, כַּלֵּךְ לְךָ וַסִיל, עַל־מַה תָּשִׂיחַ כֶּאֱוִיל,
אִתִּי קַחַת לֹא אוּכַל גּוֹי אִם גַּם כְּרַדְזִיוִיל..."
(הִצְטַלֵּב וַסִיל פַּעֲמַיִם, וְקִבֵּל בְּפִיק בִּרְכַּיִם,
אֶת דִּבְרֵי שְׁרוּלִיק שֶׁלּוֹ כִּגְזֵרָה מִן הַשָּׁמַיִם)
„– עוֹד שָׁנָה אוֹ עוֹד שְׁנָתַיִם פֹּה אִתְּךָ אֵשֵׁב – אֲזַי
עִם צִירְל שֶׁלִּי לִירוּשָׁלַיִם אֵצֵא בְּעוֹד אֲנִי בְּחַי!"
וַסִיל הוּא גּוֹי וְקַל לִכְעֹס, רָגַז עַל אֵל, קָשָׁה הַשִּׂיחַ;
שֶׁהוּא יִרְקַב בְּאוֹסְטְרוֹלֶנְקָה וּשְׁרוּל יֵצֵא לִקְרַאת מָשִׁיחַ.
וְאִם מָשִׁיחַ יְהוּדִים, יְהוּדִים בִּלְבַד יִקַּח –
אֵיפֹה יַסִּיק הוּא תַּנּוּרִים, וּלְמִי וּלְמָה יִצְלָח?
רַק הַלַּיְנָה בַּת־זְנוּנִים אִשְׁתּוֹ, כְּלַבְתָּא, גִּלְגּוּל חָתוּל,
– „נְקֹם וַסִיל" – הִיא הִשִּׂיאַתּוּ – „גַּם בָּאֵל וְגַם בִּשְׁרוּל!"
פַּעַם אֶת שְׁרוּל וַסִיל הִסִּיעַ אֶל הַכְּפָר בֹּקֶר לִקְנוֹת,
בְּפְאַת מִזְרָח כִּפַּת רָקִיעַ נֹגַהּ שַׁחַר לֹא הֵהֵל עוֹד.
שְׁלֹשָׁה צְלָבִים נִצְּבוּ בַּדֶּרֶךְ בֵּין הַכְּפָר וּבֵין הָעִיר,
הָיָה וַסִיל כּוֹרֵעַ בֶּרֶךְ, כּוֹבָעוֹ מֵרֹאשׁ מֵסִיר.
וְהִנֵּה, רַב שְׁרוּל מַבִּיט, הֵם נוֹסְעִים, וּכְבָר הִרְחִיקוּ,
וּוַסִיל לֹא נָע, לֹא זָע – צְלָב רִאשׁוֹן, שֵׁנִי הִדְבִּיקוּ,
חֹרֶשׁ כְּבָר הִשְׁחִיר מִמּוּל, פִּסָּה רֶגֶל מִן הַשְּׁבִיל,
אָז פָּקַד לְפֶתַע שְׁרוּל: – „חֲזֹר, חֲזֹר, חֲזֹר וַסִיל!"
כְּהֹלֶם רַעַם מִשָּׁמַיִם הַפְּקֻדָּה עַל רֹאשׁ וַסִיל,
בִּתְמִיהָה לָטַשׁ עֵינַיִם – מָה עִם שְׁרוּלִיק פֹּה יַתְחִיל?
– „הַגֵּד וַסִיל אֶת הָאִוֶּלֶת, מַה זָּמַמְתָּ לַעֲשׂוֹת?"
מִמּוּק שָׁלַף הַמַּאֲכֶלֶת וְהִתְחִיל לְהִתְוַדּוֹת...
יוֹם וָלַיִל עַד שְׁנָתַיִם, עֲווֹנוֹת רִצָּה וַסִיל,
לֹא בָּא גַם שְׁרוּל לִירוּשָׁלַיִם, וּלְגִלְגּוּל מְחִלּוֹת יוֹחִיל...

ג

וְהָיָה עוֹד בָּעִיר גַּם בַּעַל־קַרְקָעוֹת, שֶׁהָיָה בְּמַחְרֶשֶׁת חוֹרֵשׁ,
רַב מָרְדְּכַי זְאֵב – וְהָיָה מְאַסֵּף אֶל גָּרְנוֹ; הָיִינוּ בַּקַּיִץ עַל קַשׁ מְהַדְּסִים,
וְקוֹלִים גַּרְעִינִים, וְצוֹלִים תַּפּוּחֵי־אֲדָמָה עַל הָאֵשׁ,
וּמוֹשְׁכִים בַּעֲטִין הַפָּרוֹת הַחוֹלְבוֹת, וְרוֹכְבִים עַל סוּסִים.
וְהָיוּ סַבָּלִים יְהוּדִים אַמִּיצִים, שֶׁבַּיּוֹם יְגֵעִים,
וּזְקָנָם מְקֻמָּח, וּבִגְדָם מְרֻפָּט, וּבָעֶרֶב חוֹזְרִים מֵעָמָל,
וְהוֹגִים בִּסְפָרִים קְדוֹשִׁים, מְעַיְּנִים בַּתּוֹרָה אוֹ מִשְׁנָה אוֹ בְּעֵין־יַעֲקֹב,
אוֹ לוֹמְדִים גְּמָרָא בְּחֶבְרָה לְאוֹר נֵר וְחַשְׁמַל,
וְהָיָה שָׁם אֶחָד, שֶׁיָּדָיו כִּפְלָדָה וְקוֹלוֹ קוֹל אֲרִי, וְלִבּוֹ יְהוּדִי,
וְהֵטִּיל אֵימָתוֹ עַל גּוֹיִים – „אוֹלֶה־בּוּנָה" כֻּנָּה הַסַּבָּל.
וְרַב שְׁלֹמֹה זַפָּת וְחָסִיד, שֶׁבַּיּוֹם אֶת הַזֶּפֶת מָכַר לְעֶגְלוֹן,
וּבַלַּיִל יָשַׁב בְּחֶדְרוֹ וְלָמַד עַד חֲצוֹת וְיוֹתֵר, בְּנִגּוּן שֶׁהִרְטִיט אֶת לִבִּי,
וְהָיִיתִי נֵעוֹר וּמַקְשִׁיב לְרֶנֶן חִנּוּן בְּעַד חַיִץ־לוּחוֹת שֶׁל עֵצִים,
שֶׁהִפְרִיד בֵּין חַדְרוֹ שֶׁל זַפָּת לְקִיטוֹן שֶׁל אָבִי.
וְרַב מַנֶּס חָסִיד, שֶׁהָיָה מִתְלַהֵב בִּתְפִלָּה, וּמְנַתֵּר, וּמְקַפֵּץ,
וּמְעַוֶּה הַעֲוָיוֹת מְשֻׁנּוֹת בְּפָנָיו, בְּעֵינָיו, שֶׁהִפְחִידוּ אוֹתִי.
וְהָיוּ בָהּ בָּעִיר מַנְהִיגֵי מִפְלָגוֹת וְרָאשֵׁי וְעָדוֹת,
וּמְקַבְּצִים לְקַרְנוֹת שֶׁל צִיּוֹן, וְעוֹרְכִים אֲסֵפוֹת,
הָיָה פֶּסַח הוֹכְבֶּרְג עַל כָּל הַמְּלָאכָה מְנַצֵּחַ.
וְיֵשׁ מְסַפְּרִים, שֶׁחָזַר אַחֲרֵי הַשּׁוֹאָה וְנָפַל בִּידֵי מְרַצֵּחַ.
וְהָיוּ שֶׁעָרְכוּ נְשָׁפִים לִצְעִירִים נוֹעָזִים שֶׁעָלוּ לָ„אָרֶץ";
אִם בֵּן שֶׁ„מָּרַד" בְּהוֹרָיו וְנִמְלַט אוֹ סְתָם בַּעַל־מֶרֶץ,
צָעִיר מֵחַבְרֵי „הֶחָלוּץ" שֶׁהָיָה בְּקִבּוּץ.
וְהָיוּ בָהּ בָּעִיר עַסְקָנִים, נַבָּאִית, וְאִשָּׁה צַדְקָנִית,
שֶׁהָיוּ מְסַיְּעִים לְמִפְעַל־שֶׁל־צְדָקָה אוֹ לִסְתָם נְדִיבוּת שֶׁל נָגִיד,
לְקִמְחָא דְפִסְחָא, מָעוֹת־חִטִּין, עֶזְרָה לְשַׁבָּת וּלְעֵת מְצוּקָה.
הָיוּ חֲבוּרוֹת חֲבוּרוֹת מִתְכַּנְּסוֹת לְלִמּוּד־שֶׁל־תּוֹרָה וּמִשְׁנָה אוֹ סוּגְיָא עֲמֻקָּה,
וְהָיוּ מַתְחִילִים וּמְסַיְּמִים בִּדְרָשָׁה, בְּפִלְפּוּל, בְּדִבְרֵי אַגָּדָה וּלְגִימָה שֶׁל יַ"שׁ,
בְּזֶמֶר בְּיִידִישׁ וְעַד לִדְמָעוֹת, וְנִגּוּן חֲסִידִי, שֶׁהוּבָא זֶה חָדָשׁ.
הָיְתָה חֲבוּרָה־שֶׁל־תּוֹרָה „חֶבְרָה־תּוֹרָה"; יְהוּדִים פְּשׁוּטִים יְקָרִים,
יְהוּדִים מִכָּל הַשָּׁנָה, בָּנוּ בֵּית־מִדְרָשׁ לְתוֹרָה לִתְהִלָּה,
וְהָיוּ בְּכָל־יוֹם אַחַר צָהֳרַיִם לִלְמוֹד שֶׁל אַלְשֵׁיךְ הַקָּדוֹשׁ מִתְכַּנְּסִים,

וְאוֹמְרִים בְּנִגּוּן מְקֻבָּל, וְגוֹמְרִים בִּתְפִלָּה.
שַׁבַּת „יִתְרוֹ" – הִיא שַׁבַּת הַחֶבְרָה, שֶׁעוֹלִים לַתּוֹרָה וְקוֹרְאִים,
וְנוֹדְרִים, וּמְסַיְּמִים בְּקִדּוּשׁ עַל יֵ"שׁ וְעוּגָה וּמָלִיחַ,
וּבְזַיִן אֲדָר עוֹרְכִים סְעֻדָּה שֶׁל מִצְוָה וְלוֹמְדִים,
וּמְסַפְּרִים תְּהִלּוֹת שֶׁל רַבֵּנוּ מֹשֶׁה, וּמְבָרְכִים שֶׁנִּזְכֶּה לַמָּשִׁיחַ.
וְכֵן בְּשִׂמְחַת-תּוֹרָה, בְּצֵאתָא הָיוּ מְסַיְּמִים הַתּוֹרָה,
וְלוֹמְדִים אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ, וְעוֹבְרִים לִזְמִירוֹת וּלְשִׁירָה.
מְבִיאִים נְבָאִים, בְּעֶקֶר הָרִאשׁוֹן, תַּפּוּחִים אֲדֻמִּים, מֻבְחָרִים,
וּפוֹתְחִים חָבִיוֹנֶת קְטַנָּה שֶׁל בִּירָה, וְשׁוֹתִים לְחַיִּים.
הָיְתָה שָׁם חֶבְרָה שֶׁל צְדָקָה גְּדוֹלָה, שֶׁל עֶזְרָה לְחוֹלִים,
שֶׁל תְּמִיכָה לְיָתוֹם, לְנִלְמוּד, לְעָנִי בְּבֵיתוֹ וְלַדָּךְ,
„לִינַת-הַצֶּדֶק" – הָיוּ הַחוֹלֶה בְּמִטָּה מַחֲזִקִים,
מְבִיאִים לוֹ רוֹפֵא וּתְרוּפָה, וּבְרָכָה שֶׁל רֵעוּת, וְעֶזְרָה שֶׁל מַמָּשׁ לַנִּצְרָךְ.
וְהָיוּ מִדֵּי פַּעַם בְּפַעַם זְקוּקִים לְמָעוֹת וְעוֹרְכִים מַגְבִּיּוֹת,
מַצִּיגִים בְּ„עֶזְרַת הַנָּשִׁים" הַצָּגוֹת,
חֲנֻכָּה מַצִּיגִים מְכִירָה שֶׁל יוֹסֵף, אוֹ סִפּוּר „יְהוּדִית" בְּפַמְבֵּי וּפְאֵר,
מַעֲרְכוֹן שֶׁל שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם, לְפוּרִים מַמְחִיזִים אֶת מְגִלַּת-אֶסְתֵּר.
הָיוּ שָׁם בָּעִיר כַּמָּה שׁוֹחֲטִים,
וּמוּבָן, שֶׁהָיְתָה גַּם מַחְלֹקֶת בָּעִיר עַל זְכוּתוֹ שֶׁל שׁוֹחֵט אֶחָד,
נִתְפַּלְּגוּ חֲסִידִים לְצִדּוֹ שֶׁל הָרַב, שֶׁהָיָה מַטְרִיפוֹ,
אוֹ לַצַּד שֶׁל הָרַבִּי, שֶׁהָיָה מַכְשִׁירוֹ, וְהָיוּ מַחֲרִימִים זֶה אֶת זֶה בְּשַׁבָּת...
יָסְדוּ שָׁם בָּעִיר גַּם קֻפָּה, מֵעֵין בַּנְק עֲמָמִי,
לְעֶזְרַת עֲמֵלִים אוֹ „יוֹרְדִים" וּגְמִילוּת חֲסָדִים, וְהָיָה כָּל-אֶחָד בּוֹ חָבֵר,
נוֹטֵל אֶת כַּסְפּוֹ וְיוֹצֵא לִכְרָכִים אוֹ לִכְפָר, עֵגֶל לִקְנוֹת שָׁם כִּבְשָׂה אוֹ פָּרָה,
אוֹ שַׂק תַּפּוּחֵי אֲדָמָה הוּא קוֹנֶה וּמוֹכֵר.
הָיָה שָׁם בָּעִיר בֵּית-סֵפֶר עִבְרִי שֶׁל „מִזְרָחִי" – „יַבְנֶה",
וּבֵית-סֵפֶר „תַּרְבּוּת", וְ„תַלְמוּד-תּוֹרָה", הָיְתָה יְשִׁיבָה,
וּסְתָם חֲדָרִים מְרֻבִּים שָׁם הָיוּ, מְחַנְּכִים לְתוֹרָ"ה וּמִצְוָה,
וְגַן-יְלָדִים שָׁם הָיָה עִבְרִי, וּ„בֵית-יַעֲקֹב" לְבָנוֹת –
בְּקִצּוּר: הַחַיִּים כְּחַיֵּי יְהוּדִים וּכְדַרְכָּם בֶּעָרִים, עֲיָרוֹת,
גְּדוֹלוֹת וּקְטַנּוֹת, שֶׁהָיוּ לְפָנִים בַּמְּדִינָה.
חַיִּים שֶׁל עַצְמָם בָּהּ חָיוּ, מִנְהָגָם בְּבֵיתָם, בְּדִינָם, בִּשְׂפָתָם,
תְּפִלָּתָם, שִׁירָתָם, מֻקָּפִים יָם שִׂנְאָה וְקִנְאָה.

הָיוּ הַבָּנִים מִתְחַנְּכִים לְתוֹרָה, וְיוֹצְאִים לִישִׁיבָה גְּדוֹלָה,
לְלוֹמְזָ'ה, רַאדִין, קְלֶצְק, בָּרָנוֹבִיץ', בְּיַלִיסְטוֹק, מִיר,
וְחוֹזְרִים תַּלְמִידֵי־חֲכָמִים גְּדוֹלִים, וְזוֹכִים לְכָבוֹד וּלְשֵׁם,
וְאִם רְאוּיִים – גַּם לְבַת שֶׁל גְּבִיר.
וְאִמּוֹת מִתְבָּרְכוֹת בְּלִבָּן וְאוֹמְרוֹת בַּיָּמִים הָהֵם:
„יְהִי רָצוֹן שֶׁיָּאִירוּ עֵינַיִם שֶׁל בְּנִי בַּתּוֹרָה, וְיִזְכֶּה לִהְיוֹת רַב בַּמְּדִינָה".
כֵּן הָיוּ שֶׁלָּמְדוּ מְלָאכָה אוֹ מִקְצוֹעַ, הָיוּ שֶׁהָלְכוּ לַסַּדְנָה,
וְהָיוּ שֶׁעָשׂוּ בִּסְחוֹרָה, וְהָיוּ, כֵּן הָיוּ בַּשָּׁנִים אַחֲרוֹנוֹת, שֶׁקָּנוּ בְּגִמְנַסְיָה בִּינָה.

ד

וְהָיוּ הַחַיִּים כְּחַיֵּי כָּל הָעָם בַּמְּדִינָה, עֵרִים, תּוֹסְסִים,
מַשְׁמָעוּת שֶׁלָּהֶם, כָּל הַדָּם נְדוֹנִים,
מִתְמַצִּים בִּמְקוֹמוֹת שֶׁל צִבּוּר:
תְּחִלָּה בַּ„שְׁטִיבְּל", בְּבֵית־הַקָּהָל, הוּא „קָהָל־שְׁטִיבְּל";
בֵּית־כְּנֶסֶת גָּדוֹל שֶׁל הָעָם, שֶׁהָיָה בֵּין מִנְחָה לְעַרְבִית מִתְרַעֵשׁ מִשִּׂיחָה וְדִבּוּר.
וִכּוּחִים עַל דִּבְרֵי מְלָכִים וְשָׂרִים, מִדָּנֵי מְדִינוֹת, וְתִגְרוֹת שֶׁל עַמִּים,
וְהַכֹּל מִבְּחִינָה יְהוּדִית: הֲטוֹב הוּא אוֹ רַע לִיהוּדִים.
אִם גָּבַר הַצּוֹרֵר מָצְאוּ נֶחָמָה, שֶׁ„כָּל הַמֵּצֵר לְיִשְׂרָאֵל נַעֲשָׂה רֹאשׁ",
שֶׁהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מְרִימוֹ לְהַגְדִּיל מַפַּלְתּוֹ לְעֵינֵי הַגּוֹיִם,
וּמַלְכוּת שֶׁבָּרְעָה – מִקְרָא מְפֹרָשׁ הוּא וְרֶמֶז לְכָךְ בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים,
סִפְרֵי חֲרֵדִים, חֲסִידִים, וְהָרַבִּי שֶׁיִּחְיֶה אָמַר כָּךְ וְכָךְ...
יוֹשְׁבִים בַּפִּנָּה „חֶבְרָה מִשְׁנָיוֹת", פֶּרֶק מִשְׁנָה כָּל יוֹם הֵם לוֹמְדִים,
עִם הָ„רַעַ"ב" וְ„תִפְאֶרֶת"; קוֹרֵא לִפְנֵיהֶם יְהוּדִי בְּקוֹל רַךְ,
וּלְיָדָם שֻׁלְחָן מָאֳרָךְ, מִתְיַשְּׁבִים הַלּוֹמְדִים פָּרָשַׁת־הַשָּׁבוּעַ עִם רַשִׁ"י,
מַסְבִּיר הַקּוֹרֵא, עוֹלֶה וְיוֹרֵד בְּנִגּוּן וּמַסְבִּיר,
מְעַיֵּן בְּסִפְרוֹ וְאוֹמֵר: „קֹרַח וְנֶפֶג וְזִכְרִי",
רֶמֶז לְקֹר שֶׁהוּא פָּג שָׁבוּעַ שֶׁל סֵדֶר „וָאֵרָא", וְיֵדַע כָּל הָעָם לְהַזְכִּיר.
עוֹמֵד שָׁם רַב בָּרִישׁ לְיַד הַתַּנּוּר, מוֹצִיא מִקְטַרְתּוֹ מִכִּיס, מְנַקֶּה מֵאָבָק,
פּוֹתֵחַ מִכְסֶה מְלֻטָּשׁ וּמַבְרִיק מֵעַל בֵּית־קִבּוּל מְכֻבָּד לְטַבָּק,
טַבָּק שֶׁל עָלִים שֶׁקִּבֵּל בִּכְפָרִים, בִּדְרָכִים, בִּקְהַל חֲסִידִים, בְּחַצְרוֹת רַבִּיִּים, בְּפֻנְדָּק.
אוֹרֵחַ רַב בָּרִישׁ, אוֹרֵחַ בָּעִיר, חָסִיד וְרַוָּק,
אוֹהֵב לְחַזֵּר הוּא אַחַר יְהוּדִים מֵרֹב אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל,
הוּא בָּא אֶל כָּל עִיר, אֶל כְּפָר, מְהַנֶּה בְּסִפּוּר, מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה הוּא מַגִּיד וּמֵשִׁיב לְשׁוֹאֵל.
אָמְרוּ חָסִיד הוּא, עַלִּיז הוּא, הוֹלֵךְ וּמְפַזֵּז, מְרַקֵּד וּמַרְקִיד, מְבַדֵּחַ.

חָסִיד הוּא – לָאוֹר־דַּוְקָא שֶׁל רַבִּי פְּלוֹנִי, חָסִיד הוּא וּכְדַרְכּוֹ הוּא שָׂמֵחַ,
כָּזֶהוּ רַב בֶּרִישׁ – צָנוּם וְגָבֹהַּ, וּזְקַן־תַּיִשׁ מַקְפִּיץ בְּדַבְּרוֹ,
קְמָטִים בְּמִצְחוֹ, בִּלְחָיָיו, עֵינָיו הַכְּחֻלּוֹת מְחַיְּכוֹת בְּעֹמֶק מַבָּט,
כּוֹבַע גָּדוֹל לְרֹאשׁוֹ – מֵעַל לַכִּפָּה מְכַסָּה קָרַחְתּוֹ,
כְּדֶרֶךְ כּוֹבְעֵי חֲסִידִים בַּמְּדִינָה, שֶׁחֶצְיֵי מִצְחִיָּה לָהּ מַרְאֶה יָרֵחַ, קַפּוֹטָה שֶׁל בַּד
וּלְהַפְרִיד בֵּין עֶלְיוֹן לְתַחְתּוֹן לוֹ מִמְּשֵׁי אֵזוֹר;
אוֹהֵב הוּא רַב בֶּרִישׁ מַעֲשֵׂה־בַּעַל־בַּיִת לִפְרֹם קַפּוֹטָה, לְהַרְאוֹת חֲזִיָּה מְרֻכֶּסֶת
שַׁרְשֶׁרֶת שֶׁל כֶּסֶף מִכִּיס שֶׁל יָמִין עוֹבֶרֶת מֵעַל הַכַּפְתּוֹר
עַד לְכִיס שֶׁל שְׂמֹאל, מַחֲזִיק בְּשָׁעוֹן מְהֻדָּר בְּקֻפְסָה מְיֻחֶסֶת,
יְחוּס שֶׁל דּוֹרוֹת, מוֹרָשָׁה לוֹ. מַעֲשֶׂה שֶׁתְּפָסוּ לְרַב בֶּרִישׁ בַּיַּעַר,
וְעָשׂוּ בוֹ מַעֲשֵׂה־תִּעוּב מְסֻכָּן, לֹא נָטְלוּ שַׁרְשַׁרְתּוֹ, שְׁעוֹנוֹ, קֻפְסָתוֹ;
מְצָאוּ אֶת רַב בֶּרִישׁ מוּטָל כְּשָׁחוּט, הִבְהִילוּ רוֹפֵא, הִגִּיד הוּא רֹאשׁוֹ צַעַר:
– „יְהוּדִים, יֵשׁ לָכֶם רַבִּי? כִּלְכוּ אֶל הָרַבִּי לִפְנֵי שֶׁתִּפַּח נִשְׁמָתוֹ".
וְהוֹעִיל שֶׁהִבְרִיא. בָּא אֶל הָרַבִּי בָּרִיא, הֵצִיץ בְּעֵינָיו בּוֹ הָרַבִּי:
– „בֶּרִישׁ, מִצְוָה גְדוֹלָה הִיא לִשְׂמֹחַ שִׂמְחָה שְׁלֵמָה, שֶׁיֵּשׁ בַּשִּׂמְחָה לְטַהֵר,
שִׂמְחָה מְקָרֶבֶת נַפְשׁוֹ שֶׁל אָדָם לְקוֹנוֹ, שֶׁאֵין לְשַׁעֵר,
צֵא אֶל בָּנַי וֶאֱמֹר: הָרַבִּי גָּזַר לִשְׂמֹחַ, שָׁמַעְתָּ בֶּרִישׁ – דַּבֵּר!"
נִדְהַם רַב בֶּרִישׁ מִקּוֹל הַדּוֹבֵר בְּרַעַם קוֹלוֹת וּבְרָקִים,
עָצַם שְׁתֵּי עֵינָיו וַיַּרְא אֶת הָאֵשׁ וְעָנָן, וַיִּרְעַד, וַיֹּאמַר:
– „רַבֵּנוּ בַּמֶּה, בַּמֶּה לְשַׂמֵּחַ, לַמְּדֵנִי רַבֵּנוּ, בַּמֶּה מְשַׂמְּחִים,
בַּמֶּה מְשַׂמְּחִים יְהוּדִים בְּיָמֵינוּ? רַבֵּנוּ לַמְּדֵנִי, קָדוֹשׁ וְיָקָר!"
– „בֶּרִישׁ" – צָרַד לוֹ רַבּוֹ עַל קְצֵה־שֶׁל־חָטְמוֹ – „מַה לְּךָ בֶּרִישׁ שׁוֹאֵל,
בַּמֶּה מְשַׂמְּחִים לְבוֹת יְהוּדִים, הֲשָׁכַחְתָּ תּוֹרַת צַדִּיקִים? אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל!"
יָצָא מִבֵּיתוֹ שֶׁל רַבּוֹ רַב בֶּרִישׁ, לָקַח תַּרְמִילוֹ וּמַקְלוֹ – וַיֵּלֵךְ.
מֵעִיר אֶל עִיר, אֶל כְּפָר, יִשּׁוּב שֶׁל מִנְיַן־יְהוּדִים נִתְגַּלְגֵּל,
וַיְסַפֵּר סִפּוּרֵי נִפְלָאוֹת מֵחַצְרוֹת צַדִּיקִים,
וְנִסִּים שֶׁעוֹשֶׂה קוּדְשָׁא־בְּרִיךְ־הוּא לְעַמּוֹ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת כְּמוֹ שֶׁהִבְטִיחַ,
בִּזְכוּת הַתּוֹרָה שֶׁעָמְדָה לַדּוֹרוֹת, וּרְמָזִים לְמוֹפְתִים
שֶׁעָתִיד יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת בְּאַרְצוֹ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ כְּשֶׁיָּבוֹא הַמָּשִׁיחַ.
וּבְכֵן, כְּשֶׁהוֹצִיא רַב בֶּרִישׁ מִקְטַרְתּוֹ מִכִּיסוֹ וְנִקָּהּ מֵאָבָק,
וּפָתַח מִכְסֶה מְלֻטָּשׁ וּמַבְרִיק מַעֲשֵׂה רֶשֶׁת מֵעַל בֵּית־קִבּוּל מְכֻבָּד לְטַבָּק,
שָׁלַח יָדוֹ הַשְּׁנִיָּה אֲחוֹרָיו אֶל כִּיס שֶׁמִּתַּחַת לִכְנַף קַפּוֹטָה,
וְהָיָה מִשְׁתּוֹפֵף וּמוֹשֵׁךְ דְּבַר־מָה הַנִּרְאֶה כְּפִנְקָס,

וּפוֹתְחוֹ, וְתוֹפֵס בֵּין אַמָּה לְאֶצְבַּע מִקְצַת שֶׁל עָלִים רְסוּקִים,
וְתוֹחֵב אֶל בֵּית־קִבּוּל, תּוֹחֵב וּמְפַזֵּם,
וְהָיוּ יְהוּדִים בְּ„בֵית־הַקָּהָל”, בִּשְׁעַת מִנְחָה וְעַרְבִית מְהַלְּכִים וּמְשִׂיחִים,
וְשׁוֹמְעִים פִּזְמוֹנוֹ, מִיָּד נִדְחָקִים – הַא?! שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם, בָּרוּךְ־הַבָּא,
מַה שְּׁלוֹמְכֶם? בָּרוּךְ הַשֵּׁם!
הִפְסִיק אָז רֶב בֶּרִישׁ מְלַאכְתּוֹ, וְהִתְחִיל מְחַלֵּק אֶצְבַּע וְאַמָּה עַל יָמִין וְעַל שְׂמֹאל,
וְאוֹמֵר מִלְּתָא דִבְדִיחוּתָא לָזֶה וְלָזֶה, קָטָן וְגָדוֹל.
בָּאִים מִן הַצַּד, מַגִּישִׁים לוֹ גַּחֶלֶת,
הוּא נוֹטְלָהּ בְּיָדָיו וְזוֹרְקָהּ לְאוֹתוֹ בֵּית־קִבּוּל,
וְסוֹגֵר מִכְסֶה שֶׁל מַעְלָה, וְלוֹקֵחַ פִּיָּה אֲרֻכָּה בְּשִׁפּוּל,
וּמוֹצֵץ מְצִיצָה אַחַת וּשְׁנִיָּה, מַתְחִיל הֶעָשָׁן שֶׁל טַבַּק מִתְחַלְזֵן
עִגּוּלִים עִגּוּלִים לְמַעְלָה לְמַטָּה וְכֵן לְכָל צַד.


ה

נִגְמְרוּ תְּפִלָּה שֶׁל מִנְחָה, הִתְחִילוּ תְּפִלַּת מַעֲרִיב,
מִנְיָן לְמִנְיָן, כְּמִנְהַג אֲבֵלִים לַעֲבֹר לִפְנֵי הַתֵּבָה זֶה אַחַר זֶה בְּגוֹרָל;
מִי רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי וּשְׁלִישִׁי, בֵּינְתַיִם יְהוּדִים מִשְׁתָּהִים „בָּרְכוּ” לוֹמַר וְ„אָמֵן”,
מְהַלְּכִים, מְשִׂיחִים, מִתְוַכְּחִים, מְעַשְּׁנִים, מְסַדְּרִים סִדְרֵי הַפְּרָט וְהַכְּלָל.
וְרֶב בֶּרִישׁ עוֹמֵד וּמְסַפֵּר – מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת אֶצְלְכֶם בְּאוֹסְטְרוֹלֶנְקָה, לֹא־כֵן?
שֶׁכּוֹרְכִים תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּגְדֻלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד,
שֶׁאַף הַמַּלְאָךְ בַּשָּׁמַיִם אֵינוֹ עוֹשֶׂה אֶלָּא שְׁלִיחוּת אַחַת,
אַךְ לֹא נִתְּנָה תוֹרָה לְמַלְאָךְ אֶלָּא לְאָדָם בִּלְבַד.
יוֹצֵא, שֶׁאָדָם גָּדוֹל מִמַּלְאָךְ לְכָל הַדֵּעוֹת.
אֶלָּא שֶׁנִּתַּן בּוֹ יֵצֶר הָרָע, שֶׁמֵּסִית לִדְבַר עֲבֵרָה וְיוֹשֵׁב בּוֹ בַּלֵּב,
וּמְפַתֶּה, וּבָא בַּכְּלָיוֹת וּמְנַעֵץ, וְנִכְנָס לָעֵינַיִם, אוֹמֵר: רְאֵה דְבָרִים נָאִים,
שֶׁאַתָּה מִתְאַוֶּה לָהֶם – כְּשֵׁם שֶׁאֲנִי יְהוּדִי, שֶׁאֵינִי מְכַזֵּב,
וְיוֹרֵד וְיוֹשֵׁב בְּרַגְלָיו, וּמְרִיצָן לִדְבַר־עֲבֵרָה,
וּמְבִיאוֹ לִידֵי חֵטְא, עַד שֶׁלּוֹכְדוֹ וְזוֹרֵק בּוֹ טִפָּה שֶׁל מָרָה.
אֶלָּא שֶׁבְּנֵי יִשְׂרָאֵל, זֶרַע קְדוֹשִׁים, מָה הֵם עוֹשִׂים?
מִתְגַּבְּרִים וְדוֹחִים לוֹ לְיֵצֶר הָרָע,
בְּאֲמַתְלָא, בְּדֵעָה שֶׁל חָכְמָה, בִּסְבָרָא,
וּמוֹשְׁכִים אוֹתוֹ אֶל בֵּית־הַמִּדְרָשׁ.
כֵּיוָן שֶׁבָּא אֶל בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, הוּא שׁוֹמֵעַ ‚אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא’,
שׁוּב אֵין לוֹ קִיּוּם בּוֹ וְהוּא מְבַקֵּשׁ לָצֵאת.

נוֹטֵל אָדָם לְיִצְרוֹ זֶה הָרַע,
תּוֹפְסוֹ בְּגַרְגֶּרֶת וְשׁוֹחֲטוֹ, וְזוֹכֶה לְחַיֵּי־עוֹלָם־הַבָּא".
אוֹמְרִים לְרֶבּ בֶּרִישׁ: סַפֵּר נָא רֶב בֶּרִישׁ, סַפֵּר
מַעֲשֶׂה נִפְלָא עַל גְּדֻלָּה שֶׁל אָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה –
נוֹטֵל הוּא קַמְצוּץ שֶׁל טַבָּק לְאַפּוֹ, שֶׁיְּהֵא בוֹ כְּדֵי לְעוֹרֵר,
מְגָרֵף חָטְמוֹ וְאוֹמֵר כְּדֶרֶךְ שְׁאֵלָה: „מַעֲשֶׂה?
מַעֲשֶׂה, רַבּוֹתַי? יֵשׁ! מַעֲשֶׂה נִפְלָא וּמָשָׁל.
שָׁמַעְתִּי סִפּוּר מְחַיֵּה נְפָשׁוֹת, מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה".
טוֹפֵחַ רֶב בֶּרִישׁ עַל מֵצַח תּוֹפְסוֹ וְקוֹמְטוֹ כִּמְחָבָה,
מוֹרִיד עֵינָיו אֶל אַפּוֹ שׁוֹהֶה שְׁהִיָּה שֶׁל עֲרַאי,
וּמִיַּד מִתְעוֹרֵר בִּמְאוֹר פָּנִים:
– מַעֲשֶׂה שֶׁשָּׁמַעְתִּי, סִפֵּר שִׁיעִי מֵאִיר מֵרַדּוֹם, מַעֲשֶׂה וּמָשָׁל נִפְלָא – – –
כֹּה הָיָה מְסַפֵּר, כִּי כֵן צִוָּה רַבּוֹ לְהַנּוֹת בְּנֵי עֲדָתוֹ, לְשַׂמְּחָם וְלֶאֱהֹב.
כָּאֵלֶּה סִפּוּרֵי רֶב בֶּרִישׁ, מַעֲשֶׂה נִפְלָא, דָּבָר שֶׁהָיָה אוֹ רַק מָשָׁל הָיָה,
מְחַמֵּם לְבָבוֹת בְּדִבּוּר וּמַחֲזִיר רַבִּים לְטוֹב.

וְעוֹד בָּהּ הָיוּ בָּעִיר בְּאוֹסְטְרוֹלֶנְקָה יְהוּדִים הַרְבֵּה,
הָיוּ וְהֵם אֵינָם, וְאִישׁ לֹא הִסְפִּידָם, וְלֹא יָדַע מוֹתָם, קִבְרָם, עַד הַיּוֹם.
עִם רְבָבוֹת הָלְכוּ, עִם כָּל הָעָם, בָּעִיר, בַּכְּפָר, בָּעֲיָרָה,
הָיוּ לְאֵפֶר. וְלֹא הָיָה מִי שֶׁיִּצְעַק, מִי שֶׁיִּבְכֶּה, מִי שֶׁיִּקֹּם.
עִיר בֵּין עָרִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּפּוֹלִין,
חֲמִשָּׁה בָּהּ אֲלָפִים הָיוּ יְהוּדִים שֶׁאָבְדוּ; אָבַד הַפְּרָט, אָבַד הַכְּלָל,
תִּינוֹקוֹת, יְלָדִים, בַּחוּרִים וּבְתוּלוֹת, נָשִׁים וּגְבָרִים,
צְעִירִים וּזְקֵנִים, עֲנִיִּים, עֲשִׁירִים, חֲסִידִים, מִתְנַגְּדִים – – – יִתְגַּדַּל...!

ירושלים, טבת תש"י



הזכרון האיום...

אורות החשמל כבר האירו את הבתים, כאשר נכנסתי לאותו כפר־עולים אשר מתישביו היו מן האחרונים שעזבו את מחנה הריכוז בגרמניה. שבועות ספורים לפני כניסת צבאות הברית, כשהם כבר קרובים לחיים ולהצלה — הושמדו בני משפחותיהם. וכאשר כל העולם צהל משמחה, עדיין היו הם מוכי תדהמה מהאסון של אבדן יקיריהם, לאחר שכה רבה היתה התקווה להינצל מיד החיה המרצחת. הם גם לא שעו לקול הקריאה לעלות לארץ. קפאון חושים שלט בהם ללא־מְצָרִים.

וכאשר התעוררו — תקף אותם קודם־כל בולמוס של „חידוש" המשפחות. גברים נשאו נשים ונשים נישאו לגברים לאחר פגישה מקרית, ועם הקמת המשפחה באה גם התשוקה לרכוש חפצים — „למלא" את הדירה ככל האפשר, מכל הבא ליד; להתקשט ככל האפשר, למען שוות לעצמם צורת אדם נורמלי, רגיל...

עד מהרה נולדו במשפחות המחודשות תינוקות, ומר היה גורלן של הנשים שלא זכו לכך. מסירות ועבודה רבה השקיעו הרופאים — לעודד ולרפא נשים אלה למען תזכינה גם הן בילד. והיו בין הנשים שעברו גבולות וחיפשו במנזרים, במוסדות־ילדים ובבתי נוצרים בכפרים — שמא נשאר אי־שם מי מילדיהן לפליטה. ואמנם הגיעו אחרי־כן לכפר הזה גם ארבע בנות שהוצאו מציפורני המנזר העקשן, אשר הציל את הגוף אך רצה לגזול את הנפש.

*

מאז ביקורי האחרון, לפני כמה שנים, שונו מאוד פני הכפר. הבתים הורחבו בעזרת הסוכנות, המשק גדל, הרפת מלאה ראשי בקר מטופח. ולמרות המשבר החמור העובר כיום על ההתישבות ואינו פוסח גם עליהם — משתדלים כאן התושבים, במשנה חריצות, להחזיק מעמד.

אחת החברות, ידידתי מאז, הזמינה אותי לראות את ביתה המוגדל ואת המקלחת החדשה עם פלא החרסינה הנוצצת. אך נכנסתי לחדר — סנוורני סילון אור חזק של נברשת מקושטת בטעם עממי זול. ואילו בפינת החדר, על הכוננית, הבהבה להבה דלה במנורת־נפט קטנה.

„יאָרצייט *) בוודאי", — אמרתי בקול.

„לא ,יאָרצייט' שלי בלבד", ענתה האשה, „כי אם של כולנו. לכי מבית לבית ותראי שבכל מקום דולק נר נשמה".

בוודאי זהו תאריך־השמדה משותף לרבים מבני משפחות המתישבים שהיו במחנה אחד — אמרתי בלבי.

כאילו הבינה למחשבתי — הניעה האשה בראשה לשלילה בהתרגשות.

„מיום שהודיעו על תפיסת אייכמן — הסבירה לי — היה הכפר כמרקחה. רבים יצאו ממסלול עבודתם הרגיל. כל שעבר עלינו — פרץ עתה מחדש. מנבכי השכחה עלה הזכרון האיום, כאילו אתמול קרה האסון. והנה, מתוך דחף פנימי, הדליקה חברה אחת עששית־,יזכור' קטנה, והציעה גם לשכנתה לעשות כן. הידיעה נמסרה מפה לאוזן, וכל הנשים מיהרו לצרכניה להשיג נרות או מנורות־נפט. זה נעשה בלי אספה, בלי הסברה, בלי פגישה כללית. אשה עם שכנתה וזו עם חברתה נדברו להדליק נר־נשמה לזכר יקיריהן — עד יום התליה של ה,ימח שמו'".

זמן־מה לא יכולתי למוש ממקומי. אחר־כך, באמתלה של פגישה הכרחית, יצאתי לרחוב ונכנסתי לבתים אחדים. ובכל אחד מהם הבהב אור קלוש של „יאָרצייט", אותה לשון אש הבוערת בלבבות בשלהבת שאין לה סוף.

כל אותו לילה לא עצמתי עין. כיצד זה לא עלה על דעתי לעשות כמוהם? הרי גם נשמת אמי, מנוחתה עדן, עלתה בלהבות כאשר קלגסי הנאצים עברו ברחבי רוסיה ושרפו את ביתה עליה... הרגשתי עצמי שותפה בחווית־אימה זו לאנשי הכפר ולנשותיו. מוקדי כל הדורות היו לפתע חלק מגופי ומנפשי.

בשעה מוקדמת של בוקר יצאתי לדרכי, כשלאורך כל רחובו של הכפר מלווים אותי אורות ה„יזכור" המחריד הנשקפים מחלונות הבתים.

חסיה דרורי
(כפר יחזקאל)

* באידיש: יום השנה לפטירה.

נהר, לו יכולת לדבר!...

כזרוע כסופה, נוצצת בכל גווני התכלת והירוק, אדירת־זרם וכולה הוד, חובק הנהר נאַרֶאב את העיירה שלי.

שבת בבוקר, בעיר שקט של חג, מי שעדיין לא השכים לתפילה נהנה מרגעי שלוות השינה המאוחרת. הרחובות מטואטאים, החנויות נעולות, פה ושם כבר יצאו מפתח הבית ילדים בבגדי השבת להתפאר בהם בפני חבריהם למשחק, עם עוגת האוכמניות ביד. עוד מעט ילכו לקרוא את הגוי הזקן יורקובסקי להסיר את הפמוטות של שבת מעל השולחן, הגוי הטוב, המסיק לנו את התנורים בחורף ומונע ממנו חטא של חילול שבת בעד פרוסת חלה.

— — — בין קני־הסוף של שפת הנהר, לרחש זרם הגלים המעלה געגועים לאין־סופי ולבלתי־נודע, שם, מוסתר מעיני הגויים שומרי החוק, מתרחש דבר לא רגיל. קבוצת נוער ראשונה עומדת במפקד. הילדים הקטנים מהסביבה שקלטו את הסוד מפי אחיהם, ואני אז בתוכם, לוטשים עיניהם ואכולי קנאה מסתכלים בהם בתמהון ובחרדת קודש. מי אלה? הדמויות מצטיירות לעינינו כשליחי המכבים שעל גבורתם לימדונו.

זאת היתה קבוצת הצופים העברים הראשונה בעירנו שהיוו אחר־כך את הסתדרות „השומר־הצעיר" בעיר. מקבל המסדר אביגדור, המייסד. זה אחי המנוח. הכל מתנהל בשפה העברית, אנו מקשיבים מוקסמים. זה היה משב־הרוח הראשון שבישר תחיה לנוער העברי.

— תנועת „השומר־הצעיר" היוותה מפנה מכריע בקרב הנוער, אשר נם עד כה בחיק המסורת הטיפוסית של עיירה יהודית בגולה.

ה„חדר", ה„תלמוד־תורה", הלבוש החסידי המסורבל, העיוורון לגבי מצבו של העם וההכנעה לקיומו בצל חסדם של הגויים, חוסר הכרה לאומית — כל זה פינה דרך לדמות חדשה של נערה ונער יהודי, שזקפו פתאום את קומתם, שהישירו מבט גאה מול הבוז וההשפלה מצד התושבים הפולניים. בעיני האחרונים אף נראה הדבר כתגלית גובלת בנס, הם התחילו לרחוש לנו כבוד. הטיולים המאורגנים להפליא, המצעדים של המוני נוער זה בלבושם האחיד הצופי המקובל בעולם כולו, הנערכים לרגל ל"ג בעומר או חג יהודי אחר, היו עוברים לאורך עורקה העיקרי של העיר כשפניהם לגשר. הדגל עם מגן־דוד נישא ברמה, קול התופים והשירה העברית הדהד באוויר כקול מבשר את ביאת המשיח; ביראת כבוד ותמהון בעיניים פנו המסתכלים הצדה, הן היהודים המזוקנים והאדוקים והן הגויים, שידיהם לא הורמו הפעם ליידות בנו אבנים. מי מאתנו אינו זוכר את הפגנת־העם האדירה כמחאה נגד מאורעות הדמים בישראל? בלהט הקנאות והעלבון הצורב, שהפגין אז נוער אוסטרולנקה, נסחפה העיירה כולה, זקן וטף, מתנגד ואוהד, כולם כאחד הביעו את זעמם באגרוף קמוץ והקשיבו לדברי הנואמים שדמעות זלגו מעיניהם. האוויר כאילו ספוג היה קדושה, כי אותו יום ההפגנה אישר לנו כי נזרע משהו עמוק בלב בני העיירה והנביט בשעת הצורך.

התנועה קלטה את מיטב הנוער, נוער הוגה, נוער צמא לֵדע, נוער מוכן להקרבה עצמית. בעקבות תנועה זו התחילו להתארגן גם תנועות נוער אחרות הנמנות על המחנה החלוצי ואף תנועות משל המחנה הנגדי. עליהם לא אתעכב, לא חלילה מתוך יחס של שלילה, אלא משום שבוודאי חבריהם יעשו זאת.


שם, מעבר לגשר, על גדות נהר נאַרב, התקיימו מרבית הפעולות של תנועת „השומר־הצעיר", חיפשנו את המרחב, שם הטבע לא חסך משפעו והנוער היה חש במגעו את חירותו הנפשית. שם קיימנו את משחקי הצופיות, את תחרויות הספורט, אשר חישלו את כוחנו הגופני לקראת הבאות, שם רקמנו בשיחות ארוכות, לפעמים עד אור הבוקר, את חלום ההגשמה החלוצית. השיחות הללו לא היו אלא פרקי לימוד ועיון בבעיות החברתיות, ההיסטוריות והכלכליות של עמנו, והן הקנו לנו השקפת־עולם מעמיקה, שהצעידה אותנו לקראת פתרון סופי בארץ הנכספת, מוכנים להתמודד עם ישימונה ועם כוחות אנוש עויינים לנו.

לא אוכל למנות שמות החברים של תנועה זאת, הרשימה ארוכה מדי. אעלה כאן את זכרו היקר לי של אחי, מורי ורבי, חיים אביגדור אייזנשטיין, אבי התנועה הזאת. כאשר גמר את לימודיו בישיבת לומז'ה, והוא אז כמעט עלם, כבר היה בקי בכל השאלות של תנועת הנוער הציוני. הוא התחיל מצעירי־ציון, החלוץ, וכאשר תנועת השומר־הצעיר היתה עוד בחיתוליה ובמחתרת, היה הוא הראשון בעיר שאליו הגיעו האקסמפלרים הראשונים בשפה הפולנית של העלון „השומר" — ואני זוכרת את פחדי הרב — עדיין הייתי אז ילדה קטנה — בעת ביקור המשטרה הפולנית בביתנו בחיפושיה אחרי ספרות בלתי־ליגאלית. — — —

נהר נאַרֶאב, היית לנו הידיד הנפלא ביותר, הענקת לנו מפלאי הטבע ללא תמורה, שמרת את סודותינו, ספגת את צחוקנו, את דמעותינו, את שבועותינו...

ביום שעזבנוך, כשעיירתנו טואטאה ביד קטלנית רצחנית מכל נפש יהודית, נשארת אתה העד בדמותך הנצחית, העד האילם לחיים ששקקו על גדותיך, למלה היהודית, לשיר העברי, ל„תשליך"... לדיג היהודי, לגיגיות הכביסה שעטפו הכובסות היהודיות במימיך, לצהלת המחליקים על הקרח, לשירה השומרית המבקיעה חושך, שלא תוסיף עוד להתמזג עם גליך. נהר נאַרֶאב, לו יכולת לספר...

אסתר אייזנשטיין־אייזנמן, תל־אביב



נשי אוסטרולנקה
כובסות
על שפת הנהר

אָסטראָלענקער
פרויען וואַשן
ביים ברעג טייך

די יידישע שטאָט!

אין מיין זכרון גייט אַדורך אַ בילד נאָך אַ בילד פון אָסטראָלענקער רעליגיעזן, געזעלשאַפטלעכן און אַלגעמיינעם יידישן לעבן, ווי איך האָב עס איבערגעלאָזט מיט העכער 25 יאָר צוריק (דעם 12־טן אָקטאָבער 1937 האָב איך פאַרלאָזט אָסטראָלענקע). ס׳איז שווער צו גלויבן אַז דאָס עקזיסטירט נישט מער, אָבער די ווירקלעכקייט איז דער שטאַרקסטער, איבערצייגנדיקסטער אַרגומענט. אָסטראָלענקע די שיינע יידישע שטאָט מיט אַלע אירע ניואַנסן און אָפּצווייגונגען — און וואָס האָבן די נאַצי־מערדער פון איר און פון אונדז געמאַכט? יידן שבת־יום־טובדיקע און יידן וואָכעדיקע, בית־המדרש יידן, שטיבל־יידן, ביבליאָטעקן, פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס מכל המינים. יידן וואָס זענען געגאַנגען ערלעך און געטריי אין די וועגן פון זייערע עלטערן און זיידעס, און יידן וואָס האָבן געוואַגט אָפּצווייכן פון די טראַדיציאָנעלע יידישע וועגן און האָבן געהאַט דעם מוט צו חלומען און קעמפן פאַר אַ נייעם יידישן לעבן אויף מאָדערנע יסודות, אַריינצוברענגען מער גייסטיקן אינהאַלט און באַוווסטזיין אין דעם פאַרעלטערטן סדר פון לעבן. עס זענען אויך געווען יידן וואָס זענען געגאַנגען נאָך ווייטער: זיי האָבן געטרוימט פון אַלוועלטלעכע און אַלמענטשלעכע אידעאַלן. און כדי צו פאַרווירקלעכן אָט דעם ציל איז נויטיק געווען איבערצובויען די וועלט און זי אַוועקשטעלן אויף בעסערע, שענערע און גערעכטערע יסודות.

ווען אָסטראָלענקער יידן פלעגן זינגען, ווי הערלעך שיין פלעגן דאַן זיך אויסמישן די פאַרשידנאַרטיקע ניגונים און געזאַנגען! אָט טראָגן זיך אין דער לופט טענער, וואָס זייער מקור איז געווען גער, ראַדזימין, אַמשינאָוו, קאָצק, בעלז און וואָרקע, און אָט הערן זיך טענער פון געזאַנגען וואָס דערציילן פון פאַרשיקונג אין סיביר, תליות און תפיסות און וועלכע רופן צו פראָטעסט און רעוואָלט. און דאָרט ווידער הערן זיך די פאַרחלומטע בענקנדיקע טענער פון יהודה הלוי׳ס לידער (אין ביאַליקס יידישער איבערזעצונג). און דאָ גאָר אויף דער הויפּטגאַס פון אַ מאָדערנעם יידישן דערציאונגס־אַנשטאַלט הערן זיך די זיסע, האַרציקע, קלינגענדיקע קינדערשע קולות וואָס זינגען אויך זייערע לידער, און דער ליבלינג זייערער איז „אויפן בערגל שטייט אַ שטיבל מיט אַ גרינעם דאַך”. און ווי אַן ענטפער אויף דעם געזאַנג הערט זיך פון אַ צווייטן יידישן לערן־אַנשטאַלט דער וויינענדיקער, האַרציק־זיסער ניגון פון אַ ישיבה־בחור וועלכער פאַרטיפט זיך זינגענדיק אין דעם דיספּוט וואָס עס האָבן געפירט צווישן זיך די בית־שמאי און בית־הלל. און עס הערן זיך אויך לידער־געזאַנגען פון בחורים מיט מיידלעך, וואָס דערציילן וועגן אַנטוישטע האָפענונגען און נישט־דערפילטע צוזאָגן.

און היינט די זמירות ביי יעדן יידישן טיש אום פרייטיק־צונאַכטס? און ווען ס׳פלעגט קומען אַ שמחת־תורה אָדער אַן אַנדער פריילעכער יום־טוב, פלעגן יידן זיך נעמען צום טאַנצן, יעדער לויט זיין נוסח און זיין אינהאַלט. ס׳פלעגן דאַן זיך נעמען הענט אין הענט פאַרפלעכטן, אַקסל צו אַקסל באַהעפטן, די קעפּ אויף אַ זייט אַביסל געבויגן, די אויגן פאַרחלומט ווי צום הימל געווענדט, די שפּיצן פון די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס אין די גאַרטלען פאַרשטעקט און מען טאַנצט מיט התלהבות און ברען, הויך און העכער, פריי פון אַלע דאגה׳ס און קלאָפּאָטן, אויסגעטאָן פון דער וואָכעדיקייט, מיט אַלץ מער שטייגנדיקן ענטוזיאַזם. ווער איז דעמאָלט גלייך געווען צו זיי?

און יידן גאַנץ־אַנדערע, וואָס האָבן זיך פון דער וואָכעדיקייט נישט אויסגעטאָן ביים טאַנצן, זייענדיק ענג פאַרבונדן מיט אַלע פּראָבלעמען פון לעבן. האָט טאַקע זייער טאַנץ געהאַט אַן אַנדער זין און באַדייטונג און אַן אַנדער ריטם, און דאָס האָט זיי געגעבן מוט און אויסדויער צו גלויבן און האָפן אויף גאולת הארץ און גאולת העם.

געווען יידן וואָס פלעגן גיין אין בית־המדרש הערן אַ דרשה, אַריינכאַפּן אַביסל גייסטיקע שפּייז פאַר דער נשמה, און יידן וואָס זענען געגאַנגען אין זייערע פאַרטיי־לאָקאַלן אויסצוהערן רעפעראַטן און לעקציעס וועגן ליטעראַטור, פילאָזאָפיע און פּאָליטיק; יידן וואָס זייער גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו האָבן דעם כבוד צו דאַווענען פאַרן עמוד אין בית־המדרש, און יידן וואָס האָבן געזוכט אַנדערע כיבודים ווי צ. ב. אויסגעוויילט צו ווערן אַלס ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט, אָדער אַלס דאָזאָר אין דער גמינע, אָדער גאָר צו שטיין אין דער שפּיץ פון פאַרטייאישער אָנפירערשאַפט; יידן הדרת־פנימדיקע, און יידן פון נעבעכדיקער געשטאַלט; יידן וואָס זענען געווען באַשאָנקען מיט דער פעאיקייט פון שיין־רעדן, און יידן נעבעך געשטראָפטע פון נישט קענען ווי געהעריק זיך אויסרעדן; יידן מנדבים, און יידן נדבה־נעמער, יידן עקספּלואַטאָרן און יידן עקספּלואַטירטע; יידן כלי־קודש, און יידן היינטוועלטיקע, אויפגעקלערטע, „פריידענקער”; יידן וואָס האָבן געקרעכצט אונטער דער שווערער לאַסט פון לעבן, און יידן וואָס האָבן געקרעכצט פון תענוג און פאַרגעניגן; יידן בושת־פנימדיקע, און יידן עזות־פנימדיקע; יידן פון פרייע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטוירים, דענטיסטן, צאָן־טעכניקער, און יידן ליבהאָבער פון בינע־קונסט, שרייבער. און ווי צו דער קאָמפּלעטירונג פון „אָרקעסטער”, האָבן זיך אויך געפונען, כאָטש זייער ווייניק, יידן, וועלכע זענען אָפּגעטרעטן פון יידישן וועג און פון זייערע יידישע ברידער...

*

פאַרשטומט זענען געוואָרן די געזאַנגען, פאַרשטייפט די פיס, איבערגעריסן זענען געוואָרן אַלע דיסקוסיעס; אויס שטרייטן, אויס וויכוחים, אויס אידעאָלאָגישע קאַמפן: איין שרעקלעכער גורל האָט זיי אַלעמען געטראָפן און פאַראייניקט אויף אייביק. אַלע זענען זיי פאַר אונדז קדושים וטהורים.

יהי זכרם ברוך וה׳ יקום דמם!

פרומקע סעגאַל־באָגדאַנאָוויטש,
מאָנטעווידעאַ, אורוגוואַי

אין יאָרצייט פון חורבן!...

עס זענען שוין אַריבער פיל פּיינפולע יאָרן, ווי די נאַציִשע מאָרד־מאַשין האָט אָנגעהויבן איר אומרחמנותדיקן אַלגעמיינעם אויסראָטונג־און פאַרטיליקונג־קאַמף, פון וועלכן אונדזער יידיש פאָלק איז געווען דער הויפּט קרבן.

הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן זענען פאַרטיליקט און אונטערגעגאַנגען אין דעם בלוטיקן קאַטאַקליזם־שניט פון היטלער הרשע ימ״ש: יעדע שטאָט מיט איר אינדיווידועלן בלעטל געשיכטע, און יעדע שטאָט מיט איר באַזונדערער ייחוס־קאַרטע.

מיר אָסטראָלענקער און פון אומגעגנט, קומען זיך צוזאַמען צום גרויסן אומבאַקאַנטן סימבאָלישן פאָלקס קבר, צום יאָרצייט נאָך אונדזער חורבן, און יעדער פון אונדז מאַכט אַ שטיקל חשבון הנפש, און ביים מזכיר און מספּיד זיין אונדזערע קדושים טראָגן מיר זיך אַריבער אין דמיון צו יענעם לעבן, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פאַרלאָשן געוואָרן. דאָך וועט דאָס בלייבן לייכטן אין אונדזערע הערצער ווי אַ שטענדיקער עמוד־אש.

ווען מיר זענען זיך מתייחד מיט די הייליקע נשמות פון אונדזער אומגעבראַכטער אָסטראָלענקער קהילה, וועלכע האָט אַזוי שוידערלעך פאַרענדיקט איר בלעטל געשיכטע, טויכט אויף פונדאָסניי אין מיין זכרון אונדזער טייערע היים־שטאָט און אין מיין דמיון גייען פאַרביי אומענדלעכע בילדער און געשטאַלטן פון דעם אימפּולסיוון און דינאַמישן אָסטראָלענקער יידישן לעבן. איך זע האַרציקע פאָלקס־יידן, בעלי־מלאכות, קרעמער, חסידים, לומדים, ישיבות, יידישע און העברעאישע שולן, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך; איך זע אונדזער גוט אָרגאַניזירטן קהילה־לעבן מיט אַ גוט־שטייענדיקער באַנק, פיל צדקה־אַנשטאַלטן, ביבליאָטעקן, ספּאָרט־קלובן, דראַמאַטישע קרייזן. איך זע אונדזער דינאַמישן פּאַרטייאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן — ציוניסטן, בונדיסטן, רעוואָלוציאָנערן, פאַרשיידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, און אַלע האָבן עקשנותדיק געקעמפט פאַר דער העגעמאָניע און מאַיאָריזאַציע אויף דער יידישער גאַס. אָט די אַלע פילפאַרביקע כוחות האָבן געשטאַלטעט און צעמענטירט אונדזער פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַל־יידישן לעבן. איך עפן די אויגן — און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר די רעאַלע פּיינלעכע ווירקלעכקייט, דער גרויסער אומענדלעכער סימבאָלישער פאָלקס קבר, און דער פריערדיקער שיינער חלום איז אַוועק צוזאַמען מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס פון מיידאַנעק, טרעבלינקע, אָשוויענטשים, ווו ס'זענען פאַרברענט געוואָרן אויף אַש די מיליאָנען גופים פון שעפערישן פּוילישן יידנטום, וועלכע שרייען צו אונדז: „זכור את עשה לך עמלק!״ געדענקט און פאַרגעסט נישט אויף דור־דורות, פאַרגעסט נישט אַז אין אונדזער יאָרהונדערט, ווען די וויסנשאַפט און טעכניק האָבן געגעבן אַ שפּרונג מיט הונדערט־יאָריקן פאָרויס, האָט די נאַציִשע בעסטיע אַ שטויס געטאָן די ציוויליזאַציע אויף טויזנטער יאָרן צוריק, צו דער עפּאָכע פון קאַניבאַליזם. דער גרויסער קאָלעקטיווער סימבאָלישער פאָלקס־קבר שפּיגלט אָפּ אונדזער גרויסע בלוטיקע פאָלקס־טראַגעדיע, און דער קליינער בראָנזענער טאָוול דערמאָנט אונדז אין אונדזער אייגענעם חורבן אָסטראָלענקע. טוען מיר מיט צער אויסשרייען און שווערן: אם אשכחך, אויב מיר וועלן אייך פאַרגעסן, אונדזערע טייערע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, אויב מיר וועלן דיך פאַרגעסן, אָסטראָלענקע, ווו מיר האָבן אונדזערע בעסטע יוגנט יאָרן פאַרבראַכט, תשכח ימיני!

און צו אונדז, על פּי נס געראַטעוועטע פון גרויסן עמק־הבכא, זאָג איך: זכור, פאַרגעסט נישט די ימים בלוט און בערג אַש, לעבט זיך אַריין אין די שורות פון ז. סעגאַלאָוויטשעס ליד „מיר, קרובים פון אַש״:

און מער האָב איך גאָרנישט, רבונו־של־עולם.
אין אַש איז דאָס יידישע ליטע און פּוילן,
אין אַש איז אַזויפיל יסורים און סמען.
אין אַש זאָלן זינקען די ווערטער און גראַמען...
דאָס אַש הויבט זיך אויף און פאַרשיט מיינע אויגן...
ס'איז אַש פון זקנים און קינדער פון זויגן...
ווער מאַכט עס טראַנזאַקציעס מיט האַרץ און געוויסן,
געענדיקט די אַקציע מען מעג שוין געניסן...
דער מדבר האָט אַש צו פאַרשיטן אינגאַנצן,
די אַלע וואָס פּראַווען איצט סעודות און טאַנצן...
דאָס אַש איז פון לעבנס, די שטויבעלעך גליען —
דער ווינט וועט זיי ברענגען, זיי וועלן דערפליען.
פון פּוילן, וואָלין, אוקריינע און ליטע,
פון דאָרט ווו פינף יאָר האָט געדויערט די שחיטה.
פאַרשרפּעטע אויגן פון מענטשן מיליאָנען,
פאַרלאַנגען, געפילן פון הערצער מיליאָנען...

ווען מיר מאָנען גערעכטיקייט ביי די אומות העולם, דאַרפן מיר פריער פאַר אַלץ מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש מיט זיך אַליין, זיך פאַרטראַכטן צי מיר האָבן שוין דערפילט דעם גרויסן חוב וואָס די געשיכטע האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט. מיר האָבן דאָך אַזוי ווי אונדזערע משפחות געקענט אומקומען אויף די נאַציִשע שייטערהויפנס און אין די גאַזקאַמערן! ריכטיק באַקלאָגט אונדזער חורבן אונדזער לאַנדסמאַן יצחק עברי, דער העברעאישער־יידישער דיכטער אין אַ ליד פון זיין בוך „בטרם יום״:

מ'האָט געמיינט אויך מיך,
ווען ס'האָבן העק מיט טעמפּע קלאַנגען
דיך פאַרשניטן פון דער וועלט;
ווען צו דער פיל מיליאָניקער מיתה משונה מ'האָט
געפירט דיך, —
ווי אַ ברודער כ'בין דיר נאָכגעגאַנגען,
נאָר דער גורל — צום באַוווּנדערן — אַריין איז אינדעמיט
און מיך פאַרן כיטרען בליק פון טמאן טויט
אַזוי ווי אַ באַרג פאַרשטעלט...

און אויב דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך ראַטעווען פון דער טעמפּער האַק און אַז אין אונדזער דור זאָל מקויים ווערן דער אָנזאָג פון אונדזער נביא ירמיה: ושבו בנים לגבולם, דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ האָבן מיר דערגרייכט פאַר גאָר אַ גרויסן פּרייז — 6 מיליאָן יידישע

איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

מיינע ערשטע טריט האָב איך געשטעלט אויף דיין באָדן, אָסטראָלענקע! אין פּרעבלוווקע יידישע לידלעך געזונגען. אויף יום־טוב האָט מיין מאַמע מיר אָנגעטאָן אַ ווייס סאַמעטן קליידעלע מיט אַ בלויען שלייפל, און מיין ברודער חיים האָט מיר צו שופר־בלאָזן אין שול געפירט. שמחת־תורה אַ שטאָלצע מיט אַ פאָן אין דער האַנט געגאַנגען נאָך אַן עפּעלע, זיסוואַרג, וואָס מ׳האָט געשטעלט אין שול.

וויפל פרייד, וויפל לוסטיקייט אין די שטראַלנדיקע אויגן ביי די קינדערלעך און אויך ביי די גרויסע!

שפּעטער, איך בין שוין גרעסער; איך גיי אין שול. פיל חברים און חברטעס: בעלא, פעלא, לאה׳לע, מרדכי, יאַנקעלע, בערעלע און אַנדערע. מיין ערשטער לערער בלומאָוויטש, ער לערנט אונדז שרייבן און לייענען. אויף די הפסקות שפּאַסט ער מיט אונדז. אַזוי, למשל, זאָגט ער, אַז חיה־פייגען דער געלער, האָט דער באָטשאַן געטראָגן איבערן געלן זאַמד; דער חנעוודיקער פעלאן — איבער בלאָטעס און בעלאן דער ווייסער — איבערן ווייסן זאַמד. מיר קינדער לאַכן, לאַכן...

אַ חברטע איז נישט געקומען אין שול; אירע שיך זענען צעריסן, מען מאַכט אַ פאָרשטעלונג, מיר שטעלן־פאָר און די אָרימע חברטע האָט שוין אויף שיך. איך גיי אין „בית־יעקב", וווּ מ׳לערנט יידיש; מען לערנט אונדז „מודה־אני", זיין גוט און פרום. ראש־השנה גייט מען צום נאַרעוו, צו „תשליך", פיל פיל יידן גייען. חנוכה, דאָס ערשטע ליכטל, דאָס צווייטע, דאָס דריטע — דאָס אַכטע. איך האָב זיי אַזוי ליב צו זען אַלע חנוכה־ליכטלעך צוזאַמען. דער טאַטע דערציילט דעם נס פון חנוכה. איצט: חנוכה־געלט פון טאַטן, זיידן, פעטער און אַ שכן. אין שטוב איז וואַרעם, מען שפּילט אין דריידל, מען עסט געשמאַקע „לאַטקעס". פורים איז פאַר מיר גאָר אַ ספּעציעלער יום טוב; עס איז מיין געבורטסטאָג. מתנות פיל, מען שיקט „משלוח־מנות" פאַר חברים און פריינט. המן־טאַשן אָן אַ שיעור. מען פאַרשטעלט זיך. אין הויף און אויף דער גאַס — קינדערלעך פיל.

עס קומט דער פרילינג. דער אייז צעגייט. עס הויבן זיך אָן שיינע טעג; עס דערנענטערט זיך דער פסח. מען באַקט מצות. די מאַמע פרעגלט שמאַלץ, גאָנשערס פול מיט וויין, מען רוימט, מען ברענט דעם חמץ. נייע שיך, נייע קליידער. אין שטוב איז זויבער. עס פאַרשמעקט דער ריח פון די ערב־פסחדיקע געקאָכטע פיש. עס קומען געסט, דער יום־טוב קיניגט אין שטאָט... ביי די גרויסע אַוועק די וואָכעדיקע דאגות־פרנסה, פּאָדאַטקעס, אַלע זאָרגן. עס איז יום־טוב, די מנוחה איז געקומען.

זומער־וואַקאַציעס. דער שיינער שמעקעוודיקער וואַלד איז לעבן שטאָט. מיר לויפן אין וואַלד זיך שפּילן, כאַפּן פרישע לופט. דער קוקאַווקע אין וואַלד פרעגן מיר וויפל יאָר מיר וועלן לעבן. זי ענטפערט: קו־קו, קו־קו, קו־קו — אָן אַ צאָל. מיר פרייען זיך; אַ סך יאָרן וועלן מיר אַלע לעבן...

מיר באָדן זיך אין טייך, לאָדקעווען זיך. מיין ברודער חיים מיט זיינע חברים וויאָסלעווען, ער איז שוין אַ גרויסער; ער האָט שוין געענדיקט די „יבנה"־שול — אַ בר־מצוה־בחור! אָוונט־צו קערן מיר זיך אום אין שטוב מיט ברוינע פנימער, עסן מיט געשמאַק דעם אָוונט־ברויט, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט. מידע פאַלן מיר אויפן בעט, שלאָפן־איין און אין חלום לעבן מיר ווידער איבער די פרייד פון גאַנצן טאָג.

ווי גוט דאָס איז אַלץ געווען! — — —

נאָר די בעסטיע אין מענטשלעכן געשטאַלט רייסט איבער דעם חלום און די פרייד. מאַכט צו דעם אַלעם אַ סוף. עס הויבן זיך אָן שווערע שוידערלעכע טעג.

אָסטראָלענקע מוז מען פאַרלאָזן!

אָסטראָלענקע מוז ווערן „יודן־ריין"!

מיט טרערן אין די אויגן און בלוטיקן ווייטיק אין האַרץ פאַרלאָזן מיר די שטאָט, דאָך מיט דער האָפענונג ווי אַמשנעלסטן זיך צוריקצוקערן. „די וועלט איז דאָך נישט הפקר... די וועלט וועט נישט דערלאָזן"...

*

1947.

נאָך אַזוי פיל יאָרן ליידן און פיין, איבערלעבונגען אין געטאָס, לאַגערן, וועלדער, פעלדער און נאָך פיל גיהינמס — טרעפן מיר זיך אין דייטשלאַנד: אַ קליינע גרופּע אָסטראָלענקער אויף אַן אַזכרה־צונויפקום. מען דערמאָנט אַ שטאָט, אַ לעבן, מען זאָגט קדיש, מען צינדט־אָן זעקס ליכט. יעדעס ליכט באַטייט אַ מיליאָן נפשות... זעקס מיליאָן קדושים! זעקס מיליאָן קרבנות פון די נאַצישע בעסטיעס, פון די דייטשישע מערדער!

מיר שטייען און וויינען. עס גיסן זיך פון אַלעמענס אויגן טרערן. מיר באַוויינען אַלע קרבנות. — — —

איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, מיינע ליבע טייערע עלטערן, זיידע, באָבע, שוועסטער, ברודער, חברים און באַקאַנטע, און מיין גאַנצע שטאָט אָסטראָלענקע! איך זע אייך אין אַלע מינוטן פון מיין לעבן! איר זענט שטענדיק מיט אונדז און אין אונדז!

ערע אייער אָנדענק!

שרה האָלצמאַן, אַרגענטינע

לעבנס אין די תפוצות און טויזנטער חלוצישע יונגע לעבנס! דאַרפן מיר אויספילן דעם גרויסן בלויז.

די געשיכטע האָט אונדזער דור איבערגעגעבן אַן אחריותדיקע ראָל, און מיר מוזן די היסטאָרישע ראָל אויספירן. מיר מוזן געבן ישראל מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף. די דאָזיקע הילף איז דער בולטסטער באַראָמעטער פון אונדזער נאַציאָנאַלער קאָנצענטרירטקייט און וויטאַליטעט, אַזוי פאַר מדינת ישראל ווי פאַר די תפוצות, און דאָס וועט זיין די איינציקע באַלוינונג פאַר אונדזער גרויסן פאָלק־חורבן.

ארטשע נאַווינסקי

(פון דער אַרגענטינער יידישער פרעסע)

פונקען פון קדושה!... *)

(אין אנדענק פון א שטעטעלע און דער סביבה)

פונקען פון קדושה, הייליקע זכרונות־שפליטערלעך,
זיי קומען אויף פון קליינעם אַפּגעמעקטן שטעטל.
אין זיכרון־ליכט עס מישט זיך ווי אין אַ געדענק־בוך,
בלעטל נאָך אַ בלעטל — — —

ווערט דערציילט פון מויל־צו־מויל
ווי געטראָפן האָט אַמאָל דאָס שטעטעלע אַ „יידיש" גליק...
געווען איז עס מיט יאָרן, מיט אַ סך צוריק;
ווי געלעבט האָט דאָרט רב נאָסקעלע, אַ זעלטן־גרויסער צדיק,
געווען איז ער צום גאַנצן שטעטל ביז גאָר ליב און האַרציק,
פרום איז ער געווען און אין־לשער־גוט און ווויל;
געדינט בלב ונפש ג—ט
רב נאָסקעלע טשערווינער — אַזוי גערופן אים מ'האָט.
געשען ס'איז דעמאָלט, ווען טשערווין האָט נאָך בײ זיך קיין מקווה נישט געהאַט,
און רב נאָסקעלע פלעגט אין אַ „זדרוי" **) זיך טובלען יעדוועדן פאַרטאָג,
אפילו אין דעם שטאַרקסטן פראָסט זיך אָפּטונקען און ציטערן ווי אַ בלאַט...
נאָר איינמאָל האָט דער פריץ, דער געוועלטיקער אין שטעטל
אין אַ פלאַמיק־פייערדיקן פראָסט פאַרבײ דעם „זדרוי"
און געזען רב נאָסקעלען זיך טובלענדיק אַזוי.
האָט דער פריץ זיך ביז גאָר געחידושט און געטאָן אַ זאָג
(אויג־אויף־אויג און מענטשלעך פשוט־פראָסט):
„צו וואָס דען טוסט עס, ראַבין נאָסקעלע, און דוקא ווען עס שרפעט אַזאַ פראָסט?"
„בײ אונדז יידן, יאַשניע פּאַניע, איז אַ מצווה, ממש אַ געבאָט
זיך צו טובלען יעדוועדן פרי־מאָרגן, איידער מען גייט דינען ג—ט"...
ווי נאָר דער פריץ דאָס דערהערט —
גלייך ט'ער אָפּגעגעבן פונעם שטעטל אויף אַ מקווה אַ שטיקל ערד...
און געגעבן הייליק ט'ער דערבײ זיין וואָרט
בײ דעם „זדרוי" זי דאָ צו שטעלן, אויף דעם זעלבן אָרט...
און אַזוי איז עס געווען! — אין זכות פון צדיק פון דעם גרויסן
האָט שוין קיינער נישט געטובלט מער זיך אין דעם נאַקעט־קאַלטן דרויסן...

דערציילט מען טאַקע, אַז מיט יאָרן שפּעטער פיל,
דורכגעפאָרן איז אַ צדיק־גדול ס'שטעטעלע, זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט,
אַ פרעג געטאָן מיט הארץ און מיט געפיל:
„ווו איז דאָ די מקווה פון רב נאָסקעלען? אַרומצוזוכן איז פון ליכטיקייט
און צדקות אַזאַ מין;
אַ גרויסע מצווה זיך צו טובלען אין טשערווין"...

*) צוליב אַ פאַרשפעטיקונג איז דאָס אַרטיקל נישט אַריין אין זיין באַשטימטער רובריק: „אַרומיקע שטעטלעך — עיירות הסביבה" — (רעד.)
**) אַ קוואַל.

★

ווייס מען, אַז רב נאָסקעלע, חוץ גרויסער צדיק,
איז אין מסחר אויך געווען שטאַרק באַהאַוונט :
מיט פויערים ער האָט געמסחרט אויף יאַרידים, אויסגעהאַנדלט זייער
„סווויסקן״ *) לייוונט
(דעם מין און פרייז און ס׳פנים פון פאַרקויפער האַלטן „אויפן קאָפּ״ האָט מען
געמוזט און „אויף אַ האָר״ געדענקען !),
און דערנאָך עס פירן צום פאַרקויף אין שטעטעלעך אַרום, ווי אויך קיין אָסטראָלענקע...
איינמאָל האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך, אַ טראַף״ ! **)
האַמפּערט זיך רב נאָסקעלע, נישט נאָכצולאָן, מיט אַ פויערטע אויף דעם
צו „הויכן״ פרייז
און „הימל עפן זיך״ — „עס רירט זיך נישט דאָס אייז״...
גיט זי אים אַ זאָג : „זשידקו פּאָפּראַוו״ ! ***)
געפלעפט איז ער, רב נאָסקעלע געבליבן אויפן פלאַץ
ווי צווישן אים און ס׳שטעטעלע עס וואָלט, חלילה, דורך אַ „שוואַרצע קאַץ״...
ווי מ׳וואָלט דאָס לייב זיינס מיט אַ שווערע בייטש געבייטשט,
און אויפן אָרט אַזוי ווי אַ רמז פונעם הימל עס פאַרטייטשט :
„פּאָפּראַוו — הייסט פּאָפּראַווען ; זיך פאַרריכטן... זיך מתקן-זיין...
אויב די פויערטע איז אויך אויף מיר שוין אַזאַ מבין —
איז אַ סימן קלאָר : מ׳דאַרף פון דאַנען עוקר-זיין !״...

דערציילט מען, ווינען איז ער טאַקע אַוועק קיין מאַקאָווע, אָט דאָרט אַהין
גערופן אָבער האָט מען אים דאָס גאַנצע לעבן : רב נאָסקעלע, דער צדיק
פון טשערווין !...

★

און אַ מעשה-פלא נאָך מיט יאָרן צוריק עס ווערט דערציילט דאָ פון אַ רבין,
גאָר אַ גרויסן,
וואָס איז איינמאָל מיט זיין גאַנצן הויזגעזונט פאַרפאָרן אין אַ גרויסער „פראַכט״-
בויד אויפן סאַמע מיטן פון טשערווין.
דאָס גאַנצע שטעטל האָט פון שטאַרקן חידוש זיך צום אָרט דעם הייליקן געשטויסן...
געזען : דער רבי אַליין פון דאָרט צום ערשט אַרויס, געוואָרפן זיינע
פאַרשנדיקע בליקן הער און הין...
ווי זיין קומען דאָ-אָ וואָלט געווען מיט תכלית, מיט אַ זין :
צו שפרייטן רבישע קדושה אין טשערווין...
„איז ביי אייך אַ וווינונג צו באַקומען פאַר אַ גאַנצע יידישע משפחה ?״
מיט איין קול עס ענטפערן די שטעטלדיקע אַלע : יאָ ! און טראַכטן :
ס׳איז אַ מזל, ס׳איז אַ גרויסע ברכה...
כידוע : אין טשערווין איז ליידיק קיינמאָל נישט געשטאַנען דירות אָט אַזוי זיך,
כדי עס זאָלן אין די שפּעטע נעכט דאָרט שדים טאַנצן ;
האָט ווען איינער זיך פון דאָרט „אַרויסגעריסן״ — פלעגט אַ צווייטער באַלד
אויף זיין אָרט זיך פאַרפלאַנצן...
אַזוי פלעגט ער, דער פריין, אייגנטימער און געוועלטיקער פון שטעטל
אויפן פלאַץ פאַרפילן גלייך דאָס „ליידיק בלעטל״...
און דאָ — אַזאַ גדולה ! אַזאַ פרייד ! אין דער גאַנצער געגנט איינע ;
אַ רבי האָט טשערווין — דאָס שטעטעלע, דאָס קליינע !...

*) לייוונט פון היימישער פויערישער אויסאַרבעטינג.
**) אַ צופאַל.
***) ער זאָל פאַרריכטן, ד. ה. העכערן דעם פרייז.

צום רבין פלעגט מען ציען זיך פון אַלע, אַלע זייטן;
אין שבת, וואָך, אין אַלע אַלע צייטן.
מיט דאגות טיפע שווערע און מיט רייד פון סאַמע האַרץ פאַרטרויטע,
מיט אמונה אינעם צדיק, אין זיין וואָרט וואָס „שניידט" די הימלען די פאַרבלויטע...

נאָר נישט באַשערט געווען איז לאַנג צו פרייען זיך טשערנווין,
ביי זיך צו האַלטן אַזאַ מין קדושה!
אין יאָרן צוויי אַרום בסך-הכול — דער רבי איז אַוועק (כאָטש ס'איז געווען זייער קשה)
און קיינער וויים נישט עד היום דאָס אָרט — וווהין...
אַוועק איז ער, דער רבי, נאָר דער רושם פונעם „רבינס כוח" לאַנג נאָך לאַנג
אין שטעטעלע געבליבן;
אין טשערנווינער ספר-הזכרונות שטייט אַזוי געשריבן:
„ויהי היום — ס'איז דעמאָלט אויסגעפאַלן פונקט אַ יום-טוב-טאָג
(און אפשר שמחת-תורה),
ווען טשערנווין האָט זיך צעטאַנצט אין חסידיש פייער ביי אַ הימל-פרייד אַ רבישער
און ביי אַן איינגעטייטשטער תורה...
„ושמחת בחגך" — האָט אַרומגעפלאַטערט אַן אַן אויפהער אין דעם רבינס הויז,
אַ שמחה אַזאַ-אַ,וואָס ס'איז אומבאַשרייבלעך גרויס!
נאָר אַז ס'איז באַשערט,
ווערט די פרייד די הייליקסטע פאַרשטערט...
אַז כביכול וויל אַ רבין שטעלן ברבים פאַר אַ משפט אין געריכט,
שיקט ער אַ מחבל אַן פון ערגעץ אומגעריכט...
אַ „סטאַרשי סטראַזשניק"*) מיט אַ קריינדעלע געקרוינט —
טיר-ביי-טיר פון רבין על-פי-צופאַל ט'ער געוווינט.
נו, איז ער „אַריינגעקראָכן מיט די שטיוול" אין דער סאַמע פרייד אינמיטן;
אָפּגעשטעלט זאָל ווערן די „הוליאַנקע" — אַזוי טוט ער געביטן...
אָט דעם פעסטגעבויטן „ראַבין", אָט דעם הדרת-פּנימדיקן רב;
ער האָט פיצלעך קינדער... שפעט ביי נאַכט... זיי רייסן זיך פון שלאָף...
פילט דער רבי אין דער פרייד די הייליקע אַ שטאַרקע פגיעה... אַ חילול-שמחה...
ביז צום הימל זידט דער כעס —
ווי אַ לייב ער כאַפּט דעם „סטראַזשניק" פאַרן קאָלנער... וואַרפט אים אויף דער גאַס.
געפלעפט זיי זענען אַלע פון דער גבורה... געועדט דערפון האָט מען מיט שמחה
און מיט מורא איבעראַל;
ויהי היום — דער „סטאַרשי סטראַזשניק" קלאָגט דעם רבין אַן אין „קרימינאַל"!...
דער רבי גלייך ט'זיך אָפּגעזאָגט אַ מליץ-יושר פאַר זיך נעמען, אפילו פאַר אומזיסט!
דער קטיגור האָט צום רבין זיינע בייזע אויגן אָנגעשפּיזט...
דער סוף: אַליין געעפנט האָט זיין טענה ווי אַ קוואַל דער רבי פאַר
די ריכטער אויף דער בינע;
פריי געוואָרן איז דער רבי... אין געריכט געלויכטן כסדר אויף זיין פנים
האָט די שכינה". — — — —

★

און ווער געדענקט עס נישט דעם שבת מיט דער גרויסער שרעק?
געמיינט האָט מען, אַז אויף טשערנווינער יידן דעמאָלט קומט, חלילה, אַן עק...
געווען איז עס מסתמא אינעם 5-טן אָדער 6-טן יאָר,
ווען מושלים האָבן זיך געוואַקלט, און דער טראָן פון „צאַר" געהאַלטן האָט
זיך אויף אַ האָר...

*) עלצטער פאָליציי-מאַן.

ווען רעוואָלוציאָנערן צו דער „פרייהייט" האָבן זיך „מיט האַק-און-פּאַק" געגרייט,
אונ דאָס פייער פון פאַרדרוס ביי די „געדריקטע מאַסן", האָט זיך אין העט-ווייט
געשפּרייט...
דער גאַנצער „שפוך-חמתך", ווי נאַטירלעך, האָט זיך אויסגעלאָזט צום ייד
און „זיין אָרום";
געשמעקט מיט יידן-שנאה און פּאָגראָם האָט אומעטום...
האָט זיך טאַקע אין טשערווין, בכן, פאַרשפּרייט עקשנותדיק אַ קלאַנג,
אַז די מאַלינאָווער גויים, פון טשערווין אַ ק"מ פיר,
האָבן זיך געטאָן אַ ריר,
און מיט קאָסעס אין די הענט וועלן זיי, אם ירצה השם, דעם זונטיק קומען
גלייך פון „קאָשטשאָל", נאָך פאַרהפקרט און פאַרשיכורטן געטראַנק;
פון האַס און פון רציחהדיק געפיל באַנומען —
אַלע יידן אויסשעכטן, פאַרברענען;
אפילו די-אָ „פּשיאַטשעלעס", די-אָ „זשידקעס", וואָס זיי קענען...
והא ראיה: פון דערפרי ביז נאַכט, אַ גאַנצן שבת, האָט אַדמאָווסקי,
אַ פעסטגעבויטער קריסט, אַ מוליאַר, געגעבן אויף דער זאַך אַ קלאָרן רמז...
ביי געגאַנגען יעדן ייד און דורכגעפירט זיין האַנט אַזוי ווי אַ חלף אויפן האַלדז —
אַ ראיה, אַז ס'איז אמת...
און געלאָזט האָט זיך עס טאַקע גלויבן, און עס האָט געהאַט אפילו אַ זין.
אַ פּאָגראָם אין קעשינאָוו, אין ביאַליסטאָק, אין שעדליץ,
טאָ פאַר וואָס נישט דאָ אויך אין טשערווין?!...
קוים דערלעבט „הבדלה", איז דער רב מיט בעלי-בתים זעקס צו אים דעם
קשאָנדז *) אַוועק און נאָך אַ פּאָר למדנים.
דער קשאָנדז האָט אויסגעהערט עס ווי מ'הערט אוים אַ באַקאַנטע מעשה...
כאָטש געקומען ווי פון חרפה אים דאָס בלוט אין פּנים.
יאָ. ער ווייס. ער ווייס פון שחיטות, יידישע פּאָגראָמען... אַ סך צדיקים גרויסע
אפילו האָט מען אויף אַזאַ מין אופן אויסגעמאָרדעט פון די „סטאַראָ זאַקאָננע";
עס זענען זיינע מיטקריסטן פון דורות לאַנג אויף דעם-אָ „סקלאָנני"...
אויף דער וואַך ער וועט ער דאָ שטיין. רעדן וועט ער צו די הערצער קריסטלעכע —
די יעזוס-ליבע אויפצוּוועקן...
זיי זאָלן נישט אַזעלכעס גאָר אין דער מחשבה טראַכטן, און דעם מערדערלעכן
ווילן פונעם האַרצן זייערן אינגאַנצן אויסצומעקן...
אויך באַלדאַקאָוו, דער נייער „סטאַרשי סטראַזשניק", ער, אַ פריינט אַ שטיקעלע
פון יידן, ביי דער „מאַמע"-אָסטראָלענקע גלייך האָט „גיכע הילף" געבעטן...
למען השם, מ'זאָל נישט וואַרטן — האָט מען גלייך אַהינגעשיקט „שטאַפּעטן"...
זונטיק — — — ביז צו האַלבן טאָג עס האָבן זיך טשערווינער טויט-געשראָקן
אין די שטיבער, —
באַוויזן אויף דער גאַס האָט זיך קיין איין ייד נישט דעריבער...
און — — אַ נס פון הימל (ס'איז דער אַלטער נס ביי יידן): אָנגעלאָפן זענען פון שאָסיי
דעם אָסטראָלענקער רייטער-מיליטער אויף זייערע צעבריקעוועטע פערד,
געציטערט אין טשערווין האָט אַזש די ערד!...
און די מאַלינאָווער גויים, פון טשערווין אַ ק"מ פיר,
האָבן זיך פון קאָשטשאָל אמת-זאָגנדיק געטאָן אַ ריר,
אָבער אָן שום קאָסעס אין די הענט,
קיין שום ייד האָט מען נישט געשאָכטן, נישט געברענט...
אדרבה. גלייכגילטיק געצויגן האָבן זיך די גויים מיטן שטראָם.
און דער פדיון-יידישער „געגאַנגען" זיך ווי קיינמאָל גאָר נישט אין דער קראָם...

*) גלח.

*

גוט צו זעען אַ טשערווינער, וויפל שטאָלץ און תמימות ער פאַרמאָגט !
שיין צו הערן ווי טשערווינער שמועסן פון שטעטעלע, אַזוי ווי פון אַ שטאָט...
ווי אויסגעזען עס האָט טשרווין, למשל, דאָן,
ווען עס האָט נאָך אַסטראָלענקע נישט געהאַט קיין באַן...
אַז עמיץ האָט באַדאַרפט קיין וואַרשע — דורך מאַלקין,
אַזוי האָט ער געמוזט צום ערשטן דורכפאָרן טשערווין !...
טאָג־ביי־טאָג „אַרויסגעגאַנגען" איז פון דאָרט אַ „פּראַכט"
און אַמאָל — אויך צוויי און מער ; עס הייסט : ביי טאָג און ביי דער נאַכט.
דער שאָסיי האָט נישט גערוט פון דעם געפּאָר אַהער, אַהין ;
בקיצור פון דער זאַך : דער „הויפּט־פּונקט" איז געווען טשערווין !
מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז דורכפאָרער, וואָס פלעגן אינעם שטעטל זיך פאַרהאַלטן,
פלעגן קאָנען אויך זיך ס'האַרץ דערכאַפּן ; ווינטער — מיט אַ וואַרעמס, זומער —
מיט אַ טרונק אַ קאַלטן...

אויך געווען קאַפייען, ווו מ'איז געזעסן,
רעסטאָראַנען — אפילו גוט דאָרט אָפּצועסן...
דערפאַר פרנסה איז געווען דאָן בשפע דאָרט,
און אפילו יידן עטלעכע נגידים פונעם „ערשטן סאָרט" ;
ווי : רב ישראל קלמן ז"ל — דער בעקער,
ווי : רב חיים וועלוול ז"ל — דער שענקער,
ווי : רב איטשע מאיר ז"ל — דער פאַכטער, —
אַלץ געווען נאָך איז עס פאַרן חורבן, ווען דאָס לעבן איז „געגאַנגען" שטילער, זאַכטער...
וואָס האָט נישט געהאַט טשערווין ? !
איידער היטלער איז געקומען מאָרדן, איז נאָך אַלץ געווען דערין :
אַ שול, אַ מקווה, אַ גמינע —
ממש : אַ „מדינה" !
און אפילו אויך אַ „קאָזע" אויף אַ קליינע שטראָף דאָרט אָפּצוזיצן
און אַ באָד אַ פּייערדיקע אויף צו שוויצן.
און אַ שופט מיט אַ „סאָנד" (וואָס גאָווראָווע אפילו ט'נישט געהאָט) און מיט געבאָט,
און גבאות מיט מחלוקת — ווי עס פירט זיך פון קדמונים אין אַ שטאָט...
(האַרבע קריגערייען איבער יידישקייטן, ווען אַמאָל זיי פלעגן אויסברעכן אין שטעטל ;
צי צוליב אַ „דין", למשל, אַ בפירושן, אַ תפילה־נוסח, צי צוליב אַ רב אַ „שפּאָגל־נייעם",
אָדער אַ דין־תורה מיט אַ פלאָנטער אַ קהלישן, צי גאָר צוליב חזקה אַ גאַנץ
אַלטע אויפן „ברעטל"...
געמעגט זיין האָט עס אין אַ וואָך־טאָג, אָדער שבת, צי אַ יום־טוב, אַ ראש־חודש, —
איז דוקא די פאַרמיטלערין געווען נישט די „מאַמע"־אָסטראָלענקע ; לעשן די
געמיטער זענען גאָר געקומען — אָסטראָווער כלי־קודש !...
שווער איז עד היום גענוי באַשיידן פאַר טשערווינער אַט דאָס רעטעניש, דעם ווונדער :
צי ווייל דער גאַנג קיין אָסטראָלענקע איז געווען אַ לענגערער, אַ שווערער,
צי ווייל ס'האָט אָסטראָווע אין יידישקייטן נושא־חן געווען מערער...
כאָטש טשערווין איז קיינמאָל נישט געווען אַ שטעטעלע פאַר זיך באַזונדער ;
כאָטש אין אַלע „וואָכעדיקע" ענינים שטאָטישע איז, כידוע, ס'שטעטעלע טשערווין
געווען מיט איר „נאָפּל" צוגעקניפּט צו אָסטראָלענקע ווי דער דין...).

עס זענען אויכעט שיינע יידן סתם געווען פון אַ גוטן מין —
באַוווּסט־באַקאַנט אין גאַנץ טשערווין !
ווי : רב יהודה שניידער ז"ל, אַ ייד אַן ערלעכער ביז גאָר,
אַ „מתנגד" נאָר — אַ שרעק, ביז צום „אויפשטעלן זיך די האָר"...

ווי : דער נאָכגיביק-און-האַרציקער רב קלמן פרידמאַן ז״ל, דער פאָטער פון
ר׳ בערל, דער-אָ, וועלכער האָט אַרויסגערופן גרויסן דרך-ארץ
מיט זיין חלוציש-הייסער ציון-ליבע, דאָרט ווו זיין משפחה, אָט-כמעט-די-גאַנצע
ט׳ער פאַרפלאַנצט אין ארץ... *)

און נאָך פיל יידן מיט די נעמען דאָ פאַרפעלט
האָבן אין טשערווין געלויכטן און געהעלט...
אויך יידן שטאַרקע פעסטע מיט ידים,
און — מיט האַמפּעריייען, סיי פּערזענלעך, סיי לשם שמים.
און רבנים און דיינים — קומט דאָך גאָר באַזונדער צו פאַרצייכענען אַ יחוס-בלעטל ;
פיל געקרוינטע לומדים — זייער כסא-הרבנות איז געשטאַנען ס׳ערשטע אין דעם
קליינעם שטעטל...
ווי : דער גאון-עולם אָסטראָלענקער הרב בראָנראָט ז״ל **)
ווי : דער וואָנסאָווער דער צדיק גרויסער הרב סעגאַל ז״ל ***)
און חסידים פלאַטערדיקע מיט התלהבות און מיט נוסח ספרד פון כל המינים,
און „מתנגדים״ מיטן שווערן נוסח-אשכנז און שטרענגע שולחן-ערוך־דיקע דינים...

נאָר די שענסטע שעה געוועזן איז אין שטעטל,
ווען צו דער מקווה האָבן אַלע פאַר אַ סיום-ספר זיך פאַרקליבן ;
גאַנץ טשערווין האָט זיך געטובלט : יעדער אין דער „נייער״ תורה האָט
אַן „אות״ אַריינגעשריבן... ****)

— — — — — — — — — — — — — — —

האָט יאָרן-יאָרן-פיל געלעבט אַזוי מיט שטאָלץ און יחוס פון אַ שטאָט —
דאָס קלייניטשקע טשערווין.
ביז... אוי-ווי, ביז אָנגעלאָפן איז דער יום הדין...
פאַרמשפּט אַלץ וואָס איז געשטאַנען יידיש אינעם קאָן ;
אויסגעשלאָגן אין אַ בייזע שעה דעם גורל פון די זעקס מיליאָן !...
דער נאַצי-טייוול האָט פאַרשפּרייט די פליגל זיינע אויף דער וועלט ;
אויסגעריסן מיטן וואָרצל ווו אַ יידיש לעבן, ווו אַן האָפענונג אַ יידישע
ט׳געליכטיקט און געהעלט...
טאָ זאָלן אויפגיין פון אָט-די-אָ שורות — יעדעס יעדעס וואָרט
ווי אַ ליכט פון זכר-עולם — איבער יעדעס יידיש אומגעקומען אָרט !...
פאַר קדושים, פאַר טהורים — וויי-אוי-ווי — צו טויטן (נישט צו שילדערן !)
געפירט האָט מען „אהין״...
ווי אַ קדיש-טיף-געהייליקטער פאַר אַלע יידיש-אָפּגעמעקטע שטעט און
שטעטעלעך און פאַר טשערווין ! — — —

פאַרצייכנט דורך **יוסף קאַלינא**, תל־אביב באַאַרבעט אין ליד : **יצחק עברי**

*) זע : „על משפחה חלוצית אחת מצ׳רווין״, יצחק פרימאַן־גלבוע.
**) רבניש־אָנגעהויבן אין טשערווין, שפּעטער — דער ראש בית־דין פון תל־אביב.
***) געקומען פון וואָנסאָווע אויף טשערווינער כסא־הרבנות. געשטאָ. אין פריען עלטער.
****) דעם ערשטן אות פון זיין פאַרנאָמען.



באסיפת־אזכרה בתל־אביב לזכר קדושי אוסטרולנקה והסביבה 1961.
אויף אַן אזכרה־פאַרזאַמלונג אין תל־אביב צום אָנדענק פון די אָסטראָלענקער קדושים און פון דער סביבה, 1961.





למעלה: הנשיאות.
באמצע ולמטה: קהל הנאספים באולם.

אויבן: דאָס פרעזידיום.
אינמיטן און אונטן: פאַרזאַמלטער עולם אין זאַל.

אֲנִי כְּלִי...

לזכר אמי הקדושה והטהורה
מרת רחל לאה עברי בת ר' יוסף מייראן ז"ל
השם ינקום דמה

כָּל סֵפֶר־יִזְכֹּר — סֻלָּם שֶׁל עֲלִיַּת נְשָׁמָה לִמְחֻסְּרֵי־קֶבֶר...

עַל־יַד כָּל קֶבֶר „יִזְכֹּר" הַמּוּקָם —
הַמְּצָלִים יִהְיוּ תָּמִיד עֵרִים וְלֹא יִשְׁכְּחוּ...

אֲנִי כְּלִי סְתָו נִסְעָר
רוּחוֹת־זַעַם סוֹעֲרוֹת־דוֹהֲרוֹת בִּי.
אֲנִי נִשָּׂא לִמְרוֹמֵי שְׁמֵי־בַרְזֶל
מְעֻשָּׁנִים מֵאֵשׁ־כִּלָּיוֹן, מְאֻבָּקִים מֵאֵפֶר־גוּפוֹת...

אֲנִי כְּלִי דִמְעַת־דָּם
נוֹשֶׁרֶת בְּהִתְיַפְּחוּת
עֲלֵי אִמִּי הַמּוּמָתָה, עֲשׁוּקַת קֶבֶר־יִשְׂרָאֵל,
הַמּוּחָה עִם מִלְיוֹנֵי מוּמָתִים מִסָּבִיב —
בִּנְתִיבוֹת לַעֲלִיַּת־נְשָׁמוֹת...

אֲנִי כְּלִי שְׁאֵלַת־אֵשׁ,
זְעָקָה שֶׁנִּשְׁאֲרָה בַּחַיִּים;
מֵטִיחַ אֶת רֹאשִׁי בִּשְׁמֵי־בַרְזֶל מְעֻשָּׁנִים
(חֲזָקָה מִצֹּר טַעֲנָתִי!...),
נוֹפֵל אֲחוֹרַנִּית שְׁבוּר־עֹרֶף,
הָהּ, מָתַי תַּעֲלֶה עִם הַנִּכְרָתִים
אֶל הַגְּבָהִים אִמִּי הַמּוּמָתָה?!...

אֲנִי כְּלִי הֶמְשֵׁךְ שֶׁל עֲרוּפִים וּמֻשְׁמָדִים,
בּוֹכֶה תּוֹכִי „שְׁמַע" הֶחָנוּק שֶׁל אִמִּי בְּתָאֵי־הַגַּזִּים;
אֲנִי הוֹלֵךְ וּבְכָל זְרִיחַת בֹּקֶר
אֶרְאֶה הַשְּׁקִיעָה שֶׁל רְגָעֶיהָ הָאַחֲרוֹנִים.

אֲנִי כְּלִי קְרִיאָה אֶל „יִזְכֹּר";
נֵר־נְשָׁמוֹת, מְהַבְהֵב בִּיגוֹן הַהִשָּׁאֲרוּת, —
אוֹמֵר־קַדִּישׁ אֲנִי מִתּוֹךְ סִדּוּר שָׂרוּף לְאֵפֶר
עִם תְּפִלּוֹת אֲיֻמּוֹת וְזִכְרוֹנוֹת עֲקֻבִּים מִדָּם:
עַל הָאֲהוּבִים לְאֵין קֵץ,
עַל הַמּוּמָתִים בְּמִיתוֹת־זְוָעוֹת לְאֵין תֹּאַר,
הַמְחַכִּים לְקִבְרָם, לַעֲלִיָּתָם
אֱלֵי שַׁעַר מְנוּחָתָם בַּנֶּצַח — — —

יצחק עברי

כ׳בין אינגאַנצן...

געהיילקט דעם זיכרון פון מיין אומגעקומענער מאַמען
רחל־לאה עברי הי״ד בת ר׳ יוסף מיראַן ז״ל

יעדעס „יזכור־בוך״ — אַן עלית־נשמה־לייטער פאַר קברימלאָזע...
ביים „יזכור״־אויפגעשטעלטן קבר וועלן די לעבנאיבערגעבליבענע
אייביק וואַכן און געדענקען...

כ׳בין אינגאַנצן אַ צעשטורעמטער הארבסט,
בייזע שווערע ווינטן רייסן, פלאַגן און יאָגן אין מיר.
איך פאַרטראַג מיך ביז צו די הויכע שטאָלענע הימלען,
פאַררויכערטע פון אומקום־פייער און צעשטויבטן אַש פון גופים...

כ׳בין אינגאַנצן אַ בלוטיקע טרער,
פאַל אין געכליפּ
איבער מיין געטייטער נישט־צו־קבר־ישראל־געבראַכטער מאַמען,
וועלכע פראָטעסטירט מיט נאָך מיליאָנען־פיל־געטייטע ארום —
ביי די גענג צו עלית־נשמה...

כ׳בין אינגאַנצן אַ פייערדיקע שאלה,
אַ לעבנאיבערגעבליבענער געשריי,
קלאַפּ מיין קאָפּ אין די דאָזיקע שטאָלענע פאַררויכערטע הימלען
(פעלזן־שטאַרק מיין טענה !...),
פאַל צוריק מיט געבראָכענעם נאַקן.
אָ, ווען וועט שוין אויפגיין מיט די פאַרשניטענע
מיליאָנען אין די הייכן מיין געטייטע מאַמע ? !...

כ׳בין אינגאַנצן אַן המשך פון געקעפּטע און פאַרטיליקטע,
עס וויינט אין מיר מיין מאַמעס דערוואָרגענער „שמע״ פון די גאַז־קאַמערן,
איך גיי און ביי יעדן אויפשיין פון פרימאָרגן
זע איך די שקיעה פון אירע לעצטע מינוטן.

כ׳בין אינגאַנצן אַ רוף צו יזכור,
אַ נר־נשמות, וואָס צאַנקט אין צער פון איבערבלייב ;
אַ „קדיש״־זאָגער ביי אַן אַש־פאַרברענטן סידור מיט די
פורכטערלעכסטע תפילות און די בלוטיקסטע געדענקשאַפטן
איבער גאָר־די־ליבסטע,
איבער גאָר־די־שוידערלעך־פאַרשניטנסטע,
וואָס וואַרטן אויף אַ קבר, אויף אַן „אויפגאַנג״,
אויף אַ טויער צו זייער רו און נצח — — —

יצחק עברי

פאלק הלפרין

נשמות אבות

העיירה שממה. הבתים מרוקנים, אף תריסיהם לא סגורים, אף דלתותיהם לא נעולות, רק חתולים מהלכים בתוך העזובה, ורק להם נוצצים הכוכבים.

נתרוקנה העיירה מבניה. מי שנורה ועצמותיו זרו־עות בשדות, מי שנסחב בקרון לעבודת־פרך בחזית, ויתרם נמלטו אל סבכי היערים.

רק שנים שרדו מאנשי העיירה. מחבואם היה כל כך מסותר, שבקושי מצאו הם את עצמם. עם רדת צללי לילה הם מתגנבים נפחדים ונחפזים מאחורי הגדרות וליד חקירות. החתולים מביטים אחריהם וגם בחתולים אין לבטוח היום.

מאחורי בית־הכנסת הישן משתרע בית־העלמין של העיירה. שורות של אבני מצבה נמתחות עד שהן נבל־עות בתוך החושך. תחת האבנים נחים אבות ואמות יקרים. השנים השרידים עמדו ביניהן להיפרד מהקברות היקרים, הקשר האחרון עם האדמה הזאת, בטרם יברחו כאחיהם.

בתוך אֵלם המוות נשמע רחש־לחש של תפילה. דמעה מתנוצצת נפלה על ראש האבן — דמעה אחרונה של ביקור אחרון על קבר אבות.

ועזבו את העיירה בניה השרידים האחרונים.

האבות בתוך הקברים נעזבו עזובה גמורה ושכלו שכול גמור. אין עוד מי שיפקוד את תל עפרם בחדווה ובצרה למשפחה. אין עוד מי שישתטח על אבנם בימי תשובה ואֵבל עם. ומי יסתום את הפרצות בגדר בית־עולמם? ומי יגרש חזיר הנובר בעפר קדשם?

בחצות לילה עלו המתים מן הקברים להתפלל בבית־הכנסת הישן ולשוחח עם בניהם יקיריהם בחלום. מצאו שם נר תמיד כבוי, ונרות נשמה לא נדלקו. הלכו אל בתי יוצאי חלציהם והנה — שממה. תריס לא סגור, דלת לא נעולה. לא בן ובת במיטה, לא נכד ונכדה בעריסה. לא נשימת חיים ולא חלום חיזיון... התיצבו בשורה, איש בתכריכיו, ואיש עם נופך אדמת ארץ־ישראל בין ריסי עיניו, ויצאו למצוא את בניהם, להיר־לוות אליהם ולהתאחד עמהם בנצח.

ונשמות אבות, שיירות, שיירות, תועות בדרכים ובלא דרכים ומחפשות את פליטת בניהם. קריאתן נשמעת בדומית הלילה, רק פניהן לא ייראו...

נשמות פון עלטערן

דאָס שטעטל איז פוסט, די הייזער ליידיק, אפילו זייערע לאָדנס זענען נישט פאַרמאַכט, נאָר קען בלאָנקען זיך אַרום אין דער דאָזיקער וויסט־און־לערקייט, און נאָר צו זיי פינקלען די שטערן.

אויסגעליידיקט האָט זיך דאָס שטעטל פון די איינווינער, ווער ס'איז דערשאָסן געוואָרן און זיינע ביינער זענען צעזייט איבער פעלדער, ווער ס'איז געכאַפּט געוואָרן צו עבודת־פרך אויפן פראָנט, און די איבעריקע זענען אַנטלאָפן אין די וואַלד־געדיכטענישן.

בלויז צוויי מענטשן זענען געבליבן פונעם גאַנצן שטעטל, זייער פאַרבאַהעלטעניש איז אַזוי פאַרבאָרגן, אַז נאָר מיט גרויס מי און מאַטערניש האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן אָפּגעזוכט. ווען די נאַכט־פינצטערניש נידערט אַראָפּ אויף דער ערד, גנבענען זיי זיך דורך דערשראָקענע און איילינקע הינטער פלויטן און ווענט. די קען קוקן זיי נאָך, אָבער אויך קען קאָן מען היינט נישט טרויען.

הינטער דער אַלטער שול שפּרייט זיך אויס דער שטאָטישער בית־עולם. ס'ציען זיך שורות שטיינערנע מצבות, וועלכע ס'הילט איין די פינצטערניש. אונטער די שטיינער רוען טייערע טאַטע־מאַמעס. די צוויי לעבנגעבליבענע זענען געקומען אָפּשייד נעמען פון די טייערע קברים, די לעצטע פאַרבינדונג מיט אָט דער ערד, איידער זיי וועלן אַנטלויפן אַזוי ווי די אַנדערע.

אין דער טויט־שטילקייט הערט זיך דאָס געפלימטער פון אַ תפילה. אַ לויטערע טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דער מצבה, די לעצטע טרער פונעם לעצטן באַזוך אויף קבר־אבות. די לעצטע פּאָר איינווינער האָבן פאַרלאָזט זייער שטעטל.

די טאַטעס און מאַמעס אין די קברים זענען שוין איינגאַנצן פאַרלאָזן און פאַריתומט. ס'איז שוין נישטאָ מער ווער ס'זאָל קומען אויף די דאָזיקע בערגלעך ערד סיי אין אַ שמחה סיי אין אַ צרה ביי דער משפחה. ס'איז נישטאָ מער ווער ס'זאָל צופאַלן צו זייערע קברים אין טעג פון תשובה און טרויער ביים פאָלק. און ווער וועט פאַרשטעלן די לעכער אין פלויט פון בית־עולם? און ווער וועט פאַרטרייבן אַ חזיר, וואָס ראָיעט אין דער הייליקער ערד?

אין האַלבער נאַכט קומען אויף די מתים פון די קברים מתפלל צו זיין אין דער אַלטער שול און צו שמועסן מיט זייערע טייערע קינדער אין חלום. זיי האָבן געטראָפן אין שול אַ פאַרלאָשענעם נר־תמיד, נישט קיין אָנגעצונדענע נשמה־ליכט. די מתים זענען אַוועק אין די הייזער פון די לייבלעכע און טייערסטע, אָבער אומעטום — וויסט און לער. די לאָדנס נישט פאַרמאַכט, די טירן נישט פאַרשלאָסן. נישט קיין זון און נישט קיין טאָכטער אין בעט, נישט קיין אייניקל אין וויגעלע. נישטאָ קיין לעבעדיקע נשמה און נישט קיין סימן פון אַ מענטש... די מתים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה, יעדער אין זיינע תכריכים, יעדער מיטן ביסל ארץ־ישראל־ערד צווישן די אויגן־וויעס; זענען אַרויס אָפּזוכן זייערע קינדער, באַגלייטן זיי און באַהעפטן זיך מיט זיי אויף אייביק...

און מחנות מחנות נשמות פון עלטערן בלאָנדזשען איבער וועגן און אומוועגן, זוכן אַן אייגן אָפּגעראַטעוועט קינד. זייער רוף צעגייט זיך אין דער נאַכט־שטילקייט און נאָר די פנימער זענען פאַרהוילן.

ל ז כ ר ע ו ל ם

מודעות־אבל ודברי־יזכור

צום אייביקן אנדענק

נעקראלאָגן און יזכור־ווערטער

לזכר קדושים ונפטרים

(הרהורים ע״י המצבה של בת עירנו חיה חרמפאץ׳)

בט״ז בטבת תשכ״ב נתקיים גילוי המצבה על קברה של בת עירנו **חיה חרמפאץ׳**, 14 שנה לאחר פטירתה. נפגשנו ביום המועד כמה נציגים של עירנו, ביניהם מר חיים דרזנר ורחל ווייס לבית חמיאל, בבית־הקברות בנחלת יצחק. יוזמי הקמת המצבה היו קבוצת חברים־ות, שעלו לארץ אחרי השואה מגרמניה, ושם היו פעילים בארגון „בני עקיבא״. במיוחד יש לציין את מר יונה גרין שהתמסר לכך.

ואלה קורות משפחת חרמפאץ׳ אחרי עלייתה. בזמן מל־חמת הקוממיות. בעלה של חיה גויס לצבא ונפל בעת מילוי תפקידו. חיה חלתה כתוצאה מהסבל במחנות; לבה לא עמד בסבל הרב שעבר עליה. הספידו אותה והזכירו את התמסרותה לארגון הנוער אחרי המלחמה בכל כוחה ונפשה. כל השבחים וההספדים הגיעו לאזני כמו ממרחקים, כי לנגד עיני עמדה חיה זקופה, עליזה, כשעל פניה מרחף החיוך התמידי, עת היותה אוספת אותנו הבנות בשבתות ובחגים לתפילה בציבור בקן, ובאותו הזמן היו הבנים מתפללים בבית־הכנסת „מזרחי״. חיה שלחמה תמיד על עליה לארץ גם התחילה להגשים את חלומה ויצאה להכשרה קרוב לפריצת המלחמה. והנה עוברים לנגד עיני כל חיי הנוער בעירנו לפני השואה עת שהיינו מתאספים בקן „השומר הדתי״, בינינו האחים דנציגר. זכורתני, איך אבא שלהם עם ארבעת בניו היו מתפללים במקהלה בבית־הכנסת של „המזרחי״; השירה והשמחה שהיו משרים בקן שלנו. החברים: וויינשטוק חיים (הגזבר), סוקול, לובלצ׳יק, פייבל טייטלבוים (הוא דרש שיקראו לו רק בשם עברי שרגא), שלום גרבר, צוקרמן ועוד ועוד, — וכן הבנות, חברותי היק־רות: גולדה מוסונש, שיינה שקול, שרה שודלוביץ, גולדווסר, צוקרמן, שרה חמיאל וגם אחותי שרה ספיר והמדריכה שלנו יאבאק. אך הקרובה מכולן היתה חברתי חיה פיש, אשר כל הזמן כמעט לא נפרדנו זו מזו. בעיירתנו היתה נחשבת „תכ־לית״ טובה לשדך בת בגיל צעיר לאיש מעבר לים. גם לחיה פיש היה המזל הזה: היא נשאה לבחור מאוסטרליה ועוד ביום כלולותיהם חזר הבחור לאוסטרליה והיא נשארה עד השואה ויחד עם כולם נספתה.

רוצה אני להזכיר כאן את הפטרונאט של המבוגרים, שטיפל בנוער: זלמן גורז׳לצ׳אני, אליעזר אליהו זוסמן והרשל סקרובאץ׳ ששימש ראש הקן אחרי עלייתו לארץ של חיים חמיאל יבלח״ט. כמה טוב ונעים היה להקשיב לשיעורו של ר׳ הרשל סקרובאץ׳ לפני הבנים. עוד היום מנגן באזני הניגון הנעים הזה.

ואני מתעוררת מהרהורי ורואה לפני מצבה של אבן ועליה חרותות המלים פ. נ. חיה חרמפאץ׳ מפעילי „השומר הדתי״ באוסטרולנקה...

ת.נ.צ.ב.ה.

זכות גדולה עמדה לך, חיה, למרות שנקטפת בדמי ימיך אבל טמ־נה את באדמת מולדתנו. כמה דואב הלב שכל אלה שהזכרתי לעיל לא זכו אף לקבר ישראל.

יהיו נא המלים המעטות מצבה לזכרם.

חיה ספיר־שפיגלמן (נתניה)

לזכרה של מפלגה אחת באוסטרולנקה

כוונתי למפלגה „על המשמר״, אשר גם בחיי עירנו עמדה על המשמר ולקחה חלק פעיל בכל הענינים אשר נגעו לחיי הקהילה שלנו. השתתפה בכל המפעלים היהודיים בכלל ושל הציונים הכלליים בפרט שהוקדשו לתחיית עם ישראל ותרבותו בארץ מולדתו, ובתשומת־לב מיוחדת הוקדשה פעילותה לטובת הקרנות הלאומיות: הקרן הקיימת וקרן־היסוד.

בראש הפעילות במפלגה וגם בועד עמדו אז החברים: יצחק רפפורט (עלה כמה שנים לפני המלחמה ארצה), ישראל קאהאן ז״ל, יוסף קאלינה (כעת בישראל), בצלאל בורשטין (כעת בקולומביה), חיים גרינוואלד ז״ל (חתנו של ר׳ נפתלי שו״ב ז״ל), קארוואט ז״ל (חתנו של ר׳ מנדל ריכטר ז״ל).

למפלגה זו לא היה מעון משלה. הישיבות והפגישות הת־קיימו כמעט כל שבוע אצל ישראל קאהאן ז״ל.

בישיבות אלה היו החברים דנים על הענינים השוטפים והיו מלבנים את כל הבעיות האקטואליות. בהרבה דברים שיתפה „על המשמר״ פעילה עם „עת לבנות״ (ביניהן היו קיימים הבדלים רעיוניים מעטים בלבד) שבראשה עמדו: מנדל ביאלי ומנדל גדנקן ז״ל. הישיבות המשותפות התנהלו בביתו של מנדל ביאלי ז״ל. הרבה ענינים משותפים סודרו בבית־הכנסת הציוני. מטעם האירגונים האלה („על המשמר״ ו„עת לבנות״) פעלו כנציגי הציונים הכלליים בקהילה היהו־דית — מנדל גדנקן, ששימש אז כראש הקהילה היהודית, ושמואל קליינמן ז״ל.

בית הכנסת הציוני היה הרבה שנים בבנינו של מנדל גדנקן ברחוב „שול־גאס״. בשנים האחרונות עבר לביתו של שמחה פיאנקו ז״ל ב„אסטראוועאר גאס״.

עודני זוכר את החוויות בחגים, ובמיוחד ב„שמחת תורה״ וב„אחרון של פסח״, כאשר ישבנו בבית־הכנסת הציוני, שתינו ושמחנו וכולנו היינו חדורים רוח של אהבה ואחוה. להרגשתנו הטובה לא היה גבול. הרגשנו ממש את הפסוק שבספר התהילים: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״. כולם היו חביבים וחמודים... קשה לשכוח את השעות האלה! אבל שהמקום הזה שבו ישבנו ושתינו ושמחנו, מקום זה שבו חיו יהודי־אוסטרולנקה מדורי־דורות והיו צמודים לו בלבם ובנפשם — שהמקום הזה ייהפך להם למקום גירוש, כליה והשמדה... זה לא שיערנו. אמנם בכל דור ודור היו פוגרומים וכל מיני פורעניות, ובכל זאת נשארנו בחיים, הקיום

(סוף בעמוד 474)

אברהם מענדל גרינבערג ז״ל

געבוירן אין פּרושניץ. געוווינט אַלע זיינע יאָרן אין אָסטראָלענקע. אַ ייד אַ בן־תורה, אַן אַמשינאָווער חסיד, אַ ברודער פונעם אָסטראָלענקער לאַנג יאָריקן מורה־הוראה ר׳ שלמה ירמיהו גרינבערג ז״ל, שטאַרק באַקאַנט אין דער לומדישער רבנישער וועלט. געווען אַ ייד אַן אָפּגעהיטענער, וואָס איז „געשטאַנען" אויפן אמת. געלערנט מדרש מיט אַ חברה אַלע שבת. ימים נוראים געווען בעל־תפילה אין אַמשי־נאָווער שטיבל. געווען אַ חבר אין דער „אגודה" („אגודת ישראל"). טיף אין דער נשמה אָבער האָט ער אַנדערש גע־גלויבט; גיכער געהאַלטן פון אַן אַנדער אגודה: פון „ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם"...

געווען אַ ייד, אַ סוחר, געהאַנדלט אַלע יאָרן מיט שפּייכ־לערס תבואה און דערצו געהאַט אַ קרעמל ביי דער זייט, וואָס האָט אים צוגעטראָגן נאָך אַביסל פרנסה (געוווינט אויפן אָסטראָווער שאָסיי).

זיין פרוי הינדע דבורה ז״ל, געבוירן אין מאַקאָוו, איז געווען אַן אשה צנועה און אַן אמתע עזר כנגדו.

אברהם מענדל איז נפטר געוואָרן אין 1939. די איבעריקע פון זיין משפחה צוזאַמען מיט זיין פרוי איז באַשערט געווען צו טיילן דעם גורל פון די אומגעקומענע קדושים. הי״ד ויהי זכרם ברוך.

זייער אַ זון, קלמן גרינבערג שיבל״א, געפינט זיך שוין אַ סך יאָרן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אין ישראל. **ג.**



חיים שימאָן, הי״ד

געבוירן אין אָסטראָלענקע. אַ זון פון בערל לייבקעס, אַ זאַלץ־סוחר פון אַ סך יאָרן. חתונה געהאַט פון בראָק מיט אַ טאָכטער פון ר׳ מאָטל לעווענשטיין ע״ה, זייער אַן אַנגעזעענע פאַמיליע. געהאַט 6 קינדער: 4 זין און 2 טעכטער. געווען אַן אייזן־סוחר זיין גאַנץ לעבן.

געהאַנדלט ערלעך ביז ס׳איז אויסגעבראָכן דער 2־טער וועלט־קריג. מיטן אַרויסטרייבן פון אָסטראָלענקע איז די גאַנצע פאַמיליע פאַרטריבן געוואָרן קיין סלאָנים און דאָרט אומגע־בראַכט געוואָרן דורך די נאַציס ימ״ש. געבליבן זענען 3 זין. 2 געפינען זיך אין אורוגוואי: דער עלטסטער אַלטער שימאָן און דער יינגסטער זינדל שימאָן. דער מיטלסטער זון משה שימאָן געפינט זיך אין צפון־אַמעריקע. **ש.**



לאה קוסובסקי ז״ל

(לזכר אחות)

„אשה עבריה מי ידע חייך!"

מה כאבתי את כאבה של אחותי לאה קוסובסקי (לבית קופפרמינץ) באותו יום מר ונמהר כשליווינו יחד עמה את בני משפחתה בדרכם חזרה לפולין. החלטתה הנחושה לא להצטרף אליהם, עוד הגבירו את סבלה. עז היה רצונה לא לנתק את הקשר עם הארץ אשר אהבה והיתה קשורה אליה בכל נימי נפשה. היא נשארה אתנו.

הפליאני מאין לה הכוח והמרץ, אשר עמדו לה ברגעים קשים אלה! והרי לפני בואה ארצה כבר עברו עליה הרבה שנות נדודים ברחבי רוסיה בהיותה פליטה משנת 1915 עד 1920.

רדיפות הפולנים בימים ההם עוד חיזקו את קשרה עם הארץ.

אבינו המנוח בחר לה בעל מבני ישיבה, חריף בשכלו ומוכשר בהרבה שטחים, אך לא מוכן לחיי מעשה, והקציב להם חלק מחנותו. כאן הראתה אחותי את כל כשרונה במשיכת קונים ע״י קישוטי כובעים לגויות כפריות ועבודות־יד עדינות.

משחר ילדותי אני זוכרת את לבטיה בקיום משפחתה, ובהגיעה לארץ שוב גילתה את כושר הסתגלותה. הבנים שקדמוה בעלייתם, התהלכו מחוסרי־עבודה, מה שהציק לה מאוד. המצוקה הכלכלית זיעזעה את בעלה והוא החליט לעזוב את הארץ, בהשפיעו גם על בתם חוה, אם לילדה פעוטה, ובעלה להצטרף אליו. אך אחותי סירבה. היא נשארה בארץ בלי אמצעי־קיום אך קיבלה עידוד מאתנו. ניסתה לשלוח את ידה בכל מיני עבודות, נאבקה בתקווה להחזיר את משפחתה לארץ, למרות הפצרותיו של בעלה שתחזור לפולין.

זכורתני, איך באחד במאי היתה צועדת יחד אתנו ברחובות תל־אביב ובפיה שירי פועלים וחלוצים. אחרי שנת־סבל נשברה וחזרה לפולין. לשווא היו מאמציה לחזור לארץ. השואה גרפה אותה יחד עם יתר בני משפחתנו, שנשארו שם. בטוחתני, שמחשבותיה האחרונות נסבו על המולדת האהובה עליה. צר מאוד, כי בני־ביתה לא צייתו לחוש הבריא, שקינן בה ואשר לחש לה: להתערות בארץ.

הי״ד.

חנה קופפרמינץ־צרפתי



אלטער באנטשיק

אַ זון פון דוד און פייגע באַנטשיק. זיין פאָטער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענע טוער ביי די האַנטווערקער, אָנגעפירט מיטן „שטיבל“ פון די בעלי־מלאכות און גמ״ח־קאַסע.

דער זון אַלטער, איז געווען פון די ערשטע פוילישע זעלנער אין שטעטל. מיטגרינדער פון „בונד“, צוזאַמען מיט הערשל און יצחק ראָזענבלום, חיים זלמן נאַדבאַרני דער סטאָליאַר, ראָזנבאום דער פעלדשער, אהרן זוסמאַן א. אַנ. שפּעטער אַ טוער פון האַנטווערקער־פאַריין, ווו ס׳האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט: אהרן יאַנקעל זלאָטשיסטע, שלום מיכל דער שניידער א. אַנ.

אומגעקומען אין סלאָנים מיט פרוי און קינדער.

הי״ד. **ל.**

בן־ציון פיאנקא הי״ד

געבוירן אין אַסטראָלענקע. אַ זין פון שמחה פיאַנקאַ (שותף צו דער ביר־און־סאָדע־פאַבריק פון נפתלי שטערן און זיסקינד זוסמאַן). געהאַט אַ ווייַן־געשעפט. געוווינט אויף דער אַסטראָוווער גאַס. געווען אַ מענטש מיט אַ טייער האַרץ אויף צו טאָן עמיצן אַ טובה. אומדערמידלעך און מיט אַמתער מסירת נפש פלעגט ער אָפּגעבן פון זיינע שעהן און בעסטער צייט אויף גומל חסד צו זיין מיט יעדן איינעם, אָן אינטערשיד, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ נויט. מיט אַן עצה, צי מיט אַ ממשותדיקער הילף פלעגט ער נישט איינמאָל מציל זיין אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַן עת צרה.

פיל איז אויסצורעכענען זיינע גוטע מעשים, וואָס ער האָט אַלץ געטאָן פאַר חברים, באַקאַנטע און סתם אַסטראָלענקער.

עס איז צו דערמאָנען דאָ דעם אויסערגעוויינלעכן פאַקט — און די דאָזיקע טאַט וועט אים זיכער דינען פאַר אַ זכר־עולם, — ווען די נאַציס האָבן אַרויסגעטריבן די אַסטראָלענקער יידן פון שטאָט, האָט ער זיך באַמיט און געפועלט (דורך אַ פּראָטעקציע ביי געוויסע קרובֿ־לנאַציִשע עלעמענטן...), אַז מ׳זאָל די אַרויסגעטריבענע יידן נישט באַראַבעווען אויפן וועג און זיי נישט שלאָגן... וכך הוה!



בערל קאפיטקא ע״ה
(קופּער)

אַלע זיינע יאָרן האָט ער געאַרבעט אַלס קצב ביי פסח האָכבערג. איך פלעג אים אָפט זען ביי אונדז אין שטוב מיט אַ „סירכא“. ער פלעגט שטיל אריינקומען, זיך אַוועקזעצן און פרום וואַרטן וואָס דער פאָטער וועט זאָגן: כשר אָדער טריף. ווען דער פסק איז געווען כשר פלעגט ער ווערן מער אויפגעלייגט, די צונג האָט זיך ביי אים צעבונדן, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די נייעס אין די צייטונגען. ער איז געווען אַ שווער־פאַרהאָרעוועטער אַרבעטסמענטש. צו זיין פאַרזענלעך לעבן האָט די זון נישט געשיינט. אָבער געלעבט האָט ער נישט בלויז מיט זיין אייגן לעבן נאָר אויך מיטן לעבן פון דער וועלט. די גרויסע וועלט און אירע קאָמפּליצירטע דרכים, איר פּאָליטיק — איז געווען זיין רוחניות. ער האָט נישט סתם געלייענט צייטונגען, נאָר זיי געלערנט, געוואָלט תופס זיין דעם אָפּענעם און פאַרבאָרגענעם מיין פון וועלט־געשעענישן.

און ווען ער פלעגט זיך אויססרעגן און פונאַנדעררעדן וועגן וועלט־ענינים פלעגט זיין פנים אויפלייכטן, זיין אָרעם לעבן האָט באַקומען אַ שיין פון נשמה־יתירה׳דיקייט.

איך האָב אים שפּעטער באַגעגנט אין אויסטראַליע, ווו ער האָט שווער געאַרבעט אַלס פּאָרט־אַרבעטער. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיך אַוועקזעצן איבער אַ פּעקל יידישע צייטונגען, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון אַמעריקע. מיט וויפל פרייד און בענקשאַפט ער האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט וועגן אַלע אַסטראָלענקער — וועגן יעדן באַזונדער האָב איך אים געמוזט אויספירלעך דערציילן!

— — ווער האָט דאָס דערמאָנט דעם מענטש, וואָס שווימט אַוועק איבער ימים און ווערט פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור? צי קען מען דען פאַרגעסן פונוואַנען מען קומט? — — —

ווען איך האָב גערעדט אין אויסטראַליע מיט בערל קאַפּיטקאַ, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז ערשט נעכטן אַוועק פון אַסטראָלענקע, און אַסטראָלענקע של־מעלה האָט געלעבט אין אים ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

יצחק קאהאן

ליידער איז אים דער דאָזיקער גרויסער זכות נישט ביישעשטאַנען און איז מיט ווייב און 2 קינדער אומגעקומען אין דער ביאַליסטאָקער געטאָ מיט נאָך פיל אַסטראָלענקער.

השם ינקום את דמם. **ז.**

ישראל און צביה וואנשאק ז״ל

ישראל וואַנשאַק, געבוירן אין גאַווואַראָווע, אַ זון פֿון יצחק־משה און חנה־רבקה וואַנשאַק ז״ל.


געווען אַ ייד אַ צנוע און פֿון פּאַך — אַ סטעלמאַך. געוווינט ביי בענעדאַנען. געדאַוונט אין „חובת הלבבות״ אָפּטמאַל — אַלס בעל־תפילה פֿאַרן „עמוד״ און מיט־געלערנט אין דער „חברה״ אַ שיעור תורה.

געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ. וואָך אין אַן עת־צרה צו אַ צווייטן. צוזאַמען מיט ר׳ שמואל־ברוך לאַנדאַו פֿלעגט ער נישט איינמאָל זיך מתנדב זיין „גיין איבערן שטאָט״ בכדי אַרויסצוהעלפֿן עמעץ אַ נויטבאַדאַרפֿטיקן.

זיין פֿרוי צביה איז געווען אַן אשה צנועה און אַ גאַסטפֿאַרכטיקע. זייער איינציקער זון יוסף האָט אַלע יאָרן געלערנט אין חדרים און ישיבות. דאָס האָט שוין ר׳ ישראל גענואַרגט, אַז זיין זון זאָל לערנען תורה און געצאָלט פֿאַר אים שכר לימוד, שיקנדיק אים אין די בעסטע לערן־ערטער. נאָר ווען ער ווערט עלטער אַר־בעט ער, יוסף, צוזאַמען מיט זיין פֿאָטער און העלפֿט אים אין דער סטעלמאַכעריי („כל תורה שאין עמה מלאכה״...).

ר׳ ישראל איז נפֿטר געוואָרן אין אָסטראָלענקע, אין אלול י. 1939, 82 יאָר אַלט. זיין פֿרוי צביה — אין יאָר 1933, 68 יאָר אַלט. איבערלאָזנדיק נאָך זיך זייער איינציקן זון, יוסף וואַנשאַק, שיבל״א, וועלכער געפֿינט זיך שוין אַ סך יאָרן אין ישראל מיט זיין משפּחה (אגב: געווען איינער פֿון די אַקטיווע חברים אין דער „פּועלי־ציון־פּאַרטיי — צ. ס.״ אין אָסטראָלענקע און אַ מיטגליד אין ראַט פֿון דער דאָרטיקער יידישער קהילה).

יהי זכרם ברוך. **וו.**



חנה־רבקה קֶלר (פֶל)

נולדה במישיניץ, עיירה סמוכה לגבול הגרמני, מחוז העיר אוסטרולנקה שבפולין. במלחמת העולם הראשונה, כשבני העיירה גורשו ממנה בגלל היותה סמוכה לחזית, הגיעה בעודה קטנה עם הוריה וכל בני משפחתה ללומזה. לאחר שהתבגרה וקנתה השכלה בבתי־ספר מקומיים התחילה לעבוד בבית־יתומות („קינדער־היים״) בתור מפקחת ומחנכת. הילדות היו קשורות אליה ואהבוה אהבת־נפש. ולא פעם נתנה מפתה לילדות העניות בזמנים הקשים במוסד.

עוד בהיותה צעירה היו עיניה נשואות לציון. נכנסה לפלוגות נוער ציוני דתי ויצאה להכשרה חלוצית. ב־1932 עלתה לארץ. עברה עליה תקופה קשה של חוסר־עבודה, אך היא התגברה ובעקשנות יוצאת מן הכלל עבדה בעבודות קשות, אף כאלה המתאימות רק לגברים. במרוצת הזמן סודרה בעבודה קבועה ונעשתה בעלת משפחה, אך מישקע של מרירות נשאר בקרבה. כאשה ישרה, תמימה ומאמינה באדם מטבעה, מגיבה מתוך יסורים נפשיים גדולים על כל דבר שאינו נראה לה ישר ואינו מתאים לרוחה, ולא פעם הגזימה בגלל תמימותה בדרישותיה מהזולת או מבני משפחתה. אחרי מחלה קשה נפטרה ביום ה׳, ב׳ אדר ב׳, תשכ״ב (8.3.62), והיא רק באמצע שנות חייה. השאירה בת יחידה הנמצאת בארץ.

יהי זכרה ברוך. **ע.**



פייגע (כמיעל)
טאָכטער פֿון
בלומע גערדאַנקען
(אורוגוואי)

געפֿאַלן אַלס פּאַרטיזאַנקע
אין קאַצינע ביי סמאָלענסק
הי״ד

(סוף מעמוד 471)

היהודי לא נעקר כליל מיסודו. על קרמטוריון ועל מיתות משונות ביערות, בשדות, בבתים, ברחובות ובבתי־כנסיות... לא חשבנו! על השמדה של ששה מיליונים יהודים, ובתוכם למעלה משני מיליונים ילדים וקשישים — על זה לא העזנו לחשוב. לא האמנו שזה אפשר. שאלנו גם כאן את שאלתנו הנושנה, שאלה יהודית מדורי־דורות הנוקבת עד התהום: ל מ ה ו מ ד ו ע ?! אבל אין קול ואין עונה, לעולם האכזרי אין תשובה על זה. אמנם ניצלנו כשארית הפליטה, אך קשים עלינו החיים. באין ברירה ממשיכים אנו, שרידי המשפחות שהושמדו, את קיומנו.

יהי רצון, ויעלו השורות האלה כנר־תמיד וכזכר־עולם על קבריהן הלא־נודעים של משפחותינו הקדושות והטהורות, ובתוכן חברים נאמנים של המפלגה הנזכרה לעיל, שעמדו במסירות „על המשמר״ של ארגון ציוני זה, ושנמחקו מעל פני האדמה יחד עם חלום־הציונות שלהם...

יוסף קאלינה, תל־אביב

הרב ר' יוסף אוסטרולנקר, הי"ד

הכרתי את הרב ר' יוסף אוסטרולנקר ז"ל כשלמדנו שנינו בישיבת לומז'ה. הוא היה מלוה אותי לעיר נור, ביום בואי לקבל בפועל את הרבנות עם משפחתי שיבלטו"א. הוא בא ביחד עם אדמו"ר הגה"צ ר' יהושע זליג הי"ד זצ"ל. היה אז רב בסוקולי. הוא עשה רעש ומהפכה בנור בזמן שהותי שם. כי מקודם היו החסידים המתנגדים שלי, אף כי אחרי חדשים נהפכו לידידים עזים וחזקים ופעלו לטובתי, אך בימים הרא־שונים ביום בואי לגור שם, השפיע מאד מהודו וזיוו על הבעלי בתים בעיר. ר' יוסף היה איש יקר ונחמד במידותיו. בעל־הוראה מובהק, שמו יצא לתפארת בישראל בתור גדול בתורה ובהוראה.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

הרב יעקב מרקוביץ
בני ברק, ישראל

ר' משה בריסק

געהאַנדלט מיט שטיין־קוילן אין בענעדאַנס קאַזאַרמעס. אַן אַמשינאָווער חסיד. געלערנט יומם ולילה. אויפגעשטאַנען יעדע נאַכט אום 2 אַ זייגער. געווען פרום, אָבער האָט פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון דעם נייעם דור.

איבערגעלאָזט אַ זון און אַ טאָכטער אין ישראל. הי"ד.

ר' משה נאַסקע טייטלבוים

אַ חסידישער ייד, אַ הדרת־פּנים מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, געלערנט מיט חברות. געהאַט אַ לעדער־געשעפט, געווען גבאי פון חברה קדישא. אומגעקומען מיט זיין פרוי חנה, אין אַ קליין שטעטל לעבן אָסטראָלענקע. הי"ד.

ר' יוסף משה טייטלבוים

אַ סטעלמאַך, אברהמטשע טייטלבוימס אַ זון. אומגעקומען אין דער גאָווראָווער שול. די דייטשן זענען דאָרט אַריין און אַרויסגענומען 10 מענטשן, דאָווענענדיק אין די טליתים און זיי צעשניטן אויף שטיקלעך. דאַן האָט מען געהייסן די פרויען פון די דאָזיקע מענער, זיי זאָלן די דערהרגעטע דערקענען און זיי געבראַכט דערנאָך צו קבורה.

פיל אָסטראָלענקער זענען אומגעקומען אין דער לאָמזשער ישיבה. הי"ד.

ט.

יעקב נאַשעלסקי, פרוי און טאָכטער. אַ ברודער פון יוסף נאַשעלסקי ז"ל. ווי זיין ברודער יוסף האָט ער אויך געפירט אַ בעקעריי. געוווינט אין אַלטן מאַרק, לעבן „מאַגיס־טראַט". אויך זיין פרוי איז געווען אַ שוועסטער פון יוסף'ס פרוי. אַ גערער חסיד. אַן „אגודה" און „בית־יעקב" עסקן.

לייבל שרעדני, פרוי, זון און קינדער. געווען אַ גרוי־סער קאַלאַניאַל סוחר. געוווינט אין דער לאָמזשער גאַס. אַלע אָסטראָלענקער קינדער האָבן אים גוט געקענט, ווייל ביי אים אין הויז, איז געווען די יידישע „פאָושעכנע"־שול.

שאפירא דער בעקער פון דער לאָמזשער גאַס, זיין פרוי און טעכטער.

קרימקעוויטש די לערערקע אין דער „שקאָלע פאָושעכ־נע", איר מאַן איז געווען אַן אַנגעשטעלטער אין מאַגיסטראַט.

בלומשטיין און זיין פאַמיליע, סאַרניעוויטשעס איידעם, געהאַט אַ שיך־געשעפט.

שלמה סאַפיר. אַדער ווי מ'האָט אים גערופן: שלמה סמאַרעווידליק. שטענדיק געזעסן איינגעבויגן איבער דער גמרא און מיט אַ זיסע הילכיקע שטים געלערנט יומם ולילה, אַז די קלאַנגען פון זיין תורה־לערנען באַגלייטן מיר ביז צום היינטיקן טאָג.

השם ינקום את דמם. **א.**

משה סאַרגעוויטש, הי"ד

אַ טיפ פון אַן אינטעליגענט און קולטור־מענטש. געהאַט אַ פאַרב־געשעפט אין אַלטן מאַרק. געווען גענייגט צום „בונד".

ישראלקע פרום, הי"ד

אַ גראַדליניקער ערלעכער אַרבעטער־טיפּ. אַ סטאָליאַר פון פאַך. איבערגעגעבן בלב־ונפש צו זיין משפחה, אפילו צו אַ ווייטן קרוב. געווען אַ ברודער אין אַן עת־צרה. סיי צום יחיד, סיי צו זאַכן פון כלל. אַן אויסגעשפּראָכענער בונדיסט, בלייבנ־דיק געטריי דער דאָזיקער טראַדיציע זיין גאַנץ לעבן; אַרויסגעוויזן פיל טעטיקייט אין 5־טן יאָר... געווען שטענדיק גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן אמת און געוויטיקט פאַר יעדער קריוודע און אומגלייכקייט.

אומגעקומען מיט פרוי און קינדער ביי די נאַציס ימ"ש.

משה ליטווער, הי"ד

געווען פון די העברעאיש־רעדער אין שטאָט; לערער אויף די העברעאישע אָוונט־קורסן און טעטיק אין די רייען פון „החלוץ".

אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע ביי די דייטשן.

ל.


ר׳ איצל סאַיקע


רחל סאַיקע


גיטע סאַיקע


פייגע סאַיקע

לזכר עולם אונדזערע טייערסטע און ליבסטע:

פאַטער: **ר׳ איצל סאַיקע**

באַקאַנטער כלל־טוער און עסקן

מוטער: **רחל סאַיקע**

(פון דערהיים: לאַכאָווער; שוועסטער פון באַקאַנטן
שריפטשטעלער פישל לאַכאָווער ז״ל)

ביידע אומגעקומען אין סלאָנים 1941

באָבע: **גיטע סאַיקע** געשטאָרבן אין אָסטראָלענקע

שוועסטער: **פייגע סאַיקע, מאַן און קינד**

אומגעקומען אין טרעבלינקע

מאַטל זשאַטקעוויטש

באַקאַנטער פּאַרטיי־טוער אין אָסטראָלענקע
דערשאָסן אין ביאַליסטאָק 1941 אין „שוואַרצן שבת"

און קינדער: **יהודית און אריה (לושעק)**

יהודית — אומגעקומען; אריה — געשטאָרבן
אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה 1943

ברודער:

משה אהרן סאַיקע

אומגעקומען

ברודער:

הערצקע סאַיקע

געשטאָרבן אין ישראל 1959


משה אהרן סאַיקע


הערצקע סאַיקע

ט ר ו י ע ר ן:

חיה סאַיקע־יאַבלונקא
צביה סאַיקע־קלינגער
אין ישראל
לאה סאַיקע־שמוקלער
אין אויסטראַליע
מיט זייערע משפחות


מאַטל זשאַטקעוויטש


יהודית זשאַטקעוויטש


אריה (לושעק) זשאַטקעוויטש

לזכר יקירינו

אבינו:


יוסף צוקר


(איש חסיד היה ומקובל בעיר)

אמנו:

חיה שרה צוקר

זכרונם לברכה






אחינו ואחיותינו:

חנה צוקר
(נפטרה באוסטרולנקה)

גולדה צוקר
(הי"ד)

הרש־מוטל צוקר
(נפטר באפריקה)

מלכה צוקר
(הי"ד)

המתאבלים:

רבקה צוקר־לעווי בישראל

שמואל־בר צוקר בארה"ב



למעלה מימין: חיה (טוביער), נאָטע, זיסל, לייבל בארשט, אלתר בן־ציון.
למטה מימין: אסתר, אמא שרה, אבא משה, דבורה (אשתו של אלתר בן־ציון)

לזכר משפחת בלחוביץ

אבינו **משה בלחוביץ** ז״ל, איש צנוע הליכות, כל רגע מזמנו הפנוי הקדיש ללימודי התורה וסוגיותיה.

אמנו **שרה** ז״ל, העזר הנאמן כנגדו, אשה ואם למופת היתה. למרות מצב־בריאותה החלש, עבדה ללא ליאות, תמיד תוססת ובבת־צחוק על פניה. ראש דאגתה היה לחנך את בניה ברוח מסורתית־לאומית ולהקנות להם השכלה רב־צדדית, אע״פ שנתקלו בקשיים מכל צד ועבר. אכן, שנים רבות זרעו בדמעה, אך לקצור לא זכו, כי לפתע בלעה אותם חיים המפלצת הנאצית, אותם ואת שני האחים ורעיותיהם ותינוקת, שתי אחיות וגיס, כולם נקברו חיים במולטשט שברוסיה.

אחינו הבכור **חיים נטע** ז״ל, שהצטיין ביושר למופת ובטוב־לב, וכן אשתו היקרה **חיה** ז״ל לבית טוביאר. אחינו **אלתר בן־ציון** ז״ל יפה־התואר, שבכל שנות נעוריו סבל ממחלות ולבסוף הבריא לגמרי, נשא לאשה את בח״ל **דבורה** ז״ל ובת נולדה להם **חנה מיכל** ז״ל, ואז השיגה אותם היד הטמאה והפושעת. אחותנו הבכורה **זיסל** ז״ל כשמה כן היתה, אשה נעימת הליכות, ולמרות היותה למודת סבל רב, שפעה מרץ ושמחת חיים בהשפעת בעלה האהוב **לייבל בארשט** ז״ל, העסקן הציבורי הצעיר, שנתחבב על כל שכבות הציבור שלטובתן פעל, ולא על מנת לקבל פרס.

אחותנו הנ״ל נורתה ע״י הנאצים הטמאים בגבול מאקוב, עיר מולדתו של בעלה, והוא נקבר חי במולטשט יחד עם הורי היקרים, אחי ומשפחותיהם, ואחותנו הצעירה **אסתר** ז״ל בת הזקונים האהובה על כולנו — נקטפה בדמי נעוריה והושלכה לקבר המשותף של כל יהודי מולטשאט ע״י הברברים הנאציים, ימח שמם וזכרם!

עדות זו נגבתה מפי יליד מולטשט שהספיק להימלט לוילנא, ומשם בא לארץ יחד עם קבוצת חלוצים.

גם אחינו יהושע יבדל״א, בחזרו בתום המלחמה מכלא סיביר, פגש פליטים ומפיהם נודעו לו פרטים על האסון המחריד שקרה בא׳ באב 1943.

לכן ר״ח אב הוא יום הזיכרון (יאָרצייט) של משפחתנו היקרה ז״ל.
תהיינה נשמותיהם צרורות בצרור החיים והשם ינקום את דמם!

המתאבלים:

שושנה פרלמן-בלחוביץ
(כותבת השורות הנ״ל) ומשפחתה בישראל
רחל גינגולד-בלחוביץ ומשפחתה באוסטרליה
יהושע בלחוביץ ומשפחתו באוסטרליה



יזכור אלקים

את נשמות הורי היקרים: **ישראל ושרה־פייגה רובינשטיין**, אחי ואחותי **גדליהו ורחל** ז״ל שהושמדו ונגדעו ללא עת ע״י הנאצים הטמאים צוררי אדם ימ״ש

אבי ז״ל נולד לאביו ר׳ משה רובינשטיין, איש מכובד ומקובל בציבור האוסטרולנקאי. בקי בעניני חוק ומשפט ולעתים שימש כיועץ לשופטי השלום בעיר. היה גם מקובל בין האינטליגנציה הפולנית ולא פעם הביא תועלת לתושבי העיר. אבי ז״ל היה יהודי משכיל וציוני נלהב, אשר האמין באמונה שלמה שהציונות תביא גאולה לעם ישראל. בבית־הדפוס שלו, שהיה הראשון בעירנו, הודפס לראשונה עלון אוסטרולנקאי בשם: „אָסטראָלענקער שטימע״ (קול אוסטרולנקה). ב־1929, לאחר מות אבי ז״ל, נאלצה אמי להירתם בעול הפרנסה מזה (כאשה משכילה ובעלת מרץ ידעה לנהל את עניני הדפוס באופן מצוין) ולהמשיך בעניני הבית וחינוך ילדיה מזה. נוסף לכך היתה פעילה באירגון נשים אשר פעל לטובת הקרנות הציוניות. כאבי ז״ל היתה ציונית טובה, חינכה את ילדיה ברוח זו, השרישה בלבם אהבה לעם היהודי ולארצו.

המתאבלים:
בתם **רבקה לחוביץ** (לבית רובינשטיין) ובעלה **זיסקינד**
בישראל

„כִּי דוֹרֵשׁ דָּמִים אוֹתָם זָכָר"...



מימין למטה: האב חיים־מרדכי, הסבתא פייגה, האם לאה
מימין למעלה: דוד, זלדה, מאיר, זאב, יעקב־שלמה — ילדיהם

בצער עמוק ובלב דווי אנו מעלים כאן את זכרם היקר של הורינו, אחינו ואחיותינו האהובים והיקרים וכן את כל קרובינו, שנספו בידי המרצחים הנאציים, ימ"ש.

אבינו ר' **חיים מרדכי לחוביץ** ז"ל, בן ר' נחמיה ז"ל, יהודי שומר מצוות ובעל מידות טובות.

אמנו **לאה** ז"ל, בת ר' דוד בוֹנטשאַק ז"ל, יהודי למדן, שהיה מכובד מאד על כל יודעיו ומכיריו.

סבתנו **פייגה** ז"ל, אשה יקרה וחביבה.

אחינו **יעקב שלמה** הי"ד, שנלחם בגבורה על חייו ועל חיי הזולת. נספה בדרכו להצלת יהודית ז'וטקביץ ופשקה לוין, בהיותו ביערות בתור פרטיזן.

אחותנו **זלדה** ואחינו **מאיר, דוד וזאב** שמתו מות גיבורים ולא נכנעו לפני האויב.

קרובינו: **מוטל בונטשאק** עם אשתו וילדיהם; **אלתר בונטשאק** עם אשתו וילדיהם; **שיינה בונטשאק** (בוראק) עם בעלה וילדיהם; **זלאטה בונטשאק** (שניאדוביץ) עם בתה הקטנה; **אלתר לחוביץ** עם אשתו וילדיהם; **המשפחה באלפאן-סוקול.**

נשמותיהם עדן וה' ינקום דמם

המתאבלים:

אליעזר לחוביץ
זיסקינד לחוביץ
יפה לחוביץ
ומשפחותיהם בישראל

צום אייביקן אנדענק



יוסף



מלכה



משה



נחמן

די עלטערן

יוסף און מלכה ליטווער

די ברידער

נחמן און משה ליטווער

טרויערן:

טאַבטער און שוועסטער


צביה ביעזשונער (ליטווער)

און איר מאַן

ד״ר יעקב ביעזשונער

מיט זייער פאַמיליע אין קאַנאַדע

לזכר חברים יקרים



למעלה, מימין: **הרצקה סויקה** (ז״ל, נפטר בישראל), **יחיאל שאפראן** (הי״ד),
פייגה סויקה (הי״ד), **מאיר קרימקביץ** (הי״ד), **סימה בת הרב בורשטיין** ז״ל
(הי״ד). למטה מימין: **לייבל לשיץ׳** (הי״ד), **גיטל בנדון** (הי״ד), **שרה תהילים**
(הי״ד) **ופשקה לוין** (הי״ד) — יושבות;
אריה באיוק (הי״ד), **אסתר איזראיל** (הי״ד), **ליבה רחל זילברשטיין** (הי״ד)
ואברהמל פרידמן (הי״ד) — עומדים

נשמותיהם עדן וה׳ ינקום את דמם

המתאבל:
שלום מרגלית בישראל




צום אייביקן אָנדענק

פאָטער:
שלמה־דוד זילבערשטיין
מוטער:
פייגע־פריידע זילבערשטיין

אין טרויער:

פ. זילבערשטיין און זיין פאַמיליע
אין אורוגוואי

די פאַמיליע זילבערשטיין
אין מעקסיקא





צום אייביקן אָנדענק

פאָטער: נפתלי שטערן
מוטער:ביילע שטערן

טרויערן:

שרה זילבערשטיין־שטערן אין אורוגוואי
ליבע פרענקל־שטערן אין אויסטראַליע



צום אייביקן אנדענק

אלי משה ווײנקראַנץ ז״ל

געשטאָרבן אין אורוגוואַי

געבוירן אין אָסטראָלענקע אין 1908. געלערנט אין חדר און אין דער ישיבה, ווו זיין פאָטער, ר׳ יעקב־אריה ווײנקראַנץ ז״ל, א גערער חסיד, איז געווען איינער פון אירע גרינדער.

אין י׳ 1928 קומט ער קיין מאָנטעווידעאָ (אורוגוואַי) און אַרבעט דאָרט אַלס דרוקער און זעצער. ביי יענער צייט איז ער פון די ערשטע יידישע זעצער אין לאַנד. אַלס מענטש מיט ענערגיע שטעלט ער אויף מיט דער צייט אַן אייגענע דרוקעריי.

ער שאַפט זיך אַ גוטע עקאָנאָמישע פּאָזיציע צוזאַמען מיט אַ גוטן שם אַלס פּערזאָן מיט אַ באַציאונג צו קולטור, אינטערעסירנדיק זיך מיט יעדע יידיש קול־טורעלע דערשיינונג אין דאָזיקן לאַנד, ווי אויך אַלס נאַציאָנאַלער ייד מיט ווירדע.

זיין טויט לאָזט איבער אַ שווערן רושם אין קרייז פון זיין משפחה ווי אויך אין די קרייזן פון זיינע לאַנדסלייט, פריינט, חברים און באַקאַנטע.

כבוד זיין אָנדענק.

די אין טרויער געבליבענע:

זיין פרוי: **שייטל**

זון: **יוסף און קינדער**

טאָכטער: **בתיה און איר פאַמיליע**

אין אורוגוואַי

די משפחה ווײנקראַנץ

אין אורוגוואַי און אין ישראל

די משפחות בספי און זוסמאַן

אין ישראל

לזכר משפחת שפרלינג



מימין: ייטה (הבת), שרה (האם), צבי (האב), יחיאל (הבן, עומד), שיינה (הבת)
ביניהם 3 נכדים: ברל, ינקל ורחלה (הילדים של מרים ונתן לב).

אבי צבי (הערשל) שפערלינג ז"ל נולד באוסטרוב־מזוביצק, בן לבנימין ורחל שפרלינג. מחסידי אלכסנדר היה אבי. איש נעים הליכות ובעל מידות טובות. באוסטרולנקה עסק כל ימיו במסחר. סוחר־סיטונאי בדברי קולוניאל. היה מעורב בין הבריות ומכובד מאד על בני עירו. היה מסור ופעיל בעניני גמ"ח וצדקה. נתן ונדב גם הוא עצמו ביד רחבה. כחבר ועד הקהילה („דוזור") עשה הרבה בכדי להקל על מצבם הקשה של נצרכי העיר. כשנוסדה קופת גמ"ח הראשונה באוסטרולנקה מכספו של הנדבן בלום הוויצ'כוביצאי מאמריקה, קיבל את הכסף (5.000 דולר) על שמו ועל שם חיים פנחס גינגולד (ששימש אחרי כן כיו"ר הקהילה) — כאחראים היחידים לכסף ולהנהלת הגמ"ח.

אבי ז"ל ידע גם את הגישה לנצרך בשעה של „מתן בסתר". היה אח לצרה. כל איש שהיה דבר מה מעיק על לבו הלך לגלות את נפשו לפני הרשל שפרלינג. אבי. את זמנו המצומצם מסר בשביל הקהל.

אמי, שרה ז"ל, ילידת אוסטרולנקה, בת ר' ברל ופלקה שימן, היתה אשה עדינת נפש ו„עזר כנגדו" בכל המובנים.

אחי יחיאל ואחיותי ייטה ושיינה; אחותי מרים, בעלה נתן לב וילדיהם ברל, יאנקל ורחלה — בשואה הנאצית נספו כולם ביערות שע"י העיר סיניובקה סביבת ברנוביץ.

נשמתם עדן והי"ד.

המבכים מרה: **אהרן שפרלינג**, אשתו חוה ומשפחתם בישראל

צום אייביקן אנדענק





די ליבע עלטערן:

שמואל ברוך און לאה לאנדאו ז"ל





פעטער און מומע:

שמואל און חנה שרה פרידמאן ז"ל

אין טרויער:

רחל לאבאוויטש (לאנדאו)
און איר משפחה אין ישראל



יזכור אלוקים את הורינו היקרים ואת אחותנו היקרה

אבינו: ר׳ מרדכי גימפל ז״ל ב״ר דוד יהודה בלחוביץ
איש צדיק ובעל מעשים טובים

אמנו: מרת חוה ז״ל בת ר׳ משה חיים קריסטל
אשה צדקנית בעלת חכמה וטוב לב

אחותנו: שרה ז״ל בת ר׳ מרדכי גימפל עדינת נפש

שנפלו מות קדושים בידי רוצחים טמאים ושפלים
דמכם הטהור לא ישכח מלבנו. טוהר נפשכם וזוך נשמתכם ישמר בלבנו לנצח

אבלים:
הבנים: אליעזר ומשפחתו בדרום אפריקה
משה באורוגוואי

הבנות: מלכה כץ-בלחוביץ ומשפחתה בדרום אפריקה
מאשע בענק-בלחוביץ ומשפחתה באורוגוואי
רחל אבל-בלחוביץ ומשפחתה בישראל

צום אייביקן אנדענק


ישראל שראן ז״ל



שעפסל שראן (ישראל שראנס זון),
זיין פרוי טשארני און זון יאַסעק



שיינע שראן
(פרוי פון ישראל שראן)



משהקע שראן
(זון פון ישראל און שיינע)



צילע שראן (טאָכטער פון
ישראל און שיינע)



יצחק זאַבראַווסקי



חיה ביילקע זאַבראַווסקי־שראַן
(פרוי פון יצחק זאַבראַווסקי)

טרויערן: די פאַמיליע לייבל שראַן אין קאַנאַדע
די פאַמיליעס דרעזנער־שראַן אין ישראל



זלמן געלטשינסקי
פרוי חנה (שאַפּראַן)
אומגעקומען אין סלאָנים



הענעך געלטשינסקי, פרוי שרה־רבקה
זין: משה, יעקב־הערש, מרדכי



ליטמאַן און יאָספּע גרושקא
(רודסקי־געלטשינסקי)
אומגעקומען אין סטאָלין



חיים זאַנענבערג, פרוי ציפּע (רודסקי־געלטשינסקי)
קינדער: פּעסיע, רייזעלע, מרדכי לייבעלע
אומגעקומען אין סטאָלין



רודסקי שמואל'קע
אַנטלאָפן פון סלאָנים,
אומגעקומען ביי סטאַלינגראַד



יענטע רודסקי־געלטשינסקי
אומגעקומען אין סלאָנים

טרויערן:

די טעכטער: פנינה לאַקען־געלטשינסקי (ישראל)
שיינע זאַבראַנעצקי (ארגענטינע)

זון: חיים געלטשינסקי (ישראל)

לזכר עולם

הקדושים והטהורים

ר׳ חצקל זילברשטיין ואשתו שרה דבורה
(לבית מקובסקי)

זונדל זילברשטיין ואשתו פרומה

צביה זילברשטיין

ליבה רחל זילברשטיין

ה׳ ינקום דמם

ביילה גיטל רפפורט (לבית זילברשטיין)
נפטרה בישראל

המתאבלים:

יצחק רפפורט ומשפחתו בישראל



ר׳ חצקל זילברשטיין



זונדל ואשתו פרומה



צביה



ליבה רחל



ביילה גיטל רפפורט



למטה, מימין: האם אֶטקה, הסב ר׳ יואל (יואלקה איזראיל), האב ר׳ אליעזר
למעלה, מימין: בנימין, מאיר, חנה, לייבל — ילדיהם.

לזכר עולם

אבא ז״ל היה יהודי חובב תורה שקבע עתים לתורה והיה מן הפעילים למען לימוד התורה. נמנה עם מיסדי „חברת בחורים״ שהפכה לאחר מכן ל„חברה משניות״ ששעוריה נתנו תחילה ע״י ר׳ מרדכי איגלביץ („דער פאַרבער״) ואחר כך — ע״י ר׳ יוסף נשלסקי. עם הוסדו של בית הספר „יבנה״ נמנה אבא ז״ל עם תומכיו ואף שלח את בנו בכורו ללמוד שם. היה חובב ציון. כל ימיו שאף לראות בבנין ארץ ישראל, אך לא זכה לחזות בהתגשמות שאיפתו. לארבעת בניו ולבתו נתן חינוך דתי־חרדי. כולם המשיכו ללכת בדרך שבה חונכו.

בזמן הגירוש מן העיר שהתה המשפחה תקופת זמן בסלונים. אחרי שהנאצים ימ״ש חזרו וכבשו את סלונים הושמדה המשפחה. אף בזמן שהותם בסלונים הצליחו לשמור על הקשר עם בנם בארץ ישראל, אולם לפתע הוא פסק.

הבן המתאבל:
יוסף מירון (מייראן) ומשפחתו בישראל




לזכרון עולם

דוד יהודה פינקלשטיין

אשתו **רחל** (לבית בנץ)

בתם **חיה**

הי״ד



פשיסטנצ׳יק יואכים

אשתו **אסתר**

(לבית פינקלשטיין)

בתם **יוכבד**

הי״ד

מתאבלים:

אברהם, יוסף, דב ורבקה (לבית פינטל) **פינקלשטיין** בישראל
יצחק פינקלשטיין בארגנטינה

לזכר בני משפחתי היקרים

אבי: ר׳ משה־חיים ציוויאק שו״ב ז״ל

אמי: חיה שרה (לבית טוביער)

אחי: נחום אליעזר
גרשון
אברהם
יצחק־מאיר

אחיותי: אסתר־רבקה
שיינה
חומה
יוכבד
יוספה

דודתי: יוכבד ברום (לבית טוביער)
בעלה חיים
וילדיהם

דודי: יוסף ציוויאק (אח אבי משה־חיים)
אשתו: רבקה וילדיהם

שנספו בשואה הנאצית בנישווירז, פולין (ע״י ברנוביץ)
ה׳ ינקום את דמם

המתאבלת:

פייגה מיצנמכר־ציוויאק
רמת־גן, ישראל

צום אייביקן אָנדענק

אברהמטשע טייטלבוים הי״ד

אומגעקומען אין דער לאָמזשער שול אין 1939


זיין פרוי: **חיה־שרה טייטלבוים ז״ל**

געשטאָרבן אין אָסטראָלענקע

אהרן־הערש טייטלבוים ז״ל

זון פֿון אברהמטשע און חיה־שרה

געשטאָרבן אין אָסטראָלענקע אין 1930



אהרן־הערש טייטלבוים

שמחה טייטלבוים ז״ל

זון פון אהרן־הערש

אומגעקומען אין סטאַלינגראַד אין יאָר 1943

אַלס קאָמאַנדיר פון אַ לופט־פלאָט־באַטאַליאָן

אַן אַקטיווער חבר פון „בונד״



שמחה טייטלבוים

אשר קאנארעק

געשטאָרבן אין אָסטראָלענקע

זיין פרוי: **רבקה קאנארעק**

געשטאָרבן אין 1939 אין דער לאָמזשער ישיבה

גלייך נאָכן אויסברוך פון דעם 2־טן וועלט־קריג

פסח קאנארעק

און זיין פרוי: **יחד קאנארעק**

געשטאָרבן אין אַמעריקע

טרויערן:

רחל טייטלבוים

צירל טייטלבוים־טערנער

ביילע טייטלבוים־שטייער

אין ישראל

פייגע טייטלבוים־בערנהויט

אין אַרגענטינע

פייוול קאַנאַרעק

מרדכי־דוד קאַנאַרעק

אין אַמעריקע

על בית מנחם פרידמן הי״ד

נר לנשמות עשרה הרוגי בית מנחם ופסיה פרידמן, בנם הבכור שמואל, אשתו באשה (לבית פרקל), בתם רבקה; בנם השני אברהם ואשתו פשקה (לבית לוין); בנם השלישי זונדל, אשתו גיטל (לבית לחובר) ובנם יחזקאל, — הי״ד.

מנחם פרידמן, יליד העיירה ברוק, ייסד את ביתו באוסטרולנקה אחרי נשואיו עם פסה לבית לחובר, אחותו של הסופר פ. לחובר ז״ל הצעירה ממנו. חינוכם המסורתי־דתי עם „משכילות״, שספגו בצעירותם, הטביעו את חותמם על הליכותיהם בדרכי המסורת עם הבנה ל„רוח הזמן״. ביתם היה בית למופת של מסירות, אהבה ועזרה הדדית בין אבות ובנים, של חיים יחדיו באחוה. הוא הביא את סחרו מרחוק ועשה בו כל ימיו באמונה, ביושר ובחריצות רבה, וזכה שהיא, הרעיה, היתה כל ימיה עזר כנגדו בפרקמטיה שבחנותם ובניהול הבית וכל מעשיה כלכלה בתבונה, בדעת ובמסירות של אשה ואם יהודיה למופת. ביתם היה פתוח לקרוב ולרחוק וידם נדיבה לעזור לנצרך. מנחם היה בר־אוריין, ועם שהיה טרוד בעסקיו, קבע עתים לתורה ולמד דף גמרא בכל בוקר לפני צאתו מביתו לעניניו.


עלה הכורת גם על בית יהודי יפה זה. יד הצוררים השיגתם עם חיסול יהדות סלונים, במקום שחשבו למצוא מקלט. בנם שמואל ובני ביתו נשרפו חיים כשפצצה נזרקה לביתם. באותו יום הוצאה מביתם כלתם גיטל כשהתינוק יחזקאל בזרועותיה ונורו על פתחי הבור שנכרה ליהודי סלונים. בנם אברהם נורה ונהרג לעיני אמו על סף הבית, ואילו אשתו פשקה נעלמה בהימלטה לפרטיזנים ביערות ביחד עם יהודית ז׳ודקביץ, בת־דודתה. מנחם ופסה והבן זונדל ניסו למצוא מחבוא באחד הבורות בחצרם, בתקווה שאחד יציל את משנהו, אך הצוררים גילו אותם והם נורו ונפלו במקום.

לא נשאר שריד לבית זה, כי בניה דבקו תמיד איש באחיו. הנאהבים בחייהם במותם לא נפרדו.

מנחם לחובר


מנחם ופסיה פרידמן


אברהמל פרידמן, פשקה לעווין


שמואל פרידמן


בתיה פרידמן


יחזקאל, בנם של זונדל וגיטל


זונדל ואשתו גיטל פרידמן


רבקה, בתם של שמואל ובתיה

לזכר משפחת אייזנשטיין

אבא נולד בדרוהיטשין (ע״י פינסק) בשנת 1876. היה חניך ישיבת וולוזין ולמד יחד עם נחום סוקולוב. בהגיעו לגיל הצבא הועבר לשרת באוסטרולנקה, כי באוסטרולנקה היה ריכוז גדול של צבא קבע של הוד מלכותו הצאַר.

הסבא מאוסטרולנקה (מצד אמא) לייבקה לייזור היה סַפק גדול בשביל הצבא. וקרה שהסבא הזמין פעם את החייל הצעיר לייזר אייזנשטיין אליו לחג (אח״כ: אבינו) ברשות המפקד. זאת היתה גם נחשבת למצוה גדולה להזמין חייל יהודי לשולחן החג. בזמן האוכל, בין מנה למנה, הראה אבא את כוחו בזמירות של חג בקולו הערב וגם בידיעותיו בתלמוד ופוסקים. מאז היה סבא ממשיך להזמין את אבא לשבתות ולחג, והתחבב מאד על כל בני הבית. אמא היתה הגדולה שבבנות בבית סבא. היתה כבר בת 17. לאחר שאבא נהיה לבן־בית מוחלט בבית סבא, הוחלט ששרה ליזור ואליעזר אייזנ־שטיין מתחתנים. בעזרת סבא שוחרר אבא מהצבא ונכנס לעבוד בעסקו של סבא. כעבור זמן קצר היה אבא לעצמאי בתור סַפק לצבא הרוסי, ושמו הלך לפניו בכושרו וביושרו.

כשפרצה מלחמת העולם הראשונה (בשנת 1914), גויס אבא לצבא. 4 שנים לא ידענו על גורלו של אבא ואנחנו היינו אז ילדים קטנים. תלאות המלחמה לא פסחו גם עלינו וגעגועים שלנו לאבא היו מאד חזקים. בשנת 1918 קבלנו מכתב מהצלב האדום שלייזר אייזנשטיין חי וקיים. לשמחת אושרנו לא היתה גבול. וכעבור זמן קצר חזר אבא לאוסטרולנקה. אורה ושמחה היו בביתנו. אולם הגורל התאכזר אח״כ לנו: כעבור 3 שנים, בחג הפסח, בליל הסדר השני, בשנת 1921 (תרפ״א) נפטר אבא. נלקחה עטרת ראשנו. כולנו התיתמנו. יהי זכרו ברוך.

כשאמא נתאלמנה היתה בת 35 ונשארה לבדה עם 7 ילדים. רק כשבגרנו ידענו להעריך את מסירותה ללא גבול לילדיה. כמטרת חייה הציבה לעצמה את עתיד הילדים. פשוטו כמשמעו הקריבה את חייה למען ילדיה. נפטרה ביום ג׳ באב בשנת 1939 זכרה יחיה בלב ילדיה לעד.

הימר הגורל גם לחנה אחותנו. כולנו עזבנו את הבית והיא נשארה עם אמא חולה. גם חנה תיכננה לעזוב את אוסטרולנקה. רק בגלל מות אמא עוכבה תוכניתה. אולם חודש אחרי מות אמא פרצה מלחמת העולם השניה ונקלעה לגיטו ווילנה. בשנת 1943 הוצאה להורג ע״י קלגסי היטלר ימ״ש בפונר שבווילנה. הי״ד.


